STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 09532

GEKLIBENE SHRIFTN

Herman Frank

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

דר. הערמאַן פראַנק

געקליבענע שריפטן

אַרויסגעבער: דר. הערמאַן פּראַנק בוך־קאָמיטעט;
ביאַליסטאָקער היסטאָרישע געזעלשאַפט

ניו־יאָרק 1954

Dr. Herman Frank

GEKLIBENE SHRIFTN

(SELECTED WORKS)

Copyright 1954 by DORA FRANK, 3396 Wayne Ave., Bronx 67, N. Y.

Published by
Dr. Herman Frank Book Committee
and the
Bialystok Jewish Historical Association
New York, 1954

Printed by
Grenich Printing Corp.
151 W. 25th St.
New York, N. Y.

166

1. געשטאַלטן און אידייען.
2. דער מענטש און די וועלט.
3. אַנאַרכאָ-סאָציאַליסטישע אידייען ביי יידן.
4. אויף רעליגיעז-פילאָזאָפישע טעמעס.
5. יידן אין ביאַליסטאָק (געשיכטע און זכרונות).

אינהאַלט:

אַ וואָרט פון קאָמיטעט — 6

ד. קלעמענטינאָווסקי: דר. הערמאַן פראַנק (ביאָגראַפישע שטריכן) — 7

י. נ. שטיינבערג: אַ לעבן אין גייסט — 11

1. געשטאַלטן און אידייען

גוסטאַוו לאַנדויער — דער מענטש, סאָציאַליסט און ייד — 29

עטיען לא באָעסי — 54

הענרי דייוויד טהאָראָ און זיינע פרייהייט אידייען — 74

סען סימאָן און זיין צייט — 81

משה העס און קאַרל מאַרקס — 95

קאַרל מאַרקס, ניטצשע און סאָרעל — 101

פערדינאַנד לאַסאַל — אַ טראַגעדיע פון ווילן — 107

מ. באַקונין און דער „קאָמוניסטישער מאַניפעסט" — 112

טהורסטאַן וועבלען: ראַדיקאַלער עקאָנאָמיסט — 127

רודאָלף ראָקער — 139

2. דער מענטש און די וועלט

דער מענטש און די וועלט — 151

נאָכן וועלט־שטורעם — 161

די תקופה פון טעראָר — 177

אַנטיסעמיטיזם: זיין אורשפרונג און די קעגנמיטלען — 184

באַרבאַריזם און ציוויליזאַציע (באַפעלקערונג־פּראָבלעמען) — 197

יידן אין די פאַראייניקטע שטאַטן און קאַנאַדע — 217

3. אַנאַרכאָ־סאָציאַליסטישע אידייען ביי יידן

אַנאַרכאָ־סאָציאַליסטישע אידייען און באַוועגונגען ביי יידן — 255

4. אויף רעליגיעז־פילאָזאָפישע טעמעס

פעליקס אַדלער און די „עטישע קולטור" — 307

מ. א. גערשענזאָן — 324

אַנאַרכיע און אַטעאיזם — 329

די חכמה פון יהוה — אַנטראָפּאָמאָרפיזם — 335

5. יידן אין ביאַליסטאָק (געשיכטע און זכרונות)

דער אָנהייב פון דער יידיש סאָציאַליסטישער אַרבעטער־באַוועגונג אין ביאַליסטאָק — — — — — — — — — — — — — — — 343
אהרן ליבערמאַן, דער פאָטער פון יידישן סאָציאַליזם — — — — — — — — 359
די ערשטע סאָציאַליסטישע זשורנאַלן אין ביאַליסטאָק — — — — — — — 363
דער ביטערער קאַמף צווישן די לוינקעטניקעס און וועבערס — — — — — 368
אַ ביאַליסטאָקער פּעטיציע צום גראָדנער גובערנאַטאָר אין 1863 — — — 372
אַמעריקאַנער רעגירונג־קאָמיסיע אין ביאַליסטאָק אין 1891 — — — — — — 379
היסטאָרישע אומלעגאַלע קאָנפערענץ אין ביאַליסטאָק — — — — — — — 385
ביאַליסטאָקער תקופה פון רוסלענדישער אַנאַרכיסטישער באַוועגונג — — 388
אַמעריקאַנער רעגירונג־קאָמיסיע אין ביאַליסטאָק אין 1919 — — — — — — 412
דייטשע יידן אין ביאַליסטאָק בעת דער דייטשער אָקופּאַציע 1916־17 — — 419
די יידישע ביאַליסטאָק נאָך דער ערשטער וועלט־מלחמה — — — — — — — 430
פסח קאַפּלאַן — — — — — — — — — — — — — — 435
מרדכי טענענבוים — העלדישער קאָמענדאַנט פון געטאָ־אויפשטאַנד — — 440

ביבליאָגראַפיע פון יעפים ישורין — — — — — — — — — — — — 451

אַ וואָרט פון קאָמיטעט

אין דעם דאָזיקן בוך גייט אַריין בלויז אַ טייל פון דער ליטעראַרישער ירושה, וואָס איז איבערגעבליבן פון פּובליציסט און פאָרשער דר. הערמאַן פראַנק. מיר האָבן אויסגעקליבן, לויט אונדזער מיינונג, דאָס וואָס ברענגט אַמבעסטן אַרויס זיין געשטאַלט און גיט אַ קלאָר בילד פון זיין דענקען און שאַפן. מיר האָבן דאָ: דר. ה. פראַנק — דער פאָרשער פון עקאָנאָמיק און קאָאָפּעראַציע; דר. ה. פראַנק — דער קעמפער פאַרן פרייהייטלעכן סאָציאַליזם, טרוימער פון דער באַפרייטער מענטשלעכער פערזענלעכקייט; דר. ה. פראַנק — דער ייד, וואָס האָט טיף געטראַכט וועגן דעם יידישן פאָלקס-גורל און דר. ה. פראַנק — דער טרייער ביאַליסטאָקער לאַנדסמאַן, וואָס האָט געהאַט אַ באַזונדערע נייגונג צו רעגיאָנאַלער פאָרשונג און ליבע פאַר דער געשיכטע פון זיין היימשטאָט.

דער קאָמיטעט דאַנקט אַלעמען וואָס האָט געהאָלפן אַרויסצוגעבן דאָס בוך. מיר האָפן אַז דאָס בוך וועט זיין אַ גרויסע טרייסט פאַר דאָרא פראַנק, וואָס האָט מיט געטריישאַפט צוגעהאָלפן אין דער צוגרייטונג פון די מאַטעריאַלן.

יאַנואַר, 1954.

ב. י. ביאַלאָסטאָצקי
י. יערוזאַלימסקי
אָ. כאַבאַצקי
ח. ש. קאַזדאַן
סימע קאַפּלאַן
ד. קלעמענטינאָווסקי
י. נ. שטיינבערג


SEMO



דוד קלעמענטינאָווסקי

דר. הערמאַן פֿראַנק (ביאָגראַפֿישע שטריכן)

דר. הערמאַן פראַנק איז געבוירן דעם 18־טן דעצעמבער 1892 אין ביאַליסטאָק אויף מאַזורס גאַס (פּאַלעוואַיאַ). זיין פאָטער וואָלף בר׳ שמואל פראַנק (געבוירן אין קאָוונע, געשטאָרבן אין ביאַליסטאָק דעם 18־טן אָקטאָבער 1917) איז געווען אַ ייד אַ משכיל. זיין מוטער שרה בת הירש גינזבורג (געבוירן אין מינסק, געשטאָרבן אין דיסעלדאָרף, דייטשלאַנד, דעם 11טן יוני 1926) איז געווען אַ שוועסטער־קינד פון ש. גינזבורג, דעם היסטאָריקער און רעדאַקטאָר פון פּעטערבורגער „פריינד״.

זיי זיינען געווען דריי קינדער: הערמאַן, ראַיע און ליזאַ. ראַיע פראַנק (איר מאַן הייסט צופּעליק אויך פראַנק) לעבט אין ניו יאָרק. ליזאַ איז מיט איר מאַן פוקסמאַן אומגעקומען אין 1943 אין ביאַליסטאָקער געטאָ. עס איז דאָ נאָך אַ ברודער דזשעק אין אַמעריקע, איינער פון די 6 קינדער, וואָס זייער פאָטער האָט געהאַט פון זיין ערשטער פרוי — הענדלער. די אַנדערע 5 לעבן ניט מער.

די ערשטע גרונדלאַגע אין יידישער און אַלגעמיינער בילדונג האָט הערמאַן פראַנק באַקומען אין ביאַליסטאָק. ער האָט געלערנט אין אַ חדר מתוקן און שפּעטער אַריין אין דער קאָמערץ־שולע, וועלכע ער האָט געענדיגט אין 1910 מיט אַ מעדאַל־אויסצייכנונג. זיין העכערע בילדונג האָט ער באַקומען אין קיעוו, וואו ער האָט אין „העכערן עקאָנאָמישן אינסטיטוט״ אין 1915 אַבסאָלווירט די [illegible] אין בערלין, וואו ער האָט אויפן פילאָזאָפישן פאַקולטעט פון דער בערלינער אוניווערזיטעט שטודירט סאָציאָלאָגיע און עקאָנאָמיע און באַקומען זיין דאָקטאָר טיטל.

אין די יאָרן וואָס הערמאַן פראַנק האָט געלערנט אין ביאַליסטאָקער קאָמערץ־שולע פלעגט ער די זומער־מאָנאַטן פאַרברייגען אין סופּראַסלע ביי זיינע עלטערן, וואו זיין פאָטער האָט אין 1899 אָפּגעדונגען די געוועזענע טוך־פאַבריק פון ריינהאָלד אוינערט און זי געפירט ווי אַ לוין־שפּינעריי. דער יונגער הערמאַן האָט דעמאָלט געהאַט די געלעגנהייט זיך צוצוקוקן צו דער טעקסטיל אינדוסטריע מיט וועלכער ביאַליסטאָק און דער ראַיאָן האָט זיך אַזוי באַרימט געמאַכט, און וואָס ער האָט אין די שפּעטערדיקע יאָרן אַ סך אויפמערקזאַמקייט געשיינקט און באַשריבן.

אין 1915 איז הערמאַן פראַנק געקומען צוריק פון קיעוו קיין ביאַליסטאָק און זיך באַלד אַריינגעוואָרפן אין געזעלשאַפטלעכער און קולטורעלער טעטיקייט. מיר זעען אים אין דער פאַרוואַלטונג פון דער געזעלשאַפט פון האַנדלסאַנגעשטעלטע, אין דער „יידישער קונסט״, אין דער קולטור־ליגע, אין יוגנטפאַראיין, אין פרץ־קינדערהיים, און אין אַ ריי אַנדערע קולטור־אינסטיטוציעס און קולטורעלע אונטערנעמונגען.

אַ באַזונדער אינטערעס ווייזט הערמאַן פראַנק אַרויס פאַר דער קאָאָפּעראַטיווער באַוועגונג. ער העלפט גרינדן דעם צענטראַלן קאָנסום־פאַראיין אין 1915 און נעמט אַן אַקטיוון אָנטייל אין זיין אַנטוויקלונג. ער אַרבעט דאָרט אַ

געוויסע צייט ווי דער סעקרעטאַר און אַ דאַנק זיין ענערגישער און עקזאַקטער אַרבעט געלינגט עס אים אַוועקצושטעלן אויף אַ הויכן געזעלשאַפטלעכן ניוואָ.

אין 1918 דערשיינט זיין אַרבעט „דריי יאָר פון ביאַליסטאָקער קאָנסום־קאָאָפעראַציע״ (1915—1918). אין וועלכער ער גיט ניט נאָר די געשיכטע פון דער קאָנסום־קאָאָפעראַציע אין ביאַליסטאָק נאָר אַ וויסנשאַפטלעכע אָפהאַנדלונג, וועגן דער ווירטשאַפטלעכער און קולטורעלער באַדייטונג פון דער קאָאָפעראַציע, אירע פאָרמען און אירע אויסזיכטן אויף דער צוקונפט.

אין דער דעמאָקראַטישער קהלה פירט ער אָן מיט דער סטאַטיסטישער אָפטיילונג און שרייבט אָן אַ קולטור־עקאָנאָמיש סטאַטיסטישע איבערזיכט פון ביאַליסטאָק פאַר די יאָרן 1914—1919 (אין רוסיש) און פאַרפאַסט אין 1920 (צוזאַמען מיט פרל. ש. בלאַנקשטיין) אַ „סטאַטיסטיק פון דער באַוועגונג פון דער יידישער באַפעלקערונג אין ביאַליסטאָק פאַר 10 יאָר (1909—1918)״. אַ אויסצוג פון דער אַרבעט דערשיינט אין 1923 אין דער ניו יאָרקער „ביאַליסטאָקער שטימע״ נום. 6, אונטערן טיטל „דער קלאָגנדיקער סך־הכל״. דאָס איז אגב אורחא די ערשטע אַרבעט, מיט וועלכער הערמאַן פראַנק האָט אָנגעהויבן זיין ליטעראַרישע מיטאַרבעט אין דער „ביאַליסטאָקער שטימע״ און וועלכע ער האָט אָנגעהאַלטן ביזן לעצטן טאָג פון זיין לעבן.

אין די יאָרן פון דער ערשטער וועלט מלחמה און דייטשער אָקופּאַציע פירט הערמאַן פראַנק אַ געזעלשאַפטלעכע אויפקלערונג־אַרבעט צווישן דער סטודענטישער יוגנט און אַרבעטערשאַפט. אין די פעדאַגאָגישע קורסן, וואָס די „צעירי ציון״ האָבן געגרינדעט אין ביאַליסטאָק אין 1918, וואו מען האָט צוגעגרייט העברעאישע לערערס און לערערינס איז פראַנק געווען דער לערער פון פעדאַגאָגיק. צווישן די אַנדערע לערערס זיינען געווען א. ש. הערשבערג, ברוך ראָזענטאַל און שמעון ראַווידאָוויטש. אין 1919 פירט פראַנק אָן מיט אַ בוכהאַלטעריע־קורס ביים „זשיטלאָווסקי קלוב״ אין ביאַליסטאָק.

סוף 1920 פאַרלאָזט הערמאַן פראַנק זיין געבוירנשטאָט און לאָזט זיך אַוועק אין דער גרויסער וועלט. ער קומט אָן אין בערלין, וואו ער פאַרנעמט זיך מיט זיין אוניווערזיטעט־שטודיום, אָבער אויך גלייכצייטיק מיט וויסנשאַפטלעכע און ליטעראַרישע אַרבעטן. דאָ דערשיינט זיין ערשטע גרעסערע אַרבעט אין גייסט פון "פרייהייטלעכן סאָציאַליזם" „גוסטאַוו לאַנדויער — דער מענטש, דער סאָציאַליסט, דער ייד״ — אַ עטיוד אַלס נאָכוואָרט צו זיין יידישער איבערזעצונג פון ג. לאַנדויערס בוך „אויפרוף צום סאָציאַליזם״ וואָס דערשיינט אין בערלין אין 1921 דורך דעם וועלט־פאַרלאַג. ער איבערזעצט אויך אין דערזעלבער צייט מאַרטין בובערס „דריי רעדן איבער דאָס יודנטום״ (יידישער פאַרלאַג, בערלין) און לאָזט אַרויס אַ בוך פאַר דער יידישער יוגנט „גריכישע חכמים״ אין 1922 דורך דעם פאַרלאַג פרדס אין בערלין, וועלכן ער האָט געגרינדעט.

אין בערלין באַלד נאָך זיין אָנקום מאַך איך זיין באַקאַנטשאַפט און נאָך אין דעמזעלבן יאָר גרינדן מיר זאַלבעדריט (הערמאַן פראַנק, דר. סיאָמאַ בובריק און דוד קלעמענטינאָווסקי) דעם ביאַליסטאָקער פאַרבאַנד, וואו איך בין פאָרזיצער און הערמאַן פראַנק — וויצע פאָרזיצער און אַ יאָר שפעטער איבערנעמט ער דעם אַמט פון פאָרזיצער ביז סוף 1923, ווען ער פאַרלאָזט בערלין און פאָרט אַריבער קיין ניו יאָרק.

אין ניו יאָרק הויבט דר. פראַנק באַלד אָן צו אַנטוויקלען אַן אינטענסיווע זשורנאַליסטישע טעטיקייט אין דער אַרבעטער פרעסע: צוקונפט, גערעכטיקייט, דער פריינד א. אַנד. און זייט 1924 אַלס שטענדיקער מיטאַרבעטער אין דער „פרייע אַרבעטער שטימע״, וואו ער האָט הויפטזעכלעך באַהאַנדלט אַלגעמיינע און יידישע סאָציאַל־עקאָנאָמישע פראָבלעמען און אַ טעאָרעטישע פאַרטיפונג פון אַנאַרכאָ־סאָציאַליסטישע אידעאַלן. פון צייט צו צייט זיינען דערשינען אויך זיינע אַרטיקלען אין „פאָרווערטס״ און „טאָג״ און אין אַנדערע

יידיש־ענגלישע און ענגלישע צייטשריפטן. ער שרייבט אַרבעטן צו דער געשיכטע פון יידישער פאַרמעריי און קאָאָפּעראַטיווער באַוועגונג אין נאָרד־אַמעריקע און אַרבעט מיט אין דער צייטשריפט פאַר פּסיכאָלאָגישער פאָרשונג פון פּראָפ. פישל שניאורסאָן „מענטש־וויסנשאַפט".

אין דער „ביאַליסטאָקער שטימע", דעם אָרגאַן פון דער ביאַליסטאָקער לאַנדסמאַנשאַפט אין אַמעריקע איז דר. פראַנק געווען אַ שטענדיקער מיטאַר־בעטער פון ערשטן טאָג אָן, וואָס ער איז אָנגעקומען קיין אַמעריקע. אין משך פון די 30 יאָר האָט ער דאָרט פאַרעפנטלעכט אומצייליקע אַרטיקלען וועגן ביאַליסטאָק און ביאַליסטאָקער, וואָס האָבן אַן אומגעהויערן היסטאָרישן און מעמואַריסטישן ווערט. ער האָט אויפן זעלבן געביט מיטגעאַרבעט אין דעם „ביאַליסטאָקער לעבן", דעם אָרגאַן פון ברוקלינער „ביקור חולים", און „ביאַ־ליסטאָקער פריינט" אַן אויסגאַבע פון ביאַליסטאָקער ברענטש 88 אַרב. רינג און אין אַנדערע צופעליקע לאַנדסמאַנשאַפטלעכע אויסגאַבעס. אַזוי למשל האָט ער אין „טויזנט יאָר פינסק" זיך באַטייליקט מיט גרעסערע און קלענערע אַר־בעטן און אין בוך „ליטע" מיט אַן אַרטיקל "חכמי זאַגער".

אין 1929, נאָכדעם ווי ער באַקומט זיינע אַמעריקאַנער בירגער־פּאַפּירן פאַרלאָזט דר. פראַנק צייטווייליק ניו יאָרק און מאַכט אַ נסיעה קיין אייראָפּע, בעת וועלכער ער באַזוכט פראַנקרייך, דייטשלאַנד, איטאַליע, סאָוועט־רוסלאַנד און ארץ ישראל און נאַטירלעך אויך זיין אַלטע היים־שטאָט ביאַליסטאָק. אין ביאַליסטאָק האָט ער אין יאָר 1932 חתונה מיט דאָראַ וואָלאָברינסקי, אַ טאָכטער פון משכיל און תלמיד־חכם שלמה וואָלאָברינסקי, גרינדער און אייגנטימער פון דער גרויסער מאָדערנער בוך־דרוקעריי אין ביאַליסטאָק, וועלכער איז אגב געשטאָרבן אין לאָס אַנדזשעלעס אין יאָר 1928, ווען ער איז געפאָרן אַהין באַזוכן זיין עלטסטע טאָכטער דר. מרים גאָלדוואַסער. דאָראַ וואָלאָברינסקי האָט גע־ענדיקט אַ פרעבל־אינסטיטוט אין קיעוו און האָט געהאַט אין ביאַליסטאָק אַן אייגענעם קינדערגאָרטן און אַ צוגרייטונג־און דערציאונג־שולע.

אין 1933 קומט דר. פראַנק צוריק קיין ניו יאָרק, און אין 1934 קומט אַריבער צו אים זיין פרוי דאָראַ, זיין געטרייע לעבנס־באַגלייטערין און מיט־אַרבעטערין ביז זיין לעצטן לעבנס־טאָג.

דר. הערמאַן פראַנק נעמט זיך אין אַמעריקע ווידער צו זיין ליטעראַריש־פובליציסטישער טעטיקייט. ער פאַרעפנטלעכט די איינדרוקן פון זיין גרויסער לעצטער רייזע אין אַ גאַנצער ריי פון פרעסע־אַרטיקלען.

פון זיינע גרעסערע אַרבעטן, וואָס זיינען דערשינען אין בוך פאָרם זאָלן דאָ דערמאָנט ווערן: „יידישע טיפּאָגראַפיע און בוך אויסאַרבעטונג קונסט, אַרויסגעגעבן אין 1938 פון דער יידישער שריפטזעצער יוניאָן — דאָס ערשטע בוך פון דעם מין אין יידיש ; „צווישן חורבן און אויפבוי" — פּאָליטישער און סאָציאַלער וועלט קריזיס און די יידישע לאַגע, דערשינען אין 1940 ; אין 1945 דערשיינט זיין בוך „א. ש. זאַקס — קעמפער פאַר פאָלקס־אויפלעבונג". אין דעם בוך „ערשטע יאָרן פון יידישן פרייהייטלעכן סאָציאַליזם" — אויטאָביאָ־גראַפישע זכרונות פון ש. יאַנאָווסקי, וואָס איז דערשינען 1948 גיט דר. פראַנק אַ גרעסערע היסטאָריש־ביאָגראַפישע איינפירונג. ער אַרבעט זייער אַקטיוו מיט ביי דעם אַרויסגעבן פון ש. גינזבורגס שריפטן און איז אַ מיטגליד פון דער רעדאַקציע צוזאַמען מיט יצחק ריווקין און יעקב קרעפּליאַק. אין צווייטן באַנד ייוואָ־געשיכטע פון דער יידישער אַרבעטער באַוועגונג אין ניו יאָרק אין 1945 האָט ער אַ גרעסערע אַרבעט צו דער געשיכטע פון טרייד־יוניאָניזם ביי יידן אין אַמעריקע.

אין 1951 דערשיינט נאָך זיין לעצטע בראָשור, „אַנאַרכאָ־סאָציאַליסטישע אידייען און באַוועגונגען ביי יידן", אַרויסגעגעבן דורך דער „פרייער טריבונע", פּאַריז—תל־אביב.

אין סעפּטעמבער 1940 איבערנעמט דר. פראַנק די רעדאַקציע פון דער

„פרייער אַרבעטער שטימע״, וועלכע ער פירט אין משך פון עלף יאָר באמת אין דעמזעלבן פרייהייטלעכן זין, ווי ער דענקט און פילט. שטייענדיק איבער אַלע פּאָליטישע פּאַרטייען גיט ער די מעגלעכקייט זיינע מיטאַרבעטער אַרויס־צוזאָגן פריי זייערע געדאַנקען, וואָס זיי וואָלטן דאָס ניט געקאָנט טאָן אין אַנדערע צייטשריפטן, ניט אפילו אין די, וואו זיי זיינען שטענדיקע מיטאַר־בעטער. צוליב דער לאָיאַליטעט זיינער, וואָס ער וויזט אַרויס אַלס רעדאַק־טאָר, צוליב זיין ליבעראַלער אומפּאַרטייאישקייט פאַלט ער טאַקע אַ קרבן און מוז רעזיגנירן אין 1951 פון דער רעדאַקציע פון דער ״פרייער אַרבעטער שטימע״.

***

ד״ר. הערמאַן פראַנק איז געווען פילזייטיק אין זיין וויסן און געשריבן אויף פאַרשיידענע געביטן. ער האָט באַהאַנדלט די פאַרשיידנסטע פּראָבלע־מען. ער פאָרשט און אַנאַליזירט, ער באַשעפטיקט זיך מיט היסטאָריע, סאָ־ציאָלאָגיע, עקאָנאָמיע, פילאָזאָפיע, פסיכאָלאָגיע, דעמאָגראַפיע און סטאַטיס־טיק. ער אַרבעט ביי זיין שרייבטיש און אין ביבליאָטעקן, גריבלט זיך אין אַרכיוון. ער אַרבעט מיט דעם נויטיקן ערנסט און אחריות־געפיל.

ניט קוקנדיק אויף זיין שווערער טאָג־טעגלעכער אַרבעט, וואָס האָט אויסגעפילט זיין צייט און אַבסאָרבירט זיינע פיזישע מעגלעכקייטן, האָט ד״ר. הערמאַן פראַנק אין די לעצטע פינף יאָר געפונען צייט און קראַפט אויף אָפּצוגעבן זיין גאַנצע אויפמערקזאַמקייט און אַ טייל פון זיין ענערגיע דער „ביאַליסטאָקער היסטאָרישער געזעלשאַפט״ אין ניו יאָרק וואָס האָט זיך גע־גרינדעט דורך זיין איניציאַטיוו, אין 1947. ער איז פון ערשטן טאָג אָן געווען איר וויצע־פרעזידענט, נייך, דער פאַקטישער פאָרזיצער פון דער געזעלשאַפט. ער האָט געהאָלפן רעדאַגירן דעם „פנקס ביאַליסטאָק״ די צווי בענד פון מאָנומענטאַלן ווערק פון א. ש. הערשבערג. וואָס איז דערשינען אין 1949—1950.

עטלעכע טעג פאַר זיין טויט האָבן מיר צוזאַמען אויסגעאַרבעט פּלענער פאַר דער צוגרייטונג צום דרוק פון דריטן בוך ביאַליסטאָקער געשיכטע — דעם „יזכור־בוך״. ער האָט שטענדיק געוואָרנט: „מען דאַרף אַרבעטן שנעלער, עס קאָן ווערן צו שפּעט. אונדזערע רייען ווערן מיט יעדן טאָג שיטערער!״

עס איז געוואָרן צו שפּעט.

ד״ר. הערמאַן פראַנק פעלט דער ביאַליסטאָקער לאַנדסמאַנשאַפט. ער וועט פעלן דער יידישער קולטור־וועלט.

אויגוסט, 1952

י. נ. שטיינבערג

אַ לעבן אין גייסט

די ביאָגראַפיע פון אַ געזעלשאַפטלעכן מענטש איז גלייכצייטיק די באַשרייבונג פון דער געזעלשאַפט אין וועלכער ער האָט געווירקט. אַזוי ווי אַ טייך, פליסט דאָס לעבן פון אַ שעפערישן מענטש צווישן ברעגעס וואָס אויף זיי שפּילן זיך אָפּ גרויסע און קליינע היסטאָרישע געשעענישן. צי ער לייגט אַרויף זיין חותם אויף די געשעענישן, צי פאַרקערט ער איז בלויז אַן אָפּשפּיגלונג פון זיי, — אין דעם ליגט דער אונטערשייד צווישן דעם אַקטיוון און פּאַסיוון געזעלשאַפטלעכן מענטש.

עס איז אפשר ריכטיק פאַנאַנדערצושיידן די דריי טיפּן מענטשן וואָס זייער באַצייכנונג הויבט זיך אָן מיט דעם אות „ט": דער טרוימער, דער טראַכטער, דער טוער. זעלטן ווען די אַלע קוואַליטעטן טרעפן זיך צונויף אין איין שעפערישן געמיט. מייסטנס הויבט זיך אַרויס מיט כח איינער פון די דריי עלעמענטן פון מענטשלעכער אַנטוויקלונג. עס איז איבעריק צו שטרייטן אַרום דער פראַגע: וועלכער פון די דריי איז דער וויכטיקסטער און דויערנדיקסטער אין דער אַנטוויקלונג פון דער מענטשהייט. שוין אין אונדזערע ספרים געפינען מיר די בײדע מיינונגען: „לא המדרש עיקר אלא המעשה", און גלייכצייטיק „סוף מעשה מחשבה תחילה". גרויס ווי עס איז דער באַטייט פון מעשה ביי יידן, — אָבער עס קען ניט זיין קיין רעכטע מעשה אויב אין איר הינטערגרונט און יסוד שטייט ניט די מחשבה.

הערמאַן פראַנק האָט געהערט צו דער וועלט פון גייסט; ער איז געווען מער טרוימער און טראַכטער ווי טוער. זיין גאַנץ לעבן האָט ער אומאונטערבראָכן פאַרבראַכט אין די ספערן פון גייסטיקער אַקטיוויטעט. פון דער פריעסטער יוגנט אָן איז ער „אַרומגעגאַנגען" מיט די הויכע גייסטער פון דער יידישער און אַלמענטשלעכער וועלט; ער האָט ממש געלעבט אין זייער סביבה און געאָטעמט זייער אָטעם. געוויס האָט ער געזען און זיך צוגעקוקט צו די לעבעדיקע געשעענישן אין זייער מאַטעריאַליזירטער פאָרם, אין זייערע רעאַלע באַוועגונגען און אויסווירקונגען. ער האָט אויך אין הונדערטער אַרטיקלען אָפּגערופן זיך אויף די אַלע קאָנקרעטע פאַקטן און געשעענישן אין סאָציאַלן לעבן. אָבער זיין טיפערער אינטערעס איז געלעגן ניט אין די פאַקטן, נאָר אין זייער גייסטיקער אויסטייטשונג און פאַרשטענדעניש. „געשעענישן" זיינען פאַר אים די אידייען; „באַוועגונגען" זיינען פאַר אים די לאָגישע און מעטאַפיזישע אַרגומענטן; היסטאָרישע אויפטוען זיינען פאַר אים געווען די אידייאישע קאַמפן און נצחונות. צו לעבן אין אַזאַ פאַרגייסטיקטער אַטמאָספער איז פאַר אַ מענטשן אי אַ גליק אי אַן אומגליק. ווייל הערמאַן פראַנק האָט אַלע זיינע טעג פאַרבראַכט אין דער געזעלשאַפט פון די דערהויבענע דענקער, דיכטער, רעליגיעס — באַגרינדער, סאָציאַלע טרוימער און סיסטעם־שאַפער, — האָט ער זיך געפילט אין דער איידעלער וועלט פון ערלעכע, אחריותדיקע, ביז צו מסירת נפש גייענדיקע געדאַנקען. גליקלעך איז דער וועמען עס איז באַשערט

אַריינצוזאַפּן אין זיך די דאָזיקע לופט פון שטרייַנגע און הומאַנע געדאַנקען און חלומות. אָבער — אויך צער שטעלט זיך אים ניט זעלטן אין וועג. ווען ער לאָזט זיך אַראָפּ פון די הויכע בערג פון אידעאַלן און ער דערזעט די מער ווי באַשיידענע רעאַליטעט פון מענטשלעכן לעבן אַרום זיך, קען ער פאַרלירן דעם גייסטיקן גלויבן און דעם זעלישן בטחון פון דער וועלט פון אידייען. דער קאָנטראַסט צווישן רעאַליטעט און אידייע איז אַזוי שאַרף — ווייטאָגדיק אַז ניט לייכט איז עס דעם גייסטיקן מענטשן עס אַריבערצוטראָגן. ה. פראַנק האָט טאַקע כל ימיו געליטן פון דעם דאָזיקן קאָנטראַסט, האָט געצאָלט אַ הויכן פרייז פאַר זיין גייסטיקער אַרבעט.

אָבער גייסטיקע אַרבעט באַטייט בשום אופן ניט פּאַסיוויטעט; אין גאָר אַ באַזונדערן זינען קען זי זיין די העכסטע אַקטיוויטעט. אונז איז באַקאַנט דער פּסוק „אחדשהו יום יום": דער כביכול דערקלערט אַז ער באַנייט די וועלט יעדן נייעם טאָג. נאָר דעם אומדערפאַרענעם און נישט פרומען אויג קען זיך אויסדוכטן אַז „די וועלט שטייט אויף אַן אָרט", אַז די בערג און די טאָלן, די ימים און די מדבריות, די פלאַנצן און די בעלי חיים זיינען היינט פּונקט אַזוי ווי נעכטן. אין דער אמתן ווערט דער יוניווערז און אַלץ וואָס אָטעמט אין אים יעדן טאָג ווי ניי געבוירן און באַנייט צו שעפערישן לעבן. דערפאַר מוז אויך דער יידישער מענטש — ביים עפענען די אויגן יעדן פרימאָרגן — באַגריסן און בענטשן און באַשטעטיקן די וועלט און די נאַטור וועלכע אַנטפּלעקט זיך פאַר אים אין איר נייער פּראַכט און האַרמאָניע. דערמיט ווערט ער, אַזוי צו זאָגן, אַ שותף למעשי בראשית.

אויב דער „אחדשהו יום יום" איז פאַרשטענדלעך לגבי דער גרויסער קאָסמישער וועלט, אויף וויפיל שטאַרקער און פאַרשטענדלעכער ווירקט אָט דער פּרינציפּ בנוגע דער גייסטיקער וועלט פון דעם מענטשן! וואָרום אויב עס האַלטן זיך אין בייטן אַזעלכע פעלזן־פעסטע און אייביקע נאַטור־פענאָמענען ווי די בערג מיט די ימים מיט די הימלען און שטערן, אויף וויפיל מער וואַקלדיקער און צווייפלהאַפטער זיינען די גייסטיקע בנינים, אינסטיטוציעס און געזעצן פון דער מענטשלעכער געזעלשאַפט. זיי נויטיקן זיך אודאי און אודאי אין שטענדיקער, טאָגטעגלעכער באַנייאונג, פאַרטייטשונג און באַשטעטיקונג. דאָס באַנייען די מענטשלעכע בנינים און פּרינציפּן, דאָס אַריינאָטעמען אין זיי אַ שטענדיק נייעם און פרישן שעפערישן אָטעם — איז די אויפגאַבע פון די גייסטיקע מענטשן. זיי זיינען עס די וועלכע זיינען באמת די שותפים צום סאָציאַלן און עטישן מעשה בראשית. אויף אָט ד ע ם וויכטיקסטן געביט פון מענטשלעכן לעבן הערט קיינמאָל ניט אויף די מעשה בראשית.

דאָס באַטייט ניט אַז יעדער גייסטיקער מענטש איז דערביי עפּעס מחדש אויף דעם געביט פון גייסט. ווייל אין תוך האָבן מענטשן אין לויף פון די דורות, אין יאָר־טויזענטער פון זייער עטישער עוואָלוציע, ניט אַנטדעקט אָדער דערפונדן יעדעס מאָל עפּעס נייע פּרינציפּן אָדער סיסטעמען פון לעבן. איין פּרינציפּ פון מאָראַלישער פאָדערונג לאָזט זיך הערן דורך די אַלע דורות, און פאָרמולירט איז ער געווען אין די איינפאַכע ווערטער: סור מרע ועשה טוב. פאַרשטייט זיך, אין יעדער נייער גרויסער עפּאָכע האָט מען פאַר דעם ציל פון מענטשלעכער מאָראַל געפונען פאַרשיידענע פאָרמולירונגען. אָבער צי מען זאָגט „ואהבת לרעך כמוך" צי, אין די ווערטער פון הלל הזקן: „דעלך סני לחבריך לא תעביד זו היא כל התורה כולה" צי אין דער פילאָזאָפישער שפּראַך פון קאַנטן („קאַטעגאָרישער אימפּעראַטיוו") — דער אינערלעכער, מאַקסימאַלער און מינימאַלער, אינהאַלט פון די אַלע פאָדערונגען בלייבט דער זעלביקער: סור מרע ועשה טוב. דער תוך בלייבט אייביק דערזעלביקער אין דער מענטשהייט, אָבער ניי און יונג איז עס יעדעס מאָל און אומעטום ווען מענטשן לעבן עס איבער. דורך זייער פּאָזיטיוון אַריינטראַכטן און אַריינפילן זיך אין די אידייען פון מאָראַל און אמת, ווי אויך דורך זייער אַנטפּלעקן און אָפּוואַרפן דאָס

פאַלשע און אומגערעכטע, — ווערן די לוחות ווידער געשאַפן, ווי ניי־געבוירן. די גייסטיקע וועלט פון נאָרמען און פאָרמען ווערט באַנייט יעדעס מאָל ווען דער מענטש געפינט פאַר זיי נייע ווערטער, קלאַנגען און פאַרבן, אָדער ווען ער לעבט זיי איבער מיט אַן אורשפּרינגלעכער ליידנשאַפט פון פרייד און גלויבן, אָדער ווען ער אַטאַקירט מיטן כח פון כעס אָדער חוזק אָדער צער די אומגע־רעכטיקייט פון דער וועלט. אַזוי איז עס געווען אין די צייטן ווען אמונה האָט געשפּילט די פירנדיקע ראָל אין לעבן, אַזוי איז עס היינט ווען דער מאָדערנער גייסטיקער מענטש שטייט מיט אַ געבראָכן געמיט פאַר די שברי לוחות פון סאָציאַליזם אָדער פּראָגרעס אָדער וועלט־שלום. מיט זיין אַקטיוון, ליידנשאַפט־לעכן זוכן און אַרויסזאָגן דעם אמת האַלט דער גייסט־מענטש אויף אונדזער גייסטיקע וועלט אין דעם פּראָצעס פון איר באַנייאונג, פון „אחדשהו יום יום". עס איז דערביי קיין נפקה מינה ניט צי דער גייסטיקער מענטש געהערט צו דער עליטע (בחירי העם) אָדער צום פאָלק. עס איז גענוג אַז ער זאָל טראַכטן און חלומען ממעמקים אָדער „הויבן זיינע אויגן צו די בערג".

הערמאַן פראַנק האָט געהערט צו אָט דער ניט גרויסער מחנה פון יידישע מענטשן וואָס האָבן אין משך פון זייער לעבן באַנייט די גייסטיקע ווערטן פון דער מענטשהייט. נאָך מער: ער האָט אָפּגעגעבן זיין גאַנצע ענערגיע צו דער באַנייאונג און פאַרהערלעכונג פון יענע גייסטיקע שטראָמען וועלכע זיינען געווען ניט פאַרשטענדלעך און ניט אָנגענומבאַר פאַר דעם גרעסטן טייל פון די אויפגעקלערטע שיכטן. ער האָט געאַרבעט פאַר דעם פרייהייטלעכן געדאַנק בכלל, און פאַר דעם פרייהייטלעך־סאָציאַליסטישן בפרט.

***

מען האָט אָפט געמאַכט אַ טעות ביים אָפּשאַצן די שריפטשטעלערישע פּערזענלעכקייט פון ה. פראַנק. מען האָט אים געהאַלטן הויפּטזעכלעך פאַר אַן עקאָנאָמיסט, פאַר אַ שרייבער פון סאָציאַל־פּאָליטישע אַרטיקלען, פאַר אַ רע־דאַקטאָר. מען האָט פאַרזען דעם אינערלעכן מהות פון זיין דענקערישער און שרייבערישער אַרבעט, דעם גייסטיקן מקור פון וועלכע אַלע זיינע אַרבעטן האָבן געשטראָמט. וואָרום זיין טיפסטער אינטערעס און שטרעבן איז געלעגן אויף דעם געביט פון קולטור־היסטאָרישע און קולטור־פילאָזאָפישע אידייען. נישט די פאַקטן פון מאַטעריעל־עקאָנאָמישן לעבן, נישט די פּאַסירונגען פון דעם לויפנדיקן געזעלשאַפטלעכן פּראָצעס האָבן אים אינטערעסירט אַלס אַזעלכע. אפילו די אויסטייטשונג פון די דאָזיקע פאַקטן און פּאַסירונגען אין ליכט פון דער נאָענטער היסטאָרישער קעגנוואָרט האָט אים ניט צופיל אינטע־רעסירט. געזוכט האָט ער אין זיי — פונקט אַזוי ווי אין די פּראָדוקטן פון שעפערישע גייסט־מענטשן — דעם פאַרהוילענעם זינען פון דער געשיכטע, דעם תכלית פון מענטשלעכער אַקטיוויטעט, די סודותדיקע ענטפערס אויף דעם „צו וואָס ?" און „וואוהין ?" דערפאַר זיינען אָפט אפילו זיינע אַרטיקלען אויף פשוטע עקאָנאָמישע טעמעס געווען באַהויכט פון אַ קולטור־פילאָזאָפישן אָטעם, ווייל אויך די עקאָנאָמיק איז פאַר אים געווען נישט מער ווי איין — הגם זייער וויכטיקער — אַספּעקט פון מענטשנס שטרעבן צום גייסט.

אויב מען וויל אַרומנעמען אין אַן איבערזיכט אַלע טעמעס וועלכע ה. פראַנק האָט באַרירט און באַאַרבעט אין לויף פון זיין פּרוקטבאַרן שרייבער־לעבן, מוז מען אַריינגעמען כמעט דאָס גאַנצע קאָמפּליצירטע געוועב פון סאָציאַלע פּראָבלעמען און באַציאונגען. זינט זיין יוגנט — נאָך אין ביאַליסטאָק — האָט ער זיך פאַרנומען מיט פראַגן פון סאָציאַלער רעפאָרם, קאָאָפּעראַציע און עקאָנאָמישער סטאַטיסטיק, — אין יידישן לעבן. ד ע ר אינטערעס איז ביי אים פאַרבליבן אויף שטענדיק. עס איז ניט געווען מסתמא קיין איין יידישע צייטשריפט און אויסגאַבע אין וועלכער ער זאָל ניט האָבן פאַרעפנטלעכט זיינע

גרינטלעכע אַרטיקלען אויף אַט די טעמעס. הונדערטער פון זיי זיינען דערשינען אין די אָרגאַנען פון די יידישע טרייד־יוניאָנס, — און לויט זיי קען מען היינט שטודירן די ענינים וועלכע האָבן צענדליקער יאָרן באַשעפטיקט דעם מוח פון דער יידישער אַרבעטערשאַפט און אינטעליגענץ. ער האָט געקענט אין צאָל און אין וואָג די אַלגעמיינע, אָבער אַמייסטנס די יידישע אַנטוויקלונג פון דעם פּראָפעסיאָנעלן, אינדוסטריעלן, לאַנדווירטשאַפטלעכן לעבן פון די האַרעפּאַשנע מאַסן אין אַמעריקע. אין די אומצייליקע זיינע אַרטיקלען און נאָטיצן אין דער „פרייער אַרבעטער שטימע" (וועלכע ער האָט רעדאַגירט פאַר עלף יאָר) האָט ער גענומען אַ שטעלונג צו די שטורמיש לויפנדיקע געשעענישן פון וואָך צו וואָך! — און דאָס האָט באַטייט פּערמאַנענטע אָפּשאַצונג פון פּאָליטישע גע־שעענישן פון טאָג. אין ד ע ם זינען איז ער געווען דער „זשורנאַליסט", דער שרייבער וועגן טאָג־זאַכן.

געטריי צו זיין היימשטאָט ביאַליסטאָק, האָט ער איר געשיכטע און געזעל־שאַפטלעכן לעבן געווידמעט גאָר אַ גרויס צאָל אָפּהאַנדלונגען און פאָרשונגען. ער איז געווען דער איניציאַטאָר און אַקטיווער טוער פון דער „ביאַליסטאָקער היסטאָרישער געזעלשאַפט" אין ניו יאָרק, און ער איז ניט מיד געוואָרן צו באַשרייבן און באַלייכטן זיין אומגעקומענע שטאָט און אירע מענטשן אין יעדער ביאַליסטאָקער אויסגאַבע. — זיין אינטערעסן־קרייז איז געווען אַזוי ברייט אַז אין יאָר 1938 גיט ער אַרויס אַ בוך „יידישע טיפּאָגראַפיע און בוך־אויסאַרבעטונג קונסט". — דאָס ערשטע בוך פון דעם מין אין יידיש. אין 1940 — דאָס בוך „צווישן חורבן און אויפבוי", און אין יאָר 1945 — דאָס בוך „א. ש. זאַקס — קעמפער פאַר פאָלקס־אויפלעבונג" (אַ קולטור־היסטאָרישע שילדערונג פון אַ גאַנצער יידישער עפּאָכע). מיר וועלן זיך דאָ אָפּשטעלן מיט דער אויפציילונג פון זיינע אַרבעטן.

אָבער — ניט אין דעם, אָדער ניט אין דעם אַליין איז געלעגן דער שווער־פּונקט פון זיינע גייסטיקע לעבנס־אינטערעסן. אים האָט געצויגן מיט אַן אינערלעכער קראַפט צו די גרונד־פראַגן פון עקאָנאָמיק, פון געשיכטע, פון מענטשנס לעבן בכלל: צו דעם לעבן פון גייסט. און דאָ איז ער געשטאַנען אויף אַ פעסטן באָדן פון אידייאישער קלאָרקייט און פשרהלאָזיקייט. אין דער הונדערט־פּראָצענטיק יידישער שטאָט ביאַליסטאָק האָט ער איינגעזאַפּט אין זיך די דורותדיקע קולטור פון זיין פאָלק, און ראשית כל, די לערעס פון די נביאים. זייער ברענענדיקע אומצופרידנקייט מיט דער קעגנוואַרט, זייער ליידנשאַפטלעכן שטרעבן צו אמת, זייער אומגעזעטיקטן הונגער נאָך גערעכ־טיקייט. און אַז ער איז נאָענטער צוגעקומען שפּעטער צו דער מאָדערנער אייראָפּעאישער קולטור, האָט ער זיך באַהעפט איינמאָל פאַר אַלעמאָל מיט דעם יידישן רעוואָלוציאָנערן דענקער, — גוסטאַוו לאַנדויער. די נביאים און לאַנ־דויער האָבן געשאַפן אין אים יענעם גייסטיקן באַרגשפּיץ פון וועלכן ער האָט אַראָפּגעקוקט און אָפּגעשאַצט אַלץ וואָס איז אַנגעגאַנגען אין דער וועלט פון היינט. עס איז ניט געווען לייכט צו אָטעמען אין דער קרישטאָל־ריינער לופט פון אַזעלכע בערג.

מען דאַרף זיך דערמאָנען די אינטעלעקטועלע אַטמאָספער אין אייראָפּע אין אָנהויב פון די צוואַנציקער יאָרן, גלייך נאָך דער ערשטער וועלט־מלחמה. אין רוסלאַנד האָט געהערשט די באָלשעוויסטישע דיקטאַטור וועלכע האָט אויסגענוצט פאַר זיך די וועלט־היסטאָרישע אויפטוען פון דער רוסישער רעוואָלוציע. אין מערב־אייראָפּע איז אָנגעגאַנגען אַ פּראָצעס פון רעוואָלוציאָ־נערער יירונג. אין דייטשלאַנד, וואו ה. פראַנק האָט זיך באַזעצט אין 1920, האָבן זיך די רעוואָלוציאָנערע כוואַליעס געהויבן אָם העכסטן. אַלץ איז גע־שטאַנען אין צייכן פון דער באַלדיקער סאָציאַלער איבערקערעניש. גייסטיק זיינען כמעט אַלע מחנות פון אומשטורץ באַהערשט געווען פון איינאיינציקער אידעאָלאָגיע: מאַרקסיזם. האָט דאָך דער מאַרקסיזם טריאומפירט אויפן באַל־

שעוויסטישן אופן אין רוסלאַנד. האָבן זיך דאָך אַלע סאָציאַליסטישע ריכטונגען אין דייטשלאַנד געגרייט צו דעם גרויסן קאַמף אונטער די פאָנעס פון מאַרקסיזם — יעדע אויף איר אופן.

דער יונגער, 28 יאָריקער ה. פראַנק, האָט זיך אָבער ניט געלאָזן פאַרפירן פון אָט דעם אידעאָלאָגישן און פּאָליטישן „מאָנאָטעאיזם”. ער האָט געזוכט און געפונען אין דעם פילשטימיקן טומל די קול דממה דקה פון פרייהייטלעכן סאָציאַליזם. פון אַ סאָציאַליזם וואָס האָט זיך ניט געיאָגט נאָך פּאָליטישער מאַכט און מלוכהשער גבורה, פון אַ סאָציאַליזם וואָס האָט, ראשית כל, אָפּגעהיט די חשיבות פון דעם איינצל־מענטשן און די אומצושטערבאַרע רעכט פון זיין גייסטיקן וועזן. די נביאישע טראַדיציע וועלכע ער האָט געהאַט מיטגענומען פון דער היים האָט געפונען איר מאָדערנעם אָפּקלאַנג אין דער געדאַנקן־וועלט פון גוסטאַוו לאַנדויערן. ניט נאָר דערפאַר האָט אים געצויגן צו לאַנדויערן ווייל ער האָט מאַרטירעריש פאַרענדיקט זיין לעבן; פּונקט אַזוי האָבן מיט זייער לעבן באַצאָלט פאַר זייערע אידייען גלייכצייטיק — אין יאָר 1919 — אויך קאַרל ליבקנעכט און ראָזאַ ליוקסעמבורג. לאַנדויער האָט גענומען געפאַנגען פראַנקס נשמה דערפאַר ווייל זיינע אידייען און חלומות האָבן געענטפערט אויף זיינע אייגענע שטרעבונגען, ווייל „דאָס איז געווען אַ מענטש!”, ווי פראַנק האָט אים געזען און פאַרשטאַנען. דערפאַר איז אים געלונגען ניט נאָר צו איבערזעצן אין יידיש לאַנדויערס אויסערגעוויינטלעך ווערק „אויפרוף צום סאָציאַליזם”[1], נאָר אויך אָנצושרייבן דערצו אַן עסיי וועגן לאַנדויערן: „דער מענטש, דער סאָציאַליסט, דער ייד”. און דאָס איז געווען אַ גייסטיקע אַרבעט פון פראַנקן וועלכער וועט פאַרבלייבן אויף שטענדיק ווי איינע פון די וויכטיקסטע צושטייערן אין דער געשיכטע פון יידישן פרייהייטלעכן געדאַנק.

*\
**

ה. פראַנק האָט אַריינגעלייגט אַזוי פיל ענטוזיאַזם און גלויבן אין זיין אַרבעט וועגן לאַנדויערן, ווייל דערמיט האָט ער געבראַכט צום אויסדרוק זיין אייגענע לעבנס־אָנשויאונג. איצט דרייסיק יאָר נאָך יענער דאַטע דוכט זיך אויס ווי דער באַוואונדערער און תלמיד פון לאַנדויערן וואָלט אומבאַוואוסטזיניק געשריבן וועגן זיך אַליין. „זיין גאַנץ לעבן איז געווען אין גרונד נאָר איין גאַנצע טראַגעדיע. דרייסיק יאָר אָן אויפהער האָט ער געקעמפט אויף זיין אייגענעם שטייגער פאַרן סאָציאַליזם, תמיד אַן איינזאַמער, כמעט אַ פאַרשטויסענער”. פראַנק איז געווען באַצויבערט ניט נאָר פון דער גייסטיקער עשירות און פון דעם גרויסן וויסן וועלכן לאַנדויער האָט פאַרמאָגט. וואָס ער האָט געזען אין אים איז געווען דער „וועג צו זיך, צו דער אייגענער נשמה און צום האַרצן פון דער נאַטור און פון דער מענטשהייט”.

הערט זיך צו מיט וואָס פאַר אַ התלהבות פראַנק האָט באַשריבן דעם רעוואָלוציאָנערן געדאַנקן־גאַנג פון לאַנדויערן.

„אין זיינע אויגן האָט די גאַנצע היינטיקע ציוויליזאַציע אוןווירטשאַפט אויסגעקוקט ווי אַ חוזק איבער יעדן געפיל פון אמת און גערעכטיקייט. אין זיין צאָרן און כעס קעגן דער שוידערלעכער אומגערעכטיקייט האָט ער ניט געקענט אָפּשיידן די קריטיק וועלכע עס ברענגט אַרויס דער שכל, פונעם געפיל פון אַן אומבאַגרענעצטער שנאה וואָס האָט געגליט אין זיין האַרצן: פון דער שנאה צו דעם גרונט־מקור פון אַלע סאָציאַלע וואונדן: די תאווה צו געלט און פּראָפיט. מיט אַ התלהבות פון אַ נביא, וואָס טרעט אַרויס אין קאַמף פאַר דער הייליקונג און רייניקונג פון לעבן; מיט דער זיכערקייט פון אַ טריבון וואָס איז פעסט איבערצייגט אין זיין אמת, וואַרפט ער דער מלוכה און דעם קאַפּיטאַליזם אין פּנים

---

1) איבערגעזעצט פון דייטש דורך ה. פראַנק און ב. ראָזענטאַל. בערלין, 1921.

אַריין די שווערסטע באַשולדיקונג וועלכע ס'קען קעגן זיי אַרויסשטעלן דער מענטשלעכער גייסט: אַז זיי האָבן צוליב די מיאוסטע אינסטינקטן פון יחידים מאנס געוועזן די אמתע מענטשלעכע נאַטור מיט אירע גוטע, אייביקע אינסטינקטן ווי ליבע, קעגנזייטיקייט און גערעכטיקייט . . . אין נאָמען פון דער ווירקלעכקייט פון דעם מענטשלעכן גייסט, וועלכער איז ניט מסוגל צו מאַכן אַ פשרה מיטן אומנאַטירלעכן אופן פונעם היינטיקן געזעלשאַפט־לעכן לעבן, רופט ער די מענטשן צו תשובה און באַנייאונג".

אין דער ליידנשאַפט פון די רייד, אין דער טיפער איבערצייגונג וואָס שרייט אַרויס פון זיי, אין דעם שטורמישן ריטם פון דעם סטיל דערקענט מען ניט נאָר לאַנדויערן, נאָר אויך פראַנקן. אַזוי און ניט אַנדערש האָט ער געטראַכט און געשריבן ביזן סוף פון זיין לעבן. אָבער געזוכט האָט ער אין לאַנדויערן ניט נאָר דעם שטורם־גלאָק און וויי־געשריי פון זיין צייט, נאָר אויך זיינע קאָנ־סטרוקטיווע אידייען. „גרויס איז דער גיפטיקער תהום — האָט דער יונגער פראַנק געשריבן — וועלכן ס'האָט אויסגעגראָבן פאַר דער מענטשהייט די נייע תקופה פון דער ציוויליזאַציע און קאַפּיטאַליזם. אין יעדן קלענסטן פּרט פונעם היינטיקן לעבן קען מען געפינען דעם פאַרבאַרגענעם טראָפּן סם וועלכער מאַכט פון דער געזעלשאַפט אַ גיהנום און פון די מענטשן — ווילדע חיות". אָבער דאָס איז ניט דער גזר פון דער געשיכטע וויל

„איינצלנע גרויסע גייסטער זעען דעם אמתן פּרצוף פון אונדזער צייט און באַמערקן די אינעווייניקסטע פּעדים וועלכע בינדן צונויף די צעשאָטענע און צעריסענע מענטשהייט אין איין גרויסער משפּחה. זיי שפּירן דעם מקור פון וועלכן ס'קומט פאַר די פעלקער — פרייד, גליק און די העכסטע מדרגה פון קולטור, און זיי קענען דעם שורש פון וועלכן ס'וואַקסט אַרויס די ירידה און דער אונטערגאַנג. צו אַזעלכע גייסטער האָט אויך געהערט גוסטאַוו לאַנדויער".

לאַנדויער — דערציילט אונדז פראַנק — זעט דעם פּועל־יוצא פון מלחמה: די אוממעגלעכקייט אויפצובויען די נייע וועלט מיט די אַלטע מיטלען. עס איז אַ טעות צו גלויבן אַז ס'איז נאָר גענוג אַז די „פּאָליטישע פּאַרטיי וועלכע האָט די ראַדיקאַלסטע פּראָגראַם זאָל זיך דערשלאָגן צו דער מאַכט און די סאָציאַלע ישועה וועט אַראָפּקומען כהרף עין". אַלע געדאַנקען וועגן סאָציאַליזם דרייען זיך ביי לאַנדויערן אַרום איין צענטער: די פאַרבינדונג פון אויסערלעכן לעבן מיטן אינערלעכן קול פון געוויסן. „ווי יעדער אמתער רעוואָלוציאָנער — זאָגט פראַנק — האָט ער דעריבער געוואָלט פאַרענדערן ניט נאָר די אויסער־לעכע פאָרמען פון לעבן, נאָר, ראשית כל און קודם כל, דעם גייסט פון די מענטשן . . . מיט נאָך אַ גרעסערער ליידנשאַפט איידער קעגן דער מאַרקסיסטי־שער טעאָריע, טרעט ער אַרויס קעגן די גוואַלט־מיטלען און טעראָר. וויל דורך דעם פיזישן כח אָן שום תנאים באַווייזט מען נאָר די אומפּייאיקייט פון די גייסטיקע מיטלען: ווערטער און מעשים".

אין טיפער איפּרעגונג רופט אויס פראַנק:

„אין אים האָט דאָס בלוט פון די נביאים געזשורעט מיט אַזאַ קראַפט, וואָס איר גלייכן איז נאָך אינעם נייען יידנטום כמעט ווי גאָרניט געווען. ניט קיין דיכטער און ניט קיין אוטאָ־פּיסט אין געוויינלעכן זין איז ער געווען, נאָר אַ נביא וואָס האָט פאַרגליכן די גאַנצע ירידה, די חרפּה און דעם גיהנום אין וועלכן די מענטשהייט פייניקט זיך מיט דער הויך, מיט דער פּראַכט און מיט דער פרייד צו וועלכע דאָס לעבן פון דער געזעלשאַפט קען זיך דער־הויבן".

איז עס כאַראַקטעריסטיש פאַר פראַנקס אומאָפּהייניקן געדאַנק אַז ביי זיין גאַנצער באַגייסטערונג פאַר דעם ייד לאַנדויער, האָט ער ניט פאַרהוילן אַז יידנטום אַלס אידייע און יידיש פאָלק אַלס טרעגער פון אַ געשיכטלעכן גורל, האָבן ניט געשפּילט קיין באַזונדערע ראָלע אין זיין דענקען. אמת, זאָגט פראַנק, ער האָט געשפּירט דאָס יידנטום „וואָס איז געלעגן אין די טיפסטע שיכטן פון זיין נשמה, אונטער דעם שוועל פון זיין באַוואוסטזיין". אמת, עס

איז ניט שווער „צו דערזען איןביידע גרונט־יסודות פון לאַנדויערס וועלט־אַנשויאונג צוויי אוראַלטע טענדענצן פון דעם יידישן קולטור־באַגריף". אָבער — „צום אומגליק איז ער געווען נאָר אַן אויסנוויניקסטער באַטראַכטער פון יידנטום". עס איז כדאי צו אונטערשטרייכן ווי ערלעך און אומבויגזאַם ה. פראַנק איז געווען אפילו לגבי יענעם מענטשן וועלכן ער האָט באַטראַכט אַלס זיין לערער און מורה דרך.

און לאַנדויער איז געוואָרן אין אַ גרויס מאָס די גייסטיקע ראַם אין וועלכער עס האָט זיך אָפּגעשפּיגלט דאָס גאַנצע גייסטיקע לעבן פון ה. פראַנק. שוין אין איינער פון זיינע סאַמע לעצטע אַרבעטן (אין דעם פאָרוואָרט צו דעם באַרימטן ווערק פון עטיען לא באָעסי „פרייווילליקע שקלאַפעריי") האָט ער ווידער מיט ליבע און דרך ארץ דערמאַנט זיין נאָמען. ריידנדיק וועגן די רע־וואָלוציאָנערע אידייען פון לא באָעסי, וואָס האָט געלעבט מיט 400 יאָר צוריק, פאַרבינדט ער זיי מיט די געדאַנקען און פאָדערונגען פון דעם מאָדערנעם רעבעלישן גייסט לאַנדויער. זיי ביידע זיינען מיט דער טיפסטער שאַרפקייט אַרויסגעטראָטן קעגן דער הערשאַפט פון מענטש איבער מענטש, אָבער — אונטערשטרייכט ה. פראַנק — די פאָרמולע פון „נישט דורך הערשאַפט" איז געווען פאַר לאַנדויערן נאָר אַ העלפט פון דער אמתער פאָרמולע פאַר אַ צו־פרידנשטעלנדיקן מענטשלעכן צוזאַמענלעבן. אמת, מענטשן זיינען, אָדער דאַרפן זיין, ברידער, — אָבער אַ טעות מאַכן די וואָס מיינען אַז תיכף נאָכן אָפּראַמען די שטערונגען און געוואַלט וועלן זיי שוין זיין אמתע ברידער. „כדי דער אויפבוי פון דעם מענטש, פון דעם נייעם דור — שרייבט פראַנק — זאָל קענען אָנהאַלטן און זיך אַנטוויקלען, איז נויטיק אַז צוקומען זאָל צו דער רע־וואָלוציע נאָך עפּעס אַנדערש: עס מוז צוקומען גייסט, וואָס איז פון ג. לאַנדויערן פאָרמולירט געוואָרן אַלס „בונד אין פרייהייט", ד. ה. פריי זיין אין דער גע־בונדנקייט, לעבן אין גייסטיקער פאַרבונדנקייט דורך מענטשלעכער קעגנזייטי־קייט און קאָאָפּעראַציע. אַט דאָס מיינט טאַקע אַז די פולע פאָרמולע, אין זין פון לא באָעסי'ס און לאַנדויערס וועלט־באַנעם, דאַרף זיין: „נישט דורך געוואַלט און הערשאַפט, דורך צוואַנג, שטאַט אָדער געלט, דאַרפן די מענטשן זיין פאַר־בונדן אין אַ קאָלעקטיוו, נאָר דורך גייסט". דאָס איז געשריבן געוואָרן ניט אין 1921, נאָר אין יאָר 1951.

***

מיר האָבן אָבער אַ באַווייז אַז — נאָך איידער פראַנק איז געקומען קיין בערלין — האָט ער שוין אין אַ זייער קלאָרער פאָרם פאָרמולירט די הויפּט־אידייען פון זיין סאָציאַל־פילאָזאָפישער וועלט־אַנשויאונג. דאָס האָט ער געטאָן אין אַ סעריע אַרטיקלען, אונטערן נאָמען „נאָכן וועלט־שטורעם", פאַרעפנטלעכט אין יאָר 1919, אין אַ יידישער צייטשריפט אין פוילן. אין ליכט פון אָט די אידייען פון דעם יוגנטלעכן ה. פראַנק קען מען ערשט אָמבעסטן פאַרשטיין דעם געדאַנקן־גאַנג פון דעם אויסגערייפטן און דערפאַרענעם דר. פראַנק אין די סאַמע לעצטע יאָרן זיינע. עס איז אין תוך איין גייסטיקע ליניע פון אַ גאַנץ לעבן.

ער האָט אין יענער אַרטיקל־סעריע אַנאַליזירט די רעזולטאַטן פון דער אָקאָרשט דורכגעשטורעמטער ערשטער וועלט־מלחמה, בעת אין פאַריז איז געזעסן די קאָנפערענץ פון די דעמאָלדיקע שלום־מאַכער. האָט ער, ראשית כל, באַטאָנט די שוואַכע באַדייטונג פון דער שלום־קאָנפערענץ. „ווייל מען מוז גאַנץ פריי ריידן וועגן צוויי ליקווידאַציעס פון דער גרעסטער מלחמה אין דער וועלט־געשיכטע: איינע וואָס קומט פאָר אויפן פּאַפּיר, אַלס פּראָדוקט פון די דיפּלאָמאַטישע חשבונות און „הויך־פּאָליטישע" קאָמבינאַציעס, און די צווייטע וואָס קומט פאָר אין דער ווירקלעכקייט, נאָך אירע אינערלעכע, געהיימע געזעצן וואָס באַשטייען פון אַ גאַנצן קנויל פון עקאָנאָמישע און קולטור־פּסיכאָלאָגישע

מאָמענטן. אויף דער דאָזיקער צווייטער ליקווידאַציע פון דער מוראדיקער וועלט־שרפה וועלן מיר זיך אָפּשטעלן, ווייל אויף דער אמתער אויסגעשטאַלטונג פון דער וועלט אין דער ווייטער צוקונפט וועט זי און ניט די פּאַפּירענע ליקווידאַציע אַרויפּלייגן דעם אמתן שטעמפּל".

אונדזער אויטאָר גייט דערנאָך אַריבער צו די גוואַלטיקע מאַסן־דערשיינונגען און געפּאַרן וואָס האָבן זיך אַנטפּלעקט אַלס דער פּועל יוצא פון דער מלחמה. אָט איז דער אַרבעטער־קלאַס וועלכער האָט לויט דער הערשנדיקער מאַרקסיסטישער שיטה געזאָלט פאַרנעמען אַ פירנדיקן פּלאַץ אין די אייראָפּעאישע גרויסע מלוכות. „איז אָבער — באַמערקט פראַנק — דער ערשטער שטויס פון דעם אונטערערדישן כח פון סאָציאַלער אומצופרידנקייט דוקא פאָרגעקומען אויפן רוסישן באָדן, וואו דער אינדוסטרי־פּראָלעטאַריאַט מאַכט אויס אַ 5% פון דער באַפעלקערונג און איז נאָך כמעט ניט צוגעגרייט צו אַ ראָלע פון אַ הערשנדן קלאַס. אין ענגלאַנד, דייטשלאַנד און פראַנקרייך איז די קראַפט פון פּראָלעטאַריאַט ניט געווען גענוג גרויס אויף צו באַקומען די פּאָליטישע מאַכט אין זיינע הענט". און פראַנק שטעלט זיך די פראַגע: „אויב נאָר די אַזוי גערופענע אָפּגעשטאַנענע לענדער אין אייראָפּע זיינען צום שטאַרקסטן ראוי אויפצונעמען די פונקן פון סאָציאַלן פּראָטעסט־פייער, צי מערקט זיך ניט דערמיט אָן גאָר אַ ניי וועלט־פּערספּעקטיווע? צי וועט זיך דער סאָציאַלער פייער ניט צעפלאַקערן אין די לענדער וואָס זיינען נאָך מער אָפּגעשטאַנען אין זייער אינדוסטריעלער קולטור ווי רוסלאַנד און אונגאַרן, און האָבן אין זיך גענוג ברענשטאָף צוליב דער לאַנגער הערשאַפט איבער זיי פון די „אייראָפּעאישע קולטור־טרעגער"? מיט איין וואָרט, צו שטעלן ניט פאַר די מזרח־לענדער — כינע, אינדיע און אַראַביע — אַ מוראדיקן ווולקאַן וואָס קען פאַרמאָגן אַ גוואַלטיקע צעשטערונג־קראַפט?"

מען קען נישט לייקענען אַז פראַנק האָט פאַרמאָגט אַ שאַרף אויג אויף פאָראויסצוזען היסטאָרישע אַנטוויקלונגען.

ווער און וועלכע סאָציאַל־פּאָליטישע כחות וועלן אַרויסגיין מיט נצחון פון דער מלחמה? פרעגט ווייטער פראַנק. זאָל עס זיין די דעמאָקראַטישע מלוכה וועלכע איז פּראָקלאַמירט געוואָרן אַלס הויכער ציל פון דער געזעלשאַפט? אָבער „דער סך־הכל פון דער מלחמה האָט באַוויזן ווי מ'האָט זיך גענאַרט אין דער מאָראַלישער קראַפט פון דעם געמיינזאַמקייט־באַוואוסטזיין פון די בירגער אין דער מלוכה. אין אַלע לענדער, און באַזונדערס אין דייטשלאַנד, האָט זיך אין משך פון קריג פאַרשפּרייט אַ קעגנזייטיקע עקספּלואַטאַציע פון די בירגער דורך דער געמיינסטער האַנדל־ספּעקולאַציע. אין דער צייט פון גוואַלטיקע קרבנות אין בלוט און האָב פון הונדערטער טויזנטער בירגער האָט אַן אומבאַדייטנדיקער אין צאָל קלאַס אויסגענוצט די לאַגע פון דעם „פאָטערלאַנד" פאַר די אייגענע קעשענע־אינטערעסן. דער חשק נתעשר צו ווערן אויפן חשבון פון כלל האָט זיך פאַרשפּרייט ווי אַ פּסיכאָז צווישן אַלעמען: הענדלער און פּויערים, פאַבריקאַנטן און אַרבעטער. די דאָזיקע קעגנזייטיקע עקספּלואַטאַציע האָט דערגרייכט אַזוי הויך אַז ס'איז ממש צעטרייסלט געוואָרן דער באַגריף פון סאָלידאַרישן מלוכה־באַוואוסטזיין ווי אַ פונדאַמענט פון פּאָליטישער אָרגאַניזאַציע". פראַנק זעט פאָראויס אַז אָט דער צושטאַנד פון קאָלעקטיוון ציניזם און הפקרות איז אַ „קריינק וועלכע קען פירן צום אונטערגאַנג פון פּאָליטישן מלוכה־אָרגאַניזם, צו דער פאַנאַנדערשיטונג פון דער געזעלשאַפט אין מיליאָנען איינצעלנע יחידים אָן דעם סאָלידאַרישן אחריות־געפיל און רעספּעקט פאַרן „לעגאַלן" מלוכה־אויטאָריטעט".

אָט די ווערטער זיינען געשריבן געוואָרן איידער די טאָטאַליטאַרישע רעזשימען האָבן פאַרוואַנדלט די מלוכות אין זייערע פּריוואַטע שפּילצייג. היינט ווייסן מיר בעסער צו וואָס עס האָט געפירט דער מלוכהשער און געזעלשאַפט־

לעכער ציניזם, און ווי אַזוי מיליאָנען בירגער זיינען טאַקע פאַרוואַנדלט געוואָרן אין שטומע, אחריותלאָזע אונטערטאַנען פון יעדן שטאַרקן רעזשים.

אָבער די מלחמה האָט דאָך פראָקלאַמירט (אין די פערצן פונקטן פון פרעזידענט ווילסאָן) די באַפרייאונג פון די קליינע נאַציעס! מען האָט דאָך זיי — די קליינע אונטערדריקטע פעלקער — געגעבן „זעלבסטבאַשטימונג־רעכט", ד. ה. די מעגלעכקייט זיך איינצואָרדנען אין די ראַמען פון אַן אייגענער מלוכה! איז דאָס ניט געווען אַ גייסטיקער נצחון פאַר דער מענטשהייט?

אויף די פראַגן ענטפערט אונדזער מחבר מיט אַ שאַרפן, טיף־דרינגנדיקן ניין. ווייל, דער פרינציפּ איז געבליבן אין דער לופטן, און „אין לעבן איז אַרויס־געקומען אַ ווירוואַר און קעגנזייטיקע שנאה וועלכע האָבן זייער גלייכן ניט אין די לעצטע יאָרהונדערטן פון דער אייראָפּעאישער געשיכטע". אָט זיינען באַר אייניקע באַווייזן.

„די קליינע פריש־אויסגעבאַקענע מלוכות וועלכע וועלן איצט דערשיינען אין דער פּאָליטישער געאָגראַפיע פון אייראָפּע אויף די חורבות פון די פריערדיקע גרויסע אימפּעריעס — רוסלאַנד און עסטרייך, — זיינען אין דער אמתן גאָרניט זעלבשטענדיק אין זייער עקאָ־נאָמישער פּאָליטיק, און קענען דאָס גאָרניט זיין כל זמן ס'איז ניט בטל געוואָרן די פּאָליטיק פון צאָל־טאַריפן אין די האַנדלס־באַציאונגען. אין רעזולטאַט פון דער „באַפרייאונג" פון די קליינע פעלקער לויטן נוסח פאַריז איז אַרויסגעקומען אַ גאַנצער סכום פון שפּעטערדיקע קאָנפליקטן אויפן עקאָנאָמיש־פּאָליטישן באָדן, וועלכע וועלן שאַפן נייע רייבונגען צווישן די מעכטיקע וועלט־הערשער און זייערע נייע וואַסאַל־לענדער. און דאָס קען פירן צו אַן אייביקער סכנה פון נייע מלחמות".

נישט געגוג דערמיט — זאָגט פראַנק. די ניי־אויפגעבויטע מלוכות האָבן תיכף נאָך זייער באַשאַפונג אַרויסגעוויזן אַ גוואַלטיקן „אַפּעטיט". „די נאַציאָ־נאַלע מלוכהלעך זיינען אַרויס פון זייער פריערדיקער לאַגע מיט אַ גרויסער ירושה וואָס איז ליידער נעגאַטיוו און ניט שעפעריש, — דער נאַציאָנאַלער עגאָאיזם. דער גאַנצער מלוכה־אַפּאַראַט, די כלי זיין און די גאַנצע טעכנישע קולטור איז אַוועקגעשטעלט געוואָרן אין דינסט פון דעם נאַציאָנאַלן עגאָאיזם. ביי אַזעלכע באַדינגונגען איז דער נאַציאָנאַליזם מסוגל צו פאַרוואַנדלען זיך אין אַ שאָוויניזם, אויב ס'פעלט אים דער שטאַרקער סאָציאַל־פּסיכאָלאָגישער פאַקטאָר וועלכן מען רופט מענטשלעכקייט. אַזוי אַרום האָט זיך גאַנץ מיטל־אייראָפּע פאַרוואַנדלט אין אַ צווייטן „באַלקאַן" מיט אַ סך אַ ברייטערן שטח און אַ גרעסערן רעזערוו פון ברענשטאָף".

ה. פראַנק לאָזט ניט אַרויס פון אויג דעם פּאָליטישן אידעאַל וועלכן די דעמאָקראַטישע מלחמה־פירער האָבן אַרויסגעשטעלט אַלס ציל: דעם פעלקער־בונד. דער פעלקער־בונד האָט געזאָלט ווערן די העכסטע אינסטאַנץ אויף צו לייזן קאָנפליקטן צווישן מלוכות און פאַרהיטן זיי פון מלחמות. ה. פראַנק זאָגט אָבער אַרויס זיין נישט־צוטרוי צו אָט דער נייער האָפנונג פון דער וועלט מיט אַ זעלטענער קלאָרקייט. דערביי פאָרמולירט ער אַ געדאַנק וועלכן ער איז געבליבן געטריי אויף שטענדיק, אויך בעת עס האָט זיך געגרינדעט די יידישע מדינה. עס לוינט זיך צו פאַרטראַכטן זיך וועגן אים נאָך אַ צייט — מהלך פון 35 יאָר.

„דער אמתער זין פון פעלקער־בונד קען גאָר דאַן דערשיינען קלאָר, ווען מען שטעלט זיך פאַר בולט דעם טיפן אונטערשייד פון די באַגריפן „מלוכה" און „פאָלק". נאָר דאַן ווען מען הערט אויף צו דענקען אין „מלוכות", ד. ה., פאָרשטעלן זיך די מלוכה אַלס דאָס הייליקסטע און גרעסטע וואָס טאָר ניט באַרירט ווערן, איז מען ערשט מסוגל תופס צו זיין די באַדייטונג פון אַ פעלקער־ליגע. די „סואווערעניטעט פון די נאַציעס" וואָס איז געווען ביז איצט דער העכסטער באַגריף אין פעלקער־רעכט און צוליב וועלכן עס האָבן זיך גערעכנט פאַר כשר אַלע מיטלען פון ווילדער משוגעת און באַרבאַרישקייט, איז געווען פאַרקערפּערט אין די מלוכה־אָרגאַניזאַציעס. דער בונד פון אַזעלכע מלוכות איז נאָך זייער

ווייט פון אַ פעלקער־בונד, ווייל יעדע נאַציע האַלט זיך פאַר דער העכסטער באַלעבאָסטע אי־בער דעם גורל פון אירע בירגער. פעלקער אָבער דאַרפן באַטראַכטן די מלוכה ניט אַלס דעם העכסטן געטש וואָס פאָדערט פאַר זיך לעבעדיקע קרבנות צוליב „נאַציאָנאַלן כבוד", נאָר אַלס אַן אָרגאַן פון דער אַלגעמיינהייט פון פאָלק וואָס קען זיך בייטן לויט זיינע באַדערפעניש. מיט איין וואָרט, מ׳מוז אָפּוואַרפן פון זיך דעם מיסטישן גלויבן אין דער מלוכה כדי רייף צו ווערן צו אַ פעלקער־בונד".

דערפאַר האָט פראַנק מיט אַזוי פיל אינערלעכער איבערצייגונג געקענט דערקלערן אַז „די אָפּמאַכן פון די איצטיקע רעגירונגען טראָגן אין זיך אַ גאַנץ שוואַכע אָפּשפּיגלונג פון יענע גרויסע טענדענצן וועלכע די צייט האָט באַשאַפן, נאָר וואָס זיינען אַזוי צעקריפּלט געוואָרן אין רויש פון דעם מיליטערישן נצחון". דער גאַנצער אַרטיקל איז געשריבן מיט אַ לאָגיק, קענטעניש אוןליידנשאַפט וואָס איז נאָר צו באַוואונדערן. ער אַנטהאַלט אין זיך אַ רעוואָלוציאָנערע איינשטעלונג צו דער גאַנצער אייראָפּעאישער מלוכה־ציוויליזאַציע, פאַר וועל־כער עס זיינען געפאַלן כורעים די ליבעראַלן און סאָציאַליסטן פון אַלע פעלקער. אָבער אין אָט דער איינשטעלונג איז ניט געווען קיין איין פונק פון דער באָלשע־וויסטישער אידעאָלאָגיע אָדער אפילו אַנאַרכיסטישן סיסטעם. עס איז דאָ אַנפּלעקט אַ געדאַנקען־גאַנג פון אַן אומאָפּהייניגיקן פרייהייטלעך־סאָציאַליסטישן מענטשן וועלכער זעט די מענטשהייט מיט אייגענע אויגן. זעלטן ווען אַזאַ דאָקומענט איז אין יענע יאָרן — 1919 — אַרויס פון אַ יידישער פעדער.

ה. פראַנק איז געקומען צו ג. לאַנדויערן מיט אַ היפּשן אייגענעם גייסטיקן באַגאַזש. ניט קיין וואונדער וואָס ער האָט זיך אין דייטשלאַנד גלייך פאַרבונדן סיי מיט אים סיי מיט מאַרטין בובערן (וועמעס „דריי רעדן איבער דאָס יידנטום" ער האָט געהאַט איבערזעצט).

***

ווי געזאָגט, איין געדאַנקלעכער, וועלט־אָנשוילעכער פאָדים ציט זיך דורך אַלע אַרבעטן פון פראַנקן. אין אָט דעם באַנד זיינען פאַרעפנטלעכט אַ ריי פון זיינע עסייען וועגן פאַרשיידענע גייסטיקע פירער פון דער מענטשהייט. מיר שיקן אָפּ דעם אויפמערקזאַמן לייענער צו זיי, אָבער מיר קענען זיך ניט אָפּהאַלטן פון אונטערשטרייכן אין זיי אייניקע געדאַנקען וועלכע שפּיגלען אָפּ אַזוי קלאָר ה. פראַנקס גייסטיקן פרצוף פנים. אין אַרטיקל וועגן דעם אַמעריקאַנער דענקער הענרי ד. טהאָראָ פון יאָר 1950, קומט ער צום אויספיר אַז „גוצלאָז איז די אויסערלעכע פּאָליטישע (און סאָציאַלע) רעוואָלוציע, אויב זי באַרירט ניט דעם מענטשנס גייסט, זיין געוויסן, פון אינעווייניק; אויב זי באַשאַפט ניט קיין נייע, רעגענערירטע סביבה, קיין סאָציאַל־עטישע אַטמאָספער. וועגן דעם האָבן געטרוימט און צו דעם האָבן געשטרעבט טהאָראָ און איבסען און אַ סך אַנדערע ווייט־זעעוודיקע גייסטער און וועגווייזער".

בעת פראַנק שילדערט די טראַגישע פיגור פון פערדינאַנד לאַסאַל (אין דער „פרייער אַרבעטער שטימע" פון מאַי 1925), באַדויערט ער דעם פאַקט וואָס דער גרויסער טריבון פון אַרבעטער־קלאַס איז געווען אַ שטאַט־סאָציאַ־ליסט. „איצט — שרייבט ער — הונדערט יאָר נאָך זיין געבורט זעען מיר קלאָר צוויי זאַכן: 1) ווי ווייט עס איז נאָך די אַרבעטער־באַוועגונג פון איר ענדציל, און 2) ווי שוואַך עס איז די ווירקונג פון די אויסערלעכע פאָרמען ווען עס בייט זיך ניט גלייכצייטיק דער אינעווייניקסטער וועזן פון דעם קאָלעקטיוו וועלכער וועט, ווי לאַסאַל האָט געגלויבט, דערציען און דערפירן די גאַנצע מענטשהייט צו דער פרייהייט". דערפאַר טאַקע האָט ה. פראַנק געווידמעט ניט ווייניק פון זיין פאָרשונג־אַרבעט צו דער קריטיק פון דער מאַרקסיסטישער לערע. די דאָזיקע קריטישע באַמערקונגען זיינען צעשפּרייט אין אַ סך פון זיינע אַרבעטן, אָבער זיי זיינען צוזאַמענגעפאַסט געוואָרן אין אַ סיסטעמאַטישער

פאָרם אין זיין היסטאָריש־וויסנשאַפטלעכן עסיי וועלכן ער האָט אָנגעשריבן אין 1952, פאַרן סוף פון זיין לעבן. דער עסיי טראָגט דעם נאָמען:
„מ. באַקונין און דער קאָמוניסטישער מאַניפעסט פון מאַרקס און ענגעלס".

פראַנק גיט ניט נאָר די געשיכטע פון יענעם „עפּאָכע־מאַכנדיקן" מאַני־פעסט פון יאָר 1848, נאָר ער פאַרטיפט זיך אויך אין זיין אינהאַלט „אין ליכט פון דער פרייהייטלעך־סאָציאַליסטישער אידעאָלאָגיע". ער צעגלידערט יעדן טייל און פונקט אין דעם געדאַנק־סיסטעם פון „מאַניפעסט", באַזונדערס דעם מאַרקסיסטישן גלויבן אין דעם „מוז" פון דער געשיכטע, אין דעם אומבויגזאַם אָנגעצייכנטן „פאַטום" פון איר אַנטוויקלונג. ער קומט צום אויספיר: „אַ פּראָבלעם וואָס די צוויי אויטאָריטאַרע מחברים פון מאַניפעסט האָבן לחלוטין פאַרזען, איז דער איצט אַקטועלער אָנגעווייטיקטער ענין פון פאַרבינדן, ד. ה. סינטעזירן די פּאָליטישע פרייהייט און מענטשלעכע חשיבות, פון איין זייט, און די עקאָנאָמישע און סאָציאַלע גערעכטיקייט און גלייכהייט, פון דער צווייטער זייט. דער באָלשעוויסטיש־טאָטאַליטאַרער רעזשים, איבערנעמנדיק אפילו דעם נאָמען „קאָמוניזם" ווי ער איז געבוירן געוואָרן אין 1848, האָט טאַקע געקענט מאַכן פון „קאָמוניסטישן מאַניפעסט" די ביבל פון דער נייער מלוכה־רעליגיע... דאָס טאַקע איז געווען און געבליבן דער טראַגישער פאַטום פון מאַניפעסט און פון מאַרקסיזם".

מיט אַ יאָר פריער, אין 1951, האָט פראַנק געשילדערט אין די סאַמע פינסטערע פאַרבן דעם „טראַגישן תהום" אין וועלכן די מענטשהייט צאַפּלט זיך איצט. אונדזער צייט האָט ער אָנגערופן אין ד ע ם אַרטיקל „די תקופה פון טעראָר".

„היינטצוטאָג איז דער הומאַניזם טויט ! ער איז אויסגעגאַנגען אויף די שלאַכט־פעלדער פון צוויי וועלט־מלחמות. געשטאָרבן איז דער הומאַניזם אין שפּאַנישן בירגער־קריג ; אויסגעהויכט זיין לעצטן אָטעם האָט דער אייראָפּעאיש־אַמעריקאַנער הומאַניזם אין די קרעמאַטאָריעס פון אוישוויץ און טרעבלינקע, אין די סאָוועטיש־רוסישע קאַטין־וועלדער; אין די אַטאָמיש־פאַרניכטעטע צוויי יאַפּאַנישע שטעט".

ווי אַזוי איז אָט דער מוראדיקער קריזיס געקומען? — פרעגט מיט צער אונדזער אויטאָר, און ער ענטפערט מיט דער באַזונדערער קלאָרקייט פון אַ וויט־זעעוודיקן מענטשן. „איר וועט קענען די פאַטאַלע פראַגן באַענטפערן בלויז דאַן, ווען איר וועט זיך דערטראַכטן צו אַ זעלבסטפאַרשטענדלעכן פּרינציפּ פון לעבנס־חכמה, דהיינו: דער מענטשלעכער וועג און שיקזאַל ווערט באַשטימט פון דעם מענטשנס אידייען־סיסטעם... עס איז איצט נויטיק אַ נייע אָריענ־טאַציע, אַ פרישע אינטערפּרעטאַציע פון געשיכטע און פון דעם מענטשנס אָרט אין איר... דער פעלער פון הומאַניזם איז געווען זיין פאַרלאָזן זיך נאָר אויף די נאַטור־פעגאָמענען. ער האָט מזכה געווען די מענטשהייט מיט דער „וויסנ־שאַפטלעכער" אַנטדעקונג אַז דער מענטש איז אויך נישט מער ווי אַ שטיק „נאַטור". און דאָס האָט באַטייט „אָפּוואַרפן די חשיבות פון לעבן און פון זיין העכסטן טרעגער — דעם מענטש".

אָבער ניט געקוקט אויף דעם טרויעריקן בילד וועלכן פראַנק האָט געמאָלט פון דער היינטיקער מענטשהייט, איז אין זיין צער נישט געלעגן קיין פאַר־צווייפלונג. דערפון האָט אים געראַטעוועט זיין גלויבן אַז אַן אויסוועג איז פאַראַן: „אין אַ נייער ווענדונג, אין אַ ניי־אָפּשאַצונג פון די גייסטיקע יסודות פון לעבן און פון דער געזעלשאַפט... נאָר און בלויז אויפן אָנגעוויזענעם וועג קען די זעלבסט־צעשטערונג פון דער מענטשהייט, און אפשר פון דעם גאַנצן ערד־פּלאַנעט, דאָך סוף כל סוף פאַרמידן ווערן".

אָט דער געדאַנק וועגן דער אָנקומענדיקער קאַטאַסטראָפע ווי אַ שטראָף פאַר די זינד פון דער מענטשהייט, האָט פראַנקן אין די לעצטע יאָרן אָפּט פאַרפאָלגט. ער האָט וועגן דעם אויך געשריבן אין זיין וואונדערבאַרן אַרטיקל וועגן לאַ באָעסי, ווי מיר וועלן באַלד זען. (יאָר 1951). אָבער — ווי כאַראַק־

טעריסטיש פאַר דעם יידישן גייסט — איבער דעם טונקעלן כאַאָס פון מבול האָבן פאַר אים ווידער געשוועבט די ליכטיקע שטראַלן פון רעטונג און אויפקום. „דער סוף פון דער „ציוויליזירטער" מענטשהייט לויערט שוין, ווי אַ שרעק־לעכער געשפּענסט, איבער די האָריזאָנטן פון דער נישט גאַנץ ווייטער צוקונפט" — זאָגט פראַנק, אָבער ער זעט פאָראויס אויך די אַנדערע מעגלעכקייטן:

„אָדער — וואָס קען אויך זיין! — די איצטיקע קאַטאַסטראָפע איז אַ פּרעלודיע צו אַ פון זיך אַליין אויפקומענדיקן, סטיכישן און אַלוועלטלעכן מענטשלעך־עטישן אויפשטאַנד, אַ בונט וואָס קען ווערן אַ ווענדפּונקט אין דער געשיכטע.

דער גלויבן אין דער פונדאַמענטאַלער גוטסקייט פון מענטש, די פּולהאַרציקע אַקצעפּ־טירונג פון אַן עטישן נאַטור־געזעץ מכוח מענטשלעכקייט, — דאָס זיינען די הויפּט־שטריכן פון אַ נייעם קוק אויף מענטש, וועלט און לעבן, וואָס קענען נאָך די וועלט אין איר איצטיקן קריזיס ראַטעווען. זיי אַלע מוזן אָבער באַלעבט ווערן דורך אַן אויפשטאַנד — ליידנשאַפט, אַ פלאַם וואָס קען פאַרהאַרטעווען און לייטערן אַלע מענטשלעכע גלויבנס און טוגנטן און קען זיי ברענגען צו דער העכסטער און ווירקזאַמער קראַפט".

לאָמיר פאַרגעדיינקען אַט די רופנדיקע רייד פון ה. פראַנקן. מיט וואָס פאַר אַ ציטעריקער פרייד שרייבן זיך אויס די אויסדרוקן וועלכע ער האָט געברויכט: מענטשלעך־עטישער אויפשטאַנד, עטישער נאַטור־געזעץ, פונדאַ־מענטאַלע גוטסקייט פון מענטש. וואָס פאַר אַ ריינע רעוואָלוציאָנערע פלאַם האָט באַהויכט און באַליכטן זיינע רייד! ווי מערקווירדיק זיין גלויבן אין דער מענטשלעכער גוטסקייט, אַזוי וואַרעם אַרויסגעזאָגט אין סוף פון זיין לעבן, האָט באַשטעטיקט דעמזעלביקן גלויבן זיינעם אין אָנהויב פון לעבן. האָט ער דאָך אין זיין אַרבעט וועגן לאַנדויערן גערעדט וועגן דער „אמתער מענטש־לעכער נאַטור מיט אירע גוטע אייביקע אינסטינקטן ווי ליבע, קעגנזייטיקייט און גערעכטיקייט".

***

ה. פראַנק איז געווען פאַראינטערעסירט ניט נאָר אין דעם פּריהייטלעכן סאָציאַלן געדאַנק בכלל, ווי ער איז נוגע די מענטשהייט אַלס גאַנצעס. ער האָט ניט ווייניקער געשטרעבט צו פאַרבינדן אַט דעם געדאַנק מיט דער יידישערווירקלעכקייט: מיט דער גייסטיקער פאַרגאַנגענהייט פון יידישן פאָלק און מיט זיין קאַמף פאַר דער צוקונפט. עס איז דערפאַר געווען מער ווי נאַטיר־לעך אַז — ליידער ערשט אין דעם פאַרלעצטן יאָר פון זיין לעבן — האָט ער זיך געווענדעט צו אַ סיסטעמאַטישער אַרבעט אויף אַט דעם נייעם געביט. אין 1951 איז דערשינען אין פּאַריז און תל אביב זיין בראָשור „אַנאַרכאַ־סאָציאַ־ליסטישע אידייען און באַוועגונגען ביי יידן". זי האָט אַנגעמערקט און אָוועק־געשטעלט אַ ריי וויכטיקע פּראָבלעמען פון יידישן און אוניווערסאַלן אינטערעס. עס איז צו באַקלאָגן דעם ביטערן גורל וואָס אים איז ניט באַשערט געווען אָפּצוגעבן זיך מיט זיין גאַנצער גייסטיקער ענערגיע צו אַט דעם וויכטיקן ענין.

„אַזוי ווי אַ קאָלירטער פאָדים ציט זיך אַ שאַרף אָנזעעוודיקע אידייע דורכן גאַנצן געוועב פון דער יידישער געשיכטע — אַזוי הויבט אָן ה. פראַנק זיין עסיי — די אידייע פון גייסטיקן כח, פון עטישע באַגריפן. ביז גאָר קלאָר טרעט אַט דער געדאַנק אַרויס אין תנ"ך און אַמשטאַרקסטן ביי די נביאים. במילא זיינען זיי אין פּרינציפּ געווען אויסגעשפּראָכענע קעגנער פון מלוכהשאַפט און פון מלכים". נישט פאַרלייקנדיק אויך די שאָטנדיקע זייטן פון יידישן קהילה־לעבן, פאָלגט פראַנק נאָך די יידישע סאָציאַלע געשיכטע און שטרייכט אונטער ווי „סיסטעמאַטיש, דור נאָך דור, ווערט פון יידישן פאָלקס־שאַפן אויס־געוואָרצלט אַלץ וואָס האָט אַ שייכות צו בלוטיקער מלחמה און קריגס־גבורה . . . אַ סאָציאַל־קולטורעלער קהילה־שטייגער איז אויפגעקומען ביי יידן, וואָס אין זיין יסוד איז געלעגן ניט דער מלוכה־געזעץ, נאָר די פריוויליקע דיסציפּלין און אַ נייגונג צו סאָלידאַריטעט און קעגנזייטיקער הילף".

אונדזער אויטאָר גייט אַריבער צו אַ גענויער שילדערונג פון די יידישע

פרייהייטלעכע (אַנאַרכיסטישע) באַוועגונגען אין פאַרשיידענע לענדער, — און דער לעזער וועט אַמבעסטן אָפּשאַצן די אַרבעט אין דעם דאָזיקן בוך. מיר ווען נאָר דערמאָנען אייניקע פון פראַנקס סך־הכּלען און אויספירן ביי דעם סיום פון זיין פאָרשונג. „אַלס קינדער פון אַן אַלטן און פיל־געליטענעם פאָלק — זאָגט ער — זיינען די יידישע אַנאַרכאָ־סאָציאַליסטן, אפשר נאָך מער ווי זייערע נישט־יידישע חברים, גענייגט צו פאַרהערלעכן דעם ענדציל פון אַנאַרכיזם, ד. ה. דעם אידעאַל פון אַ פרייען מענטשן אין אַ פרייער געזעלשאַפט". דער וועלט־באַנעם פון אַנאַרכיזם איז ביי יידן פאַרבונדן מיט אַ טיף־אָריגינעלן אַספּעקט פון דער גייסטיקער געשיכטע פון יידן אַלס אַ פאָלק. דאָס הייסט — לויט פראַנקן — אַז די יידישע גייסטיקע ירושה פירט צו די אידייען פון דעם מאָדערנעם הערשאַפטלאָזן אידעאַל. ווי באַווייזט ער עס? „עס איז נעמלעך פיל לייכטער דעם יידישן אַנאַרכיסט, ווי זיין חבר פון אַ וועלכן נישט איז צווייטן פאָלק, אָפּצושלאָגן דעם פאָרוואורף אַז די שטרעבונג צו אַ הערשאַפטלאָזער אָרדנונג צייכנט זיך אויס מיט אוטאָפּיזם. מען מיינט אַז דער גלויבן אין צוואַנג און געוואַלט איז כּלומרשט נויטיק פאַר דער זעלבסט־דערהאַלטונג, פאַר דער באַהויפּטונג פון דעם מענטשלעכן צוזאַמענלעבן אויף דער רעאַלער ערד אין דער וועלט ווי זי איז. ווייזט אָבער דער ביישפּיל פון דער יידישער געשיכטע, וועלכע וואָלט געדאַרפט גוט באַקאַנט זיין דווקא די אַנאַרכיסטן־יידן, אַז פאַר דעם לעבן פון אַ פאָלק זיינען צוואַנג, געוואַלטזאַמע אויטאָריטעט, מיליטאַריזם און מלחמה, ווי אַ סך אַנדערע פאָרמען פון דער מאָדערנער שקלאַפעריי, לחלוטין ניט קיין אַבסאָלוט־נויטיקע פאָרבאַדינגונגען".

אַזוי אַרום קומט פראַנק צו זיין טיפזיניקן אויספיר אַז אין דער מיסטעריע פון דער יידישער געשיכטע — אין איר שעפערישער עקסיסטענץ מיט אירע אייגענע מיטלען — ליגט אַן אָנדייט און אַ וועג פאַר דער דערלייזונג פון דער גאַנצער מענטשהייט. דאָס איז פאַר אים געווען דער יידישער באַווייז פון דער פרייהייטלעכער אידייע.

*
**

פראַנקס גייסטיקע זוכענישן און פאָרשונגען זיינען אָבער ניט געווען באַשריינקט אויף די גרויסע פּראָבלעמען פון סאָציאַלער און מאָראַלישער באַפרייאונג פון מענטש. פירנדיק אַ לעבן לאַנג דעם קאַמף פאַר דער מענטשלעכער חשיבות, פאַר סאָציאַלער גערעכטיקייט, פאַר אַ הערשאַפטלאָזן סדר, האָט ער געזוכט אויך אַ טיפערן יסוד פאַר די אַלע קאַמפן. און דעם יסוד האָט ער געזען אין דער רעליגיעזער איינשטעלונג פון דעם מענטש. דערביי האָט ער געהאַט אין זינען ניט נאָר די עמאָציאָנעלע געפילן פון רעליגיאָזיטעט, נאָר טאַקע אַ פּאָזיטיווע רעליגיעזע לעבנס־אָנשויאונג. אָ דער ענין האָט אים באַשעפטיקט ווידער אַמאָל פון זיינע יינגסטע יאָרן אָן, און איז אייגנטלעך געשטאַנען אין דעם גייסטיקן הינטערגרונד פון אַלע זיינע אינטערעסן.

אין יאָר 1926 האָט ער פאַרעפנטלעכט אַ גרעסערע אַרבעט וועגן „פעליקס אַדלער און די עטישע קולטור". ביי דער געלעגנהייט האָט ער ניט נאָר געשילדערט די געשיכטע און דעם מהות פון דער רעליגיעזער באַוועגונג „עטישע קולטור" אין אַמעריקע, נאָר זיך אָפּגעשטעלט אויך אויף דעם גאַנצן געביט פון רעליגיע בכלל. ער האָט דער דאָזיקער עטישער קולטור אַנטקעגנגעשטעלט די עכטע אמונה. מען קען זיך ניט באַגנוגן נאָר מיט דער אידייע פון מאָראַלישער פליכט אַליין, ווייל „די מאָראַלישע פליכט בלייבט אין תוך אַ געהיימניס פון דעם מענטשלעכן גייסט, ווי דאָס האָבן פריער אָדער שפּעטער אויסגעפונען אַלע מאָראַל־פילאָזאָפן". אויב די גלויביקע פון דער עטישער קולטור־באַוועגונג האָבן גענומען באַטראַכטן זי ווי אַ רעליגיע, איז עס געווען אַ בלינדע רעליגיע, אַ רעליגיע אָן אַן אָנהויב, אָן אַ וועג און אָן אַ ציל. „וואָרום (דערמאָנט אונדז פראַנק) דער מעטאַפיזישער אורשפּרונג און ענדציל פון די גרויסע רעליגיעס אין אונדזער אייראָפּעאיש־אַמעריקאַנישער וועלט איז גאָט".

די אידייע פון גאָט, פון פערזאָנאַלער גאָטהייט (יהוה), איז דער גרונט־יסוד פון דער יידישער רעליגיע. האָט עס אַ זין און אַ ווערט צו מאַכן אַן אָנגריף אויף דער אידייע פון יהוה? — פרעגט ה. פראַנק. און ער ענטפערט מיט אַ קאַפּיטל וועגן דעם „מיסטעריום פון דעם יידישן גאָט.״ דער יידישער אַנטראָפּאָמאָרפיזם איז די איינציקע אידייע זינט 3000 יאָר וואָס האָט נאָך עד היום איר לעבנס־קראַפט ניט פאַרלאָרן. דאָס איז יהוה, דער ביבלישער גאָט, דער גאָט וואָס טראָגט אין זיך, ערשטנס, די אייגנשאַפט פון מאָראַל און גערעכטיקייט, און, צווייטנס, די אייגנשאַפט פון שאַפונג.

„דאָס ציל פון דעם מענטשן דאַרף זיין צו העלפן גאָט צו שאַפן אַ בעסערע וועלט, און דאָס גיט דעם מענטשלעכן לעבן אַ זין און אַ ווערט. דאָס איז דער טיפער, און דאָך אַזאַ איינפאַכער מיין פון דעם באַגריף פון ביבלישן יהוה. אונטער דער איינפאַכקייט פון דער פאָרם איז פאַרבאָרגן אַ זייער טיפזיניקער אינהאַלט, פונקט ווי אונטער דער גלאַטער הויט געפינט זיך אַ פאַרוויקלטער און גייסטרייך־איינגעאָרדנטער אָרגאַניזם. די טיפסטע מאָראַליש־פילאָסאָפישע באַגריפן ווערן געמאַכט בולט פאַר דעם געוויינלעכסטן בעל־שכל״.

„נשמה, געוויסן, גאָט — דאָס איז דער חוט המשולש פון דעם רעליגיעזן מיסטעריום... ווי רייך און שעפעריש איז אַזאַ פאָרשטעלונג פון גאָט!״ — רופט אויס פראַנק. „דער צענטער און ענדציל פון רעליגיע בלייבט אַ ריין גייסטיקער, און דאָך ווערט ער אַריבערגעטראָגן פון דעם הימל אויף דער ערד, אין דער נשמה פון יעדן מענטשן. דאָרט, אין דעם אָפּגרונט פון זיין האַרצן, דערשפירט דער מענטש די שטימע פון גאָט וועלכע רעדט צו אים דורך דעם קול פון אייגענעם געוויסן״.

עס פאַרשטייט זיך פאַרוואָס ה. פראַנק האָט מיט אַ באַזונדערן אינטערעס אַריינגעקוקט אין זיגמונד פרוידס בוך וועגן רעליגיע. פרוידס קריטיק פון אמונה — שרייבט ער אין 1928 — „אונטערשיידט זיך גוואַלטיק שטאַרק פון אַלע פריערדיקע באַגרינדונגען פון אַטעאיזם, און האָט באמת אין זיך אַ נייעם און פרוכטבאַרן וואָרט״. אַלע פריערדיקע אַטעאיסטישע וועלט־אָנשויאונגען זיינען געווען געבויט אויף אַן אומבאַגרענעצטן אָפּטימיזם, אַ טיפן גלויבן אין מענטש, בעת פרויד טראָגט אין זיך אַ טיפן סקעפּטיציזם בנוגע דער „מיטגע־בוירענער גוטסקייט״ פון דער מענטשלעכער נאַטור. פאַר אַזאַ אַטעאיזם וואָס האָט אין זיין יסוד דעם ביבלישן זאַץ „דעם מענטשנס האַרץ איז שלעכט פון זיין קינדהייט אָן״, איז ניטאָ קיין שום וועג צו גאָט. און פונדעסטוועגן — ווייזט אויף ה. פראַנק — שטייט אויך פרויד ניט מחוץ פון אַ רעליגיעזער לעבנס־פילאָזאָפיע. „דער גאָטלאָזער פרויד האָט פאָרט אַ גאָט, און זיין גאָט איז „לאָגאָס״, דער אינטעלעקט, די העכסטע באַגאַבונג פון דעם מענטשן. אויף אים לייגט ער די האָפנונגען וואָס די גלויביקע, אין דעם געוויינטלעכן זין, לייגן אויף זייערע העכסטע געטער״. אָבער פראַנק באַגנוגנט זיך ניט מיט אַזאַ טיפּ וויסנשאַפט־לעכע רעליגיע. ער שטעלט אַ פראַגע, די אייביק־יידישע פראַגע וועגן דעם תכלית פון לעבן וואָס קען ניט פאַרענטפערט ווערן מיט שכל אַליין. „אין די מיסטעריעזע פראַגן פון לעבן האָט דאָך לאָגיק און באַוויז קיין גרויסן פלאַץ ניט. אָט, למשל, זאָל עמיצער זאָגן וואָס איז דער לאָגישער זין פון דעם מענטש־לעכן לעבן? ער לעבט אָפּ זיינע קורצע יאָרן ווי אַ פליג, און פאַרגייט אָן אַ שפור אין דער אייביק־לעבעדיקער וועלט! ווי איז דאָ מעגלעך אַ באַוויז אַז דער מענטש קען לעבן, אָדער דאַרף און וועט לעבן, דוקא אין איינקלאַנג מיט די העכערע באַגריפן וועלכע דער „לאָגאָס״, דער גאָט פון זיגמונד פרויד, דיקטירט כלומרשט די מענטשן־קינדער?״

דערפון מאַכט ה. פראַנק זיין פּרינציפּיעלן אויספיר אַז „פיל נויטיקער ווי אַ רעליגיע פון וויסנשאַפט, איז היינט־צו־טאָג נויטיק אַ רעליגיע פון כאַראַקטער־פעסטקייט, פון אַ נאָבעלן מענטשן־ווילן. וואָרום וואָס טיפער און ברייטער עס איז געוואָרן דער פאַרנעם פון דער וויסנשאַפט, אַלץ פלאַכער און שמעלער איז געוואָרן דער כאַראַקטער און ווילן פון דעם דורכשניטלעכן מענטשן. די לענדער וואו די וויסנשאַפט האַלט אָפּ אירע נצחונות טאָג איין טאָג אויס — אַמעריקע.

ענגלאַנד, דייטשלאַנד — זיינען אויך די לענדער מיט דער פולער הערשאַפט פון די אידעאַלן פון דעם „קליין־מענטשעלע״, פון דעם זעלבסטצופרידענעם בירגערטום״.

דערפאַר האָט זיך ה. פראַנק מיט אַזאַ וואַרעמער פריינטשאַפט איבער־געגעבן צו די אידייען פון דעם יידיש־רוסישן דענקער מ. א. גערשענזאָן. זיין קליין אָבער טיף־דרינגנדיק בוך „דער שליסל צום גלויבן״ האָט ער איבער־געזעצט אין ענגליש, און זיין נאָמען האָט ער ביז צום סוף דערמאָנט מיט יראת הכבוד. שרייבנדיק וועגן אים אין 1925, האָט ער מיט פרייד דערמאָנט אַז גערשענזאָן אַליין האָט באַצייכנט זיין ווערק אַלס די „ביאָגראַפיע פון דעם יידישן גאָט יהוה, דעם גאָט פון תנ״ך, וועלכער איז געוואָרן דער גאָט פון דער גאַנצער מענטשהייט״. מיר ווייסן שוין אַז דאָס איז אויך געווען פראַנקס איבער־צייגונג. און וואָס איז דער תמצית פון רעליגיע — זאָגט פראַנק — אויב ניט די ריכטיקע לעבנס־פירונג? „רעליגיע איז געווען דער וועג אויף וועלכן די ריכטיקע לעבנספירונג איז געוואָרן מעגלעך. זי האָט דעם מענטשן געלערנט צו פילן זיך פאַרבונדן מיט דעם קאָסמאָס, און ניט אָפּשליסן זיך עגאָאיסטיש פון די איבעריקע מענטשלעכע באַשעפענישן״. גערשענזאָנס רייד זיינען גלייכ־צייטיק דער שליסל צו פראַנקס גלויבן. מיט באַגייסטערונג שליסט ער זיך אָן אָן דעם געדאַנק אַז „אויטאָנאָמיע איז נאָך ניט דאָס לעצטע ציל און דער וועג וואָס פירט צו דער באַפרייאונג פון דער מענטשהייט. אין די הימלישע הויכן שוועבט פאַר די דענקער אַ נייע רעליגיע, און דער יסוד פון דעם דאָזיקן נייעם גלויבן איז ניט אויטאָ־נאָמיע, נאָר טעאָ־נאָמיע (געזעץ פון גאָט)״.

***

אין צייכן פון דער גליענדיקער טעאָנאָמיע איז דורכגעגאַנגען דאָס גאַנצע לעבן פון פראַנקן. הינטער די אַרבעטן פון עקאָנאָמיסט און סטאַטיסטיקער האָט זיך געהאַלטן דער סאָציאַל־עטישער פאָרשער און טרוימער, און הינטער די עטישע פאָדערונגען האָט זיך באַהאַלטן דאָס פּייערל פון רעליגיעזן זוכער און גלויביקער. ער האָט מיטן כח פון זיין האַרץ און קאָפּ געבראַכט צו שעפערישער באַנייאונג די אייביקע אידייען פון דער מענטשהייט און פון זיין יידישן פאָלק. די אידייען זיינען פאַר אים ניט ליטעראַרישע דאָגמעס, נאָר וועגווייזער אין רעאַלן מענטשלעכן לעבן. דערפאַר האָט ער אינערלעך מיטגעלעבט מיט די רוסישע דוכאָבאָרן אין אַמעריקע וועלכע האָבן געזוכט גאָט אין ערלעכן לעבן; דערפאַר האָט זיין פּנים געשטראַלט ווען ער האָט גערעדט וועגן דעם יונגן פּייער־קאָפּ לא באַעסי וואָס האָט באַקעמפט די „פרייוויליקע שקלאַפעריי״. דערפאַר האָט ער זיך ניט פאַרלוירן אין התלהבות בעת אין ישראל איז געשאַפן געוואָרן אַ מדינה, ווייל ער האָט געלייקנט דעם „עטנאָ־צענטריזם״ צוגאַנג אויך בנוגע דעם יידישן פאָלק. דערפאַר האָט ער געהאַט אַזאַ זיכערע און קלאָרע שטעלונג לגבי דעם כלומרשט־רעוואָלוציאָנערן פאַקט פון באָלשעוויזם. דער זכרון, דאָס וויסן, דער אומבויגזאַם־ערלעכער כאַראַקטער זיינען אים יעדעס מאָל בייגעשטאַנען. זיינע געדאַנקען זיינען געווען כמעט ווי אויסגעריפּט אין זיין יוגנט־צייט, און זיי זיינען פאַרבליבן יוגנטלעך־פריש אין די יאָרן פון זיין עלטער. דאָס איז געווען און פאַרבליבן אַ גאַנצער מענטש.

און גאָר אַ באַזונדערן פּלאַץ וועט ה. פראַנק פאַרנעמען אין דער יידישער גייסטיקער געשיכטע. ווייל ער געהערט צו די סאַמע געציילטע צווישן יידישע פרייהייטלעכע טראַכטער און טרוימער וועלכע האָבן זיך טיף און ליידנשאַפט־לעך געפייניקט דאָס גאַנצע לעבן מיט די פראַגן פון מענטשלעכן און יידישן זיין. און אַז די צייט וועט קומען, וועט אַ נייער יידישער דור פאַרטיפן זיך מיט דאַנקבאַרקייט אין דעם קוואַל פון פרייהייטלעכן יידישן געדאַנק וואָס הייסט: הערמאַן פראַנק. און פון די געדאַנקען וועלן אַרויסוואַקסן די גרויסע היסטאָ־רישע מעשים נאָך וועלכע פראַנקס נשמה האָט געלעכצט.

ניו־יאָרק, דעצעמבער 1953.

.1

געשטאַלטן און אידייען

גוסטאַוו לאַנדויער — דער מענטש, סאָציאַליסט און ייִד

(1919—1870)

דאָס איז געווען דער בעסטער רוימער צווישן אַלע, ווייל יעדער פון די מורדים אַ חוץ אים האָט אַלץ געטאָן נאָר פון קנאה צו צעזאַר. בלויז ער אַליין האָט זיך פון ריינע תמימות וועגן דער טובה פונעם כלל מיט אַנדערע פאַר־בונדן. איידל איז געווען זיין לעבן און ס׳האָבן זיך אין אים אַזוי צונויפגעמישט די עלעמענטן, אַז די נאַטור קען אויסשרייען הויך פאַר דער וועלט: „דאָס איז געווען אַ מענטש!‟

(וו. שעקספיר, יוליוס צעזאַר, 5 אַקט. 5 סצ.)

א

גוסטאַוו לאַנדויער איז געפאַלן אַ קרבן אינעם טראַגישן ברודער־קאַמף פון דער דייטשער סאָציאַל־דעמאָקראַטיע, מיט וועלכן ס׳האָט זיך אַזוי שוידערלעך פאַרענדיקט די פּאָליטישע רעוואָלוציע אין דייטשלאַנד. הגם ער האָט דרייסיק יאָר נאָכאַנאַנד באַקעמפט די סאָציאַל־דעמאָקראַטישע פּאַרטיי, שטייענדיק תמיד מחוץ פון איר, איז זיין גורל נאָך דער רעוואָלוציע פאַרבונדן געוואָרן מיטן אומגליקלעכן שיקזאַל פון דער סאָציאַל־דעמאָקראַטיע אין בייערן, וואו די פרייהייט האָט אין האַרבסט 1918 אָפּגעהאַלטן איר ערשטן נצחון איבער דער קעניגלעכער אויטאָקראַטיע און וואו די טריאומפירנדיקע רעאַקציע האָט אין פרילינג 1919 געגעבן דעם ערשטן קלאַפּ דער דייטשער סאָציאַליסטישער רע־וואָלוציע.

דער טויט פון גוסטאַוו לאַנדויער איז געווען זייער טראַגיש: אָבער אויך זיין גאַנץ לעבן איז געווען אין גרונט נאָר איין גאַנצע טראַגעדיע: דרייסיק יאָר אָן אויפהער האָט ער געקעמפט אויף זיין אייגענעם שטייגער פאַרן פרייהייטלעכן סאָציאַליזם, תמיד אַן איינזאַמער, כמעט אַ פאַרשטויסענער. דאָס קליינע הייפל פון זיינע נאָכפאָלגער האָט אין אים געזען אַ גייסטיקן פירער און האָט אים געשעצט, ווי מ׳שעצט אַן אַפּאָסטאָל פון אַ נייער רעליגיע. פאַר די ברייטע מאַסן פון סאָציאַליסטישע אַרבעטער און אַפילו פון דער אינטעליגענץ איז ער אָבער געווען נאָר אַ קונסט־קריטיקער, אַ שריפטשטעלער און אַ לעקטאָר. פאַר די אָפיציעלע פּאַרטיי־פירער פון דער סאָציאַל־דעמאָקראַטיע איז ער דערצו נאָך געווען אַ שעדלעכער אפּיקורוס. בלויז יחידים פון צווישן די אַנגעזעענע פּאַרטיי־פירער האָבן אים פאַרשטאַנען און געשעצט און בתוכם קורט אייזנער,

וועלכער האָט אים תיכף אַרויסגערופן צו זיך קיין מינכען, בעת די רעוואָלו־ציאָנערע כוואַליע האָט אים באַפרייט פון תפיסה און, ווי דורך אַ נס, דערהויבן צום פירער פון דער ביירישער פאָלקס־רעפּובליק.

מ׳קען די גייסטיקע עשירות פון גוסטאַוו לאַנדויערן אייגנטלעך איבער־געבן דורך אָנצייכענען זיינע פאַרשידענע טאַלאַנטן און זיינע ווערק, וועלכע באַווייזן זיין גרויסע בקיאות און חריפות כמעט אויף אַ צענדליק געביטן: גע־שיכטע, קונסט, פילאָזאָפיע, סאָציאָלאָגיע, פּאָליטישע עקאָנאָמיע, פילאָלאָגיע, ביאָלאָגיע, ליטעראַטור־קריטיק. דערצו קומט נאָך צו אַ טיף וויסן פון כמעט אַלע אייראָפּעאישע שפּראַכן.

אָבער ניט דאָס ברייטע וויסן און דער מעכטיקער געפיל פון פּראָטעסט קעגן דער סאָציאַלער אומגערעכטיקייט זיינען די גרונט־אייגנשאַפטן פון זיין גייסט, נאָר — דער אופן פון דעם סינטעז פון די פילפאַכיקע פעאיקייטן און קענטענישן און דער אַלגעמיינער יסוד, אויף וועלכן די פרוכטבאַרע פאַרבינדונג האָט געקענט אויסוואַקסן, ווי איין אָרגאַנישע איינהייט. אין אים האָט דאָס וועזן פון אַ סאָציאַלן רעוואָלוציאָנער זיך מתדבק געווען מיט אַ כאַראַקטער פון אַ קינסטלער און אַ קונסט־קענער. ער האָט אָבער ניט געשטרעבט, ווי ס׳רוב קונסט־ליבהאָבער, צו מאַכן פון דער קונסט אַ פּרדס פאַר יחידי־סגולה, ער האָט תמיד געזען אין איר אַ פעלד, אויף וועלכן מ׳דאַרף ערשט פאַרזייען קערנדלעך פון דעם נייעם פאָלק, פון דער נייער מענטשהייט. דאָס גרויסע **וויסן**, וואָס ער האָט פאַרמאָגט, איז ניט געווען פאַר אים אַ טרוקענער אוצר פון פאַקטן וועגן דער טויטער און לעבעדיקער נאַטור, נאָר — אַ וועג צו זיך, צו דער אייגענער נשמה און צום האַרצן פון דער נאַטור און פון דער מענטשהייט!

אין זיינע אויגן האָט די גאַנצע היינטיקע ציוויליזאַציע און ווירטשאַפט אויסגעקוקט ווי אַ חוזק איבער יעדן געפיל פון אמת און גערעכטיקייט. אין זיין צאָרן און כעס קעגן דער שוידערלעכער אומגערעכטיקייט האָט ער ניט געקענט דורך אַ ניכטערן אַנאַליז אָפּשיידן די קריטיק, וועלכע ס׳ברענגט אַרויס דעם שכל, פון דעם געפיל פון אַן אומבאַגרענעצטער שנאה, וואָס האָט געגליט אין זיין האַרצן: פון דער שנאה צום גרונט־מקור פון אַלע סאָציאַלע וואונדן: די תאוה צו געלט און פּראָפיט. מיט אַ התלהבות פון אַ נביא, וואָס טרעט אַרויס אין קאַמף פאַר דער הייליקונג און רייניקונג פונעם לעבן, מיט דער זיכערקייט פון אַ טריבון, וואָס איז פעסט איבערצייגט אין זיין אמת, וואַרפט ער דער מלוכה און דעם קאַפּיטאַליזם אין פּנים אַריין די שווערסטע באַשולדיגונג, וועלכע ס׳קען קעגן זיי אַרויסשטעלן דער מענטשלעכער גייסט: אַז זיי האָבן צעליבּ די מיאוסטע אינסטינקטן פון יחידים מאַנס געווען די אמתע מענטשלעכע נאַטור מיט אירע גוטע, אייביקע אינסטינקטן: ליבע, קעגנזייטיקייט און גערעכטיקייט. שווער, ווי די שטראָפנדע רייד פון אַ נביא; בייסענדיק, ווי דער סאַרקאַזם פון אַ געבענטשטן טריבון, מוטיק און בנעימותדיק, ווי די ווערטער פון אַ פאָלקס־פריינט, וועלכער וויים ניט פון קיין פחדנות, קלינגען אַלע זיינע אַרויס־טרעטונגען קעגן דעם הערשנדן געזעלשאַפטלעכן סדר. ער איז געווען אַ קעמ־פער, וועלכער וויל דערוועקן מיט זיינע רייד די פאַרבאָרגענסטע געפילן פון

דער נשמה; אַ פירער, וועלכער וויל ניט און קען ניט חנפענען דעם המון און מוז אים תמיד אַרויסשטעלן פאַר די אויגן פון די אייגענע פעלערן; אַ דענקער, וועלכער וויל זיך ניט אָפּשיידן פון דער מענטשלעכער ווירקלעכקייט און אַריבערטראָגן זיך אין די הויכע עולמות, וואו ס'שוועבט דער ריינער, אַבסטראַקטער גייסט. זיין אמת האָט זיך ניט גענויטיקט אין אַ באַשטעטיקונג פון אַ רוב דעות; מיט זיין פלאַקערדיקן וואָרט האָט ער זיך ניט געווענדעט צו אָנהענגער פון איין קלאַס; זיין מוט האָט ניט געקענט מאַכן קיין פשרות מיט דער עקעלדיקער ווירקלעכקייט. ער פלעגט זיך לייכט באַגייסטערן דורך גרויסע דיכטערישע ווערק, אָבער בטבע איז ער תמיד געווען געטריי דער ווירקלעכקייט פון לעבן, דער אמתער ווירקלעכקייט פון גייסט און האָט געשטרעבט אומעטום צו זען איר אין דער גאַנצער נאַקעטער געשטאַלט. דאָ ליגט די אמתע גרויס פון זיין פערזענלעכקייט, ווייל פונעם דאָזיקן שורש, פון דער טרייקייט צו דער ווירקלעכקייט פון גייסט, איז אַרויסגעוואקסן ביי אים דער פרוכטבאַרער זיווג פון אַ סאָציאַלן פראָטעסט מיטן קינסטלערישן אמת און דאָ ליגט דער שליסל צו זיין גאַנצער וועלט אָנשויאונג און שאַפונג. אין נאָמען פון דער ווירקלעכקייט פונעם מענטשלעכן גייסט, וועלכער איז ניט מסוגל צו מאַכן אַ פשרה מיטן אומנאַטירלעכן אופן פונעם היינטיקן געזעלשאַפטלעכן לעבן, רופט ער די מענטשן צו תשובה און באַנייאונג. זיין טיפער און צוגלייך פשוטער אַנאַליז פון דער אַרומיקער ווירקלעכקייט עפנט די אויגן אויף אַזעלכע זייטן פון דעם געזעלשאַפטלעכן מצב, וואָס ווערן היינט דורכגעאיבט אין די סיסטעמען פון די שול־לערעס, וועלכע שפיגלען ניט אָפּ לגמרי דעם פולען צוזאַמענהאַנג פון לעבן, אין וועלכן די קליינע און די גרויסע זייטן שפילן די גלייכע ראָלע. דוקא אין די דאָזיקע „קליינקייטן" אָבער קען מען ערשט זען די גאַנצע ירידה פון אונדזער תקופה אַ סך שאַרפער, איידער אין די גרויסע, און גוטבאַקאַנטע דערשיינונגען פון געזעלשאַפטלעכן לעבן, צו וועלכע מ'האָט זיך שוין כמעט צוגעוואוינט...

גרויס איז דער גיפטיקער תהום, וועלכן ס'האָט אויסגעגראָבן פאַר דער מענטשהייט די נייע תקופה פון דער ציוויליזאַציע און דער קאַפּיטאַליזם, און אין יעדן קלענסטן פרט פונעם היינטיקן לעבן קען מען געפינען דעם פאַרבאָרגענעם טראָפּן סם, וועלכער מאַכט פון דער געזעלשאַפט אַ גיהנום און פון די מענטשן — ווילדע חיות. אָבער נאָר איינצעלנע גרויסע גייסטער זעען דעם אמתן פרצוף פון אונדזער צייט און באַמערקן די דינע אינעווייניקסטע פעדים, וועלכע בינדן צונויף די צעשאָטענע און צעריסענע מענטשהייט אין איין גרויסע משפחה. זיי שפּירן דעם מקור, פון וועלכן ס'קומט אַרויס פאַר די פעלקער פרייד, גליק און די הויכע מדרגות פון קולטור; און זיי קענען אויך דעם שורש, פון וועלכן ס'וואַקסט אַרויס די ירידה און דער אונטערגאַנג. צו אַזעלכע גייסטער האָט אויך געהערט גוסטאַוו לאַנדויער. זיין טיפער בליק אין דער שוידערלעכער ווירקלעכקייט פון דער היינטיקער ירידה פון די פעלקער האָט פאַר אים אָפּט געעפנט בילדער פון דער צוקונפט. נביאיש זעט ער דעריבער פאַר די אויגן די גרויסע וועלט־מלחמה, דעם אָפּגרונט פון שנאה און צעשטערונג, וועלכן זי וועט אומעטום אַרויסרופן. קלאָר זעט ער אָבער אויך פאָראויס דעם

פועל־יוצא פון דער מלחמה: די אוממעגלעכקייט אויפצובויען די נייע וועלט מיט די אַלטע מיטלען. ער זאָגט אויך פאַראויס דעם פועל־יוצא פונעם גרויסן טעות, וואָס האָט אומבאַגרעניצט געהערשט צענדליקער יאָר איבער די מענטש־לעכע מוחות — אַז ס׳איז נאָר געגוג, אַז די פּאָליטישע פּאַרטיי, וועלכע האָט די ראַדיקאַלסטע פּראָגראַם, זאָל זיך דערשלאָגן צו דער מאַכט און די סאָציאַלע ישועה וועט אַראָפּקומען כהרף עין... ער זעט די מענטשלעכע נאַטור אין איר אמתער ווירקלעכקייט, מיט אַלע אירע גוטע און שלעכטע אייגנשאַפטן, וועגן וועלכע די פּאָליטישע טעאָריעס האָבן ליב צו שווייגן. ער האַלט דעריבער קנאַפּ וואָס פון די דאָזיקע אַבסטראַקטע טעאָריעס און איז אַ דם־שונא פון אַ טעאָרעטישן אופן צו פאַרווירקלעכן דעם סאָציאַליזם דורך מיטלען, וועלכע „פאַרלייכטערן" כלומרשט זיין וועג און זיינען אָבער אין עצם בלויז פּלפּולים וועגן די „געזעצן פון דער סאָציאַלער אַנטוויקלונג" און וועגן די „אומפאַר־מיידלעכע" סאָציאַלע פּראָצעסן.

אַלע געדאַנקען וועגן סאָציאַליזם דרייען זיך ביי אים אַרום איין צענטער: די פאַרבינדונג פונעם אויסערלעכן לעבן מיטן אינערלעכן קול פון געוויסן. ווי יעדער אמתער רעוואָלוציאָנער, האָט ער דעריבער, געוואָלט פאַרענדערן ניט נאָר די אויסערלעכע פאָרמען פון לעבן, נאָר, ראשית כל און קודם כל, דעם גייסט פון די מענטשן. דערצו האָט ער במשך פון זיין גאַנצן דרייסיק־יעריקן קאַמף גערופן די מענטשהייט: צו דערקענען אין זיך גופא דעם גייסט, ווערן דורך און דורך לעבעדיק, שעפעריש, געניסן די פשוטע ריינע פרייד פון דער עקזיסטענץ און אומצוגעשטאַלטן דורך דעם אויך דעם גאַנצן אַרומיקן לעבן.

דאָס וואָרט פון גריכישן פילאָזאָף פּלאַטאָן: „ניט די נשמה איז אין דער וועלט, נאָר די וועלט איז אין דער נשמה" וואָלט געקענט דינען פאַר אַ מאָטאָ צו דער גאַנצער וועלט אָנשויאונג פון גוסטאַוו לאַנדויער. מ׳קען ניט איזאָלירן דאָס אויסערלעכע לעבן פון דעם מענטשלעכן גייסט, ווייל זיי זיינען צווישן זיך פאַרבונדן מיט טויזנטער פעדים. ווי אַ חוזק איבערן מענטשלעכן גייסט האָט דעריבער געמוזט קלינגען אין זייערע אויערן די השערה פון די מאַרקסיסטן, אַז אומאָפּהענגיק פון דער מענטשלעכער נאַטור וועט דער קאַפּיטאַליזם זיך אַליין „איבערוואַקסן" און וועט בכן כמעט אַוטאָמאַטיש צוגרייטן דעם סאָציאַ־ליזם. דער מענטשלעכער גייסט ווייס ניט פון קיין אויסערלעכן „מוז" בנוגע צו די וועגן פון דער געשיכטע און דעריבער איז די דאָזיקע אָנשויאונג פון דער אַנטוויקלונג אַ סתירה צום גרונט־געזעץ פון לעבן. פריי, ווי דאָס גאַנצע לעבן און ווי יעדע שאַפונג, קומט פאַר דער פּראָצעס, אין וועלכן דער גייסט ווירקט אויף און אין די מענטשן, באַשאַפט דעם בוי פון דער געזעלשאַפט און רופט אַרויס די פאָרמען פון דער צוקונפט. מ׳קען דעם גייסט אויף לאַנג אונטער־דריקן און ער קען פאַראַליזירט ווערן דורך קריזיסן און איבערקערענישן; מ׳קען אים אָבער ניט לחלוטין דערשטיקן און פאַרניכטן זיין השפעה אויף שטענדיק. דער גייסט, אייביק דער זעלבער גייסט, לאָזט זיך בשום אופן ניט פאַרטיליקן. דאָס איז די תשובה פון גוסטאַוו לאַנדויערן אויף די „נביאות" פון די מאַרקסיסטן.

מיט נאָך אַ גרעסערער ליידנשאַפט, איידער אַנטקעגן דער מאַרקסיסטי־שער טעאָריע, טרעט לאַנדויער אַרויס קעגן די געוואַלט מיטלען און קעגן דעם טעראָר. ער איז מבטל דעם גלויבן אין דערפאָלג פון פיזישן כוח אָן שום תנאים, ווייל דורך דעם דאָזיקן כוח באַווייזט מען נאָר די אומפעאיקייט און די אומזי־כערקייט פון די גייסטיקע מיטלען: ווערטער און מעשים. דורך אַן אינעוויי־ניקסטן צוואַנג מוזן סוף־כל־סוף די געוואַלט־מיטלען זיך אַליין פאַרניכטן און די פיזישע קראַפט איז לסוף מנצח זיך גופא, ווייל דורכן טעראָר רופט מען אַרויס רוחות, וועלכע ווענדן זיך קעגן זייער אייגענעם פאָטער.

אַלס איינציקער מקור און שורש פון דער גאַנצער געזעלשאַפט איז פאַר אים תמיד געווען נאָר איין גרונט־געפיל פון דער מענטשלעכער נאַטור: די ליבע. דער דאָזיקער לעבנס־כוח, וועלכער מאַכט אויך דעם יחיד פולקאָם און גאַנץ דורך דער פעסטער פאַרבינדונג פון אַ מאַן און אַ פרוי אין אַ לעבנס־בונט, דאַרף אַרויספליסן פון דער פאַמיליע און אַריינשטראָמען אין אַלע ספע־רען פון דער געזעלשאַפט. די נאַטירלעכע קראַפט פון דער ליבע, וועלכע ווייזט זיך אַרויס אַזוי בולט אינעם מסירת־נפשדיקן קאַמף פון די רעוואָלוציאָנערע יחידים פאַרן טובת הכלל, איז דער הויפט־מיטל פון גייסט אין זיין אייביקער שטרעבונג צו דער באַנייאונג פון דער מענטשהייט, צו דער רעגענעראַציע פון די פעלקער. די ליבע איז דער שורש פון יענע היסטאָרישע איבערקערענישן, וועלכע צייכענען אָן, ווי וועגווייזער, דעם גאַנג פון דער מענטשהייט, איר לאַנגן וועג פון אומענדלעכקייט צו אומענדלעכקייט . . .

ביי זיין טיפער זיכערקייט אינעם כוח פון דער ליבע האָט גוסטאַוו לאַנ־דויער מיט די שטאַרקסטע גייסטיקע ענויים געמוזט צוקוקן זיך צום משונהדיקן פאַקט פון דער מלחמה־באַגייסטערונג, וועלכע האָט אַרומגענומען דעם רוב פון סאָציאַליסטן ביי אַלע פעלקער. שוין אויפן דאָזיקן סמך האָט ער פאַראויסגעזען דעם מוראדיקן ברודער־קאַמף און טעראָר, וואָס האָט נאָך דער מלחמה אַרומ־גענומען די סאָציאַליסטישע מחנה אין רוסלאַנד און דייטשלאַנד. אין תוך איז די מלחמה־באַגייסטערונג און דער טעראָר אומצערייסבאַר צווישן זיך פאַר־בונדן און פון איין זאַך האָט אויף אַ נאַטירלעכן אופן געמוזט אַרויסוואַקסן די צווייטע. אַלס אַ קרבן פונעם דאָזיקן טעראָר, אַלס דער ריינסטער קרבן אפשר פון דער גאַנצער מלחמה, איז אויך גוסטאַוו לאַנדויער געפאַלן . . .

אין די ווערטער פון זיין לערע ווייזט אַרויס לאַנדויער די גאַנצע פשטות פון אַן עטישער וועלט־אַנשויאונג, אָפט כמעט מיט דער זעלבער קלאָרקייט און איבערצייגונגס־קראַפט ווי טאָלסטאָי. די אמתן וועלכע ער האָט אַרויס־געזאָגט אין זיינע אומצייליקע אַרטיקלען און רעדעס, ווירקן ווי אַ טיפע חכמה, וואָס קלינגט בעת מעשה איינפאַך און לייכט און איז דאָך פאַרהילט געווען פאַר אונדזער שכל. ביזן לעצטן טאָג פון זיין לעבן האָט אים ניט פאַרלאָזן דער רואיקער און זיכערער בליק פון אַ חכם אויף אַלע סודות פון לעבן און טויט. די צוקונפטיקע דורות וועלן לייענען די באַשרייבונג פון זיין טויט מיט די זעלבע געפילן, ווי מיר לייענען היינט וועגן די לעצטע טעג פון חכם סאָקראַט.

„ער איז געווען, שרייבט וועגן אים איינער פון זיינע נאָכפאָלגער, אַ

יידישער פּאַטריאַרך, וועלכער האָט זיך מתדבק געווען מיטן דייטשן גייסט". דערצו קען מען נאָך מוסיף זיין, אַז אין אים האָט דאָס בלוט פון די נביאים געדרישט מיט אַזאַ קראַפט, וואָס איר גלייכן איז נאָך אינעם נייעם יידנטום כמעט ווי גאָרניט געווען. ניט קיין דיכטער און ניט קיין אוטאָפּיסט איז געוואוינלעכן זין איז ער געווען, נאָר אַ נביא, וואָס האָט פאַרגליכן און אָפּגעוואויגען אין אַ הימלישער וויזיע די גאַנצע ירידה, די חרפה און דעם גיהנום, אין וועלכן די מענטשהייט פייניגט זיך, מיט דער הויך און מיט דער פראַכט און מיט דער פרייד, צו וועלכע דאָס לעבן פון דער געזעלשאַפט קען זיך דערהויבן! ער איז געווען דערציטערט און פאַרביטערט ביזן גרונט פון האַרצן, ביזן לעצטן ווינקל פון דער נשמה, ביים בליק אויפן תהום, וואָס טיילט אָפּ פאַר דער מענטשהייט, דורך איר אייגענער שולד, די טיפסטע ירידה פון דער העכסטער מדרגה, דאָס אומגליק און די יסורים — פון דעם גליק און פון דער פרייד...

גוסטאַוו לאַנדויער האָט געהערט, ווי זשאַן זשאָרעס, צו יענע דענקער־פירער, וועלכע האָבן געזאָלט לויט דער לערע פון אַלטן פּלאַטאָן הערשן איבער דער גאַנצער געזעלשאַפט. די מענטשהייט איז קיינמאָל ניט רייך געווען אין אַזעלכע גייסטער, און בפרט — אין אונדזער צייט, ווען אמתע פירער זיינען, ווי דורך אַ קללה, נעלם געוואָרן לגמרי. דורך אַ טראַגישן געמיינזאַמען גורל געפינען אָבער די דאָזיקע פירער תמיד דעם גלייכן סוף: צו זיין קרבנות פון דער רשעות פון יענע אומגליקלעכע און געפאַלענע מענטשן, פאַר וועלכע זיי האָבן געשטרעבט צו ברענגען אויסלייזונג און גליק.

ב

גוסטאַוו לאַנדויער איז געבאָרן געוואָרן (1870) אין אַ מיטלמעסיק־פאַרמעגלעכער סוחרישער יידישער פאַמיליע אין קאַרלסרוהע. אין זיין געבורטשטאָט האָט ער באַזוכט די גימנאַזיע און איז אַנגעקומען אין 1890 אין ציריכער אוניווערזיטעט צו שטודירן פילאָזאָפיע און קונסט־געשיכטע. שוין אין דער שווייץ האָט ער אָנגעקניפּט באַציאונגען מיט ראַדיקאַל־סאָציאַליסטישע גרופּעס. אין אַ פאָר יאָר שפּעטער פאָרט ער אַריבער קיין בערלין און טרעט דאָ אַריין אין דער רעדאַקציע פון „סאָציאַליסט" — אַן אָרגאַן פון אַ קרייז פון „אומאָפּהענגיקע" סאָציאַליסטן. צום ציריכער סאָציאַליסטישן קאָנגרעס (1893) גיט לאַנדויער אַרויס אַ פלוג־בלאַט, אין וועלכן ס'זיינען שוין אָנגעצייכנט די גרונט־שטריכן פון זיין סאָציאַליזם. פאַר אַן אַרטיקל אין זיין זשורנאַל ווערט ער גלייך נאָך דעם פאַרמשפּט צו תפיסה און זיצט אָפּ אין טורמע עלף חדשים. פון יענער צייט אָן טרעטן ניט אָפּ די פּאָליציי־שפּיאָנען פון זיינע טריט; ער איז געווען איינער פון די מענטשן, וועלכע מ'האָט אָפּגעהיט אויפן שטאַרקסטן אופן. אין 1894 פאַרמאַכט די רעגירונג דעם „סאָציאַליסט" לגמרי. דורך איינצעלנע פלוג־בלעטלעך זעצט פאָר לאַנדויער זיין אַרבעט, ביז ס'ווערט מיט דער אונטערשטיצונג פון דער אַנאַרכיסטישער פּאַרטיי אין דייטשלאַנד געגרינדעט אין 1895 זיין צווייטער זשורנאַל, דער צווייטער „סאָציאַליסט". צוליב מחלוקות מיט די פּאַרטיי־פירער בלייבט ער נאָר אַ קורצע צייט רעדאַקטאָר

פונעם דאָזיקן זשורנאַל. צום לאָנדאָנער סאָציאַליסטישן קאָנגרעס (1895) שיקט אים אָבער די דייטשע אַנאַרכיסטישע פּאַרטיי אַלס איר דעלעגאַט. ער ווערט ניט צוגעלאָזן צום קאָנגרעס און ס׳ברעכט אויס אַ שאַרפער קאָנפליקט צווישן אים און ווילהעלם ליבקנעכט. בינו לבינו ווערט גוסטאַוו לאַנדויער פאַרמישט אין אַ סענסאַציאָנעלן קרימינעלן פּראָצעס, וועלכער האָט דעמאָלט שטאַרק אויפגערודערט די געזעלשאַפט. צוזאַמען מיט אַ מוטיקן דייטשן פרײדענקער מ אַ ר י ץ פ אָ ן ע ג י ד י נעמט זיך לאַנדויער אָן פאַר אַן אומשולדיקן, וועל־כער האָט זיך געקוועלט אין תפיסה צוליב אַ מאָרד־בלבול. אין אַ באַזונדער בראָשור האָט לאַנדויער אַרויסגעשטעלט שווערע באַשולדיקונגען קעגן דער פּאָליציי, וועלכע האָט גערודפט דעם אומשולדיקן. דאָס איז געווען אַ בייסענ־דיקער פּאַמפלעט קעגן דער גאַנצער הערשנדיקער מאַכט בכלל, נאָר אין אים האָט לאַנדויער ניט גענוי באַגרינדעט די פּרטים פון דער באַשודיקונג און איז דערפאַר איבערגעגעבן געוואָרן צום געריכט פאַר „רכילות" אויף דער פּאָליציי. ער האָט ווײַטער געמוזט אָפּזיצן זעקס חדשים אין טורמע. אַרויסגייענדיק אויף דער פריי, איז ער געבליבן אין בערלין ביז 1902 און האָט דאָרט געלעבט כסדר, ווערנדיק פאַרפאָלגט פון דער מאַכט און פון די אָפיציעלע פּאַרטיי־פירער פון דער סאָציאַל־דעמאָקראַטיע. ער פאַרלאָזט אין 1903 אויף אַ צייט דייטשלאַנד און ריכט אָפּ גלות, אַלס אַ פּאָליטישער עמיגראַנט, אין ענגלאַנד.

אין יענע יאָרן האָט זיך אין בערלין באַשאַפן אַ סאָציאַליסטישער קרייזל פון יונגע שריפטשטעלער און קינסטלער מיטן נאָמען „די נייע געמיינשאַפט", צו וועלכן ס׳האָט אויך געהערט גוסטאַוו לאַנדויער. דאָ האָט ער זיך אויפגע־טראָפן מיט דעם קונסט־היסטאָריקער און ציוניסטישן שריפטשטעלער מ אַ ר־ ט י ן ב ו ב ע ר און האָט מיט אים אָנגעקניפּט אַ טיפע פריינדשאַפט. במשך פון זייער גאַנצער פריינטשאַפט, וואָס האָט געדויערט ביזן טראַגישן סוף פון גוסטאַוו לאַנדויער, האָט די קעגנזייטיקע גייסטיקע השפעה שטאַרק פרוכטבאַר געווירקט אויף זייביידע.

נאָכן אומקער אַהיים הויבט זיך אָן אין 1904 פאַר גוסטאַוו לאַנדויערן אַ צייט פון פרוכטבאַרע וויסנשאַפטלעכע אַרבייטן. ציהענדיק די חיונה פאַר זיך און פאַר דער משפחה פון אַ שטעלע, אַלס פאַרקויפער אין אַ בערלינער בוכ־האַנדלונג, גיט ער אַרויס די שריפטן פונעם גרעסטן דייטשן מיטעלעלטערישן מיסטיקער מ י י ס ט ע ר ע ק ה אַ ר ט. במשך פון אַ קורצער צייט ווייזט ער אַרויס אַ גרויסע פרוכטבאַרקייט און ווערט דאַן אַ מקורב צום גרויסן פילאָ־זאָפישן שריפטשטעלער פ ר י ץ מ אַ ו ט נ ע ר, מיט וועלכן ער בלייבט גייסטיק ענג פאַרבונדן שוין אויפן גאַנצן לעבן. מאַוטנער, וואָס האָט זיך גראָד דעמאָלט קונה שם געווען מיט זיין ווערק „קריטיק פון דער שפּראַך", האָט באַוויזן ווי ס׳באַשאַפן זיך אין לעבן אַ דאַנק אָנגענומענע ווערטער אַזעלכע באַגריפן, וואָס האָבן אין דער אמתן קיין שייכות ניט צו דער לעבעדיקער ווירקלעכקייט. דאָס דאָזיקע בוך האָט געמאַכט אַזאַ גרויסן רושם אויף גוסטאַוו לאַנדויערן, אַז ער האָט זיינע אייגענע געדאַנקען וועגן דעם טיפן ענין אויס־געלעגט אין אַ באַזונדערער שריפט „סקעפּסיס און מיסטיק". ער האַלט דאַן

אויך עפּנטליכע לעקציעס וועגן דער קריטיק פון דער שפּראַך, אָבער זיין גייסט בלייבט אַלץ דער עיקר אין קרייז פון ס אָ צ י אַ ל־ע ק אָ נ אָ מ י ש ע און פּאָליטישע פּראָבלעמען. די טיפסטע השפעה האָבן אויף אים געהאַט אין דעם דאָזיקן געביט ק ר אָ פּ אָ ט ק י ן און פּ ר ו ד אָ ן. ווירקנדיק אויף דער אויס־געשטאַלטונג פון זיינע סאָציאַל־פּאָליטישע אַנשויאונגען און אידעאַלן. ער גיט אַרויס עטלעכע איבערזעצונגען פון קראָפּאָטקינס ווערק (1904) און שרייבט צו זיי חשובע הקדמות. ובכן געהערט אים דער כבוד צו זיין דער אַנדעקער פונעם גרויסן רוסישן רעוואָלוציאָנער און נאַטורפאָרשער אין דייטשלאַנד. אין 1906 באַשאַפט לאַנדויער דעם „סאָציאַליסטישן בונד" וועלכער וויל ניט טראָגן דעם כאַראַקטער פון אַ פּאַרטיי, נאָר — פון אַ לעבעדיקער סאָציאַליסטישער געמיינשאַפט. אין בוך „די רעוואָלוציאָן", וואָס דערשיינט (1908) אין דער זאַמ־לונג פון מאָנאָגראַפיעס איבער סאָציאַל־פּסיכאָלאָגישע פּראָבלעמען „די גע־זעלשאַפט", וועלכע ס'האָט אַרויסגעגעבן מאַרטין בובער, גיט לאַנדויער אַ טיפ־זיניקן אַנאַליז פון דער גרויסער קולטור־איבערקערעניש, וואָס האָט זיך אָנגע־הויבן ביים אויסגאַנג פון מיטלאַלטער און ציט זיך נאָך עד היום, באַלייכטענדיק פאַרן לעזער די גאַנצע סאָציאַלע און פּאָליטישע געשיכטע פון דער נייער אייראָפּע פון אַן איינהייטלעכן, טיף־אָריגינעלן שטאַנדפּונקט. „דאָס בוך איז גאָרניט „אָנגעשריבן". זיינע ווערטער לעבן, זיי זיינען אַלע אָנגעפילט, ווי זייער מחבר, מיט ליבע, מיט גייסט, מיט אַ ווילן צו שאַפן. זיי זיינען דורכגע־דרונגען מיט אַ טיפן גלויבן אין דער פאַרבינדענדיקער קראַפט פון אונדזערע סאָציאַלע אינסטינקטן, פון דעם מעכטיקן כוח, וועלכער איז מטהר און מכפּר די זינד פונעם מענטשלעכן געמיט". אַזוי האָט געשריבן אַ קריטיקער וועגן גוסטאַוו לאַנדויערס „רעוואָלוציאָן".

אין 1908 האָט לאַנדויער צום ערשטן מאָל געהאַלטן זיין לעקציע „א ו י פ־ר ו ף צום ס אָ צ י אַ ל י ז ם", וועלכע איז פאַרעפנטלעכט געוואָרן אַלס אַ בוך אין דריי יאָר אַרום. דער פייערדיקער אופן פון זיין ריידן האָט געלאָזן די טיפסטע שפּורן אויפן נוסח פון דעם דאָזיקן בוך. דאָ פּליסן און רוישן די געדאַנקען און געפילן, די וואונטשן און די בילדער, אין ברויזנדיקע כוואַליעס, צושפּריצנדיק זיך אַ מאָל אין טויזנטער טראָפּנס און צענויפגיסנדיק זיך אָפט אין איין ברייטן מעכטיקן שטראָם.

אין 1909 גרינדעט גוסטאַוו לאַנדויער אַ זשורנאַל דעם — דריטן „סאָ־ציאַליסט", וועלכער ווערט דער אָרגאַן פון „סאָציאַליסטישן בונד". מיט גרויסע מאַטעריעלע קרבנות האַלט אויף לאַנדויער זיין זשורנאַל ביים לעבן זעקס יאָר, ביז ער ווערט דורך דער מלחמה־צענזור געצוואונגען אים אָפּצושטעלן אויף שטענדיק. כדי זיך מפרנס צו זיין און קענען דערלייגן צום זשורנאַל, איז לאַנ־דויער געצוואונגען געווען יאָרן לאַנג האַלטן ליטעראַרישע לעקציעס פאַר בערלינער „אַריסטאָקראַטישע קרייזלעך" און שרייבן די טעאַטער־קריטיק פאַרן „בערלינער בערזען־קוריער". דער טעאַטער איז אגב געווען פון תמיד זיין ליבלינג־געביט. ער איז געווען איינער פון די גרינדער פון דער בער־לינער „פאָלקס־בינע" און האָט מיט אַלע כוחות מיטגעהאָלפן צו פאַרשפּרייטן

אין פאָלק גוטע קונסט. ער פלעגט עפּענען מיט אַ פאָרוואָרט די פאָרשטעלונ־גען. ער האָט געהאַט אַ וואונדערלעכן טאַלאַנט צו ריידן פאַר די מאַסן אויף אַ פאָלקסטימלעכן אופן וועגן די טיפזיניקע זאַכן. גאָר אַ באַזונדער ליבע האָט ער געשפּירט צו שעקספּירן און איז געווען אַ טיפער קענער פונעם גרעסטן דראַמאַטיקער. פינף און צוואַנציג לעקציעס וועגן שעקספּירס ווערק, וועלכע באַלייכטן דעם גייסט פון ווי. שעקספּיר אין אַ נייעם, איינציקאַרטיקן ליכט, האָט לאַנדויער צוגעגרייט צום דרוק אין די לעצטע יאָרן פון זיין לעבן. דאָס בוך איז אָבער דערשינען ערשט אין 2 יאָר נאָך זיין טויט און אים האָט שוין אַרויסגעגעבן דער אפּיטראָפּוס איבער לאַנדויערס ליטעראַרישער ירושה מאַר־טין בובער.

אין די מלחמה־יאָרן האָט לאַנדויער געאַרבעט איבער אַ ווערק, צו וועלכן ער האָט זיך שוין פון לאַנג געגרייט: אַ זאַמלונג פון בריוו פון דער גרויסער פראַנצויזישער רעוואָלוציע. דאָס בוך איז אַרויס גראָד אין די רעוואָלוציאָנס־חדשים פון 1918. אין דער הקדמה צום בוך שרייבט לאַנדויער ווערטער, וועלכע זיינען געווען בשעתם מיט אַ האַלב יאָר פאַר דער רעוואָלוציע אין דייטשלאַנד, באמת אַ נביאות: „זאָל אונדז די נאָענטע קענטעניש פון דעם גייסט און פון דער טראַגיק פון דער רעוואָלוציע זיין אַ הילף אין די קריטישע צייטן וועלכע קומען אָן”. דאָס ווערק אַנטהאַלט אין צוויי דיקע בענדער אַ בריוו־זאַמלונג פון דער צייט פון דער פראַנצויזישער רעוואָלוציע וועלכע לאַנדויער האָט צענויפ־געקליבן פון צענדליקער ביכער, איבערגעזעצט און דערקלערט דורך פירושים. דאָס ווערק גיט אונדז אַ מעגלעכקייט אַריינצוקוקן זיך אין דער היסטאָרישער איבערקערעניש מיט די אויגן ניט נאָר פון די לעבעדיקע עדות פון יענער צייט, נאָר — פון אירע העלדן, פון די אמתע רעפּרעזענטאַנטן פון דער רעוואָלוציע און דורך דעם תופס זיין דעם גייסטיקן תוכן פון אַ רעוואָלוציע בכלל.

אַ גרויסע זאַמלונג פון לאַנדויערס אומפאַרעפנטלעכע ווערק, בריוו און אַרטיקלען גרייט נאָך צו צום דרוק זיין נאָענטסטער פריינט מאַרטין בובער.

אין דער מלחמה־צייט איז גוסטאַוו לאַנדויער געווען איינער צווישן דער זייער קליינער צאָל דייטשן, וועלכע האָבן ניכטער געקוקט אויף דער קאַטאַ־סטראָפע און האָבן ניט דורכגעמאַכט דעם ווילדן שגעון פון גרעסטן טייל פון זייער פאָלק. דעריבער האָט ער אויך קלאָר געקענט זען, ווי ס׳דערנענטערט זיך די אויסערלעכע מפּלה און די אינעווייניקסטע ירידה פון זיין לאַנד. זיינע נאָכפאָלגער האָבן זיך אָפּגעזאָגט צו גיין אין מיליטער און זיינען אַריינגעוואָרפן געוואָרן אין תפיסה. טיפע וואונדן האָט געלאָזן די וועלט־מלחמה אין זיין נשמה, הגם ער איז געווען איינער פון די, וואָס האָבן זי פאָראויסגעזען און האָבן מתרה געווען. אויך אין זיין פּערזענלעכן לעבן איז פאָרגעקומען אין דעם לעצטן מלחמה־יאָר אַ טראַגעדיע: דער טויט פון זיין פרוי, דער דיכטערין העדוויג לאַכמאַן, וועלכע איז פאַר אים געווען דער נאָענטסטער מענטש אין גייסט, די „שוועסטער פון זיין נשמה” במשך פון זייער זעכצן־יעריקן לעבנס־בונד. דער טויט פון דער הייס־געליבטער פרוי האָט אויף אים געמאַכט אַ דערשיטערנדיקן איינדרוק, און ער איז צוזאַמען מיט איר אויף אַ העלפט

אָפּגעשטאָרבן שוין ביים לעבן. דעם לעצטן, שטורמישן און טראַגישן יאָר פון זיין לעבן האָט ער פאַרבראַכט אַן איינזאַמער און פאַריתומטער.

צוזאַמען מיט זיין פרוי האָט גוסטאַוו לאַנדויער איבערגעזעצט „דאָס בילד פון דאָריאַן גריי״ פון אָסקאַר ווײַלד און דיכטונגען פון ראבינדראנאט טאגאָרע און וויטמאַן. אַ טיפע נטיה האָט לאַנדויער געשפּירט צום גרויסן אינדישן חכם און דיכטער טאגאָרע, זייענדיק צו אים באַזונדערס נאָענט אין גייסט.

מיט אַ קורצער צייט פאַרן אויסברוך פון דער רעוואָלוציע האָט לאַנדויער אָנגענומען די שטעלע פון דראַמאַטורג (קינסטלערישער פירער) און רעדאַקטאָר פון טעאַטער־זשורנאַל „מאסקען״ אין דיסעלדאָרפער קינסטלערישן טעאַטער. ער האָט אָבער נאָך אַ גאַנץ קורצע צייט פאַרנומען זיך מיט דער קינסטלערישער אַרבעט אין דיסעלדאָרף, ווייל באַלד נאָך דער מינכענער איבערקערעניש האָט אים דער רעוואָלוציאָנערער פירער קורט אייזנער אַרויסגערופן צו זיך. לאַנ־דויער איז געוואָרן אַ פירער אין מינכענער אַרבעטער־ראַט, נאָר ער האָט זיך פאַרנומען אויסשליסלעך מיט שול־ און דערציאונגס־ענינים. די קאָנטר־רע־וואָלוציע, וועלכע האָט אויסגעבראָכן אין מינכען צום סוף ווינטער 1919 און פון וועלכער ס׳איז געפאַלן דער באַליבטער טריבון קורט אייזנער, האָט באַשאַפן אַ נייע רעוואָלוציאָנערע יערונג אין די סאָציאַליסטישע פאַרטייען. די שונאים פון סאָציאַליזם האָבן דורך פּראָוואָקאַציע געוואָלט אַרויסרופן אין פאָלק אַ רעאַקציע און האָבן געזען דעם בעסטן וועג דערצו אין דער „דיקטאַטור פון פּראָלעטאַריאַט״. אויך אינעווייניקסטע כוחות האָבן געשטופּט די פירער צו אַ דיקטאַטור פון דער סאָציאַל־דעמאָקראַטיע. דער אמתער יורש פון אייזנערס גייסט איז געווען לאַנדויער, וועלכער האָט ניט געקענט פאַרלאָזן די געפערלעכע פּאָזיציע נאָכדעם ווי זיין פריינט איז געפאַלן אין אַ מוטיקן קאַמף. ער האָט אָבער איבערגעלעבט אַ שמערצלעכן אינערלעכן קריזיס: קלאָר האָט ער גע־פילט ווי ס׳עפנט זיך פאַר אים דער אָפּגרונט און דאָך האָט ער ניט געקענט אָפּזאָגן זיך פון נסיון צו באַשאַפן אַ סאָציאַליסטישע געזעלשאַפט. דער נביא, וועלכער האָט דרייסיק יאָר געקעמפט קעגן דער פּאָליטיק אַרום זיך, איז איצט באַזיגט געוואָרן דורכן פּאָליטיקער אין זיך גופא און דער דאָזיקער נצחון איז געווען אַ טראַגישע שפּיל פון גורל. דעם 7־טן אַפּריל (גראָד אין זיין געבורטס־טאָג) האָט גוסטאַוו לאַנדויער אין מינכענער קעניגלעכן שלאָס פּראָקלאַמירט אַ ראַטען־רעפּובליק אין בייערן. דער צענטראַל־ראַט איז אָבער באַשטאַנען פון פאָרשטייער פון אַלע סאָציאַליסטישע ריכטונגען און לאַנדויער האָט אין אים איבערגענומען דעם בילדונגס־קאָמיסאַריאַט. אין זעקס טעג אַרום האָט אין מינכען אויסגעבראָכן אַ מיליטערישער קאָנטר־רעוואָלוציאָנערער אויפשטאַנד און די קאָמוניסטן, באַנוצענדיק זיך דערמיט, האָבן פאַרכאַפּט די גאַנצע מאַכט אין זייערע הענט, צוטרייבנדיק דעם פריערדיקן צענטראַל־ראַט. שוין פאַר דעם אָבער האָט לאַנדויער דערזען, אַז אים איז ניט מעגלעך צו אַרבעטן בשותפות מיט מענטשן, וועלכע האָבן געוואָלט פאַרווירקלעכן דעם סאָציאַליזם מיט דער הילף פון קלאַסן־הערשאַפט און טעראָר. אַלץ האָט זיך פאַראייניקט, כדי צו דערשטיקן די פלאַמען פון דער רעוואָלוציע, וועלכע האָבן געפלאַקערט

אין פאָלק: די סאָציאַל־דעמאָקראַטישע מלוכה־צענטראַליזאַציע און דער צוואַנגס־רעזשים, די טויטע פּאַרטיי־דאָגמע און די נידעריקסטע דעמאַגאָגיע. די גיפטיקע רוחות, וועלכע פאַרסמען דעם לעבן פון דער געזעלשאַפט און קעגן וועלכער לאַנדויער האָט אָן אויפהער געקעמפט, האָבן איצט געשלאָסן אַ בונט, פון וועלכן ס'האָט געמוזט חרוב ווערן די באַנייאונג פון פאָלק. אין אַ גיהנום פון גייסטיקע יסורים האָט גוסטאַוו לאַנדויער געלעבט אין יענער צייט. דער אומענדלעכער צאָרן און כעס קעגן דער רעאַקציע האָבן געטריבן זיין גייסט הינטער די גרעניצן פון זיינע אייגענע אידעאַלן. ער האָט געמיינט, אַז ער וועט נאָך קענען ווירקן אויף די נייע מושלים אין זיין גייסט און האָט זיך געשטעלט אין רשות פון דער קאָמוניסטישער רעגירונג, מ'האָט אָבער זיין אָנבאָט ניט אָנגענומען. דער וועג פון טעראָר, אַלס אַ מיטל צו דער פאַרווירקלעכונג פון סאָציאַליזם, איז אין די אויגן פון גוסטאַוו לאַנדויערן געווען אַ וועג פון משוגעת און פאַרניכטונג און ער האָט מיט שווידער געשפּירט ווי ס'קומט אָן דער שרעקלעכער סוף. אין אַ יאוש, וואָס האָט קיין ברעג ניט געהאַט, האָט לאַנדויער דערזען, אַז די מענטשן פון דער נייער געמיינשאַפט זיינען נאָך ניטאָ, אַז די וועלט פון די פרייע סאָציאַליסטישע פאַרבאַנדן, צו וועלכער ער האָט געשטרעבט, וועט אויפן וועג פון פּאָליטיק בכלל ניט באַשאַפן ווערן און אַז דער טיטאַנישער פּרואוו מוז זיך פאַרענדיקן מיט אַ קאַטאַסטראָפע...

בעת די דאָזיקע מוראדיקע טעג אין מינכען האָט די פיינטלעכע פּרעסע אין גאַנץ דייטשלאַנד פאַרשפּרייט די מיאוסטע בלבולים וועגן לאַנדויערס טעטיקייט. זיינע פריינט, וואָס האָבן געקענט די קריסטאַל־ריינע פּערזענלעכקייט, האָבן מיט אַ גרויל און אַ שטומען ווייטיק געמוזט צוזען, ווי די גיפטיקע שקרים ווערן טאָג נאָך טאָג אַריינגעוואָרפן אין פאָלק דורך פאַלשע, נקמה־דורשטיקע ציטונגס־שרייבער.

במשך פון דער גאַנצער צייט פון דער קאָמוניסטישער הערשאַפט אין מינכען האָט גוסטאַוו לאַנדויער געוואוינט אַלס פּריוואַט־מאַן אין דער וואוינונג פון קורט אייזנערס אלמנה. דאָרט האָבן אים געפונען די סאָלדאַטן, וועלכע האָבן דעם 30־טן אַפּריל איינגענומען מינכען. ווען די סכנה האָט זיך דערנענטערט, האָט גוסטאַוו לאַנדויער בשום אופן ניט געוואָלט אַנטלויפן פון שטאָט, ווי ס'האָבן געטאָן זיינע באַקאַנטע, כדי צו ראַטעווען זיך פון אַ זיכערן טויט. ער האָט געוואָלט רואיק אָפּוואַרטן ביז דער גאַנצער אמת וועגן אים וועט אַרויפגיין אויבן אויף. די סאָלדאַטן, וואָס זיינען געווען ווילד פון נצחון, האָבן אים אַרויסגעשלעפּט פון קורט אייזנערס ביבליאָטעק און אַוועקגעפירט אין אַ פאָרשטאָט שטאַרנבערג. אויפן צווייטן טאָג האָבן ווירטעמבערגער סאָלדאַטן, פירנדיק לאַנדויערן צו דער שטאַדעלהיימער פעסטונג, אים אויף אַ שווידערלעכן אופן דערהרגעט.

אַ ציטער גייט דורך איבערן לייב, בעת מ'הערט די באַשרייבונג פון גוסטאַוו לאַנדויערס טויט, ווי ס'גיבן איבער די עדי־ראיה. אַ מחנה סאָלדאַטן האָט מיט ווילדע קולות געפירט לאַנדויערן צום טויער פון דער פעסטונג. ביים אַריינגאַנג אין תפיסה האָט אים אַ לייטענאַנט געגעבן אַ קלאַפּ מיטן פויסט

איבערן פּנים. די סאָלדאַטן האָבן אָנגעהויבן צו שרייען: „דער העצער, דער העצער, מ'דאַרף אים פּטרן, הרגט אים!" מיט קאָלבעס און באַיאָנעטן האָט מען אַרויסגעשטופּט לאַנדויערן פון קאָרידאָר אין הויף אַריין. ער האָט זיך אָפּגערופן צו די סאָלדאַטן: „איך בין ניט קיין העצער, איר ווייסט אַליין ניט, ווי אָנגעהעצט איר זייט!" די סאָלדאַטן האָבן אים אָנגעטאָן די מוראדיקסטע יסורים, ביז ער איז געפאַלן אַ שווער פאַרוואונדעטער דורך אַ קויל פון אַ רעוואָלווער אויף דר'ערד. אַ לייטענאַנט האָט אים דורכגעשאָסן אַ קויל אַ צווייטן מאָל און ווען מ'האָט געזען, אַז ער אָטעמט נאָך, האָט אַ סאָלדאַט אַ טראָט געטאָן אויף אים מיט דער פוס און ער האָט אויסגעהויכט זיין נשמה. קיינער פון זיינע פריינט און באַקאַנטע האָט אים ניט געזען אין דעם טאָג פאַרן טויט. ער איז באַגראָבן געוואָרן אין אַ מאַסן־קבר אין שטאָדעלהיים.

דאָס איידעלע הארץ, וואָס האָט דרייסיק יאָר אָן אויפהער געליטן פאַר אַלע שוואַכע און אונטערדריקטע, איז צעטראָטן געוואָרן דורך אַ שטיוול פון אַ דייטשן סאָלדאַט. און דאָס איז געשען שוין נאָך דעם, ווי ס'איז פאַרניכטעט געוואָרן די קייזערלעכע אויטאָקראַטיע און בעת אין בערלין האָט רעגירט אַ סאָציאַל־דעמאָקראַטישער מלוכה־ראַט!...

ג

מיט זיין טראַגישן טויט האָט גוסטאַוו לאַנדויער פאַרצייכנט, ווי אַ בלוטיקער עדות פאַר דער שפּעטערדיקער געשיכטע, די גאַנצע געפאַלנקייט פון אונדזער תקופה, די נידעריקסטע מדרגה פון איר ירידה און די געפערלעכסטע קרענק פון דער היינטיקער מענטשהייט: די אומבאַגרענעצטע ממשלה פונעם גראָבן פיזישן כוח. ער האָט מיט די אייגענע אויגן געמוזט צוזען, ווי ס'ווערט בטל די בעסטע האָפענונג פון זיין לעבן: די באַשאַפונג פון דער נייער מענטשלעכער געזעלשאַפט דורך דער רעוואָלוציאָניזירונג און אומגעשטאַלטונג פון דעם מענטשלעכן גייסט. די גאַנצע אַנטוויקלונג פון דער מענטשהייט, אַזוי גוט ווי דער וועג פון דעם יחיד פון אַ חיה צום קולטור־מענטש, איז אין זיינע אויגן געווען דער וועג פונעם אינסטינקט צום גייסט, ווייל סיי אין דעם אינדיווידועלן, סיי אין געזעלשאַפטלעכן לעבן איז דער גייסט דער אמתער מקור פון אונדזער מענטשלעכקייט. אין גייסט שפּירט דער מענטש די שטימע פון דער אייביקייט און ער עפנט דעריבער פאַרן מענטשן די טויערן פון דער אומשטערבלעכקייט. אָבער אויך דער גייסט דאַרף האָבן אַ פאָרם, בכדי אַריינצוטרעטן אין לעבן אוןווירקן אין אים; ער דאַרף פאַר זיך האָבן אַ גוף, פאַר וועלכן ער זאָל קענען זיין די נשמה. די דאָזיקע פאָרם פאַרן גייסט און זיין גוף איז די ל י ב ע: דער איינציקער געפיל וואָס גיט דעם מענטשלעכן לעבן אַ זין און אַ קדושה.

גוסטאַוו לאַנדויער האָט געשריבן:

„...נאָך אַ וועג איז דאָ צום געפיל פון אומענדלעכקייט און ער איז דער פּרעכטיקסטער פון אַלע און די מענטשן קענען אים, אויף וויפיל זיי זיינען ניט אָנגעשטעקט געוואָרן פון דער אויסערלעכער פאַרדאָרבענקייט און פון דער

עגאָאיסטישער איבערפלעכלעכקייט פון דער געזעלשאַפט, צו וועלכער דער מענטש איז אָפט געבונדן על פּי צופאַל. דער דאָזיקער געפיל איז די ליבע און ער איז אַזוי אוניווערסאַל, אַזוי הימליש און נעמט אַרום די גאַנצע וועלט. ער איז אַ געפיל, וואָס דערהויבט אונדז פון די ערדישע קייטן און טראָגט אונדז אַוועק צו די שטערן, ווייל ער איז דער באַנד, וואָס פאַרבינדט אונדז און אונ־דזערע קינדער מיט דער גאַנצער וועלט. אַ טיפער זין באַשטייט אין דעם, וואָס דער נאָמען פאַרן געפיל פון געמיינשאַפט, וועלכער פאַרבינדט אונדז מיט דער מענטשלעכער וועלט — ליבע, מענטשן־ליבע, איז דער זעלבער וואָס פאַרן געפיל פון דער געשלעכטלעכער ליבע, וועלכער פאַראייניקט אונדז מיט די שפּעטערדיקע דורות*).

די ליבע איז דער גרונט־שטריך פונעם מענטשלעכן אינדיווידועלן גייסט און צוגלייך איז זי דער הויפּט־יסוד פאַרן געזעלשאַפטלעכן גייסט, וועלכער באַשאַפט די איבער־אינדיווידועלע אײנהייטן: די משפּחה, דעם שבט, די נאַציע. דער אינדיווידואַליזם און דער קאָלעקטיוויזם זיינען ניט קיין הפכים, נאָר — צוויי זייטן פון איין און דער־זעלבער דערשיינונג: פון מענטשלעכן גייסט, וועלכער באַשאַפט די מעגלעכקייט פון אַ סאָציאַלן לעבן. „דו ביסט נאָר אַ קליין פּיצל טייל פון מיר און ביסט דאָך, ווי איך, אַ גאַנצע וועלט". דעריבער איז נויטיק, אַז די מענטשן זאָלן זיין פאַרבונדן צווישן זיך, ווי די וועלטן זיינען פאַרבונדן דורך די בריקן פון ליכט, דורך דעם גייסט, וועלכער איז ליבע, און וועלכער באַשאַפט די פאָרמען פון דעם לעבן פון אַ געמיינשאַפט: די שפּראַך, די זיטן, די קונסט, און וועלכער צעשטערט ווידער די פאַרגליווערטע פאָרמען פון לעבן, וועלכע ס'האָט באַשאַפן די שנאה, די גייסטלאָזיקייט און די אומ־גערעכטיקייט**).

ביי אַזאַ קוק אויפן תוך פון דער מענטשלעכער געזעלשאַפט מוז גוסטאַוו לאַנדויער אָפּוואַרפן יעדן געדאַנק פון אַ מעכאַנישן קינסטלעכן סדר אין לעבן פון אַ געזעלשאַפט: דעם מלוכה־צוואַנג און די מלוכה־הערשאַפט. די מענטש־לעכע אַנטוויקלונג האָט אין אירע בליאונגס־צייטן שטענדיק געשטרעבט צו אַ לעבעדיקער געמיינשאַפטס־אָרדענונג אין דער פאָרם פון מענטשלעכע פאַר־באַנדן, וואָס בויען זיך אויף דער קעגנזייטיקער הילף און גערעכטיקייט. אַנ־שטאָט די קייטן פון מלוכה־צוואַנג פלעגט הערשן אין אַזעלכע צייטן די פריי־וויליקייט און דער שעפערישער גייסט פון פאָלק פלעגט באַשאַפן די גרויסע ווערק, ביי וועלכע די גרעניץ צווישן דעם פאָלק און דעם יחיד — דעם קינסט־לער איז געווען אַזוי מטושטש, אַז מ'האָט דעם נאָמען פון דעם גרויסן קינסטלער ניט איבערגעגעבן אפילו פאַר די שפּעטערדיקע דורות. די מדרגות פון דער קולטור צייכענען זיך ניט אויס בכן לויט דער גרויס פון די איינצעלנע יחידים, וועלכע לייכטן, ווי אַ שטערן אויפן שוואַרצן הימל פון דער אַרומיקער פינ־סטערניש, נאָר — לויטן אַלגעמיינעם גייסט, וועלכע הערשט אין די מענטשן

*) "Skepsis und Mystik" S. 43.

**) "Die Revolution" S. 22.

און איבער זיי, און באַשאַפט פון די מענטשן אַ פעסטן בונט. ניט די יחידים־גאונים רעפּרעזענטירן אין אַזעלכע צייטן דאָס פאָלק, נאָר פון דעם אַלגעמיינעם דראַנג פון די מענטשן צו אַ פאַרבונדענקייט דורך איין גייסט קומען אַרויס די קערפּערשאַפטן, וועלכע שטעלן מיט זיך פאָר אַ העכערע איינהייט, ווי דער איינצעלנער יחיד: חברות, פאַרבאַנדן פון חברות, פאַרבאַנדן פון פאַרבאַנדן. אויף וויפיל די פעלקער קענען דאָס דערגרייכן אין באַשטימטע תקופות פון זייער געשיכטע, אויף אַזויפיל הויבן זיי זיך אויף אָדער — אין קעגנגעזעצטן פאַל — לאָזן זיי זיך אַראָפּ אין זייער קולטור. דעריבער גייען די צייטן, ווען די פעלקער שטייען אויף אַ הויכער אָדער נידעריקער מדרגה, ניט ווי אַ גלייכע ליניע פון אונטן אויף אויבן און ס'איז ניטאָ קיין שטענדיקער פּראָגרעס, ווי ס'מיינען די „אַנטוויקלונגס־טעאָרעטיקער"; ס'איז אָבער פאַראַן אַ לאַנגער וועג, פון וועלכן מיר קענען ניט סיי דעם אָנהויב, סיי דעם סוף און ווייסן וועגן אים נאָר, אַז ער גייט באַרג־אַרויף און באַרג־אַראָפּ און ווייטער באַרג־אַרויף און אַזוי כסדר ווייטער.

אַלטע קולטורן שטאַרבן אָפּ, ווי ס'באַווייזט אונדז די געשיכטע פון די קאַרגע 4000 יאָר ביי איין טייל פון דער מענטשהייט, וועלכע איז אונדז מער אָדער ווייניקער באַקאַנט. יונגע, „אויסגערוטע" פעלקער נעמען איבער די שיריים פון די געפאַלענע קולטורן ביי די אַלטע, אָפּשטאַרבנדיקע פעלקער און פון אַזאַ מין קולטור־מישונג קומט אַרויס אַ התחלה פון אַ נייער קולטור. אַזאַ התחלה איז פאַר גוסטאַוו לאַנדויערן די צייט פון דער פ ע ל ק ע ר־ו ו אַ נ ד ע־ר ו נ ג, בעת ס'האָט זיך באַשאַפן אַ קולטור־מישונג פון דער אַלטער גריכיש־רוימישער וועלט מיט די אויפקומענדיקע פרישע פעלקער. די דאָזיקע קולטור־מישונג צייכנט זיך אויס מיט דער דורכדרינגונג פון די באַרבאַרישע פעלקער מיטן גייסט פון קריסטענטום. אַזוי האָט זיך אָנגעהויבן די קריסטלעך־אייראָפּעאישע געשיכטע, די געשיכטע פון דער ה י י נ ט י ק ע ר ת ק ו פ ה, פון דער אייראָפּעאיש־אַמעריקאַנישער וועלט.

בכן האַלט לאַנדויער, אַז די דאָזיקע תקופה הויבט זיך אָן מיט אַ רעגע־נעראַציע, מיט אַ התחלה פון אַ נייער קולטור, מיט דער קולטור פון דעם אַזוי גערופענעם מיטלאַלטער, אין וועלכן דאָס קריסטנטום איז געווען אַ קראַפט, וועלכע האָט משפיע געווען און אויסגעפאָרמט דאָס לעבן. הגם די דאָזיקע קולטור איז ניט גלייך געווען צו דער וועלכע ס'האָט געהאַט גריכענלאַנד אין די העכסטע מדרגות פון איר געזעלשאַפטלעכן לעבן, איז זי דאָך געשטאַנען אויף דער זעלביקער הויך, ווי די אַמאָליקע גלאַנץ־צייט פון די קלאַסישע פעל־קער פון דרום־אייראָפּע. די פעדעראַליסטישע אָרגאַניזאַציע פון דעם געזעל־שאַפטלעכן לעבן אין מיטעלאַלטער האָט זיך אויפגעבויט אויף דער בינדונג פון די מענטשן אין חברות דורך אַן איינהייטלעכן קריסטלעכן גייסט. ווען דער דאָזיקער גייסט האָט שוין אָבער פאַרלאָרן זיין לעבעדיקן אינהאַלט און איז געוואָרן פאַרגליווערט, ווען דער זין און די קדושה פון די קריסטלעכע סימבאָלן האָבן אָנגעהויבן נעלם צו ווערן, האָט דער יחיד דערפילט אַ באַדער־פעניש צו באַפרייען זיך פון די גייסטיקע קייטן, וועלכע האָבן אים פריער

געהאַט געבונדן באופן, אַז ער האָט עס גאַרניט באַמערקט, און וועלכע ער האָט איצט אָנגעהויבן צו שפּירן ווי אַ משא אויף זיין קערפּער און גייסט. ס׳הויבט זיך אָן דער ר ע נ ע ס אַ נ ס, וועלכער איז בעצם ניט קיין אַנדער זאַך, ווי די ירידה פון דער פריערדיקער קולטור און דער איבערגאַנג און די שטרעבונג צו נייע פאָרמען פון אַ געזעלשאַפטלעכן לעבן און פון אַ פאַרבונדנקייט דורך אַן אַלגעמיינעם גייסט. די וויסנשאַפט, וועלכע ווערט פריי פון דער אַפּיטרופּ־סוס פון דער קירכע, הויבט אָן מיט דער הילף פון דער טעכניק אָפּצוהאַלטן די ערשטע נצחונות איבער דער נאַטור. די אויסערלעכע נאַטור ווערט ביס־לעכוויז באַהערשט און געבונדן, דערפאַר ווערט אָבער די אינעווייניקסטע נאַטור פון די מענטשן פריי און אויסגעלאַסן, ס׳ווערט חרוב דער פריערדיקער בונד און די פרייהייט, ווייל ס׳האָט אונטערגעפוילט דער פונדאַמענט אונטער דעם בנין פון דער פריערדיקער קולטור, די קריסטלעכע רעליגיע, און ס׳הויבט זיך אָן דער קאַמף פון די פעלקער פאַר אַ נייער קולטור. דאַ הויבט זיך אָן פאַר לאַנדויערן די ר ע וו אָ ל ו צ י ע, אַ איינציקע רעוואָלוציע אין דער געשיכטע פון דער מענטשהייט, וועלכע מיר קענען און וועלכע איז נאָך ווייט פון איר סוף און גייט מיט שווערע, לאַנגזאַמע טריט איבער יאָרהונדערטן און אירע עטאַפּן זיינען עס יענע מרידות און איבערקערענישן, וועלכע זיינען אונדז גוט באַקאַנט. זיי קענען אָנגערופן ווערן רעוואָלוציעס נאָר אין ענגערן זין פון וואָרט, ווייל זיי זיינען נאָר טיילן פון אַ גרויסער קולטור־איבערקערעניש, וועלכע ציט זיך שוין במשך פון 500 יאָר ; דאָס זיינען: די רעפאָרמאַציע, דער דייטשער פּויערים־קריג, די מלוכה־רעוואָלוציעס אין האָלאַנד, אין פראַנקרייך, ענגלאַנד, די אַמע־ריקאַנישע פרייהייט־מלחמה, די גרויסע פראַנצויזישע רעוואָלוציע און אירע פאָרזעצונגען במשך פון 19 יאָרהונדערט כמעט אין אַלע איראָפּעאישע לענדער און די רוסישע רעוואָלוציעס. זיי פילן אָן די איבערגאַנגס־צייט, וועלכע מ׳רופט אָן די נייע צייט.

די גאַנצע „נייע צייט״ צייכנט זיך אויס מיט דער הערשאַפט פון מלוכה־צוואַנג אָנשטאָט דעם אַלגעמיינעם פאַרבינדענדן גייסט, וועלכער איז געווען דער כאַראַקטעריסטישער סימן פון די בליאונגס־צייטן פון די איראָפּעאישע פעל־קער אין מיטלאַלטער. די מלוכה ווערט דער סוראָגאַט פון גייסט, זי שטעלט זיך אַוועק אַלס אַן אויבערהאַר און באַהערשט די פעלקער. במשך פון די 400—500 יאָר פון איר אומבאַגרענעצטער הערשאַפט האָט די מלוכה דורכגעמאַכט איניקע סטאַדיעס פון איר אַנטוויקלונג. אין דער ערשטער תקופה האָט דער מלך, דער פירשט, אַן אַבסאָלוטע מאַכט, אין דער צווייטער — גרעניצט אָפּ די קאָנסטיטוציע דאָס רעכט פון דעם הערשער פון די רעכט, וועלכע געהערן דעם פאָלק און ווערן פאַרווירקלעכט דורך זיינע פאָרשטייער אין פאַרלאַמענט. דער גרונט־סימן פון דער דריטער תקופה, פון דער היינטיקער, איז די סוווע־רעניטעט פון דעם נאַציאָנאַלן הערשאַפט־פרינציפּ, די שטרעבונג צו דער נאַציאָנאַלער זעלבסטשטענדיקייט און אייגנאַרטיקייט, וועלכע האָט זיך אויף אַן אומנאַטירלעכן אופן מתדבק געווען מיט דעם מלוכה־צוואַנג און זיין נטיה צו פאַרקנעכטן די שוואַכע פעלקער. דאָס זיינען די דריי עטאַפּן פון דער

מלוכה־אידייע פאַר די לעצטע 400 יאָר: אַבסאָלוטיזם, לעגאַליזם און נאַציאָנאַליזם. אין אַלע דריי תקופות איז פאַראַן, ניט קוקנדיק אויף זייער אויסערלעכן חילוק און פאַרשידענהייט אין די באַדינגונגען פון אָרט און צייט, איין געמיינזאַמע אייגנשאַפט: דער אינדיווידואַליזם פון יחידים און די אַטאָמיזירונג פון די מאַסן, וועלכע שטעלן פאַר מיט זיך צוויי זייטן פון איין דערשיינונג. איינזאַמע יחידים טראָגן אין זיך געוואַלדיקע עשירות: פילאָזאָפן, דיכטער, געלערטע, דער המון שטעקט נאָך אַבער היינט, ווי מיט 400 יאָר צוריק, אין אַ זומפּ פון אַבערגלויבנס און האָט נאָך ניט קיין ברעקל השגה פון אַ גאַנצער איינהייטלעכער וועלט־אַנשויאונג אַנשטאָט דעם געשטאַרבענעם קריסטלעך־רעליגיעזן וועלט־בילד. דאָס פאָלק איז צעשאָטן אין מיליאָנען אַטאָמען, וועלכע טראָגן זיך אין אַ ווילדן דריי־שטורעם אָן אַ ריכטונג. פון איין זייט האָט אויסגעוואַקסן דער סוראָגאַט פון גייסט: די מלוכה, פון דער צווייטער זייט וואַקסט ביי יחידים דער אמתער גייסט אין אַזאַ שפע, וועלכע האָט איר גלייכן נאָך קיינמאָל ניט געהאַט: די אינדיווידועלע קונסט און וויסנשאַפט. דער מיעוט פון דער מענטשהייט לעבט אין מאַטעריעלע און גייסטיקע עשירות, אין אַ לוקסוס און אויסגעלאַסנקייט, דער רוב — אין דחקות, נויט, אין פינסטערניש און אין אַ טשאַד פון גראָבע גשמיותדיקע תענוגים. די רעוואָלוציעס זיינען עס די פּרוואוון פון די אַטאָמיזירטע, צעריסענע מאַסן, באַשאַפן זיך אַ נייע פאָרם פון איינהייט, אַ נייעם בונט און אַ נייע פרייהייט, מיט דער הילף פון אַ נייעם געזעלשאַפטלעכן אידעאַל. דאָס פאָלק איז זיך בעת אַ רעוואָלוציע טובל אין גייסט און וויל באַלעבן אין די מים־חיים פון התלהבות, פון ברידערלעכקייט און פון פרייד, דעם אייביקן געמיינשאַפטס־אינסטינקט, וועלכן די אַלטע, פאַר־רעוואָלוציאָנערע אָרדענונג האָט ניט געקענט באַפרידיקן. ניט די רעוואָלוציע איז בכן דער ציל, צו וועלכן די גייסטיקע פירער פון פאָלק שטרעבן, נאָר די ר ע ג ע נ ע ר אַ צ י ע; דער גייסט דאַרף בלייבן אין לעבן און ווירקן אויך נאָך דעם, ווי ער האָט צעשטערט די אַלטע שטערונגען און קינסטלעכע מניעות אויף זיין וועג. אין אַלע ביזאיצטיקע רעוואָלוציעס איז אַבער שטאַרק געווען נאָר די נעגאַטיווע זייט: די צעשטערונג פון דאָס אַלטע; זיי האָבן ניט געפירט צו אַ רעגענעראַציע און די תקופה, וועלכע איז געקומען נאָך זיי, איז ניט געווען שטאַרק פאַרשידן פון דער צייט, וואָס פאַר דער רעוואָלוציע. די סיבה דערפון איז דאָס, אַז אין דעם רעוואָלוציאָנערן ברען פון די פעלקער איז ניט געווען גענוג קלאָרקייט; רויך און סאַזשע האָבן פאַרטונקלט דאָס פייער פון התלהבות פון פאָלק און שלעכטע אייגנשאַפטן פון יחידים האָבן אויסגענוצט דעם שטורעם פאַר די אייגענע מאַכט־אינסטינקטן און שטרעבונגען צו הערשאַפט.

דער טיפער קריזיס פון אונדזער צייט פירט צו דער פראַגע: צי וועלן נאָך די פעלקער האָבן כוחות ניט נאָר צו דערהויבן זיך פון זייער ירידה, נאָר אויך אויפצובויען די נייע וועלט? אַזוי ווי די רוימישע וועלט האָט ניט געקענט ביישטיין די אינעווייניקסטע קראַנקהייט, וועלכע האָט אָנגענומען די פאָרם פון אַ בירגער קריג אין צווייטן יאָרהונדערט פון דער נייער תקופה, בעת די אויטאָריטעט פון סענאַט איז פאַרניכטעט געוואָרן צוליב דער סאָציאַלער און

מאָראַלישער ירידה פון פאָלק, — שטייט אויך אונדזער צייט ערב אַן אַנטשיי־דענדיקן מאָמענט פון טיפע אינעווייניקסטע שינויים. די רוימישע ציוויליזאַציע האָט ניט געקענט בייקומען דעם קריזיס. וועט די היינטיקע איראָפּעאיש־אַמעריקאַנישע וועלט זיין גליקלעכער? צי איז דאָ אין איר אַזאַ פּרינציפּ, וועלכער זאָל קענען זיין אַ יסוד פאַר דער פעסטער, סטאַבילער סאָציאַלער אָרדענונג? דאָס איז די גרונט־פּראָבלעם פון אונדזער צייט און נאָר דער, וועלכער גיט זיך אָפּ אַ דין־וחשבון אין דער גאַנצער באַדייטונג פון גרויסן מאָמענט, אין וועלכן מיר לעבן, וועט קענען פאַרשטיין די היסטאָרישע ראָליע פון דער היינטיקער איבערגאַנגס־תקופה.

די תשובה, וואָס גוסטאַוו לאַנדויער האָט געגעבן, זאָגט: נאָר אַ ווידער־געבורט פון די פעלקער, וועלכע וועט קומען פון אינעווייניק (ווייל אין דער היינטיקער „אוניפאָרמירטער" מענטשהייט, זיינען שוין ניטאָ די פרישע, „אויס־געררוטע" פעלקער, וואָס זאָלן קענען באַנייען די געפאַלענע, אָפּגעלעבטע קול־טור), דער נייער גייסט פון געמיינשאַפט און גערעכטיקייט, וועלכע וועט אַרומ־נעמען די פעלקער און וועט באַשאַפן פון זיי די נייע מענטשהייט, קען מציל זיין די איראָפּעאיש־אַמעריקאַנישע וועלט פון איר אונטערגאַנג; נאָר דער אמתער סאָציאַליזם וועט קענען באַשאַפן אַ נייעם פּרינציפּ, וואָס וועט באַפרייען די וועלט פון אַ לאַנגער גסיסה מיט שווערע פּאָליטישע קאַמפן און בלוטיקע סאָציאַלע קאָנפליקטן. דאָס איז אַ ס א ָ צ י א ַ ל י ז ם, וועלכער באַדייט אַ וועג, מעשים; ער איז אַן התחלה און צוגלייך אַ פאַרזעצונג פון די אוראַלטע סאָציאַלע טראַדיציעס פונעם מענטשלעכן גייסט, וועלכע קומען אַרויס פון די סאָציאַלע אינסטינקטן פון דער מענטשלעכער נאַטור. דער דאָזיקער סאָציאַליזם איז אָרגאַניש פאַרבונדן מיט דער גאַנצער געשיכטע פון די איראָפּעאישע פעלקער און בויט זיך ניט אויף קינסטלעכע באַגריפן וועגן „אומפאַרמיידלעכע" אַנט־וויקלונגס־געזעצן, נאָר — אויפן מוטיקן כוח פונעם מענטשלעכן ווילן. דאָס פאָלק וואַרט אויפן רוף פון די אנשי־מעשה! דער רוף וועט אָבער נאָר דעמאָלט ווירקן, ווען ער וועט זיין אַביישפּיל און אַן התחלה און ניט בלויז קיין וואָרט און באַפעל. די פיאָנערן, די מוטיקע אָנהייבער פון אַ נייעם נאַטירלעכן לעבן אין קליינע געמיינשאַפטן, וואָס וועלן אַרבעטן פאַר זייער אייגענעם באַדאַרף און ניט פאַרן פּראָפיט און פאַרן וועלט־מאַרק, דאַרפן זיך אָפּשיידן פון דער איצטיקער אומקולטור ,ווייל נאָר דורך דעם וועלן זיי קענען אַוועקלייגן דעם יסוד פון אַ נייער, פון אַן אמתער קולטור. דעריבער איז דער לאָזונג פון לאַנ־דויערס סאָציאַליסטישן קאַמף במשך פון די גאַנצע 30 יאָר געווען, ק ו מ ע ן ד ו ר ך א ָ פּ ז ו נ ד ע ר ו נ ג צ ו א ַ ג ע מ י י נ ש א ַ פ ט. דאָ איז געווען אָנגעצייכנט אַ וועג, אויף וועלכן ס'האָט געקענט גיין פון אָנהויב נאָר אַ קליינע אומבאַדייטנדע אין איר צאָל גרופּע, פאַר וועלכער דער סאָציאַליזם איז ניט קיין פּאַרטיי־זאַך, נאָר אַ נשמה־באַדערפעניש פון דעם טיפסטן גרונט. די פּ א ָ ל י ט י ק קען אין בעסטן פאַר נאָר פועלן איין זאַך, וואָס איז אגב אָן אַ שיעור גרויס און חשוב: צו באַפרייען דעם באָדן, אַרויסנעמען די ערד פון דעם רשות פון יחידים און איבערגעבן איר אין די הענט פון די, וואָס ווילן

זיך באַהעפטן מיט איר, כדי אויפצובויען אויפסניי דעם נאַטירלעכן און געזונטן לעבן.

די גרויסע רעוואָלוציאָנערע געשעענישן אין רוסלאַנד און דייטשלאַנד האָבן באַשטעטיקט אַ סך פון לאַנדויערס נביאות. די גרונט־באַדייטונג פון דער אַרבעט, פון אַ חשק צו פּראָדוצירן און פון דער לאַנד־ווירטשאַפטלעכער אַרבעט בפרט; די אוממעגלעכקייט צו רעאָרגאַניזירן די ווירטשאַפטלעכע אָרדענונג דורך בלויזע דעקרעטן, די נויטיקייט אָנצוהויבן די סאָציאַליסטישע איבערקערעניש פון באָדן און ניט פון דער גרויס־פאַבריק, די שוואַכע דער־ציאונג פון די אַרבעטער צום סאָציאַליזם — דאָס זיינען אַלץ זאַכן, מיט וועלכע דער דאָגמאַטישער מאַרקסיזם האָט זיך אָפּגעגעבן ווי מיט אַ קלייניקייט. דאָס לעבן האָט אָבער לדי באַוויזן, ווי גרויס ס'איז אין דער אמתן די באַדייטונג פון די אַלע „נעבן־זאַכן", אויף וועלכע לאַנדויער האָט אָנגעוויזן כסדר במשך פון צענדליקער יאָר.

גוסטאַוו לאַנדויער האָט איבערגעיאָגט זיין צייט אויף עטלעכע דורות און ערשט די נאָכפאָלגער פון די היינטיקע אמתע און פאַלשע סאָציאַליסטן וועלן ווי געהעריק אָפּשאַצן די מעשים פון יענעם דענקער און פירער, וועלכן זיין אייגענע צייט האָט ניט אָנערקענט און פאַרשטויסן. זיין וועג איז געווען איינזאַם אָבער זיכער: ער האָט געוואוסט, אַז ער האָט אָנגעקניפּט דעם איבערגעריסענעם פאָדים פון די גרויסע סאָציאַליסטן פון סוף 19־טן און פון אָנהויב 20־טן יאָר־הונדערט. פון די שפּעטערדיקע סאָציאַליסטן זיינען צוויי פון די גרעסטע געווען זיינע לערער: פּרודאָן און קראָפּאָטקין און זייערע געדאַנקען האָט ער פאַרטיפט און באַפרוכטעט מיט זיין גרויסן גייסט.

מיט זיין קאַמף פאַרן סאָציאַליזם האָט לאַנדויער געאַרבעט ניט פאַר זיין אייגענער תקופה, נאָר פאַר אַלע צייטן; ניט פאַר זיין לאַנד, נאָר פאַר דער גאַנצער מענטשהייט. אין דעם צוקונפטיקן גרויסן רענעסאַנס פון די פעלקער, וועלכער מוז קומען, אויב די טויט־סכנה, וואָס שוועבט איבער דער היינטיקער מענטשהייט, וועט פאַרשווינדן, וועט פאַרן אָנדענק פון גוסטאַוו לאַנדויערן אָפּ־געגעבן ווערן אַן אָרט צווישן די נעמען פון די גרעסטע לייכטענדע גייסטער.

ד

גוסטאַוו לאַנדויער איז געווען אַ מערב־ייד. די ספערע פון זיין ווירקונג האָט כמעט ווי גאָרניט באַרירט די ברייטע שיכטן פון יידישן פאָלק. ער איז אָבער געשטאַנען גייסטיק אַ סך נענטער צום מזרח־יידנטום אײדער די „פּאַ־טענטירטע" נאַציאָנאַל־געשטימטע מערב־יידן. שוין דורך זיין פרוי העדוויג לאַכמאַן (אַ טאָכטער פון פּאַטריאַרכאַלן מזרח־ייד, וואָס האָט מיט 60 יאָר צוריק אַלס יונגער מאַן פאַרלאָזן רוסלאַנד, אַנטלויפנדיק פון דער סכנה צו ווערן אַ קאַנטאָניסט, און איז געווען אַ חזן אין פאַרשידענע דייטשע קהלות) האָט לאַנדויער אָנגעקניפּט גייסטיקע פעדים מיטן מזרח־יידישן וועזן. אָבער נאָר אַ דאַנק דעם אייגענעם יידנטום, וואָס איז געלעגן אין די טיפסטע שיכטן פון זיין נשמה, „אונטער דעם שוועל פון זיין באַוואוסטזיין", איז ער געווען מסוגל

צו דערשפירן פון דער וויַיטן דעם לעבעדיקן דופק ביי די יידישע פאָלקס־מאַסן און אָפּשיידן דאָס מזרח־יידנטום פון דער טויטער, פאַרגליווערטער אָדער קינסטלעך־באַלעבטער, גאַלוואַניזירטער, יידישקייט פון מערב־איראָפּע. ער האָט דעריבער גוט געקענט דעם טיפן אונטערשייד צווישן דעם „געבילדעטן" מערב־יידן און דעם „אָפּגעשטאַנענעם" יידן פון רוסלאַנד. „דער ייד, וואָס איז זיך מתעסק אין געטאָ מיט זיין קליינעם, שמוציקן האַנדל איז געניי דער זעלבער ייד, ווי דער, וואָס האָט די נויטיקע בילדונג, נאָר פאַרמאָגט קיין אַנדער זאַך ניט חוץ דעם קרעמערישן גייסט. אָבער דער מזרח־ייד, וואָס רייסט איבער כסדר זיין פשוטן אַרבעטס־טאָג, כדי אָפּצוגעבן זיך אויף אַ פּאָר שעה מיט דאָס געטלעכע, הגם דאָס קומט פאָר אין מעכאַנישע און פאַרגליווערטע פאָרמען; וועלכער טראָגט אַריין אין זיין וואָכעדיקן טאָג די דערהויבענע מנהגים און אין די ימים־טובים — די טיפע צוגעבונדענקייט צו גאָט, שטייט אויף אַ העכערער מדרגה, ווי זיין מערב־איראָפּעאישער גרויס־שטעטישער ברודער, וועלכער האָט, אונטער דער שטוקאַטור פון בילדונג, אָנשטאָט וועלכער ס'איז רעליגיאָזיטעט, נאָר ראָמאַנען־ליטעראַטור, טעאַטער־מאָדע און קונסט־פּלוי־דעריי און דאָס אויך מער פאַר זיינע טעכטער ווי פאַר זיך"*).

לאַנדויער האָט קלאָר געוואוסט, אַז פון אַזאַ איראָפּע, ווי זי איז היינט, דאַרפן די יידן קיין זאַך ניט איבערנעמען, ווייל זי איז בלויז אַ טראַגי־־קאָמישע קאַריקאַטור פון יענער אמתער מענטשלעכקייט וועלכע האָט ביי יידן געפונען איר אויסדרוק אין אַ קולטור־אַנטוויקלונג במשך פון טויזנטער יאָר. „מיר קענען זיך ניט גאָרניט ווינטשן בעסערס, ווי צו פילן זיך אין דער דאָזיקער איראָפּעאישער מענטשהייט ווי פרעמדע, פאַרשטויסענע און פאַרלאָזענע... ס'איז געווען עפּעס גיגאַנטישעס אין דעם, וואָס די פראַנצויזישע רעוואָלוציע האָט פּראָקלאַמירט די מענטשלעכע רעכט אַלס אַן אייביקן באַזיס, וועלכן יעדער מענטש האָט דורך זיין געבורט, ווייל ער טראָגט אַ מענטשלעכן פּרצוף. די דאָזיקע רעוואָלוציע איז אָבער נאָך ביז היינט ניט פאַרענדיקט און יענע אָפּמאַכן צווישן די איראָפּעאישע פעלקער, וועלכע האָבן געוואָלט דערהויבן כאָטש אַ ביסל מענטשלעכקייט צו דער מדרגה פון רעכט, זיינען אין אונדזערע טעג וויטער צעריסן געוואָרן".

די היינטיקע געזעלשאַפטלעכע קולטור איז אַ מאַסקאַראַד מיט שיינע ווערטער, וואָס פאַרדעקן דעם אמתן מיאוסן פּנים. די נאַציאָנאַל־יידישע פּאָ־ליטיקער באַרופן זיך אויף די דאָזיקע פּוסטע פראַזן און פאָדערן אין נאָמען פון דער מענטשלעכקייט און ציוויליזאַציע די באַפרייאונג פונעם יידישן פאָלק. לאַנדויער וויל אָבער ניט הערן פון די דאָזיקע לאָזונגען, מחמת זיי זיינען פאַר אים בעטל־ווערטער, וועלכע פאָדערן חסד דאָרט, וואו ס'איז שוין מער קיין גערעכטיקייט ניטאָ.

גוסטאַוו לאַנדויער האָט זיך דערנענטערט צו דער נאַציאָנאַל־יידישער באַוועגונג ערשט אין די לעצטע יאָרן. אויף אים האָט געהאַט אַ שטאַרקע

*) "Der Jude" 1916-17: 'Die Ostjuden u. d. Deutsche Reich'.

השפעה דער יידישער גייסטיקער נאַציאָנאַליזם פון זיין פריינט מאַרטין בובער. צוזאַמען מיט אים האָט ער געפּלאַנט אין אָנהויב 1919 צוזאַמענצורופן אין מינכען אַ צוזאַמענפאָר פון פאָרשטייער פון אַלע ציוניסטיש־סאָציאַליסטישע ריכטונגען. ער האָט זיך נאָענט פאַראינטערעסירט מיט דער יידישער פאָלקס־אַרבעט און האָט גענומען אַן אָנטייל אינעם בערלינער יידישן „פאָלקס־היים", וואָס איז געשאַפן געוואָרן אין די מלחמה־יאָרן. ער האָט אָבער קיינמאָל ניט פאָרמולירט זיינע נאַציאָנאַל־יידישע אָנשויאונגען אין פעסטע באַגריפן און אין פאַרגליווערטע ווערטער, ווייל זיין יידנטום איז ניט באַשטאַנען אין פּראָזעס און פּאַרטיי־לאָזונגען, ווי דאָס איז אַ כלל ביי ס'רוב פון די מאָדערנע נאַציאָנאַל־באַוואוסטזיניקע יידן. זיין יידנטום האָט ער געשפּירט אין דער מימיק פון זיין פּנים, אין ריטם פון זיין בלוט און מיר פילן זיין יידישקייט אין זיינע געדאַנקען. די נאַציאָנאַלע פּראָבלעם האָט ביי אים געפונען אַזאַ לייזונג, ווי ס'האָט געמוזט אַרויספליסן פון זיין גאַנצער לעבנס־אָנשויאונג. „אונדזער גייסט שטרעבט צו ווערן מער און עפּעס אַן אַנדער זאַך, ווי גייסט: ער וויל ווערן געזעלשאַפט, פאָלק, קערפּערשאַפט, אָרגאַניזם". „וואָס מער מיר דערהויבן אונדזער פאָלקס־איגנשאַפט פון דער פּאַסיווער רו און פון דער אָביעקטיווער ווירקלעכקייט צו אַ ווילן און צו מעשים; וואָס מער מיר ווערן באַוואוסטזיניקע יידן, וועלכע נעמען אויף זייער יידישקייט, ווי מ'נעמט אויף דעם אייגענעם וועזן, — וועט אַלץ שטאַרקער דאָס יידנטום ווערן פאַר אונדז אַ ממשותדיקע שטרע־בונג צו אַ פאַרווירקלעכונג". די טראַדיציע פון די לײדענדיקע און די בענ־קענדיקע יידישע הערצער איז פאַר לאַנדויערן געוועזן ניט קיין אַנדער זאַך, ווי די רעוואָלוציע און די רעגענעראַציע פון דער גאַנצער מענטשהייט. דאָס יידנטום וועט דעריבער דערלייזט ווערן נאָר צוזאַמען מיט דער גאַנצער מענטש־הייט, ווייל ס'איז איינס און דאָס זעלביקס, האַלט ער, צו וואַרטן אין גלות אויפן משיח און צו זיין דער משיח פון די פעלקער.

שוין גלייך פון איר אָנהויב באַגייסטערט אים די יידישע געשיכטע: מיט איר סאָציאַלער געזעצגעבונג און דער עיקר מיט דער באָדן־רעפאָרם פון משהן, וועלכע האָט איר גלייכן ניט אין דער גאַנצער ביזאַנטיקער געשיכטע און דינט פאַר אַ מוסטער ביי אַלע מאָדערנע שטרעבונגען. דער יידישער גייסט האָט לויט זיין מיינונג, געשפּילט אַ געוואַלטיק־גרויסע ראָליע אין דער גאַנצער געשיכטע פון דער היינטיקער מענטשהייט. „אין דער צייט, בעת די גריכיש־רוימישע וועלט האָט ביי איר אונטערגאַנג איבערגעגעבן איר קערפּער און איר גייסט די נייע פעלקער, וואָס זיינען אַנטשטאַנען פון דער פעלקער־מישונג, האָט אויך דאָס יידישע פאָלק געשענקט זיי אַ גרויסן שטיק פון זיין גייסט. די יידן זיינען אָבער ניט איינגעשלונגען געוואָרן צוזאַמען מיט זייער מתנה דורך די נייע פעלקער, ווי ס'איז געוועזן די מעשה מיט די גריכן און די רוימער, נאָר זיי האָבן זיך לאַנגזאַם במשך פון טויזנטער יאָר באַזעצט ביי די פעלקער און דאָן דורכ־געמאַכט די גאַנצע קולטור־אַנטוויקלונג צוזאַמען מיט די אַרומיקע פעלקער, הגם מיט אַ סך זעלבסטשטענדיקייט*). די גאַנצע יידישע געשיכטע, די באַ־

*) "Die Revolution" S. 32.

רירונגען מיט אַלע באַקאַנטע און מיט אַ סך שוין פון לאַנג אָפּגעשטאָרבענע פעלקער דריקט אָבער אַרויף אַ חתימה פון באַזונדערע אייגנשאַפטן אויפן יידן און צוליב דעם עקזיסטירן אין דער יידישער נשמה צוזאַמען מיט די עלעמענטן פון די אור־אָבות אויך אַלע שפורן פון די פרעמדע השפּעות. די דאָזיקע פּיל־פאַכקייט האַלט לאַנדויער פאַר אַן איינציגאַרטיקער אייגנשאַפט פון יידנטום, וועלכע איז אגב אין זיינע אויגן די גרעסטע מעלה פון דער יידישקייט. „די נאַציעס, וועלכע האָבן זיך אָפּגעגרעניצט אין דער פאָרם פון מלוכות, האָבן אין דרויסן זייערע שכנים וועלכע זיינען זייערע שונאים. אונדזער נאַציע האָט די שכנים אין איר אייגענער ברוסט, אין דער דאָזיקער שכנות איז שלום און אחדות ביי יעדערן, ווער ס׳איז אַ גאַנצער מענטש און איז באַוואוסטזיניק בנוגע צום אייגענעם איך. צי דאַרף דאָס ניט זיין אַ סימן פונעם באַרוף, וועלכן דאָס יידנטום דאַרף דערפילן פאַר דער מענטשהייט, אין דער מענטשהייט?״ *).

פאַר אים האָט דאָס וואָרט נאַציע באַדייט אַ בונד פון די, וועלכע שפּירן אין זיך אַ באַזונדערע אויפגאַבע פאַר דער גאַנצער מענטשהייט. „צו זיין אַ נאַציע באַדייט צו האָבן אַן אַמט״. פונעם דאָזיקן קוק פליסט אַרויס זיין גאַנצע אַנשויאונג אויף דער יידישער ווידערגעבורט. „היינט טראָגן מיר מיט זיך פון לאַנד צו לאַנד די אומגערעכטיקייט. אָבער די גערעכטיקייט וויל ראשית־כל אָננעמען אַ פאָרם, אַ גוף, און די דאָזיקע פאָרם וועט זיך מוזן צופּאַסן צו די נאַציאָנאַלע אייגנשאַפטן. ביי אַלע סאָציאַליסטישע פּרוואוון וועט זיך בכן אַרויסשטעלן, אַז נאָר אין דער אייגענער וועלט, צווישן יידן, וועט די גערעכ־טיקייט קענען פאַרווירקלעכט ווערן אויף אונדזער אייגענעם שטייגער. דערצו מוז אָבער דאָס פאָלק אַנדעקן אין זיך, אין זיין טיפסטן תוך, זיין אייגענעם עצם. „בעת דאָס פאָלק געפינט זיך אויף אַ ווענד־פונקט, ווען דאָס פאָלק וויל ערשט ווערען דאָס, וואָס ס׳קען זיין לויט זיינע מעגלעכקייטן, דעמאָלט מוזן קומען די דיכטער און די נביאים, כדי אַרויסצוזאָגן אין ווערטער דאָס וועזן פון פאָלק, דאָס, וואָס ס׳דוכט זיך, אַז מ׳קען דאָס גאָרניט אַרויסזאָגן. דאָס יידנטום מוז זיין דאָס, וואָס ס׳איז לויט דעם טיפסטן גרונט, אויף וויפיל מיר קענען אים״. און אין אַן אַנדער אָרט**) גיט לאַנדויער זיין תשובה אויף דער פראַגע וואָס אַזוינס איז דאָס יידנטום? — „דאָס יידנטום איז אַ קולטור, וועלכע בויט זיך אויפן קאַמף קעגן דער זינד, אויפן קאַמף פאַר דער הייליקייט און ריינקייט און דער דאָזיקער קאַמף קומט פאָר אין האַרצן פון פאָלק, פון דער געמיינדע, פון יעדן יידן וועלכער דאַרף ניט האָבן קיין פאַרקעמפער, קיין אויס־לייזער און קיין פּריסטער, ווייל ער ווערט געפירט דורך מיטלען פון תשובה, פון ריינקייט, פון פאַרטיפן זיך אין זיך אַליין דורך דער איינהייט פון דער געמיינדע אין דער תפילה און אין תשובה״.

דאָס גאַנצע וועלט־בילד און די לעבנס־אַנשויאונג פון גוסטאַוו לאַנדויערן האָט זיך געבויט אויף צוויי עיקרים. ס׳איז פאַר אים געווען קלאָר, אַז נאָר

---

*) “Sind das Ketzergedanken” im Sammelbuch “Vom Judentum” Leipzig, 1913.

**) “Sozialist” Nov. 1913: “Zum Beilis Prozess”.

דאָרט קען זיך פאַרווירקלעכן אַ הויכע קולטור, דאָס הייסט: די מענטשהייט קען לעבן אין גליק און פריד, — וואו די איינהייט און די פילפאַכיקייט פון די אָרגאַניזאַציאָנס־פאָרמען פון די געזעלשאַפטלעכע גרופּעס איז ניט קיין אויסער־לעכער צוואַנג, נאָר אַ גייסט, וואָס לעבט אין די יחידים און שטייגט איבער זייערע גשמיותדיקע אינטערעסן. ביי די אַלטע גריכן איז דער דאָזיקער גייסט רעפּרעזענטירט געווען דורך די געטער און דורך דער קונסט. ביי די היינטיקע פעלקער איז דער גייסט רעפּרעזענטירט דורכן קריסטלעכן קולט און זיינע סימבאָלן, וועלכע זיינען היינט נאָר טויטע שיריים פון אַ גייסט, וועלכער איז אַמאָל געווען לעבעדיק און פּרוקטבאָר. יעדער געזעלשאַפטלעכער לעבן דאַרף בכן האָבן אַ זין, אַ הייליקונג, אַ פאַנטאַזיע, וועלכע זאָל אַרויסלייכטן הויך איבער די קעפּ פון די מענטשן און פאַרבינדן זיי אין העכערע געזעלשאַפטלעכע פאָרמען: חברות, פאַרבאַנדן, וכדומה. די פאַנטאַזיעס פון די פאַרגאַנגענע תקופות קענען און טאָרן היינט ניט באַנייט ווערן קינסטלעך, דער עיקר איז אָבער, אַז ס'איז לכתחילה ניט מעגלעך קיין לעבן פון כלל, וואו ס'זאָל ניט זיין מער דער עלעמענט, וועלכער שטייגט אַריבער די מאַטעריעלע אינטערעסן.

דער צווייטער גרונט־יסוד פון זיין לעבנס־אָנשויאונג באַשטייט אין גע־דאַנק, אַז די פ ר י י ה י י ט, ניט אין אַ סאָציאַל־פּאָליטישן אָדער אין אַ פילאָ־זאָפיש־פּסיכאָלאָגישן זין, נאָר אַלס אַן אינדיווידועל־פּסיכישער באַגריף, אַלס די צוימונג פון די מענטשלעכע אינסטינקטן און די פרייוויליקע באַשרענקונג פון די נאַטירלעכע באַגערן פון דעם אייגענעם איך, — איז דער גרונט־פּרינציפּ פון יעדער אינדיווידועלער און סאָציאַלער קולטור. דעריבער באַשטייט אין זיינע אויגן דער תוך פון דער קולטור־אַנטוויקלונג פון דער גאַנצער מענטש־הייט, ווי פון אַן איינצלנעם מענטשן, אין דער באַוועגונג פון א י נ ס ט י נ ק ט צ ו ם ג י י ס ט. גייסט איז די ערשטע באַדינגונג און די לעצטע באַשטימונג פון דעם מענטשן, ווייל „גייסט איז לעבן, גייסט איז שאַפונג, גייסט איז באַ־וועגונג, גייסט איז בונט א ו ן פרייהייט". דער וועג פון אַ מענטשן פירט פון דער הפקרות פון אַ חיהשער אויסגעלאַסענקייט צו דער הערשאַפט פון אַן אידייע, וועלכע איז גייסט, איז די פרייהייט אין דער געבונדענקייט, בונד און פרייהייט.

ס'וועט ניט שווער זיין צו דערזען איןביידע גרונט־יסודות פון גוסטאַוו לאַנדויערס וועלט־אָנשויאונג צוויי אוראַלטע טענדענצן פון דעם יידישן קול־טור־באַגריף. די הערשאַפט פון אַ גייסט איבער די מענטשן, וועלכער זאָל איבערשטייגן זייערע מאַטעריעלע אינטערעסן און פאַרבינדן זיי אָן אַן אויסער־לעכן צוואַנג אין לעבעדיקע קערפּערשאַפטן — דאָס איז תמיד געווען אַ גרונט עלעמענט און תוכן פון יידנטום.

דער צווייטער פּרינציפּ האָט אויך שוין געפונען אַ קלאָרן און אָנערקענטן אויסדרוק אין דער אַלטער יידישער וועלט־אָנשויאונג, הגם ערשט אין דער תלמודישער תקופה: „דברי ה' חרות על הלוחות, אל תקרא חרות אלא חירות"; פרייהייט אין דער געבונדנקייט, פרייהייט אין גאָט.

אין זייערע ביידע גרונט־יסודות באַרירט זיך בכן גוסטאַוו לאַנדויערס

לעבנס־אָנשויאונג מיטן גייסטיקן תוכן פון יידנטום. איז אָבער דעריבער אויך דער סאָציאַליזם, וועלכער פליסט אַרויס אַזוי אָרגאַניש און נאַטירלעך פון זיין גאַנצער וועלט־אַנשויאונג, אינגאַנצן ד ע ר יידישער סאָציאַליזם, ד. ה. דער סינטעז פון יידנטום מיט אַ מאָדערנעם אידעאַל פון אַ געזעלשאַפטלעכן סדר אויף אַ יסוד פון גערעכטיקייט? אַ סך פון לאַנדויערס נאָכפאָלגער גיבן אויף דער דאָזיקער פראַגע אַ פּאָזיטיווע תשובה, אַנדערע ווידער טענהן כסדר, אַז דער סאָציאַליזם פון גוסטאַוו לאַנדויערן גייט בכלל אַריבער די גרעניצן פון אַ פּאָזיטיווער סיסטעם און פאַרלירט זיך לסוף אין די מטושטשדיקע עולמות פון אַ רעליגיע. די ערשטע מיינונג האָט אָבער אין זיך ניט מער אמת ווי די צווייטע. לאַנדויער האָט געגלויבט, אַז ערשט אויף דעם יסוד פון אַ גערעכטער און נאַטירלעכער ווירטשאַפט, פון אַ געזעלשאַפטלעכן לעבן אויף אַ יסוד פון ליבע און גערעכטיקייט, ווערט ווען ס'איז קענען אויסוואַקסן אַ נייער אופן פון דער באַציאונג פון די מענטשן צו דער אייביקייט, צום אַבסאָלוט, אַ נייע רעליגיע. „הגם, האָט ער אַמאָל געזאָגט*), דער סאָציאַליזם איז ביי מיר זייער הויך, אָבער דאָך — ניט אַזוי הויך, אַז איך זאָל אים פאַרקניפּן מיטן אַבסאָלוט, מיט גאָט. דאָס, וואָס איך רוף אָן גייסט, איז נאַטור. פון מיר איז פאַרבאָרגן דער סדר העולם, אָדער די מאָראַלישע באַדייטונג פון דער וועלט־פירונג און פונעם מענטשלעכן לעבן. איך פאַרלאַנג, אַז אַ גשמיותדיקע זאַך זאָל פאַרבינדן די מענטשן: איך פאַרלאַנג, אַז שכל און צוועקמעסיקייט זאָלן רעגולירן זייערע פאַרהעלטענישן".

אַזאַ מין וועלט־אַנשויאונג איז ניט דער פועל־יוצא פון דער וועלט־אַנשויאונג פון דעם היסטאָרישן יידנטום; זי פליסט אינגאַנצן אַרויס פון דער איראָפּעאישער גייסטיקער אַנטוויקלונג אין איר העכסטער און ריינסטער פאָרם; זי קומט אַרויס פון דער איראָפּעאישער קולטור, ווי זי איז באַשאַפן געוואָרן ביי דער דינער שיכט פון די גייסטיקע טרעגער פון דער איראָפּעאישער קולטור: שעקספּיר, געטע, טאָלסטאָי, אַלזאָ די גרעסטע פון זיי. די דאָזיקע קולטור־אַנשויאונג איז דער תוך פון דער נייער איראָפּע, וואָס האָט איבערגעריסן די טראַדיציעס פון דעם קירכלעכן קריסטענטום, אירע טרעגער זיינען נאָך איזאָלירט און שטאַרק איינזאַם, ווייל זיי זיינען מבשר אַ צייט, וואָס איז נאָך זייער ווייט פון דעם היינטיקן גייסטיקן מצב פון די פעלקער. דער קולטורעלער קריזיס, וואָס איז פאַרגעקומען אין דער איראָפּעאישער וועלט ביים איבערגאַנג פון מיטעלאַלטער צו דער „נייער צייט", איז פאַר דעם יידנטום בתוך געבליבן א ו מ ב א ק א נ ט א ו ן פ ר ע מ ד. דאָס יידישע פאָלק האָט אַ קולטור־פּרינציפּ, אַ דאַנק וועלכן ס'איז אויפגעהאַלטן געוואָרן אין אים אַ פעסטע פאַרבינדונג צווישן די דורות במשך פון זיין ג אַ נ צ ע ר געשיכטע פון טויזנטער יאָר און ס'איז געוואָרן מעגלעך אויף שטענדיק צו פאַרבינדן דעם וואָכעדיקן לעבן מיט די העכסטע באַגריפן פון מענטשלעכן גייסט: הייליקייט און ריינקייט און דערגרייכן דעם בונט א ו ן די פרייהייט. די דאָזיקע

*) "Sozialist" : "Gott u. d. Sozialismus"

קולטור איז צוליב איר שייכות צום אַבסאָלוט במילא שוין אַ רעליגיעזע, אָבער זי פאַרמאָגט אַזעלכע אייגנשאַפטן, וועלכע די רעליגיעזיטעט פון קריסטלעכן מיטעלאַלטער האָט לגמרי ניט געקענט. די דאָגמעס און סימבאָלן פון קריס־טענטום זיינען געוואָרן סוף־כל־סוף פאַרגליווערט, טויט און די לעבעדיקע נשמה האָט לסוף פאַרלאָרן דעם קאָלטן גוף פון דער מיטעלאַלטערלעכער קירכע. אין יידנטום האָט זיך אָבער די עבודה פאַר גאָט און די בענקשאַפט פון דער נשמה נאָך דער אייביקייט ניט באַגרעניצט נאָר מיט די טראַדיציאָנאַלע פאָרמען: די פאָרמען דאַרפן ווערן תמיד אויפגעהאַלטן פריש דורך אַ לעבע־דיקן נאַציאָנאַל־היסטאָרישן געפיל. דערצו איז אָבער נויטיק אַן אָנערקענטער מקור פון דער געטלעכער אַנטפּלעקונג, דורך וועלכן מ׳קען אויפהאַלטן אויף שטענדיק די לעבעדיקע ווירקונג פון די נאַציאָנאַל־היסטאָרישע טראַדיציעס. אין דעם געשיכטלעכן יידנטום איז דער דאָזיקער מקור געוועזן די תורה, דער עיקר — ווי ס׳האָבן איר אויפגעפאַסט די בעלי־התלמוד, די פּרושים. אויף דעם דאָזיקן אופן איז אויפגעהאַלטן געוואָרן אַ געשיכטלעכע פאַרבינדונג פון צענדליקער דורות נאָך דער צעשטערונג פון כמעט אַלע מאַטעריעלע יסודות פון אַ נאַציאָנאַלן לעבן. דאָס יידנטום, וואָס לעבט שוין צוויי טויזנט יאָר אין פאַרשיידענע לענדער און געהערט צו פאַר־שיידענע קולטורן און שטעלט דאָך מיט זיך פאָר אַ בולטע אָרגאַנישע גאַנצקייט, אַן איינהייט כלפּי חוץ און כלפּי פנים (לפּחות אין באַדייטנדסטן טייל פון פאָלק), די דאָזיקע לעבנס־דערשיינונג באַמערקט אָבער נאָר דער, ווער ס׳באַטראַכט דאָס יידנטום ניט פון אויסען, נאָר פון אינעווייניק, שטייענדיק ניט פאַר, נאָר אין דעם לעבנס־פּענאָמען פון דער טויזנטיעריקער קולטור פון יידישן פאָלק.

צום אומגליק איז גוסטאַוו לאַנדויער געוועזן נאָר אַן אויסענווייניקסטער באַטראַכטער פון יידנטום. ער האָט אָבער געהאַט אַ טעות, ווען ער האָט באַ־טראַכט דאָס געשיכטלעכע יידנטום לויט אַן אַנאַלאָגיע מיטן געשיכטלעכן קריסטענטום און האָט דעריבער געהאַלטן, אַז די בליאונגס־עפּאָכע פון דעם יידישן געזעלשאַפטלעך־רעליגיעזן גייסט האָט שוין געמוזט פאַרשווינדן אויף אייביק צוגלייך מיטן טויט פון דעם לעבעדיקן רעליגיעזן גייסט פון קריסטלעכן מיטעלאַלטער. „אויך דאָס יידנטום האָט געהאַט דורכגעמאַכט, ווי פּאַראַדאָקסיש דאָס זאָל ניט קלינגען, זיין קריסטלעכן מיטעלאַלטער און די יידן פון די לעצטע הונדערטער יאָר גייען אויפן זעלבן וועג פון ירידה און איבערגאַנג, ווי אַלע אַנדערע פעלקער. ס׳איז קיין נפקא מינה ניט, צו וועלן זיי נאָך קומען ווען ס׳איז צו אַ נאַציאָנאַלער זעלבסטשטענדיקייט אָדער ניט*).

אין דעם דאָזיקן זאַץ זיינען אין איין קנויל פאַרקניפּט און פאַרבונדן אַ סך ריכטיקע און פאַלשע געדאַנקען, וואָס קומען אַרויס פון גוסטאַוו לאַנדויערס שטעלונג צווישן צוויי וועלטן, וועלכע זיינען אין זייער גייסטיקן תוך גרונט־פאַרשידן. ער האָט געהערט צו ביידע וועלטן, וועלכע ס׳טיילט נאָך דער־

---

*) "Die Revolution" S. 32.

ווייל אָפּ אַ טיפער תהום: דורך זיין גייסט איז ער געווען פאַרבונדן מיט דער גרויסער און שטורמיש־באַוועגטער וועלט פון דער נייער אייראָפּע, וואָס איז נאָך „צו זיך״ ניט געקומען און עקזיסטירט דערווייל בלויז אין די גייסטער פון יחידים; דורך זיין בלוט אָבער האָט ער געהערט צוגלייך צו דער טיפער, זיכערער אין זיך און קאַטעגאָריש־רעוואָלוציאָנערער וועלט פון די יידישע נביאים, משיח־שטורמער און אויסלייזער...

גוסטאַוו לאַנדויער געהערט, ווי משה העס, צו יענעם מין יידישע סאָציאַליסטן, וועלכע פאַרשטייען די אמתע גרויס פון דעם היסטאָרישן יידנטום. דער גרויסער קולטור־אויפטו פון די דאָזיקע סאָציאַליסטן באַשטייט אין דעם, וואָס זיי האָבן באַוויזן די מעגלעכקייט פאַר אַ פרייען און דענקענדיקן יידן צו לעבן אין גייסט פון פאָלק און דערביי ניט זיין אונטערדריקט אין דעם אייגענעם אינדיווידועלן גייסט.

בערלין, ווינטער 1920—1921.

עטיען לאַ באָעסי

(1563 — 1530)

אין דעם אָנדענק פון גוסטאַוו לאַנדויער
(1919—1870) — דער טיפזיניקסטער
אויסטייטשער פון לאַ באָעסי.

1

אַ קורצער פּאָליטישער טראַקטאַט וועגן פרייהייט, וואָס איז געשריבן געוואָרן אין פראַנצויזיש מיט 400 יאָר צוריק און האָט נאָך ביז איצט נישט פאַרלוירן זיין באַדייטונג, פּאַרדינט אין אונדזער צייט — אַ צייט פון מוראַדיקסטן קריזיס פון פּאָליטישע רעכטן און פרייהייטן — די גרעסטע אויפמערקזאַמקייט.

דאָס ווערק, „פרייוויליקע שקלאַפעריי״, איז פונעם יונגן מחבר, לאַ באָעסי (1563—1530), געשאַפן געוואָרן אין איינער פון די אינטערעסאַנטסטע תקופות פון דער מאָדערנער עפּאָכע אין דער מערב־אייראָפּעאישער געשיכטע. דאָס איז געווען די ערשטע העלפט פון 16טן י״ה, דער בליפּעריאָד פון דעם אַזוי גערופענעם רענעסאַנס אין פראַנקרייך, וואו ער איז געקומען אַ ביסל שפּעטער ווי אין לאַנד פון זיין אורשפרונג — איטאַליע. ס'איז געווען די שטורמישע איבערגאַנג־צייט — איבערגאַנג פון פאַרענדיקטן, אָפּגעלעבטן מיטלאַלטער צום מאָרגנרויט פון אַ נייעם פּעריאָד — די צייט פון הומאַניזם, פון אַנטי־קאַטוילישער רעפאָרמאַציע, און פון דעם ווידערגעבורט פון גריכיש־רוימישן קלאַסיציזם אויף די געביטן פון קונסט. נייע אַנטפּלעקונגען אין דער וויסנשאַפט; נייע אַנטדעקונגען פון די געאָגראַפישע זוכענישן, נייע קאָנטינענטן, וועלטן גאַנצע. נייע אידייען, נייע פּאָליטישע אידעאַלן און נייע געזעלשאַפטלעכע אינסטיטוציעס.

די בעסטע זין פון די פעלקער, דערוואַכטע מיט פריש־יוגנטלעכע אידעאַלן, אויפגעברויזטע מיט אַ שטורעם־גייסט, האָבן, ווי יונגע אָדלערס, קרעפטיק זיך צעפאָכעט מיט די פליגלען צו דערהייבן זיך און צו פליען הויך און העכער. נאָך דער תקופה פון אומשטערבלעכע קינסטלער, ווי פערודזשינאָ (1446 — 1524), ראַפאַעלס און מיקעל אַנדזשעלאָ (1475 — 1564) האָט זיך אָנגערוקט די תקופה פון גרויסע וויסנשאַפטסלייט — גאַלילי (1564 — 1642), דעקאַרט (1596 — 1650), און ניוטאָן (1642 — 1727).

אַ פיל טיפערער גייסטיקער פּראָצעס האָט זיך גענומען אָפּשפּילן אין

די יסודות פון דעם גייסטיקן לעבן פון דער געזעלשאַפט. מ׳האָט מיט חשד און סקעפּטיציזם אָנגעהויבן קוקן אויף די הונדערט־יעריקע באַגריפן און איינגעוואָרצלטע טראַדיציעס, ווי דער מענטש וואָלט געוואָלט פאַר־ענטפערן די פראַגע: צי איז אַלץ, וואָס די צייט האָט איינגעשטעלט, טאַקע אין איינקלאַנג מיטן יושר, מיטן שכל, מיטן מענטשלעכן געוויסן; צי אַלץ וואָס איז פאַראַן, דאַרף טאַקע זיין און איז באַרעכטיקט צו זיין? די אייביקע אידייע פון רעכט איז געוואָרן דאָס קריטעריום, דער מאָסשטאַב, מיט וועלכן מען מעסט מענטשלעכע אינסטיטוציעס און פירונגען. אַזאַ דערשיינונג, אָנ־געלאָדן מיט שטורעם און דינאַמיט, האָט פריער אָדער שפּעטער געמוזט בייטן דעם פּנים פון דער וועלט.

אין די נשמה־טיפענישן פון די בעסטע מענטשן האָט דער פרייהייט־געפיל זיך אויפגעכאַפּט פון אַ לאַנגן, פאַרגליווערטן שלאָף. און וואָלטן די צעבושעוועטע רעליגיעזע קאַמפן און סכסוכים צווישן פּראָטעסטאַנטן און קאַטאָליקן נישט אָפּגעצויגן און אָפּגעלענקט דעם גייסטיקן אויפברויז אויף זייטיקע וועגן, און אויב אָנשטאָט פאַרשיידענע סעקטן־סכסוכים וואָלט זיך פאַרפעסטיקט אַ טיפער אינעווייניקסטער בונד און אַן אויסגלייך צווישן רע־נעסאַנס־גייסט און דעם יודאַאיסטיש־קריסטלעכן יושר און גלייכהייט־גייסט (ווי ער לעבט אין דער ביבל), טאָ וואָלט מסתמא פאַרן פּאָליטישן און סאָציאַלן לעבן פון מערב־אייראָפּע זיך אָנגעהויבן אַ באמת נייע צייט. דאָס וואָלט געווען אַ צייט פון פאַרשריט און פרידן, מיט אַ נישט ווייניקער שנעלן פּראָגרעס אויפן געזעלשאַפטלעכן געביט ווי דער וואָס האָט זיך גע־עפנט און גלענצנדיק זיך אַנטוויקלט אין דער פילאָסאָפיע און וויסנשאַפט פון 17טן י״ה — די צייט פון ספּינאָזאַ (1632 — 1677) און לייבניץ (1646 — 1716), פון ניוטאָן און פּאַסקאַל (1623—1662).

די ווידערגעבורט־ און אויפלעבונג־באַוועגונג איז, צום אומגליק, גע־האַמעוועט געוואָרן דורך די אינטערעסן פון די פירשטן און מלכים, פון די רייכע און יחסנישע קלאַסן, און אויך פון די צעכן און קאָרפּאָראַציעס פון בעלי־מלאכות און סוחרים, וואָס האָבן אַלע ווי איינער געקוקט אויף די פאָלקס־מאַסן ווי אויף אַ שטיק אייגנטום, וואָס דינט נאָר פאַר דער באַריי־כערונג און מאַכט פון די פּריווילעגירטע קלאַסן און שיכטן. זיי, די פירשטן, די יחסנים, די גבירים־אדירים האָבן גלייכגעשטעלט די פאָלקס־סואווערעני־טעט, די נייע נאַציאָנאַלע שטאַט־אידייע, מיט די אייגענע אַבסאָלוטיסטיש־אומבאַשרענקטע און עגאָאיסטיש־איינזייטיקע אינטערעסן פון מאַכט און באַזיץ. אויף אָט־די צוויי זיילן, ווי אויף אַ פונדאַמענט, האָט זיך דאַך לאַנגע יאָרן געהאַלטן דער בנין פון דער מערב־אייראָפּעאישער ציוויליזאַציע און פּאָליטיק.

כדי צו צעשטערן אָט־דעם אַלט־נייעם סאָציאַלן בנין איז נייטיק גע־ווען דער מענטשהייט, פאַר צען דורות לאַנג, צו פירן אַ שווערן, רעוואָלו־ציאָנערן קאַמף און אויסצופירן אַ געדולדיקע בויאונג־ און אויפקלערונג־אַרבעט פון פאָלקס־דערציאונג און בילדונג — אַן אַרבעט וואָס איז נאָך ווייט נישט פאַרענדיקט. וויפיל מוט, העלדישקייט, מסירת־נפש האָט זיך

געפאָדערט אויפצוהאַלטן אויף ווייטער די שוין איין מאָל געוואונענע רעכטן און פרייהייטן! אַפילו דאָרט, וואו די פּאָליטישע עמאַנסיפּאַציע איז שוין דערגרייכט געוואָרן, שלעפּן נאָך אַלץ די פעלקער אויף זייערע אַקסלען אַ טייל פון יאָך וואָס דער פּאָליטישער דעספּאָטיזם האָט איבערגעגעבן בירושה דעם עקאָנאָמישן אַבסאָלוטיזם פון די גבירים־מאַכטהאָבער. דער קאַמף צווישן טיראַניי און פרייהייט דאַרף קיינמאָל נישט איבערגעריסן ווערן; ס'איז אַ קאַמף וואָס קען זיך נישט אָפּשטעלן און אויפהערן. אין אָט־דעם קאַמף וועלן אַפילו די שטאַרקסטע און מוטיקסטע תמיד מוזן אָנקומען צו אַ פרישער דערמוטיקונג און סימפּאַטיע, כדי זיך נישט אונטערגעבן און פאַרצווייפלען אין הייליקן שטרייט פאַר מענטשלעכער פרייהייט, פאַר מענטשלעכע רעכטן.

„צווישן די ווערק וואָס ווירקן דערמוטיקנדיק און דערפרישנדיק אויף די פרייהייט־קעמפער פון אַלע לענדער און אַלע צייטן, פאַרנעמט אַ זייער חשובן און איינציקאַרטיקן אָרט די קליינע שריפט פון יונגן און געניאַלן דענקער עטיען לאַ באָעסי — מיט זיין רוף צום שכל און צום יושר־געפיל פון אַלע מענטשן־קינדער אומעטום", — אַזוי האָט זיך אויסגעדריקט דער פלאַמענדיקער פראַנצויזישער סאָציאַלער פילאָסאָף, פּעליסיטען דע לאַמענע (1782 — 1854) אין זיין לאַנגן און אינטערעסאַנטן פאָרוואָרט צו אַ נייער פראַנצויזישער אויסגאַבע פון לאַ באָעסיס „פרייוויליקע שקלאַפעריי" אין יאָר 1835.

***

דער רענעסאַנס־גייסט אין פראַנקרייך, פונקט ווי אין ענגלאַנד און אין דייטשלאַנד, האָט אין יענער צייט, אין דער ערשטער העלפט פון 16טן י"ה אַנגענומען נישט נאָר די הומאַניסטישע פאָרם בלויז (פון ליטעראַרישער ווידערגעבורט אין גריכיש־רוימישן און אַלט־העברעאישן גייסט), נאָר איז געווען פול מיט אידייען און שטרעמונגען פון סאָציאַלע און פּאָליטישע פאַרבעסערונגען, ווי מיר וועלן דאָס קענען ווייזן ווייטער. קודם־כל האָט דערביי דער פראַנצויזישער רענעסאַנס זיך אויסגעצייכנט מיט גלאַריפיצירן דאָס געזונטע, פריידיק־אָפּטימיסטישע לעבנס־געפיל און לייכטזעליקן וועלט־באַנעם. דער גלענצנדיקסטער ביישפּיל פון אַזאַ לעבנס־באַיאָאונג און מוטיקן אָפּקער פונעם אַלטן, וואָס איז שוין פאַרפוילט און טויט, איז די פּרעכטיקע געשטאַלט פון פראַנסואַ ראַבלעי (1490 — 1553) — דער געניאַלער סאַטיריקער, אַ ווייטער פאָרגענגער פון באַלזאַק, מיט זיין „מענטשלעכער קאָמעדיע". ראַבלעי איז דער אומשטערבלעכער קריטיקער פון קירכלעכן אָבסקוראַנטיזם, וואָס האָט פריער הונדערטער יאָרן כסדר געהאַט פאַראַליזירט די קינדער־דערציאונג, די מעדיצין און די פאָרשריט־באַוועגונג פון דער מענטשהייט.

אינעם יונגן און פרי־פאַרשטאָרבענעם מחבר פון „פרייוויליקע שקלאַפעריי" האָבן זיך פאַראייניקט ביידע הויפּט־שטריכן פונעם פראַנצויזישן

הומאַניזם: ער האָט געהאַט דעם פרי רייף געוואָרענעם קוק אויף דער הויפּט־פּראָבלעם פון מענטשלעכן צוזאַמענלעבן — די פראַגע פון פרייהייט און אויטאָריטעט, ווי דאָס האָבן געפּרעדיקט די ליבעראַלע גרויסע פּאָ־ליטישע שרייבער און די קעמפער קעגן דער מאָנאַרכישער טיראַניי אין יענער צייט. דאָס איז איינס. און פון דער צווייטער זייט איז ער, באָעסי, פול מיט פיינער איראָניע און מיט אומענדלעכער גוטמוטיקייט פון אַן עכטן און קלוגן מענטשנפריינד. אין אָט־דער הינזיכט איז ער נאָענט צום גייסט פון בייסנדיקער סאַטירע אויפן אַלטן געזעלשאַפטלעכן סדר, ווי דאָס האָט אויסגעדריקט ראַבלעי, אין זיין עפּאָכע־מאַכנדיקן ווערק „גאַרגאַנטואַ" — איינער פון די גרעסטע ביישטייערן פון פראַנצויזישן גייסט צו דער וועלט־ליטעראַטור.

דער נאָענטסטער אין גייסט און באַרימטסטער בן־דור לאַ באָעסיס, יינגער פון אים מיט אַ פּאָר יאָר, און וועלכער האָט אים איבערגעלעבט מיט כמעט דרייסיק יאָר צייט, איז געווען מישעל מאָנטעין (1533 — 1592), דער פאָטער פון אַ גאַנץ נייעם זשאַנר פון קינסטלערישער פּראָזע אין דער וועלט־ליטעראַטור — דעם גייסטרייכן עסיי. מאָנטעין, דער גרויסער און אינטימסטער פריינד לאַ באָעסיס, האָט אים אייגנטלעך אַריינגעפירט און באַרימט געמאַכט אין דער וועלט־ליטעראַטור. ער האָט לאַ באָעסיס שריפטן אַרויסגעגעבן יאָרן נאָך דעם מחברס טויט.

נייטיק איז אָבער טיפער און אַלזייטיקער צו אַנאַליזירן די צווישן־באַציאונגען פון אָט־די צוויי גרויסע און אָריגינעלע דענקער און פּיאָנערן פון אַ נייעם, אַנטי־קלעריקאַלן, ד. ה. אַ מאָדערנעם און וועלטלעכן לעבנס־באַנעם. פאַר אַ זייער לאַנגער צייט האָט מאָנטעין, צום באַדויערן, פאַר־שאָטנט און מיט זיין גרויסער, וואָגיקער געשטאַלט כמעט אינגאַנצן פאַר־שטעלט דעם פיל מוטיקערן און מער אויפריכטיקערן, און פאַר אונזער אייגענער קריטישער צייט נאָך פיל וויכטיקערן דענקער און שרייבער — לאַ באָעסי.

2

דער פראַנצויזישער פילאָסאָף מאָנטעין (1533 — 1592) איז געווען דער בעסטער און שענסטער אויסדריקער פונעם צייט־גייסט, ד. ה. פון גייסט פון רענעסאַנס און הומאַניזם אין דער עכטער פראַנצויזישער פאָרם, די פאָרם, וואָס צייכנט זיך אויס מיט קלאָרקייט און גייסטרייכקייט. זיינע „עסייען" (פאַרזוכן) זיינען אין בעסטן זין פון וואָרט טאַקע פאַרזוכן צו באַנעמען דאָס לעבן דירעקט, אין די טערמינען פון לעבן גופא, אַזוי צו זאָגן, און נישט אונטער אַ פאַרקליידונג פון רעליגיעזע אָדער מעטאַפיזישע דאָגמאַטן, ווי ס'איז געווען דער שטייגער אינעם קריסטלעכן מיטלאַלטער. דער יסוד פון אַזאַ לעבנס־באַנעם איז פאַר אים געווען די לעבנס־אָנשוי־אונגען פון די מאָראַליסטן, היסטאָריקער און דיכטער פון קלאַסישן אַל־טערטום — פון אַ קאַטאָן, עפּיקטעט, ווירגיל, לוקרעציוס, האָראַץ, אָוויד

א. אַז. וו. אין אַט־דעם זין איז מאָנטעינס לעבנס־חכמה אין דער אמתן טאַ־קע אַ ווידערגעבורט פון דער שענסטער, אינעם עסטעטיש־עטישן זין, קלאַסישער מיטללענדיש־אייראָפּעאישער אידייען־וועלט, און אַ צייטיקער פּראָדוקט פון דער רענעסאַנס־צייט, אויסגערייפט אונטער דער שטראַלנ־דיקער, כמעט תמיד־שיינענדיקער זון פון גאַסקאָניע אין זיד־פראַנקרייך.

די מאָדערנע וויסנשאַפט האָט זיך נאָך נישט געהאַט אַנטוויקלט צום פּונקט וואו זי וואָלט געקענט אַרויסברענגען אַ פּאָליטיקע גאַנצקייט, אַן אויסגערונדיקטן וועלט־באַנעם אַנשטאָט דעם רעליגיעזן וועלט־ און לעבנס־בילד פון אָפּשטאַרבנדיקן מיטלאַלטער. פאַר אַ יסוד און אויסגאַנג־פּונקט האָט מאָנטעין געהאַלטן נישט דאָגמעס, וואָס מ׳נעמט אָן באמונה, נאָר קאָנקרעטע פאַקטן פון דער מענטשלעכער דערפאַרונג. געשעפּט האָט ער דעם מאַטעריאַל סיי פון די געשיכטלעכע רעקאָרדן, די שפּורן פון עבר, און פון דער געדאַנקען־וועלט פון די פילאָסאָפן פון אַלטערטום, און — צום גרעסטן טייל — פון זיינע אייגענע באַאָבאַכטונגען און באַטראַכ־טונגען. די „פילאָסאָפיע״, אָדער — בעסער געזאָגט — די לעבנס־חכמה פון דעם „גרעסטן פראַנצויזישן חכם״, ווי ס׳האָט אָנגערופן מאָנטעינען סענט־בעיוו, דער באַרימטער פראַנצויזישער ליטעראַטור־קריטיקער, איז אַ סינ־טעז פון אַן עטיש־פאַלירטער לערע מכוח דעם גייסטיקן אַליין־קאָנטראָל, רייפקייט און מעסיקייט, פון איין זייט, און פון אַ קילן, ניכטערן סקעפּטיציזם און אומפאַרדעקטער אַנטוישונג אין צו גרויסע דערוואַרטונגען, וואָס מ׳טאָר נישט לייגן אויף דער מענטשלעכער נאַטור.

הגם מאָנטעינס מוח איז געווען קיל־סקעפּטיש און איינגעצוימט, איז אָבער זיין געפיל, זיין האַרץ, געווען וואַרים און אַפילו צעגליט, בעת ער האָט געשריבן וועגן די נאָבלסטע מענטשלעכע כאַראַקטער־שטריכן, ווי פריינדשאַפט, אָדער ווען ער האָט, מיט גוטמוטיקייט און טאָלעראַנץ, רע־זאָנירט וועגן די אַלמענטשלעכע, אפשר אומפאַרמיידלעכע, אָבער דאָך פאַר־דריסלעכע שוואַכקייטן און פעלערן. דורך אומזיכטבאַרע פעדעם פון פריינד־שאַפט איז מאָנטעין געווען פאַרבונדן מיט זיין גוטן פריינד, לאַ באָעסי (אין די לעצטע יאָרן פון באָעסיס קורצן לעבן). ווען מען נאָמען ער האָט טאַקע אַזוי שיין פאַראייביקט אין עסיי „פריינדשאַפט״ (קאַפּ. 28 פון 1טן באַנד „עסייען״). נאָך שטאַרקער רעדט ער וועגן באָעסיס מאָראַלישער גרויסקייט אין אַן אַנדערן „עסיי״, פון וועלכן מיר וועלן וייטער ציטירן בלויז עטלעכע שורות. אַפילו נאָך לאַ באָעסיס פריען טויט, צו 32 יאָר, האָט דער אָנדענק פון זיין ליבן פריינד סטימולירט מאָנטעינען, מיט פיל וואַרעמקייט פון עכטן געפיל, אַריינקלערן זיך אין גייסט און גורל פון מענטשן. טייל קריטיקער האַלטן, אַז די טרייב־קראַפט אָנצושרייבן און אָפּצודרוקן זיינע עסייען, כמעט 20 יאָר נאָך לאַ באָעסיס טויט, איז צו געפינען אין די לעבעדיקע שפּורן פון דער פיר־יאָריקער טיפער פריינדשאַפט צווישן אָט־די צוויי, אין גרונט איינ־זאַמע און זייער ווייט פאַראויס פון זייער סביבה אָפּגעגאַנגענע, גייסטער.

בעת זייער אינטימער פריינדשאַפט, אַרום 1550, האָט דער רענעסאַנס־גייסט שוין דערגרייכט דעם העכסטן שוואונג און פייער. דער הומאַניסטישער

ענטוזיאַזם האָט אויפגעלעבט דעם אַלט־קלאַסישן קולט פון פריינדשאַפט־געפילן, וואָס מיט די ביישפילן פון זיי איז די געשיכטע פון אַטען און רוים אַזוי רייך; דער קולט פון אידעאַלער, גייסטיקער קרובהשאַפט, ווי כמעט אַ גלייכע צו דער בלוט־פאַרוואַנדשאַפט. אין דער מאָדע זיינען צו יענער צייט געווען די „אַליאַנצן", ד. ה. כמעט אָפיציעלע אַדאָפּטירונגען פון קינדער, ברידער, שוועסטער, בלויז אויפן סמך פון נשמה־נאָענטקייט און פאַרטיפטער, אומאייגננוציקער פריינדשאַפט.

האָט נישט נאָר מאָנטעין געווידמעט אַ פיינעם עסיי דער טעמע „פריינדשאַפט", נאָר אויך לאַ באָעסי האָט צום סוף פון זיין רעדע (דיס־קור) וועגן דער „פרייוויליקער שקלאַפעריי", וואו ער אַטאַקירט אַזוי שאַרף און טרעפלעך די טיראַנען, — אַט דאָרט האָט אויך לאַ באָעסי אַ פּרעכטיקן פּאַסאַזש וואָס גלאָריפיצירט די נאָבלקייט און גייסטיקע שיינקייט פון דעם פריינדשאַפט־געפיל.

צו כאַראַקטעריזירן ווידער די מאָראַלישע גרויסקייט פון זיין פריינד, האָט מאָנטעין נישט געגוג ווערטער פון ליבע און אָנערקענונג. אָט וואָס ער זאָגט וועגן לאַ באָעסי אין עסיי „איינבילדונג" (פּריזאָמציע), בוך 2, קאַפּ. 17, פון די „עסייען":

מיר זיינען באַקאַנט געגוג מענטשן וואָס באַזיצן אַלערליי מעלות און פיינע מידות — איינער שכל, דער צווייטער מוט, דער דריטער געניטקייט, אַן אַנדערער באַריידזאַמקייט; איינער — איין מין וויסן, אַ צווייטער — אַן אַנדערן. אָבער אַ מענטש גרויס אין אַלע הינזיכטן, וואָס זאָל באַזיצן אַ קאָמבינאַציע פון אַלע מעלות און גוטע מידות, אָדער וואָס זאָל האָבן אַזאַ הויכן גראַד פון איין באַשטימטער מעלה, און איז ווערט צום באַוואונדערן אָדער פאַרגליכן צו ווערן מיט די גרעסטע מוסטערן פון וויטן עבר, — אַזאַ באַקאַנטשאַפט האָט מיר דער מזל באַשערט בלויז איין איינציקן מאָל. דער גרעסטער מענטש, וואָס שייך די נשמה־מעלות און איידעלע כאַראַקטער־נייגונגען, איז געווען עטיען דע לאַ באָעסי. ער האָט געהאַט אַ פולן גייסט, וואָס האָט געשיינט מיט פּראַכט פון יעדן בליקפונקט, אַ נשמה פון אַלטן שטאַם, וואָס וואָלט געקענט אַרויסברענגען נאָך און וואונדערלעכע שאַפונגען, ווען דער מזל וואָלט עס דערלאָזן, און ער האָט נאָך צוגעגעבן אַ סך צו זיין רייכער נאַטירלעכער באַגעבונג דורך וויסן און לערנען.

נאָך מיט 9 יאָר פאַר אָט־דעם געדרוקטן הספּד (פון 1580), האָט מאָנטעין אַרויסגעלאָזן אין בוך־פאָרם די פּאָעטישע שריפטן און פּראָזע־איבערזע־צונגען פון פּלוטאַרך און קסענאָפאָן, וואָס לאַ באָעסי האָט אים איבערגע־לאָזן, אין זיין צוואה, צום דרוקן. בלויז צוויי מאַנוסקריפּטן האָט מאָנטעין זיך אָפּגעהאַלטן פון פאַרעפנטלעכן: די עסיי „וועגן פרייוויליקער שקלאַ־פעריי", און דעם „מעמואַר וועגן עדיקט פון 1562". דאָס פיינסטע און גרעס־טע ווערק לאַ באָעסיס איז, אויף אַזאַ אופן, געבליבן אויף לאַנג פאַרזען און כמעט ווי פאַרגעסן. דאָס וואָס מאָנטעין האָט אָפּגעדרוקט, מיט אַן אומענד־לעכער פּיעטעט, אַ טיפער ליבע, פריינדשאַפט און בענקשאַפט נאָך זיין אומפאַרגעסלעכן פריינד, — דאָס וואָלט נאָך קיין אומשטערבלעכקייט דעם

נאָמען לאַ באָעסי קיינמאָל נישט צוגעגעבן; און אויך דער געהויבענער אָפּרוף מאָנטעינס אויפן כאַראַקטער פון זיין טויטן פריינד אין אַ פּאָר זיינע עסייען וואָלט נישט געקענט אויפהאַלטן די סטימולירנדיקע ווירקונג פון לאַ באָעסיס גייסט פאַר די קומענדיקע דורות, טאַקע ווייט־ווייט אין דער צו־קונפט אַריין.

ס׳הייסט, אַז נישט קוקנדיק אויפן גרויסן, און מסתמא אויף אַ האָר נישט איבערגעטריבענעם לויב, מוז מען זאָגן, אַז מאָנטעין האָט נישט יושר־דיק און נישט איידל באַהאַנדלט זיין פאַרשטאָרבענעם פריינד פון וועלכן ער איז געווען באַגייסטערט נישט ווייניקער נאָכן טויט ווי ביים לעבן. מיר מיינען דאָס ווייל ער האָט ניט אָפּגעדרוקט באָעסיס מייסטער־עסיי. געדרוקט האָט די לויב מאָנטעין אינעם רייפן, ניכטערן עלטער פון 47 יאָר, ווען די ערשטע צוויי בענדער פון זיינע „עסייען" זיינען דערשינען. האָט ווירקלעך אַ מאָ־דערנער פראַנצויזישער וואָרט־קינסטלער, האַן רינער, אין שאַרפע ווערטער געטאַדלט מאָנטעינען פאַך זיין אומאויפריכטיקייט לגבי דעם נאָמען און אידייען־גאַנג פון זיין טויטן פריינד *).

ווי־זשע איז עס צו אַזאַ עוולה געקומען?

כדי צו פאַרשטיין אַזאַ רעטעניש־פאַרפלאָנטערונג און כדי צו זיין באַ־קאַנט מיט דעם גורל און גלגולים פון לאַ באָעסיס מערקווירדיקן עסיי און מאָנטעינס ראָלע, מוז מען כאָטש בקיצור זיך אָפּשטעלן אויף פראַנק־רייכס פּאָליטישער און קולטור־געשיכטע פון יענער צייט.

צווישן 1560 און 1596 האָבן רעליגיעזע מלחמות, אין דער פאָרם פון אַ בירגער־קריג, געבושעוועט כמעט אין גאַנץ פראַנקרייך, דריי קעניגן זיינען געזעסן דורך דער צייט אויפן פראַנצויזישן טראָן: פראַנציסקוס דער 2טער (1559 — 1560), קאַרל דער 9טער (1560 — 1574) און הענרי דער 3טער (1574 — 1589). די אמתע מאַכט הינטערן טראָן איז געווען די מאַמע זייערע, קאַטערינע דע מעדיטשי (1519 — 1589), וועלכע האָט פאַרטראַכט און געלאָזט דורכפירן די בלוטבאָד אויף די הוגענאָטן (פראַנ־צויזישע פראָטעסטאַנטן) אין דער נאַכט פון 25טן אויגוסט 1572 (סט. באַרטאָלאָמעיוס־נאַכט). די בלוטיקע געשעענישן האָבן דעם פאַרלאַנג פון אַ טייל פאָלק נאָך פרייהייט פון גלויבן און רעליגיעזער טאָלעראַנץ נישט דערשטיקט. אָבער די רעגירער זיינען געבליבן אייזן פעסט. ערשט נאָך דעם ווי אַ פירשט פון דער בורבאָנישער דינאַסטיע, וואָס האָט שפּעטער געקיניגט אַלס הענרי דער 4טער (1553 — 1610), האָט זיך צום צווייטן מאָל אָפּגעזאָגט פון זיין פּראָטעסטאַנטישן גלויבן, כדי צו קענען רעגירן אין פּאַריז, איז געקומען צו אַ שטיקל רו און סדר אין לאַנד דורכן „נאַנטער

*) זען די בראָשור פון ה. פענסטער: האַן רינער: זיין לעבן און שאַפן, פּאַריז, 1951, אויך אַ מאָנאָגראַפיע פון העם דעי איבער לאַ באָעסי, פּאַריז 1939. אין דער „ביבליאָטעק די ל׳אַריסטאָקראַטי", וואו ס׳איז אָפּגעדרוקט, אַלס אַ הקדמה, רינערס בריוו וועגן לאַ באָעסי צום מחבר, אַ בריוו געשריבן קורץ פאַר רינערס טויט, אין 1938.

עדיקט" פון טאָלעראַנץ (1598), וועגן געבן רעליגיעזע פרייהייט צו אַלע צווייגן פון דער קריסטלעכער אמונה. אין יענע צייטן פון ביטערן קאַמף צווישן קריסטלעכע סעקטעס, אויך אין נאָמען פון פאָלקס־פרייהייט און קעגן דער טיראַניי, איז לאַ באָעסיס טראַקטאַט אויסגעקומען צו שפּילן אַן אומגעריכט וויכטיקע און קאָנסטרוקטיווע ראָלע.

מאָנטעין שרייבט אין זיין עסיי וועגן פריינדשאַפט, אַז לאַ באָעסי האָט זיין טראַקטאַט אָדער עסיי „וועגן פרייוויליקער שקלאַפעריי" אָנגעשריבן אין 1546 אָדער 1548, אָן פּאָליטישע כוונות, ווי צ. ב. צו שטיצן דעם רע־ליגיעזן פּראָטעסטאַנטיזם. לאַ באָעסי, לויט מאָנטעינס ווערטער נאָך, האָט דאָס ווערק פאַרפאַסט בלויז אונטער דער אינספּיראַציע פון זיין גרינדלעכן שטודיום פון דער גריכישער און רוימיש־לאַטיינישער ליטעראַטור, און ווי אַ מין פרייוויליקן טריבוט צום מוטיקן און פרייהייט־ליבנדיקן גייסט פון דערהויבענעם פּאָליטישן קלאַסיציזם. דערביי פאַרענטפערט זיך מאָנטעין, אין זיינע „עסייען" (1580), בזה הלשון: „איך האָב אויסגעפונען, אַז דאָס ווערק איז שוין געדרוקט געוואָרן, און טאַקע מיט בייזע כוונות קעגן דער מלוכה, פון יענע מענטשן, וואָס זוכן צו דינען זייערע אייגענע אינטערעסן".

געמיינט האָט מאָנטעין די אומלעגאַלע און נישט גאַנץ פּינקטלעכע איבערדרוקן פונעם עסיי אַלס אַ שטרייטשריפט מצד די הוגענאָטן (פּראָ־טעסטאַנטן), בעת דעם ביטערן און פאַרביסענעם רעליגיעזן בירגער־קריג. נישט וויניקער ווי פינף אויפלאַגן פון לאַ באָעסיס עסיי זיינען דערשינען אין לאַטייניש און פראַנצויזיש אין די עטלעכע יאָר 1574 — 1578, כמעט אַלע לויט דער איניציאַטיוו פון די פּראָטעסטאַנטן, וואָס האָבן געזוכט אַרויסצורופן אַן אויפשטאַנד קעגן דער טיראַנישער רעגירונג פון הענרי דעם 3טן. עס איז מער ווי וואָרשיינלעך, אַז כדי צו שאַנעווען זיין אייגענע רעפּוטאַציע און קאַריערע, אַלס אַ הויכער באַאַמטער אין פּאַרלאַ־מענט (געהויבענער טריבונאַל) אין באָרדאָ, האָט מאָנטעין פשוט נישט פאַרעפנטלעכט לאַ באָעסיס עסיי, וואָס איז פול געווען מיט אַנטי־טיראַנישע, באמת רעוואָלוציאָנערע אויסדרוקן און אויפרופן . . .

דאָס איז אַ פאַל פון אַ ציווילער פּחדנות און קליינמוטיקייט, וואָס האָט אָגב געגעבן אַ שטויס צו אַ טשיקאַווער השערה מכוח דער מחברשאַפט פון עסיי. ס'איז פון אַ טייל פאָרשער און היסטאָריקער אַרויסגעבראַכט געוואָרן די נישט צו שטאַרק באַגרינדעטע היפּאָטעזע, אַז דער אמתער מחבר פון עסיי איז גאָר געווען מאָנטעין אַליין, און אַז די גאַנצע שריפט איז געווען געצילט קעגן דעם געקרוינטן טיראַן, הענרי דעם 3טן. עס דערמאָנט דעם באַרימטן וויכוח צווישן די שעקספּיר־פאָרשער מכוח דער אמתער פערזאָן פון „שעקספּירן". ס'פעלן נישט קיין מיינונגען, אַז די ווערק וואָס טראָגן שעקספּירס נאָמען שטאַמען גאָר פונעם באַרימטן בן־דור זיינעם, דעם פילאָסאָף און שטאַטסמאַן, פרענסיס בעיקאָן, הגם אין פאַל פון מאָנטעין — לאַ באָעסי זיינען די אַרגומענטן קעגן באָעסי נאָך פיל, פיל שוואַכער פון די ספקות, וואָס מ'האָט מכוח דער האַלב־לעגענדאַרישער פערזאָן פון שעקספּיר.

די מערסטע פאַכלייט האַלטן פאַר זיכער, אַז טאַקע דער יונגער לאַ באָעסי האָט אָנגעשריבן דעם עסיי, און אַז דאָס ווערק איז געשאַפן געוואָרן מיט דער כוונה אָפּצופרעגן און אָפּצושלאָגן די פאַרפירעריש־אַנטי־פרייהייטלעכע אידייען פון דעם „פרינץ" פון מאקיאַוועלי (1469 — 1527), וואָס איז געוואָרן אַ מין ביבל פון מלכים און פירשטן אין אַלע זייערע פירונגען פון פאַלשקייט, רשעות און פאַרמאַסקירטער פאַלקס־פאַרשקלאַפונג. אָבער דערמאָנען בפירוש מאקיאַוועליביים נאָמען, האָט לאַ באָעסי נישט געקענט, באשר די דערמאָנטע דעספּאָטישע מלכה קאַטערינאַ דע מעדיטשי האָט דעמאָלט באַהערשט דעם קעניגלעכן הויף אין פּאַריז און מאקיאַוועלי איז, בעת איר יוגנט, געווען איר לערער און צו איר פאָטער, דער פלאָרענטינער פירשט לאָרענץ מעדיטשי, האָט מאקיאַוועלי געווידמעט זיין בוך.

ווי ס'זאָל נישט זיין, נאָר דאָס ווערק לאַ באָעסיס איז אונטער־דריקט געוואָרן פון יענעם מענטשן וואָס האָט דעם כתב־יד געהאַט ביי זיך אין האַנט און וואָלט דעריבער געקענט איבערלאָזן פאַר די קומענדיקע דורות אַ פולן און גוט רעדאַקטירטן אָריגינאַל. פאַקטיש זיינען פאַלשע, אומפולשטענדיקע און אַפילו קאַליע־געמאַכטע (דורך פרייע ענדערונגען אין ווערטער און אויסדרוקן), נוסחאות דערגאַנגען צו דער שפּעטערדיקער צייט. ערשט אין די לעצטע יאָרן איז געמאַכט געוואָרן אַ פּרואוו, און דאָס נישט דווקא אין דער פראַנצויזישער אָריגינאַל־שפּראַך, נאָר גאָר אין אַ נייער ענגלישער איבערזעצונג, צו רעקאָנסטרואירן אויך די פאָרם און דעם פולן אינהאַלט פון דער באַרימטער עסיי.

3

דער גרויסער קענער און באַוואונדערער פון עטיען דע לאַ באָעסי, גוסטאַוו לאַנדויער, שרייבט אין זיין „רעוואָלוציע"*), אַז דער רבי פון לאַ באָעסי אינעם קאַמף קעגן די טיראַנען איז געווען דער שאָטלענדער דזשאָרדזש ביוקענען (1506 — 1582) — הומאַניסט, היסטאָריקער און פּאָליטישער פילאָזאָף, אָנטיילנעמער אין קאַמף פון דעם שאָטלאַנדישן פאָלק קעגן מאַריאַ סטואַרט (1542 — 1587). אין 1579, אַלס 73־יעריקער מאַן, האָט ער אין זיין באַרימטן ווערק „וועגן קעניגלעכע רעכטן ביי די שאָטלענדער" אַזוי פאָרמולירט דאָס רעכט פון פאָלק קעגן דעם טיראַן — דעם אַבסאָלוטן הערשער און פיינד פון דער געזעלשאַפט: „וואָס זאָלן מיר זאָגן וועגן אַ שונא פון דער געזעלשאַפט, מיט וועמען אַלע גוטע מענטשן פירן אַן אייביקן קריג? צי מעג דען נישט כאָטש איינער פון דער גאַנצער מענטשהייט אַרויפוואַרפן אויף אים די גאַנצע שטראָף פאַר דער דאָזיקער

*) צוערשט דערשינען אין פראַנקפורט־אַם־מאַין אין 1907, יידישע איבערזע־צונג פון דר. י. נ. שטיינבערג, פאַרעפנטלעכט געוואָרן אין וואַרשע (פאַרלאַג בזשאָזאַ), אין 1932.

מלחמה?״ אַט־דער פריידענקער, אַ פריינד פון מאָנטעין, הגם נישט אַזוי פּאַרזיכטיק, און אויך פיל דרייסטער פון מאָנטעין, מיט וועלכן ביוקענען האָט זיך באַקאַנט בעת זיין לאַנג־יאָריקן שטודיום אין פראַנקרייך, האָט אין פראַנקרייך גופא, ווייזט אויס, פערזענלעך אויך דעם יונגן באָעסין, שטאַרק באַאיינפלוסט. אָבער, ווי ג. לאַנדויער געפינט, האָט לאַ באָעסי איבערגעשטיגן זיין רבין נישט נאָר אין דער ענערגיע און דיכטערישער קראַפט פון זיין שפּראַך, נאָר איבער אַלץ אין דער געניאַליטעט פון זיינע אוניווערסאַלע געדאַנקען.

אַזעלכע אַנטי־טיראַנישע געדאַנקען האָבן אין יענער צייט — די צווייטע העלפט פון 16טן יאָרהונדערט, מיט כמעט 400 יאָר צוריק, אָנגעפילט, אַזוי צו זאָגן, די פּאָליטישע לופט אין מערב־אייראָפּע (שאָטלאַנד, ענגלאַנד, שווייץ און פראַנקרייך). נאָך פריער (1516) איז דערשינען די באַרימטע, עפּאָכע־מאַכנדיקע „אוטאָפּיע״ פון ענגלישן מלוכה־מאַן טאָמאַס מאָר (1478 — 1535) — דער ערשטער אָנוואורף פון אַ נייעם סאָציאַלן סדר, געבויט אויף גלייכהייט און גערעכטיקייט, הגם פון פרייהייט און אַנטי־מאָנאַרכיזם פעלט דאָרט די רייד אינגאַנצן. אויפן אייראָפּעקאָנטינענט, נאָך 1550, האָט זיך אַנטוויקלט די אַזוי־גערופענע מאָנאַרכאָמאַכן־באַוועגונג, ד. ה. אַ גאַנצע ליטעראַטור פון די מאָנאַרכיע־באַקעמפער — אַט־די אמתע צוגרייטער פון דער גרויסער אַמעריקאַנער און פראַנצויזישער רעוואָלוציע, מיט 200 יאָר שפּעטער, און פון אַלע נאָכפאָלגנדיקע פּאָליטישע רעוואָלוציעס אין אייראָפּע אין 19טן י״ה. די מאָנאַרכאָמאַכן — אַ גרופּע שרייבער פון פאַרשיידענע נאַציאָנאַליטעטן און רעליגיעס, בעת די שוין דערמאָנטע רעליגיעזע מלחמות אין פראַנקרייך אין 1560 — 1598, האָבן געלייקנט דאָס רעכט פון פירשט אָדער קעניג צו פאַרלאַנגען אַבסאָלוטן געהאָרכזאַם פון זייערע אונטערטאַנען. דער ציל פון אַט־די פרייגייסטער איז געווען, אין תוך, אַ טאָפּלטער: 1) צו פאַרטיידיקן זייער נייעם רעליגיעזן גלויבן (פּראָטעסטאַנטיזם) אין קאַטוילישע לענדער און דעם קאַטאָליציזם אין די לוטעראַנישע און קאַלוויניסטישע ד. ה. אין די פּראָטעסטאַנטישע לענדער, קעגן מלוכהשע גזירות און רדיפות; און 2) צו פאַרשפּרייטן און פאַרפעסטיקן אין דענקענדיקן טייל פון פאָלק די איבערצייגונג, אַז דער מלך באַקומט נישט זיין מאַכט דירעקט פון אויבן, פון גאָט, נאָר אומדירעקט — דורך דער פאַרמיטלונג פונעם פאָלק גופא. במילא, זיינען טאַקע זיי, די מאָנאַרכאָמאַכן, און נישט דער שפּעטערדיקער רוסאָ (1712 — 1778) געווען די צוגרייטער פון דער לערע פון פאָלקס־סואווערעניטעט און פון קאַמף קעגן פּאָליטישן אַבסאָלוטיזם בכלל.

אַלס ביישפּילן פון דעם הויכן סאָציאַל־פּאָליטישן אידעאַליזם פון די מאָנאַרכאָמאַכן, וועלן מיר דאָ דערמאָנען דעם פראַנצויזישן יוריסט און הוגענאָט (פּראָטעסטאַנט) זשאַן באָדען (1520 — 1596), מחבר פון זעקסבענדיקן ווערק, „רעפּובליק״ (1576), וואו ער פרעדיקט די אידייען פון אַנטי־אַבסאָלוטיזם אין דער פּאָליטיק און פון רעליגיעזער טאָלעראַנץ און

ציווילער פרייהייט און גלייכהייט. אויך האָט זיך אויסגעצייכנט מיט זיין פרייען גייסט און בריטן וועלט־באַנעם אַ צווייטער פראַנצויזישער יוריסט און פּראָטעסטאַנט, פראַנסואַ אָטמאַן (1524 — 1590), וואָס האָט מיט זיין ווערק „פראַנקאָ־גאַליאַ" געקעמפט קעגן דער אַבסאָלוטער מאָנאַרכיע. דאָס האָט אויך געטאָן דער פראַנצויזישער שטאַטסמאַן און הוגענאָט, איבער לאַנגע (1518 — 1581), וואָס האָט אונטער אַ פּסעוודאָנים פאַרעפנטלעכט אַ רעוואָלוציאָנער ווערק: „טענות קעגן די טיראַנען", וואו ער רופט צו אַ ווידערשטאַנד קעגן דעם געקרוינטן טיראַן.

דאָס אַלץ האָט אין פראַנקרייך געשאַפן דעם פּסיכאָלאָגישן באָדן פאַר אַן אויפשטאַנד, כמעט אַ רעוואָלוציע. ווען דער פראַנצויזישער פּרינץ און שפּעטערדיקער קעניג, הענרי דער 3טער, אָט־דער ברוטאַלער פחדן, הולטאַי און צבועצקער פרומאַק, האָט גיך פאַרלאָזן דעם פּוילישן טראָן, כדי צו אָנ־טאָן אויף זיך די פראַנצויזישע קרוין (1574), איז שוין דאָס לאַנד רייף גע־וואָרן פאַר אַ רעוואָלוציע; זי איז טאַקע באַלד געקומען; און פון אַ פּאָ־ליטישן אַטענטאַט, מצד אַ מאָנאַך, איז געפאַלן דער טיראַנישער מלך, הענרי דער 3טער (1551 — 1589). דער נייער גייסט פון דער דעמאָקראַ־טישער מלוכה־אידייע האָט זיך פאַרבונדן, באַוואוסט אָדער אומבאַוואוסט, מיט דער אַלט־צוגעוואוינטער קריסטלעכער פאָרם. צו די גלחים זיינען צו־געשטאַנען די געלערנטע, די סאָרבאָן (אוניווערסיטעט אין פּאַריז) האָט סוף 1587 אויפגעשטעלט דעם פּרינציפּ, אַז „ביי אַזעלכע פירשטן, וואָס שטעלן זיך אַרויס אומפּעאיק צו רעגירן, מעג מען אָפּנעמען די מאַכט, פּונקט אַזוי ווי דאָס געריכט נעמט צוריק די ציווילע מאַכט ביי אַן אַפּי־טרופּוס (טראָסטי) וואָס שטייט אונטער אַ חשד". דאָ ווילן מיר ציטירן פון ג. לאַנדויערס פּרעכטיקער עסיי „רעוואָלוציע":

— און אָט איז אין מאַי 1588 געקומען דער טאָג פון די באַריקאַדן: דאָס פאָלק פון פּאַריז האָט זיך אַרויסגעלאָזן אויף די גאַסן, האָבנדיק בראש די 16 קוואַרטאַל-פאַרטרעטער און די גלחים. אָט אַזוי האָט מען זיגרייך מאַרשירט צום לואווער, כדי „אַרויפצוצווינגען אויפן ברודער הענרי (דעם קעניג) אַ נזירישן נדר". דער קעניג איז אָבער דערווייל אַנטלאָפן. אַ קורצע צייט האָט זיך געדוכט, אַז דאָס (פראַנצויזישע) פאָלק האָט אַזוי ווי דאָס האָלענדישע געזיגט. אין חודש דעצעמבער האָט מען געשטורעמט און איינגענומען די באַסטיליע, וועלכע איז שוין דעמאָלט געווען דער סימבאָל פון אַבסאָלוטיזם . . . און אויך דעם אַרסענאַל. די סאָרבאָן איז איבערגעגאַנגען פון מלוכהשער טעאָריע צו פּראַקטישע אויספירן, און האָט דערקלערט, אַז דאָס פאָלק איז פריי פון זיין אונטערטאַן-פליכט, און אַז העגרי דער 3טער איז פון איצט אָן מחוץ דעם געזעץ . . . דעם 1טן אויגוסט 1589 איז העגרי דער 3טער געהרגעט געוואָרן דורך זשאַק קלעמאַן, אַ יונגן דאָ־מיניקאַנישן מאָנאַך. כמעט גענוי 200 יאָר שפּעטער האָט די קאָמונע (שטאָטישע פאַרטרעטערשאַפט) פון פּאַריז אָנגעהויבן ווידער די רעוואָלוציע (גרויסע פראַנ־צויזישע רעוואָלוציע פון 1789 — 1793) און האָט ווידער געגומען אין שטורעם די באַסטיליע (זעלטספאַרשטענדלעך נישט לשם באַפרייאונג פון די געפאַנגענע, ווי דאָס מיינען עד-היום נאָך אַ סך מענטשן און וואונדערן זיך דערביי, ווי ווייניק גע־

פֿאַנגענע עס זיינען דאָרטן געווען), און האָט זיך פֿאַרשפּרייט איבערן גאַנצן לאַנד. און פּונקט דעם 4טן אויגוסט 1789 האָט די פֿראַנצויזישע נאַציאָנאַל-פֿאַרזאַמלונג אַלע פֿעאָדאַלע רעכט בטל געמאַכט און באַקרוינט דעם יורש פֿון הענרי דעם 3טן, דעם קעניג לואיס דעם 16טן, מיטן טיטול: „ווידעראויפֿשטעלער פֿון דער פֿראַנצויזישער פֿרייהייט”. קוים פֿיר יאָר שפּעטער איז לואיס גילאָטינירט געוואָרן.

דעם באָדן פֿאַרן קאַמף פֿון די גאָר ערשטע באַקעמפֿער פֿון מאָנאַרכיע אין דער מאָדערנער מערב־אייראָפּעאישער תקופה האָבן געשאַפֿן די מאָנאַרכאָמאַכן, וואָס דער גרויסער בן־דור זייערער מאָנטעין האָט זיי אפשר אין האַרצן באַוואונדערט, אָבער האָט נישט געהאַט דעם מוט און ווילן זיך אָנשליסן אין זייערע רייען. אָבער דער יונגער פֿריינד זיינער, פֿאַר וועמען ער האָט געפֿילט די גרעסטע אָנערקענונג און ליבע, לאַ באָעסי האָט, אפשר אומבאַוואוסטזיניק, צוגעגרייט דעם פּסיכאָלאָגישן באָדן פֿאַר די מאָנאַרכאָמאַכן גופא. פּונקט אַזוי ווי זיין עסיי וועגן אַנטי־טיראַניי, האָט אויך די רעוואָלוציאָנערע באַוועגונג פֿון יענער צייט זיך געשטיצט אויף די עלעמענטן פֿון שכל און געזעץ, וואָס האָבן געגעבן דעם גרונט־טאָן דער תקופה פֿון נאַטור־רעכט (17טער י״ה) און פֿון אויפֿקלערונג (18טער י״ה), פֿון וועלכע ס'איז אַרויסגעקומען די גרויסע פֿראַנצויזישע רעוואָלוציע. נאָך מער ווי די רעוואָלוציע פֿון 18טן י״ה, איז אָבער די דורכגעפֿאַלענע, פּריציייטיקע רעוואָלוציע פֿון סוף 16טן י״ה געווען באַפֿאַרבט פֿון די ביבליש־נביאישע, יודאַאיסטיש־קריסטלעכע געבאָטן פֿון פֿאָלקס־רעכט, פֿון פּראָטעסטאַנטיזם, אינאיינעם מיט דער אינספּיראַציע, געשעפּט פֿון די העלדישע ביישפּילן פֿון פֿרייהייט־העלדן פֿון קלאַסישן אַלטערטום און פֿונעם גייסט פֿון אינדיווידואַליזם — ווי דאָס קומט אַזוי פּרעכטיק צום אויסדרוק טאַקע אין די ווערק פֿון באָעסי און מאָנטעין.

דער שאַרפֿסטער אויסדריקער פֿונעם פֿרייען גייסטיקן אויפֿשטאַנד קעגן דער טיראַניי, עטיען דע לאַ באָעסי, איז גראָד קיין קעמפֿערישע נאַטור נישט געווען, נאָר — אָן איינזאַמער דענקער, אַ שרייבער, אַ פּאָעט און איבערזעצער. ער איז אויך געשטאַנען מחוץ פֿון אַלע מינים קריסטלעכע אמונות (קאַטוילישע און פּראָטעסטאַנטישע), און ער קעמפֿט בלויז, מיט די כלי־זיין פֿון לאָגיק און וועלטלעכקייט, פֿון געשיכטלעכע ביישפּילן און אינדיווידואַליזם.

4

לאַ באָעסי האָט, (ווען זיין „פֿרייוויליקע שקלאַפֿעריי” איז דערשינען צום ערשטן מאָל, גלייך נאָך דער באַרטאָלאָמעאוס־נאַכט, 1572, כמעט צען יאָר נאָכן מחברס טויט) געשאַפֿן דעם פּסיכאָלאָגישן באָדן פֿאַר דער ערשטער רומפֿולער, הגם דורכגעפֿאַלענער פֿראַנצויזישער פּאָליטישער רעוואָלוציע פֿון 1588 — 1589. ער האָט בייגעטראָגן צו איר, ווי ג. לאַנדויער זאָגט, די פּסיכאָלאָגיע, די אוניווערסאַלקייט און דעם קלאַסישן אויסדרוק.

ער הייבט אָן זיין באַרימטן „שמועס” (דיסקור) וועגן דער „פֿרייווי־

ליקער שקלאַפעריי" מיט אַזאַ פראַגע: ווי אַזוי קומט עס, אַז אַ גאַנץ פאָלק, אומצייליקע מאַסן, לאָזן זיך קוועלן און טיראַניזירן פון אַ יחיד, לאָזן זיך פירן פון אַן איינציקן מענטש קעגן זייער ווילן און צו זייער אייגענעם שאָדן? — און ער גיט אויף דעם אַ גוט־מאָטיווירטן און פילזייטיקן ענטפער, וואָס דער תמצית פון אים איז אַזאַ:

1) עס פּאַסירט, אַז מענטשן פאַרלירן זייער פרייהייט, מחמת אַן אײבערפאַל פון דרויסן אָדער דורך פאַרראַט. שפּעטער קומען צו מענטשן, וועלכע האָבן קיינמאָל נישט געקענט קיין פרייהייט, און ווייסן נישט ווי זיס זי איז. במילא ווערט מען פון געוואוינהייט קנעכט אָדער שקלאַפן.

2) די שקלאַפעריי קען זיך ציען לאַנג־לאַנג, ווייל זי מאַכט ווייך די נערוון און דעם כאַראַקטער פון מענטש. טיראַנען נעמען שטענדיק אָן אַלע מיטלען וואָס קענען אויפהאַלטן אין פאָלק זנות, ליידיקגייעריי, ליבע צו ספּאָרט־שפּילן און צו פרעסעריי.

3) קעניגטום האָט פאַרשטאַנען די קונץ אויסצונוצן די רעליגיע און זיך פאַרבינדן מיטן „קלער" (די גייסטלעכע). די קרוין איז איינגעהילט געוואָרן אין וואונדער און די קעניגן — אין דעם שיין פון הייליקייט און געטלעכקייט.

4) צווישן דעם קעניג און דעם פאָלק האָט זיך אַריינגעזעצט אַ ביוראָקראַטיע, אַ היעראַרכיע, וואָס באַרייכערט זיך פון די ביידע לאַגערן: אַזוי אַרום קומט עס צו דעם, אַז די טיראַניי פאַרשאַפט אַ סך מענטשן אַזוי פיל רייכטום, אַז זיי דאַרפן מער קיין פרייהייט נישט.

און לאַ באָעסי פרעגט:

וואָס זאָל מען איצט קעגן דעם טאָן; קעגן אָט־דער אומגעהייערער פאַרשקלאַפונג, וועלכע האָט זיך אַרויפגעלייגט אויף דעם מענטש? וואָס זאָל מען טאָן קעגן דעם אומגליק?

און ער קומט מיט אַזאַ ענטפער:

עס איז קיין זאַך נישט נייטיק אַחוץ דעם וואונטש און דעם ווילן צו זיין פריי. די שקלאַפעריי איז אַ פריוויליקע. עס זעט כמעט אויס ווי די מענטשן וואָלטן פאַראַכט די שיינע מתנה פון פרייהייט, ווייל זי איז צו לייכט־וואַגיק. אַנטשליסט זיך נישט צו זיין מער קיין שקלאַפן און איר וועט זיין פריי! איך וויל נישט, אַז איר זאָלט פאַרטרייבן דעם טיראַן אָדער אַראָפּוואַרפן אים פון טראָן, הערט נאָר אויף אים צו שטיצן, און איר וועט זען ווי ער וועט, ווי אַ ריזיקער קאָלאָס, ביי וועלכן מ׳ציט אַרויס דעם פונדאַמענט, אַליין צעבראָכן ווערן דורך זיין אייגענער געוויכט.

דאָס איז די קווינטעסענץ פון דער מערקווירדיקער שריפט פון 16טן י"ה אין פראַנקרייך, וועלכע איז ביז גוסטאַוו לאַנדויערס אַפּאָטעאָז פון איר אין זיין „רעוואָלוציע" געווען כמעט אומבאַקאַנט אין צענטראַל־אייראָפּע. אין פראַנקרייך איז זי גוט־באַקאַנט געווען זינט דעם שוין דערמאָנטן פעליסיטע דע לאַמענע, וואָס האָט אין 1835 אַרויסגעלאָזן מיט זיינעם אַ לאַנגן פאָרוואָרט אַ נייע אויסגאַבע. אַן ענגלישע איבערזעצונג איז דערשינען אין לאָנדאָן אין 1735, האָט אָבער קיין טיפן איינדרוק נישט געמאַכט. זי איז באַלד

פאַרגעסן געוואָרן — אין גאַנץ אַמעריקע געפינט זיך בלויז איין עקזעמפּלאַר פון איר (אין ביבליאָטעק פון האַרוואַרד אוניווערסיטעט). ערשט אין דער לעצטער צייט איז דערשינען אַ נייע גוטע ענגלישע איבערזעצונג.

מיט וואָס איז די וויכטיקייט פון לאַ באָעסיס שריפט אַזוי גרויס, אַלס אַ סאָציאַל־פּסיכאָלאָגישער אַנאַליז פון רעוואָלוציע? ווי אַן ענטפער וועלן מיר דאָ ברענגען די מיינונג פון דעם גרויסן פאַרערער און נאָכפאָלגער פון לאַ באָעסי, גוסטאַוו לאַנדויער, ציטירנדיק כמעט וואָרט אין וואָרט פון זיין דערמאָנטן בוך „רעוואָלוציע״:

1) וויסן מוז מען, אַז אַמבעסטן קען זיך אַרויסזאָגן וועגן דער סאָציאַלער פּסיכאָלאָגיע פון אַ רעוואָלוציע און פון די אומשטענדן וואָס רופן זי אַרויס נאָך דער, וואָס האָט דער ערשטער זי אַרויסגעזאָגט און נישט די שפּעטערדיקע באָאָבאַכטער.

2) פאַרטיפנדיק זיך אין לאַ באָעסיס שריפט, פאַרשפּאָרט מען גריבלען זיך אין די אָנזיכטן פון שפּעטערדיקע, מער באַקאַנטע רעוואָלוציאָנערע באַוועגונגען.

3) די עסיי לאַ באָעסיס איז דער מיקראָקאָסמאָס פון דער רעוואָלוציע. ער רעפּרעזענטירט יענעם גייסט, פון וועלכן מיר זאָגן, אַז ער גופא איז נישט נאָך דער גייסט פון נעגאַציע, נאָר ער איז אויך אין דער נעגאַציע־גייסט: דאָס פאַרגעפיל און דער נאָך אומקלאָרער אויסדרוק פון דעם פּאָזיטיוון, וואָס ווערט געבוירן.

לאַנדויער האָט די רעוואָלוציע פאַרגליכן צו אַ מיקראָקאָסם: אין אַן אומגלויבלעך קורצער צייט, אין געוואַלטיקער צוזאַמענפּרעסונג (ווייל די נשמות פון די מענטשן זיינען געשפּאַנט און ציען זיך אויף) ווערט פאַרווירקלעכט אַ גאַנצע וועלט פון מעגלעכקייטן, וואָס פלאַקערט איבער דער צייט ווי אַ פייער. און אויב די רעוואָלוציעס, ווי לאַנדויער האַלט, זיינען צוזאַמענפּאַסנדיקע, דינאַמישע און שטענדיק זיך ווידערהאָלנדיקע מיקראָקאָסמען, דעמאָלט איז — לויט לאַנדויערן נאָך — לאַ באָעסיס רעוואָלוציאָנערע עסיי דער מיקראָקאָסמאָס, די קווינטעסענץ פון דער רעוואָלוציע גופא.

גוסטאַוו לאַנדויער האָט אויך באַטאָנט, אַז לאַ באָעסי איז געווען דער ערשטער צו פּראָקלאַמירן דאָס וואָס שפּעטער וועלן זאָגן אַנדערע — די באַגרינדער פונעם אַנאַרכיזם — דעם הערשאַפטלאָזן, שטאַטלאָזן סאָציאַליזם, ווי וויליאַם גאָדווין (1756—1836), מאַקס שטירנער (1806 — 1856), באַקונין (1814 — 1876) און לעוו טאָלסטאָי (1828 — 1910). און דאָס וואָס זיי אַלע זאָגן רעזומירט גוסטאַוו לאַנדויער אַזוי:

„אין אייך גופא שטעקט די צרה, עס איז נישט מחוץ פון אייך; איר אַליין זייט עס: זאָלן די מענטשן נישט זיין געבונדן דורך הערשאַפט, נאָר זיין פאַרבונדן, ווי ברידער, אָן שום באַהערשונג — אַן־אַרכיע!״ דער פריינד און ביאָגראַף פון ג. לאַנדויער, דער אַרויסגעבער פון זיין ביאָגראַפיע — „אַ לעבנס־בילד אין בריעפן״, ד. ה. די קאָרעספּאָנדענץ פון ג. לאַנדויער מיט זיינע פריינד און תלמידים, אין צוויי בענדער (פראַנקפורט אַם

מאַין, 1929) מאַרטין בובער, אַליין אַ ווירקטיקער סאָציאַל־פילאָסאָפישער שרייבער, שלאָגט טאַקע פאַר אַנצורופן די פרייהייטלעך־סאָציאַלע לערע אין גייסט פון שטירנער און באַקונין: „אַ־קראַטיע" (אין גריכיש: אָן הערשאַפט).

א. בעלגאַריק, אַ וויניק באַקאַנטער פראַנצויזישער אַנאַרכיסט פון מיטן 19טן י"ה, האָט נאָך דעם זעלביקן געדאַנקען־גאַנג באַסי־לאַנדויערס געפירט ווייטער און אים דערפירט צום לעצטן עקסטרעם, וואָס איז כמעט ווי אַ „דיאַלעקטישע" אָפּלייקענונג פון דער טיראַניי. ער האָט געשריבן:

„איר האָט ביז איצט געגלויבט, אַז ס'זיינען פאַראַן טיראַנען. נו, האָט איר געהאַט אַ טעות! עס זיינען בלויז פאַראַן שקלאַפן. דאָרט וואו קיי־נער פירט נישט אויס קיין (טיראַנישע) באַפעלן, וועט אויך נישט זיין קיינער וואָס גיט די באַפעלן אַרויס!".

נישט דורך הערשאַפט... איז אָבער נאָר אַ העלפט פון דער אמתער פאָרמולע", זעצט גוסטאַוו לאַנדויער פאָר, אַ פאָרמולע פאַר אַ צופרידנ־שטעלנדיקן מענטשלעכן צוזאַמענלעבן און אַן אויסגלייך צווישן פרייהייט און אויטאָריטעט. די נעגאַציע, דאָס אָפּוואַרפן אַ פרינציפּ (פון הערשאַפט), מצד רעבעלישע נאַטורן פון גאָדווין ביז אַ טאָלסטאָי, איז שוין געווען פול מיט מענטשן־ליבע, וואָס איז אויך אַ כוח, אפשר אין באַקונינס זין, ווען ער האָט נאָך אין זיין יוגנט (צו 30 יאָר אַן ערך) געשריבן: „די לוסט צו צעשטערן איז אויך אַ שעפערישע לוסט". אמת, מענטשן זיינען, אָדער דאַרפן זיין, ברי־דער אָבער אַ טעות מאַכן די וואָס מיינען, אַז תיכף נאָכן אָפּראַמען די שטע־רונגען און געוואַלט וועלן זיי שוין זיין אמתע ברידער. ברידער זיינען זיי נאָר במשך פון דער צייט פון רעוואָלוציאָנערער באַגייסטערונג, בעת זיי באַקעמפן און ראַמען אָפּ די הינדערנישן אויפן וועג צו פרייהייט און ראַמען אָפּ די אַלטע געוואַלט, דעם אַלטן רעזשים. דער גייסט לעבט טאַקע אין דער רעוואָלוציע, אָבער נישט אַדאַנק איר קומט ער צום לעבן, ווערט געבוירן — — — און גלייך נאָך איר — מיינט ג. לאַנדויער — לעבט אָט דער רעוואָלוציאָנערער גייסט שוין אויך נישט.

כדי דער אויפבוי פון דעם מענטש, פון דעם „נייעם דור", פון אַ נייער מענטשהייט, זאָל קענען אַנהאַלטן און זיך אַנטוויקלען, איז נויטיק, אַז צוקומען זאָל צו דער רעוואָלוציע נאָך עפּעס אַנדערש: עס מוז צוקו־מען גייסט, וואָס איז פון ג. לאַנדויער (אין זיין „אויפרוף צום סאָציאַליזם" (יידיש פון ה. פראַנק און ב. ראָזענטאַל, בערלין, 1922) פאָרמולירט געוואָרן אַלס „בונד אין פרייהייט", ד. ה. פריי זיין אין דער געבונדנקייט, לעבן אין גייסטיקער פאַרבונדנקייט דורך מענטשלעכער קעגנזייטיקייט, סאָלידאַ־ריטעט און קאָאָפּעראַציע, אַ פרייוויליקע דיסציפּלין און אַ נייע עטיק פון פרייהייט, גלייכהייט, סאָלידאַריטעט און קעגנזייטיקער הילף.

אָט־דאָס מיינט טאַקע אַז די פולע פאָרמולע, אין זין פון לאַ באָעסיס און לאַנדויערס וועלט־באַנעם, דאַרף זיין: נישט דורך געוואַלט און הער־שאַפט, דורך צוואַנג, שטאַט, אָדער געלט, דאַרפן די מענטשן זיין פאַרבונדן אין אַ קאָלעקטיוו, נאָר דורך גייסט . . .

דער פול־אויסגערייפטער באַוואוסטזיין, אין אַט אַזאַ באַנעם פון סאָציאַלן לעבן, וואָלט אויך געדאַרפט און געקענט פאַרהיטן פון פאַראַט לגבי דער ניי־דערוואָרבענער (דורך דער רעוואָלוציע) פרייהייט. לאַ באָעסי וואָרנט קעגן די פאַרשווערונגען פון כבוד־זוכער, וואָס יאָגן זיך נאָך מאַכט און הערשאַפט. זיי וועלן דעם טיראַן פאַרטרייבן אָדער „ליקווידירן" (טויטן), די טיראַניי גופא וועלן זיי אָבער אויפהאַלטן און פאַרשפרייטן, זיי מיסברויכן מיטן הייליקן נאָמען פון פרייהייט. זייער זעלטן, האַלט ג. לאַנדויער, קומען־אויף די צניעותדיקע העלדן, פון וועלכע דאָס קלאַסישע אַלטערטום האָט אונדז געגעבן נישט ווייניקביישפּילן (וואָס האָבן אַזוי דערמוטיקנדיק געווירקט אויף לאַ באָעסי און מאָנטעין) פון מענטשן, וועלכע באַפרייען זייער פאָטערלאַנד און לאָזן אים טאַקע לעבן אין פרייהייט.

5

ווי גוסטאַוו לאַנדויער האָט ריכטיק אָנגעוויזן, האָבן אַ סך זייער באַרימטע רעוואָלוציאָנערן פון די שפּעטערדיקע מער באַקאַנטע באַוועגונגען, נישט קוקנדיק אויף זייער פייער און שוואונג — דאָך נישט דערגרייכט דעם ניוואָ פון לאַ באָעסי. העכסטנס האָבן זיי נאָר איבערגעחזרט זיין שטימונג און זיינע געדאַנקען. מ'דאַרף נישט פאַרגעסן, נעמלעך, אַז דער קאַמף פון דער רעוואָלוציע איז נאָך אַ זייער לאַנגע צייט אָנגעגאַנגען קעגן איינעם אָדער אַ סך טיראַנען, אַפילו אין די שפּעטערע צייטן. ווען ס'האָט זיך שוין געהאַנדלט נישט אַזוי וועגן פאַרניכטן אָדער באַזייטיקן געוויסע יחידים, נאָר וועגן צעשטערן אַן אינסטיטוציע — דעם דורך דער רעוואָלוציע אויפגעבויטן אַבסאָלוטן שטאַט. אַלס ביישפּיל קענען מיר אָנגעבן דעם יאַקאָביניש־צענטראַליזירטן אָדער צעזאַריסטיש־אַבסאָלוטן נאַפּאָלעאָנישן שטאַט (נאָך דער גרויסער פראַנצויזישער רעוואָלוציע, סוף 18טן י"ה אין פראַנקרייך), און — הויפּטזעכלעך, — דעם סאָוועטיש־באָלשעוויסטישן, טאָטאַליטאַרן שטאַט (נאָך דער רוסישער רעוואָלוציע פון 1917 אין רוסלאַנד). אַפילו אין אַזאַ פאַל וועט מען נאָר דאַרפן בייטן עטלעכע ווערטער פון לאַ באָעסי און מ'וועט קענען פאַרשטיין די שטימונג און די לייטנדיקע געדאַנקען פון דער נייער סאָציאַל־פּסיכאָלאָגישער רעוואָלוציע, וואָס וועט זיין נויטיק, כדי אָרונטערצוּוואַרפן דעם נייעם אַבסאָלוטיזם.

האָבן טאַקע ערנסטע סאָציאַלע פאַרשער נאָך מיט צוואַנציק יאָר צוריק באַטאָנט, אַז געוויסע פּאַסאַזשן פון לאַ באָעסיס „דיסקור" (רעדע אָדער טראַקטאַט) וועגן פריוויליקער שקלאַפעריי לייענען זיך ממש ווי אַ קריטיק פון דער פאַשיסטישער אָדער באָלשעוויסטישער דיקטאַטור *).

*) זען, צום ביישפּיל, דעם אַרטיקל וועגן לאַ באָעסי פון פּראָפ. אָסקאַר יאַסי אין אַמעריקאַנער גרויסער „ענציקלאָפּעדיע און סאָשעל סייענסעס", באַנד 8, ניו־יאָרק, 1932. דאָרט ווערט אַגב בפירוש דערמאָנט, אַז לעוו טאָלסטאָי האָט געקוקט אויף באָעסי ווי אויף זיינעם, טאָלסטאָיס, אַ פאָרגענגער.

איזווירקלעך אַ היינטצייטיקן קענער און פאָרשער פון דער פראַנ־צויזישער שפּראַך און ליטעראַטור פון דער רענעסאַנס־צייט, פּראָפעסאָר האַרי קורץ פון „קווינס קאָלעדזש" אין ניו־יאָרק, איינגעפאַלן נישט גאַנץ לאַנג צוריק, דער גליקלעכער פּלאַן אַרויסצוגעבן אַ נייע און מאָדערניזירטע ענגלישע איבערזעצונג פון לאַ באָעסיס טראַקטאַט, צוגעפּאַסט צו די איצ־טיקע פּאָליטישע וועלט־אומשטענדן און צום קאַמף קעגן דעספּאָטיזם און טיראַניי אין די היינטצייטיקע גלגולים זייערע, פון רעכטס און פון לינקס. פּראָפ. ה. קורצס, ענגלישע איבערזעצונג (די ערשטע זינט דער פון 1735, וואָס איז שוין דערמאָנט געוואָרן) איז אין אַ זייער פאַרנעמער און אָנציענ־דיקער פאָרם אַרויסגעגעבן געוואָרן אין ניו־יאָרק אין 1942, פון דער הויך־רעספּעקטירטער „קאָלאָמביאַ־אוניווערסיטי פּרעס", ד. ה. אין פאַרלאַג פון איינעם פון די גרעסטע און חשובסטע אוניווערסיטעטן פון צפון־אַמעריקע. דער טיטול, וואָס איז דעם ביכל געגעבן געוואָרן, איז „אַנטי־דיקטאַטאָר". דאָרט ווערט דער פריער לחלוטין נישט־אונטערגעבראָכענער טעקסט פון לאַ באָעסיס שריפט איינגעטיילט אין געוויסע (נישט צו שאַרף אָפּגעטיילטע צווישן זיך) אָפּטיילונגען מיט ביי דער זייט געדרוקטע אונטערקעפּלעך. דערביי זיינען די דאָזיקע נישט שטאַרק אויפפאַלנדיקע אונטער־קעפּלעך אַזוי פאָרמולירט, אַז זיי זאָלן ציען דעם לעזערס אויפמערקזאַמקייט צו דער אַנאַלאָגיע און אַפילו ענלעכקייט צווישן לאַ באָעסיס קריטיק פון דער פאָר־צייטיקער טיראַניי, פון איין זייט, און פון אַ נויטווענדיקער קריטיק פונעם היינטצייטיקן רעזשים אין די אַבסאָלוטיסטיש־טאָטאַליטאַרע, דערהויפּט מערב־אייראָפּעאישע (אפשר ווייל סאָוועט־רוסלאַנד איז גראָד געווען דעמאָלט דער מלחמה־שותּף פון אַמעריקע אין קריג קעגן דייטשלאַנד און יאַפּאַן) — לענדער — דייטשלאַנד און איטאַליע, פון דער צווייטער זייט. עס ווערט בפירוש, אויף אַזאַ שטייגער, אין אַ סך שטעלן, דורך די קעפּלעך גופא, זייער קלאָר און איבערצייגנדיק פאַר דעם לעזער געוויזן, אַז טיראַניי, דעספּאָטיזם און געוואַלט פון שטאַטלעכע מאַכטהאָבער, אין 20סטן י"ה, מעגן זיי זיך אויסערלעך אונטערשיידן פון דעם דעספּאָטיזם פון פאַרצייטן, אָבער אין תוך זיינען זיי דער זעלביקער וועג פון אונטערדריקן און פאַרניכטן די מענטשלעכע חשיבות און פרייהייט.

אין זיין לענגערער און באַלערנדיקער איינפירונג שרייבט דער אַמע־ריקאַניש־ענגלישער איבערזעצער, האַרי קורץ, אַז די פראַנצויזישע אויס־גאַבן פון לאַ באָעסיס ווערק זיינען דערשינען אַ סך מאָל. ספּעציעל דער־מאָנט ער די יאָרן 1789, 1835, 1845, 1863 — אַלץ פעריאָדן, וואָס זיינען געווען אָנגעפילט מיט שטורעמדיקער אַגיטאַציע ערב די פאָלקס־רעוואָלו־ציעס און בלוטיקע אויפשטאַנדן. דאָס שליסט זיך אָן, לאַגישערווייז, צו די באַמערקונגען וואָס מיר האָבן פריער אויבן געמאַכט, מכּח דעם, אַז שוין די ערשטע געדרוקטע אויסגאַבן פון לאַ באָעסיס עסיי, אין דער צווייטער העלפט פון 16טן י"ה, זיינען דערשינען בעת אָדער ערב „רעוואָלוציאָנערע סיטואַציעס" אין לאַ באָעסיס לאַנד, ס'האָט דעמאָלט געקאָכט און געברויזט אין פראַנקרייך — אין די קריטישע יאָרן פון 1588 — 1589, בעת דער

בעסטער טייל פון דעם פאָלק האָט זיך אויפגעהויבן קעגן דעם געקרוינטן טיראַן, העניך דעם 3טן.

אויף אַזאַ אופן לאָזט זיך זען, אַז דווקא דער מילדסטער, פרידלעכ־סטער און סאַמע יושרדיקסטער פון אַלע מענטשן פון יענער צייט איז גאָר גע־וואָרן, דורך אַן איינציק קליין ווערק, און דווקא לאַנג נאָך זיין טויט, טאַקע דער אָנרעגער און אָנזאָגער פון די רעוואָלוציעס. דאָס איז אַ ראַלע, וואָס איז געווען און געוואָרן די היסטאָרישע מיסיע גראָד פון אַ סך מיושבדיקע און באַשיידענע יחידים, אָבער אמתע מענטשן־פריינד, וואָס זיינען אויך גע־ווען רודף־שלומניקעס און די אמתע וועג־אויסלייגער פאַר פּאָליטישער דע־מאָקראַטיע.

אין דער אמתן געהערן לאַ באָעסי און זיינע נאָכפאָלגער, אַזש ביזן גרויסן אַנאַרכאָ־סאָציאַליסט גוסטאַוו לאַנדויער, צו יענע פּאָליטישע דענקער, וואָס ביי זיי איז דער קוק אויף רעוואָלוציע געווען טיפזיניק און אָריגינעל. אַמבולטסטן איז אָט־דער קוק געווען אויסגעדריקט ביי מאַקס שטירנערן, דעם מחבר פון באַרימטן ווערק „דער איינציקער און זיין אייגנטום“. דער קוק איז פיל טיפער (הגם קלאָר און באַוואוסטזיניק — האָט עס ביי לאַ באָעסי נאָך, נאַטירלעך, זיך נישט אויסגעקריסטאַליזירט) ווי בלויז פאַררעכענען רעוואָלוציעס צו פּאָליטישע מאַכט־געשעענישן אָדער סתם געוואַלט־פאַר־מעסטונגען. לאַנדויער און שטירנער האָבן אויף רעוואָלוציע געקוקט ווי אויף אַ טיפן אופן פון סאָציאַלער טראַנספאָרמאַציע אין דעם לאַנגן גאַנג פון מענטשלעך־עטישער אַנטוויקלונג און דערהויבונג.

אַמשאַרפסטן און קלאָרסטן האָט אָט־דעם אונטערשייד צווישן צוויי באַגריפן מכח רעוואָלוציע געמאַכט מאַקס שטירנער. ער פרעגט: וואָס אַזוינס איז אַ רעוואָלוציע? דער ענטפער זיינער איז: דאָס איז אַן איבער־קער אין די באַדינגונגען פון דער פּאָליטישער לאַגע אָדער סתם סטאַטוט פון שטאַט אָדער פון דער געזעלשאַפט. במילא איז עס אַ פּאָליטישער אָדער אַ געזעלשאַפטלעכער אַקט.

עס איז אָבער דאָ אויך אַ צווייטער מין, אָדער זין פון דעם וואָרט — רעוואָלוציע. דאָס איז „אויפשטאַנד“, דאָס אויפהויבן זיך, אַן „אינסורעק־ציע“. וואָס זשע איז עס אַזוינס? — ענטפערט דערויף מאַקס שטירנער אַזוי:

אויך אַזאַ אויפשטאַנד פירט אומפאַרמיידלעך צו אַן איבערבייט אין די אומשטענדן אָבער הייבן הייבט ער זיך אָן מיט דעם, וואָס די מענטשן דער־שפירן אַן אומצופרידנקייט מיט זיך אַליין; דער אויפשטאַנד אין אַזאַ זין איז נישט קיין געוואַלטזאַמער, באַוואָפנטער אויפשטאַנד (הגם ער קען פירן אויך צו אַזאַ אויסברוך), נאָר אַן אויפהייבן זיך פון יחידים, אַ זיך שטעלן אויף די אייגענע פיס, און ס'איז נישט בלויז די נייע איינאָרדענונג און די נייע אינסטיטוציעס וואָס קומען אַרויס פון די נייע אומשטענדן.

איז טאַקע פאַראַן אַ געוואַלטיקער אונטערשייד צווישן אַ באַוועגונג וואָס שטרעבט בלויז אויסצובייטן די אַלטע פּאָליטישע אינסטיטוציעס אויף נייע, ווי דאָס איז דער בורזשואַזער סאָציאַליסטיש־רעפאָרמיסטישער

אָדער דער שטאַטלעך־קאָמוניסטישער באַגריף פון רעוואָלוציע, פון איין זייט, און אַ באַוועגונג, ווי די אַנאַרכאָ־סאָציאַליסטישע, וואָס שטרעבט צו באַפרייען די מענטשן פון די שטאַטלעך־פּאָליטישע, געוואַלטזאַמע אינסטי־טוציעס בכלל.

אַ פעלער פון אמתע רעוואָלוציאָנערן מוז זיין צו וועלן באַלעבן אַזאַ מאַשינעריע און אַפּאַראַט וואָס וועלן גלייך נאָך דער דערפאָלגרייכער רע־וואָלוציע אַריינפאַלן אין די הענט פון די רעוואָלוציאָנערע פירער. זיי וועלן, אין גרונט גענומען, איבערנעמען די רעוואָלוציאָנערע פּאָזיציעס פאַרטיקערהייט, און זיי אויסנוצן פאַר דער הערשאַפט פון מענטש איבער מענטש, ד. ה. ווידער פאַר געוואַלט, צוואַנג און עקספּלואַטאַציע, ווי אונ־טער דער אַלטער, פאַר־רעוואָלוציאָנערער אָרדענונג.

די געשיכטלעכע וועלט־צעטרייסלענדיקע פּאַסירונגען פון די לעצטע עטלעכע צענדליק יאָר האָבן אין קיין שום לאַנד — און אין נייעם רוסלאַנד נאָך ווייניקער ווי אין אַלע אַנדערע לענדער נישט געפירט די הערשער איבערן לעבן און טויט פון מיליאָנען מענטשן צו אַ נייעם קוק אויף די מענטש־לעכע, און נישט בלויז אויף די מאַטעריעלע, ווערטן. אומעטום שטעלט מען איצט טויטע גיטער פיל העכער אין ווערט איבער לעבעדיקע מענטשן, און די הויפּט־ענערגיע ווערט אָפּגעגעבן אויף פּריוואַטער אָדער שטאַטלעכער באַרייכערונג. דאָך האָט זיך אָט־אַזאַ גלייכגילטיקע צום לעבעדיקן מענטשן עקאָנאָמישע סיסטעם, די קאַפּיטאַליסטישע, זינט דעם סוף פון מיטלאַלטער שוין געמאַכט אַלערליי פאַרזוכן זיך בויען אויף אַזאַ יסוד — דעם פּרי־וואַטן נוצן פון יחידים אָדער גאַנצע שיכטן, און דערביי אַבסאָלוט קיין דויערנ־דיקן דערפאָלג נישט דערגרייכט. ענדלעך איז איבער דער מענטשהייט געקומען די קאַטאַסטראָפע פון איצטיקן פערמאַנענטן קריג, פון אַ ריי וועלט־מלחמות, פון הייסע און קאַלטע מלחמות, אָבער דער סוף פון דער „ציוויליזירטער" מענטשהייט לויערט שוין, ווי אַ שרעקלעכער געשפענסט, איבער די האָריזאָנטן פון דער נישט גאַנץ ווייטער צוקונפט . . .

די דאָזיקע קאַטאַסטראָפע איז דער גסיסה־קאַמף פון אַ סיסטעם, וועל־כע האַלט איצט ביים אויסהויכן איר לעצטן אָטעם. די כלומרשטע „פּראָגרע־סיווע", די חסידים פון צוואַנג־קאָלעקטיוויזם, די זעלבסט־געקרוינטע יורשים פון אַלטן סדר, וואָלטן די וועלט אַריינגעפירט נאָך אין אַ פינצטערערן, אַן ערגערן צושטאַנד — פון פיזישער אָרעמקייט און צוגלייך אויך אַ מצב פון שוידערלעכער גייסטיקער פוסטקייט און טראַגישער באַהערשונג פון יעדן יחיד דורך דעם קאָלעקטיוון מאַלאַך־טיראַן, דעם אַלמעכטיקן ביוראָקראַ־טישן, צענטראַליזירטן שטאַט.

אָדער — וואָס קען אויך זיין! — די איצטיקע קאַטאַסטראָפע איז אַ פּרעלודיע צו אַ פון זיך אַליין אויפקומענדיקן, סטיכישן און אַלוועלט־לעכן מענטשלעך־עטישן אויפשטאַנד, אַ בונט, וואָס קען ווערן אַ ווענד־פּונקט אין דער געשיכטע. דאָס אַלץ וועט, פאַרשטייט זיך, זיין אָפּהענגיק פון דעם, ווי שנעל מיר אַליין וועלן באַגרייפן די געוואַלטיקע באַדייטונג פון אונדזערע קומענדיקע אַנטשיידונגען איבער אונדזער אייגענעם שיקזאַל.

דער גלויבן אין דער פונדאַמענטאַלער גוטסקייט פון מענטש, די פּול־האַרציקע אַקצעפּטירונג פון אַן עטישן נאַטור־געזעץ מכח מענטשלעכקייט, ד. ה. דעם מענטשלעכן שכל און מענטשלעכער חשיבות און סאָלידאַריטעט, — דאָס זיינען די הויפּט־שטריכן פון אַ נייעם קוק אויף מענטש, וועלט און לעבן, וואָס קענען נאָך די וועלט אין איר איצטיקן קריזיס ראַטעווען. זיי אַלע מוזן אָבער פאַראייניקט און באַלעבט ווערן דורך אַן אויפשטאַנד־ליידנ־שאַפט, אַ פלאַם וואָס קען פאַרהאַרטעווען און לייטערן אַלע מענטשלעכע גלויבנס און טוגנטן און קען זיי ברענגען צו דער העכסטער און ווירקזאַמסטער קראַפט.

לאָמיר פאַרנעמען די וואָרנונג פון לאַ באָעסי — זיין וואָרנונג און זיין רוף!

העניִרי דייוויד טהאָראָ און זיינע פֿרייהייט־אידייען

אין יולי 1945, איז אין גרויסן אַמעריקאַנישן נאַטור־געשיכטלעכן מוזיי אין ניו־יאָרק פאָרגעקומען אַ טהאָראָ־אויסשטעלונג, אין פאַרבינדונג מיטן הונדערט־יאָריקן יובּיליי פון „וואָלדען”. דערמיט האָט מען געמיינט נישט דאָס וועלט־באַרימטע בוך פון העניִרי דייוויד טהאָראָ אונטער אָט־דעם נאָמען, נאָר טאַקע דעם מערקווירדיקן פּיאָנערן־אויפטו זיינעם — דאָס באַזעצן זיך פון 28־יאָריקן טהאָראָ אין אַ געדיכטן וואַלד ביים ברעג פון דער אָזיערע וואָלדען, אין שטאַט מאַסאַטשוזעטס. צוויי יאָר האָט דער דענקער און וואָרט־מייסטער פאַרבראַכט דאָרט אין התבודדות און נאַטור־מעדיטאַציע, לעבנדיק אין אַ שטיבל וואָס ער האָט מיט זיינע אייגענע הענט אויפגעבויט.

אין צען גרויסע שוי־קעסטלעך איז געווען אויסגעשטעלט אַ ים מיט אינטערעסאַנטע און פאַרשיידנאַרטיקע מאַטעריאַלן (ביכער, בילדער, סואווע־נירן, בריוו און אויטאָגראַפן א. אַז. וו.) אין שייכות מיט טהאָראָס לעבן און שאַפן בכלל, און בפרט מיטן „וואלדען־קאַפּיטל” אין דער לעבנס־געשיכטע זיינער און אין זיין ליטעראַרישער קאַריערע.

ווי עס פּאַסירט גאַנץ אָפט, האָט מען אין אויסלאַנד פיל פריער אָנער־קענט טהאָראָן פאַר אַ נביא און גייסטיקן וועגווייזער, ווי אין זיין געבורטס־לאַנד גופא. טהאָראָס נאָמען איז גרויס געוואָרן אין ענגלאַנד סוף 19טן י״ה, באַזונדערס אין דער דעמאָלט ניי־געגרינדעטער לייבאָר־פּאַרטיי. דאָס בוך „וואָלדען” איז געוואָרן אַ מין נייע ביבל פון דער אַרבעטער־פּאַרטיי און האָט סטימולירנדיק געווירקט אויף אירע גייסטיקע פירער. די יונגע לייבאָר־פּאַרטיי איז געווען אַ גייסטיק קינד פון בריטישן פּאָעט וויליאַם מאָריס און פון דעם אַמעריקאַנישן פריידענקער, נאַטוראַליסט און טיף־עטישן און פּאָעטישן זשעני: העניִרי דייוויד טהאָראָ. גרויסע, עטיש־עסטעטישע, טיף־מענטשלעכע אמתן, וואָס זיינען שפּעטער אַנטוויקלט געוואָרן אין אַ ריי סאָציאַל־פילאָסאָפישע ווערק פון זשאַן ראַסקין און וויליאַם מאָריס, האָט אין אַ פּאָעטיש־דירעקטער, פּשוטער און לעבעדיק־פרישער פאָרם, מיט יאָרן פאַר זיי, אויסגעדריקט דער יענקישער אַנאַרכיסט־אינדיווידואַליסט, טהאָראָ.

פון יאָר צו יאָר ווערט אַלץ גרעסער דער דערפאָלג פון אומשטערבלעכן ווערק „וואָלדען” און דער נאָמען פון מחבר. דער נאָכפרעג און די צאָל נייע אָפּדרוקן פון אָט־דעם גרויסן בוך „דיכטונג אין פּראָזע„ וואַקסן כסדר. די פירמע „ברענטאַנאָ”, די גרעסטע אַמעריקאַנער בוכהאַנדלונג אין פּאַריז, דערציילט, אַז נאָך דער פאַרטרייבונג פון די נאַציס, סוף זומער 1944, ווען זייער בוך־געשעפט איז געוואָרן געעפנט, איז דאָס ערשטע פאַרקויפטע בוך געווען „וואָלדען”. אַן אַמעריקאַנער מיליטערישער קאָרעספּאָנדענט אין כינע, האָט צווישן די ערשטע אויסגעשריבענע ביכער פון אַמעריקע געפאָדערט

„וואַלדען". קורץ נאָכן אַנקומען פון בוך, האָט אַ כינעזישער פריינד עס געבאַרגט „אויף אַ לאַנגער צייט", כדי צוצוגרייטן אַ כינעזישע איבערזעצונג. אויך אַ יאַפּאַנישע איבערזעצונג איז שוין פאַרטיק געוואָרן, און מחמת דעם אויספעל פון אַ סך יאַפּאַנישע ווערטער פאַר אַ גענויער און פולער איבער־זעצונג, האָט מען ניט ווייניק אויסדרוקן און טערמינען איבערגעלאָזן פשוט אין זייער ענגלישן אָריגינאַל.

דאָס זיינען אַ פּאָר פאַקטן פון דער לעצטער צייט, וואָס באַווייזן טהאָ־ראָס איינפלוס אויף פרעמדע פעלקער און לענדער. מ'האָט אויף דער ניו־יאָרקער טהאָראָ־אויסשטעלונג אין 1945 געזען זיינע ווערק אין טשעכיש, דייטש, פראַנצויזיש און נאָך און נאָך אייראָפּעאישע שפּראַכן. צווישן די פרעמד־שפּראַכיקע אויסגאַבעס האָט זיך געפונען אויך דר. י. א. מעריסאַנס איבערזעצונג אויף יידיש פון טהאָראָס „סיוויל דיזאָבידיענס" (ציווילע אומ־געהאָרכזאַמקייט) וואָס איז דערשינען אין 1907 אין באַקאַנטן ניו־יאָרקער בוך־פאַרלאַג פון מאַקס נ. מייזעל*).

אָט דאָס קורצע אָבער גאָר גרויסע ווערק טהאָראָס איז צוערשט אַרויס־געבראַכט געוואָרן פאַר אַן עולם אַלס אַ מינדלעכע לעקציע, און גלייך נאָך דעם, אין 1849, אָפּגעדרוקט געוואָרן אין דעם ערשטן נומער פון אַ באָס־טאָנער זשורנאַל „עסטעטיק פּעיפּערס". דאָרט האָט עס געטראָגן דעם טיטל: „ווידערשטאַנד צו ציווילער רעגירונג". אין דער נייערער צייט איז דאָס ווערק געוואָרן אַ מין „טעקסטבוך", אַ האַנטבוך, פאַר גאַנדהיס רעוואָלוציע קעגן דער בריטישער הערשאַפט איבער אינדיע. אויך האָבן די גרונט־פּרינציפּן פון טהאָראָס לערע איבער די מענטשלעכע פליכטן פון אומגעהאָרכ־זאַמקייט צום טיראַנישן שטאַט געבראַכט ניט ווייניק צרות אויף די קעפּ פון די נאַציס וואָס האָבן אָקופּירט דעם גרעסטן טייל פון אייראָפּע בעת דער צווייטער וועלט־מלחמה.

פרייהייטלעכע, אַנטי־שטאַטלעכע און פאַרטיפטע געדאַנקען טהאָראָס זיינען צעוואָרפן איבער אַ סך פון זיינע ווערק, אין אַ היפּשער צאָל בענדער, חוץ אָט דער עסיי. מיר וועלן ברענגען איין ביישפּיל: „וואָס מיינט עס, צו זיין געבוירן פריי און נישט לעבן פריי? וואָס איז די ווערדע פון וועלכער ס'זאָל נישט זיין פּאָליטישער פרייהייט, אויב נישט אַ מיטל צו מאָראַלישער (גייסטיקער) פרייהייט? קענען מיר זיך באַרימען מיט דער פרייהייט צו זיין שקלאַפן, אָדער מיט דער פרייהייט צו זיין פריי?"

אָבער אין אַ ביז גאָר קאָנצענטרירטער און העכסט אינספּירירטער פאָרם פון אַ נביאישער פאַרטיידיקונג פון דעם פרייהייט־פּרינציפּ און צוגלייך פון דעם געוויסנס־ און גערעכטיקייט־פּרינציפּ, טרעט אַרויס טהאָראָס פריי־הייטלעכער וועלט־באַנעם בלויז אין זיין שריפט „פליכט פון אומגעהאָרכזאַמ־קייט צום שטאַט" (ווי ס'הייסט די ערשטע יידישע איבערזעצונג). דאָס איז אַ העכסט עלאָקווענטער, מאַיעסטעטיש־פאַרנעמער אָפּיל און אויפריכטיקער רוף, צו דאָס בעסטע און מענטשלעכסטע אין מענטשן, אַ רוף געבויט אויף

*) אין יאָר 1950 איז דערשינען אַ נייע איבערזעצונג פון יוסף קאַהאַן.

אַן אייביק־אמתן יסוד, נעמלעך, אַז דער פּערזענלעכער געוויסן דאַרף שטיין העכער און זיין הייליקער פון אַלע אַנדערע אויטאָריטעטן.

באַגייסטערטע און איבערצייגנדיקע קריטיקער פון שטאַט זיינען אין די לעצטע הונדערט יאָר באַזונדערס די אין דער צווייטער העלפט פון 19טן י״ה געווען גאָר אַ סך. דער קאַמף קעגן שטאַטלעכן קאָנטראָל איז געווען איינער פון די „ערשטע פּרינציפּן״ אויפן געביט פון סאָציאַלער עטיק ביי הערבערט ספּענסער. פּעטער קראָפּאָטקין האָט קלאָר אויפגעדעקט דעם אורשפּרונג און די היסטאָרישע אַנטוויקלונג פון שטאַט. לעוו טאָלסטאָי האָט פאַרשפּרייט געדאַנקען פון אַ מין קריסטלעכן אַנאַרכיזם, באַזירט אויף דער גייסטיקער זעלבסט־גאולה פון יחיד צוזאַמען מיט אַ פּאַסיוון ווידערשטאַנד צום שטאַט. עמערסאָן, דער פריינד און פאַרערער פון ה. ד. טהאָראָ, האָט געשריבן פּרעכטיקע, הגם היפּש צעשוואומענע, צו פאַראַלגעמיינערטע, עסייען וועגן געזעלשאַפטלעכן צוזאַמענלעבן וואָס איז פריי פון אויסערלעכע צוואַנגמיטלען און שטערונגען אויף די וועגן צום פאַרבעסערונג־ציל און אויסלייטערונג. אַנדערע וואָרט־קינסטלער האָבן אויך געוואוסט צו קריטיקירן און טיף־סאַטיריש אויסמוסרן די מענטשהייט פאַר דער געשטאַלטונג פון אַזאַ מאָראַלישער פאַרזעעניש, ווי דער שטאַטלעכער דעספּאָטיזם און צוואַנג.

אָסקאַר וואַילד האָט אויסגעמאָלן אַ גרויסאַרטיק בילד פון אַ לעבנסשטייגער, וואָס זאָל דערמעגלעכט ווערן אין אַ באמת פרייער געזעלשאַפט. דער שאַרפסטער פון די אַלע קריטיקער איז אָבער דער געניאַלער פּיעסןשרייבער הענריק איבסען, וואָס האָט וועגן זיך אַליין געזאָגט, אַז זיין הויפּטפונקציע איז געווען צו זיין דער „שטאַט־סאַטיריקער״, ד. ה. דער ביטערער אָפּלאַכער פון דער שטאַט־אינסטיטוציע. דאָ איז אין פּלאַץ צו ציטירן זיינע אַ מיינונג.

— „דער שטאַט איז די קללה פאַר דעם יחיד. פאַר וועלכן פּרייז ווערט דער כוח פון פּרייסן אַלס אַ שטאַט געקויפט? דער פּרייז איז צוזאַמענשמעלצן דעם יחיד מיט אַ פּאָליטישן אָדער געאָגראַפישן קאָנצעפּט (באַגריף). פון דעם קעלנער לאָזט זיך מאַכן דער בעסטער סאָלדאַט. גיט אָבער אַ קוק אויף דער יידישער נאַציע, דער אַדל־שטאַנד פון דער מענטשלעכער ראַסע, ווי אַזוי האָבן זיי זיך אויפגעהאַלטן — איזאָלירט, פּאָעטישדערהויבן — צום טראָץ פון דער באַרבאַרישער אומגעבונג? — ווייל זיי זיינען נישט געווען באַלאַסטעט דורך אַ שטאַט. אויב די יידישע נאַציע זאָל געווען בלייבן אין פּאַלעסטינע, טאָ וואָלט זי שוין פון לאַנג חרוב געוואָרן אין דעם פּראָצעס פון דער מלוכה־בויאונג, פּונקט ווי ס׳איז געשען מיט אַנדערע נאַציעס.... דער שטאַט האָט זיינע וואָרצלען אין צייט; און ס׳וועלן אויך זיין שפּיץ־פּונקט און ירידה קומען אין גאַנג פון דער צייט. נאָך גרעסערע זאַכן ווי דער שטאַט וועלן אויך פאַלן; רעליגיע אין גאַנצן גענומען

וועט פאַלן. ניט מאָראַל־באַגריפן און ניט קונסט זיינען אייביק. יעדער גלויבן מוז האָבן זיינע גרענעצן. *).

און נאָך טיף־גראָבנדיקער איז געגאַנגען טהאָראָס קריטיק פון שטאַט. דאָס נעמט זיך פון דעם וואָס דער צענטראַל־פונקט פון זיין אַנגריף פאַלט צוזאַמען מיט דעם אינערלעכסטן און פיינסטן, וואָס דער מענטש האָט און טראָגט אין זיך — זיין גייסטיקע חשיבות און זיין געוויסן.

ווי באַקאַנט, האָט די אַמעריקאַנער דעמאָקראַטיע, מיט איר קאָנסטיטוציע פון סוף 18טן י״ה, זייער פיל געשטעלט און געבויט אויפן פאָליטישן באַגריף „מערהייט״, פאַרשטויסנדיק אָן אַ זייט די פיל געזינטערע און שעפערישע באַגריפן, ווי „גערעכטיקייט״ און „געוויסן״. במילא האָט דער פועל־יוצא אין פראַקטישן זין אויך געמוזט זיין אַ קלאָגעדיקער, דהיינו: צוואַנג, עקס־פלואַטאַציע, מלחמות, אימפּעריאַליזם און אַפילו פּשוטע שקלאַפעריי (סיי אַלס לייב־אייגנטום פון די נעגערס, סיי אַלס לוין־שקלאַפעריי אונטערן קאַ־פּיטאַליזם). דאָס האָט זייער טיפזיניק באַמערקט ה. ד. טהאָראָ, גלייך אין אָנהייב פון זיין עסיי, וואו ער שרייבט:

—נאָך אַלעמען, די פּראַקטישע אורזאַך וואָרום די מאַיאָריטעט ווערט דערלויבט, און פאַר אַ לאַנגער צייט געדולדעט, צו הערשן, וואו נאָר די מאַכט ליגט אין די הענט פון פאָלק, איז ניט דערפאַר וואָס די מערהייט איז אַלעמאָל גערעכט! אויך ניט דערפאַר וואָס דאָס זעט אויס דער מערהייט צו זיין ריכטיק, נאָר דערפאַר וואָס זיי — די מערהייט — זיינען פיזיש די שטאַרקערע. אָבער אַ רעגירונג, אין וועלכער די מערהייט הערשט אין אַלע פאַלן, קען ניט זיין באַגרינדעט אויף גערעכטיקייט, אַפילו אויף אַזוי ווייט ווי די מענטשן פאַרשטייען עס. קען דען ניט זיין אַ רעגירונג, אין וועלכער די פראַגע פון רעכט און אומרעכט ווערט באַשלאָסן ניט פון דער מערהייט, נאָר פון געוויסן? — אין וועלכער די מערהייט באַשליסט נאָר יענע פראַגן אין וועלכע די מאָס פון צוגעפּאַסטקייט איז מער אָנווענדבאַר? מוז דער בירגער ווען עס איז, פאַר איין מאָמענט, אָדער אין דער קלענסטער מאָס, זיך אָפּזאָגן פון זיין געוויסן און איבערלאָזן עס צו געזעצגעבער? וואָרום האָט דאָן יעדער מענטש אַ געוויסן? איך דענק, אַז מיר דאַרפן זיין מענטשן צוערשט, דערנאָך בירגער. עס איז ניט אַזוי ווינטשנסווערט אויסצובילדן אַכטונג פאַרן געזעץ, ווי פאַר דעם וואָס איז גערעכט!

אַלזאָ, ניט סתם אַבסטראַקציעס און הוילע, הגם הייליקע, וואונטשן האָט געפּרעדיקט טהאָראָ, נאָר ער האָט אַפילו אָנגעצייכנט אַ מין פּראַקטישן וועג צו זיין גרויסן ענדציל, אַמבעסטן פאָרמולירט פון אים אַליין, גלייך ביי דער דערעפענונג פון זיין עסיי, און דאָס איז די ציטאַט פון טאָמאַס דזשעפּערסאָן: „יענע רעגירונג איז די בעסטע, וועלכע רעגירט אַמווייניקסטן!״

---

*) ציטירט פון אַ ווערק:

BROWNE, W. R.: *Man or the State?* A group of Essays by Famous Writers. New York, 1919 (Huebsch).

אַנטקעגן אַט־דעם פונקט זאָגט טהאָראָ אין אַ פּאַראַגראַף, פאַר דעם נאָר־וואָס ציטירטן:

. . . צו ריידן פּראַקטיש און אַלס בירגער, ניט ענלעך אויף יענע וועלכע באַצייכענען זיך אַלס אומרעגירונגס־מענטשן, פאָדער איך ניט באַלד קיין רעגירונג, נאָר באַלד אַ בעסערע רעגירונג. זאָל יעדער מענטש באַקאַנט מאַכן וואָס פאַר אַ סאָרט רעגירונג עס וועט אַרויסרופן זיין אַכטונג, און דאָס וועט זיין איין טריט צו דערגרייכן עס.

אויף אַזאַ וועג, האָט געהאָפט טהאָראָ, וועט אפשר מקוים ווערן דער אויספיר, וועלכן ער האָט געמאַכט פון דעם נאָר־וואָס דערמאָנטן זאָג דזשעפערסאָנס, און אַלע מענטשן וועלן דאַן קענען קומען צום שלוס, אַז יענע רעגירונג איז די סאַמע בעסטע, וועלכע רעגירט אינגאַנצן ניט.

אין יעדן פאַל איז דער באַרג־אַרויף וועג צו אַזאַ ענדציל אַ לאַנגער און אַ שווערער, אַ געדרייטער און שמאָלער. פרעגט זיך: וואָס איז און וואָס קען זיין דערביי דער פירער, דער קאָמפּאַס און וועגווייזער, לויט טהאָראָס מיינונג? און דאָ, צום סוף פון זיין עסיי, גלייך ווי אין אָנהייב, איז עס ווידער דאָס, וואָס איז דאָס שענסטע און בעסטע, אייביקע אין מענטשן, אין יחיד: דער געוויסן, שרייבט טהאָראָ:

דער פּראָגרעס פון אַן אַבסאָלוטער צו אַ באַשרענקטער מאָנאַרכיע, פון אַ באַשרענקטער מאָנאַרכיע צו אַ דעמאָקראַטיע, איז דער פּראָגרעס אין דער ריכטונג פון ריינער אַכטונג פאַר דעם איינצלנעם (יחיד) . . . איז אַ דעמאָקראַטיע, אַזוי ווי מיר קענען זי, די לעצטע מעגלעכע אויסבעסערונג אין רעגירונג? איז עס ניט מעגלעך צו גיין נאָך אַ טריט ווייטער אין דער ריכטונג פון אָנערקענען און אָרגאַניזירן די רעכט פון דעם מענטשן? עס וועט קיינמאָל ניט זיין קיין אמת פרייער און אויפגעקלערטער שטאַט ביז דער שטאַט וועט קומען צו דער איינזיכט צו אָנערקענען די רעכט פון דעם איינצלנעם אַלס די העכערע און מער אומאָפּהענגיקע מאַכט, פון וועלכער דעם שטאַטס גאַנצע מאַכט און אויטאָריטעט שטאַמען אָפּ, און באַהאַנדלען אים אַלס אַזעלכן.

צום שלוס בלייבט די פראַגע: ווי אַזוי האַרמאָנירן טהאָראָס פרייהייט־אידייען מיט אונדזער היינטיקער שטורעמדיקער צייט? מיר באַמערקן באַלד, אַז טהאָראָ האָט אַ דינאַמישן קוק אויף דעם פונדאַמענטאַלן פּאָליטישן באַגריף „דעמאָקראַטיע", אָדער אויפן באַגריף „פרייהייט". ער האָט ניט געקענט פאָראויסזען די ווייטערדיקע אַנטוויקלונג פון דער טעכנישער ציוויליזאַציע, אָדער פון דעם פּאָליטיש־געזעלשאַפטלעכן באַוואוסטזיין אין די ווייטע פרימיטיווע, נאָך אָפּגעשטאַנענע (אין זיין צייט) פעלקער פון אַזיע, מזרח־אייראָפּע, לאַטיין־אַמעריקע א. אַז. וו. אויך דעם וואונדערלעכן גאַנג פון דעם טעכנאָלאָגישן פאָרשריט, האָט ער מסתמא ניט ווי געהעריק פאָראויסגעזען אָדער אַפילו דערוואַרט. ס'איז אַ פראַגע צי ער, מיט זיין גאַנצער שנאה צום פלאַכן מאַטעריאַליזם און מעכאַניזירטער פּראָדוקציע, — וואָלט גאָר געווען אַן אויסגעשפּראָכענער קעגנער פון דער מאַקסימאַלער טעכניש־

פראַקטישער אויסנוצונג פון די נאַטור־כוחות און קראַפט־ענערגיעס. סוף־כל־סוף קען דער אידעאַל זיינער פון „זעקס טאָג רו און איין טאָג אַרבעט" מקוים ווערן, פאַר די ברייטסטע מאַסן פון פאָלק, ניט אַנדערש ווי אַ דאַנק דער מאָדערנער ענערגיע־אויסנוצונג פון דאַמף, גאַזאָלין, עלעקטרי און אַטאָם. מיר ריידן שוין נישט וועגן דעם, אַז דער צווייטער אידעאַל פון טהאָרא: התבודדות, אַליין־איזאָלירונג און זעלבסט־קאָנצענטראַציע קענען אפשר, פאַר די מערסטע מענטשן, געמאַכט ווערן אַנגענעמער דווקא דורך אַזוינע וויסנ־שאַפטלעכע וואונדער, ווי ראַדיאָ און ווידעאָ (טעלעוויזיע), — אויף אַזוי ווייט אויף וויפל זיי וועלן ניט זיין קיין שטער און אונטערברעכונג פאַר מעדיטאַציע, קאָנצענטראַציע אין דעם אייגענעם גייסט.

אָבער דער גאַנג פון אמתן סאָציאַלן פאָרשריט, ווי טהאָרא האָט אים געזען, קען גאָרניט געמאַלט זיין אָן אַ פרייהייט־רעוואָלוציע ניט אין די אָרו־מיקע באַדינגונגען בלויז, נאָר טאַקע אין מענטשלעכן גייסט. דאָ מוזן מיר זיך ווידער אומקערן צום גרויסן זעער און נביא פון פרייהייטלעכן, אַנטי־שטאַטלעכן אידעאַל — הענריק איבסען. ער האָט, אין 1870, אַכט יאָר נאָך טהאָראָס טויט, ווען ס'איז געפאַלן נאַפּאָלעאָן דעם 3טנס פראַנקרייך, געשריבן:

„די גרויסע פּאַסירונגען פון אונדזער צייט פאַרנעמען מיינע גע־דאַנקען איצט. דאָס אַלטע, אילוזאָרישע פראַנקרייך איז צוזאַמענגעבראָכן, און אַזוי שנעל ווי דאָס נייע, ממשותדיקע פרייסן וועט אויך אַזוי פאַלן, וועלן מיר מיט איין שפרונג אַריינפאַלן אין אַ נייער תקופה. אַך, ווי ס'וועלן דעמאָלט אַרום אונדז, מיט אַ קראַך, צוזאַמענברעכן אַלטע אידייען! און ס'איז שוין פון לאַנג צייט, אַז דאָס זאָל געשען. ביז איצט האָבן מיר געלעבט בלויז אויף די ברעקלעך פון דעם רעוואָלוציאָנערן טיש פון פּאַריקן י״ה, אַ שפייז וואָס איר גאַנצע נאַרהאַפטיקייט איז שוין פון לאַנג אויסגעקייעט געוואָרן. אין די אַלטע טערמינען מוז מען אַריינגעבן אַ נייעם אינהאַלט. פרייהייט, גלייכהייט און ברידערלעכקייט זיינען געווען גאַנגבאַר אין די טעג פון דער אומזעליקער גיליאָטינע. און דאָס איז אַ זאַך, וואָס די פּאָליטיקאַנטן קענען ניט פאַרשטיין; דערום האַס איך זיי. זיי ווילן נאָר האָבן זייערע ספעציעלע רעוואָלוציעס — רעוואָלוציעס אין אויסערלעכע זאַכן, אין פּאָליטיק א. ד. גל. אָבער דאָס אַלץ זיינען נישט מער ווי קליינ־קייטן; וויכטיק איז די רעוואָלוציע פונעם מענטשלעכן גייסט".

אַוועק זיינען צענדליקער יאָרן נאָך דעם, ווי איבסען האָט אָנגעשריבן די ווערטער, און געפאַלן איז נישט בלויז פרייסן און די דייטשע אימפעריע, נאָר אויך די צאַרן־אימפעריע און אויך די גרויסע בריטישע אימפעריע האַלט נאָענט צו דער גסיסה. אָבער די ניי־אויפגעקומענע טיראַניי אין רוסלאַנד, די אונטער־דריקונג פון דעם יחיד, די דערנידערונג פון דער מענטשלעכער חשיבות און פון מענטשלעכן געוויסן דאָרט — דאָס אַלץ דינט ווירקלעך ווי אַ נעגאַטיווער באַוויז פאַר דעם, ווי נייטיק עס איז די באַפרייאונג פון מענטשלעכן געוויסן, און דאָס אויפלייזן פון יאָך פון שטאַט, פאַר דעם גליק און וואוילזיין פון דעם יחיד און פון

דעם כלל. אויך ווערט איצט באַשטעטיקט, דורכן לעבן גופא, ווי ריכטיק עס איז געווען טהאָראָס מורא פאַרן אַפּעטיט פון אַמעריקאַנער געלט־מאַגנאַטן, וואָס זוכן וואָס ווייטער און ברייטער איינצופּעסטיקן אין דער וועלט אַרום אונדז די מאַכט פון געלט־זאַק.

עס ווערט דורך די אַלע לערעס און דערפאַרונגען פאַרטיפט דער בליק אונדזערער אויף דער פּראָבלעם רעוואָלוציע בכלל, און סאָציאַלער רעוואָלוציע בפרט. מיר ווייסן שוין אַז נוצלאָז איז די אויסערלעכע פּאָליטישע רעוואָלוציע, אויב זי באַרירט ניט דעם מענטשנס גייסט, זיין געוויסן, פון אינעווייניק: אויב זי באַשאַפט נישט קיין נייע, רעגענערירטע סביבה, אַ סאָציאַל־עטישע אַטמאָספער, אַ געזונט־שאַפנדיקע. אויף דעם האָבן געהאַפט, וועגן דעם האָבן געטרוימט, און צו דעם האָבן געשטרעבט טהאָראָ און איבסען, און אַ סך אַנדערע געניאַלע ווייט־זעעוודיקע גייסטער און וועגווייזער.

דער טיפער קולטור־קריזיס פון דער מענטשהייט אין איצטיקן דור האָט אַרויסגעבראַכט אין דער ווירקלעכקייט, בפועל ממש, די טרויעריקע רעזולטאַטן פון אַלע יענע אומשטאַנדן, קעגן וועלכע עס האָבן געוואָרנט אַט־די אויפריכטיקע דענקער און לערער. צום אומגליק איז זייער קול נאָך אַלץ נישט דערהערט געוואָרן.

(געדרוקט ווי אַ פאָרוואָרט צו יוסף קאַגאַנס איבערזעצונג פון טהאָראָס עסיי)..

סען־סימאָן און זיין צייט

1. דער [illegible] פון אינדוסטריאַליזם

די יאָרן צווישן 1920 און 1925 קענען דינען פאַר אַ וויכטיקן גרעניץ־פונקט אין דער געשיכטע פון דעם מאָדערנעם סאָציאַליזם. מיט זיי הויבט זיך אָן דער צווייטער יאָרהונדערט זינט עס זיינען צוערשט אויסגעדריקט געוואָרן די גרונט־געדאַנקען, אויף וועלכע עס בויט זיך די מאָדערנע אַרבעטער־באַוועגונג.

די ערשטע 20 יאָר פון 19־טן י. ה. זיינען אַוועק אויף דער שטילער צוגרייטונגס אַרבעט צו באַשאַפן אַ טעאָרעטישע פּראָגראַם פון סאָציאַליזם. געלערטע און דענקער האָבן אין די שטודיר־צימערן פּאַרטגעזעצט די אַרבעט פון דער פראַנצויזישער רעוואָלוציע, אין וועלכער עס איז צום ערשטן מאָל אין דער נייעסטער צייט אַרויסגעשטעלט געוואָרן די פאָדערונג פון אַ פּראַקטישער, דאָס מיינט: עקאָנאָמישער גלייכהייט. די דאָזיקע לאָזונג האָט דעמאָלט פאָרמולירט אַ געוואַגטער קרייז פון עקסטרעמע רעוואָלוציאָנערן, דער „פאַר־באַנד פון די גלייכע", אַנגעפירט פון גראַקך באַבעף. פינף רעוואָלוציאָנערן פון דעם קליינעם קרייז האָבן באַצאָלט מיטן לעבן פאַר די ראַדיקאַלע צילן, צו וועלכע עס האָט געשטרעבט זייער „פאַרשווערונג". מיט דעם האָט מען אָבער ניט אָפּגעשטעלט די באַוועגונג, וואָס האָט באַאיינפלוסט דעם גאַנצן גאַנג פון דער שפּעטערדיקער אייראָפּעאישער געשיכטע.

אין יענע יאָרן, אין ערשטן פערטל פון 19־טן י. ה. האָבן הויפּטזעכלעך צוויי דענקער צוגעגרייט דעם טעאָרעטישן פונדאַמענט פון דעם סאָציאַליזם — איינער אין פראַנקרייך, הענרי סען־סימאָן, און דער צווייטער אין ענגלאַנד, וויליאַם טהאָמפּסאָן, דער „פאָטער פון דעם ענגלישן סאָציאַליזם".

טהאָמפּסאָן האָט ניט נאָר קלאָר פאָרמולירט די פאָדערונגען פון אַרבעטער־קלאַס אין שייכות צום פולן אַרבעטס־פּראָדוקט און וועגן דער אָפּשאַפונג פון פּריוואַט־אייגענטום, נאָר האָט אויך מיט לייב און זעל זיך אָפּגעגעבן דער אידייע פון די קאָאָפּעראַטיווע קאָלאָניעס אין גייסט פון ראָבערט אָוען, דעם אוטאָפּיסטישן קאָמוניסט און פילאַנטראָפּ. טהאָמפּסאָן איז געווען אַ רייכער גרונט־באַזיצער פון אירלאַנד און האָט געבראַכט אויך גרויסע מאַטעריעלע אָפּפער פאַר דער באַוועגונג. אין 1824 איז דערשינען דאָס וויכטיקסטע פון זיינע ווערק, וואָס האָט שוין אין דעם לענגערן נאָמען פון בוך קורץ פאָרמולירט אַ גאַנצע קאָאָפּעראַטיוו־סאָציאַליסטישע טעאָריע. דאָס ווערק האָט שטאַרק באַאיינפלוסט די קרייזן פון די באַוואוסטזיניקע ענגלישע אַרבעטער אין די שטורעמדיקע צייטן פון דער טשאַרטיסטען־באַוועגונג אין די 30ער און 40ער יאָרן פון לעצטן י. ה.

נאָך אַ פיל ברייטערן און טיפערן איינפלוס האָט אָבער געהאַט דער פראַנ־צויזישער טעאָרעטיקער פון דער נייער געזעלשאַפטלעכער אָרדנונג, סען־סימאָן. מיט אים, מיט זיין ווירקונג, און מיט זיינע תלמידים וועלן מיר זיך דאָ פאַרנעמען. זיין הויפּט־ווערק „די אינדוסטריעלע סיסטעם״, איז אַרויס אין 1821 און אין די פיר יאָר צווישן דער דערשיינונג פון דעם בוך און סען־סימאָנס טויט (19טן מאַי, 1825) האָט זיך געשאַפן אַ גאַנצער קרייז פון סען־סימאָניאַנער, זיינע איבערגעגעבענע נאָכפאָלגער און אַגיטאַטאָרן פאַר דער נייער סיסטעם. אין די איניקע יאָר האָט סען־סימאָן אויך אָנגעשריבן נאָך פיל באַדייטנדע אַרבעטן אויף דעם סאָציאַל־פילאָזאָפישן געביט, וועלכע האָבן באַאיינפלוסט דעם גאַנצן גייסטיקן לעבן אין אייראָפּע במשך פון עטלעכע צענדליק יאָר.

זיין פּערזענלעכקייט געהערט אַלזאָ צו די באַדייטענדסטע געשטאַלטן אין 19טן י. ה. און איצט, אַזוי פיל יאָר נאָך זיין טויט, ווערן ערשט קלאָר איניקע פון זיינע גרונט־געדאַנקען, וועלכע האָבן וויט איבערגעיאָגט זיין אייגענע צייט. שפּעטער זיינען זיינע געדאַנקען אַריינגענומען געוואָרן אין דער אַלגעמיין־אָנערקענטער סיסטעם פון די סאָציאַלע וויסנשאַפטן, ווי מיר קענען זיי היינט צו טאָג. ווען מען שטעלט זיך אָפּ לענגער אויף סען־סימאָנס איינפלוס איבער דער געדאַנקען־וועלט פון די דריי דורות, וועלכע זיינען געקומען נאָך אים, ווייזט זיך אַרויס, אַז אויך אפילו די ברענענדיקע פּראָבלעמען פון אונדזער אייגענער צייט קענען ערשט אויפגעפּאַסט ווערן דאַן, ווען מען שטעלט זיי אין ליכט פון סען־סימאָנס געדאַנקען־סיסטעם.

זיין לעבנס געשיכטע איז ניט ווייניקער אָריגינעל ווי זיין גרויסע גייסטיקע שאַפונג. ער איז געבאָרן געוואָרן (1760) אין אַ פאַמיליע פון גרעסטן אַדעל און געירשנט אַ גראַפן־טיטל און אַ גרויס רייכטום. ד׳אַלאַמבער, איינער פון די גרעסטע פראַנצויזישע דענקער פון יענער צייט, איז געווען זיין לערער. שוין פון קינדוויז אָן האָט ער געהאַט אַ שטרעבונג צו גרויסע טאַטן און אַן אומגעהייערן גלויבן אין זיך. ער האָט יונג דערשפּירט אין זיך דעם באַרוף צו דינען דער מענטשהייט. ער איז געוואָרן אַן אָפיציר און איז אַוועקגעשוואוו־מען קיין אַמעריקע אָנטייל צו נעמען אין דעם אומאָפּהענגיקייטס־קריג.

ער האָט זיך צוריקגעקערט קיין אייראָפּע צו אַרבעטן אַלס דיפּלאָמאַט אין האָלאַנד און איז דורך דער גרויסער רעוואָלוציע פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַן אָרעמאַן, ווייל אַלע פאַמיליען־גיטער פון דעם אַדעל האָט דער שטאַט קאָנ־פיסקירט. שפּעטער האָט ער זיך אַריינגעלאָזן אין ריעל־עסטייט ספּעקולאַציעס מיט שטאַטס־גיטער און דערביי געמאַכט אַ סך געלט. צוליב זיין ברייטן לעבן האָט ער שנעל פאַרלאָרן זיין פאַרמעגן, זיך אָנגעמאַכט חובות און איז אַריינ־געפאַלן אין טורמע. אין 1805 איז ער אַרויס פון תפיסה—אַ בעטלער, אַן אביון, אַן אָפּגעשטויסענער און פון אַלעמען פאַרגעסענער, אַ „דעקלאַסירטער בורזשוא״.

אַלס אַ מאַן אין די 40ער, אָרעם און פאַרצווייפלט, הויבט ער אָן די צווייטע העלפט פון זיין לעבנס־געשיכטע, וועלכע האָט אים געמאַכט באַרימט אָבער ניטפאַרמעגלעך. ער האָט פאַרדינט זיין אָרעמען שטיקל ברויט אַלס איבער־

שרייבער אין אַ רעגירונגס־אַמט, לעבנדיק אין גרויס דחקות. ער האָט זיך אָבער אַרויפגעוואָרפן אויפן גייסטיקן ברויט מיט אַזאַ גרויסן ברען, אַז דאָס אַליין האָט אים געמאַכט פאַרגעסן דעם קערפּערלעכן הונגער.

זיין לעבנס־ציל איז פון דאַן אָן געוואָרן: באַשאַפן אַ נייע וויסנ־שאַפט, אַ סאָרט סינטעז פון אַלע עקזיסטירנדע וויסנשאַפטן. אַ וויסנשאַפט־לעך־געשולטער קאָפּ צוזאַמען מיט אַן אינערלעך שטאַרקן דראַנג נאָך סאָציאַלער גערעכטיקייט און מיט — אַן איינגעבאַקענער געוואַלדיקער פלייס — דאָס איז געווען אַ זעלטענע קאָמבינאַציע פון גייסטיקע פעיִקייטן, פון וועלכער עס האָט געמוזט אַרויסקומען אַ געניאַלער אינטעלעקט און אַ זעלטענע פּרוכטבאַרקייט.

יאָרן האָט סען־סימאָן געלעבט אין נויט, ווייל זיינע לעצטע גראָשן פלעגט ער אויסגעבן אויף איבערשרייבן זיינע ווערק און צושטעלן עס צו די געלערנטע געזעלשאַפטן, וואו מען האָט פון זיי גאָר ווייניק געהאַלטן...

אַ לאַנגע צייט האָט ער אָפּגעוואוינט ביי זיין אַמאָליקן דינער, וועלכער האָט זיך אַרויפגעאַרבעט און פון רחמנות אַריינגענומען דעם גראַף צו זיך אין שטוב. נאָך דעם טויט פון זיין בעל־טובה, איז סען־סימאָן געבליבן אין אַ פאַרצווייפלטער לאַגע און געמאַכט אַ פאַרזוך צו נעמען זיך דאָס לעבן. דורך אַ גליקלעכן צופאַל האָט ער זיך בלויז אַרויסגענומען אַן אויג, אַריינשיסנדיק אַ קויל אין קאָפּ. דאָס האָט ער אויסגעטייטשט, אַז די השגחה האָט באַשטימט דאָס ער מוז בלייבן לעבן, ווייל זיין מיסיע איז נאָך ניט אויסגעפירט! ערשט אין די לעצטע אייניקע יאָר פון זיין לעבן איז ער אָנערקענט געוואָרן דורך די בעסטע פון דעם איינגערן דור, וועלכע זיינען געוואָרן זיינע באַגייסטערטע תלמידים. זיינע נאָכפאָלגער האָבן אין אים געזען ניט נאָר אַ פאַרערטן לערער, נאָר אַ נביא און וועגווייזער, אַ פירער צו נייע אידעאַלן מיט אַן אַלוועלטלעכן פאַרנעם.

די צייט, אין וועלכער סען־סימאָן האָט געשאַפן זיין לעבנס־ווערק, איז באַקאַנט מיט דעם נאָמען „רעסטאַוריישאָן־עפּאָכע", דאָס מיינט די צייט ווען עס איז אויפגעלעבט געוואָרן דער קירכלעך־פעאָדאַלער אַדל, וועלכן די רע־וואָלוציע האָט צעשמעטערט. נאַפּאָלעאָן דער 1טער האָט צונישט געמאַכט די קאָנסטיטוציאָנעל־דעמאָקראַטישע פּרינציפּן, וועלכע די איבערקערעניש אין סוף 18טן י. ה. האָט אויסגעקעמפט. צוגלייך איז אָבער אויפגעקומען אַ נייער קלאַס פון אינדוסטריעלע אונטערנעמער, וועלכע האָבן אויסגענוצט די נייע וויסנשאַפטלעך־טעכנישע ערפינדונגען צו עקספּלואַטירן די אַרבעטער. דאָס פּריוואַטע רייכטום איז געוואַקסן און די פאָלקס־מאַסן זיינען אַלץ אָרעמער געוואָרן. אַזוי האָט אויסגעזען דאָס סאָציאַלע לעבן אין דעם ערשטן פערטל פון דעם 19טן יאָרהונדערט.

סען־סימאָן האָט קלאָר געזען, אַז ער לעבט אין אַ היסטאָרישער איבער־גאַנגס־צייט, ווען איין עפּאָכע, וועלכע האָט שוין ניט קיין נאַטירלעכע לעבנס־קראַפט, וויל ניט אָפּטרעטן, און די צווייטע, וואָס עפנט אַ נייעם געשיכטלעכן פּעריאָד, איז נאָך שוואַך געבאָרן צו ווערן. שוין אין זיין ערשטן ווערק, וואָס איז אַרויס אין אָנהויב פון 19טן י. ה., דריקט סען־סימאָן אויס אַ געדאַנק,

וואָס איז געוואָרן אַ וועג־ווייזנדיקע אידייע אין דער גאַנצער סאָציאַליסטישער ליטעראַטור. דאָס איז געווען דער געדאַנק וועגן די סאָציאַלע קלאַסן און דעם קלאַסן־פּרינציפּ פון געזעלשאַפטלעכן אויפבוי. זיין בוך פון דער אייראָפּעאי־שער געשיכטע בויט זיך אויף דעם קעגנזאַץ צווישן דעם פעאָדאַליזם און דער אינדוסטריעלער סיסטעם. דער אַדל, דאָס מיינט דער קלאַס פון די גרונט־באַזיצער, איז געווען דער טרעגער פון דער געשיכטע אין דער פריערדיקער עפּאָכע, בעת דער קלאַס פון די אינדוסטריעלע איז איצט דער נייער אַקטיווער עלעמענט אין דער מענטשהייטס־געשיכטע.

די אינדוסטריעלע ציוויליזאַציע, וועלכע בויט זיך אויף דעם פּרינציפּ אַז אַרבעט, פּראָדוקציע איז די הויפּט־פונקציע פון דער געזעלשאַפט, איז אַלזאָ פאַר סען־סימאָנען געווען די פאַרקערפּערונג פון דער נייער סאָציאַל־עקאָנאָ־מישער אָרדנונג, די דאָזיקע אָרדנונג איז אין אייראָפּע געשאַפן געוואָרן דורך צוויי רעוואָלוציעס כמעט אין איין און דערזעלבער צייט: די גרויסע אינדוס־טריעלע רעוואָלוציע אין ענגלאַנד (איינפירונג פון מאַשינען) און די בלוטיקע פּאָליטישע רעוואָלוציע אין פראַנקרייך.

מיט אַן אומגעהייערן פלאַם האָט סען־סימאָן יאָרנלאַנג געפאָרשט די געשיכטע און עקאָנאָמיק פוןביידע לענדער און האָט זיך געשאַפן אַ געוואַלדיקן סאָציאַלן וויסן. ער האָט כסדר פּראָפּאַגאַנדירט זיינע אידייען פון אַ נייער געזעלשאַפט, וואָס זאָל זיך בויען אויף אינדוסטריע און וויסנשאַפט, און באַשאַפן וואוילזיין פאַר אַלע בירגער פון לאַנד. דערצו האָט ער פאַר דער פאַרשפּריי־טונג פון זיינע אידייען זיך באַנוצט מיט זיין אייגענעם זשורנאַל „אָרגאַניזאַטאָר“. אין 1819 האָט דער דאָזיקער זשורנאַל געבראַכט אַ משל, וואָס איז שפּעטער געוואָרן אַ קלאַסישער ביישפּיל פון זיינע אַנשויאונגען און איז באַקאַנט ביז היינט צו טאָג אַלס „סען־סימאָנס משל“. זיין אינהאַלט איז, אין קורצן, אַזוי:

לאָמיר זיך פאָרשטעלן, אַז פראַנקרייך פאַרלירט אין אַ שיינעם טאָג אַלע אירע פילאָזאָפן, קינסטלער, אַגריקולטוריסטן, פאַבריקאַנטן, סוחרים. דורך אַזאַ פאַרלוסט וואָלט, לויט סען־סימאָנס מיינונג, פראַנקרייך זיך פאַרוואַנדלט אין אַ טויטן קערפּער. אַלע אַנדערע פעלקער וואָלטן שנעל אַריבערגעיאָגט פראַנקרייך, ביז עס וואָלטן ניט אויסגעוואַקסן, צוזאַמען מיט אַ גאַנץ נייעם דור, אויך די נויטיקע טאַלאַנטן אין דער וויסנשאַפט, קונסט און אינדוסטריע.

ווי אָבער, זאָגט סען־סימאָן, אַז די קעניגלעכע פאַמיליע, די העכסטע באַאַמטע און גייסטלעכע און צען טויזנט פון די רייכסטע בירגער וואָלטן פלוצלונג געשטאָרבן. דערפון, גלויבט ער, וואָלט פאַר פראַנקרייך קיין שום שעדלעכער רעזולטאַט ניט אַרויסגעקומען. עס וואָלטן זיך נעמלעך געפונען איבערגענוג מענטשן אויסצופילן די פרייע פלעצער פון די, וועלכע האָבן פריער פאַרנומען די הויכע ערטער.

פאַר דעם משל איז ער צוגעצויגן געוואָרן צום געריכט אַלס אַ פּאָליטישער „פאַרברעכער“ און האָט מיט דעם גופא זיך פאַרשאַפט אַ גרויסע רעפּוטאַציע. אַזעלכע געדאַנקען געפינט מען ביי סען־סימאָנען אין אַלערליי וואַריאַנטן. ווי

מען קען באַמערקן, האָט ער אפילו די באַנקירן און סוחרים, שוין ניט רייר ווען די פאַבריקאַנטן, אַלס אַ פּראָדוקטיוו עלעמענט, צוזאַמען מיט קינסטלער, פילאָזאָפן און וויסנשאַפטס-מענער. ער האָט, אַלזאָ, נאָך ניט געמאַכט קיין שאַרפן אָפּשיידס-שטריך צווישן דעם קלאַס פון די האַנט-אַרבעטער און די קאַפּיטאַליסטן, ווי עס איז אָנגענומען געוואָרן אין דער גאַנצער סאָציאַליסטי־שער ליטעראַטור. דאָס ווערט אָפט געבראַכט אַלס אַ באַווייז, אַז ער איז בכלל גאָר קיין סאָציאַליסט ניט געווען. עס קען באמת שיינען פון ערשטן קוק, ווי סען-סימאָן וואָלט גאָר געווען דער פאָטער פון דעם פראַנצויזישן „ראַדיקאַל־סאָציאַליזם", דאָס מיינט פון דער ליבעראַלער און דעמאָקראַטיש-בורזשואַזער ריכטונג אין פראַנצויזישער פּאָליטיק. דאָס וואָלט אָבער געווען אַ גאַנץ פאַלשער אויספיר, ווייל סען-סימאָן האָט אויפגעפאַסט זיין סיסטעם פיל ברייי־טער ווי אַן איינפאַכע פּאַרטיי-פּאָליטישע פּראָגראַם. די פעלערן, וועלכע ער האָט געמאַכט, זיינען קלענער ווי די מעלות, וואָס עס האָט זיין ברייטער סאָ־ציאַל-עקאָנאָמישער בליק. ער האָט אפשר זאַכן צופיל פאַראַלגעמיינערט און אַזעלכע פאַראַלגעמיינערונגען מוזן אומפאַרמיידלעך באַגלייט ווערן פון קליינע פעלערן, וועלכע האָבן אָבער ניט קיין גרויסע באַדייטונג. ווייטער, מוז מען ניט פאַרגעסן, אַז אין פראַנקרייך איז נאָך אין יענער צייט ניט געווען אַזאַ שאַר־פער קעגנזאַץ צווישן דעם לוין אַרבעטער-קלאַס און די אונטערנעמער, ווי עס איז געווען דער פאַל אין ענגלאַנד.

סען-סימאָנס הויפּט-ציל איז געווען דער נייער סאָציאַלער פּרינציפּ, וועלכער זאָל קענען צוזאַמענבינדן די געזעלשאַפט אין איין אַלגעמיינעם גאַנצן אָרגאַניזם. ער האָט געוואָלט אויסבויען אַ בריק איבער דעם תהום צווישן אָרעם און רייך, לעבן און וויסנשאַפט, פּאָליטיק און מאָראַל, און האָט געזוכט איין אַלגעמיינע לעבנס-אָנשויאונג, וועלכע זאָל אויף איין מאָל געבן אַ לייזונג צו די אַלע סאָציאַלע פּראָבלעמען. דערביי האָט די לעבנס-אָנשויאונג געזאָלט שטיין אין פולסטן איינקלאַנג מיט אַלע גייסטיקע דערגרייכונגען פון דער מענטשהייט אין 18טן און 19טן יאָרהונדערט. די אינדוסטריעלע סיסטעם האָט געזאָלט זיין די גייסטע און בעסטע געזעלשאַפטלעכע אָרדנונג, געבויט אויף קלאָרע וויסנשאַפטלעכע פּרינציפּן אין גייסט פון סאָציאַלער גערעכטיקייט. זיין לאָזונג איז דערביי געווען: יעדערן נאָך זיינע פייאיקייטן, יעדער פייאיקייט נאָך איר אַרבעט. ער האָט, אַלזאָ, ניט געוואָלט פאַרזען די אינדיווידועלע אייגנ־שאַפטן פון די מענטשן אין דער נייער געזעלשאַפט און האָט ניט געשטרעבט צו אַ מעכאַנישער גלייכהייט מיט איר כאַראַקטעריסטישער צענטראַליזאַציע.

דער אינדוסטריאַליזם אַלס אַ פאַרווירקלעכונג פון דעם מענטשלעכן און סאָציאַלן פאָרטשריט אויף אַזאַ אופן אַז די גאַנצע געזעלשאַפט, און ניט נאָר אַ הייפל פּריווילעגירטע, זאָל האָבן נוצן — דאָס איז געווען סען-סימאָנס אידעאַל, פאַר וועלכן ער האָט אייפעריק געאַרבעט ווי מען דינט צו אַ רעליגיעזן קולט. ער איז דעריבער געווען ניט נאָר אַ פאַסיווער אָנהענגער פון זיין גלויבן, נאָר אויך אַ פייערדיקער מיסיאָנער, אַ באַגייסטערנדיקער אַפּאָסטאַל, וואָס האָט

פיל געטאָן אָנצושטעקן אַנדערע מיט זיין הייסן גלויבן. זיינע אידייען האָבן אים געבראַכט נאָכפאָלגער, וועלכע האָבן זיין לערע ניט נאָר פאַרשפּרייט צווישן אַנדערע, נאָר האָבן אויך זיינע געדאַנקען גופא באַדייטנדיק פאַרצווייגט און פאַרטיפט.

(אויגוסט 1925)

2. די סען־סימאָניסטן

אין דעם מאָדערנעם פראַנצויזישן סאָציאַליזם באַמערקט זיך אַן אומגעהייערע פאַרשטאַרקונג פון אינטערעס צו די ווערק פון די גרויסע פראַנצויזישע סאָציאַליסטן פון 19טן י. ה., וועלכע מען האָט אפילו אין זייער אייגענער היים, צום באַדויערן, צו פרי פאַרגעסן. צוערשט קומט פּרודאָן, דער גרויסער פראַנצויזישער סאָציאַליסט־אַנאַרכיסט. און גלייך דערביי: סען־סימאָן, מיט וועמען מיר גיבן זיך דאָ אָפּ אין דער געגעבענער עסיי. נייע אויפלאַגעס פון די ווערק פון סען־סימאָנס תלמידים ווערן געמאַכט. מען קוקט אַריין אין זייערע פּירושים און מען קוקט ווידער אַריין אין די אָריגינעלע ווערק פון זייער רבין...

יאָ, סען־סימאָן איז איינער פון דער גאַנץ קליינער צאָל דענקער, וועלכע לאָזן איבער דער וועלט ניט קיין פאַרטיקע טעאָריע אין דער פאָרם פון אַ גרייטער סיסטעם, נאָר — אַ לעבעדיקע לערע, דאָס מיינט אַ קרייז פון באַגייסטערטע שילער, וועלכע פאַרטיפן און אַנטוויקלען זייערע לערערס געדאַנקען. פון דאָזיקן קרייז זיינען שפּעטער אַרויס צענדליקער גרויסע וויסנשאַפטסלייט, שריפטשטעלער, אויך פּאָליטיקער, אונטערנעמער און באַנקירן. צווישן די געלערטע טרעפט מען דעם פילאָזאָף אויגוסט קאָנט, דעם באַגרינדער פון דער סאָציאָלאָגיע און פאָטער פון פּאָזיטיוויזם, אַלס אַ נייע ריכטונג אין דער פילאָזאָפיע. ערשט די נאָכפאָלגער פון סען־סימאָן האָבן זיין לערע געגעבן אַן אויסגעשפּראָכענעם סאָציאַליסטישן כאַראַקטער ווי, למשל, אַנפאַנטען און באַזאַר, מחברים פון ווערק: „די דאָקטרינען פון סען־סימאָן״. די צוויי באַגאַבטע שילער האָבן אין משך פון אייניקע יאָר אַרויסגעגעבן אַ זשורנאַל „פּראָדוקטעיר״, דורך וועלכן מען האָט פאַרטגעזעצט די טעאָרעטישע אַרבעט פון דעם פאַרהערלעכטן לערער און צוגעצויגן צו דער באַוועגונג די בעסטע קרייזן פון דער געבילדעטער יוגנט. (געוועזן טעטיק אין די יאָרן 1760—1825). אַזוי האָט זיך באַשאַפן אַ קולט פון סען־סימאָנס טרייע אָנהענגער. עס האָט זיך ביסלעכוויז אויסגעבילדעט אַ סעקטע, אין וועלכער אנפאַנטען האָט אַריינגעטראָגן אַן עלעמענט פון אָרגיאַסטישער אויסגעלאַסנקייט (פרייע ליבע) און צוליב דעם איז באַזאַר אַרויסגעטראָטן פון דעם קרייז. אין אַ קורצער צייט נאָכדעם, אין יאָר 1832, איז די גרופּע אינגאַנצן פאַנאַנדערגעפאַלן און איר פירער, אנפאַנטען, איז געשטעלט געוואָרן פאַר אַ געריכט אַלס באַשולדיקטער אין מאָראַל־פאַרברעכענס.

אַזוי איז פאַרלאָפן די אויסערלעכע געשיכטע פון דעם דאָזיקן מערקווירדיקן קרייז, וועלכער האָט געלעבט און געווירקט אין משך פון עטלעכע יאָר נאָך דעם טויט פון דעם הויפּט־לערער, סען־סימאָן. די גאַנצע באַוועגונג,

וואָס קען אויבנאויף זיך אויסדוכטן מער ווי אַ מין סענסאַציאָנעלע אַוואַנטיורע, איידער אַ סאָציאַלע שטרעמונג, האָט אָבער דאָך געשפּילט אַ באַדייטענדע ראָלע אין דעם פּראַנצויזישן לעבן פון 19טן י. ה. אין דעם קרייז פון די סען־סימאָניסטן האָבן זיך אויף אַ משונהדיקן אופן אויסגעמישט די נאָבעלסטע אידעאַליסטן זייט ביי זייט מיט ראָמאַנטישע שטימונגס־מענטשן, זייער באַגאַבטע אינטעלעקטועלן מיט צווייפלהאַפטע פּוילענצער־נאַטורן, טיכטיקע געשעפטס־אונטערנעמער צוזאַמען מיט פּיפּיקע אינטריגאַנטן. אַזאַ פאַרבן רייכער עולם איז צוזאַמענגעקומען אינאיינעם הויפּטזעכלעך צוליב דעם, וואָס אין דעם גאַנצן אַרומיקן לעבן האָט צו יענער צייט געהערשט אַ רעאַקציע און אַ גייסטיקער שטילשטאַנד. די באַנייטע קעניגלעכע מאַכט פון דער בורבאָנישער דינאַסטיע האָט אונטערדריקט יעדע אַקטיוויטעט אויף דעם גייסטיקן געביט. די לעבעדיקע יוגנט האָט געזוכט אַן אויסדרוקס־מעגלעכקייט, און אַזוי האָט זיך באַשאַפן אַ קרייז פון אידעאַליסטן, וואָס טייל פון זיי האָבן פאַרענדיקט זייער קאַריערע מיט אומגעלומפּערטע הפקר־שטיק.

אַ נייע עפּאָכע אין פראַנצויזישן לעבן האָט זיך אָנגעהויבן נאָך דער רעוואָלוציע פון יולי 1830. אַ גרויסע „פּראָספּעריטי" האָט אַרומגענומען אַלע קרייזן פון דער געזעלשאַפט און די אַלגעמיינע לאָזונג איז געוואָרן: „לאָמיר מאַכן געלט". דער גרעסטער טייל סען־סימאָניאַנער איז ביסלעכווייז אַריינגעצויגן געוואָרן אין בורזשואַזן געמייזאַכץ. פון זיי זיינען אַרויס גרויסע ספּעקולאַנטן און פּאָליטישענס, באַנקירן און געניאַלע ביזנעס־אונטערנעמער, ווי דער גרינדער פון דער ערשטער אינדוסטריע־באַנק אין אייראָפּע, „קרעדיט מאָביליע", פּערער. די דאָזיקע חברה האָט געוויזן דעם ערשטן ביישפּיל פון דער מאָדערנער „געזעלשאַפטלעכער ביזנעס פירונג" אין דעם סטיל פון די אַמעריקאַנער „קאָרפּאָריישאָן פּראָמאָטערס".

מיט דעם האָט זיך אויסגעלאָזן די סיסטעם פון דעם אינדוסטריעלן געזעלשאַפטלעכן אויפבוי, וועגן וועלכן עס האָט געחלומט סען־סימאָן. טעאָרעטיש איז דער קרייז געווען סאָציאַליסטיש, ווי דאָס האָט אויסגעדריקט די מאַטאָ אויף זייער אָרגאַן „גלאָוב": „דער צוועק פון אַלע געזעלשאַפטלעכע איינריכטונגען דאַרף זיין די מאָראַלישע, אינטעלעקטועלע און פיזישע פאַרבעסערונג פון דעם גרעסטן און דעם אָרימסטן קלאַס פון דער באַפעלקערונג". דאָך האָט עס אָבער ניט געשטערט, אַז מיט עטלעכע אויסנאַמען זיינען די אָנהענגער געוואָרן די הויפּט־בויער פון דער פראַנצויזישער בורזשואַזער רעפּובליק, ווי זי איז אויסגעוואַקסן אין די 70ער יאָרן.

דאָך טאָרן ניט די דאָזיקע טונקעלע זייטן פאַרשטעלן מיט זיך דאָס שיינע און דאָס גוטע, וואָס דער קרייז האָט געהאַט. זיין הויפּט־גייסט איז געווען דער סאָציאַליסט באַזאַר (1791—1832), דער אמתער נאָכפאָלגער פון סען־סימאָן. דאָס איז געווען איינער פון די טיפסטע און קליגסטע סאָציאַליסטישע דענקער פון די לעצטע 100 יאָר. צוליב דעם, וואָס די מאַטעריאַליסטישע געשיכטס־פילאָזאָפיע האָט שפּעטער געוואַלדיק פאַרפלאַכט די גאַנצע סאָציאַליסטישע ליטעראַטור, האָט מען ליידער כמעט ווי אינגאַנצן פאַרגעסן באַזארס לערע. אין אים האָט פיל שטאַרקער ווי ביי די איבעריקע סאָציאַליסטן פון יענער צייט, — מוח,

און האַרץ, שכל און עמאָציע זיך געבונדן צוזאַמענגעגאָסן. און ס'האָט זיך געעפנט אַ קוואַל פון סאָציאַליסטישע אידייען און געפילן. ער איז דאָס געווען דער פאָטער פון דעם קלאַסישן אויסדרוק וועגן „עקספּלואַטאַציע פון איין מענטשן דורך אַ צווייטן". שטאַרק עמאָציאָנעל האָט ער אָבער צוגלייך אויך פאַרמאָגט אַ קלאָרן קאָפּ, פריי פון פאָראורטיילן און אַבסטראַקטע באַגריפן. די פּאָרטראַגן אויף סאָציאַלע טעמעס, וואָס ער האָט אין יאָר 1829 געהאַלטן יעדע וואָך אין דעם קלוב פון זיין קרייז, גייען אַריין אין בוך די „דאָקטרינען פון סען־סימאָן". מען קען אין זיי געפינען זייער טיפזיניקע געדאַנקען וועגן סאָציאַלער עקאָנאָמיק. אין איין לעקציע ווערט באַהאַנדלט די פראַגע פון אייגנטום אויף פּראָדוקציאָנס־מיטלען. די דאָזיקע פאַרפלאָנטערטע פראַגע ווערט אָבער זייער פיין און אייגנאַרטיק אויסגעטייטשט דורך באַזאַרן. ער ווייזט, נעמלעך אָן אויף די צוויי עקסטרעמען — דאָס פולע אייגענטום־רעכט, וואָס גייט אַריבער בירושה, פון איין זייט, און דער שטאָטלעכער צענטראַליזם, פון דער צווייטער זייט, און ער קריטיקירט זיי שאַרף אַלס אומפאָלקאָמענע לייזונגען. אַנטקעגן דעם שטעלט ער אַרויס זיין אייגענע מיינונג, וועלכע באַטראַכט דאָס אייגענטום אַלס אַ פאַרטרויען־אָנגעלעגנהייט, וואָס ווערט איבערגעגעבן צו אַ פּערזאָן אָדער צו אַ גרופּע דורך אַ העכערן אויטאָריטאַטיוון אַמט, אויף אַ צייט לאַנג, לויט באַשטימטע באַדינגונגען, מיטן צוועק צו דינען די אינטערעסן פון דער גאַנצער געזעלשאַפט.

דער אייגנאַרטיקסטער סיסטעמאַטישער דענקער, וועלכן סען־סימאָנס שולע האָט אַרויסגעגעבן, איז אָבער געווען אויגוסט קאָנט (1857—1798), דער ערשטער צו שאַפן אַ סיסטעם פון סאָציאָלאָגיע, דאָס מיינט די וויסנשאַפט פון דער געזעלשאַפט. ער איז געווען סען־סימאָנס אַ פּערזענלעכער שילער און האָט שפּעטער אַמשטאַרקסטן מיטגעהאָלפן אויפצובויען פון דעם לערערס אומסיסטעמאַטישע געדאַנקען אַ גאַנצע טעאָריע. די קאָנטישע געשיכטס־פילאָזאָפיע באַזירט זיך אויף צוויי פּרינציפּן — סאָלידאַריטעט און עוואָלוציע. לויט דעם ערשטן פּרינציפּ, איז דאָס ענדציל פון געזעלשאַפטלעכן לעבן לגמרי ניט דערנקבאַר אָן ליבע און קעגנזייטיקייט, מיט וועלכער עס צייכנט זיך אויס פון שטענדיק דאָס פאַמיליען־לעבן אָדער דאָס לעבן פון אַ שטאַם. דער פּרינציפּ פון סאָציאַלער אַנטוויקלונג, אָדער עוואָלוציע, מיינט דער שטופּענ־ווייזער איבערגאַנג פון דער נידעריקסטער מדרגה פון געזעלשאַפטס־לעבן פון מיליטערישן שטאַט, דורך דעם טעאָקראַטישן (רעליגיעזן) שטאַט צו אַן אינ־דוסטריעלן (וויסנשאַפטלעכן) שטאַט, וועלכער הויבט זיך ערשט אָן אין דער מענטשהייטס־געשיכטע מיט דעם 19טן י. ה. אין יעדער מדרגה איז די פּאָ־ליטישע הערשאַפטס־פאָרם צוגעפּאַסט צו דער גייסטיקער מדרגה, אויף וועלכער עס געפינט זיך דאָס פאָלק. ווען די סאָציאַלע באַדינגונגען בייטן זיך צוליב דער אויפקלערונג פון די פאָלקס־מאַסן אָדער פאָרטשריט אין די וויסנשאַפטן, מוזן זיך גלייך אַנטשפּרעכנדיק אויך ענדערן די שטאַטס־פאָרמען, שטעלן זיך אָבער די פּאָליטישע הערשער אַנטקעגן דעם — דעמאָלט ברעכן אויס רעוואָ־לוציעס. די נייע אָרדנונג, וועלכע די רעוואָלוציע קעמפט אויס, האַרמאָנירט שוין מיט די סאָציאַלע אומשטענדן פון דער צייט.

אָט די דאָזיקע געשיכטס־פילאָזאָפישע טעאָריע איז זייער איינפאַך און

קלאָר, און האָט אַ לאַנגע צייט געהערשט איבער די מוחות פון דער מערהייט פון די אויפגעקלערטע אייראָפּייער. איינפאַכקייט און קלאָרקייט איז אָבער ניט תמיד דער סימן פון אמת, בפרט נאָך ווען עס האַנדלט זיך וועגן אַזעלכע שווערע און פאַרוויקלטע פראַגן ווי די פראַגן פון מענטשלעכן גייסט און דעם סאָציאַלן לעבן. קאָנטס אַנשויאונג איז ניט מער ווי אַ גאַנץ געלונגענע היפּאָטעזע פון דעם אינטעלעקט, וואָס אַרבעט מיט אַבסטראַקטע באַגריפן. דאָס איז אָבער נאָך ניט גענוג אין די אויגן פון די, וועלכע שטעלן דעם אמת איבער אַלע אַנדערע אייגנשאַפטן פון אַ טעאָריע. ווי עס זאָל ניט זיין, האָט אָבער גענומען צענדליקער יאָר אויסצוגעפינען נאָך לאַנגע געשיכטלעכע פאָרשונגען, אַז קאָנטס קולטור־פילאָזאָפיע איז בלויז אַ טעאָריע אַזאַ, און אַז געשיכטס־אַנטוויקלונג פון דער מענטשהייט גייט גאָרניט אויף אַזאַ איינפאַכן און גראָדן וועג, ווי סען־סימאָן און קאָנט האָבן געקלערט.

מערקווירדיג איז אָבער, אַז ניט קיין אַנדערער ווי באַזאַר, דער וויניקער באַרימטער נאָכפאָלגער פון סען־סימאָנען, האָט באַלד אין אָנהויב אָנגעוויזן אויף קאָנטס פעלערן. באַזאַר האָט זיך געהאַלטן ביי זיין אייגענער געשיכטס־פילאָזאָפיע, וואָס איז פיל טיפער און אָריגינעלער פון אויגוסט קאָנטס פילאָזאָפיע. ער זעט אין דעם גאַנג פון דער געשיכטע אַ שטענדיקע אָפּוועקסלונג פון צוויי סאָרטן עפּאָכען — אָרגאַנישע און קריטישע. אין דעם אָרגאַנישן געשיכטע־פעריאָד ווייזט די געזעלשאַפט אַרויס גרויס מוט, די מענטשן פילן זיך צופרידן און צוזאַמענגעבונדן אין אַ שטאַרקער געמיינשאַפט, וואו עס הערשן קעגנזייטיקייט, קאָאָפּעראַציע־בייגונגען און ליבע, די ווינסנשאַפט און קונסט בליען, און די געזעלשאַפט איז גליקלעך. אין די קריטישע פעריאָדן קען מען, דאַקעגן, באַמערקן שאַרפע קעגנזאַצן צווישן יחידים און גרופּן; שנאה און כעס באַהערשן די געמיטער, די קונסט איז אינדיווידועל און באַגייסטערט ניט די מאַסן, און דער אַלגעמיינער צווייפל גראָבט אונטער דעם גליקס־געפיל ביים יחיד און ביים כלל. סיי אין דעם אַלטערטום און סיי אין מיטל־עלטער קען מען אָנטרעפןביידע געשיכטס־עפּאָכן אין אַ מין פעריאָדישן בייט. דאָס קען מען אויך באַמערקן אין דער נייער צייט. דערפון איז אַלזאָ געדרונגען, אַז די געשיכטע באַוועגט זיך אין אַ זיג־זאַג־וועג אָבער ניט אויף איין ליניע באַרג אַרויף אין אַ גראַדן וועג, לויט דעם שטענדיקן פּאָרטשריטס „געזעץ", ווי דאָס האָט אַרויסגעזאָגט אויגוסט קאָנט.

עס קען קיין ספק ניט זיין, אַז די מאָדערנע געשיכטע און אַנדערע סאָציאַלע ווינסנשאַפטן גיבן רעכט באַזאַרן און ניט קאָנטן. עס מוז אָבער געזאָגט ווערן, אַז אויך ביי סען־סימאָנען גופא געפינען מיר די געדאַנקען, וואָס זיינען שפּעטער אַזוי בולט אַרויסגעטראָטן אין די שריפטן פון ביידע זיינע נאָכפאָלגער. אין דעם באַשטייט די גרעסטע אייגנאַרטיקייט פון סען־סימאָנס לערע. ער האָט געהאַט אין זיינע פיל שריפטן אוצרות פון געדאַנקען און אידייען, אַרויסגעזאָגט אָפט אין אַן אומצייטלעכער פאָרם, וואָס האָט ערשט געקראָגן איר „תיקון" אין די ווערק פון זיינע שילער. אַזאַ אוניווערסאַלער אינהאַלט פון דער לערע, וועלכע סען־סימאָן האָט געפּריידיקט, האָט מסתם מיטגעהאָלפן צו באַשאַפן אַרום אים אַן אמתן רעליגיעז־סעקטאַנטישן קולט, וואָס די סאָציאַלע געשיכטע פון די לעצטע 12 יאָר האָט אפשר זיינס גלייכן ניט געהאַט. „משה האָט

צוגעזאָגט דער מענטשהייט די אַלגעמיינע ברידערלעכקייט, קריסטוס האָט זי צוגעגרייט, סען־סימאָן האָט זי פאַרווירקלעכט. ענדלעך ווערט געשאַפן די אמתע אַלוועלטלעכע קירכע, עס הערט אויף דער צעזאַ־יזם און די פרידלעכע געזעלשאַפט וועט פאַרנעמען דעם פּלאַץ פון דער מיליטערישער געזעלשאַפט... עס קומט אָן די „מלכות שמים״ אויף דער ערד. אַלע נבואות ווערן מקוים״. אַזוי האָט געשריבן דער זשורנאַל פון די סען־סימאָניסטן אין יאָר 1830.

פון דער אַנדער זייט איז אָבער, ווי געזאָגט, דוקא פון דעם דאָזיקן קרייז אַרויס דער גייסט פון עקאָנאָמישן פּראַקטיציזם און וויסנשאַפטלעכן רעאַליזם, וועלכער האָט זיין אמתן און פולשטענדיקן אויסדרוק געפונען אין דעם געשיכטלעך־עקאָנאָמישן מאַטעריאַליזם פון מאַרקס און ענגעלס. דער איבערגאַנגס־פּונקט צווישן סען־סימאָנען און מאַרקסן איז געווען דער פילאָזאָף קאָנט, וועמעס לערע איז אויסגעוואַקסן דירעקט פון די קערנדלעך, וועלכע סען־סימאָן האָט פאַרזייט. דער דאָזיקער דענקער איז אַזוי וויכטיק און זיין לערע רופט אַרויס אַזוי פיל אַנדערע סאָציאַלע פּראָבלעמען, וועלכע שטייען אין פאַרבינדונג מיט דעם מאַרקסיזם, אַז מ׳דאַרף טיפער אַריינקוקן אין זיין שאַפונג.

3. רעליגיע און סאָציאַליזם

„דער איינציקער און טיפסטער ווידעראַנאַנד אין דער וועלט־געשיכטע, וועלכער הייבט זיך אַריבער איבער אַלע אַנדערע פּראָבלעמען, בלייבט דער קאָנפליקט צווישן גלויבן און אומגלויבן״, אַזוי האָט אַמאָל געטע פאָרמולירט די ברענענדסטע פּראָבלעם פון דער מאָדערנער קולטור. ווי באַקאַנט, האָבן דעם דאָזיקן געראַנגל, ווי אַ טעמע, אויף אַ געוואַלדיקן גרויסן מאַסשטאַב אויפגענומען די גרעסטע רעאַל־ראָמאַנטיקער פון 19טן י. ה. — דאָסטאָיעווסקי און טאָלסטאָי; וואָס ווייטער זעט מען אָבער ווי דער קעגנזאַץ צווישן גלויבן און אומגלויבן גייט איבער אין אַ קאָנפליקט צווישן רעליגיע און סאָציאַליזם, הגם אין דער וועלט פון די אַבסטראַקטע באַגריפן, פון וואַנען ביידע אידייען קומען אַרויס, איז אפשר קיין פּלאַץ ניטאָ פאַר אַזאַ מין ווידערשפּרוך.

דער פּראָלעטאַרישער סאָציאַליזם שטעלט מיט זיך פאַר די שטרעבונג צו אַ ראַציאָנאַליזירונג פון דערווירטשאַפט. דאָס מיינט: די איינפירונג פון אַזאַ געזעלשאַפטלעכער אָרדנונג, אין וועלכער דער שכל, אָבער ניט דער צופאַל, פאָראורטייל, טראַדיציע און פּריווילעגיע, (וואָס גייט איבער בירושה), זאָל שפּילן די הויפּט־ראָלע אין דעם ווירטשאַפטלעכן לעבן. דער מאָראַלישער אינהאַלט, ווידער, פון דעם סאָציאַליזם בויט זיך אויף די באַגריפן פון יושר, גלייכהייט און ברידערלעכקייט. אויב אַלע מענטשן זאָלן זיין ברידער, דאַרף אויסקומען, אַז זיי זיינען קינדער פון איין פאָטער — גאָט. דער שכל איז אָבער, פון דער אַנדער זייט, ניט שוה בשוה מיטן באַגריף פון אַ גאָטהייט, וועלכן דער מענטש קען בשום אופן אינטעלעקטועל ניט באַגרייפן. אַזוי מוז באַשאַפן ווערן אַ מין אומפאַרמיידלעכער אינעווייניקסטער שטרייט צווישן רעליגיע און סאָציאַליזם.

שוין די ערשטע באַגרינדער פון דעם מאָדערנעם סאָציאַליזם האָבן געמוזט קלאָר שפּירן, אַז די לייזונג פון דער רעליגיעזער פּראָבלעם איז אַ בויטווענ־

דיקייט פאַר דער באַשאַפונג פון דער נייער אָרדנונג. דער ערשטער דאָס צו פאַרשטיין קלאָר איז טאַקע געווען סען־סימאָן, וועלכער האָט מיט זיין געדאַנקען־סיסטעם אַוועקגעלייגט דעם פונדאַמענט פון דעם מאָדערנעם סאָציאַליזם.

סען־סימאָן האָט זיין לעבנס־אַרבעט אָנגעהויבן מיט אַ פלאַמענדיקער קריטיק פון דער פעאָדאַליסטיש־קירכלעכער אָרדנונג, וועלכע האָט אין מיטל־אַלטער געהאַלטן פאַרשקלאַפט די ברייטע פאָלקס מאַסן. זיין אידעאַל איז געווען די נייע געזעלשאַפט, ביי וועלכער די צוויי גרונט־זיילן דאַרפן זיין ניט דער פון אַדל און די גייסטלעכע, נאָר די אינדוסטריע און די וויסנשאַפט. אַרבעט — דאָס איז אין זיינע אויגן געווען דער נייער פרינציפ פון געזעלשאַפטלעכן לעבן, אין וועלכע די ברייטע מאַסן וועלן זיך קענען דערהויבן צו די העכסטע שטאַפּלען פון דער קולטור. נאָך לאַנגע יאָרן פון פלייסיקער פאַרשונג אין דער אייראָפּעאישער געשיכטע און נאָך פיל דענקען איבער סאָציאַלע פראַגן איז ער געקומען, אין אַ געוויסער מאָס, צום זעלביקן פונקט, פון וועלכן ער איז אַרויסגעגאַנגען. זיין לעצט און אומפאַרענדיקט ווערק הייסט „דאָס נייע קריסטענטום". אַזוי האָט זיך סען־סימאָן אויף דאָס ניי צוזאַמענגעשטויסן מיטן קריסטענטום, אָבער שוין ניט אַלס פיינט, נאָר אַלס פריינט, הגם ניט אַלס אָנהענגער פון דעם אָפּיציעלן, אָדער קירכלעכן קריסטענטום.

דאָס „נייע קריסטענטום" נעמט אייגנטלעך איבער פון דעם אַלטן קריסטענטום נאָר דעם נאָמען און די פרינציפּן פון ברידערלעכקייט און ליבע, אָן וועלכע דאָס געזונטע סאָציאַלע לעבן קען, לויט סען־סימאָנס מיינונג, ניט געמאָלט זיין. ער, אַלס ראַציאָנאַליסט, וואַרפט אָבער אָפּ אַלערליי דאָגמען, טראַדיציעס און פאַרהייליקטע וואונדער־פּאַסירונגען. דאָס מוז באַטאָנט ווערן, ווייל סען־סימאָן איז געווען דער גייסטיקער פאָטער אויך פון דעם פילאָזאָפישן פונדאַמענט אויף וועלכן דער מאָדערנער סאָציאַליזם בויט זיך — פון דעם פילאָזאָפישן פּאָזיטיוויזם. זיין גרויסער שילער און נאָכפאָלגער, אויגוסט קאָנט, אונטער וועמעס מאַרקע דער דאָזיקער פּראָדוקט פון סען־סימאָנס קאָפּ איז שפּעטער אַרויף אויף דעם גייסטיקן מאַרק, האָט בלויז סיסטעמאַטיזירט און פּאָפּולאַריזירט די געדאַנקען וועלכע סען־סימאָן האָט שוין פאַר אים אין אַן אומצווייפלהאַפטער פאָרם אויסגעדריקט.

ווי דער נאָמען ווייזט שוין, האַלט דער פּאָזיטיוויזם נאָר פון די אַלע זאַכן, וועלכע זיינען זיכער און קלאָר, דאָס מיינט פון פאַקטן, און ניט פון קיין השערות און גלויבנס־פאַרשטעלונגען. עס איז אַ מין פאַרטזעצונג פון דער נאַטור־וויסנשאַפט, נאָר אויף דעם געביט פון גייסטיקן לעבן. פאַר די פּאָזיטיוויסטן איז די פיזיאָלאָגיע, דאָס מיינט די לערע פון דעם קערפּער־לעבן, פיל וויכטיקער ווי די פסיכאָלאָגיע, ווייל די פסיכאָלאָגישע פאַקטן קען מען ניט שטענדיג ציילן, מעסטן און וועגן, ווי עס איז דער פאַל מיט די אַלע דערשיינונגען, וועלכע די פיזיק אונטערזוכט. דער פּאָזיטיוויזם וויל ניט וויסן, אָדער מאַכט זיך ניט וויסנדיק, אַז עס עקסיסטירט אויך אַן אינערלעכע רעאַליטעט, אַ נשמה־וועלט, וועלכע איז פאַר דעם מענטשן אַזוי ממשותדיק און חשוב ווי די אויסערלעכע וועלט, וועלכע ער באַנעמט מיט זיינע פינף חושים. דער פּאָזיטיוויזם דער־

הויבט די ווינסשאַפט אויף דעם פעדעסטאַל פון דער העכסטער אויטאָריטעט. אַזוי איז געגעבן געוואָרן די פילאָזאָפישע באַגרינדונג פון אַ מין הייליקן קולט פון דער ווינסשאַפט אין די רייען פון כמעט אַלע יונגע אייראָפּיאישע פריי־דענקער און רעוואָלוציאָנערן פון די 40ער און 50ער יאָרן.

סען־סימאָן און קאָנט האָבן אַלזאָ אין די נאַטור־ווינסשאַפטן געזען די סאַמע העכסטע דערגרייכונגען פון דעם מענטשלעכן גייסט, וועלכער האָט אויף אייביק דערגרייכט זיין שפּיץ־פּונקט אין דער געשטאַלט פון דעם ענגלישן פיזיקער ניוטאָן, דעם אַנטדעקער פון די פיזיקאַלישע צוציאונגס־געזעצן. זיי האָבן אָבער מיט דער זעלבער זיכערקייט געהאַלטן, אַז אויך די געזעל־שאַפט איז אונטערגעוואָרפן באַשטימטע ווינסשאַפטלעכע געזעצן. געשיכטע, רעכטס־סיסטעם, עקאָנאָמיק, — מיט איין וואָרט, דאָס גאַנצע פעלד פון סאָציאַלן לעבן קען אויסגעפאָרשט און אונטערזוכט ווערן לויט די מעטאָדן פון די נאַטור־ווינסשאַפטן. נאָך מער, אפילו די צוקונפטיקע אַנטוויקלונג פון דעם געזעל־שאַפטלעכן לעבן וועט מען קענען, אַ דאַנק די גענויע ווינסשאַפטלעכע מעטאָדן, פאָראויסזען, פּונקט ווי עס איז שוין דער פאַל מיט די דערשיינונגען פון דעם נאַטור־לעבן, וועלכן די פיזיק און די כימיע האָבן אַזוי גרינטלעך אויסגעפאָרשט און באַהערשט. אין די דאָזיקע געדאַנקען קען מען שוין קלאָר באַמערקן די גרונטשטריכן פון דעם פּלאַן, לויט וועלכן קאַרל מאַרקס האָט שפּעטער אויפ־געבויט זיין קולטור־פילאָזאָפישן בנין.

אַזאַ מין ניכטערע פילאָזאָפיע האָט, דוכט זיך, גאָר ווייניק געמיינזאַמעס מיט רעליגיע און מיט אירע מעטאַפיזישע אייביקייטס־באַגריפן ווי גאָט, פּלאַנמעסיקייט פון דער וועלט־פירונג, אומשטערבלעכקייט פון דער נשמה און דאָס גלייכן. העכסטנס קען מען פון פּאָזיטיוויזם אַרויסדרינגען אַ מין קולט פון דער מענטשהייט, אַ ריין ראַציאָנאַליסטישע מענטשהייטס־רעליגיע. דאָס האָט אויך ווירקלעך קאָנט געטאָן, שאַפענדיק זיין רעליגיע פון הומאַניטעט, מיט אַן אייגנאַרטיקער סיסטעם פון עטיק. זיין רעליגיע איז אָבער געווען אין גרונט גענומען בלויז אַ גייסטרייכער פּראָדוקט פון אַ שטאַרקן קאָפּ און האָט די ברייטע מאַסן ניט געקענט באַגייסטערן מיט אַ הייליקן עקסטאַז, ווי עס האָבן געטאָן אַלע פריערדיקע רעליגיעס. דערהויבנדיק דאָס מענטשלעכע, דאָס מיינט פאַרגענגלעכע, צו דער מדרגה פון אַן אַבסאָלוט, אַן אייביקייט, האָט זי, ווילנדיק — ניט ווילנדיק, אינגאַנצן אויסגעליידיקט דעם חושימדיקן, ווירקנ־דיקן אינהאַלט פון יעדער רעליגיאָזיטעט. אין גרונט איז דער רעליגיעזער געפיל, די רעליגיאָזיטעט, ניט קיין אַנדער זאַך ווי אַן אומזיכ־באַרע ב. יק צווישן דאָס שטערבלעכע און דאָס אייביקע, וועלכן די מענטשן שאַפן פאַר זיך אין זייער גייסט — בצלמם.. דאָס ניט צו האָבן באַמערקט איז אַ טעות פון אויגוסט קאָנטן אָבער ניט פון סען־סימאָנען. דער לעצטער האָט אָפן צוגעגעבן, אַז אַ ווירקזאַמע רעליגיע איז נויטווענדיק צו קענען דערהאַלטן די סאָציאַלע אָרדענונג, ביז דער צייט ווען ער איז דערגאַנגען צו זיין „נייעם קריסטענטום", האָט ער משמעות געגלויבט, אַז עס זיינען אפילו דערלאָזבאַר צוויי רעליגיעס — איינע אַ ווינסשאַפטלעכע, דער „פיזיסיזם", פאַרן געברויך פון די געבילדעטע, און אַ צווייטע אַ מעטאַפיזישע, „דעאיזם", דאָס מיינט אַ רעליגיע וועלכע אַנערקענט

גאָט, פאַר די פאָלקס־מאַסן, וואָס האָבן ווייניק בילדונג. שפּעטער, ווען ער האָט אָנגעהויבן מער צו האַלטן פון דער אָרגאַניזירטער אַרבעטער־מאַכט, איז מסתּם אויך אָפּגעפאַלן זיין באַגריף פון אַ באַזונדער רעליגיע פאַר די „אומ־ווויסנדע". שליסלעך איז ער געקומען צו דער איבערצייגונג, אַז אָן די געפילן פון ליבע, סאָלידאַריטעט, אמתדיקייט און גוטסקייט קען דאָס סאָציאַלע לעבן ניט באַנייט ווערן. ער האָט זיין לעבן פאַרענדיקט מיט אַ רוף צו די מענטשן, באַזונדערס צו די אָרגאַניזאַטאָרן און אונטערנעמער פון דער אינדוסטריע, זיי זאָלן אויסבעסערן זייער נאַטור, כדי די נייע אינדוסטריעלע, אינטעלעקטועלע, מאָראַלישע און רעליגיעזע וועלט־אָרדנונג זאָל קענען פאַרווירקלעכט ווערן.

פיל טיפער האָבן געקוקט אויף דער פראַגע איניקע פון זיינע שילער, דער פריער דערמאָנטער באַזאַר און אויך בישע, צוויי הייסע סאָציאַליסטן מיט אַ ברייטן האָריזאָנט. באַזאַר האָט אַפּנים קלאָר פאַרשטאַנען, אַז די אויפקלער־רונגס־פילאָזאָפיע פון 18טן י. ה. האָט אַריינגעטראָגן אין דעם מענטשלעכן גייסט, צוזאַמען מיט פרייהייטלעכע געדאַנקען, אויך ניט ווייניק שעדלעכע היפּאָטעזן פון עגאָאיזם און, ווי ער האָט עס אָנגערופן „אַטאָאיסטישע פאַר־אורטיילן" און אַ מין אַנטי־סאָציאַלע סאָפיסטיק (פּלפּול). די אַלע טענדענצן זיינען שעדלעך פאַר דעם אידעאַל פון מענטשלעכן צוזאַמענלעבן אין גייסט פון ברידערלעכקייט און פרידן. „אָבער די וויסנשאַפטלעכע שפּראַך, וועלכע מיר געברויכן איצט, האָט ער געשריבן, איז ניט צוגעפּאַסט צו די רעליגיעזע פאָרמען. דאָך לאָזט זיך איצט די פּראָפעטישע שפּראַך פון רעליגיע ניט הערן, ווייל זי ווערט ניט געגעבן די מענטשן אין אַ צייט, ווען מען וואָלט זי ניט פאַר־שטאַנען. די איינציקע אויפגאַבע פאַר אונדז אָדער — די הויפּט אויפגאַבע איז צוגרייטן די מענטשן צו יענער פאַרשוויגענער פּראָפעטישער שפּראַך, באַ־קעמפנדיק די אַנטי־סאָציאַלע פאַלגן, צו וועלכע די אויפקלערונגס־פילאָזאָפיע האָט געפירט. די מענטשהייט האָט אָבער אַ רעליגיעזע צוקונפט".

קיינער פון די סען־סימאָניסטן האָט ניט גערעדט אַזוי קלאָר און שאַרף וועגן רעליגיעזע פּראָבלעמען ווי באַזאַר. אומדירעקט קען מען אָבער אויך דעם ענגלישן דענקער און פּובליציסט טאָמאַס קאַרלייל (1795—1881) האַלטן פאַר אַ נאָכפאָלגער פון סען־סימאָנס סאָציאַלער רעליגיע. קאַרליילס שטור־מישע אָנפאַלן אויף דעם גראָבן מאַטעריאַליזם און אויף דער אויסגעלאַסנהייט פון די רייכע אין ענגלאַנד, האָבן אין זיך טענער, וועלכע קלינגען אָפּ מיט די געדאַנקען פון די סען־סימאָניסטן. ווי סען־סימאָן, האָט אויך קאַרלייל זיין גלויבן געבויט אויף דער איבערצייגונג, אַז דער מענטשלעכער כאַראַקטער מוז זיך קודם כּל פאַרבעסערן לויט דעם מוסטער פון די ביבלישע געשטאַלטן, ווי אַ שטייגער יעזוס קריסטוס. קאַרלייל האָט בייגעטראָגן צו דער שאַפונג פון אַ קריסטלעך־סאָציאַליסטישער באַוועגונג אין ענגלאַנד, וואָס שפּילט נאָך אַ געוויסע ראָלע אפילו היינט צו טאָג.

דעם געוואָגטסטן איינפאַל ווי אַזוי צו לייזן די רעליגיעזע פּראָבלעם האָט אין דעם מאָדערנעם סאָציאַליזם אַרויסגעוויזן ניט קיין אַנדערער ווי קאַרל מאַרקס. ער איז, ווי געזאָגט, איינגאַנצן באַהערשט געווען פון דעם פּאָזיטיוויזם, וועלכן סען־סימאָן און קאָנט האָבן געשאַפן, און דאָך האָט ער משמעות איינ־

סטינקטיוו געשפּירט די פּעלערהאַפטיקייט פון זייער גייסטיקער סיסטעם. זיין קאָפּ איז געפאַלן אויף אַ געניאַלער המצאה. צו וואָס, אין דער אמתן, אָפּוואַרטן אויפן אָנקומען פון דער משיח־צייט, ווען די מענטשלעכע נאַטור וועט אויסגע־בעסערט ווערן, צו וואָס סתם וואַרטן און אָפּוואַרטן, אַז די גאַנצע אַ נ ט וו י ק־לונג פירט דאָך אַליין דערצו, אַז די נייע געזעלשאַפטלעכע אָרדענונג צו וועלכער סען־סימאָן האָט געשטרעבט, זאָל אַריינטרעטן אין לעבן! אַזוי קלאָר אויסדריקן, אַז עס איז שוין באַשטימט און באַזיגלט געוואָרן אַ פּאַרטיקער וועלט־פּלאַן, וואָס מוז פירן צום סאָציאַליזם — דאָס האָבן ניט געוואָגט אַרויס־צוזאָגן אפילו אַזעלכע מאמינים אין דעם וויסנשאַפטלעכן פּראָגרעס ווי סען־סימאָן און קאָנט. ביידע פראַנצויזישע דענקער האָבן ניט געגלייבט, אַז די וויסנשאַפט דאַרף באַלייכטן דעם וועג, אויף וועלכן די מענטשהייט באַוועגט זיך פאָרווערטס. זיי האָבן אָבער גאָר קיין אָנונג ניט געהאַט פון דעם זיכערן וועלט־פּלאַן, וואָס פירט לויט „וויסנשאַפטלעכע" געזעצן גלייך צום סאָציאַליזם. קאַרל מאַרקס האָט קאָנטס פּאָזיטיוויזם צוזאַמענגעמישט מיט אַן אייזן־פעסטן גלויבן אין אַ משיח־צייט.

טראַכט מען זיך טיפער אַריין אין דעם ענין, זעט מען גלייך, אַז מען האָט דאָ צו טאָן מיט אַ מין רעליגיע, וועלכע בויט זיך אויף דעם גלויבן אין אַ פאָראויסבאַשטימונג אָן דער אָנערקענונג פון דער עקזיסטענץ פון אַ וועזן, וואָס זאָל האָבן די גרויסע קראַפט, פאָראויסצובאַשטימען דעם גאַנג און די ריכטונג פון דער אַנטוויקלונג — דאָס מיינט גאָט. דער מאַרקסיזם איז אַלזאָ אין גרונט אַ מין פּאַרקערטע, דאָס מיינט ראַציאָנאַליסטישע רעליגיע, אַ רע־ליגיע וועלכע „איז געשטעלט געוואָרן אויפן קאָפּ", דאָס מיינט מיט די פיס אַרויף. מיט דעם דערקלערט זיך איר איינפלוס און שטאַרקע ווירקונגס־קראַפט אויף די אַרבעטער מאַסן, אַ זאַך וואָס איז ניט אַרויס פון די סיסטעמען פון סען־סימאָן און קאָנט, אויף וועלכע דער מאַרקסיזם האָט זיך פאַקטיש אויפגע־בויט. פון דער אַנדער זייט, ליגט אָבער אין דעם די גרעסטע שוואַכקייט פון מאַרקסיזם, ווייל דער הייסער גלויבן קען ניט לאַנג אָנהאַלטן ווען ער קומט אַרויס פון לאָגישע באַגריפן, און ער לאָזט געוויינלעך איבער אַ פּאַרגליווערטע און מעכאַנישע און אויסגעלײדיקטע באַוועגונג וואָס איז ווייניק מסוגל צו ווערן די באַנייענדיקע קראַפט ביי דער איבערגעשטאַלטונג פון דער מענטשהייט, ווי מאַרקס האָט געהאַלטן.

ווי מיר קענען זען, האָט די השפּעה פון סען־סימאָנס גייסט זיך געלאָזט שפּירן דורך דעם גאַנצן 19טן י. ה. און איז נאָך אפילו היינט צו טאָג ניט אינגאַנצן בטל געוואָרן. מיט אַלע זיינע אומפאַרמיידלעכע פעלערן און שוואַכ־קייטן איז ער דאָך געווען איינער פון די פרוכטבאַרסטע גייסטער פון די לעצטע איבער 100 יאָר. ער האָט פאָראויסגעזען די צוקונפט, האָט געחלומט וועגן אַ פעלקער־בונט אין די העכסטע מענטשלעכע אידעאַלן און זיך ממש מקריב געווען צו פּרוּוון העלפן זיי צו דערגרייכן. איצט, אַזוי פיל יאָרן נאָך זיין טויט, ווען מיר קוקן זיך אַרום אויף דעם אָפּגעגאַנגענעם וועג, טרעט אַרויס זיין מערקווירדיקע געשטאַלט נאָך פיל דייטלעכער, ווי זי האָט געקענט דער־שיינען פאַר די, וואָס האָבן געזען ווי ער האָט געלעבט און געקעמפט.

משה העס און קאַרל מאַרקס

דר. חיים זשיטלאָווסקי׳ן
דעם נאָכפאָלגער פון
משה העס, געווידמעט.

פופציק יאָר זיינען אַוועק פון דעם טאָג, ווען משה העס איז געשטאָרבן אין פּאַריז (אַפּריל, 1875). ער איז געשטאָרבן כמעט אַ פאַרלאָזענער פון דעם יינגערן דור סאָציאַליסטן און איז אויך געווען פאַרגעסן ביי פיל פון זיינע מיטקעמפער. זיין צייט האָט אים וויזט אויס ווייניק פאַרשטאַנען. זיינע גרויסע פאַרדינסטן פאַר דעם סאָציאַליסטישן געדאַנק זיינען אָרונ־טערגעריסן געוואָרן דוקא דורך די, וועלכע האָבן מער ווי אַלע אַנדערע ניט געטאָרט זיין אומדאַנקבאַר צו איינעם, פון וועלכן זיי האָבן פיל געלערנט. דאָס זיינען געווען מאַרקס און ענגעלס. אין געניאַליטעט, באַזונדערס אין דער פעאיקייט צו אַנאַליזירן דאָס געזעלשאַפטלעכע לעבן, שטייט קאַרל מאַרקס העכער פון משה העסן. און דאָך שטייגט משה העס אַריבער אין די אייגנשאַפטן פון זיין גייסט, ניט נאָר איין מאַרקסן, נאָר אפשר אַלע סאָציאַליסטן פון ניינצנטן י. ה. מיט דער אויסנאַם פון איין דזשוזעפּאַ מאַדזיני. דער דאָזיקער איטאַליענישער רעוואָלוציאָנער טיילט מיט דעם דייטש־יידישן דענקער און קעמפער דעם טראַגישן שיקזאַל פון אַלע באמת גרויסע — צו בלייבן אומבאַמערקט און פאַרשטויסן פון אַן אומדאַנקבאַרער צייט־עלטער.

געבאָרן אין 1812 איז משה העס געווען בלויז מיט אַ יאָר 6 יינגער פון קאַרל מאַרקסן. דאָך האָט ער, און ניט מאַרקס, אַוועקגעלייגט דעם טעאָרע־טישן פונדאַמענט פון דעם דייטשן (ניט דעם אינטערנאַציאָנאַלן) סאָציאַ־ליזם. זיינע גלענצענדיקע פילאָזאָפישע פעאיקייטן האָבן זיך שוין אין דער פריסטער יוגנט צוזאַמענגעגאָסן אין זיין נשמה מיט דעם מעכטיקן קוואַל פון פּראָפעטישע געפילן. פון אַזאַ סינטעז איז אויסגעוואַקסן אַ שטאַרקע און פרישע סיסטעם פון אַ סאָציאַלער עטיק. אין זיינע אָדערן האָט גערוישט דאָס בלוט פון ביבלישע נביאים. מיט אַ וואולקאַנישן טעמפּעראַמענט פלעגט ער אָנפאַלן אויף די פעסטונגען פון דער צעפוילטער געזעלשאַפט, וועלכע איז באַזירט אויף אונטערדריקונג און אומרעכט. ער האָט מיט די אויגן פון אַ געבענטשטן טרוימער געזען דאָס בילד פון אַ שענערער צוקונפט. ער איז געווען שטאַרק אין די לײדן, גרויס אין דער ליבע, גערעכט אפילו צו זיינע פיינט, דאַנקבאַר פאַר דער קלענסטער פריינדלעכקייט. און אַזוי האָט ער שוין געלעבט אין דער נייער וועלט, צו וועלכער ער האָט גערופן די לייד־דענדיקע מענטשהייט. ביז דעם לעצטן אָטעמצוג איז ער געבליבן טריי

זיין אידעאַל, דעם אידעאַל פון האַרמאָניע און פרידן. ער איז געווען איינער פון יענע וויזיאָנערן און טרוימער, וועלכע שאַפן גרעסערס און שענערס ווי אַלע רעכטדענקענדיקע רעאַליסטן צוזאַמענגענומען. די זיכערקייט פון זייער גרויסן גלויבן גראָבט אונטער די צווייפלען, וועלכע פאַרלייגן — און פאַרלויפן — דעם וועג צו דער צוקונפט. דאָס זיינען היסטאָרישע מעשים פון די שעפערישע נאַטורן, פון די גרויסע בויער מיט אַ וויטן בליק, סינטעטישע דענקער און זעער, פירער און וועגווייזער.

שוין זיין ערשט בוך, וואָס איז אַרויס אין 1841, ווען ער איז נאָך געווען 28 יאָר אַלט, — „די איראָפּיאישע טריאַרכיע״ איז אַן אָריגינעלער בייטראָג צו דער געשיכטע פון רעוואָלוציאָנערן געדאַנק. דאָ ווערט צום ערשטן מאָל אין דעם מאָדערנעם סאָציאַליזם געמאַכט דער פאַרזוך צו אונטערשיידן דעם דייטשן פון דעם ענגלישן און דעם פראַנצויזישן וועזן. דייטשלאַנד קעמפט לויט זיין מיינונג פאַר דער גייסטיקער פרייהייט, פראַנקרייך, פאַר דער עטישער, און ענגלאַנד פאַר דער פּאָליטישער פרייהייט. מאַרקס האָט איבערגענומען אָט־די אָנשויאונגען ווי זיי שטייען און גייען און זיי אויסגעדריקט אין אַ דריי יאָר אַרום אין אַ ציישונגס־אַרטיקל. ער האָט זיי אָבער איבערגעגעבן בזה הלשון: דער דייטשער פּראָלעטאַריאַט איז דער טעאָרעטיקער, דער פראַנצויזישער — דער פּאָליטיקער און דער ענגלישער דער עקאָנאָמיסט פון דעם קאַמף פאַר דער באַפרייאונג.

ביז 1845־1846 האָט קאַרל מאַרקס געאַרבעט האַנט אין האַנט מיט העסן. צווישן זיי האָבן געהערשט גאַנץ פריינדלעכע באַציאונגען, ווי עס זאָגן עדות די בריוו צווישן מאַרקסן און ענגעלסן (אין דער 4־בענדיקער אויסגאַבע פון 1911). אָבער שוין אין 1847 וואַרפט קאַרל מאַרקס אַן אומחן אויף משה העסן און רופט זיך אָפּ וועגן אים מיט אַ גרינגשעצונג, וועלכע גרעניצט זיך מיט אַ פאַרשטיקטער קנאה. אין 1846, ווען ענגעלס האָט געלעבט אין פּאַריז, זיינען אויסגעבראָכן אַרבעטער־אומרוען אין קעלן, אין וועלכע משה העס האָט גענומען אַ האַנט. די פּאָליציי האָט זיי לייכט דערשטיקט און העס איז אַנטלאָפן קיין פּאַריז. אין אַ באַריכט וועגן דעם צום „בריסעלער קאָמיטעט״ רעדט ענגעלס וועגן דעם „קאָמוניסטן־פּאַפּאַ״, (דאָס מיינט ער, משה העסן), מיט שפּאָט און גרינגשעצונג, מיט ווערטער, וואָס זיינען ניט אינגאַנצן פריי פון אַ יודאָפאָבישן בייגעשמאַק (אין „בריוו־וועקסל״ צווישן קאַרל מאַרקס און פרידריך ענגעלס, נומ. 8). אין פּאַריז האָט ענגעלס העסן זייער קאַלט אויפגענומען טראָץ דעם, וואָס ער גיט אַליין צו, ווי שטאַרק די ליבלעכע פערזענלעכקייט פון העסן האָט ביי אים אויסגענומען (נומ. 16). העס איז אָבער ניט געווען דער איינציקער, וואָס האָט געכאַפּט אַזאַ מיאוסן אָפּשניט פון מאַרקסן און זיין ליידנשאַפטלעך־געטרייען פריינט, ענגעלסן. העס איז געווען ניט דער ערשטער און ניט דער לעצטער, ווייל נאָך ערגער האָט, נעבעך, אָפּגעשניטן פּרודאָן. ער, פון וועמען מאַרקס האָט געלערנט אפשר דאָס בעסטע און מיט וועמען ער האָט פון אָנהויב אַזוי שטאַרק געוואָלט אַרבעטן צוזאַמען, איז פון מאַרקסן באַשאַנקען געוואָרן מיט אַ פּאַמפלעט, פול מיט פאַרביסנקייט, שפּאָט און כאַ אַבטונג. אַזאַ קליינלע־

כע טבע האָט הפּנים שוין פון שטענדיק געהאַט דער גרויסער מאַרקס, ווען ער פלעגט זיך אָפּרעכענען מיט זיינע גייסטיקע קעגנער.

נאָך אַן אידייע, וועלכע דער סאָציאַליזם האָט איבערגענומען פון משה העסן, איז די קעגנערשאַפט צום שטאַטס־געדאַנק. די סאָציאַליסטישע גע־זעלשאַפט באַזייטיקט די קלאַסן, דאָס מיינט דעם היסטאָרישן שטאַט, וועל־כער איז די אָרגאַניזאַציע, וואָס די הערשנדיקע קלאַסן האָבן באַשאַפן צו אונטערדריקן די איבעריקע באַפעלקערונג. מיט מער איבערצייגנדיקע און באַגייסטערענדיקע ווערטער האָט דעם געדאַנק אויסגעדריקט העס, כאָטש נאָך פאַר אים האָבן דאָס זעלבע אויך געזאָגט גאָדווין און פוריע. „וואו עס איז דאָ אַ שטאַט, אפילו אין דער רעפובליק, שרייבט העס אין 1843, מוז זיין הערשאַפט. ווידער און ווידער וועט די הערשאַפט געשטירצט ווערן פון פאָלק און די שפּיל וועט אַזוי לאַנג דויערן ביז דער שטאַט, דער צושטאַנד פון קעגנזעצלעכקייט, וועט זיך דורך אינעוויניקסטע ווידערשפּרוכן פאַר־ניכטן און וועט אָפּטרעטן דעם פּלאַץ פאַר דעם איינהייטלעכן לעבן — דעם צושטאַנד פון געמיינשאַפט."

עס איז אָבער ניט וויכטיק און ניט נויטיק אויסצורעכענען גענוי, ווי משה העס האָט, נאָך פאַר מאַרקסן און ענגעלסן, געזען די הויפּט־פּרינציפּן פון סאָציאַליזם. וויכטיק איז אָפּצושאַצן זיינע באַזונדערע אייגנשאַפטן און זיין אָריגינאַליטעט, דאָס, מיט איין וואָרט, וואָס איז צום באַדויערן, בלויז פאַרבליבן זיין אייגנס. דווקא זיין אייגן וואָרט, דאָס אָריגינעלע, איז באַרופן צו ווירקן אין דער צוקונפט. זיין גייסטיקע ירושה האָט דאָס רעכט אויף אומשטערבלעכקייט. מען הויבט עס שוין אָן אַלץ מער צו באַנעמען.

משה העס האָט ווייזט אויס (ווייניקסטנס ביז שפּעט אין די 50־ער יאָרן) קיינמאָל ניט געהאַלטן, אַז די פּראָלעטאַרישע באַוועגונג און דער סאָציאַליזם מוזן גיין צוזאַמען. אדרבא, אין דער דאָזיקער אידייע האָט ער נאָר געזען אַ שטיק רעאַקציע. ער האָט אַפילו שאַרף געקעמפט קעגן דער אָנשויאונג, אַז דער סאָציאַליזם מוז אַרויסקומען פון פּראָלעטאַריאַט.

ווי וויכטיק די דאָזיקע גרונדפאַרשיידנהייט צווישן דעם יונגן העס און דעם יונג־אַלטן מאַרקס זאָל ניט זיין, איז זי דאָך אָבער נאָך אַלץ ניט די הויפּט־זאַך. וואָס איז פיל וויכטיקער, איז דער טיפער אונטערשייד אין זייערע אַלגעמיינע פילאָזאָפישע אָנשויאונגען.

מיט צענדליקער יאָרן פאַר דער גרויסער רעוואָלוציע אין די וויסנ־שאַפטן, וועלכע צייכנט אויס אונדזער קעגנוואָרט, האָט משה העס אָנגע־וואָרפן די טראַדיציאָנעלע אַטאָמען־טעאָריע, אויף וועלכער עס האָט זיך טויזנטער יאָר נאָכאַנאַנד געבויט די גאַנצע נאַטור־וויסנשאַפט. ער קומט דערביי צום זעלבן באַשלוס ווי אַלע היינטיקע גרויסע פיזיקער, אַז, נעמ־לעך, די איינפאַכסטע באַשטאַנדטיילן פון שטאָף זיינען ניט אַנדערש ווי שטאָפּלאָזע קראַפט־צענטרען פון באַוועגונגען. העס האָט אויך דעם גרונט פון אַן איינהייטלעכער וועלט־אָנשויאונג באַשאַפן אַ גרויסאַרטיקן סינטעז פון קראַפט און שטאָף. מאַרקס האָט זיך ניט ווייסנדיק געמאַכט פון קראַפט און פאַסיוו נאָכגעפאָלגט אין די פוסטריט פון די נאַטור־וויסנשאַפטלעכע

מאַטעריאַליסטן פון זיין צייט, וואָס האָבן זיך איינגערעדט, אַז זיי האָבן שוין געלייזט אַלע וועלט־פּראָבלעמען. משה העס האָט געשאַפן אַ געשלאָסענע סיסטעם פון באַגריפן וועגן וועלט און מענטש, וועלכע קאָנען באַגייסטערן יעדן איינעם, וואָס וויל זיך פאַרקלערן איבער די אייביקע וואונדער אין און אַרום דעם מענטש.

און נאָך עפּעס:

מיט דער אויסנאַם פון מאַדזיני האָט נאָך קיינער פאַר און נאָך משה העסן אַזוי לעבעדיק און גייסטרייך ניט אויסגעדריקט דעם באַגריף פון נ אַ צ י אָ נ אַ ל י ט ע ט ווי ער. די נאַציאָנאַליטעט אַלס אַ פאַרשטופע, אַן אָרגאַנישע פאַרשטופע, צו אַ פאַראייניקטער מענטשהייט. זיכער האָט אָבער נאָך קיינער צווישן די סאָציאַליסטן אַזוי איבערצייגנדיק און קלאָר ניט פּראָקלאַמירט דאָס נאַציאָנאַלע רעכט פון דעם יידישן פאָלק ווי דאָס האָט געטאָן דער מחבר פון „רוים און ירושלים". די יידישע עמאַנציפּאַציע איז אין זיין צייט געווען גלייכבאַדייטנדיק מיט דעם פאַרראַט פון דער יידישער אייגנאַרטיקייט, מיט אַ גייסטיקער שקלאַפעריי און נאַציאָנאַל־פּריווילעגירטע קנעכטשאַפט אונטער דעם שלייער פון אַסימילאַציע. מאַרקס האָט אַזוי גוט ווי איגנאָרירט פאַרזען די נאַציאָנאַלע ענערגיען אין פאַרגלייך מיט דעם אינ־טערנאַציאָנאַלן פּראָצעס. לאַסאַל האָט שוין יאָ אָנערקענט דאָס עקזיסטענץ־רעכט פון די גרויסע קולטור־נאַציעס, וועלכע האָבן פאַר זיך אויפגעבויט מעכטיקע שטאַטס־אָרגאַניזמען. משה העס האָט אָבער קיינמאָל ניט אָפּגע־טיילט די פּריווילעגירטע פעלקער פון די שוואַכע, די אָנערקענטע פון די אונטערדריקטע, די „היסטאָרישע" פון די „אומהיסטאָרישע", ווי מאַרקס האָט אַמאָל אָנגערופן די סלאַווען, וועלכע האָבן געהאַט די העזה זיך ניט צו לאָזן אַסימילירן מיט דעם הערשנדן פאָלק פון די „היסטאָרישע" פעלקער...

משה העס׳ס באַגריף פון גערעכטיקייט צווישן די פעלקער איז אַן אַרויס־קום פון זיין עטישן דראַנג אין אַלגעמיין. זיין טיפסטער גלויבן איז באַשטאַ־נען אין דעם, אַז רעכט און גערעכטיקייט צווישן די מענטשן איז אַן אָפּ־שפּיגלונג פון דעם געזעץ, וואָס רעגירט איבער אַלע וועלטן. דאָ ליגט דער אמתער קערן פון זיין סאָציאַליזם און דאָס איז אויך דער פאַרבינדונגס־פּונקט פון זיין רעוואָלוציאָנערע אָנשויאונגען מיט זיין יידישקייט. דאָס יידנטום האָט אין אַ סך פאָרמען פאַרקערפּערט אַזאַ באַגריף פון יושר און גערעכטי־קייט. דאָס איז די יידישע פאָרשטעלונג פון איין גרויסן סדר, וואָס נעמט אַרום דעם יחיד און דעם כלל, די מענטשהייט אין דעם וועלט־אַל, אַלץ איז אונטערגעוואָרפן דער העכערער אָרדנונג, דעם אַלגעמיינעם געזעץ — דעם פּרינציפּ פון רעכט און גערעכטיקייט.

מען האָט דעריבער גאַנץ גוט נאָך פריער געקענט שפּירן אין העסן, אַז זיין סאָציאַליזם איז ניט קיין אַנדער זאַך ווי הומאַניזם. דער קאַפּיטאַ־ליזם מיט זיין געלט־קולט האָט דערנידעריקט דעם זעלבסט־רעספּעקט פון די מענטשן. אָן דעם זיג איבער דעם קנעכטישן גייסט שטעלט ער זיך אויך ניט פאָר קיין זיג איבער דער קנעכשאַפט. דער סאָציאַליזם איז פאַר אים אַ רעליגיע פון גערעכטיקייט און ליבע. די נייע געזעלשאַפט וועט קומען

דורך אַ ווידערגעבורט פון דער מענטשהייט. דאָך דאַרפן די ליידן פון דעם אַלטן דור געלינדערט ווערן דורך ראַדיקאַל־פּראָגרעסיווע רעפאָרמען און סאָציאַלער פאַרזאָרגונג. זייער גרויס איז אין זיינע אויגן געווען די באַדייטונג פון דער לאַנדווירטשאַפטלעכער קאָלאָניזאַציע. מיט דעם אַליין האָט ער שוין קלאָר באַוויזן אַז זיין אַזוי גערופענע „סאָציאַלע ראָמאַנטיק״ באַנעמט אויך גאַנץ גוט די רעאַלע פּראָבלעמען פון סאָציאַלן לעבן...

עס איז, אַלזאָ פון זיך אַליין קלאָר, אַז עס האָט זיך געמוזט אויסשפּרייטן אַ ברייטער אָפּגרונט צווישן משה העסן און קאַרל מאַרקסן. אין די 20־ער יאָרן, ווען העס איז פון דערווייטן (ער איז געווען אַ פּאָליטישער עמיגראַנט אין פּאַריז) צוגעשטאַנען צו לאַסאַלס „אַלגעמיינעם דייטשן אַרבייטער־פּאַראיין״, און מיטגעאַרבעט אין דעם זשורנאַל „סאָציאַל דעמאָקראַט״, האָט מאַרקס׳ס גרימצאָרן ממש ניט געוואוסט פון קיין גרענעצן. אין מאַרקס׳ס קאָרעספּאָנדענץ מיט פרידריך ענגעלסן ווערט כמעט שטענדיק משה העס אָנגערופן מיט אַ שפּאָט־נאָמען — „מאָזעס״, אַמאָל אויך „דער אַלע מאָזעס״ (דאָס מיינט „דער אַלטער מאָזעס״ אויף דעם דייטשן סלענג). כסדר ווערט העס פון די ביידע „רביים״ אויסגעלאַכט, באַליידיקט און דיסקרעדיטירט. ביי ענגעלסן האָט זיך דערוואַכט די אַלטע שנאה און ער שרייבט וועגן העסן אין דער פאָלגנדער שפּראַך: „דיזער לעדערנער העס, וועלכער האָט זיך אַרויסגעוויזן פאַר אונדז אַלס אַ געהיימער לאַסאַלישער אָנגעשטעלטער.״ („בריוו־וועקסל״, נומ. 767). סיי מאַרקס און סיי ענגעלס ריידן וועגן העסן אויסשליסלעך אין סאַרקאַסטישע אויסדרוקן, אָנגעפילט מיט גרינגשעצונג, שפּאָט, חשד און פאַרביסענער אַנטיפּאַטיע. ווי באַקאַנט, האָט מאַרקס געזען אין „סאָציאַל דעמאָקראַט״ די פאַרקערפּערונג פון דעם „עקלהאַפטן לאַסאַליאַניזם״ און מיט גאַל און גיפט רעדט ער וועגן „דעם מאָזעס״, וואָס וואַגט אַרויסצוטרעטן אין לאַסאַלס זשורנאַל אַלס אָפּאָנענט געגן דער אויטאָריטעט פון די צוויי טעאָרעטיקער פון מאַרקסיזם („בריוו־וועקסל״, נומ. 764).

איצט, אַ האַלב יאָרהונדערט שפּעטער נאָך דעם טויט פון משה העס, קאָן מען אַלזייטיק באַטראַכטן די גרויס פון זיין אויפטו. אַ זאַך פון דער ווייטער פאַרגאַנגענהייט איז דער נאַאיווער קאָמוניזם פון אַ משה העס, זיין גלויבן אין דער מאַגישער קראַפט פון דער סאָציאַלער רעוואָלוציע, וואָס קאָן באַנייען, איינס און צוויי, דעם גייסט און דעם סאָציאַלן לעבן. לאַנג איז שוין פאַרגעסן דער פאַרביסענער קריג צווישן מאַרקס־ענגעלס און די לאַסאַליאַנער. די גיפטיקע שנאה פון אַ קאַרל מאַרקס צו אַלע, וועלכע האָבן געוואַגט צו דענקען אַנדערש ווי ער, איז — געבראָכן ניצשעס אַ ווערטל — „דאָס מענטשלעכע, צו־מענטשלעכע״, — אין דעם כאַראַקטער פון גרויסן דענקער, פאָרשער און קעמפער. מעגלעך, אַז משה העס פלעגט אומווילנדיק אַמאָל אַריינפאַלן אין אַ מין רבניש־סענטימענטאַלן פּאַטאָס, אין אַ גרונדלאָזן אָפּטימיזם און געוואַלטיקער התפּעלות. דאָס האָט אין אים גערעדט דאָס קול פון זיין בלוט, די אייביקע טענדענצן פון דעם יידישן פאָלק, וועלכע האָט געגעבן דער וועלט די נביאים און משיח־שטורמער.

קאַרל מאַרקס און משה העס. ערגעץ־וואו האָט מאַרקס איבערהויפּט

ניט געקענט פאַרטראָגן משה העס׳ס „יידישקייט״, זיין קוק אויף יידישן גע־ניוס. דאָס און די אַנדערע אָנגעגעבענע מאָטיוון און מיינונגס־פאַרשיידנ־קייטן האָבן געפירט צו מאַרקס׳ס קריטיקן אויף העסן. איצט האָבן מיר פאַר זיךביידע ירושות — דעם מאַרקסיזם און די נאָך אַלץ ניט צו־פּאָפּולערע אידייען פון משה העס. אָבער וואָס ווייטער קערט מען זיך דירעקט, אָדער אומדירעקט אום צו אים, צו העסן, און צו זיינע געדאַנקען, אויב מען ווייסט אפילו שוין ניט אַז שטאַמען זיי פון אים און דווקא אין דעם ליכט פון מאַרקסיזם, ווי ער איז היינט צו טאָג, דערשיינט פאַר אונדז נאָך קלאָרער די וויזיע פון אַ משה העס. אייגנטלעך זיינען עס צוויי אַנטקעגנגע־זעצטע פּאָלען פון אַ מאַגנעט און צווישן זיי ביידע — באַוועגן זיך די סאָצי־אַליסטישע שטראָמען. און אפשר וועלן זיי ביידע מוזן קומען ווען עס איז צו אַ סינטעז, צו אַ ריינער, העכערער, גייסטיקער פאַראייניגונג.

יולי, 1925

קאַרל מאַרקס, ניטצשע און סאָרעל

1.

אָפּטמאָל ווערט ציטירט אַ פראַזע, וואָס זאָל כלומרשט שטאַמען פון לענינס מויל אָדער פעדער: „פרייהייט איז אַ בורזשואַזער פאָראורטייל". דער פאַרשטאָרבענער באַרימטער קענער פון מאַרקסיזם־לעניניזם, פּראָפעסאָר העראָלד לאַסקי, האָט, ביי אייניקע געלעגנהייטן, אָנגעוויזן אויף דעם, אַז די נאַר וואָס דערמאָנטע פראַזע האָט לענין קיינמאָל נישט אַרויסגעבראַכט, הגם עס געהערט צו אים אַ צווייטער זאַג — אַזאַ וואָס אין תוך גענומען קען קיין שום סאָציאַליסט, אַן אויטאָריטאַרישער אַזוי גוט ווי אַ פרייהייטלעכער, נישט אָפּלייקענען דעם אמת, וואָס שטייט הינטער דער פאָרמולע. געזאָגט האָט לענין: (און אַ סך סאָציאַלע דענקער און קעמפער נאָך פאַר אים): „עס איז אַ בורזשואַזער פאָראורטייל צו מיינען, אַז אין דער קאַפּיטאַליסטישער געזעלשאַפט קען געמאָלט זיין פרייהייט".

אָבער אַן ענלעכער עפּיגראַם, אָדער סענטענץ, ווי די וואָס ווערט צוגעשריבן צו לענינען, איז יאָ אַרויסגעזאָגט געוואָרן פון אַ רעוואָלוציאָנערן טעאָרעטיקער, וואָס האָט אפשר צום טייל לענינען באאיינפלוסט — און אויך מוסאָלינין. מיר מיינען דאָ די סענטענץ, אַז „פּראָגרעס איז אַ בורזשואַזער פאָראורטייל". דער מחבר פון אָט־דעם כמעט פּאַראַדאָקסאַלן זאַג איז געווען זשאָרזש סאָרעל (1847—1922), וועלכן מ'האַלט פאַר איינעם פון די טאַטעס פון רעוואָלוציאָנערן סינדיקאַליזם. קעגן דעם דאָזיקן זאַג סאָרעלס האָט קיינער נישט פּאָלעמיזירט, און קיינעם איז גאָר נישט איינגעפאַלן צו נעמען ערנסט אַזאַ מין „אורטייל" איבער פּראָגרעס אין רעכטן מיטן פון אַ תקופה, ווען פּראָגרעס איז ממש פאַרגעטערט געוואָרן.

דעם זאַץ: „פּראָגרעס איז אַ בורזשואַזער פאָראורטייל" געפינט מען אין סאָרעלס בוך: „די אילוזיעס פון פּראָגרעס" (1906). מ'האָט אָבער צו ערנסט נישט באַצויגן זיך צום סקעפּטיקער מכוח דעם זיכערן וועג פון פּראָגרעס.

היינט אָבער זעען מיר שוין גוט איין, אַז סאָרעל איז פאַרט געווען אַ נביא, באשר דער באַזונגענער און פאַרגעטערטער פּראָגרעס האָט זיך אַרויסגעשטעלט צו זיין בלויז אַ געטשקע, אַ זייפנבלאָז. ער האָט נישט אויסגעהאַלטן די פּראָבע פון דעם לעבעדיקן לעבן, פון די געשעענישן אין די לעצטע 30—40 יאָר — די צוויי קאַטאַסטראָפאַלע וועלט־מלחמות און זייערע גרויליקע נאָכוויירקונגען אין באַגלייט־דערשיינונגען.

מיט איבער הונדערט יאָר צוריק, דעם 2טן נאָוועמבער 1847, איז זשאָרזש סאָרעל געבוירן געוואָרן אין דער פראַנצויזישער האַפנשטאָט שערבורג. ביז 1892, איז ער קיין שרייבער נישט געווען. דאָס מיינט, אַז צוויי אינטעלעקטועלע דורות האָבן משפיע געווען, נאָך איידער ער אַליין איז רייף געוואָרן צו באַאיינפלוסן אַ דריטן דור. און וואָס פאַר אַ שטורעמדיקע צייטן זיינען עס געווען די ערשטע פערציק יאָר פון זיין לעבן! געקומען אויף דער וועלט איז ער מיט אַ פּאָר וואָכן איידער ס׳איז דערשינען, אין אַ רעוואָלוציאָנער־קאָכיקער צייט דער „קאָמוניסטישער מאַניפעסט״ פון מאַרקס און ענגעלס. און דערנאָך, אין די 1860־ער און 70־ער יאָרן, האָבן צוויי ברויזנדיקע, בונטאַרישע גייסטער געשטורעמט די טעאָרעטישע, די פילאָזאָפישע, די עטיש־עסטעטישע פּאָזיציעס פון דער אַלטער אָרדענונג, פון דער „בורזשואַזער געזעלשאַפט״ מיט איר „בירגערלעכער״, צבועקישער מאָראַל. דאָס זיינען געווען קאַרל מאַרקס און פרידריך ניטצשע. זייביידע האָבן, מער ווי אַנדערע דענקער פון יענער תקופה, געהאָלפן אונטערצוגראָבן און אפשר אויך באַגראָבן די בורזשואַזע געזעלשאַפט מיט איר צעפוילטער, אָפּגעלעבטער מאָראַל.

נאָך אַ דריטער גרויסער דענקער פון דער צווייטער העלפט פון 19טן י. ה., דער געניאַלער שרייבער דאָסטאָיעווסקי, האָט אויך אַ חלק אין דער אַרבעט פון קבר־אויסגראָבונג פאַר אַ האַלב־צעפוילטן גייסטיקן און סאָציאַלן בנין. דאָך קומט ער דאָ ווייניקער אין אָנבאַטראַכט, ווייל ס׳לאָזט זיך נישט אויסגעפינען קיין שפור פון דאָסטאָיעווסקיס איינפלוס אויף דער שאַפונג און אַנטוויקלונג פון סאָרעלס געדאַנקען־וועלט. ניטצשעס קולט פון „איבער־מענטש״, פון דער אויסדערוויילטער, העראָאיש־נאָבעלער „עליטע״, האָט אָבער יע דירעקט באַאיינפלוסט סאָרעלס לערעס.

מאַרקס און ניטשע זיינען די טאַטע־מאַמע פון סאָרעלס גרונט־באַגריפן און אידייען. אונטער זייער איינפלוס, ווייזט אויס, האָט ער זיך גענומען צו דער פעדער און אָריינגעטראָגן אַ נייעם טאָן אינעם ווייט־נישט־האַרמאָנישן כאָר פון די סאָציאַלע שטורם־גייסטער צום סוף 19טן י. ה. און אָנהייב פון איצטיקן, דעם 20טן י. ה. זיין לעבן האָט מיט זיך געדעקט אַ מין „אָפּגערונדיקטע״ פאַרענדיקטע תקופה: געבוירן גלייכצייטיק כמעט מיטן דערשיינען פון „קאָמוניסטישן מאַניפעסט״, האָט ער דערלעבט צום „קאָמוניסטישן איבערקער״ אין רוסלאַנד, און איז געשטאָרבן אין אויגוסט 1922 — ערב מוסאָליניס „מאַרש אויף רוים״. זיין גאַנץ לעבן איז ער געווען אַ פרידלעכער שטילער מענטש, ווייט פון קאָך און ווירוואַר פון פּאָליטיק און באַוועגונגען. די לעצטע 25 יאָר פון זיין לעבן האָט ער געוואוינט אין בולאָן־סיר־סען, ביים שוועל פון פּאַריז, וואו ס׳איז היינט פאַראַן אַ גאַס אויף זיין נאָמען. געוואוסט און געלערנט פון אים האָבן אי לענין און אי מוסאָליני.

איז קיין חידוש נישט, אַז סיי זיין נאָמען און סיי זיין לערע, האָט מען פאַרבונדן מיטן באָלשעוויזם אַזוי גוט ווי מיטן פאַשיזם. ביידע רעוואָלוציאָנערע סיסטעמען, פון לינקס און פון רעכטס, זיינען — לויט געוויסע טעאָרעטיקער פון רעוואָלוציאָנערע לערעס — באַזירט אויף געוויסע אַספּעקטן פון סאָרעלס

טעאָריעס. אפילו מיטן נעאָ־קאַטאָליציזם, וואָס האָט אין פראַנקרייך געהאַט צווי גייסטרייכע סאָציאַל־ראַדיקאַלע פאַרטרעטער־וואָרטפירער, פעגי און בלוא, האָט מען סאָרעלס גייסט געזוכט צו באַהעפטן. ער האָט, וואָס אמת איז, נישט ווייניק גענאַשט פון אַנרי בערגסאָנס פילאָזאָפיע, פון וועלכער די נעאָ־קאַטאָליקן זיינען צייטנווייז געווען שטאַרק באַגייסטערט. ער, סאָרעל, אַליין איז אויך געווען אַ שטיקל צייט ליטעראַריש טעטיק אין די נעאָ־קאַטוילישע קרייזן. אָבער מען איז קוים גערעכט צו זיין נאָמען און זיין ווערק, אויב מען פאַררעכנט סאָרעלן צו די „נייע קאַטויליקן״. אויך איז כמעט אַזוי פאַלש אים צוצורעכענען צו די פאַרגייער פון באָלשעוויזם אָדער פאַשיזם.

דער פולער אמת איז, אַז סאָרעל איז געווען פיל שטאַרקער אין זיין קריטיק ווי אין זיין קאָנסטרוקציע. ער האָט געוואוסט וואָס ער פאַרוואַרפט און פאַר־דאַמט, וואָס ער צעברעכט און צעשטערט, אָבער ווייט־ווייט נישט־קלאָר איז פאַר אים געווען דער פאָזיטיווער ציל צו וועלכן ער רופט די אַרבעטער, די מענטשהייט, די וועלט. דערום פאַרשטייט מען שוין, הלמאי ער האָט נישט איבערגעלאָזן הינטער זיך נישט קיין פאַרטיי, נישט קיין שולע, נישט קיין חסידיש־פאַרדבקהטע נאָכפאָלגער — אפילו נישט צווישן די לינקע סינדי־קאַליסטן, די אַנאַרכאָ־סינדיקאַליסטן, וועמען ער האָט געזוכט צו דינען און באַלערן. קיין לייכט־טורעם איז ער געוויס נישט געווען, אפילו קיין פשוטער פאַקל אויך נישט, און אפילו פאַר קיין לאַמטערנע, וואָס איז בכוח כאָטש אַ ביסל צו צעשטרייען די פינסטערקייט פון דער נאַכט, קען מען אים נישט האַלטן. נישט קיין ליכט־אויסשטראַלער איז געווען דער מחבר פון קלאַסיש־רעוואָלו־ציאָנערן הויפּט־ווערק: „געדאַנקען וועגן געוואַלט״, נאָר אַ געשליפן־קאַנטיק גלעזל, אַ פריזמע, דורך וועלכער ס׳האָבן זיך איבערגעבראָכן אויף אַ קאָליר־רייכן און שפּליטערדיקן אופן, די ווייטגייענדיקע פּאָליטישע אידייען־ און געפילן־שפּרונגען פון זיין אייגענער און **אונדזער** צייט.

אָט דערין באַשטייט די אייגנאַרטיקע גרויסקייט און טיפערע באַדייטונג פון אָט־דעם מערקווירדיקן, כמעט פּאַראַדאָקסאַלן, רעוואָלוציאָנערן דענקער, איינעם פון די גרעסטע פון אונדזער צייט.

פּאַראַדאָקסאַל איז ער געווען שוין דערמיט אַליין, וואָס הגם פון דער נאַטור זייער אַ פרידלעכער מענטש, אַ מין רודף־שלומניק, איז ער דורך זיינע ווערק פאַרט צוגערעכנט געוואָרן צו דער פלעיאַדע פון די שטורעמדיקע גייס־טער פון יענער תקופה, אין דעם גוט פון אַ מאַרקס, אַ באַקונין, אַ לענין. אין דער ווירקלעכקייט איז ער גאָר געווען דורך און דורך אַ קאַבינעט־מענטש, אַ גריבלער און פאָרשער און אַ קריטיקער פון דער קולטור, אַ טיפער אָפּשאַצער פון דער גאַנצער ביז־איצטיקער מערב־אייראָפּעאישער ציוויליזאַציע.

2.

דאָס ערשטע ליטעראַרישע ווערק סאָרעלס — „דער פּראָצעס פון סאָק־ראַטן״ — איז דערשינען אין בוך־פאָרם אין 1892. דאָרט באַפאַלט ער דעם אַלטן סאָקראַט פאַר זיין לערע מכח דעם געשיכטלעכן כסדרדיקן גאַנג אויפן

וועג פון פראַגרעס — דורך אַן אינטעלעקטועלער, פונעם שכל־הישר געפירטער, פאָרשונג און דורך מיטלען פון עקספערימענט, באָאַבאַכטונג און איבערצייגונג (אַריסטאָטעלעס). דערפון האַלט נישט סאָרעל, ווייל דאָס איז אַ „בורזשואַזער" דרך, עס איז צו פיליסטיש־פאַרשימלט און גייסטלאָז פאַר אים. סאָרעלן, וואָס גלויבט אין קאַמף, גלויבט אין קריג (פונקט ווי דער אוראַלטער גריכישער פילאָזאָף הערקליטוס, מיט זיין זאָג, אַז „דער קריג איז דער פאָטער פון אַלץ אויף דער וועלט").

סאָרעלס ערשט גרויס ווערק איז געווען: „דער חורבן פון דער אַנטיקער וועלט". דאָרט באַהאַנדלט ער די דעקאַדענץ, די ירידה און אומקום־תקופה פון דער אַלט־רוימישער וועלט. גלייכצייטיק דריקט ער אויס אַ געוויסע באַוואונדערונג פאַרן אורקריסטנטום, ווייל צו זיין, סאָרעלס, מוח האָט געוואַלדיק אַפּעלירט די אורקריסטלעכע „אורזינד" דאָגמע (מכוח מענטשלעכער פאַרדאָרבנקייט און רשעות). דאָס איז דער „גלויבן" אין דער אור־זינד, די אינסטינקטיווע פאַרדאָרבנקייט, וואָס שטעקט אין מענטשן פון אָדם הראשונס צייטן אָן, און וואָס האָט געהאַט אַ מאַגנעטישע ווירקונג אויף סאָרעלס גייסט. איינער פון זיינע קאָמענטאַטאָרן האָט אַמאָל ריכטיק געזאָגט וועגן אים, אַז די אידייע פון דעקאַדענץ, פון ירידה, פון פאַרדאָרבנקייט, פון מענטשלעכער נייגונג צו טאָן שלעכטס, איז ביי אים, זשאָרדזש סאָרעל, געוואָרן ממש אַ מין אידייע־פיקס, שיער ניט אַ מאַניע.

אגב, איז שוין אין זיין ערשטן גרויסן ווערק — „דער חורבן פון אַנטיקער וועלט" — צו געפינען אַ שאַרפע אַטאַקע אויפן בורזשואַזן פאַציפיזם. סאָרעל דערמאָנט טיילווייז אַן פּרודאָנען, וואָס איז אויך נישט געווען קיין מאמין אין פלאַכן, לאַקריץ־זיסן, בורזשואַזן פאַציפיזם. סאָרעל פרעגט אָפּ, וואַרפט אָפּ, די פאַרשפּרייטע מיינונג, אַז רוים, די גרעסטע אימפעריע פון אַמאָל, איז אונטערגעגאַנגען מחמת צו פיל מלחמות, אדרבא, ער באַטאָנט גאָר זיינע אַ מיינונג, אַז קיין שום מלוכה האָט אַזוי נישט געזוכט אויסצומיידן מלחמות ווי רוים, ווען זי איז שוין געווען אין דער תקופה פון ירידה און דעקאַדענץ. (ער לאָזט אָבער אָפן די פראַגע: צי איז רוים נישט געקומען צו דער ירידה גופא דורך אומאויפהערלעכע מלחמות און רויבצוגן ?). אויך דאָס מאָדערנע ענגלאַנד, האַלט סאָרעל, איז שוין שטאַרק צעפוילט, אינטעלעקטועל שוואַך און אַפּאַטיש, מחמת זי „גלאָריפיצירט נישט גענוג־שטאַרק דעם מלחמה־גייסט". (ווידער אַ פראַגע: האָבן די בריטישע אימפּעריאַליסטן, נאָך מיט 50 יאָר צוריק, בעתן בורן־קריג אין דרום־אַפריקע, טאַקע נישט גענוג נויטיק אַגרעסיוו „קולטיווירט" דעם בריטישן עקספּאַנסיע־דראַנג ?).

אין 1906, ווען ס'איז דערשינען סאָרעלס ווייט־נישט ס'בעסטע, אָבער דאָס באַרימטסטע בוך — „געדאַנקען וועגן געוואַלט", שרייבט ער, אַז אַ נייע און געזונטע אייראָפּעאישע געזעלשאַפט וואָלט געקענט קומען נאָר פון צוויי אורקוואַלן: פון אַ פּראָלעטאַרישער רעוואָלוציע אָדער פון אַ גרויסער פּאַנאייראָפּעאישער מלחמה. אגב, זאָגט ער דערביי, אַז אין דער גאָר נאָענטער צייט וועט שוין טאַקע אויסברעכן אָט אַזאַ גרויליקע, אַפּאָקאַליפּטישע מלחמה.

פּאַרגעסט נישט, אַז געשריבן האָט ער עס מיט 8 יאָר פאַרן אויסברוך פון ערשטן וועלט־קריג, אין יולי 1914. מיינט עס, אַז אַ ביסל האָט ער זיך פאַררעכנט, מיינענדיק, אַז אָט־אָט ברעכט אויס די גרויסע, עפּאָכע־מאַכנדיקע מלחמה, פון וועלכער ער האָט דערוואַרט דעם געבורט פון אַ נייער וועלט. אָבער, אין זעלביקן יאָר, 1906, איז אויך דערשינען זיין פריער פון אונדז דער־מאָנטער בוך „די אילוזיעס פון פּראָגרעס". מיטן דאָזיקן בוך האָט ער שוין גאָרנישט אַרויסגעוויזן זיך פאַר אַ פאַלשן נביא! ווער קען דען היינט צו טאָג צווייפלען, אַז דער בורזשואַזער פּאַרגעטערטער „פּראָגרעס" איז פּאָרט געווען און געבליבן איינע פון די גרעסטע אילוזיעס? אַ מין עבודה זרה?

⁂

קאַרל מאַרקס איז געווען סאָרעלס ערשטער לערער. סאָרעל דערציילט אין זיין ווערק „מיין ווידוי", אַז ביז 1897 איז ער געווען אַ פרומער, אַן אָרטאָ־דאָקסאַלער מאַרקסיסט. אָבער לאַנג־לאַנג האָט אים, סאָרעלן, געפּלאָגט איין־איינציק פּראָבלעם, דהיינו: „ווי אַזוי און דורך וועמענס הענט לאָזן זיך די עיקרדיקע מאַרקסיסטישע לערעס פאַרווירקלעכן אין לעבן?" דאָ האָט ער זיך, ווי אומגעריכט, אָנגעשטויסן אויף די לערעס פון געניאַלן פרידריך ניטצשע, און האָט זיי ביסלעכווייז משדך געווען מיט די לערעס פון קאַרל מאַרקס. אויך האָט אים דערביי, גאָר־גאָר אומדערוואַרט, בייגעהאָלפן דער מעטאַפיזישער פילאָזאָף בערגסאָן. (ווייט, ווי הימל פון ערד, פון מאַרקסיזם מיט זיין טעאָריע פון „שעפערישער עוואָלוציע" און פון לעבנס־שוואונג „עלאַן וויטאַל".

נאָך אַ פערטע ליטעראַרישע השפעה, הגם אַ פיל שוואַכערע, איז איבער סאָרעלן געקומען מצד דעם האַלב־גלויביקן, האַלב אַפּיקורסישן שיינגייסט־עסטעטיקער, אַ גרויסן וואָרט־מייסטער — ערנסט רענאַן. פון רענאַנס גלויבן אין דער „רעליגיעזער דאָגמע" אַלס אַ „נוצלעכע, אפילו נויטווענדיקע אָפּנאַ־רעריי", האָט סאָרעל געבאָרגט, און געמאַכט פון אים אַ שטיק אייגענעם קאַ־פּיטאַל, זיין קאָנצעפּציע פון „סאָציאַליסטישן מיטאָס", די איינגלויבונג אָדער איינבילדונג מכוח דער ישועה דורך אַ מין פאַנטאַסטישער אידייע און אַ מין לעגענדאַרישן אידעאַל, אַלס אַ מיטל אויפצוהייבן, און צו שטויסן די מאַסן צו אַ גרויסן רעוואָלט, צו אַ פולן סאָציאַלן איבערבוי.

האָט רענאַן, ווי סאָרעל האַלט, נישט געזוכט צו זיין גענוג טיף און גרינט־לעך? פאַרוואָס עפּעס? ווייל אים, רענאַנען, האָט זיך נישט געגלוסט צו פאַרלירן דעם איינפלוס אויף די פילאָזאָפירנדיקע סאַלאָן־דאַמען, וואָס האָבן פיינט יעדן מין טיפקייט און ערנסטקייט... ווייזט אויס, זיינען טיפקייט און גרינטלעכקייט — אָט די צוויי נישט צו בולטע שטריכן פון פראַנצויזישן גייסט — דווקא יאָ אָנגעלייגט געווען ביים פראַנצויזישן סאָציאַל־פילאָזאָף סאָרעל. צום באַדויערן האָבן זיי, אָט די צוויי ערנסטע אייגנשאַפטן, קיין שום קאָנ־סטרוקטיוו־פּאָזיטיווע ריכטונג נישט אָנגענומען ביי סאָרעלן, און געווען איז ער בלויז אין דער קריטיק שטאַרק און אָריגינעל.

ס'איז אַן אומזיסטע טרחה זיך צו שפּאַרן איבער אַזאַ פלוגתא: איז ביי

סאָרעלן דער מאַרקסיזם „דורכגעבראָכן“ געוואָרן דורכן ניטצשעאַנישן שלייפ־גלעזל, אָדער פאַרקערט — ער האָט ניטצשעס שיטה אויסגעקאָכט אין מאַרק־סיסטישן קאָכקעסל? אַזוי צי אַזוי נאָר די צווייפאַכע השפעה איז אַזוי טיף אַריינגעדרונגען אין סאָרעלס גייסטיקן בנין, אַז פון ביידע באַזונדערע לערעס האָט סאָרעל אויסגעאַרבעט אַ נייע קאָנצעפּציע, ווי אַ שטיק פון איין גוס, אויסקריסטאַליזירט אין סאָרעלס קלוגן און שאַפערישן קאָפּ. דער אויסלאָז פון סאָרעלס שיטה, — אַ קינד פון אַריינוועבן אין זיין וועלט־בילד די לערעס פון צוויי שטורעם־קעמפער קעגן דער בורזשואַזיע, מאַרקס און ניטצשע, — איז: אַז געוואַלט, דאָס מיינט קאַמף און יסורים, איז די איינציקע רפואה פאַר די מכות פון דער קראַנקער בורזשואַזער ציוויליזאַציע.

ווי מאַרקס און ניטצשע איז אויך סאָרעל געווען שטאַרק קריטיש לגבי דער בורזשואַזער דעמאָקראַטיע — מיט איר מאָראַל, פּאָליטיק און כלומרשטער ציוויליזאַציע. די נאָכווייענישן פון דרייפוס־פּראָצעס האָבן באַזונדערס פאַר־שאַרפט סאָרעלס ביטערקייט קעגן דעמאָקראַטישע פּאָליטיקאַנטן און דער בור־זשואַזער פּאָליטיק בכלל. פון אַ קאַמף (אין אָנהויב) פאַר אמת, יושר און מענטשלעכער חשיבות האָט זיך צום סוף אויסגעלאָזן אַ געמיינער געראַנגל צווישן פּאַרטייאישע און פערזענלעכע אַמביציעס און פּראָזאַאישע אַפּעטיטן. דאָס אַלץ האָט ביי סאָרעלן פאַרטיפט די פריערדיקע איבערצייגונג, אַז די סיסטעם פון רעגירונג „דורך, פאַר און פון די מאַסן“ (פאָרמולירט פון פּרעזי־דענט לינקאָלן) איז נישט מער ווי אַ פּוסטע איינרעדעניש, אַ פיקציע; און דאָך איז אָט־די פאָרמולע דער לעצטער אויסלאָז, דאָס שלוס־וואָרט פון דער „דעמאָקראַטישער חכמה“. ס'איז פאַלש, האַלט סאָרעל, צו זוכן ביי די ברייטע מאַסן נאָבעלע שטרעבונגען, געהויבענע אידעאַלן און גוטן ווילן. בלויז די געוואַגטע, מוטיקע מינדערהייט קען און וועט ווערן דער אַוואַנגאַרד און איינ־סטרומענט פון אַ גרויסן סאָציאַלן איבערבייט און איבערבוי, — אַזוי האָט געגלויבט סאָרעל.

די דערפאַרונגען פון די לעצטע 30 יאָר צייט האָבן געוויזן, אַז אויך אָט־דער קוק סאָרעלס איז איינע פון די גרויסע אילוזיעס...

1951

פֿערדינאַנד לאַסאַל — אַ טראַגעדיע פֿון ווילן

אין דער סאָציאַלער באַוועגונג פאַר די לעצטע 100 יאָר איז פערדינאַנד לאַסאַל די איינציקע פערזענלעכקייט, אין וועלכער די אַרבעטער מאַסן האָבן געזען פאַרקערפּערט אַ באַשטימטע אידייע. ס׳ליגט שוין אין דער מענטשלעכער נאַטור צו פאַרקערפּערן אין איין פּערזאָן אַ זאַך, וועלכע איז אין גרונט ניט קיין ממשות, נאָר אַ שטרעבונג, אַ פלי פון גייסט צו העכערע און שענערע וועלטן. דוקא וואָס העכער און אומדערגרייכבאַרער ס׳איז דער ווייטער אידעאַל, אַלץ שטאַרקער איז דער וואונטש צו זען די אידייע פאַרקערפּערט אין אַ געשטאַלט פון בלוט און פלייש. דער דאָזיקער פּערזאָניפיצירונגס־פאַרלאַנג איז דער סוד פון דערפאָלג פון די רעליגיאָנס־גרינדער, מעגן זיי זיין אמתע אָדער פאַלשע נביאים. אין אַ סך לענדער, באַזונדערס אין ענגלאַנד און אַמעריקע, שטעלט מיט זיך פאָר אָט דער פאַרלאַנג אַ באַדייטנדן פאַקטאָר אין פּאַרטיי־קאַמף.

דער נאָמען פון לאַסאַל איז געוואָרן אַ סימבאָל און זיינע אידעאַלן האָבן געשיינט ווי אַ שטערן — אַ וועגווייזער פאַר די שטרייטענדיקע מאַסן פון דעם אָרגאַניזירטן אַרבעטער קלאַס. זיינע טאַלאַנטפול געשריבענע שריפטן, וועלכע זיינען באַשטימט געווען צו דינען אַקטועלע אינטערעסן פון מאָמענט, האָבן איבערגעשטיגן די גרעניצן פון צייטווייליקן דערפאָלג. זיי זיינען געוואָרן קלאַסישע אַגיטאַציע־ווערק פון סאָציאַליזם, און האָבן נאָך ביז היינטיקן טאָג ניט פאַרלאָרן די אַגיטאַטאָרישע ווירקונג. די איבערצייגונגס־קראַפט, וועלכע שפּירט זיך אין די פּאַמפלעטן ווי: „אַרבייטער פּראָגראַם‟, „אַרבייטער לעזבוך‟, די „אַסיזען פאַרטיידיגונגס רעדע‟ און אַנד., האָט אָנגעצונדן ביי הונדערטער טויזנטער דעם קאַמפּס־פייער פאַר די רעכט פון אַרבעט. זיי זיינען פּאָפּולער, אָבער זיינען אויך ניט פריי פון טעאָרעטישע פּרינציפּן, ס׳פעלט אָבער אין זיי לגמרי די פּוסטע פראַזע, דער פראַזע־ראַדיקאַליזם, וואָס איז שטענדיק און איבעראַל דער שאַרפסטער כלי־זין פון די סאָציאַל־דעמאָגאָגן. לאַסאַל איז דער מוסטער פון אַ רעוואָלוציאָנערן רעאַליזם, פון אַן ערלעכן קאַמף פאַר פּאָליטישע צילן אָן די אַמביציעס און היפּאָקריטסטווע פון די פּאָליטישנס, פון די אינטריגאַנטן, פון די „אַדוואָקאַטן פון דער רעוואָלוציע‟, וועלכע ברענגען דעם גרעסטן שאָדן די פרייהייטס־אינטערעסן פון די פעלקער.

אינסטינקטיוו האָבן די מאַסן דערשפּירט, אַז ביי לאַסאַלן איז דער אידעאַל פון אַ באַפרייטן אַרבעטער־קלאַס דאָס טייערסטע און הייליקסטע אין לעבן. ער האָט לייכט געקענט מאַכן אַ גלענצנדיקע קאַריערע אַלס אַ רייכער לאַיער, נאָר זיין מוטיקער ווילן האָט אים געטריבן אויף גאַנץ אַנדערע וועגן, וואָס פירן דורך פּאָליטישע פּראָצעסן, פאַרפאָלגונגען און טורמעס, צו אַנדערע צילן; זיין ווילן

האָט אים פּאַראַייביקט אין אונזיכטבאַרן טעמפּל פון די רעוואָלוציאָנערע קעמ־פער און פרייהייטס־מאַרטירער.

נאָר אַזאַ מענטש איז בכח אַנצוצינדן דעם רעליגיעזן עקסטאַז אין די ברייטע מאַסן, וואָס ווילן אים בלינד פאָלגן אויף לעבן און טויט, און ס׳איז קיין וואונדער ניט, וואָס די לאַסאַל־פאַרערונג האָט צענדליקער יאָר נאָך זיין טויט געטראָגן אַ רעליגיעזן כאַראַקטער. לעגענדעס גאַנצע האָבן אַרומגעוועבט זיין אָנדענק און דרייסיק־פערציק יאָר נאָכאַנאַנד פלעגן דייטשע אַרבעטער אין הונדערטער שטעט צונויפקומען זיך אויף הזכרה־פאַרזאַמלונגען דעם 31טן אויגוסט, אין טאָג, ווען ער איז אין עלטער פון 39 יאָר אומגעקומען ביי אַ דועל מיט אַ ראָמאַנטישן אונטערשלאַג. טראַגיש האָט זיך פאַרענדיקט לאַסאַלס גלענצנדיקע קאַריערע אין אַ יאָר נאָך דעם, ווי זיין 18 יעריקער קאַמף איז געקרוינט געוואָרן מיט דערפאָלג, בעת ער האָט אַוועקגעלייגט דעם ערשטן שטיין אין דעם פונדאַמענט פון דער דייטשער אַרבעטער־באַוועגונג, גרינדענ־דיק דעם „אַלגעמיינעם דייטשן אַרבעטער פאַראיין״.

מיט איין יאָר פאַר דער גרינדונג פון דעם „אַרבייטער פאַראיין״ האָט לאַסאַל געהאַלטן אין בערלין זיין קלאַסישע רעדע, וואָס איז באַקאַנט אונטער דעם נאָמען „אַרבייטער פּראָגראַם״, אָבער אין גרונד איז דאָס אַ לעקטשור אויף דער טעמע: „וועגן דעם באַזונדערן צוזאַמענהאַנג פון דער מאָדערנער געשיכטס־פּעריאָדע מיט דער אידייע פון אַרבעטער שטאַנד״. דאָס איז אין לעצטן סך־הכל אַ גלענצנדיקע פּאָפּולאַריזירונג פון קאַרל מאַרקס „קאָמוניס־טישן מאַניפעסט״ פון 1848. ווי מאַרקס און ענגעלס, גלויבט אויך לאַסאַל אין דעם פאַרטשריטלעכן כאַראַקטער פון דער שטופּענווייזער אַנטוויקלונג פון דער געזעלשאַפט — פון דעם מיטלאַלטערלעכן פעאָדאַליזם דורך דעם שטאַט און קאַפּיטאַליזם, צום סאָציאַליזם. ווי אַ ביטערער חוזק איבער דעם געשיכטלעכן אמת קלינגט לאַסאַלס באַהויפּטונג, אַז דער פּויערים־קריג פון 1524—1525, דער לעצטער און טראַגיש־פאַרשפּילטער פאַרזוך צו דערהאַלטן די פאָרמען פון קאָלעקטיוון באַזיץ קעגן דעם אַנגריף פון דעם שטאַטלעך־באַשיצטן פּריוואַט־אייגענטום אויף גרונד און באָדן, איז אַ רעאַקציאָנערע דערשיינונג. דאַגעגן, זעט ער אין אַבסאָלוטיזם פון די געקרוינטע פירסטן און לאַנד־מאַגנאַטן אַ צייכן פון פּראָגרעס ווייל זיי פאַרקערפּערן דאָך די שטאַטס־אידייע קעגן דער „הפקרות״ פון דעם אומגעצוימטן געזעלשאַפטס־לעבן אין מיטלאַלטער.

ס׳איז באמת אַ שטיק איראָניע, ווען אַזאַ פלאַקערדיקער טריבון און אַפּאָסטאָל פון פרייהייט, ווי לאַסאַל, קען גלויבן, אַז די דערפינדונג פון די באַוול־מאַשינען אין 1775 איז כמעט אַ מער רעוואָלוציאָנערער פאַקט ווי די גרויסע פראַנצויזישע רעוואָלוציע פון 1789. „די דערפינדונג טראָגט שוין אין אירע רעדער און קאַמען אין אַן עמבריאָנעלער פאָרם (אַלס קערנדל) דעם גאַנצן נייעם צושטאַנד פון דער געזעלשאַפט, וואָס גרינדעט זיך אויף דער פרייער קאָנקורענץ און מוז זיך אַנטוויקלען פון דעם דאָזיקן קערענדל מיט דער קראַפט פון אַ לעבנס־נויטווענדיקייט״. אַזוי האָט געקענט דענקען נאָר אַן אָנהענגער פון דעם „אַנטוויקלונגס־גלויבן״, וואָס האָט אָנגענומען אין דייטשלאַנד אין די

פערציקער יאָרן פון 19טן י. ה. דעם כאַראַקטער פון אַן אמתער נייער רעליגיע. דער נביא פון דער דאָזיקער רעליגיע איז געווען דער פילאָזאָף העגעל און דער אָפּגאָט פון איר — די אידייע פון שטאַט, אַז דאָס איז ניט קיין גוזמא באַווייזט דער פאַקט, וועלכן געאָרג בראַנדעס גיט איבער אין זיין „הויפּט־שטרעמונגען אין דער אייראָפּעאישער ליטעראַטור פון 19טן י. ה.", אַז דער יונגער לאַסאַל האָט אַמאָל מיט כעס אויסגערופן: „ניט באַשימפּט דעם שטאַט! דער שטאַט איז גאָט!"

דאָ, אין דער טעזע וועגן דער ראָליע פון שטאַט דאַרף מען אויך זוכן דעם מקור פון די שאַרפע חלוקי דעות צווישן פערדינאַנד לאַסאַל און מאַרקס און ענגעלס. די באַגרינדער פון „וויסנשאַפטלעכן סאָציאַליזם" האָבן ניט געוואָלט זען קיין גרויסעס אין לאַסאַלס „אַרבייטער פּראָגראַם" און האָבן דערקלערט, אַז זי איז ניט מער ווי אַ שלעכטע וואולגאַריזירונג פון זייער „קאָמוניסטישן מאַניפעסט" און פון אַנדערע זאַכן וועלכע זיי האָבן אָפּט געפּריידיקט. אמת איז, אַז לאַסאַל האָט אין זיין רעדע אָפּגעשוואַכט די באַדייטונג פון דער מאַטעריאַ־ליסטישער געשיכטס־אויפפאַסונג. ער האָט באַטאָנט די קעגנזייטיקע ווירקונג פון ביידע פאַקטאָרן — די קולטורעלע און רעכטלעכע דערשיינונגען פון איין זייט, און דעם „ווירטשאַפטלעכן פונדאַמענט" פון דער צווייטער זייט. אָבער ניט דאָס איז געווען דער וויכטיקסטער שטרייטפּונקט, ווייל אויך ענגעלס האָט ניט מער אַזוי פעסט געגלויבט אין דעם כלל־גדול פון דעם „ווירטשאַפטלעכן פונדאַמענט". דער אמתער צושיידונגס־פּונקט איז די שטעלונג צו דער שטאַטס־אידייע, וועלכע איז ניט זייער קלאָר אויסגעדריקט געווען ביי מאַרקס און ענגעלסן. ביי לאַסאַלן איז אָבער גראָד דער דאָזיקער פּונקט געווען אַמ־קלאָרסטן און בולטסטן אויסגעאַרבעט. זיין לאָזונג איז געווען: אַ פּאָליטישע פּאַרטיי צוליב פּאָליטישע פרייהייטן און אין נאָמען פון אַ סאָציאַליסטישן שטאַט. לאַסאַל — דער פאָטער פון שטאַטס־סאָציאַליזם, אָט דאָס איז דער קורצער סך־הכל פון לאַסאַלס סאָציאַל־פּאָליטישע טעאָריעס.

ס'איז גאַנץ נאַטירלעך, אַז די אַקטועלע פּאָליטישע פאָדערונגען פון פער־דינאַנד לאַסאַל האָבן זיך געדרייט אַרום אַזעלכע פראַגן ווי דאָס אַלגעמיינע, גלייכע, דירעקטע און געהיימע וואַלרעכט און פּרעסע־פרייהייט. שוין אין עטלעכע יאָר נאָך זיין טויט, ווען ס'איז פאַרעפנטלעכט געוואָרן, נאָך דעם דייטש־עסטרייכישן קריג פון 1866, די קאָנסטיטוציע פון נאָרד־דייטשן בונד, האָט מען דאָס דייטשע פאָלק מזכה געווען מיט אַ פרייהייטלעכן וואַל־געזעץ. נאָך דעם דייטש־פראַנצויזישן קריג, אין 1872, איז אַנטשטאַנען דער דייטשער רייכסטאַג מיט גאַנץ דעמאָקראַטישע וואַל־באַשטימונגען. אָט דער דאָזיקער רייכסטאַג האָט עס שפּעטער אַנטפּלעקט פאַר דער וועלט ווי שטאַרק ס'איז געווען די דייטשע סאָציאַל־דעמאָקראַטיע, דאָס גייסטיקע קינד פון פערדינאַנד לאַסאַל.

מיר ווייסן איצט, אַז אין גרונט איז די דייטשע סאָציאַל־דעמאָקראַטיע געווען „אַ ריז אויף ליימענע פיס", און טראָץ אירע וואונדערלעכע וואַל־דער־פאָלגען האָט זי דאָך קאַפּיטולירט פאַר דער בורזשואַזיע און גאַנץ ווייניק אויפ־

געטאָן פאַר דער דערנענטערונג פון סאָציאַליזם. ס'קען דעריבער געשטעלט ווערן די פראַגע: צי איז ניט דער טראַגישער דורכפאַל פון דער דייטשער סאָציאַל־דעמאָקראַטיע אַ פאַרשפּעטיגטע שטראָף פאַר די לאַנג־פאַרגעסענע יוגנט־חטאים? איז אפשר לאַסאַל געווען ניט קיין פירער, נאָר אַ פאַרפירער פון דעם אַרבעטער־קלאַס און די געדאַנקען, וואָס ער האָט איינגעהאַמערט אין די קעפּ פון די מאַסן, זיינען גאָרניט מסוגל צו ברענגען קיין בעסערע פּרוכט? וועט טאָקע די געשיכטע איצט אורטיילן וועגן דעם גרויסן דייטש פאָלקס־טריבון אַנדערש ווי ס'איז געווען איר פּסק־דין פאַר דעם אויסברוך פון וועלט־קריג?

די פראַגן זיינען צו שווערע מ'זאָל קענען געבן אויף זיי אַ קורצן און איינפאַכן ענטפער. געוויס איז די דייטשע סאָציאַל־דעמאָקראַטיע דער טראַגישסטער ביישפּיל פון דער געפאַר פון אָפּאָרטוניזם, פון דעם לייכטזיניקן גלויבן, אַז מ'קען דינען צוויי געטער פאַראַמאָל — אי יהוה'ן אי בעל'ן. אין עצם איז זי אַן אינטערנאַציאָנאַליסטיש־סאָלידאַרישע באַוועגונג, ווי ס'האָבן געחלומט די ערשטע גרינדער פון דער פּאַרטיי, און דאָך איז זי דורך דעם שידוך מיט דעם בירגערלעכן שטאַט, אַ דאַנק דער פאַרמיטלונג פון דעם פּאַרלאַמענט, געוואָרן אַ נאַציאָנאַליסטיש־עגאָאיסטישע פּאַרטיי אָרגאַניזאַציע אָן גרויסע מענטשהייטס־לאָזונגען און אָן קאַטעגאָרישע עטישע פּרינציפּן.

ניט אַזוי איז נאָך אָבער געווען די פּאַרטיי אין דייטשלאַנד אין די ערשטע 15־20 יאָר פון איר לעבן, אין איר ראָמאַנטישן פּעריאָד, דוקא ווען דער אָנדענק פון איר גרויסן לאַסאַל האָט נאָך אַזוי לעבעדיק געווירקט אויף די פירער און די מאַסן.

איז, אַלזאָ, פערדינאַנד לאַסאַל דאָך ניט שולדיק אין דער מפּלה פון זיין שאַפונג!?

ניין. אויך אַזוי קען מען אויף דער פראַגע ניט ענטפערן. מיר ווייסן, אַז לאַסאַל האָט אין זיין סאָציאַל־עקאָנאָמישער טעאָריע באַגאַנגען זייער גרויסע פעלערן. וואָס איז דען זיין באַרימטער „אייזערנער לוין־געזעץ", וועלכער לייקנט אָפּ די מעגלעכקייטן פאַר דעם אַרבעטער קלאַס צו פאַרבעסערן די עקאָנאָמישע לאַגע בעפאָר דער סאָציאַלער רעוואָלוציע? — אַ גרויסער טעאָרעטישער פעלער, וועלכער האָט געהאַט די פּראַקטישע פאָלגן, אַז ס'איז גאַנץ באַדייטנדיק צוריקגעהאַלטן געוואָרן די דייטשע יוניאָן באַוועגונג. נאָך אַ פלאַנטער האָט לאַסאַל באַשאַפן מיט זיין טעאָריע פון די שטאַטלעך־סובסידירטע פּראָדוקציאָנס־קאָאָפּעראַטיוון אַלס אַ וועג צו דער באַפרייאונג פון דעם אַרבעטער קלאַס. דורך אַט דעם חלום איז אויף לאַנג פאַרטאַרמאַזירט געוואָרן די אַנטוויקלונג פון דער פרייוויליקער אַרבעטער קאָאָפּעראַציע דורך די קאָנסום־פאַראיינען, וועלכע זיינען שפּעטער געוואָרן אין גאַנץ אייראָפּע די וויכטיקסטע פאָרם פון קאָאָפּעראַציע צווישן די אַרבעטער.

אויב לאַסאַל האָט געקענט מאַכן אַזעלכע פעלערן אַלס אַ סאָציאַל־עקאָנאָמיסט, איז ניט אויסגעשלאָסן, אַז אויך לאַסאַל — דער סאָציאַל־פילאָזאָף,

זאָל געשטרויכלט ווערן אויף אַ וועג, וועלכער איז נאָך מער גליטשיק און געפערלעך — דער וועג פון סאָציאַל־פּסיכאָלאָגיע און עטיק. מיר האָבן איצט אַ רייכע ליטעראַטור וועגן לאַסאַלס כאַראַקטער און וועזן און ס׳קען שוין מער קיין ספק ניט זיין, אַז אין זיין גייסט איז געווען אַ טראַגישער ריס, אַ שטענדיקער קאַמף פון צוויי קעגנגעזעצטע קרעפטן. פון איין זייט איז דאָס געווען דער מאָראַלישער אימפּולס, דער גלויבן אין אַבסאָלוטע גייסטיקע ווערטן און אין דער קראַפט פון ווילן, און פון דער צווייטער זייט — די אַנערקענונג פון דער פאָראויסבאַשטימטער אַנטוויקלונג פון דער סאָציאַלער געזעצמעסיקייט און אומפּייאיקייט פון גייסט צו באַשטימען דעם געשיכטלעכן פּראָצעס. ער איז געווען דערצויגן און האָט געבויט זיינע טעאָריעס אויף די ווערק פון די צוויי גרעסטע סאָציאַל־פילאָזאָפן פון דייטשלאַנד אין דער ערשטער העלפט פון 19טן י. ה. — העגעל און פיכטע — אָבער אין גרונט זיינען די צוויי געווען דער היפּך איינער פון אַנדערן און מ׳קען אין קיין פאַל צווישן זיי קיין פילאָזאָפישן סינטעז ניט מאַכן.

אַ צעשפּליטערטע נאַטור האָט געמוזט האָבן לאַסאַל — דער מענטש, און דעריבער אויך לאַסאַל — דער פירער. זיין לעבן איז איין גרויסע טראַגעדיע פון דעם מענטשלעכן ווילן, וועלכער שטעלט זיך די שווערסטע אויפגאַבע און וויל זיך מקריב זיין פאַר דעם כלל, כדי אַרויסצופירן די פאַרשקלאַפטע מאַסן פון דעם מצרים פון לוין־קנעכטשאַפט און פּראָפיט־סיסטעם. אָבער דער העלד קען ניט דעם ריכטיקן וועג, וואָס פירט צו דער פרייהייט, און לאָזט איבער דאָס פאָלק אינמיטן וועג... אַ יונגער דייטשער דיכטער האָט מיט אַ פּאָר יאָר צוריק דראַמאַטיזירט לאַסאַלס לעבן און שאַפן און האָט אָנגערופן זיין ווערק: „פערדינאַנד לאַסאַל: די טראַגעדיע פון ווילן״.

איצט, אין הונדערט יאָר נאָך דער געבורט פון דעם פלאַקערדיקן טריבון, וועלכער האָט אַריינגעפלאַנצט אין טויזנטער הערצער די פאַרשטענדעניש פאַר „דעם אָרגאַנישן וועג פון דער סאָציאַלער באַפרייאונג״ ווי ס׳האָט געזאָגט עדואַרד בערנשטיין, אָדער ריכטיגער — די פאַרשטענדעניש פאַר דער באַדייטונג פון אָרגאַניזאַציע, זעען מיר קלאָר צוויי זאַכן: 1) ווי ווייט ס׳איז נאָך די אַרבעטער באַוועגונג פון איר ענדציל, און 2) ווי שוואַך ס׳איז די ווירקונג פון די אויסערלעכע פאָרמען ווען ס׳בייט זיך ניט גלייכצייטיק דער אינעווייניקסטער וועזן פון דעם קאָלעקטיוו, וועלכער ווערט, ווי לאַסאַל האָט געגלויבט, דערציען און דערפירן די גאַנצע מענטשהייט צו דער פרייהייט.

1925.

מ. באַקונין און דער „קאָמוניסטישער מאַניפֿעסט״ פֿון מאַרקס און ענגעלס

1

אין דער גרויסער ליטעראַטור פון מאַרקסיזם און באַקוניזם בלייבט ביז איצט אַ ווייניק אויפגעקלערטער ענין. דאָס איז די פראַגע פון דער ערשטער רוסישער איבערזעצונג פון עפּאָכע־מאַכנדיקן „קאָמוניסטישן מאַניפעסט״ פון יאָר 1848. אין זיין באַוואוסטן בוך וועגן אָט־דעם „קאָמוניסטישן מאַניפעסט״ שרייבט דער באַלשעוויסטישער טעאָרעטיקער ריאַזאַנאָוו־גאָלדנדאַך (מאָסקווע, 1930, 6טע אויפלאַגע), אַז פּלעכאַנאָוו האָט מיט זיין איבערזעצונג — (זשענעווע, 1882) פאַרבעסערט די ערשטע, די באַקונינשע, איבערזעצונג וועלכע איז דער־שינען נאָך מיט 12 יאָר פריער. צו פּלעכאַנאָווס איבערזעצונג האָבן אָנגע־שריבן אַ ספּעציעלע הקדמה מאַרקס און ענגעלס מיט אַ באַהויפּטונג, אַז באַקו־נינס איבערזעצונג איז דערשינען נאָך אין אָנהייב די 1860ער יאָרן אין זשע־נעווע. אין דער אמתן איז די איבערזעצונג, וואָס איז געגאַנגען אונטער באַקונינס נאָמען, דערשינען ערשט אין יאָר 1870, ווי מ׳זעט עס פון ביבליאָ־גראַפישע רשימות פון יענער צייט. דער טעות איז געבליבן אַ טיף־איינגע־וואָרצלטער, באשר די ערשטע רוסישע איבערזעצונג פון קאָמוניסטישן מאַני־פעסט איז שוין זינט אַ צייט מיט יאָרן ביזן היינטיקן טאָג איינע פון די גרעסטע ביבליאָגראַפישע זעלטנהייטן. אַנאַרכיסטישע שרייבער און היסטאָריקער, ווי מ. נעטלוי און ג. מאַקסימאָוו, האַלטן בכלל פאַר פאַלש די השערה, אַז די ערשטע איבערזעצונג פון „קאָמוניסטישן מאַניפעסט״ וואָס איז פאַרטיק געוואָרן אין 1869 אָדער 1870, שטאַמט פון באַקונינס פעדער. אויף מיין אָנפראַגע מכח דעם ענין האָט דער פאַרשטאָרבענער חבר ג. מאַקסימאָוו פון שיקאַגאָ, איינער פון די גרעסטע באַקונין־קענערס, מיר געענטפערט אין אַ בריוו פון 12טן פעבר. 1948, וואו ער שרייבט:

דער „קאָמוניסטישער מאַניפעסט״ פון מאַרקס־ענגעלס איז פון עמיצן איבערזעצט אָדער אויסגעלייגט געוואָרן אויף רוסיש אין די 60ער יאָרן און שפּעטער האָט סערגעי נעטשאַיעוו, דוכט מיר אין „נאַראָדנאַיאַ ראַספּראַוואַ״, אין 1869 אָדער 1870, אַנאָנסירט דאָס דערשיינען פון „קאָמוניסטישן מאַניפעסט״. אַזוי אָבער ווי באַקונין איז נאָך פון פריער געווען פאַרבונדן מיט נעטשאַיעוון, האָט זיך אָנגעפאַנגען פאַרשפּרייטן דער קלאַנג, אַז דווקא באַקונין האָט געמאַכט די רוסישע איבערזעצונג פון „קאָמוניסטישן מאַניפעסט״.

סטעקלאָוו, דער מחבר פון דער ריזיק־גרויסער באַקונין־ביאָגראַפיע, זאָגט בפירוש, אַז ס׳זיינען נאָך עד־היום קיין שום ראיות נישט פאַראַן, אַז באַקונין זאָל דעם „מאַניפעסט״

האָבן איבערזעצט אין רוסיש. טשערקעזאָוו האָט געהאַלטן, אַז באַקונין האָט נאָך אין 1862 איבערזעצט דעם „מאַניפעסט", וואָס דאָס איז זיכער אַ טעות.

באַקונינס באַציאונג צום „קאָמוניסטישן מאַניפעסט", אָדער — גענויער געזאָגט — צו זיין הויפּט־אידייע, איז אויסגעדריקט געוואָרן אין באַקונינס ווערק „די שטאַטלעכקייט און די אַנאַרכיע" („גאָלאָס טרודאַ", מאָסקווע, 1922). די ערשטע אָריגינעלע רוסישע אויסגאַבע פון „קאָמוניסטישן מאַניפעסט" האָב איך קיינמאָל נישט געזען. ג. מאַקסימאָוו

אין דער באַטרעפנדיקער שטעלע פון באַקונינס „שטאַטלעכקייט און אַנאַרכיע" (אָנגעשריבן אין 1872, אַ פּאָר יאָר פאַר באַקונינס טויט) ווערט געשריבן:

דער הויפּט־גרונטזאַץ פון „קאָמוניסטישן מאַניפעסט" זאָגט, אַז די געשיכטע פון דער געזעלשאַפטלעכער באַוועגונג איז די געשיכטע פון קלאַסן־קאַמף. די היינטצייטיקע בורזשואַזע געזעלשאַפט האָט, אָנשטאָט די אַלטע קלאַסן, געשאַפן פּלאַץ פאַר די נייע פיינדלעכע קלאַסן — די בורזשואַזיע און דער פּראָלעטאַריאַט. די בורזשואַזיע האָט אָפּגעשפּילט אַן אומגעהייערע ראָלע אין דער געשיכטע פון דער אַלגעמיינער עקאָנאָמישער אַנטוויקלונג, געוואַלדיק אויפהייבנדיק די פּראָדוקטיווע כוחות. במילא האָט געמוזט קומען אַ צוזאַמענשטויס פון די אייגנטום־באַציאונגען. דער וואוקס פון די פּראָדוקטיווע כוחות פירט צו אַ געוואַלדיקער איבערמאָס פון פּראָדוקטן און סחורות, וועלכע די פּאַראַרימטע מאַסן זיינען לחלוטין נישט בכוח אָפּצוקויפן. דאָס פירט צו קריזיסן און אויפטרייסלונגען. דער פּראָלעטאַריאַט וואַקסט אין צאָל אויפן חשבון פון די אונטערשטע שיכטן פון מיטל־קלאַס, און דער פּראָלעטאַריאַט ווערט כסדר מער און מער עקספּלואַטירט. אָבער, צוזאַמען מיט אַזאַ אַנטוויקלונג, איז נישט נאָר ס'מוז וואַקסן די צאָל פּראָלעטאַריער, נאָר זיי גרופּירן זיך אין גאַנץ גרויסע מאַסן, ס'וואַקסט זייער כוח, און דער קלאַסן־באַוואוסטזיין פון די פּראָטעסטירנדיקע אַרבעטער ווערט אַלץ קלאָרער און דייטלעכער פאַרן אונטערדריקטן קלאַס גופא. דער פאַרביטערטער קאַמף פון פּראָלעטאַריאַט פירט אים צום זיג, צו דער פאַרכאַפּונג פון דער מאַכט, כדי איבערצובויען די געזעלשאַפט אויף נייע יסודות. דער „קאָמוניסטישער מאַניפעסט" שליסט זיך מיטן רוף: „פּראָלעטאַריער פון אַלע לענדער, פאַראייניקט זיך".

אין אָט־דעם גרויסן ווערק זיינעם, „שטאַטלעכקייט און אַנאַרכיע", ווערט פון באַקונינען שאַרף קריטיקירט דער אויטאָריטאַרישער גייסט און צענטראַליזם פון קאַרל מאַרקס לערעס, אָבער בנוגע באַקונינס שטעלונג צום „קאָמוניסטישן מאַניפעסט" קען אָט־די שטעלונג כאַראַקטעריזירט ווערן ווי טאָלעראַנט, אָביעקטיוו און אין בעסטן גייסט פאַר מאַרקסיסטיש־נייטראַל. דאָס דאַרף אונדז, אַגב, ווינציק וואונדערן. ווייל ביזן סוף די 1860 יאָרן, איז באַקונינס סאָציאַל־עקאָנאָמישע געדאַנקען־וועלט, זיין פּאָליטישע שטעלונג געווען היפּש נאָענט צו די אָנזיכטן פון קאַרל מאַרקסן. ס'איז באַקאַנט באַקונינס אַ מיינונג וועגן ק. מאַרקסן, דעם ווײסנשאַפטסמאַן, וואו באַקונין זאָגט:

מאַרקס אַלס דענקער גייט אויפן ריכטיקן וועג. ער האָט פעסטגעשטעלט דעם פּרינציפּ, אַז אַלע פּאָליטישע, רעליגיעזע און יורידישע אַנטוויקלונגען אין דער געשיכטע זיינען נישט די אורזאַכן, נאָר גאָר די רעזולטאַטן, פון די עקאָנאָמישע אַנטוויקלונגען. דאָס איז אוודאי אַ גרויסער און פרוכטבאַרער געדאַנק, וועלכן מאַרקס אַליין האָט געוויס נישט דערפונדען. מ'האָט אים שוין געשפּירט, טיילווייז אויסגעדריקט אַ סך מאָל פאַר אים. אָבער מאַרקסן

קומט דער כבוד צו האָבן פעסטגעלייגט דעם־אַ פרינציפּ, און פון אים געמאַכט אַ יסוד פאַר דער גאַנצער מאַרקסיסטישער עקאָנאָמישער לערע. פון דער צווייטער זייט, האָט פּרודאָן פיל בעסער פאַרשטאַנען און געפילט דעם פרייהייט־פּרינציפּ.

(ציטירט פון פ. ברופּבאַכערס בוך: „באַקונין און מאַרקס", מינכען, 1913, זז' 77).

נאָך אַ קלאָרערער סימן פון באַקונינס נאָענטער פאַרבונדנקייט מיט געוויסע טעאָרעטישע יסודות פון מאַרקסיזם, געפינט זיך אין באַקונינס אַ בריוו צו ק. מאַרקסן פון יאָר 1868, וואָס איז געווען אָפּגעדרוקט אין דר. פריץ ברופּ־באַכערס נאָר וואָס דערמאָנטן בוך (זז' 77—78), און פון דאָרטן וועלן מיר דאָ ציטירן:

מיין אַלטער פריינט !... דו פרעגסט, צי כ'בין נאָך אַלץ געבליבן דיין פריינט ? געוויס, נאָך מער ווי ווען ס'איז פריער, ליבער מאַרקס, וויל מער ווי ווען פריער פאַרשטיי איך, ווי רעכט דו האָסט געהאַט בשעת דו ביסט אַוועק אויפן וועג פון עקאָנאָמישער רעוואָ־לוציע און האָסט אונדז אויך גערופן דאָס צו טאָן. דו האָסט ניט געהאַלטן פון אונדז, ווייל מיר האָבן זיך אַריינגעטאָן און זיך פאַרלאָרן אין נאַציאָנאַלע אָדער אויסשליסלעך פּאָליטישע אונטערנעמונגען. איך טו איצט דאָס וואָס דו האָסט געטאָן מיט 20 יאָר צוריק. זינט דעם פייערלעכן, עפנטלעכן צעגיין זיך מיט די בורזשואַזע לייט אויפן קאָנגרעס אין בערן(גע־מיינט דעם קאָנגרעס פון דער „פרידענס־ליגע" אין בערן), וויל איך שוין מער פון קיין שום אַנדערער געזעלשאַפט, פון קיין שום אַנדערע סביבה ווי די אַרבעטער־וועלט ניט וויסן און הערן. מיין פאָטערלאַנד איז טאַקע דער „אינטערנאַציאָנאַל", וואָס דו ביסט געווען איינער פון זיינע וויכטיקסטע גרינדער. דאָ זעסטו, אַלזאָ, מיין ליבער פריינט, אַז כ'בין געבליבן דיין תלמיד און בין טאַקע שטאָלץ דאָס צו זיין.

באַקונין פאַררופט זיך דאָ קלאָר און אָפן אויפן יאָר 1848 (20 יאָר פאַרן יאָר 1868) — די צייט ווען מאַרקס און ענגעלס זיינען שאַרף אַרויסגעטראָטן מיט זייער עפּאָכע־מאַכנדיקן „קאָמוניסטישן מאַניפעסט". דאָס גופא קען שוין דינען ווי אַ ראיה פאַר דער השערה, אַז דווקא אין יענער צייט, ד. ה. אין 1868—1869, האָט באַקונין, אָדער מיט דער הילף פון דעם יונגן רוסישן רע־וואָלוציאָנער, ס. נעטשאַיעוו, וואָס איז דעמאָלט גראָד געווען אָנגעקומען פון פעטערבורג קיין שווייצאַריע, אָדער אינגאַנצן אַליין, זיך אָפּגעגעבן מיטן אי־בערזעצן צום דרוק דעם „קאָמוניסטישן מאַניפעסט". אגב, האָט דאָך באַ־קונין, טאַקע אין 1868, געמאַכט דעם אָנהייב פון זיין פּראָיעקטירטער גרויסער אַרבעט־ — צו איבערזעצן מאַרקס'ס „קאַפּיטאַל" אויף רוסיש. במילא לייגט זיך גאַנץ גוט אויפן שכל, אַז ער, באַקונין, האָט אפשר געקענט זיין אַ בעלן אויף אַליין צו איבערזעצן אָדער לפּחות רעדאַקטירן עמיצנס אַ צווייטנס רוסישע איבערזעצונג אויך פון „קאָמוניסטישן מאַניפעסט".

מ'קען, אגב, פון די איצט געעפנטע געהיימע אַרכיוון פון דער צאַרישער רעגירונג שוין מיט זיכערקייט זאָגן, אַז דאָס דערשיינען פון דער רוסישער איבערזעצונג פון „קאָמוניסטישן מאַניפעסט" איז געווען מער פאַרבונדן מיטן יאָר 1869 ווי מיט 1870, הגם ביז איצט, לויט אַלע ביבליאָגראַפישע רשימות, איז 1870 גאָר געוויזן געוואָרן אַלס דאָס דערשיינען־יאָר פון דער בראַשור. אין דעם מאָסקווער רעוואָלוציאָנער־געשיכטלעכן זשורנאַל „קאָטאָרגאַ אי ססילקאַ",

איז אין יאָר 1933 דערשינען אַ נאָטיץ*) וועגן אַ פּעקל אַרכיוו־דאָקומענטן פון דער טרויעריק־באַרימטער דריטער אָפּטיילונג פון דער קייזערלעכער קאַנצע־לאַריע — אַ צענטראַל העכסט־געהיים־פּאָליצייאישע אַנשטאַלט, נאָך זינט די צייטן פון ניקאָלאַי דעם ערשטן — וואָס וואַרפט [illegible] שטראַל ליכט אויפן דאָ איצט באַהאַנדלטן ענין. אויפן דאָזיקן פּעקל „אַקטן" פון יאָר 1869 איז געווען אַן אויפשריפט: „וועגן אויפרופן, געקומענע פון אויסלאַנד, אויף פאַרשידענע נעמען, און וועגן ידיעות מכח אַט־די פּערזאָנען".

די פאַר־געשיכטע פונם דאָזיקן פּעקל אַקטן איז אַזאַ. סוף יאַנואַר 1869, איז דער יונגער רעוואָלוציאָנער און קלעגלעך־באַרימטער (מיט זיין מאָראַלישן ציניזם און הפקרות) ס. ג. ניעטשאַיעוו (1847—1887) אַנטלאָפן פון פּעטערבורג, און איז שוין אין מערץ 1869 אָנגעקומען אין זשענעווע, שווייצאַריע. דאָרט האָט אים צו זיך מקרב געווען באַקונין. אַ שטיקל צייט האָבן זיי ביידע צוזאַמען געאַרבעט איבער קלענערע און גרעסערע רעוואָלוציאָנער ליטעראַרישע ווערק. פון מערץ 1869 אָן, האָבן פון זשענעווע אָנגעהייבן אָנצוקומען אין פּעטערבורג „טריפענע" פּאָסט־פּאַקעטן, וועלכע די פּעטערבורגער צענזור פלעגט כסדר פאַרהאַלטן. דאָס זיינען געווען פּראָקלאַמאַציעס, אויפרופן, בראשונה, שאַפונ־גען פון באַקונין, ניעטשאַיעוו, א. א. וו., אַמאָל מיט אונטערשריפטן און עפּטער — אינגאַנצן אָן די נעמען פון די מחברים. ווי גרויס און שטאַרק איז געווען דער צושטראָם פון דער געהיימער ליטעראַטור, קען מען זען פון דעם, אַז זייט סוף מערץ ביזן סוף חודש אויגוסט, זיינען בלויז אויפן פּעטערבורגער פּאָטשט־אַמט פאַרהאַלטן געוואָרן 500 פאַרבאָטענע פּאָסט־פּאַקעטן, אַדרעסירטע צו 387 פּערזאָן. פון די דאָקומענטן אין יענעם פּעקל דערוויסט מען זיך, אַז די פּע־טערבורגער פּאָסט־צענזור האָט צום ערשטן מאָל דערטאַפּט און פאַרהאַלטן די רוסישע איבערזעצונג פון „קאָמוניסטישן מאַניפעסט" דעם 8טן נאָוועמבער 1869. ס'איז אָבער אַן אַלטער איינפיר פון די בוך־פאַרלעגער און דרוקערס, אַז אויף אַלע ביכער און בראָשורן, וואָס גייען אַרויס אין די לעצטע חדשים אין יאָר, צו שטעלן אויפן שער־בלאַט שוין נישט דעם לויפנדיקן יאָר, נאָר דעם אָנקומענדיקן, דעם נייעם יאָר, ד. ה. — 1870. במילא דערקלערט זיך דער „ווידערשפּרוך" מכח דעם פאַקטישן דאַטום פון אָפּדרוקן די בראשור (1869) און דעם יאָר, וואָס איז פאַרצייכנט געוואָרן אין די ביבליאָגראַפישע רשימות פון יענער צייט — 1870.

2

די צווייטע זייט פון אונדזער טעמע האָט צו טאָן מיט'ן אינהאַלט פון „קאָמוניסטישן מאַניפעסט" אין ליכט פון דער פרייהייטלעך־סאָציאַליסטישער אידעאָלאָגיע בכלל, און ספּעציעל אין שייכות מיט באַקונינס גרונט־אידייען פון זיינע לעצטע לעבנס־יאָרן, נאָכן צוזאַמענברוך פון פּאַריזער רעוואָלוציאָנערן אויפשטאַנד אין 1871.

*) „קאַטאָרגאַ אי ססילקאַ" (קאַטאָרגע און פאַרשיקונג) באַנד 3, זז' 173—174.

דער עיקר־פונקט פון דער מאַרקס־ענגעלס לערע, וואָס דער אַנהייב־קערנדל פון איר געפינט זיך שוין אין „ק. מ.", באַשטייט ווי געזאָגט, אינם טעזיס, אַז די ווידערשפּרוכן צווישן די פּראָדוקציע־פאָרמען און די אייגנטום־פאָרמען באַשטימען דעם גאַנג פון סאָציאַלע און היסטאָרישע פּראָצעסן בכלל, און אַז אין זיי, אין אָט־די ווידערשפּרוכן, דאַרף מען זוכן דעם שליסל צו די רעטענישן און פּראָבלעמען פון דער געזעלשאַפטלעכער אַנטוויקלונג. אויך איז כאַראַקטעריסטיש פאַרן „ק. מ.", אַז אין אים ווערן געבראַכט נישט ווייניק באַווייזן מכח אַ מין פאַטאַלער אויטאָמאַטישקייט, ד. ה. דער „אומפאַרמייד־לעכקייט", פון דער סאָציאַלער רעוואָלוציע. אָט־די אַרגומענטאַציע האָט מען נאָך ביז אַן ערך 1900, אָנגעטראָפן אפילו ביי געוויסע אַנאַרכיסטישע וואָרט־פירער אויך.

איז קודם־כל נויטיק צו אַנאַליזירן, קאָנסטרוקטיוו־קריטיש, דעם סאָ־ציאַל־פילאָזאָפישן היסטאָריאָסאָפישן דאָקומענט, דעם „ק. מ.", לויט די פיר באַזונדערע הויפּט־טיילן זיינע.

דער ופטער טייל קען, זייער בקיצור, אַזוי פאָרמולירט ווערן: ס'וועט געגעבן אַן איבערבליק פונם אויפקום פון דער בורזשואַזיע אויף די חורבות פון דער פעאָדאַלער סיסטעם פון אייגנטום־באַציאונגען; אויף די חורבות פון דער רעגירונג און פון דער אַלטער עטישער סיסטעם, וואָס ווערן צעשטערט און צעפוילט אינעם גאַנג פון דער געשיכטע. ווייטער, ווייזט מען דאָרט, ווי אַזוי די מעכטיקע פּראָדוקטיווע כוחות, געשאַפענע פון דער בורזשואַזיע, מוזן אויסוואַקסן צו אַ גראַד, וואו זיי גופא האַרמאָנירן גאָר נישט מיט די בורזשואַזע אייגנטום־באַציאונגען און מיט דער בורזשואַזער איבערהערשאַפט. שליסלעך, ווערט אַרויסגעבראַכט דער כלל, אַז דער פּראָלעטאַריאַט איז דווקא דער נייער רעוואָלוציאָנערער קלאַס, וואָס נאָר ער אַליין קען באַהערשן די כוחות פון דער מאָדערנער אינדוסטריע, און וועט מאַכן אַ סוף צו דער עקספּלואַטאַציע פון מענטש דורך מענטש.

אַ ווינקלשטיין פון אָט־דעם טעאָרעטישן בנין איז די השערה, אַז ס'שטייט פאָר, אָדער ס'קומט פאָר, אַן אויטאָמאַטישע און כסדר שטייגנדיקע פּראָלעטאַ־ריזאַציע פון די פויערים־אייגנטימער, פון די נידעריקערע שיכטן פון קליינ־בירגערטום און פון די קליינע אינדוסטריאַליסטן און הענדלערס, בעת דער קלאַס פון דער גרוס־בורזשואַזיע האָט שוין, אין אַ קליינער צאָל הענט קאָנ־צענטרירט כמעט דעם גאַנצן רייכטום (אייגנטום).

אין שייכות מיט דער ראָלע פון פויערים־קלאַס אין דער מאָדערנער סאָ־ציאַלער און פּאָליטישער געשיכטע, זיינען מאַרקס און ענגעלס אַריינגעפאַלן אין איינעם פון זייערע גרעסטע טעותן. זיי האָבן זיך גערעכנט נאָר מיט די אומשטענדן און באַדינגונגען פון די צוויי, שוין צו יענער צייט אינדוסטריאַ־ליזירטע, מערב־אייראָפּעאישע לענדער, ענגלאַנד און פראַנקרייך. זיי האָבן געלויבט די בורזשואַזיע דערפאַר, וואָס אַ דאַנק דער אַנטוויקלונג פון די פאַב־ריקן און שטעט, איז אַ גרויסער טייל פון פאָלק געראַטעוועט געוואָרן פונעם „אידיאָטיזם פון דאָרפישן לעבן" (זייער אייגענער אויסדרוק). די פויערים און

פּאַרמערס (קליינע ערד־אייגנטימער) ווערן פון זיי צוגערעכנט, צוזאַמען מיט די האַנטווערקער, קליינהענדלערס און קרעמערס, צו דער קליין־בורזשואַזיע, וואָס איז אַן אומסטאַבילער רעאַקציאָנערער קלאַס. אַט־די לייט פירן דעם קאַמף קעגן דער גרויס־בורזשואַזיע נישט פאַר רעוואָלוציאָנערע צילן, נאָר כדי אויפצוהאַלטן דעם אייגענעם בורזשואַזן סטאַטוס. דאָך האָט די געשיכטע פון די רעוואָלוציעס פון 1848, און פון אַלע אַנדערע רעוואָלוציעס אין די שפּעטער־דיקע הונדערט יאָר אין כמעט גאַנץ אייראָפּע געוויזן, אַז דווקא אַן דער אַקטי־ווער פאַראינטערעסירונג און שטיצע פון פּויערטום קען קיין שום רעוואָלוציע נישט געקרוינט ווערן מיט דערפאָלג.

ס׳זיינען אַוועק הונדערט יאָר נאָכן אַרויסזאָגן אַט־די „פּראָלעטאַריזאַציע־נבואה״, און מיר זעען איצט, אַז די סוחרים זיינען נאָך גאַנץ ווייט פון צו זיין רואינירט; די קליינע אינדוסטריאַליסטן זיינען נישט געוואָרן פאַרזונקען אין פּראָלעטאַריאַט; און ס׳איז היפּש ווייט פון צו זיין ריכטיק, אַז דורך זיי, די „פאַרפּראָלעטאַריזירטע״ קליינבירגער, זיינען אין פּראָלעטאַריאַט אַריינגעקו־מען פאַרשטאַרקונג־כוחות. פאַרקערט, וואָס מיר זעען יע, איז די פאַרבּיר־גערלעכונג פון געוויסע שיכטן פון דער „אַרבעטער־אַריסטאָקראַטיע״, אַ שטייגערונג פון פּריווילעגירטע טעכניקער, און אַ פאַרמערונג פון אַן אַנטי־פּראָלעטאַרישער ביוראָקראַטיע. ס׳קומען אויך אין גרויסע צאָלן נייע פּריווי־לעגירטע שיכטן און אַ „נייער מיטלשטאַנד״ (ביוראָ־און פאַבריק־אָנגעשטעלטע, אַגענטן, וכד.). דאָס אַלץ האָט שוין דערפירט צו אַזוינע נייע סאָציאַל־עקאָנאָ־מישע און פּאָליטישע דערשיינונגען (אומבאַקאַנטע ביזן יאָר 1870) ווי דער „סאָציאַל־ראַדיקאַלער און דעמאַגאָגישער אַנטיסעמיטיזם, דער פאַשיזם, נאַ־ציזם״, א. ד. גל.

דער צווייטער טייל פון „ק. מ.״ קען פאָרמולירט ווערן אַזוי: די פּאָליטיק פון דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי, וואָס מיינט פון דער פּראָגרעסיווסטער און אַנטשלאָסנסטער סעקציע פונעם אַרבעטער־קלאַס אין אַלע לענדער, איז אָנצו־טרייבן די פּראָלעטאַרישע רעוואָלוציע, וועלכע וועט צעשטערן די בורזשואַזע מאַכט און וועט אויפהייבן דעם פּראָלעטאַריאַט צו דער פּאָזיציע פון הערש־דיקן קלאַס.

דערביי ווערט בפירוש געזאָגט, אַז דער ערשטער ציל פון די קאָמוניסטן איז דער זעלביקער ווי פון אַלע פּראָלעטאַרישע פּאַרטייען, נעמלעך: דאָס קאָנסטיטואירן פון פּראָלעטאַריאַט אין אַ קלאַס, כדי אומצואוואַרפן די הער־שאַפט פון דער בורזשואַזיע און דעראָבערן די פּאָליטישע מאַכט.

קען מען קעגן אַט־דעם גרונטזאַץ אַרויסשטעלן צוויי קשיות, ווי פאָלגט:

1) ריידנדיק וועגן „אַנדערע פּאַרטייען מיטן זעלביקן ציל״, איז מען דאָך שטילערהייט שוין מודה, אַז מ׳ברענגט אַריין וויניק נייעס מכח די צילן און אויפגאַבן פונעם נייעם „רעוואָלוציאָנערן אַוואַנגאַרד״. מען איבערטרייבט בלויז די באַדייטונג פון דער קאָמוניסטישער פּראַקציע, דערנידערנדיק די אַנדערע ריכטונגען און שטרעמונגען אין דער סאָציאַלער באַוועגונג.

2) הגם אין אַ פריערדיקן טייל פון „ק. מ.״ ווערט שוין קלאָר געזאָגט,

אַז די בורזשואַזיע האָט במילא געשאַפן דעם קלאַס פון „פּראָלעטאַריאַט", ווערט ווידער דאָ באַטאָנט, אַז די אויפגאַבע פון די קאָמוניסטן איז צו „קאָנסטיטואירן דעם פּראָלעטאַריאַט אַלס אַ קלאַס".

דער אמת איז, אַז — ווי ס'פלעגט אָפט באַטאָנען באַקונין מיט זיין טיפ־זיניקן און שאַרפן פאַנאַנדערשיידונג־אַנאַליז צווישן „קלאַסנקאַמף" און „מאַסנ־קאַמף", און ווי ס'האָט באַוויזן די געשיכטלעכע אַנטוויקלונג אין די לעצטע 100 יאָר, — דער אמת איז, אַז דער גאַנצער באַגריף קלאַס, ספּעציעל וואָס שייך די לוין־אַרבעטער און אַנגעשטעלטע, איז אַ היפּש־מטושטשדיקער, אומקלאָרער באַגריף. ס'זיינען פאַראַן צופיל נואַנסן, שאַטירונגען, גראַדאַציעס, אין באַגריף „קלאַס" (פון די אַנגעשטעלטע און אַרבעטער), מען זאָל פאַרט קענען דערוואַרטן אַ פולע סאָלידאַריטעט און אחדות, די איינִיקייט — מיינט עס — פון אינטערעסן און שטרעבונגען מצד מענטשן אין אַלערליי אַזוינע סאָציאַל־פאַרשידענע אומ־שטענדן. אָן אַזאַ איינִיקייט וועט זיך אָבער קוים לאָזן דערגרייכן דער ענדציל, וועלכן דער נייער „אויסגעקליבענער קלאַס" פון סאָציאַלע באַפרייער זאָל טאַקע זיין בכוח צו דערגרייכן, אַלס די פאַרשטופּע צו דער פולער סאָציאַלער באַ־פרייאונג פון דער מענטשהייט; אָן ענדציל וואָס זיין מאָטאָ איז: „פּראָלעטאַ־ריער פון אַלע לענדער פאַראייניקט זיך!"

אויף אָט־דער פּראָבלעמאַטישער זייט פון רעוואָלוציאָנערן קלאַסן־באַגריף אין מאַרקסיזם פלעגט באַזונדערס אָפט און טרעפלעך זיך אָפּשטעלן, ספּעציעל אין זיינע אַנאַרכאָ־טעאָרעטישע שטודיעס דער וויכטיקסטער באַקונין־ביאָגראַף מאַקס נעטלוי (1865—1944). אָבער אַ געוויסער פּלאָנטער און אומלאָגישקייט, אין שייכות מיט אָט־די באַגריפן פון „פּראָלעטאַרישן קלאַס", וואַרפט זיך דורך שוין אין טעקסט פון „ק. מ." גופא. אָט ווילן דאָך די מחברים פון „ק. מ." האָבן, אַז מ'וועט, אָדער אַז מען דאַרף פריער אַראָפּוואַרפן די בורזשואַזע הערשאַפט, און ערשט דערנאָך „דעראָבערן" די פּאָליטישע מאַכט איבער דער געזעלשאַפט וואָלט נישט אַ פאַרקערטער סדר נישט געווען מער לאָגישער, ד. ה. פריער צו קריגן די פּאָליטישע מאַכט און דערנאָך אַראָפּוואַרפן די בורזשואַזע הער־שאַפט?**)

היינט, נאָך 35 יאָר רוסלענדישן קאָמוניזם־באָלשעוויזם, ווייסט מען שוין, אַז די דעראָבערונג דורכן פּראָלעטאַריאַט פון דער פּאָליטישער מאַכט על־פּי נוסח מאַרקסיזם, מיינט ניט קיין אַנדער זאַך, ווי צו פאַרכאַפּן די פולע און גרענצלאָזע מאַכט איבערן פּראָלעטאַריאַט און איבערן גאַנצן פאָלק... צו אָט־דער סכנה, קעגן וועלכער ס'האָט בפירוש געוואָרנט מ. באַקונין, וועלן מיר זיך נאָך אומקערן צום שלוס פון אַרטיקל, ווען מיר וועלן ריידן וועגן דעם אור־שפּרונג פון דער אויטאָריטאַרישער אָדער טאָטאַליטאַרער דעמאָקראַטיע, ד. ה. פון דער פאַלשער „פאָלקס־דעמאָקראַטיע", וואָס איז אַרויסגעקומען פון דער

**) זען אַרטיקל: „100 יאָר קאָמוניסטישער מאַניפעסט" פון גאַסטאָן לעוואַל אין דער בוענאָס איירעסער „וועלט", איבערגעדרוקט אין דער „פּה. אַרב. שטימע", 8 אָקט. 1948.

קאָמוניסטיש־באָלשעוויסטישער אויסשפּרייטונג אין מזרח־אייראָפּע און מזרח־אַזיע נאָך דער 2טער וועלט־מלחמה.

דער דריטער טייל פון „קאָמוניסטישן מאַניפעסט" גיט אַן איבערזיכט פון אַנדערע סאָציאַליסטישע שטרעמונגען וואָס האָבן געשפּילט אַ געוויסע ראָלע אין יענער צייט, מיט אַ יאָר 100 צוריק.

לאָזט זיך דאָ ברענגען אַזאַ היסטאָרישער קאָמענטאַר. מעגלעך איז, אַז מאַרקס און ענגעלס האָבן געצויגן זייער „קאָמוניסטיש־רעוואָלוציאָנערן יחוס" פון דעם באַרימטן „מאַניפעסט פון די גלייכע" פון פראַנצויז גראַקך באַבעף (1760—1797) מיט זיין דורכגעפאַלענעם פּאַרזוך איינצופירן אַ מין צענטראַליזירטן שטאַט־קאָמוניזם אַלס די לעצטע פאַזע פון דער גרויסער פראַנצויזישער רעוואָלוציע אין מיטן די 1790ער יאָרן. שפּעטער, האָט די אויפלעבונג פון דער סאָציאַליסטישער אידייע, אין אַלערליי האַלבע און גאַנצע קאָנספּיראַטיווע געזעלשאַפטן און לערעס אין די 1830ער יאָרן אין פראַנקרייך, געפירט אויך צו דער שאַפונג פון דעם „בונד פון די גערעכטע" דורכן דייטשישן אַרבעטער און אינטערנאַציאָנאַליסט ווילהעלם וויטלינג (1808—1871). זיין הויפּט־לאָזונג, דאָס מאָטאָ, איז געווען: „אַלע מענטשן זיינען ברידער!" מאַרקס' און ענגעלסעס „קאָמוניסטישער מאַניפעסט", ווידער, איז געווען אַדרעסירט, אַזוי צו זאָגן, צו די פאַרשידענע סאָציאַליסטן און „קאָמוניסטן" פון יענער צייט — תלמידים פון באַבעף און לואי בלאַנק, צו די פּרודאָניסטן, פוריעריסטן, חסידים פון ראָבערט אויען. קאַבע, וויטלינג, בלאַנק, באַרבעס, און אויך די „אוטאָפּישע" און „רעאַקציאָנערע" (פריסיש־קאָנסערוואַטיווע) סאָציאַליסטן. געוויס, האָבן אויך נישט געפעלט אַזעלכע וואָס זיינען געווען גערן אַנצונעמען יעדן „וויסנשאַפטלעכן" באַוויז מכח דער נאָענטער גאולה, נעמלעך — אַז די עקספּלואַטאַציע פון מענטש דורך מענטש וועט שוין אינגיכן פאַרשווינדן. דערביי, אגב, באַטאָנען די מחברים פון „ק. מ."', אַן יעדן שפּור צי סימן פון באַשיידנקייט אָדער פון חוש פאַר פּראָפּאָרציע און מאָס, אַז די „קאָמוניסטן" זיינען בפירוש אַנדערש פון אַלע איבעריקע פּראָלעטאַרישע פּאַרטייען. די כלומרשטע מאָטיוון פאַר אַזאַ טענה זיינען געווען צווייפאַכענע:

1) די „קאָמוניסטן", און נאָר זיי, זוכן כלומרשט, בעת נאַציאָנאַלע סכסוכים צווישן די פּראָלעטאַרישע מאַסן, צו באַטאָנען דווקא יענע שותפותדיקע אינטערעסן, וואָס דאַרפן און קענען פאַרברידערן אַלע אַרבעטער אין איין משפּחה; און

2) זיי, די „קאָמוניסטן" און ניט קיין אַנדערע, שטעלן אַרויס אינעם קאַמף צווישן פּראָלעטאַריאַט און דער בורזשואַזיע, קודם־כל דעם אינטערעס פון דער גאַנצער באַוועגונג און ניט פון זייער פראַקציע בלויז.

לאָזט זיך זאָגן צום ערשטן פּונקט, אַז שוין וויליאַם וויטלינג, מיט זיין „בונד פון די גערעכטע", האָט געמאַכט אַן אָנהייב פון אינטערנאַציאָנאַליזאַציע, אַ גוטע פּאַר יאָר פאַר קאַרל מאַרקסן מיטן 1טן אינטערנאַציאָנאַל. דאָך מוז באַטאָנט ווערן, אַז מחמת זייערע ליידן און מאָראַלישער פּרעסטיזש אין דער עמיגראַציע, האָבן קאַרל מאַרקס — און באַקונין נאָך אפשר, פיל מערער — געגעבן דעם אַרבעטער־אינטערנאַציאָנאַל אַ גרויסן שטויס פאָראויס.

צום פונקט 2 מוז מען באַמערקן, אַז אַלע סאָציאַליסטישע שולעס, אָנ־הייבנדיק פון באַבעף און ביז די תלמידים פון סען־סימאָן (1760—1825), ווי אויך די נאָכפאָלגער פון די אַנאַרכיסטן גאָדווין, פון פרודאָנען א. אנד., האָבן אַלע, סיי אַלע אויטאָריטאַרע, סיי די פרייהייטלעכע סאָציאַליסטן, שטענדיק און אומעטום, פאַרטיידיקט די אינטערעסן פון דער גאַנצער באַוועגונג, ד. ה. פון די פראָדוצירנדיקע, די שאַפנדיקע, קאָנסטרוקטיווע מאַסן און קלאַסן פון פאָלק, ד. ה. זיינע אַרבעטנדיקע שיכטן.

דער פערטער און לעצטער טייל פון „ק. מ." גיט אַ מין טאַקטישן פאָסט־סקריפּטום סך־הכל מכח די צווישנבאַציאונגען פון די קאָמוניסטן צו די אַנדערע פאַרטייען פון לינקן לאַגער.

ניט וויניק היינטצייטיקע חסידים פון קאַרל מאַרקסן און פון „ק. מ.", ווי דער פאַרשטאָרבענער פּראָפעסאָר העראָלד לאַסקי פון לאָנדאָן, האַלטן — אַז מאַרקס און ענגעלס האָבן אפילו נישט געהאַט בדעה צו פּרעדיקן די אָפּשפּאַל־טונג פון די קאָמוניסטן פון גאַנצן אַרבעטער־קלאַס און פון דער סאָציאַליסטיש־ראַדיקאַלער באַוועגונג בפרט. אַט־די מעטאָדע זאָל כלומרשט געווען זיין די דערפינדונג פון בלויז לענינען און סטאַלינען. אָבער אין ליכט פון באַקוגינס פּאָלעמיק קעגן די מאַרקסיסטישע מעטאָדן אין „אינטערנאַציאָנאַל" (1870—1872), וועט קלאָר ווערן, אַז שוין גאַנץ פריצייטיק האָט די צענטראַליסטישע טענדענץ פון מאַרקסן און ענגעלסן געמוזט פירן צו אַלץ שאַרפערע און טיפערע צעשפּליטערונגען אין דער ראַדיקאַלער אַרבעטער־באַוועגונג, וואָס איז גע־וואָרן די גרעסטע קללה פאַרן סאָציאַלן פאָרשריט אין די לעצטע 100 יאָר צייט.

3

נאָכן אַקט פון „דעראָבערן די פּאָליטישע מאַכט", זאָגט דער „ק. מ.", וועט מען אָפּשאַפן דעם בורזשואַזן קלאַס און די „פרייע אַנטוויקלונג פון יעדן איינעם וועט זיין דער תנאי פון פרייער אַנטוויקלונג פון אַלעמען". דאָס איז דער באַוואוסטער פאַל פון אַן „אייזערנעם מוז", אַ פאַטאַליטעט, וואָס איז כלומרשט די גאַראַנטיע פון „דערפאָלגרייכן וועג צום סאָציאַליזם". על־פּי דעם פּסעוודאָ־וויסנשאַפטלעכן טעאָרעטישן בנין פון מאַרקס און ענגעלס. אין דער אמתן איז אַ פולע און פרייע אַנטוויקלונג נישט געווען דער כאַראַקטער־סימן פון דער סאָציאַלער רעוואָלוציע, צו וועלכער דער „ק. מ." רופט. סיי לויט די געבאָטן פון פּראַקטישן שלוס־טייל פון „ק. מ." (רעפאָרמיסטישע פּראָגראַם־מינימום), סיי לויט דער לאַנגער פּראַקטיק אין דער באָלשעוויסטישער רוסלאַנד, איז דער ערשטער טריט צום קאָמוניזם באַשטאַנען בלויז אין דער פאַרשטאַטלעכונג פון באָדן (ערד), פון די אינדוסטריען, אייזנבאַנען, מאַיאָנטקעס, בענק, א. ד. גל. דורך דער מלוכה, וואָס בראש פון איר שטייען די קאָמוניסטן און נאָר זיי אַליין.

אָבער אַז מ'האַלט שוין ביים ענין „פאַטאַליזם", אָדער: „פאַטאַליטעט" אין דער סאָציאַלער אַנטוויקלונג, מוז מען אַרויסרוקן איינער פון יענע פאַטאַ־

ליטעטן,***) וואָס דער „ק. מ.“ פאַרגעסט אַרויסצוברענגען, הגם ער, דער „ק. מ.“, ווערט גאָרנישט מיד אַרויסצושטעלן גאָר אַ סך מינים פּאַטאַליטעטן... די דאָזיקע פאַרשוויגענע פּאַטאַליטעט באַשטייט אין דעם, אַז דער שטאַט, אפילו דער פּראָלעטאַרישער שטאַט, מוז פירן און דערפירן בלויז צו אַ נייער פאָרם פון שקלאַפעריי און עקספּלואַטאַציע, ווי דאָס ווייזט די דערפאַרונג פון דער נייער רוסלאַנד.

אגב, דער פאַקט גופא, אַז די „סאָציאַלע רעוואָלוציע“ איז צוערשט געקומען אין רוסלאַנד, מיט אירע ביטער־אַנטוישטע און פאַרביטערטע מאַסן נאָכן מיאוס־פאַרלוירענעם אימפּעריאַליסטישן קריג פון 1914—1917, און נישט געקומען דווקא אין די אינדוסטריעל הויך־אַנטוויקלטע לענדער, ווי דייטשלאַנד (וואָס האָט פאַרשפּילט צוויי מלחמות, אין וועלכע אירע הערשער האָבן פאַרטראָטן כמעט די ערשטע איניציאַטאָרן־ראָלעס), אָדער ווי פראַנקרייך, ענגלאַנד און אַמעריקע; — דאָס גופא — ווייזט קלאָר, אַז פיל ריכטיקער און וואָגיקער ווי ק. מאַרקס׳ס „קלאַסנקאַמף“ איז געווען מ. באַקונינס שיטה פון „רעוואָלוציאָנערן מאַסנקאַמף“. אויך די היינטצייטיקע רעוואָלוציאָנערע באַוועגונגען אין כינע, אינדאָנעזיע, בורמע, מאַלאַי א. א. טראָגן אַלע דעם כאַראַקטער דווקא פון רעוואָלוציאָנערן מאַסן־קאַמף פיל מער ווי פון אַ באַוואוסטזיניק־פּראָלעטאַרישן קאַמף. דער אַרבעטער־קלאַס, די אינדוסטריאַליזירטע שיכט, אין יענע לענדער האָט וויניקער וואָג און ממשות ווי די באַאַרבעטער פון די פעלדער א. ד. גל. פאַרקערט, אין יאַפּאַן, וואו דער פאַבריק־פּראָלעטאַריאַט איז יע געווען אַ גרויסער פאַקטאָר אין סאָציאַלן לעבן, און וואו די מלחמה האָט זיך געענדיקט דווקא מיט אַ גרויסער מפּלה, האָט די „פּראָלעטאַרישע רעוואָלוציע“ אפילו קיין שטאַרקן סימן נאָך זיך נישט געלאָזן. אמת, דאָ האָט די זיגרייכע סופּער־קאַפּיטאַליסטישע אַמעריקע געהאַט די הויפּט־דעה פון סאַמע ערשטן טאָג אָן נאָכן אָפּשטעל פון דער אויסמאָרדונג. אָבער שוין דער פאַקט גופא אַז די אינדוסטריעל־רייפע אַמעריקע האָט געקענט דינען ווי אַ טאָרמאָז קעגן אַזאַ כלומרשט „פּאַטאַל־נייטווענדיקער“ פּאַסירונג ווי די פּראָלעטאַרישע רעוואָלוציע אין יאַפּאַן נאָך דער מלחמה, ווייזט ווי שוואַך עס איז נאָך דער יונגער כוח פונעם אויפגייענדיקן סאָציאַל־ראַדיקאַלן שיכט פון אַמעריקאַנישן פאָלק. יענער יונגער כוח האָט בשום אופן נישט געקענט איינהאַמעווען און אָפּשוואַכן יענע רעאַקציאָנערע, צוריקשטויסנדיקע עלעמענטן, וואָס האָבן לײדער פאַרשטעלט דעם וועג צו אַ יעדן מין טיפן סאָציאַל־ראַדיקאַלן איבערבוי פון די מלחמה־צעטרייסלטע, די האַלב־רואינירטע סאָציאַל־עקאָנאָמישע רעזשימען פון דייטשלאַנד און יאַפּאַן, שוין נישט צו ריידן פון אַ טיפער סאָציאַלער איבערבויאונג אין אַמעריקע גופא.

***) אָט איז, למשל, אַ מין „גזר מן השמים“, אַ „פאַטום“, געווען, אַז פון פעאָדאַליזם זאָל אַרויסקומען די בורזשואַזיע, און פונקט אַזוי מוז, האַלט דער „ק. מ.“, אַרויסקומען פון דער בורזשואַזיע דער פּראָלעטאַריאַט; ער וועט עס זיין דער „קברים־גרעבער“ פון דער בורזשואַזיע גופא. דאָס איז דער באַרימטער פּאַטאַליזם פון אַן אָפּטימיסטישער געשיכטע־דיאַלעקטיק, וואָס האָט שוין פאַרפירט פילע מיליאָנען מענטשן.

מ׳קען, צום סוף, קומען צו אַט־אַזאַ פּאַראַלגעמיינענדיקן אויספיר: דער „ק. מ." האָט אין אַ שאַרף אָנגעצייכנטער, קלאָר אויסגעדריקטער פאָרם אָוועק־געשטעלט פאַר דער וועלט די פראַגע מכח אַ לאָגיש־געזונטן, ראַציאָנאַלן אופן פון מענטשלעכן צוזאַמענלעבן אויף די נייע, די מאָדערנע טעכנאָלאָגיש־וויסנשאַפטלעכע יסודות, וואָס די אַזוי־גערופענע „אינדוסטריעלע רעוואָלוציע" (מיט דערפינדונגען פון דער דאַמף־מאַשין און פון נאָך אַ סך מאַשינען צו פאַרבייטן די פיזישע קראַפט פון לעבעדיקע וועזנס) האָט געבראַכט. אָבער די געשטעלטע פראַגע האָט דער „ק. מ." לחלוטין נישט געלייזט. ס׳פעלט נאָך די פאַרווירקלעכונג פון א באמת דעמאָקראַטישן צוזאַמענלעבן פון יחידים, גרופּן און פעלקער, הגם נישט איין רעוואָלוציע, סיי אויפן פּאָליטישן, סיי אויפן סאָציאַלן, איז פאָרגעקומען אין דער וועלט אין לויף פון דער שפּעטערער צייט, ד. ה. זינט 1848.

אַ פּראָבלעם, וואָס די צוויי אויטאָריטאַרע מחברים פון „ק. מ." האָבן לחלוטין פאַרזען, איז דער איצט אַקטועלער, אָנגעוויטיקטער ענין פון פאַר־בינדן, ד. ה. סינטעזירן די פּאָליטישע פרייהייט און מענטשלעכע חשיבות פון איין זייט, און די עקאָנאָמישע און סאָציאַלע גערעכטיקייט און גלייכהייט, פון דער צווייטער זייט. אמת, דער באַלשעוויסטיש־טאָטאַליטאַרער רעזשים, אי־בערנעמענדיק אפילו דעם נאָמען „קאָמוניזם", ווי ער איז געבוירן געוואָרן אין 1847—1848, האָט טאַקע געקענט מאַכן פון „קאָמוניסטישן מאַניפעסט" די ביבל פון דער נייער מלוכה־רעליגיע . . . אָבער זייער קלאָר און שאַרף האָט אין זיינע לעצטע לעבנס־יאָרן אָוועקגעשטעלט די איצט ברענענדיקע פראַגע באַקונין. ער האָט בפירוש געזוכט אויפצובויען זיין סאָציאַלע אידעאָלאָגיע אויף אַ סינטעז צווישן דעם אינדיווידואַליזם, ד. ה. וואוקס און אַנטוויקלונג פון דער מענטשלעכער, יחידישער פּערזענלעכקייט, פון איין זייט, און דעם קאָ־לעקטיוויזם, ד. ה. דער מענטשלעך־מיטגעבאָרענער געזעלשאַפטלעכער שטריך און אינסטינקט פון קאָאָפּעראַציע־גרייטקייט, סאָלידאַריטעט, עטיק, קעגנזיי־טיקע הילף א. ד. גל., אין יעדן רייף־געוואָרענעם און דערצויגענעם מענטש־לעכן וועזן, פון דער צווייטער זייט. אין תוך גענומען איז אַט־אַזאַ סינטעטישע וויזיע פון באַקונין, דעם סאָציאַלן פילאָזאָף און קעמפער, געווען אַ נביאיש־אינטואיטיווע פאָראויסזעאונג מכח דער לייזונג פון דער היינטצייטיקער סאָ־ציאַלער און פּאָליטישער גרונט־פּראָבלעם, וואָס צעררייסט היינט די וועלט אין אַ פאַטאַלן סכסוך צווישן מזרח און מערב; די גרונט־פּראָבלעם מכח משדך זיין די פּאָליטישע און מענטשלעכע פרייהייט מיט דער סאָציאַלער גערעכ־טיקייט, מיטן אינטערנאַציאָנאַלן שלום און מיט אַ שפע און פאַרשריט פאַר אַלע מענטשנקינדער.

די הונדערט יאָר זינט דער „ק. מ." איז דערשינען האָבן געבראַכט אָן אַ שיעור געשיכטלעכע פּאַסירונגען און אַנטוויקלונגען, רעוואָלוציעס, מלחמות און מהומות, וואָס האָבן ביי דער דענקנדיקער מענטשהייט געדאַרפט עפענען די אויגן אויף די טיפסטע אורזאַכן פון מענטשלעכן אויפשטייג און וואוילזיין, ווי אויך פון ירידה און אומקום. פון דעם אופן, ווי ווייט די מענטשהייט האָט

שוין טאַקע געלערנט פון אַט־די אַלע אַנטוויקלונגען און געשעענישן, מוז אויך אָפּהענגען איצט די צוקונפט, און אפשר טאַקע — די פראַגע פון לעבן און טויט פאַר דער ליידנדיקער, און נאָך אַלץ בלינד־בלאָנדזשענדיקער, מענטשהייט...

4

לויט זיין איינציקאַרטיקער וויכטיקייט און באַרימטקייט, ווי אויך זיין סאָציאַל־היסטאָרישער באַדייטונג, פאַרדינט דער „ק. מ.״ אריינגעשטעלט ווערן אינעם געהעריקן פּלאַץ אין דער אַנטוויקלונג־קייט פון דער גרויסער געזעלשאַפטלעך־פּאָליטישער טראַדיציע, אין וועלכער ער געהערט. מיר האָבן, שוין אויבן פריער, פאַרבונדן און פאַרגליכן אים מיט די פריערדיקע צוויי „מאַניפעסטן״ — פון די „גלייכע״ (באבעף) אין די 1790ער יאָרן, און פון די „געכטע״ (וויטלינג) אין די 1840ער יאָרן. דאָ וועלן מיר איצט דערמאָנען נאָך אַ דריטן דאָקומענט אין דער שורה פון אַט־דער „מאַניפעסטן־טראַדיציע״, וואָס דער פערטער און דער לעצטער דערוויל רינגל אין דער קייט איז טאַקע קאַרל מאַרקס׳ס און פרידריך ענגעלס׳ס „ק. מ.״. דאָ האָבן מיר אין זינען דעם אַזוי גערופענעם „דעמאָקראַטישן מאַניפעסט״ פון דעם בשעתו באַוואוסטן פראַנצויזישן פּובליציסט־פוריעריסט, וויקטאָר קאָנסידעראַן (1808—1893), וואָס איז דערשינען אין 1847, מיט עטלעכע חדשים פאַרן „ק. מ.״. געוויסע פאַרשער, ווי דער אַנאַרכיסט טשערקעזאָוו, דער פריינד און גלות־קאָלעגע פון פּ. קראָפּאָטקין אין לאָנדאָן, האָט אין אַ ספּעציעלער בראָשור פּראָפּאַגאַנדירט די מיינונג, אַז ק. מאַרקס און פ. ענגעלס האָבן גאָר פּלאַגיאירט גאַנצע פּאַסאַזשן פון וו. קאָנסידעראַנס „מאַניפעסט״, וואָס זיין פולער טיטל איז געווען: „פּרינציפּן פון סאָציאַליזם: „מאַניפעסט פון דער דעמאָקראַטיע פון 19טן יאָרהונדערט״. עס איז אָבער שפּעטער, פון מאַקס נעטלוי א. א., באַוויזן געוואָרן, אַז די טענה מכח פּלאַגיאַט איז ניט קיין באַגרינדעטע און באַרעכטיקטע. אמת, ניט ווייניק שטעלן פוןביידע „מאַניפעסטן״ זיינען ענלעך צווישן זיך, ווי צוויי טראָפּנס וואַסער, דאָך איז פאַראַן אַ פונדאַמענטאַלער אונטערשייד צווישן זיי, נעמלעך: דער הויפּט־עיקר פון „דעמאָקראַטישן מאַניפעסט״ באַשטייט אינעם געדאַנק, אַז די דעמאָקראַטיע מוז אַריבערטראָגן איר הויפּט־אינטערעס פונעם פּאָליטישן פעלד אויף דעם סאָציאַלן, ד. ה. עקאָנאָמישן, א. ד. גל. דער עיקר־גדול, אָבער, פון „ק. מ.״ באַשטייט ערשטנס, אין דעם זייער טאַלאַנטפולן און אָריגינעלן שטייגער פון אויסדריקן דעם נייעם כלל מכח אַ פונדאַמענטאַלן ווידערשפּרוך צווישן די פאָרמען פון פּראָדוקציע און די פאָרמען פון אייגנטום (הערשאַפט איבער די רייכטימער פון דער געזעלשאַפט אַלס אַ גאַנצקייט); און צווייטנס אין דעם, אַז אַט־דער ווידערשפּרוך באַשטימט דעם גאַנג פון סאָציאַלע און היסטאָרישע פּראָצעסן.

אַט־די פיר פשוטע „מאַניפעסטן״ — פון באַבעף, וויטלינג, קאָנסידעראַן און מאַרקס־ענגעלס, ליגן אין איין געדאַנקען־געשיכטלעכער מאָדערנער טראַדיציע, דהיינו: צו וואַרפן אַ בריק צווישן דער דעמאָקראַטיע אין פּאָליטיק (פּאָליטישע דעמאָקראַטיע) און דער סאָציאַל־עקאָנאָמישער און אינדוסטריע־

לער דעמאָקראַטיע. אָבער ס'זיינען דאָ גרויסע אונטערשיידן צווישן די פּיר־עררליי דאָקומענטן, ווייל זיי קומען אַרויס פון דואַליזם, די צווייטיילונג, פונעם מאָדערנעם דעמאָקראַטישן געדאַנק זינט זיין סאַמע אָנהייב — וועלכן מ'קען זען שוין אין די ערשטע גרויסע מאָדערנע „סאָציאַלע אוטאָפּיעס" פון 16טן און 17טן י"ה, און באַזונדערס אין דער פראַנצויזישער „אויפקלערונג פילאָזאָפיע" פון 18טן י"ה, מיט דער פּראַקטישער פאַרווירקלעכונג אירער אין דער גרויסער פראַנצויזישער רעוואָלוציע. עס לאָזט זיך נעמלעך, אין ליכט פון אונדזער דערפאַרונג נאָך 150 יאָר צייט, זאָגן אַז עס זיינען שטענדיק געווען צווי צווייגן פון אַזוי גערופענעם מאָדערנעם דעמאָקראַטישן געדאַנק, נעמלעך: דער ליבעראַלער, פרייהייטלעכער וועלט־באַנעם, פון איין זייט, און די אויטאָקראַטישע אָדער טאָטאַליטאַרע אידייען־וועלט, פון דער צווייטער זייט. דעם שוואַכן אורשפּרונג פון מאָדערנעם טאָטאַליטאַריזם, אַלס אַ מין סאָציאַלער פּסעוודאָ־משיחיזם, קאָן מען שוין געפינען אין דער ערשטער סאָציאַלער אוטאָפּיע, וואָס האָט אויך טאַקע געהייסן „אוטאָפּיע", פון ענגלענדער טאָמאַס מאָר (1480—1535), און אין דער שפּעטערדיקער שאַפונג פון אַ צווייטן באַרימטן „אוטאָפּיסט" — דעם איטאַליענער טאָמאַס קאַמפּאַנעלאַ (1568—1639), דעם מחבר פון „זונען־שטאַט" מיט איר גלאָריפיצירונג פון צענטראַליזם און מלוכהשער אַלמאַכט. אָבער דער טיפסטער וואָרצל פון דער היינטצייטיקער אַנטי־פרייהייטלעכער און אַנטי־מענטשלעכער „טאָטאַליטאַרער דעמאָקראַטיע" (וואָס רופט זיך חוצפהדיק „פאָלקס־דעמאָקראַטיע") ליגט אין די פראַנצויזישע סאָציאַלע פילאָזאָפיעס פון רוסאָ און עטלעכע ווייניקער באַקאַנטע שרייבער פון יענער צייט (מאָרעלי, מאבלי א. א.), ווי אויך אין די געוואַלט־מעשים פון פּראַקטישע מלוכה־לייט און הערשער וואָס האָבן די נייע סאָציאַלע און פּאָליטישע לערעס אין נאָמען פון „דעמאָקראַטיע" פאַרווירקלעכט מיט אַן אייזערנער האַנט — די פירער פון דער יאַקאָבינער פּאַרטיי, אַ ראָבעספּיער, סען זשיסט און די קאָנספּיראַטאָרן וואָס זיינען געקומען גלייך נאָך זיי — באַבעף און בוענאַראָטי. זיי אַלע האָבן געהאַלטן פון פּאָליטישן צענטראַליזם און אידייאישן אַבסאָלוטיזם, און דאָס האָט זיי לאָגיש געפירט צו אַ פולער דעה און איינצאַמונג פון דער עקאָנאָמיק און פון אַלע אַנדערע געביטן פון לעבן, ד. ה. מיט היינטצייטיקן טערמין גערעדט — צום טאָטאַליטאַריזם. דאָס טאַקע האָט אַראָפּגעבראַכט די באַלד אויפן אָרט דורכגעפאַלענע פאַרשווערונג פון גראַקך באַבעף, אין פראַנקרייך פון 1795—1796, צו באַשאַפן אַ קאָמוניסטישן שטאַט. די פאַרשווערונג האָט געהאַט אַ מפּלה, אָבער דער פּלאַן פונעם וועג, אויף וועלכן דער נייצייטיקער ליבעראַליזם איז פאַרפירט געוואָרן אין מדבר פון קאָמוניסטיש־טאָטאַליטאַרן שטאַט און פון דער טאָטאַליטאַרער „פאָלקס־דעמאָקראַטיע" איז שוין דעמאָלט, מיט איבער 150 יאָר צוריק, געוואָרן אָנגעצייכנט קלאָר און דייטלעך, אַ וועג וואָס פירט פון באַבעף ביז לענין און סטאַלין. די הויפּט־סטאַנציע אויפן לאַנגן און פאַרדרייטן וועג, וואָס ציט זיך פון די פאַרשווערונגען פון באַבעף און בוענאַראָטי ביז צו דער איבערקערעניש אין רוסלאַנד און מאַכט אויסשפּרייטונגען אין איראָפּע און אַזיע אונטער אַ לענין

און סטאַלין איז געווען דער „קאָמוניסטישער מאַניפעסט" פון 1848 פון מאַרקס און ענגעלס.

די וואָרטפירער פון דער באמת ליבעראַלער, אומפאַרפעלשטער דעמאָקראַטיע, וואָס אירער אַן אָפשיין, אפשר אומקלאָר און פרימיטיוו, לאָזט זיך געפינען אין די אַנדערע צוויי פון די פיר דערמאָנטע וועלט־באַרימטע סאָציאַליסטישע „מאַניפעסטן", — די ווערק פון ווייטלינג און קאָנסידעראַן — קוקן טאַקע גאַנץ אַנדערש אויף דער פּאָליטיק און אויף דער גערעכטער איינאָרדענונג פון סאָציאַלן צוזאַמענלעבן, — נישט מיט די אויגן פון באַבעף, מאַרקס, און לענין. פאַר יענע פרייהייטלעכע וואָרטפירער, וואָס דער גלענצנסטער פאַרטרעטער זייערער (נאָך גאָדווין און פּרודאָן) איז געווען באַקונין, איז די פּאָליטיק דערהויפּט אַ פעלד פאַר אַ פרייער און ערלעכער עקספּערימענטאַציע, וואו פאַרן „אַבסאָלוטן אמת", אַ פאַרטיקן און דעקרעטירטן פון אויבן, איז לכתחילה קיין פּלאַץ נישטאָ, ווייל מ'דאַרף ערשט דעם אמת כסדר זוכן און זיך צו אים דערנענטערן טאָג נאָך טאָג, אין איינקלאַנג מיט די פרישע באַדינגונגען און אומשטענדן וואָס בייטן זיך כסדר מיטן גאַנג פון לעבן; אָבער לאָמיר שטענדיק זוכן אים און שטרעבן צו אים, צום אמת, מיט די בעסטע כוונות און כוחות, מיט די פּאַסיקסטע מיטלען און מעטאָדן. דאָס, אגב, איז דאָך דער וועג פון אַרבעט און דערגרייכונג אויף די סאַמע העכסטע געביטן פון דער מענטשלעכער גייסטיקער שאַפונג — ווי וויסנשאַפט, קונסט און דערפינדונג. און איז דאָ נישט אַ וויכטיקער געהייבענער און וויכטיקער ציל צו זוכן מיט די בעסטע מיטלען און וועגן אויך די ריכטיקסטע לייזונגען פאַר אַלע לעבעדיקע, קאָנקרעטע טאָג־טעגלעכע פּראָבלעמען פון מענטשלעכן צוזאַמענלעבן, שטעלנדיק זיי אין ליכט פון סאָציאַל־עטישע אידעאַלן און פון דער כסדר זיך אַנטוויקלענדיקער אינדיווידועלער און קאָלעקטיווער־סאָציאַלער פּסיכאָלאָגיע?

לאָמיר קודם־כל פאַרשטיין און צוגעבן, אַז אַ סך פראַגן און ספערעס פון מענטשלעכן לעבן און צוזאַמענלעבן ליגן, היינט און שטענדיק, בכלל מחוץ דער פּאָליטישער ספערע מיט אירע אייזערנע, אַבסאָלוטע פּרינציפּן און דאָגמאַטן, וואָס זיינען אָפט צונויפגעמישט מיטן פּריוואַטן און קאָלעקטיוון עגאָאיזם (שאָוויניזם) און מיט אַלערליי מאַכט־ און פּרעסטיזש־אַמביציעס און אינטריגעס. פאַרקערט, די פאַרטרעטער פון דער טאָטאַליטאַרער דעמאָקראַטיע גייען תמיד אַרויס פון דעם פאַלשן און פאַרפירערישן פּונקט, אַז אין דער פּאָליטיק, און נאָר אין דער פּאָליטיק, ליגט דער שליסל צום אַבסאָלוטן אמת. דער אידייאישער אַבסאָלוטיזם ווערט די נשמה פון אַזאַ מין „פּאָליטישן משיחיזם", וואָס זוכט אַרומצונעמען, ברוטאַל און בלינד, דעם גאַנצן מענטשן מיט אַלע זיינע אינטערעסן, שטרעבונגען און אויסווירקונגען. דערפון קומען שוין נייטווענדיקערווייז אַרויס די אומברחמנותדיקע האַרבקייט, די סיסטעם פון געוואַלט, צוואַנג און פאַרשקלאַפונג, דער טייוולשער טעראָר און די אינקוויזיציע פון אַלע היינטצייטיקע טאָטאַליטאַרישע רעזשימען. דאָ ליגט אויך דער וואָרצל פון דער אומגעהייערער זעלבסט־זיכערקייט פון די דיקטאַטאָרישע

סיסטעמען און לערעס. זיי, אַט־די לערעס, פלאַנצן איין ביי די הערשער דעם גלויבן אַז דווקא זיי, די רעגירער באַזיצן דעם לעצטן און פולן אמת, און האָבן פאַרטיקערהייט די ריכטיקע תשובות אויף אַלע לעבנס־פראַגעס, און אַז זיי וועלן דערום לייכט קענען געפינען די ריכטיקע פאָרמען פון דעם נייעם „פאָלקס־דעמאָקראַטישן" שטייגער. (ווי ער איז נאָך דער צווייטער וועלט־מלחמה איינגעפירט געוואָרן אין רומעניע, פוילן, טשעכאָסלאָוואַקיע, נאָרד־קאָרייע און כינע). מיר ווייסן, אָבער, אַז די דאָזיקע „פאָלקס־דעמאָקראַטיע" איז זייער ווייט פון יושר, פון אמת און פון דעמאָקראַטיע.

דער גרונט־טאָן פון אַזאַ טאָטאַליטאַרן צוגאַנג צום לעבן קלינגט אַרויס פון דער געדאַנקען־וועלט פון „קאָמוניסטישן מאַניפעסט" אין אַלע פיר טיילן זיינע, ווי מיר האָבן אויבן פריער שוין זיי אַנאַליזירט און קריטיש באַלויכטן. אין תוך אָבער פאַרזעט און פאַרשוויגט אַט־דער טאָטאַליטאַרער צוגאַנג צום ענין „דעמאָקראַטיע" און „סאָציאַלע גערעכטיקייט און גלייכהייט" די באמת טיפסטע, ד. ה. די מענטשלעכע זייטן פון דער סאָציאַלער פּראָבלעם. ער זעט נישט אָדער מאַכט זיך ניט־וויסנדיק פון דער אייביק נייער און זיך תמיד באַנייענדיקער שפע פון די מענטשלעכע לעבנס־ און שאַפונגס־פאָרמען, און במילא איז ער נישט בכוח צו פירן די מענטשהייט צו אַ העכערן שטאַפּל פון סאָציאַלן אויפשטייג, אויפן וועג — מיינט עס — צו אַ בעסערן, פרייערן, גליקלעכערן מאָרגן.

דאָס טאָקע איז געווען און געבליבן דער טראַגישער פּאַטוס פון „קאָמוניסטישן מאַניפעסט" און פון מאַרקסיזם. און לאַנג פאַר אונדזער צייט האָט שוין באַקונין פאַרשטאַנען און פאָראויסגעזען דעם טראַגישן תהום, צו וועלכן עס וועט די מענטשהייט דערפירן די פאָרזעצונג פון די געדאַנקען־גענג וואָס מאַרקס און ענגעלס האָבן אָנגעצייכנט אין זייער „קאָמוניסטישן מאַניפעסט". אַנדערש גערעדט: באַקונין האָט געזען און געוואוסט צו וועלכן פאַטאַלן אָפּגרונט די דאָגמאַטיש־איינזייטיקע, טאָטאַליטאַר־באַפאַרבטע, אידייען פון מאַרקס און ענגעלס וועלן סוף־כל־סוף פאַרפירן די מענטשהייט בכלל, און באַזונדערס די ברייטע, מוראדיק עקספּלואַטירטע, אונטערדריקטע און פאַרפירטע פאָלקס־ און אַרבעטער־מאַסן בפרט.

.1952

טהוירסטאַן וועבלען: ראַדיקאַלער עקאָנאָמיסט

טהוירסטאַן וועבלען, דער באַרימטער עקאָנאָמיסט און סאָציאָלאָג, וועל־כער איז געשטאָרבן מיט עטלעכע וואָכן צוריק, איז געווען איינער פון די אָריגינעלסטע און טיפזיניקסטע געלערנטע אין אַמעריקע.

צוזאַמען מיט דעם פילאָזאָף און פסיכאָלאָג, דזשאָן דיואי און דעם ביאָלאָג זשאַק לעב (ביידע האָבן, אגב, שטאַרק באַאיינפלוסט זיין גייסט), איז ער געווען איינער פון די געציילטע פאָרשער און דענקער אין אַמעריקע, וואָס האָבן אַריינגעטראָגן אַ נייעם וואָרט אין דעם אוצר פון דער וועלט. דאָס מאַכט דעם פאַרשטאָרבענעם ט. וועבלען פאַר אַן אינטערנאַציאָנאַלער פי־גור, אַ וויכטיקן פאַקטאָר אין דער גייסטיקער אַנטוויקלונג פון דעם לעצטן דור. זיין לערע האָט געטראָגן רייכע פרוכט אויף דעם פעלד פון דער סאָצי־אַלער וויסנשאַפט דאָ אין לאַנד און האָט געפונען אַן אָפּקלאַנג אין אויסלאַנד, דער עיקר אין ענגלאַנד און פראַנקרייך, הגם דאָס איז געשען ערשט אין דער סאַמע לעצטער צייט.

וועבלען האָט אַ טאָפּלטע באַדייטונג פאַר דער מאָדערנער סאָצי־אָלאָגיע. צוערשט, קומט אים אַנערקענונג פאַר זיין טיפן אַנאַליז פון אונדזערע סאָציאַל־עקאָנאָמישע אינסטיטוציעס, ווי דאָס פּריוואַט־אייגנטום, אינדוס־טריעלע סיסטעם, פינאַנץ־מעכאַניזם, א. א. וו. צווייטנס, האָט ער געוויזן אַ גוטן ביישפּיל פון אַ וויסנשאַפטלעכער סינטעזיע, דאָס מיינט פון אַ פרוכט־באַרן צוזאַמענבונד פון אַ סך צווייגן פון דער וויסנשאַפט, כדי בעסער צו פאַר־שטיין און צו פאַרבעסערן דאָס מאָדערנע לעבן.

ער האָט, צום ביישפּיל, פאַרבונדן די עקאָנאָמיק, די לערע פון דער גע־זעלשאַפט, מיט דער פסיכאָלאָגיע פון איין זייט און מיט געשיכטע און ביאָ־לאָגיע, פון דער אַנדערער זייט. די ביאָלאָגישע פּרינציפּן מכח אַ כסדרדי־קער אַנטוויקלונג (עוואָלוציע) און מכח אַן אייביקן דראַנג צו ענדערונגען אין אַלץ וואָס לעבט, האָט וועבלען געזוכט דורכצופירן אין זיין אַנאַליז פון דער מענטשלעכער טעטיקייט אויף דעם עקאָנאָמישן געביט. ווידער, האָט ער שטענדיק פאַרקניפּט די עקאָנאָמיק מיט די מענטשלעכע פּרוזשינעס, וואָס טרייבן דעם יחיד און כלל צו פּראָדוקטיווער אַרבעט, ווי אויך דעם קעגנזאַץ פון אַזאַ אַרבעט, דאָס מיינט צו פוילקייט, עקספּלואַטאַציע, און פּאַראַזיטיזם. דאָס איז דער מיין פון אונדזער באַהויפּטונג, אַז אין אים האָט זיך פאַרווירק־לעכט אַ גליקלעכער שידוך פון אַ פסיכאָלאָג און עקאָנאָמיסט.

מען קען אים פאַרגלייכן מיט דעם גרויסן פראַנצויזישן סאָציאַל־אוטאָ־פּיסט סען־סימאָן, פון פאַר הונדערט יאָר. אָט יענער דענקער איז געווען דער ערשטער צו פאַרשטיין די גרויסע מעגלעכקייטן פון דער אינדוסטרי־

עלער סיסטעם פאַר דעם גליק פון דער מענטשהייט. ער האָט געהאַלטן, אַז די נייע וויסנשאַפט מיט אירע מעטאָדן און מאַשינען, וועט שאַפן איבערגע־נוג מאַטעריעלע באַפרידיקונג פאַר יעדן מענטשן־קינד. דער עיקר איז אָבער מען זאָל נאָר קענען ווי געהעריק אָרגאַניזירן די פּראָדוקציע, אויסמיידנדיק פּאַראַזיטן און אַנדערע שטערונגען, ווי אַבערגלויבן, פאַראורטיילן, וואָס קו־מען בירושה פון אַלטע צייטן, א. א. וו.

פונקט דאָס איז אויך דער הויפּט־געדאַנק אין דער ברייטער לערע פון ט. וועבלען. ער איז אויך אַ מין נביא פון דער נייער עפּאָכע, פון דער אינ־דוסטריעלער ציוויליזאַציע, אין וועלכער די מענטשהייט איז אַריינגעטראָטן אין די לעצטע הונדערט און פופציק יאָר. ער זעט די גרויסע מעגלעכקייטן וואָס די מאַשין־ציוויליזאַציע פאַרמאָגט, איר אומענדלעכע פעאיקייט צו שאַפן נויטיקע אַרטיקלען פון געברויך, און ער ווייסט אָבער, אַז מעכטיקע כחות, וואָס שטאַמען פון דעם מענטשנס נאַטור, זיינען אַ גוואַלדיקע מניעה פאַר דער געזונטער און פּרוקטבאַרער אַנטוויקלונג פון דער נייער אינדוס־טריעלער סיסטעם.

פונקט ווי ביי די גרויסע פראַנצויזישע אוטאָפּיסטן־סאָציאַליסטן, סען־סימאָן און פוריע, איז אויך ביי וועבלען, — די שפּראַך און דער סטיל ניט אַזוי קלאָר און דורכזיכטיק, ווי מען וואָלט געקענט ווינטשן. ער האָט געלאָזן אַ פילבענדיקע זאַמלונג פון ווערק. ליידער זיינען זיי שווער און האַרט אין סטיל, פאַרפּלאָנטערט אין אויסדרוק, און מיט אַזוי פיל צווידייטיקע פראַזעס, אַז אפילו דער געשולטער און געדולדיקער לייענער וועט זיי ניט לייכט קענען פאַרדייען.

עס איז אָבער כדאי און אינטערעסאַנט זיך צו באַקענען מיט צוויי־דריי פון זיינע סאָציאַלע טעאָריעס. דאָס וועט זיין דער געגנשטאַנד פון אונדזער אָפּ־האַנדלונג. צוערשט גיבן מיר די וויכטיקסטע פאַקטן פון זיין לעבנס־גע־שיכטע.

ער שטאַמט פון נאָרוועגישע אימיגראַנטן־פאַרמער. און איז געבאָרן גע־וואָרן אין דער מיטעלער וועסט מיט 72 יאָר צוריק. ער האָט זיך געגרייט צו ווערן אַ פילאָזאָף, און צוליב דעם דלות פון זיינע עלטערן איז די לערע אים אָנגעקומען ניט לייכט. דורך די יאָרן פון זיין שטודיום האָט זיך פאַרשטאַרקט ביי אים דער אינטערעס צו עקאָנאָמישע און אַנדערע סאָציאַלע פראַגן. ער איז געוואָרן פּראָפעסאָר פון עקאָנאָמיק אין קלענערע אוניווערזיטעטן אין דער איסט, און ווען עס איז געגרינדעט געוואָרן די גרויסע אוניווערזיטעט אין שיקאַגאָ, אין יאָר 1892, איז וועבלען געוואָרן לערער דאָרט, וואו ער בלייבט ביז 1916. שפּעטער־צו איז ער געווען פּראָפעסאָר אין קאַליפאָרניע און נאָך שפּעטער אין מיזורי. אין יענע פּלעצער ווערט ער באַקאַנט מיט די ראַדיקאַלע אַרבעטער באַוועגונגען און ווידמעט זיי אינטערעס און סימפּאַ־טיע. צולעצט (ביז מיט 3־4 יאָר צוריק) איז ער געווען פּראָפעסאָר אין דער פרייער „נייער הויך־שולע פון סאָציאַלער פאָרשונג” אין ניו יאָרק. געשטאָרבן איז ער אין אָנהויב אויגוסט אין זיין היים אין קאַליפאָרניע.

זיינע וויכטיקסטע ווערק זיינען: „די טעאָריע פון געשעפט אונטער־

נעמונג״ (1904)‏; ״דער אינסטינקט פון אַרבעט״ (אינסטינקט אָוו וואָרקמענ־שיפּ), דערשינען אין 1914; ״די פּאַרמעגנס־אינטערעסן״ (וועסטעד אינ־טערעסטס) דערשינען אין 1919; ״די אינזשינערן און די פּרייז־סיסטעם״ (1921); און ״אבסענטי אונערשיפּ״ (1923), וואָס קענען פריי איבערגעזעצט ווערן ווי ״אייגנטום אין לאַנד, פאַבריקן, אַקציעס און אבליגאַציעס״ (סטאָקס און באנדס). דאָס פּאָפּולערסטע פון זיינע ווערק איז געוועזן ״די טעאָריע פון דעם פוילנצער־קלאַס״ (דהי טיאָרי אָוו דהי ליזשור קלעס), וואָס איז, פון 1899 ביז 1918, דערשינען אין עטלעכע אויפלאַגעס.

1. ״אַרבעט״ און ״געשעפט״

וועבלען זעט אין דעם מענטש אַ סך פונדאַמענטאַלע טרייב־קרעפטן, וואָס פירן אים צו אַ סך טעטיקייטן און איינריכטונגען, און אַזעלכע גייסטיקע טרייב־קרעפטן רופט ער אָן ״אינסטינקטן״. פון זיי איז איינער פון די וויכ־טיקסטע דער אַרבעט־אינסטינקט (אינסטינקט אָוו וואָרקמענשיפּ), דאָס מיינט, די אַלגעמיינע נייגונג פון דער מענטשהייט צו טאָן יעדע מלאכה אויף אַ שפּאָ־רעוודיקן, פּרוכטבאַרן און געלונגענעם שטייגער, אויף אַזאַ אופן, וואָס איז באַקאַנט אונטער דעם נאָמען אויסדרוק ״מייסטער־אַרבעט״.

עס מוז בכלל געזאָגט ווערן, אַז וועבלען דערמאָנט אָפט דעם ראָמאַנ־טיק־פילאָזאָף זשאַן זשאַק רוסאָ, וועלכער האָט אויך געהאַלטן, אַז אין דעם מענטש לעבט און ווירקט אַ באַנדל פון עטלעכע אינסטינקטן, און זיי זיינען בטבע גוט און גליק־שאַפנדיק. וועבלען האַלט, אַז אין גרונד זיינען אַלע מענטשן פרידלעך און אַרבעטזאַם, אָבער עס מאַכן זיך כסדר גרויסע שטע־רונגען (אין דער פאָרם פון מענטשלעכע איינריכטונגען, געוואוינהייטן, מנ־הגים און אינסטיטוציעס) אויף דעם וועג צו אַ צופרידענער געזעלשאַפט. דער טעכנישער פּראָגרעס פון די לעצטע 150 יאָר איז, אין זיינע אויגן, אַ גוטער וועג צו אָט־אַזאַ נצחון פון אַרבעט־אינסטינקט איבער די מניעות, און איז דעריבער סיי אַ רעזולטאַט סיי אַן אַקטיווער פאַקטאָר פון גרויסע גייסטיקע און סאָציאַלע ענדערונגען זינט דער צייט פון ברוטאַלער קראַפט אין דעם מיטלאַלטער.

אָבער חוץ דער שאַפנדיקער אַרבעט־טעטיקייט זעט וועבלען אין די מענטשן אַ נייגונג אויך צו אַן אַנדער מין ״עקאָנאָמישער״ טעטיקייט — צו אַ ג ע ז ע ל ש א פ ט ל ע כ ע ר טעטיקייט, דאָס מיינט, צו ״פאַרדינען״ געלט, זיך רייכער צו מאַכן, וואָס לייכטער און וואָס שנעלער, אָן יעדער טע־טיקייט דורך די נערוון און מוסקולן, וואָס שאַפט אַ ממשותדיקן מאַטעריעלן אָדער גייסטיקן געגנשטאַנד, אַן עקאָנאָמישן ״ווערט״.

ער באַטאָנט, אַז סיי דער אַרבעט־אינסטינקט, סיי דער געלט אָדער גע־שעפט־אינסטינקט, קענען ביידע זיין ווייט פון עגאָאיזם אין איינגן זין פון וואָרט. מכח ״מייסטערשאַפט״ אין אַ מלאכה אָדער ביי אַ טאַלאַנט, איז דער ענין אַ גאַנץ קלאָרע זאַך, ווייל יעדער איינער ווייסט, אַז אַן אמתער בעל־מלאכה אָדער קינסטלער, האָט פיל מער הנאה פון אַ גוטער שטיקל אַרבעט

ווי פון דעם ביסל איינקונפט, וואָס זי טראָגט אַריין. אָבער אויך דער דראַנג צו קאָמערציעלן פאַרדינסט, צו געלט־איינקופטן, איז אויך אַ זאַך, האַלט וועבלען, וואָס טראָגט אַ מין איבער־פּערזענלעכן, האַלב־אידיאַישן כאַראַק־טער. דאָס וויל זאָגן, אַז אפילו ווען אַ מענטש האָט שוין איבערגענוג געלט, ציט אים עפּעס אַ געהיימע, אינסטינקטיווע קראַפט צו טאָן געשעפטן און צו „פאַרדינען", הגם ער אַליין געניסט אפילו גאָרניט פון דעם רייכטום, וואָס ער קלייבט אָן, סיידן די באַפרידיקונג וואָס עס גיט אים דער אַנגעזעטיקטער אינסטינקט צו געזעלשאַפטלעכער טעטיקייט.

עס איז קלאָר, אַז בײדע אינסטינקטן זײנען ניט קיין גלייכע פּאָרל, פאַר־קערט דוקא „אַרבעט" איז אַ ריין־שאַפנדער, פּראָדוקטיווער כח, בעת „געֿ־שעפט" פירט זייער אָפט צו דירעקטע פאַרלוסטן פאַר דעם יחיד און פאַר דעם כלל. די געזעלשאַפטלעכע ענערגיע, וואָס שפּילט זיך אָפּ אין די בענק, די בירזשעס, די מאַרקעטס א. א. וו., איז פאַר דער מענטשהייט פון אַ קנאַפּן נוצן, און קען אין בעסטן פאַל זיין בלויז אַ מיטל צום ציל, אָבער ניט דאָס ציל גופא (די באַפרידיקונג פון די באַדערפענישן פון קערפּער און גייסט). אָבער, פונקט ווי דאָס געלט, אַרום וועלכן עס דרייט זיך די גאַנצע געזעל־שאַפטלעכע וועלט, איז אין אונדזער צייטאַלטער אויך „געשעפט" געוואָרן אַ זעלבסטצוועק, אַ זאַך, וואָס האָט אַ זין און אַ ווערט סתם אין זיך גופא אָן אַ שייכות צו די פּראָדוקטיווע אַרבעט־פּראָצעסן. דאָס איז אַ דואַליזם, אַ שפּאַלט אין אונדזער עקאָנאָמישער סיסטעם, וואָס ווירקט אויף אַלע געביטן פון לעבן.

נו, פרעגט וועבלען, ווי קומט עס, אַז די אַזוי גערופענע „קלאַסישע פּאָ־ליטישע עקאָנאָמיע", וואָס קומט צו אונדז פון אדאם סמיטה און ריקאַרדאָ, פון דער לעצטער העלפט פון 18־טן יאָרהונדערט, זאָל מאַכן אַזאַ גרויסן פע־לער, נעמלעך, גלייכצושטעלן די פּראָדוקטיווע און די געשעפטלעכע זייט פון דער ווירטשאַפט־טעטיקייט?

יעדער איינער, וואָס האָט כאָטש אַ קליין ביסל וויסן אין פּאָליטישער עקאָנאָמיע, ווייסט, אַז לויט די פּרינציפּן פון אָט דער לערע האָבן אַלע פּרייזן פון וואַרע אַ נייגונג צו זיין „נאָרמאַל", דאָס מיינט צו אַנטשפּרעכן דעם אָביעקטיוון ווערט פון מענטשלעכער ענערגיע (אַרבעט), וואָס איז אַריינגעלייגט געוואָרן אין זיי, אָדער צו אַנטשפּרעכן דעם סוביעקטיוון „ווערט", וועלכע די אָדער יענע וואַרע האָט פאַר דעם באַטרעפנדן קויפער, לויט זיינע אייגענע אומשטענדן, אין וועלכע ער געפינט זיך (פאַר אַ הונגע־ריקן, למשל, האָט ברויט מער „ווערט" ווי פאַר אַ זאַטן). דאָס איז די „קלאַ־סישע" ווערט־טעאָריע.

ווידער, ווייסט מען אַז די אַלטע עקאָנאָמיסטן, די קלאַסיקער, האָבן גע־האַלטן, אַז די קאָנקורענץ, דער פרייער קאַמף פון די פּראָדוצענטן צווישן זיך, וועט במילא, נאָרמאַל און נאַטירלעך, פירן צו אַן אויסגלייך פון אַלע פּרייזן אויף דעם מאַרקעט פון אַ באַשטימטער וואַרע. עס וועט הערשן אין דער ווירטשאַפט אַ מין העכערער געזעץ פון גערעכטיקייט, אַ נאַטירלעכער

געבאָט פון יושר און גלייכהייט. דאָס איז אויך אַ ירושה פון דער פּאָליטישער עקאָנאָמיע פון פאַר 150 יאָר צוריק.

אָט־די אַלע פּרינציפּן פרעגט וועבלען אָפּ. ער דערקלערט אויך, פאַרוואָס זיי זיינען געשאַפן געוואָרן, און מיט וואָס פאַר אַ כח זיי האָבן אַזאַ לאַנגע צייט געלעבט. זיי קומען, זאָגט ער, פון דער קליינער, בעל־מלאכהשער פּראָדוקציע־פאָרם, וועלכע האָט געהערשט אין יענער צייט (אין דער צווייטער העלפט פון 18־טן יאָרהונדערט), ווען די גרינדער פון אָט־דער לערע האָבן געלעבט. דעמאָלט איז טאַקע געמאָלט געווען יענע פ ר י י ע ק אָ נ ־ ק ו ר ע נ ץ, וואָס פירט פון זיך אַליין צו „גערעכטע" פרייזן אויף סחורה, און די געשעפטלעכע טעטיקייט איז ניט קיין קעגנזאַץ צו דער פּראָדוקטיווער אַרבעט. אויך אַנדערע באַגריפן פון יענער צייט, ווי די לערע וועגן „נאַטירלעכע רעכטע", די „געזעצן פון נאַטור", פון „פאַרשטאַנד־הערשאַפט" א. א. וו. האָבן משמעות געפירט שפּעטער די עקאָנאָמישע דענקער צו גלויבן אין דער ריכטיקייט אויף אייביק פון די גרונד־כללים פון די ענגלישע עקאָנאָמיסטן פון 100־150 יאָר צוריק.

דאָס לעבן האָט זיך אָבער געביטן זינט יענער צייט. עס זיינען געשאַפן געוואָרן נייע טעכנישע פאָרמען פון אַרבעט און פון דער גרויסער פאַבריקאַציע. די ראָלע פון האַנטווערק איז געפאַלן, און אין אַ סך פלעצער איז ער לגמרי אָפּגעשטאָרבן. אָבער, ניט געאַכטעט אויף דעם, איז געבליבן אין די קעפּ די „פּאָליטישע עקאָנאָמיע" פון אַמאָל, מיט אירע סקאַרבאָווע פּרינציפּן וועגן פרייזן, קאָנקורענץ־פרייהייט, דריי פאַקטאָרן פון פּראָדוקציע (לאַנד, אַרבעט, קאַפּיטאַל), א. א. וו. דאָס איז אַ טויטער באַלאַסט, שיריים פון אַמאָל, וואָס שטימען מער ניט היינט צו טאָג.

זיי האַלטן זיך אָבער אין לעבן, ווייל עס ווירקן נאָך די יסודות, אויף וועלכע זיי האָבן זיך געהאַלטן מיט הונדערטער יאָר צוריק. דאָס פּריוואַט־אייגנטום רעכט איז כמעט נאָך אַזוי הייליק און אומבאַרירבאַר ווי מיט 100 יאָר צוריק; די מעגלעכקייט פון „פרייער האַנדלונג" פאַר יעדן בשר ודם איז די זעלבע ווי עס האָבן געפאָדערט די „ליבעראַלע" פילאָזאָפן פון פאַרצייטן, ווי לאָק, מאָנטעסקיע, בלעקסטאָן און אדאם סמיטה. אָט אַזוי איז געקומען דער היינטיקער מיש־מאַש פון דער אינדוסטריעלער סיסטעם, וואו ריין פּראָדוקטיווע אינדוסטריעלע אַרבעט איז געקניפּט אין איין קנויל מיט די שעדלעכע, אַנטי־געזעלשאַפטלעכע געלט־אינסטינקטן, וואָס דריקן זיך אויס אין שווינדל און ספּעקולאַציע אויף כשרע „געזעצלעכע" וועגן.

דער קליינער אייזן און שטאָל־סיסטעם למשל איז טעאָרעטיש „פריי" צו קאָנקורירן מיט דעם שטאָל־טראַסט, אָבער וואָס אַזוינס אַזאַ „פרייהייט" און „גלייכהייט" מיינט אין ווירקלעכן לעבן, ווייסט אַ קינד אין וויג. מיט 150 יאָר צוריק האָט מען נאָך קיין ברעקל באַגריף ניט געקענט האָבן וועגן ריזיקע פאָרמען פון אינדוסטרילער פּראָדוקציע. דעמאָלט האָט מען נאָך געקענט האַלטן, אַז די פּ ר אָ ד ו ק ט י ו ו ע אינטערעסן שטימען איין מיט ג ע ז ע ל ש אַ פ ט ל ע כ ע אינטערעסן, אַז פאַר דעם כלל וועט קיין בייז ניט זיין, ווען די פּראָדוצענטן וועלן פראַנק און פריי הערשן איבער דעם מאַרק,

און די „נאַטור" וועט שוין אַליין זען ניט צו דערלאָזן, מען זאָל שינדן די הויט פון דעם עולם, וואָס קויפט די אַרטיקלען פון די פּראָדוצענטן (קליינע פאַבריקאַנטן). אָט, למשל, ווי נאָר עס וועט ווערן אַ יקרות, ווייל מען וועט איינשרענקען די פּראָדוקציע, אַזוי וועלן די גוטע פאַרדינסטן צוציען אַ סך נייע בעלנים צו מאַכן דעם אַרטיקל, און די פאַרגרעסערטע פּראָדוקציע וועט פירן צו אַ גרויסן אָנגעבאָט פון וואַרע. במילא וועט דער פּרייז מוזן פאַלן.

דאָס זיינען אָבער ניט מער ווי זכרונות פון פאַרצייטן. אין מאָדערנע אומשטענדן, פון גרויס־אינדוסטריע און טראַסטן, קען אַ גרופּע קאַפּיטאַ־ליסטן אינגאַנצן רעגולירן די פּראָדוקציע. זיי קענען אָפן אָפּשטעלן די פּראָ־דוקטיווע טעטיקייט, ווען עס וועט דערפון אַרויסקומען אַ געלט־נוצן, אַ גרעסערער פּ ר אָ פ י ט. אַזאַ „אַרבעט" רופט וועבלען אָן מיט דעם נאָמען „סאַבאָטאַזש", זיי קענען נעמען פּרייזן וואָס ווילן, אונטער די אומשטענדן, געבן דעם גרעסטן איינקונפט, און אויף אַלע מעגלעכע וועגן קענען זיי אויס־נוצן די פּראָדוקציע־מיטלען פאַר ריין־קאָמערציעלע, געלט־שאַפנדיקע צוועקן און צילן.

די נייע טעכניק, די פאַרוויקלענדיקע סיסטעם פון פּראָדוקציע, האָט, אַלזאָ געפירט צו אַזאַ צושטאַנד, אַז דער אַמאָליקער קליינער אונטערנעמער, דער יחידישער פאַבריקאַנט, — איז אַראָפּ פון דער סצענע. זיין אָרט פאַרנעמט אַ גרופּע קאַפּיטאַליסטן, וואָס שאַפן אַ קאָמפּאַניע, אַ קאָרפּאָריישאָן, און הערשן איבער דער פּראָדוקציע דורך געדונגענע פאַכמענער, אינזשינירן, טעכני־קער, א. א. וו. (אַזאַ קאָנטראָל איבער דער אינדוסטריע רופט ט. וועבלען „אַבסענטי אונערשיפּ", דאָס מיינט „דער באַזיץ פון אייגנטום דורך אָפּ־וועזנדע, ניט באַמערקבאַרע, באַזיצער). זייער צוועק איז ניט די אינדוסטריע ווי אַזעלכע, נאָר — געלט־פאַרדינסט, פּראָפיט. אַזאַ סיסטעם „אַבסענטיזם" איז פון אַ סאָציאַלן שטאַנדפּונקט, אַן אומגליק פאַר דער געזעלשאַפט, ווייל זי פאַראַליזירט די פרייע אַנטוויקלונג פון דעם שאַפנדיקן אַרבעט־אינסטינקט. זי פירט צום ניוועץ, אין אַ צייט ווען מיליאָנען מענטשן גייען אַרום הונגע־ריק, באָרוועס, אָפּגעריסן און קענען אפילו קיין ברעקל אַרבעט ניט געפי־נען דורך וועלכער צו פאַרדינען אויף אַ שטיקל ברויט.

פון אַזאַ קורצער איבערזיכט ווערט שוין קלאָר אַז אין וועבלענס לערע איז דאָ אַ שטאַרקער פּובליציסטישער עלעמענט, אַ דראַנג צו פאַרבינדן „וויסנשאַפטלעכקייט", די קאַלבלוטיקייט פון אַ געלערנטן צו עטישע פראַגן, מיט אַ הייסן פּראָטעסט קעגן דער אומגערעכטיקייט פון דער קאַפּיטאַליס־טישערווירטשאַפט סיסטעם. דער דאָזיקער מאָטיוו וועט נאָך הילכיקער אַרויסקלינגען פון אַנדערע זיינע טעאָריעס.

2. פּראָדוקציע און פּראָפיט

וועבלען זעט אין דער ווירטשאַפטלעכער טעטיקייט פון די מענטשן דעם אויסדרוק פון צוויי טרייב־קרעפטן: פון דעם אַרבעט־אינסטינקט און פון דעם געלט־אינסטינקט. ער געפינט, אַז „אינדוסטריאַליזם" (די מאָדער־

נע פאַרקערפּערונג פון אַרבעט־אינסטינקט) און דער „קאָמערציאַליזם״ (דער מאָדערנער קערפּער פון דעם געלט־גייסט) זיינען ווי צוויי הויפּט־פאַקטאָרי פון סאָציאַלן לעבן. דער אינדוסטריעלער דראַנג פירט צו שאַפנדער אַרבעט, בעת דער קאָמערציעלער פאַרלאַנג פאַראַליזירט די פּראָדוקטיווע טעטיקייט; ער פירט אפילו אַ „סאַבאָטאַזש״ מצד די פּראָפּיט־דורשטיקע אינדוסטריע־באַזיצער אָפּצושטעלן אויף אַ צייט די פּראָדוקציע, כדי בעסער צו קאָנטראָלירן די פּרייזן און ציען גרעסערע פּראָפיטן.

אַזאַ מין צווייטיילונג געפינט מען ביי ט. וועבלען אויך בנוגע צום צווייטן פאַקטאָר פון דער פּראָדוקציע, חוץ דעם ערשטן און וויכטיקערן פּראָדוק־טיוון פאַקטאָר — דעם מענטשלעכן עלעמענט. דער צווייטער פאַקטאָר איז — דער קאַפּיטאַל, די פּראָדוקטיווע מאַטעריאַלן און מיטלען, ווי בנינים, מאַשינען, קענטעניש, אידייען, דערפינדונגען. דאָ האָט וועבלען אַרויסגע־זאָגט טיפע און אָריגינעלע געדאַנקען.

ער טיילט איין דעם באַגריף „קאַפּיטאַל״ אין צוויי קלאַסן: 1) טעכנאָ־לאָגישער קאַפּיטאַל, וואָס איז אין גרונד אַן אינדוסטריעלער און סאָציאַלער ענין; און 2) קאָמערציעלער קאַפּיטאַל, בטבע אַ געלט־דורשטיקער און פּריוואַטער. זיי זיינען ניט נאָר ניט גלייך איינער צום אַנדערן, נאָר דוקא פאַר־קערט — קעגנזעצלעך און שטערן זיך קעגנזייטיק אויף שריט און טריט.

דער קאָמערציעלער קאַפּיטאַל, ווי באַקאַנט, נעמט אַריין אַזעלכע זאַכן, וואָס זיינען אַ מאָנאָפּאָל, אַ קינסטלעכע פּריווילעגיע, ווי למשל דער פּאַטענט־רעכט צו באַנוצן אַ באַשטימטע דערפינדונג אָן שטערונגען מצד אַנדערע בעלנים אויסנוצן די־דאָזיקע אידייע. דאָס ווערט פאַררעכנט פאַר „קאַפּי־טאַל״ ווייל דערפון געווינט מען שאַנסן צו מאַכן בעסערע פּראָפיטן. אויך דער „גודוויל״, דאָס מיינט די טרייד־רעפּוטאַציע, דער נאָמען פון דער פירמע אויף דעם מאַרקעט, ווערט „קאַפּיטאַליזירט״, דאָס מיינט, מען שאַצט אים אָפּ אין גוטע סומעס געלט, און מען שטעלט אים אַריין אין דעם אַקציע־קאַפּי־טאַל פון אַ קאָרפּאָריישאָן. פאַר דער געזעלשאַפט קענען פון אַזאַ „קאַפּיטאַל״ קיין מעלות ניט געמאָלט זיין.

דער אינדוסטריעלער, אָדער טעכנאָלאָגישער קאַפּיטאַל, פון דער צוויי־טער זייט, איז אַ דירעקטער רעזולטאַט פון דער געזעלשאַפטלעכער אַנט־וויקלונג און אַ פאַקטאָר אין דעם לעבן פון כלל. ער קומט ארויס פון דער וויסנשאַפט און טעכניק, וואָס זיינען ניט קיין יחידישע נאָר קהלשע שאַ־פונגען, און ערווירקט אויף דעם לעבנס־שטייגער פון דער געזעלשאַפט. אָט זעט מען דאָך, ווי די פאַבריקן, באַנען און דאַמף־שיפן האָבן לגמרי געביטן דעם שטייגער פון לעבנס־פירונג אין די לעצטע 100 יאָר. אַזאַ קאַפּיטאַל איז, לויט זיין נאַטור און אינהאַלט, אַ ריין סאָציאַלער „ווערט״, דאָס מיינט, ער ווערט געשאַצט לויט די געזעלשאַפטלעכע אומשטענדן פון דער צייט, און ניט סתם אויף דעם באַזיס פון דעם אינטערעס פון אַ יחיד.

נעמט, למשל, אַזאַ פאַקט. עס ווערט אַרויסגעבראַכט אויף דעם מאַרק אַ נייע מאַשין, וואָס איז צען מאָל פּרוכטבאַרער, פּראָדוקטיווער פון די פּרי־ערדיקע טיפּן אין דעם זעלבן קלאַס מאַשינען. ווי נאָר אַזאַ מאַשין פירט זיך

אײַן (מען מוז געדענקען, אַז רייכע קאָרפּאָריישאָנס קענען אָפּקויפן דעם פּאַטענט און אים בכלל ניט אויסנוצן, כדי צו פּראָפיטירן ציטווייליק פון זייערע אַלטע מאָדעלס, וואָס מען האָט נאָך ניט אינגאַנצן אויספּאַרקויפט), אַזוי פאַרלירן תיכף דעם ווערט אַלע מאַשינען, וואָס פלעגן צום זעלבן צוועק פריער געברויכט ווערן. מען מוז זיי פאַרקויפן פאַר אייזן־ברוך (דזשאָנק) כאָטש זיי זיינען נאָך אין אַ גוטן טעכנישן צושטאַנד. פאַרוואָס? ווייל זיי זיינען ווערטלאָז, די נייע מאַשין איז פּראָדוקטיווער, עקאָנאָמישער און בעסער. מיר זעען, אַז דער ווערט פון אַ מאַשין איז אַ פּועל־יוצא ניט פון דער אָביעקטיווער אַרבעט, וואָס איז אַוועק כדי די מאַשין צו שאַפן, נאָר אַז דער „ווערט״ פון אַזאַ מאַשין קומט גאָר אַרויס פון דעם אַלגעמיינעם טעכנישן פאָרשריט, וועלכער איז אַ סאָציאַלער, אָבער ניט קיין פּריוואַטער פאַקטאָר.

דאָס באַווייזט בולט, אַז דער פּראָדוקטיווער קאַפּיטאַל איז אַ סאָציאַלער פּראָדוקט, אַ שאַפונג פון דער געזעלשאַפט.

אין אונדזער קאָמערציעלער ציוויליזאַציע איז אָבער דער קאָמערציעלער קאַפּיטאַל, וואָס דינט פּריוואַטע אינטערעסן, דער פונדאַמענט, אויף וועלכן עס האַלט זיך די ווירטשאַפט. דער קרעדיט, וואָס די בענק גיבן די פירמעס, בויט זיך אויף דעם „פּאַפּירענעם״, דאָס מיינט קאָמערציעלן, קאַפּיטאַל פון די מאָנאָפּאָליסטישע קאָרפּאָראַציעס, וועלכע עקזיסטירן און ווירקן צוליב פּראָפיט און ניט צוליב דער אינדוסטריע. אַזאַ קעגנזאַץ אין די אינטערעסן פון די קליינע הייפעלעך קאַפּיטאַליסטן פון איין זייט און פון דער גאַנצער פאָלק־ווירטשאַפט, פון דער צווייטער זייט, פירט צו געזעלשאַפטלעכע קריזיסן, וועלכע ברעכן פון צייט צו צייט אויס און שאַפן ניט ווייניק שאָדן דעם גאַנצן כלל. אין אַזעלכע צייטן איז דער גלייכגעוויכט צווישן קויף און פאַרקויף געשטערט, די פּראָדוקציע שטעלט זיך אָפּ, און אַ שאַרפע אַרבעטסלאָזיקייט פלאָגט די אַרבעטער־מאַסן פון לאַנד.

אָט אַזאַ קוק אויף די ווירטשאַפטלעכע קריזיסן האָט געפירט איינעם פון וועבלענס נאָכפאָלגער, פּראָפעסאָר וו. מיטשעל, צו אַן אַלזייטיקער און טיפער אויספאָרשונג פון די קריזיסן אין דעם ווירטשאַפט־לעבן. זיין ווערק „ביזנעס סאַיקלס״ איז געוואָרן אַ סטאַנדאַרט ווערק, און איז אַ ביישפּיל ווי פרוכטבאַר וועבלען האָט באַאיינפלוסט די יינגערע עקאָנאָמיסטן אין אַמעריקע.

דער אַנאַליז אין דער היינטיקער ווירטשאַפט־סיסטעם פירט וועבלען צום שלוס, אַז „פּראָדוקציע„ און „פּראָפיט״ זיינען, אין דעם רעזשים פון קאַפּיטאַליזם, אָפט קעגנער איינער פון דעם צווייטן. צופיל פּראָדוקציע מיינט צו־קליינע פּראָפיטן. פאַרקערט גערעדט, מאָנאָפּאָל איז אַ סגולה צו גוטע געשעפטן, אָבער אַ מניעה צו פּראָדוקציע. זי איז ריינער ניוועץ פון דעם פּראָדוקטיוון, אינדוסטריעלן שטאַנדפּונקט.

איטלעכע גרויסע פירמע זוכט וועגן און מיטלען צו געווינען גרעסערע פּראָפיטן ווי די אַנדערע פירמעס אין איר טרייד, צו באַקומען אַ „דיפערענץ פּראָפיט״ אין פאַרגלייך מיט אַנדערע קאָנקורענטן. די פאַבריקאַנטן, סוחרים, באַנקירן פון איין לאַנד זוכן אַזעלכע „דיפערענץ פּראָפיטן״ אין פאַרגלייך מיט אַנדערע לענדער, און עס קומען אַרויס פון דעם בלוטיקע, קאַטאַסטראָפאַלע

מלחמות צווישן לענדער און פעלקער. דאָס אַלץ איז אַ פועל־יוצא פון דעם פּרינציפּ, אַז געשעפט "סיילסמענשיפּ", קומט פאַר אַרבעט "וואָרקמענשיפּ" און יעדע נייע פּראָדוקטיווע אידייע ווערט ראשית כל געוואויגן און געמאָסטן כדי צו זען צי זי קאָן ברענגען פּראָפיטן, צי זי איז אַ גוטע "ביזנעס פּראָפּאָזישאָן"...

אָט דאָס איז דער תוכן פון וועבלענס לערע וועגן געשעפט־אונטערנעמונגען, ווי זי האָט זיך ביי אים אַנטוויקלט דורך צענדליקע יאָר פאָרשונג־אַרבעט. זי האָט אים געמאַכט צו אַ שאַרפן קריטיקער פון דער מאָדערנער עקאָנאָמישער ציוויליזאַציע, וועלכער באַנוצט זיך אָפט מיט אַ שפּיציקער סאַטירע קעגן די אומזיניקע און שעדלעכע אינסטיטוציעס, וואָס לאָזן ניט צו קיין סאָציאַלן פּראָגרעס.

קיין פּאָזיטיווע פּלענער און פאָרשלאָגן געפינט מען ניט אין זיינע ווערק. קיין סיסטעמאַטישע סאָציאַלע לערע האָט ער אויך ניט געגעבן; דאָס מיינט, אַז ער האָט כמעט פאַרזען אינגאַנצן די געזעלשאַפטלעכע אינטערעסן און שטרעבונגען, וואָס האָבן ניט מיט דערווירטשאַפט קיין דירעקטן שייכות. זיין הויפּט־פאַרדינסט באַשטייט אין דעם, וואָס ער האָט, אַנשטאָט בלוט־לאָזע, אַלטע, עקאָנאָמישע באַגריפן פון אַמאָל געצויגן צום פאָרשן די ממשות־דיקע פאַקטן פון אונדזער צייט, די רעאַלע מענטשלעכע מאָטיוון; און במילא איז ער געוואָרן דער קעמפער פון דאָס נייע, דאָס פּראָגרעסיווע, קעגן דאָס אַלטע און רעאַקציאָנערע. די "אָרטאָדאָקסע" פּאָליטישע עקאָנאָמיע האָט אין אים געהאַט איר שאַרפסטן שונא.

ער האָט, אומדירעקט, גערופן צו אַ פעסטן בונד צווישן די אַרבעטער און די טעכניקער און וויסנשאַפטלעכע טוער, ווי דאָס האָבן פאַר אים פאָרלאַנגט סען־סימאָן און פערדינאַנד לאַסאַל (אַ "בונד פון דער אַרבעט און וויסנשאַפט פאַר דער באַפרייאונג פון דער מענטשהייט"). דאָס דאַרף פירן צו אַ געזעלשאַפט אָן פּאַראַזיטן, די פינאַנצירן און קאַפּיטאַליסטן, אינדוסטריע מאַגנאַטן, א. א. וו. אַרום און אַרום איז ער, אַלזאָ, געווען אַ מין סאָציאַליסט־אוטאָפּיסט פון דעם קאָלעקטיוויסטיש־צענטראַליסטישן שניט, הגם קלאָר און אָפן האָט ער זיינע אָנשויאונגען (פון פּאָליטישע טעמים—אויס מורא פאַר דעם "געלט־זאַק", וואָס קאָנטראָלירט די "הויכע בילדונג") ניט אַרויסגעזאָגט. פונדעסט־וועגן איז ער אָפט גערודפט געוואָרן פון די רעאַקציאָנערע פּראָפעסאָרן און טראַסטיס אין די מערסטע אוניווערזיטעטן, וואו ער האָט געלערנט סטו־דענטן, און האָט דעריבער געשמט פאַר אַ ראַדיקאַל.

זיין לערע האָט אַן איינזייטיקייט, וועלכע איז אפשר ניט ווייניקער שעד־לעך ווי די איינזייטיקע סיסטעמען פון די קלאַסישע עקאָנאָמיסטן, וועלכע ער האָט קריטיקירט. זיין פעלער באַשטייט אין אַ פיינטשאַפט צו ריין טעאָרע־טישע פּראָבלעמען פון דער פּאָליטישער עקאָנאָמיע, וועלכע האָבן אָבער אויך אַ טיפע פּראַקטישע באַדייטונג, ווי למשל, די פראַגע פון "ווערט" און "פּרייז". יעדער אינטעליגענטער עקאָנאָמיסט מוז איינזען, אַז אָן אַ טיפער באַפרידיקנ־דער לערע וועגן אָט־די צוויי באַגריפן קאָן אויך ניט געלייזט ווערן די פּראַק־טישע פּראָבלעם פון אַ נייער עקאָנאָמישער אָרדנונג אויף די יסודות פון

וויסנשאַפטלעכער טעכניק, גלייכהייט און אינטערנאַציאָנאַליזם — די דריי גרונד־עלעמענטן פון דער נייער, אינדוסטריעלער ציוויליזאַציע (אין איר אידעאַלער פּולקאָמענהייט).

אין אַזאַ גלייכגילטיקייט צו ריין־טעאָרעטישע עקאָנאָמישע פּראָבלעמען באַשטייט די הויפּט שוואַכקייט פון וועבלענס לערע. זיין אַנדער חסרון ליגט אין דער עקסטרעם־ווייטער, ממש מגוזמדיקער אויסטייטשונג פון עטלעכע נייע סאָציאַלע פאַקטאָרן, וואָס ער האָט אַנטדעקט און באַשריבן; ער איז אָבער געגאַנגען שוין צו־ווייט, ממש ביז צו אַן אַבסורד, אין דער אַנווענדונג פון עטלעכע פון זיינע טעאָריעס.

אָט אַזאַ ביישפּיל גיט זיין לערע וועגן לוקסוס, און בכלל וועגן דעם זאַטן און פוילן לעבנס־שטייגער פון די פּאַרמעגלעכערע קלאַסן, ווי דאָס איז אויס־געדריקט אין זיין פּאָפּולערסטן בוך: „די טעאָריע אָוו די ליזשור קלאַס". מיר וועלן זיך אויף איר אָפּשטעלן אַביסל לענגער.

3. ניוועץ און לוקסוס

געלט האָט געלייגט זיין שטעמפּל אויף אַלע געזעלשאַפטלעכע מנהגים און פירונגען, האַלט וועבלען. אומעטום זעט מען, ווי די רייכע ווערן רעס־פּעקטירט, ווייל הינטער זיי שטייט די מאַכט פון גאָלד, דעריבער ווילן טאַ־קע די רייכע אַרויסווייזן זייער כח דורך צווייערליי וועגן — אויפפאַלנדע רו (קאָנספּיקיואָס ליזשור) און אויפפאַלנדער ניוועץ (קאָנספּיקיואָס וועיסט).

וואָס איז שייך צו דער זאַטער פוילקייט, ווייסט מען, אַז די רייכע און מעכטיקע האָבן פון שטענדיק געהאַלטן אונטער זייער ווירדע צו אַרבעטן שווער, און האָבן זיך אַרומגערינגלט מיט קנעכט, דינסטן און אַ סך פּאַראַ־זיטן פון אַלע מינים. די פרויען און טעכטער פון גרויסע גבירים גייען אַרום פּוסט־און־פּאַסט כדי אויפצוהויבן דעם סאָציאַלן פּרעסטיזש פון זייערע מע־נער אָדער טאַטעס. דאָס אַלץ פירט צו ניוועץ און דעמאָראַליזאַציע, אָבער דער סאָציאַלער מנהג איז אַזוי פעסט איינגעוואָרצלט, אַז אַז איין רייכע פאַמיליע טוט נאָך די אַנדערע, אַז אַלע שאַפן זיי אַ מין באַזונדערע וועלט מיט פאַלשע באַגריפן פון טאַקט, מאַניערן און מאָדעס, אַ קאַסט פון ליידיקגייער און צע־לאָזענע טויגעניכצן.

דער אויפפאַלנדער ניוועץ, ווידער דריקט זיך אויס אין די טייערע מאָדעס, קליידער־פּאַסאָנען, גרויסאַרטיקע לוקסוס־דירות, קערפּערלעכע סי־מנים פון „אַדל", ווי די לאַנגע נעגל פון די רייכע פרויען אין „אַנאַ קאַרע־נינאַ", טאָלסטאָיס ראָמאַן. מיט דער צייט, צוזאַמען מיט דער עמאַנסיפּאַציע פון די פרויען און זייער אַריינציאונג אין ווירטשאַפטלעכן לעבן, איז אָפּגע־שוואַכט געוואָרן ביי אַ טייל דאַמען די נייגונג צו איבערפליסיקן פוץ און לוק־סוס, כדי צו באַווייזן פאַר דער וועלט זייער רייכטום. צוגלייך איז אָבער אין דער מענער־וועלט גופא געשטיגן די מאָדע צו שטאָלצירן מיט געלט דורך צילינדער־העט, טייערן צירונג, קליידונג, א. א. וו.

דער זעלבער מענטשלעכער אינסטינקט ווייזט זיך אַרויס, האַלט וועבלען,

אין דעם פאַרצוג וואָס אַ סך מענטשן גיבן צו די האַנט־געמאַכטע אַרטיקלען אין פאַרגלייך מיט מאַשינאַווע סחורות. דאָס טוט מען צוליב דעם וואָס די האַנט־אַרבעט סחורות זיינען טייערער, און מען האַלט זיי דערפאַר פאַר שענער און בעסער. אָפטמאָל מאַכט די מאַשין נאָך די פעלערן פון די האַנט־געמאַכטע סחורות, כדי דורך דעם צו געניסן מער חן אין די אויגן פון דעם רייכן קוי־פער. אַט־אַזוי על־כן, ווירקט אויך אויף דעם עסטעטישן געשמאַק דער געלט סטאַנדאַרד פון געלט.

דאָס זיינען ריכטיקע און זאַכלעכע באַמערקונגען, אָבער וועבלען גייט שוין אַוועק צו־ווייט, ווען ער זאָגט, אַז אַ „אַריסטאָקראַט" וועט ניט לאָזן קיין קו זיך צו פאַשן אויף זיין לאָנקע, ווייל דאָס וואָלט אויפגעפירט אויף דעם רעיון אַ מין פאַרבינדונג צווישן פּראַקטישער נוצלעכקייט (מילך) און לוקסוס (אַ שיינער גרויסער פּלאַץ באַדעקט מיט גרינעם גראָז און בלומען).

אויף דעם האָט ה. ל. מענקען, דער קריטיקער, אַמאָל געשריבן, אַז ווען וועבלען וואָלט, פילאָזאָפירנדיק מכוח דער פּאַסיקייט פון קי אין אַן „אַריסטאָקראַטישער" לאָנקע, זיך טיף פאַרטראַכט און וואָלט צופעליק אָפּ־געטראָטן פון דעם וועגל, וואָס פירט דורך אַ פּאַשע פאַר קי, וואָלט ער זיכער שוין אַליין אויסגעפונען דעם ריכטיקן גרונט, פאַרוואָס קי זיינען ניט גע־וואונטשן אויף שפּאַציר־לאָנקעס...

אויך אויף אַנדערע געביטן פון זיין גייסטיקער וועלט איז וועבלען שוין צו קאָנסעקווענט, דאָס מיינט עקסטרעם. אין זיין סאָציאַלן אַנאַליז, למשל, פון דער העכערער בילדונג, זיינען דאָ ניט ווייניק ריכטיקע און טיפע פעלער, אָבער אויך עטלעכע פלאַכע שטעלעס. אָט זעצט ער, למשל, אויס קעגן דעם שטודיום פון גריכיש און לאַטיין. טויטע שפּראַכן, דענקט ער, זיינען שווער און נוצלאָז, זיי נעמען צו פיל צייט, און זייער גאַנצער זין און ווערט איז צו ווייזן, אַז איר האָט צייט און געלט צו פאַרשווענדן אויף זייער נוצלאָזן שטודיום. אַזוי פירן זיך גבירים, וואָס ווילן ווייזן דער וועלט ווי רייך זיי זיינען.

אָבער דער אמת איז דאָך, אַז די קלאַסישע קולטור און ציוויליזאַציע האָבן נאָך ביז היינט אַ טיפן איינפלוס אויף דער אייראָפּייאיש־אַמעריקאַנער קולטור; און די קלאַסישע שפּראַכן האָבן אַ פיל גרעסערע ציוויליזאַטאָרישע באַדייטונג ווי וועבלען מיינט. אַלע העכערע וויסנשאַפטלעכע באַגריפן (ווער־טער) אין אונדזערע מאָדערנע שפּראַכן, שטאַמען געוויינלעך אָדער פון גרי־כישער אָדער פון דער לאַטיינישער שפּראַך, און זייער פולן זין קענען אָט־די ווערטער עפענען נאָר פאַר דעם, וועלעכער קאָן, כאָטש אַ קליין ביסל, יענע „טויטע" שפּראַכן. ווידער איז אַ גרויסער גייסטיקער גענוס צו קענען פאַר־שטיין אין אָריגינאַל די ווערק פון די דיכטער און דענקער פון אַלטערטום.

אָבער, ווי יעדער פּיאָנער, איז אויך טהאָרסטאָן וועבלען גענייגט צו אַן עקסטרעמיזם און פאַנאַטיזם. ער איז, נעמלעך, אַ פּיאָנער אין געביט פון אַ סאָציאָלאָגיע, וואָס זאָל זיין רייף און דערוואַקסן פאַר דער נייער עפּאָכע, פאַר דעם אינדוסטריאַליזם. עס זיינען דאָ בלויז געציילטע פּראָדוקטיווע עקאָ־נאָמיסטן אויף אָט דעם פעלד, און ער איז איינער פון זיי. אַלע זיינע פעלערן

זיינען ווי גאַרניט אין פאַרגלייך מיט דעם טיפערן זין פון זיין לאַנגן און פרוכט־באַרן לעבן — צו רופן די מענטשהייט צו אַ פּולקאַם לאַגישן און רעגולערן אינדוסטריעלן רעזשים, וואָס זאָל געבן דער גאַנצער וועלט אַ גליקלעכן און צופרידענעם לעבן.

אַזאַ אידעאַל זעט ביי אים אויס דער עיקר ווי אַ מאַטעריעלע, עקאָנאָמי־שע פּראָבלעם, און ער האָט צו טאָן מיט די גייסטיקע (פּסיכישע) קרעפטן נאָר אויף אַזוי פיל אויף וויפל זיי באַרירן די אינסטינקטן, נייגונגען און אַלער־ליי שטרעבונגען, וועלכע דריקן זיך אויס אין עקאָנאָמישע פאָרמען. ער איז „אַמעריקאַניש" שוין דורך דעם אַליין, וואָס די „אינדוסטריעלע עפישענסי", די געלונגענע אָרגאַניזירונג פון דער אינדוסטריע פאַר דעם אַלגעמיינעם נוצן פון דער געזעלשאַפט, איז דער אָנהויב און סוף פון זיין גאַנצער לערע. אָבער אָן איינזייטיקער אינדוסטריעלער רעזשים, אין וועלכן די גייסטיקע און עסטעטישע זייטן פון דער מענטשלעכער נאַטור וועלן ניט זיין פריי און אַנט־וויקלונג־פיאיק, איז אַ לאַסט ניט אַריבערצוטראָגן דווקא פאַר דעם בעסערן און פיאיקערן טייל פון דער מענטשהייט, וועלכער מוז האָבן אינדיווידועלע שאַפונג־פרייהייט. דאָס אָבער שיינט וועבלען צו האָבן פאַרזען אין זיין פאָ־דערונג פון אַ 100 פּראָצענטיקער אינדוסטריעלער „עפישענסי".

עס קען אָבער אויך זיין, אַז ער האָט אַליין געוואוסט אין וואָס די שוואַכ־קייט פון זיין לערע באַשטייט, אָבער ער האָט געזוכט קודם־כל צו ווייזן די פאַלשע זייטן און פעלערן פון דער ביז־איצטיקער עקאָנאָמישער וויסנשאַפט.

סעפּטעמבער, 1929.

רודאָלף ראָקער

1

די געאָגראַפישע און פּאָליטישע סביבה האָט שוין אין דער פריסטער יוגנט אַרויסגעלייגט אַן אָפּשטעמפּלונג אויף רודאָלף ראָקערס כאַראַקטער און פּער־זענלעכקייט. זיין געבורטשטאָט, מאַינץ, געהערט צו יענע טיילן פון מערב־דייטשלאַנד, וואו דאָס פאָלק איז אין טעמפּעראַמענט, גייסטיקע געוואוינהייטן און פּאָליטישע באַגריפן נאָענטער צו די דרום־דייטשישע לענדער, באַדען און ווירטעמבערג (מער באַווירקטע פון דעמאָקראַטישן גייסט), ווי צו דער מילי־טאַריסטישער פּרייסן, וואָס האָט איבערגענומען די העגעמאָניע איבער אַלע דייטשישע לענדער נאָך דעם נצחון איבער פראַנקרייך אין 1871. אין דער מאַינצער באַפעלקערונג, ווי אין דרום־דייטשישן פאָלק בכלל, האָט געלעבט אַן אַנטיפּאַטיע צו די פּרייסישע טראַדיציעס און אינסטיטוציעס. אויף ביס־מאַרקס רעזשים האָט מען געקוקט ווי אויף אַ שטיק משוגעת, און בעת ראָקער איז נאָך געווען זייער יונג, האָט אַזאַ שפּאָט־לידל געלעבט אין פאָלק:

דו ביסט פּעררייקט, מיין קינד!
דו מוזט נאָך בערלין,
וואָ די פּעררייקטען זינד,
דאָרט געהערסטו היַן.

אַ זון פון האָרעפּאַשנע עלטערן, וועלכע ער האָט פאַרלאָרן צו 10—11 יאָר; אויסגעוואַקסן אונטער דער השגחה פון דער באָבע, אין די ווענט פון אַ פרום־קאַטוילישן יתומים־הויז, מיטן געוויינלעכן קאַזאַרמע־רעזשים פון גייסטלאָזער דיסציפּלין; און אַ לערניינגל ביי אַ בוכבינדער — האָט ראָקער טיף איינגעזויגן אין זיך אַט־די אַנטי־פּרייסישע שטימונג, וואָס איז נאָך, אין גאַנג פון די יאָרן, כסדר ביי אים פאַרשטאַרקט געוואָרן. אין דעם גרויסן גאַר־ניזאָן און פעסטונג פון מאַינץ האָט ער אין דער זעלביקער צייט אויך געזען פאַר זיך די נאַקעטע ברוטאַלקייט פון פּרייסיש־דייטשישן מיליטאַריזם. פרי איז ביי אים רייף געוואָרן אַ שנאה צו יעדער טויטער דיסציפּלין און בלינדן גע־האָרכזאַם. צוואַנג און אויטאָריטעט, קנעכטישע אונטערטעניקייט צו די גייס־טיקע (רעליגיעזע) און וועלטלעכע (מלוכהשע) מאַכטהאָבער האָבן זיך פאַרן יונגן רודאָלף, ווי מיר זעען, — שוין דורך די אומשטענדן פון זיין דערציאונג און נאָענטסטער סביבה, — אַנטפּלעקט אין זייער גאַנצער געשטאַלט. ס'זיינען אין זיין נשמה פאַרפלאַנצט געוואָרן, דורך דעם גורל אַליין, די קערנער פון דער שפּעטערדיקער שטענדיקער קעגנערשאַפט צו יעדן צוואַנג און אויטאָריטעט —

סיי צו די, וואָס פאַרקערפּערן זיך אין קירכלעכן דאָגמאַטיזם און דיסציפּלין (רעליגיעזע טעאָקראַטיע), סיי צו די, וואָס ציען אויף זיך אַרויף דעם לבוש פון אַ פּאָליטישער, וועלטלעכער טעאָקראַטיע — פון שטאַטלעכן נאַציאָנאַליזם, און אָפיציעלן פּאַטריאָטיזם.

צו 16—17 יאָר, אויב נישט נאָך פריער, איז ראָקער שוין באַאיינפלוסט געוואָרן דורך סאָציאַליסטישע אידייען, דווקא לויטן נוסח פון דער פּאָפּולערער דעמאָלסט (הגם געזעצלעך פאַרבאָטענער) סאָציאַלדעמאָקראַטישער „מאַרקסיס־טישער שיטה. דאָס איז געווען דער פּראָלעטאַרישער סאָציאַליזם אין דייטש־לאַנד (פון די 1880ער יאָרן, אין די צייטן פון די גזירות פון „סאָציאַליסטן־געזעץ") אין זיין אומקלאָר־רעוואָלוציאָנערער און טעאָרעטיש־אינטערנאַציאָ־נאַלער פאָרעם. ביידע עיקרים — רעוואָלוציע און אינטערנאַציאָנאַליזם — פלעגן פון די יונגע אידעאַליסטן, און ראָקער איז געווען איינער פון זיי, אויפ־גענומען ווערן אפשר מיט דער זעלבער קדושה, אָבער צו פאַרווירקלעכן זיי טאַקע דורך מעשים איז, פאַר די מוטיקסטע אפילו, געווען לייכטער נאָר איינעם פון די דאָזיקע צוויי עיקרים — דווקא דעם אינטערנאַציאָנאַליסטישן אידעאַל. האָט ביים יונגן ר. ראָקער געלעבט אַ זייער שטאַרקער פאַרלאַנג צו באַקענען זיך מיטן לעבן, מיט די שפּראַכן און גייסטיקע ווערטן פון אַנדערע פעלקער, פון שכנישע לענדער. ער האָט פריצייטיק שוין איינגעזען אַז אָן אַ נענטערער באַקענונג מיטן קולטור־לעבן און מיט די סאָציאַל באַוועגונגען פון אַנדערע פעלקער קען מען די סאָציאַלע און גייסטיקע באַוועגונגען און צושטאַנדן אפילו ביים אייגענעם פאָלק אויך נישט ווי געהעריק פאַרשטיין. אַזוי האָט, ביסלעכ־ווייז, די שול פון לעבן גופא, די לאַנגע יאָרן אין אויסלאַנד און די דאָרטיקע סביבה צוזאַמען מיט די טענדענצן פון זיין יחידישן באַוואוסטזיין געמאַכט פון ראָקערן אַ „גוטן אייראָפּייער", אַ גייסטיקן אָפּשפּראָץ פון יענעם פּילצווייגיקן קולטור־שטאַם, וואָס הייסט אייראָפּעס גייסטיקע קולטור־טראַדיציע, פאַר־קערפּערט אין אירע בעסטע זין.

און אויב אָט־דער אייראָפּעאיזם זיינער איז אַ בלום אויפן בוים, וואָס הייסט רודאָלף ראָקער — דער מענטש, איז דער סאָציאַליזם זיינער אוודאי אַ פרי פון דעמזעלבן שטאַם. פון יאָר צו יאָר איז זיין סאָציאַליזם אַלץ טיפער, אָרגאַנישער, אינטימער פאַרקניפּט געוואָרן מיט זיין צוגעבונדנקייט, אַזאַ פּשוטער, נאַטירלעכער און האַרציקער, צו די שענסטע אידעאַלן פון מענטש־לעכן גייסט — ווי פרייהייט, גלייכהייט, גערעכטיקייט — זיינע אני־מאַמינס־חשיבות, ערלעכקייט און אָנשטענדיקייט אין האַלטונג און באַציאונג לגבי די מיטמענטשן, ספּעציעל צו די שוואַכערע, און צו די, וואָס זיינען אין דער מינ־דערהייט. אין אַזאַ זין האָט מיט פופציק יאָר צוריק אָנגעהויבן זיך אַנטוויקלען, וואַקסן און בליען ראָקערס סאָציאַליסטישער וועלט־באַנעם, פאַר וועלכן מענטשלעכקייט און נישט דער היסטאָרישער (אָדער וועלכער נישט איז אַנ־דערער) מאַטעריאַליזם איז געווען און פאַרבליבן זיין טיפסטער יסוד.

גלייך נאָכן אַריינטריט, אַלס בוכבינדערגעזעל, אין פּראָדוקטיוון, זעלבסט־שטענדיקן לעבן, איז ביי אים אויפגעקומען אַ טיף גייסטיקע באַציאונג צו

אַרבעט, צו מלאכה, אַלס לעבנספונקציע, — מער אינטואיטיוו, בחוש, ווי דורך טעאָריעס, וואָס האָבן אין ענגלאַנד דעמאָלסט שוין געווירקט אַדאַנק די לערעס פון דזשאָן ראָסקין און וויליאַם מאָריס, אַז מלאכה קען און דאַרף דערהויבן ווערן צו דער מדרגה פון קונסט, און אַז אַרבעט דאַרף דעם אַרבעטער מאַכן נישט בלויז זאַט, און פאַרזיכערט מיט זיין עקזיסטענץ, נאָר אויך חשוב, שעפע־ריש און גייסטיק באַפרידיקט. מיט איין וואָרט: די מענטשן וועלן נישט קענען, קיינמאָל נישט קענען, זיין גליקלעך, אויב אין זייער אַרבעט גופא וועלן זיי נישט געפינען צופרידנקייט און גליק. און דאָס ווידער מיינט, אַז די אַרבעט דאַרף אויסגעפירט ווערן מיט אַ מין קינסטלערישער דערהויבונג פון דער נשמה.

און ראָקער, דער פרייהייטליבנדיקער מענטש און עטיש־אינספּירירטער סאָציאַליסט, דער „גוטער אייראָפּייער" — אַ פאָרשער, קענער און געניסער פון די פיינסטע פּראָדוקטן פון אייראָפּעאישן גייסט אין אַלע זיינע קולטור־פאָרמען, האָט זוכה געווען נישט בלויז צו באַרייכערן זיין אייגענעם גייסט מיט אומשאַצבאַרע אוצרות פון דער ליטעראַטור און וויסנשאַפט, פון דער אַלטער און נייער קונסט; — נאָר גרויסע טיילן פון זיין גייסטיקן רייכטום האָט ער אָפּן געטיילט, מיט אַ ברייטער האַנט, צו אַנדערע — און איז, ווי דער שטייגער, דערפון נישט אויף אַ האָר אָרעמער געוואָרן! — דערהויבנדיק זיינע מיט־מענטשן, טויזנטער פון זיינע יידישע חברים, צו העכערע מדרגות פון זין, שכל און חלום.

2

די יאָרן, ווען דער יונגער ראָקער האָט אויספאָרמירט זיין סאָציאַליסטישן וועלט־באַנעם, די צייט צווישן 1886 און 1891, איז געווען, ווי געזאָגט, דער פּעריאָד פון „סאָציאַליסטן־געזעץ", וואָס האָט געצוואונגען די דייטשע סאָציאַ־ליסטישע באַוועגונג צו פירן אַן אונטערערדישע עקזיסטענץ. און דעמאָלט שוין, טאַקע אפשר אונטערן דרוק פון שטאַטלעכן דעספּאָטיזם (ווי שפּעטער — אין צאַרישן רוסלאַנד), האָבן זיך אויסקריסטאַליזירט יענע צוויי שטרייטנדיקע צווישן זיך ריכטונגען, וואָס האָבן דערפירט די לערך יונגע באַוועגונג צו אַ שפּאַלטונג שוין אויפן היסטאָרישן ערפורטער פאַרטייטאַג (אָקטאָבער, 1891). די „יונגע" (שפּעטער באַקאַנט אונטערן נאָמען „אומאָפּהענגיקע סאָציאַליסטן") האָבן נאָך דער לעגאַליזירונג פון דער סאָציאַלדעמאָקראַטישער פאַרטיי (יוני, 1890) אַרויסגעגעבן פון זייערע רייען אַ צאָל פרייהייטלעכע סאָציאַליסטישע וואָרטפירער, וואָס אין נאָענטע, חברשע באַציאונגען איז צו זיי צוגעשטאַנען דער יונגער ראָקער. דעם שווערן מזל זייערן — אויסשליסונג פון דער פאַרטיי — האָט אויך ראָקער נישט געקענט אויסמיידן, בעת ער איז אינגאַנצן 19 יאָר אַלט געווען: זיינע אָנזיכטן זיינען געווען אפּיקורסות אין די אויגן פון די קאָנ־סערוואַטיווע, פאַרטיי־ביוראָקראַטישע גדולים.

אַ סך גרונדגעדאַנקען פון זיין שפּעטערדיקן סאָציאַליסטישן אני־מאמין האָבן שוין אַ היפּש קלאָרע פאָרעם אָנגענומען אין יענער צייט, נאָך דעם ווי ער האָט פאַר די אויגן, און אויפן אייגענעם קערפּער, געזען און געשפּירט די אכזריות פון פאַרטיי־דעספּאָטיזם, פון ביוראָקראַטיש־פּאַרלאַמענטאַרישער

טיראַניי און פון אַבסאָלוטיסטישער אומטאָלעראַנץ, וואָס איז פאַר אַ פרייען גייסט געווען פונקט אַזוי מיאוס, אלצאיינס צי געקומען איז זי פון רעכטס, צי פון לינקס — פון דעם קייזערלעכן רעזשים, צי פון דער סאָציאַלדעמאָקראַטי־שער פאַרלאַמענטאַרישער פראַקציע.

איז, ווי ראַקער האָט אונדז איבערגעגעבן, שוין דעמאָלסט אים קלאָר געוואָרן ווי דער טאָג, אַז דער ווילן צו מאַכט און דער געפיל פון פרייהייט שטייען, אַזוי צו זאָגן, אין אַ פאַרקערטער פאַרהעלטעניש, דאָס מיינט, וואָס קלענער ס'ווערט ביי די „פירער" דער חוש און זין פאַר פרייהייט, אַלץ גרעסער ווערט דער ווילן צו מאַכט. און צוזאַמען מיט אים אויך דער דעספּאָטיזם, די אונטערדריקונג, אומטאָלעראַנץ און אַבסאָלוטיסטישע ווילקיר.

די דערפאַרונגען אין די קריטישע יאָרן פון 1886—1895, ווען דער „צווייטער אינטערנאַציאָנאַל" האָט אָנגעהויבן זיין 25יעריקע עקזיסטענץ, און ראַקער האָט יענע יאָרן פאַרבראַכט אין סאַמע צענטער פון דער סאָציאַליסטי־שער אַרענע — אין מערב־דייטשלאַנד און פאַריז, האָבן פאַר אים קלאָר געמאַכט איין גרויסן כלל, דהיינו: דער סאָציאַליזם וועט זיין פריי, אָדער ער וועט אינ־גאַנצן נישט זיין. דאָס קען דינען פאַר אַ מאָטאָ צו זיין סאָציאַליסטישן אני־מאמין ביזן היינטיקן טאָג.

נייטיק איז בלויז צו באַקענען זיך מיט די טעאָרעטישע קעגנזאַצן צווישן די דעמאָלסטדיקע „יונגע" סאָציאַליסטן אין דייטשלאַנד, פון איין זייט, און דער סאָציאַל־דעמאָקראַטישער „אַלטער גוואַרדיע", ווי בעבעל, וו. ליבקנעכט, פאָלמאַר, פישער און אַנדערע פון דער צווייטער זייט, און ס'וועט גלייך קלאָר ווערן, אַז די שפּעטערדיקע ירידה, דער באַנקראָט און זעלבסטמאָרד פון דער פריער כלומרשט מעכטיקער סאָציאַלדעמאָקראַטיע אין דייטשלאַנד איז אין גרונט פאָרגעצייכנט, פאַרבאַשטימט געוואָרן שוין מיט יאָרן פאַר דעם אויפקום פון דער רעפאָרמיסטישער רעוויזיאָניסטישער ריכטונג, נאָך 1900. יענער היסטאָרישער קאַמף פון 1890—1892 אין די רייען פון די דייטשע סאָציאַליסטן, וואו אויך ראַקער איז געווען אַ מוטיקער קריגער, — אַ קאַמף פאַר אַן ערלעכן, אויפריכטיקן, פּראָגרעסיוון און קאָנסטרוקטיוון סאָציאַליזם קעגן דעם אַבסאָ־לוטיסטיש־דאָגמאַטישן, צום שטאָט זיך בוקנדיקן און פאַרלאַמענטאַריש־אָריענטירטן פאַרטיי־סאָציאַליזם, האָט ראַקערן געפירט צו אַ דערקענטעניש פון איין קאַרדינאַלן אמת, נעמלעך: עס וועט קיין גוטס פאַרן סאָציאַליזם נישט אַרויסקומען, אויב זיינע פירער און וועגווייזער וועלן צוליב פּאָליטיקאַנישע ספּעקולאַציעס כסדר ציען צו אַ קאָמפּראָמיס מיט דער אומקלאָר־דענקענדיקער מאַסע, אויפן חשבון פון יענע ערלעכע, עטישע הויכע פּרינציפּן. ווייל דווקא אויף זיי איז דאָך דער סאָציאַליזם פון אָנהויב אָן געווען באַזירט, אָבער די „פירער" אַליין האָבן זיי פאַרגעסן אָדער פאַרשאַכערט און פאַרראַטן.

געהאַנדלט, אמת, האָט זיך אין יענער צייט וועגן זאַכן, וואָס קיין גרויסע היסטאָרישע באַדייטונג האָבן די מעכטיקע פאַרטייהערשער נישט געוואָלט אין זיי זען — שוואַכע, אומבאַהאָלפענע גרופּעס פון ערלעכע, ענטוזיאַסטישע גלוי־ביקע רעוואָלוציאָנערע סאָציאַליסטן־אינטערנאַציאָנאַליסטן אין קאַמף מיט

דעמאָלסט שוין אַ זייער מעכטיקער פּאַרטיי מאַשין. דאָך אָבער מוזן מיר באַוואונדערן היינט, ווי גרינטלעך, ווי טיף, עטלעכע וואָרטפירער פון יענע קליינע גרופּן האָבן פאַרשטאַנען די קערנדיקסטע פּונקטן, אַרום וועלכע יענער סכסוך, פון פאַר 50 יאָר, האָט זיך געדרייט, און וועלכע זיינען, אין דער פולער באַדייטונג זייערער, אויפגעשטיגן פאַרן סאָציאַליזם ערשט איצט און דאָס מיינט — אין אַ וועלט, וואָס איז צעטרייסלט געוואָרן דורך צוויי וועלט־מלחמות. מיר אַלע הייבן ערשט איצט אָן צו זען, ווי די וועלט ווערט באַקערט, מוז באַקערט ווערן, צו די פרייהייטלעך־סאָציאַליסטישע אידייען מכוח דעמאָקראַטיע (אַז דעמאָקראַטיע איז עפּעס אַנדערש, מער פון אַ סיסטעם, וואו די מאַיאָריטעט מעג דעספּאָטיש הערשן איבער אַ מינדערהייט; אָדער — אַז געוויסנפראַגן ווערן נישט פאַרענטפערט דורך ציפערן און צאָלן פון פּאַסיוו־אָפּגעגעבענע שטימען בעת פּאָליטישע וואַלן א. ד. גל.).

אָט די אַלע פּראָבלעמען, וואָס שטייען אין מיטלפּונקט פון אונדזער צייט, האָבן שוין ראָקערס געמיט און מוח באַשעפטיקט מיט 50 יאָר צוריק. זיי האָבן באַשטימט זיין אויסגעקליבענעם וועג אויף 40—50 יאָר אין פאָראויס, אַלס סאָציאַל טעאָרעטיקער און בויער פון אַ נייער, אַלטניייער (ענלעכער אין פיל פּרטים צום ערשטן אַרבעטער־אינטערנאַציאָנאַל אין די צייטן פון באַקונין און זיינע פריינט) ריכטונג אין סאָציאַליזם. פון זיין כמעט ערשטן באַוואוסטזיניקן טאָג אין דער אַרבעטער־ און סאָציאַליסטישער באַוועגונג האָבן זיך זייער טיף איינגעקריצט אין זיין גייסט אַ ריי עיקרים, וואָס לעבן און ווירקן אין אים ביזן היינטיקן טאָג. אָט זיינען אַ פּאָר פון זיי: „די מענטשלעכע געזעלשאַפט אָן גערעכטיקייט איז געגליכן צו אַ קערפּער אָן אַ נשמה", אָדער „די פראַגן פון מענטשלעכן געוויסן קאָנען נישט און טאָרן נישט באַשטימט אָדער דיקטירט ווערן דורך אַ מערהייט פון שטימצעטלען"; אָדער „די מענטשלעכע ווירדע און דער גלויבן אין דער אייגענער קראַפט זיינען ווירקזאַמערע כוחות פאַר אַ סאָציאַלן איבערבוי און פאָרטשריט, ווי די גייסטלאָזע פּאַרטיי דיסציפּלין, אָדער דער בלינדער גלויבן און צוטרוי צו פירערס און פירערלעך, וואָס וועלן שוין „אויסקעמפן" פאַרן אַרבעטער, דורך פּאַרלאַמענטאַרישע געזעצן, אָן אויסלייזונג פון פּאָליטישן, סאָציאַלן און עקאָנאָמישן יאָך".

מיר קוקן איצט אויף דער לאַנגער קייט עטאַפּן, וועלכע ראָקער האָט אין זיין גייסטיקער אַנטוויקלונג געהאַט דורכגעמאַכט און זעען היינט פּאַרטיקע אַנזיכטן. ער אַליין דערציילט אונדז פון צייט צו צייט, ווי ער האָט זיך דורכגעראַנגלט צו זיינע אורטיילונגען און פּרינציפּן. ווייסן מיר, אַז שוין פון די ערשטע טעג כמעט איז די אָריענטאַציע, די ריכטונג געוואָרן אַזאַ, וואָס האָט מיט דער צייט אים געמוזט דערפירן צו אָט די אַנטי־אויטאָריטאַרישע, אַנטי־אַבסאָלוטיסטישע אַנזיכטן זיינע. אָבער אין לויף פון גייסטיקן וואוקס און אינערלעכן געראַנגל איז דער פּראָצעס אודאי נישט געגאַנגען אינגאַנצן גלאַט און פון זיך אַליין. געמוזט האָבן ווירקן טיפע און סטימולירנדיקע איינפלוסן; חוץ ווירקונגען פון דעם אָדער יענעם גרויסן גייסט, צוזאַמען מיטן אינטענסיוון אינערלעכן פּראָצעס פון זעלבסטקריטיק, פון אַן אינטעלעקטועלן דין־וחשבון און

קריטיש־באַוואוסטזיניקן נאָכדענקען, לייענען און לערנען, זיינען געוויס געווען אַ סך גרעסערע און קלענערע ווענדפונקטן אויף אָט דעם גייסטיקן וועג ראָקערס, וואָס וועלן ערשט פון זיין פולער אויטאָביאָגראַפיע קענען זיין אַן „אָפענער בוך״ פאַר יעדן לייענער. דערווייל ווייסן מיר בלויז פון אַ פאָר אַזעלכע מאָמענטן אין זיין לעבן. זיינען זיי טאַקע פון גרעסטן אינטערעס פאַר אַלע זיינע תלמידים, חברים און פריינט.

אין ווענדפונקט אַזאַ אויף דעם וועג צו אַ פולער, ריכטיקער פאַרשטאַנע־נעם סאָציאַליזם איז געווען ראָקערס בייזיין אויפן צווייטן אינטערנאַציאָנאַלן סאָציאַליסטישן קאָנגרעס אין בריסל אין יאָר 1891. באַזונדערס אַנטשיידנדיק האָט אויפן 18־יאָריקן ראָקער דאָרט געווירקט דער מוטיקער אַרויסטריט פון גרויסן האָלענדישן סאָציאַליסט (שפּעטער — אַנאַרכיסט) דאָמעלאַ ניואווענ־הויז — אַן אויסגעשפּראָכענער עטישער סאָציאַליסט און אַנטי־מיליטאַריסט. דער שאַרפער צוזאַמענשטויס צווישן ניואווענהויזן און ליבקנעכטן, ווען דער בראַווער קעמפער פאַרן סאָציאַלן יושר און העכערן מענטשלעכן אמת, אין גייסט פון פרייהייט און פעלקער־שלום, האָט געשטורעמט קעגן דעם באַרימטן גדול פון דער דייטשער שטאַטלעך־אויטאָריטאַרישער פאַרטיי־דיסציפּלין, וועלכע ער האָט געהאַלטן העכער פון אַלץ און האָט דערביי פאַרגעטערט די פּאַר־לאַמענט־דערפאָלגן פון דער סאָציאַל דעמאָקראַטיע, מיט איר ביוראָקראַטישן פּאַרטיי דעספּאָטיזם און אומטאָלעראַנץ לגבי אַלע אויפריכטיקע פרייהייטלעכע, רעבעלישע גייסטער אין דער באַוועגונג פון די „יונגע״. יענער קאַמף אין בריסל האָט אויף ראָקערן געלאָזט אַן איינדרוק אויפן גאַנצן לעבן.

נאָך יענעם קאָנגרעס זיינען געקומען באַגעגענישן אין בעלגיע מיט עט־לעכע דייטשע חברים, הערשאַפטלאָז־סאָציאַליסטישע טוערס מיט שטענדיקע נייגונגען צו די דייטשע אַנאַרכיסטישע גרופּן אין ענגלאַנד און אַמעריקע. אַזוי איז אומצעשטערבאַר פאַרפעסטיקט געוואָרן ראָקערס צובונד צו דער פרייהייט־לעך־סאָציאַליסטישער אידייען־וועלט, ווי זי איז פאַרקערפּערט געוואָרן אין די אידעאַלן און לערעס פון פּרודאָן, באַקונין און קראָפּאָטקין.

מיר זעען דאָ ווידער ווי טיף און אָרגאַניש דאָס סאָציאַליסטישע אין רו־דאָלף ראָקערן איז פאַרבונדן מיט דער העכער מדרגה פון זיין ברייטער, ווייט־ערער מענטשלעכקייט פון איין זייט, און מיט דער פולקאָמענער איראָפּעאיש־קייט זיינער, פון דער צווייטער זייט. עס ווערט קלאָר פון ערשטן בליק, אַז פאַר אַזעלכע סאָציאַליסטן ווי ראָקער (און ענלעכע צו אים — אַ וויליאַם מאָריס, אַ קראָפּאָטקין, לאַנדויער א. ד. גל.) איז דער סאָציאַליזם נישט קיין פּאַרטיי־ענין, נישט קיין אויסדרוק פון קלאַסנקאַמף אָדער בלויז אַ געיעג נאָך סעקציאַ־נעלע אָדער פּראָפעסיאָנעלע (געווערקשאַפטלעכע) געווינסן און פאַרצוגן — הגם דווקא רודאָלף ראָקער, ווי אויך זיין הויפּטלערער אין דער אַנאַרכיסטי־שער טעאָריע, קראָפּאָטקין, לייגן אַ ביז גאָר גרויסן געוויכט אויף דעם סינדי־קאַליסטישן, פרייהייטלעכן אַרבעטער קאַמף אויפן עקאָנאָמישן און אינ־דוסטריעלן געביט.

און דאָך איז דאָס בפירוש אַ סאָציאַליזם, וואָס איז געבויט אויף פּערזון־

פונדאַמענט פון די מענטשלעכקייט־אידעאַלן און נישט אויפן וואַקלדיקן, אומ־באַשטימענדיקן פונדאַמענט פון כלומרשט־רעאַליסטישע, מאַטעריעלע לוין אינטערעסן פון דער אָדער יענער אַרבעטער גרופּע.

און פון דער צווייטער זייט שעפּט דער ראַקערס סאָציאַליזם פון גאָר אַ סך לויטערע קוואַלן; פון דעם מאָנומענטאַלן אויפטו, פון באַפרייאונג־טריאומף פון דער גרויסער פראַנצויזישער רעוואָלוציע און פון די צוויי גרעסטע סאָציאַלע דענקער אין פראַנקרייך, וואָס האָבן די אידייען פון דער גרויסער רעוואָלוציע פאַרטגעזעצט אויפן עקאָנאָמישן, סאָציאַלן און פּאָליטישן געביט — סען סימאָן און פּרודאָן; פון צוויי רוסישע רעוואָלוציאָנערן און אייראָפּייאישע גייסטיקע העלדן — באַקונין און קראָפּאָטקין; פון האָלענדישע, ענגלישע, שפּאַנישע און איטאַליענישע דענקער און פאַרשער — אין צוגאָב צו די גרויסע נביאישע קעמפער פאַר אַ באַנייטן, באַפרייטן דייטשישן פאָלק, וואָס וועט ענדלעך האָבן פון זיך אַראָפּגעוואָרפן אַלע קייטן פון אויסערלעכער און אינערלעכער אויטאָ־ריטעט, קייטן פון דעספּאָטיזם און טיראַניי. אָט די אַלע גייסטיקע איינפלוסן און קוואַלן האָבן זיך צוזאַמענגעטראָפן, ווי די שטראַלן אין איין ברענפּונקט, אין ראַקערס סאָציאַליסטישער פילאָזאָפיע, אין איין גרויסן גייסטיקן סינטעז פון נאַציאָנאַלע קולטורן און אַלמענטשלעכע אידעאַלן.

3

סיי די טעאָריע פון סאָציאַליזם, סיי די פּראַקטיק פון סאָציאַלן קאַמף האָבן ראַקערן געלערנט, אַז דער סאָציאַליסטישער אידעאַל און די באַוועגונגען, וואָס פאַרקערפּערן אים, זיינען די פאָרטזעצונג פון איינער פון די וויכטיקסטע און פרוכטבאַרסטע אייראָפּייאישע קולטור־טראַדיציעס, דאָס הייסט אַ פּראָדוקט און נאַטירלעכער רעזולטאַט פון דער אייראָפּייאישער גייסטיקער און סאָציאַ־לער אַנטוויקלונג אין די לעצטע 500 יאָר, אָנהייבנדיק מיטן רענעסאַנס, רע־פאָרמאַציע, קאַמף קעגן מלכים־טיראַנען אין ענגלאַנד און פראַנקרייך, ראַציאָ־נאַליזם, רעפּובליקאַניזם און ליבעראַליזם. אַזאַ קוק אויפן סאָציאַליזם איז אויך מיילן־ווייט פון דעם דאָגמאַטיש־מאַרקסיסטישן אָנזיכט, אַז דער קאַפּיטאַליזם איז דער פאָרגעגנער פון דער נייער געזעלשאַפט. פיל נאָענטער איז ראַקער אין אָט־דעם פּונקט צו די אידייען פון פּרודאָן, וואָס האָט געקוקט אויף דעם קאַפּיטאַליזם ווי אויף דער „מאָנאַרכיע אין דער עקאָנאָמיק״, ווי אויפן מאָ־דערנעם דעספּאָטיזם, וואָס פאַרשקלאַפט די אַרבעטנדיקע מענטשהייט אַנדערש, אָבער אפשר נישט ווייניקער, ווי די אַמאָליקע שקלאַפעריי אָדער דאָס לייב־אייגנטום, מחמת דער קאַפּיטאַליזם איז דאָס לעצטע רעשטל פון דער אַלטער סיסטעם פון רויב און שווינדל.

דאָס אייראָפּעאישע אין ר. ראַקערן האָט אים, אויף אַ דירעקטן און גלייכן וועג, געמוזט פירן צו דער אידייע פון פעדעראַליזם און דעצענטראַליזאַציע, די צוויי גרונט־יסודות פון אַ פרייען, צוקונפטיקן צוזאַמענלעבן פון די אייראָ־פּיאישע פעלקער. ער האָט אין זיינע גרינטלעכע שטודיעס מכוח דער פאַר־גאַנגענהייט פון אָט די פעלקער, פון זייערע פּראַכט־עפּאָכעס, די געבענטשטע

צייטן פון גייסטיקער און עטישער צעבליאונג, געקענט לערנען, אַז דווקא די לאָקאַלע און ראַיאָנע אויטאָנאָמיע, די פולע זעלבסטפאַרוואַלטונג און זעלבסט־באַשטימונג פון שטעט און קליינע טעריטאָריעס ,האָט געפירט צו אַ פולער און פרייער אַנטוויקלונג פון שעפערישקייט אין אַלע געביטן (קונסט, וויסנשאַפט, עקאָנאָמיק און ציווילער פרייהייט־מוט), ווי דאָס איז געווען אין געוויסע צייטן פון מיטל־עלטער און אפילו אין דער נייער צייט. און פאַרקערט — די פּאָליטישע צענטראַליזאַציע, שטאַטלעכער וואוקס אין אַן אומענדלעך־גרויסער מאָס, האָט דווקא שטענדיק געטריבן צו דער ירידה פון די אַמאָל שעפערישע ישובים, לענדער און גאַנצע טיילן פון איראָפּע, וואָס זיינען נאָך אַזעלכע קאַטאַסטראָפעס שוין מער צו זיך קיינמאָל נישט געקומען.

פאַר אַ גוטן איראָפּייער פון אַזאַ טיפּ, דאָס הייסט אין דעם זין פון וואָרט, ווי ס׳האָבן אים פאַרשטאַנען אַזעלע דייטשישע גייסטער ווי היינע אָדער ניטשע, איז דער סאָציאַליזם אַן אינעווייניקסטע באַדערפעניש, אַ העכערע שטופע אין פרימאָרגן פון מיטלאַלטער, וואָס האָט אין זיין לאַנגער געשיכטע געהאַט אַזוי פיל גייסטיקע איבער־נאַציאָנאַלע פאַקטאָרן (בילדונג, קירך, קונסט־טראַדיציעס א. א. וו.), און וואָס האָט אין זיינע שאַפונגען, דערהויפּט אין דער אַרכיטעקטור, דערגרייכט אַ רום, וואָס קען אפילו אין דעם איצטיקן חורבן פון די שטיין־בנינים דורך באָמבעס פון הימל, דאָך נישט צעשמעטערט ווערן. אַ פעדעראַטיווע איראָפּע אויף סאָציאַליסטישע יסודות — מיט אַזאַ אידעאַל האָבן געלעבט די גרויסע וועגווייזער פון פרייהייטלעכן סאָציאַליזם — אַ פּרודאָן, באַקונין און קראָפּאָטקין, און אין אונדזער צייט איז רודאָלף ראָקער דער גלענצנדיקסטער און באַקאַנטסטער פאַרטרעטער און פאַרקעמפער פון אָט דעם אידעאַל, וואָס אָן זיין פאַרווירקלעכונג קען קיין פעלקער־שלום קיינמאָל נישט געמאָלט זיין.

ראָקער זעט, בכן, אין סאָציאַליזם דעם פאַרבינדנדן צעמענט, וואָס קען איראָפּע אין אַ נייעם קאָן ווירקלעך ברענגען צו אַ הויכער שטופע, ענלעך צו די שענסטע פעריאָדן פון דער פאַרגאַנגענהייט. דער דאָזיקער סאָציאַליזם, ווי ער גלויבט, וועט אָבער נישט זיין דער דאָקטרינערער, אַבסאָלוטיסטישער סאָציאַליזם פון אַ לאַסאַל אָדער מאַרקס, וואָס האָט נישט און קען נישט האָבן די סטימולירנדיקע קראַפט צו פאַרבייטן די אַלטע דעספּאָטיזמען דורך אַ נייעם סדר פון פרייהייט און גלייכהייט, באַזירט אויף גערעכטיקייט און סאָלידאַריטעט. פאַרקערט, יעדער סאָציאַליזם, וואָס האַלט פון אַבסאָלוטיזם פון דער אידייע, ווי למשל דער פאַטאַליזם פון קאַרל מאַרקס און דער פירער־פּרינציפּ פון פ. לאַסאַל, מוז שטענדיק, מיינט ראָקער, פירן אויך צום אַבסאָלוטיזם אַלס פּאָליטישע סיסטעם, צו דיקטאַטור און דעספּאָטיזם. אָט פאַרוואָס דער געוואַלט־רעזשים, דער שטאַטקולט, פון די יאַקאָבינער בעת דער גרויסער פראַנצויזישער רעוואָלוציע האָט אונטערגעגראָבן דעם פולן דערפאָלג פון דער סאָציאַלער און פּאָליטישער רעוואָלוציע אין פראַנקרייך. ער האָט בלויז געפירט צום דעספּאָטיזם פון נאַפּאָלעאָנען, אָט דער ערשטער פאַרגענגער פון פאַשיזם אַלס אַ פּאָליטישער פאַרזעעניש־רעזשים, וועלכער האָט סוף־כל־סוף געטריבן גאַנץ איראָפּע צום איצטיקן חורבן. דאָס מיינט: סיי אין גליק, סיי אין אומגליק,

איז דער שיקזאַל פון אייראָפּע אַן איינהייטלעכער, ווייל אין גרונט איז אייראָפּע אַ גייסטיקע איינהייט, איין גאַנץ באַשטימטער און דורך הונדערטער יאָר גע־שיכטע אויסגעשמידטער קולטור קרייז פון געמיינזאַמע אינטערעסן און שטרעבונגען.

דער דאָזיקער הערלעכער, אויפגעקלערטער פּאַן־אייראָפּע־גייסט, וואָס פּילט אַן פיל הונדערטער אַרטיקלען ראָקערס און איז זייער אָפּט אַריינגעבראַכט געוואָרן אין זיינע לעקציעס, שליסט אָבער נישט אויס ביי ראָקערן אַ געוויסע עמאָציאָנעל־אינטימע, געלייטערטע ליבע צום היימישן ווינקל, צום געבוירן־לאַנד און צום אייגענעם פאָלקסשטאַם. וועגן אָט דעם ענין האָט ער אין אַ בריוו צום שרייבער פון אָט די שורות (נאָך אין נאָוועמבער, 1943) אויסגע־דריקט עטלעכע אינטערעסאַנטע געדאַנקען, וואָס איז כדאי דאָ (פון ראָקערס דייטשישן אָריגינאַל) איבערצוזעצן אין יידיש, ווי פאָלגט:

„היינע האָט אין זיינע געדיכטן און אויך אין זיין פּראָזע הונדערטער שטעלעס, ווי טיף ער איז צוזאַמענגעוואַקסן מיט דער עלטערער דייטשער קולטור... אויך בערנע, זשאַן פּאול ריכטער, העלדערלין און אַ סך אַנדערע, האָבן צו זייערע לאַנדסלייטס קעפּ אויסגעלאָזן זייער פיל אומ־אַנגענעמע אמתן. היימאַטליבע, זעט איר, איז טאַקע גאָר אַן אַנדער זאַך ווי פּאַטריאָטיזם און נאַציאָנאַליזם, וואָס זיי דערשטיקן אין אַ פאָלק גראַד דאָס בעסטע, באשר זיי צילן צו רעדוצירן אַלץ צו איין באַשטימטער פאָרם, צו אַ סטאַנדאַרט. ס׳איז גאַנץ נאַטירלעך, אַז דער געבוירנפּלאַץ זאָל בלייבן אַ שטילער טעמפּל, וואָס פּילט אַן די נשמה מיט שטומער בענקשאַפט און רירט־אַן די פאַרבאָרגענע סטרונעס פון האַרצן. אַן אינערלעכע פאַרבינדונג האָט נישט אָבער דער היימאַט־געפיל נישט מיט מאַכט־פּאָליטיק, נישט מיט נאַציאָנאַליסטישער מעכאַניזירונג. ער איז דער קעגן־פּאָלוס פון יעדער פּאַטריאָטישער שטרעבונג...

„..דווקא די דערמאָנטע מענער: היינע, בערנע, העלדערלין און אַנד. האָט דייטשלאַנד צו פאַרדאַנקען דאָס טיפסטע, וואָס איז געבוירן געוואָרן פון דער פאָלקס־נשמה און האָט זיך צעבליט (דורך דער זשע־ניע פון די דערמאָנטע דייטשן). זיי האָבן געגעבן דייטשלאַנד און דער וועלט דאָס, וואָס קיין פרידריך דער גרויסער, קיין ביסמאַרק און קיין היטלער האָבן זיי נישט געקאָנט געבן, ווייל זיי, די שאָוויניסטן, האָבן פון יענעם אמת־דייטשן אינהאַלט, פון די גרויסע פּאָעטן, אפילו קיין שפּור נישט אַרויסגעבראַכט. דאָס גילט נישט נאָר פאַר דייטשלאַנד, נאָר אויך פאַר יעדן פאָלק. ס׳באַפליגלט נישט דעם גייסט פון אַ פאָלק און מען פאַרשטאַרקט נישט דעם אינעווייניקסטן גליק פון די מענטשן, פאַר־וואַנדלענדיק די וועלט אין אַ פון רויך אַרומגעצויגענעם שלאַכטפעלד און דינענדיק, דורכן בלוט פון מיליאָנען מענטשן, דעם משוגענעם ערגייץ פון מאַכט און באַהערשונג. ווער ס׳טוט דאָס, בלייבט בלויז אַ היימלאָזער בעטלער, אפילו ווען דער שיקזאַל לייגט אים אַרויף אויפן קאָפּ די קרוין פון דערפאָלג.

„די מערדער פון גייסט זיינען די שונאים פון אַלע פעלקער, ווייל

דער, וואָס שמידט איין זיין אייגן פאָלק אין קייטן, איז שטענדיק גרייט איינצושפּאַנען אויך די גאַנצע וועלט אין יאָך פון שקלאַפעריי. „לויט זייערע פרוכטן זאָלט איר זיי דערקענען!“ אויפן בלוטיקן פעלד פון טיראַניי געדייעט בלויז בלוט און טיראַניי. אָבער אויפן פעלד פון גייסט געדייעט דער גייסט, וואָס ווערט אייביק אויפסניי געבוירן און פלאַטערט, אויף זיינע פון פרייהייט אָנגערעגטע פליגלען, איבער גאָר דער וועלט, כדי צו באַשיצן דאָס הייליקסטע אין מענטשנטום. דערין באַשטייט די גרויסקייט פון געטע, היינע, העלדערלין און פון הונדערטע אַנדערע, וואָס זייערע שטימען ווערן היינט פאַרשלונגען דורך דעם בלוט־רעש פון באַרבאַריי, ביז די צייט וועט קומען, ווען זייערע ווערטער וועלן דערוואַכן צו נייעם לעבן און מיטהעלפן צו גרינדן אַ נייעם מענטשנטום“.

אין תוך האַנדלט זיך אין רודאָלף ראָקערס סינטעז פון סאָציאַליזם און אייראָפּייערטום טאַקע אין דער שאַפונג פון אַ נייעם מענטשן, פון אַ נייער מענטשהייט, וואָס קאָן, ווייל זי איז דערצו באַרופן, פאַרווירקלעכן די פּיי־נערע, געלייטערטע סאָציאַלע אָרדענונג, צו וועלכער מיר אַלע שטרעבן. איינער פון אַזוינע נייע מענטשן, אַ לעבעדיקער טרעגער פון דעם סינטעז אייראָפּע און סאָציאַליזם, איז טאַקע ראָקער אַליין. ער איז צום גליק נישט דער איינציקער, הגם גאַנץ געוויס איינער פון די פּעאיקסטע, געהויבנסטע, גלענצנדסטע. זיי זיינען דאָ היינט, זיי זיינען נעכטן געווען און וועלן שטענדיק נאָך זיין — מענטשן פון אַלע פעלקער, אין אַלע לענדער. אפילו איצט, אונטער די גרוילִיקע אומ־שטענדן פון דער צייט, טאָר מען דעריבער נישט זאָגן: רודאָלף ראָקער איז דער איינציקער „גוטער דייטש“. זאָגט נישט: וואו זיינען נאָך אַזוינע ווי ער, אַזוינע געלייטערטע, אַלטרואיסטישע כאַראַקטערן — צווישן די דייטשן דאָ אין אַמע־ריקע? מיר וועלן נישט אָנרופן נאָך אַזוינע, הגם עס קען נישט גאַנץ שווער זיין זיי צו געפינען. אָבער איינעם אַ היגן דייטש פון דעם געהויבענעם מענטשן־טיפּ, פון אַ דור אָדער צוויי צוריק, וועלן מיר אָנרופן: דזשאָן פּיטער אַלטגעלד— אַליין אַ געבוירענער אין דייטשלאַנד און אַ נאַטוראַליזירטער אַמעריקאַנער, וואָס איז געווען גאָווערנאָר פון אילינאָי (1893—1897), און ער האָט מיט זיינע זייער פּראָגרעסיווע רעפאָרמען, מיט זיין געפיל פאַר סאָציאַלן יושר, און באַ־זונדערס דורך זיין באַפרייאונג און ריינוואַשונג פון די דריי גרעאַטעוועטע שי־קאַגער מאַרטירער, געצויגן צו זיך אַ כשר־פאַרדינטן אומבאַגרענעצטן רעס־פּעקט פון אַלע פרייהייטליבנדיקע מענטשן. פון דער צווייטער זייט, איז אים אָבער אויסגעקומען צו ליידן פון די ערגסטע פאַרלוימדונגען מצד די שונאים פון פרייהייט און פון גערעכטיקייט.

דער דאָזיקער ביישפּיל דאַרף אונדז ווידער דערמאָנען, ווי הויך מיר דאַרפן האַלטן די פאָן פון ערלעכן מענטשנטום, אַ ייִד, אַ דייטש אָדער אַ טערק — דאַרף באַקומען די אָפּשאַצונג לויט זיין אמתן ווערט. אַ מענטש מיט אַזוי פיל אויפטוען, און מיט אַזאַ גאַנצקייט און ערלעכקייט ווי רודאָלף ראָקער, דאַרף אונדז דינען פאַר אַ שטענדיקן מוסטער.

.1944

.2

דער מענטש און די וועלט

דער מענטש און די וועלט

1. די מענטשלעכע פּילזייטיקייט און מענטשלעכע גאַנצקייט

אויף דעם ניינטן אַלוועלטלעכן קאָנגרעס פון פּסיכאָלאָגיע, וואָס איז אָפּגע־האַלטן געוואָרן אין יעיל־אוניווערזיטעט, אין ניו־הייווען, אין דער ערשטער וואָך פון סעפּטעמבער, 1929, האָט זיך געוואָרפן אין די אויגן דער טיפער קריזיס, וועלכן עס מאַכט איצט אַדורך די וויסנשאַפט פון דעם גייסטיקן לעבן פון מענטשן און חיות — די פּסיכאָלאָגיע.

דאָס איז אין גרונט אַ נייע וויסנשאַפט, וואָס האָט אַמשטאַרקסטן געפונען אַן אָפּקלאַנג אין צוויי לענדער. אין אַמעריקע און דייטשלאַנד. דער פּרעזידענט פון יענעם קאָנגרעס, דזשעי מעקקין קאַטעלל, איז אַליין געווען דער ערשטער פּראָפעסאָר צו לערנען די נייע וויסנשאַפט אין אַן אַמעריקאַנער אוניווערזי־טעט — אין קאָלומביאַ. אין יענעם אוניווערזיטעט האָט מען אין יאָר 1891 איינגעפירט פּסיכאָלאָגיע אַלס לימוד. זינט יענער צייט האָט אַמעריקע אַרויס־געגעבן פּסיכאָלאָגן וואָס האָבן באַקומען אַ כשר־פאַרדינטע רעפּוטאַציע איבער דער גאַנצער וועלט, ווי וויליאַם דזשעימס, סטענלי האָל, הוגאָ מינסטערבערג (אַ דייטשער ייד) און נאָך עטלעכע געלערנטע פון ערשטן קלאַס.

אויף דעם געביט פון דער פּראַקטישער אַנווענדונג פון דער פּסיכאָלאָגיע, למשל, פאַר דער שול און דערציאונג טעטיקייט, ווי אויך אויף דעם ווירט־שאַפטלעכן געביט (אויסצוגעפינען פייאיקייטן צו פּראָפעסיעס און פאַכן, אויס־פאָרשן די ווירקונג פון די אַרבעט־אומשטענדן אויף דעם נערוון־צושטאַנד פון דעם אַרבעטער, א. א. וו.), האָט אַמעריקע אויך אויפגעטאָן ניט ווייניק וויכטיקע און אָריגינעלע אַרבעט.

אין דער זעלבער צייט האָבן אויף דעם היגן באָדן זיך פאַרשפּרייט אַלץ שטאַרקער און ברייטער ספקות און קשיות, וועלכע האָבן סוף כל סוף געפירט צום שווערן קריזיס אין דער דאָזיקער וויסנשאַפט. אָנגעפאַנגען האָט זי ווי אַ „וויסנשאַפט וועגן דעם נשמה־לעבן", נאָר עס האָט זיך מיט דער צייט איינגע־וואָרצלט אַ סקעפּטישער קוק אויף דער עקזיסטענץ פון אַזאַ זאַך ווי „נשמה". וואָס איז זי, וואו געפינט זי זיך? פון וואָס באַשטייט זי? מען האָט פאַרביטן דעם דאָזיקן שיין־קלינגנדיקן און רייצנדיקן וואָרט מיט אַ נייעם, טרוקענעם און קעלטערן אויסדרוק — „גייסט" („מאַינד"). נאָר עס האָט לאַנג ניט גע־דויערט און אויך אַט דער דאָזיקער באַגריף האָט באַקומען צווישן פּסיכאָלאָגן אַ שלעכטן שם: וואָס און ווער איז „גייסט"? ווי באַקאַנט, האָט די נייע ריכטונג אין דער אַמעריקאַנער פּסיכאָלאָגיע, „ביהעיוויעריזם", אָדער „אויפפירונג־לערע" בכלל דערקלערט סיי די נשמה סיי דעם גייסט פאַר פיקציעס, ריינע

אילוזיעס. איר פאָטער, דזשאָן ד. וואַטסאָן, האָט אויף דעם סמך פון וויכטיקע פיזיאָלאָגישע פאָרשונגען, דאָס מיינט אַנטדעקונגען מכח דער אַרבעט פון דער נערוון־סיסטעם (פּאַוולאָווס רעפלעקסאָלאָגיע), געזוכט צו געבן דערקלערונגען פון דער אויפפירונג פון די מענטשן און חיות אָן יעדער שייכות צו אַזעלכע איבער־ראַציאָנעלע, „האַלב־רעליגיעזע" באַגריפן, ווי נשמה, גייסט, לעבנס־שוואונג (בערגסאָן), אינערלעכע וועלט, א. ז. וו.

ממילא מוז אַרויסקומען, אַז אין דער וועלט פון פּסיכאָלאָגיע לעבן און רייסן זיך אַרום אַ היפּשע צאָל דבוקים — שטימען, פּראַקציעס, שולעס, ריכ־טונגען און טראַדיציעס. דערפון קומט ניט צו קיין געזונט דער לערע פון די מענטשלעכע און חיהשע אינערלעכע גייסטיקע פּראָצעסן, ווי געדאַנק, געפיל, זכרון, פאַנטאַזיע, שאַפונגס־כוח, וואָס האָבן דאָך, ווי יעדער איינער ווייס, אַן אמתע ממשות און זיינען אַ ניט־אָפּצופרעגנדיקער באַשטאַנד־טייל פון יעדן מענטשן.

מען האָט, בכן, לייכט געקענט זען אויף דעם גרויסן קאָנגרעס (איבער 800 אָנטיילנעמער, פון זיי כמעט אַ פערטל אויסלענדער, פון 25 לענדער) די צעשפּאָלטנקייט און קעגנערשאַפט אין די רייען פון פּסיכאָלאָגן, פון פאָרשער און לערער, וואָס פאַרנעמען זיך מיט דעם אינערלעכן, דאָס הייסט: גייסטיקן לעבן, מיט די איבערלעבונגען און די שטרעבונגען סיי פון די נידעריקערע באַשעפענישן (עופות, פיש און חיות) און סיי פון דעם העכסטן לעבעדיקן וועזן — דער מענטש.

צוגלייך האָט זיך אָבער געוויזן אויף דעם קאָנגרעס שטאַרקע סימנים פון אַ פּראָצעס, אַ פּרינציפּ, וועלכער וועט דעם איצטיקן קריזיס סוף כל סוף בייקומען. דעמאָלט וועט זיך עפענען אַ נייער, אומענדלעך־ברייטער פעלד פון פרוכטבאַרער פאָרשונג אין דער פּסיכאָלאָגישער וויסנשאַפט.

דער דאָזיקער פּאָזיטיווער געזונטער שטראָם אין דער היינטיקער פּסי־כאָלאָגיע איז דער אַזוי גערופענער „דראַנג צו גאַנצקייט", דער פּרינציפּ, אַז דאָס גאַנצע, די פולע לעבעדיקע זאַך, איז ניט נאָר גרעסער פון אירע טיילן, נאָר אויך לחלוטין אַנדערש, און אַז מען קען נאָך בשום אופן ניט פאַרשטיין דאָס גאַנצע, ווען מען פאַרשטייט בלויז די איינצלנע טיילן, איינציקווייז, פון וועלכע דאָס גאַנצע באַשטייט (לויט אונדזער שכל, וואָס האָט פריער צעשניטן דאָס לעבעדיקע גאַנצע אין באַזונדערע, כלומרשט אָפּגעזונדערטע, סעפּאַראַט־עקזיסטירנדיקע טיילן).

אָט די דאָזיקע שטרעבונג צו גאַנצקייט, וועלכע באַמערקט זיך איצט אין דער גאַנצער מאָדערנער נאַטור־וויסנשאַפט, אין דער מאַטעמאַטיק אפילו, האָט געפונען אַ באַדן אין דער מאָדערנער פּסיכאָלאָגיע. ניט נאָר אין דער טעאָריע וועגן „גייסט", וועגן דעם אופן ווי דער מענטש באַנעמט די אַרומיקע וועלט, ווי ער רעאַגירט אויף איר, וכדומה, אויך אפילו אין דער לערע פון דעם ספּעציעלן „שטאָף", וואָס טראָגט אין זיך די געהיימניספולע גייסטיקע פייאיקייטן, אין דער נערוון־לערע (ניוראָלגיע) גופא, ווערט אַלץ דייטלעכער די מערקווירדיקע אייגנשאַפט פון גאַנצקייט. די פאַרבונדנקייט פון אַלע טיילן אין איין־איינציקער

לעבעדיקער „פאָרם", פון דעם נערוון סיסטעם אין יעדער חיה, פון די מייזלעך און ביז דעם מענטשלעכן מין.

דעם דאָזיקן נייעם געדאַנק האָט אַרויסגעבראַכט אין זיין נאַטור־וויסנ־שאַפטלעכער לעקציע, פּראָפעסאָר ק. ש. לעסלי, פון שיקאַגאָ. זיין טעמע איז געווען „די פונדאַמענטאַלע נערוון־מעכאַניזמען פון דער אויפפירונג". ער איז געווען פּרעזידענט פון דער אַמעריקאַנישער פּסיכאָלאָגישער אַסאָסיאַציע.

אַ צווייטע וויכטיקע לעקציע האָט דעם נייעם געדאַנק פון „גאַנצקייט" אַרויסגעבראַכט אין אַ נאָך דייטלעכערער און אַלגעמיין־פאַרשטענדלעכער פאָרם. דאָס איז געווען די לעקציע פון באַרימטן דייטשן פילאָזאָף און פּסי־כאָלאָג, וויליאַם שטערן, פון האַמבורג. זיין טעמע: „די וויסנשאַפט פון דער מענטשלעכער פּערזאָן".

שוין 300 יאָר, — האָט געזאָגט פּראָפ. שטערן, — ווי די וויסנשאַפט וואָס באַהאַנדלט דעם מענטש, איז איינגעטיילט אין ספּעציעלע קאַטעגאָריעס, וואָס האַלטן זיך אָפּגעזונדערט איינע פון די אַנדערע. עס זיינען דאָ אַ ריי וויסנשאַפטן וועגן קערפּער (אַנאַטאָמיע, פיזיאָלאָגיע), וועגן גייסט (פּסיכאָלאָגיע, לאָגיק, פּסיכיאַטריע) און וועגן קולטור (שפּראַך, געשיכטע, קונסט־וויסנשאַפטן). אַזאַ איינטיילונג איז אָבער פאַלש, ווייל דער מענטש איז אַן איינהייט, אַ גאַנצקייט, וואָס האָט אין זיך אַ סך זייטן, אָבער איז דאָך אַן איינהייטלעכע וועלט, אַן עולם קטן, אַ „פיל־פאַכיקער איינס" (יוניטאַס מולטיפּלעקס).

דאָס איז, דאַכט זיך, אַ גאַנץ איינפאַכער געדאַנק. אָבער ווי יעדע גרויסע אידייע, איז ער שוין צו־איינפאַך, און מען פאַרזעט עס פּשוט, ווייל עס איז די זעלבסטפאַרשטענדלעכקייט אַליין, דער אלף און דער תו פון אַ גאַנץ איינ־פאַכער, ניט איבערגעשפּיצטער באַציאונג צום לעבן. אַזאַ זאַך איז אַמאָל פאַר דער „וויסנשאַפט" אַ חסרון.

ווי לאַנג אָבער האָט די מענטשהייט געליטן פון דעם אַלטן, פלאַכן בליק אויף דער נאַטור פון די אָרגאַניזמען? באַזונדערס האָט זיך די וויסנשאַפט פאַרזינדיקט אין באַצוג צו דעם וואָס איז נוגע דעם מענטש אַמשטאַרקסטן — די מעדיצין. דאָ ווערט ערשט איצט איינגעפירט אויף אַלע געביטן די נייע סיסטעם פון דער „גאַנצקייט"־לערע. דער מאָגן, למשל, איז אַ מאָגן נאָר דאַן, ווען ער איז פאַרבונדן מיט די איבעריקע אָרגאַנען און טיילן פון אַ לעבעדיקן קערפּער. און אויסגעשניטענער, אין ספּיריטוס קאָנסערווירטער מאָגן איז גאָר קיין מאָגן ניט. ער איז בלויז אַ שטיק טויטע שטאָף, וואָס איז אַמאָל געווען אַ מאָגן.

אַן אַנדער משל פון דער מעדיצין איז אַ שטייגער די מאָדערנע באַציאונג צו אַ הויט־קראַנקהייט. לויט דער אַלטער לערע איז די הויט־קראַנקהייט געווען אַ זעלבסטשטענדיקע זאַך, אַ פעלער, וואָס איז נוגע בלויז דעם טייל פון קערפּער, וואָס רופט זיך „הויט". אַנדערש קוקט דער מאָדערנער דאָקטאָר — דער טיפערער פאַרשער פון די סודות פון קערפּער און גייסט. ער ווייס, אַז ווען די הויט איז קראַנק, מיינט עס, אַז דער גאַנצער קערפּער איז קראַנק, אָבער מיר זעען דאָס דערווייל אַרויס נאָר אויף איין שטעלע פון דעם קערפּער — אויף דער הויט.

נאָך אַ ביישפּיל, וואָס וו. שטערן האָט געגעבן אין זיין גייסטרייכער לעקציע, אין וועלכער ער ווייזט די פאַרבינדונג צווישן אַלע וויסנשאַפטן, וואָס זיינען נוגע די לעבעדיקע קערפּערס, איז די עוואָלוציע־טעאָריע. זי שטאַמט, ווי באַקאַנט, פון דאַרווינען, וועלכער האָט עס איבערגענומען פון דער ביאָלאָגיע, פון דעם געביט, וועלכער נעמט אַרום אין זיך לעבנס־פאָרמען פון פלאַנצן, חיות, פיש, פויגלען, אינזעקטן און מענטשן. אָבער עס האָט לאַנג ניט געדויערט און מען האָט איבערגענומען אָט די וויכטיקע טעאָריע, די אַנטוויקלונגס־לערע אין די וויסנשאַפטן פון גייסט (גענעטישע פּסיכאָלאָגיע) און אין די קולטור־וויסנשאַפטן (געשיכטע, וכדומה).

נעמט, ווידער, אַזאַ זאַך ווי ריטמיק, דאָס הייסט די רעגלמעסיקייט פון אַרויף און אַראָפּ, פון טאַקט, פון אָנשפּאַנונג און אָפּשפּאַנונג. אויך זי איז אַ זאַך וואָס איז נוגע סיי דעם קערפּער (טאַנצן), סיי דעם גייסט (מוזיק, בילד־קונסט) און סיי די קולטור־וויסנשאַפטן (שפּראַך־ווערק אין פּאָעזיע און פּראָזע). אגב איז די שפּראַך גופא דאָך ניט קיין אַנדער זאַך ווי אַן אויסדרוק פון אַלע דריי זייטן פון מענטשן אינאיינעם — פון זיין גאַרגל, פון זיין אינטעלעקט און פון זיין וויסן און אוצר פון די פריער אָנגעזאַמלטע באַגריפן, דאָס מיינט פון דער קולטור.

די אונטערשטע שורה: דער מענטש איז אַ ג אַ נ צ ק י י ט. ער האָט ניט קיין עלעמענטן, קיין באַשטאַנדטיילן. אַן עלעמענט איז דאָך אין עצם אַזאַ זאַך, וועלכע קען עקזיסטירן זעלבסטשטענדיק, אין זיך גופא און פאַר זיך אַליין. דאָס איז אָבער ניט אַזוי מיט דעם מענטש. אַלע זיינע אָרגאַנען, ווי דער מאַרך, די האַרץ, דער מאַגן, און א. ז. וו. קענען ניט געמאָלט זיין מחוץ דעם לעבעדיקן קערפּער. זיי זיינען על־כן קיין עלעמענט ניט. דער שכל, דער וויסנשאַפט־לעכער פאַרשטאַנד, האָט זיי אָפּגעטיילט (אַבסטראַהירט) פון דעם פולן לע־בעדיקן קערפּער, כדי צו קענען בעסער זיי אַנאַליזירן, אויסמעסטן, אויסוועגן, אַרומקוקן.

אָט די לעבעדיקע גאַנצקייט פון מענטש רופט זיך „פּערזאָן", און די באמת לעבעדיקע וויסנשאַפט פון מענטש דאַרף, אַלזאָ, זיין אַ „פּערזאָנאַליסטיק", די וויסנשאַפט וועגן דער גאַנצקייט פון אַ לעבעדיקן מענטש.

די פּילזייטיקייט פון מענטש — וואָס אין תוך איז ער בלויז אַ פילפאַכי־קער „איינס" — עפענט נייע, בעסערע וועגן צו פאַרשטיין און צו העלפן דעם מענטש אין צייטן, ווען ער איז אַרויס פון זיין גלייכגעוויכט. ראשית כל, וויל אַזאַ קוק אויף דעם מענטש זאָגן, אַז יעדער מענטש איז ניט בלויז אַ סומע פון פּאַרטיקע, אויסגעצייכלטע פאַקטן, נאָר פון אַן אַ שיעור מעגלעכקייטן, פון אומפאַראויסגעזעענע פּייאיקייטן און כוחות. די דאָזיקע „פיל־געשטאַלטקייט" איז איינער פון די הויפּט־סימנים פון אַ פּערזאָן. צווייטנס, אַז דער לעבעדיקער מענטש האָט ניט נאָר די צוויי פלאַכע אויסמעסטונגען (דימענזיעס) פון ברייט און לענג, נאָר ער האָט אויך אַ דריטע אויסמעסטונג, וואָס גייט אין דער טיף, אין זיך אַריין, אין די טיפסטע טיפענישן פון גייסט.

די אַלטע פּסיכאָלאָגיע האָט דאָס, ליידער, פאַרזעען. זי האָט געוואוסט פון איין גרויסע דימענזיע, פון דעם קערפּער, אויך פון דער צווייטער פלאַכער

דימענזיע, פון דעם אינערלעכן באַוואוסטזיין. אָבער דאָס איז דאָך נאָך ניט קיין פולער מענטש. כל זמן מען נעמט ניט אין אַכט די דריטע מענטשלעכע אייגנשאַפט — די טיפקייטן, וואָס קאָכן און זידן אָן אויפהער, די אונטערשטע שיכטן פון זיין אינערלעכן וועזן.

עס זיינען דאָ פאָטאָגראַפישע בילדער, וואָס קענען איבערגעבן די פולע בולטקייט פון אַ לאַנדשאַפט, פון בערגלאַך, טאָלן און בנינים, ווען מען שטעלט זיי אַריין אין אַן איינפאַכן רעמל מיט צוויי אָפּטישע גלעזלעך, אַ סטערעאָסקאָפּ. פונקט אַזוי, וואָס איז שייך צום גייסט, ווערט ער בולט, לעבעדיק און קאָנטיק־ממשותדיק, ווען מען זוכט צו פאַרשטיין און מען בליקט אַריין אין די טיפקייטן פון דער מענטשלעכער נאַטור.

די מאָדערנע פּסיכאָלאָגיע האָט דעם דאָזיקן אמת שוין אָנערקענט, און געקומען איז דאָס פון דער מעדיצינישער פּסיכאָלאָגיע, פון דער פּסיכיאַטריע. עס איז געבאָרן געוואָרן די לערע פון פּסיכאָאַנאַליז אין זיינע פאַרשיידענע פאָרמען (פרויד, אַדלער), און נאָך פאַר דעם האָבן דעם נעמלעכן טיפן געדאַנק אויסגעדריקט פילאָזאָפן, ווי ניטשע, דילטעי און, טיילווייז, בערגסאָן.

דער פועל יוצא איז: דער שכל מוז זוכן אַ שטעגל אַראָפּ צו אומענד־לעכע טיפקייטן פון מענטש. מיט אַנדערע ווערטער, ער מוז „אויסטייטשן". מיר זענען דעריבער, אַז אַלע נייערע פּסיכאָלאָגישע ריכטונגען, ווי פּסיכאָאַנאַליז פון זיגמונד פרויד און פון אַלפרעד אַדלער, אַרבעטן מיט דער אינטערפּרע־טאַציע מעטאָדע, מיט קלוגע פּשטלעך און „דריידלעך". נאַטירלעך דאָ זיינען מעגלעך גרויסע גוזמאות, פאַרגרייזטע איבערטרייבונגען. דאָך איז אָבער אַזאַ צוטריט, אין פּרינציפּ, אַ ריכטיקער, וואָרום פּשוט, ראַציאָנאַליסטיש־דירעקט, קאָן מען דאָס לעבן פון מענטש בשום אופן ניט באַנעמען. במילא קאָן מען עס אויך, פון אויבן אויף אַזוי צו זאָגן, מיט דעם נאַקעטן אויג, ניט זען אָדער פאַרשטיין.

צווייטנס, איז אַ פועל יוצא, אַז מיט איין וועלכער עס איז מעטאָדע טאָר אפילו די נייע פּסיכאָלאָגיע, מעג זי זיך רופן „פּסיכאָאַנאַליז" אָדער „פאַר־שטייענדיקע פּסיכאָלאָגיע" א. ז. וו. ניט אַרבעטן. איין מעטאָדע, ווי למשל, די אויסטייטשונג פון חלומות (באַנוצט פון פרויד), אָדער די אויסטייטשונג פון דער האַנטשריפט, אַלס וועג צו פאַרשטיין כאַראַקטער און טעמפּעראַמענט, זיינען ניט גענוג. דאָס וואָס קאָן זיין אַן אָפּשפּיגלונג פון די טיפענישן ביי איין פּערזאָן (למשל פּראָבעס פון זיין אינטעליגענץ, דאָס הייסט „מענטאַל טעסטס" אָדער דער אַנאַליז פון חלומות, אָדער זיין האַנטשריפט, אָדער גאַנג, און געזיכט־אויסדרוק), קאָן איינציקווייז ניט גילטן פאַר דעם אַנדערן, פאַר אַ צווייטער, דריטער פּערזאָן. די סיסטעם פון איין איינציקן סימפּטאָם (מאָנאָ סימפּטאָ־מאַטישע מעטאָדע) איז דורך און דורך פאַלש, פון דעם שטאַנדפּונקט פון דער נייער לערע אין דער פּסיכאָלאָגיע. יעדער מענטש פאָדערט פאַר זיך דעם פּאַסיקן פאַרשונג־מיטל. ס'פאָדערט זיך, מיט איין וואָרט, ניט נאָר לאָגיק, נאָר אויך אַ „פּסיכאָלאָגישער בליק". דורך אַזעלכע אויגן וועט ערשט די וויסנ־שאַפט קענען מיט דער צייט באַנעמען דעם מענטשן ווי אַ גאַנצקייט, ווי אַן איין זיך אָפּגעשלאָסענע איינהייט.

2. די נייע לערע פון „געשטאַלט"

אין דער צייט ווען דייטשלאַנד האָט אין די לעצטע צוואַנציק יאָר צייט אַריינגעפירט אין דער וועלט פון די נאַטור־וויסנשאַפטן, ווי אין פיזיק און אַסטראָנאָמיע נייע פּרינציפּן און מעטאָדן, וואָס גייען אונטער דעם נאָמען „רעלאַטיוויטעט טעאָריע", האָט אַן אַנדער גרופּע דייטשע געלערנטע אָן אויפהער געאַרבעט אויף נייע פּרינציפּן, וואָס וועלן מאַכן אַן אמתע איבער־קערעניש אין זייער אייגענעם געביט — אין דער פּסיכאָלאָגיע.

די דאָזיקע נייע פּסיכאָלאָגישע טעאָריע איז באַקאַנט אונטער דעם נאָמען „געשטאַלט־פּסיכאָלאָגיע", און זי ווערט וואָס ווייטער אַלץ מער אָנגענומען און שטודירט פון די קרייזן וואָס פאָרשן אויס די געהיימניספולע פּראָצעסן אין דעם אינערלעכן לעבן פון חיות און מענטשן.

מ'וועט קענען בעסער פאַרשטיין די נייע „געשטאַלט"־לערע, ווען מ'וועט וויסן אין וואָס ס'באַשטייט אייגנטלעך דער גרונט־פּרינציפּ פון דער רעלאַטי־וויטעט־טעאָריע פון אַלבערט איינשטיין, וועלכע האָט לחלוטין איבערגעקערט די פריערדיקע פיזיקאַלישע טעאָריע.

ווי ס'האָט געשריבן לאָרד העלדעין, אין זיין בוך „דהי רעאַלם אָוו רעלאַטיוויטי", איז דער תמצית פון איינשטיינס לערע, אין אַלגעמיינע שטריכן, אַזאַ: אַבסאָלוטע רו און באַוועגונג זיינען לגמרי אָן יעדער באַדייטונג פאַר דער פיזיק־וויסנשאַפט, און באַוועגונג קאָן באַדייטן בלויז דאָס בייטן דעם פּלאַץ פון איין קעגנשטאַנד רעלאַטיוו, דאָס הייסט אין באַצוג צו אַן אַנדער קעגנשטאַנד.

מיט איין וואָרט, אנשטאָט דעם אַבסאָלוטן באַגריף פון באַוועגונג סתם, דאָס מיינט ווען מ'זאָגט אויף געוויס און אויף זיכער, אַז אָט דער אָדער יענער קעגנשטאַנד באַוועגט זיך, מוז איינגעפירט ווערן דער רעלאַטיווער באַגריף פון באַוועגונג; דאָס מיינט, אַז לגבי דעם באַשטימטן קעגנשטאַנד וועלכן מ'נעמט פאַר דעם אויסגאַנג־פּונקט, אָדער פאַרגלייך־פּונקט, איז דער באַ־טרעפנדיקער צווייטער קעגנשטאַנד אין אַ באַוועגונג.

דאָס וויל זאָגן, אַז די פיזיק באַטראַכט ניט קיין אָפּגעזונדערטע קעגנ־שטאַנדן אין זיך און פאַר זיך, נאָר זי קוקט אויף אַ פּאָר קעגנשטאַנדן, אָדער אויף נאָך מער, אַלס אַ גאַנצע זאַך, אַ גרופּע, וואָס טאָר ניט קינסטלעך געשניטן און צעריסן ווערן אויף טיילן, ווייל דעמאָלסט וועט איינגאַנצן בטל ווערן זייער אינערלעכע, אָרגאַנישע פאַרבינדונג אין איין גאַנצקייט.

אַן ענלעכן פּרינציפּ האָט איינגעפירט די נייע שולע אין דער פּסיכאָלאָגיע, די געשטאַלט־לערע וועלכע האָט געפונען אַ זייער וואַרימען אָפּקלאַנג דווקא דאָ אין אַמעריקע. זי זאָגט אַז חיות און מענטשן נעמען אויף איינדרוקן פון דרויסן (דורך אויגן, אויערן, וכדומה) ניט אַלס טייל־איינדרוקן פון באַזונדערע, אָפּגעטיילטע צווישן זיך, פּראָצעסן, נאָר ווי אַ גאַנצע זאַך, אַ פולשטענדיקע פאָרם אָדער געשטאַלט, אין וועלכער מ'קען פשוט ניט נעמען און באַהאַנדלען איינציקווייז יעדן באַזונדערן איינדרוק, וועלכער לעבט אין אונדז, נאָר כל זמן ער איז איינגעפלאָכטן און איינגעראַמט אינעם גאַנצן, אין דער פולער „געשטאַלט".

אַ משל פון דער פסיכאָלאָגיע פון די מאַלפּעס וועט פאַר אייך אויפקלערן דעם זין פון אָט דעם דאָזיקן נייעם פּרינציפּ.

מ׳האָט דורכגעפירט דעם פאָלגנדן עקספּערימענט. צוויי שאַטירונגען פון גרוי זיינען געוויזן געוואָרן פאַר אַ גרופּע מאַלפּעס, און מ׳האָט זיי אויסגעלערנט אַז הינטער דעם העלערן גרוי (למשל, אַ פּאַראַוואַן) וועט זיך געפינען שפּייז. מיט דער צייט, פלעגן די מאַלפּעס זיך גלייך אַ לאָז טאָן צו דער העלערער שאַטירונג פון גרויע לײַנוואַנט, ווייל זיי האָבן דאָרט געזוכט שפּייז.

שפּעטער האָט מען דעם טונקל־גרויען לײַנוואַנט אינגאַנצן אַוועקגענומען, און מ׳האָט אויף זיין פּלאַץ אַוועקגעשטעלט אַ גאָר־העלן גרויען פּאַראַוואַן, נאָך אַ פיל העלערן ווי דער, וואָס הינטער אים איז געשטאַנען די שפּייז. דעם דאָזיקן זייער העלן גרוי־קאָליר האָבן די מאַלפּעס פון פריער בכלל גאָרניט געקענט. דאָ האָט זיך אָבער אַרויסגעשטעלט, אַז זיי פלעגן זיך אַ לאָז טאָן גלייך צו דעם זייער־העלן גרויען־ פּאַראַוואַן, כאָטש ער איז געווען לכתחילה ניי און פרעמד פאַר זיי.

ס׳קומט פון דעם אַרויס דער פּועל יוצא, אַז די מאַלפּעס רעאַגירן, אָדער זיינען עמפּפינדלעך, ניט סתם אויף אַזאַ אָדער אויף אַן אַנדערער שאַטירונג פון דעם באַטרעפנדיקן קאָליר, נאָר דוקא אויף דעם העלערן פון די צוויי ענלעכע קאָלירן, וועלכע מ׳האָט זיי געוויזן. זיי רעאַגירן, אַלזאָ, אויף דער גאַנצער סיטואַציע, און ניט בלויז אויף איין באַשטימטן טייל פון איר.

דעם דאָזיקן עקספּערימענט האָט דורכגעפירט דער בערלינער פּראָפעסאָר וואָלפגאַנג קעהלער ווען ער האָט, אין די יאָרן פון וועלט־קריג, פאַרבראַכט אַ לאַנגע צייט אויף אַ שפּאַנישן אינזל טענעריפע, אַרום מערב אַפריקע, און האָט דאָרט געפאָרשט דעם גייסטיקן לעבן פון די גרויסע מאַלפּעס אין זייער נאַטיר־לעכער אומגעבונג.

צוגלייך זיינען אין אייראָפּע געמאַכט געוואָרן אין צוזאַמענהאַנג מיט אונטערזוכונגען פון די גייסטיקע פּראָצעסן ביי מלחמה־געליטענע, אַלערליי פּסיכאָלאָגישע עקספּערימענטן איבער מענטשן, און מ׳האָט אויף אַן איבער־צייגנדיקן אופן פעסטגעשטעלט אַז דאָס גאַנצע, די געשטאַלט, ווערט דוקא פון מענטשן אויפגענומען צוערשט, און די טיילן, אָדער עלעמענטן, באַנעמט דער מענטש ערשט נאָך דעם, ווי ער האָט אַריינגענומען אין זיך דעם איינדרוק פון דער גאַנצקייט, פון דער פולער געשטאַלט.

דורך די לעצטע יאָרן איז די דאָזיקע פּסיכאָלאָגישע לערע פאַרטיפט געוואָרן. זי האָט גענומען אַן איינפאַכן פּרינציפּ — אַז דאָס גאַנצע איז אַנדערש, אויב ניט מער, פון טיילן — און האָט אים פאַרווענדט אויף אַ סך געביטן פון דער פּראַקטישער און טעאָרעטישער פּסיכאָלאָגיע.

אַז אָט דער נייער פּרינציפּ איז אַ גאַנץ איינפאַכער, וועט אייך באַווייזן דער פאָלגנדיקער ביישפּיל. נעמט פיר גלייכע ליניעס, למשל שוועבעלעך און לייגט זיי צוזאַמען אין אַ קעסטעלע. איר וועט דעמאָלסט באַקומען אַ קוואַדראַט, אָדער אַ גלייכן פירעק. ער האָט פיר ווינקלען, בעת די ליניעס וואָס זיינען באַשטאַנד־טיילן, האָבן לגמרי קיין ווינקלען ניט. דאָס גאַנצע איז אַנדערש פון די טיילן!

דאָס ווייזט, אַז דאָס גאַנצע האָט אָפט אַן אייגנשאַפט, אָדער עטלעכע אייגנשאַפטן, וועלכע די טיילן האָבן ניט.

פאַקטיש, האָט די נייע פּסיכאָלאָגיע שוין געצויגן ניט ווינציק נוצן פון אָט די דאָזיקע נייע פּרינציפּן. זי האָט, למשל, אויסגעפונען, אַז דער פּראָצעס פון לערנען גייט ניט פון די טיילן צום גאַנצן, נאָר קאַפּויר — פון דאָס גאַנצע צו די טיילן. דאָס וויל זאָגן אַז מ'קען אַ קינד גיכער און לייכטער אויסלערנען לייענען אַ גאַנץ וואָרט, ווי „קאַץ" למשל, איידער צולייגנדיק דאָס וואָרט אין אותיות — „ק־אַ־ץ" און דערמאָנענדיק דעם קינד פון די דריי באַזונדערע בוכשטאַבן, וואָס מ'האָט מיט אים פון פריער אַריינגעקנעלט. די נייע פּסיכאָלאָגיע פאַרטרייבט „דאָס קנעלן" אויף דער גאַנצער ליניע...

אויך אויף דעם געביט פון דער אינדוסטריעלער פּסיכאָלאָגיע, ווען מ'פאָרשט אויס די פּראָצעסן אין דעם גייסטיקן לעבן פון אַן אַרבעטער, אין באַצוג צו זיינע ווערקצייג, און צו דער אומגעבונג אין שאַפּ אין אַלגעמיין, מוז מען שטענדיק אין זינען האָבן, אַז יעדער מענטש רעאַגירט, רופט זיך אָפּ אַזוי זאָגנדיק, אויף דער גאַנצער סיטואַציע, און ניט בלויז אויף איין טייל פון איר. למשל, ווען ער דאַרף רעאַגירן אויף די באַוועגונגען מיט די הענט, בעת ער אַרבעט מיט דעם ווערקצייג. דאָס מיינט, אין פּשוטע ווערטער, אַז אויב די סביבה, און די גאַנצע אומגעבונג פון זיין לעבן־שטייגער וועט אין אים אַרויסרופן אינטערעס און חשק צו זיין אַרבעט, וועט ער אויך ביי יעדער טייל־פּראָצעס, ביי יעדער איינער פון די אַרבעט־באַוועגונגען אין שאַפּ, זיין מער בריה, און וועט שאַפן בעסערע רעזולטאַטן, אין פאַרגלייך מיט איינעם וואָס רעאַגירט קעלטער און איינגעהאַלטענער אויף דער גאַנצער סיטואַציע אַרום אים.

אָט אַזוי ווערט די נייע טעאָריע, הגם זי אַרבעט מיט אַלט־באַקאַנטע באַגריפן — ווערט זי אָבער געבראַכט אין אַ לעבעדיקער שייכות סיי מיט דעם אַלטעגלעכן לעבן סיי מיט די נייע פּרינציפּן אין דער נאַטור־וויסנשאַפט בכלל (רעלאַטיוויטעט־טעאָריע).

אויף דעם נאָר וואָס פאַרענדיקטן אינטערנאַציאָנאַלן קאָנגרעס פון פּסיכאָלאָגיע וואו ס'איז אויך געווען איינער פון די גרינדערס פון דער נייער „געשטאַלט" שולע אין דער פּסיכאָלאָגיע, פּראָפעסאָר קעלער, האָט מען געקענט זען ווי די נייע לערע ווערט מער און מער רעספּעקטירט אין די אַקאַדעמישע קרייזן, און ווי נוצלעך זי קען זיין ביים דערקלערן אַ סך וויכטיקע פּראָצעסן אין דעם גייסטיקן לעבן פון מענטש און חיה. מ'קען זאָגן, אַז די „געשטאַלט" טעאָריע איז דער הויפּט אַרטיקל פון גייסטיקן אימפּאָרט, וואָס איז אַריינגעקומען אַהער אין אַמעריקע פון דייטשלאַנד זינט נאָך דער מלחמה.

3. פּראָפעסאָר פּאַוולאָוו און זיין טעאָריע

דער 80־יאָריקער פאָרשער־פיזיאָלאָג, איוואַן פּעטראָוויטש פּאַוולאָוו, דער גרעסטער פיזיאָלאָג פון אונדזער צייט, איז אויך געווען אַ גאַסט אויף דעם אינטערנאַציאָנאַלן פּסיכאָלאָגישן קאָנגרעס אין יאָר 1929.

זיין אַרויסטריט (אַ רעפעראַט אויף דער טעמע „די העכערע טעטיקייט פון דער נערוון סיסטעם״) איז געווען אַן אויסערגעוויינלעך אינטערעסאַנטער און פייערלעכער מאָמענט. ער האָט גערעדט רוסיש און יעדער זאַץ באַזונדער איז איבערגעזעצט געוואָרן אויף ענגליש. דער גאַנצער טאָן, די ענערגישע האַלטונג און די מונטערקייט זיינען געווען ווי פון אַ מאַן העכסטנס אַ בן־שישים; און דאָס גופא האָט שוין געקענט בפועל ממש ווייזן, ווי ווייט די גייסטיקע פרישקייט און ענערגיע ווירקט און באַשטימט מיט זיך די קערפּער־לעכקייט און די פיזישע ענערגיע פון אַ לעבעדיקן און מונטערן מענטש.

ווי באַקאַנט, האָט פּאַוולאָוו דורך לאַנגיאָריקע און אָריגינעלע עקספּערי־מענטן אויף הינט און מייז אויסגעפאָרשט די טעטיקייט פון דער נערוון־סיסטעם. נאָך מיט 25 יאָר צוריק איז זיין אַרבעט געקרוינט געוואָרן מיט אַ נאָבעל־פּרייז, און ער ווערט, אָן חלוקי דעות, געהאַלטן פאַר דעם גרעסטן קענער פון די לעבנס־פּראָצעסן פון די קערפּערס, דאָס מיינט פון דער פיזיאָ־לאָגישער וויסנשאַפט. צו זיין וואָרט הערט זיך צו די גאַנצע מענטשהייט, וואָס פאַרשטייט צו שאַצן די מאָדערנע וויסנשאַפטלעכע מעטאָדן פון פאָרשונג און שטודיום.

ער איז דער פאָטער פון דער אַזוי גערופענער „באַדינגטער רעפלעקס טעאָריע״. וואָס אַ רעפלעקס איז, האָט מען שוין פון גאַנץ לאַנג געוואוסט. אַ רעפלעקס איז דער אופן ווי אַ לעבעדיקער קערפּער, דורך זיינע נערוון, רעאַגירט אויף אַ האַנדלונג מין החוץ. גיט מען אייך אַ שאַרפן קלאַפּ איבערן קני, גיט זיך אַ צאַפּל די גאַנצע פוס, וכדומה. דאָס מיינט געירשנטע און שטענדיק־וואַכנדיקע רעגונגען פון אַ קערפּער, וואָס זיינען נויטיק, כדי ער זאָל זיך אַליין, און זיין גאַנצן מין, קענען אויפהאַלטן ביים לעבן. דאָס איז דער שפּייז רעפלעקס, דער געשלעכטלעכער רעפלעקס, און דער באַשיצונג רעפלעקס.

פּאַוולאָוו האָט אָבער געוויזן, און האָט אויסגעפאָרשט, אַן אַנדער מין רעפלעקס, אַ מין קינסטלעך־דערוואָרבענעם, אָדער באַדינגטן רעפלעקס. אָט איז אַ משל. ווען מ׳ווייזט אַ חיה שפּייז, הויבט ביי איר אין מויל צו וואַסערן. מ׳קען צוגעוואוינען דעם הונט צו לאָזן וואַסער אין מויל אפילו ווען ער זעט נאָך ניט קיין פליייש פאַר זיך. ס׳איז בלויז נויטיק צו געבן אַ סיגנאַל (דורך אַ גלעקל, אַ שטייגער) שטענדיק איידער מ׳ווייזט די פליייש, און מיט דער צייט וועט שוין אפילו פון גלעקל אַליין, פון סיגנאַל, לחתחילה אָן יעדער באַציאונג צום שטיק־פליייש, אָנפאַנגען צו רינען שפּייאַכץ פון הונטס מויל.

אַזעלכע „באַדינגטע רעפלעקסן״ האָט פּאַוולאָוו פעסטגעשטעלט אויף פאַרשיידענע געביטן פון דער קערפּערלעכער לעבנס־טעטיקייט. ער האָט זיי איינגעטיילט אין צוויי קלאַסן — פּאָזיטיווע און נעגאַטיווע. דער ערשטער קלאַס זיינען די אַקטיווע האַנדלונגען („עקסאַטאָרי״) פון קערפּער; דער צווייטער — זיינען די נעגאַטיווע, איינצאַמנדיקע אָדער טאַרמאָזירנדיקע („אינהיביטאָרי״) רעפלעקסעס, וועלכע האַלטן אָפּ דעם קערפּער פון אַ באַוועגונג אָדער אויפרעגונג.

דורך זעלטן־פיינע און געלונגענע עקספּערימענטן האָט פּאַוולאָוו אויס־געפאָרשט די טעטיקייט פון דעם העכסטן צענטער פון דער נערוון־סיסטעם,

פון מאַרך. ער האָט אָנגערופן די טעטיקייט פון דעם מאַרך — די העכערע טעטיקייט פון דעם נערוון־סיסטעם, און האָט באַזונדערס געפאָרשט די טעטיקייט פון דעם העכסטן שיכט פון דעם מאַרך, וואָס רופט זיך די „מאַרך־קאָרע".

אין זיין פאָרטראַג אויף דעם קאָנגרעס האָט ער זיך אָפּגעשטעלט אויף די אונטערשיידן פון דער נערוון־טעטיקייט, וואָס שטאַמט פון דער אונטער־קאָרע פון מאַרך, פון איין זייט, און פון דער קאָרע (שאַרוטעקס), גופא, פון דער צווייטער זייט. ער האָט אַלע אויספירן זיינע בולט אילוסטרירט מיט ביישפּילן פון זיינע עקזאַקטע עקספּערימענטן מיט הינט, וועלכע זיינען דורכגעפירט געוואָרן אין די לעצטע יאָרן אין זיין אייגנאַרטיקער לאַבאָראַטאָריע אין לענינגראַד.

די העכערע פאָרמען פון אונדזער גייסטיקער טעטיקייט, ווי געדאַנק, געפיל, דערינערונג וכדומה, שפּילן זיך אָפּ אין די קעמערלעך (צעלן) פון דער מאַרך־קאָרע, בעת די אומבאַדינגטע רעפלעקסן פון לעבנס־דראַנג, ווי שפּייז־לוסט, געשלעכט און שוץ־דראַנג, קומען פון די קעמערלעך אין דער אונטער־קאָרע פון מאַרך. נו, האָט פּאַוולאָוו עקספּערימענטאַל פעסטגעשטעלט, אַז אפילו אויף אַזעלכע איינגעבאָרענע, עלעמענטאַרע לעבנס־רעפלעקסן, ווי שפּייז אַפּעטיט וכדומה, ווירקט און באַאיינפלוסט זיי די העכערע זייט פון מאַרך, די קאָרע.

דער לעבנס־אימפּעט קומט טאַקע, זאָגט פּאַוולאָוו, פון די אונטער־קאָרע־דיקע רעפלעקסן, אָבער די קאָרע גיט צו די דאָזיקע רעפלעקסן אַ מין זינפולע פאָרם, אַ קראַפט און אַן ענערגיע. דאָס מיינט, אַז אין די העכערע לעבנס־אָרגאַניזמען איז די גאַנצע לעבנס־טעטיקייט דורכגעדרונגען מיט עלעמענטן פון באַשטימטע גייסטיקע אייגנשאַפטן, וואָס האָבן אַ שייכות מיט די געדאַנקען, געפילן און זינפולע באַנעמונגען.

אינטערעסאַנט איז, למשל, צו באַטאָנען, אַז אין זיין בוך וועגן די „קאַנדי־ציאָנירטע (באַדינגטע) רעפלעקסן" (דערשינען אין אַן ענגלישער איבערזעצונג־, וואו ס'ווערט באַשריבן דער עקספּערימענטאַלער גאַנג פון זיינע עפּאָכע־מאַכנ־דיקע פאָרשונגען איבער הינט, ווערט אויך אויפגעוויזן, אַז די הינט האָבן אַזעלכע „גייסטיקע רעפלעקסן" ווי דער דראַנג צו פרייהייט („רעפלעקס אָוו פרידאָם") און אַ רעפלעקס פון ציל („רעפלעקס אָוו פּורפּאָז").

אַרום און אַרום, קען מען זאָגן, אַז פּאַוולאָוו האָט געשאַפן אַ בריק, אַ פאַרבינדונג, צווישן דער פיזיאָלאָגיע און פּסיכאָלאָגיע, צווישן דער לערע וועגן דעם קערפּער, וואָס לעבט, און דער לערע וועגן די אינערלעכע, ג י י ס ט י ק ע פּראָצעסן אין דעם דאָזיקן לעבעדיקן קערפּער. זיינע פאָרשונגען האָבן שוין אַריינגעטראָגן אַ סך ליכט אין פיל פינסטערע ווינקעלעך פון אונדזער גייסטיקער וועלט; נאָך מער אָבער וועט מען זיי קענען אויסנוצן פאַר דער פּסיכאָלאָגישער וויסנשאַפט אין דער צוקונפט.

1929

נאָכן וועלט שטורעם

די ליקווידאַציע פון דער וועלט־מלחמה פּאַרציט זיך אויף לאַנגע חדשים. אַלע שלום־טראַקטאַטן מיט די מלוכות, וואָס די קאָאַליציע האָט באַזיגט, וועלן אַ פּנים ניט אַרויסקומען פריער ווי אין אַ יאָר אַרום, ווייל ערשט אַרום דעם קומענדיקן ניי־יאָר וועט אַרויפקומען אויפן סדר־היום פון קאָנפערענץ־טיש די סדרה „טערקיי״, אַרום וועלכער ס׳וועלן זיך ערשט ריכטיק אָנהויבן די אינעווייניקסטע קריגערייען ביי די גליקלעכע זיגער. אויב די וועלט־מלחמה האָט אַלעמען געהאַט פאַרוואונדערט מיט איר דויער, וועט איצט משמעות דער ליקווידאַציע־פּעריאָד אויך קנאַפּ ענלעך זיין אויף די שלום־סצענעס פון די פריערדיקע מלחמות און וועט מיט זיך פאָרשטעלן סיי לויט זיין דויער סיי לויט זיין עצם ניט קיין קלענערן „פענאָמען״ פון געזעלשאַפטלעך־פּאָליטישן לעבן ווי די 5־יאָריקע מלחמה גופא.

די מערקווירדיקסטע דערשיינונג ביי דער דאָזיקער ליקווידאַציע איז דער פאַקט, וואָס אין תוך גייען אַלע באַשלוסן פון די דיפּלאָמאַטן אין פּאַריז כמעט לגמרי פאַרביי דעםווירקלעכן לעבן, וואָס מאַכט משונהדיקע גרימאַסן צו די באַפעלן פון די היינטיקע וועלט־הערשער און גייט זיך ווייטער זיין אייגענעם וועג. אַזוי למשל בנוגע צו די פּראָקלאַמירטע זעלבסטבאַשטימונגס־רעכט פון קליינע פעלקער, צו די פרידלעכע ליקווידאַציעס פון קאָנפליקטן צווישן מלוכות (דער עיקר — די שפּאַגל־נייע...) און אַזוי אויף אַזאַ אופן קען מען גאַנץ פריי ריידן וועגן 2 ליקווידאַציעס פון דער גרעסטער מלחמה אין דער וועלט־געשיכטע: איינע וואָס קומט מער פאַר אויפן פּאַפּיר, אַלס אַ פּראָדוקט פון די דיפּלאָמאַטישע חשבונות און אַלטע „הויך־פּאָליטישע״ קאָמבינאַציעס און מוז זיך דאַך רעכענען מער אָדער ווייניקער (ווילסאָן־קלעמאַנסאָ) מיט דעם גייסט פון דער נייער צייט, און די צווייטע ליקווידאַציע וואָס קומט פאָר אין דער ווירקלעכקייט, וואַרפט איר שטן אויף די פּלענער פון די קאָאַליציע־פּאָלי־טיקער, נאָר קומט פאָר נאָך אירע אינערלעכע, געהיימע געזעצן, וואָס באַשטייען פון אַ גאַנצן קנויל פון געזעלשאַפטלעך־עקאָנאָמישע און קולטורעלע־פּסיכאָ־לאָגישע מאָמענטן. אויף דער דאָזיקער צווייטער ליקווידאַציע פון דער מורא־דיקער וועלט־שרפה וועלן מיר זיך אָפּשטעלן, ווייל אויף דער אמתער אויסגע־שטאַלטונג פון דער וועלט אין דער ווייטער און אפילו נאָענטער צוקונפט וועט זי און ניט די „פּאַפּירענע״ ליקווידאַציע פון די פּאַריזער קאָנפערענצן אַרויפלייגן דעם אמתן שטעמפּל...

די דערשיינונגען וואָס האָבן זיך געבילדעט אין ווירקלעכן לעבן אַלס דער פּועל־יוצא פון דער מלחמה זיינען געוועזן ראשית כל אין זייערע פאַרמעס אומגעריכט און ניי. אַזוי למשל האָט מען שוין פריער אויך אויף זיכער געקענט

וואַרטן אויף אַ שאַרפן סאָציאַלן קריזיס אין רעזולטאַט פון דער צעטרייסלטער ווירטשאַפט און דער פאַרשטאַרקטער באַדייטונג פון אַרבעטער־קלאַס אין די אייראָפּעאישע גרויסע מלוכות.

מ׳האָט אָבער דערביי געדעכנט, אַז וואָס ס׳איז גרעסער די אינדוסטריע אין אַ לאַנד, וואָס אַ באַדייטענדערן אָרט ס׳פאַרנעמען די אַרבעטער־פּאַרטייען אין פּאָליטישן לעבן אַלץ גיכער וועט קומען דער נצחון פון פּראָלעטאַריאַט אין „קלאַסן־קאַמף" און פאַרבייטן די קאַפּיטאַליסטישע וועלט־אָרדענונג אויף אַ סאָציאַליסטישע, אַזוי האָט געזאָלט גיין די אַנטוויקלונג לויט דער מאַרקסיסטי־שער דאָגמע און אין גייסט פון דער עוואָלוציע־טעאָריע, וועלכע איז זיך אויף אַ מערקווירדיקן און אומנאַטירלעכן אופן מתדבק אין דער תורה פון קאַרל מאַרקס מיט אַ בלוט־רויטער קאַטאַסטראָפאַלער רעוואָלוציע־אידעאָלאָגיע.

דער ערשטער שטויס פון אונטערערדישן כח פון דער סאָציאַלער אומצו־פרידנהייט איז אָבער דווקא פאָרגעקומען אויפן רוסישן באָדן, וואו דער אינ־דוסטריע־פּראָלעטאַריאַט מאַכט אויס גאָר 5 פּראָצ. פון דער גאַנצער באַפעל־קערונג און איז נאָך כמעט אַבסאָלוט ניט צוגעגרייט לויט דער קלאַסן־באַוואוסט־זיניקייט און אָרגאַניזאַציע צו אַ ראָליע פון אַ הערשנדן קלאַס. אין מערב־איירָאפּע האָט די סאָציאַלע באַוועגונג אָנגענומען רעוואָלוציאָנערע פאָרמען נאָר אין אונגאַרן (אין זין פון אַ „פּאָליטישער דיקטאַטור") צוליב ריין פּאָליטישע טעמים (פּראָטעסט קעגן דער קאָאַליציע) און אויף אַזאַ אופן האָט זיך די געזעצ־מעסיקייט אין דער דאָזיקער דערשיינונג נאָך בולטער אַרויסגעוויזן, ווייל אונגאַרן איז די אָפּגעשטאַנענסטע אינדוסטריעלע לאַנד פון מערב־איירָאפּע און פאַרנעמט איינעם פון די ערשטע פּלעצער צווישן די אַגראַרישע לענדער פון איירָאפּע. אין ענגלאַנד, דייטשלאַנד און פראַנקרייך איז די קראַפט פון פּראָלעטאַריאַט ניט נאָר ניט געווען גענוג גרויס אויף צו באַקומען די פּאָליטישע מאַכט אין די הענט פון אַרבעטער־קלאַס, נאָר אפילו — דורכצופירן אַן אימפּאָ־זאַנטע פּראָטעסט־דעמאָנסטראַציע, ווי ס׳האָט באַוויזן די ניט־געלונגענע אַקציע פון 21־טן יולי.

אַזוי ווערט דייטלעך דער קאָנטור פון אַן אַלגעמיינעם כלל, וואָס שווימט אַרויס פון נעבל פון מוראדיקן כאָאָס אין דעם פּאָליטישן מצב פון דער וועלט: די אָפּגעשטאַנענסטע לענדער אין זין פון דער איירָאפּעאישער ציוויליזאַציע (אינדוסטריאַליזאַציע) און קולטור (פּאַרלאַמענטאַרישער „דעמאָקראַטיזם") זיינען צום שטאַרקסטן ראוי אויפצונעמען די פונקן פון סאָציאַלן פּראָטעסט־פייער וואָס גליט אין די רייען פון אַ גאַנץ אומבאַדייטנדן נאָך זיין גרויס באַ־וואוסטזיניקן פאָלקס־שיכט און ביי זיך אָנצינדן דעם פלאַקער פון אַ בירגער־קריג אין נאָמען פון אַ נייער סאָציאַלער אידייע. היינט, אויב דאָס איז די ליניע פון דער אַנטוויקלונג פונעם היינטיקן סאָציאַלן קריזיס, שטעלט זיך אַוועק פאַר די אויגן פון דעם באַטראַכטער די וויטערדיקע שרעקלעכע פּערספּעקטיוו פון דעם דאָזיקן אומגעהייערן קריזיס: צו קען זיך דער סאָציאַלער פייער ניט צופלאַקערן אין די לענדער, וואָס זיינען נאָך מער אָפּגעשטאַנען אין זייער אינדוסטריעלער קולטור, ווי רוסלאַנד און אונגאַרן, און האָבן אין זיך גענוג ברען־שטאָף צוליב דער לאַנגער הערשאַפט אין אַ אָפענער אָדער פאַרבאַהאַל־

טענער פאָרם פון „אייראָפּעאישע קולטור טרעגער" איבער זייערע ריזיקע באַפעלקערונג־מאַסן. מיט איין וואָרט צו שטעלן ניט פאַר די מזרח־לענדער — כינע, אינדיע און אַראַביע אַ מוראדיקן וואולקאַן, וואָס קען פאַרמאָגן אַ גוואַלדיקע צושטערונגס־קראַפט ?

מלחמות האָבן שטענדיק אויפגעוועקט ביי די פעלקער צוגלייך שלעכטע, צעשטערנדע אויך גוטע, העראָאישע און אידעלע אייגנשאַפטן, וואָס שטאַמען פון דעם פאַרבונדקייט־באַוואוסטזיין פון די בירגער אין יעדער לאַנד. אין אַלע געפערלעכע מאָמענטן אין דער עקזיסטענץ פון אַ מלוכה באַקומט דער דאָזיקער באַוואוסטזיין פון צענויפגעבונדנקייט פון אַלע איינוואוינער פון לאַנד אין איין גאַנצן קערפּער די גרעסטע און אַנטשיידנסטע באַדייטונג. ס'איז אָבער אַ גרויסער טעות צו רעכענען אַז דער געפיל מוז לחתחילה צענויפגעבונדן זיין נאָר מיט דער מלוכה־אָרגאַניזאַציע פון אַ מעגלעכער געזעלשאַפט. ער איז שוין געווען אין לעבן נאָך פאַר דער מלוכה אין די שטאַטען, אין פעאָדאַלע געמיינשאַפטן און אַנד. און מ'קען רואיק זאָגן, אַז דער דאָזיקער ריין־נאַטירלעכער פסיכאָלאָגיש־סאָציאַלער כח וועט אויך איבערלעבן די מלוכה... די מלוכה איז נאָר געווען אַ געשיכטלעכער מיטל צו פאַרברייטערן און דערהויבן אויף אַ העכערער מדרגה דעם דאָזיקן געפיל און דעריבער האָבן די ערשטע סאָציאַליסטישע קעמפער (באַזונדערס לאַסאַל) אַזוי פיל געהאַלטן פון דעם גוואַלדיקן כח פון „שטאַט" אַלס קולטור טרעגער. אין דער אמתן אָבער איז ביי דעם היינטיקן מאָמענט די מלוכה שטענדיק באַדראָט צו פאַרלירן דעם דאָזיקן אינעוויניקסטן כח, זייענדיק טעריטאָריאַל באַגרענעצט און פאַרשטעלנדיק מיט זיך אַ אַרענע פון אַ העפטיקן סאָציאַלן קאַמף צווישן אירע קלאַסן — און דערפון מוז אַרויסקומען, אַז ביי אַ קריזיס און סכנה פאַר דער מלוכה קען זיך דער באַוואוסטזיין פון צענויפגעבונדנקייט פון די פאָלקס מיטגלידער וועלכע גייען נאָר אָפט ניט אַריין אַלס אַ גאַנצע נאַציע אין איין מלוכה, נאָר זיי זיינען דורך טעריטאָריאַלע גרעניצן צעריסן איבער פאַרשיידענע מלוכה־אָרגאַניזמען, שוין לגמרי ניט זיין דער ריכטיקער פאַרטיידיקונגס־עלעמענט אין זיין אמתער פסיכאָלאָגישער באַדייט.

דער סך־הכל פון דער מלחמה האָט באַוויזן, ווי מ'האָט זיך געגאַרט אין דער מאָראַלישער קראַפט פון דעם דאָזיקן געמיינזאַמקייט־באַוואוסטזיין (אין דער מלוכה). אין אַלע לענדער, און באַזונדערס אפשר אין דייטשלאַנד, האָט זיך אין משך פון קריג פאַרשפרייט אַ קעגנזייטיקע עקספּלואַטאַציע פון די בירגער דורך דער געמיינסטער האַנדל־שפּעקולאַציע און „וואוכעריי". אין דער צייט פון גוואַלדיקע קרבנות אין בלוט און האָב פון הונדערטער טויזנטער יונגע און געזונטע בירגער האָט אַ אומבאַדייטנדער אין צאַל קלאַס פון די אויבערשטע 100,000 אויסגענוצט די לאַגע פון דעם „פאַטערלאַנד" פאַר די אייגענע קעשענע־אינטערעסן. די „מאַניע" צו גרויסע פאַרדינסטן האָט זיך אָבער אין מלחמה־לענדער בשום אופן ניט באַגרעניצט אויף אַ באַשטימטן טייל פון פאָלק הינטער דעם פראָנט.

אַזוי ווי פאַנישער פסיכאָז האָט זיך פאַרשפרייט צווישן די באַפעלקערונגען פון די אייראָפּעאישע „קולטור־לענדער" דער חשק נתעשר צו ווערן אויפן

חשבון פון כלל, און פון דעם דאָזיקן אימפּולס זיינען געטריבן געוואָרן פּונקט אַזוי הענדלער, ווי אַגריקולטור־פּראָדוצענטן, פאַבריקאַנטן, ווי אַרבעטער.

אין די לעצטע יאָרן פון קריג האָט די דאָזיקע קעגנזייטיקע עקספּלואַטאַציע דערגרייכט אַזאַ הויך, אַז ס׳איז ממש צעטרייסלט געוואָרן דער באַגריף פון סאָלידאַרישן מלוכה־באַוואוסטזיין ווי אַ פונדאַמענט פון פּאָליטישער אָרגאַניזאַציע. אַלע אייראָפּעאישע לענדער, וואָס האָבן עקזיסטירט אין די לעצטע 100 יאָר אויפן פּרינציפּ פון „לעגאַליטעט” דאָס הייסט געזעצלעכן שוץ פון פּרט דורך דער אַלגעמיינער פּאָליטישער מאַכט — דער געזעצגעבנדער און געריכטלעכער, האָבן אין זיך דערפילט אַ קרענק, וועלכע קען פירן צום פולקאָמענעם אונטערגאַנג פון פּאָליטישן מלוכה־אָרגאַניזם — די פאַנאַנדערשיטונג פון דער געזעלשאַפט, אַלס אַ מלוכהשע איינהייט, אין מיליאָנען פון איינצלנע יחידים אָן דעם סאָלידאַרישן אחריות־געפיל און רעספּעקט פאַרן „לעגאַלן” מלוכה־אויטאָריטעט. ווען די מלחמה וואָלט געדויערט לענגער, וואָלט אַזאַ טויט־קראַנקהייט אַרומגעכאַפּט מסתמא גאַנץ אייראָפּע, אין דער ווירקלעכקייט אָבער האָט זי אויסגעבראָכן נאָר אין איין אייראָפּעאישער לאַנד — רוסלאַנד. אין סוף 1917 האָט זיך פּאַקטיש דער רוסישער חיל און אַרבעטנדער פאָלק הינטערן פראָנט צושאָטן אין אַ ים פון קליינע מענטשלעכע מאָלעקולן, וועלכע האָבן זיך אַרומגעטראָגן אין מוראדיקן תהו־ובהו אָן אַ ריכטיקן באַוואוסטזיין פון בירגער און מלוכה־אונטערטאַנען.

מיט די טעמים קען מען אויך דערקלערן די גרינדלעכע סאָציאַלע דערשיטערונג אין אַזעלכע לענדער, וואָס זיינען ניט צעשלאָגן געוואָרן אין דער מלחמה, נאָר אפילו ניט געליטן דירעקט פון מלחמה־אָפּעראַציעס אויף זייערע טעריטאָריעס, ווי ענגלאַנד און די פאַראייניקטע־שטאַטן פון צפון אַמעריקע. אין דער אמתן איז דער מלוכה־באַוואוסטזיין צעטרייסלט געוואָרן אין דער גאַנצער וועלט און ער איז אין זיינע פאָרמען איצט שוין לגמרי ניט דער זעלבער, וואָס מיט 5 יאָר צוריק, הגם אַנדערע לענדער ווייזן נאָך ניט גענוג בולט אַרויס די שרעקלעכע סימפּטאָמען פון דער אומנאַטירלעכער גייסטיקער אַנאַרכיע, וועלכע האָט זיך באַוויזן אין מיקראָסקאָפּישע פאָרמען אין רוסלאַנד אין מיטן זומער פון 1917 יאָר, נאָך דעם ווי די פּאָליטישע באַפרייאונג האָט שוין כלומרשט באַשאַפן אַ „דעמאָקראַטישע בירגערגעזינונג”.

נאָך דער נאָוועמבער־רעוואָלוציע אין דייטשלאַנד האָט זיך די אַלגעמיינע סאָציאַלע אַנאַרכיע פון לאַנד, וואָס איז געווען אין פאַרבאַהאַלטענע פאָרמען פאַרשפּרייט אין אַלע שיכטן פון פאָלק, אַרויס, ווי אַ פאַרשטיקטער שטראָם, פון איבער די ברעגעס און באַשאַפן די סטיכישע דעזאָרגאַניזאַציע אין סאָציאַלן לעבן, וועלכע האָט לגמרי אוממעגלעך געמאַכט אויפצובויען די נייע געזעלשאַפט. דער צעשטערונגס־באַציל פון דער היינטיקער געזעלשאַפט ליגט אַזוי טיף אין מאַרך פון אירע ביינער, אַז קיין פּאָליטישע איבערקערענישן „סאָציאַלע רעוואָלוציעס”, זיינען אין קיין אופן ניט מסוגל אַרויסצופירן די לענדער פון זומפּ פון דער קעגנזייטיקער עקספּלואַטאַציע, אין וועלכער זיי זיינען אַריינגעפאַלן אין די 5 יאָר פון דער מלחמה, נאָר פּשוט צוליב דעם, וואָס די עקספּלואַטאַציע וועלכע איז פריער געווען כאָטש אויף וויפיל ס׳איז רעגולירט דורכן

אינטערנאַציאָנאַלן פאַרקער אין האַנדל און מלחמה־קאָנטראָלס אויף דער אינ־דוסטריע, איז איצט פאַרוואַנדלט געוואָרן פאַקטיש אין אַ „מלחמה־נויטווענדי־קייט״. די גייסטער, וואָס די מאָדערנע מלחמה האָט אַרויסגערופן, איז זי ניט געווען ביכלת צו פאַרטרייבן צוריק פון דער אויבערפלאַך פון דער ערד און די געהיימע קרענק איז אַרויס מיט איר גאַנצער מיאוסקייט אויף דער ווייסער וועלט.

די באַפרייאונג פון די קליינע פעלקער פון אייראָפּע, וועלכע האָט זיך אָנגעהויבן מיט הונדערט יאָר צוריק (דער קאַמף פון די סלאַווון קעגן טערקישן יאָך), האָט פאַרגעשטעלט אין משך פון 19טן יאָרהונדערט איינעם פון די אָנגע־זעענסטע אַזוי גערופענע פּאָליטישע אידעאַלן. אין די 60־ער און 70־ער יאָרן האָט דער העלדישער קאַמף פון איטאַליע פאַר איר זעלבסטשטענדיקייט צוגע־צויגן די סימפּאַטיעס פון די בעסטע מענטשן אין אייראָפּע צו די נאַציאָנאַלע העלדן פון איטאַליענישן פאָלק — גאַריבאַלדי און מאַדזיני. דער כח פון דער נאַציאָנאַלער אידייע וועלכע האָט זיך אַזוי שטאַרק אַרויסגעוויזן אין דעם קאַמף פון איטאַליע קעגן עסטרייך, איז אויך בולט קענטיק געווען אין דעם שנעלן פּראָגרעס פון דער פאַראייניקטער דייטשער מלוכה, וועלכע האָט געשפּילט די גרעסטע ראָלע אין דער גאַנצע ווייטערדיקער פּאָליטישער געשיכטע פון אייראָפּע. דער גרויסער ענגלישער מלוכה־מאַן גלאַדסטאָן האָט אין די 80־ער יאָרן ענערגיש פאַרגעזעצט דעם טראַדיציאָנעלן קאַמף פון דער ענגלישער פּראָגרעסיווער געזעלשאַפט פאַר דער אויסלייזונג פון קליינע פעלקער (אַרמע־ניער, גריכן) פון דעם טערקישן טיראַניזם. די פרייהייט פון די קליינע פעלקער איז אויך געווען דער הויפּט־טאָן פון דער דיפּלאָמאַטישער מוזיק אויפן בער־לינער קאָנגרעס (1877), ווען ס'איז אָפיציעל געשאַפן געוואָרן אַ גאַנצע ריי קליינע מלוכהלעך אויפן באַלקאַן.

צום סוף פון 19טן יאָרהונדערט איז אָבער די נאַציאָנאַליטעטן־פּראָגע נאָך ניט אין גאַנצן געלייזט געוואָרן, ניט קוקנדיק אויף אַלע אָנשטרענגונגען פון די גרעסטע פּאָליטיקער אָפּציען די אויפמערקזאַמקייט פון די גרויסע מלוכות און זייערע פעלקער פון די אינערלעך־פּאָליטישע פּראָגע, צו דער גרויסער „געלער סכנה״. פאַרקערט, ערשט אין אָנהויב פון איצטיקן יאָרהונדערט האָט זיך צעפלאַקערט דער פייער פון דער סאָציאַלער באַגייסטערונג אין אַ גאַנצער ריי אונטערדריקטע פעלקער מיט אַ באַזונדער קראַפט. די סבות דערפון זיינען געווען די גרויסע פּאָליטישע רעפאָרמעס אין די 2 גרעסטע „נאַציאָנאַ־ליטעטן־מלוכות״ פון אייראָפּע: רוסלאַנד און עסטרייך־אונגאַרן. אין איין לאַנד מער שטורמיש אין צווייטן ווייניקער רעוואָלוציאָנער, איז אין די ערשטע יאָרן פון 20טן יאָרהונדערט פאַרגעקומען אַ קאַמף פאַרן פּאַרלאַמענטאַריזם און דאָס האָבן אויסגענוצט די קליינע פעלקער מיט אַ שטאַרקן נאַציאָנאַלן באַ־וואוסטזיין (פּאָליאַקן, טשעכן, פינען, גרוזינער א. אַז. וו.) כדי אַראָפּוואַרפן פון זיך דעם פרעמדן יאָך.

דער נאַציאָנאַלער קאַמף האָט זיך אָבער ניט אָפּגעשטעלט ביי די גרעניצן פון איין מלוכה כדי צו דערגרייכן זיינע צילן. גאַנץ אָפט פלעגט דער פּלאָנטער אויסגענוצט ווערן דורך די גרויסע מלוכות פאַר זייערע אייגענע רויב־אימפּע־

ריאַליסטישע אינטערעסן און דאַן פלעגט אַ גאַנצע נעץ פון אינטריגעס און אַפּערעס אויסגעשפּונען ווערן אַרום אַ קליינעם מוטיקן פאָלק, וועלכער פלעגט אַנגעהעצט ווערן דורך אַ פרעמדער מעכטיקער מלוכה אויף רעוואָלוציאָנערע מעשים קעגן דער „לעגאַלער", פּאָליטיש־הערשנדער נאַציע. דאָס איז געווען אין דער פאַר־מלחמה צייט דער תוך פון די באַציאונגען צווישן צוויי איירא־פּעאישע מלוכות: רוסלאַנד און עסטרייך, וועלכע זיינען טאַקע געווען דעריבער דער פייער־שפּייענדער ווולקאַן, וועלכער האָט פּערמאַנענט באַדראָט דעם אייראָפּעאישן שלום פאַר די לעצטע 15 יאָר און האָט ענדלעך געבראַכט דעם וועלט־שטורעם דורכן רעוואָלוציאָנערן שאָס אין סאַראַיעוואָ דעם 28טן יוני, 1914...

ס'פאַרשטייט זיך פון זיך אַליין, אַז די „באַפרייאונגס־אידייע" (פון די קליינע נאַציעס) האָט געמוזט ווערן איינער פון די אידעאַלן אויך פון דער איצטיקער מלחמה, און ס'איז טאַקע באמת געווען אַן אינטערעסאַנטע סצענע אַכטונג צו געבן אויף דער הייליקער קאָנקורענץ פון ביידע קאָאַליציעס אויף דער גרויסער מצוה — צו באַפרייען די קליינע פעלקערלעך... דייטשלאַנד האָט געהאַט די ריינע כונה צו באַפרייען פּוילן, ליטע, פינלאַנד, אוקראַינע, גרוזיע א. אַז. וו., נאָר האָט געשוויגן, פּונקט ווי ניט איר מיינט מען עס, ווען מ'האָט גערעדט, אַז אויך טשעכן, סערבן און אַרמענער וואָלט קיין עולה ניט געווען אַ ביסל צו דערקוויקן מיט זעלבסטבאַשטימונג. ענגלאַנד האָט זיך געלייגט אין דער ברייט פאַר דער בחירה צו באַפרייען צענדליקער קליינע פעלקער פון אַלע ראַסן און לשונות, נאָר האָט גאָטספאָרכטיק צוגעשוויגן, ווען מ'האָט איר אָנגעוויזן אויף דעם שווערן לעבן פון אַ מוטיק פאָלק ביי איר אונטערן נאָז — די אירלענדער, וועלכע קעמפן מיט אַ מוטיקייט פון לייבן שוין פון צענדליקער יאָרן פאַר דער מינימאַלסטער נאַציאָנאַלער פרייהייט...

ווי ס'זאָל ניט זיין ריין די כונה פון דער קאָאַליציע בעת דער מלחמה, האָט זי דאָך עפּעס געמוזט פאַרווירקלעכן אין מעשים נאָכדעם ווי דער דייטשער מיליטאַריזם, וועלכן דער גייסטיקער פירער פון דער קאָאַליציע, — ווילסאָן, האָט אָנגערופן — די אייביקע סכנה פאַר דער דעמאָקראַטיע, איז דורך איר צעשמעטערט געוואָרן. אַ דאַנק ווילסאָנס אַבסטראַקט־דענקענדיקן, פּראָפעסאָרישן קאָפּ האָט מען שוין אפילו געהאַט אין קעשענע אַ פאַרטיקן פּלאַן ווי אַזוי די באַפרייאונג צו דורכפירן אין לעבן — די באַרימטע פּונקטן אין דער 14־גלידי־קער פּראָגראַם. דער לאָזונג איז געוואָרן „זעלבסטבאַשטימונג" פון די קליינע אונטערדריקטע פעלקער, ד. ה. די מעגלעכקייט זיך צו איינאָרדנען אין די ראַמען פון אַן אייגענעם מלוכה־וועזן. טעאָרעטיש איז דער לאָזונג אַ גאַנץ שיינער, ער שטאַמט אָבער פון די אַמעריקאַנער פאַרהעלטנישן און פּאַסט אַבסאָלוט ניט פאַר דער אייראָפּעאישער ווירקלעכקייט. דאָרטן אויף די פרייע סטעפּעס פון צפון־אַמעריקע האָבן זיך מיט 130 יאָר צוריק ווירקלעך געקענט באַשאַפן אויפן יסוד פון „זעלבסטבאַשטימונג" צו קליינע מלוכהלעך (שטאַטן) וועלכע האָבן מיט זיך פאַרגעשטעלט דעם עמבריאָן (דעם קרן) פון דער שפּע־טערדיקער מעכטיקער רעפּובליק פון די פאַראייניקטע שטאַטן פון צפון אַמע־ריקע. קיין אַנדער ציוויליזירט פאָלק, חוץ די ווייסע ענגליש־האָלענדישע

קאַלאָניסטן, האָט זיך דאָן אויף דער טעריטאָריע, וואָס איז געווען אומענדלעך גרויס, ניט געפונען. דאָ אין איראָפּע איז די צרה פון דער נאַציאָנאַליטעטן־פראַגע אָבער אַ טאָפּעלע: דאָס שוואַכערע פאָלק ווערט אונטערדריקט און אויסגענוצט דורך אַ מעכטיקע מלוכה מיט אַ פרעמדער הערשנדער נאַציע — דאָס איז איינס, והשנית — לעבן אין די ראַמען פון איין מלוכה־געביט אָדער אפילו — אין באַצירק אייניקע קליינע נאַציעס, וועלכע האָבן אין קולטורעלן זין כמעט גאָרניט געמיינזאַמעס און שטרעבן אַלע צו אַ נאַציאָנאַלער זעלבסט־שטענדיקייט, לכל הפחות זייער קולטור־לעבן. ווי קען דאָן אָנגעווענדעט ווערן דער פּרינציפּ פון „זעלבסטבאַשטימונג״ בנוסח ווילסאָן? אין פריערדיקן עסטרייך איז, למשל, געווען אַ געביט — באַנאַט — וועלכער איז באַוואוינט געווען דורך 4 נאַציעס — דייטשן, רומענער, סערבן און וועגנרער און אַלע זיינען אין באַצירק כמעט גלייך געווען אין כמות און געהאַט די זעלבע קולטור־היסטאָרישע פּרעטענזיעס, ווי זאָל דער באַצירק זיך אַליין באַשטימען? ניט ס׳קען געמאָלט זיין אַ איינשפּראַכיקער נאַציאָנאַל־פּאָליטישער בנין אויף דער טעריטאָריע פון אַזאַ געביט, ניט ס׳קען באַפרידיקט ווערן די פּרעטענזיע פון איינער פון די דאָרטיקע נאַציעס זיך אָנשליסן צו איינער פון די אַרומיקע מלוכות און אַזוינע ביישפּילן קען מען ברענגען פון עסטרייך, רוסלאַנד און קאַווקאַז אין די הונדערטער. דער פּרינציפּ איז געבליבן אין דער לופטן און אין לעבן איז אַרויסגעקומען אַ ווירוואַר און קעגנזייטיקע שנאה, וועלכע האָבן זייער גלייכן ניט אין די לעצטע יאָרהונדערטן פון דער איראָפּעאישער געשיכטע.

„די פעלקער־פרייהייט״

די צעברעקלונג פון „מיטל־איראָפּע״, וואָס איז באַשאַפן געוואָרן דורך דער רעאָרגאַניזאַציע פון דער אַמאָליקער עסטרייכישער מלוכה, איז ניט מסוגל צו געבן די קליינע פעלקער די פולע נאַציאָנאַלע אומאָפּהענגיקייט. ביי דער אַרבעט צווישן פאַרשיידענע געביטן פון איין גרויסן לאַנד קען די קינסטלעכע אָפּשפּאַרונג פון איין געביט פון די איבעריקע דורך אַ צאָלמויער באַשאַפן נאָר אַ טאַרמאַז פאַר דער עקאָנאָמישער אַנטוויקלונג און פאַראַליזירן דעם פּראָגרעס פון די נאַטירלעכע כחות אין יעדער געביט. די קליינע פריש אויסגעבאַקענע מלוכות, וועלכע וועלן איצט דערשיינען אין דער פּאָליטישער געאָגראַפיע פון איראָפּע אויף די חורבות פון די פריערדיקע גרויסע אימפּעריעס — רוסלאַנד און עסטרייך, זיינען אין דער אמתן גאָרניט זעלבסטשטענדיק אין זייער עקאָ־נאָמישער פּאָליטיק און קענען דאָס גאָרניט זיין כל־זמן ס׳איז ניט בטל געוואָרן די פּאָליטיק פון צאָל־טאַריפן אין די קעגנזייטיקע האַנדלס־באַציאונגען. די געווינלעכע גלייכהייט פון די האַנדלס־באַציאונגען צווישן די מעכטיקע מלוכות און די קליינע נייע לענדער, ד. ה. פּריווילעגירטע רעכט פאַר אַלע לענדער פון דעם איצט געשאַפענעם „פעלקער־בונד״ ביים אַריינפיר פון זייערע סחורות אין די נייע לענדער, גיט נאָך ניט קיין שום גאַראַנטיע פאַר דער פרייער און פולער אַנטוויקלונג פון דער פאָלקס־ווירטשאַפט אין די ניי־באַגרינדעטע מלוכות. דער בעסטער באַוויז דערצו קען זיין פוילן. לויטן אָפּמאַך מיט דער

קאָאַליציע פון 18־טן יוני, אַלס הוספה צום גרויסן שלום־טראַקטאַט מיט דייטשלאַנד, איז פוילן מחויב צו דערלאָזן דעם אימפּאָרט פון די סחורות, וואָס די קאָאַליציע (ד. ה. די 26 מלוכות, וואָס האָבן געשלאָסן אין ווערסאַל דעם „שלום" מיט דייטשלאַנד) וועט אַריינפירן קיין פוילן, אויף אַ צאָל־טאַריף וואָס זאָל ניט איבערשטייגן דעם פריערדיקן רוסישן אָדער עסטרייכישן טאַריף. אַזוי ווי אָבער פון אַלע 26 לענדער, וועלכע וועלן האָבן די גלייכע האַנדלס פריווילעגיע וועלן דאָס קענען אויסנוצן נאָר 8—4 גרויסע אינדוסטריע־לענדער — ענגלאַנד, צפון־אַמעריקע, פראַנקרייך און איטאַליע, קומט אויס, אַז עקאָנאָמיש אין אונטערגעוואָרפן געוואָרן די פוילישע מלוכה, דעם פרעמדן קאַפּיטאַליסטישן קאָנטראָל, וועלכער וועט ניט דערלאָזן די פולע אַנטוויקלונג פון די עקאָנאָמישע כחות פון דער נייער מלוכה, אויב דאָס וועט גיין אַנטקעגן זיינע פריוואַט־עגאָאיסטישע אינטערעסן.

אויב ס'וואָלט באמת אויפריכטיק געווען די כונה פון די איצטיקע וועלט־באַהערשער צו באַשאַפן אַ פעלקער־בונד, וואָס זאָל פאַרהיטן די וועלט פון אומזיניקע פרישע מלחמות, וואָלט ראשית כל געמוזט פאַרווירקלעכט ווערן אויף וויפיל ס'איז נאָר ביי דער איצטיקער לאַגע מעגלעך, דער אַזוי גערופענער פ ר י י ע ר ה אַ נ ד ל, ד. ה. די פאָלקאָמע פרייהייט אין אינטערנאַציאָנאַלן האַנדל, וואָס ווערט ניט געשטערט דורך קיין „נאַציאָנאַלע" צאָל־פּאָליטיק.

הגם דער פריי־האַנדל איז נאָך ניט די „קמיע" קעגן פעלקער־סכסוכים און נאַציאָנאַלע רייבונגען, איז ער דאָך איינער פון די וויכטיקסטע מיטלען צו באַשאַפן די שלום־אַטמאָספערע אין דעם אינטערנאַציאָנאַלן לעבן.

אַזוי למשל מישט זיך אַריין ביי די היינטיקע באַדינגונגען אין די סכסוכים צווישן שכנדיקע לענדער וועגן גרעניץ־געביטן אַ סך שאַרפער ווי אַמאָל די פראַגע וועגן זיכערן זיך דעם אַריינפיר פון די וויכטיקסטע מינעראַלע אוצרות.

אין לאָטרינגען געפינט זיך למשל אַזאַ אייזן־ערץ (רויער מעטאַל) וואָס איז אומבאַדינגט נויטיק פאַר דער דייטשער אינדוסטריע, דאָס זעלבע קען געזאָגט ווערן אויך וועגן שטיין־קוילן פון אויבער־שלעזיע וכד. אויב עס זאָל ווייטער עקזיסטירן, ווי דאָס וועט אומבאַדינגט מוזן זיין ביי דעם היינטיקן „פעלקער־בונד", דער צאָל־שוץ וועט אויסקומען, אַז פאַר אַ סך לענדער איז דער שטרייט פאַר די געביטן טאַקי באמת אַ לעבנס־פראַגע פון זייער פאָלקס־ווירטשאַפט.

אויב דער פריי־האַנדל וואָלט אָבער גאַראַנטירט פאַר די לענדער דעם פרייען, ניט קיין פאַרצאָלטן אַריינפיר פון די דאָזיקע רויע מאַטעריאַלן, וואָלטן די פּאָליטישע עלעמענטן, ד. ה. די צוגעהעריקייט פון אַ געביט צו דעם אָדער יענעם לאַנד (וועדליג די קולטור־היסטאָרישע באַדינגונגען), געשפּילט אַ סך אַ קלענערע ראָלע און זיי וואָלטן דאַן ניט געפירט צו קיין שאַרפע קאָנפליקטן.

דער אינטערנאַציאָנאַלער צאָלפרייער אויסטויש פון סחורות איז דער איינציקער און בעסטער וועג צו אַנטוויקלען די געאָגראַפישע אַרבעטס־פאַרטיילונג פון די פעלקער צו דער העכסטער מדרגה און וואָלט דורכדעם דערפירט די קעגנזייטיקע עקאָנאָמישע פאַרבונדנקייט פון די פעלקער צו דער נויטיקער הויך.

דער דאָזיקער קלאָרער עקאָנאָמישער אמת איז געווען טאַקע דער לייט־גערדאַנק פון די גרויסע פּראָפּאַגאַנדיסטן פון דעם פרייהאַנדל אין אייראָפּע אין מיטן פון 19טן יאָרהונדערט — דער עיקר פון די באַרימטע ענגלישע ליבעראַלן — קאָבדען און ברייט. זיי זייַנען אַלע גלייכצייטיק אויך געווען שלום־פּאָליטיקער, בעת ס'איז אַמאָל אויף אַ גרויסן פּאָליטישן מיטינג, אויף וועלכן ס'האָט אַרויסגעטראָטן פאַר זיין פּראָיעקט וועגן פריי־האַנדל דער באַרימטער ריטשאַרד קאָבדען, אַרויסגעזאָגט געוואָרן דורך זיין אָפּאָנענט דער געדאַנק, אַז דער פרייער האַנדל וועט מאַכן אָפּהענגיק ענגלאַנד פון אַנדערע לענדער האָט קאָבדען אויף דעם געענטפערט: „אָבער, ליבער הער, דאָס איז דאָך טאַקע גוט" און די תשובה איז אפשר באמת דאָס קלוגסטע וואָרט פון דעם גרויסן ליבעראַלן פּאָליטיקער, וועלכער ווערט איצט געשעצט פון דער דעמאָקראַטישער ענגלישער געזעלשאַפט גוואַלדיק הויך.

פאַר אַ אמתן פעלקער־בונד איז דער פאַקט פון דער קעגנזייטיקער אָפּהענגיקייט פון די לענדער און דאָס אַריינדרינגען פון דעם דאָזיקן פאַקט אין באַוואוסטזיין פון פעלקער באמת דאָס בעסטע. די ערנסטע און געפערלעכסטע דערשיינונג פון דער אייראָפּעאישער רעאַקציע אין דער צייט פון דער מלוכה און אין פעריאָד פון איר איצטיקער ליקווידאַציע, איז — די נאַציאָנאַליסטישע אַגיטאַציע אין די גרויסע מלוכות צו אַנטוויקלען מיט אַלע מיטלען ביי זיך אין לאַנד (אָדער אין אַ פאַרבאַנד מיט אַ פּאָר קלענערע „אייגענע" פעלקערלעך) די היימישע פּראָדוקציע אַזוי, מ'זאָל גאָרניט זיין אָנגעוויזן אויף אַנדערע לענדער, ד. ה. צו שאַפן די אַזוי גערופענע ווירטשאַפטלעכע אויטאַרכיע. דער אויסגאַנג פון דער מלחמה (דער גורל פון דייטשלאַנד) האָט בולט באַוויזן, אַז דער דאָזיקער פּלאַן איז נאָר אַן אוטאָפּיע און דערצו אַ גאַנץ געפערלעכע.

אין רעזולטאַט פון דער „באַפרייאונג" פון די קליינע פעלקער לויטן נוסח פאַריז איז אויף אַזאַ אופן אַרויסגעקומען נאָר אַ גאַנצער סכום פון שפּעטערדיקע קאָנפליקטן אויפן עקאָנאָמיש־פּאָליטישן באָדן, וועלכע וועלן באַשאַפן נייע רייבונגען צווישן די מעכטיקע וועלט־הערשער און זייערע נייע וואַסאַל־לענדער און דאָס קען פירן צו פרישע קאָאַליציעס און צו אַן אייביקער סכנה פון נייע מלחמות.

דער „פעלקער־בונד"

אויסער דער באַפרייאונג פון די קליינע פעלקער האָבן די מלוכות פון דער קאָאַליציע במשך פון וועלט־קריג אַרויסגעשטעלט נאָך אַ גרויסן פּאָליטישן אידעאַל — דעם פעלקער־בונד, אַלס אַ העכסטער אינסטאַנץ ביי דער ליקווידאַציע פון פאַרשיידענע אינטערנאַציאָנאַלע סכסוכים און מיטל צו פאַרהיטן די פעלקער פון מלחמות, וואָס האָט זיך אויסגעאַרבעט ביסלעכווייז אין דער אייראָפּעאיש־אַמעריקאַנער פּאָליטיק פאַר די לעצטע 100 יאָר אַ דאַנק דער שטענדיקער אַרבעט פון „רודפי־שלום" אין פעלקער־לעבן, די אַזוי גערופענע פּאַציפיסטן. אין אָנהויב פון 20טן יאָרהונדערט האָט די אידייע באַקומען אַ גוואַלדיקע השפעה אויף די בעסטע מחות פון די וועלט־פּאָליטיקער דורך דעם פּרוב פון דעם רוסישן צאַר צו שאַפן די באַוואוסטע „האַגער קאָנווענץ" וועגן דער־

אַלוועלטלעכער אַנטוויקלונג. צוליב אַ סך סבות, דער עיקר — דער עקשנות פון דער מיליטאַריסטיש־אויטאָקראַטישער דייטשלאַנד, איז דער פּלאַן ניט מקוים געוואָרן און דער ערשטער טריט צו אַ פעלקער־בונד איז ניט געלייגט געוואָרן אין יענער צייט, ווען אייראָפּע וואָלט עס באמת געדאַרפט, כדי צו פאַרהיטן די וועלט פון דער מוראדיקער קאַטאַסטראָפע. אַ אַן ערך גרעסערן דערפאָלג האָט געהאַט אין דער זעלבער צייט אַ צווייטער טריט פון אַ רוס לטובת דעם פעלקער־בונד — הגם דאָס איז נאָר געווען אַ גייסטיקער אויפטו — אַ בוך פון אַ רוסישן פובליציסט און געלערטן איוואַן נאָוויקאָוו (געשט. 1910): „די פעדעראַציע פון אייראָפּע".

ס'איז קלאָר, אַז דער גאַנג פון דער ציוויליזאַציע מוז פירן צו דעם, אַז ס'זאָל בטל ווערן דער קוק אויף די צווישן פעלקערלעכע באַציאונגען ווי אויף אַ הפקר־זאַך. פּונקט אַזוי ווי אין פּריוואַט־בירגערלעכן לעבן שטרעבט די רעכט־מלוכה צו באַשיצן דעם שוואַכערן בירגער פון דער פיזישער מאַכט פון אַ שטאַרקערן, דאַרף אויך אין די אינטערנאַציאָנאַלע באַציאונגען הערשן אַ וועלכער ס'איז סדר פון רעכטלעכן אויטאָריטעט, אויב די מלוכות ווערן באמת אין אַ געהעריקער מאָס אַנטוויקלט אין זין פון אויפקלערונג און ציוויליזאַציע.

די מלחמה האָט דעריבער געמוזט אַרויסשטעלן דעם אידעאַל פון אַ פעל־קער־בונד אויפן ערשטן פּלאַץ, אויב דער קריג זאָל ווערן פּאָפּולער ביי די ברייטע מאַסן פון די פעלקער, וועלכע האָבן געטראָגן די גוואַלדיקע משא פון דער מלחמה אויף זייערע פּלייצעס. אין ביידע קאָאַליציעס איז דעריבער פאַרשפּרייט געוואָרן צווישן די מאַסן פון דער באַפעלקערונג דער גלויבן, אַז די וועלט וועט דורך דער מוראדיקער מלחמה דאָך באַקומען דעם פון לאַנג שוין געהאָפטן פעלקער־בונד. אַ באַזונדער אַגיטאַציע האָבן אָבער געפירט פאַרן פעלקער־בונד די מלוכה־פירער פון די אַנגלאָ־זאַקסישע לענדער, דער עיקר — סער גריי און ווילסאָן און שפּעטער לאָיד דזשאָרדזש.

דער אמתער זין פון פעלקער־בונד קען נאָר דאַן דערשיינען קלאָר, ווען מען שטעלט זיך פאַר בולט דעם טיפן אונטערשייד פון די באַגריפן „מלוכה" און „פאָלק". נאָר דאַן ווען מ'הערט אויף צו דענקען אין „מלוכות" ד. ה. פאַרשטעלן זיך די מלוכה אַלס דאָס הייליקסטע און גרעסטע, וואָס טאָר גאָרניט באַרירט ווערן, איז מען ערשט מסוגל תופס צו זיין די באַדייטונג פון דער פעל־קער־ליגע. די „סוּאווערעניטעט פון די נאַציעס", וואָס איז געווען ביז איצט דער העכסטער באַגריף אין „פעלקער־רעכט" צוליב וועלכן ס'האָבן זיך גערעכנט פאַר כשר אַלע מיטלען פון ווילדער משוגעת און באַרבאַרישקייט: רציחה, גזלה, שרפה און הונגער מיטן נאָמען מלחמה אַלס Ultimeratio — דער לעצ־טער באַוויז (פיזישער כח אַלס באַוויז!), איז געווען פאַרקערפּערט אין די מלוכה־אָרגאַניזאַציעס. דער בונד פון אַזעלכע מלוכה אָרגאַניזאַציעס איז נאָך זייער ווייט פון אַ פעלקער־בונד, ווייל יעדער נאַציע האַלט זיך פאַר דער העכסטער בעל־הביתטע איבער דעם גורל פון אירע בירגער און לענדער. פעלקער אָבער דאַרפן באַטראַכטן די מלוכה ניט אַלס דעם העכסטן געטש, וואָס פאָדערט זיך לעבעדיקע קרבנות צוליבן „נאַציאָנאַלן כבוד", נאָר אַלס אַן אָרגאַן פון דער אַלגעמיינהייט פון פאָלק, וואָס קען זיך בייטן לויט די באַדערפעניש

פון דעם פאָלק און אַנטזאָגט זיך אַמאָל אויף אַזאַ אופן פון זיינע פונקציעס. מיט איין וואָרט, מ׳מוז אָפּוואַרפן פון זיך דעם מיסטישן גלויבן אין דער מלוכה (שטאַט) כדי רייף צו ווערן צו אַ פעלקער־בונד, ווי ס׳זאָגט דער באַוואוסטער דייטשער פּאָליטיקער און סאָציאַליסט עדואַרד בערנשטיין.

שוין דאָס אַליין וואָס דער „פעלקער־בונד" וועלכן ס׳האָבן געשאַפן די זיגער אין וועדסאַיל, רעאַגירט נישט אויף דער נויטיקייט פון אַ פרייען האַנדל אין דער היינטיקער צייט, ווען די וועלט ווירטשאַפט האָט דערפירט די אַרבעט פאַרטיילונג צווישן איינצלנע געאָגראַפיע געביטן צו אַ גוואַלדיקער מדרגה, באַווייזט, אַז די קאַפּיטאַליסטישע טבע פון די וועלט־באַהערשער מיט זייער חשק צום שטענדיקן פאַרשפרייטן פון קאַפּיטאַל אין פּראָפיט־גייסט איז געווען דער גרונד־טאָן אין דער גאַנצער מוזיק לכבוד דער „נייער וועלט־אָרדענונג" אויף יסודות פון פעלקער־ברידערלעכקייט און שלום־פּאָליטיק. אין תוך פון קאַפּיטאַל ליגט די שטרעבונג צו דער פאַנאַנדערשפּרייטונג איבער פרעמדע געביטן, צו דער „עקזפּאַנזיאָן", וועלכע ציט נאָך זיך דעם דראַנג נאָך אַ טעריטאָריאַלער „עקזפּאַנזיאָן" אויך. ענדגילטיק וואָלט נאָר געקענט ווירקן צו דער איינשטעלונג פון אַ נאָרמאַלן און האַרמאָנישן פעלקער לעבן דער ראַדיקאַלער מיטל פון סאָציאַליזירן דעם קאַפּיטאַל ביי אַ גלייכצייטיקער אינטערנאַציאָנאַליזירונג פון די גרויסע האַנדלס־און פאַרקערס־וועגן.

דער בונד, וואָס איז איצט געשאַפן געוואָרן, איז אַ גאַנץ קליינער טריט אויפן וועג צו אַן אמתן פעלקער־בונד, וועלכן ער קען מיט זיך נישט פאָרשטעלן שוין צוליב דעם, וואָס ער איז אַ בונד פון די מלוכות, וועלכע זיינען נאָך אַלע קאַפּיטאַליסטיש. אַ בונד פון פעלקער קען נאָר זיין אַ בונד פון פרייע רעפּובליקן פון די פעלקער, וואָס איז געגרינדעט אויף דאָס גלייכע דעמאָקראַטישע רעכט פון אַלע, אויף אַ פולער נאַציאָנאַלער זעלבסט־באַשטימונג פון די פעלקער און אויף יענער הערשאַפט פון דער מענטשהייט איבער איר סאָציאַלן גורל, וועלכן ס׳קען נאָר ברענגען אַ גאַנץ אַנדערע געזעלשאַפטלעכע ווירטשאַפטס־אָרדענונג און געזעצגעבונג. דאָס וואָלט געקענט באַפרייען די וועלט פון דער מוראדיקער מלחמה־סכנה, וועלכע וועט לויערן אויף די אויסגעמאַטערטע פעלקער פון אייראָפּע ווי אַ שרעקלעכע באַדראָהונג פאַר דער גאַנצער ציוויליזאַציע און גייסטיקער קולטור פון צענדליקער דורות. די אָפּמאַכן פון די איצטיקע רעגירונגען האָבן אין זיך נאָר אַ גאַנץ שוואַכע אָפּשפּיגלונג פון יענע גרויסע טענדענצן, וועלכע די צייט האָט באַשאַפן, נאָר וואָס זיינען אַזוי צוקריפּלט געוואָרן אין רויש פון דעם מיליטערישן נצחון...

די „קליינע" צווישן זיך

די ניי־אויפגעבויטע אייראָפּעאישע מלוכות האָבן תיכף נאָך זייער באַשאַפונג אַרויסגעוויזן אַ גוואַלדיקן „אַפּעטיט". ווי ס׳האָט נישט לאַנג אָנגעוויזן אין אַן עפנטלעכער רעדע לאָיד דזשאָרדזש האָט מען ביים שליסן דעם וואָפנשטילשטאַנד גאָרנישט משער געווען ווי ס׳וועט נויטיק זיין אַ פעלקער־בונד צו שיצן די „באַפרייטע" פעלקער פון אַ קעגנזייטיקער פאַרניכטונג. תחלת האָבן די וועלט־

באַהערשער גערעכנט, אַז נאָר דער אַפּעטיט פון גרויסע און מעכטיקע אימפּע־ריעס (זייערע אייגענע זיינען אוודאי אַן אויסנאַם) וועט באַדראָהען די פרייהייט פון שוואַכע און יונגע פעלקער און דער בעסטער מיטל צו געבן זיי אַ זיכערע עקזיסטענץ איז דער פעלקער־בונד. עס האָט זיך אָבער באַלד, ווי ס׳איז מודה דער ענגלישער מלוכה־פירער אַרויסגעוויזן, אַז די „קליינע״ אַליין באַ־דראָהען זיך קעגנזייטיק אין אַזאַ מאָס, אַז ס׳איז שוין לגמרי אוממעגלעך צו האָפן אויף אַ בשלומדיקן צוזאַמענלעבן אָן אַ השגחה פון פעלקער־בונד איבער זיי גופא.

לויטן מלוכה־פּרינציפּ, וואָס איז אַוועקגעלייגט געוואָרן אַלס אַ יסוד פון דער נייער וועלט־אָרדנונג דורך דער קאָאַליציע, מוז זיך איצט אָנהויבן אין איראָפּע אַן עפּאָכע פון „נאַציאָנאַל־מלוכות״. אויב ס׳איז פריער אַ דאַנק דער עקזיסטענץ פון עסטרייך (און אפשר רוסלאַנד) געקענט זיין די רייד פון „נאַ־ציאָנאַליטעטן־שטאַטן״, איז איצט שוין לגמרי ניט מעגלעך צו רעכענען אויף דער פאַרווירקלעכונג פון דער נאַציאָנאַל־פּערזענלעכער אויטאָנאָמיע פון פעלקער־מינדערהייטן אין געמישט־נאַציאָנאַלער מלוכה. אַן אויסנאַם דערפון קען אפשר זיין די נייע רוסלאַנד, נאָר איר עתיד איז נאָך אַזוי פאַרנעבלט, אַז מ׳קען אַבסאָלוט ניט פאַראויסזען דעם גאַנג פון איר פּאָליטישער אַנטוויקלונג. די נאַציאָנאַלע מלוכהלעך, וועלכע זיינען איצט באַשאַפן געוואָרן, זיינען אַרויס פון זייער פריערדיקער לאַגע מיט אַ גרויסער ירושה, וואָס איז אָבערליידער נעגאַטיוו און ניט שעפעריש־פּאָזיטיוו—ד ע ר נ אַ צ י אָ נ אַ ל ע ר ע ג אָ י ז ם. אין די ראַמען פון דער געמיינזאַמער מלוכה האָבן די נאַציעס, זיצנדיק אויף טעריטאָריעס, מיט וועלכע זיי פלעגן זיך רעכענען אַלס זייערע היסטאָרישע היימען, אין דעם קאַמף פאַר אַ נאַציאָנאַלער פרייהייט געשטרעבט צו צוויי צילן. ראשית פלעגט יעדער פאָלק וועלן פאַרשפּרייטן זיין איינפלוס אויף ווי ווייט גרעסערע שטחים (ווי ס׳איז געווען אין בעהמען, וואו אַ טייל געמיינדעס איז געווען באַזעצט דער עיקר מיט דייטשן, דער אַנדערער מיט טשעכן, און יעדער נאַציע האָט געוואָלט באַקומען די העגאָמאָניע אין וואָס מער קרייזן). שנית, האָבן די נאַציעס געשטרעבט צו דער ה ע ר ש אַ פ ט פון זייער נ אַ צ י אָ־נ אַ ל־שפּראַך. די דאָזיקע הערשאַפט פון אַ שפּראַך איז אָבער גאָר אַנדערש ווי די אָנערקענונג פון אַ שפּראַך מצד דער מלוכה, דאָס איז אַ מין שגעון־געפיל בנוגע צו דער אייגענער שפּראַך און קולטור, וועלכער זעט אין יעדער אַנדערער שפּראַך אַ דם שונא, וואָס וויל כלומרשט פאַרניכטן די שפּראַך־הערשאַפט פון דעם מערהייט־פאָלק. די דאָזיקע מורא פאַר יעדער פרעמדער שפּראַך, אַלס אַן אַנטי־נאַציאָנאַלן פאַקטאָר פאַר דער הערשנדער נאַציע, איז די טבע פון יעדער שפּראַך־נאַציאָנאַליזם. אָט די דאָזיקע צוויי סמנים האָבן כאַראַקטעריזירט דעם נאַציאָנאַל־געפיל ביי די מיטל־איראָפּעאישע פעלקער (פּאָליאַקן, טשעכן, אונגאַרן, כאָרוואַטן, רומענער וכד.) נאָך אין דער צייט פון זייער אונטערדריק־טער עקזיסטענץ אַלס פעלקער אין דער עסטרייכישער אימפּעריע. ס׳פאַרשטייט זיך, אַז געבן זיי די מעגלעכקייט איינצואָרדנען זיך אין אייגענע מלוכות אויף דעם פרייסטן אופן איז נאָר געווען דאָס עפענען פון די קלאַפּאַנעס אין קעסל,

וואָס האָט שוין פון פריער געקאָכט מיט אַ קעגנזייטיקער שנאה און קנאה. דער גאַנצער מלוכה־אַפּאַראַט, די כלי זין און די גאַנצע טעכנישע קולטור איז אָוועקגעשטעלט געוואָרן אין דינסט פון דעם נאַציאָנאַלן עגאָאיזם און ס'איז אַנטשטאַנען יעדער מוראדיקער „אַפּעטיט" וועגן וועלכן מיר האָבן פריער גערעדט.

ס'איז דערפון קלאָר אַז דער נאַציאָנאַליזם איז ביי אַזעלכע באַדינגונגען זייער מסוגל צו פאַרוואַנדלען זיך אין אַ שאָוויניזם, אויב ס'פעלט אים דער שטאַרקער סאָציאַל־פּסיכאָלאָגישער פאַקטאָר, וועלכן מ'רופט הומאַניטאַריזם (מענטשלעכקייט). דער דאָזיקער פאַקטאָר, אַלס ממשותדיקער כח, עקזיסטירט נאָך דערווייל ניט און איז נאָר באַקאַנט אונדז אין דער פאַרגאַנגענהייט און אַלס אַ פאַרגעפיל פאַר דער צוקונפט. אין דער פאַרגאַנגענהייט איז דאָס געווען דער רעליגיעזער סאָלידאַריטעט־געפיל פון פאַרשיידענע קריסטלעכע פעלקער אין מיטל־אַלטער, וועלכער האָט אונטער דער אַלגעמיינער פּויפּסט־הערשאַפט פאַרדעקט די נאַציאָנאַלע קאָנפליקטן און אַנטאַגאָניזמען. אין דער צוקונפט איז דער דערוואַרטענדער הומאַניזאַטאָרישער פאַקטאָר — דער סאָציאַלער אידעאַל, וואָס זאָל אין דער פאָרם פון סאָציאַליזם באַשאַפן אַ סאָלידאַריזירטע מענטשהייט מיט פולע פערזענלעכע פרייהייטן פאַרן אינדיווידואום צו וועלכער שפּראַך און קולטור ער זאָל ניט געהערן.

ביי די היינטיקע אומשטענדן פון נאַציאָנאַלן קאַמף האָט זיך גאַנץ מיטל־אייראָפּע פאַרוואַנדלט אין אַ צווייטן „באַלקאַן" מיט אַ סך אַ ברייטערן שטח און אַ גרעסערן רעזערוו פון ברען־שטאָף. די היינטיקע באַלקאַניזירונג פון אייראָפּע, אַלס אַ פאָלגע פון דער צעברעקלונג פון גרויסע מלוכות, באַווייזט אונדז דעם כאַראַקטער פון אייראָפּעאישן נאַציאָנאַליזם אַלס אַ ספּעציפישער דערשיינונג פון סאָציאַל־פּסיכאָלאָגישן לעבן, וועלכע איז לגמרי ניט באַקאַנט אין אַזיע. דער מזרח־מענטש אונטערשיידעט זיך פון אייראָפּעער אין אַ סך שטריכן פון כאַראַקטער און קען לגמרי ניט דעם „נאַציאָנאַליזירטן עגאָאיזם" פון די אייראָפּעאישע „קולטור"־פעלקער, ווי ס'האָט ניט לאַנג געזאָגט דער גרעסטער דיכטער און דענקער פון דער היינטיקער אַזיאַטישער קולטור, דער אינדוס ראַבינדראַנאַט טאַגאָרע אין זיין ביכל „דער גייסט פון יאַפּאַן".

די קאָמפּליקאַציעס אויפן געביט פון נאַציאָנאַלע קאָנפליקטן קענען דעריבער ניט געלייזט ווערן נאָר דורך אַ „פּאָליטישע געאָמעטריע", וואָס שניידט אויס אויף דער קאַרטע באַשטימטע געביטן און גיט זיי איבער אין רשות פון איין הערשנדער נאַציע. דערביי מוזן די „קליינע" ווערן אַריינגעצויגן אין אַ בלוטיקן קאַמף, ווי ס'האָט באַוויזן די געשיכטע פון באַלקאַן פאַר די לעצטע 50 יאָר. נאָר אַ פעלקער־בונד, וואָס וואַקסט אויס פון געפיל פון פעלקער־סאָלידאַריטעט און קעגנזייטיקער פאַרשטענדעניש און באַטראַכט די מלוכה אַלס אַ באַגריף וועלכער איז אונטערגעוואָרפן אַ העכערער איינהייט — דער מענטשהייט, און ניט אַלס אַ מין געטש, וואָס קען זיך ניט אָנזעטיקן מיט די דערפאָלגן פון אַ מאַכט־פּאָליטיק, קען אַרויספירן די קליינע פעלקער פון דעם איצטיקן תהו־ובהו. די גאַנצע צוקונפט פון אייראָפּע און דעריבער פון דער

גאַנצער וועלט איז אָפּהענגיק פון דעם אויסגאַנג פון דער כאַאָטישער לאַגע אין וועלכער דער גוואַלדיקער שטח פון מיטל־און מזרח־אייראָפּע איז אַריינגעפירט געוואָרן אַ דאַנק דער גאַנצער קולטור־פּסיכאָלאָגישער און סאָציאַל־עקאָנאָמישער אַנטוויקלונג פאַר די לעצטע 150 יאָר.

דער באָלשעוויזם

די טיפע דערשיטערונג וואָס אייראָפּע האָט דורכגעלעבט אין איר סאָציאַלן לעבן פאַר די לעצטע 5 יאָר, האָט גאַנץ נאַטירלעך געמוזט פירן צו אַ גרינדלעכער צעטרייסלונג פון דער סאָציאַלער סטרוקטור אין די מאָדערנע לענדער. דער מעכטיקער איינפלוס פון אָרגאַניזירטן פּראָלעטאַריאַט אויף דעם פּאָליטישן לעבן אין די פּאַרלאַמענטאַרישע לענדער, דער גרויסער אַנטאַגאָניזם צווישן איינצלנע שיכטן פון דער באַפעלקערונג אַ דאַנק דער קעגנזייטיקער עקספּלואַטאַציע אין דער צעטרייסלטער מלחמה־ווירטשאַפט, און לסוף דער „דעפּאָסעדירונג־פּראָצעס" (די פאַראַרימונג צוליב דעם פאַרלוסט פון אייגענעם באַזיץ) אַלס אַ רעזולטאַט פון דער געוואַלדיקער אָנזאַמלונג פון גרויסע פאַרמעגנס אין איינצלנע הענט דורך דער מלחמה־קאָניוקטור און מאָנאָפּאָליזאַציע פון געוויסע געביטן פון עקאָנאָמישן לעבן דורך דער מלוכה — דאָס אַלץ האָט געמוזט פירן צו אַ מוראדיקער סאָציאַלער אומצופרידנהייט צווישן די אייראָפּעאישע פעלקער. ווי מיר האָבן שוין געהאַט אָנגעוויזן, האָט די ווירטשאַפטלעכע אַנאַרכיע אין אַלע מלחמה־לענדער, די הפקרות בנוגע צו אַ ברייטע אויסנוצונג פון דער שווערער לאַגע פון כלל דורך איינצלנע „פּראַקטישע" אונטערנעמער, אין פאַרבינדונג מיט דער אומצופרידנהייט פון פאָלק מיט דער לגמרי אומפאַרשטענדלעכער און אומגעלומפּערט־פאַרשפּילטער מלחמה, דערגרייכט איר קולמינאַציע־פּונקט אין רוסלאַנד זומער־צייט 1917. אַלס רעאַקציע קעגן דער צעשרויפטער פאָלקס־ווירטשאַפט און „דעמאָקראַטישן" אימפּעריאַליזם איז דעמאָלט באַשאַפן געוואָרן דער סאָציאַלאָגיש־פּסיכאָלאָגישער באָדן פאַר דער אָקטאָבער־איבערקערעניש, אָדער ווי מען רופט זי אַנדערש פאַר דער „סאָציאַליסטישער רעוואָלוציע."

די אידייע פון פּראָלעטאַרישער דיקטאַטור איז גאָרניט קיין נייע. אין משך פון גאַנצן נײַנצעטן יאָרהונדערט האָבן שוין די פראַנצויזישע אַרבעטער־פירער מיט זייער פייערדיקן טעמפּעראַמענט ניט נאָר געחלומט וועגן דער דיקטאַטור פון אַרבעטער־קלאַס, נאָר אויך טיילוויז זי פאַרווירקלעכט (למשל אין דער פּאַריזער קאָמונע 1871 און אין אַ געוויסער מאָס נאָך פריער — אין 1848).

די דאָזיקע טאַקטיק פון פּראָלעטאַריאַט, וואָס איז אַנטוויקלט געוואָרן אין אַ גאַנצער טעאָריע דורך די באַגרינדער פון „וויסנשאַפטלעכן סאָציאַליזם" — מאַרקס און ענגעלס אין זייער „קאָמוניסטישן מאַניפעסט" (1849), — באַשטייט אין דעם וואָס די באַוועגונגען, וועלכע דער אַרבעטער־קלאַס קען דורך זיין שוואַכקייט נאָך ניט אַרויסרופן, זאָלן דורך אים אויסגענוצט ווערן צו זיינע צוועקן. די דאָזיקע טאַקטיק פון אַ וואַקסנדיקער און מוטיקער נאָר דאָך אונ־

טערדריקטער מאַכט האָט דער פּראָלעטאַריאַט אינסטינקטיוו באמת שטענדיק אָנגעווענדעט אין אַלע קריזיסן פון דער בירגערלעכער און דעמאָקראַטישער געזעלשאַפט.

אויפן סמך פון דעם דאָזיקן סאָציאָלאָגישן געזעץ האָט דער גרויסער מענטשן־פריינד און פאָלקס־טריבון זשאַן זשאָרעס געקענט נאָך לאַנג פאַר דער מלחמה פאָראויסזען דעם גרויסן סאָציאַלן קריזיס אין רעזולטאַט פון דער מלחמה מיט אַן אמתער נביאישער גענויקייט. צווישן זיינע ניט לאַנג פאַרעפנטלעכטע געדאַנקען*) געפינט זיך אויך די פאָלגנדע ציטאַטע וועגן „מלחמה, שלום און סאָציאַליזם“: „דער זיכערסטער וועג פון דער סאָציאַלער רעוואָלוציע איז דער שלום, וועלכער גיט די מעגלעכקייט דער וואַקסנדיקער דעמאָקראַטיע צו באַקומען בהדרגה די פּאָליטישע מאַכט דורכן אַרבעטנדיקן פאָלק. דער קריזיס פון אַ גרויסער מלחמה וועט צעשטערן געוואַלדיק די אַנטוויקלונג: אָדער ער וועט אַריינוואַרפן די אַרבעטער־מאַסן פון די מלחמה־פירנדיקע לענדער אין די בלוטיקע כוואַליעס פון שאָוויניסטישע ליידנשאַפטן און אָפּשטויסן דעם סאָציאַליזם, אָדער ער וועט געבן די מאַכט אין די הענט פון אַ רעוואָלוציאָנערער און מוטיקער מינדערהייט, וועלכע וועט דעמאָלט דורך געוואַלד־מיטלען פּרואוון באַהערשן דעם גאַנג פון די געשעענישן און וועט אַרויסרופן אַ רעאַקציע. די סאָציאַליסטן דאַרפן דעריבער ניט וואַרטן אויף קיין גוטס פון קריזיסן און קאַטאַסטראָפעס, וואָס רופן אַרויס די פינצטערסטע אינסטינקטן און די בלינדסטע ליידנשאַפטן.“

מיר זעען ווי עס האָט זיך אין דער מלחמה באַשטעטיקט די טאָפּלטע נבואה פון זשאָרעסן — הן בנוגע צום „סאָציאַל־פּאַטריאָטיזם“ פון שיידעמאַנס ריכטונג, הן צום דיקטאַטאָרישן סאָציאַליזם פון לענינען. דער באָלשעוויזם, אָדער ווי מען זאָל אים אָנרופן „געוואַלד־סאָציאַליזם“, באַקומט דערמיט זיין היסטאָרישע דערקלערונג.

אין סאָציאַל־פּסיכאָלאָגישן זין שטעלט מיט זיך פאָר דער דאָזיקער „סאָציאַליזם“ אַזאַ מין דערשיינונג: די געוואַלדיקע אַנאַרכיע אין דער צעטרייסלטער רוסישער ווירטשאַפט און מלוכה־אָרגאַניזאַציע נעמט אָן אַן אָריענטירונג אין אַ באַשטימטער ריכטונג, און אירע ווילדע כוואַליעס ווערן אויף אַן אייגנאַרטיקן אופן „איינגעצוימט“. אַלע הויכע אימפּולסן, וואָס באַוועגן אונדזער צייט — דער פּראָטעסט קעגן דער וועלט־צעשטערונג און דער בלוט־פאַרגיסונג, די שטרעבונג צו אַ גערעכטער ווירטשאַפט־אָרדענונג און צו אַ פאַרניכטונג פון מיליטאַריזם און צאָל־ און מלוכה־גרעניצן, — דאָס אַלץ שטופּט אַ טייל אידעאַליסטן דערצו, מען זאָל זיך אפילו ניט אָפּשטעלן פאַר טעראָרמיטלען, כדי סוף־כל־סוף באַפרייען די מענטשהייט פון דעם ביז־איצט ניט באַזיגטן פיל־טויזנטיעריקן שונא. די דאָזיקע אידעאָלאָגיע האָט פאַרשטייט זיך געקענט אַנטשטיין נאָר אין אונדזער צייט, ווען די מאַכט איז בכלל דער־

*) M. Beer: "Jean Jaures, der Staatsmann und Sozalist". Berlin 1918.

הויבן געוואָרן צו אַ גאָטהייט און נאָר די נביאים פון כּוח און קאַמף האָבן זיך געקענט באַשאַפן אַ וועלכען עס איז איינפלוס.

דער „מיט געוואַלד־סאָציאַליזם" אָדער „באָלשעוויזם" איז אויף אַזאַ אופן אַ פאַרבינדונג פון אַ באַוועגונג וואָס ווערט געפירט דורך איידל־מוטיקע פאַנאַטיקער, מיט אַ סטיכישער פאָלקס־באַוועגונג וועלכע וואַרפט אַרויס אויף דער אויבערפלאַך די פינצטערע עלעמענטן פון דער געזעלשאַפט. דאָס קומט פאָר אין יעדער רעוואָלוציע, און דאָס ווערט גרינדלעך באַאַרבעט דורך פלינקע וואָרט־דרעשער און פיפיקע דעמאַגאָגן. עס קען דערביי שוין קיין ספק ניט זיין אין דער ריכטיקייט פון זשאָרעסעס ווערטער, אַז אַ לאַנד אין וועלכער אַזאַ קאַטאַסטראָפע קומט פאָר, מוז אַריינפאַלן אין אַ בלוטיקן תהום, וואָס קען פאַראַליזירן די שטילע בויענדיקע כּוחות און אַרויסרופן אַ מוראדיקע רעאַקציע.

צו די סיבות פון באָלשעוויסטישן קריזיס געהערן אויף אַזאַ אופן צוזאַמען מיט סאָציאַל־פּסיכאָלאָגישע אויך באַשטימטע קולטור־היסטאָרישע מאָמענטן: דער רעוואָלוציאָנערער אידעאַליזם און עקסטרעמער סאָציאַליסטישער פאַנאַטיזם, וועלכע זיינען אין די לעצטע 50 יאָר צום שטאַרקסטן אַנטוויקלט געווען אין רוסלאַנד. צוליב דעם איז טאַקע באַשערט געווען דעם דאָזיקן „מיט געוואַלד־סאָציאַליזם" אויף אייביק געקרוינט צו ווערן מיט רוסישן נאָמען „באָלשעוויזם."

די תקופה פון טעראָר

.1

מען גיט געוויינלעך דורך איין וואָרט די באַצייכענונג, דעם נאָמען, פאַר אַ לענגערער געשיכטלעכער תקופה, ווי אַ שטייגער „דער יאָרהונדערט פון אויפקלערונג" (18־טער י"ה) אָדער דער „יאָרהונדערט פון פּראָגרעס" (19־טער י"ה). ווי־זשע האָלט עס מיטן איצטיקן, דעם 20־סטן יאָרהונדערט? — עס וועט אוודאי שווער זיין צו געפינען פאַר אים, און פאַר זיין ערשטער העלפט געוויס, אַ פּאַסיקערן נאָמען ווי דער „יאָרהונדערט פון טעראָר". לעבן מיר דאָך אין אַזאַ תקופה פון טעראָריזם ווי קיין שום צייט אין לויף פון די לעצטע יאָרהונדערטן האָט עס נישט געהאַט. שוין די צוויי ערשטע וועלט־מלחמות, מיט א ל ע זייערע נאָכווייעניש, זיינען אין גרונט איין גרויסע און אומפאַרשעמטע גלאָריפיקאַציע פון דער טעראָר־מעטאָדע. אָבער דאָס איז נאָך ווייט נישט אַלץ.

אָט זעען מיר דאָך, אַז איבער גאָר גרויסע שטחים פון דער וועלט איז דער טעראָר געוואָרן דער אָנגענומענסטער אינסטרומענט אין די פונקציעס פון מלוכות און רעגירונגען. און אויב דער טעראָר איז אָנגעקומען צו אַ שותף, אַ מיטהעלפער, איז עס די מאָראַליש צעפוילטע רעקלאַמע, וועלכע שטייגט און שרייט נאָך איבער די באמת הימלשרייענדיקע קאָמערציעלע, קאַפּיטאַליסטיש־קאָנטראָלירטע רעקלאַמע.

אין רוסלאַנד זינט 1917, אין דייטשלאַנד פון 1932 ביז 1945, און איצט אין כינע — אַלס אַ רוסישער עקספּאָרט־אַרטיקל — איז דער טעראָר געוואָרן דער גאַנגבאַרסטער רעגירונגס־אינסטרומענט, פּונקט אַזוי וויכטיק און חשוב פאַר די מלוכה־געשעפטן, ווי דאָס איז שטענדיק געווען מלחמה.

אין דער אמתן, טעראָר איז מלחמה, הגם ווייניקער „ריטערלעך" און ערלעך, ווייניקער אָפן ווי מלחמה. טעראָר איז, סוף־כל־סוף, מלחמה, געפירט פון אומרחמנותדיקע מאַכטהאָבער און הערשער קעגן הילפלאָזע, שוצלאָזע, אומבאַהאָלפענע און אומבאַוואָפנטע פעלקער, כדי זיי צו פאַרשקלאַפן אָדער מאַכן אַבסאָלוט געהאָרכזאַם. און דער מיטל צו דעם איז בלויז איינער: געוואַלט אָדער סטראַשונקעס פון געוואַלט, דורך אכזרישע שטראָף־מיטלען. די מכה איז אַן אַלוועלטלעכע, ווי געזאָגט, אָבער זי באַדייט, קודם־כל: אַ בולט־טראַגישע ירידה פון דער אַזוי גערופענער אייראָפּעאישער ציוויליזאַציע.

און נאָך אַ סימן פון דער מאָראַלישער און גייסטיקער ירידה און באַנקראָט פון אייראָפּע (מיטן „בכור" פון איר ציוויליזאַציע — נאָרד־אַמעריקע) איז דער פאַקט, אַז אין מערב־אייראָפּע (דאָס וויגעלע פון דער היינט־

ציטיקער אייראָפּיאיש־אַמעריקאַנישער ציוויליזאַציע) געפינט מען אַן אַ שיעור כלומרשטע רעכטפאַרטיקונגען פון טעראָר. עס פעלן במילא נישט די ברענענדיק־פאַנאַטישע פאַרטיידיקער און פירשפּרעכער פון בלוטיקסטן טעראָר, אַלס דעם דירעקטן דינער פון די אינטערעסן פון מיליאָנען מענטש־לעכע גרופּן, קלאַסן, נאַציעס אָדער פון דער גאַרער מענטשהייט בכלל...

נישט נאָר איז דער טעראָר געוואָרן מלחמה, נאָר מלחמה גופא איז גע־וואָרן טעראָר, ד. ה. אַ פאַרזוך צו פאַרניכטן, אויסראָטן, אויף שטענדיק פאַר־טיליקן גאַנצע פעלקער, מיט פרויען, קינדער, אַלטע און שוואַכע לייט.

דער גאַנצער אינטעלעקטועלער קלימאַט פון אייראָפּע איז אָנגעפילט געוואָרן, דורך די לעצטע 50 יאָר צייט, מיטן אומגייסט פון טעראָר. די פלאָג האָט אָנגעשטעקט, ווי אַ העלישע מגפה, אַ ל ע פעלקער און אַלע קרייזן, שיכטן און טיילן פון די פעלקער, פון די גייסטיק העכערע און העכסטע ביז אַרונטער צום המון־עם, די ברייטע אָדער „דעמאָקראַטישע" מאַסן. און די מגפה האָט אַ לאַנגע פאַרגעשיכטע. אירע וואָרצלען שטעקן, לכל־הפחות, אין צוויי פריערדיקע הונדערט־יעריקע תקופות.

אַ גראָב־מאַטעריאַליסטישער קוק אויפן מענטשלעכן לעבן, אַ געיעג נאָך מאַכט און נאָך הערשאַפט, אַ יאָגעניש נאָך געלט און לוקסוס, נאָך קער־פּערלעכע תענוגים, האָט זיך, ביי די סאָציאַל־אויבערשטע, רייכע און פאַר־מעגלעכע קלאַסן געשאַפן זינט סאַמע אָנהויב פון דער „אינדוסטריעלער רע־וואָלוציע", ד. ה. מיט אַן ערך 150 ביז 200 יאָר צוריק, ווען די פאַבריק־סיס־טעם און די קאַפּיטאַליסטישע פּראָדוקציע זיינען געבוירן געוואָרן. אמת, אינמיטן 19־טן י"ה איז אויפגעקומען אַ קעגנשטראָם, אַ פּראָטעסט־באַוועגונג, ספּעציעל אין דער פאָרם פון מאַרקסיסטישן סאָציאַליזם, ד. ה. קאָמו־ניזם. אָבער אויך דער מאַרקסיזם האָט צום גרעסטן טייל איבערגענומען פון דער בורזשואַזיע איר לעבנס־באַנעם און קוק אויף מענטש, וועלט און לעבן. ער האָט, אין עצם, געזוכט צו מאַכן פון דער פאָלקס־מערהייט אַ „קאָ־לעקטיוויזירטע בורזשואַזיע."

דאָס איז, פּראָסט־פּשוט, אַ פאַרבלענדעניש פון אַ געוויסן גרויסן איינ־פלוסרייכן טייל פון די אייראָפּייאישע סאָציאַליסטן, ווי דאָס וועט נישט זיין שווער צו פאַרשטיין.

מעג טאַקע זיין, אַז דער מאָדערנער סאָציאַליזם איז געבוירן געוואָרן דווקא אַלס אַ פּראָטעסט קעגן דעם גראָב־מאַטעריאַליסטישן, גשמיותדיק־אוממענטשלעכן לעבנס־באַנעם; און עס קען געוויס זיין, אַז די אבות פון סאָציאַליזם האָבן געהאַסט דעם קאַפּיטאַליזם פאַר זיין געלן קאָמערציאַליזם נישט ווייניקער ווי פאַר זיין האַרבער, דערבאַרמלאָזער אוממענטשלעכקייט. אָבער אין זייער קאָנקרעטער פּאָליטיק האָבן די סאָציאַליסטן נאָך פאַרברייטערט און פאַרצוויינגט די מכות, וואָס די קאַפּיטאַליסטישע סיסטעם האָט גע־בראַכט. די סאָציאַליסטן, קומענדיק צו דער מאַכט, האָבן איבעראַל געזוכט אויסצושפּרייטן די טעכניקן פון דער אינדוסטריעלער געזעלשאַפט אין אַלע ריכטונגען. די וואַקסנדיקע מאָנאָפּאָליע פון דער אינדוסטריע, אונטערן קאַפּיטאַליזם, האָט געפירט צו דער מאָנאָפּאָליע פון שטאַט אונטערן סאָצי־

אַליזם, דער המשך פון דער „„אַנטיפּערזענלעכער״, ביוראָקראַטישער אַדמיניסטראַציע (מענעדזשערײַ), אונטער די בורזשואַזע טראָסטן, איז געווען אַ גייער מין פון אַבסאָלוטיסטישער, אַנטיפּערזענלעכער שטאַטלעכער ביוראָקראַטיע. האָבן דאָך די פּאַרטיי־מענטשן אומעטום, וואו סאָציאַליסטן האָבן באַקומען אַ דעה, אַוועקגעזעצט עטלעכע אַלטע פּאָליטיקאַנטן, פּאַרדינסטפולע, האַלב־פּענסיאָנירטע פּאַרטיי־„אַפּאַראַטשיקעס״, צו זײַן, פּאַר אַ פּאָר יאָר צײַט, די פּאַרוואַלטערס פון די גרויסע נאַציאָנאַליזירטע אינדוסטריע־אונטערנעמונגען. דער סאָציאַליזם האָט זיך פאַרמאָסטן אײַנצופירן, נאָך דער נאַציאָנאַליזאַציע פון אינדוסטריען, אויך אָט־אַזאַ „וויסנשאַפטלעכע״ דיסציפּלין אין אַלע געביטן פון געזעלשאַפטלעכן לעבן.

במילא האָט מען, אין גייסט פון וויסנשאַפטלעך־טעכנאָלאָגישן פּראָגרעס דורך דעם 19־טן י״ה, אויך אויף דער מענטש־מאַסע אָנגעהויבן קוקן ווי אויף אַן אָביעקט פאַר וויסנשאַפטלעכער אָרגאַניזירונג און מאַניפּולירונג. אומעטום — אין פאַבריק („טעילאָריזם״ אין אַמעריקע, „סטאַכאַנאָווטשינע״ אין סאָוויעט־רוסלאַנד), אין די סאָציאַלע פאַרבאַנדן (יוניאָנס, קאָאָפּעראַטיוון), און אין קולטור־לעבן. אינעם 20־סטן י״ה זײַנען מענטשלעכע מאַסן מיט אַזאַ פלייס און אימפּעט מאַניפּולירט געוואָרן, פּונקט ווען מען פלעגט, אין פריערע צײַטן, אָפּערירן און מאַניפּולירן מיט באַוול, קאַפּע, שטיקער גוס־אײַזן, קופּער א. ד. גל.

פאַר דער מלחמה פון 1914־1918 האָט די וועלט געוואוסט די נעמען פון די גרעסטע דערפינדער און קאָמערציעלע מאַניפּולאַנטן און מולטי־מיליאָנערן, ווי ראַקאָפעלער, עדיסאָן, מאָרגאַן, קאַרנעגי. אָבער זעט דעם חילוק אין 20־סטן י״ה! אָנשטאָט די מיליאָנערסקע נעמען שטויסט מען זיך כסדר אָן אויף נעמען פון מאַניפּולאַטאָרן מיט מיליאָנען מענטשלעכע לעבנס, ווי אַ שטייגער: לענין, טראָצקי, היטלער, מוסאָליני, געבעלס, סטאַלין, א. ד. גל.

אָבער מענטשן מיט אַ ווײַטן טיפן בליק, ווי דער רוסישער רעליגיעזער פילאָזאָף וולאַדימיר סאָלאָוויאָוו (1853־1900) אָדער דער פײַנער פראַנצויזישער פּאָעט־פילאָזאָף און עטישער סאָציאַליסט טשאַרלז פּעגי (1873־1914), האָבן נביאיש פאָרגעזאָגט די אָנקומענדיקע ענדערונג. פּעגי האָט, ווי אַ זעער, גערעדט וועגן אַ צײַט, וואָס האַלט אין קומען, ווען די וועלט וועט באַהערשט ווערן פון „קאַפּיטאַליסטן מענטשן״. אָט־דאָס זעען מיר דאָך איצט אַמקלאָרסטן אין אַלע טאָטאַליטאַרע שטאַטן. דער דיקטאַטאָר באַזיצט די העכסטע און אַבסאָלוטע מאַכט — איין איינציקער מענטש! בעת 99 מיליאָן מיט 999.999 מענער און פרויען האָבן לחלוטין קיין מאַכט און קיין דעה נישט, אפילו איבערן אייגענעם לעבן, שוין נישט צו ריידן פון געזעלשאַפטלעכן אָדער מלוכהשן לעבן... צו אַזאַ חוזק־צושטאַנד איז געקומען דער „הומאַניזם״ אין אייראָפּע, וואו ער איז, מיט גײַסטיקע פויקן און טראָמייטן, געבוירן און פראָקלאַמירט געוואָרן מיט 500 יאָר צוריק.

איז דען דער הומאַניזם נישט געווען די פּראַכט און דער שטאָלץ פון אייראָפּע זינט די צײַטן פון רענעסאַנס און רעפאָרמאַציע? מיט 500 יאָר צוריק האָט עס זיך אָנגעהויבן, און נאָך מיט איבער 50 יאָר צוריק, בעתן

דרייפוס־פּראָצעס און די רדיפות פון צאַריזם אויף יידן, האָט דער הומאַניזם געווירקט אין גאָר גרויסע טיילן פון דער מענטשהייט, און קודם־כל — אין מערב־אייראָפּע און נאָרד־אַמעריקע. היינט־צו־טאָג איז דער הומאַניזם טויט!

ער איז אויסגעגאַנגען אויף די שלאַכט־פעלדער פון צוויי וועלט־מל־חמות, אין חרובע שטעט און דערפער, וואָס באָמבארדיר־עראָפּלאַנען האָבן צעשטערט און פאַרברענט; געשטאָרבן איז דער הומאַניזם אין שפּאַנישן בירגער־קריג; אויסגעהויכט זיין לעצטן אָטעם האָט דער אייראָפּייאיש־אַמעריקאַנישער הומאַניזם אין די קאָנצענטראַציע־לאַגערן אין בערגען־בעל־זען, די קרעמאַטאָריעס פון אוישוויץ און טרעבלינקע, אין די סאָוויעט־רו־סישע קאַטין־וועלדער, ביי די קאַנאַלן וואָס אַרום דעם ווייסן ים אויף די סאָלאָווּעצקי־אינדזלען דאָרט; אין די אַטאָמיש־פאַרניכטעטע צוויי גרויסע יאַפּאַנישע שטעט (הירואָשימאַ און נאַגאַסאַקי). דער הומאַניזם איז באַגראָבן געוואָרן אינאיינעם מיט אומצייליקע מיליאָנען מענטשן, צו וועלכע ער האָט תמיד געפּריידיקט „ליבע״; באַגראָבן געוואָרן אונטער די הרודעס ציגל און ברוכאייזן, וואָס זיינען פאַרבליבן נאָך דער צווייטער וועלט־מל־חמה; און פאַרשאָטן איז דער הומאַניזם געוואָרן אין די אומבאַקאַנטע קברים פון אָן אַ שיעור געפאַלענע טעראָר־קרבנות איבער אַ האַלבער וועלט. ווי אַזוי קען גאָר געמאָלט זיין דער לעבן־ברענגנדיקער און גליק־צוזאָגנדיקער הומאַניזם און די פאַרניכטונג פון דער מענטשהייט אין איין און דער זעל־ביקער צייט? — וויכטיקע מענטשן, די מענטשהייט־פירער, האָבן פאַרראַטן דעם עטישן גייסט, וואָס האָבן פון שטענדיק־אָן געלעבט ביי די בעסטע מענטשן־קינדער. במילא איז אויך פאַרלוירן געגאַנגען, און האַלט שוין ביים אומקום, אויך דער געליבטער הומאַניזם, וואָס איז פאַר לאַנגע דורות געווען, ווי דערמאָנט, די פּראַכט און דער שטאָלץ פון דער מאָדערנער מענטשהייט.

.2

ווי אַזוי איז אָט דער מוראדיקער קריזיס געקומען? ווי האָט אַזאַ מאָ־ראַלישער באַנקראָט געקענט געמאָלט זיין? פון וואַנען נעמט זיך אָט דער דורכפאַל פון אַ כלומרשט ציוויליזירטער מענטשהייט?

איר וועט קענען די פאַטאַלע פראַגן פאַרענטפערן בלויז דאַן, ווען איר וועט זיך דערטראַכטן צו איין אַקסיאָמאַטישן אמת, צו אַ זעלבסטפאַרשטענד־לעכן פּרינציפּ פון לעבנס־חכמה און געלייטערטער טאָג־טעגלעכער פּראַק־טיק, דהיינו: דער מענטשלעכער וועג און שיקזאַל, דער גאַנג און צושטאַנד פון מענטש, זיין עליה און ירידה — דאָס אַלץ ווערט באַשטימט פון מענטשנס קוק און באַנעם פון זיין אייגענער נאַטור און פון זיין גורל; מיט איין וואָרט באַשטימט ווערט עס: פון דעם מענטשנס אידייען־סיסטעם. מיר האָבן דאָס שוין, טיילוויז, פריער אויבן באַוויזן, רעדנדיק וועגן דעם בורזשואַזן און כלומרשט־סאָציאַליסטישן וועלט־ און לעבנס־באַנעם אין 19־טן י״ה, אַלס די אָפּשפּיגלונגען און פּראָדוקטן פון די נייע אידייען־סיסטעמען אין דער קאַפּיטאַליסטישער תקופה.

במילא, זעען מיר אַז וואָס איז איצט נויטיק, אויב די ירידה זאָל נישט גיין ווייטער, ביזן סאַמע לעצטן אָפּגרונט פון פולן אומקום, איז — אַ נייע אָריענטאַציע, אַ פרישע אינטערפּרעטאַציע פון געשיכטע און פון דעם מענטשנס אָרט אין איר. אַלע אַנדערע תרופות און סגולות, וואָס ווערן פון די פּאָלי־טיקאַנטן, פון פּאָליטישע פּאַרטייען און פון טרוקענע, גייסטלאָזע אוניווער־סיטעט־פּראָפעסאָרן פאָרגעלייגט און געמאָנט, וועלן פּונקט אַזוי העלפן ווי אַ טויטן געפּיקטע באַנקעס.

אַ גרויסער און פאַטאַלער פעלער איז פונעם אייראָפּייאישן געדאַנק באַגאַנגען געוואָרן נאָך אין 17־טן יאָרהונדערט. דעמאָלט האָט מען, נאַאיוו און אומבאַקלערט, אָנגעהויבן צו בויען און באַזירן דעם באַגריף פון מענטש־לעכער פרייהייט, פון מענטשלעכן שכל, פון מענטשלעכער עטיק, אויפן נאַטוראַליזם. איבעראַל, אין מערב־אייראָפּע, דערהויפּט אין פראַנקרייך אינ־ספּירירט פון רוסאָ, זיינען אַראָפּגעקומען דענקער מיט אַרגומענטן מכוח עפּעס אַ נאַטור־געזעץ פון אמת, פון שכל, פון פרייהייט. דאָס איז געווים געוועזן אַ טעות, און עס האָט ערשט געמוזט קומען די הונדערט־יעריקע קאַ־טאַסטראָפאַלע געשיכטע, פון 1850 ביז 1950, צו עפענען די אויגן פון אַ צאָל ערנסטע מענטשן־קענערס און פאָרשערס־פילאָזאָפן, ווי דער טיפער דענקער ניקאָלאַי בערדיאַיעוו (1874־1948), צו דערזען דעם פולן אמת פון מענטש, נאַטור, לעבן, געזעלשאַפט און עטיק. לאָמיר דאָ טאַקע ברענגען בלויז איין ציטאַט פון נ. א. בערדיאַיעוו:

„דער ביטערער אמת איז, אַז ס'איז אַ נאַטירלעכע זאַך פאַרן מענטשן צו האַסן און צו מאָרדן איינער דעם אַנדערן, אָבער עס איז אַן איבערנאַטיר־לעכע, אַ גייסטיקע זאַך פאַר אים צו ליבן און צו העלפן איינער דעם אַנדערן. מוז דאָס נאַטור־רעכט דווקא נישט זיין די זאַך, וואָס אַלץ ווערט געשטעלט אויף איר, ס'קען נישט זיין קיין „נאַטירלעכע עטיק" און „נאַטירלעכער שכל". אַ פעלער איז באַגאַנגען געוואָרן, ווען מ'האָט גענומען פאַרבינדן מענטשלעכע גאַנצקייט און פרייהייט מיט דעם פרימיטיוון און נאַטירלעכן, מיט די קוואַלן פון די וועלט־איינדרוקן, וואָס די קערפּערלעכע חושים באַקומען, בעת די מענטשלעכע חשיבות, פרייהייט און גאַנצקייט קענען און דאַרפן גאָר פאַר־בונדן ווערן מיטן גייסט, מיט דער וועלט וואָס אונדזער גייסטיק וועזן באַנעמט (די „טראַנסצענדענטאַלע" וועלט). יעדע זאַך קומט, בעצם, פון אַ גייסטיקן אַקט, וועלכער שטייגט איבער דעם ציקל פון דער נאַטור*)".

נישטאָ, זאָגט בערדיאַעוו, קיין שום גאַראַנטיע פאַרן אמת, פאַר שכל און פאַר פרייהייט אין דער נאַטור. דאָרט, אין דער נאַטור, איז דאָך דער

---

*) ציטירט לויט נייעם, זייער אינטערעסאַנטן בוך פון
Leslie A. Paul: The Age of Terror, London, 1950.

ל. א. פּאָול איז אויך דער מחבר פון עטלעכע אַנדערע אינטע־רעסאַנטע ביכער, וואָס זיינען דערשינען אין די לעצטע יאָרן, ווי:
The Annihilation of Man, The Meaning of Human Existence, etc.

מענטש אַ חיה, אין דער נאַטור האַלט דער מענטש בלויז פון אַפּעטיטן און הערשאַפטן; אין דער נאַטור טראָגן די קרוין די האַרטע מאַטעריעלע אומ־שטענדן און גראַד נישט די מענטשלעכע פרייהייט.

דער פעלער פון הומאַניזם, בקיצור, איז געווען זיין פאַרבינדן זיך און פאַרלאָזן זיך נאָר אויף די נאַטור־פענאָמענען. דער הומאַניזם האָט זיך אַליין פאַרלאָרן, פאַרגעסן זיין זין און וועזן, בעת ער האָט מזכה געווען די מענטש־הייט מיט דער „וויסנשאַפטלעכער" אַנטדעקונג, אַז דער מענטש איז אויך נישט מער ווי אַ שטיק נאַטור, איז עפּעס אַ זאַך וואָס איז בלויז אָרגאַניזאַ־ציאָנעל, אָבער נישט אין סאַמע תוך, פאַרשיידן פון אַ שטיק פעלדז, אָדער פון אַ קרישטאָל, אָדער פון אַן עלעקטראָן. אָבער דער אמת איז, אַז אין דער נאַטור איז קיין מענטשלעכקייט נישט צו געפינען, נישטאָ קיין מענטשלעכ־קייט אינעם שלים אויף דער ערד אָדער אין די שטערנס אויפן הימל; בלויז אין מענטשן, אין מענטשן אַליין. „דער מענטש, ווי מיר קענען אים, איז בלויז אין אַ קליינער מאָס — זאָגט בערדיאַעוו — מענטשלעך; ער איז אַפילו אוממענטשלעך".

מיט איין וואָרט, דאָס פאַרוואָרפן די גייסטיקע ווערטן פון עטיק, פון מענטשלעכקייט, דאָס אָפּוואַרפן פון חשיבות פון לעבן און פון זיין העכסטן טרעגער — דעם מענטש, — איז אויך די אָפּוואַרפונג און פאַרניינונג פון הומאַניזם גופא, דאָס פאַרוואַרפן און פאַרניכטן פון מענטש בכלל.

מ'קען שוין גאַנץ דייטלעך זען, אַז דער סוף פון דער טעראָר־סיסטעם, וואָס האָט אַרויפגעלייגט איר שטעמפּל אויף אונדזער תקופה, איז די זעלבסט־פאַרניכטונג, דער קאָלעקטיווער זעלבסטמאָרד פון דער מענטשהייט. זעט נאָר וואָס איז געשען אין די לעצטע 20 יאָר. דער פּרימיטיווער באַרבאַריזם, וועלכן די טעראָר־רעזשימען האָבן פּראַקטיצירט קעגן די פרעמדע, און אַפילו זייערע אייגענע פעלקער, קען טאַקע פאַר אַ שטיק צייט אפשר זיין פאַרדעקט און פאַרהילט, אָבער סוף־כל־סוף דערזעט מען אים. נאָכן זיג איבער דייטשלאַנד האָט מען קלאָר דערבליקט דעם גייסטיקן חורבן וואָס דער נאַציזם האָט מיט זיך געבראַכט איבער די דייטשן, נאָך איידער ס'איז אויף זייערע קעפּ גע־קומען דער מאַטעריעלער חורבן פון די אַנגלאָ־אַמעריקאַנישע באָמבעס. אין אַ לאַנד, וואָס האָט אַרויסגעגעבן סיי די גרעסטע מוזיקער און מאַטעמאַטיקער, סיי די פיינסטע מוסטערן פון טרייד־יוניאַניזם און פון סאָציאַלער אַסעקו־ראַנץ, האָבן זיך צעבליט די קאָנצענטראַציע־לאַגערן און די גאַז־קאַמערן. אין אַ קולטור, וואָס האָט געגעבן דער וועלט די אידייע פון דער ווערט־פולקייט און אייניצקאַרטיקער וויכטיקייט פון אינדיווידועלן באַוואוסטזיין און פון נשמה־לעבן (דורך אַ מאַרטין לוטער, אַ הערדער, אַ געטע, אַ קאַנט און פיכטע), — אין אַזאַ לאַנד איז מען, אין מיטן 20טן י"ה, געקומען צו דעם געדאַנק און דער פּראַקטיק פון וויסנשאַפטלעכער אויסמאָרדונג פון מענטשלעכע לעבנס אין די מיליאָנען. די שטאָלצע דייטשישע „קולטור", די טויטאַנישע ציווי־ליזאַציע, אַזאַ שטרענג־דיסציפּלינירטע און „קאָרעקטע", האָט זיך פאַרענ־דיקט מיט אַ בלוטיקער משוגעת, מיט אַ קרימינעל־מערדערלעכן שגעון אויף אַ וועלט־מאַסשטאַב. און, פון זייער זייט, זיינען באַלד די זיגרייכע אַליאַנטן

אויך אַריינגעצויגן געוואָרן אין אַט־דער בלוטיקער משוגעת פון העכסטן גראַד. מיט דער הילף פון דער טאָטאַליטאַרער לאָגיק, וואָס שטעלט געוואַלט, מלחמה, טעראָר הויך איבער אַלץ אין דער וועלט, האָט מען אַוועקגעלאָזן אין גאַנג אַ מלחמה־מיטל וואָס איז העליש, נישט־איבערקלײַבעריש אין זײַן פעולה און זײַנע רעזולטאַטן־נאָכווייענישן, ווי דער טייוול אַליין וואָלט קיין בעסערס אַפילו אין זײַנע חלומות נישט געקענט זיך ווינטשן. מ׳האָט מיט אַט־דעם טייוו־לאָנישן מיטל, אַן יעדער וואָרנונג, חרוב געמאַכט צוויי גרויסע שטעט אין יאַפּאַן, און געוואונען, סוף־כל־סוף, נישט מער ווי אַ חיי־שעה שפּאַן צייט, אַ קורצדויערנדיקן פּאַרצוג. מחמת דער נייער שונא, דער סאָוועטישער בלאָק, האָט שוין אויך דעם סוד דערגאַנגען, דערוויִשט אים, און זוכט אים שוין אויסצונוצן לויט אַלע כללים פון דער אַלט־נייער מאַכט־פּאָליטישער חכמה פון אַלע מלוכות און רעגירונגען. דער פּרייז, וואָס די לענדער־דער־פינדער פון דער אַטאָמישער באָמבע באַצאָלן איז אַן אומגעהייערער. די וועלט לעבט אין אַ שוידערלעכער אימה, וואָס מאַכט צונישט אַלע פּאַרזוכן פון אינטערנאַציאָנאַלער פּאַרשטענדיקונג און דערנעענטערונג. און דער סוף? — פּונקט אַזוי ווי אַמאָל־אַמאָל די לעגענדאַרישע אַטענער, אין אַ געוויסן פּע־ריאָד פון זייער געשיכטע, האָבן איצט די אַליִאַנטן אפשר חרטה אויף דעם, וואָס זיי האָבן געטאָן צו זייערע שונאים און ציטערן פון הוילער טויט־שרעק און מורא טאָמער וועט אַזאַ מין באַהאַנדלונג פאַלן אויך אויף זייערע איי־גענע קעפּ.

בקיצור: דער דראַנג פון מענטשן, אפילו דעם סאַמע ציוויליזירטן, צו לעבן אין איינקלאַנג מיט זײַן פּרימיטיווער נאַטור האָט אים דערפירט צו אַ משוגענער רציחה קעגן זיך אַליין און לגבי די מיטמענטשן. אַט־דער משו־גענער ניהיליזם, דער נאַטוראַליסטישער קולט פון „לית דין ולית דיין״, האָט דערפירט צום חורבן פון אייראָפּע.

דער איינציקער אויסוועג איז אַ רעאָריענטאַציע, אַזאַ נייע ווענדונג פון אַ גאַנצער ציוויליזאַציע און אַן איבערוואַרטונג פון די גרונט־ווערטן אירע, די גייסטיקע יסודות פון לעבן און פון דער געזעלשאַפט. אַן אַנדער קוק, אַ שענערע, מענטשלעכערע און עטישע באַציאונג צום מענטשלעכן לעבן און צו די גרונט־אונטערשיידן צווישן מענטש און חיה. אויב דאָס ווערט נישט געטאָן, דאַן קען די פאַרניכטונג פון איין מין באַרבאַריזם, טאָטאַליטאַריזם און טעראָר גלייך אויפן אָרט פירן צו דעם אויפקום פון אַ נייעם מין משוגע־נער סיסטעם פון מאַכט, שרעק־הערשאַפט און זעלבסט־פאַרניכטונג. מ׳מוז זען אויסהיטן די וועלט פון אַ פאַטאַלן ציקל וואָס קען אַזוי אָנגיין ווייטער און ווייטער.

1951

אַנטיסעמיטיזם: זיין אורשפּרונג און די קעגן־מיטלען

.1

אונדזער צייט געהערט צו די טראַגישסטע עפּאָכעס אין דער לאַנגער, געענוג טראַגישער געשיכטע פון יידישן פאָלק. די ספּעציעלע שמערצלעכקייט פון אָט דער צייט, דערהויפּט פאַר מענטשן פון פּראָגרעסיוון לאַגער, נעמט זיך דערפון, וואָס דער שרעקלעכער יידישער חורבן איז געקומען אין מיטן 20סטן יאָרהונדערט, וואָס האָט געדאַרפט, לויט די נביאות פון די אַזוי גערופענע „פּראָגרעס־פּאַרגעטערער" פון פאָריקן יאָרהונדערט, ברענגען די מענטשהייט צו דער העכסטער שטופע פון אויפקלערונג, פרייהייט און פאָרטשריט. און אָט איז, אנשטאָט דעם, גאָר געקומען אַ צייט פון רדיפות און רציחות אויף יידן, וואָס האָבן זייער גלייכן ניט אין די טרויעריקסטע אַנאַלן פון פינצטערסטן מיטלאַלטער, מיט די פאַנטאַסטישסטע און אומרחמנותדיקע רדיפות מצד די קריסטלעכע פעלקער אויף אַלע אַנדערשגלויביקע בכלל און אויף יידן בפרט.

מוזן מיר אָבער שטענדיק געדענקען, אַז דער צוריקטריט פון דער אַלטער, כלומרשט אויף שטענדיק פעסטגעלייגטער, פּראָגרעס־ליניע, וואָס קומט פאָר אין אונדזער צייט, איז אַ פיל ברייטערע, ווייטגייענדיקערע דערשיינונג ווי בלויז דער צעפלאַקערטער אַנטיסעמיטיזם אין אַ סך ווינקלען פון דער וועלט. די ירידה פון דער אַזוי גערופענער ציוויליזאַציע, וואָס האָט אָנגענומען די גרויליקע פאָרמען פון 2 וועלט־מלחמות אין משך פון איין מענטשלעכן דור און פון אַ לאַנגער עקאָנאָמישער דעפּרעסיע אין אַן עפּאָכע פון אומבאַגרענעצטער פּאָטענציעלער שפע פאַר אַלע מענטשנקינדער, — אָט דער צוזאַמענברוך פון אַ פריער שטאַרק געלויבטער ציוויליזאַציע איז אין דער ווירקלעכקייט אַ היסטאָרישע קאַטאַסטראָפע, וואָס האָט באַרירט, אויף אַ פאַטאַלן אופן, צענדליקער, אפשר הונדערטער מיליאָנען מענטשן. עס איז אַ וועלט־היסטאָרישער פענאָמען, אַ זייער שמערצלעכער איבערגאַנג אָדער צו אַ נייער, בעסערער תקופה אין דער וועלט־געשיכטע אָדער צו אַן אומקום־סטאַדיע פון דער „מערב־ציוויליזאַציע". און ניט נאָר מיר יידן זיינען די קרבנות פון אַזאַ קאַטאַקליזם אין דער געשיכטע.

אָבער אַלס אַ שוואַכערער, מער עמפּינדלעכער, און אויך מער אויסגעזעצטער צו אַלערליי סכנות, טייל פון דער מענטשהייט, זיינען די יידן תמיד געווען דער זינדן־באָק פון דער וועלט־געשיכטע, אויף וויפיל זי באַרירט דעם וויכטיקסטן אין די לעצטע 2500 יאָר יידישן „האַביטאַט" (מושב) — סיי אין מערב־אַזיע (פּאַלעסטינע) און סיי צענטראַל־ און מערב־אייראָפּע. האָבן טאַקע יידן

דורכגעמאַכט, מוז מען ניט פאַרגעסן, די גרעסטע קאַטאַסטראָפעס אין זייער געשיכטע דווקא אין אַלע צייטן פון אַלגעמיינע היסטאָרישע איבערגאַנגען און וועלט־געשיכטלעכע רעוואָלוציעס. אַזוי איז עס געווען מיט אַ יאָר 2000 צוריק, ווען די רוימישע אימפּעריע איז אַריינגעטראָטן אין איר דעקאַדענץ און אומקום־צייט; און ערב דעם דאָזיקן מייל־שטיין אין דער אייראָפּעאיש־אַזיאַטישער פּאָליטישער און קולטור־געשיכטע איז, טאַקע דורך די רוימער, קורץ פאַר זייער פּאָליטישער שקיעה, חרוב געוואָרן די נאַציאָנאַל־טעריטאָריעלע אומ־אָפּהענגיקייט פון די יידן אין ארץ־ישראל. פּיל, פּיל שפּעטער, סוף 15טן יאָר־הונדערט, ווען די נייע עפּאָכע פון וועלט־ווירטשאַפט און קאָלאָניאַלער אויס־ברייטונג האָט זיך געעפנט פאַר אייראָפּע (נאָך דער אַנטדעקונג פון אַמעריקע), איז ווידער געקומען אַ מוראדיקע פאָלקס־קאַטאַסטראָפע פאַר אַ גאָר גרויסן יידישן ישוב — דער גירוש ספרד, די פאַרטרייבונג פון שפּאַניע און חורבן פון אַן אַמאָל בליענדיקן און פאַרצוויגטן יידישן ישוב אין די קריסטלעכע און מוסלמאַנישע לענדער פון איבערישן האַלב־אינדזל (שפּאַניע און פּאָרטוגאַל).

נאָך אַ ביישפּיל פון יידישן אומקום דווקא אין וועלט־געשיכטלעכע אי־בערגאַנג־עפּאָכעס איז די גרויסע בלוטיקע עפּאָפּייע אין מזרח־אייראָפּע אין מיטן פון 17טן יאָרהונדערט. (גזירות ת"ח, באַגדאַן כמעלניצקעס מאַסן־שחיטות), ווען די אייראָפּעאישע וועלט האָט דורכגעמאַכט דעם איבערגאַנג פון דעם פריערדיקן לויזן פּאָליטישן בוי צו די נייע נאַציאָנאַל־שטאַטלעכע פאַרמען; און דער אַגרעסיווער, מיליטאַנטישער, פּאָליטישער נאַציאָנאַליזם האָט מיט זיך געבראַכט ניט איין טיפע אויפטרייסלונג אין לעבן פון כמעט אַלע אייראָפּעאישע פעלקער און מדינות. איז ווידער האָבן די יידן געמוזט באַצאָלן דערפאַר אַ פּיל־פּיל שווערערן פּרייז, אין מענטשלעכע לעבנס און פיזישן חורבן פון אַלטע ישובים, ווי אַ סך אַנדערע, גרעסערע און שטאַרקערע פעלקער, הגם אויך אין זייערע רייען זיינען די חורבונות און יסורים געווען אויסערגעוויינלעך גרויסע און שווערע דווקא אין יענער צייט (דער 30־יעריקער קריג א. אַז. וו.).

און אָט איז אין גאַנג פון דער מערב־אייראָפּעאיש־אַמעריקאַנישער ציווי־ליזאַציע געקומען אַ נייער קריזיס, אַ פרישער קלימאַקס פון היסטאָרישע פאַר־טורבאַציעס און דערשטיקונגען, וואָס זיינען פאַרבונדן מיט דער סאָציאַלער און עקאָנאָמישער איבערגעשטאַלטונג פון דעם גאַנצן לעבן פון די פעלקער, אַלס רעזולטאַט פון די דריי נייע סאָציאַלע פאַקטאָרן וואָס ווירקן כסדר אין די לעצטע 150 יאָר צייט — דער אינדוסטריאַליזם, דער נאַציאָנאַליזם און די דעמאָקראַטיע.

דאָס איז אַ שמערצלעכער און לאַנג־דויערנדיקער פּראָצעס, פאַרבונדן פון איין זייט מיט דער ירידה און גסיסה פון אַן אַלטן דור, און, פון דער צווייטער זייט, מיטן אויפקום — לאַנגזאַמען און שמערצלעכן געבורט, אָפּטמאָל מיט דער הילף פון כירורגישן מעסער, פון נייעם סדר. פון אים האָבן מיר דערווייל נאָר בלויז אַן אידעאַלע פאַרשטעלונג, אַ חלום און באַגער־בילד, אָבער ער אַליין איז נאָך אין קיין ווינקל פון דער וועלט ממשותדיק ניט אַריינגעטראָטן אין לעבן.

איז עס אַ היסטאָרישע תקופה — אַזאַ וואָס ציט זיך שוין אַרום 70—80 יאָר צייט, זינט דער קאָנסאָלידירונג פון דעם מאָדערנעם קאַפּיטאַליזם־אימפּע־

ריאַליזם, מיט זיינע סופער־מלחמות און מיט אַ ריזיקער טעכניק און וויסנשאַפט פון איין זייט, און זינט דעם אויפקום פון דער מאָדערנער סאָציאַלער אַרבעטער־באַוועגונג פון דער צווייטער זייט. איז טאַקע לויטן אַלטן היסטאָרישן געזעץ (אַז אין איבערגאַנגס־צייט צווישן צוויי היסטאָרישע תקופות, ווערט דער יידישער מצב באַזונדערס קריטיש און סכנהדיק) אומעטום גאָר, גאָר שטאַרק אויסגעוואַקסן און פאַרשאַרפט, אין אַלע זיינע אויסדרוק־פאָרמען, דער אַנטיסעמיטיזם.

כדי צו פאַרשטיין בעסער אַט דעם ניט גאַנץ נייעם היסטאָרישן פענאָמען — דעם שנאה־געפיל צו יידן — מוז מען, קודם־כל אין זינען האָבן, אַז אין גרונט־גענומען איז דער אַנטיסעמיטיזם אַ דערשיינונג פון יענעם מין, וואָס געפינט זיך אויף דער גרענעץ־ליניע פון צוויי גאָר אַלטע סאָציאַלע מכות — פסיכאָז (משוגעת) און קרימינאַליזם (פאַרברעכערישקייט), וואָס זיינען ענג פאַרבונדן צווישן זיך. זיי זיינען פאַרבונדן הן אין זייער אורשפרונג (אינדיווידועלע און סאָציאַלע ניט־צופּאַסונג פון יחיד צו זיין סביבה), הן אין די אמתע, גוט־דורכ־געטראַכטע רפואות און תרופות וואָס זאָלן אַט די צרות פאַרן יידישן יחיד און כלל, אויף וויפיל ס'לאָזט זיך, באַזייטיקן.

דער אַנטיסעמיטיזם איז בטבע אַן אַבנאָרמאַלער, אומגעזונטער איינשטעל צום לעבן און צו די מיטמענטשן; דאָס הייסט, פּראָסט און פשוט, אַז דער אַנטיסעמיטיזם געהערט בפירוש צו דער קאַטעגאָריע פאַרברעכער־טיפּן. טאָ דאַרף מען דאָ אויך דערמאָנען, אַז ס'זיינען פאַראַן, אין ברייטע שטריכן גערעדט, צוויי מינים פאַרברעכער. איינער טוט אָפּ אַן אַנטיגעזעלשאַפטלעכע טאַט, באַגנבעט, רויבט, הרגעט אַ מענטשן, פעלשט דאָקומענטן א. ד. גל. בכדי דערפון צו געווינען אַ דירעקטן מאַטעריעלן און אַ זייער „רעאַלן" (ווי דער קרימינאַל־פאַרברעכער מיינט) נוצן פאַר זיינע מאַטעריעלע אינטערעסן, אַריינקריגנדיק געלט אָדער אַנדערע חפצים. אַ צווייטער קרימינאַל־טיפּ איז שוין מער אַן „אַבסטראַקטער" מין פאַרברעכער, ביי וועמען די חשבונות פון אַ מאַטעריעלן קורצדויערדיקן אָדער שטענדיקן נוצן און געווינן קומען אינגאַנצן נישט אין באַטראַכט. אַזאַ איינער, אויב ער ליידט למשל פון דער מאַניע פון אונטער־צינדן הייזער און הנאה האָבן פון דעם פלאַקער; אָדער פון שטעכן אויפן גאַס יונגע פרויען און מיידלעך, טוט אָפּ די פאַרברעכנס אויס „אומאייגננוציקער" (אין פשוטסטן, געוואוינלעכסטן זין פון וואָרט) תאווה, ניט זוכנדיק, מיינט עס, אַ מאַטעריעלע באַרייכערונג פאַר זיך אָדער פאַר זיין משפחה און פריינט, אויף די וועגן פון ברוטאַלע, אוממענטשלעכע און אַנטיגעזעלשאַפטלעכע מעשים.

די טבע פון אַנטיסעמיטיזם אַלס אַ פאַרברעכן איז אַזאַ, אַז אין אים זיינען פאַרקניפּט און פאַרבונדן ביידע מינים פאַרברעכנס פאַר אַמאָל. אי דער סאַ־דיסטישער, פסיכאָפּאַטישער אינסטינקט פון הנאה האָבן פון דעם אומשולדיקן מיטמענטשנס פיין און יסורים ווערט באַפרידיקט, אי עס קומט אָן די באַגערטע געלעגנהייט זיך צו באַרייכערן. און אויף אַ סך וואָכעדיקע אופנים (קריגנדיק די געהויבענע פּאָזיציע אין דער געזעלשאַפט, וואָס עס גיבן, למשל, די „ליבע־ראַלע", פרייע פּראָפעסיעס פון דאָקטאָר, אַדוואָקאַט, שרייבער, געלערנטער א. ד. גל.) ציט מען נוצן דירעקט דורך דער באַזייטיקונג פון די יידישע (די

„פרעמדע") קאָנקורענטן און סתם בעלנים, און דערצו מערסטנטיילס גוט־באַפּעאיקטע קאַנדידאַטן, כדי געניסן פון דעם רייכן און באַקוועמען לעבנס־טיש, וואָס ווערט פאַר די פּריווילעגירטע קלאַסן אין דער היינטיקער געזעל־שאַפט אָנגעגרייט דורך דעם „פּראָגרעס" פון דער מאָדערנער שטאָטישער, ראַפינירטער „ציוויליזאַציע".

נו, איז שוין פאַרשטענדלעך אַז דווקא דער אַנטיסעמיטיזם אַלס פאַרברעכן איז מסוגל אָנצונעמען די שוידערלעכסטע פאָרמען פון רשעות און — אונטער געוויסע געגעבענע גינסטיקע פאַר אים אומשטענדן (ווי אונטערן נאַציזם־פאַשיזם) — מוז ער פירן צו די באַרבאַרישסטע און אוממענטשלעכסטע מעשים־תעתועים פון מאַסן־מאָרד, פייניקונגען און בעסטיאַליקייטן, וואָס זיינען דער־ווידער פאַר יעדן מענטש מיט אַ געוויינלעכער, געזונטער און נאָרמאַלער אָנ־שטענדיקייט און יושרדיקייט („פעיר־פּלעי" גייסט א. ד. גל.). און וויסן מוז מען אויך, אַז דער ענד־ציל וואונטש און געהיימער פאַרלאַנג פון יעדן אַנטי־סעמיט אַלס פאַרברעכער, און, ווי געזאָגט, יעדער אַנטיסעמיט אַלס אַזעלכער — דער געהיימסטער און טיפסטער וואונטש זיינער איז צו זען יעדן יידן אומגע־בראַכט און פאַרשניטן פון דער וועלט און פון לעבן...

דאָס איז די אמתע און רעאַליסטישסטע דערקלערונג מכח דעם אורשפּרונג און תמצית פון אַנטיסעמיטיזם. דאָך זיינען זייער באַאיוו און אומבאַאָלפן יענע „דערקלערונגען", וועלכע ס'גיבן, אין דעם איצטיקן שוידערלעכן פּעריאָד פון דער וועלט־ געשיכטע און פון אונדזער יידישער לאַגע, יענע צווישן אונדז, וואָס זייערע הערצער בלוטן אויס טיפסטן צער און ווייטיק פאַר די פאַרפּייניקטע און גערודפטע ברידער און שוועסטער אונדזערע. און זיי מאַטערט די פראַגע: פון וואַנען קומט עס צו מענטשן אַזאַ רציחה און שנאה צו יידן, און וואָס טוט מען קעגן אָט דעם אומגליק? זיי קומען אָפּט מיט ביז גאָר קרומע און אומגעזונטע „לייזונגען" פון דער פּראָבלעם, און זייערע רפואות זיינען שוין דעריבער פאַלשע, מחמת דער דיאַגנאָז גופא פון דער קרענק איז ביי אָט אַזוינע עמאָ־ציאָנעל־צעהיצטע אָבער ניט גענוג לאָגיש טראַכטנדיקע „דאָקטוירים" אַ גרונט־פאַלשער, און אויף קיין שום פעסטן באָדן פון פאַקטן לחלוטין ניט באַגרינדעטער.

מיר וועלן אין קומענדיקן טייל אַנאַליזירן אָט די פאַרפירערישע און ניט אומשעדלעכע „רפואות" און טשיקאַווע קעגן־אַנטיסעמיטישע (פּאַטענט־מעדיצינען", מיט וועלכע מען קומט איצט אַרויס — טאַקע אין אונדזערע אייגענע רייען, פון וועלכע ס'וואָלט געמעגט געהערט ווערן אַ טיפערס און מער דורכגעטראַכט וואָרט.

2.

מיר האָבן געזען, אַז דער אַנטיסעמיטיזם האָט אַ קרימינעלע, פּסיכאָפּאַ־טישע באַזיס, און במילא קאָנען אַלע מיטלען, וואָס וועלן אַרויסגיין פון דער הנחה, אַז ער, דער אַנטיסעמיט, אָפּערירט בלויז אונטערן איינפלוס פון ראַ־ציאָנעלע, הגם בייזוויליק־עגאָאיסטישע מאָטיוון (ווי פּשוטע קנאה־שנאה,

באַליידיקטער געפיל פון יושר, פון באַשיידנקייט, באַליידיקטער דורך יידישער „אַגרעסיוּוקייט", א. אַז. וו.), האָבן אַ גאַנץ קנאַפּע שייכות צו דער ווירקלעכקייט. מיר וועלן דאָ ברענגען עטלעכע אומדירעקטע, אָבער דאָך טרעפלעכע ראיות, אַז דער אַנטיסעמיטיזם איז, אין גרונט גענומען, אַ פּסיכאָפּאַטאָלאָגישע דער־שיינונג פון אַן אַנטי־געזעלשאַפטלעכן, ד. ה. קרימינעלן כאַראַקטער.

1) דער „מאָדערנער" אַנטיסעמיט, צוערשט פּערזאָניפיצירט אין פראַנ־צויזישע אַנטיסעמיטיש־סאָציאַליסטישע קוויטשערייען פון אַ טוסענעל, אַ דרומאָן, און אַנדערע דעמאַגאָגישע פראַנצויזישע העצער פון דער צווייטער העלפט פון 19טן יאָרהונדערט*), פּונקט ווי פון די שפּעטערדיקע דייטשישע „נאַציאָנאַל־סאָציאַליסטן", האָבן אַלע אָפּערירט שטענדיק מיט אַ משוגענעם, בפירוש פּסיכאָפּאַטישן „אַרגומענט", אַז „אַלץ וואָס איז שלעכט קומט פון די יידן". בלויז אַ וואַנזיניקער, אין אַזאַ אָדער אַן אַנדערער שטופּע אָדער פאַזע פון גייסטיקער פאַרטונקעלונג, וועט אין זיינע צעדרייטע געדאַנקען־גענג זיך אָנשפּאַרן אויף אָט אַזאַ „טעאָרעטישן אָנלען" — נאָכפּלאַפּלענדיק כסדר איין שטענדיקן פּזמון — „אין אַלץ איז שולדיק דער ייד". צו דער זעלביקער קאַ־טעגאָריע פון אַבסורדיקע טענות און פּרעטענזיעס מצד די אַנטיסעמיטן צו יידן געהערט אויך די אומלאָגיש־אידיאָטישע באַשולדיקונג, גלייכצייטיק, אויף יידן און יידישקייט, אַז זיי זיינען דווקא טרעגער און פאַרקערפּערער אי פון קאַפּי־טאַליזם אי פון קאָמוניזם. דאָס איז אַזוי לאָגיש ווי צו טענהן, אַז אַ זאַך איז גלייכצייטיק אי שוואַרץ אי ווייס.

2) איר געפינט צווישן מענטשן מיט שטאַרקע אַנטיסעמיטישע נייגונגען, פּערזאָנען פון גאָר אַ סך, כמעט פון אַלע, פּאָליטיש־סאָציאַלע אָריענטאַציעס, קאָנסערוואַטאָרן און ראַדיקאַלן, גלויביקע און אַטעאיסטן, מאָנאַרכיסטן און רע־פּובליקאַנער. אויך דאָס איז אַ קלאָרער באַווייז, אַז דער קרענקלעכער כעס און האַס צו יידן קומט ניט פון די „העכערע", אינטעלעקטועלע שיכטן פון דער מאַרך־קאָרע, וואו קלאָרע און געזונטע געדאַנק־אַסאָציאַציעס פאַרקייטלען און שפּילן זיך אָפּ, נאָר דווקא — פון די „אונטערשטע" אויפגעבאַרע, עמאָציאָ־נאַלע מאַרך־צענטערן, אין וועלכע די תאוות און פּסיכאָסאָמאַטישע (געמיינזאַם דעם גוף און דעם גייסט קאָנטראָלירנדיקע) גייסטיקע עקסצעסן, באַגריפן און פאָרשטעלונגען האָבן זייער אורשפּרונג. יעדע אומאָרדענונג אין אָט־די מאַרך־צענטערן איז דירעקט די סיבה פון די מאַניעס, איינבילדונגען און אַלערליי אַנדערע גייסטיקע שטערונגען, וואָס געהערן צו דער ספערע פון פּסיכיאַטריע, און דאַרפן אַנטשפּרעכנדיק געהיילט ווערן.

3) ס'איז פאַראַן אַ פאָלקס־ווערטל (מער, דאַכט זיך, באַקאַנט צווישן גויים

---

*) טוסענעלעס בוך „לע זשוויו: רוא דע ל'עפּאָק; היסטואַר דע לאַ פעאָדאַליטע פי־נאַנסיער" (די יידן, די מלכים פון אונדזער צייט; געשיכטע פון פינאַנציעלן פעאָדאַליזם) איז דערשינען אין 1845. דרומאָנס „לאַ פראַנס זשוויוו" (די יידישע פראַנקרייך), וואָס איז (ביז היטלערס „מיין קאַמף") געווען דער געפערלעכסטער, גיפטיקסטער אַנטיסעמיטישער העץ־בוך, און האָט טיילווייז געפירט צו דער אַנטי־דרייפוס־אַוואַנטורע, איז דערשינען פּונקט מיט 60 יאָר צוריק, אין 1886.

ווי צווישן יידן), אַז „ווער ס׳הייבט זיך אָן פאַרטשעפּען מיט יידן און זיי ביטער רודפן, מוז האָבן אַ זייער מיאוסן סוף״. און טאַקע, אפילו אויפן קליינעם שטח פון דער געשיכטע פון די לעצטע 4—5 הונדערט יאָר געזען — האָט די גע־שיכטלעכע דערפאַרונג באַשטעטיקט דורך און דורך אָט דעם מערקווירדיקן „כלל פון דער היסטאָרישער השגחה״. זעט, וואָס פאַר אַ סוף עס האָבן געהאַט די יורשים פון פיליפּ און איזאַבעלע אין שפּאַניע! אָדער מיט וואָס האָט זיך אויסגעלאָזט דער רוסישער צאַריזם, אָדער ווי ס׳האָט אָפּגעשניטן אַ המן־היטלער, די רשעים הימלער און געבעלס, מיט אַלע זייערע כנופיעס! אַ פרומער ייד וועט זען דערין גאָטס שטראָף פאַר די יסורים פון זיין „אויסדערוויילט פאָלק״. אָבער אַ מער לאָגישע, כמעט אינגאַנצן ראַציאָנעלע, דערקלערונג איז פאַראַן, און איז איבערגעגנוג אָט דעם היסטאָרישן פענאָמען אַזוי קלאָר צו דערקלערן, אַז מען זאָל אים לייכט קענען פאַרשטיין. אָט וואָס מיר מיינען צו זאָגן: אויב אַנטיסעמיטיזם איז אַ פּסיכאָפּאַטאָלאָגישע דערשיינונג, אַ רעזולטאַט פון אַ געוויסער זייער קראַנקער מאַניע, אַ סאַדיסטישע פאַרבלענדעניש און אַ קרענק־לעכע תאווה צו פייניקן אַ טייל פון די אַרומיקע מיטמענטשן — דאַן קען דאָך קיינמאָל ניט געמאָלט זיין, אַז אַלערליי אַנדערע האַנדלונגען וואָס קומען אויך אַרויס פון אַזוינע קרומע און קראַנקע קעפּ, זאָלן יאָ פירן צו גוטע, גליקלעכע, אָדער סתם גלייכע און נאָרמאַלע, רעזולטאַטן... טאָ מוז, ממילא, דער סוף פון אָט־די מאַניאַקיש־אַפּנאָרמאַלע, משוגענע רעגירער און מאַכט־האָבער ברענגען אַ גאַנץ פינצטערן אויסלאָז אויך פאַר זיי אַליין, און פאַר אַנדערע וואָס האָבן די קרענקלעכע נייגונג צו אַנטיסעמיטיזם־משוגעת און וואָס האָבן זיך אָנגעהאַנגען אויף אָט די יידן־פרעסערישע „פירער״ און וועגווייזער זייערע, ווי די בלינדע און פאַרפירטע דייטשישע, כלומרשט ציוויליזירטע שיכטן...

אונטער אַזוינע אומשטענדן זיינען גאָר אַ סך תרופות און רפואות, וואָס נאַאיווע אָדער ניט צו טיפזיניקע מענטשן רוקן אַרויס, אין דער אמתן, קיין שום תרופה און סגולה ניט פאַר דער אויסוואָרצלונג פון אַנטיסעמיטיזם. אָט איז געקומען ס. פּאָלינאָוו, אַ חבר אונדזערער פון פילאַדעלפיע מיט אַזאַ עצה, אָדער זיינעם אַן אייגענעם פאַרצווייפלונג־פּלאַן:

„כדי ניט אויפרייצן אויף זיך די שנאה פון די פעלקער, דאַרפן יידן אינגאַנצן זיך אָפּזאָגן פון אָנטייל נעמען אין פּאָליטישן און סאָציאַלן געבוי פון די פעלקערשאַפטן. פשוט גערעדט: יידן זאָלן ניט אָננעמען וועלכע ס׳איז הויכע רעגירונגס־אַדמיניסטראַטיווע עמטער. מיר דאַרפן און מוזן אָנערקענען, אַז מיר לעבן אין אַ „גויאישער״ וועלט, און צי איר ווילט, צי איר ווילט ניט — זיינען מיר ניט מער ווי געסט — דערצו איינגעבעטענע געסט״.

און דאַן ברענגט דער זעלביקער חבר אַ פּאָר ביישפּילן פון דער נאָענטער פאַרגאַנגנהייט און פון דער איצטיקער צייט, ווען יידישע הויכע שררות האָבן בלויז געפירט צו אַ מוראדיקער העצע קעגן יידן און צו גרויליקע רציחות אויף יידן אין די באַטרעפנדיקע לענדער. דאָס איז למשל, אַזוי געווען דער פאַל מיט וואַלטער ראַטענאַו אין דייטשלאַנד, מיט אַ יאָר 25 צוריק, און מיטן איצטיקן יידישן קאָמוניסטישן גדול אין פוילן, בערמאַן, אין דער איצטיקער צייט; און נאָך און נאָך ביישפּילן דערמאָנט אונדזער גוטער חבר: אַ יידישן פּאָליציי־שעף

אין בודאַפּעשט, הויכע ריכטער, מיניסטאָרן א. אַז. וו. און די פאַרצווייפלונגס־עצה זיינע איז, אַז די באַטרעפנדיקע יידן זאָלן ניט „קריכן" אין די הויכע עמטער, מחמת מ'קען אויף אַזאַ אופן אפשר פאַרהיטן, אַז „צעיושעטע חיות אין מענטשן־געשטאַלט זאָלן ניט פאַרצוקן, צוליב די יידישע מיניסטאָרן, אומשול־דיקע מענטשן...

הייסט עס, אַז מענטשן ווי ראַטענאַו, אָדער בערמאַן, מוזן קודם־כל, זיך פילן ווי יידן און דאַן האַנדלען פונקט אַזוי ווי אונדזער חבר פון פילאַדעלפיע מיינט, אַז זיי וואָלטן געדאַרפט האַנדלען אין די אינטערעסן פון זייערע ברידער און שוועסטער, די שוצלאָזע און הילפלאָזע יידן, וואָס זיינען פון דער נאַטור אַליין אויסגעקליבן געוואָרן צו זיין דער „זינדן־באָק" פון דער מענטשהייט. איז פרעגט זיך: מעגן מיר, אַלס מענטשן וואָס גלויבן אין פרייהייט, דווקא וועלן און פאַרלאַנגען פון אַ ראַטענאַו אָדער אַ בערמאַן, אַז דער ערשטער זאָל אַבסאָלוט וועלן זיין אַ „דייטש" (אפשר פון „מאָזאַאישן" גלויבן), און דער צווייטער זאָל ניט האַלטן זיך פאַר אַ „פּאָלאַק" (אפשר פון דער „מאַרקסיסטיש־דיאַלעקטיש־קאָסמאָפּאָליטישער" אמונה) — נאָר דווקא פאַר אַ יידן, ווי חבר ס. פּאָלינאָוו וואָלט עס, ווי ס'זעט אויס, געוואָלט האָבן. עס קען דאָך געמאָלט זיין, אַז לויט זייער, ד. ה. ראַטענויס און בערמאַנס, טיפסטער איבערצייגונג דינען זיי אַלע מענטשן (און במילא אויך די שטאַם־ברידער זייערע, די יידן) אַמבעסטן דווקא דערמיט, וואָס זיי אַרבעטן פאַר זייערע היימלענדער, וואו יידן לעבן און האָבן שוין יאָרהונדערטערלאַנג געלעבט, אַלס זייער געטרייע און פלייסיקע בירגער דווקא פון יענעם לאַנד, און (אין פּאָליטישע טערמינען) זין פון יענעם, פון דעם אַרומיקן פאָלק?

בקיצור, מיר קענען בשום אופן ניט איינזען, ווי אַזוי אַ פרייהייטלעכער, אַנאַרכיסטיש־סאָציאַליסטישער וועלט־באַנעם קען זיך קלעפּן מיט אַזאַ ראַסן־סעפּעראַטיסטישן צוגאַנג צו דעם ענין.

פונקט אַזוי ווילד־פרעמד דעם אמתן און אויפריכטיקן פרייהייטלעכן וועלט־באַנעם איז דער שטאַנדפונקט פון אַ „יידישער וועלט" און אַ „גויאישער וועלט", וואו יידן לעבן, אַלס „איינגעבעטענע געסט". אַלע מענטשן זיינען געסט אויף דער ערד: זיי טומלען זיך אַפּ עטלעכע צענדליק יאָר און טראָגן זיך אַפּ פון וואַנען זיי זיינען געקומען... פון דער איצטיקער פאַרצווייפלונג און דעם טיפסטן יידיש־מענטשלעכן צער קען מען אפשר אַריינפאַלן אין אַזאַ גרענעצ־לאָזן יאוש, וואָס קלאַמערט זיך אין אָט דער צעטיילונג, אָבער קיין שום ממשות איז אין אַ דואַליזם פון אַ יידישער און גויאישער וועלט ניטאָ. פונקט ווי ס'איז ניטאָ קיין אָביעקטיווע ווירקלעכקייט, קיין ממשות, אין דער קאַטעגאָריע „ייד", וואָס ליגט אין באַזיס פון אָט די שפּינוועבס־באַגריפן פון „יידישער" און „ניט־יידישער" וועלט. אָט האָבן מיר דאָך שוין געוויזן, אַז מעג דער אָדער יענער פון אונדז, אַ פּאָלינאָוו פון לינקס, און אַ פרומער ראַסן־ייד, פון רעכטס, ווי אויך די ראַסיסטישע שונאי־ישראל, האַלטן ראַטענויען און בערמאַנען פאַר יידן, אָבער זיי אַליין וועלן זיך ניט האַלטן, מסתמא, פאַר יידן, און זיי האַנדלען ווי זיי האַנדלען ניט אַלס יידן נאָר אַלס מענטשן, און אַלס זין פון אַ געווויסער פּאָלי־טישער נאַציע, ווי זיי באַנעמען דאָס אין איינקלאַנג מיט זייערע געדאַנקען אין

געפילן. און ס׳וועט זיין זייער אַ טשיקאַווער פרייהייטלעכער סאָציאַליסט אָדער אַנאַרכיסט, וואָס וועט וועלן איינטענעהן מיט אונדז, אַז ניט אַנדערש נאָר אַלס יידן מוזן זיי שטענדיק אויפטרעטן און זיך אַרויסגעבן — אָט די צוויי פּאָליטיש־אַקטיווע מענטשן און בירגער, געבוירענע פון יידישע טאַטע־מאַמע, אָבער לחלוטין אָן יידיש־נאַציאָנאַלע פּאָליטישע אַספּיראַציעס.

ניט מערער לאָגיק און אויסגעהאַלטנקייט האָט אין זיך דעם חבר פּאָלינאָווס מיינונג, אַז די צערייצטע אַנטי־יידישע מאַסן וועלן ניט שלאָגן און ראַבעווען יידן, ווען זיי וועלן שוין ניט האָבן דעם תירוץ פון יידישע מיניסטאָרן, ריכטער, פּאָליציי־מייסטערס א. ד. גל. מען האָט אין דייטשלאַנד (און אַנדערשוואו) פאַר־ברענט יידן לעבעדיקערהייט, בעתן מיטלאַלטער, ווען אַ ייד האָט ניט געקענט חלומען ניט פון אַ מיניסטער פּאָסטן, נאָר אפילו פון אַ מלוכה־שטעלע אַלס גאָסן־קערער... העצערס וועלן ניט מיד ווערן אָנצואווייזן אויף יידישע סוחרים און פינאַנצירן, געשעפטס־לייט פון אַלערליי מינים און מיט כל־ערליי רעקאָרדס (אָפטמאָל, ווי דער שטייגער פון פּריוואַט־געשעפטן אין אַלע קאַפּי־טאַליסטישע לענדער, ניט קיין גאַנץ זויבערע רעקאָרדס פון עטישן שטאַנד־פּונקט). הייסט עס, אַז יידן, לויט פּאָלינאָווס עצה, וואָלטן זיך געדאַרפט איינגאַנצן צוריקציען ניט נאָר פון דער פּאָליטישער, נאָר אויך פון דער עקאָנאָמישער ספערע אפילו. דאָס מיינט זיי וואָלטן געדאַרפט, כדי צו קענען לעבן, זיך נעמען בלויז צו „יגיעת כפיים״ — צו זיין האָרעפּאַשניקעס און שווערע אַרבעטער אין די דערפער, און אין האַנטווערק־וואַרשטאַטן און פאַבריקן. וויס מען אָבער פון דער דערפאַרונג אין מיטלאַלטער און שפּעטער (אין רוסלאַנד, למשל), אַז מ׳האָט צוליב אַנטיסעמיטישע מאָטיוון — דווקא פאַרבאָטן די יידן צו לעבן פון און אויף דער ערד, און אויך ניט דערלאָזן די יידן צו געהערן צו אַלגעמיינע (ניט־יידישע) האַנטווערק־צעכן. איז עס ערשט ריכטיק אַ „פאַרכישופטער קרייז״, פון וואַנען ס׳זעט זיך קיין שום אויסוועג און קיין רעטונג ניט...

און אויב אַלע יידן זאָלן שוין ווערן למדנים, זיצן טאָג און נאַכט איבער ספרים, אָדער פּלפּולען זיך איבער דעם הבל־הבלים פון דער וועלט אין איינ־זאַמקייט, פאַרזונקען איינגאַנצן אין זיך, טאַקע אויפן שטייגער פון בודאַ׳ס זעלבסט־„קאָנטעמפּלאַציע״, וועלן די אַנטיסעמיטן ערשט ריכטיק אָנפאַלן אויף אָט די „דאַרמאָיעדניקעס״, וואָס טוען לחלוטין גאָרניט, פּראָדוצירן קיין שום זאַך ניט, פאַרטיפן זיך אין נירוואַנאַ, אין „התפשטות היש״ און לעבן „אויף גרייטן״ פון דער ניט־יידישער ערלעכער פּראַצע און מי... וועלן זיי דאַן שוין זיכער קיין מאָטיוון צו פאַגראָמען און פאַר אַנדערע פאָרמען פון מאַסן־רציחות קיין תירוצים ניט פעלן, און ניט איין פּאָטענציעלער נייער ספּינאָזע ביי יידן וועט פאַרשניטן ווערן פון לעבנס־בוים פאַר דער צייט.

בקיצור, אָט די פאַרצווייפלונגס־עצה, מיט וועלכער חבר פּאָלינאָוו קומט, איז גאָר קיין עצה ניט, פשוט זוייל ער „טראַכט אויס״ אַ רפואה ניט פאַרשטייענ־דיק ווי געהעריק די שווערע קרענק. ער וויל ווידער אַמאָל מיט „לאָגיק״ און אַ „ראַציאָנאַליזאַציע״ נעמען קורירן אַ מצב, וואָס איז בפירוש אַנטיראַציאָנעל, ד. ה. לחלוטין אונטער דער לאָגיק און ניט על פי שכל, לכל הפחות — ניט לויטן געזונטן מענטשלעכן שכל.

.3

דער אַנטיסעמיטיזם איז איינע פון די עלטסטע און „סטאַבילסטע" סאָציאַל־פּסיכאָלאָגישע דערשיינונגען אין דער מאָדערנער, אַזוי גערופענער, „מערב־אייראָפּעאישער ציוויליזאַציע". און זי, ווידער, ציט איר יניקה פון דער גריכיש־רוימישער קולטור און ציוויליזאַציע. אויך אין איר, ווען זי האָט דערגרייכט איר שפּיץ־פּונקט, מיט אַרום 2000 יאָר צוריק, און ווען איר הויפּט־צענטער, דער „ניו יאָרק פון אַלטערטום", איז געווען אַלעקסאַנדריע אין עגיפּטן, האָט גאַנץ שטאַרק געבליט טאָקע דער אַנטיסעמיטיזם. דער פירנדיקער „יודאָפאָב" פון יענער צייט איז געווען אַן העלעניזירטער עגיפּטער אַפּיאָן, אַ פּעאיקער געלערנטער און גאָר גרויסער דעמאַגאָג, וואָס האָט כסדר געהעצט קעגן יידן.

די שריפט וועלכע דער זייער באַוואוסטער יידישער היסטאָריקער און וואָרטפירער אין יענער צייט, יוסף פלאַוויוס, האָט אַרויסגעלאָזן קעגן אַפּיאָנען, לייענט זיך נאָך ביזן היינטיקן טאָג מיטן גרעסטן אינטערעס, ווייל דער גאַנצער מאַטעריאַל — די פאַלשע אַנטיסעמיטישע „לאָגיק" און די העץ־אַרגומענטן און די יידישע קעגן־טענות — זיינען נאָך אַזוי צייטמעסיק־אַקטועל, פּונקט ווי זיי וואָלטן נעכטן אָנגעשריבן געוואָרן... און פּאַסירט האָט עס, פאַרגעסט נישט מיט קאַרגע 2,000 יאָר צוריק! די אַלעקסאַנדריער יידן האָבן דעמאָלט געשיקט אַ דעלעגאַציע, בראש מיטן באַרימטן יידיש גריכישן פילאָזאָף פון יענער צייט, פילאָן, צום רוימישן מלך קאַליגולע, צו זוכן ביי אים שוץ קעגן די אַלעקסאַנדרינישע אַנטיסעמיטן. אָט דער רשע און האַלב־משוגענער מלך איז גאָר באַפאַלן די יידישע דעלעגאַטן, הלמאי זייערע פיינע און רייכע קהלות ווילן ניט פאַרגעטערן אים, דעם רוימישן דעספּאָט, ווי ס'טוען אַנדערע פעלקערשאַפטן אין דער רוימישער וועלט־אימפּעריע. די דעלעגאַטן האָבן זיך פאַרשעמטע און אַנטוישטע אומגעקערט קיין אַלעקסאַנדריע... פלאַוויוסעס „קאָנטראַ אַפּיאָן" איז אַ שריפט, וואָס וואָלט איצט געמעגט און געדאַרפט איבערגעדרוקט ווערן.

דער פאַקט גופא, אַז דער אַנטיסעמיטיזם האָט, אין גרונט, זיך כמעט ניט געביטן דורך לאַנגע יאָרהונדערטן און בייט זיך אויך איצט נישט, ווען די ציוויליזאַציע האָט, אין די לעצטע 50 יאָר צייט, דורכגעמאַכט אַזוינע טיפע ענדערונגען, באַווייזט, ווידער און אָבער, אַז האָבן האָט ער זיינע וואָרצלען טאָקע אין דער מענטשלעכער פּסיכאָלאָגיע, ספּעציעל אין אירע פינסטערע, קרענקלעכע ווינקלען און אַספּעקטן. און זיי — ווי באַקאַנט — בייטן זיך זייער לאַנגזאַם און לאָזן זיך גאַנץ ווייניק פאַרענדערן דורך אויסערלעכע באַאיינפלוסונגען, ווי למשל פלאַכע בילדונג, טעכנישער פאָרטשריט, אויסערלעכער גלאַנץ און קאָמפּאָרט. אַלס אַ קרימינעל־פּסיכאָפּאַטישע דערשיינונג, **איז דער** אַנטיסעמיטיזם אַ מין ספּעציעלע פאָרם פון פּסיכאָפּאַטאָלאָגישן פאַרלאַנג צו פייניקן און דערנידעריקן די מיטמענטשן — ד. ה. אַ פאַל פון סאַדיזם, ווען זי איז מער אָדער ווייניקער דעגענערירט, ד. ה. גייסטיק פאַרקריפּלט. **אָבער** גראַד אין די לעצטע דורות האָט זיך די נייגונג צום סאַדיזם, און **זיין פאַרשפּריי־**

טונג אין אַ סך טיילן פון דער מאָדערנער געזעלשאַפט, גאָר שטאַרק פאַר־גרעסערט.

סאָציאַל־פּסיכאָלאָגן האָבן פאַר אַט דעם פינסטערן און טראַגישן פענאָמען — דעם וואוקס פון סאַדיסטישע אינסטינקטן ביי די מענטשן — פאַרשיידענע דערקלערונגען. איינע פון די איינפאַכסטע האָט צו טאָן מיטן אומשטאַנד, אַז די ניט־אויסגענוצטע אָנגעזאַמלטע פּסיכאָ־פיזישע ענערגיע, ווען זי האָט ניט קיין געלעגנהייט אָנגעווענדט צו ווערן פאַר געזונטע, קאָנסטרוקטיווע און שעפערישע מענטשלעכע צוועקן, גיט זיך לייכט אַ קער אין אַ דיאַמעטראַל פאַרקערטער ריכטונג — ד. ה. אויף די וועגן פון פאַרניכטונג, צעשטערונג און ווילדער שנאה און גיפטיקסטן האַס. נו, איז עס אַ גוט־באַקאַנטער פאַקט, אַז צוזאַמען מיט דער היינטיקער קאָמערציאַליזירטער אינדוסטריאַליזאַציע פון דער געזעל־שאַפט, ווען כמעט אַלע מענטשלעכע אַרבעט־כוחות און באַשעפטיקונגען זיינען סטאַנדאַריזירט און אויטאָמאַטיזירט, קען דער דראַנג צו זעלבסטשטענדיקער שעפערישקייט און פולער פערזענלעכער אַנטוויקלונג אַלץ ווייניקער געפינען פאַר זיך מעגלעכקייטן פאַר פרייער, פרייוויליקער אויסווירקונג און אויסדרוק. האָט, במילא, דערפון געמוזט אַרויסקומען יענער קרענקלעכער דראַנג צו פאַרטאָן די ניט־אויסגענוצטע פּסיכישע ענערגיע און דעם טעטיקייטן־חשק פאַר בעסטיאַלישע פאָרמען פון וויסטן שפּיל און צעשטערונגען און רציחה, ווי דאָס ווערט פּראַקטיצירט אין מלחמה־צייטן אויף אַ ריזיק־גרויסן מאַסשטאַב. בעת אין נאָרמאַלע „פרידלעכע" צייטן, דריקט זיך אָט דער פּסיכאָפּאַטישער פאַרלאַנג אויס אין די וויסטע ראַסן־סכסוכים און רציחות (לינטשערייען), און באַזונדערס — אין אַנטיסעמיטיזם.

זאָל דאָס, אגב, דערמאָנט ווערן, אַז גראָד אין דער נייעסטער צייט, אַנטשפּרעכנדיק די באַדערפעניש, איז ערשט אויפגעקומען די פאַרצווייגטע, הגם צו ווייניק געשטיצטע, באַוועגונג פון גייסטיקער היגיענע (מענטאַל האַידזשין). זי האָט עקספּירעמענטעל באַוויזן, ווי אַזוי דאָס פאַרטאָרמאָזן (פאַרהאַמעווען) מענטשלעכע פעאיקייטן און עמאָציעס, מחמת סאָציאַלער אָפּ־געשטאַנענקייט און קאַפּיטאַליזם, — אָט די „פרוסטראַציע פון גייסט" רופט אַרויס געפילן פון שנאה און כעס ביי אומצייליקע מענטשן. און אָט די געפילן לאָזן זיך אויס, זוכן און קריגן אַן אויסוועג אין באַרבאַרישע פאָרמען פון מלחמה, ווי אויך פון אינדוסטריעלן שטרייט, שוין ניט צו ריידן פון ראַסן־האַס און אַנטיסעמיטיזם.

קען מען גוט פאַרשטיין, אַז די אויסערלעכע מיטלען פון אַזוי גערופענעם קאַמף קעגן אַנטיסעמיטיזם, ווי בלויז די „אויפקלערונג" דורך ביכער, אַרטיק־לען, רעדעס און רעזאָלוציעס, לעקציעס און לאָזונגען, קענען גאַנץ ווייניק העלפן אַנטקעגן דער מכה. אפילו די פיל שטאַרקערע און כלומרשט ווירקזאַ־מערע מעטאָדן, ווי למשל די „געזעצן" קעגן ראַסן־דיסקרימינאַציעס, זיינען אין גרונט אויך אַ זייער קאַלטע, ווייניק ווירקזאַמע רפואה. ווייט ניט אַלע געזעצן, וואָס עקזיסטירן אויפן פּאַפּיר, לאָזן כאָטש בלאַסע שפּורן אין ווירק־לעכן לעבן. און אויב די טאָלעראַנץ, דער רעספּעקט צום ניט־אייגענעם, און די גלייכשעצונג פאַרן געזעץ פון אַלע בירגער אין דער געזעלשאַפט מוזן קומען

פון אויבן, בלויז דורך דעם כּוח און זכות פון אויטאָריטעטן, טרוקענעם. געשריבענעם געזעץ, קען עס קיין אמתע חשיבות און מאָראַלישע באַפרידיקונג דעם באַעוולטן ניט פאַרשאַפן. שוין ניט צו ריידן פון דער קנאַפער ממשותדיקערווירקזאַמקייט פון אַזוינע „געזעצן״ וועלכע ווילן פאַרביטן מיט זיך די סאָציאַלעטישע, אינערלעך־מאָראַלישע געבאָטן. נאָך אַ קלענערן ווערט האָבן אינטערנאַציאָנאַל־רעכטלעכע באַשיצונגען פאַר נאַציאָנאַלע מינדערהייטן א. ד. גל.

מיינט עס, אַז די אָפּשאַפונג פון אַנטיסעמיטיזם, ווי פון אַלע אַנדערע היינט־צייטיקע פּסיכאָפּאַטאָלאָגיש־קרימינעלע אַנשיקעניש און בלאָנדזשעניש, אויפן אינדיווידועלן און סאָציאַל־פּסיכאָלאָגישן שטח פון מענטשלעכן צוזאַמענלעבן, איז אַ מכּה וואָס פאַדערט אַ לאַנגע און גרינדלעכע קוראַציע. מיר קענען שוין אַגב זען פון אָט דעם צוגאַנג גופא צום ענין — אַז דער אַנטיסעמיטיזם איז אַ מער גויאישע ווי אַ יידישע פראַגע. דערמיט ווילן מיר זאָגן, אַז יידן מעגן זיך טאַקע זיין אַן אָביעקט פון דער אַנטיסעמיטישער משוגעת, אָבער ניט אין זייערע הענט ליגט דער שליסל צו דער אָפּשאַפונג אָדער אפילו שטאַרקער פאַרמינדערונג פון אַנטיסעמיטיזם. און, צווייטנס, די סכּנה פון אַנטיסעמיטיזם גראָבט אונטער דעם יסוד פון גויאישן צוזאַמענלעבן ניט ווייניקער ווי פון אַנדערן. (אוודאי מיינט עס ניט צו זאָגן, אַז מיר יידן האָבן שוין ניט נויטיק מקפּיד צו זיין אויף אונדזערע פּירונגען און זען וואָס מער אינדיווידועלע און קאָלעקטיווע פעלערן צו פאַרבעסערן!).

מיר האָבן שוין פריער אָנגעוויזן, אַז די פּסיכאָפּאַטאָלאָגישע נאַטור פון אַנטיסעמיטיזם מוז פון אָט דער סאָציאַלער מכּה מאַכן אַ סם וואָס צעפרעסט אויך די הערשנדיקע פאָלקס־גרופּע, וואָס אין נאָמען פון אירע כּלומרשטע אינטערעסן פאַרשפּרייטן עס ביטערע שונאי־ישראל זייערע גיפטיקע העצעס קעגן יידן. דער אַנטיסעמיטיזם, ווי אַ גייסטיקע צרעת, צעפרעסט די מאָראַלישע און אינטעלעקטועלע שטאַנדהאַפטיקייט, די ווידערשטאַנדס־קרעפטן לגבי דער השפּעה פון אַלערליי דעמאַגאָגישע פאָלקס־פאַרפירער און שאַרלאַטאַנען, אָפּנאַרער און פּשוטע שווינדלער, וואָס עקספּלואַטירן די אומרייפע, לייכטגלויביקע ניט־יידישע מאַסן (ווי ס׳וויזט די געשיכטע פון אַנטיסעמיטיזם, אפילו אין די ניט־דייטשישע לענדער, ווי פראַנקרייך, רוסלאַנד, רומעניע א. ד. גל.). במילא פאַרשטייט מען שוין, הלמאי וואָס ווייטער זעען איין אַלץ מער און מער מענטשן פון די באמת פּראָגרעסיווע עלעמענטן, ניט־יידן, אַז אין דער טיפסטער ווירקלעכקייט איז דער אַנטיסעמיטיזם ניט קיין יידישע, נאָר אַ „גויאישע״ פראַגע.

אַנטיסעמיטיזם, בקיצור, איז דער קראַנקייט־אויסדרוק, אַ סימפּטאָם פון אַ ניט־נאָרמאַלן, אין סאָציאַל־פּסיכאָלאָגישן זין, קרענקלעכן געזעלשאַפטלעכן מצב. די קריטישע פאַרשטאַרקונג פון אַנטיסעמיטיזם מוז דעריבער קומען דווקא אין יענע צייטן, ווען די געזעלשאַפטלעכע אומנאָרמאַלקייט, צעטרייסלטקייט און צעפאַלנקייט דערגרייכן גאָר אַ הויכן גראַד. און דאָס איז דווקא אונדזער היינטיקע צייט. דערום צייכנט זיך די היינטיקע תּקופה, אַן אויסערגעוויינלעך קאָמפּליצירטע און קריטישע, אויס אויך מיט איר אַנטיסעמיטיזם.

עס איז שוין אָפּט און אויספירלעך אין דער „פרייער אַרבעטער שטימע״

געשריבן געוואָרן, אַז פאַר דער מאָדערנער, אַזוי גערופענער ציוויליזירטער, מענטשהייט שטייט אַ פאַטאַלער ממה־נפשך: אָדער זי וועט באַגיין אַ קאָלעקטיוון זעלבסטמאָרד (וואָס דער אָנפאַנג, און אפשר אויך דער סוף דערפון, וועט מסתמה זיין די זיך צוגרייטנדיקע דריטע וועלט־מלחמה) דורך וויסטע אַקטן פון מאַסן־אויסמאָרדונג אָדער דורך לאַנגזאַמער דעגענעראַציע און אויסשטאַרבונג; אָדער זי וועט אָנהויבן אַ נייע עפּאָכע פון אמתן פּאָרטשריט און אומגעהייערע דערגרייכונגען, וועלכע שטייגן אפילו איבער די סאַמע רייכסטע פאַנטאַזיע. אוודאי איז די יידישע טראַגעדיע אַן אומגעהייערער אומגליק, וואָס מיר יידן מוזן אים שפירן שאַרפער, ווי כמעט אַלע ניט־יידן. אָבער מיר דאַרפן גלייכצייטיק אויף אַ רגע ניט פאַרגעסן, אַז די יידן ווי דער שטייגער איז שפּילן דאָ בלויז די ראָל פון אַן אוואַנגאַרד; און וואָס אונדזער גורל איז היינט, וועט מאָרגן זיין דער גורל פון די אַלע וואָס זיינען אין זייער בלינדקייט אַזוי זיכער מיטן מאָרגן — נאַציעס, מלוכות, פעלקער און קלאַסן.

עס שרייבט אונדזער שטאַרק פאַרצערטער חבר פון וועמענס בריוו מיר האָבן שוין אַ פּאָר מאָל ציטירט:

„וואָס, פרעג איך אייך, וועט פאַר אונדזערע אַנאַרכיסטן פון יידישן אָפּשטאַם, אַרויסקומען, ווען מיר וועלן שוין דאָ ניט זיין, ווען די רעוואָלוציע וועט אַראָפּברענגען די פרייע געזעלשאַפט".

נו, איז די תשובה, אַז קיין דור, אַלס אַזעלכער, איז ניט אייביק, אפילו גאַנצע פעלקער זיינען ניט אייביק, און דער מאַרש פון דער געשיכטלעכער אַנטוויקלונג איז דאָך נאָר איין לאַנגער קאַליידאָסקאָפּ פון כסדר אויפשטייגנדיקע, אַראָפּזינקענדיקע און זיך אַן אַ סוף בייטנדיקע פעלקערשאַפטן און פעלקער־אמאַלגאַמען. אָבער איין זאַך איז זיכער: אויב די ברוטאַליזירונג, די משוגענע בעסטיאַליזירונג פון דער מענטשהייט, מיט איר שדים־טאַנץ פון די אַנטיסעמיטישע פוריעס אין דער קראַנקער מענטשלעכער געזעלשאַפט, וועט ווייטער אַזוי אָנגיין, וועט געוויס ניט קומען די רעוואָלוציע און די פרייע געזעלשאַפט. זאָל אָט דאָס, וויניקסטנס, זיין פאַר אונדזער חבר און די אַלע וואָס דענקען ווי ער, אַ שטיקל טרייסט. די טאָטאַלע זעלבסטפאַרניכטונג פון דער געזעלשאַפט וועט זיין די כשר־פאַרדינטע באַלוינונג פאַר דער פאַרהאַרטעוועטער, עקשנותדיקער אומגרייטשאַפט דורכצומאַכן יענע געזעלשאַפטלעכע רעוואָלוציע, וואָס בלויז זי אַליין קען זיין דער אָנהייב פון אַ נייער, אַן אמת מענטשלעכער און ציוויליזירטער געזעלשאַפט. און אַזאַ וואָס דאַרף זיך אָפּקערן, לחלוטין אָפּטרייסלען פון דעם דריי־פּרצופדיקן געטש פון קאַפּיטאַליזם־מיליטאַריזם־אימפּעריאַליזם...

אין זיינעם אַ וויכטיקן נייעם בוך שרייבט דער בריטישער טיף־דענקענדיקער סאָציאַליסט וויקטאָר גאָלאַנטץ:

„עס זיינען דאָ צוויי וועגן פאַר דער מענטשהייט, און זי מוז אויסקלייבן צווישן זיי. איינער איז אַ וועג פון גיריקייט, פון שנאה און פון זעלבסט־אינטערעס (עגאָאיזם)... און ער מאַכט פון אונדז באַשעפענישן, וואָס שטייען אונטער דעם מין מענטש. דער אַנדער וועג קען אונדז אָדער אונדזערע קינדס־קינדער

ברענגען צו אַזוינע הויכקייטן פון פראַכט — אין קערפּער, אין גייסט און נשמה — פון וועלכע מיר קענען היינט אפילו ניט חלומען״*).

אָט דער סאָציאַליסטישער און יידיש-באַוואוסטזיניקער שרייבער איז מרה-שחורהדיק, פּיינלעך דערדריקט פון די גרוילטאַטן פון אונדזער העלישער צייט — די אַטאָם-עקספּלאָזיע איבער היראָשימאַ, די פאַרברענטע מענטשן אין אוישוויץ, די מיליאָנען הונגעריקע אין אַ וועלט פון פּאָטענציעלער שפע פאַר אַלע מענטשן-קינדער.—אָבער דאָך האַלט ער זיך ניט פאַר קיין פּעסימיסט. ווייל ער ווייסט אַז אַ בעסערער גורל, ווי דער דראָענדיקער אומקום, קען און וועט קומען, אויב נאָר די אינערלעכע און אמתע נצחונות פון דער מענטשלעכקייט אין דעם מענטשן וועלן באַזיגן די שוידערלעכע פּערווערזיעס און פּעלערן, וואָס טרייבן אַ וועלט מיט מענטשן צו ירידה און אונטערגאַנג.

פּ. א. ש. אָקטאָבער, 1946

*) Our Tretend Values, by Victor Gallancz, London, 1946.

באַרבאַריזם און ציוויליזאַציע
(באַפעלקערונג־פּראָבלעמען)

.1

אין זיין אַרטיקל „וויפיל מענטשן קען אונדזער פּלאַנעט אויסהאַלטן?" (אין דער „פ. א. ש." פון 17־טן דעצעמבער), האָט חבר קאָנסטאַן באַרירט אַ שלל, אַ גאַנצן ים מיט פראַגן. אַ ל ע מענטשלעכע פּראָבלעמען, לעבנס־פראַגן וואָס באַציען זיך אויפן גאַנצן מענטשלעכן כלל אויף דער ערד, ווי די מוראדיקע סכנה פון אַ וועלט־הונגער, ביז צו דער אינטימסטער פאַמיליען־פראַגע פון אַ יחיד, ווי געבורט־קאָנטראָל אָדער שוואַנגערשאַפט־פאַרהיטונג, — אָט־דאָס אַלץ איז אויף אַ גאַנץ לייכטן אופן, אָנגערירט געוואָרן אין אַן אַרטיקל פון 2 ביז 3 טויזנט ווערטער. נויטיק וואָלט געווען טיף און גרינט־לעך זיך פאַנאַנדערקלייבן כאָטש אין די וויכטיקסטע פון אָט־די פּראָבלעמען, זען די ליכטיקע און די שאָטן־זייט פון דער אָדער יענער „לעבנס־סיטואַציע", צו וועלכער די אַלע פּראָבלעמען פון באַפעלקערונג־וואוקס אָדער באַפעל־קערונגס־ירידה האָבן אַ שייכות, ווי, למשל, די ראָלע און דער גורל פון קליי־נע (און גרויסע) פאַמיליעס און דאָס גל., — אָבער דאָס אַלץ איז אַן אויפגאַ־בע פאַר אַ שרייבער פון אַ גרויסן בוך, און דאָס קען אפילו אין אַ טוץ צייַ־טונג־אַרטיקלען נישט געדעקט ווערן. במילא, וועט דער ענטפער אונדזע־רער אויף אַן אַרטיקל, וועלכער וואָלט געדאַרפט גאָר אויספירלעך און אַל־זייטיק אַנאַליזירט ווערן, מוזן איצט זיין אַ פראַגמענטאַרישער און וועט זיך באַגרענעצן בלויז מיט דער באַלייכטונג פון אַ פּאָר פונדאַמענטאַלע פעלערן, וואָס נעמען דורך דעם גאַנצן געדאַנקען־גאַנג פון דעם שרייבער פון יענעם, צום באַדויערן, אויף האַלבע אמתן און פאָראורטיילן־באַזירטן אַרטיקל.

איין גרונד־פאַקט, וועלכן חבר קאָנסטאַן האָט מיט רעכט באַטאָנט אין אָנהויב פון זיין אַרטיקל און וואָס קען ניט אָפּגעפרעגט ווערן, איז אַז דער זייער שנעלער באַפעלקערונג־וואוקס אין די לעצטע 125 יאָר צייט איז אַן איינציקאַרטיקער, אומפאַרגלייכבאַרער עפּיזאָד אין דער מענטשלעכער גע־שיכטע. במילא מוז ביי יעדן דענקענדיקן מענטשן — אין אָנבאַטראַכט פון דער שנעל־וואַקסנדיקער באַפעלקערונג — זיך אַוועקשטעלן די פראַגע: וואָס איז די פּאַסיקסטע (ניט צו־קליינע און ניט צו־גרויסע), די אָפּטימאַלע צאָל איינוואוינער וואָס אַ באַשטימט לאַנד (שוין ניט צו ריידן פון דער גאָרער וועלט) קען אויסהאַלטן? אַזאַ צאָל רופט זיך אַן „אָפּטימום" (די בעסטע צאָל — אין קעגנזאַץ צו די אַלט־באַקאַנטע צאָל־באַגריפן ווי מינימום און מאַק־סימום. חבר קאָנסטאַן באַמיט זיך ניט אָנצואווייזן אונדז, אויפן גרונד פון קאָמפּעטענטע שאַצונגען און חשבונות, וואָס דאַרף זיין די אָפּטימום־באַפעל־

קערונג פון אַזוינע שיטער־באַזעצטע לענדער ווי קאַנאַדע, פאַראייניקטע שטאַטן, אויסטראַליע, בראַזיל און נאָך אַ שפּאַר ביסל — אין אַלע עקן וועלט. ער גלויבט די „עקספּערטן", וואָס האַלטן אַז מיר האָבן שוין דערגרייכט ניט נאָר דעם אָפּטימום, נאָר אפילו דעם מאַקסימום פון דער באַפעלקערונג־צאָל, אפילו דאָ אין אונדזער ריזיק־גרויסער רעפּובליק, מיט אירע 140 מיליאָן איינוואוינער (און ער שווייגט אויך וועגן קאַנאַדע מיט אירע בלויז 12 מיליאָן, וואָס לעבן אויף אַ שטח וואָס איז מסתמא בכוח צו דערנערן אַ גוטע העלפט פון אונדזער אייגענער לאַנד־באַפעלקערונג, ד. ה. 70 מיליאָן מענטשן, אויב ניט מער).

קיין קאָמפּעטענטן באַוויז, גענומען אויפן גרונט פון אַ קאָלעקטיוון אָרגאַן פון פאַכלייט אין דעמאָגראַפיע און דערנערונג־פּראָבלעמען, אַז די וועלט־באַפעלקערונג איז שוין צו־גרויס פאַר דער דערנערונגס־פעאיקייט פון דער ערד, געפינען מיר ניט אין קאָנסטאַנס אַרטיקל. ער ברענגט בלויז יחידישע מיינונגען, וואָס קענען בשום־אופן ניט אַקצעפּטירט ווערן ווי דער דעפיניטיוווער און זיכערער אויספיר פון אמתע זאַכקענער און פאָרשערס. עס איז אָבער פאַראַן אַ פריערדיקע מיינונג (ציטירט אין „ענציקלאָפּעדיע בריטאַניקאַ", 14־טע אויסגאַבע, ב. 3, אונטערן שטיך־וואָרט, „בוירטה־קאָנטראָל"), וואָס שטאַמט אפילו פון יאָר 1916, אָבער איז ווי מיר מיינען, גאָר ניט ווייט פון אמת אפילו איצט, ווען די באַפעלקערונג פון דער וועלט איז מיט צענדליקער מיליאָנען גרעסער ווי מיט דרייסיק יאָר צוריק. דאָס איז אַ באַריכט פון דער „נעשאָנאַל בוירטה־רעיט קאָמישיאָן" פון בריטאַניע, וועלכע האָט, מיט דער הילף פון די בעסטע מומחים, אויסגעפאָרשט דעם ענין באַפעלקערונג אין שייכות מיטן ענין שפּייז־אויספעל און געקומען צו אַזאַ אויספיר:

„עס איז ניט באַוויזן געוואָרן, אַז די באַפעלקערונג וואַקסט איצט שנעלער ווי די נאַטירלעכע רעסורסן. גראַד פאַרקערט: מען קען מיט רעכט משער זיין, אַז פאַר דער בעסערער אויסנוצונג פון די רעסורסן, איז אַ גרעסערע באַפעלקערונג נויטיק, און דערמיט וואָלט מען אויך דערגרייכט אַ העכערן לעבנס־סטאַנדאַרד. אַט־איז, צום ביישפּיל, פאַרגעקומען אַ פאַרגרעסערונג פון 57 פּראָצענט אין דער ווייץ־פּראָדוקציע אין דער בריטישער אימפּעריע פון 1901 ביז 1911, דערעיקרשט אַ דאַנק דער אַנטוויקלונג פון מערב־קאַנאַדע.

געוויס לײַדט די הײַנטצײַטיקע אַזוי־גערופענע ציוויליזאַציע פון אַלערליי קאָנטראַסטן און אומגלייכהייטן און אומגערעכטיקייטן פון כל המינים. האָבן מיר די ריזיק־גרויסע קאַנאַדע מיט 12 מיליאָן איינוואוינער און די מוראדיק געדיכטע באַפעלקערונג פון די צוויי אוראַלטע און שרעקלעך אָרעמע לענדער אין אַזיע — כינע און אינדיע. די קלאָגעדיקע לאַגע פון די דאָרטיקע פאָלקס־מאַסן, מערסטנס־אָרימע און אָרימסטע אין דער גאָרער וועלט פויערים, איז גוט באַקאַנט, און אויך די הונגער־קאַטאַסטראָפעס, וואָס ברעכן דאָרט אויס פון צייט צו צייט, און דער קורצער לעבנס־שפּאַן (דורכשניט יאָרן, אויף וועלכע אַ ניי־געבאָרן קינד מעג זיך ריכטן צו לעבן) א. א. וו.

דער קורצער לעבנס־שפּאַן קומט דערהויפּט פון דער געוואַלטיקער קינ־דער־שטאַרבלעכקייט. שטעלט זיך אָבער אַוועק אַ קאַרדינאַלע און טיף אַנטשיידנדיקע פראַגע: איז די איבער־באַפעלקערונג שולדיק אין די אַלע סאָציאַלע אומגליקן, דערהויפּט: אָרימקייט, קראַנקהייט, אומוויסנקייט א. א. וו., אָדער פונקט פאַרקערט — די אָרימקייט, אומוויסנקייט, היגיענישע אָפּגעשטאַנענקייט און די ספּעציפיש אונטערדריקטע לאַגע פון דער פרוי פירט צו דער ביז גאָר געדיכטער באַפעלקערונג און צו דער טראַגיש פּער־אורזאַכטער „איבער־באַפעלקערונג״?

אין מיינונג, מיט וועלכער עס האַלט אונדזער חבר קאָנסטאַן, זאָגט, אַז „צופיל קינדלעך״, ד. ה. הויכע געבורטן־ראַטע, פירט צו אָרימקייט. אַ צווייטע מיינונג, מיט וועלכער מיר שטימען איין, זאָגט אַז אָרימקייט, אַ טרויעריקער מאַטעריעלער מצב פירט צו גרויסער צאָל געבורטן, ספּעציעל אין די פּויערישע באַפעלקערונג־שיכטן — ווי טאַקע אין אינדיע, כינע און רוסלאַנד. די אורזאַכע זיינען זייער פּשוטע: 1) גרויסע פאַמיליעס זיינען פון עקאָנאָמישן שטאַנדפּונקט, אַלס גוטע קוואַלן פון אַרבעטס־קראַפט, ניט קיין קללה, נאָר אַ ברכה פאַרן דאָרפסמאַן; 2) נאַטירלעכע באַדינגונגען (געזונטע, גוטע לופט, פרישע שפּייז א. ד. גל.) באַגינסטיקן די פּרוכטבאַרקייט פון די מענטשן (אין קעגנזאַץ צו די שטאָטישע אויפגעדריקטע לעבנס־באַדינגונגען — און ניט זעלטן — אויך שווערע עקאָנאָמישע זאָרגן, וועלכע זיינען אַ סגולה צו סטערילקייט, קינדערלאָזיקייט מחמת יחידישע פיזיאָלאָגישע חסרונות); 3) אָפּגעשטאַנענקייט אין באַצוג צו היגיענע, צום אַלפאַבעטיזם (קענען לייענען און שרייבן) און בכלל אַלערליי אָבערגלויבנס, מאַכן שווערער דעם פּרימיטיוון דאָרפס־מענטש צו וויסן און פּראַקטיצירן שוואַנגערשאַפט־פאַרהיטונג. אַט־די דריי אומשטענדן זיינען ווייט ניט די איינציקע. נאָך איינעם, אַ ריין־פּסיכאָלאָגישן, וועלן מיר דאָ צוגעבן צום חשבון: ניט האָבנדיק קיין אַנדערע גרויסע פריידן אין לעבן, זוכט דער אָרימאַן, באַוואוסטזיניק אָדער אומבאַוואוסטזיניק, כאָטש דאָס ביסל נחת, וואָס דאָס ברענגען אויף דער וועלט קינדער און קינדס־קינדער קען אים געבן... דערפון נעמען זיך, משמעות, דער גרויסער חשק פון אָרימע מענטשן און אָרימע קלאַסן צו קינדלעך, ווייט־ווייט איבער די כוחות און מעגלעכקייטן פון זייערע עקאָנאָמישע רעסורסן.

פאַרקערט, מיטן אויפשטייג פון עקאָנאָמישן סטאַנדאַרד אין די מאַסן זעט מען — אין אַלע לענדער פון דער וועלט — אַ פאַרקלענערטע געבורטן־ראַטע. דאָס אַליין ווייזט אונדז, אַז די סקאַרבאָווע טענה פון די געבורט־קאָנטראָל חסידים: זעט ניט האָבן קיין סך קינדער, וועט איר ניט הונגערן און ניט זיין אָרים! אַט־די טענה שטעלט אַוועק דעם פערד הינטערן וואָגן, אָדער פּאָסטולירט אַ זאַץ מיטן קאָפּ אַראָפּ, באשר דער ריכטיקער סאָציאָלאָגישער כלל איז אַ פאַרקערטער, נעמלעך: אויב איר וועט דערגרייכן אַ לייטישן, געהויבענערן לעבנס־סטאַנדאַרד, וועט איר האָבן ווייניקער קינדער, און דער פרויס לעבן וועט אויך זיין לייכטער און אָנגענעמער ווי אונטער די איצטיקע וועלט־אומשטענדן פון באַרבאַריזם אונטער אַ קאַסקע פון ציוויליזאַציע... און

פאַרקערט: אויב די איצטיקע „ציוויליזאַציע" וועט אָנהאַלטן, וועט איר אויך מיט ווייניקער קינדער לעבן אין פּונקט אַזאַ דלות און פינצטערניש און טויט־שרעק פאַר אַטאָמישע באָמבעס ווי ביז איצט...

אין מיטלאַלטער און פריער פלעגן אויסברעכן אין אייראָפּע אָפט הונגער־תקופות און מגפות נאָך זיי, הגם די באַפעלקערונג איז דעמאָלט געווען פיל, פיל קלענער ווי איצט. דאָס גיט אויך קאָנסטאַן אַליין צו, און אין אַ געוויסן ווידערשפרוך, נעמלעך: גראָד מיטן וואוקס פון דער באַפעלקערונג איז דאָך געקומען די אָפּשאַפונג פון יענע שוידערלעכע הונגערס, וואָס פלעגן בושעווען אין צענטראַל און מערב־אייראָפּע אין פריערדיקע צייטן. און דאָס מיינט, אַז צו זאָגן — וואָס גרעסער די באַפעלקערונג אַלץ נאָענטער די סכנה פון הונגער, איז ביז גאָר ווייט פון דעם לאָגישן און היסטאָרישן אמת. מיר זאָגן „לאָגישן אמת", ווייל די לאָגיק פון דעם גאַנצן ענין מוז תמיד אין זינען האָבן, אַז די מענטשלעכע דערפינדישקייט, וויסנשאַפטלעכע פאָרשונג, און טעכנישע געניטקייט און געשיקטקייט, קענען זייער אָפט פאַרמערן און פאַרגרעסערן די שפּייז־באַשפנדיקע מעגלעכקייטן פון דער נאַטור ביז צו אַ גע־וואַלטיק־הויכער שטופע.

מיר האָבן פריער ציטירט אַן אויטאָראַטיוון בריטישן רעפּאָרט מכוח דעם אָפּטימיסטישן קוק אויף די גרויסע שפּייז־מעגלעכקייטן פון דער וועלט אין 1916. אָבער דורך די לעצטע 30־35 יאָר איז איבער דער מענטשהייט געקומען אַ מוראדיקע קאַטאַסטראָפע — דער פריערדיקער פּאַסיווער שלע־פערדיקער באַרבאַריזם האָט דערוואַכט און אָנגענומען די פאָרם פון אַן אַק־טיוון, אַ זעלבסט־צעשטערנדיקן באַרבאַריזם, אין דער פאָרם פון צוויי גע־וועזענע און ווער ווייסט וויפיל אָנקומענדיקע וועלט־מלחמות. דאָס האָט אוודאי געצויגן אַ שטריך דורך די חשבונות פון פאַרזיכטיקע און גוטמיינענ־דיקע עקספּערטן וואָס האָבן דערוואַרט אַ שפּייז־איבערפלוס.

טראָץ די שווערע פאַרלוסטן אין מענטשלעכע לעבנס אין דער לעצ־טער מלחמה איז די וועלט־באַפעלקערונג דאָך געשטיגן מיט 150 מיליאָן נפשות אין די לעצטע 10 יאָר צייט. אייראָפּעס באַפעלקערונג אַליין איז גרע־סער געוואָרן מיט 12 מיליאָן מענטשן. אַ פאַקט איז אַז, זינט 1939, האָט זיך פאַרגרעסערט די באַפעלקערונג פון דער וועלט מיט 8 פּראָצענט, בעת די שפּייז־פּראָדוקציע איז געפאַלן מיט 7 פּראָצענט. ווי אַזוי איז אָט־די ירידה געקומען?

דאָס פאַלן פון שפּייז־פּראָדוקציע איז אַ דירעקטער רעזולטאַט פון מלח־מה־חורבן, ספּעציעל אין אייראָפּע, וועלכע האָט פריער פּראָדוצירט כמעט אַזוי פיל תבואה וויפיל אַלע תבואה־עקספּאָרטירנדיקע לענדער צוזאַמענגע־נומען. פאַר 1939 האָט אייראָפּע פּראָדוצירט 61 מיליאָן טאָן ווייץ און ראָגן (ראַי) אַ יאָר, בעת אין 1947 האָט די גאַנצע פּראָדוקציע פון אָט־די צוויי מי־נים תבואה אין אייראָפּע באַטראָפן נאָר 36 מיליאָן טאָן. אין אַזיע איז געפאַלן די פּראָדוקציע פון רייז, אָבער ניט אין אַזאַ גרויסער מאָס, ווי די פון ווייץ אין אייראָפּע. שוין פאַר דער מלחמה האָבן צוויי דריטל פון דער מענטשהייט ניט געהאַט גענוג שפּייז צום עסן און אַ העלפט פון דער וועלט־באַפעלקערונג

האָט געליטן פון אָרימקייט, קראַנקהייטן און פריצייטיקן טויט מחמת שלעכ־טער באַשפּייזונג. און איצט האָבן זיך אָט־די מאַסן אין כמעט גאַנץ אַזיע אויפגעהויבן אין אַ רעוואָלט קעגן די שוידערלעכע לעבנס־באַדינגונגען זיי־ערע און קעגן דער עקספּלואַטאַציע פון וועלכער זיי זיינען די קרבנות. עס גלויבט זיך קוים, אַז הונגער זאָל טרייבן צו אַ גאָר גרויסן געבורטס־קאָנטראָל, ווי חבר קאָנסטאַן מיינט, אונטער דער השפּעה פון טשיקאַווע עקספּערטן. אָבער אַז הונגער מוז פירן צו געוויסע אידעאָלאָגיעס, און גראָד פון דעם רע־וואָלוציאָנערן מין — אין דעם קען קיין ספק ניט זיין, און מיר זעען דאָס איצט פאַר אונדזערע אויגן אין אינדאָנעזיע, אינדאָ־כינע, אינדיע, פיליפּינען א. א. וו. דורך געבורט־קאָנטראָל אַליין וואָלטן די מאַסן אין אַזיע זייער ווייניק האָבן אויפגעטאָן, און קיין זאַך ניט האָבן דערגרייכט מסתמא בנוגע די בע־סערע לעבנס־באַדינגונגען*). אָבער אַראָפּוואַרפנדיק די אַלטע קייטן פון פאַר־שקלאַפונג, פינצטערניש און עקספּלואַטאַציע וועלן די מאַסן פון די מיליאַ־ניקע אַזיאַטן האָפנטלעך יאָ קענען אויספירן דאָס צו וואָס זיי שטרעבן.

עס פאַרשטייט זיך אַז נאָר דאַן ווען די צענדליקער און הונדערטער ביליאָנען וואָס גייען אַוועק אויפן מיליטאַריזם, וועלן נוצן צו באַפרידיקן די קולטורעלע און פרידלעכע באַדערפעניש, — וועט אַזאַ מצב קענען געמאָלט זיין, אַז דורך פּראָדוקטיווע און קאָנסטרוקטיווע מעטאָדן זאָלן פאַרמערט ווערן די לאַנדווירטשאַפטלעכע רעסורסן און מעגלעכקייטן פאַרן נוצן פון גאַנצע פעלקער און פון אַלע מענטשן.

פּ. א. ש. 24 דעצ. 1948

2.

דער נאַטירלעכער פּראָצעס פון „באַפעלקערונג־באַוועגונג" (חתונות, געבורטן, טויט־פאַלן), ספּעציעל פון דעם שטאַנדפּונקט פון „רעפּראָדוקציע" (צאָל ניי־געבוירענע) ווערט, אין אונדזער ציוויליזאַציע, באַאיינפלוסט פון צוויי אַנטקעגנגעשטעלטע פאַקטאָרן — אַ פּאָזיטיוון און אַ נעגאַטיוון. דער פּאָזיטיווער, פון מענטשן גופא באַשאַפענער, ד. ה. קולטורעלער פאַקטאָר, איז געווען דער ערשטער רעליגיעזער געבאָט פון דעם גאָט פון יידנטום —

---

*) אויף קאָנסטאַנס פראַגע: ווי קומט עס, וואָס מענטשן וועלכע הונגערן כסדר און וועלכע זיינען ניט בכוח (אָדער האָבן קיין כוחות ניט) צו פּראָדוצירן זייערע לעבנס־באַדערפענישן, געפינען ענערגיע זיך צו פאַרמערן? — קען מען ענטפערן אָט־וואָס: די אָרימע פויערים פון אַזיאַטישע לענדער פעלט ניט קיין כוחות (פיזישע ענערגיע און אַרבעט־חשק) צו באַאַרבעטן פעלדער און פּלאַנטאַציעס. עס פעלן אָבער די „סאָציאַלע באַדינגונגען" דערצו, ווייל דער מאָנאָפּאָליזם פון לאַנד־אייגנטום און קרעדיט האָט די אָרימעלייט פאַר־שקלאַפט ביי די רייכע פּריצים, ביי די פּראָצענטניקעס און אַנדערע פּאַראַזיטן און אויס־בייטער. איז ניט שייך צו ריידן, אַז עס פעלט מענטשן־כוחות צו פּראָדוצירן שפּייז און א. וו. וואָס עס פעלט, איז ניט „כוחות" ביי די אָרימעלייט, נאָר סאָציאַלער יושר, מענטשלעכקייט, גלייכהייט און חשיבות ביי נבירים.

פאַרמערט זיך און פרוכפּערט זיך און פילט אָן די ערד! אַ נייער פאַקטאָר (הגם נאָך פון פריער באַקאַנט, ווען מען דערמאָנט זיך ווי פרידריך דער גרויסער האָט געזוכט סטימולירן חתונות מיט געבורטן, און געבורטן אָן חתונות, כדי צו האָבן וואָס מער סאָלדאַטן פאַר זיינע פּרייסישע מלחמות), איז די פּאָליטיק פון מאָדערנע דיקטאַטאָרן צו פאַרשטאַרקן דעם „מיליטערישן פּאָטענציאַל" דורך אַ וואָס גרעסערער מאַנסבילשער באַפעלקערונג — פאַר קאַנאָנען־פליש און כדי צו קאָלאָניזירן נייע לענדער מיט פוסטע שטחים ערד.

דער נעגאַטיווער פאַקטאָר, וואָס קומט אויך פון דער מענטשלעכער אַריינמישונג אין דעם נאַטור־גאַנג איז די אַזוי־גערופענע געבורט־קאָנטראָל סיסטעם. דער טערמין איז אַ נייע זאַך (אַ סברה, אַז איינגעפירט האָט אים די אַמעריקאַנערין מאַרגאַרעט סענגער, אַ פאַרקאַכטע קעמפערין פאַר פאַמיליען־באַשרענקונג, אין איר זשורנאַל „דהי וואומען רעבעל", אַפּריל, 1914), אָבער די פּראַקטיק, אין דער אָדער אַנדערער פאָרם, סיי פון שוואַנגערשאַפט־פאַרהיטונג סיי פון אַבאָרט, איז אַ גאַנץ אַלטע און אַזאַ וואָס איז מערער אָדער ווייניקער — געווען באַקאַנט שטענדיק און אין אַלע טיילן פון דער וועלט.

מיר זיינען ניט אויסן איצט צו באַהאַנדלען דעם ענין, „געבורט־קאָנטראָל" אין אַלערליי אַספּעקטן זיינע — צי ער איז גוט, צי שלעכט, און פאַר וועמען ער איז גוט און פאַר וועמען שלעכט; אָבער אָפּשטעלן זיך אויף דעם ענין מוז מען פאָרט, ווייל חבר קאָנסטאַן קומט צום שלוס פון זיין אַרטיקל („פ. אָ. ש.", דעצעמבער 17, 1948) צו אַזאַ אויספיר: „דער אויסוועג איז געבורט־קאָנטראָל אויף אַ וועלט־מאַסשטאַב". דאָס האַלט ער, משמעות, פאַרן איינציקן אויסוועג פון דער איצטיקער לאַגע פון דלות, פינצטערניש, אָפּגעשטאַנענקייט, אומזיכערקייט און פאַרצווייפלונג פאַר דעם גרעסטן טייל, אפשר פולע 90 פּראָצענט פון דער מענטשהייט!

במילא מוזן מיר זיך שוין אויך אָפּשטעלן אויף אָט־דער היפּש־אָנגעוויטיקטער פראַגע פון היינטצייטיקן לעבן. אונטער די אומשטענדן פון שווערן גרויסשטאָטישן לעבן, פאַר די מערסטע אָרימע און אומפאַרמעגלעכע פאַרהייראַטע פּרויען, איז די פאַרהיטונג פון אָפטע געבורטן און קינדער־האָדעוואַניעס אַ היפּשע ברכה. נאָך פון גרעסערן הומאַניטאַרישן ווערט איז די דאָזיקע סיסטעם אין שייכות מיט פאַלן, לויט וועלכן פון מעדיציניש־ן אָדער „אויגעניש־ן" (פאַרהיטן דעגענעראַציע) שטאַנדפּונקט, איז ביז גאָר נויטיק צו פאַרמיידן שוואַנגערשאַפט אָדער אַ געבורט. ווידער, סכנות פון ברייט פאַרשפּרייטער געבורט־קאָנטראָל־פּראַקטיק, ספּעציעלע אַלס אַן אורזאַך פון קענסער ביי פרויען, איז אויך ניט פון די זאַכן, וואָס מען מעג אויסלאָזן פון חשבון, ווען מען מאַכט אַ באַלאַנס פון פאַר און קעגן אין אָט־דער זייער פאַרשפּרייטער און ביז גאָר מאָדערנער לעבנס־פירונג.

וואָס איז נוגע אונדזער דיסקוסיע, איז עס אַ פאַקט אַז דער מעטאָד ווערט שוין במילא פּראַקטיצירט אויפן ברייטסטן מאַסשטאַב, און דער אַפילו וועלכן חבר קאָנסטאַן מאַכט, איז בכלל שוין לחלוטין אָן איבעריקע זאַך פאַר

גערויסע קרייזן. ניט מער, דווקא די וואָס וואָלטן געקענט, לויט די עקאָנאָמישע אומשטענדן, דערנערן און אויסהאָדעווען 3 אָדער 4 קינדער, באַנוגענען זיך גאָר מיט 1 אָדער 2 קינדער, בעת די וואָס האָבן קיין מיטלען און כוחות ניט פאַר אַ לייטישער דערציאונג פון איין קינד אָדער צוויי, זיינען זיך גאָר מטופל מיט אַ משפחה פון 4 אָדער 5, און אַמאָל אויך 6 קינדער אפילו.

כדי די באַפעלקערונג זאָל ניט זיין אויסגעזעצט צו אויסשטאַרבונג, ד. ה. אַז די צאָל נפשות זאָל ניט פאַלן, שוין ניט צו ריידן פון אַ וואוקס פון דער באַפעלקערונג, איז נויטיק אַז די פאַמיליעס זאָלן אין דורכשניט באַשטיין פון נ י ט ו ו י י נ י ק ע ר ווי פיר קינדער. וויפיל משפחות קענט איר אָבער היינט־צו־טאָג וואָס האָבן 4 ביז 5 קינדער? איר וועט זיי ניט אָנציילן אויף די פינגער מסתמא פון איין האַנט...

דער פועל־יוצא איז, אַז די באַפעלקערונגען פון די מערסטע „ציוויליזירטע" לענדער פון דער ווייסער ראַסע, באַזונדערס די אַנגלאָ־זאַקסן, שטאַרבן לאַנגזאַם אויס. ספּעציעל וואָס איז שייך נאָרד־אַמעריקע, האָט מען פעסטגעשטעלט, אַז בלויז צוויי סעקציעס פון דער באַפעלקערונג האָבן אַ גענוג גרויסע געבוירן־ראַטע צו געבן אַ געוויסע זיכערקייט, אַז זייערע פאָלקסרייען וועלן ניט ווערן שיטערער, ביזן טאָטאַלן אונטערגאַנג אין לויף פון עטלעכע דורות בלויז. דאָס זיינען די נעגערס פון די פאַראייניקטע שטאַטן און די פראַנצויזיש־רייִדנדיקע און קאַטוילישע איינוואוינער פון קוויבעק אין צפון־מזרח קאַנאַדע. גראָד זיינען עס ווי דער שטייגער, די צוויי אָרימסטע און קולטורעל אָפּגעשטאַנענסטע טיילן פון נאָרד־אַמעריקאַנישע פעלקערמאַסן... אָט־די ציפערן און חשבונות, מיט זייער קאַלטער און טרוקענער לאָגיק, האָבן געוויסע סאָציאָלאָגן דאָ אין לאַנד און אין קאַנאַדע געפירט צו אַזאַ מין זייער טשיקאַווען אויספיר: אין הונדערט יאָר פון איצט וועט מסתמא די באַפעלקערונג פון נאָרד־אַמעריקע באַשטיין פון 200 מיליאָן פראַנצויזיש רייִדנדיקע נעגערס...

און אָט־די דערשיינונג באַציט זיך ניט נאָר אויף דער „פּראָגרעסיווסטער לאַנד פון דער ווייסער ציוויליזאַציע", די פאַראייניקטע שטאַטן. זי באַדראָט דעם קיום פון אַלע מאָדערנע באַפעלקערונג־טיילן, אפילו אין אַזוינע נייע ווינקלען פון ציוויליזאַטאָרישער אויפבוי־אַרבעט ווי ארץ ישראל. ניט לאַנג האָט אַ באַרימטער יידישער סטאַטיסטיקער־דעמאָגראַף, באַזונדערדיק פאַרלעסטיגע, אויסגעפאָרשט די „באַפעלקערונג־באַוועגונג" (דינאַמישע סטאַטיסטיק פון נאַטירלעכן וואוקס אָדער די „לעבנס־טאַבעלעס" פון דער יידישער באַפעלקערונג). איז ער געקומען צום ניכטער־וויסנשאַפטלעכן אויספיר, אַז פון די אשכנזישע יידן (די דייטשישע און פּוילישע יידן) וועט אין אַ צוויי דורות פון איצט בכלל קיין שפור מסתמא שוין ניט בלייבן. אויב עס איז דאָ אַ האָפענונג, אַז די יידישע באַפעלקערונג (ניט רעכענדיק, פאַרשטייט זיך, די מאַסן־אָנגעקומענדיקע „עולים") זאָל ניט אויסשטאַרבן, טאָ איז די האָפענונג פאַרבונדן בלויז מיט די אָריענטאַלישע יידן (ספרדים) און גאָר

באַזונדערס די אַזיאַטישע יידן (תימנים), וואו די משפחות מיט 4־5 קינדער זיינען ניט פון די זעלטנסטע און טשיקאַווסטע דערשיינונגען*).

אויף אַזאַ רעזולטאַט פון דער „צוויי־קינדער סיסטעם", וועלכע האָט איבער דער דורכגאַנג־סטאַנציע פון „איין־קינד סיסטעם", סוף־כל־סוף גע־מוזט דורכפירן צו אַ „קיין־קינדער סיסטעם" — האָט מען זיך געוויס געקענט ריכטן. אָבער איידער דער גאַנצער פאַרנעם און די פולע אויסווירקונג פון דעם צושטאַנד וועלן ווערן קלאָר צו זען, וועלן בלויז די געציילטע יחידים־פאָרשער אָדער דענקער זיך אָפּשטעלן אויף אָט־דעם סאָציאַלן פּראָבלעם מיט אַלע זיינע קאָנסעקווענצן **).

טעאָרעטיש איז אפשר מעגלעך, אַז עס קען קומען אַ צייט ווען די שפּייז־רעסורסן, אַקטועלע און פּאָטענציעלע, וועלן ווייט ניט דעקן די הונגער־באַ־דערפעניש פון דער גאַנצער מענטשהייט. און די פּראָבלעם מכוח באַשרענ־קען דעם באַפעלקערונג־צוואַוואוקס וועט ווערן אַ ברענענדיקע פראַגע. אָבער מיר צווייפלען גאָר, גאָר שטאַרק, צי עס איז שוין איצט, מיט אַ באַפעלקע־רונג פון 2.2 ביליאָן נפשות אויף דער וועלט, טאַקע אַזאַ צייט געקומען. אָט ווייסן מיר דאָך, ווי גרויס עס זיינען די פאַרמערשע פּראָדוקציע־מעגלעך־קייטן פון אַזוינע לענדער ווי קאַנאַדע, אַרגענטינע, אונדזערע שטאַטן, סיביר א. אַז .וו. מען געדענקט נאָך גוט די טייכן מילך וועלכע מען פלעגט אויס־גיסן דאָ אין לאַנד מיט אַ יאָר 18 צוריק, כדי דער פרייז פון מילך זאָל חלילה ניט פאַלן; די בערג קאַווע, וועס מען פלעגט וואַרפן אין ים אין בראַזיליע, און ווי מען פלעגט הייצן אין קאַנאַדע די לאָקאָמאָטיוון מיט תבואה — און דאָס אַלץ זאָגט עפּעס ניט קיין עדות אויף דעם, אַז עס האָט שוין ביי אַ הונגער אין אַלע טיילן פון דער וועלט, מחמת אַן אַבסאָלוטן דוחק פון שפּייז.

אמת, אונטער דער איצטיקער סאָציאַלער איינאָרדנונג פעלט אויס שפּייז, קליידונג, דירות און אַנדערע לעבנס־מיטלען פאַר אַ גאָר גרויסן טייל פון דער וועלט־באַפעלקערונג, אָבער ניט ווייל די ערד, די נאַטור, איז ניט פרייגע־ביק גענוג, נאָר ווייל די מענטשלעכע רשעות, עקשנות, טפשות און אכזריות האָבן געפירט צו דעם, אַז קליינע טיילן זאָלן האָבן צופיל, און די מערהייט זאָל אפילו קיין מינימום, וואָס איז נויטיק צום לעבן, ניט קריגן.

שוין פאַר דער מלחמה פון 1939־1945 האָבן צוויי־דריטל פון דער וועלט־באַפעלקערונג ניט געהאַט זאַט צום עסן, און אַ העלפט פון אַלע איינ־וואוינער אויף דעם פּלאַנעט האָבן געליטן פון קראַנקהייטן, פון דלות און

*) זען אויך די אַרבעט פון פּראָפעסאָר ליבמאַן הערש:
The Jewish Population in Palestine, in "The Jewish People: Past and Present", Vol. II, New York 1948.

**) איינער פון די באַקאַנטסטע סאָציאָלאָגן, מיט אַ חוש און טאַלאַנט פאַר פּאָפּולאַריזאַ־ציע און „הומאַניזאַציע" פון סאָציאַלע וויסנשאַפטן, וואָס פאַרשטייט און באַטאָנט די וויכ־טיקייט פון אָט־דעם ענין איז לואיס מאַמפאָרד. זען ספּעציעל זיין נייעסטן און אפשר אינטערעסאַנטסטן ווערק: „דהי קאָנדישאָן אָוו מען", דעם 3־טן באַנד פון דער סעריע, וועלכע האָט זיך אָנגעהויבן מיט זיין „טעקניקס ענד סיווילייזיישאָן".

זיינען געשטאָרבן פֿאַר דער צייט, ווייל עס האָט זיי געפֿעלט די געהעריקע שפּייז. און איצט זיינען דאָס אָט־די מענטשן — אין כינע, אין אינדיע, אין דזשאַווע, — וואָס הויבן זיך אויף אין אַ ביטערן רעוואָלט קעגן הונגער און דלות, און קעגן דער דעגענעראַציע, וועלכע האָט זיי געשטעמפּלט אַלס די „אונטער־פּריווילעגירטע" מאַסן. הונגער איז געוויס אַ מעכטיקער אידעאָלאָגישער פֿאַקטאָר.

גרויסע דערנערונג־ספּעציאַליסטן האָבן אויסגערעכנט, אַז אויב די מיטלמעסיקע דיעטע פֿון 2600 קאַלאָריס אַ טאָג זאָל קענען באַוואָרנט ווערן פֿאַר יעדן מענטש אין דער וועלט דורך די נאָענסטע 25 יאָר צייט (ד. ה. אַריינרעכענדיק דעם נאַטירלעכן צוּוואוּקס פֿון מענטשן), וועט די שפּייז־פּראָדוקציע מוזן פֿאַרגרעסערט ווערן מיט 110 פּראָצענט, ד. ה. זי וועט מוזן מער ווי פֿאַרטאָפּלט ווערן — וואָס איז ביי דער היינטיקער טעכניק ניט קיין שווערע אויפֿגאַבע.

אין נאָרד אַמעריקע באַדראָט די הויפּט־סכנה פֿאַר גרעסערער שפּייז־פּראָדוקציע דורך דער באָדן־צעפֿרעסונג (עראָזיע). עס נעמט דער נאַטור פֿון 300 ביז 1000 יאָר צייט „אויפֿצובויען" איין אינטש פֿון גוטן אויבערשטן באָדן. די אומראַציאָנעלע, הפקרדיקע פֿאַרמעריי אין אַמעריקע איבער מיליאָנען אַקער לאַנד, האָט פֿאַרטאַכלעוועט אין ניוועץ די שאַפֿונג פֿון אַ גוטן אויבערשטן שיכט ערד, וואָס האָט גענומען 7000 יאָר צייט אָנגעקליבן צו ווערן. עקספּערטן האַלטן, אַז בלויז רוזוועלטס „ניו דיל", מיט זיינע מעטאָדן און די פֿעדעראַלע רעגולאַציעס, וואָלט געקענט ברענגען הילף. אָבער די פּראָיעקטן ווי די „טענעסי וועלי אויטאָריטי", וואָס קענען דערביי זיין גאָר־גאָר נוצלעך, ציען נאָך אַלץ בייזע אַטאַקעס מצד רעאַקציאָנערן.

אין כינע ווערן 300 טויזנט אַקער פֿאַרם־לאַנד אָראָפּגעשווענקט פֿון דעם „געלן טייך" אין ים אַריין יעדן יאָר. אין אינדיע, וואו די באַפֿעלקערונג וואַקסט מיט צען מיליאָן יעדן יאָר, לעבן 400 מיליאָן מענטשן אין גרויס דלות אויף אַ שטח פֿון אַ מיליאָן קוואַדראַט מייל לאַנד. אין אַפֿריקע, וואו עס בושעווען מוראדיקע אינזעקטן־אָנשיקענישן, ווי די גיפֿטיקע טצע־טצע פֿליגן און אַנדערע, ווערט אַלץ גרעסער דער דזשאָנגל־שטח, וועלכער צעשפּרייט זיך און פֿאַרשלינגט ביסלעכווייז אויך דעם גוטן באָדן. דער מדבר האַלט זיך אין איין רוקן פֿאַראויס אויך אין אויסטראַליע. און עס איז אמת, אַז די בעסערע היגיענע פֿירט שטענדיק צו אַ פֿאַרמערונג פֿון דער באַפֿעלקערונג. די טויטן־ראַטע פֿאַלט, און במילא שטייגט דער דרוק פֿון דער מענטשן־מאַסע אויף די שפּייז־מעגלעכקייטן.

די לאַגע איז אַ טראַגיש־ערנסטע — ניט ווייל קיין געזונטער, נאָרמאַלער אויסוועג זעט זיך ניט, נאָר ווייל דער משוגענער דראַנג צו מאַכט און דאָמינאַציע פֿאַרשלינגט, אין מלחמה־צוגרייטונגען, יענע נויטיקע כוחות און מיטלען, מיט וועלכע מען וואָלט געקענט דורכפֿירן אָן אַ שיעור קאָנסטרוקטיווע פּלענער לטובֿת דעם גאַנצן מענטשלעכן מין.

דער גרויסער בריטישער שפּייז־און פֿאַרמעריי ספּעציאַליסט, סער דזשאָן אָרד, האָט זייער ריכטיק פֿאָרמולירט די לאַגע — ווי פֿאָלגט:

„די וועלט קען ניט האָבן אי אַ דריטע וועלט־מלחמה און אי אָפּוועגדן די אַנקומענדיקע קאַטאַסטראָפע. דער גאַנצער מענטשלעכער מין קאַטשעט זיך אַראָפּ צום תהום פון חורבן. עס איז בלויז פאַראַן אַ 50־50 טשאַנס, אַז מען וועט קענען פאַרטיק ווערן מיט דער שפּייז־פּראָבלעם. די נאַציעס זיינען משוגע... בלויז אויפן איינציקן וועג פון אויסאַרבעטן מאַשינען פאַר שפּייז־פּראָדוקציע, אַנשטאָט באַנוצן זיך מיט פּרימיטיווע אַגראַר־מעטאָדן, וואָלט מען נאָך געקענט אויסהיטן אונדז, פאַרמיידן פאַר אונדז דעם כאַאָס אין לויף פון די נאָענטסטע 40 אָדער 50 יאָר צייט״.

הלוואי זאָל אָט־די פאַטאַלע וואָרנונג ניט בלייבן אַ קול וואָס שרייט אין מדבר...

פ. א. ש. 31 דעצ. 1948

3.

אונדזער היינצייטיקע וועלט איז, אין ברייטע שטריכן גענומען, איינגעטיילט אין צוויי העלפטן — אַ מערב־וועלט און אַ מזרח־וועלט. די מערב־וועלט, וואָס נעמט אַרום גאַנץ מערב און צענטראַל־איראָפּע, נאָרד־אַמעריקע, אויסטראַליע און געוויסע טיילן פון זיד־אַמעריקע, צייכנט זיך אויס מיט יענע צוויי כאַראַקטער־אייגנשאַפטן, וואָס קענען אויסגעדריקט ווערן אין צוויי לייכט־פאַרשטענדלעכע באַגריפן. נעמלעך: אינדוסטריעלער קאַפּיטאַליזם און מעגאַלאָפּאָליטיזם, ד. ה. קאָנצענטראַציע פון דער הויפּט־מאַסע פון דער באַפעלקערונג אין און אַרום זייער גרויסע שטאָטישע צענטערן. אורבאַניזאַציע איז געווען פאַר דעם דער ריכטיקער נאָמען אין 19־טן יאָרהונדערט, און איצט אין 20־טן יאָרהונדערט, מיט די איבערגעוואַקסענע ריזיק־גרויסע שטעט און זייערע פאַרשטעטס און „מעטראָפּאָליטאַנישע שטחים״ (גרויס־גרויסשטאָט ישובן), האָבן מיר פאַר זיך אַ דערשיינונג, וואָס קען אָנגערופן ווערן „מעגאַלאָפּאָליס״ (ד. ה. גרויס־גרויסשטאָט)*).

די צווייטע האַלבע וועלט היינט־צו־טאָג איז די מזרח־וועלט: אינדיע, כינע, אַ סך טיילן פון דרום־מזרח אַזיע (אינדאָנעזיע, מאַלאַי, סיאַם, אינדאָ־כינע, א. אַז. וו., דער מיטעלער מזרח און גרויסע טיילן פון די לאַטיין־אַמעריקאַנישע לענדער. דאָרט איז די אורבאַניזאַציע ניט וויט אַוועק, און דער אינדוסטריעלער קאַפּיטאַליזם אויך ניט. די הויפּט־פּרנסה פון די ברייט פאָלקס־מאַסן איז אַגריקולטור, פיצוכט, פישעריי און אַנדערע „נאָענטע־צו־דער־נאַטור״ באַשעפטיקונגען, וואָס די מערסטע פון זיין שטייען נאָך דערצו אויף אַ זייער נידעריקער און פּרימיטיווער טעכנישער, ריכטיקער — טעכנאָלאָגישער שטופע.

אַ געוויסער צוזאַמענשטויס, אַן אינטימע באַרירונג צווישן אָט־די צוויי

---

*) וואָס דאָס איז אין דער ווירקלעכקייט זעט מען אויפן ביישפּיל פון לאָנדאָן, וואו כמעט איין פערטל פון דער גאַנצער באַפעלקערונג פון ענגלאַנד (46 מיליאָן) איז קאָנצענטרירט.

וועלטן וואָס האָבן הינטער זיך באַזונדערע און לאַנגע גייסטיקע און עטיש־רעליגיעזע אַנטוויקלונג־סטאַדיעס און תקופות, — איז פאַרגעקומען אין דער לעצטער צייט. דער טעכנישער פאָרשריט, די שנעלע און לייכטע קאָמוני־קאַציעס און סטאַנדאַרדיזאַציע פון אינפאָרמאַציע און די פאַרווײַלונג־פונק־ציעס (קינאָ, ראַדיאָ, ספּאָרט, וועלט־רייזעס) — די צוויי וועלט־מלחמות — דאָס אַלץ האָט צוזאַמענגעבראַכט די צוויי באַזונדערע וועלטן, דעם מערב מיטן מזרח, אין אַ נאָענטע באַרירונג. און דערמיט האָט זיך, אין אונדזער צייט, אָנגעהויבן אַ גאַנץ נייע תקופה, אפשר די סאַמע אינטערעסאַנטסטע און אַנטשיידנדיקסטע תקופה אין דער וועלט־געשיכטע און אין דער מענטש־הייט־אַנטוויקלונג. אַ געוויסער אויסבייט פון די גייסטיקע, פּונקט אַזוי ווי פון די מאַטעריעלע פּראָדוקטן פון ביידע העלפטן וועלט, איז שטענדיק אָנגעגאַנגען מיטן גרעסטן קעגנזייטיקן נוצן און דערפאָלג, אָבער אונטער די איצ־טיקע באַדינגונגען פון אַ זיך שאַפנדיקער „וועלט־מענטשהייט", וועלן אָט דער אויסבייט און קעגנזייטיקע דערנענטערונג נאָך אין אַ שנעלערן טעמפּאָ און מיט מער אָנזעעוודיקע, קענטיקע רעזולטאַטן פאַרקומען און איבערלאָזן טיפע שפּורן אויף אַלע פעלדער פון מענטשלעכע טעטיקייטן און אינטערעסן.

אין אונדזער איצטיקן פאַל, ווען מיר באַהאַנדלען די פראַגע פון דעם וואוקס פון דער מענטשלעכער באַפעלקערונג אין פאַרבינדונג מיט די עק־זיסטענץ־מעגלעכקייטן (דערהויפּט דערנערונג־רעסורסן און דאָס גל.), איז קודם־כל וויכטיק זיך אָפּצושטעלן אויף דער פונדאַמענטאַלסטער פונקציע און אויף דעם לעבנס־קראַפט־אויסדרוק: די רעפּראָדוקציע, ־די געבורטן אָדער די פאַמיליען־סטרוקטור פון די מענטשלעכע ישובים (צאָל משפּחות און צאָל קינדער אין זיי).

אין דער מערב־וועלט האָט דער אַנטוויקלונגס־גאַנג דורכגעמאַכט אין אָט־דער באַציאונג צוויי גאַנץ באַזונדערע סטאַדיעס, טאַקע אונטער דער ווירקונג פון די צוויי סאָציאָלאָגישע גרונט־סימנים פון דער „מערב־געזעל־שאַפט" — דער אינדוסטריעלער קאַפּיטאַליזם און דער „מעגאַלאָפּאָליטיזם" (סופּער־אורבאַניזאַציע). אונטער דער ווירקונג פון דער אינדוסטריעלער רעוואָלוציע, ד. ה., מיט דעם אויפקום פון נאָך און נאָך פאַבריק־צענטרען וואָס האָבן צוגעצויגן טויזנטער הענט פון צווישן די אָרימע און באַדנלאָזע פויערים און געעפנט די וועלט־מערק פאַרן אָפּזאַץ פון פאַבריק־אויסאַרבע־טונגען — האָט די באַפעלקערונג אָנגעהויבן זייער שנעל וואַקסן. מיט אַ זייער אומגעוואונטשענעם רעזולטאַט — „סלאָמס" אין די פאַבריק־שטעט און אַרום די מאַינס, וואוקס פון אָרימקייט ביי די אַרבעטער, עקספּלואַטאַ־ציע פון פרויען און קינדער־אַרבעט און דאָס גל. דאָס איז געווען אַן אַלגע־מיין־באַמערקבאַרער שטריך אין דעם סאָציאַלן לעבן פון די וויכטיקסטע לענדער פון מערב־אייראָפּע (ענגלאַנד, פראַנקרייך, מערב־דייטשלאַנד) אין דער ערשטער העלפט פון 19טן יאָרהונדערט. אַרום און אַרום האָט אין משך פון עטלעכע געציילטע צענדליק יאָר די באַפעלקערונג זיך פאַרטאָפּלט אָדער נאָך מער געשטיגן אין כמעט אַלע גרויסע און „פאַרגעשריטענע" לענ־דער פון דער אַלטער מערב־וועלט (אַמעריקע קומט דאָ ניט אין באַטראַכט,

ווייל איר ריזיק־מעכטיקער וואוקס איז דערהויפט געקומען אַ דאַנק דער מאַסן־אימיגראַציע פון אייראָפּעאישע איינוואַנדערער).

אין דער צווייטער העלפט פון 19טן יאָרהונדערט איז אריינגעטראָטן אַ שאַרפע ענדערונג אין דער אַנטוויקלונג־ליניע פון דער באַפעלקערונג־מאַסע. די פאַרמערונג־ראַטע אין דער מערב־וועלט האָט אָנגעהויבן ווייזן קלאָרע סימנים פון צוריקטריט. דערקלערונגען איז ניט שווער צו געפינען — אָרימקייט, שלעכטע דערנערונג, שווערע האַרעוואַניע זיינען ניט קיין סגולה פאַר אַ שטאַרקער פרוכטבאַרקייט ביי די מענטשלעכע באַשעפענישן, ספּעציעל אונטער די באַדינגונגען פון די גרויס־שטאָטישע אָרימקייט־קוואַרטאַלן מיט זייער איבערגעפילטע שמוציקע און אומגעזונטע דירות און די שווערע דאגות־פרנסה, ווי אויך שפּעטע חתונות.

אין גרונד איז עס אַ חידוש, ווי אַזוי האָט שוין אין דער ערשטער העלפט פון 19־טן יאָרהונדערט געקענט געמאָלט זיין אַזאַ שנעלער וואוקס פון דער באַפעלקערונג, טאַקע אין אָט־די געדיכט־אָנגעפּאַקטע איבערגעפילטע שטעט? איז דער וויכטיקסטער תירוץ אַזאַ: די „טויטן־ראַטע״, ד. ה. די שטערבלעכקייט־ציפער פון יעדע 1,000 אָדער 10,000 פון דער באַפעלקערונג, האָט שטאַרק געגומען פאַלן זינט דעם אָנהויב פון ניינצנטן יאָרהונדערט, ד. ה. נאָך 1800. די היגיענע האָט פּראָגרעסירט (קאַמף קעגן מגפות און דאָס גל.), די מעדיציניש הילף איז בעסער אָרגאַניזירט געוואָרן (אימפונגען, אַנטיסעפּטיקס, מער דאָקטוירים אין די גרויסע און אויך קלענערע שטעט און שטעטלעך) — דאָס אַלץ האָט שנעל פאַרמינדערט די צאָל טויטן־פאַלן, גאָר ספּעציעל פון קינדער — און במילא איז, ווי פון זיך אַליין, געקומען אַ פאַרגרעסערונג פון דער באַפעלקערונג. אפילו אויב די צאָל ניי־געבוירענע קינדער אין שטאָטישע פאַמיליעס איז ניט געוואָרן אין דורכשניט גרעסער ווי זי איז געווען ביזן יאָר 1800 אין אַזוינע פאַמיליעס אויפן לאַנד (אין די דערפער) און אין די שטעט.

אָבער די ראָלע פון דעם פאַרמינערטן „טויטן־אינדעקס״ (פּראָפּאָרציע פון געשטאָרבענע, אָדער ראַטע פער 1,000 אָדער 10,000 איינוואוינער) האָט סוף־כל־סוף זיך געמוזט אָפּשטעלן (מחמת אונטער אַ באַשטימטן מינימום ווי אַן ערך 10 אָדער 11 אָדער 12 טויטן־פאַלן אויף יעדע טויזנט איינוואוינער, קען מען די שטערבלעכקייט ציפער ניט פאַרקלענערן, אפילו אונטער די בעסטע היגיענישע און מעדיצינישע באַדינגונגען — נאָך אַלע זאַכן זיינען אַ ל ע מענטשן שטערבלעך); און דעמאָלט האָט די קלענערע פרוכטבאַרקייט אין די משפחות און בכלל פון דער געזעלשאַפט אין די נייע אורבאַניזירטע צענטרען, שוין געמוזט אַריינטרעטן אין לעבן ווי אַ היפּש פאַרמאַגענטער, כמעט זיך ניט בייטנדיקער פאַקטאָר. אַ קלענערע געבוירן־ראַטע איז געווען אין די לעצטע 75־100 יאָר צייט אַ זייער באַשטימטער, ניט אָפּצופרעגנדיקער שטריך פון דער אורבאַניזירטער „מערב־ציוויליזאַציע״.

אַ צווייטער, פון מענטשלעכן ווילן און מוח דעטערמינירטער, פאַקטאָר איז דערביי געווען די בכיוונדיקע פאַמיליען־באַשרענקונג, אָדער „געבורט־

קאָנטראָל" סיסטעם, וועלכע איז ניט פון איצט אָדער ניט לאַנג צוריק פּראָקלאַמירט געוואָרן פון דער מענטשהייט, אָבער האָט נאָך קיינמאָל ניט געפונען אַזאַ ברייטע פאַרברייטונג (און דווקא אין כמעט אַלע שיכטן, שטעטישע און דאָרפישע) ווי אין די לעצטע 75־100 יאָר צייט. אומעטום אין דער מערב־וועלט, אָבער דערהויפּט — ביי די שטאָטישע מער אָדער ווייניקער באַמיטלטע, האַלב־פאַרמעגלעכע און מכוח אויפהאַלטונג פון אַ לייטישן לעבן־סטאַנדאַרד פאַרזאָרגטע איינוואוינער־מאַסן פון דעם רייכערן און אויך מיטעלן שטאַנד. אונטער די שווערע שטאָטישע, פון דער נאַטור דערווייטערטע און נערוועז־אָנגעשטרענגטע און אָנשטרענגנדיקע לעבנס־באַדינגונגען, איז די נאַטירלעכע פרוכטבאַרקייט בכלל אַ קלענערע, אַ שוואַכערע. וואָלט אויך אָן דער געבורט־קאָנטראָל מעטאָדע דער וואוקס פון דער באַפעלקערונג געמוזט פיל קלענער ווערן ווי אין דער צייט פאַרן אויפקום פון שטאָטישן לעבן־שטייגער. אָבער ווי ניט ווי איז די סיסטעם פון שוואַנגערשאַפט־פאַרהיטונג זייער שטאַרק פּראַקטיצירט געוואָרן און דאָס אויף אַ „פּראָגרעסיוו־שטייגנדיקן אופן", ד. ה. מיט אַ כסדר גרעסערער און גרעסערער פון יאָר צו יאָר פאָרלעך וואָס קומען אָן צו אַזאַ סיסטעם.

אינצווישן איז אין דער מזרח־וועלט (די גרויסע אַזיאַטישע לענדער, כינע, אינדיע) אָנגעגאַנגען דורך די לעצטע הונדערט יאָר דער פאַרמערונג־פּראָצעס, סיי אָן די קינסטלעכע מניעות (שוואַנגערשאַפט־פאַרהיטונג), סיי אָן דעם איינפלוס פון די סאָציאָלאָגיש־אַנטיביאָלאָגישע פאַקטאָרן (ווירקונג פון גרויסע שטעט אויף דער פאַרקלענערונג פון דער פרוכטבאַרקייט). און זיי, די מערסטע פויערשע, נאָענט צו און פון דער נאַטור לעבנדיקע אַזיאַטן, האָבן זיך אומגעהויער־שנעל פאַרמערט און פאַרגרעסערט די געדיכטקייט (און די אָרימקייט) פון אַזוינע אָרים־פאַרמערשע, עקאָנאָמיש־באַדריקטע לענדער ווי אינדיע, כינע און דאָס גל. די באַפעלקערונג איז דאָרט מוראדיק שנעל אויסגעוואָקסן, בפרט ווען די היגיענע און מעדיצין האָבן אויך אַהין פאַרטראָגן זייערע סגולות פאַר דער קוראַציע פון מחלות און פאַרלענגערונג פון לעבנס־דויער. איז אונטער די באַדינגונגען פון כמעט שטענדיקן הונגער, קיין שום וואונדער ניט, אַז פון געוויסע גוט־מיינענדיקע לאָקאַלע און אויסלענדישע בעלי־טובות און פאַרזאָרגער האָט געמוזט קומען אַן עצה־טובה מכוח געבורטן־איינשרענקונג פאַרן אָרימן, געדריקטן פאָלקס־מענטשן. דער לאָזונג וואָס איז אַרויסגעשטעלט געוואָרן, איז געווען: פּראַקטיצירט געבורט־קאָנטראָל! נעמט איבער אָט־די פּראַקטיק פון די אייראָפּעאישע לענדער און נאַציעס, און דאָס וועט במילא אייך העלפן דורכצופירן די זייער נויטיקע פאַרבעסערונגען אין לעבנס־שטייגער, וועט אויפהויבן אייער לעבנס־סטאַנדאַרד און וועט ראַטעווען פון אונטערגאַנג פון פריצייטיקן טויט די מיליאָנען קינדער ביי די אָרימסטע עלטערן, ווי אויך די שווער־אַרבעטנדיקע און אויסגעמאַטערטע פון פילע קימפעטן מאַמעס.

אָט אויף אַזאַ יסוד איז אין דער לעצטער צייט אויסגעוואָקסן אַ גאַנצע ליטעראַטור, אַדרעסירט צו די מזרח־פעלקער וואָס ראַנגלען זיך, מיט די

שווערסטע לעבנס-באַדינגונגען, וואָס מען קען זיך נאָר פאָרשטעלן, און וואָס גאָרן נאָך אַ טיפער סאָציאַלער און עקאָנאָמישער באַנייאונג.

צו אַט־דעם אויספיר קומט אויך דער שרייבער פון אַרטיקל „וויפיל מענטשן קען אונדזער פּלאַנעט אויסהאַלטן?, חבר קאָנסטאַן, וועלכער האָט אונדז געשטויסן צו ענטפערן מיט אַט־די עטלעכע אַרטיקלען אויף זיין גאַנץ אינטערעסאַנטער, אַנרעגנדיקער אַרבעט. ער שטעלט, אָבער, אַוועק — ווי אונדז שיינט — דעם פערד הינטערן וואָגן. מיר האָבן עס שוין איין מאָל באַטאָנט און ווידערהאָלן עס: ניט די גרויסע צאָל קינדער שאַפט אָרימקייט נאָר אָרימקייט, די עקזיסטענץ פון זאָטער, לייטישער רחבות און מיטלמע־סיקער פאַרמעגלעכקייט, פון איין זייט, און פון דעם ביטערן דלות און כראָ־נישער אָרימקייט, פון דער צווייטער זייט, פירט צו היפש גרויסע אָדער גאָר גרויסע משפחות און פילצאָליקע געבורטן אין אַט־אַזאַ אָרימער משפחה.

די ספּעקולאַציע מיט וועלכער קאָנסטאַן קומט, אין נאָמען פון אַן ענגלישן דאָקטאָר לעיטאָן, אַז די וואָס הונגערן האָבן אַ שטאַרקערן געשלעכט־געדראַנג ווי די נאָרמאַל־זאַטע מענטשן, איז עקסצענטריש ביז גאָר, און זי לייגט זיך ממש ניט אויפן שכל. די וואָס ליידן בפירוש הונגער האָבן געוויס ניט קיין פיזיש־פּסיכישע ענערגיע צו שאַפן נייע דורות. ווען זיי האָבן אפילו אַ שטאַר־קערן סעקסועלן דראַנג, מחמת אויסטראָגן אַ קינד אין בויך קען אַ כסדר הונגעריקע מאַמע געוויס ניט... בפירוש אומזיניק איז דער קוק, אַז דער גאַנצער ענין איז אַ „טריק" פון דער נאַטור, מחמת, „בעת דער יחיד ווערט באַדראָט מיט הונגער־טויט, ווערט אין אים פאַרשטאַרקט דער דראַנג אויפ־צוהאַלטן דעם קיום פון מענטשלעכן מין". דאָס איז אַ מין מעטאַפיזיש־ספּעקולאַטיווע בבא־מעשה, אַ פּסעוודאָ־וויסנשאַפטלעכע השערה, (וועלכע דערמאָנט אונדז אָן אַן אַנדער כלומרשטדיקע „טעאָריע"). די גרויסע פעלקער־אויסוואַנדערונג פון אייראָפּע קיין אַמעריקע, אין דער צווייטער העלפט פון 19־טן יאָרהונדערט, איז געקומען דערפון, וואָס די נאַטור האָט באַנוצט אַ „טריק", נעמלעך: די אָנקומענדיקע וועלט־מלחמות וועלן אייראָפּע חרוב מאַכן, טאָ האָט די נאַטור פאַרפּלאַנצט ביי די אייראָפּעער אַן אינסטינקטיוון דראַנג צו פאַרלאָזן דעם אַלטן וועלט־טייל, אייראָפּע, און זוכן אַ פרישע, זי־כערע הימ אין דער „נייער וועלט" — נאָרד און זיד אַמעריקע, כדי צו פאַר־היטן די מענטשהייט פון טאָטאַלן אומקום...

די באַדראָטע מיט הונגער־טויט קענען און ווילן ניט האָבן קיין קינ־דער, אָבער די אָרימעלייט ווילן, קענען און וועלן האָבן אַ סך קינדער. „אַן אָרימאַן אין זיבן פאַלעס" האָט אפשר קיין אַנדערע הנאות ניט אין לעבן ווי קינדלעך, טאָ זוכט ער אַזאַ הנאה און גיט זיך ניט אָפּ מיט נאָכטראַכטן צי דאָס וועט זיין גוט פאַר זיין ווייב, פאַר זיין קינד און פאַר אים אַליין. זעט מאַכן די מענטשן פאַר אויס אָרימעלייט, הויבט זייער לעבנס־סטאַנדאַרד, זייער פיזישן און גייסטיקן וואוילזיין, און איר וועט גלייך זען, ווי פון זיך אַליין, וועט די געבורטן־ציפער, די ראַטע פון געבוירנקייט שוין ביי זיי פאַלן!

עס איז ניט זיכער, צי די וואָס הונגערן האָבן אַ שטאַרקערן געשלעכט־דראַנג ווי די נאָרמאַל־זאַטע מענטשן, אָבער עס איז גאַנץ זיכער, אַז די וואָס

עסן די פיקאַנטע, שווערע, אבער־נאַרהאַפטיקע שפּייזן, צוזאַמען מיטן רייכ־לעכן געַנוס פון ספּירט־משקאות, וואָס זיינען געקומען אינאיינעם מיט דער מאָדערנער סופּער־אורבאַניזירטער ציוויליזאַציע, האָבן דווקא יאָ אַ פּיל שטאַרקערן, קינסטלעך־געַרייצטן און פּערווערזן, „פאַרקערטן", געשלעכט־לעכן אַפּעטיט ווי די „נאָרמאַל־זאַטע" לייט מיטן פּשוטן, נאָענט צו דער נאַ־טור געפירטן לעבן. אָבער דער פאַרשטאַרקטער געשלעכט־דראַנג פון דער „ראַפינירטער" שטאָט־גאַלאָפּאַליטישער לעבנס־סיסטעם, מוז ניט דווקא פירן צו אַ גרויסער צאָל קינדער אין די משפּחות. מחמת די קינסטלעכע רע־גולאַציע פון געבוירנקייט, ווי מיר האָבן געוויזן, שאַפט אַ באַריער אָדער ווערט קינסטלעך (שוין ניט צו ריידן פון דער נאַטירלעכער סטע־רילקייט אין גרויס־שטאָטישע אומשטענדן) איינצאַמען די מענטשלעכע רע־פּראָדוקציע.

„פ. אַ. ש.", דעם 7טן יאַנואַר, 1949.

4.

די פאַרזעצונג פון דעם מענטשלעכן מין, דאָס קינדלען, און די פּראָב־לעמען פון דער באַפעלקערונג־גרויס בכלל און פון דער גרויס פון די איינ־צעלנע משפּחות בפרט, זיינען ביז גאָר נאָענט פאַרקניפּט מיט דער גאַנצער פּראָבלעם פון דעם שטייגער פון מענטשלעכן צוזאַמענלעבן. מיר האָבן געַנוג וויסן, נאָך 150 יאָר מאָדערנער אויפקלערונג און פּאָליטישער, סאָציאַלער און עקאָנאָמישער אַנטוויקלונג, צו פאַרשטיין און געדענקען, אַז עס איז פאַראַן אַ טיף־גרינטלעכער אונטערשייד צווישן דעם מאָדערנעם באַרבאַריזם אַלס וועג פון צוזאַמענלעבן, פון איין זייט, און דער אמתער ציוויליזאַציע, פון דער צווייטער זייט, אַלס דער געזונטער און געוואונטשענער אופן פון לעבן און געדייען אין אַ מענטשלעכער געזעלשאַפט. אַ געזעלשאַפט־שטייגער וואָס אָריענטירט זיך אויף לעבן, זוכט צו באַשיצן, אויפציען און פאַרפיינערן לעבן און די מענטשלעכע סאָלידאַריטעט איז אַ צ י וו י ל י ז אַ צ י ע ; און אַ געזעלשאַפט, וועלכע אָריענטירט זיך אויסשליסלעך אויף טויט און פאַר־בינדט זיך מיטן בפירוש אַנטימענטשלעכן שטייגער פון ניט־עקזיסטענץ, ניט־לעבן, אומסאָציאַלקייט, איז ב אַ ר ב אַ ר י ז ם. די גאַנצע אַנטוויקלונג־ליניע פון די אַזוי־גערופענע מערב־געזעלשאַפטן אָדער מערב־קולטורן, גייט אויסדריקלעך אויף אַ ליניע, וואָס פירט אַוועק פון ציוויליזאַציע און טרייבט צום באַרבאַריזם. עס איז זייער אַ באַדויערלעכע דערשיינונג, וואָס גראָד אין אונדזערע אייגענע רייען, אין דעם קרייז פון די וואָס גלויבן אין פריי־הייטלעכן און סאָלידאַרישן צוזאַמענלעבן, איז מען וואָס ווייטער אַלץ ווייני־קער געניגט צו פאַרשטיין דעם גרונט־פונדאַמענטאַלן חילוק, דעם תהום, ממש ניט איבערצושפּרייזן, וואָס טיילט אָפּ ציוויליזאַציע פון באַרבאַריזם.

די נייעסטע סאָציאָלאָגיע ווי אויך די מעדיצין (אפילו מחוץ דער פּסי־כיאַטריע, וועלכע האָט דורך דעם פּסיכאָאַנאַליז פון פרוידן און אַדלערן שוין לאַנג צוריק אָנערקענט דעם טיפן אמת) פאַרשטייען שוין זייער גוט, אַז גאָר־

גאָר אַ סך פעלערן און שוואַכקייטן פון יחיד קומען אַרויס פון דעם פעלער־דיקן סאָציאַלן סדר, ד. ה. זיי האָבן זייער אורשפּרונג אין דער געזעלשאַפט. און וואָס ווייטער, קומען אַלץ מער פאַרשער און דענקער צום שלוס, אַז די פעלערן פון דער געזעלשאַפט זיינען די פּראָדוקטן פון דער מאַכט־אידייע, וועלכע דריקט זיך אויס אויך דערין, אַז וואָס ווייטער קערן זיך אָפּ די מענטש־לעכע געזעלשאַפטן פון נאַרמאַלקייט און פון לעבן, און טוען זיך אַ קער אין דער ריכטונג פון טויט. די סאָציאַלאָגיע, קען מען זאָגן, ווערט מיטן כוח און אין זכות פון איר אייגענעם ערלעכן אַנאַליז, געטריבן, אויב איר ווילט, צו אַ נ אַ ר כ י ס ט י ש ע אויספירן, ווען עס ווערט ניט דערמאָנט אפילו דער אַנאַרכיזם ביים נאָמען (ווי עס האַנדלט ל. מאַמפאָרד אין זיינע ווערק, וואָס זיינען דורך און דורך אַנאַרכיסטיש אין גייסט, אָבער וויכן אַנצורופן „דאָס קינד מיטן פולן נאָמען").

דער נאָמען פון דער געזעלשאַפט, וועלכע איז ניט אָריענטירט אין דער ריכטונג פון לעבן, איז באַרבאַריזם, וואָס ווערט פון יאָר צו יאָר ניט קלענער, נאָר צו אונדזער טיפסטן אומגליק שטאַרקער און ווילדער. באַרבאַריזם איז די וועלט פון קאָנצענטראַציע־קעמפּס, פון מיליטערישער קאָנסקריפּציע, פון דער אַטאָמישער באָמבע. און שריט אין שריט צוזאַמען מיט דער דערשטיקונג פון לעבן און פון פערזענלעכער פרייהייט פון מענטש, וואָס קומט מיטן וואוקס פון באַרבאַריזם, מאַרשירט אויך די פאַרדאַרבונג פון יחידישן און פאַמיליען־לעבן, פון דער געשלעכטלעכקייט און פון דעם באַפעלקערונג־וואוקס אָדער אפילו נאָר אויפהאַלט פון דער צאָל מענטשן אין לאַנד.

אָט אין דעם פונקט, אין דעם פאַטאַלן און קאַטאַסטראָפאַלן שפּאַלט פון דער געזעלשאַפט ווי זי איז (באַרבאַריזם) און ווי זי דאַרף זיין (ציוויליזאַציע), ליגט דער וואָרצל פון דער מכה און דער אָנדייט פון דער רפואה. די צרה איז זייער אַ גרויסע, אַ לעבן־באַדראָענדיקע פאַר אַ גרויסן טייל פון דער מענטשהייט, אפשר פאַר אַלע מענטשן, אַ לעבנס־סכנה אין פולן זין פון וואָרט. און גערעכט איז דער וואָס שטעלט די פראַגע: „וואָס איז דער אויסוועג?" אָבער אומגערעכט, פאַרפירעריש־אומגערעכט און איבער־פלעכלעך ביז גאָר איז דער וואָס ענטפערט: „דער אויסוועג איז געבורט־קאָנטראָל אויף אַ וועלט־מאַסשטאַב".

מען וועט קעגן דעם קענען זאָגן, אַז די גרויסע צאָל מענטשן אויף דעם פּלאַנעט פירט צו אונטערדערנערונג צו מלחמות, צו קנאה־שנאה צווישן די נאַציעס. דער אמת איז אָבער אַז מלחמות, שנאה־קנאה צווישן לענדער און נאַציעס זיינען אויך געווען (און נאָך ווי געווען!) בעת די באַפעלקערונג איז געווען אַ פיל, פיל קלענערע ווי איצט. און, צווייטנס, פאַרגעסט ניט, אַז באַ־גריפן „איבערבאַפעלקערונג", „געדיכטקייט פון ישוב" א. אַז. וו. זיינען רע־לאַטיווע באַגריפן און ניט קיין אַבסאָלוטע. דאָס מיינט צו זאָגן, אַז די פאַר־גרעסערונג פון וועלט־פאַרקער (אויסבייט פון פּראָדוקטן), דער פאַרשריט פון טעכניק פון דער לאַנדווירטשאַפט און שפּייז־פּראָדוקציע (די נייעסטע סיס־טעם איז צו ציען פלאַנצן, צום ביישפּיל, טאָמייטאָס און אַנדערע, אין קעלער, פון וואַסער וואָס איז אַלס קינסטלעכער „באָדן" אָנגעפילט מיט כעמישע שטאָפן, און מיט דער הילף פון אַ קינסטלעכער עלעקטרישער באַלייכטונג

אַנשטאָט דער זון), — דאָס אַלץ מאַכט לחלוטין איבעריק די גריבלעריי, וואָס באַזירט זיך אויף ריין־דאָגמאַטישע הנחות, ווי אַן ערך, אַז 2 און אַ האַלב אַקער לאַנד איז דער מינימום וואָס איז נויטיק צו פאַרזאָרגן דעם מענטש מיטן מינימום פון שפּייז און באַקליידונג. עס קען זיין אַז פריער, ביי דער פּרימיטיווער טעכניק, איז אפילו פיר אַקער לאַנד ניט גענוג געווען פאַר אַזאַ צוועק, און אַז גאָר אינגיכן (ווען אפילו שטרוי און דאָס אָפּפאַל פון קאָרנזאַנגען וועט גיין פאַר העכסט־נוצלעכע פּראָדוקטן פון מענטשלעכן געברויך) וועט אויך 1 און האַלב אָדער 1 אַקער לאַנד פאַר יחיד זיין די ויותר, איבערגענוג פאַר דער מענטשלעכער פאַרזאָרגונג.

און די דריטע, די סאַמע פונדאַמענטאַלע איינווענדונג קעגן די סופּער־דערוואַרטונגען וואָס מען לייגט אויף געבורט־קאָנטראָל, איז דער פאַקט, וועלכן מיר האָבן, אגב, באַטאָנט אַ סך מאָל, אַז אומעטום, אונטער אַלע אומשטענדן, גייט דער וואוקס פון וואוילשטאַנד, פון מאַטעריעלן און גייסטיקן פאַרשריט, פּוס אין פּוס מיט אַ פאַרקלענערונג פון דער צאָל געבורטן אין אַ דורכשניטלעכער משפחה. און פאַרקערט — די אויפהאַלטונג פון דלות, פון סאָציאַלן אומיושר, פון אומגלייכע געלעגנהייטן פאַר פאַרשיידענע מענטשן, גרופּן, קלאַסן און ראַסן — דאָס פירט צו אַ מוראדיק דיפערענצירטער געבורטן־ראַטע (פיל קינדער אין טייל פאָלק, דעם אָפּגעשטאַנענעם, און ווייניק — אין דעם מער אויפגעקלערטן, מער פאַרמעגלעכן טייל פאָלק) אין יעדן לאַנד באַזונדער, און צווישן די איינצלנע לענדער, ראַסן און קלאַסן פון פאַרשיידענע וועלט־טיילן און פון אַלערליי עטנישע גרופּעס. דאָס איז אַן אַלגעמיין סאָציאַלער און ביאָלאָגישער געזעץ (מחמת אויך אין דער וועלט פון די חיות זעט מען, אַז וואָס מער „גייסטיק" אַנטוויקלט און פאַרפולקאָמט, אַלס אַן אָרגאַניזם, עס איז אַ בעל־חיים, אַלץ געבוירט אַזאַ באַשעפעניש ווייניקער „קליינע", און פאַרקערט: די אומגעהויערע פאַרמערונג פון די עלעמענטאַרסטע חיות!).

מיר זיינען אָפּטמאָל גענויגט אַריינצופאַלן אין איין גרויסן עיקרדיקן טעות: צו זוכן „פּאַנאַציעס", דאָס מיינט לייכטע און אוניווערסאַלע היילמיטלען, רפואות און סגולות וואָס קענען איין מאָל פאַר אַלע מאָל אויסהיילן און באַזייטיקן אַלע מחלות, אומגליקן און צרות. איר מוזט קומען, איבערלייענדיק דעם אַרטיקל פון חבר קאָנסטאַן צו אַן אויספיר (וואָס דער מחבר אַליין האָט אים אפשר גאָר אין זינען ניט געהאַט), אַז די געבורט־קאָנטראָל איז דאָס די פּאַנאַציע. (אַנדערע פון די חברים אונדזערע האָבן אין באַצוג צו דער יידישער פראַגע, למשל, אויך אַ פּאַנאַציע — דעם ציוניזם), אָבער דאָס איז אַ פאַטאַלער טעות, ווייל — ווי מיר האָבן שוין ניט איינמאָל דאָ באַמערקט — ניט דער געבורט־קאָנטראָל (און נאָך דערצו אויף אַ וועלט־מאַסשטאַב, חלילה ניט ווייניקער ווי דאָס!) איז דער אויסוועג. נאָר דער אויסוועג איז: צ י ו י ל י ז אַ צ י ע ק ע ג ן ב אַ ר ב אַ ר י ז ם, ד. ה. איינפירן אין לעבן וואָס מער מענטשלעכקייט, מענטשלעכע חשיבות, רעספּעקט צום מין מענטש און צום לעבן (וואָס דער מענטש איז זיין העכסטער און באַדייטנדיקסטער טרעגער), וואָס מער קעגנזייטיקע הילף, סאָלידאַריטעט — און וואָס ווייניקער אָריענטאַציע אויף טויט, אויף פאַרניכטונג, אויף צעשטערונג פון

לעבן און פון דער חשיבות פון לעבן, אַלס רעזולטאַט פון דעם געיעג און באַגער נאָך מאַכט, הערשאַפט, אונטערדריקונג און אויסנוצונג פון די מיט־מענטשן פאַרן עגאָאיסטיש־איינזייטיקן באַדאַרף. מיט איין וואָרט וואָס ווייניקער באַרבאַריזם! אָט־דאָס איז אפשר דער איינציקער און אוודאי דער ריכטיקער אויסוועג...

אונדזער סאָציאַלער סדר, „דער סטאַטוס קוואָ", איז באַזירט, נאָך מער ווי באַזירט — טאַקע פאַראַנקערט, אויף דער סיסטעם פון מיליטאַריזם און מאַכט־פאַרגעטערונג, דאָס מיינט אויפן ריינסטן באַרבאַריזם. די צוויי הויפּט־אויסדרוק־פאָרמען פון אָט־דעם סדר, ווי שוין דערמאָנט, איז אינדוסטריעלער קאַפּיטאַליזם און „מעגאַפּאָליטיזם" (סופּער־גרויסשטאַטישקייט), וואָס זיי ביידע באַדאַרפן פאַר זייער קיום „בויטיק ווי לעבן" דעם מיליטאַריזם און די צוגרייטונגען צו נייע מלחמות אָדער טאַקע אַ פּאַקטישע מלחמה. פאַר די אויסנוצער און באַשיצער פון דער קאַפּיטאַליסטישער סיסטעם, וועלכע איז איין גרונט־זייל פון היינטצייטיקן באַרבאַריזם, איז שטענדיק געוואונטשן צו האָבן צו דער האַנט אַ „בליץ־אַפּלייטער", וואָס זאָל העלפן אָפּציען דעם גערעכטן כעס און פּראָטעסט פון די ברייטע עקספּלואַטירטע מאַסן און אים שטויסן אויף גאַנץ זייטיקע וועגן, ניט אַהין וואו די גרונט־צרות און מכות פון שלעכטן סדר ליגן. פאַר אָט־די עלעמענטן און קרייזן איז דער ענין „איבערבאַפעלקערונג" און זיין פועל־יוצא — געבורט־קאָנטראָל, ממש ווי אַ מתנה פון גאָט. זיי האָבן אַ פּאַרטיקן תירוץ און אַ סגולה פאַר אַלע מכות וואָס פּלאָגן דעם יחיד און דעם כלל: צו פיל מענטשן, צו פיל מיילער צו שפּייזן, צו פיל הענט צו טאָן אַרבעט, א. אַז. וו.! צום אומגליק לאָזן זיך ניט ווייניק, אפילו פון די גוטמיינענדיקע מענטשן, זיך פאַרפירן פון אָט־דער אַנטי־געזעלשאַפטלעכער פּראָפּאַגאַנדע (די רייד וועגן צופיל מיילער, אין דער צייט ווען אומצייליקע וואַגאָנען און שיפלאַדונגען פון שפּייז ווערן פאַרניכטעט, מחמת עס איז פאַר זיי קיין קונים צו „גוטע פּרייזן" ניטאָ; און ווען עס איז דאָ גענוג אַרבעט וואָס די מענטשהייט וואָלט געקענט אָפּטאָן פאַר דער פאַרפולקאָמונג פון די לעבנס־באַדינגונגען אויף דער ערד!). במילא ווערן בכן אפילו די גוטמיינענדיקע, אָבער ניט גענוג קריטיש־דענקענדיקע מענטשן די וועדקצייג פון פּראָפּאַגאַנדיסטישן קאַפּיטאַליסטישן קאָנטראָל מצד אונדזערע פינאַנץ־מאַגנאַטן און אַנדערע תקיפים פון דער וועלט וואָס הערשן איבער אונדז.

איינער פון אַזעלכע פּראָפּאַגאַנדיסטן פון דעם אַנטי־געזעלשאַפטלעכן באַרבאַרישן סדר אונדזערן איז פּראָפעסאָר וואָלטער פּיטקין, וועלכער חבר קאָנסטאַן האָלט פאַר ווירדיק און וויכטיק גענוג צו שעפּן פון אים די שלוס־ציטאַטע פאַר זיין אַרטיקל. אָט־דער „דריי־גראָשן פילאָזאָף", פּראָפעסאָר פּיטקין, איז אויפגעקומען אין דער קולעדזש־האָוווער תקופה מיט דער פּלאַכער און פאַרפירערישער טעאָריע אַז דער קאַפּיטאַליזם איז די בעסטע פון אַלע מעגלעכע סיסטעמען פון מענטשלעכן צוזאַמענלעבן, און אַז דער קאַפּיטאַליזם האָט זיך שוין אַזוי סטאַביליזירט אין אַמעריקע, אַז פאַר קיין קראַך און דעפּרעסיע איז לחלוטין ניטאָ וואָס מורא צו האָבן. און אין אַ פּאָר יאָר

נאָך זיינע סופּער־אָפּטימיסטישע נביאותן איז געקומען די הואווער־דעפּרע־סיע פון 1929־1933! נו, איז אָט ער דער גרויסער סאָציאַלער דענקער — דער קלאָגעדיקער מומחה, וואָס רעקאָמענדירט דער וועלט אַ ראַדיקאַלן מיטל קעגן אַלע צרות, איצטיקע און צוקונפטיקע — געבורט־קאָנטראָל! ער זאָגט זיך אַרויס וועגן דער טיראַניי פון דער צוקונפטיקער איבערבאַפעל־קערטער וועלט, אָבער ער מאַכט זיך ניט וויסנדיק פון יענער טיראַניי, וואָס פאַרקערפּערט זיך אין מאָדערנעם באַרבאַריזם מיט זיין רויב־קאַפּיטאַליזם, מיליטאַריזם, קאָנצענטראַציע־לאַגערן, מיליטערישער קאָנסקריפּציע און אַטאָמישע מכשירי־מלחמה...

געבורט־קאָנטראָל איז שוין געווען גוט באַקאַנט און איז פּראַקטיצירט געוואָרן אין קלאַסישן אַלטערטום. ווען רוים, די פּאַרצייטיקע וועלט־אימפּע־ריע, האָט געגומען ווייזן סימנים פון אַ שטאַרקער באַפעלקערונג־ירידה, מחמת אַ גאָר קליינער צאָל געבורטן, האָט די מלוכה געמאַכט געזעצן אויפן היינט־צייטיקן שטייגער (סובסידיעס פאַר גרויסע משפחות, פאַר מאַמעס־בריות, וואָס ווילן „האָבן" אַ סך קינדער, און אפילו אַ ספּעציעלן שטייער אויף בחו־רים, כדי זיי צווינגען חתונה צו האָבן און צו קינדלען). אָבער עס האָט ניט גע־האָלפן, פּונקט ווי די סיסטעם פון שטיצן גרויסע משפחות מיט געלט־סוב־סידיעס און מעדאַלן, וואָס פראַנקרייך איז געווען די ערשטע איינצופירן אין אונדזער צייט, איז אויך אַ קאַלטע, פאַרעוועטע רפואה. און אַזוי וועט אויך אין דער איצטיקער צייט די רפואה פון אַ פּונקט פאַרקערטן מין — פון געבורט־קאָנטראָל, קיין שום סגולה פאַר די וועלט־מכות ניט קענען זיין. ווייל גראָד וועט ער אָפּציען די אויפמערקזאַמקייט פון די איצט מעגלעכע און באמת ראַדיקאַלע, קאָנסטרוקטיווע און פּרוכטבאַרע מיטלען: מיט דער הילף פון דער וויסנשאַפט און טעכניק צו שאַפן פון דער וועלט, פון ערד־קיילעך, אַ ווירדיקע און פּאַסיקע היים פאַר פיל־פילהונדערטער מיליאָנען, פאַר נאָך עטלעכע ביליאָן נפשות, אונטער מענטשלעכע־שכלדיק־יושרדיקע באַדינ־גונגען פון סאָלידאַריטעט, קאָאָפּעראַציע און קעגנזייטיקער הילף.

אָבער אַנדערש איז דער קוק פון מאַנאָפּאָל־קאַפּיטאַליזם, זיין הויפּט־חכמה איז צו זוכן „באַשרענקונג", צו פאַרמיידן די שפע פון סחורות וואָס דריקט אַראָפּ די פּרייזן. איז במילא אויך רעכט, פון זיין שטאַנדפּונקט, צו זען אַ גוט סגולה פאַרן וועלט־פאַרשריט אין דער באַשרענקונג פון דער צאָל מענטשן*).

די גאַנצע געשיכטע פון אייראָפּע, וואָס איז דער וועלט־טייל וואָס איז

---

*) אין דער היינטיקער צייט פון מאַשינאַווער פּראָדוקציע, וואָס באַנוויטיקט פיל, פיל ווייניקער אַרבעטער ווי פריער, איז פאַראַן ווייניק גרונט צו דערוואַרטן פון אַ גרויסער צאָל געבורטן, אַן איבערפלוס פון ביליקע אַרבעטער. דער „דערפאָלג־סוד" פון מאָדערנעם אינדוסטריעלן קאַפּיטאַליזם איז ניט צו האָבן וואָס מער קאַנדידאַטן אויף אַרבעט־פּלעצער, נאָר וואָס מער מאַשינען וואָס שליסן אויס לעבעדיקע הענט פון דער פּראָדוקציע, פאַרקערט די פּראָבלעם פאַרן קאַפּיטאַליזם היינט־צו־טאָג, איז צו שאַפן וואָס מער קאָנסומענטן, כדי צו פאַרזאָרגן זיך מיט פּראָפיטן.

אונדז אַמבעסטן באַקאַנט און איז אונדז אַמנאָענטסטן, באַשטעטיקט דעם אור־טייל פון צוויי אַלט־גריכישע שרייבער, איזאָקראַטעס און טוסיידידעס, וועלכע האָבן באַטאָנט, אַז דער קוואַל פון די גרעסטע געזעלשאַפטלעכע מכות איז דער באַגער נאָך מאַכט איבער די מיטמענטשן (אַרכע — אין גריכיש), און אַז „די דאָזיקע מאַכט איז געגליכן צו אַ פאַלשער קורטיזאַנקע, וועלכע פאַרלאָקט איין נאָציע נאָך דער אַנדערער אין אירע ליבע־נעצן און דאַן פאַרראַט זי זיי, די געליבטע אירע, איינעם נאָך דעם אַנדערן, ביז זיי ווערן אינגאַנצן רואינירט". אָט־דאָס איז די נאַטור און דער אויסלאָז פון מ אַ כ ט. און דאָס איז אויך דער גרונט־יסוד פון דעם היינטצייטיקן באַרבאַריזם און פון זיין פאַטאַלער ראָלע אין דעם שיקזאַל־וועג פון דער מענטשהייט.

אָט־אַזוי געזען, ד. ה. אין שאָטן פון באַרבאַריזם און אין ליכט פון ציוויליזאַציע שטעלט זיך די באַפעלקערונג־פּראָבלעם אין אַ גאַנץ אַנדערער פּאָזיציע ווי די, וואו עס פאַרפיקסירן איר די טעאָרעטיקער פון אַזאַ פלאַכער און פאַרפירערישער לייזונג ווי דער „געבורט־קאָנטראָל" אויף אַ וועלט־מאַסשטאַב". געוויס איז אומזיניק צו זאָגן, אַז דער געבורט־קאָנטראָל איז טאַבו, איז קעגן די מענטשלעכע און געטלעכע געזעצן און דאָס גל. ער האָט זיין פּלאַץ אין לעבן און וועט וואָס ווייטער אפשר שפּילן אַ גרעסערע און גע־זינטערע ראָלע פאַרן וואוקס פון מענטשלעכן וואוילזיין, ווי ווען עס איז פריער. אָבער נאָך פאַרפירערישער, נאָך געפערלעכער פאַרן גורל פון דער מענטשהייט און אירע בעסטע טראַדיציעס פון ציוויליזאַציע, איז צו פאַראיינ־פאַכן אַלע פּראָבלעמען ביז צו אַזאַ פשוטן אָבער פוסטן און פרוכטלאָזן כלל, ווי די דאָגמעס מכוח איינצאַמען דעם באַפעלקערונג־וואוקס, אַלס דער איינ־איינציקער וועג צום מענשלעכן וואוילזיין און פאַרשריט.

„פ. אַ. ש.", 21טן יאַנואַר, 1949.

יידן אין די פֿאַראייניקטע שטאַטן און קאַנאַדע

מיט אַ פּאָר יאָר צוריק איז געוואָרן פופציק יאָר פון דער יידישער מאַסן־אימיגראַציע פון אייראָפּע קיין אַמעריקע. אין לויף פון אַט דער צייט איז אין נאָרד־אַמעריקע אויסגעוואַקסן דער גרעסטער יידישער ישוב אין דער וועלט — אַ צענטער, וואו ס׳לעבן אַרום פינף מיליאָן יידן. דעם פונדאַמענט פונעם היינטיקן גרויסן יידישן ישוב האָט אַוועקגעלייגט די מאַסן־אימיגראַציע פון די יידן פון רוסלאַנד, פּוילן, גאַליציע, און רומעניע.

מיט 50—60 יאָר צוריק איז דער יידישער ישוב אין די פֿאַראייניקטע שטאַטן און קאַנאַדע באַשטאַנען פון אַ הייפל „ספרדים", דאָס הייסט, שפּאַניש־פּאָרטוגעזישע יידן, און פון דייטשע יידן און זייערע היגע־געבוירענע קינדער, וועלכע מ׳האָט שפּעטער אָנגערופן „יאַהודים". היינט צו טאָג שטעלן אָט די עלעמענטן פּאָר נאָר אַ קליינע מינאָריטעט פון דער יידישער אַמעריקע.

די מיטגעבראַכטע ענערגיע, די באַטייליגונג פון די יידן אין דעם האָרע־פּאַשנעם לעבן, און די אַלגעמיינע באַדינגונגען פון פּאָליטישער פרייהייט האָבן אין עטלעכע צענדליק יאָר צייט געמאַכט פון די מיליאָנען אָרימע אימיגראַנטן און זייערע קינדער אַ געדיכטן און שטאַרקן ישוב, וועלכער באַטרעפט היינט אַ דריטל פון גאַנצן יידישן פאָלק (15—16 מיליאָן נפשות), און דערצו נאָך אַזאַ דריט־חלק, וועלכער איז אין עקאָנאָמישן און פּאָליטישן זינען דער קרעפּ־טיקסטער טייל פון די יידישע פאָלקס־מאַסן.

אין זייער אַלטער היים פלעגן די אַריבערגעקומענע יידישע מאַסן ליידן פון אַרבעטסלאָזיקייט און אָרימקייט, צוליב דער פּאָליטישער און סאָציאַלער אונטערדריקונג. אין דעם נייעם לאַנד, וואו ס׳האָט געהערשט דער גייסט פון פּאָליטישער גלייכבאַרעכטיגונג און פרייהייט און אַ ווילן אויסצונוצן פּאַר דעם מענטשלעכן וואוילזיין די גרויסע נאַטירלעכע רייכטימער און די טעכניק, וואו די לאַנדווירטשאַפט און אינדוסטריע האָבן געבליט, זיינען די יידישע מאַסן פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַרבעטנדיקע, שאַפנדיקע און פולבאַרעכטיקטע בירגער. אָבער זייער לעבן אין דער נייער היים האָט אויך געהאַט זיינע פינ־סטערע, שווערע זייטן.

די האָרעפּאַשנע יידישע מענער און פרויען האָבן אויך דאָ אין לאַנד שרעקלעך געליטן פון דער עקספּלואַטאַציע אין די טרויעריק־באַרימטע „שוויץ־שעפּער", די ענגע, שמוציקע וואַרשטאַטן אין טענעמענט־הייזער. זיי האָבן אָבער ניט געוואָלט דולדן שטום דעם יאָך פון אַט דער קאַפּיטאַליסטישער שקלאַפערײַ, פונקט ווי זיי האָבן אין דער אַלטער היים ניט געוואָלט דולדן און בלייבן פּאַסיוו צו די עוולות פון צאַריזם און אונטערדריקונג. אַ גרויס פעלד פון קאַמף פאַר פרייהייט האָט זיך געעפנט פאַר די יידישע אַרבעטער אין

אַמעריקע. דער, ווער ס׳איז אַ פּולבאַרעכטיקטער בירגער אין טאָג־טעגלעכן לעבן, וויל אויך האָבן אַ דעה אין דער פאַבריק און וועט ניט פאַרבלייבן אַ שקלאַף, וואָס פאַרקויפט זיך דעם עקספּלואַטאַטאָר. אַט פאַרוואָס די יידישע אַרבעטער אין אַמעריקע, וואָס זיינען געווען דער הויפּט־טייל פון דער יידישער אימיגראַציע, האָבן גלייך פון אָנפאַנג אָן זיך געשטעלט אין די פאָדערשטע רייען פון די קעמפנדיקע פאָלקס־מאַסן אין אַמעריקע. זיי האָבן אויף אַזאַ שטייגער אַרויסגעשטעלט אויך פאַר אַלע אַנדערע טיילן פון אַרבעטנדיקן פאָלק די אידעאַלן פון אַ פרייערן און בעסערן לעבן, און די לאַגע פון דעם יידישן אַרבעטער האָט זיך זייער שטאַרק פאַרבעסערט אין די לעצטע 40—50 יאָר.

***

מיר וועלן געבן אַ קורצן איבערבליק פון דעם וואוקס פונעם יידישן מאַסן־ישוב, פון זיין צוזאַמענשטעל און אויסשפּרייטונג איבערן לאַנד, און וועלן איבערגעבן די פונדאַמענטאַלע פאַקטן פון דער יידישער סטאַטיסטיק און עקאָנאָמיק. וואָס אָבער איז אַזוינס די סטאַטיסטיק פון דער באַפעלקערונג?

די סטאַטיסטיק פון דער באַפעלקערונג, אָדער „דעמאָגראַפיע", פאָרשט אויס סיי די צאָל פון דער באַפעלקערונג, סיי איר נאַטירלעכע „באַוועגונג", דאָס מיינט יענע ענדערונגען אין דעם צוזאַמענשטעל פון פאָלק, וועלכע קומען פון די חתונות, געבורטן און טויט־פאַלן. די פאַקטן, די געשעענישן מיט איין מענטש, גיבן אונדז נאָך ניט קיין שום באַגריף וועגן דעם לעבן פון אַ גאַנצן פאָלק, אָדער פון אַ טייל פון פאָלק. די סטאַטיסטישע וויסנשאַפט קלייבט דערי־בער אויף אַ גרויסע צאָל פאַקטן, הונדערטער טויזנטער און מיליאָנען, און דריקט זי אויס אין „באַאַרבעטע" ציפערן, וואָס באַלייכטן דעם לעבן פון פאָלק. אין די ציפערן, וועלכע דריקן אויס פּראָצענט־טיילן, ווייזט אונדז די סטאַ־טיסטיק, ווי גרויס איז דער טייל פון די קינדער, פון די אַלטע לייט, פון די מענער און פרויען, און אַזוי ווייטער, צווישן דעם גאַנצן פאָלק. דאָס איז אַן אויפגאַבע פון דער סטאַטיסטיק. ווייטער, וואָס גרעסער ס׳איז דער מאַטעריאַל, די צאָל פאַקטן, וועלכע מיר פאָרשן אויס, אַלץ גענויער און ריכטיקער קענען מיר אויסגעפינען דעם „דורכשניט" פון די דערשיינונגען. אין די גרויסע צאָלן, וואָס שפּיגלען אָפּ דעם צושטאַנד פון פאָלק, קענען מיר זוכן און געפינען, צום ביישפּיל, דעם דורכשניטלעכן עלטער, און ער ווייזט אונדז צי דער גרעסטער טייל פון פאָלק באַשטייט פון יונגע מענטשן, אָדער פון מיטליעריקע אָדער פון אַלטע לייט א. אַז. וו. און אָט איז נאָך אַ ביישפּיל: די דורכשניט־שכירות אין אַ שטאַט אָדער אַ לאַנד וועלן אונדז ווייזן וועלכע פאַרדינסטן ס׳האָט דער גרעסטער טייל פון די אַרבעטער א. ד. גל.

ערשט דורך אַזעלכע סטאַטיסטישע פאָרשונגען באַקומען מיר די ריכ־טיקסטע פאָלקס־קענטעניש. מיר באַקענען זיך מיט דער צאָל, מיט דעם צוזאַ־מענשטעל, און די לעבן־באַדינגונגען פון פאָלק, אין זיינע איינצלנע ישובים, ווי אויך אין גאַנצע שטאַטן און לענדער. פון דער סטאַטיסטיק זעען אויך די

טוער אינעם געזעלשאַפטלעכן לעבן, ווי אַזוי דער צושטאַנד פון פאָלק קען פאַרבעסערט ווערן, ווי די באַדערפענישן פון די ברייטע מאַסן קענען באַפרידיקט ווערן. אָט פאַרוואָס די סטאַטיסטיק איז דער פונדאַמענט פון יעדער וויסנשאַפט וועגן דעם מענטשלעכן צוזאַמענלעבן, דאָס הייסט, וועגן דער געזעלשאַפט.

1. די יידישע אימיגראַציע

פון 1881 אָן, ווען ס'האָט זיך אָנגעפאַנגען די מאַסן־איינוואַנדערונג פון די יידן אין די פאַראייניקטע שטאַטן און קאַנאַדע, זיינען אין אָט די צוויי לענדער אַריינגעקומען און האָבן זיך באַזעצט אַרום צוויי און אַ האַלב מיליאָן יידן, אָדער כמעט איין־זעקסטל פון גאַנצן יידישן פאָלק. אַזאַ גרויסע אויסוואַנדערונג איז נאָך ניט פאָרגעקומען אין דער יידישער געשיכטע פון דער נייער צייט זינט יידן זיינען געצוואונגען געוואָרן צו פאַרלאָזן שפּאַניע און זוכן אַ נייע היים.

לויט באַזונדערע פּעריאָדן און לענדער ווערט די צאָל פון די יידישע אימיגראַנטן איינגעטיילט אַזוי:

איינוואַנדערונג פון יידן אין די פאַראייניקטע שטאַטן

פון 1881 ביז 1898 — — — — — — — — — — — —	533,478
פון 1899 ביז 1907 — — — — — — — — — — — —	770,036
פון 1908 ביז 1924 — — — — — — — — — — — —	956,292
פון 1925 ביז 1933 — — — — — — — — — — — —	75,753
צוזאַמען — — — — — — — — — —	2,335,559

איינוואַנדערונג אין קאַנאַדע

פון 1901 ביז 1933 — — — — — — — — — — — —	125,285
צוזאַמען — — — — — — — — — —	2,460,844

דער גרעסטער טייל פון די יידישע אימיגראַנטן אין אַמעריקע זיינען געקומען פון רוסלאַנד. די אַנדערע צוויי וויכטיקסטע לענדער, פון וועלכע יידן פלעגן אויסוואַנדערן קיין אַמעריקע, זיינען געווען עסטרייך און רומעניע. דאָ ווייזן מיר, צום ביישפּיל, ווי ס'האָבן זיך פאַרטיילט די יידישע אימיגראַנטן, וואָס זיינען אָנגעקומען אין די פאַראייניקטע שטאַטן פון 1899 ביז 1907, לויט זייערע היים־לענדער:

רוסלאַנד — — — — — — — — —	594,579	71.7%
עסטרייך — — — — — — — — —	143,936	17.3%
רומעניע — — — — — — — — —	47,281	5.6%
אַנדערע — — — — — — — — —	43,448	5.4%
צוזאַמען — — — — — — — — —	829,244	100%

פאַרגלייכנדיק די דאָזיקע טאַבעלע מיט דער פריערדיקער, וועלן מיר זען, אַז נאָר 59,208 יידישע אימיגראַנטן האָבן פאַרלאָזן אַמעריקע, וואָס באַטרעפט 7.13% פון דער גאַנצער צאָל יידישע אימיגראַנטן, אין די אַכט יאָר פון 1899 ביז 1907. צווישן די יידן און ניט־יידן צוזאַמען האָט, אין דערזעלבער צייט, די צאָל אויסגעוואַנדערטע אימיגראַנטן באַטראָפן 25.82% פון דער גאַנצער צאָל אַריינגעקומענע אימיגראַנטן. אין יענע 8 יאָר האָבן די יידישע אימיגראַנטן באַטראָפן 9.46% פון דער גאַנצער צאָל אימיגראַנטן אין די פאַראייניקטע שטאַטן. אין די לעצטע 25 יאָר זיינען אַריינגעקומען און האָבן זיך באַזעצט אין די פאַראייניקטע שטאַטן 12,575,029 אימיגראַנטן, פון וועלכע 1,232,045, אָדער 12.41% זיינען יידן.

דער גרעסטער טייל פון די יידישע אימיגראַנטן איז באַשטאַנען פון יונגע האָרעפּאַשנע מענטשן, וועלכע האָבן גלייך פון ערשטן טאָג זיך גענומען צו אַרבעט, האָבן זיך דערנערט פון זייער האָרעוואַניע און האָבן נאָך געשטיצט די קרובים אויף יענער זייט ים. זייער אַ גרויסער טייל פון די אַריבערגעקומענע האָבן שוין געהאַט אַ „פאַך אין האַנט", ד. ה. זיי זיינען געווען האָרעפּאַשניקעס און פאַרדינער. די פראָפעסיעס פון די יידישע אימיגראַנטן, פון 1900 ביז 1925, ווערן געוויזן אין אָט דער טאַבעלע:

פראָפעסיעס	צאָל	
אַרבעטער און האַנטווערקער — —	596,043	60.1%
הויז־דינערשאַפט — — — — — —	123,220	12.4%
ניט־פאַכאָווע אַרבעטער — — —	102,739	10.4%
הענדלער — — — — — — — — —	100,147	10.1%
פאַרמעריי — — — — — — — —	24,792	2.4%
פרייע פראָפעסיעס — — — — —	19,620	2.0%
אַנדערע פרנסות — — — — — —	25,769	2.6%
צוזאַמען — — — — — — — —	992,330	100%

מיר זעען, אַז פון יעדע הונדערט פאַרדינער זיינען, צווישן די יידישע אימיגראַנטן, 60 געווען פאַכאָווע אַרבעטער (שניידער, שלאָסער א. אַז. וו.). ביי די ניט־יידן איז דער טייל פון אַזעלכע אימיגראַנטן נאָר 15 פראָצענט. ביי די ניט־יידן איז אָבער די צאָל פאַרמער געווען 26 פראָצענט, אין דער צייט, ווען צווישן די יידישע אימיגראַנטן האָבן די פאַרמער באַטראָפן ניט מער ווי 2.4 פראָצענט. אַ גאַנצער דריטל פון דער ניט־יידישער אימיגראַציע איז אין אָט די 25 יאָר באַשטאַנען פון די ניט־פאַכאָווע, ד. ה. „שוואַרצע" אַרבעטער, דערהויפּט „פאַרם־הענט", בעת צווישן די יידן־אימיגראַנטן איז נאָר 10.4 פראָצענט געווען ניט־פאַכאָווע אַרבעטער.

אויף דעם ערשטן אָרט צווישן די פאַכן פון די יידישע אימיגראַנטן געפינען מיר די שניידער. 221,446, אָדער 65.1 פראָצענט פון אַלע 339,925 שניידער־אימיגראַנטן, וועלכע זיינען אַריינגעקומען קיין אַמעריקע פון 1900 ביז 1925, זיינען געווען יידן. אמת, גאָר אַ סך יידן, וועלכע האָבן פריער קיין נאָדל אין

האָט ניט געגומען, זיינען אַהער געקומען צו קרובים, וועלכע האָבן געאַרבעט אין שניידער פאַבריקן, און האָבן געוואוסט, אַז אויך זיי וועלן זיך נעמען צו אָט דער פּראָפעסיע. דעריבער פלעגן זיי זיך אויך פאַרשרייבן פאַר שניידער אין די אימיגראַציע־פּאַפּירן.

די יידישע מאַסן־אימיגראַציע איז כמעט אינגאַנצן אָפּגעשטעלט געוואָרן דורך דעם קוואָטע־געזעץ פון יאָר 1924. פון 1924 ביז 1929 זיינען אין די פאַר־אייניקטע שטאַטן אַריינגעלאָזן געוואָרן נאָר 56,160 יידישע אימיגראַנטן, פון זיי זיינען 24,783 (44 פּראָצענט) געקומען פון פוילן. די גרויסע מאַיאָריטעט פון די יידישע אימיגראַנטן, אין די לעצטע יאָרן איז באַשטאַנען פון פרויען און קינדער, ווי אויך פון די עלטערן פון די פריערדיקע יידישע אימיגראַנטן. אין די לעצטע יאָרן, צוליב דער דעפּרעסיע, קומען אַריין יערלעך נאָר 2—3 טויזנט יידן אין די פאַראייניקטע שטאַטן.

אויך אין קאַנאַדע איז די יידישע אימיגראַציע כמעט אינגאַנצן אָפּגעשטעלט געוואָרן. פון 1901 ביז 1933 האָט די יידישע אימיגראַציע געשפּילט אַ פיל קלענערע ראָלע אין קאַנאַדע ווי דאָ, אין די פאַראייניקטע שטאַטן. אין קאַנאַדע פלעגן די יידישע אימיגראַנטן באַטרעפן, אין אָט די 32 יאָר, אין דורכשניט נאָר 3,800 מענער, פרויען און קינדער יערלעך, אָדער 2.14 פּראָצענט פון אַלע אימיגראַנטן אין יענעם לאַנד. אין יאָר 1932—1933 זיינען בלויז 772 יידישע אימיגראַנטן אַריינגעקומען אין קאַנאַדע, פון זיי זיינען 426 געקומען פון די פאַראייניקטע שטאַטן.

לייען־מאַטעריאַל:

דר. ה. פראַנק: „פּראָפעסיאָנעלע סטרוקטור פון דער יידישער איינוואַנדערונג", אין „יידישן אַרבעטער און וועלט־אַלמאַנאַך", ניו יאָרק, 1928.

„יידישע אימיגראַנטן אין אַמעריקע פאַר די לעצטע פינף יאָר", אין „צוקונפט", מערץ, 1930.

„אימיגראַציע פון די פוילישע יידן אין די פאַראייניקטע שטאַטן אין די לעצטע 15 יאָר", אין זאַמלבוך „פוילישע יידן", ניו יאָרק, 1934.

2. דער יידישער ישוב אין נאָרד־אַמעריקע

דער שנעלער וואוקס פון דער יידישער באַפעלקערונג אין די פאַראייניקטע שטאַטן ווערט געוויזן אין אָט דער רשימה:

די צאָל יידן וואָס האָבן דאָ אין לאַנד געלעבט

יאָר	צאָל
אין 1880	230,257
אין 1888	400,000
אין 1897	937,800
אין 1907	1,777,185
אין 1917	3,388,000
אין 1927	4,228,000

זינט דעם לעצטן יידישן צענזוס דאָ אין לאַנד (אין 1927) איז וואַרשיינלעך די יידישע באַפעלקערונג פאַרגרעסערט געוואָרן (דורך געבורטן און אימיגראַציע) ביז 4,800,000 מענער, פרויען און קינדער.

דער לעצטער אָפיציעלער צענזוס פון דער גאַנצער באַפעלקערונג אין קאַנאַדע האָט פעסטגעשטעלט, אַז אין יענעם לאַנד האָבן אין 1931 געלעבט 155,614 יידן, אָדער מיט 30,417 מער ווי אין 1921. דער וואוקס פון דער יידישער באַפעלקערונג, און איר פראָצענט צו דער גאַנצער צאָל איינוואוינער פון קאַנאַדע, ווערט איבערגעגעבן אין אָט דער רשימה.

די צאָל יידן וואָס האָבן געלעבט אין קאַנאַדע

יאָר	צאָל	פראָצענט פון אלע איינוואוינער
אין 1881 — — — — — — — — — — —	2,393	0.06%
אין 1891 — — — — — — — — — — —	6,414	0.13%
אין 1901 — — — — — — — — — — —	16,401	0.31%
אין 1911 — — — — — — — — — — —	74,564	1.03%
אין 1921 — — — — — — — — — — —	125,197	1.42%
אין 1931 — — — — — — — — — — —	155,614	1.50%

די גאַנצע און די יידישע באַפעלקערונג פון די פאַראייניקטע שטאַטן, אין די לעצטע 50 יאָר, ווערט געוויזן אין דער פאָלגנדיקער טאַבעלע

יאָר	אַלגעמיינע באַפעלקערונג	יידישע באַפעלקערונג	
1877 — — —	43,661,968	229,087	0.52%
1897 — — —	72,106,120	937,800	1.31%
1907 — — —	88,787,058	1,776,885	2.00%
1917 — — —	103,640,473	3,388,951	3.27%
1927 — — —	118,140,645	4,228,029	3.58%

ווי מיר זעען, האָבן נאָך מיט עטלעכע יאָר צוריק געלעבט אַרום 4.5 מיליאָן יידן אין די צוויי גרעסטע לענדער פון נאָרד־אַמעריקע, וואו זיי באַטרעפן קאַרגע 4 פראָצענט פון דער גאַנצער באַפעלקערונג. דאָס איז אַ קליינער טייל, אָבער ערשט מיט 50 יאָר צוריק זיינען די יידן געווען נאָר אַ האַלבער פראָצענט פון דער גאַנצער באַפעלקערונג אין נאָרד־אַמעריקע. אַזאַ גיכן וואוקס האָט ניט געהאַט קיין שום אַנדער וועלט־טייל מיט אַ גרעסערן יידישן ישוב.

די אַמעריקאַנער צענזוסעס האָבן, זינט 1910, רעגיסטרירט די צאָל יידיש־ריידנדיקע אימיגראַנטן, וואָס האָבן געלעבט אין די פאַראייניקטע שטאַטן.

ס׳האָבן גערעדט יידיש די פאָלגענדע צאָלן אַמעריקאַנער יידן־אימיגראַנטן:

אין יאָר 1910 — — — — — — — — — — — — — — — 1,051,767

אין יאָר 1920 — — — — — — — — — — — — — — — 1,091,820

אין יאָר 1930 — — — — — — — — — — — — — — — 1,222,658

מ׳דאַרף אָבער וויסן, אַז אַ סך יידן, ביי וועלכע יידיש איז די איינציקע שפּראַך, אויך וועלכער זיי קענען פריי לעזן, ריידן און שרייבן, מאַכן אָפט אַ טעות און פאַרשרייבן זיך אין די קלאַסן פון אימיגראַנטן־איינוואוינער. ביי וועלכע די טאָג־טעגלעכע שפּראַך איז כלומרשט געווען רוסיש, פּויליש, דייטש און אַנדערע שפּראַכן פון דער אַלטער היים. מיר האָבן געוויס איצט פיל מער ווי איין מיליאָן און אַ פערטל יידן אין די פאַראייניקטע שטאַטן, וואָס זייער שפּראַך איז יידיש.

אין יאָר 1920 האָבן די 1,092,000 יידיש־ריידנדיקע אימיגראַנטן, אינאיינעם מיט זייערע קינדער, צוזאַמענגעשטעלט אַ פאָלק־מאַסע פון 2,043,613 מענער, פרויען און קינדער. פון אָט אַזאַ סטאַטיסטיק זעט איר, אַז די יידישע אימיגראַנטן־מאַסע, דער פונדאַמענט פון דער יידישער אַמעריקע, באַטרעפט נאָך היינט אפילו, ווען ס׳איז שוין מער ניטאָ קיין מאַסן־אימיגראַציע, ווייניקסטנס 50 פּראָצענט און אפשר 70 פּראָצענט פון אַלע יידן אין די פאַראייניקטע שטאַטן*).

די באַזונדערע גרופּן פון די יידישע אימיגראַנטן האָבן געוואוינלעך חתונה צווישן זיך גופא, ד. ה. רוסיש־יידישע מענער מיט רוסיש־יידישע פרויען, דייטשע יידן האָבן חתונה דערהויפּט מיט די פרויען, וואָס קומען פון דייטשלאַנד, א. אַז. וו. אָבער דער צווייטער דור, די קינדער פון די פאַרשיידענע טיילן פון דער יידישער אימיגראַציע, מישן זיך שוין אויס פיל שטאַרקער, און ס׳קומט מיט דער צייט אַרויס אַן איינהייטלעכער, אַ צוזאַמענגעשמאָלצענער אַמעריקאַנער יידנטום. אַן אונטערזוכונג, וועלכע איז געמאַכט געוואָרן אין יאָר 1921, האָט געוויזן, אַז אין דער צייט ווען נאָר 1,4 פּראָצענט פון די רוסיש־יידישע מענער האָבן חתונה געהאַט מיט יידישע פרויען, וואָס קומען פון מערב־איראָפּעאישע לענדער, האָבן שוין 17.5 פּראָצענט פון די היגע־געבוירענע קינדער פון די רוסיש־יידישע אימיגראַנטן גענומען פרויען, וואָס שטאַמען פון מערב־איראָפּע, פון לענדער ווי דייטשלאַנד, ענגלאַנד א. אַז. וו. די זעלבע דערשיינונג קומט פאָר ביי דער צענויפמישונג פון די רוסישע יידן מיט אַנדערע טיילן פון מזרח־איראָפּעאישן יידנטום, ווי די פּוילישע, רומענישע, אונגאַרישע יידן א. אַז. וו. אין ערשטן דור זיינען געווען 13.1 פּראָצענט אַזעלכע געמישטע חתונות ביי די רוסיש־יידישע מענער, אָבער אינעם צווייטן דור זיינען שוין געווען 22 פּראָצענט חתונות, ביי וועלכע די עלטערן פון חתן־כלה זיינען געווען יידן־אימיגראַנטן פון פאַרשיידענע לענדער פון מזרח־איראָפּע.

לייען־מאַטעריאַל:

דר. ה. פראַנק: יידיש אין אַמעריקע, אין „צוקונפט", אַפּריל, 1928.
יידישע געטאָס אין אַמעריקע, „צוקונפט", יוני, 1929.

---

*) ליידער האָט דער צענזוס פון 1930 ניט געשטעלט די פראַגע וועגן דער מוטערשפּראַך פון די עלטערן פון די היגע געבוירענע קינדער, און מ׳קען דעריבער ניט וויסן די איצטיקע צאָל יידיש־ריידנדיקע און זייערע קינדער.

3. די פאַרטיילונג פון די יידן איבערן לאַנד

יידן זיינען צעשפּרייט איבערן גאַנצן שטח פון די צוויי ריזיקע לענדער פון נאָרד־אַמעריקע, אָבער אין איניקע טיילן פון אָט־די לענדער לעבן זיי אין געדיכטע מאַסן, בעת אין אַנדערע געפינט מען זיי לעבנדיק אין גאַנץ שיטערע, קליינע יידישע ישובים. די סטאַטיסטיק ווייזט אָבער, אַז יידן שפּרייטן זיך אויס מיט דער צייט איבער אַלע טיילן פון לאַנד און די ישובים זייערע ווערן אַלץ געדיכטער און שטאַרקער.

אין יאָר 1917 האָט מען געהאַט ידיעות וועגן יידישע איינוואוינער נאָר אין 819 שטעט פון די פאַראייניקטע שטאַטן, אין 1927 האָט מען שוין געפונען יידן אין 6420 שטעט, שטעטלעך און דערפער אַ בערן לאַנד, ווי אויך אין 3292 פאַרמערישע דיסטריקטן. יידישע משפחות האָט מען געפונען אין יעדן פון די 48 סטייטס פון לאַנד.

יעדע שטאָט מיט 25 טויזנט איינוואוינער און מער (אַזעלכע זיינען אין אונדזער לאַנד דאָ אַרום 300) האָט אַ יידישע באַפעלקערונג, הגם אָפטמאָל איז דאָס נאָר אַ קליין הייפל יידן. אין 95 פּראָצענט פון די קלענערע שטעט (10—25 טויזנט איינוואוינער) האָבן אויך געלעבט יידן, און אפילו אין 85 פּראָצענט פון די שטעטלעך, מיט אַ באַפעלקערונג פון 5 ביז 10 טויזנט, האָט מען אין 1927 אויך געפונען יידן. אַרום און אַרום האָבן 190 שטעט געהאַט אין 1927 צו טויזנט יידן און מער.

דער גרעסטער טייל פון די יידן אין די פאַראייניקטע שטאַטן, אַרום 65 פּראָצענט, לעבן אין די עלף גרעסערע שטעט פון לאַנד, ווי ס׳ווייזט אָט די טאַבעלע:

שטאָט	אַלגעמיינע באַפעלקערונג (1930)	צאָל יידן	פּראָצענט
ניו יאָרק — —	6,930,446	1,765,000	25.5
שיקאַגאָ — —	3,376,438	302,164	9.0
פילאַדעלפיע —	1,950,961	247,000	12.7
באָסטאָן — —	781,188	85,000	10.9
קליוולענד— —	901,482	85,000	9.4
דעטראָיט — —	1,568,662	71,268	4.6
באַלטימאָר —	804,874	68,000	8.5
נוארק — — —	439,506	65,000	14.9
לאָס אַנדזשעלעס	1,238,048	65,000	5.3
פיטסבורג — —	669,817	45,000	6.7
סט. לואיס— —	821,960	50,000	6.1
צוזאַמען	19,483,382	2,848,432	14.6

אין 1917 האָבן אין אָט די עלף שטעט געלעבט 71 פּראָצענט פון אַלע יידן אין די פאַראייניקטע שטאַטן, ד. ה. מיט 5—6 פּראָצענט מער ווי איצט. אין דער צייט, אַלזאָ, ווען די אַלגעמיינע באַפעלקערונג פון די שטעט וואַקסט כסדר, ווייל אַ סך איינוואוינער פון די פאַרם־דיסטריקטן קלייבן זיך אַריבער אין די שטעט אַריין, פאַרלאָזן אָבער פיל יידן די גרויסע שטעט און באַזעצן זיך אין די „קאָונטרי" שטעט און אין די שטעטלעך פון לאַנד, וואו זיי שלאָגן זיך לייכטער צו צו אַ פּרנסה ווי אין די גרויסע שטעט.

די עלף גרויסע שטעט, וואו מ'געפינט צוויי־דריטל פון די יידן אין אַמע־ריקע, ליגן אין אָט די צען סטייטס: קאַליפאָרניע, אילינאָי, מערילענד, מאַסאַ־טשוזעטס, מישיגען, מיזורי, ניו דזשוירזי, ניו יאָרק, אָהייאָ, פּענסילווייניע. אָבער חוץ די קאַרגע 2,9 מיליאָן יידן אין אָט די עלף ריזיקע שטעט, האָבן אין די מיטעלע און קליינע שטעט און פאַרם־דיסטריקטן אין אָט די צען סטייטס געלעבט אין 1927 צוזאַמען 478,415 יידן, אָדער 11 פּראָצענט פון אַלע יידן דאָ אין לאַנד. אַ האַלבער מיליאָן יידן, צום גרעסטן טייל אימיגראַנטן, האָבן זיך שוין, אַלזאָ, נאָך מיט צען יאָר צוריק, אַזוי גוט צוגעפּאַסט צו דער אַמעריקאַנער סביבה, אַז זיי האָבן געקענט פאַרלאָזן די „געטאָס" אין די גרויסע שטעט און זיך אַריבערקלייבן אין די נעענטערע און ווייטערע קלענערע שטעט פון לאַנד.

אין דעם דרום־טייל פון לאַנד (סאַוטה), וועלכער איז ביז מיט 20 יאָר צוריק געווען אַן אינדוסטריעל־אָפּגעשטאַנענער און דורך און דורך לאַנדווירט־שאַפטלעכער געביט, אָבער וואָס מאַכט דורך, זינט דער מלחמה, אַ האַסטיקע אַנטוויקלונג (שטאַרקער וואוקס פון באַפעלקערונג, נייע אינדוסטריען א. אַז. וו.), וואַקסט די יידישע באַפעלקערונג פון יאָר צו יאָר. אין 1927 האָט מען אין די פערצן סטייטס פון דער סאַוטה געציילט 225,940 יידן.

ביז דעם יאָר 1917 פלעגט אַלץ אַ גרעסערער טייל יידן זיך קאָנצענטרירן אין צפון טייל פון די פאַראייניקטע שטאַטן, בעת די פּראָצענט־טיילן פון די יידן, וועלכע האָבן געלעבט אין מערב און דרום טייל פון אַמעריקע פלעגן אַלץ פאַלן, ווייל די נייע אימיגראַנטן פלעגן מערסטנטיילס פאַרבלייבן אין די צפון־סטייטס, ד. ה., ניו ענגלאַנד סטייטס, ניו יאָרק, ניו דזשוירזי, פּענסילווייניע, אָהייאָ, מישיגען און אילינאָי. אין 1907 האָבן אין צפון־טייל געלעבט 92.3 פּראָצענט פון די יידן אין אַמעריקע, אין מערב טייל: 3.2 פּראָצענט און אין דרום — 4.5 פּראָצענט.

אָבער זינט 1917 קומט שוין פאָר אַ פאַרקערטע דערשיינונג: ס'פאַלט דער פּראָצענט־טייל פון צפון־ראַיאָן, ווייל עס פאַרקלענערט זיך די צאָל יידן אין די אויסגערעכנטע צפון־שטאַטן, און עס שטייגט דער טייל פונעם מערב און דרום טייל פון לאַנד. אין 1927 האָבן טאַקע אין צפון־טייל פון לאַנד געלעבט 90.4 פּראָצענט פון אַלע יידן אין לאַנד, אין מערב אָבער 4.2 פּראָצענט און אין דרום — 5.4 פּראָצענט.

נעמט מען נאָר די צאָל יידיש־ריידנדיקע אין אַמעריקע, ד. ה. 1,091,820 אין יאָר 1920 (פאַר דעם יאָר 1930 פעלט די אָפיציעלע סטאַטיסטיק לויט באַ־

זונדערע סטייטס). דאַן זעט מען אויך, אַז איבער 90 פּראָצענט פון זיי האָבן געלעבט אין צפון טייל פון לאַנד, ווי עס ווייזט אָט די טאַבעלע:

געאָגר. געביט	צאָל יידן	פּראָצענט
מיטל־אַטלאַנטיק (ניו יאָרק, ניו דזשוירזי, פּענסילווייניע) — —	717,974	65.7
מזרח־צפון־צענטראַלער (וויסק. איליי נאָי, מישיגען, אָהייאָ, אינדיאַנאַ) —	158,713	14.5
ניו ענגלאַנד — — — — — — — —	110,228	10.2
אַנדערע טיילן פון לאַנד — — — — —	104,905	9.6
צוזאַמען — — — — — — — — — —	1,091,820	100

דער גרעסטער טייל פון די איינגעוואַנדערטע יידן האָבן געלעבט אין די שטעט פון צפון־טייל פון לאַנד. מיר גיבן דאָ אַ רשימה פון די יידיש־ריידנדיקע איינוואוינער אין די גרעסטע 15 שטעט פון לאַנד (לויט דער איינגעוואַנדערטער באַפעלקערונג) אין יאָר 1920, און ווייזן אויך דעם פּראָצענט־טייל פון די יידן צו דער אַלגעמיינער אימיגראַנטן־באַפעלקערונג אין יעדער שטאָט:

שטאָט	צאָל יידן	פּראָצענט צו גאַנצער אימיגראַנטן באַפעלקערונג
ניו־יאָרק (619,771 — 1930) — —	516,080	25.0
שיקאַגאָ — — — — — — — — — —	87,798	10.9
פילאַדעלפיע — — — — — — — — —	77,743	19.5
דעטראָיט — — — — — — — — — —	20,070	6.9
קליוולענד — — — — — — — — —	16,408	6.8
סט. לואיס — — — — — — — — —	11,018	10.7
באָסטאָן — — — — — — — — —	31,906	13.4
נוארק — — — — — — — — — —	20,425	17.5
באַלטימאָר — — — — — — — —	19,320	23.0
פּיטסבורג — — — — — — — — —	11,813	9.8
לאָס אַנדזשעלעס — — — — — — —	5,755	5.1
באָפאַלאָ — — — — — — — — —	5,230	4.3
סאַן פראַנציסקאָ — — — — — — —	3,125	2.2
מילוואָקי — — — — — — — — —	6,644	6.0
וואַשינגטאָן די סי — — — — — —	3,775	13.2

דער פאַרגלייך פון דעם צענזוס פון 1920 און 1910, ווייזט אַז די פאָלגנדיקע שטעט האָבן פאַרגרעסערט זייער יידיש־ריידנדיקע באַפעלקערונג:

שיקאַגאָ, דעטראָיט, קליוולענד, באַלטימאָר, לאָס אַנדזשעלעס, וואַשינגטאָן, די סי, באָפאַלאָ, מילוואָקי, מינעאַפּאָליס, קענזאַס סיטי, דזשוירזי סיטי.

די פאָלגענדע שטעט האָבן געהאַט אַ ניט־וואַקסנדיקע יידיש־ריידנדיקע אימיגראַנטן־באַפעלקערונג:

פילאַדעלפיע, ניו יאָרק, סט. לואיס, סאַן פראַנציסקאָ, דענווער, נואַרק, אינדיאַנאַפּאָליס, ראָטשעסטער, פּאָרטלאַנד, אָרעגאָן.

אין פינף שטעט האָט זיך די יידיש־ריידנדיקע באַפעלקערונג פאַרקלע־נערט פון 1910 ביז 1920, דאָס זיינען געווען:

באָסטאָן, פּיטסבורג, סינסינעטי, ניו אָרלינס, סיאַטל (וואַש.).

ווען מיר זאָלן קלאַסיפיצירן די פאַרשפרייטונג פון די מוטער־שפּראַכן פון דער אימיגראַנטן באַפעלקערונג אין 1920 איבערן לאַנד און פאַר די 25 וויכטיקסטע שטעט צוזאַמענגענומען, וועלן מיר באַקומען אָט אַזאַ סדר פון די אימיגראַנטן־שפּראַכן:

א) דאָס לאַנד אינגאַנצן גענומען: — 1) ענגליש און אירלענדיש, 2) דייטש, 3) איטאַליעניש, 4) יידיש, 5) פּויליש.

ב) אין די 25 וויכטיקסטע שטעט: — 1) ענגליש און אירלענדיש, 2) יידיש. 3) דייטש, 4) איטאַליעניש, 5) פּויליש.

ווי מיר זעען, שטייט יידיש גלייך נאָך ענגליש, ווען מ'נעמט די פרעמד־געבוירענע ווייסע באַפעלקערונג אין די גרעסטע 25 שטעט פון לאַנד.

אין קאַנאַדע איז די יידישע באַפעלקערונג קאָנצענטרירט אפילו אין אַ פיל־שטאַרקערער מאָס ווי אין די פאַראייניקטע שטאַטן. אין דריי גרויסע שטעט פון לאַנד האָבן, אין 1931, געלעבט איבער 77 פּראָצענט פון אַלע קאַ־נאַדער יידן, בעת אין 1921 האָבן אין זיי געלעבט נאָר איבער 73 פּראָצענט פון דער גאַנצער יידישער באַפעלקערונג. דאָס זיינען די דריי פאָלגענדיקע שטעט:

פּראָווינץ	שטאָט	יידישע באַפעלק.	אַלגעמיינע באַפעלקער.	פּראָצענט יידן
קוויבעק:	מאָנטרעאָל	57,710	818,577	7.05
אָנטאַריאָ:	טאָראָנטאָ	45,205	631,207	7.16
מאַניטאָבאַ:	וויניפּעג	17,153	218,785	7.84

אין די דריי פּראָווינצן, וואו עס ליגן אָט די דריי שטעט, האָבן אין 1931 געלעבט 141,023 יידן, אָדער איבער 90 פּראָצענט פון אַלע 155,614 יידן אין גאַנץ קאַנאַדע. אָבער דאָך זיינען די יידן, הגם אין גאַנץ קליינע הייפעלעך, צעזייט איבער אַלע שטעט פון לאַנד. אין 1921 האָט מען בלויז אין דריי שטעט פון די 109 שטעט מיט אַ באַפעלקערונג פון 5,000 און מער, ניט געפונען אפילו קיין איין ייד. די עלטסטע יידישע ישובים געפינען זיך אין די צוויי פּראָווינצן, וואָס זיינען אינדוסטריעל און קאָמערציעל אַם שטאַרקסטן אַנט־וויקלט — קוויבעק און אָנטאַריאָ. גאַנץ וועסטלעכע קאַנאַדע (די פּראָווינצן מאַניטאָבאַ, סאַסקאַטשעוואַן, אַלבערטאַ און בריטיש קאָלאָמביאַ, מיט איר זייער פּרוכטבאַרן באָדן און ניט צו שווערן קלימאַט) האָט אין 1921 געציילט נאָר 2,000 יידן; היינט לעבן דאָרט אַרום 31 טויזנט יידן.

לייען־מאַטעריאַל:

דר. ה. פראַנק: די צאָל און פאַרשפּרייטונג פון די יידן אין די פאַראייניקטע שטאַטן, אין „עקאָנ. שריפטן פון ייד. וויסנשאַפטלעכן אינסט.", באַנד 2, ווילנע, 1932.
אונדזער שול, דעצ. 1935.

4. דעמאָגראַפישע ידיעות וועגן יידן אין די פאַראייניקטע שטאַטן

די יידישע אימיגראַציע אין אַמעריקע איז שטענדיק געווען אַ פאַמיליע־אימיגראַציע, און דאָס מיינט, אַז אָדער עס זיינען גאַנצע משפחות פאַראַמאָל געפאָרן קיין אַמעריקע, אָדער דער פאָטער פלעגט קורץ נאָך זיין אָנקומען אַריבערברענגען זיין ווייב און די קינדער, און אפילו שוועסטער און ברידער. ניט זעלטן פלעגט אַ בחור אַריבערברענגען פון יענער זייט ים אַ מיידל און מיט איר דאָ חתונה האָבן. אָט די אַלע אומשטענדן דאַרף מען אין זינען האָבן, ווען מ׳קלייבט זיך צו אַנאַליזירן דעם צוזאַמענשטעל פון די יידישע־פאָלקס־מאַסן אין אַמעריקע לויט דער צאָל מענער, פרויען און קינדער.

ס׳איז אַ נאַטור־געזעץ, אַז שטענדיק ווערן געבוירן אַביסל מער אינגלעך ווי מיידלעך (103—108 אינגלעך אויף 100 מיידלעך). אין די ערשטע יאָרן פון לעבן שטאַרבן אָבער גראָד מער אינגלעך ווי מיידלעך, און אין עלטער פון 4—5 יאָר געפינט מען שוין כמעט גלייכע צאָלן אינגלעך און מיידלעך. וואָס קומט אָבער פאָר אין די שפּעטערדיקע יאָרן פון לעבן? — די מענער אַרבעטן שווערער, ווערן אָפטער קראַנק, און שטאַרבן אָפּ אין גרעסערע צאָלן ווי די פרויען. דעריבער געפינט איר אומעטום מער אַלטע פרויען ווי מענער.

דאָס איז אָבער אַלץ געזאָגט געוואָרן וועגן אַ באַפעלקערונג וואָס זיצט דורות לאַנג אין לאַנד, אָבער ניט וועגן אַ באַפעלקערונג, ווי אונדזער יידישע, וואָס איז פון נויט אַריבערגעפלאַנצט געוואָרן אויף אַ פרעמדן באָדן אין משך פון אַ קורצער שטיק צייט. און צווישן די אימיגראַנטן־מאַסן איז דאָך שטענדיק דאָ מער דערוואַקסענע האַרעפּאַשנע מענער (אין עלטער פון 16 יאָר אָן) ווי פרויען און קינדער. ס׳איז קיין וואונדער ניט, אַז אויך צווישן די יידישע פאָלקס־מאַסן אין די פאַראייניקטע שטאַטן געפינט מען מער מענער ווי פרויען. דער איבערגעוויכט איז אָבער ניט דער זעלבער פאַר אַלע גרופּעס פון עלטער; ווי ס׳ווייזט די פאָלגענדיקע טאַבעלע, וואָס איז צענויפגעשטעלט געוואָרן פון דעם סטאַטיסטישן מאַטעריאַל וועגן די 1,091,000 יידיש־ריידנדיקע איינוואוינער פון די פאַראייניקטע שטאַטן אין יאָר 1920.

עלטער גרופּע	צאָל מענער אויף 100 פרויען אין זעלבן עלטער
קינדער (אונטער 15 יאָר) — — — — — — — — —	101.0
רייפע עלטער (15—59 יאָר) — — — — — — — — —	107.8
אַלטע לייט (60 און העכער) — — — — — — — —	109.4
אַלע צוזאַמען — — — — — — — — — — — — — —	107.6

אָט די ציפערן ווייזן, אַז מ׳האָט געציילט צווישן די יידן מיט 7.6 פּראָצענט מער מענער ווי פרויען (אין יאָר 1920).

ביי עטלעכע וויכטיקע נאַציעס פון דער אַמעריקאַנער באַפעלקערונג איז די פּראָפּאָרציע פון מענער, אויף יעדע 100 פרויען, געווען (אין 1920) אַזאַ:

אַלע אימיגראַנטן אינאיינעם	108.8
ביי רוסן	128.5
ביי פּאָליאַקן	126.4
ביי יידן	107.6
ביי איטאַליענער	127.6
ביי דייטשן	108.2

מיר זעען, אַלזאָ, אַז די יידן שטייען פיל נעענטער צו אַ גלייכהייט אין דער צאָל מענער און פרויען, ווי אַנדערע אימיגראַנטן־גרופּעס: ביי די יידן איז די פּראָפּאָרציע פון מענער און פרויען, 100:107.6, און ביי די רוסן, 100:128.5.

אין דער ערשטער עפּאָכע פון דער יידישער אימיגראַציע (1881—1900) זיינען אַריבערגעקומען אויך צווישן די יידן אַ סך מער מענער ווי פרויען. דערי־בער ווייזט טאַקע די פריער־געבראַכטע רשימה, אַז אין קלאַס פון די אַלטע לייט (פון 60 יאָר אָן) געפינען זיך אויף יעדע 100 פרויען 109.4 מענער, בעת אין עלטער פון 15 ביז 59 איז די פּראָפּאָרציע נאָר 107.8 מענער אויף יעדע 100 פרויען.

דער דורכשניטלעכער עלטער פון דער יידישער פאָלקס־מאַסע (יידיש־ריידנדיקע באַפעלקערונג) איז אין 1920 געווען 35 יאָר און 4 מאָנאַטן. איצט איז שוין דער דורכשניט אַלזאָ מיט אַ 10—11 יאָר העכער, אָדער אַרום 45 יאָר; און צוליב דער אָפּגעשטעלטער יידישער מאַסן־אימיגראַציע, וועט דער דורכשניטלעכער עלטער פון דער יידישער פאָלק־מאַסע, דערהויפּט פון די פרעמד־געבוירענע, באַדייטנדיק שטייגן אין די נאָענטע יאָרן. מ'האָט אויס־גערעכנט, אַז אין יאָר 1950 וועלן 26 פּראָצענט פון אַלע פרעמד־געבוירענע ווייסע איינוואוינער פון אַמעריקע זיין 65 יאָר אַלט און העכער. אין 1910 איז דער טייל פון זקנים און זקנות געווען נאָר 9 פּראָצענט און אין 1930 איז ער שוין געווען 12 פּראָצענט.

מ'קען זאָגן, אַז אין 12—15 יאָר אַרום וועלן פון יעדע פיר פרעמד־געבוירענע יידן צוויי זיין אין מיטעלן עלטער: 45—65 יאָר, איינער וועט זיין 65 יאָר און העכער און נאָר איינער וועט זיין אונטער 45 יאָר. אין עטלעכע צענדליק יאָר זיינען פון די הונדערטער טויזנטער יונגע יידישע אימיגראַנטן געוואָרן זיידעס און באָבעס.

די אַמעריקאַנער געזעלשאַפט, און באַזונדערס דער אימיגראַנטן־טייל אירער, פאַרנעמען זיך איצט שטאַרק מיט דער עלטער־פאַרזאָרגונג פראַגע. אין אַמעריקע זיינען דאָ 6,5 מיליאָן אַלטע לייט (פון 65 יאָר אָן), און 27 פּראָ־צענט פון זיי באַשטייען פון אימיגראַנטן. אָט די אַלטע לייט זיינען איצט 10 פּראָצענט פון דער אימיגראַנטן־באַפעלקערונג, בעת צווישן די היגע־געבוי־רענע פאָלק־מאַסן זיינען די אַלטע מענער און פרויען נאָר 4,7 פּראָצענט פון

פאָלק. די פּראָבלעם פון הילף פאַר די אָרימע אַלטע לייט באַשעפטיקט דעריבער אַזוי שטאַרק די געזעלשאַפטלעכע טוער.

ווי שטאַרק איז די פאַרמערונג פון דער באַפעלקערונג צווישן די פרעמד־געבוירענע? מ׳האָט פעסטגעשטעלט, אַז זיי האָבן מער קינדער ווי דער דורכ־שניט פון דער גאַנצער באַפעלקערונג אין לאַנד. אָבער זייערע היגע־געבוירענע קינדער, ד. ה. דער צווייטער אימיגראַנטן־דור, האָבן שוין ווינציקער קינדער ווי ס׳האָבן געהאַט זייערע עלטערן. אַ סטאַטיסטישע אונטערזוכונג פון יאָר 1925 האָט געוויזן, אַז אין ברוקלין איז די אַלגעמיינע צאָל געבורטן ביי אַלע יידן געווען 18 אויף יעדע 1000 יידישע איינוואוינער, בעת פאַר דער גאַנצער באַפעלקערונג (יידן און ניט־יידן אינאיינעם) איז די ראַטע געווען 22.95 אויף 1000. עס ווערט אָנגענומען צווישן די סטאַטיסטיקער, אַז יידן פאַרמערן זיך לאַנגזאַמער ווי די אַלגעמיינע אַמעריקאַנער באַפעלקערונג.

די יידישע באַפעלקערונג וואַקסט אָבער פאָרט, ווייל ס׳ווערט אַלץ קלענער די טויטן־„רעיט״ אין אַמעריקע (צוליב היגיענישן פאָרטשריט און פאַרהיטונג פון אַ גרויסער שטערבלעכקייט פון די זויג־קינדער). לויט דעם צענזוס פון 1920 זיינען פון יעדע 1000 איינוואוינער פון ניו יאָרק געווען די פאָלגנדיקע טויטן־רעיטס פון די אויסגערעכנטע נאַציעס:

היגע געבוירענע — — — — — — — — — — — — — — —	13.7%
דייטשן — — — — — — — — — — — — — — — — — —	13.0%
איטאַליענער — — — — — — — — — — — — — — — —	14.0%
אירלאַנדער — — — — — — — — — — — — — — — —	18.1%

סטאַטיסטישע פאָרשונגען האָבן געוויזן, אַז די „רוסן״, ד. ה. געבוירענע אין רוסלאַנד און 90 פּראָצענט פון זיי זיינען דאָך רוסישע יידן, צייכענען זיך אויס מיט אַ לענגערן לעבן ווי אַנדערע נאַציאָנאַליטעטן. זייער שטערבלעכ־קייט־רעיט איז וואַרשיינלעך ניט גרעסער פון דער רעיט צווישן די היגע־געבוירענע. דאָס קומט פון אַ געזינטערער לעבן־פירונג, צוריקהאַלטונג פון טרינקען אַלקאָהאָל־געטראַנקען א. אַז. וו.

אויך צייכענען זיך די רוסישע יידן אויס מיט אַ זייער קליינער שטערב־לעכקייט פון די זויג־קינדער ווי די קינדער בכלל. אָט איז אַ רשימה, וואָס ווייזט דעם דורכשניטלעכן פּראָצענט־טייל פון די קינדער, וועלכע זיינען געבליבן לעבן (בעת דעם צענזוס פון 1920) פון דער אַלגעמיינער צאָל קינדער, וואָס זיינען געבוירן געוואָרן ביי די פרעמד־געבוירענע מאַמעס פון עטלעכע נאַציאָנאַליטעטן:

ביי מאַמעס געבוירן דאָ אין לאַנד — — — — — —	פּראָצענט	89.4
ביי מאַמעס געבוירן אין ענגלאַנד — — — — — —	פּראָצענט	88.5
ביי מאַמעס געבוירן אין דייטשלאַנד — — — — —	פּראָצענט	87.5
ביי מאַמעס געבוירן אין פוילן — — — — — — —	פּראָצענט	83.3
ביי מאַמעס געבוירן אין איטאַליע — — — — — —	פּראָצענט	83.9
ביי מאַמעס געבוירן אין רוסלאַנד — — — — — —	פּראָצענט	87.3

די קינדער פון די „רוסישע" מאַמעס, און דאָס מיינט: יידישע פרויען, ווייזן אַ פיל־גרעסערע לעבנס־קראַפט ווי די קינדער פון די פוילישע און איטאַליענישע אימיגראַנטקעס וואָס לעבן דאָ אין לאַנד. די קינדער פון די פרעמד־געבוירענע יידישע פרויען האָבן כמעט אַזאַ לעבן־קראַפט ווי די קינדער פון די מאַמעס, וואָס זיינען געקומען פון די הויך־ציוויליזירטע לענדער, ווי ענגלאַנד און אַנדערע.

לייען־מאַטעריאַל:

דר. ה. פראַנק: „די יידישע אַמעריקע אין ציפערן", אין „צוקונפט", יוני און סעפטעמבער, 1928.

„די יידישע שטערבלעכקייט אין ניו יאָרק", אין „צוקונפט", דעצ. 1934.

„נייע פראָבלעמען פון דער יידישער אַמעריקע", אין „צוקונפט", אַפּריל 1934.

5. די יידישע פּראָפעסיעס און פּרנסות

די גרויסע יידישע מאַסן, וואָס זיינען אַריבערגעקומען אין אַמעריקע פון יענער זייט ים, האָבן אין דער נייער היים געמוזט פאַרדינען דעם שטיקל ברויט זייערן דורך שווערע אַרבעט. דער באַדאַרף אין אַרבעטס־הענט איז אין יענער צייט, מיט 40—50 יאָר צוריק, געווען אַ זייער גרויסער, און די מאַיאָריטעט פון די יידישע אימיגראַנטן זיינען געוואָרן האָרעפּאַשניקעס אין די שעפּער און פאַבריקן פון די גרעסטע האַפן־שטעט, ווי ניו יאָרק, באָסטאָן א. אַז. וו. וואוהין ס'פלעגן אָנקומען ריזיקע מאַסן אָרימע אימיגראַנטן פון אייראָפּע. אָט דער צופלוס פון פרישע אַרבעט־הענט אין די דאָזיקע שטעט, דערהויפּט אין ניו יאָרק, האָט שטאַרק מיטגעהאָלפן צו פאַרפעסטיקן זייערע אינדוסטריען, וועלכע פלעגן פאָדערן זייער פיל אַרבעטער בעת די „הייסע" סעזאָנען, ווען מ'האָט שנעל געדאַרפט צוגרייטן גרויסע זאַפּאַסן פון פאַרטיקע סחורה.

די אויסאַרבעטונג פון מלבושים אין פאַבריקן, וועלכע איז ניט געווען שטאַרק אַנטוויקלט ביז 1880—1890, און איז אָבער שוין דאַן געלעגן אין יידישע הענט (כמעט אַלע פאַבריקאַנטן זיינען דעמאָלט געווען דייטשע יידן), איז איצט, מיטן אָנקומען פון גרויסע מאַסן אָרימע יידן, געוואָרן נאָך מער פאַרשפּרייט אין דעם מזרח־טייל פון אַמעריקע. זי איז געוואָרן פאַר די יידישע אַרבעטער די וויכטיקסטע אינדוסטריע. אָבער אויך אַנדערע אינדוסטריען, ווי טאַבאַק און שפּייז־אויסאַרבעטונג, יוועליר־אַרבעט, דרוקערייַ, בוי־אַרבעט און מעבל־אַרבעט, האָבן געשפּייזט אַ סך יידישע אימיגראַנטן, דערהויפּט די, וואָס זיינען געווען בעלי־מלאכות נאָך אין דער אַלטער היים, און האָבן לייכט געקענט צופּאַסן זיך צו די היגע טעכניש־אַנטוויקלטע אַרבעט־באַדינגונגען.

אַ טייל יידישע אימיגראַנטן האָבן זיך אָבער גענומען צום קליינעם האַנדל, צוערשט ווי גאַסן־פּעדלער און שפּעטער, ווען זיי האָבן זיך שוין אויסגעלערנט אַ ביסל ענגליש און האָבן זיך באַקאַנט מיט די מנהגים און באַדערפעני́שן פון די איינוואוינער פון לאַנד, האָבן זיך אָט די גאַסן־הענדלער פאַרוואַנדלט אין

קרעמער, סוחרים און פּאַרקויפער אויף ראַטעס (קאַסטאָם-פּעדלער). דער איבערגאַנג צום האַנדל איז לייכטער געווען פאַר די יידן אין די קלענערע שטעט ווי פאַר די ניו יאָרקער יידן, וואו ס'איז ניט לייכט געווען מיט קליינע געלט זיך נעמען צו האַנדל-פּרנסות.

דער גרעסטער טייל פון די יידישע מאַסן אין די גרויסע שטעט זיינען געבליבן אַרבעטער ביז היינט. אָבער זעט נאָר אין וועלכע פּראָפעסיעס מ'געפינט די יידישע אַרבעטער! אין שניידעריי, בעקעריי, דרוק-אַרבעט, בוי-אַרבעט, יוועליר-פאַכן א. אַז. וו. — דאָס הייסט, אַלץ פאַכן וואו די ראָלע פון דער מאַשין-אַרבעט איז נאָך ניט קיין גאַנץ גרויסע, און די מעכאַנישע קראַפט האָט נאָך ניט צו שטאַרק אַרויסגעשטופּט די מענטשלעכע קראַפט. אָט די האַלב-באַלמעלאָכישע פאַכן אַרבעטן, קען מען זאָגן, דירעקט פאַר דעם פאַר-ברויכער, דעם מאַן וואָס קויפט איין אין קראָם די קעגנשטאַנדן פון פאַרברויך. אַנדערע, און דערהויפּט די אַזוי-גערופענע „שווערע" אינדוסטריען, ווי מעטאַל-אויסגראַבונג און באַאַרבעטונג, צעמענט, מאַשינען-בוי א. ד. גל., אַרבעטן ניט פאַרן פאַרברויכער, נאָר פאַר אַנדערע אינדוסטריען, פאַר אייזנבאַנען, פאַבריקן, בוי-אונטערנעמונגען א. אַז. וו. אָט דעריבער זעען מיר, ווי די פאַרברויך-אינדוסטריען קענען ניט געניסן אַזוי שטאַרק ווי די פונדאַמענטאַלע אינ-דוסטריען, בעת ס'הערשט אַ גרויסע עקאָנאָמישע אויפלעבונג און מען בויט אַ סך וועגן, פאַבריקן, הייזער א. אַז. וו. פאַרקערט ווידער, ווען ס'קומען ניט צו קיין סך נייע פאַרברויכער, צוליב דער אָפּגעשטעלטער אימיגראַציע און קליינער צאָל געבורטן, אָדער ווען די עקאָנאָמישע דעפּרעסיע פאַרקלענערט זייער שטאַרק די פאַרדינסטן פון די פאָלקס-מאַסן, און זיי קענען ניט אויסגעבן קיין גרויסע סומען געלט אויף מלבושים, שיך, צירונג, פעלצוואַרג א. אַז. וו., ליידן דערפון די קרעמער און די אַרבעטער אין אָט די אינדוסטריען אַם שטאַרקסטן; און אין זיי פאַרנעמען דאָך די יידן אַזאַ גרויסן פּלאַץ. אויך ליידן די דאָזיקע אינדוסטריען, דערהויפּט אין די נאָדל-טריידס, פון דער ניט-רעגלמעסיקער באַשעפטיקונג צוליב דעם סעזאָן-כאַראַקטער פון דעם פּראָדוקט (ווינטער און זומער מלבושים) און אָפטע ענדערונגען אין מאָדעס און פאַסאָנען (סטיילס).

די יידישע אימיגראַנטן, מיט איין וואָרט, נעמען זיך צו אַזעלכע פּראָפע-סיעס ביי וועלכע זיי קענען אויסנוצן זייערע פיאיקייטן און געוואוינהייטן, וואָס זיינען פאַרבליבן ביי זיי פונעם פריערדיקן לעבן-שטייגער. אויך אין דער אַלטער היים זיינען די יידן ניט געווען קיין פאַרם-אַרבעטער, קוילן-גרעבער, אייזנבאַן אַרבעטער, מאַשינאַווע פאַבריק-אַרבעטער א. אַז. וו. אָט דעריבער טאַקע איז דער גרעסטער טייל פון די יידן אין אַמעריקע באַשעפטיקט אין דער „לייכטער" אינדוסטריע (מלבושים, צירונג, בוי-אַרבעט א. אַז. וו.), אין די האַנדל פּרנסות און פרייע פּראָפעסיעס (דאָקטוירים, דענטיסטן, לאָיערס, לע-רערס א. אַז. וו.). אָבער ווי ניט ווי, איז דער קענטיקסטער שטריך וועלכער כאַראַקטעריזירט גוט דעם עקאָנאָמישן לעבן פון די יידישע פאָלקס-מאַסן נאָך זייער איינוואַנדערונג אין אַמעריקע, טאַקע דער גרויסער אָרט, וועלכן עס פאַרנעמען די אַרבעט-פּרנסות, די האָרעוואַניע אין די שעפּער און פאַבריקן.

אפילו יידישע פרויען זיינען דאָ אין לאַנד אַריינגעצויגן געוואָרן אין אַזעלכע באַשעפטיקונגען, ביי וועלכע זיי האָבן אין דער אַלטער היים ניט געאַרבעט, ווי פאַבריק־אַרבעט. דאָס ווייזט שוין, ווי שטאַרק דער לעבן־שטייגער אין דער נייער היים האָט איבערגעמאַכט די מנהגים און פירונגען פון די יידישע פאָלקס־מאַסן.

גרויסע ענדערונגען זיינען אָבער פאָרגעקומען אין די יידישע פּרנסות אין לויף פון די לעצטע 10—15 יאָר.

מיר זעען, צום ביישפּיל, ווי עס ציט זיך אַ לאַנגער שטילער קריזיס אין די שניידער־טריידס. ניט נאָר וואַקסט שוין ניט אַזוי שטאַרק זײַן גיך די אַמעריקאַנער באַפעלקערונג ווי פריער, נאָר זי גיט אויס ווינציקער געלט ווי פריער אויף מלבושים און פעלץ־קליידונג און שיך און צירונג, און אַלץ מער געלט אויף אויטאָמאָבילס, ראַדיאָס, פאַרוויילונג א. אַז. וו. די פאַר־שפּרייטונג פון צענטראַל־הייצונג האָט אויך פאַרקלענערט דעם באַדאַרף אין וואַרימע בגדים, און די נייע מאָדעס און מאַטעריאַלן, ווי די איינפאַכע פרויען־קליידער, פון ביליקע שטאָפן (רעיאָן, א. ד. גל.), ווירקן שלעכט אויף דער טעקסטיל און שניידער־אינדוסטריען, וואו אַ סך יידן זיינען שטענדיק געווען באַשעפטיקט.

דער טעכנישער פּראָגרעס, די נייע דערפינדונגען און מאַשינען, האָט אויך אַרויסגעשטופּט אַ סך מענטשלעכע הענט אין יענע פאַכן און פּראָפעסיעס, ווי טאַבאַק און שפּייז־אינדוסטריען, מוזיקאַנטן, א. ד. גל., פון וועלכע יידן האָבן זיך דערנערט. אין דער צייט, אַלזאָ, וועז ניט ווייניק יידן זיינען רייכער געוואָרן זינט 1900, אַ דאַנק זייערע אונטערנעמונגען, ווי פאַבריקאַנטן, הויז־בויער, סוחרים א. אַז. וו., זיינען גרויסע יידישע מאַסן פאַרבליבן אין אַן אָרימען און אומזיכערן צושטאַנד. אין די יאָרן פון גרויסן עקאָנאָמישן אויפבלי פון לאַנד, ווי 1916—1920 און 1924—1929, האָבן גרויסע צאָלן געוועזענע יידישע האָרע־פאַשניקעס, וואָס האָבן געמוזט (צוליב די נייע באַדינגונגען) פאַרלאָזן די שעפּער, אָדער די פּאָר וועמען די שאַפּ־אַרבעט איז מיאוס געוואָרן, זיך גענומען צו קליינע געשעפט־פּרנסות, אינשורענס און ריעל־עסטייט־געשעפטן א. ד. גל. די קינדער פון די יידישע אימיגראַנטן פלעגן זעלטן איבערנעמען די האָרע־פאַשנע פּרנסות פון זייערע טאַטעס, נאָר פלעגן זיך לאַנג לערנען און נעמען זיך צו די פרייע פּראָפעסיעס און אָפיס־שטעלעס (מיידלעך און פרויען). אַן אויסנאָם זיינען נאָר געווען די קינדער פון די צושניידער, „קאַטערס", וועלכע פלעגן ניט זעלטן זיך יע נעמען צום שניידער־טרייד. אָט פאַרוואָס אַזעלכע כאַראַקטעריסטישע יידישע פּרנסות, ווי די נאָדל־טריידס, זיינען טאַקע מיט דער צייט אָנגעפילט געוואָרן מיט ניט־יידישע האָרעפּאַשנע עלעמענטן, ווי איטאַליענער, סלאַוון, ווייסע און שוואַרצע היגע געבוירענע מענער און פרויען א. אַז. וו. יידן זיינען היינט אַ מינדערהייט, אפשר 40 פּראָצענט, אפילו אין די „אָרגאַניזירטע" טריידס, ד. ה. פאַכן וואו די אַרבעטער, זיינען פאַראייניקט אין טרייד־יוניאָנס, און וואו די יידן זיינען אַמאָל געווען 80—90 פּראָצענט פון אַלע אַרבעטער.

און דאָך וועט דער גרעסטער טייל פון דעם איצטיקן יידישן דור אין אַמעריקע, דערהויפּט פון די צוויי און אַ האַלב מיליאָן יידן, וואָס לעבן אין די

גרעסטע שטעט פון לאַנד, פאַרבלייבן ביי די אַרבעט־פּרנסות. אין ניו יאָרק אַליין, וואו עס לעבן קרוב צוויי מיליאָן יידן, זיינען דאָ איבער הונדערט־טויזנט אָרגאַניזירטע יידישע אַרבעטער, וואָס געהערן צו דער צענטראַלער קערפּער־שאַפט „פאַראייניקטע יידישע געווערקשאַפטן", וואָס נעמען אַרום יוניאָנס מיט אַ צאָל מיטגלידער (יידן און ניט־יידן) פון איבער צוויי הונדערט טויזנט. אין אַנדערע אָרגאַניזירטע טריידס געפינט מען נאָך טויזנטער יידישע אַרבעטער. צוזאַמען מיט די ניט־אָרגאַניזירטע יידישע אַרבעטער און אַנגעשטעלטע קען מען אין ניו יאָרק אַליין געפינען אַרום 250 טויזנט יידישע האַרעפּאַשניקעס אָדער, אינאיינעם מיט זייערע פאַמיליעס, איבער אַ מיליאָן וואָס לעבן פון אַרבעט אין די שעפּער, קראָמען, אָפיסעס און אַלערליי אַנשטאַלטן, ווי קליניקס און האָספּיטעלער, שולן און קינדער־היימען.

די נייע עקאָנאָמישע באַדינגונגען אין אַמעריקע ווי, למשל, דער וואוקס פון די גרויסע געשעפטלעכע קאָרפּאָראַציעס און אונטערנעמונגען, ווי דעפּאַרט־מענטס סטאָרס, קייט־קראָמען א. אַז. וו. מאַכן איצט פיל שווערער ווי פריער די עקזיסטענץ פון קרעמער און הענדלער. די עקאָנאָמישע אויסזיכטן פאַר אַט די פּרנסות זיינען שלעכטע, און אַ סך יידן, וועלכע האָבן פאַרלאָזן די האַרע־פּאַשנע פּרנסות, קערן זיך צוריק אָדער ווילן זיך אומקערן צו די אַמאָליקע באַשעפטיקונגען. אָט דאָס ווייזט, ווי אומזיכער ס'איז דער מאַן, וואָס דאַרף פאַרדינען זיין ברויט פון ניט קיין האַרעפּאַשנעם פאַך. פאַרקערט, אַ גוטער, געניטער באַלמעלאָכע האָט איצט נאָך מער שאַנסן צו פאַרדינען, דווקא דורך די נייע דערפינדונגען און איינפירן, ווי די עלעקטרישע באַלייכטונג און הויז־אַפּאַראַטן, געזאָלין־מאַשינעס, נייע באַהייצונג און קילונג־אַפּאַראַטן א. אַז. וו.

אויך אין די פרייע פּראָפעסיעס (דאָקטוירים, אַדוואָקאַטן, אַקאַונטענטס א. אַז. וו.) ווערט די קאָנקורענץ אַלץ גרעסער, די עקאָנאָמישע לאַגע אַלץ ערגער. דער יידישער מאַן און פרוי שטויסן זיך אגב נאָך אָן אויף אַ שטאַרקער קנאה־שנאה פון דעם ניט־יידישן עלעמענט, פון וואָס ס'וואַקסט אַרויס אַ „דיסקרימי־נאַציע" אויף יידן אין די פירמעס און אַנשטאַלטן, וואָס באַשעפטיקן אַ סך אַנגעשטעלטע. און די פאַרדינסטן אין די פרייע פּראָפעסיעס, וואָס פאָדערן אַזאַ לאַנגע בילדונג, זיינען אָפט ניט גרעסער פון די שכירות פון אַן עלעקטראָ־מעכאַניקער, אַ פּאָטאָ־גראַווירער, כעמיקער א. אַז. וו.

ס'איז אַ גלייכע זאַך, אַז די אַמעריקאַנער יידישע יוגנט זאָל זיך נעמען מער ווי פריער צו די מאָדערנע פּראָדוקטיווע פּרנסות, ווייל יעדע געשולטע מלאכה, יעדער ספּעציאַליזירטע פּראָפעסיע, קען געבן אַ שטיק ברויט. מ'דאַרף אָבער ניט אויסקלייבן פאַר זיך אַ צו־שמאָלן, צו ספּעציעלן פאַך, ווייל אין אונדזער צייט, ווען די אינדוסטריעס און טעכניק בייטן זיך אַזוי גיך, איז גוט דער אַרבעטער זאָל די פאַכאָווע קענטענישן זיינע אויסנוצן, ווען נויטיק, פאַר פאַרשיידענע פאַכן. דאָס קען אָפּשוואַכן די צרות וואָס קומען פון אַרבעטלאָ־זיקייט און פון אַנדערע עקאָנאָמישע דערשיינונגען. די רויסע נאַטירלעכע רייכטימער פון אונדזער לאַנד, די הויכע שטופע פון איר טעכניק, און דער דראַנג פון די מאַסן אויסצוקעמפן פאַר זיך אַ גרעסערן טייל פון נאַציאָנאַלן איינקונפט, און דאָס מיינט אַ העכערן לעבנס־שטייגער, עפענען פאַר יונגע

מענטשן, וואָס וועלן זיין גוט צוגעגרייט, ניט קיין שלעכטע אויסזיכטן אין די פּראָדוקטיווע פּרנסות אויף אַ סך געביטן פון דעם עקאָנאָמישן לעבן, פּרנסות וואָס באַפרידיקן די וואַקסנדיקע באַדערפענישן פון דער באַפעלקערונג אין דער גרויסער אַמעריקאַנער רעפּובליק.

לייען-מאַטעריאַל :

דר. ה. פראַנק: די שניידער אינדוסטריע און די יידן („צוקונפט", יאַנואַר, 1927. יידן אין טריידס און פּראָפעסיעס („צוקונפט", דעצעמבער, 1928). ענדערונגען אין עקאָנאָמישן לעבן פון יידן אין אַמעריקע („צוקונפט", יולי, 1929).

די סאָציאַל־עקאָנאָמישע אומשיכטונג פון יידן אין אַמעריקע, — אין „יידישן אַרבעטער יאָרבוך און אַלמאַנאַך", נ. י. 1928.

נייע פּרנסות פון דער יידישער באַפעלקערונג, („צוקונפט", סעפּטעמבער, 1929).

יידן אין אַמעריקע און די נייע עקאָנאָמישע פּאָליטיק („צוקונפט, מאַי 1934).

עקאָנאָמישער אַנטיסעמיטיזם אין אַמעריקע, („צוקונפט", יולי, אויגוסט, 1934).

די נאָדל־טריידס און די נ. ר. א. („צוקונפט", נאָוועמבער, 1934).

אַרבעטלאָזיקייט־פּראָבלעמען פון דער יידישער אַמעריקע („צוקונפט", יאַנואַר, 1935).

6. יידן אין די פאַרם־פּרנסות

אין לויף פון די לעצטע 3 יאָר איז פון עטלעכע הונדערט יידישע פאַר־מער־פאַמיליעס די יידישע פאַרם־באַפעלקערונג אין די פאַראייניקטע שטאַטן געשטיגן ביז צו קרוב 125 טויזנט נפשות אָדער 25 טויזנט פאַמיליעס. איבער אַ מיליאָן אַקער לאַנד ווערט באַאַרבעט דורך יידישע הענט. ניט נאָר אין יעדן פון די 48 סטייטס געפינט מען יידישע פאַרמער, נאָר אויך אין יעדן צווייג פון דער אַמעריקאַנער לאַנדווירטשאַפט קען מען אָנטרעפן דערפאָלגרייכע יידישע פאַרמער.

די ערשטע פּראָבע צו פאַרווירקלעכן צווישן די אַמעריקאַנער יידן אַ ברייטע קאָלאָניזאַציע איז געמאַכט געוואָרן מיט 55 יאָר צוריק, ווען ס'האָבן אָנגעהויבן אַריינקומען אין לאַנד גרויסע מאַסן יידישע אימיגראַנטן פון רוס־לאַנד. צווישן זיי פלעגן זיין אַ סך יונגע אידעאַליסטן, טרוימער פון אַ פּשוטן און געזונטען לעבן אויפן שויס פון דער נאַטור אין גייסט פון ריינער חברשאַפט, פון פּרימיטיוון קאָמוניזם. עטלעכע גרופּן ווי די „עם עולם", האָבן אפילו געפּלאַנט צו גרינדן אין דער פרייער אַמעריקע אַ יידישן שטאַט, אַ גרויסן אויטאָנאָמען לאַנדווירטשאַפטלעכן ישוב. ליידער זיינען אָבער צווישן די אימיגראַנטן קיין פאַרמער פון פריער כמעט אינגאַנצן ניט געווען, און דעריבער האָבן אַלע פּלענער ניט געקענט פירן צו קיינע רעזולטאַטן.

אין די 15 יאָר פון 1886 ביז 1901 זיינען געמאַכט געוואָרן פּראָבעס, אויף די געלט פון באַוואוסטן פאַריזער פילאַנטראָפּ באַראָן הירש, צו באַזעצן פון

רחמנות־וועגן אָרימע יידישע אימיגראַנטן אויף פאַרמס אין דרום טייל פון סטייט ניו דזשוירזי. אַ סך פון די ערשטע קאָלאָניסטן האָבן אָבער פאַרלאָזן די פאַרמס גלייך אין די ערשטע יאָרן. נאָך אַ גרעסערער טייל פון די וואָס זיינען פאַרבליבן אויפן לאַנד, האָבן זיך געמוזט נעמען צו אינדוסטריעלע און קאָמערציעלע פרנסות, און די הויפּט־קוואַלן פון חיונה זיינען געוואָרן שניידער־אַרבעט, קרעמעריי, מעקלעריי א. אַז. וו. נאָר אַ טייל פון די ערשטע יידישע פאַרמער אין ניו דזשוירזי האָבן זיך, מיט גרויסע צרות, צוגעפּאַסט צום שטייגער פון דער דאָרטיקער פאַרמעריי, וועלכע באַשטייט דער עיקר פון פרוכט און גרינס־גערטנעריי.

די שטערונגען, וועלכע האָבן אָפּגעהאַלטן די אַנטוויקלונג פון דעם ערשטן גרויסן און קאָנצענטרירטן יידישן פאַרם־ישוב אין אַמעריקע, זיינען געווען: 1) אַ ניט־געלונגענער אויסוואַל פון באָדן פאַר דער קאָלאָניזאַציע; 2) מאַנגל אין נאָענטע מאַרקעטס צו פאַרקויפן די פּראָדוקטן; 3) אומפּאַסיקער מענטש־לעכער מאַטעריאַל צווישן די ערשטע קאָלאָניסטן (צופיל מענטשן וואָס האָבן קיינמאָל ניט געלעבט נאָענט צו דער נאַטור); 4) ווינציק הילף פון די פרויען און קינדער אין די פאַרמער־פאַמיליעס; 5) שוואַכער חשק פון יונגן דור צו פאַרבלייבן אויף די פאַרמס, און 6) די שלעכטע ווירקונג פון דער ביוראָקראַטי־שער אויפזיכט איבער די קאָלאָניסטן פון אויבן — פון די באַאַמטע פון „באַראָן הירש פאָנד“.

זינט 1901 זיינען קיינע פּראָבעס פון אַ מאַסן־קאָלאָניזאַציע שוין מער ניט געמאַכט געוואָרן. ס׳זיינען אָבער אונטערגענומען געוואָרן, דורך דער „יידישער אַגריקולטורעלער געזעלשאַפט“, וואָס איז געגרינדעט געוואָרן אין יאָר 1900 אויף דעם געלט פון באַראָן הירש, שריט צו געבן פּאַכמענישע (אַגראָנאָמישע) און עקאָנאָמישע (דורך הלוואות א. אַז. וו.) הילף פאַר די יידישע פאַרמער, וואָס וועלן אַליין, ד. ה. פון זייער אייגענער איניציאַטיוו, זיך נעמען צו דער לאַנד־ווירטשאַפט. די פאַרמעריי האָט ביסלעכווייז אָנגעפאַנגען צוציען אַלץ אַ גרע־סערן טייל פון די לאַנג־איינגעזעסענע אימיגראַנטן און פון זייערע קינדער.

די פאַרמעריי פון די יידן אין אַמעריקע איז אַלזאָ נאָר 25—30 יאָר אַלט, און פונדעסטוועגן האָט זי זיך אויסגעצייכנט אין פיל באַציאונגען. אַ סך יידישע פאַרמער ווייזן אַרויס אַ גרויסע ענערגיע און פלייס, ווי אויך אַ ליבע צו זייער נייער פרנסה און לעבן־שטייגער. צו אַן עקזיסטענץ אין די נאַטירלעכע באַ־דינגונגען פון אַ פאַרם. זיי פירן איין אַלץ נייערע פאָרמען פון דער פאַרמער־שער פּראָדוקציע, ווי פרוכט, בלומען, גרינס, אַפּטייק־גראָזן, טאַבאַק, חוץ די געוויינלעכע צווייגן פון דער פאַרמעריי, ווי תבואה, מילך און עופות.

דער גרעסטער טייל פון די יידישע דערפאַלגרייכע פאַרמער געפינט זיך אין די מזרח־סטייטס, ווי ניו יאָרק, קאָנעטיקוט, ניו דזשוירזי און מאַסאַטשו־זעטס. דער יידישער פאַרמער, דער געוועזענער שטאָט־מענטש, האָט אַ נייגונג צו מאַכן דעם פאַרם־לעבן וואָס באַקוועמער און אָנגענעמער און ער הויבט אויף זיין לעבן־שטייגער פיל, פיל העכער, ווי דער ניט־יידישער שכן זיינער.

דורך דעם, וואָס ער גיט אויס מער געלט אויף מעבל, ביכער, ראַדיאָ, אויטאָ־מאָבילן א. אַז. וו.

אויך קענעדע האָט אַ דערפאָלגרייכן, הגם אַ קליינעם, יידישן פאַרם־ישוב. אין גאַנץ קענעדע ווערן גערעכנט אַרום 15 יידישע לאַנדווירטשאַפטלעכע ישובים, וואָס זיינען געגרינדעט געוואָרן מיט אַ יאָר 40 צוריק, מיט די געלט פון באַראָן הירש, אין מערב קענעדע, ניט ווייט פון די שטעט וויניפעג, קאַלגאַרי, מעלפאָרט, א. אַנד. חוץ דעם זיינען נאָך דאָרט דאָ אַ סך איינצלנע יידישע פאַרמער, צעוואָרפן איבער פאַרשיידענע פראָווינצן פון קענעדע. צוזאַמען האָט מען, נאָך אין 1925, געציילט אַרום 3000 יידישע נפשות (600 משפחות), וואָס האָבן געלעבט פון פאַרמעריי. זיי האָבן באַאַרבעט אַרום 125 טויזנט אַקער לאַנד אין ווערט, צוזאַמען מיט אַלע פאַרם־בנינים און אינווענטאַר, פון אַרום 3 מיליאָן דאָלער.

מ׳קען איצט אַלע יידישע פאַרמער אין אַמעריקע איינטיילן אין צוויי קלאַסן. פון איין זייט, אַ דערפאָלגרייכער פאַרמער, וואָס האָט דורך זיין איניציאַטיוו און ענערגיע, און אפשר אויך מיט דער הילף פון די געלט און דערפאַרונג, וואָס ער האָט געהאַט, זיך דאָך דערהויבן צו אַ גאַנץ הויכער עקאָנאָמישער שטופע. פון דער צווייטער זייט, געפינט מען, כמעט אין שכנות מיט דערפאָלגרייכע פאַרמער, אַ סך עקאָנאָמיש־צוריקגעשטאַנענע יידישע פאַרמער, וואָס לעבן שוין 30—40 יאָר אין זעלבן ישוב, נאָר האָבן אַ זייער שלעכטע פרנסה. אָט די פאַרמער מוזן נאָך, חוץ פעלד־אַרבעט, אָנקומען צו זייטיקע פרנסות, ווי האַלטן זומער־געסט (באָרדערס), האַנדלען א. אַז. וו. דער געזונטער יידישער פאַרמער־קלאַס אין אַמעריקע שאַפט זיך דערהויפט פון יענע מענטשן, וואָס נעמען זיך באַוואוסט־זיניק, מיט מוט און פלייס צו דער ניט־לייכטער, אָבער געזונטער פרנסה און לעבן און אַרבעטן, אינאיינעם מיט זייערע פרויען און קינדער, אויפן פעלד און אין גאָרטן, אָדער אַרום די בהמות און עופות.

אין די לעצטע יאָרן זעט מען, ווי אַ סך יידישע אַרבעטער באַזעצן זיך הינטערן שטאָט, וואו זיי האָבן אַרום זייער שטוב אַן אייגענעם גערטל און אַ פּאָר עופות. דורך אַזאַ לעבן־שטייגער קען די גאַנצע פאַמיליע אַריינגיין אין געשמאַק פון פאַרם־לעבן, און פון אַזעלכע פאַמיליעס קען אויסוואַקסן אַ גוטע, צוקונפטיקע יידישע ריין־פאַרמערשע באַפעלקערונג. אויך איצט איז שוין פאַרן שטאָטישן אַרבעטער זייער נוצלעך און שפּאָרעוודיק צו באַקומען אַ טייל פון זיין שפּייז דורך דער אייגענער מי אין גערטל און הויף. ס׳זיינען שוין אויך געמאַכט געוואָרן פּראָבעס פון גרופּן אַרבעטער זיך צו באַזעצן ניט ווייט פון ניו יאָרק אין קאָאָפּעראַטיווע קאָלאָניעס און „גאָרטן־שטעטלעך“.

לייען־מאַטעריאַל:

דר. ה. פראַנק: „יידישע פאַרמעריי אין די פאַראייניקטע שטאַטן“, אין „צוקונפט“ אויגוסט, סעפּטעמבער, דעצעמבער, 1926.

7. די יידישע אַרבעטער־באַוועגונג

די יידישע אַרבעטער־באַוועגונג אין די פאַראייניקטע שטאַטן האָט אירע וואָרצלען אין דער אַרבעטער און באַפרייאונג־באַוועגונג פון די יידישע האַרע־פאַשנע מאַסן אין איראָפּע. אויף דעם אַמעריקאַנישן באָדן איז זי פאַרפלאַנצט געוואָרן אין די 80־ער יאָרן פון פאָריקן יאָרהונדערט, ווען ס'האָט זיך אָנגעפאַנגען די מאַסן־אײַנוואַנדערונג. צווישן די אימיגראַנטן האָבן זיך געפונען געבילדעטע יונגע לייט, וואָס זיינען נאָך אין רוסלאַנד געווען באַגייסטערטע אָנטיילנעמער אין דער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג. דאָ אין אַמעריקע האָבן זיי באַלד נאָך זייער קומען אָנגעפאַנגען צו אָרגאַניזירן די יידישע אַרבעטער אין פאַראיינען און פאַרטיי־גרופּן. די אינטעליגענטע אימיגראַנטן זיינען מערסטנטייל אויך געגאַנגען אַרבעטן אין די שעפּער, און דורך דעם באַקומען אַ גרויסן און דירעקטן איינפלוס אויף די אַרבעטער־שיכטן. אין יידישן קוואַרטאַל פון ניו יאָרק איז אָנגעגאַנגען שוין אין די 80־ער און אָנפאַנג — 90־ער יאָרן אַ גרויסע פּראָפּאַגאַנדע און אויפקלערונג אַרבעט אין סאָציאַליסטישן גייסט. אַ סך פון די פירער און רעדנער האָבן שוין געהאַט געגרינדעט אַרבעטער־פאַראיינען אין איראָפּע, דערהויפּט אין ענגלאַנד, למשל, מאָריס ווינטשעווסקי, פיליפּ קראַנץ, ש. יאַנאָווסקי.

אַרום 1890 זיינען אויף דער יידישער אַרבעטער־גאַס שוין געווען צוויי ראַדיקאַל־סאָציאַליסטישע שטרעמונגען: די סאָציאַל־דעמאָקראַטישע און די אַנאַרכיסטיש־קאָמוניסטישע. די ערשטע האָט זיך געשטיצט אויף די סאָציאַלע טעאָריעס פון קאַרל מאַרקס און פרידריך ענגעלס, די צווייטע — אויף די לערעס פון מ. באַקונין און פּ. קראָפּאָטקין. צווישן ביידע ריכטונגען האָט זיך געפירט אַ ביטערער פּאַרטיי־שטרייט און אַ העפטיקער גייסטיקער קאַמף.

צוגלייך מיט דער פּאָליטישער פּראָפּאַגאַנדע פאַרן סאָציאַליזם, איז אויך געפירט געוואָרן צווישן די אַרבעטער אַ באַוועגונג אויף דעם געביט פון זייערע עקאָנאָמישע אינטערעסן. ס'פלעגן זיך אָרגאַניזירן טרייד יוניאָנס, ס'זיינען געפירט געוואָרן סטרייקס, באַיקאָט־אַקציעס קעגן רעאַקציאָנערע פאַבריקאַנטן א. אַז. וו. אין די 80־ער און 90־ער יאָרן זיינען שוין דריי פערטל פון די ניו יאָרקער יידישע אַרבעטער (70—80 פּראָצענט) געווען באַשעפטיקט אין די נאָדל־טריידס. די אַרבעט־באַדינגונגען זיינען געווען זייער שווערע: מ'האָט באַקומען קליינע שכירות פאַר 12—15 שעה אַרבעט אַ טאָג, זייער פיל אַרבעטער פלעגן זיין באַשעפטיקט אין די ענגע, שמוציקע „שוויץ־שעפּער", יעדער אַרבעטער פלעגט נאָך מוזן מיטברענגען מיט זיך זיין נײַ־מאַשין, אַליין געבן די פאָדים, נאָדלען און אַנדערע צודאָטן. די אונטערנעמער פלעגן באַהאַנדלען די אַרבעטער מיט גרינג־שעצונג און חוצפּה. נאָר אייניקע קלענערע טרייד יוניאָניסטיש אָרגאַניזירטע פאַכן, ווי די שריפטזעצער, טעאַטער־כאָריסטן א. אַנד. האָבן שטאַרק פאַרבעסערט זייער לאַגע דורך אייניקייט און סאָלידאַריטעט. די געצײלטע יידישע טרייד־יוניאָנס פון ניו יאָרק האָבן שוין אין 1888 געשאַפן אַ צענטראַלע קערפּערשאַפט: „די פאַראייניקטע יידישע געווערקשאַפטן". די וויכטיקסטע יידישע „טריידס" האָבן נאָך דאַן זייערע יוניאָנס ניט געהאַט. ביסלעכווייז האָבן זיך אויך געשאַפן

יוניאָנס אין די טריידס, וואו ס׳פלעגן אַרבעטן גרויסע מאַסן יידן, ווי פרויען־קליידונג, אונטערוועש, היטל־מאַכער א. אַז. וו.

אַ פעסטן באַזיס האָבן די יוניאָנס אין די יידישע „טריידס״ באַקומען ערשט אין 1910, בעת דעם גרויסן גענעראַל־סטרייק פון די פרויען־קליידונג אַרבעטער אין ניו יאָרק. דעמאָלט האָבן די אַרבעטער, וואָס האָבן געפאָדערט די אָנערקענונג פון זייערע יוניאָנס און פון דער פעדעראַציע פון די יוניאָנס — די „אינטערנעשאָנעל לײדיס גאַרמענט וואָירקערס״, טאַקע דעם גרויסן סטרייק געוואונען.ביידע צדדים, די יוניאָנס און די פאַבריקאַנטן, האָבן אָפּגעשלאָסן דעם אַזוי גערופענעם „פרידן־פּראָטאָקאָל״ וועגן טאַריף־אָפּמאַכן (קאָלעקטיווע פאַרהאַנדלונגען) מיט דער יוניאָן מכח די אַרבעט־באַדינגונגען; און דאָס האָט געמיינט, אַז די פאַבריקאַנטן האָבן ווילנדיק־ניט־ווילנדיק געמוזט אָנערקענען די „אינטערנעשאָנעל לײדיס גאַרמענט וואָירקערס יוניאָן״.

אין יאָר 1914 איז געשאַפן געוואָרן אַן אַנדער גרויסע אָרגאַניזאַציע פון די נאָדל־טרייד אַרבעטער — פון די אַרבעטער אין דער מענער־קליידונג אינדוסטריע. זייער נייע יוניאָן — די „אַמאַלגאַמייטעד קלאָדינג וואָירקערס יוניאָן״, איז געוואַקסן זייער שנעל. אין אַנדערע נאָדל־טריידס, ווי היטל־מאַכער און מילינערי, פוטערוואַרג א. אַז. וו. זיינען אויך אויסגעוואַקסן טרייד יוניאָנס. חוץ די שניידער־טריידס האָבן זיך, אין משך פון די 20—30 יאָר ביז 1920, געפונען גרעסערע צאָלן יידן אויך אין אַנדערע אָרגאַניזירטע טריידס פון ניו יאָרק, ווי שוך־אַרבעטער, טשעסלערס (קאַרפּענטער), בעקער, בלעכער, וועיטער, באַרבערס, מוזיקער, לערער, קראָם־אָנגעשטעלטע א. ד. גל.

די „פאַראייניקטע יידישע געווערקשאַפטן״ אין ניו יאָרק בעשטייען איצט פון 70 טרייד־יוניאָן אָרגאַניזאַציעס מיט 150 טויזנט אַרבעטער, פון וועלכע קרוב צו 100 טויזנט זיינען יידן, און קרוב 60 פּראָצענט פון זיי געפינען זיך אין די נאָדל־טריידס.

דער צווייטער צווייג פון עקאָנאָמישער זעלבסט־הילף פון די אַרבעטער מאַסן, די קאָאָפּעראַציע, האָט אויך געפונען אַ וואַרימען אָפּקלאַנג צווישן די יידישע אַרבעטער־מאַסן. נאָך מיט אַ יאָר 40 צוריק האָבן די ניו יאָרקער יידישע אַרבעטער פאַרשטאַנען די באַדייטונג פון עקאָנאָמישע אונטערנעמונגען, ווי בעקערייען, רעסטאָראַנען, באַרבער־סאַלאָנען, וואו דער פאַרדינסט גייט ניט אַוועק צום פּריוואַטן אונטערנעמער, נאָר ווערט פאַרטיילט צווישן אַלע אָנטיילנעמער אין דעם אַרבעטער־קאָאָפּעראַטיוו. ס׳זיינען געמאַכט געוואָרן אַ סך פּראָבעס פון אַזעלכע אונטערנעמונגען און עטלעכע האָבן זיך גוט איינגעגעבן און עקזיסטירן נאָך ביז איצט, אין ניו יאָרק און אין אַנדערע שטעט. ס׳זיינען געשאַפן געוואָרן אין דער לעצטער צייט קרעדיט־קאָאָפּעראַטיוון, אָדער „קרעדיט יוניאָנס״, וועלכע גיבן זייערע חברים הלוואות פון זייערע אייגענע אָפּגעשפּאָרטע געלט, וואָס די חברים טראָגן אין דער קרעדיט יוניאָן אַריין, און פאַר אָט די הלוואות צאָלן די חברים קלענערע ציבנז ווי אין די פּריוואַטע בענק. ס׳זיינען אויך געשאַפן געוואָרן אין די לעצטע צען יאָר האַלב־קאָאָפּעראַטיווע בוי־אונטערנעמונגען, אין וועלכע די גרויסע טרייד יוניאָנס

ווי די „אַמאַלגאַמייטעד קלאָדינג וואָירקערס״, העלפן די אַרבעטער צו באַזעצן זיך אין באַקוועמע, געזונטע און ביליקע דירות.

אין אָנפאַנג פון די 90־ער יאָרן האָבן זיך צווישן די אַרבעטער־מאַסן פון ניו יאָרק באַוויזן די ערשטע סימנים פון אַ שטרעבונג צו אָרגאַניזירן ברידער־לעכע פאַראײנען פאַר קעגנזייטיקע הילף אין פאַל פון קראַנקהייט און טויט דורך רעגלמעסיקע וועכנטלעכע בײַשטײַערס. ס׳זײַנען שוין געווען צווישן די בירגערלעכע יידישע קרייזן אַזעלכע פאַראײנען און לאָדזשן, ווי די „בני ברית״ געזעלשאַפט, „ברית שלום״ און אַנדערע. אָבער די אַרבעטער־מאַסן זײַנען גע־שטאַנען ווייט פון די צערעמאָניעס און אַנדערע פירונגען אין אָט די אָרגאַני־זאַציעס. פון די אַרבעטער אונטערשטיצונגס־פאַראײנען איז אויסגעוואַקסן דער גרויסער אַרבעטער אָרדן „אַרבעטער רינג״, וועלכער איז געגרינדעט געוואָרן אין 1900. היינט האָט אָט דער אָרדן איבער 1,000 בראַנטשעס איבערן גאַנצן לאַנד מיט 75 טויזנט מיטגלידער. אַ צווייטער יידישער אַרבעטער אָרדן, דער „יידיש נאַציאָנאַלער אַרבעטער פאַרבאַנד״, איז געגרינדעט געוואָרן אין 1912. ער האָט איצט 7,500 מיטגלידער און 180 בראַנטשעס. דער „אַרבעטער רינג״ העלפט אויך זײַנע מיטגלידער צו פאַרמיידן אַ פריצײַטיקן טויט און שווערע קראַנקהייטן, און האַלט אויס אַ קליניק אין ניו־יאָרק און אויך אַ סאַנאַ־טאָריע פאַר טובערקולאָזע קראַנקע אין ליבערטי, נ. י. (געגר. אין 1910).

אַ סך סאָציאַליסטיש־געשטימטע יידישע אימיגראַנטן האָבן אין די 90־ער יאָרן זיך אָנגעשלאָסן צו דער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי, וועלכע האָט דעמאָלט געטראָגן דעם נאָמען „סאָציאַליסטישע אַרבעטער פּאַרטיי״. אַ טייל מיטגלידער זײַנען אָבער ניט צופרידן געווען מיט דער פירערשאַפט פון דער פּאַרטיי, און זיי האָבן אין 1897 די פּאַרטיי פאַרלאָזן. זיי זײַנען צוגעשטאַנען צו אַן אַנדער פּאָליטישער באַוועגונג, די „סאָציאַל־דעמאָקראַטיע פון אַמעריקע״, אונטער דער פירערשאַפט פון יודזשין דעבס. זינט 1901 האָט אָט די פּאַרטיי געהייסן: „סאָציאַליסטישע פּאַרטיי״. דער ערשטער גרויסער פּאָליטישער דערפאָלג פון דער יידישער אָפּטיילונג פון דער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי איז געקומען אין 1914, ווען אַ יידישער אַרבעטער־פירער פון ניו יאָרק, מאיר לאָנדאָן, איז אויסגעקליבן געוואָרן פאַר קאָנגרעסמאַן. ער איז ווידער אויסגעקליבן געוואָרן אין 1916 און אין 1921. אויך צו דער געזעצגעבנדיקער אַסעמבלי פון סטייט ניו יאָרק האָבן די יידישע קוואַרטאַלן פון ניו יאָרק געשיקט סאָציאַליסטישע פאָרשטייער, ווי א. שיפּליאַקאָוו און אַנדערע.

די יידישע אַרבעטער אָרגאַניזאַציעס אין אַמעריקע זײַנען שטענדיק גע־שטאַנען אין אַ נאָענטער פאַרבינדונג מיט דער סאָציאַליסטישער און אַרבעטער באַוועגונג אין אייראָפּע. דער העראָאישער קאַמף פון די סאָציאַליסטן און רע־וואָלוציאָנערן קעגן דעם פינסטערן רוסישן צאַריזם פלעגט אַרויסרופן אַ טיפע סימפּאַטיע און באַוואונדערונג בײַ די יידישע מאַסן אין אַמעריקע. זיי האָבן אָט דעם קאַמף אונטערשטיצט מיט פינאַנציעלע און מאָראַלישע מיטלען. די אייראָפּעאישע יידישע אַרבעטער־פּאַרטייען, ווי דער „בונד״ און אַנדערע, האָבן ניט נאָר באַאײַנפלוסט דורך זייערע טעאָריעס דעם היגן יידישן אַרבעטער־עולם, נאָר האָבן אויך פאַרשטאַרקט די רייען פון די אַרבעטער־אָרגאַניזאַציעס אין

אַמעריקע דורך די אַריבערגעקומענע אַרבעטער־אימיגראַנטן, וועלכע האָבן שוין געהאַט דורכגעמאַכט אַ סאָציאַליסטישע און רעוואָלוציאָנערע שולונג אין אַט די פּאַרטייען נאָך אין דער אַלטער היים.

זייער שטאַרק האָבן זיך די אָרגאַניזירטע יידישע אַרבעטער אין אַמעריקע באַטייליקט אין דער אונטערשטיצונג־אַקציע פון די אַמעריקאַנער יידן פאַר זייערע ברידער אין איירעפּע, וועלכע האָבן געליטן פון דער וועלט־מלחמה. אין 1915 איז געשאַפן געוואָרן די צענטראַלע אָרגאַניזאַציע פון די יידישע אַרבעטער אין אַמעריקע, דער „פּיפּלס רעליף קאָמיטעט", וועלכער איז אַריין, ווי איינע פון די דריי צענטראַלע קערפּערשאַפטן, אין דעם הויפּט־פּאַרטיילונג קאָמיטעט פון די אויפגעקליבענע געלט: דער „דזשאָינט דיסטריביושאָן קאָמיטעט". אין די ערשטע יאָרן נאָך דער מלחמה איז פאָרגעקומען אַ שפּאַלטונג אין די רייען פון דער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי, און אַ טייל פון די יידישע סאָציאַליסטן זיינען אַריינגעטראָטן אין דער נייער קאָמוניסטישער פּאַרטיי.

אַ גרויסער אויפטו פון די יידישע אָרגאַניזירטע אַרבעטער איז געווען די שאַפונג פון אַן אייגענער אַרבעטער־פּרעסע, ד. ה. צייטונגען און זשורנאַלן, וואָס פאַרטרעטן די אַרבעטער און שטעלן זיך איין פאַר זייערע אינטערעסן. נאָך אין 1889 האָבן די אַנאַרכיסטן אויף דער יידישער אַרבעטער גאַס אין ניו יאָרק געשאַפן אַ וואָכנשריפט „די וואַרהייט", אָבער זי האָט געקענט עקזיסטירן נאָר 5 חדשים. ביז יענער צייט איז די גאַנצע פּרעסע אויף יידיש דאָ אין אַמעריקע געלעגן אין בירגערלעכע, ד. ה. אַנטי־סאָציאַליסטישע הענט. אין יאָר 1890 איז געגרינדעט געוואָרן די ערשטע סאָציאַל־דעמאָקראַטישע וואָכנשריפט „די אַרבעטער צייטונג", פון וועלכער פיליפּ קראַנץ איז געווען דער ערשטער רעדאַקטאָר. פון 1894 ביז 1920 האָט די „אַרבעטער צייטונג" אויפגעהערט צו זיין אַ זעלבסטשטענדיקע צייטונג, נאָר איז געוואָרן די זונטאָג־ביילאַגע פון דער ערשטער טעגלעכער אַרבעטער־צייטונג אין יידיש — „אַבענד־בלאַט", וועלכע די סאָציאַליסטישע אַרבעטער פּאַרטיי האָט געגרינדעט אין יאָר 1894. די „אַרבעטער צייטונג" האָט געמאַכט אַן עפּאָכע סיי אין דער אַמעריקאַניש־יידישער אַרבעטער־באַוועגונג, סיי אין דער יידישער זשורנאַליסטיק און ליטעראַטור דאָ אין אַמעריקע. זי איז געווען דער זאַמל־פּונקט פאַר די ערשטע סאָציאַליסטישע שריפטשטעלער און זשורנאַליסטן אין אַמעריקע, ווי ב. פייגענבוים, ל. מילער, אב. קאַהאַן, און אַנדערע, וועלכע זיינען באַקאַנט געוואָרן דעם ברייטערן עולם ערשט דורך זייער מיטאַרבעטערשאַפט אין דער „אַרבעטער צייטונג".

נאָך דער אָפּשפּאַלטונג פון אַ טייל מיטגלידער פון דער סאָציאַליסטישער אַרבעטער פּאַרטיי, איז געגרינדעט געוואָרן, אין 1897, אַ צווייטע טעגלעכע סאָציאַליסטישע צייטונג אין יידיש, דער „פאָרווערטס". זינט 1891 גייט אויך אַרויס אַ מאָנאַטלעכער זשורנאַל פאַר ליטעראַטור, וויסנשאַפט און סאָציאַליסטישע אויפקלערונג — „די צוקונפט". אין 1899 האָט אָנגעפאַנגען צו דערשיינען די אַנאַרכיסטישע וואָכנשריפט „פרייע אַרבעטער שטימע", פון וועלכער ש. יאַנאָווסקי איז געווען אַ לאַנגיאָריקער רעדאַקטאָר. די יידישע אַרבעטער

פרעסע נעמט אויך אַרום צייטשריפטן און זשורנאַלן פון טרייד יוניאָנס, פּראָ־טווירנאַלע אַרבעטער־אָרדנס און פון פאַרשיידענע פּאַרטיי־ריכטונגען.

די יידישע אַרבעטער־פרעסע האָט זייער פיל אויפגעטאָן צו באַשאַפן אַ ראַדיקאַלן באַוואוסטזיין און צו פאַרשטאַרקן די אָרגאַניזאַציעס צווישן די יידישע אַרבעטער אין אַמעריקע. אָבער נאָך מער ווי דורך די צייטונגען האָט זיך אויך אויפגעהויבן דער מוט און די באַגייסטערונג פון די אַרבעטער דורך די שאַפונגען פון די ערשטע אַרבעטער־דיכטער. דוד עדעלשטאַט (1866—1892), אַן אַנאַרכיסטישער פּאָעט, האָט אין זיינע לידער באַזונגען די געפאַלענע העלדן פון אַרבעטער־קלאַס, פלעגט שילדערן די שווערעליידן פון די אַר־בעטער און זיי רופן צום קאַמף מיט דער אומגערעכטער געזעלשאַפטלעכער אָרדנונג. זיינע לידער זיינען געווען זייער פּאָפּולער צווישן די אַרבעטער.

מאָריס ראָזענפעלד (1862—1923), וועלכער איז אַליין אַ לאַנגע צייט געווען אַן אַרבעטער אין אַ „שוויץ־שאָפּ", האָט אין זיינע לידער געשילדערט דאָס טרויעריקע, עלנדע לעבן פון די יידישע אַרבעטער אין אַמעריקע. דער געפיל פון שמערץ און פאַרצווייפלונג גייט איבער אין אייניקע פון זיינע לידער אין אַ מעכטיקן פּראָטעסט־געשריי קעגן די אונטערדריקער און פייניקער פון אַרבעטער־פאָלק. וועגן אים האָט אַ קריטיקער אַמאָל געשריבן: „ראָזענפעלד מאָלט דעם גיהנום ניט פון יענער וועלט, ווי ס'האָט געטאָן דאַנטע, נאָר דעם גיהנום אויף דער ערד, דעם גיהנום, וואָס ער האָט ניט נאָר באַזוכט, נאָר וואו ער האָט אויך אַ לאַנגע צייט געלעבט".

שטאַרקע אַרבעטער דיכטונגען זיינען אויך געשאַפן געוואָרן דורך יוסף באָוושאָווער, מאָריס ווינטשעווסקי, א. ליעסין און אַנדערע. מאָריס ווינטשעווס־סקי (1856—1932) ווערט געהאַלטן פאַר דעם ערשטן יידישן פּראָלעטאַרישן דיכטער און דעם גרינדער פון דער יידישער סאָציאַליסטישער ליטעראַטור און פרעסע אין די ענגליש־ריידנדיקע לענדער.

לייען־מאַטעריאַל:

דר. ה. פראַנק: יידישע טרייד יוניאָן און קאָאָפּעראַטיווע באַוועגונג אין נו יאָרק, — אין „יידישן אַרבעטער־יאָרבוך און אַלמאַנאַך", נ. י. 1928.

8. די סאָציאַל־פילאַנטראָפּישע הילף

די יידישע פאָלקסס־מאַסן האָבן אין זייער נייער היים געשאַפן טויזנטער אָרגאַניזאַציעס, געזעלשאַפטן און פאַראייניגען, וועלכע גיבן זיך אָפּ מיט רעליגיעזע אויפגאַבן (דאַוונען, לויות א. אַז. וו.), מיט צדקה־אַרבעט פאַר די אָרימע און קראַנקע, מיט קעגנזייטיקע הילף דורך קראַנקען־בענעפיטס, בענעפיטס פאַר אלמנות א. אַז. וו.

דער גערסטער טייל פון אַזעלכע אָרגאַניזאַציעס זיינען לאַנדסמאַנשאַפט־פאַראיינען. ס'זיינען דאָ לאַנדסמאַנשאַפטן, וואָס ציילן צוואַנציק־דרייסיק פאַר־

איינען אויפן נאָמען פון זייער היים־שטאָט, ווי די ביאַליסטאָקער, וואַרשעווער, אָדעסער, א. אַז. וו. ס׳ווערט געשאַצט, אַז אין די פּאַראייניקטע שטאַטן געפינען זיך אַרום פינף טויזנט אַזעלכע לאַנדסמאַנשאַפט־אָרגאַניזאַציעס, מיט קרוב אַ האַלבן מיליאָן מיטגלידער. דער פאַרמעגן פון אַלע לאַנדסמאַנשאַפט־פאַראיינען זאָל באַטרעפן אין מזומענע פאָנדן און גרונד־אייגנטום (קרקע, געביידעס און אַנדערע „ריעל עסטייט") פון אַכציק ביז הונדערט מיליאָן דאָלער.

אַ וויכטיקע סאָציאַל־עקאָנאָמישע פונקציע פון אַ סך לאַנדסמאַנשאַפט־לעכע אָרגאַניזאַציעס זיינען די „גמילות חסדים קאַסעס", פון וועלכע די מיט־גלידער קענען באָרגן קלענערע סומעס געלט אָן צינזן. פון אַזעלכע קאַסעס זיינען אין די ערשטע יאָרן אַרויסגעוואַקסן, אין אַ סך פאַלן, מאָדערנע קרעדיט־קאָאָפּעראַטיוון, ד. ה. קרעדיט יוניאָנס.

די לאַנדסמאַנשאַפטן האָבן זיך אויך באַטייליקט מיט גרויסע סומעס אין דער „רעליף אַקציע", וועלכע די אַמעריקאַנער יידן האָבן געפירט פאַר זייערע מלחמה־געליטענע ברידער אין אייראָפּע.

ס׳זיינען אויך דאָ עטלעכע גרויסע צענטראַלע לאַנדסמאַנשאַפטלעכע פאַראיינען, ווי דער „פאַרבאַנד פון די רומענישע יידן", „פאַרבאַנד פון פּוילישע יידן" א. אַז. וו., וועלכע זיינען פעדעראַציעס פון די לאַנדסמאַנשאַפט־פאַראיי־נען. אין יאָר 1927 זיינען אין אַזעלכע פעדעראַציעס געציילט געוואָרן 192 לאַנדסמאַנשאַפט־פאַראיינען, פון וועלכע 85 פּראָצענט זיינען געווען אין ניו יאָרק און די איבעריקע זיינען צעשפּרייט געווען איבער 28 פונקטן פון לאַנד.

ס׳זיינען אויך דאָ גרויסע געזעלשאַפטלעכע אָרגאַניזאַציעס, וועלכע באַ־שיצן די אינטערעסן פון די אימיגראַנטן, און באַקומען צו אַט דעם צוועק אונטערשטיצונג פונעם גאַנצן יידישן קהל אין אַמעריקע. צו אַט דעם קלאַס אָרגאַניזאַציעס געהערט דער „האַיאַס" (היברו שעלטערינג ענד אימיגראַנט עיד סאָסייעטי). זי פאַרטיידיקט די עקאָנאָמישע און פּאָליטישע אינטערעסן פון די אימיגראַנטן און זייערע פאַמיליעס, גיט אַרויס אינפאָרמאַציע, געפינט אַרבעט־שטעלעס, שיקט אַריבער דאָס געלט פון די אימיגראַנטן צו זייערע משפּחות אין אייראָפּע. א. אַז וו. די „האַיאַס" ווערט אויסגעהאַלטן פון 150 טויזנט מיטגלידער. דער גרונט־שטיין פון אַט דער געזעלשאַפט איז געלייגט געוואָרן נאָך אין יאָר 1888. איר צענטראַל־ביוראָ געפינט זיך אין ניו יאָרק, און זי האָט אָפּטיילונגען אין אַ סך שטעט פון אַמעריקע און אייראָפּע. ס׳איז אויך דאָ אַ ספּעציעלע אָרגאַניזאַציע (נעשאַנעל דיזוירשאָן ביוראָ), וועלכע באַשיצט די פרויען און קינדער, וואָס זייערע מענער און פאָטערס האָבן אַוועק־געוואָרפן די משפּחות.

אַ גרויסע געזעלשאַפטלעך־פילאַנטראָפּישע טעטיקייט ווערט דורכגעפירט פון די אָרגאַניזירטע יידישע פרויען. אויך דאָ געפינט מען צווייערליי אָרגאַ־ניזאַציעס: 1) פאַראיינען פון די פאָלקס־פרויען, ווי די „אָקזיליאַריס" פון די לאַנדסמאַנשאַפטלעכע אָרגאַניזאַציעס, פון די „אַרבעטער רינג" ברענטשעס א. אַז. וו. און 2) די סאָציאַל־פילאַנטראָפּישע אָרגאַניזאַציעס פון די פרויען פון רייכן און פאַרמעגלעכן מיטל־קלאַס, וועלכע ווילן העלפן דער אָרימער באַ־פעלקערונג דורך צדקה. די וויכטיקסטע פון אַזעלכע יידישע פרויען־געזעל־

שאַפטן איז דער „נאַציאָנאַלער ראַט פון יידישע פרויען" מיט קרוב 30 טויזנט מיטגלידער און אָפּטיילונגען אין איבער 200 שטעט פון אַמעריקע.

אין אַ סך שטעט פון אַמעריקע זיינען דאָ יידישע קהלשע פילאַנטראָפּישע אַנשטאַלטן פאַר קראַנקע, אַלטע לייט, יתומים א. אַז. וו. מ׳געפינט אין די פאַראייניקטע שטאַטן אַרום 75 יידישע האָספּיטאַלס, סאַנאַטאָריעס און קליניקס מיט אַרום 14 טויזנט בעטלעך אין זיי. די אַלגעמיינע טעגלעכע דורכשניטלעכע צאָל פון קראַנקע איז 8,225 אָדער צו 110 אין אַ האָספּיטאַל. דער יערלעכער בודזשעט פון אַלע יידישע האָספּיטאַלס איז אַרום 15 מיליאָן דאָלער. צו אָט דער סומע מוז מען נאָך צוגעבן די בודזשעטן פון די יידישע פילאַנטראָפּישע געזעלשאַפטן, וועלכע האַלטן אויס סאַנאַטאָריעס פאַר טובערקולאָזע קראַנקע. דאָס זיינען „נאַציאָנאַלע" און ניט קיין לאָקאַלע אינסטיטוציעס, ד. ה. זיי באַדינען דעם גאַנצן יידישן ישוב פון לאַנד, און הגם זיי געפינען זיך מערסטנס אין דער וייטער וועסט, ווי קאָלאָראַדאָ און קאַליפאָרניע, וואו דער גוטער קלימאַט העלפט צו היילן די קראַנקע, נעמען זיי אָבער אַריין אָרימע קראַנקע פון אַלע טיילן פון לאַנד. זייער יערלעכער בודזשעט איז אַרום אַ מיליאָן דאָלער.

אין 30 יידישע ישובים פון די פאַראייניקטע שטאַטן זיינען אין יאָר 1927 געווען 42 מושב זקנים׳ס, אָבער זייער צאָל איז נאָך גרעסער געוואָרן אין די לעצטע זיבן יאָר. ס׳פאַרגרעסערט זיך כסדר, אין דער יידישער אַמעריקע, די צאָל אַלטע לייט, דערהויפּט צווישן די פרעמד-געבאָרענע יידן, ווי מיר האָבן דאָס שוין דערמאָנט אין אַ פריערדיקן קאַפּיטל. אין יאָר 1933 האָבן זיך אין 36 יידישע מושב-זקנים׳ס געפונען 3940 זקנים און זקנות. די דורכשניטצייט, וואָס אַן אַלטער מאַן אָדער פרוי בלייבן אין אַ „היים" איז אַרום 5 יאָר.

אין דער אונטערשטיצונג פון די אָרימע אַלטע לייט וועלן פון איצט אָן די סאָציאַלע הילף-מיטלען, ווי די פּענסיעס פון דעם סטייט, שפּילן נאָך אַ גרעסערע ראָלע ווי די הילף, וועלכע פריוואַטע געזעלשאַפטן גיבן, ווי די „מושב זקנים׳ס" א. אַז. וו. נאָר פון 30טן סעפּטעמבער, 1930, ביז דעצעמבער, 1932, זיינען שוין כמעט 4,000 יידן אָנגענומען געוואָרן אין ניו יאָרק ווי קאַנדידאַטן אויף סטייט-פּענסיעס; און אין אַלע יידישע „היימען" פון ניו יאָרק האָבן אין דער זעלבער צייט געלעבט אויך ניט מער ווי 4,000 אַלטע לייט.

אין יאָר 1933 האָבן 49 ספּעציעלע צדקה-אָרגאַניזאַציעס פאַר אָרימע יידישע קינדער אויסגעהאַלטן 11812 אינגלעך און מיידלעך. עס זיינען דאָ אין די פאַראייניקטע שטאַטן 25 יידישע יתומים-הייזער, וואו מ׳האַלט אויס אַרום 5 טויזנט קינדער. די איבעריקע 6—7 טויזנט קינדער ווערן אויסגעהאַלטן, אויף די געלט פון צדקה-אָרגאַניזאַציעס, אין קעסט-הייזער, וועלכע שטייען אונטער דער אויפזיכט פון אָט די אָרגאַניזאַציעס. ס׳זיינען אויך דאָ אין די גרויסע יידישע שטעט פון אַמעריקע ספּעציעלע צדקה-געזעלשאַפטן, וועלכע פאַרנעמען זיך מיט מאַטעריעלער און גייסטיקער הילף פאַר די קינדער, וואָס זיינען אַוועק אויף קרומע וועגן (פאַרברעכער א. אַז. וו.) און דאַרפן געמאַכט ווערן פאַר גוטע מיטגלידער פון דער געזעלשאַפט. אַרום און אַרום באַטרעפן די קאָסטן פון דער יידישער קינדער-פאַרזאָרגונג אין אַמעריקע אַרום 4½ מיליאָן דאָלער אַ יאָר.

פון וואַנען נעמט מען אָבער אַט די שווערע מיליאָנען וואָס די גרויסע און פילזייטיקע יידישע צדקה־אַרבעט אין אַמעריקע קאָסט אָפּ? — אַ טייל געלט קומט פון די נדבות וואָס איינצלנע מענטשן גיבן ביים לעבן אָדער לאָזן איבער בירושה פאַר די צדקה־אָרגאַניזאַציעס. דער גרעסטער טייל פון דעם בודזשעט ווערט אָבער געדעקט פון די טויזנטער איינצלנע יידן און געשעפטלעכע פירמעס, וועלכע צאָלן איין יערלעכע נדבות פאַר די צדקה־אינסטיטוציעס. אין כמעט אַלע גרעסערע שטעט, וואו יידן לעבן אין די פאַראייניקטע שטאַטן און קאַנאַדע געפינען זיך „פעדעראַציעס" פון יידישע צדקה־אָרגאַניזאַציעס, וועלכע קלייבן אויף ביים יידישן עולם די פריוויליקעביישטייערונגען זייערע, און צעטיילן די אויפגעקליבענע סומעס צווישן באַזונדערע געזעלשאַפטן און אינסטיטוציעס. אין ניו יאָרק האָט די „פעדעראַציע", וואָס שטיצט די צדקה־אינסטיטוציעס פון מאַנהעטען און בראָנקס, אַרום 40, און אַמאָל אפילו 50, טויזנט ביישטייערנדיקע מיטגלידער.

ניט אַלע צדקה־אינסטיטוציעס געהערן אָבער צו די „פילאַנטראָפּישע פעדעראַציעס". אַ סך בלייבן אינגאַנצן זעלבסטשטענדיק און טראָגן אַליין די זאָרגן פון זייער פינאַנסירונג, ד. ה. אויפקלייבן די געלט־מיטלען פאַר דער אינסטיטוציע. די יידישע צדקה־פעדעראַציעס האָבן זיך געשאַפן אין דער יידישער אַמעריקע נאָך מיט 40 יאָר צוריק, און האָבן כסדר געוואָקסן אין צאָל און באַדייטונג. זיי זיינען אפילו געווען די מאָדעלס פאַר צענטראַלע צדקה־פעדעראַציעס פון אַלע פילאַנטראָפּישע אינסטיטוציעס, יידישע און ניט־יידישע, אין אַ גאַנצער שטאָט. אַזעלכע פעדעראַציעס רופן זיך היינט „קאָמיוניטי טשעסטס", און זייער פונקציע איז אויפצוקלייבן געלט פאַר אַלע צדקה־אינסטיטוציעס פון אַ שטאָט. זייער אָפט זיינען איצט אויך די יידישע אינסטיטוציעס אָנגעשלאָסן צו אַזאַ „קאָמיוניטע טשעסט", פון וועלכן זיי באַקומען די נויטיקע פאַר זיי פינאַנציעלע שטיצע. אין אַזעלכע פאַלן מוזן אָבער די יידן האָבן אייגענע צענטראַלע פינאַנסירונג־קערפּערשאַפטן פאַר די ריין־יידישע באַדערפענישן, ווי הילף פאַר די אָרימע ברידער אין אייראָפּע, אונטערשטיצונג פון ריין־יידישע קינדער־שולן, א. אַז. וו. אין די לעצטע יאָרן שאַפן זיך ביי די יידן אין אַמעריקע אַזוי גערופענע „וואוילטעטיקע פאָנדן" (וועלפעיר פאָנדס), וועלכע קלייבן אויף פון דעם יידישן קהל געלט־מיטלען פאַר די פאַרשיידענע לאָקאַלע, נאַציאָנאַלע (ד. ה. פאַר די אינסטיטוציעס וואָס ברענגען נוצן דער יידישער באַפעלקערונג פון גאַנץ אַמעריקע) און די אינטערנאַציאָנאַלע (הילף פאַר אייראָפּע, ארץ ישראל א. אַז. וו.) נויטן פון די יידן.

לייען־מאַטעריאַל:

דר. ה. פראַנק: פראַגן פון סאָציאַלער הילף ביי אַמעריקאַנער יידן, אין „צוקונפט", פעבר. 1930.

9. שול־דערציאונג און קולטור־אַרבעט

צווישן דער יידישער באַפעלקערונג אין די פאַראייניקטע שטאַטן זיינען דאָ אַרום אַ מיליאָן קינדער אין שול־עלטער, ד. ה. פון 7 ביז 16 יאָר, אָבער נאָר איין־פערטל פון זיי באַקומען דערוויל אַ וועלכע עס איז דערציאונג אין ריין־יידישע שול און בילדונג־אינסטיטוציעס. אין 1927 איז געמאַכט געוואָרן אַ צענזוס פון אַלע יידישע קהלשע אָרגאַניזאַציעס און אין דעם אויך די שולן. מ׳האָט דעמאָלט געציילט 249,049 קינדער וואָס האָבן געלערנט אין שולן פאַר יידן. אַלע יידישע שול־קינדער קענען איינגעטיילט ווערן אין דריי קלאַסן, אַט ווי: 1) שול־קינדער, וואָס באַזוכן די שבת־שולן, וואו מ׳לערנט בלויז שבת, צו עטלעכע שעה אַ וואָך, די רעליגיעזע לימודים; 2) וואָכן־טעג שולן, ווי די יידיש־וועלטלעכע שולן, תלמוד תורות א. אַז. וו., אין וועלכע מ׳לערנט יידישע לימודים 4—5 מאָל אַ וואָך אין די נאָכמיטאָג־שעהן, און 3) די (פּאַראָ־קיאַלע שולן״, אין וועלכע מ׳גיט די קינדער דעם פולן שול־קורס פון די אַלגע־מיינע און יידישע לימודים, אָבער אין אַ ריין רעליגיעזן גייסט. די פאַרטיילונג לויט די דריי גרופּן אין 1927 איז געווען אַזאַ:

שבת־שולן ——————————————	109,900	קינדער
וואָכנטאָג שולן ——————————	135,812	קינדער
פּאַראָקיאַלע שולן —————————	3,697	קינדער
צוזאַמען ———————————————	249,409	

אין דער גרופּע וואָכנטאָג־שולן גייען אויך אַריין די יידיש־וועלטלעכע שולן, ווי די „אַרבעטער רינג״ שולן, די שולן פון „שלום־עליכם פאָלק־אינסטי־טוט״ און אַנדערע. אַרום און אַרום געפינען זיך קרוב 200 אַזעלכע יידישע שולן אין עטלעכע און זעכציק שטעט פון די פאַראייניקטע שטאַטן און קאַנאַדע. אין זיי לערנען אַרום 20,000 קינדער. פון וועלכע 1500—2000 זיינען אין קאַנאַדע. די צאָל יידישע שול־לערער איןביידע לענדער איז אַרום 270, פון וועלכע 25 זיינען אין קאַנאַדע. די דאָזיקע שולן האַלטן זיך אויס פון דעם שכר־לימוד פון די שילער און פון די סובסידיעס פון די צענטראַלע שול־אָרגאַניזאַ־ציעס, וועלכע פירן אָן די שול־אַרבעט, ווי דער בילדונג־דעפּאַרטמענט פון אַרבעטער רינג, דער נאַציאָנאַל־יידישער אַרבעטער פאַרבאַנד און אַנדערע.

אין יאָר 1927 זיינען אין די פאַראייניקטע שטאַטן געווען בלויז דריי יידישע אויטאָנאָמע (פּאַראָקיאַלע) העכערע שולן (היי סקולס), אַלע — אין ניו יאָרק, מיט 605 שילער. ס׳זיינען אויך געווען 4 יידישע טעכנישע שולן מיט 2132 סטודענטן און איין פאַרם־שול אין פּענסילווייניע מיט 105 שילער. צוזאַמען זיינען אין גאַנצן לאַנד געווען 8 יידישע מיטלשולן מיט 2902 שילער.

די יידישע אַנשטאַלטן פאַר העכערער בילדונג באַשטייען פון 5 ראַבינער־סעמינאַרן מיט 575 סטודענטן (אין 1927), פון איין יודאַאיסטישער אַקאַדעמיע (אין פילאַדעלפיע) מיט 35 סטודענטן, און פון אַ שול פאַר סאָציאַל־פילאַנטראָ־פּישער אַרבעט (סאָשעל וואָירק) אין ניו יאָרק מיט 63 סטודענטן. אין עלף שטעט האָט מען אין 1927 געציילט 19 יידישע לערער־סעמינאַרן און פּעדאַגאָגישע

קורסן, וואו ס'האָבן זיך געלערנט 2405 שילער און שילערינס. מ'קען אָננעמען, אַז די אַמעריקאַנער יידן גיבן אויס אויף די העכערע שולן פון אַלע טיפּן אַרום דריי־פערטל מיליאָן דאָלער אַ יאָר, און אויף דער גאַנצער יידישער דערציאונג — 6 ביז 7 מיליאָן דאָלער יערלעך.

אין די לעצטע 15—20 יאָר האָבן זיך אין דער יידישער אַמעריקע פאַרשפּרייט קולטורעלע אינסטיטוציעס פון אַ נייעם מין — די אַזוי־גערופענע „יידישע געמיינדע צענטערס". דאָס זיינען פאַרוויילונג און בילדונג־אינסטיטוציעס, וועלכע שטרעבן צוציען צו זיך אַלע מיטגלידער פון די יידישע פאַמיליעס, געבנדיק זיי גייסטיקע הילף (דורך לעקציעס, יום־טוב פייערונגען א. אַז. וו.), ווי אויך שאַפנדיק פאַרווייילונג און דערהאָלונג־מעגלעכקייטן (קעמפּס א. אַז. וו.). אין יאָר 1930 זיינען געווען 250 "יידישע צענטערס" און ענלעכע אָרגאַניזאַציעס אין די פאַראייניקטע שטאַטן, מיט אַ צאָל מיגלידער פון 280,000 און אַ יערלעכן בודזשעט פון קרוב 4 מיליאָן דאָלער. די אַרבעט זייערע ווערט אָנגעפירט פון אַ פילאַנטראָפּישן קאָמיטעט אין ניו יאָרק — דער „דזשואיש וועלפעיר באָארד". אָט דער קאָמיטעט זאָרגט אויך פאַר די גייסטיקע באַדערפענישן פון די יידישע סאָלדאַטן אין דער אַמעריקאַנער אַרמיי.

דער גרעסטער טייל מיטגלידער און אָנטיילנעמער אין אָט די אָרגאַניזאַציעס באַשטייט פון יונגע לייט, און זייער גרונט־שטיין איז נאָך אַוועקגעלייגט געוואָרן מיט 60—70 יאָר צוריק, ווען אין די גרויסע יידישע שטעט האָבן זיך געשאַפן יידישע פאַרווייילונג און יוגנט־צענטערס אונטער דעם נאָמען „יאָנג מענס היברו אַסאָסיאיישאָנס" און „יאָנג ווימענס היברו אַסאָסיאיישאָנס". שפּעטער זיינען פון אָט די פאַרוויילונג־קלובן געוואָרן סאָציאַל־פילאַנטראָפּישע און קולטורעלע צענטערס וואָס ווערן אויסגעהאַלטן פון די נדבות, וועלכע די יידישע צדקה־פעדעראַציעס און ענלעכע צענטראַלע קערפּערשאַפטן קלייבן אויף. אין אָט די אַלע אָרגאַניזאַציעס הערשט אַלזאָ ניט דער גייסט פון זעלבסט־הילף, נאָר דער פילאַנטראָפּישער און בירגערלעך־קאָנסערוואַטיווער גייסט. די אַרבעטער און ראַדיקאַלע יוגנט קען זיך אָבער ניט צופרידנשטעלן מיט אַזעלכע אָרגאַניזאַציעס, און זי שאַפט פאַר זיך אייגענע באַוועגונגען פאַר גייסטיקער, קולטורעלער און קערפּערלעכער אַנטוויקלונג און אויך פאַר קעגנזייטיקער הילף אין פאַלן פון קראַנקהייט, טויט א. אַז. וו. אָט אַזאַ באַוועגונג איז די יוגנט־אָפּטיילונג פון אַרבעטער רינג, די „יאָנג סוירקל ליג אָוו אַמעריקע".

קיין ספּעציעלע יידישע קהלשע ביבליאָטעקן זיינען אין די פאַראייניקטע שטאַטן נאָך ניטאָ. די וויכטיקסטע ראַבינער סעמינאַרן האָבן גרויסע ביכער־אוצרות. דער באַוואוסטער פילאַנטראָפּ יעקב שיף האָט איבערגעלאָזן אַ פאָנד, פון וועלכן עס ווערט פאַרמערט די ביכער־קאָלעקציע פון דער יידישער אָפּטיילונג אין דער גרויסער ניו יאָרקער צענטראַלער עפנטלעכער שטאָטישער ביבליאָטעק. אויך די קאָנגרעס־ביבליאָטעק אין וואַשינגטאָן די. סי. האָט אַ ספּעציעלע סעמיטישע אָפּטיילונג.

אַ זייער וויכטיקע און גרויסע שאַפונג פון די יידישע פאָלקס־מאַסן אין אַמעריקע איז די יידישע פּעריאָדישע פּרעסע (צייטונגען, זשורנאַלן א. אַז. וו.)

וועלכע האָט זיך גוואַלטיק אַנטוויקלט און פאַרצווייגט אין די לעצטע 40 יאָר. עס פלעגן, אין יאָר 1934, דערשיינען אין די פאַראייניקטע שטאַטן 32 צייטונגען און זשורנאַלן אין יידיש, פון זיי 8 טעגלעכע צייטונגען, 9 וואָכנשריפטן און 10 מאָנאַטלעכע זשורנאַלן. פון די 8 טאָג־צייטונגען, זיינען פיר אַרויס אין ניו יאָרק, און צו איינער אין שיקאַגאָ, פילאַדעלפיע, קליוולענד און לאָס־אַנדזשעלעס. פון די 9 וואָכנשריפטן זיינען נאָר 3 ניו יאָרקער, און די איבעריקע דערשיינען אין דער פּראָווינץ — צוויי אין מילוואָקי, און צו איינער אין דעטראָיט, סט. לואיס, פּיטסבורג און שיקאַגאָ. פון די 10 מאָנאַטלעכע זשורנאַלן גייען אַרויס 9 אין ניו יאָרק און איינע פלעגט, אין 1934, אַרויסגעלאָזן ווערן אין שיקאַגאָ.

די יידישע פּעריאָדישע פּרעסע באַהאַנדלט אַלע געביטן פון געזעלשאַפטלעכן לעבן, און ספּעציעלע זשורנאַלן גיבן זיך אָפּ מיט פּאָליטישע, עקאָנאָמישע, פּעדאַגאָגישע, ליטעראַרישע און אַנדערע געזעלשאַפטלעכע פּראָבלעמען.

די 8 טעגלעכע יידישע צייטונגען האָבן אַ צירקולאַציע פון אַרום 500 טויזנט קאָפּיעס. זיי זיינען די וויכטיקסטע אויסדרוק־פאָרם פון דער יידישער געזעלשאַפטלעכער מיינונג אין די פאַראייניקטע שטאַטן. די יידישע פּרעסע אין דער ענגלישער שפּראַך איז גרעסער אין צאָל, אָבער זי האָט ניט אַזאַ וואָגיקן אינהאַלט און איינפלוס. זי באַשטייט (אין 1934) פון איין טעגלעכער פּובליקאַציע, 59 וואָכנשריפטן, 8 מאָנאַט בלעטער, 12 זשורנאַלן וואָס גייען אַרויס אַלע 2—3 מאָנאַטן, און 3 יאָר־ביכער. עס זיינען דאָ 39 שטעט אין די פאַראייניקטע שטאַטן, וואו עס גייען אַרויס יידישע פּעריאָדישע אויסגאַבן אין יידיש אָדער אין ענגליש.

אַ צווייטע וויכטיקע קולטורעלע שאַפונג פון די פאָלק־מאַסן איז די שיינע ליטעראַטור און די קונסט, באַזונדער די טעאַטער־קונסט. אין 1927 האָבן אין די פאַראייניקטע שטאַטן עקזיסטירט 24 יידישע טעאַטערס אין צען שטעט פון לאַנד. אין אָנפאַנג סעזאָן, אין מאָנאַט סעפּטעמבער, האָבן אָט די טעאַטערס דורכגעפירט 645 פאָרשטעלונגען פון 86 פּיעסעס, אָדער אין דורכשניט 27 פאָרשטעלונגען פער טעאַטער און 7 אויפפירונגען פער פּיעסע. אין סוף סעזאָן (פרילינג) זיינען די מאָנאַטלעכע דורכשניט־ציפערן געווען נאָר 26 פאָרשטעלונגען פער טעאַטער, און 3 אויפפירונגען פער פּיעסע.

10. יידישע קרימינאַליטעט אין די פאַראייניקטע שטאַטן

יידן זיינען שוין דורות־לאַנג צוגעוואוינט צום שטאַטישן לעבן און גיבן דעריבער אַרויס אַ קלענערע צאָל פאַרברעכער ווי אַנדערע טיילן פון דער באַפעלקערונג. ווייל דער איבערגאַנג פון אַן איינפאַכן און לייכטן לעבן־שטייגער אויף דעם דאָרף — צו די שווערע און אומזיכערע לעבן־באַדינגונגען אין דער שטאָט רופט שטענדיק אַרויס צווישן די מאַסן, וואָס מאַכן דורך אַזאַ איבערגאַנג, אַ נייגונג צו פאַרברעכנס. אַלע פאָרשער פון יידישן לעבן האָבן פעסטגעשטעלט, אַז די יידן צייכענען זיך אויס דורך אַ קלענערער צאָל פאַר־

ברעכער (סיי יונגע, סיי פון עלטערן דור), ווי אַנדערע טיילן פון דער שטאַט־באַפעלקערונג.

אין די צען יאָר, פון 1920 ביז 1929, זיינען דאָ אין לאַנד פאַראורטיילט געוואָרן 394,080 מענער און פרויען אַריינגעזעצט צו ווערן אין פאַרשיידענע סטייט־טורמעס, און פון זיי זיינען 6,846 אָדער 1.74 פּראָצענט געווען יידן. דער דורכשניטלעכער אַנטייל פון די יידן אין דער באַפעלקערונג פון די פאַראייניקטע שטאַטן איז אין דער דאָזיקער צייט געווען 3.43 פּראָצענט. קומט אַלזאָ אויס, אַז נאָר אַ העלפט פון זייער „קוואָטאַ" פון די אַנטי־געזעלשאַפטלעכע עלעמענטן (לויט דער יידישער באַפעלקערונג אין לאַנד) האָבן די יידן פאַקטיש אַרויסגעגעבן. אין אייניקע טיילן פון לאַנד איז דער פּראָצענט פון יידישע פאַרברעכער נאָך געווען אַ קלענערער ווי 1.74. אין די דרום־שטאַטן, למשל, זיינען יידן געווען נאָר 0.90 פּראָצענט פון אַלע אַרעסטאַנטן, בעת זיי באַטרעפן דאָרט 0.57 פּראָצענט פון דער באַפעלקערונג.

אַם גרעסטן איז דער פּראָצענט יידן־אַרעסטאַנטן אין די מערב־סטייטס. אין אַלע עלף סטייטס פון דער „וועסט" זיינען אַריינגעזעצט געוואָרן אין די טורמעס, בעת די צען יאָר צייט, 45,833 מענער און פרויען, פון זיי — 570 יידן, אָדער 1.24 פּראָצענט. דאָס מיינט, אַז די יידן־אַרעסטאַנטן האָבן באַטראָפן 86.11 פּראָצענט פון דער יידישער „קוואָטאַ" אין דער גאַנצער דאָרטיקער באַפעלקערונג.

די צאָל יידישע אַרעסטאַנטקעס איז ניט קיין גרויסע אין אַמעריקע. אין לויף פון די צען יאָר (1920—1929) האָבן די טורמעס פון ניו יאָרק סטייט, מאַסאַטשוזעטס, אָהייאָ און זיבן אַנדערע סטייטס אַריינגעקראָגן פון די געריכטן 4,618 פרויען. די יידישע אַרעסטאַנטן האָבן באַטראָפן 3.4 פּראָצענט פון דער אַלגעמיינער צאָל פאַראורטיילטע פאַרברעכער (די יידישע באַפעלקערונג באַטרעפט אין יענע סטייטס 6.5 פּראָצענט), און אויך דער פּראָצענט פון די יידישע אַרעסטאַנטקעס צו דער אַלגעמיינער צאָל פאַראורטיילטע פרויען אונטער אַרעסט איז געווען כמעט דערזעלבער (3.43 פּראָצענט).

אויך די צאָל יוגנטלעכע יידישע פאַרברעכער איז אַ באַדייטנדיק קלענערע ווי די צאָלן אַזעלכע פאַרברעכער אין אַנדערע נאַציאָנאַלע גרופּעס. אַן אונטערזוכונג פון 500 יונגע פאַרברעכער אין מאַסאַטשוזעטס האָט געוויזן, אַז די צאָל יידישע פאַרברעכער אין פּראָפּאָרציע צו דער גאַנצער יידישער באַפעלקערונג פון יענעם סטייט איז געווען אַ פיל קלענערע ווי די פּראָפּאָרציעס ביי קאַטאָליקן און פּראָטעסטאַנטן. אין די שטראָף־אינסטיטוציעס און פאַרבעסערונג־אַנשטאַלטן פאַר יונגע פאַרברעכער האָט מען געפונען 3.9 פּראָצענט יידן, בעת אין דער גאַנצער באַפעלקערונג פון מאַסאַטשוזעטס באַטרעפט די יידישע באַפעלקערונג 6.7 פּראָצענט.

אַן אויספאָרשונג אין די רעקאָרדס פון דעם יוגנט־געריכט פון וואַשינגטאָן האָט אַנומעלט אַרויסגעבראַכט דעם פאַקט, אַז די צאָל יידישע קינדער־פאַרברעכער איז פאַרקלענערט געוואָרן פון 31 אין יאָר 1914, ביז 14 אין 1929. אין דער צייט, ווען די אַלגעמיינע צאָל קינדער, וועלכע זיינען געשטעלט געוואָרן פאַר יענעם געריכט איז גרעסער געוואָרן פון 852 אין יאָר 1914 ביז

1051 אין יאָר 1929. די זעלביקע באַווייזן פון אַ קליינער קרימינאַליטעט פון יידישע קינדער קען מען געפינען אין דער סטאַטיסטיק פון די יידישע יוגנט־לעכע פאַרברעכער אין דער גרעסטער יידישער שטאָט פון אַמעריקע — אין ניו יאָרק.

11. די יידישע מאַסן און זייער נייער היים

די האָרעפּאַשנע יידישע מאַסן האָבן אין לויף פון זייער קורצער געשיכטע אין נאָרד־אַמעריקע אַנטוויקלט אַ גרויסע ענערגיע און שאַפונג־קראַפט. די יידישע פאָלקס־מאַסן אין אַמעריקע האָבן אין די לעצטע צוויי דורות פאַרנומען איינעם פון די ערשטע פּלעצער צווישן די גרויסע יידישע קיבוצים פון דער וועלט. און אַט די דערגרייכונג איז געקומען נאָר אַ דאַנק דער מאַסאָוועַר אימיגראַציע פון די יידן פון מזרח־אייראָפּע. די יידישע ליטעראַטור, טעאַטער־קונסט און פּרעסע האָבן דערגרייכט זייער העכסטע שטופע פון אַנטוויקלונג דוקא אין דער נייער וועלט, וואו דער יידישער מאַסן־ישוב איז נאָר עטלעכע צענדליק יאָר אַלט. נאָך גרעסער איז געוואָרן די באַדייטונג פון דער יידישער אַמעריקע אין די יאָרן נאָך דעם שרעלעכן מלחמה־חורבן אין דער אַלטער וועלט.

יידן אין אַמעריקע האָבן ניט נאָר מיט האָב און גוטס געשטיצט די מלחמה־קרבנות אין אייראָפּע, ניט נאָר האָבן זיי געהאָלפן זייערע אומגליקלעכע ברידער און שוועסטער צוריק זיך אויפצובויען נאָך דעם מלחמה־פייער, נאָר זיי האָבן אויך מיט ליבשאַפט און טרייקייט זיך פאַראינטערעסירט מיטן ווייטערדיקן גורל פון די חרוב־געוואָרענע יידישע מאַסן. די יידן אין אַמעריקע האָבן גע־האָלפן און העלפן ווייטער זייערע ברידער אין פּוילן, רוסלאַנד, ליטע א. אַנד. לענדער צו פאַרווירקלעכן דאָרט ברייטע וויכטיקע פּלענער, אויף פאַרשיידענע געביטן ווי איבערגאַנג צו לאַנדווירטשאַפט און מלאכה, שול־דערציאונג, עמי־גראַציע און קאָלאָניזאַציע.

פון וואַנען נעמט זיך אַט די גרויסע ענערגיע פון אונדזערע פאָלקס־מאַסן אין אַמעריקע? — ס'זיינען דאָ צוויי אורזאַכן, מיט וועלכע מיר קענען דער־קלערן אַט די דערשיינונג. ערשטנס, האָבן מיר פאַר זיך דאָ די גרויסע ענער־גיעס פון פאָלק, וועלכע זיינען געלעגן לאַנג דערשטיקט אונטער דעם יאָך פון רעכטלאָזיקייט און אָרימקייט אין זייער אַלטער היים, און האָבן זיך איצט אין דער נייער היים, פאַראַמאָל אַרויסגעריסן מיט אַ גרויסער שאַפונג־קראַפט און שטאַרקן אימפּעט. יידן זיינען געוואָרן פולבאַרעכטיקטע בירגער פון דער פרייער אַמעריקאַנער רעפּובליק, וואו ענערגיע, איניציאַטיוו און מוט זיינען געוועזן די בעסטע מיטלען צו אַ דערפאָלג אויף אַלע געביטן פון לעבן.

צווייטנס, האָבן די אַריבערגעקומענע יידן דאָ אין אַמעריקע געפונען ניט נאָר אַ באָדן, וואָס איז פריי געוועזן פון גזרות און פאַרפאָלגונגען אויף יידן. אויך אין אַנדערע פרייע לענדער, ווי ענגלאַנד און פראַנקרייך, האָבן זיך באַ־זעצט אויסוואַנדערער פון רוסלאַנד און זיינען מיט דער צייט געוואָרן עמאַנצי־פירטע, ד. ה. פולבאַרעכטיקטע, רעספּעקטירטע בירגער. אָבער דאָ אין אַמע־ריקע האָבן די יידן־אימיגראַנטן פאַרט געפונען אַן אַנדער סביבה, אַ באָדן,

וועלכער איז ניט געווען באַדעקט מיט די רעשטלעך פון די פּאַרצייטיקע, צע־שטערטע פּאָליטישע סיסטעמען ווי די הערשאַפט פון דער קירכע, פעאָדאַליזם, רעליגיעזע פאַרפאָלגונגען א. אַז. וו., ווי מ׳געפינט זיי אין אַלע לענדער פון אייראָפּע. אָט די אַלע שטערונגען פאַר דער מענטשלעכער פרייהייט און גלייכהייט זיינען געווען פרעמד דעם גייסט פון דער אַמעריקאַנער דעמאָקראַטיע. אַמעריקע איז דעריבער געוואָרן אַ רעטונג־לאַנד פאַר מיליאָנען אונטערדריקטע און פאַרפאָלגטע אין דער אַלטער וועלט. די גרויסע ענערגיעס פון אַלע אימי־גראַנטן האָבן זיך טאַקע גיך פאַנאַנדערגעוואַקסן און צעבליט אין דער פרייער לופט פון אַמעריקע, און האָבן אויך געהאָלפן אויפצובויען די מאַכט און גרויס־קייט פון זייער נייער געמיינזאַמער היים.

אויך זעען מיר ווי די יידישע איינגעוואַנדערטע מאַסן האָבן שטענדיק אַרויסגעבראַכט פון זייערע רייען טוער און קעמפער, וועלכע האָבן געזוכט אויסצונוצן די אומשטענדן פון פּאָליטישער פרייהייט און גלייכהייט ניט נאָר פאַר דעם פאָרטשריט פון זייערע אייגענע ברידער, נאָר אויך פאַר דעם גליק פון אַנדערע ליידנדיקע טיילן פון דער מענטשהייט. שוין פון דער קליינער צאָל אַריבערגעקומענע אָרימע יידן, נאָך פאַר דער גרויסער כוואַליע פון די 90־ער יאָרן פון 19טן יאָרהונדערט, זיינען אַרויסגעקומען גרויסע קעמפער פאַר די אייביקע אידעאַלן פון יושר און אמת. אָט האָבן מיר געהאַט אַ יידישן געלערנטן און שריפטשטעלער מיכאל היילפּערין (געבוירן 1823, געקומען אין אַמעריקע 1856, געשט. 1888); ער איז געבאָרן געוואָרן אין פּוילן, האָט אָבער אין זיין נייער היים געפירט אַ באַגייסטערטן קאַמף פאַר דער באַפרייאונג פון די נעגער, און שפּעטער אויך פאַר דער לאַנדווירטשאַפטלעכער קאָלאָניזאַציע פון זיינע אָרעמע אַריבערגעקומענע יידישע ברידער פון רוסלאַנד. נאָך אַ יידישער אימיגראַנט, דוד לובין (געב. 1849, געק. 1855, געשט. 1919) האָט געשפּילט אַ גרויסע ראָלע אין דעם קאַמף פון די אַמעריקאַנער פאַרמער פאַר בעסערע עקאָנאָמישע באַדינגונגען פון זייער שווערער פרנסה. דוד לובין האָט געגעבן דעם ערשטן שטויס דער באַוועגונג צו שאַפן אַן אינטערנאַציאָנאַלע פאַראייניקונג פון אַלע פאַרמער אין דער וועלט. זיין חלום איז טיילוויז פאַר־ווירקלעכט געוואָרן, ווען אין 1905 איז געגרינדעט געוואָרן אין רוים, איטאַליע, דער „אינטערנאַציאָנאַלער לאַנדווירטשאַפטלעכער אינסטיטוט".

נאָך מער האָבן זיך די יידישע אימיגראַנטן אויסגעצייכנט אין דער אַרבע־טער און סאָציאַלער באַוועגונג אין אַמעריקע. ווען ס׳האָבן זיך, זינט 1885, אָנגעפאַנגען אַריינצוגיסן הונדערטער טויזנטער יידישע האַרעפּאַשניקעס אין די רייען פון דעם אַמעריקאַנישן אַרבעטער־קלאַס. פון די יידישע אימיגראַנטן־קרייזן זיינען אַרויסגעקומען אַ סך סאָציאַליסטישע אַגיטאַטאָרס און פּאָליטיקער, טרייד־יוניאָן פירער און זשורנאַליסטן, וועלכע האָבן לאַנגע יאָרן כסדר געפירט אַן עקשנותדיקן קאַמף פאַר די רעכט און פרייהייטן פון די האַרעפּאַשנע פאָלקס־מאַסן אָן אונטערשייד פון ראַסע, רעליגיע אָדער נאַציע.

צום אומגליק האָבן אָבער די פּאָליטישע באַדינגונגען אין די פאַראייניקטע שטאַטן אין די לעצטע 10—15 יאָר זיך געביטן אַזוי שטאַרק און אין אַ גייסט, וואָס איז אַזוי אַנטקעגנגעזעצט צו די אידעאַלן פון פרייהייט און גערעכטיקייט,

אַז דער וואוקס פון דעם יידישן ישוב אין אַמעריקע דורך אימיגראַציע האָט זיך אינגאַנצן אָפּגעשטעלט. אַמעריקע האָט פאַרמאַכט אירע טויערן פאַר נייע אימיגראַנטן, זי האָט זיך אפילו כמעט אינגאַנצן צוריקגעצויגן פון יעדן סחורה־אויסטויש מיט אַנדערע לענדער, און איז געוואָרן אַן אַנהענגערין פון דער פּאָליטישער לערע, וועלכע רופט זיך „עקאָנאָמישער נאַציאָנאַליזם" און וועלכע איז זייער שעדלעך פאַר דעם פרייעם און גליקלעכן צוזאַמענלעבן פון אַלע פעלקער און לענדער. אין לאַנד גופא האָבן זיך פאַרשפּרייט נאַציאָנאַליסטישע לערעס פון אומטאָלעראַנץ און שנאה צו די פרעמד־געבאָרענע, און אפילו צו די פרייהייט־ליבנדיקע היגע־געבאָרענע בירגער. יידן, וואָס זיינען דער שוואַכסטער טייל פון די גרויסע פרעמד־געבאָרענע מאַסן, ליידן, פאַרשטייט זיך, פון אַזאַ אַנטי־געזעלשאַפטלעכער באַוועגונג גאָר שטאַרק.

לאָמיר האָפן, אַז אין גיכן וועלן זיך אָבער אויפסניי אויפכאַפּן די אַלטע פּאָליטישע טראַדיציעס פון אַמעריקע — די שטרעבונג צו פרייהייט, דער פאַרלאַנג בטל צו מאַכן אומגערעכטיקייט און דער גלויבן אין שכל און אמת, און אַז די יידן אין אַמעריקע, צוזאַמען מיט אַלע אַנדערע טיילן פון האַרעפּאַשנעם פאָלק, וועלן אויסשמידן פאַר זיך און פאַר זייערע קינדער אַ בעסערע און שענערע צוקונפט.

1935

.3

אַנאַרכאָ־סאָציאַליסטישע אידייען ביי יידן

אַנאַרכאָ־סאָציאַליסטישע אידייען און באַוועגונגען ביי יידן

(היסטאָרישער און טעאָרעטישער אַריינפיר)

1. געוואַלטלאָזיקייט און פרייוויליקייט אַלס טרייב־כוחות אין יידישער געשיכטע

אַזוי ווי אַ קאָלירטער פאָדים ציט זיך אַ שאַרף אַנזעעוודיקע אידייע דורכן גאַנצן געוועב פון דער ידישער געשיכטע — די אידייע פון גייסטיקן כוח, פון עטישע באַגריפן, פון מאָראַלישע פרינציפּן. ביז גאָר קלאָר טרעט אַט־דער געדאַנק אַרויס אין תנ״ך און אַמשטאַרקסטן ביי די אַלט־יידישע נבי־אים. אַלע נביאים האָבן געשטעלט דעם כוח פון גייסט, פון אמת און יושר, איבער דער גראָבער פיזישער מאַכט. במילא, זיינען זיי — אין פרינציפּ, אַזוי צו זאָגן — געווען אויסגעשפּראָכענע קעגנער פון מלוכהשאַפט און פון מלכים.

אַ קלאַסישער ביישפּיל איז שמואל הנביא׳ס שאַרפער פאָרוואורף דעם יידישן פאָלק, וואָס האָט געוואָלט האָבן איבער זיך אַ מלך און זיין „ווי אַלע פעלקער״. כאַראַקטעריסטיש פאַרן נביאישן וועלט־באַנעם איז שוין דאָס, אַז דער נביא זעט אין דעם מלך און אין דער מלוכה דווקא די סימבאָלן פון אַ סיסטעם, באַזירט אויף געוואַלט, צוואַנג און עקספּלואַטאַציע (שמואל א׳ ח. 6־18).

פון דער צווייטער זייט, האָבן אין דער לאַנגער תקופה ביזן אונטער־גאַנג פון דער יידישער מלוכה געשפּילט אין דער דראַמע פון דער יידישער געשיכטע אַ גרויסע ראָל די מלכים, גוטע און שלעכטע און זייערע הויף־לייט. אפילו די נביאים האָבן נישט געשפּאָרט קיין לויב פאַר אַ מלך אַ צדיק, ווי יאשיהו. דאָך קען קיינער נישט לייקענען, אַז דער תוך און תמצית פון דער יידיש־נביאישער עטיק, וואָס איז אַריין אַזוי טיף אין דעם גייסטיקן אוצר פון יידישן פאָלק און פון די מערסטע נישט־יידישע פעלקער, — באַשטייט אין פּרעדיקן, מאָנען און פאָדערן אַ הומאַניטאַרן און יושרדיקן סאָציאַלן סדר, פריי פון געוואַלט, פון צוואַנג און עקספּלואַטאַציע. די מערסטע נביאישע שטראָף־רייד ווערן געצילט קעגן די מלכים און זייערע העלפער און מיטגייער — די כהנים און דעם רייכן קלאַס.

לאָמיר נישט פאַרגעסן, אַז בעת דער תקופה פון די יידישע נביאים האָבן ביי די אַרומיקע פעלקער געבושעוועט בלוטיקע מלחמות, אין וועלכע אויך די צווי יידישע מלוכות (יהודה און ישראל) זיינען אָפּט אַריינגעשלעפּט גע־וואָרן. אין קעגנזאַץ צו אַזאַ לאַגע זיינען אָבער די נביאישע אידעאַלן געווען דורכגעדרונגען מיט אַ טיפער מענטשנליבע, אַ הייסן פאַרלאַנג נאָך יושר, אמת

און רחמנות, אַ שטרעבונג צו גערעכטיקייט און גלייכהייט — זייער ווייט פון דעם שטייגער „ווי ביי אַלע פעלקער" אין יענער צייט. מעג מען פרעגן: ווי זעט אויס די נביאישע וויזיע פון דעם צוקונפטיקן סדר פאַרן אייגענעם פאָלק און פאַר גאָר דער מענטשהייט? — צי האָבן זיי גלאָריפיצירט דעם טריאומף פון פיזישער גבורה און מאַכט? — ניין. זייער העכסטע וויזיע פון „אחרית הימים", פון דעם ענד־ציל פון מענטשלעכן פאָרשריט, איז דער אידעאַל פון אוניווערסאַלן שלום — ליבע און פריינטשאַפט, נישט נאָר צווישן אַלע מענטשן־קינדער, אָן אונטערשייד פון ראַסע און אָפּשטאַם, נאָר אויך צווישן מענטשן און חיות־רעות, און אפילו די חיות צווישן זיך — (ישעיהו, ב׳ 2; י״א 4־9; מיכה, ד׳ 1־5, א. אַנד.). אַ העכערע פאָרם און אַ מער פּאַעטישן בילד פון שלום־אידעאַל און פון דער גוואַלטלאָזיקייט־אידייע איז שווער זיך פאָר־צושטעלן. און פאַרגעסט נישט, אַז דער תנ״ך איז געוואָרן דאָס „בוך פון בי־כער" פאַרן יידישן פאָלק דורך כמעט דריי טויזנט יאָר צייט.

נאָך די רוימישע נצחונות איבער יהודה, אין אָנהייב פון דער ציווילער צייט־רעכענונג־תקופה (71־135 נ. ק.), און נאָך דעם אונטערגאַנג פון מלוכה־שאַפט ביי יידן, איז די אַלטע פאָדערונג פון אַ גייסטיקער פאַרבעסערונג, אין קעגנזאַץ צו אַ גלויבן אין רויער פיזישער געוואַלט, געגאַנגען נאָך פיל ווייטער ווי אין די צייטן פון מלכים און כהנים אין ירושלים. פריער, בעת דער נביאישער תקופה, איז דער קאָנטראַסט צווישן רויער מאַכט און אידייע, צווישן פיזישן כוח און גייסט, געקומען פון די אינערלעכע מאָראַלישע מאָ־טיוון און פון עטישע פרינציפּן אין דער פאָרם פון געטלעכע געבאָטן, וואָס די נביאים האָבן פאַרבונדן מיט אַן אידייע פון דעם עטישן גאָט, אַן איינאיינ־ציקן פאַר אַלע פעלקער. איצט אָבער, נאָך דער צעשטערונג פון דער יידישער מלוכה, זיינען די עטישע אידייען, די שטרעבונגען צו אַ פאַרבעסערונג פון יחיד און פון פאָלק, געקומען אויף אַ נאַטירלעכן וועג. זיי זיינען געווען אַ פועל־יוצא פון היסטאָרישע באַדינגונגען אין צוגאָב צו אַ פאַרהייליקטער טראַדיציע פון דער געשריבענער תורה. ביסלעכוויז, אין זיין דויערנדיקער צעשפּרייטונג, האָט דאָס פאָלק פון תנ״ך פאַרלוירן זיינע קריגערישע גע־וואוינהייטן. אַלץ טיפער איז אין דער פאָלקס־פּסיכיק אַריינגעדרונגען דער באַוואוסטזיין פון פיזישער מאַכטלאָזיקייט.

זעען מיר אָט וואָס, סיסטעמאַטיש, דור נאָך דור, ווערט פון יידישן פאָלקס־שאַפן אויסגעוואָרצלט אַלץ וואָס האָט אַ שייכות צו בלוטיקער מלחמה און קריגס־גבורה. אין תלמוד קען מען געפינען זייער ווייניק מלחמה־דערציי־לונגען, קריגערישע גבורה־מעשיות און נאָך ווייניקער באַשרייבונגען פון מלוכהשע צערעמאָניעס און טראַדיציעס פון דעם אַרומיקן נישט־יידישן לעבן. די הויפּט־אויפגאַבע פון די יידישע פאָלקס־פירער, וועגווייזער און לערער איז געווען אַ ריין גייסטיקער ענין, נעמלעך: נישט צו רופן דאָס פאָלק צו אַ נייעם מלוכה־לעבן, „ווי אַלע פעלקער", נאָר צוזאַמענבינדן דאָס צעזייטע פאָלק דורך אַ גייסטיקער דיסציפּלין און פרייוויליקע פאַראייניקונג־מיטלען, אָן פיזישן צוואַנג און געוואַלט. אין תלמוד, נאָך מער ווי אין תנ״ך, ווערט דעם מענטשנס שטרעבונג צו גייסטיקער און מאָראַלישער אויסבעסערונג

אוועקגעשטעלט אַלס די העכסטע פאָדערונג — פאַר יידן און פאַר אַלע פעל־קער. אין אַט־דעם גייסטיקן קלימאַט האָבן געלעבט דורות יידן אין פיל טיילן פון דער דעמאָלטיקער וועלט, וואו עס האָט געבליט און געוואקסן דער שטו־דיום פון תנ״ך און תלמוד.

אונטערן איינפלוס פון אַזעלכע קולטור־פאַרמען איז צווישן יידן אויפ־געצויגן געוואָרן אַ נייגונג און געוואוינהייט זיך אָפּצוגעבן מיט גייסטיקע ענינים און אינטערעסן און מיט פרייע פּראַפּעסיעס, וואָס זיי אַלע באַזירן זיך אויף אַ היפש לאַנגן און סיסטעמאַטישן וויסנשאַפטלעכן שטודיום.

דער רעספּעקט צו גייסטיקער אויטאָריטעט און די נייגונג צו אַ דויערנ־דיקן שטודיום, אַלס אַ רעליגיעזע טראַדיציע ביי יידן, האָט געהאַט אַ מערק־ווירדיקן רעזולטאַט אין זייער קהלישן לעבן, אין זייער שטייגער פון מענטש־לעכן צוזאַמענלעבן. מערסטנס איזאָלירט און פאַרפאָלגט פון דער אַרומי־קער וועלט, האָבן די יידן, אַלס פאָלק, אויסגעפאָרמט אַ צוזאַמענלעבן־שטיי־גער נישט אויפן יסוד פון רייך־מלוכהשע צוואַנג־באַפעלן און פון אויסער־לעכער אַריינמישונג, נאָר כמעט אויסשליסלעך אונטער דער השפּעה פון די אייגענע גייסטיקע אויטאָריטעטן און וועגוויזער — די גאונים, חכמים און רבנים. אַ סאָציאַל־קולטורעלער קהלה־שטייגער איז אויפגעקומען ביי יידן, וואָס אין זיין יסוד איז געלעגן נישט דער מלוכה־געזעץ, — נאָר די פרייוווי־ליקע דיסציפּלין און אַ גרייטוויליקייט זיך צו רעכענען מיטן כלל (געזעל־שאַפט) און נישט בלייבן גלייכגילטיק צום גורל פון די מיטמענטשן, פון דעם ברודער אין דער אייגענער יידישער געמיינדע און איינם פאַרבאַנד פון די געמיינדעס. במילא איז אויך אַנטשטאַנען פון אונטן אַרויף, ווי פון זיך אַליין, די נייגונג צו סאָלידאַריטעט און קעגנזייטיקער הילף (אויך אין אָנבאַטראַכט פון דער אויסערלעכער סכנה, רדיפות און גזירות), אַלס אַלגעמיינע פירונ־גען אין מענטשלעכן צוזאַמענלעבן פון די רעכטלאָזע, אונטערדריקטע און פאַרשפּאַרטע אין זייערע געטאָס יידן.

אויף אַזאַ אופן איז די פּראַקטיק, אויב נישט די טעאָריע, פון אַ גע־וואַלט־ און הערשאַפטלאָזן סדר נישט פרעמד געווען דעם יידישן פאָלק דורך דורות־לאַנגן לעבן אויף די יסודות פון אַן אינערלעכער ווייט־גייענדיקער אויטאָנאָמיע און לויט די טראַדיציעס פון פרייוויליקייט און רעספּעקט צו גייסטיקער אויטאָריטעט, אָפּטמאָל אַפילו אָן אַ צו שטאַרקער דאָגמאַטיק פון דער רעליגיעזער אָרטאָדאָקסיע. לאַנג, לאַנג איז דאָס אינערלעכע לעבן פון די יידישע מאַסן געווען כמעט פריי פון שטאַטלעכן קאָנטראָל און פון מיט געוואַלט אַרויפגעצוואונגענע געזעצן, וואָס שייך די באַציאונגען פון מענטש צו מענטש.

אַזאַ סיטואַציע האָט הונדערטער יאָרן כסדר באַהערשט דאָס יידישע לעבן אין מזרח־ און מערב־לענדער, אין אַזיע און אייראָפּע. אַ נייע ווענדונג איז געקומען אין דער עמאַנציפּאַציע־תקופה, נאָך די גרויסע רעוואָלוציעס אין נאָרד־אַמעריקע און פראַנקרייך. דאָס מאָרגנרויט פון אַ נייער צייט האָט אַ שייך געטאָן פאַרן גערודפטן יידן. עס איז, ווי איבערגעאַכט, פאַרטריבן גע־

וואָרן די פינצטערניש פון אַ באַליידיקנדיקן, ווי אויך גייסטיק־איינזייטיקן, געטאָ־לעבן 1).

2. צוויי וועגן פון סאָציאַלן באַפרייאונג־קאַמף

די יידישע מאַסן אין מערב־אייראָפּע האָבן אויף אַ לייכטן וועג זיך, אין משך פון 19־טן י״ה, אַקולטיריזירט, ד. ה. זיך צוגעפּאַסט צום שטייגער און צו דער גייסטיקער אַטמאָספער פון די פעלקער, צווישן וועלכע זיי האָבן, אין לויף פון דורות, געלעבט. דיזראַעלי־ביקאָנספילד איז געווען נישט דער איינציקער ייד, און ענגלאַנד — נישט דאָס איינציקע לאַנד, וואו עמאַנציפּירטע יידן האָבן אַלע זייערע פעאיקייטן געשטעלט אין דינסט פון נאַציאָנאַלע שטאַטן, ד. ה. פון פּאָליטישן נאַציאָנאַליזם און אימפּעריאַליזם, שוין נישט אונטער דער פּירערשאַפט פון די דינאַסטיש־אַריסטאָקראַטישע קרייזן, ווי ביז דער גרויסער פראַנצויזישער רעוואָלוציע, נאָר פון די קאַפּיטאַליסטיש־ליבעראַלע, בור־זשואַז־דעמאָקראַטישע רעזשימען.

אפילו די פירער פון סאָציאַלן פּראָטעסט־לאַגער, ווי לאַסאַל און מאַרקס, האָבן געהאַלטן, אַז גרויסע מעגלעכקייטן עפענען זיך פאַרן אַרבעטער־קלאַס, אויב און ווען דער פּאָליטישער צוואַנג־אָרגאַניזם, דער שטאַט, קומט אונטער דער פאַרהערשאַפט פון דעם אָרגאַניזירטן און קעמפערישן אַרבעטער־קלאַס.

וואָס איז שייך צו קאַרל מאַרקסן (1818—1883), איז ער אין זיינע יונגע יאָרן געווען בפירוש אַ שונא פון „יידישקייט“, וועלכע איז, אין זיינע אויגן, געווען גלייכבאַדייטנדיק מיטן פאַרהאַסטן קאַפּיטאַליזם. און דאָך האָט דווקא מאַרקס, נאָך מער ווי אַנדערע גרויסע יידישע סאָציאַליסטן פון זיין צייט (לאַסאַל, משה העס א. אַנד.), געוויס געטראָגן אין זיין בלוט דעם רוישנדיקן און פלאַמיק־בייסנדיקן פּראָטעסט־געפיל פון די יידישע נביאים און משיח־טרוימער קעגן אומיושר, סאָציאַלער אומגלייכהייט און אונטערדריקונג, קעגן

---

1) אמת, פאַר די גייסטיק־שטאָלצע, און דורך תורה־לערנען און עטיש־געלייטערטן לעבן, איבערן דורכשניט פון די נישט־יידישע שכנים. שטייענדיקע יידן איז די געטאָ־עקסיסטענץ אפשר נישט אויפגענומען געוואָרן אַלס אַ טראַגעדיע און קללה. גיכער פאַר־קערט — אַלס אַ ווילקאָמענע געלעגנהייט צו אַנטוויקלען אַ העכערן גייסטיקן שטייגער און אַ מעגלעכקייט אויספירן די סאָציאַלע פונקציעס פון סאָלידאַריטעט און פאַרזאָרגונג פון די אָרעמע, קראַנקע, אַלטע לייט א. אַז. וו. אָבער מיט דער אַריינדרינגונג פון דער אַלגעמיין־אייראָפּעאישער אויפקלערונג (נאָך 1750) הינטער די געטאָ־מויערן איז פאַרן גייס־טיק־דערוואַכטן יידן דאָס געטאָ געווען גלייכבאַדייטנדיק סיי מיטן שיפלות־מצב פון יידישן פאָלק, סיי מיט דער גייסטיקער פינצטערניש. עס אַנטשטייט די באַוועגונג פון גייסטיקער זעלבסט־באַפרייאונג דורך אַנטלויפן פון געטאָ און זיך באַקענען מיט דער פילזייטיקער גייסטיקער וועלט, מיט בערלין אַלס איר הויפּט־צענטער פאַר מזרח־אייראָפּעאישע יידן (זען די קלאַסישע אויטאָביאָגראַפיע פון שלמה סיימאָן (1754—1800). אויך מוז צוגעגעבן ווערן, אַז אין אינערלעכן געטאָ־לעבן, און אינעם פאַרצייטיקן יידישן שטייגער בכלל, האָבן נישט געפעלט גרעסערע און קלענערע פאַלן פון סאָציאַלן אומיושר, פון פאַלשקייט, פאַר־קנעכטונג און אומטאָלעראַנץ, ווי דאָס זיינען די כמעט אומפאַרמיידלעכע שאָטנדיקע זייטן אין יעדן טיפּ פון מענטשלעכן צוזאַמענלעבן.

שקלאַפעריי און מלחמה, און פאַר סאָציאַלער גערעכטיקייט, פעלקער־פאַר־ברידערונג און שלום.

אויך גיט מאַרקס׳ יידישע אָפּשטאַמונג (פון דורות רבנים) אַ טיילוויַיזע דערקלערונג פאַר זיין גרינטלעכער קריטיק און טיפן, אָפט חריפישן, אַנאַליז פון דער קאַפּיטאַליסטישער עקאָנאָמיק. איז דאָס אפשר נישט אַ גלגול פון דער טראַדיציאָנעל־יידישער מעטאָדע, געבוירן פון תלמודישן פלפול, צו דערפירן דאָס אַבסטראַקט־לאָגישע דענקען צום סאַמע לעצטן עקסטרעם?

באַך וויכטיקער איז אַ צווייטער אומשטאַנד. מאַרקס, אין איינקלאַנג מיטן צייט־גייסט, וואָס איז געווען באַהערשט פון אַ גלויבן אין צענטראַליזירטן און סואווערענעם (קיין העכערן, גייסטיקן אויטאָריטעט נישט אַנערקענענדיק) שטאַט, האָט צו נידעריק אָפּגעשאַצט די ראָל פון פריַיוויליקער סאָלידאַריטעט, פון קעגנזייטיקער הילף און קאָאָפּעראַציע, אין איר פולסטער, ד. ה. אינטע־גראַלער פאָרם פון „פּאַראייניקטע אינטערעסן״ פון אַ גרופּע געמיינזאַם לעבנ־דיקע און קאָלעקטיוו אַרבעטנדיקע גרופּעס און פאַרבאַנדן פון אַזעלכע גרופּעס. ער האָט דווקא זיי נישט דערשאַצט אַלס יסודות פאַר אַ געזונטן מענטשלעכן צוזאַמענלעבן. ממילא האָט ער פאַרזען די ראָל (צו וועלכער דער יחיד דאַרף דערצויגן און צוגעגרייט ווערן) פון מענטשלעכער זעלבסט־אָריענטאַציע, פון פריַיען אויסוואַל און פון זעלבסט־באַשטימונג. זיי, אָט־די דערוואַכטע מענטשן, — און נישט די פּאָליטישע מאַכט־מיטלען און רויע הערשאַפט־מעטאָדן פון דעם מאָדערנעם נאַציאָנאַלן שטאַט — זיינען געווים די געזונטסטע, די ריכ־טיקסטע פאַקטאָרן פון סאָציאַלן פּאָרשריט. אָבער, ווי שוין געזאָגט, קאַרל מאַרקס, אַ קינד פון זיין צייט, איז גראָד געווען צו איינזייטיק־אָריענטירט אין אָט־דעם לעבנס־וויכטיקן ענין.

פאַר אַ מענטש פון יידישער אָפּשטאַמונג, ווי קאַרל מאַרקס, זעט אָט־די איינזייטיקייט אויס אַ היפּש ביסל אומנאַרמאַל. יידן זיינען 1800 יאָר צייט געבליבן אַ פאָלק, צום טראָץ אי פון שטאַטלאָזיקייט, אי פון די כסדרדיקע רדיפות. די ירושה פון מעכטיקן נביאישן פּראָטעסט קעגן אומיושר און מלחמה איז, דורך דורות פון טיפּיש־קוואַליפיצירטע יידן (גאונים, לומדים און רבנים), דערגאַנגען צום שטורמיש־רעוואָלוציאָנערן און דורך און דורך איירָאָפּעאיש־אַקולטוריזירטן קאַרל מאַרקס. וואָלט דאָך אַזאַ מערקווירדיקע פאַרקייטלונג, אַזאַ היסטאָרישער דרך, געדאַרפט געפינען פאַר זיך אַ דערקלערונג, איבער וועלכער אַ קאָפּ־מענטש ווי מאַרקס וואָלט געמעגט זיך פאַרטראַכטן. די דער־קלערונג פאַר דער דויערנדיקער טראַדיציע ליגט אין דער געשיכטלעכער ראָל פון די פעסט־אָנטשלאָסענע און צומאָל אומפּאָפּולערע, מינדערהייטן מיט אַ ווילן די פיינטלעכע סביבה בייצוקומען און זיך אויפהאַלטן מיטן כוח פון אַ גרויסער עטישער אידייע און הויכן אידעאַל, וועלכע די גרופּע פאַרטרעט. דווקא אָט־די פּאָזיטיווע פאַקטאָרן, און נישט די מערסטנס נעגאַטיווע (גייסט־אָפּשטויסנדיקע) אַקציעס פון די צוואַנג־פאַרבאַנדן און פון זייער „ראַך־אָרגאַ־ניזאַציע״, דעם צענטראַליזירטן און ביוראָקראַטישן שטאַט, באַשטימען די גורלות פון די מינאָריטעט־גרופּעס אין באַצוג צו זייער קיום און זייער עווענטועלן איינפלוס אויף דער מאָראַליטעט פון פאָלק. טאָ פאַרוואָס זאָל עס

אַנדערש זיין מיט דער מענטשהייט אַלס אַ גאַנצקייט. ווי אַזוי קען איר ישועה און סאָציאַלע גאולה מעגלעך זיין אויף די וועגן פון שטאַטלעכן צוואַנג, מיט די אינסטרומענטן פון געוואַלט און מאַכט און מלחמה?

סוף כל סוף האָט מאַרקס׳ לערע, אין איר ערשטער פולער פאַרווירקלעכונג — אין נייעם רוסלאַנד, דערפירט צו דער העכסטער שטופע פון שטאַטלעכן דעספּאָטיזם און צו דער שאַפונג פון אַ טיראַניי, ווי די מענטשהייט האָט עס שוין לאַנג נישט געזען. עס איז נישט גענוג צוצושרייבן אָט־די קאָרופּציע פון דער סאָציאַליסטישער וויזיע צו אַ פּערזענלעכן טיראַנישן רעזשים (סטאַליניזם) ווייל אין דער אמתן איז זי דער רעזולטאַט פון איינער פון די נישט ווייניקע מאַרקסיסטישע אילוזיעס. די ערגסטע, געפערלעכסטע פון אָט־די אילוזיעס איז די דערוואַרטונג פון מאַרקסן, ענגעלסן און זייערע תלמידים, אַז דער פּראָלעטאַרישער שטאַט וועט פריער צי שפּעטער פון זיך אַליין אָפּשטאַרבן, אונטערגיין. אָט־דער איינגעבילדעטער אָפּטימיסטישער גלויבן מוז מאַכן די מענטשן גענייגט צו אַקצעפּטירן, אויף אַן אומקריטישן אופן, די כלומרשט צייטווייליקע, פאַראיבערגייענדיקע דיקטאַטור, וועלכע האָט אָבער קיינמאָל קיין חשק נישט אָפּצודאַנקען...

אַנטקעגן אַזאַ קלאָר פאַרגעזעענער סכנה איז נאָך ביי מאַרקס׳ לעבן שטאַרק אַרויסגעטראָטן, אונטער מיכאיל באַקונינס פירערשאַפט, אַ צווייטע ריכטונג אין דער גרויסער באַוועגונג פון סאָציאַלן קאַמף, וואָס האָט זיך אַנגעהויבן נאָך אין 1840 און באַזונדערס אין די ערשטע 1860ער יאָרן, ביים גרינדן דעם ערשטן „אינטערנאַציאָנאַל״. די צווייטע ריכטונג האָט איר לערע באַזירט אויף פרייוויליקייט און סאָלידאַריטעט פון די אַרבעטער און אויף דעם מאַסן־קאַמף, ד. ה. אַן אויפשטאַנד פון די ברייטע, באַוועגטע און אונטערדריקטע פויערים און אַנדערע פאָלקס־מאַסן קעגן דעם יאָך פון שטאַט, פון קאַפּיטאַליזם און פון דער אָרגאַניזירטער קירך. אָט אַזאַ באַגריף „מאַסן־קאַמף״ איז, לויט באַקונינען נאָך, אַ מער ממשותדיקער רעוואָלוציאָנערער פאַקטאָר אידער דער „קלאַסן־קאַמף״ באַגריף, וואָס פאַר אַ סך רעוואָלוציאָנערע דענקער האָט עס אויסגעזען צו זיין אַ ריין־אַבסטראַקטע, בלויז אַ אידייע, פונקט ווי דער באַגריף „קלאַס״, אויף וועלכן די אידייע איז באַזירט.

באַקונין האָט אַוועקגעשטעלט זיין אידעאָלאָגיע אויף אַ סינטעז פון אינדיווידואַליזם, ד. ה. וואוקס און אַנטוויקלונג פון דעם יחידס פּערזענלעכקייט, מיט קאָלעקטיוויזם, ד. ה. דער מיטגעבוירענער געזעלשאַפטלעכער שטריך, אַלס דער הויפּט־סימן פון יעדן רייף־מענטשלעכן וועזן. אין גרונט גענומען איז אינדיווידואַליזם און קאָלעקטיוויזם, וועלכע באַקונין האָט געזוכט צו סינטעזירן, אַ מין פאַרויסזעאונג פון דעם איצט זייער אַקטועלן פּראָבלעם פון סינטעזירן די פּאָליטישע פרייהייט, פון איין זייט, און עקאָנאָמישע גערעכטיקייט און גלייכהייט פון דער צווייטער זייט.

אויף אָט־די בפירוש „נישט־מאַרקסיסטישע״, אָבער טיף־מענטשלעכע און פּערמאַנענטע יסודות, איז אויפגעבויט געוואָרן דער סאָציאַלער וועלט־באַנעם פון באַקונינס דירעקטע נאָכפאָלגער און הייסע אָנהענגער — די אַנאַרכיסטן (דער ערשטער צו נוצן, אין זין פון הערשאַפטלאָזיקייט, דאָס וואָרט

„אַנאַרכיע" איז געווען פּ. זש. פּרודאָן). דער הויפּט־טעאָרעטיקער (נאָך באַ־קונינען) פון דער נייער ריכטונג, אין גייסט פון אַנאַרכיזם־קאָמוניזם, איז געווען פּעטער קראָפּאָטקין (1842—1921). דער שפּאַלט צווישן די צוויי ריכ־טונגען אין סאָציאַלן רעוואָלט איז אַלץ טיפער געוואָרן.

זינט דעם ריס צווישן די צוויי גייסטיקע ריזן און די גרינדער פון דעם ערשטן „אינטערנאַציאָנאַל", מאַרקס און באַקונין, האָט אַ העפטיקער שטרייט געבושעוועט צווישן זייערע חסידים און תלמידים. צוויי אָפּגעזונדערטע גרופּן פון ראַדיקאַל־געמישטע סאָציאַלע וואָרט־פירער זיינען גלייכצייטיק פון מאַרק־סיסטישן אויטאָריטאַרישן, צענטראַליסטישן סאָציאַליזם און היסטאָרישן מאַ־טעריאַליזם, און פון דער צווייטער זייט די גרופּעס פרייהייטלעכע קאָלעקטי־וויסטן פון באַקונינס לאַגער און די אַנאַרכיסטן־קאָמוניסטן, תלמידים פון די פעדעראַליסטישע לערעס פון פּרודאָן און פּעטער קראָפּאָטקין. מיט אַנדערע ווערטער: די סאָציאַל־דעמאָקראַטן און די אַנאַרכיסטן.

ס'האָבן זיך געשאַפן צוויי קעגנערישע לאַגערן, וואָס האָבן נישט זעלטן געפירט לאַנגע און ביטערע מחלוקתן צווישן זיך. פון די צוויי מחנות איז דער אין ציפערן געמאַסטענער, דער קוואַנטיטאַטיווער, איבערגעוויכט ביז איצט פאַרבליבן ביי די סאָציאַל־דעמאָקראַטן אָדער מאַרקסיסטן; אָבער די קוואַ־ליטאַטיווע מעלות, אַ העכערע שטופּע פון באַוואוסטזיין בנוגע די צילן און מיטלען פון אַרבעטערס באַפרייאונגס־קאַמף, זיינען געווען און געבליבן אויף דער זייט פון די אַנאַרכיסטן. אַ נישט קליינע ראָל האָבן אין דעם אַנאַרכיס־טישן לאַגער געשפּילט יידישע אַרבעטער אין אַ סך לענדער, אויף ביידע זייטן פון אַטלאַנטיק, ווי עס וועט באַוויזן ווערן אין די ווייטערדיקע קאַפּיטלען.

3. אַנאַרכאָ־סאָציאַליסטישע יידן־רעבעלן איבער דער וועלט

גיך נאָכן אָנהויב פון דעם ברודער־קריג צווישן די צוויי צווייגן פון דער ניי־אָרגאַניזירטער אינטערנאַציאָנאַלער אַרבעטער־באַוועגונג, האָט דער גע־שיכטע־גאַנג פון אַ גרויסן טייל פון יידישן פאָלק אָנגענומען אַ נייע ווענדונג. עס האָבן אַ קנאַל געטאָן די ערשטע דונערן פון אָנקומענדיקן גרויסן פּראָ־טעסט־שטורעם צווישן די מזרח־אייראָפּעאישע יידן אין קאַמף קעגן סאָצי־אַלער אומגערעכטיקייט. די קרבנות פון צאַרישן דעספּאָטיזם און קאַפּיטאַ־ליסטישער עקספּלואַטאַציע זיינען אַרויס אין אַ רעוואָלט — די יידן־רעוואָלו־ציאָנערן פון רוסלאַנד און פּוילן. אַ סך פון זיי האָבן, אין די 1870און 1880־ער יאָרן, מחמת פּאָליטישע רדיפות אָדער אָרימקייט, עמיגרירט קיין ענגלאַנד און אַמעריקע, און טאַקע דאָרט, אין די נייע וואוין־לענדער, געפונען אַ סבי־בה פאַר פרוכטבאַרער סאָציאַליסטישער און אַנאַרכיסטישער פּראָפּאַגאַנדע אין זייערע רייען.

אין לאָנדאָן איז אין אָנהויב נישט געווען צו פילן אַ צו שאַרפע צעשיי־דונג צווישן די צוויי פליגלען פון דער יידישער סאָציאַל־רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג. ביידע מחנות האָבן געהאַט אַ געמיינזאַמען שטאַם־פאָטער, אהרן ליבערמאַן (1843—1880) — אַ רוסיש־יידישער אינטעליגענט און גרינדער

פון דער ערשטער סאָציאַליסטישער צייטשריפט ביי יידן (אין העברעאיש) — „האמת", וועלכע ער האָט געדרוקט אין ווין. אין לאָנדאָן האָט ער געווירקט אין דער צווייטער העלפט פון די 1870־ער יאָרן. נאָך זיין אָפּפאָר קיין אַמע־ריקע, האָט אין די 1880־ער יאָרן, אָנגעהאַלטן אין לאָנדאָנער געטאָ, פאַר אַ קורצער צייט, אַ גייסט פון קאָאָפּעראַציע צווישןביידע מחנות, סאָציאַל־דעמאָקראַטן און אַנאַרכיסטן.

ביסלעכווייז האָט דער אַנאַרכיסטישער שטראָם אָנגעהויבן גובר צו זיין איבערן סאָציאַל־דעמאָקראַטישן אין לאָנדאָן און אין אַנדערע ענגלישע שטעט מיט יידישע אַרבעטער־אימיגראַנטן. דער ערשטער רעוואָלוציאָנערער פּרע־סע־אָרגאַן פון די יידישע אַרבעטער אין לאָנדאָן, „דער אַרבעטער פריינד" געגרינדעט אין 1886, איז זינט 1892 געווען פאַר לאַנגע יאָרן אַ ריין־אַנאַר־כיסטישע צייטשריפט, אָבער דאָך נישט פון אַ שאַרף־פּאַרטייאישן, אומטאָלע־ראַנט־סעקטאַנטישן כאַראַקטער.

אין סוף פון 19־טן יאָרהונדערט און נאָך 1900 האָט אַ ברייטער שטראָם פון יידישע אויסוואַנדערער פון רוסלאַנד, פּוילן, עסטרייך און רומעניע כסדר געפלאָסן קיין נאָרד־אַמעריקע און אַרגענטינע. נישט ווייניק פון די וואַנדע־רער האָבן זיך יאָרנלאַנג אויפגעהאַלטן אין לאָנדאָן, און זיינען דאָרט באַאיינ־פלוסט געוואָרן פון דער ראַדיקאַלער געדאַנקען־וועלט און אַרבעטער־באַוועג־גונג. זיי האָבן מיטגעבראַכט די ערשטע זאָמען פון אַנאַרכיסטישער לערע און טאַקטיק קיין אַמעריקע, באַזונדערס קיין ניו־יאָרק. סוף 1880־ער יאָר האָבן שוין עקזיסטירט קליינע גרופּעס פון ראַדיקאַל־געמישטע יידישע אַר־בעטער און פאָלקס־אינטעליגענטן אין ניו־יאָרק, פילאַדעלפיע, באָסטאָן, באַל־טימאָר און אַנדערע שטעט, גרופּן ווי „פּיאָנערן פון פרייהייט", „ריטער פון פרייהייט" א. ד. גל., שטאַרק צוגעבונדענע צו דעם „גייסטיקן צענטער" אין לאָנדאָן 2).

אין די צוויי גרעסטע אַמעריקאַנער האַפן־שטעט, מיט געדיכטע יידישע אַרבעטער־קוואַרטאַלן, ד. ה. ניו־יאָרק און פילאַדעלפיע, האָט אַ ברייטע נאָכ־פאָלגערשאַפט און אומבאַגרעניצטע באַוואונדערונג געוואונען פאַר זיך אַ באַ־רימטער דייטשישער אַנאַרכיסט און פּאָליטישער עמיגראַנט פון צוויי לענדער (דייטשלאַנד און ענגלאַנד), יאָהאַן מאָסט (1846—1906). אַ מענטש מיט אַ

2) גאָר באַזונדערס אינטענסיוו און פרוכטבאַר איז אָנגעגאַנגען די אַנטוויקלונג פון דער אַנאַרכיסטישער פּראָפּאַגאַנדע און אויפקלערונג, אין די יאָרן 1890—1910, אין פילאַ־דעלפיע. דאָרט האָט געלעבט און געווירקט, אַלס אַן אָרגאַניזאַטאָר פון טרייד־יוניאָנס און קאָאָפּעראַטיוון, ווי אויך אַלס זייער פּאָפּולערער פאָלקס־רעדנער און אַנאַרכיסטישער אַגיטאַטאָר, חיים לייב וויינבערג (1860—1939). שפּעטער איז דאָרט געווען טעטיק אַלס רעדנער, לעקטאָר, און פירער פון דער „ראַדיקאַלער ביבליאָטעק" (אויך אַלס ברענטש פון אַרב. רינג) יוסף קאָהאַן, שפּעטערדיקער רעדאַקטאָר (1921—1933) פון דער „פר. אַרב. שט.". (אין זיין בוך „יידיש־אַנאַרכיסטישע באַוועגונג אין אַמעריקע" (פילאַדעלפיע, 1945 פאַרנעמט פילאַדעלפיע אַ זייער גרויסן פּלאַץ). אין פילאַדעלפיע איז, אין 1906, אַרויסגעגאַנגען אַן אַנאַרכיסטישע וואָכנשריפט „ברויט און פרייהייט". פאַר אַ לאַנגער צייט האָט פילאַדעלפיע געשפּילט די ראָלע פון דעם גרעסטן, נאָך ניו־יאָרק, צענטער פון דער יידישער אַנאַרכיסטישער באַוועגונג אין נאָרד־אַמעריקע.

זעלטענער רעדנער־קראַפט און פייערדיקן רעוואָלוציאָנערן טעמפּעראַמענט, האָט ער שנעל געפונען אומצייליקע חסידים צווישן יידן און נישט־יידן. אים האָבן די יידישע רעבעליש־געשטימטע מאַסן זייער גוט פאַרשטאַנען, הגם פון אַ ליטעראַרישן דייטש־לשון האָבן כמעט זיי אַלע קיין השגה נישט געהאַט. מאָסט איז געווען באַליבט און פאַרערט, און זיין דייטשישע וואָכנשריפט „פרייהייט" איז ממש פאַרהערלעכט געוואָרן, אפילו פון די וואָס האָבן זי קוים געקענט לייענען...

אָבער דער הויפּט־שטראָם פון דער אַנאַרכיסטישער פּראָפּאַגאַנדע אין נאָרד־אַמעריקע איז געקומען פון די יונגע פאָלקס־אינטעליגענטן. זיי האָבן אומדערמידלעך, זינט 1886, און יאָרנלאַנג, צענדליקער יאָרן שפּעטער, פאַר־שפּרייט אַ סאָציאַליסטישע און אַנאַרכיסטישע אויפקלערונג, אָרגאַניזירנדיק קלובן און פאַראיינען, דרוקנדיק פלוגבלעטלעך און בראָשורן, און גרינדנדיק צייטונגען, זשורנאַלן אין די צוויי הויפּט־צענטערן פון דער באַוועגונג — אין לאָנדאָן און ניו־יאָרק.

די לעבעדיקסטע פּראָפּאַגאַנדע פאַרן אַנאַרכיזם צווישן יידן, און נישט נאָר אין די פאַראייניקטע שטאַטן, איז אָבער געקומען נישט פון געדרוקטן אָדער גערעדטן וואָרט, נאָר דורך אַן אומדערהערט־אכזרישער טאָט. דאָס איז געווען די טרויעריק־באַרימט „העימאַרקעט־טראַגעדיע" אין שיקאַגאָ, אין 1886—1887, ווען פינף אומשולדיקע וואָרט־פירער פון די ענגליש און דייטש־רעדנדיקע אַנאַרכיסטן אין אַמעריקע (פּאַרסאָנס, שפּיז, ענגעל, פישער און לינג) האָבן פאַרלאָרן זייערע לעבנס אַלס קרבנות פון אַן אומגעהויערן יוסטיץ־מאָרד. דער טיף־עמאָציאָנעלער כעס און פלאַמענדיקע אַנטריסטונג ביי די יונגע יידישע פרייהייט־קעמפער, אַלס ענטפער אויף דער מיאוסער „קלאַסן־נקמה" פון די רעגירנדיקע שיכטן, די גבירים־אַדירים, די הערשער פון דער כלומרשטער רעפּובליקאַנישער און דעמאָקראַטישער מדינה, האָט געוואַלדיק סטימולירט דעם וואוקס פון ראַדיקאַלן געדאַנק אין אַנאַרכיסטישן גייסט, ווי דאָס באַשרייבט איינער פון די פּיאָנערען פון דער באַוועגונג ביי יידן אין ענגלאַנד און אַמעריקע, ש. יאַנאָווסקי [3], וועלכער איז אָנגעקומען אין ניו יאָרק אין 1885.

די ערשטע יידישע אַנאַרכיסטישע וואָכנשריפט אין אַמעריקע, וואָס איז בכלל געווען די ערשטע צייטשריפט ביי יידן אין אַמעריקע, אַרויסגעגעבן פון אַן אַרבעטער־גרופּע, די „וואַרהייט", איז געגרינדעט געוואָרן פון דעם דער־מאָנטן אַרבעטער־פאַראיין „פּיאָנירן פון פרייהייט", אין ניו־יאָרק אין 1889. געלט־מאַנגל האָט געצוואונגען אָפּצושטעלן די צייטונג נאָך אירע ערשטע צוואַנציק נומערן. זי איז געווען די ערשטע געזעלשאַפטלעכע, ד. ה. נישט פון אַ פּריוואַטער פּערזאָן אָדער גרופּע אַרויסגעגעבענע סאָציאַליסטישע פּרע־סע־טריבונע אין דער יידישער שפּראַך אין נאָרד־אַמעריקע. איר הויפּט־רעדאַקטאָר איז געווען יוסף יאַפּפּאַ.

---

3) זען זיינע זכרונות „ערשטע יאָרן פון יידישן פרייהייטלעכן סאָציאַליזם" (אין יידיש), ניו־יאָרק, 1948.

דעם 4־טן יולי 1890 האָט אָנגעהויבן צו דערשיינען אַ נייע וואָכנשריפט, אַרויסגעגעבן פון יידישע אַנאַרכיסטן, די „פרייע אַרבעטער שטימע", וועלכע עקזיסטירט נאָך ביזן היינטיקן טאָג. דעם ערשטן יאָר האָט זי געהאַט צו צוויי רעדאַקטאָרן; אַן אַנאַרכיסטישן (ר. לואיס, ד. עדעלשטאַט) און אַ סאָציאַל־דעמאָקראַטישן (ד"ר בראַסלאַווסקי און יצחק־אייזיק הורוויטש).

מיט דער צייט האָט זי זיך דערוואָרבן די רעפּוטאַציע פון דער בעסטער און איינפלוס־רייכסטער וואָכנצייטונג אין יידיש. איר כמעט ערשטער באַרימטער רעדאַקטאָר איז געווען דער זייער באַליבטער רעוואָלוציאָנערער דיכטער דוד עדעלשטאַט (1866—1892). זיינע שטורמישע ווי אויך רירנדיק־האַרציקע אָדער פון אינטענסיוו־רעוואָלוציאָנערן פּאַטאָס באַהויכטע לידער, ווערן נאָך ביז איצט געזונגען פון יידישע אַרבעטער אויףביידע זייטן פון אַטלאַנטישן אָקעאַן. נאָך איר ערשטן גרויסן רעדאַקטאָרס טויט איז די „פר. אַרב. שט." אויף עטלעכע יאָר צייט אָפּגעשטעלט געוואָרן.

אין 1899 איז זי באַנייט געוואָרן דורך דעם באַגאַבטן שרייבער, גלענצנדיקן שאַרף־סאַרקאַסטישן רעדנער און לעקטאָר, ש. יאַנאָווסקי (1864—1939), וועלכער האָט זי געפירט צוואַנציק יאָר צייט. ער איז עטלעכע יאָר (1890—1894) געווען טעטיק אין לאָנדאָן, אַלס אַגיטאַטאָר, אַרבעטער־פירער און רעדאַקטאָר פון „אַרבעטער פריינד."

נאָך יאַנאָווסקיס אָפּפאָר פון לאָנדאָן האָט דער „אַרבעטער פריינד" קיין פּראָמינענטן רעדאַקטאָר נישט געהאַט עטלעכע יאָר צייט. ערשט מיטן אָנקום פון רודאָלף ראָקער קיין לאָנדאָן, אין 1899, האָט אָט־דער נישט־יידישער דייטש (געב. 1873) פאַרנומען דעם אָנגעזעענסטן פּלאַץ צווישן די פילע רעדאַקטאָרן וואָס דער „אַרב. פריינד" האָט דורך 30 יאָר פון זיין עקזיסטענץ ווען געהאַט. ראָקער איז אויף זיין פּאָסטן פאַרבליבן ביז 1914, ווען ער איז פון דער בריטישער מלחמה־רעגירונג איינגעשפּאַרט געוואָרן אין אַ לאַגער אַלס „פיינטלעכער אויסלענדער" 4).

חוץ דעם „אַרב. פר." האָט ר. ראָקער אַרויסגעגעבן אין לאָנדאָן אין די יאָרן 1900—1906 (אין 1902—1903 — אין לידז, וואו עס האָט עקזיסטירט אין אָנהויב פון 20־סטן יאָרהונדערט אַן ענערגישע יידישע אַנאַרכיסטישע גרופּע, וואָס האָט געדרוקט בראַשורן א. אַ. וו.) אויך אַ צוויי־וועכנטלעכן יידישן זשורנאַל „זשערמינאַל". דאָרט פלעגן זיך דרוקן, חוץ פּובליציסטישע און טעאָרעטישע אַרטיקלען, אויך ליטעראַריש־קריטישע אָפּהאַנדלונגען און זייער פיל איבערזעצונגען פון דער מאָדערנער אייראָפּעאישער ליטעראַטור, ווי ווערק פון מאַקסים גאָרקי, מולטאַטולי, מעטערלינק, סטרינדבערג, איבסען א. אַנד. אויך ווערק פון די אַנאַרכיסטישע טעאָרעטיקער, ווי סעבאַסטיען פאָר, ברידער רעקלוי, קראָפּאָטקין, זשאַן גראַוו א. אַנד. אַ סך פון די וויכטיקסטע איבערזעצונגען, וואָס ראָקער האָט געדרוקט אין „זשערמינאַל" און

---

4) דער „אַרב. פר." איז אינגאַנצן אָפּגעשטעלט געוואָרן דורך דער ענגלישער רעגירונג אין 1916.

אין „אַרב. פר.״, זיינען שפּעטער דערשינען אין דער פאָרם פון בראָשורן און ביכער.

רודאָלף ראָקער האָט, אַ דאַנק זיין קאַלירפולער, מאַגנעטישער פּערזענלעכקייט און זיין וואַרימער מענטשלעכקייט, גרויסער רעדנער־קראַפט און טרייער איבערגעבנקייט צו די אינטערעסן פון די אָרימע יידישע אַרבעטער, געוואונען אַ דויערנדיקע און טיף־איינגעוואָרצלטע פּאָפּולאַריטעט און ליבע צווישן די יידישע אַרבעטער־מאַסן אין די שטעט פון ענגלאַנד און אַמעריקע, וואו עס לעבן, אין די לעצטע 70—80 יאָר צייט, יידישע האַרעפּאַשנע מאַסן. זינט 1933 לעבט און אַרבעט (דערהויפּט ליטעראַריש) רודאָלף ראָקער אין די פאַראייניקטע שטאַטן 5).

סיי אין לאָנדאָן, סיי אין ניו־יאָרק פלעגט די יידישע אַנאַרכיסטישע באַוועגונג האָבן אַ מעכטיקן איינפלוס אויף אַלע צווייגן פון דער אַרבעטער־באַוועגונג. צענדליקער באַקאַנטע און ווייניקער באַוואוסטע אַנאַרכיסטן זיינען געווען די גרינדער און בויער פון טרייד־יוניאָנס ווי די יוניאָן פון דאַמען־באַקליידונג אַרבעטער: די „אינטערנעשאַנאַל ליידיס גאַרמענט וואָרקערס יוניאָן״ און אַנדערע יוניאָנס, פון קאָאָפּעראַטיוון, ווי אויך פון פראַטערנאַלע אָרדנס (אַרבעטער־רינג) און פון בילדונג־פאַראיינען, פון צייטשריפטן און בוך־פאַרלאַגן אויף דער יידישער אַרבעטער־גאַס. אין איר פרעסע זיינען באַהאַנדלט און אויך דערמוטיקט און געשטיצט געוואָרן אַט־די אַלע פאָרמען פון אַרבעטער־אַקטיוויטעט, און פראַלעטאַרישער זעלבסט־באַשטימונג דורך מוטיקער איניציאַטיוו, ענערגיע און אַקטיווער סאָלידאַריטעט און קאָאָפּעראַציע פאַר דער קעגנזייטיקער הילף און אַליין־פאַרפולקאָמונג פון דעם יידישן אַרבעטער אין אַ פרעמדער און נישט־פריינטלעכער פאַר אים סביבה. גלייכצייטיק האָט די יידישע אַנאַרכיסטישע באַוועגונג און איר פרעסע, דערהויפּט אין אַמעריקע, זיך אַרויסגעוויזן אַלס מעכטיקער פאַקטאָר אין דער אַנטוויקלונג פון נייע ליטעראַרישע און קונסט־טאַלאַנטן (ספּעציעל אויפן טעאַטער־געביט) אין דער יידיש־ריידנדיקער וועלט, וועלכע פלעגט, מיט גרויס רעספּעקט און געשפּאַנטן אינטערעס, זיך שטענדיק צוהערן צו ש. יאַנאָווסקיס קול פון זיין באַרימטער טריבונע — די „פרייע אַרבעטער שטימע״ מיט זיין שטענדיקער רובריק „אויף דער וואַך.״

די פּיאָנערן פון דער באַוועגונג אין דער יידישער אַמעריקע האָבן יענע ערשטע יאָרן, ביז 1900, אָפּגעלעבט אונטער די שווערסטע באַדינגונגען פון דלות און פאַרצווייפלונג. זיי האָבן אָבער געפונען טרייסט, און אפילו דערמוטיקונג, אין דעם ענטוזיאַסטישן גלויבן אין אַ נייער, אַ בעסערער וועלט. געגלויבט האָבן זיי אַלע, אַז אַחוץ די שלעכטע און שעדלעכע רעגירונג־אינסטיטוציעס, זיינען די מענטשן אין תוך גענומען גוט און נאָבל.

---

5) פון ראָקערס פעדער זיינען אין יידיש דערשינען, נאָך אין ענגלאַנד, אַ סך אָריגינעלע און איבערזעצטע בראָשורן. זיין מאָנומענטאַל ווערק „נאַציאָנאַליזם און קולטור״ איז אַרויס אויף ענגליש אין אַמעריקע, אין 1937, 2טע אויפלאַגע אין 1947; אויף יידיש — אין אַרגענטינע, און אין עטלעכע מערב־אייראָפּעאישע שפּראַכן (דייטש א. אַ.).

אַן איינציקאַרטיקע פרעסע־טריבונע פון אַ הויכן ליטעראַרישן סטאַנ־דאַרד האָט עקזיסטירט אין נוי־יאָרק, אין די יאָרן 1895—1897 און 1899—1902, פאַר די גייסטיקע וואָרט־פירער פון אַנאַרכיזם ביי יידן און פאַר וואָרט־קינסטלער, וואָס האָבן סימפּאַטיזירט מיט די פרייהייטלעכע און סאָציאַליס־טישע אידייען. דאָס איז געווען די מאָנאַטשריפט „פרייע געזעלשאַפט". אירע רעדאַקטאָרן זיינען געווען מ. לעאָנטיעוו (מאָיסעיעוו) און משה קאַץ. אירע מיטאַרבעטער זיינען געווען: ד"ר מעריסאָן, ד"ר קאַטערינע יעווזעראַוו, יעקב גאָרדין, א. טעלסאָן, א. גינזבורג, א. פרומקין, א. ליעסין, אלכסנדר האַרקאַווי, י. באָוושאָווער, ד"ר קאַספּע א. אַנד.

ווי עס ווייזן די פּרעכטיקע זכרונות־ביכער פון אַ סך פון יענע פּיאָנערן (ש. יאַנאָווסקי י. קאָפּעליאָוו, א. פרומקין), איז אין דער ברייטהאַרציקייט און מסירות־נפשדיקער פאַרערונג פון זייערע אידעאַלן קיין שום אָרט נישט געווען פאַר פערזענלעכער אומצופרידנקייט מיט די געדריקטע לעבנס־באַדינ־גונגען פון זייער עקזיסטענץ. וועגן זיי האָט עס געזאָגט (אין שייכות מיט א. פרומקינס מעמואַרן־בוך, „אין פרילינג פון יידישן סאָציאַליזם") דער באַ־רימטער פאַרשטאָרבענער אַמעריקאַניש־ יידישער פילאָזאָף, פּראָפעסאָר מאָ־ריס רפאל קאָהען, אָט־די אויפריכטיקע און שיינע ווערטער:

"זייער ענטוזיאַזם באַלייכט יענע ווייטע טעג פון גלאָררייכער פאַרגאַנ־גענהייט מיטן ליכט פון אַ ריינעם אידעאַליזם און פון גרייטווילליקער אַרבעטס־מי פאַר זייער צווייפאַכן (אַנאַרכיסטישן) אידעאַל, ד. ה. אינדיווידועלע פריי־הייט און סאָציאַלע גערעכטיקייט". 6).

דער הויפּט־שטראָם פון אַנאַרכיסטישער אידעאָלאָגיע ביי יידן אין ענגלאַנד און אַמעריקע איז געווען נאָענט צו דער לערע פון אַנאַרכיזם־קאָ־מוניזם אין גייסט פון פּעטער קראָפּאָטקין (1842—1921) און עליזע רעקליו (1830—1905), ווי אויך פון מאַלאַטעסטאַ (1853—1932) און מאַקס נעטלוי (1865—1944). בלויז אַ מינדערהייט צווישן די פירנדיקע יידישע אַנאַרכיסטן אין אַמעריקע איז געשטאַנען נאָענט צו יאָהאַן מאָסטס אַנזיכטן איבער „די־רעקטער אַקציע" און „פּראָפּאַגאַנדע דורך טאַט" (וואָס זיי בײדע זיינען, אַגב, אַ פּיל העכערער און מער צוועקמעסיקער טאַקטישער מיטל ווי דער רויער טעראָריזם אָדער געוואַלט־פאַרהערלעכונג, ווי די וואולגאַרע און פאַרפירע־רישע קעגנערישע פּראָפּאַגאַנדע שטעלן זיי פאָר). די באַרימסטע אין אַמע־ריקע אַקטיווע אַנאַרכיסטן פון זייער צייט (ביז 1919) — עמאַ גאָלדמאַן (1869—1940) און אַלעקסאַנדער בערקמאַן (1873—1936) האָבן אַ גאַנץ קליינעם טייל פון זייער פּראָפּאַגאַנדע געפירט אין יידיש 7). דער הויפּט־רוף זייערער

---

6) אין אַ רעצענזיע איבער א. פרומקינס בוך „אין פרילינג פון יידישן סאָציאַליזם", געדרוקט אין:
Jewish Social Studies, New York, Vol. 3, 1941. 226-227.

7) עמאַ גאָלדמאַן איז געווען אפשר די אינטערעסאַנטסטע, ראָמאַנטישסטע און איינ־פלוסרייכסטע פיגור אין דער אַמעריקאַנער אַנאַרכאָ־סאָציאַליסטישער באַוועגונג אין דער ערשטער העלפט פון 20טן י"ה. נאָר אין די סאַמע ערשטע יאָרן פון איר טעטיקייט (1889—1894) איז זי געשטאַנען נאָענט צו די רייען יידישע אַנאַרכיסטישע קרייזן (ווי זי דערציילט אין איר אויטאָביאָגראַפיע: „ליווינג מאַי לאַיף"). אויך צום סאַמע סוף פון

איז געווען געווענדט צו די נישט־יידן נישט ווייניקער, און גיכער מער, ווי צו די יידן. די וואָרט־פירער פון דער יידישער באַוועגונג, ש. יאַנאָווסקי, ד״ר מיכל קאָהן, ד״ר הילל זאָלאָטאַראָוו און ד״ר י. א. מעריסאָן, זיינען אַלע געווען אויסגעשפּראָכענע קעגנער פון די געוואַלט־מעטאָדן (אַלע דריי דאָקטוירים זיינען, אגב, געווען מעדיקער).

***

פון די ערשטע 1900־ער יאָרן אָן האָט אַ יידישע אַנאַרכיסטישע באַוועגונג, אַן אַריבערגעפּלאַנצטע פון ענגלאַנד און אַמעריקע, אָנגעהויבן שלאָגן וואָרצלען צווישן די יידן אין רוסלאַנד און פּוילן. אין גרעסערע שטעט ווי אָדעס, ביאַליסטאָק, וואַרשע, ווילנע א. אַנד. וואו עס האָט געלעבט און געליטן אַ גרויסע אָרימע יידישע אַרבעטער־מאַסע, זיינען ווי פון זיך אַליין אַנטשטאַנען אַנאַרכיסטישע גרופּעס און קרייזלעך. זיי האָבן אַפּעלירט צו די אומצופרידענע עלעמענטן אין די רייען פון די אַלטע פּאַרטייען (בונד, פּ. פּ. ס. א. אַנד.): מערסטנס יונגע עלעמענטן, וועלכע האָבן געדורשט נאָך אַן אַקטיוו־רעוואָלוציאָנערער שטורעמדיקער אַרבעט, פריי פון די צוימען און גרעניצן פון בורזשואַז־ליבעראַלער דעמאָקראַטיע און פּאַרלאַמענטאַריזם. אין עטלעכע שטעט, באַזונדערס אין ביאַליסטאָק, איז די רעוואָלוציאָנערע אַגיטאַציע, ספּעציעל די מעטאָדע פון „דירעקטן קאַמף״, ד. ה. טעראָר, געפאַלן דווקא אויף אַ גוטן, גרייטן באָדן. פון פריער האָט מען דאָרט, נעמלעך, פּראַקטיצירט, בעת די סכסוכים פון די יידישע אַרבעטער און באַלעבאַטים (בעלי־מלאכות און פאַבריקאַנטן) די מעטאָדן פון עקאָנאָמיש־רעוואָלוציאָנערן טעראָר, ספּעציעל ביי די לוין און אַנדערע סכסוכים און שטרייקן פון די וועבערס קעגן די קליינע טעקסטיל־באַלעבאַטים (לווינקעטניקעס) אד״גל. טאָ האָט די שטאָט ביאַליסטאָק טאַקע געשפּילט אַ גאָר פּראָמינענטע ראָל אין דער ערשטער סטאַדיע (1903—1905) פון דער אַנאַרכיסטישער באַוועגונג צווישן די יידן אין רוסלאַנד. אַריינפירנדיק, אויפן אונטערערדישן וועג, יידישע אַנאַרכיסטישע ליטעראַטור פון לאָנדאָן און שווייץ, איז נישט שווער געווען פאַר די ערשטע פּראָפּאַגאַנדיסטן פון אַנאַרכיזם־קאָמוניזם אין ביאַליסטאָק, וואַרשע, אָדעס און אַנדערע שטעט צו באַשאַפן גרויסע און קליינע נעסטן פון אַנאַרכיזם אין די גרעסערע שטעט און אין די אַרומיקע שטעטלעך. זייער אַרבעט איז געפירט געוואָרן דורך מאַסן־מיטינגען און דיסקוסיעס מיט אַנדערע פּאַרטייען און ריכטונגען, דורך ליטעראַטור (פּראָקלאַמאַציעס, בראָשורן, ביכער), דורך שטרייקן און גאַסן־דעמאָנסטראַציעס, און טעראָריסטישע אַקטן קעגן די דינער פון דער צאַרישער אויטאָקראַטיע — אַן אַקציע, וואָס איז מערסטנס אויסגעפירט געוואָרן אינאיינעם מיט דער גרופּע מאַקסימאַליסטן (לינקע סאָ־

איר שטורמישער אַנאַרכיסטישער קאַריערע, אין די לעצטע פּאָר יאָר פאַר איר טויט, האָט זי געלעבט אין דער אינטימער סביבה פון די יידישע חברים און זייער גרופּע „פרייע געזעלשאַפט״, אין טאָראָנטאָ, קאַנאַדע, וואו זי איז געשטאָרבן אָנהויב מאַי 1940. באַערדיקט איז זי געוואָרן אין שיקאַגאָ, אין שאָטן פון דעם פּרעכטיקן אַנאַרכיסטישן מאָנומענט פון די שיקאַגער מאַרטירער.

ציאַליסטן־רעוואָלוציאָנערן), דורך באַטייליקונג אין אָרגאַניזירונג פון זעלבסט־שוץ ביי פּאָגראָמען אויף יידן, א. ד. גל. בעת די שטורמישע רעוואָלוציאָנערע און נאָך־רעוואָלוציאָנערע יאָרן (1903—1907).

די רוסיש־יידישע אַנאַרכיסטישע באַוועגונג איז נאָך פיל מער געווען צעריסן און צעשפּאָלטן אויף פראַקציעס ווי די באַוועגונג ביי יידן אין די אַנגלאָ־זאַקסישע לענדער. עס זיינען אין רוסלאַנד געווען מעסיקערע און עקסטרעמע יידיש־אַנאַרכיסטישע (אַלס אַ טייל פון אַלגעמיין־רוסלענדישע ריכטונגען) פראַקציעס. צו די ערשטע האָבן געהערט די „דעמאָקראַטן־פעדעראַליסטן" ח. קראַפּאָטקינס געטרייסטע חסידים, ווי אויך „אַנאַרכאָ־קאָמוניסטן", „אַנאַרכאָ־סינדיקאַליסטן" און אַנד., און צו די עקסטרעמיסטן — די „טשערנאָזנאמצעס" (שוואַרצע פאָן־לייט) מיט זייער טאַקטישן עקסטרעם־מיטל פון „מאָטיוולאָזן טעראָר"; די גרופּע „קאָמונאַרן" און אפילו אַ גרופּע „בעזנאטשאליע" (אויטאָריטעטלאָזיקייט) א. אַ. די אַלגעמיינע רוסישע אַנאַרכיסטישע פּרעסע, געדרוקט אונטערערדיש אין רוסלאַנד גופא און אין זשענעווע, פּאַריז א. אַז. וו. פלעגט פון צייט צו צייט דרוקן אַרטיקלען פון פירנדיקע רוסישע אַנאַרכיסטן, וואָס זיינען געווען יידן, ווי יודא גראָסמאַן (ראָשטשין), טאַראַטוטא א. אַנד. אין אַלגעמיין האָבן אָבער די יידן אין דער אַנאַרכיסטישער באַוועגונג זיך געהאַלטן פאַר „יידיש־שפּרעכנדיקע רוסישע אַנאַרכיסטן" (ווי עס שטייט אין קאָפּ פון אַ זשורנאַל אין יידיש „אַנאַרכיע", וואָס האָט זיך געדרוקט, ווייזט אויס אין דער שווייץ, און איז דערשינען אין יאָר 1908).

אונטער די דעמאָלטיקע אומשטענדן פון צאַריזם, מיט זיין צענזור און אַלערליי רעפּרעסיעס קעגן פרייען וואָרט, איז נישט לייכט צו דערגיין פון די געדרוקטע אויסגאַבן אין וואָס די צילן און די טאַקטיק פון די וויכטיקסטע שטרעמונגען און גרופּעס ביי די יידן־אַנאַרכיסטן אין רוסלאַנד זיינען באַשטאַנען. איז טאַקע צום באַדויערן, נישט באַוואוסט אויף וויפיל די אַנאַרכיסטישע טעאָריע און אירע אויסטייטשער זיינען געווען פאַראַנטוואָרטלעך פאַר די אָפּט פּרינציפּלאָזע נישט־באַרעכטיקטע אַקטן פון עקספּראָפּריאַציע און טעראָר, ווי זיי זיינען אין דער שטורעמדיקער רעוואָלוציע־צייט באַנוצט געוואָרן, און נישט בלויז פון אַנאַרכיסטן אַליין, קעגן מיטל־קלאַס־מענטשן, ווי קרעמער, פּאַבריקאַנטן, א. אַנד., אין אַ סך רוסישע שטעט מיט אַ גרעסערער יידישער באַפעלקערונג.

כמעט אַלע רעוואָלוציאָנער־ אַקטיווע יידישע און נישט־יידישע אַנאַרכיסטן פון יענער צייט (1903—1908) אין רוסלאַנד האָבן באַצאָלט מיט זייערע לעבנס פאַר זייער געוואַגטן און זעלבסט־אָפּפערישן קאַמף קעגן דער אַלטער סאָציאַלער און פּאָליטישער סיסטעם. אין דער געשיכטע פון סטיכישן, כמעט אינסטינקטיוו־עמאָציאָנעלן, פאַרביסענעם און פאַרביטערטן קאַמף פון די רעוואָלוציאָנערע יידן אין רוסלאַנד קעגן צאַריזם און קאַפּיטאַליזם, האָבן די יידישע אַנאַרכיסטן אַריינגעשריבן נישט ווייניק שפּאַנענדיק־דראַמאַטישע קאַפּיטלען. דאָס איז אין גרונט געווען אַ פאַרצווייפלונגס־קאַמף פון די זין און טעכטער פון דער אָרימער, עקספּלואַטירטער יידישער פאָלקסמאַסע וואָס האָבן מיט אַ ביישפּיללאָזן ברען זיך אַריינגעוואָרפן אין דער רע־

וואָלוציע. אָבער אין גרונט גענומען איז עס גיכער געווען אַ האַלב־באַוואוסט־זיניקער נקמה־רעוואָלט פון דעם מוטיק־שרעקלאָזן אַוואַנגאַרד פון אַ גאַנצן רעוואָלוציאָנערן דור קעגן דעם פאַרהאַסטן טאָפּלטן יאָך: פון דעם מלוכה־דעספּאָטיזם און פון דער סאָציאַל־עקאָנאָמישער אומגערעכטיקייט. ווי באַוואוסט, האָט דאָס רעוואָלוציאָנערע פאָלק דעם ערשטן אָנגריף אויפן אַלטן רוסישן סדר טראַגיש פאַרלאָרן 8).

אַן אויסערגעוויינלעכע אכזריות און בלוטדורשטיקייט איז אַרויסגעוויזן געוואָרן פון דער צאַרישער מאַכט אין באַצוג צו די אַנאַרכיסטן פון מערב־רוסלאַנד און פּוילן, וואו דער גרעסטער טייל פון דער שטאָטישער באַפעלקערונג איז באַשטאַנען פון יידן (און די אַנאַרכיסטן־טעראָרסיטן זיינען, ווי שוין געזאָגט, דערהויפּט געווען קינדער פון די אָרימסטע און סאָציאַל־אונטערדריקטע, פאַרשטויסענע שטאָטישע שיכטן, באַזונדערס אין די אינדוסטריעלע שטעט און שטעטלעך, ווי ביאַליסטאָק, גראָדנע, קרינק און אַנד.). מען האָט זיי אין די פּאָליצייַ־ און זשאַנדאַרמערי־ביוראָס געפּייניקט און איבער זיי זיך איזדיעקעוועט; מען האָט זיי געשטעלט פאַר פעלד־געריכטן אין די רעאַקציע־יאָרן 1906—1907, און אָפט אָן יעדן געריכט „פאַרמשפּט" צום טויט דורך דערשיסן אָדער הענגען. מיט זיינע רציחות האָט זיך באַזונדערס אויסגעצייכנט, אין 1905—1906, דער וואַרשעווער גענעראַל־גובערנאַטאָר סקאַלאָן. אומגעהויערע טאָרטורן האָבן דורכגעמאַכט צענדליקער אַנאַרכיסטן, אין 1905—1906, אין וואַרשעווער ציטאַדעל, אַ סך פון וועלכע זיינען נאָך דער עקזעקוציע (און ווען די טויטע קערפּערס זיינען געמאַכט געוואָרן אומדערקענבאַר) אַריינגעוואָרפן געוואָרן אין טייך ווייכסל. די כמעט אָפענע כוונה איז געווען צו פּראָוואָצירן די איבערגעבליבענע חברים, פול מיט נקמה־געפילן און אַנטריסטונג, צו נייע אַקטן פון טעראָר קעגן די בלוטדורשטיקע סאַדיסטישע מאַכט־האָבערס.

פון דער צווייטער זייט האָבן אומציילקע יונגע יידישע אַנאַרכיסטן, אַריינפאַלענדיק אין די הענט פון די צאַריסטישע רוצחים, אין אָנגעזיכט פון טויט, אַרויסגעוויזן אַן אומגעהויערע גבורה און אומדערשראָקנקייט. נישט ווייניק זיינען געגאַנגען צו דער תליה מיט עקסטאַטישע אויסרופן: „זאָל לעבן די אַנאַרכיע", „טויט די טיראַנען" א. ד. גל. פּאַסירט האָט אויך אַז אין לעצטן מאָמענט פאַרן דערשיסן האָבן די יידישע אַנאַרכיסטן ווי צ. ב. יצחק בלעכער פון ביאַליסטאָק, געהאַלטן פאַר די סאָלדאַטן, מיט אָנגעשטעלטע ביקסן צום דערשיסן, פייערדיקע רעדעס, און געשאָסן האָט מען ערשט נאָך אַ צווייטער קאָמאַנדע. מיט מוטיקע, האַרבע און אַרויסרופנדיקע ווערטער האָבן די קרבנות פון פּאָליצייאיש־צאַרישן רעזשים פון טעראָר און אינקוויזיציע זיך געווענדט אָפט צו די העכסטע שררות, מיליטער־לייט און אַנד., ווען

8) שפּליטער און „שפּענער" פון דער יידיש־אַנאַרכיסטישער באַוועגונג אין רוסלאַנד האָבן זיך דעמאָלט דערטראָגן, צוזאַמען מיט אַנדערע שטראָמען אין דער „צווייטער עליה" (1904—1908) קיין פּאַלעסטינע, ספּעציעל נאָכן גרויסן רוסישן רעוואָלוציאָנערן שטורעם פון 1905—1907 (זען דעם אַרטיקל פון מנשה אונגער: „אַמאָליקע אַנאַרכיסטן אין פּאַלעסטינע", „פר. אַרב. שט.", 29טער אויגוסט 1930).

יענע פלעגן קומען צו די קרבנות אין טורמע און זיי זוכן איינצורעדן, אַז זיי זאָלן ווערן שפּיאָנען און פּראָוואָקאַטאָרן, כדי זיך צו קענען ראַטעווען פון טויט 9). נאָך אַנדערע יידישע אַנאַרכיסטן ווי משה טאָקער פון ווילנע, נישט וועלנדיק זיך איבערגעבן אין די הענט פון די תלינים פאַר דער לעצטער עק־זעקוציע, האָבן זיך גענומען דאָס לעבן, ווי צ. ב. זיך אונטערצינדן לעבע־דיקערהייט אויף דעם בעטל אין דער טורמע־קאַמער און פלעגן פאַרברענט ווערן אויף טויט.

אויך אין די רעוואָלוציאָנערע געשעענישן פון 1917 אין רוסלאַנד, בעת דעם צווייטן רעוואָלט קעגן דעם צאַריזם און קאַפּיטאַליזם, האָבן די יידישע אַנאַרכיסטן גענומען אַן אַקטיוון אַנטייל. עס האָט לאַנג נישט געדויערט, און די אַנאַרכיסטן אין רוסלאַנד, יידן ווי נישט־יידן, האָבן אָנגענומען אַן אויס־געשפּראָכן פיינטלעכע פּאָזיציע צום רעזשים פון דיקטאַטור אונטער דער רויטער פאָן פון שטאַט־קאָמוניזם.

נאָר אַ גאַנץ קליינער טייל פון די אַלטע אַנאַרכיסטישע טוער איז אַריבער אין לאַגער פון די אַזוי־גערופענע „אַנאַרכאָ־באָלשעוויקעס", צווישן וועלכע עס האָבן זיך אויך געפונען מאַנכע יידן, ווי אַלעקסאַנדראָוויטש, נאָוואָמירסקי, סאַנדאָמירסקי, ראָשטשין (יודא גראָסמאַן) און אַנד. אַ געוועזענער אַנאַרכאָ־סינדיקאַליסט (וואָס האָט לאַנג געלעבט אין אַמעריקע שאַטאָוו — נישט קיין ייד) איז אפילו געווען דער הויפּט־אויסהעלפער פון די באָלשעוויקעס אין זייער קאַמף קעגן די אַנאַרכיסטן. אָבער דער גרעסטער טייל פון דער רוסי־שער באַוועגונג, און פון די יידן אין איר, זיינען געבליבן געטריי די אידעאַלן פון שטאַטלאָזיקייט און פון אַ געזעלשאַפט אָן עקספּלואַטאַציע און אָן צוואַנג. במילא, האָט די גרויזאַמע האַנט פון דער באָלשעוויסטישער טיראַניי דער־לאַנגט פאַטאַלע קלעפּ איבער די קעפּ פון די פירנדיקע אַנאַרכיסטישע וואָרט־זאָגער, און צווישן זיי זיינען געווען נישט ווייניק יידן. אַ היפּשע צאָל פון זיי, ווי וואָלין, אבא גאָרדין, אַלעקסאַנדער שאַפּיראָ, מאַרק מראַטשני, באָריס יע־לענסקי, ג. א. גאָרעליק, א. פעלדמאַן און אַנד. זיינען אָדער אַנטלאָפן אָדער דעפּאָרטירט געוואָרן קיין אויסלאַנד (אין יאָר 1922), און די פאַרבליבענע אין ראַטן־רוסלאַנד זיינען אָדער „ליקווידירט" געוואָרן, אָדער פאַרשיקט געוואָרן אין די „לאַגערן" און דאָרט געשטאָרבן פאַר דער צייט, אָדער פרי־צייטיק אַוועק פון דער וועלט דורך הונגער, מגפות, זעלבסמאָרד א. אַז. וו.

אַ באַזונדער קאַפּיטל אין דער געשיכטע פון דעם אַנאַרכיזם אין דעם נייעם רוסלאַנד האָט צו טאָן מיט דער מאַכנאָ־באַוועגונג אין אוקראַינע אין 1918—1921. גאַנץ נאָענט צו אָט־דער באַוועגונג אין איר אויפבלי־צייט איז

9) אַזוי ווי אין יעדער קאָנספּיראַטיווער און טעראָריסטיש־רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג, וואו דער הייליקסטער עקסטאַז גייט אָפט האַנט אין האַנט מיט געמיינסטן פאַרראַט, שפּיאָ־נאַזש און פּראָוואָקאַציע, האָבן אויך אין דער רעוואָלוציאָנער־אַנאַרכיסטישער באַוועגונג פון 1903—1906 אין רוסלאַנד זיך אַריינגעכאַפּט קאָרופּטע און פּראָוואָקאַטאָרישע עלעמענטן, וואָס האָבן סוף כל סוף נישט נאָר אונטערגעגראָבן די באַוועגונג אין איר אַלטער פאָרם, נאָר האָבן אויך, אַזוי צו זאָגן, זי פון אינעווייניק אויפגעריסן און אַפילו דיסקרעדיטירט פאַר אַ לאַנגער צייט.

געשטאַנען דער אַנאַרכיסטן־פירער וואָלין (1882—1945), וואָס איז געווען פון יידישער אָפּשטאַמונג. ווסעוואָלאָד מיכאַילאָוויטש וואָלין (אייכענבוים), אַן אייניקל פון באַרימטן משכיל און העברעאישן שרייבער אין צאַרישן רוס־לאַנד, יעקב אייכענבוים (1796—1861), און, פריער אַ סאָציאַליסט־רעוואָלו־ציאָנער, איז וואָלין מיט דער צייט געוואָרן דער הויפּט־וואָרט־פירער פון די אַנאַרכיסטן אין רוסלאַנד. וואָלין האָט ביז דער צווייטער רוסישער רעוואָ־לוציע (אין 1917—1918) געלעבט לאַנג אין פראַנקרייך און אַמעריקע. אין 1918 האָט ער זיך פאַרבונדן מיט עטלעכע חברים אין דער אוקראַינע (יוסף גוטמאַן, אַראָן באַראָן א. אַנד.) — אַלס גרינדער פון דער אוקראַינישער אַנאַר־כיסטישער קאָנפעדעראַציע „נאַבאַט". די פּרינציפּן־דערקלערונג אירע האָט אָנגעשריבן וואָלין, און דאָס איז געווען אַ מין סינטעז צווישן דעם פראַנ־צויזישן אַנאַרכאָ־סינדיקאַליזם און דעם אַנאַרכיזם־קאָמוניזם פון דער באַ־קאַנטער קראָפּאָטקינישער ריכטונג. וואָלין האָט רעדאַקטירט דעם הויפּט־אָרגאַן פון דער „נאַבאַט"־קאָנפעדעראַציע, פריער אין יעליסאַוועטגראַד, דער־נאָך אין כאַרקאָוו (1919— 1920). וואָלינס ראָלע און פּרעסטיזש צווישן די רעוואָלוציאָנערע מאַסן איז געווען אַ גאַר גרויסע. אין 1920 ווערט וואָלין באַפריינדעט מיט מאַכנאָ, דעם פירער פון דער אַנאַרכיסטיש־געשטימטער פאַרטיזאַנער באַוועגונג. ער, וואָלין, צוזאַמען מיט אַרשינאָוון, ווערן די „ביל־דונגס־ און פּראָפּאַגאַנדע־קאָמיסאַרן" אינם מאַכנאָ־רעזשים, וואָס האָט גע־לעבט אַ קורצע צייט.

די באָלשעוויקעס, מיט טראָצקין אין דער שפּיץ, האָבן דורך אָפענעם מיליטערישן קאַמף און דעמאַגאָגיש־יעזואיטישע מעטאָדן דערשטיקט די מאַכנאָ־באַוועגונג. מאַכנאָ איז אַנטלאָפן קיין אויסלאַנד. וואָלין, וואָס איז צוזאַמען מיט נאָך עטלעכע פירנדיקע אַנאַרכיסטן אַרויסגעשיקט געוואָרן פון סאָוועט־רוסלאַנד אין 1922, איז געשטאָרבן אין פּאַריז דעם 18־טן סעפּטעמ־בער 1945. עטלעכע יאָר נאָך זיין טויט איז פאַרעפנטלעכט געוואָרן אין דער פראַנצויזישער שפּראַך זיין מאָנומענטאַל ווערק „די אומבאַקאַנטע רעוואָלו־ציע", וואָס גיט אַ פולן, אַלזייטיקן בילד פון דער טיף־אינטערעסאַנטער מאַכ־נאָ־באַוועגונג, און אויך פון קראַנשטאַטער אויפשטאַנד. די אַנטיסעמיטישע בלבולים אויף נ. מאַכנאָ (1887—1934) האָט מען נאָך ביי זיין לעבן אָפּגע־פרעגט און אָפּגעשלאָגן.

***

פאַר דער ערשטער וועלט־מלחמה (נאָך גאַר אין אָנהויב פון 20־סטן י"ה), איז אין אַרגענטינע אַנטשטאַנען אַ זייער אָנזעעוודיקע און דינאַמישע יידישע אַנאַרכיסטישע באַוועגונג. פאַר אַ קורצער צייט, אין 1907—1908, האָט די טעגלעכע אַנאַרכיסטישע צייטונג אין בוענאָס איירעס, „לאַ פּראָטעס־טאַ", געדרוקט אַ ביילאַגע אין יידיש. אַ דראַמאַטישע פּאַסירונג האָט כמעט פּלוצלינג איבערגעריסן דעם כסדר וואַקסנדיקן וואוקס פון דער באַוועגונג. אין 1909, דעם 1־טן מאַי, האָבן די אַנאַרכיסטן דורכגעפירט אין בוענאָס איירעס אַ גרויסע גאַסן־דעמאָנסטראַציע אויף „אַוועניִדאַ דע מאַיאָ". האָט דער

פאַליציי־שעף, פאַלקאָן, אַרויסגעשיקט זיינע מערדערישע „קאָזאַקן" קעגן די דעמאָנסטראַנטן און זיי האָבן דערשאָסן אויפן אָרט אַ גרויסע צאָל אומשולדיקע חברים און פאַרוואונדעט הונדערטער אַנדערע. אַלס אַן אויסדרוק פון נקמה האָט אַ חבר, שמעון ראַדאָוויצקי, באַגאַנגען אַן אַקט קעגן פאַלקאָנען, אין הערבסט 1909. דאָס האָט געפירט צו שאַרפע רעפּרעסיעס און רדיפות אויף דער אַנאַרכיסטישער באַוועגונג בכלל און אויף דער יידישער גאָר ספּעציעל. שמעון ראַדאָוויצקי איז דערפאַר פאַרמשפט געוואָרן צו קאַטאָרגע און אַוועקגעשיקט געוואָרן אויף „פייער־אינדזל" — איינע פון די ערגסטע שטראָף־פּלעצער אין דער גאָרער וועלט, וואו ער האָט זיך אָפּגעמאַטערט 20 יאָר צייט (איצט לעבט ער אין מעקסיקאָ).

די יידישע באַוועגונג האָט אָבער אין זיד־אַמעריקע געפונען פאַר זיך אַ פיל בעסערן גייסטיקן קלימאַט, אַ גינסטיקערע „קולטורעלע אַטמאָספערע", ווי אין נאָרד־אַמעריקע (אַדאַנק דער נייגונג פון די שפּאַניש־רעדנדיקע פעלקער צו דער געדאַנקען־וועלט פון פרייהייטלעכן, הערשאַפטלאָזן סאָציאַליזם אויפן יסוד פון אינדיווידועלער חשיבות און ווירדע פון מענטשלעכער פּערזענלעכקייט). די שטאַרקע אַנאַרכיסטישע און אַנאַרכאָ־סינדיקאַליסטישע באַוועגונג אין אַרגענטינע און אַנדערע לאַטיין־אַמעריקאַנישע לענדער איז טאַקע געווען בכוח בייצושטיין אַלע מלוכה־רדיפות און טעראָר־גזירות פון אַלערליי דיקטאַטאָרן, וואָס אַנטשטייען אַזוי אָפט אין זיד־אַמעריקע. און במילא איז אויך די יידישע גרופּע בכוח געווען צו לעבן לאַנג און אויפהאַלטן איר פּרעסטיזש און איינפלוס אין דער יידישער אַרבעטער־וועלט.

נאָך דער מלחמה פון 1914—1918 האָט מען געגרינדעט עטלעכע אָרגאַנען פון דער ייִדיש־אַנאַרכיסטישער פּרעסע אין אַרגענטינע. ביז די צייטן פון די איצטיקע רעפּרעסיעס פלעגט דאָרט דערשיינען עטלעכע יאָר צייט (ביז 1947) אַן אַנאַרכיסטישע מאָנאַט־שריפט „דאָס פרייע וואָרט", אין די לעצטע פּאָר יאָר פלעגט אַרויסגיין אַ מאָנאַט־שריפט „די וועלט". אויך האָבן דאָרט די חברים, אין די לעצטע יאָרן אַרויסגעלאָזן אין ייִדיש עטלעכע אָריגינעלע און איבערזעצטע וואָגיקע ווערק, ווי דאָס בוך „אַרויסגעוואָרפענע רייד" פון יונה גאָראַדיסקי, „נאַציאָנאַליזם און קולטור", פון רודאָלף ראָקער, אַ גרויסן קראָפּאָטקין זאַמלבוך, „י. ל. פּרץ" פון א. ס. זאַקוסקי א. אַנד.

***

אויך אין פראַנקרייך האָט די אַנאַרכיסטישע באַוועגונג ביי יידן אַ גאַנץ לאַנגע געשיכטע.

אינם גרעסטן און עלטסטן צענטער פון יידישע אַרבעטער אין מערב־אייראָפּע נאָך לאָנדאָן — פּאַריז, האָבן יידישע אַנאַרכיסטן אַגיטירט פאַר זייערע אידייען נאָך אין די 1880־ער יאָרן און אָנהויב די 90־ער. דער ערשטער רעדאַקטאָר פון לאָנדאָנער „אַרבעטער פריינד", פיליפּ קראַנץ (1858—1922), איז אין 1883 איינגעלאַדן געוואָרן קיין לאָנדאָן פון פּאַריז, וואו ער האָט אָנגעפירט מיט די ערשטע סאָציאַליסטישע קרייזלעך פון רוסיש־יידישע אימי־

גראַנטן, דער הויפּט — שטודירנדיקער יוגנט און אַרבעטער. מען האָט פּליי־סיק פאַרשפּרייט דעם „אַרב. פר.״ פון נאָענטן לאָנדאָן (אויך אַ באַזונדערע פּאַריזער גרופּע האָט געטראָגן דעם נאָמען „אַרב. פר.״) און אַנדערע אַנאַר־כיסטישע אויסגאַבעס, ווי די ניו־יאָרקער „פר. אַרב. שט.״. ר. ראָקער איז צום ערשטן מאָל אָנגעקומען (פון דייטשלאַנד איבער בעלגיע) קיין פּאַריז אין יאָר 1891 און דאָרט געמאַכט זיין ערשטע באַקאַנטשאַפט מיט יידישע אַרבעטער, בכלל און מיט אַ גרופּע אַנאַרכיסטן־יידן בפרט (זע זיינע זכרונות אין ראָקער 70־יאָריקן נומער „פר. אַרב. שט.״ פון 31־טן מערץ, 1944).

אין 1898, בעת דער דרייפוס־אַפּערע, האָט אַ גרופּע „יידישע סאָציאַ־ליסטן אין פּאַריז״ אָפּגעדרוקט אַ בראָשור: „אַן אָפענער בריוו פון יידישע אַרבעטער אין פּאַריז צו דער פראַנצויזישער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי״. דאָרט ווערן געמאַכט פאָרוואורפן די פראַנצויזישע סאָציאַליסטן פאַר זייערע שוואַכקייטן און פאַרזענס אין קאַמף קעגן אַנטיסעמיטיזם *). אין סעפּטעמבער 1900 איז אויפן אינטערנאַציאָנאַלן אַנאַרכיסטישן קאָנגרעס אין פּאַריז גע־האַלטן געוואָרן אַ רעדע איבער „ציוניזם און אַנטיסעמיטיזם״, וואָס איז גלייך דערשינען אויך אין אַ בראָשור־פאָרם.

די ערשטע גרופּעס פון „יידיש־ריידנדיקע אַנאַרכיסטן״ אין פּאַריז האָבן געפירט אַ דרייפאַכיקע אַרבעט: 1) פּראָפּאַגאַנדירן דעם אַנאַרכיסטיש־קאָמו־ניסטישן אידעאַל; 2) פירן קולטור־טעטיקייט (לעקציעס, דיסקוסיעס, אַר־בעטער־ביבליאָטעק); 3) שאַפן עקאָנאָמישע אַרבעטער־אָרגאַניזאַציעס, טרייד־יוניאָנס). אין די שוויצשעפּער האָבן געאַרבעט אַ סך איינגעוואַנדער־טע פון מזרח־אייראָפּע יידן, אין די ספּעציפיש־יידישע פאַכן, ווי שניידעריי, היטל־מאַכעריי, לעדערוואַרג־פאַכן, מעבל א. ד. גל.

מיטן אויפקום פון פראַנצויזישן רעוואָלוציאָנערן סינדיקאַליזם, נאָך 1900, האָט זיך זיין השפּעה שטאַרק פאַרשפּרייט אויף דער פראַנצויזיש־יידי־שער גאַס. אין 1908—1910 האָט פּאַריז געהאַט אַ (פעדעראַציע פון יידיש־ריידנדיקע אַנאַרכיסטן־קאָמוניסטן״. אין פּאַריז, פּונקט ווי אין לאָנדאָן, זיינען יידן־אַנאַרכיסטן געווען די ערשטע בויער פּיאָנערן פון דער געזעלשאַפט־לעכער און ראַדיקאַלער אַרבעט צווישן די יידישע אַרבעטער־מאַסן. זיי האָבן מיט זייער פּרעסע, זייערע טרייד־יוניאָנס, קלובן און קולטור־אַרבעטן, אַקטי־וויזירט די לעבעדיקסטע עלעמענטן פון די אָרטיקע יידישע ישובים.

די ערשטע וועלט־מלחמה האָט איבערגעריסן די אַרבעט פון די פּאַרי־זער גרופּן. נאָך דער אָקטאָבער־רעוואָלוציע זיינען אַ סך חברים פון פּאַריז און לאָנדאָן אוועק קיין רוסלאַנד. נישט ווייניק פון די אָפּגעפאָרענע אַהין האָבן, ביטער אַנטוישטע, זיך אומגעקערט קיין מערב־אייראָפּע, און די פון זיי, פאַר וועמען ענגלאַנד איז שוין געווען פאַרשלאָסן (מחמת די אָנגעצויגענע באַציאונגען פון בריטאַניע מיט סאָוועט־רוסלאַנד), האָבן זייער נייע היים

*) לעגאַלע אורזאַכן האָבן געצוואונגען די אַרויסגעבער (די אַנאַרכיסטישע גרופּע) זיך צו פאַרדעקן מיט אַ „נייטראַלן״ נאָמען — „גרופּע יידישע סאָציאַליסטן״. ס׳איז געווען די צייט פון האַרבע אַנטי־אַנאַרכיסטן גזירות נאָך די באַוואוסטע טעראָר־אַקטן פון די 1890־ער יאָרן.

געמאַכט אין פּאַריז. אין 1924 ווערט אין פּאַריז געשאַפן אַ יוגנט־גרופּע „פרייע סאָציאַליסטן", און אין 1926—1927 ווערט דאָרט באַנייט פאַר אַ קורצער צייט דער אַנאַרכיסטישער מאָנאַטלעכער זשורנאַל „אַרבעטער פריינד" *).

אין די יאָרן פון נאָך דער ערשטער ביזן אויסברוך פון דער צווייטער וועלט־מלחמה האָבן זיך צווישן די יידישע חברים אין פראַנקרייך פריינטלעך איינגעלעבט די באַרימטע אַנאַרכיסטישע און פּאָליטישע עמיגראַנטן פון רוסלאַנד, ווי וואָלין, מאַכנאָ א. אַנד. עס זיינען אויך אין נאָענטן קאָנטאַקט מיט די יידישע חברים געשטאַנען די פירער פון דער רוסישער אַנאַרכיס־טישער אינטעליגענציע, וואָס האָבן שוין פון לאַנג געלעבט אָדער שפּעטער זיך באַזעצט אין פּאַריז, ווי מאַריאַ איסידאָראָוואַ גאָלדסמיט (מ. קאָרן), אַלעק־סאַנדער שאַפּיראָ א .אַנד. אַן אַקטיוון אַנטייל האָט דורך פילע יאָרן גענומען אין דער פּאַריזער גרופּע דער יידישער קעמפער פאַר דער באַפרייאונג פון אוקראַינע און באַשטראָפער פון בלוטיקן אכזר, פּעטלוראַ, — שלום שוואַרצ־באַרד (1887—1938).

אין 1934 ווערט אָפּגעדרוקט אין פּאַריז אַ שריפט אין יידיש: „דער מאַרקסיסטישער צוזאַמענברוך" פון א. ס. (אַלעקסאַנדער שאַפּיראָ), אַרויסגע־לאָזן פון פאַרלאַג „רעוואָלוציאָנערע סינדיקאַליסטן". עטלעכע שריפטן זיינען דערשינען ספּעציעל וועגן דעם שפּאַנישן בירגער־קריג, וועלכער האָט די פּאַריזער חברים שטאַרק אויפגערודערט, און אַ טייל פון זיי זיינען געווען פון די ערשטע וואָלאָנטירן איינצושטעלן זייערע לעבנס פאַר דער באַפריי־אונג פון שפּאַנישן פאָלק. דעם גרעסטן טייל צייט צווישן די צוויי וועלט־מלחמות האָט אין פּאַריז געאַרבעט אַ „יידישע גרופּע". עטלעכע חברים האָבן צום סוף זיך אָפּגעריסן פון אָט־דער גרופּע און אין 1938 געגרינדעט אַן איי־גענע צייטשריפט אין יידיש „פרייע טריבונע". אין 1939 איז אַנשטאָט איר אויפגעקומען די „פרייע יידישע טריבונע", פון וועלכער בלויז איין נומער האָט באַוויזן צו דערשיינען, אונטער דער רעדאַקציע פון א. בזשעזשינסקי (געשט. 1941). אין די 1920־ער און 1930־ער יאָרן האָבן די פּאַריזער יידישע חברים געהערט נישט איינמאָל ריידן עמאַ גאָלדמאַן און אַלעקסאַנדער בערקמאַן און אַנדערע פּראָמינענטע פיגורן פון דער אינטערנאַציאָנאַלער אַנאַר־כאָ־סאָציאַליסטישער באַוועגונג.

דער מלחמה־חורבן פון די 1940־ער יאָרן האָט מוראדיק אָפּגעשוואַכט די פּאַריזער גרופּע. איבער 30 פון אירע אַקטיווע טוער זיינען פאַרשיקט גע־וואָרן אין די נאַצישע טויט־לאַגערן, בלויז עטלעכע געציילטע זיינען גע־קומען לעבעדיק צוריק קיין פּאַריז. אין 1949 האָט דער געוועזענער „פּר.

*) דער לאָנדאָנער „אַרבעטער פריינד" האָט זיך אָפּגעשטעלט אין 1922. זיין לעצטער רעדאַקטאָר איז געווען דר. י. מ. זאַלקינד (1925—1938), וואָס האָט אין זיינע לעצטע יאָרן זיך באַשעפטיקט מיט צוגרייטן אַן איבערזעצונג אין יידיש פון „תלמוד בבלי". ספּאָראַדישע פּאַרזוכן אין לאָנדאָן צו באַנייען די אַלטע, גוט־באַקאַנטע אין דער גאָרער יידישער אַרבעטער־וועלט וואָכנצייטונג „אַרבעטער פריינד" זיינען אין לאָנדאָן אַפילו יאָ געמאַכט געוואָרן נאָך 1930, אָבער קיין ממשותדיקן רעזולטאַט האָבן זיי ליידער נישט געהאַט.

אַרב. שט.״־רעדאַקטאָר יוסף קאַהאַן געלעבט עטלעכע חדשים צייט אין פּאַריז און אַריינגעטראָגן אַ באַלעבונג אין דער דאָרטיקער גרופּע.

***

אין פּוילן, ווי עס איז שוין פריער דערמאָנט געוואָרן, איז די אַנאַרכיסטישע באַוועגונג אויפגעקומען נאָך פאַר דער ערשטער וועלט־מלחמה (1914—1918). חוץ דעם קאַמף קעגן דער צאַרישער מאַכט האָט די באַוועגונג געשטרעבט, איבערהויפּט אין די אַרבעטער־צענטערן, צו העלפן אויפבויען די ערשט אַנטשטייענדיקע (אין אָנהויב פון 20־סטן י״ה) טרייד־יוניאָנס („געווערקשאַפטן״ אָדער „סינדיקאַטן״).

די אַנשטייאונג פונם נייעם אומאָפּהענגיקן פּוילן, אין 1919, האָט לחלוטין נישט געביטן די רעכטלעכע לאַגע פון דער אַנאַרכיסטישער באַוועגונג. פאַר די נייע הערשער איז זי געווען פּונקט אַזוי טריף און געפערלעך ווי פאַר די אַלטע. די באַוועגונג איז אַריינגעטריבן געוואָרן אין אונטערערד. פאַר זייער טעטיקייט באַצאָלן אַ סך חברים מיט לאַנגע יאָרן אין די תפיסות. דאָס האָט פּאַסירט אין קראָקע, לאָדזש א. אַנד. אין וואַרשע זיינען פאָרגעקומען מאַסן־אַרעסטן. נישט געקוקט אויף די אכזרישע פּאָליציי־רדיפות, האָט די באַוועגונג זיך גוט אַנטוויקלט און איז כסדר געוואַקסן. זי האָט אַרומגענומען אַ גרעסערן קרייז און מערערע גרופּן, דערהויפּט פון יידישע יוגנטלעכע און אויך דערוואַקסענע, ווי אין וואַרשע, לאָדזש, פּשעמישל, קראָקע, טאַרנאָוו, לעמבערג און לובלין. גרופּן זיינען אויפגעקומען אין שטעט, וואו זיי זיינען פריער, אין צאַרישע צייטן, לחלוטין נישט געווען. אַרום 80 פּראָצענט פון די אָנגעשלאָסענע חברים זיינען געווען יידן. אָבער אין וואַרשע, ווי אויך אין שלעזיען קוילן־געביט א. אַז. וו., זיינען געווען טעטיק אויך ריין־פּוילישע אַנאַרכיסטישע און אַנאַרכאָ־סינדיקאַליסטישע גרופּן.

פּראָפּאַגאַנדע איז געפירט געוואָרן אין פּויליש און יידיש. די א. פּ. פּ. (פּוילישע אַנאַרכיסטישע פעדעראַציע) האָט אומלעגאַל אַרויסגעגעבן אַ מולטיגראַפירטן חודש־זשורנאַל „וואַלקאַ קלאַס״ (קלאַסנקאַמף) און אים פאַרשפּרייט איבערן לאַנד. אויך פלעגן דערשיינען לעגאַל און אומלעגאַל בראָשורן און ביכער, אין ביידע שפּראַכן, איבערן אַנאַרכיזם און סאָציאַלע פּראָגן — ווערק פון באַרימטע אַנאַרכיסטישע טעאָרעטיקער *).

חוץ אויפקלערונג־אַרבעט דורך שריפט און וואָרט, איז גרויס געוויכט געלייגט געוואָרן אויף אַריינצוברענגען דעם אַנאַרכאָ־סינדיקאַליסטישן גייסט

---

*) אין אָנהייב די 1930־ער יאָרן האָט אין וואַרשע אָפן עקסיסטירט אַ יידיש־אַנאַרכיסטישער בוך־פאַרלאַג „דער קאַמף״ וואָס האָט אַרויסגעלאָזן אַמווייניקסטן צוויי ווערק: אַ ביכל „לואיזע מישעל — די רויטע יונגפרוי״, פון אירמאַ בואיע, און אַ 16־זייטיקע בראָשור, „שמעון ראַדאָוויצקי — זיין לעבן און באַפרייאונג״. (וועגן ש. ראַדאָוויצקי — זען אין דער אָפּטיילונג פון אָט דעם קאַפּיטל, וואו ס׳רעדט זיך וועגן אַרגענטינע). אַ פאַרזעצונג פונעם דאָזיקן פאַרלאַג איז, אַגב, געווען די פאַרלאַג־אונטערנעמונג „דאָס בוך״, וואָס האָט אַרויסגעלאָזן אַ יידישע איבערזעצונג פון דר. פּ. ברופּבאַכערס „מאַרקס און באַקונין״.

אין דער טרייד־יוניאָן (סינדיקאַלער) באַוועגונג, וואו אַ שטאַרקער קאַמף האָט געמוזט געפירט ווערן מיט די אידייאישע קעגנער. אין דעם אויפבוי און וואוקס פון כמעט אַלע סינדיקאַטן (יוניאָנס) האָבן אָנטייל גענומען אַנאַר־כיסטישע חברים — און אין גאַר אַ סך פאַכן, ווי קליידונג־אינדוסטריע, טעקסטיל, שוסטעריי, מעטאַל, האָלץ, סאַנדאַלן, פריזירערס א. ד. גל.

עס איז געפירט געוואָרן אַ פרוכטבאַרע אַרבעט פון חברים־לערער אין די וואַרשעווער מיטל־שולן, אַריינציענדיק אין דער באַוועגונג אַן אַקטיווע גרו־פּע פון שילער און שילערינס. פונם ברויזיקן יידישן געזעלשאַפטלעכן לעבן אין פוילן איז דער יידישער סעקטאָר פון דער אַנאַרכיסטישער באַוועגונג אין לאַנד געוועזן אָפּגעריסן.

אַ גרופּע יידישע עטישע אַנאַרכיסטן־אינדיווידואַליסטן פון פוילן האָט, אין 1924—1926, אויסגעוואַנדערט קיין פּאַלעסטינע צו פירן דאָרט פּראָפּאַ־גאַנדע פאַרן אַנאַרכיסטישן אידעאַל. זיי האָבן אפילו געפּלאַנעוועט צו גרינדן אַן אייגענע קאָלאָניע „בראשית". (זען אַרטיקל פון מנשה אונגער: „פאַרזוך צו פרעדיקן אַנאַרכיזם אין העברעאיש", „פר. אַרב. שט." 13־ער יוני, 1930).

דער מלחמה־אויסברוך (1939) האָט נישט איבערגעריסן די טעטיקייט. אונטער דעם נאַצישן אָקופּאַציע־רעזשים האָט נאָך אַלץ עקזיסטירט און ווייטער געאַרבעט אַן אינטערנאַציאָנאַליסטישע גרופּע.

מען האָט געהאָלפן די יידישע חברים אין געטאָ, און אַ פוילישער חבר איז דערשאָסן געוואָרן, ביים מויער פון געטאָ, ווען ער האָט אַהין געטראָגן אַ הילף־פּעקל.

אין די שלאַכטן קעגן די נאַצי־דייטשן ביים אויפשטאַנד פון וואַרשעווער געטאָ האָבן נישט ווייניק יידישע אַנאַרכאָ־סינדיקאַליסטן געקעמפט מיט געווער אין די הענט.

נאָכן אַריינמאַרש פון די היטלער־חיילות, אין האַרבסט 1939, זיינען מיטן גרויסן שטראָם אַנטלויפנדיקע און הימלאָזע יידן פאַרטראָגן געוואָרן אויך אַנאַרכיסטן אין די טיילן פון פוילן, וואָס זיינען שוין געוועזן פאַרנומען פון די סאָוועטישע אַרמייען. זיי האָבן שפּעטער געטיילט דעם גורל פון אַלע אַנדערע הונדערטער טויזנטער אַנטרונענע פוילישע יידן, וואָס זיינען כמעט אַלע פאַר־שיקט געוואָרן קיין סיביר אָדער אין אַנדערע ווייט־אָפּגעלעגענע, וויסטע טיילן פון דער סאָוועטישער מדינה, וואו די מערסטע זיינען אויסגעשטאָרבן פון הונגער און אויסשעפּונג.

אויך איז כמעט קיינער פאַרבליבן לעבן פון די חברים און חברטעס, ווי פון דער יידישער באַפעלקערונג בכלל, וואָס האָבן געמוזט פיר יאָר צייט אויסשטיין דעם מאַרטירערטום פון נאַצישן אויסראָטונג־רעזשים. בלויז יחידים האָט זיך איינגעגעבן צו ראַטעווען, און זיי — ווי אויך די מערסטע צו־ריקגעקומענע פון רוסלאַנד — געפינען זיך היינט אויסער פוילן.

***

אין רומעניע האָט נאָך דער ערשטער וועלט־מלחמה געווירקט אַ פאַר־צווייגטע אַנאַרכאָ־סאָציאַליסטישע באַוועגונג צווישן נישט־יידישע און יידי־

שע מאַסן און דער פֿאָלקס־אינטעליגענציע, איבערהויפּט אין בוקאָווינע (ביז 1919 אַן עסטרייכישע פּראָווינץ) — אין דער הויפּטשטאָט, טשערנאָוויץ, און איר אומגעגנט. (פֿאַר לאַנגע יאָרן האָבן דאָרט די דייטשע שפּראַך און קולטור פּרעדאָמינירט. דאָס איז אַזוי געבליבן אויך נאָך דעם ווי אָט־די פּראָווינץ איז אָפּגעריסן געוואָרן פֿון עסטרייך־אונגאַרן, צוזאַמען מיט טראַנסילוואַניע (געוו. אונגאַרן) און בעסעראַביע (געוו. רוסלאַנד); מען האָט זי אײַנקאָרפּאָרירט אין „גרויס רומעניע”. די עטניש־געמישטע באַפֿעלקערונג באַשטייט פֿון רוטענער (אוקראַינער), יידן, דייטשן און רומענער, און פֿיר שפּראַכן זײַנען געווען אין געברויך).

טשערנאָוויץ איז אויך לאַנג געווען אַ צענטער פֿון יידיש־פֿאָלקסטימלעכן קולטור־רענעסאַנס. עס האָט דאָרט פּערזענלעך געווירקט, באַזונדערס צווישן די יידישע סטודענטן, ד״ר נתן בירנבוים (1864—1937). ער איז געווען באַטייליקט אין דער באַרימטער ט ש ע ר נ אָ װ י צ ע ר ק אָ נ פֿ ע ר ע נ ץ (אויגוסט 1908) פֿאַר דער יידישער שפּראַך און קולטור. אין בוקאָווינע פּונקט ווי אין „אַלט רומעניע”, האָט די יידישע באַפֿעלקערונג זיך אויסגעלעבט אין אַ גרויסער מאָס אין יידיש. אין רומעניע איז געשטאַנען דאָס וויגעלע פֿון מאָדערנעם טעאַטער אין יידיש. דאָך איז דאָרט לאַנג די שפּראַך, אפֿילו פֿון דער מאָדערנער נאַציאָנאַל־יידישער פּראָפּאַגאַנדע גופא (געפֿירט פֿון און צווישן די אינטעליגענטן, דערהויפּט) געווען דייטש. אויך די פֿרייהייטלעך־סאָציאַליסטישע פּראָפּאַגאַנדע, וואָס געקומען איז זי מערסטנס פֿון די קרייזן פֿון דער האַלב־אַסימילירטער יידישער יוגנט, איז געפֿירט געוואָרן הויפּטזעכלעך אויף דייטש. מיט דער צייט איז בוקאָווינע דאָך געוואָרן אַ היפּשער יידיש־פֿאָלקסטימלעכער צענטער מיט צייטשריפֿטן, ביבליאָטעקן און שולן אויף דער יידישער שפּראַך.

אין אָדער אַרום 1925 איז געגרינדעט געוואָרן אין טשערנאָוויץ די ערשטע אַנאַרכאָ־סאָציאַליסטישע גרופּע. אירע וואָרט־פֿירער האָבן פֿאַרטראָטן אַ קאָסמאָפּאָליטיש־באַפֿאַרבטע געדאַנקען־וועלט. קיין אָרטיקע פּראָפּאַגאַנדע־ליטעראַטור אין יידיש איז נישט געווען. די באַוועגונג אין רומעניע איז שטענדיק געווען אומלעגאַל. צווישן 2 שיכטן פֿון פֿאָלק איז די אַנאַרכאָ־סאָציאַליסטישע פּראָפּאַגאַנדע געפֿירט געוואָרן מיט דערפֿאָלג: די בוקאָווינער פּויערים (פֿאָלקס־ברידער פֿון די אוקראַינער אין רוסלאַנד, וואָס האָבן אָנגעפֿילט, אין 1919—1921, די מאַכנאָ־רייען), און די יידישע יוגנט, וועלכע (אויב נישט די גאַנצע יוגנט, איז אַ היפּשער טייל), ווי פֿריער געזאָגט, איז יאָרנלאַנג געשטאַנען אונטערן ציוניסטישן אײַנפֿלוס.

אין יאָר 1931 איז גאַנץ בוקאָווינע געווען באַדעקט מיט אַ נעץ פֿון אַנאַרכאָ־סאָציאַליסטישע גרופּן מיט הונדערטער מיטגלידער. צווישן די חברים זײַנען געווען אינטעלעקטואַלן און אַרבעטער. מיטלען פֿאַר אייגענער פּעריאָדישער שריפֿט האָבן לײַדער געפֿעלט. מען האָט פֿאַרשפּרייט, דער הויפּט אין די אינדוסטריעלע צענטרען, ווערק אימפּאָרטירטע פֿון דייטשלאַנד און עסטרייך, ווי די אויסגאַבן פֿון פֿריץ קאַטער־פֿאַרלאַג „דער סינדיקאַליסט” אין בערלין, אָדער פֿון „בונד פֿרייהייטלעכער סאָציאַליסטן” אין ווין. די „פֿר.

אַרב. שט." פלעגט פאַרשפּרייט ווערן צווישן די יידיש־לייענער, און אויך פלעגט מען זי פאַרלייענען ביי די גרופּן־פאַרזאַמלונגען. צייטנווייז האָט די אַנאַרכיסטישע באַוועגונג איבערגעשטיגן אין צאָל די קאָמוניסטן אין בוקאָווינע.

אין 1932 זיינען פאָרגעקומען פילצאָליקע אַרעסטן און די מערסטע חברים זיינען באַשטראָפט געוואָרן אויף אַ גרויזאַמען אופן. נאָך אַט־די שווע־רע רעפּרעסיעס, האָט מען די טעטיקייט געמוזט איינשרענקען. דאָך איז גע־לונגען צו שטיין אין אַ קאָנטאַקט מיט געווייסע פויערן־גרופּן ביז 1937. דע־מאָלט האָבן אַ צאָל אַקטיווע חברים־יידן אויסגעוואַנדערט קיין אויסלאַנד. עטלעכע זיינען אין 1936 אַוועק קיין שפּאַניע, כדי צו קומען צו הילף דער ס. נ. ט. און פ. אי. א. (שפּאַנישע אַנאַרכאָ־סינדיקאַליסטישע און אַנאַרכיס־טישע צענטראַלע קערפּערשאַפטן).

נאָך פאַר 1939 האָבן אַ טייל חברים זיך געראַטעוועט פון די פּאָליציי־אישע רדיפות דורך אויסוואַנדערונג קיין פּאַריז, וואו חברים־יחידים האָבן שוין פון פריער געלעבט. איינצלנע גענאָסן־יחידים געפינען זיך נאָך ביז איצט אין רומעניע. אַ צאָל יחידים האָט, אין די לעצטע עטלעכע יאָר, אויס־געוואַנדערט קיין ישראל.

***

אין נאָרד־אַמעריקע האָט דער יידישער סעקטאָר פון דער אַלגעמיינער (ענגליש־ריידנדיקער) אַנאַרכיסטישער באַוועגונג (וועלכע איז, אין גרויסן גאַנצן גענומען, נישט זייער אַנזעעוודיק צווישן די אַמעריקאַנער ראַדיקאַלע און סאָציאַלע פּראָטעסט־באַוועגונגען) דאָך אַרויסגעוויזן סימנים פון באַ־נייטן לעבן גלייך נאָך דער ערשטער וועלט־מלחמה. שוין אין 1912 איז גע־שאַפן געוואָרן אַ „יידיש־אַנאַרכיסטישע פעדעראַציע פון „נאָרד־אַמעריקע" מיט 25 גרופּעס אין די פאַראייניקטע שטאַטן און קאַנאַדע. ב. אַקסלער, אַ ניו־יאָרקער חבר, וואָס האָט פריער יאָרנלאַנג געלעבט אין פילאַדעלפיע, איז אויסגעקליבן געוואָרן פאַרן ערשטן סעקרעטאַר פון דער פעדעראַציע. טע־טיקע יידישע גרופּעס זיינען אויפגעקומען אין די 1920־ער יאָרן אין דע־טראָיט, לאָס אַנדזשעלעס און אַנדערע שטעט, ביסלעכווייז איז אָבער שוואַכער געוואָרן די אַרבעט פון די גרופּעס אין שטעט, ווי פילאַדעלפיע און שיקאַגאָ, וואו אין די ערשטע יאָרן (1890—1910) האָט זיך יאָ געפירט אַ גאַנץ אינטענ־סיווע אַרבעט; באַזונדערס — אין פילאַדעלפיע, ווי עס איז שוין דערמאָנט געוואָרן פריער, אין שייכות מיט דער ערשטער תקופה פון דער יידיש־אַנאַר־כיסטישער אַרבעט אין אַמעריקע.

גאָר ענערגיש גייט אָן, אין די לעצטע יאָרן, די אַרבעט פון די יידישע חברים אין לאָס אַנדזשעלעס, קאַליפאָרניע. זיי זיינען דאָרט אָרגאַניזירט אין אַ „קראָפּאָטקין ברענטש" (נומ. 413) פון „אַרבעטער רינג", און טוען פאַר־שידענע באַוועגונג־אַרבעטן, ווי פאַרשפּרייטן און שטיצן די „פרייע אַרבע־טער שטימע", סאָלידאַרישע הילף פאַר די קרבנות פון פאַשיזם אין אייראָפּע, שטיצע פאַרן „יידישן אַרבעטער קאָמיטעט" און פאַר דער „הסתדרות" אין ישראל א. ד. גל. נאָענט צום „קראָפּאָטקין ברענטש" שטייט אויך די „ראָקער

פּאַבליקיישאָן קאָמיטע" (געגרינדעט פון אַ חבר פון „קראָפּאָטקין ברענטש", היימען יאַפּע, אין 1931), וועלכע גיט אַרויס ענגלישע איבערזעצונגען פון רודאָלף ראָקערס ווערק („נאַציאָנאַליזם און קולטור", „פּיאָנערן פון אַמעריקאַנער פרייהייט" א. ד. גל.).

אין שיקאַגאָ זיינען אין די לעצטע יאָרן די טעטיקסטע יידישע חברים צוגעשטאַנען צו דער אינטערנאַציאָנאַלער גרופּע „פרייע געזעלשאַפט", וועלכע איז געשטאַנען אונטערן גייסטיקן איינפלוס פון די אַנאַרכאָ־סינדיקאַליסטישע טעאָריעס פון דעם דאָרטיקן רוסישן חבר, דעם פּריצייטיק־פאַרשטאָרבענעם ג. פּ. מאַקסימאָוו (1893—1950).

4. דורך אויפקלערונג און דערציאונג צו סאָציאַלער באַפרייאונג

מיטן אָפּוועלקן און אויסוועפּן זיך פון דעם יוגנטלעכן ענטוזיאַזם, אין אָנהויב פון 20־סטן י"ה, האָבן די וואָרט־פירער פון אַנאַרכיזם ביי די יידן אין ענגלאַנד און אַמעריקע אָנגעהויבן בעסער צו פאַרשטיין איין וויכטיקן אמת. זיי האָבן באַנומען דעם כלל, אַז ס'איז נאָך נישט גענוג צו פּרעדיקן פאַר אַ גלייכגילטיקער און אומפרייער וועלט די אַבסטראַקטע עיקרים פון יושר, פרייהייט און גלייכהייט. פאַר די דאָזיקע יידישע אַנאַרכיסטישע וואָרט־זאָגער איז קלאָר געוואָרן, אַז פון אַ גרעסערער וויכטיקייט איז צו דערוועקן אין די מענטשלעכע מוחות און הערצער די שטרעבונג צו פרייהייט, און מיט די מענטשן צו לערנען און פאַר זיי דערקלערן די פּראַכט און די ווירדע פון אַ פרייער און זעלבסטשטענדיקער מענטשלעכער פּערזאָן. דער מענטש דאַרף זיך אויסלערנען פאַרשטיין, אַז ווי הויך ס'זאָל נישט זיין די מדרגה פון זיין מאַטעריעלן וואוילזיין, וועט ער נאָר דאַן קענען זיך דערהויבן צו אַ באמת ווינטשנסווערטער שטופע, אויב ער וועט נישט פאַרלירן, נישט אויפגעבן, און נישט לאָזן פון זיך צוגענומען ווערן די גייסטיקע פרייהייט. ד. ה.: ער וועט קענען איינהיטן אין זיך, נישט לאָזן צעשטערט אָדער צעקריפּלט ווערן, דאָס טייערסטע און הייליקסטע פון יעדן מענטשלעכן וועזן — זיין געוויסן.

האָבן טאַקע די אַנאַרכיסטישע וואָרט־פירער זיך געשטעלט דעם ציל פון אויפוועקן און אויפציען ביי וואָס ברייטערע מאַסן, און אפילו צווישן די אייגענע נאָכפאָלגער, די פעאיקייט צום פרייען און זעלבסטשטענדיקן דענקען. אַן אויסערגעוויינלעך פאַרדינסטפולע ראָלע דערביי האָט געשפּילט דער שוין נישט איין מאָל דערמאָנטער ש. יאַנאָווסקי, לאַנג־יאָריקער רעדאַקטאָר פון דער „פרייער אַרבעטער שטימע". ער, מיט זיין בייסנדיקער און אָריגינעל־סאַטירישער פּען און זיין איינציקאַרטיקן טאַלאַנט פון שלאָגן דעם קעגנער ביי אַ דיסקוסיע אָדער פּאָלעמיק, האָט דערהויפּט געזוכט צו דינען איין ציל: איינצוקריצן אין די מוחות פון די צוהערער און לייענער (און זיי פלעגט ער האָבן אין די טויזנטער) די געוואוינהייט פון אַ קריטישער אפילו סקעפּטישער שטעלונג צו יעדן מין דאָגמאַטיזם, צו יעדן פאַראורטייל און צו אַ אין־פאָראויס־געשאַפענער, נישט־דורכגעטראַכטער מיינונג. צווייטנס, האָט יאַנאָווסקי געטריי זיך געהאַלטן ביים פּרינציפּ פון פרייער פּרעסע, און פלעגט גרייטוויליק עפענען די שפּאַלטן פון די צייטשריפטן, וואָס ער האָט רעדאַגירט, פאַרן אויסדרוק פון יעדן ערלעכן,

לאָגיש־באַגרינדעטן געדאַנק[10]. באַזונדערס אָנגעלייגט איז ביי ש. יאַנאָווסקי געווען יענער אויסבייט און שטרייט פון געדאַנקען, ד. ה. אידייאישע דעבאַטן, וועלכע וואָלטן געקענט האָבן אַ סטימולירנדיקע און באַלערנדיקע, מיט איין וואָרט: אַ גייסטיק־באַפרוכטפערנדיקע פעולה פאַר די לייענער פון אַט־די צייטשריפטן ש. יאַנאָווסקיס, אָדער פאַר די אומצייליקע צוהערער פון זיינע לעקציעס.

נאָך מער, אויך אפילו אַן אָפּנייג און קריטישע שטעלונגען און באַלייכ־טונגען פון די „עיקרי־הדת", די גרונט־יסודות, פון אַן אַנאַרכיסטישן קוק אויף וועלט און מענטש, האָט ש. יאַנאָווסקי נישט פאַרוואָרפן — אין קעגנזאַץ צו דער פירונג פון די מערסטע רעדאַקטאָרן און פירער פון אַלע פאַרטיי־צייטונגען און זשורנאַלן. ביז 1919 האָט ש. יאַנאָווסקי פאַרנומען אַ דאָמינירנדיקע פּאָזיציע נישט נאָר אין דער אַנאַרכיסטישער פּובליציסטיק און פרעסע אויף יידיש, נאָר אינעם גאַנצן יידישן זשורנאַליזם אין אַמעריקע. פאַר אַ פּאָר צענדליק יאָר כסדר איז ער געווען דער גייסטיקער וועג־ווייזער פאַר אומצייליקע יידישע זשורנאַליסטן, שרייבער, אַקטיאָרן, טרייד־יוניאָן־פירער און כלל־טוער אויף דער יידישער אַרבעטער־גאַס און אינעם געזעלשאַפטלעכן לעבן פון מיליאָנען איינגעוואַנדערטע יידן אין זייער נייער היים, די פאַראייניקטע שטאַטן און קאַנאַדע.

נישט בלויז דורך פרעסע־אָרגאַנען און פּראָפּאַגאַנדע־בראָשורן האָט געפונען אַ פעלד פאַר איר קולטור־אַרבעט די יידישע אַנאַרכיסטישע באַוועגונג אין ענגלאַנד און אַמעריקע — די איינציקע צוויי לענדער אין דער וועלט, וואו די אַנאַרכיסטישע אַרבעט אויף יידיש און צווישן יידן האָט אַן אומאונטער־בראָכענע כמעט 70 יאָריקע געשיכטע און אַ פעסט־איינגעוואָרצלטע טראַדיציע. אויך איז דאָרט די השפעה פון פרייהייטלעכן געדאַנק אין יידישן געזעלשאַפט־לעכן לעבן געווען פיל ברייטער פאַרשפּרייט ווי צווישן אַנדערע יידישע קיבוצים אין דער וועלט. און געקומען איז עס ווייל די גייסטיקע פירער פון דער יידישער אַנאַרכיסטישער באַוועגונג האָבן אומדערמידלעך געווירקט צו פאַרטיפן ביי די יידישע מאַסן דאָס וויסן און אויסברייטערן זייער בילדונג, באַזונדערס אויפן געביט פון דער סאָציאַלער טעאָריע און פּראַקטיק — קאָאָפּעראַציע, פּראַטער־נאַלע אָרדנס פאַר קעגנזייטיקער הילף א אז"וו. וועגן איינעם פון אַט־די טיף־ווירקזאַמע אַנאַרכיסטישע גייסטיקע פירער — ש. יאַנאָווסקי — האָט שוין דער לעזער פון אונדז געהערט. נאָך צוויי וועלן דערמאָנט און אויספירלעך באַשריבן ווערן ווייטער אונטן — דר. מעד. מעריסאָן און דר. מעד. זאָלאָטאַראָוו.

דר. י. מעריסאָן (1865—1941) מוז דערמאָנט ווערן נישט נאָר ווי דער גרעסטער טעאָרעטיקער וואָס דער יידישער אַנאַרכיזם אין אַמעריקע האָט אַרויסגעבראַכט, נאָר אויך אַלס אַן אומדערמידלעכער טוער אויפן געביט פון

10) חוץ דער „פר. אַרב. שט.", פון וועלכער ש. יאַנאָווסקי איז צוואַנציק יאָר (1899—1919) געווען רעדאַקטאָר האָט ער אויך אַ קורצע צייט אין 1906 רעדאַגירט אַ טאָג־צייטונג, „אַבענד־צייטונג" און אין 1911־10 — די באַנייטע מאָנאַטשריפט „פרייע גע־זעלשאַפט".

אַרבעטער־בילדונג און אויפקלערונג. אַ דאָקטאָר־מעדיצין לויט זיין פּראָפעסיע, האָט אָבער דר. מעריסאָן אָן אַ שיער צייט און גייסטיקע ענערגיע אָפּגעגעבן פאַר איבערזעצונגען אין יידיש פון מאָנומענטאַלע, קלאַסישע ביכער איבער די וויסנשאַפטן פון נאַטור און געזעלשאַפט — ווערק פון דאַרווין, ספּענסער, מיל, קראָפּאָטקין, מאַרקס א. אַנד., אין צוגאָב צו זיינע אָריגינעלע אַרבעטן איבער היגיענע, מעדיצין, פיזיאָלאָגיע און אומצייליקע סאָציאַל־וויסנשאַפטלעכע אָפּהאַנדלונגען. מען מוז דאָ פאַרצייכענען אַ פאַקט, וואָס נישט אַלע ווייסן אָדער ווען אים צוגעבן, אַז צו אַט־די אַרבעטן איז דר. מעריסאָן צוגעטראָטן צוליב זיין אַנאַרכיסטישער איבערצייגונג. געקומען זיינען זיי צוליב זיין שטאַרקן פאַרלאַנג צו העלפן זיינע מיטמענטשן זיך צו באַפרייען פון אומוויסנקייט, פון אָבערגלויבן און פון די פאַלשע באַגריפן וועגן דעם לעבן פון מענטש און געזעלשאַפט.

און ער האָט נאָך אַ צווייטן, אַ פיל גרעסערן פאַרדינסט פאַר יידיש־אַנאַרכיסטישער אויפקלערונג און פאַר דער אַנטוויקלונג און דערהייבונג פון דעם יידיש־לשון אַלס קולטור־שפּראַך. דאָס איז די היסטאָרישע ראָלע זיינע אַלס איניציאַטאָר און גרינדער פון „קראָפּאָטקין ליטעראַטור־געזעלשאַפט“ אין ניו יאָרק, וואָס האָט אין משך פון איר צוועלף־פופצן יאָריקער עקזיסטענץ (1913—1924) אַרויסגעלאָזן, אַלס געזעלשאַפטלעכער בוך־פאַרלאַג, געפירט פריוויליק און אָן יעדן מאַטעריעלן נוצן פון דר. מעריסאָן און אַ פאַר פריינט און תלמידים זיינע, ווי ד. איזקאָוויץ, א. אַנד., אַ פאַר צענדליק בענדער — ווערק פון פרודאָן, באַקונין, לאַסאַל, שטירנער, קראָפּאָטקין, מאַרקס (דער ערשטער טייל פון „קאַפּיטאַל“, אין דריי ביכער), אַ ווערק פון די וועבס (וועגן טרייד־יוניאָנס אין ענגלאַנד) און נאָך און נאָך. דאָס לעצטע ווערק וואָס איז אַרויסגעגעבן געוואָרן פון דער „קראָפּאָטקין ליטעראַטור געזעלשאַפט“ איז געווען פּ. קראָפּאָטקינס „עטיק“, וואָס איז, ווי די מערסטע ביכער, וואָס די „קראָפּאָטקין־געזעלשאַפט“ האָט פאַרעפנטלעכט, איבערזעצט געוואָרן אין יידיש פון דר. מעריסאָן גופא.

כמעט גלייכצייטיק (אין 1916) איז אין בוענאָס איירעס, אַרגענטינע, פון די יידישע אַנאַרכיסטן געגרינדעט געוואָרן אַ צענטער פאַר קולטור־אַרבעט און אויפקלערונג, דורך אַ ביבליאָטעק, לעזע־זאַל און בוך־פאַרלאַג, אַנאַלאָגיש צו דער „קראָפּאָטקין־געזעלשאַפט“ אין ניו־יאָרק — די „יידישע ראַציאָנאַליסטישע געזעלשאַפט“. אַ ריי ביכער און בראָשורן, אָריגינעלע און איבערזעצטע, איבער סאָציאַלע פּראָבלעמען, פּעדאַגאָגיק (ווערק פון פראַנציסקאָ פערער א. אַנד.), ליטעראַטור־קריטישע עסייען א. ד. גל. האָט די „ראַציאָנאַליסטישע געזעלשאַפט“ אין בוענאָס איירעס ביז איצט שוין אַרויסגעלאָזן. אין 1949 איז אין איר פאַרלאַג, ווי שוין דערמאָנט, אַרויס חבר י. בירנבוימס יידישע איבערזעצונג פון מאָנומענטאַלן בוך ר. ראָקערס „נאַציאָנאַליזם און קולטור“ — אַ באַנד פון 750 זייטן, וואָס איז שוין דערשינען כמעט אין אַ צענדליק אייראָפּעאישע און אַזיאַטישע שפּראַכן.

אַרום און אַרום זיינען צענדליקער טויזנטער עקזעמפּלאַרן פון ערנסטע קלאַסישע ווערק איבער סאָציאַלע פראַגן, אין אַ מוסטערהאַפטער יידישער איבערזעצונג, אָפּגעדרוקט און פאַרשפּרייט געוואָרן דורך די צוויי געזעלשאַפטלעכע און קאָאָפּעראַטיווע בוך־פאַרלאַגן, געגרינדעט און געפירט פון די יידישע אַנאַר־

כיסטן אין נאָרד־און זיד־אַמעריקע. אויך חברים־יחידים צווישן די יידישע אַנאַר־כיסטן האָבן זיך אָפּט גענומען צום בוך־האַנדלונג און אויך געגרינדעט פּריוואַטע בוך־פאַרלאַגן, וואָס האָבן אַרויסגעגעבן אין יידיש, אומצייליקע אָריגינעלע און איבערזעצטע ווערק מיט אַ סאָציאַלן, נאַטור־וויסנשאַפטלעכן און ערנסט־בעלעט־ריסטישן אינהאַלט, ווי ב. רודערמאַן אין לאָנדאָן, מאַקס נ. מייזעל אין ניו־יאָרק, א. אַנד.

פאַר איבער אַ דור צייט זיינען די פירנדיקע יידישע אַנאַרכיסטן אין נאָרד־אַמעריקע געווען ערנסט פאַרטאָן אין דער פרייער און שעפערישער, ד. ה. „פּראָגרעסיווער" קינדער־דערציאונג. נישט קיין סך פון די אונטערגענומענע עקספּערימענטן אין מזרח און מערב טייל פון די שטאַטן (אין ניו־יאָרק און ניו דזשוירזי פון איין זייט און אין קאַליפאָרניע, פון דער צווייטער זייט) זיינען פאַרבליבן ביז היינט. אָבער די עטלעכע געציילטע, וועלכע זיינען יאָ בייגעקומען אַלערליי שוועריקייטן, ווי די באַוואוסטע „פּראַנציסקאָ פערער מאָדערן סקול" אין סטעלטאָן, ניו דזשוירזי, האָבן געבראַכט ווערטפולע רעזולטאַטן און די פרוכט פון זייער אַרבעט וועלן געוויס אָנערקענט ווערן פון אַלע פאַכלייט און פריינט פון דער מאָדערנער דערציאונג.

אינעם פעלד פון אָריגינעלן, ד. ה. פון אַ שעפערישן און אומאָפּהענגיקן בייטראָג צו דער טעאָריע און אידעאָלאָגיע פון אַנאַרכיזם, דאַרף — ווי שוין באַמערקט — דער ערשטער פלאַץ צוגעטיילט ווערן דר. י. א. מעריסאָן. מיט צוויי נייע גרונט־שטריכן צייכנט זיך אויס זיין אַנאַרכיסטישער וועלט־באַנעם, דהיינו: ער האָט געוואָלט באַפרייען דעם אַנאַרכיזם פון אַ שטענדיקער צוגע־בונדנקייט צו אַ פאַרטיקער איין מאָל פאַר אַלע מאָל פאַרגליווערטער, ווי אַ דאָגמאַט, עקאָנאָמישער סיסטעם, ווי דער קאָמוניזם אין יעדער פאָרם זיינער. צווייטנס, האָט ער פאַרוואָרפן די רעוואָלוציאָנערע מעטאָדן אַלס דער איינציקער וועג פון דער אַנאַרכיסטישער טאַקטיק. ער האָט שאַרף קריטיקירט אַן אַלטע (אפשר באַנאַל־פלאַכע) פאָרמולע: „קאָמוניזם פלוס רעוואָלוציע איז אַנאַרכיזם". אַנטקעגן דעם האָט ער אַרויסגעשטעלט זיין אייגענעם ברייט גענעראַליזירנדיקן אין אַן עפּיגראַמאַטישער פאָרם: עס קען און עס מעג אָבער ס'מוז נישט! וואָס מיינט: פאַר אַ פולער און פילזייטיקער טעאָריע פון אַנאַרכיזם קענען ן מעגן רעוואָלוציע און קאָמוניזם דערלאָזן און אָנערקענט ווערן, אָדער קומען אין באַטראַכט, אָבער זיי זיינען נישט קיין מוז־זאַכן!

פאַר אַ באַזיס צו אָט־דער פאַרטיפטער אַנאַרכיסטישער שיטה איז אין זיינע אויגן געגאָלטן די גוט־באַטראַכטע פרייהייט־אידייע. אַ פלאָנטער און צעמישעניש, אין באַצוג צו דעם באַגריף „פרייהייט" האָט געהערשט אין די אַנאַרכיסטישע קרייזן פון לאַנג, און איז נאָך ביז היינט נישט פאַרביי. דעריבער איז פון אַ גאָר גרויסער היסטאָרישער באַדייטונג פאַר דער באַוועגונג צו האָבן אויפגעקלערט און פאַרטיפט די פרייהייט־אויפפאַסונג ווי דר. מעריסאָן האָט עס געטאָן. מיר וועלן דאָ ברענגען עטלעכע ציטאַטן, וועגן דעם ענין, פון זיין בוך „די טעאָריע און פּראַקטיק פון אַנאַרכיזם" —

אייערע האַנדלונגען באַקומען אַ באַדייטונג אין דעם זין פון פרייהייט, ווען זיי האָבן אַ באַשטימטע שייכות צו די האַנדלונגען פון אַנדערע מענטשן, ד. ה., ווען זיי זיינען גע־

זעלשאַפטלעכע האַנדלונגען. ווען מיר זאָגן פרייהייט כאַראַקטעריזירן מיר בלויז די שייכות, וואָס אונדזערע טואונגען האָבן צו דעם וואָס אַנדערע טוען, און מיר דריקן אויס דערביי, אַז דאָס וואָס מיר טוען, האַלט נישט צוריק אָדער שטערט נישט די טעטיקייט פון אימיצן אַנדערש. האָבן פרייהייט, אין די באַציאונגען פון מענטש צו מענטש, מיינט לחלוטין נישט צו זיין באַשאָנקען מיט דער מאַכט יענעם עפּעס אָפּצוטאָן; עס מיינט געניסן די מזל־ברכה פון דעם נעגאַטיוון צושטאַנד, וואָס יענער וועט מיר עפּעס נישט אָפּטאָן (ז. 146).

פרייהייט מיינט צו טאָן מיט זיך זעלבסט וואָס איינער וויל, — פרייהייט איבער זיך און נישט איבער קיינעם (ז. 159).

פרייהייט אין ריכטיקן זין, איז דורכאויס נישט קיין פּאָזיטיווע מאַכט. עס איז פיל מער אַ נעגאַטיוועס רעכט נישט צו טאָן וואָס איינער וויל נישט, אין אַ פרייער געזעלשאַפט האָט יעדער איינער די פרייהייט צו אַנטזאָגן זיך מיטצוהעלפן אין דעם וואָס ער וויל נישט עס זאָל געטאָן ווערן (ז. 161).

אין אַ שריפט „די פּרינציפּן פון אַנאַרכיזם" (ניו־יאָרק, 1934), האָט דר. מעריסאָן נאָך אין אַ דייטלעכער פאָרם אויסגעדריקט דעם אַנאַרכיסטישן קוק אויף דעם גרונט־באַגריף „פרייהייט". מיר וועלן דאָ ברענגען צוויי ציטאַטן פון דעם 2טן קאַפּיטל פון אָט־דער 62 זייטיקער בראָשור [11].

אין באַציאונגען פון דעם יחיד צום כלל — אין די באַשלוסן וואָס קהל באַשטימט פער מאַיאָריטעט לטובת הכלל, איז די גלייכע פרייהייט קיין באַשיצונג נישט פאַר דעם איינצלנעם, וואָס איז אומצופרידן מיט די באַשלוסן פון דער מערהייט. דאָ קומט דער אַנאַרכיסטישער פּרינציפּ פון דעם איינצלנעמס פרייהייט נישט צו טאָן וואָס אים געפעלט נישט, נישט אונטערצוואַרפן זיך צו דעם באַשלוס פון דער מערהייט און, נישט שטערנדיק די אַנדערע, צו האָבן דאָס רעכט זיך צוריקצוציען פון מיטאַרבעטערשאַפט (ז. 9).

לויט דר. מעריסאָנס אָנזיכטן, שליסט פרייהייט אויס אָנגריף, צוואַנג און באַשרענקונג. פרייהייט אין וואולגאַרן זין איז אַ פרייהייט צו הפקרות, און איז דער פולסטער קעגנזאַץ און ווידערשפּרוך צו דער אַנאַרכיסטישער אידייע פון פּערזענלעכער פרייהייט, וועלכע איז דער בריק, וואָס פאַרבינדט דעם גוט־פאַרשטאַנענעם אינדיווידואַליזם מיט אַ פאַרטיפטן קוק אויפן קאָ־לעקטיוויזם און פרייוויליקער געזעלשאַפטלעכער דיסציפּלין. דאָס ווערט קלאָר פון אַ צווייטער ציטאַט פון דר. מעריסאָנס בראָשור:

דער עיקר פון דער אַנאַרכיסטישער לערע באַשטייט אין דער פרייהייט פון דעם יחיד קעגנאיבער די צווינגענדיקע באַשלוסן פון דעם רבים; אַ פרייהייט, וואָס אַלע סאָציאַליסטישע געזעלשאַפט־פּלענער באַשטרייטן און פאַרלייקענען. פרייהייט פון דער הערשאַפט פון דער מאַיאָריטעט, נישט די פרייהייט צו שטערן אַקטיוו, צו שעדיקן די דורכפירונג פון אירע פּלענער, מיט וועלכע איינער איז נישט מסכים. דאָס מיינט נישט, אַז דער אַנאַרכיזם פאַרוואַרפט נאָר דעם עלעמענט פון צוואַנג וואָס שטעקט אין דעם איינפיר. ווען דער איינצלנער, וואָס איז לכתחילה אַ קעגנער, באַשליסט מיט זיין פרייען ווילן, צוליב אַ געזעלשאַפטלעכן מאָטיוו, אויפצוגעבן זיין קעגנערשאַפט און מיטאַרבעטן מיט דער מאַיאָריטעט, פאַרלייקנט ער נישט דערמיט זיין פרייהייט, וויבאַלד ער איז נישט געצוואונגען צו ענדערן זיין מיינונג (ז. 9־10).

אין די אָנהייב־סטאַדיעס פון דער אַנאַרכיסטישער און דער סאָציאַליס־טישער באַוועגונג, סיי אין ענגלאַנד, סיי אין אַמעריקע און שפּעטער אויך אין

---

11) אַן ענגלישע איבערזעצונג פון דער בראָשור — „דהי פּרינסיפּלס אָוו אַנאַרקיזם" איז דערשינען אין 1935 אין פאַרלאַג פון דער „יידישער אַנאַרכיסטישער פעדעראַציע פון אַמעריקע".

מזרח־אייראָפּע, פלעגט זיך שטאַרק וואָרפן אין די אויגן איר אַטעאיסטישער און שאַרף אַנטי־רעליגיעזער שטריך. געקומען איז עס פון עטלעכע אורזאַכן. קודם־כל פון אַ צו פלאַכער, ריין־אויסערלעכער פאַרגלייכונג און אַנאַלאָגיזירונג פונעם יידיש־רעליגיעזן עטאָס (קולטור־שטייגער) מיט דער קריסטלעך־קירכלעכער, אָפיציעלער און דאָגמאַטיש־קאַנאָניזירטער אָרטאָדאָקסיע און אָרטאָדאָקסישן אָבסקוראַנטיזם, ספּעציעל אין די אָפּגעשטאַנענע לענדער ווי רוסלאַנד, פּוילן א. אַנד. צווייטנס, איז דער מיליטאַנטישער אַטעאיזם פון די ערשטע יידישע סאָציאַליסטן און אַנאַרכיסטן געווען די נאַטירלעכע רעאַקציע קעגן דער זעלבסטצופרידענער צביעות ביי גאַר אַ סך יידישע גבירים און פרומע יידן, וואָס פלעגן שטעלן געשעפט און געלט איבער אמונה. האָבן דאָך די ערשטע יידישע אַנאַרכיסטן אין לאָנדאָן, ניו־יאָרק און פילאַדעלפיע געזען אַרום זיך אומצייליקע יידן „באַלעבאַטים", וואָס האָבן אין גיציג נאָך געלט נישט אויסגעקליבן קיין מיטלען. זיי האָבן געטראַכט אָנצוראַבעווען וואָס מער עשירות, נישט רעכענענדיק זיך מיט קיין שום עטישן געבאָט, געזוכט אפילו צו ווערן רייך אויף גיך דורך דעם שוויים, בלוט און טרערן פון זייערע ביטער־עקספּלואַטירטע, אין די שוויץ־שעפּער, „ברידער־יידן", ווי דאָס איז אַזוי רירנדיק שאַרף־פאַרוואורפעריש אָפּגעשפּיגלט געוואָרן ביי די גרעסטע סאָציאַלע פּאָעטן פון יענער צייט (1880—1900) — מאָריס ווינטשעווסקי, מאָריס ראָזענפעלד און דוד עדעלשטאַט, און פון אומצייליקע קלענערע סאָציאַלע דיכטער אין יידיש.

דריטנס, האָט מסתמא מיטגעשפּילט אַ ראָלע דער אינטענסיווער דורות־לאַנגער רעליגיעזער הינטערגרונט ביי די אַנאַרכיסטן דווקא פון יענע נאַציעס, ווי שפּאַניער און יידן, וואָס זיינען, מחמת סאָציאַל־פּסיכאָלאָגישע, היסטאָרישע און סאָציאַל־עקאָנאָמישע סיבות געווען ספּעציעל גענייגט אָנצונעמען דווקא דעם אַנאַרכיסטישן וועלט־באַנעם. טאָ איז נישט זעלטן צו טרעפן ביי די אַנאַרכיסטן פון אַמאָל־די פעלקער, ווי שפּאַניער און יידן, טאַקע אַ כמו־רעליגיעז־עקסטאַטישן ברען, און אפילו פאַנאַטיזם, אויך אין באַצוג צו וועלטלעכע אידעאַלן, פאַרבונדן מיט אַ גלגול פון אַן אומטאָלעראַנץ (אין עקסטרעמע פאַלן), וואָס האָט אויסגעצייכנט מיט זיך די רעליגיעז־פרומע אורעלטערן פון אַט־די איצטיקע רעוואָלוציאָנערע „גאָט־שטורמערס". זיי, אַט־די אַנאַרכיסטן פון יידישן און שפּאַנישן אָפּשטאַם, זיינען זין פון פעלקער וואָס האָבן מיט דורות צוריק, אַזוי ערנסט און מסירת־נפשדיק, דערהערט און באַנומען די רופן אָדער פון די גרויסע ביבלישע נביאים און שפּעטערדיקע משיחים־טרוימער, אָדער פון די אַפּאָסטאָלן און שפּעטערדיקע פּראָטעסט־רעבעלן פון פרייען קריסטנטום, מיט זייערע מוסר־דרשות וועגן מענטשנליבע, יושר, אמת און ברידערלעכקייט...

פערטנס, האָט אין יענער צייט, סוף פון 19־טן און אָנהויב פון 20־טן י"ה, אַ גייסט פון קריטיק און אָנטריסטונג, לגבי די פאַלשע, היפּאָקריטישע פאָרמען פון „בורזשואַזן" לעבנס־שטייגער, באַהערשט די מוחות פון דער פּראָגרעסיווער מענטשהייט בכלל. מאַקס נאָרדויס ווערק: „קאָנווענציאָנעלע ליגנס פון דער קולטור־מענטשהייט", „פּאַראַדאָקסן" און „אָנטאַרטונג", און אויך די פּיעסעס פון איבסען, הויפּטמאַן, סטרינדבערג א. אַנד. האָבן אויפגערודערט

די גאַנצע ציוויליזירטע וועלט. אַנשטאָט דער קירכלעך־דאָגמאַטיזירטער רע־ליגיע איז אַריין אין דער מאָדע אַ לייכטוואַגיקער אַגנאָסטיציזם און אַטעאיזם. אַנשטאָט דער „רעספּעקטאַבעלער" בורזשואַזער הייראַט־ באַזירט אויף מענער־הפקרות און פרויען־רעכטלאָזיקייט, איז אַרויפגעקומען דער קולט פון „פרייער ליבע" און פרויען־עמאַנציפּאַציע, און אַזוי ווייטער. במילא, זיינען פאַר דער אַנאַרכאָ־סאָציאַליסטישער שטרעמונג, אַלס אַוואַנגאַרד פון ראַדיקאַל־סאָציאַלן געדאַנק, אָט די אַלע „נייע ווינטן" פון צייט־גייסט, נישט נאָר געווען ווילקאָמען אין דער פולסטער מאָס, נאָר דאָ און דאָרט זיינען די נייע אידעאַלן צומאָל דער־פירט געוואָרן צום עקסטרעם פון פאַראַנטוואָרטונגלאָזיקייט.

שליסלעך, האָט אויך מסתמא מיטגעווירקט אויף גאָר אַ סך יידן דער באַצויבערדיקער איינפלוס פון באַרימטע נישט־יידישע אַטעאיסטן־מיליטאַנטן אין ענגלאַנד און אַמעריקע פון יענער צייט, ווי ברעדלי, יאָהאַן מאָסט, און ראָבערט ג. אינגערסאָל. מיט דעם גאַנג פון דער צייט אָבער באַמערקט זיך שוין ביי די יידישע אַנאַרכיסטן, אָדער ביי די וואָרט־פירער זייערע, די שרייבער, רעדאַקטאָרן און קינדער־לערער, אַ רעווידירטע, מער ראַפינירטע באַציאונג צו די ערנסטע פראַגן פון עטישן און בכלל גייסטיקן לעבן פון יחיד און כלל; אַ באַציאונג, וואָס איז באַזירט אויף טיפערע קענטענישן פון קולטור־געשיכטע, פילאָזאָפיע און פסיכאָלאָגיע.

5. אַנאַרכאָ־סאָציאַליזם און ציוניזם

יידישע אַנאַרכיסטן זיינען מערסטנס געווען קעגנער סיי פון דער חיבת־ציון־באַוועגונג (די פאַרגענגערין פון מאָדערנעם ציוניזם), סיי פון פּאָליטישן ציוניזם. מען האָט אין זייערע קרייזן באַגרינדעט די קעגנערשאַפט מיט צוויי מאָטיוון. ערשטנס, מ'האָט אין ציוניזם געזען אַ פאַרמאַסקירטן פאַרזוך אויפצו־לעבן די אַלטע יידישע טעאָקראַטיע מיטן בית־המקדש אין ירושלים; און צווייטנס, האָט מען אים אָפּגעוואָרפן ווייל ער פאַרקערפּערט אַ שטרעבונג צו אַ יידישער מלוכה. און דער מלוכה־פּרינציפּ גופא איז שוין במילא טריף געווען אין די אויגן פון דער אַנאַרכיסטישער באַוועגונג, נאָך איידער די טרוימער פון אַ יידישער פּאָליטישער ווידערגעבורט אין ציון זיינען געקומען מיט זייער טרייסט־בשורה פאַרן „אייביקן וואַנדער־פאָלק". שוין פון אַזאַ שטאַנדפּונקט איז פאַר די יידישע אַנאַרכיסטן פריי און אָפן געווען אַ ברייטער וועג צום אַנטי־ציוניזם, ווי אויך צום יידישן נאַציאָנאַליזם בכלל.

פון דער צווייטער זייט, אַלס אַן אייגנאַרטיקער און אַלגעמיין־טעאָרעטישער צוגאַנג צו דער יידישער פראַגע, האָבן די נאָכפאָלגער פון אַנאַרכיסטישן אידעאַל צווישן די יידישע אַרבעטער געקענט שעפּן קראַפט און באַגייסטערונג פון אַ פלאַמענדיקן גלויבן אין אַבסטראַקטן, הגם אין יענער צייט פּאָפּולערן, באַגריף פון מענטשלעכן פאָרשריט. נאָך אַ קוואַל פון מוט און אָפּטימיזם איז דעמאָלט (אָנהויב פון 20־סטן י"ה) געווען פאַר אַ סך יידישע אַנאַרכיסטן דער היפשער פאָרשריט, אין סאָציאַל־עקאָנאָמישן און געזעלשאַפטלעך־קולטורעלן זינען, פון די דערוואַכטע יידיש־ריידנדיקע מאַסן, אין מזרח־אייראָפּע און אַמעריקע, אַלס

אַ טייל, אַ גליד פונעם אינטערנאַציאָנאַל־אָרגאַניזירטן פּראָלעטאַריאַט — אַן אונטערדריקטער אָבער פּאַראייניקטער אין איין וועלט־משפחה קלאַס, וועמען עס געהערט די צוקונפט. אָבער מען האָט דערביי אין די יידישע רעוואָלוציאָנערע רייען פאַרזען, אָדער זיך געמאַכט נישט זעענדיק, אין באַצוג צו די צווישנבאַציאונגען פון יחיד מיט זיין פאָלק, ווי אויך פון די פעלקער גופא.

דעריבער קען מען ביז 1903, אין דער גאַנצער יידישער אַנאַרכיסטישער און סתם בונטאַרישער ליטעראַטור נישט געפינען קיין שפור פון אַ כוונה אָדער פּאַרמעסט צו באַהאַנדלען, מיט אַלע ספּעציפישע דעטאַלן און ספּעציעלע שטריכן אירע, די יידישע פראַגע פון אַן אַנדער שטאַנדפּונקט, חוץ דעם נאַר־וואָס באַשריבענעם, ד. ה. אינטערנאַציאָנאַל־קאָסמאָפּאָליטישן. אַנשטאָט דער נאַציאָנאַלער זעלבסט־באַשטימונג אויך פון יידן, אַלס אַ ספּעציפישער און סעפּעראַטער היסטאָרישער קאָלעקטיוו, איז פאַר אַן אויסגאַנג־פונקט צו אַ טעאָרעטישער לייזונג פון דער יידישער פראַגע פאַראויסגעזעצט געוואָרן אַ היפּש־מטושטשער, בלוטלאָזער קאָסמאָפּאָליטיזם. צייטנווייז האָט מען אָט־די בלאַסע, אַבסטראַקטע טעאָריע פון „פּאַפּירענע־מענטשן־פאַרברידערונג" פאַרגעשטעלט, אַן אַ פעסטן און ריכטיקן גרונט, ווי אַ פאָרם פון אינטערנאַציאָנאַליזם. אָט אַזוי איז די קאָסמאָפּאָליטיש־אינטערנאַציאָנאַלע וועלט־אַנשויאונג געפּרעדיקט געוואָרן צו די נישט צו שטאַרק אַנטוויקלטע (אינטעלעקטואַל), הגם אייפריקע, און דורך עמאָציעס — פיל מער ווי דורך לאָגישע באַווייזן און נאָכטראַכטונגען — באַוועגטע און אַנרעגבאַרע מאַסן.

אַ וויכטיקע ענדערונג איז איינגעטראָטן אין פרילינג 1903.

דער בלוטיקער, פון דער צאַרישער רעגירונג סטימולירטער און צוגעגרייטער, קישינעווער פּאָגראָם אויף יידן, פסח 1903, האָט געגעבן אַן אָנשטויס אַ קליינער אָבער זייער איינפלוסרייכער, אַנאַרכיסטישער גרופּע אין אַמעריקע פיל שטאַרקער צו פאַרטראַכטן זיך און ערנסטער אַריינדרינגען אין תוך פון דער פראַגע וועגן גורל פון די יידן אַלס אַ טייל פון אַ פיל גרעסערן פּראָבלעם — די פראַגע פון די קליינע אונטערדריקטע און באַוועלטע פעלקער בכלל.

דער ערשטער אָנשטויס אַלס הייסער רוף צו רעווידירן די פריערדיקע אַנאַרכיסטישע טעאָריעס וועגן דער פראַגע פון די נאַציאָנאַליטעטן, איז געקומען פון אַ זייער אָנגעזעענעם אַנאַרכיסטישן וואָרט־פירער אין אַמעריקע, דר. מעד. הלל זאָלאָטאַראָוו (1865—1921). ער האָט אָפּגעדרוקט זיין פון מוח און האַרץ דורכגעאַרבעטן אַרטיקל „ערנסטע פראַגעס", אין ש. יאַנאָווסקיס „פרייער אַרבעטער שטימע" דעם 23־טן מאַי 1903. מיט זיין נייעם, צום אָפענעם אָפּקער פון אַלטן קאָסמאָפּאָליטישן קוק אויפפאָדערנדיקן, טאָן און אינהאַלט, האָט דער אַרטיקל באַלד אויפגערודערט די גאַנצע יידישע ראַדיקאַלע וועלט. עס האָט אויפגעבראַוזט און זיך געגומען קאָכן אין אַלע שטרעמונגען און צווייגן פון דער סאָציאַליסטישער און אַרבעטער־באַוועגונג ביי יידן, סיי ביי די אַסימילאַטאָריש־(ד. ה. אינטערנאַציאָנאַל־קאָסמאָפּאָליטיש) געשטימטע, סיי די וואָס זיינען שוין פון פריער געווען געניגט צו אַזאַ אָדער אַן אַנדערער פאָרם פון יידישן נאַציאָנאַלן באַוואוסטזיין.

דר. זאָלאָטאַראָוו, וואָס איז, זינט די לעצטע 1880־ער יאָרן געווען איינער

פון הויפט־פרעדיקער פון קראָפּאָטקינישן אַנאַרכיזם צווישן יידן און דערצו נאָך אַ באַגאַבטער שרייבער און פובליציסט, האָט געפּאַדערט פון זיינע יידישע אַנאַרכיסטישע חברים צו זוכן די לייזונג פון די יידישע פּראָבלעמען אויף די וועגן פון דער ציוניסטיש־סאָציאַליסטישער אידעאָלאָגיע. מיט אים זיינען אין אָט־דער נייער „אפיקורסישער" טעאָריע געגאַנגען (נישט אַזוי ווייט ווי ער) נאָך עטלעכע חשובע פון לאַנגע יאָרן אַקטיווע חברים, ווי דער באַוואוסטער שרייבער־זשורנאַליסט משה קאַץ (1846—1941). אויך שפּעטער אב. גראָסנער פון פילאַדעלפיע דר. י. א. מעריסאָן א. אַנד. לאָמיר דאָ געבן כאָטש איין ציטאַטע פון זאָלאָטאַראָוס עפּאָכע־מאַכנדיקן אַרטיקל:

. . . באַהאַלט עס ווי איר ווילט, דערשטיקט עס ווי איר ווילט, לייקנט עס הונדערט טויזנט מאָל אָפּ — מיר זיינען אַליין יידן. און ווען מען שלאָגט און מען פאַרפאָלגט, ווען מען פּייניקט און מען מאָרדעט דאָס יידישע פאָלק אַלס יידן, רופט זיך עס אָפּ אין אונדזער נשמה מיט אַזאַ שטאַרקן, טיפן ווייטיק, אַז מיר וואָלטן, דאַכט זיך, גיכער געשטאָרבן אַלס יידן, איידער קויפן זיך דאָס לעבן דורך געצוואונגענער אויס־יידישקייט (דר. ה. זאָלאָטאַראָוס, „געקליבענע שריפטן", ב. 3, ז. 301).

גוט־באַקאַנטע ראַדיקאַלע שרייבער, ווי דר. חיים זשיטלאָווסקי (1865—1943), וועלכע זיינען נאָך מיט עטלעכע יאָר פאַר זאָלאָטאַראָוון און מ. קאַצן אַרויסגעקומען מיט „אפיקורסישע" געדאַנקען, אַז אַ ריכטיק־פאַרשטאַנענער אינטערנאַציאָנאַליזם איז אַ פיל געהויבענערע מדרגה פון צווישנמענטשלעכע באַציאונגען ווי אַ בלויז־לאָזער קאָסמאָפּאָליטיזם, וואָס איז געבויט אויף אַלגעמיינע אַבסטראַקטע פאָסטולאַטן וועגן איין מענטשהייט (ווי דער בורזשואַז־ליבעראַלער, פון דער פראַנצויזישער בירגערלעכער רעפּובליק אַדאָפּטירטער אַבסטראַקטער לאָזונג: פרייהייט, גלייכהייט און ברידערלעכקייט). אָט־די נייע טעאָריע פון דער אַזוי־גערופענער „נאַציאָנאַל־פּראָגרעסיווער" פּראָפּאַגאַנדע, ווי דאָס האָבן געפּריידיקט נאַציאָנאַל־ראַדיקאַלע אידעאָלאָגן, ווי בער באָראָכאָוו און דר. נחמן סירקין, האָט איצט געפונען פאַר זיך אַ נייע שטאַרקע שטיצע אין דעם גאַנץ אומגעריכטן אָפּקלאַנג וואָס איז אַזוי גרייטווילליק אָבער אומגעריכט געקומען איר אַנטקעגן אויך פון דעם אַנאַרכיסטישן לאַגער — דעם לאַגער וואָס האָט יאָרנלאַנג פיגורירט אין עקסטרעם־לינקן פליגל פון דעם קאָסמאָפּאָליטישן וועלט־באַנעם פון די יידישע רעוואָלוציאָנערן. קעגן דר. זאָלאָטאַראָוס אַנשויאונגען איז אָבער אַרויסגעטראָטן ש. יאַנאָווסקי, דער רעדאַקטאָר פון דער „פר. אַרב. שט.", און נאָך שאַרפער — דער נישט־ייד, יאַהאַן מאָסט.

די נייע פאָרמולע וואָס איז אָנגענומען געוואָרן — אמת, נאָר אפשר פון אַ מינדערהייט פון די יידישע אַנאַרכיסטן אין אַמעריקע, און פון נאָך קלענערע צאָלן אין אייראָפּע — האָט געפונען אַ געלונגענעם אויסדרוק אין דעם באַרימטן זאַץ פון דר. זשיטלאָווסקי: דער העכסטער אידעאַל איז נישט קאָסמאָפּאָליטיזם, נישט די פעלקער־פאַרשווינדונג, נאָר די פעלקער־פאַרברידערונג. און אַזוי האָט זיין קוק מאָטיווירט דר. זשיטלאָווסקי:

דער ראַדיקאַלער געדאַנק, סיי אין זיין סאָציאַליסטישן, סיי אין זיין אַנאַרכיסטישן שטראָם, האָט קיין מאָל נישט פאַרלאַנגט און קיינמאָל נישט געקאָנט פאַרלאַנגען די צוגויפמישונג פון פעלקער אין איין האָמאָגענער מענטשהייט, און האָט אַלע מאָל זיך איינ־

געשטעלט פאַר דער פולער פרייער נאַציאָנאַלער אַנטוויקלונג פון יעדן פאָלק. ממילא דאַרף אויך אונדזער יידישער ראַדיקאַלער אינטערנאַציאָנאַליזם איינשליסן אין זיך די פאָדערונג פון אַ פרייער אייגענער נאַציאָנאַל־יידישער עקסיסטענץ און אַנטוויקלונג 12).

די מיינונגען פון דעם אַמעריקאַניש־יידישן נאַציאָנאַל־געשטימטן הויפּט־אידעאָלאָג צווישן די אַנאַרכיסטן, דר. הלל זאָלאָטאַראָוו, האָבן טאַקע אַלץ מער און מער, נאָך 1903—1904, זיך גענייגט צום סאָציאַליסטישן אַרבעטער־ציוניזם. אין אַט דעם פּרט, קען מען זאָגן, האָט דער תלמיד, דר. ה. זאָלאָטאַראָוו, זיך שאַרף פאַנאַנדערגעגאַנגען פון זיין פאַרערטן און באַליבטן רבין, פּעטער קראָפּאָטקין. יענער, קראָפּאָטקין, ווי מיר וועלן זען פון אַ וויטערדיקן קאַפּיטל, האָט געהאַט אַ סקעפּטישע באַציאונג צו די צילן און מעטאָדן פון פּאָליטישן ציוניזם. און דאָך, נישט געקוקט אויף קראָפּאָטקינס אַנזיכטן, וועלכע זיינען קלאָר און אָפן אַרויסגעבראַכט געוואָרן נאָך אין יאָר 1907, זיינען אַ סך יידישע אַנאַרכיסטן אַלץ מער און מער צוגעשטאַנען צום געדאַנקען־גאַנג פון זאָלאָטאַראָוו־קאַטץ. קאָנקרעט גערעדט, נאָך דער ערשטער וועלט־מלחמה, און באַזונדערס נאָך דער צווייטער — מיט איר חורבן־איראָפּע און אויסמאָרדונג פון 6 מיליאָן שוצלאָזע און הילפלאָזע יידן דורך די בעסטיאַלישע נאַצים, — איז אַלץ טיפער און ברייטער אַריינגעדרונגען צווישן די יידישע אַנאַרכיסטן דער פּראָ־ציוניסטישער סענטימענט. אַזאַ דערשיינונג האָט זיך געלאָזט באַמערקן אין אַלע איראָפּעאישע לענדער ווי אויך אין די אַמעריקעס.

די הומאַניטאַר־אוניווערסאַלע און יידיש־נאַציאָנאַלע מאָטיוון לטובת דער גוטהייסונג פון ציוניזם מצד „גוטע און פרומע" אַנאַרכיסטן, וואָס זיינען אַזוי ווירקזאַם געווען נאָכן בלוטיקן קישינעווער פּאָגראָם אין 1902, האָבן איצט, בעת און נאָך דער צווייטער וועלט־מלחמה, נאָך „שלאַגנדיקער", ווירקזאַמער געמוזט אָנוועקשטעלן זיך פאַרן באַוואוסטזיין פון אַ סך יידישע מענטשן, און צווישן זיי אויך אַנאַרכיסטן. דערצו האָט אויך געווירקט דער פאַקט, אַז אין די יאָרן 1921—1941 איז אויפגעוואַקסן אין „ארץ ישראל" אַ היפּשע צאָל מוסטערהאַפטע לאַנדווירטשאַפטלעכע קאָלאָניעס, אָדער „קבוצות", אויף אַ פרייוויליק־קאָמוניסטישן יסוד. געפירט האָבן זיי זיך אין גייסט פון דעם לאַנג־לאַנג גלאָריפיצירטן פּרינציפּ פון יעדן סאָציאַלן ראַדיקאַליזם אין די לעצטע 100 יאָר, דהיינו: פון יעדן איינעם לויט זיינע פעאיקייטן און צו יעדן לויט זיינע באַדערפענישן. טאָ האָבן אַט־די קאָלעקטיוון, די אידעאַליסטישע קאָלאָניעס, אויסגעאייבט, באַזונדערס אין די יאָרן פון טיפער אַנטוישונג מיטן סאָוועטישן עקספּערימענט אין רוסלאַנד אַ מאַגנעטישן איינפלוס אויף היפּשע צאָלן יידישע אַנאַרכיסטן. גאָר באַזונדערס זיינען באַאיינפלוסט געוואָרן נישט ווייניק פון די דווקא אַמאָל פאַרקאַכטע אין קאָסמאָפּאָליטיזם און איצט אָפּגעקילטע חברים אין אַמעריקע. זיי האָבן מיט ליבע און לעבן זיך אַריינגעוואָרפן אין די געלט־זאַמלונגען לטובת דעם „אַרבעטנדיקן ארץ ישראל", און אין יעדער פאָרם פון הילף און קאָאָפּעראַציע געשטיצט די כסדר וואַקסנדיקע באַוועגונג פון אַרבעטער־

12) דר. חיים זשיטלאָווסקי: דר. הלל זאָלאָטאַראָוו און זיין נאַציאָנאַליסטישער אַנאַרכיזם. אין דר. ה. זאָלאָטאַראָווס „געקליבענע שריפטן", ב. 1, זייט 22.

אָרגאַניזירונג און קאָלאָניזאַציע אין דעם זיך אויפבויענדיקן און פאַר פּאָליטי־שער זעלבסטשטענדיקייט קעמפנדיקן נייעם יידישן ישוב אין פּאַלעסטינע.

קורץ נאָכן סוף פון דער ערשטער וועלט־מלחמה, ביי אַ קאָנפערענץ פון די יידיש־אַנאַרכיסטישע גרופּעס אין ניו־יאָרק, האָט דר. הלל זאָלאָטאַראָוו אין אַ באַגייסטערטער רעדע וועגן די פּערספּעקטיוון פאַר דעם יידישן ישוב, וואָס וועט אויפגעבויט ווערן אין ארץ ישראל, אויסגערופן: „איך האָף און גלויב, אַז אין ארץ ישראל וועט אויפגעבויט ווערן אַן אַנאַרכיסטיש־קאָמוניסטישע געזעל־שאַפט".

כדי בעסער צו פאַרשטיין סיי אַזאַ טרייע אָנהענגערשאַפט פון נישט ווייניק לאַנגיעריקע יידישע אַנאַרכיסטן אין באַצוג צו די קבוצות און צום עקאָנאָמישן אויפבוי פון ארץ ישראל בכלל, און סיי די ברייטע שטיצע זייערע פאַר אָט־די צוועקן, איז נויטיק זיך נאָענטער באַקענען מיט נאָך אַ זייט פון דער יידיש־אַנאַרכיסטישער באַוועגונג אין אַמעריקע. דאָס איז די ספּעציעלע פּאָראַינטע־רעסירונג אירע אין דעם פּראָבלעם פון קאָלעקטיווער אָדער קאָאָפּעראַטיווער פאַרמעריי און קאָלאָניזאַציע. מיר וועלן זיך באַלד אומקערן (קאַפּ. 7) צו אָט־דעם פּראָבלעם. אָבער ביז מיר וועלן זיך אויספירלעך פאַרנעמען מיט דער דאָזיקער פראַגע, און איר שייכות צום נייעם קוק פון אַ סך יידישע אַנאַרכיסטן אויף ישראל, וועט זיין אינטערעסאַנט און באַלערנדיק פאַר דעם לעזער צו באַקענען זיך מיט דער שטעלונג פון פּעטער קראָפּאָטקין, דעם גרעסטן לערער פון אַנאַרכיסטישן קאָמוניזם, צו דער נאַציאָנאַלער פראַגע אין אַלגעמיין און צום יידישן פּראָבלעם און ציוניזם בפרט, וואָס וועט באַהאַנדלט ווערן אינעם נאָענטסטן קאַפּיטל.

מען דאַרף דאָ אגב באַטאָנען, אַז די שטיצע פון די יידישע פרייהייטלעכע סאָציאַליסטן פאַרן יידישן אַרבעטער אין פּאַלעסטינע (זינט מאַי 1948 — אין ישראל), ד. ה. פאַר דער הסתדרות, — אַן אַקציע פון אויפריכטיקער ברידער־לעכער הילף און סאָלידאַריטעט — איז ביז גאָר פאַרשטאַרקט געוואָרן אין די סאַמע לעצטע יאָרן. אָבער אָט־די שטיצע מצד אַ גרויסן טייל פון די יידישע אַנאַרכיסטן אין אַמעריקע איז, אין גרונט, נאָר איינע צווישן אַ סך פאַרמען פון ברייטהאַרציקער פינאַנציעלער און מאָראַלישער הילף פאַר אונדזערע חברים אין אויסלאַנד. נאָך פאַר דער ערשטער וועלט־מלחמה האָט די יידישע אַנאַר־כיסטישע באַוועגונג אין אַמעריקע געהאַט אַן אייגענעם „רויטן קרייץ" צו העלפן די חברים־אַנאַרכיסטן אין רוסלאַנד — קרבנות פון צאַרישן טעראָר און גרוי־ליקע רדיפות. א. ד. גל. שפּעטער, נאָכן קריג פון 1914—1918, האָט די אַנאַר־כיסטישע באַוועגונג אין אַמעריקע געשאַפן דעם „אינטערעיד־פאָנד", כדי צו שטיצן ברידערלעך נויטליידנדיקע חברים אין אַמעריקע און אין אויסלאַנד. אין די צייטן פון שפּאַנישן בירגער־קריג, אין די שפּעטע 1930־ער יאָרן, האָט די אַנאַרכיסטישע באַוועגונג בכלל, און בפרט איר יידישער סעקטאָר, זייער אַקטיוו זיך באַטייליקט אין דער שאַפונג פון עקאָנאָמישער און מאָראַלישער אונטערשטיצונג פאַר די העלדישע קעמפער אין די אַנאַרכיסטישע און אַנאַרכאָ־סינדיקאַליסטישע רייען. מ'האָט אין פאַרלאַג פון דער „פ. א. ש." געדרוקט פּראָפּאַגאַנדע־ליטעראַטור פון אַלע מינים (בלעטלעך, בראָשורן, פּלאַקאַטן און

אַזוי ווייטער), און אויך אויפקלערונג־ליטעראַטור (דערהויפּט אין ענגליש) וועגן דער רעוואָלוציע אין שפּאַניע פון 1936—1938.

בעתן צווייטן וועלט־קריג (1939—1945) האָבן די יידישע פרייהייטלעכע סאָציאַליסטן אין נאָרד־אַמעריקע, געגרינדעט דעם „פרייהייטלעכן פליכטלינג פאָנד" (פ.פ.פ.). ער האָט געגעבן הילף דורך שפּייז־פּעקלעך, קליידונג, מעדי־קאַמענט־שיקונגען קיין אייראָפּע צו הונדערטער חברים אָן אונטערשייד פון אָפּשטאַם און נאַציאָנאַליטעט. דער געלט־ווערט פון אַזאַ הילף באַטרעפט עטלעכע צענדליקער טויזנטער דאָלאַר. (צוזאַמען מיטן „יידישן אַרבעטער־קאָמיטעט" אין ניו־יאָרק האָט דער פ. פ. פ. געהאָלפן געבן „הילף דורך אַרבעט" (קאָאָפּעראַטיווע וואַרשטאַטן א. ד. גל.) חברים אין אייראָפּע).

פון יידן און נישט־יידן צוזאַמען איז אין שיקאַגאָ, אין די 1920־ער יאָרן, געשאַפן געוואָרן דער „אַלעקסאַנדער בערקמאַן הילף־פאָנד", וואָס זיין ערשטער ציל איז געווען צו העלפן די חברים־קרבנות פון דער רויטער דיקטאַטור און טיראַניי. אין די שפּעטערדיקע צייטן, מיטן אויפקום פון היטלעריזם און דער טראַגישער מפּלה פון די שפּאַנישע רעוואָלוציאָנערן, האָט דער בערקמאַן־פאָנד געשטיצט די קרבנות פון פאַשיזם אין אַלע לענדער און אויך די נייע קרבנות פון דעם זיגרייכן באָלשעוויזם נאָך דער צווייטער וועלט־מלחמה (בולגאַרישע אַנאַרכיסטן א. ד. גל.). ער טוט אָט־די אַרבעט ביזן היינטיקן טאָג.ביידע פאָנדן (פ. פ. פ. און בערקמאַן־פאָנד) האָבן מיט באַדייטנדיקע סומעס געהאָלפן די חברים, וואָס זיינען צעשפּרייט און צעזייט איבער דער וועלט; אַ וועלט, וואָס בלייבט צו זיי גלייכגילטיק און פרעמד. אויך אין דער ברייטער הילף־אַקציע פאַר די מלחמה־געליטענע פון קריג און פון פאַשיזם פון „יידישן אַרבעטער־קאָמיטעט" אין ניו־יאָרק (וואָס עקזיסטירט שוין איבער 14 יאָר צייט און וואָס זיינע איניציאַטאָרן און הויפּט־טוער זיינען געווען יידישע סאָציאַל־דעמאָקראַטן און געוועזענע בונדיסטן), האָבן די יידישע אַנאַרכיסטן מיטגעווירקט דורך אַרבעט און מיט געלט־ביישטייערונגען.

6. פּעטער קראָפּאָטקין און די יידן־פראַגע

אין 1907 האָט אַ יונגער יידישער סאָציאַליסט אין פּאַריז, מאַרק יאַרבלום (שפּעטער באַוואוסטער פירער פון די רעכטע פּועלי־ציון) אויפגעהויבן, אויף די שפּאַלטן פון לאָנדאָנער אַנאַרכיסטישן זשורנאַל (ביולעטין) „ליסטקי כליעב אי וואָליאַ", וועלכן ס'האָבן רעדאַקטירט פּ. קראָפּאָטקין און אַלעקסאַנדער שאַפּיראָ, אַן אָנגעוויייטיקטע פראַגע. דאָס איז געווען דאָס פּראָבלעם: וואָס דאַרף זיין די סאָציאַליסטישע און אַנאַרכיסטישע שטעלונג צום ענין פּאַלעסטינע און צו אַן אומאָפּהענגיקער יידישער מלוכה, ד. ה. צום פּראָבלעם ציוניזם.

קראָפּאָטקין האָט אים געענטפערט און אין אַ לענגערן אַרטיקל (נומ. 18 פון „ליסטקי", 5 יולי, 1907) — „אַנאַרכיזם און ציוניזם" אַנטוויקלט קרי־טישע געדאַנקען וועגן ציוניזם. זיין קעגנערשאַפט ווערט מאָטיווירט אויף צוויי אופנים, דהיינו: 1) פון שטאַנדפּונקט פון אומגינסטיקע געאָפיזישע באַ־דינגונגען, נעמלעך — פּאַלעסטינע, מיט איר נישט גאָר גוטן קלימאַט, איז נישט

פּאַסיק פאַר אַ גרעסערן יידישן ישוב, און במילא וועט דאָס לאַנד נישט האָבן געגוג רוים אַריינצונעמען דאָס גאַנצע יידישע פאָלק און אינגאַנצן לייזן דאָס יידישע פּראָבלעם; און 2) פון רעוואָלוציאָנערן שטאַנדפּונקט קען בלויז איין לייזונג פון דער יידישער פראַגע געפונען ווערן — די „לייזונג אויפן אָרט", ד. ה. דאָרט וואו די יידן האָבן געלאַזן וואָרצלען, וואו זיי זיינען געזעסן שוין דורות לאַנג.

אין שייכות מיטן ציוניזם געפינט פּ. קראָפּאָטקין דריי שטרעמונגען אין דער דאָזיקער באַוועגונג: רעליגיעזער ציוניזם, פּאָליטישער ציוניזם און קולטור־ציוניזם. ער מיינט, אַז די הויפּט־טריב־קראַפט ליגט אין דער שטרע־בונג פון די רעליגיעז־געשטימטע יידן צו באַשאַפן אין פּאַלעסטינע זייערן אַ שטאַט. דאָס, ווידער, מוז דערפירן צו אַ טעאָקראַטיע, ד. ה. צו אַ קלערי־קאַלער און פּאָליטישער מאַכט. במילא, גייט דער ציוניזם אַלס רעליגיעז־פּאָליטישע אידייע, האַלט פּ. קראָפּאָטקין, קעגן דער אידייע פון אַ פרייהייט־לעך־געזעלשאַפטלעכן, ד. ה. קעגן אַ אַנאַרכיסטישן, סדר. און ווי שוין גע־זאָגט, לויט קראָפּאָטקינס מיינונג, וואָלט דאָך פּאַלעסטינע קיין סך פּאַרמערס און אינדוסטריע־אַרבעטער נישט געקענט שפּייזן. במילא האָט ער געהאַלטן כמעט פאַר אַן אוטאָפּיע צו קלערן וועגן אַריבערפירן אַהין די מיליאָניקע יידי־שע פאָלקס־מאַסן.

אַפּוואַרפנדיק דעם רעליגיעז־פּאָליטישן ציוניזם האָט אָבער פּ. ק. אַ גוט וואָרט פאַר אַ דריטער שטרעמונג אין ציוניזם — דעם קולטור־ציוניזם, אַלס מיטל פאַר דער גייסטיקער באַנייאונג פון יידישן פאָלק. דאָך וואָלט ער וועלן זען די באַנייאונג אויף די פּלעצער, וואו דאָס יידישע פאָלק לעבט און האָט זיך, אין לויף פון הונדערטער יאָר, אַנטוויקלט דורך זיינע קולטור־שאַ־פונגען. טאָ קומט ער צו אַזאַ אויספיר:

„זאָל דאָס יידישע פאָלק זיך פאַראייניקן מיט דער ציוויליזירטער וועלט און זאָל עס אַנטוויקלען די אוצרות פון זיין נאַציאָנאַליטעט אינם אַלגעמיינעם קאַמף פאַר פרייהייט און אומאָפּהענגיקייט פון די פעלקער".

אין אַ פריערדיקן אַרטיקל („ליסטקי", נומ. 16, פון 7־טן יוני 1907) — „די נאַציאָנאַלע פראַגע", דריקט פּ. ק., אומדירעקט, אויס מיינונגען וואָס האָבן אַ גאַר נאָענטע באַציאונג אויך צו דער יידישער פראַגע.

„פאַר יעדן לאַנד באַזונדער, שרייבט דאָרט פּ. ק., מוז מען געפינען אַ לייזונג פאַר דער נאַציאָנאַלער פראַגע. נישט געגוג איז זיך צו פאַררופן אויף די יסודות פון אַנאַרכיזם מיט זיין פאָדערונג פון פרייהייט פאַר אַלעמען אָן אונטערשייד פון ראַסע, רעליגיע און נאַציע". באַגריסט דערמיט פּ. קראָפּאָט־קין אפילו די קלענסטע פון אַלע אונטערדריקטע פעלקער, וואָס שטרעבן צו נאַציאָנאַלער ווידערגעבורט. דורך אַ דערוואַכטן פאָלקס־באַוואוסטזיין, — מיינט ער — ווערט לייכטער דער וועג צו אַן אמתן אינטערנאַציאָנאַלן בונד פון דער מענטשהייט. דאָ געפינען מיר אַן אָפּקלאַנג פון די פריער דערמאָנטע אידייען־גענג פון ד"ר חיים זשיטלאָווסקי און ד"ר הילל זאָלאָטאַראָוו, הגם יעדער פון די דריי פרייהייטלעכע וואָרט־פירער איז געקומען צו זיינע אויס־פירן גאַנץ אומאָפּהענגיק פון די צוויי אַנדערע.

וואָס איז אַ פאָלק? — דערויף ענטפערט פּ. ק. אַזוי: דאָס איז אַ קיבוץ פון מענטשן, פאַרבונדענע צווישן זיך דורך אַ געמיינזאַמער שפּראַך, קולטור, מנהגים און טראַדיציעס. אַט־דער שטריך איז כאַראַקטעריסטיש פאַר יעדן פאָלק. מען קען אים נישט בטל מאַכן קינסטלעך אָדער מיט געוואַלט. אַ פאָלק קען לעבן אונטער אַ פרעמדן, אויסלענדישן יאָך, אָבער זיינע נאַטירלעכע, פסיכישע און קולטורעלע אייגנשאַפטן, לאָזן זיך נישט פאַרניכטן.

באַהעפטנדיק זיך טאַקע מיט דער מאָדערנער קולטור און באַוואוסטזיניק אַרויסטרעטנדיק אויף דער היסטאָרישער אַרענע, פאַרלירן נישט, האַלט פּ. ק., די אונטערדריקטע פעלקער זייערע אידעאַלן. נאָר — אדרבה — זייערע נאַציאָנאַלע שטרעבונגען באַקומען ערשט דעמאָלט די ברייטסטע מאַסן־אונטערשטיצונג. דער אומקלאָרער, מטושטש־עמאָציאָנעלער נאַציאָנאַליזם פון די מאַסן, וואָס האָבן אַ חשד און מורא צו אַלץ וואָס איז זיי פרעמד און נישט־פאַרשטענדלעך; פון די מאַסן וואָס שטרעבן צו אַ מין אינסטינקטיווער זעלבסט־איזאָלירונג פון דער פרעמדער וועלט — דאָס טרעט דאַן אָפּ דעם פּלאַץ פאַר אַ באַוואוסטזיניקער און פאָלקסטימלעכער שטרעבונג צו אַ נאַציאָנאַלן רענעסאַנס. און דווקא דער פּראָלעטאַריאַט פון אַן אונטערדריקטער נאַציע פאַרשטייט, אַז די אויפלעבונג פון אַ נאַציע קען ערשט געמאָלט זיין ערשט נאָך איר סאָציאַלער באַפרייאונג. אַזוי האָט געטראַכט פּ. ק.

אַנדערש, אין אַ פאַרקערטן דרך, קוקט אויפן ענין דער בורזשואַזער נאַציאָנאַליזם, וועלכן פּ. ק. פאַרוואַרפט, און וועלכער איז נאָר אַ מאַסקע אויפן פּרצוף פון נאַציאָנאַלער דאָמינאַציע און פון אימפּעריאַליזם.

אַט ווי פּ. קראָפּאָטקין פאַסט־אויף דעם תוך פון דער היינטצייטיקער נאַציאָנאַלער פראַגע, וועלכע איז פון אַ לאָקאַלער פראַגע און אַן אינערלעך־מלוכהשן פּראָבלעם אויסגעוואַקסן איצט צו אַ פראַגע פון וועלט־פּאַרנעם און אינטערנאַציאָנאַלער באַדייטונג. דער תוך פון דער נאַציאָנאַלער פראַגע, לערנט אונדז פּ. ק., באַשטייט אין קאַמף פון די אונטערדריקטע נאַציעס קעגן דער פּאָליטישער און עקאָנאָמישער פאַרשקלאַפונג דורך דער בורזשואַזיע און דער שטאַט. במילא איז קלאָר, אַז די ענדגילטיקע לייזונג פון דער פראַגע איז פאַרבונדן מיטן סאָציאַלן נצחון פון ארבעטנדיקן פאָלק. אין אַנדערע ווערטער: ביז די סאָציאַלע פראַגע וועט געלייזט ווערן, איז קוים צו דערוואַרטן אַ לייזונג אויך פון דעם נאַציאָנאַלן פּראָבלעם.

קיין שום פאָלק דאַרף נישט גרינגשעצן זיין נאַציאָנאַליטעט, זאָגט פּ. ק. צו זיינע חסידים און תלמידים. טראָגט דאָך יעדע נאַציע אַריין אירע אוצרות אין דער אַלגעמיינער שאַץ־קאַמער פון די מענטשלעכע קולטור־אוצרות. און די נאַציע טוט עס דאַן, ווען זי, ווי איין נאַציע אַזוי אַלע אַנדערע, אַנטוויקלט איר שפּראַך, איר קולטור, אירע שעפערישע אייגנשאַפטן און געדאַנקען־אייגנטימלעכקייטן. צום שלוס פון זיין לאַנגן אַרטיקל איבער דער נאַציאָנאַלער פראַגע מאַכט פּ. ק. אַ פּאָר ספּעציעלע באַמערקונגען אין שייכות צו יידן, דהיינו:

איך בין באַקאַנט מיט עטלעכע ספּעציפישע אייגנשאַפטן פון יידישן געדאַנקען־אופן און שאַפונג־כוח, מיטן הומאָר און טרויער, מוזיק און קאָמיזם, איך קען זיי און כ'שעץ

זיי: מיר גיט פרייד צו זען אַ פאָלקס־אָפּשפּיגלונג אין קונסט און ליטעראַטור, און כ׳האַלט יידיש פאַר אַ שפּראַך, וועלכע עס לוינט זיך צו אַנטוויקלען און צו פאַרפולקאָמען.

נאָך אַ קלאָרערן אויסדרוק פון פּ. קראָפּאָטקינס פּאָזיטיווער שטעלונג צו מאָדערנע יידישע קולטור־שאַפונגען אין דער פאָלקס־שפּראַך (יידיש) געפינט מען אין דער פאָררעדע וואָס קראָפּאָטקין האָט ספּעציעל געשריבן צו דער יידישער איבערזעצונג פון זיין „קעגנזייטיקער הילף ביי חיות און מענטשן אַלס פאַקטאָר פון דער אַנטוויקלונג", אַן איבערזעצונג געמאַכט פון ד״ר י. א. מעריסאָן פאַר דער „קראָפּאָטקין ליטעראַטור געזעלשאַפט" אין 1913.

אין זיין ספּעצילער פּאָררעדע שרייבט פּ. ק. וועגן דעם גרויסן פאַרגעניגן, וואָס דער פאַקט פון אַ יידישער איבערזעצונג פאַרשאַפט אים, דערביי ברענגט ער אַרויס דעם געדאַנק, אַז

דער זיכערסטער וועג, ווי אַזוי אַריינצוברענגען אַ האַרמאָניע פון באַשטרעבונגען צווישן פאַרשיידענע נאַציעס, איז — אַז יעדער טייל פון דער מענטשהייט זאָל ווייטער אַנטוויקלען און רייכער מאַכן די שפּראַך, וואָס ווערט גערעדט פון די מאַסן פון אָט־דעם טייל פון דער מענטשהייט, אַז דאָס איז דער זיכערסטער וועג צו סטימולירן יעדע נאַציאָנאַליטעט צו אַנטוויקלען דאָס בעסטע, וואָס זי האָט אַרויסגעבראַכט אין פאַרלויף פון יאָרהונדערטער אין איר אייגענער סביבה . . . דער זיכערסטער וועג צו באַרייכערן אונדזער אַלגעמיינע ירושה מיט אַלע יענע נאַציאָנאַלע שטריכן, וועלכע האָבן אַ ספּעציעלן ווערט פאַר די פילאָסאָפישע באַגריפן, „דער פּאָעזיע און דער קונסט". דעריבער פרייט פּ. ק. צו זען זיין „קעגנזייטיקע הילף" געדרוקט אין אַ שפּראַך, וואָס ווערט גערעדט פון אַ היפּשע טייל פון דער מענטשהייט און וואָס האָט שוין אַן אייגענע אָריגינעלע ליטעראַטור, וועלכע טראָגט אַריין די יידישע פאָלקס אייגענע, נאַציאָנאַלע שטריכן אין די אַלגעמיינע אוצרות פון דער מענטשהייט.

אין אָט־דער הקדמה באַטאָנט אויך פּ. ק., אַז ערשט האָבנדיק אַנטוויקלט זיין אייגענע שפּראַך, אויף וועלכער דאָס פאָלק רעדט, וועלן אַלע פעלקער קענען איינשטימען צווישן זיך מכוח דער איין שפּראַך, אָדער די צוויי שפּראַכן, וואָס וועלן אָנגענומען ווערן אַלס דער הויפּט־מיטל פון דעם אינטערנאַציאָנאַלן פאַרקער.

אויף אַזאַ אופן וויל פּ. ק. וויזן, ווי אַזוי דער דערוואַכטער קולטור־נאַציאָנאַלער באַוואוסטזיין פון יידישן פאָלק קען אינגאַנצן און סיסטעמאַטיש פאַרבונדן ווערן מיט אַ פּראָגרעסיוון, אויף פרייוויליקייט און סאָלידאַריטעט געבויטן, אינטערנאַציאָנאַליזם פון אַ פאַראייניקטער, פעדעראַטיווער מענטשהייט.

7. עקספּערימענטן אין קאָאָפּעראַטיווער קאָלאָניזאַציע

אַ קורצע צייט נאָך דער גרינדונג (אין 1911) פון דער ערשטער ארץ־ישראלדיקער קבוצה דגניה א׳ (אָבער אומאָפּהענגיק פון איר) האָט אַ גרופּע פון יידישע אַרבעטער אין אַמעריקע (דערהויפּט פון ניו־יאָרק און פילאַדעלפיע) אויסגעאַרבעט אַן אַמביציעזן קאָלאָניזאַציע־פּראָיעקט. דאָס איז געווען אַ פּאָר יאָר פאַרן אויסברוך פון דער ערשטער וועלט־מלחמה. צווישן די מיטגלידער פון דער גרופּע זיינען געווען מערערע יידישע אַנאַרכיסטן און

אַנאַרכיסטיש־געשטימטע אַרבעטער. די קאָאָפּעראַטיווע קאָלאָניע — „קלאַ־ריאָן”, איז געגרינדעט געוואָרן אין שטאַט יוטאַה, אין דער וויטער אַמערי־קאַנער „וועסט” (מערב־טייל פון לאַנד). דער עקספּערימענט האָט געדויערט ביז 1915 און האָט זיך פאַרענדיקט מיט אַ דורכפאַל.

אַן אָנטיילנעמער אין אָט־דעם עקספּערימענט, א. ווערניק, האָט אַזוי באַשריבן די אורזאַכן פון דורכפאַל („פר. אַרב. שט.” פון 2־טן און 9־טן מערץ, 1945).

די הויפּט־אורזאַך פון עקאָנאָמישן דורכפאַל איז געווען די אומוויסנקייט ווי אַזוי אַנצוגיין מיט דער פאָרם־אַרבעט. דער פירער איז נישט געווען גענוג קאָמפּעטענט פאַר דער אויפגאַבע . . . ס׳האָט אים אויסגעפעלט וויסן וועגן קינסטלערישער באַוואַסערונג, וואָס איז דער הויפּט־תנאי פון דערפאָלגרייכער פאַרמערײַ אין יענעם טייל פון לאַנד . . . ס׳איז אויך אויסגעקומען צו לײַדן פון נאַטור־שוועריקייטן, ווי שטורעמס, פאַרפרײַזונגען, און נישט אַלע האָבן בכלל געקענט אויסשטיין דאָס פּיאָנערווען אין אַלגעמיין . . . מ׳קען אויך זאָגן, אַז די נישט־פּראַקטישקייט אין דער אָנפאַנג־צײַט האָט הויפּטזעכלעך געפירט צום אונ־טערגאַנג פון דער קאָלאָניע.

דער לעבעדיקער אינטערעס צו קאָלאָניזאַציע צווישן יידישע פריי־הייטלעכע סאָציאַליסטן, אין די יאָרן 1915—1920, האָט אָבער אָנגעהאַלטן ווייטער. דאָך האָט ער אָנגענומען אַ גאַנץ נייע פאָרם. דאָס זיינען געווען האַלבע „גאָרטן־שטעטלעך”, ווי סטעלטאָן און טשאַטאַם אין שטאַט ניו־דזשוירזי און די קאָלאָניע מאָהיגען אין שטאַט ניו־יאָרק, אַלע דריי נישט מער ווי אַ פּאָר צענדליק מייל ווייט פון ניו־יאָרק. פון די „קאָלאָניעס” האָט מען לייכט געקענט פאָרן צו דער אַרבעט אין ניו־יאָרק. אָבער צו אַן אמתער, אינטענסיווער ערד־אַרבעט זיינען די דאָזיקע קאָלאָניעס נישט געווען צוגע־פּאַסט, און נישט דאָס האָבן זיי, פאַרשטייט זיך, באַצוועקט. עס האָט פיל באַק־וועמער און לייכטער, איידער צו ווערן פאַרמערס, געמוזט זיין צו בלייבן ביי די געוויינלעכע שטאָטישע באַשעפטיקונגען אין פאַבריקן, ביוראָס און קראָמען, וואוינענדיק דאָך הינטער דער שטאָט, נאָענט צו דער נאַטור. און דאָך זיינען אָט־די קאָלאָניעס געוויס געווען אַ פּאָזיטיווער אויפטו פון די יידישע אַנאַר־כיסטן, אַ דערגרייכונג אין וועלכער עס האָט אַקטיוו מיטגעאַרבעט דער לאַנג־יאָריקער אַמעריקאַנער חבר הערי קעלי.

אָט־די יידן־אַנאַרכיסטן (אַ קליינע מינדערהייט, זיינען געווען איטאַ־ליענער א. אַנד.), זיינען אין אַ געוויסן זין געווען פּיאָנערן פון אַ נייעם האַלב־קאָאָפּעראַטיוון לעבנס־שטייגער. אין זיי האָבן זיך איינגעפלאַנצט געוואוינ־הייטן פון קאָאָפּעראַטיווע פירונגען אויפן קולטורעלן אַזוי גוט ווי אויפן עקאָ־נאָמישן געביט, ווי קלובן, שולן, קראָמען א. אַז. וו. און דאָס איז ביסלעכווייז אַריינגעדרונגען אין דער פּסיכיק פון מענטשן וואָס האָבן לויט זייער גאַנצער פריערדיקער גרויסשטאָטישער איינשטעלונג צום לעבן געמוזט פּראַקטיש (אין קעגנזאַץ צו דער אַבסטראַקטער אַנאַרכיסטיש־קאָמוניסטישער טעאָריע) זיין מער אינדיווידואַליסטיש, ווי קאָלעקטיוויסטיש, געשטימט.

דער גרעסטער קאָלאָניזאַציע־עקספּערימענט, וואָס איז אונטערגענומען געוואָרן פון די אַמעריקאַנער אַנאַרכיסטן־יידן, שוין שפּעטער צו, נאָך 1930, איז געווען די סאַנרייז פאַרמעריי־קאָלאָניע אין שטאַט מישיגען, געגרינדעט

אין 1933. אין איר האָבן אינם ערשטן יאָר געלעבט 216 נפשות — נאָר יידן, נישט קוקנדיק אויפן פאַרמערישן דערפאָלג פון אַזאַ אונטערנעמונג, האָט מען זי געמוזט ליקווידירן אין 1936 און דאָס אייגנטום איז אַריבערגעגאַנגען צו אַ שטאַטלעכן אַמט — די „פעדעראַל ריסעטלעמענט אַדמיניסטריישאַן".

אַט־די קאָאָפּעראַטיווע קאָלאָניע, אין שפּיץ פון וועלכער עס איז געשטאַנען אַ יידישער אַנאַרכיסט מיט אַ לאַנגיאָריקן סטאַזש אין דער באַוועגונג און פּאָר 12 יאָר צייט רעדאַקטאָר פון דער „פר. אַרב. שט.", יוסף קאָהאַן, אַ מענטש מיט אַן אַנטשלאָסענעם ווילן און גרויסער ענערגיע; אויך אַט־די קאָלאָניע איז גיך דורכגעפאַלן. עס האָט מיטגעווירקט דערביי דאָס אַריבערגייען פון שווערן עקאָנאָמישן קריזיס אין אַמעריקע (1930—1933), ווען אַ סך געוועזענע קליינבירגערלעכע און אַרבעטער־עלעמענטן האָבן ווידער באַקומען מעגלעכקייטן צו פאַרדינען אויפן לעבן. אָבער אַנטשיידנדיק פאַרן שלעכטן אויסגאַנג זיינען געווען פסיכאָלאָגישע אורזאַכן. דאָ האָט מען געקענט זען, ווי אַ קאָאָפּעראַטיווער ישוב, און דווקא אונטער אויסגעצייכנטע פיזישע באַדינגונגען, איז זיך צעפאַלן, ווייל די אָנטיילנעמער זיינען נישט געווען ריכטיק אָפּגעקליבן. סאָציאָלאָגן־פּאָכלייט, אַנאַליזירנדיק די סיבות פון „סאָנרייז"־ס אונטערגאַנג זיינען געקומען צו אַזאַ אויספיר: ריין־ראַציאָנאַלע טעאָריעס, ווי די אַנאַרכיסטיש־קאָמוניסטישע אידייען, אַלס דער פונדאַמענט פון אַזאַ „אינטעגראַל־קאָאָפּעראַטיווער" קאָלאָניע זיינען נאָך נישט בכוח אָפּצוהיטן פון אינערלעכע רייבונגען און רייסערייען. דער סוד פון דערפאָלג פון ענלעכע אונטערנעמונגען ליגט אין די פּערזענלעכע פעאיקייטן פון די אָנטיילנעמער צו קענען שטימען מיט די מיטמענטשן, מיט די מיטאַרבעטער, ווי דאָס קען קומען דורך אַ קעגנזייטיק־ספּאָנטאַנער (ד. ה. פרייוויליקער און דאָך סימפּאַטיזירנדיקער, לויטן כּלל פון „פרייהייט און סאָלידאַריטעט") אויסזוכונג און צוציאונג פון חברים־קאָאָפּעראַטאָרן. [13]).

פון דער צווייטער זייט אָבער, האָבן די יידישע אַנאַרכיסטן אין אַמעריקע, אַנטוישט פון אַ לאַנגער ריי דורכגעפאַלענע קאָלאָניזאַציע־פּראָבעס, געזען און פיל געהערט וועגן די דערפאָלגן פון די ארץ־ישראלדיקע קבוצות. דאָרט, אין פּאַלעסטינע, האָבן גרופּעס פון פּיאָנערן, אידעאַליסטישע אַרבעטער, אינגאַנצן פאַרגעסן פון „מיין" און „דיין" און געלעבט אין איינקלאַנג מיט דער גרונט־פאָרמולע פון דעם סאָציאַלן ראַדיקאַליזם אין די לעצטע 100 יאָר: פון יעדן לויט זיינע פעאיקייטן, צו יעדן לויט זיינע באַדערפענישן! נאָך מער: מען זעט ווי די דאָזיקע פּיאָנערן (חלוצים) זיינען בכוח דורכצופירן אין לעבן גרויסע און שווערע אויפגאַבן פון באָדן־אויסבעסערונג, ד. ה. פון רעקלאַמאַציע און אויך פון רעקאָנסטרוקציע, שווער־פיזישע אַרבעטן וועלכע קיין שום באַצאָלטער אַרבעטער, אַ לוין־שקלאַף, וואָלט נישט געווען גרייט צו טאָן פאַר געלט.

אַט־דער אויסערגעוויינלעכער אויפטו פון פּראַקטישן אידעאַליזם אין

---

13) זען דאָס בוך:
H. F. Infield: Cooperative Communities at Work, New York, 1945.

פּאַלעסטינע איז געווען דער פּראָדוקט, דער פּועל־יוצא, פון די טיף־דורכגע־פילטע נאַציאָנאַלע סענטימענטן, פון אַ ווילן זיך אויפהאַלטן ביים לעבן ווי מענטשן־יידן און ווי סאָציאַליסטישע אַרבעטער. זיי האָבן — אַזוי פלעגן רעדן זייערע פריינט אין אַמעריקע, צווישן זיי נישט ווייניק אַנאַרכיסטן, — אין זייער טאָג־טעגלעכן לעבן, אָן אַ באַמבאַסטישער זעלבסט־באַרימערישער פּראָפּאַגאַנדע, געוויזן דער גאַנצער וועלט, ווי אַזוי וואָלט געקענט פאַר־ווירקלעכט ווערן דער דערמאָנטער לאָזונג פון פרייען סאָציאַליזם און קאָמו־ניזם: צו יעדן לויט זיינע נויטן און באַדערפעניש און פון יעדן לויט זיינע אַרבעטס־פעאיקייטן.

אונטערן איינפלוס פון אָט־דעם נייעם באַוויז פון דעם כלל, אַז גאָר גרויסע רעזערוון פון סאָציאַל־ קאָנסטרוקטיווע כוחות ליגן נאָך אין יידישע נאַציאָנאַל־קולטורעלע אידעאַלן און שטרעבונגען, האָט זיך אַ גרויסע איבער־קערעניש אָפּגעשפּילט אין היפשע טיילן פון די יידיש־אַנאַרכיסטישע רייען איבער דער וועלט. דערצו האָט נאָך מיטגעשפּילט דער יאוש און די אַנטוי־שונג־סענטימענטן פון כעס און פאַרצווייפלונג קעגן אַ קאַלטער, רוצחישער וועלט וואָס האָט (מיט געוויסע אויסנאַמען) בעת דער מלחמה געדולדיק צו־געזען, און נישט געהאָלפן, בעת היטלער, דער „דייטשישער פירער״, צוזאַ־מען מיט מענטשן־בעסטיעס פון אַנדערע פעלקער, האָט מיליאָנען יידן, אומ־שולדיקע און נישט־מלחמה־פירנדיקע מענטשן, אומגעבראַכט דורך די ברו־טאַלסטע, גרויליקסטע מיטלען און וויסנשאַפטלעכע מעטאָדן.

דער פּועל־יוצא פון דעם אַלעם איז געווען אַ גייסטיקע אומוואַנדלונג, כמעט ווי איבער איין נאַכט. אַנשטאָט די אַלטע, הגם נישט דורכזיכטיק־קלאָ־רע, אָבער דאָך פאַנאַטיש־פעסטע, קאָסמאָפּאָליטישע איבערצייגונגען, האָבן זיך, כמעט פּלוצלינג, איינגענעסטיקט אין די קעפּ פון אומצייליקע אַלטע און יונגע יידישע אַנאַרכיסטן די ריין־נאַציאָנאַלע און ציוניסטישע אנזיכטן.

מיט דער גרינדונג פון דער יידישער מדינה (מאַי 1948) האָט די פרי־ערדיקע צוגעבונדנקייט פון אַ סך יידישע פרייהייטלעכע סאָציאַליסטן צום אידעאַל פון אַ פרייען און אומאָפּהענגיקן יידישן אַרבעטער־ישוב אין אַן אַלט־נייעם נאַציאָנאַלן היימלאַנד, ישראל, זיך נאָך פאַרשטאַרקט אין אַ גאַנץ באַ־דייטנדיקער מאָס. מען קען גוט פרשטיין, ווי אַזוי די קבוצות אין ישראל, אַלס אַ סאָציאַלער עקספּערימענט, וועלכער איז נישט דורכגעפאַלן, האָט צוגע־צויגן און סטימולירט פרייהייטלעך־געשטימטע און באַוואוסטזיניקע אַרבע־טער, סיי נישט־יידן, סיי — גאָר באַזונדערס — יידן. ביי אַ סך געטרייע און לאַנגיאָריקע יידישע אַנאַרכיסטן איז די אָנערקענונג און באַוואונדערונג פון דעם קבוצה־גייסט כמעט גלייכצייטיק געקומען מיט דער אָנערקענונג פון די ענדצילן פון פּאָליטישן ציוניזם גופא. דאָך וואָלטן זיי געמעגט זיך טיפער פאַרטראַכטן אויך וועגן אַ פּאָר אַנדערע מאָמענטן.

רייך־היסטאָריש געזען, איז דאָך פּאַלעסטינע, קיינמאָל אין דעם גאַנג פון דער גאַנצער ביז־איצטיקער געשיכטע, נישט געווען אַ לאַנד פון בלויז איין פאָלק. דאָס וועט מסתם אַזוי בלייבן, ווי עס זעט אויס, אויף ווייטער. דאָס, ווידער, מיינט, אַז אַ געזונטער און גליקלעכער יידישער צוזאַמענלעבן

אין דעם דערוואַכטן און זיך אויפבויענדיקן לאַנד וועט נאָר קענען געמאָלט זיין אויף אַ באַזיס פון אַ פרידלעכן און פעדעראַטיוון בונד און פאַרבאַנד פון פאַרשיידענע באַזונדערע עטניש־קולטורעלע גרופן. אָבער אויב נישט אויף אַזאַ יסוד, וועט דאָך די גאַנצע הייַנטצייטיקע וועלט צו אַ דויערנדיקן גלייכגעוויכט און אויסגלייך פון די שטרייטנדיקע אינטערעסן נישט קענען קומען. פאַרקערט, זי וועט זיך אַלץ שנעלער און אימפּעטיקער קייקלען צום אָפּגרונט פון אַ מוראדיקן חורבן און אומקום. און, פון דער צווייטער זייט, זאָל די וועלט זיך אַלץ מער און מער דערנענטערן צו אַ פאַרווירקלעכטן אי־דעאַל פון אַ פעלקער־פאַרברידערונג און אַלוועלטלעכער פעדעראַציע, טאָ וועט דאַן ווייניק זין און ממשות האָבן די טענה, אַז דאָס פולע און שעפערישע אויסלעבן זיך פון יידן, מיט אַלע זייערע עטניש־קולטורעלע אייגנשאַפטן און טענדענצן, קען און דאַרף זיך אָפּשפּילן נאָר אין דער זעלבסט־איזאָלירונג פון אַן „אייגענעם" פּאָליטיש־געאָגראַפישן צענטער ישראל. קיינמאָל אין די לעצ־טע 2.000 יאָר האָט די מערהייט פון יידישן פאָלק זיך נישט געפונען אין לאַנד ישראל, און אויך קיינמאָל אין אָט־דער לאַנגער היסטאָרישער תקופה זיינען אַלע גרויסע, אייביקע יידישע קולטור־ווערק נישט געשאַפן געוואָרן נאָר אין „ארץ ישראל".

דער שייכות פון יעדן קליינעם לאַנד, הייַנט צו טאָג, מיט דער וועלט־פּאָליטיק און וועלט־עקאָנאָמיק איז אַזוי קלאָר, אַז עס דאַרף פאַר יעדן ניכ־טער־דענקנדיקן מענטשן זיין פאַרשטענדלעך, ווי אָפּהענגיק און פאַרבונדן די כלומרשט זעלבסטשטענדיקע ישראל־מדינה מוז און וועט זיין מיט די ריי־זיק־מעכטיקע אויסערלעכע פאַקטאָרן, מאַכט־פּאָליטישע לויט זייער נאַטור, — ד. ה. צו וועלט־דאָמינירונג שטרעבנדיקע. זיי וועלן האָבן די לעצטע דעה איבער אַלע גורל־פראַגן אויך פון קליינעם לאַנד ישראל.

אַרום 30 יאָר צייט האָבן די ארץ־ישראלדיקע קבוצות געקענט לעבן און וואַקסן אין אַ היפש־איזאָלירטער, געשיצטער אַטמאָספער און סביבה פון אַ רואיק־פּלאַנירטער און גוט־קאָנטראָלירטער אומגעבונג, געניסנדיק פון אַן אינעווייניקסטער אויטאָנאָמיע און ביי אַ מינימום פון אויסערלעכער אַריינמישונג. איצט איז די לאַגע אַ גאַנץ אַנדערע: פון איין זייט די שטורמישע מאַסן־אימיגראַציע פון יידן פאַר וועלכע אַרבעט־געלעגנהייטן מוזן, און וואָס שנעלער געשאַפן ווערן, פון קיין פּאַסיקן אָפּקלייב און צוגרייטונג פון געהע־ריקן מענטשן־מאַטעריאַל פאַר די קבוצות לאָזט זיך אין אַזאַ סיטואַציע כמעט גאָרנישט ריידן. פון דער צווייטער זייט, וועט אַ גרויסע ראָל מוזן אויספּאַלן אויך אויף דער נייער „אייגענער" רעגירונג, מיט די אַלגעמיין־מלוכהשע טענדענצן צום צענטראַליזם, ביוראָקראַטיזם, און מיט אַ חשק צו אַן אומאויפ־הערלעכער אַריינמישונג אין אַלע אויטאָנאָמע און פרייע פאַראייניקונגען פון גלייכגעשטימטע מענטשן וואָס זיי אַלע זיינען אַנטשלאָסן צו אַרבעטן און דינען דעם אידעאַל פון אַ נייעם גערעכטן סדר פון מענטשלעכן צוזאַמענלעבן. ווי וועט די רעגירונג זיך פאַרהאַלטן צו די קבוצות, די פרייוויליק־קאָמוניסטישע „פולע קאָאָפּעראַטיוון"? אמת, זיי האָבן טאַקע ביז איצט די פּראָבע אויסגע־האַלטן און טאַקע אַלס וויכטיקער סאָציאַלער עקספּערימענט; אָבער וואָס זיי־

ער פּאָזיציע וועט זיין אונטער די נייע אומשטענדן פון לאַנד ישראל, איז נאָך אַלץ אומקלאָר און פּראָבלעמאַטיש. מעגלעך אַז די עמאָציאָנעלע באַגייסטערונג, די דערוואַכטע, בעתן מוראדיקן יידישן חורבן אייראָפּע, נאַציאָנאַלע סענטימענטן און בענקענישן, האָבן נישט ווייניק יידישע סאָציאַליסטן און אַנאַרכיסטן טאַקע דערפירט אפשר צום שוועל פון פּאָליטישן ציוניזם. אָבער — אויב זיי וועלן בלייבן געטריי דעם פרייהייטלעכן אידעאַל, דעם אידעאַל פון אַ געזעלשאַפט אָן צוואַנג און אָן עקספּלואַטאַציע, וועלן זיי דאָך נישט קענען שטיין בלייבן ביים אומקלאָרן, מטושטשדיקן ענדציל פון פּאָליטישן ציוניזם [14]). אין זיין סאָציאַל־עטנישער זעלבסט־איזאָלירונג, ד. ה. אין זיין „עטנאָ־צענטריזם" (קאָנצענטרירן אַלע האָפענונגען אויף סאָציאַלער גאולה און ישועה בלויז אויף דעם גורל פון איין־איינציקן פאָלק, מעג דאָס אפילו זיין דאָס אייגן פאָלק) באַהאַנדלט דאָך דער ציוניזם די יידישע פראַגע אָן אַ טיפער פאַרבונדנקייט מיט די גרויסע „צענטראַלע" וועלט־פראַגן פון דער היינטיקער צייט. און דאָס איז דאָך אַ "תקופה פון איין וועלט", פון וועלט־פאַראייניקונג. דער אַנאַרכאָ־סאָציאַליסט, פון דער צווייטער זייט, שטעלט אַוועק, קלאָר און באַוואוסטזיניק, דאָס יידן־פּראָבלעם אין אַ שייכות מיט דעם פילזייטיקן סאָציאַלן און קולטורעלן קריזיס פון אונדזער צייט מיט אַלע אירע ברענענדיקע טייל־פּראָבלעמען, ווי אינדוסטריאַליזם, דעמאָקראַטיע, עקאָנאָמישע גערעכטיקייט און פּאָליטישע פרייהייט.

8. סך־הכלען און אויספירן

אַלס קינדער פון אַן אַלטן און פיל־געליטענעם פאָלק, זיינען די יידישע אַנאַרכאָ־סאָציאַליסטן, אפשר נאָך מער ווי זייערע נישט־יידישע חברים, געניגט צו פאַרהערלעכן דעם ענדציל פון אַנאַרכיזם, דאָס הייסט דעם אידעאַל פון „אַ פרייען מענטשן אין אַ פרייער געזעלשאַפט". במילא געפינט מען דווקא ביי די יידישע אַנאַרכיסטן די הייסטע, סאַמע־איבערצייגסטע פאַרטיידיקער און פּרעדיקער פון דעם גלויבן, אַז קיין מענטש קען און וועט נישט זיין אַזוי סאָציאַל־געשטימט, אַזוי סאָלידאַריש און אויפריכטיק פאַרבונדן מיט זייערע מענטשן, ווי דער פרייער מענטש. און מיינען מיינט עס אָט־וואָס: וואָס מער דעם יחידס מיטמענטשן וועלן זיין אַנטוויקלט און גליקלעך, אַלץ גרעסער און זיכערער וועט זיין דעם יחידס פרייהייט. אין אַ מין העכערן, פילאָזאָפישן סינטעז פאָרט זיך דאָ פרייהייט און זיכערקייט אין אַ נישט צו צעטיילנדיקער איינהייט.

און דאָ קומט, ערשטנס, אַריין דער אומשטאַנד, אַז קיין אַנדערע פּאָליטישע

---

14) אַפילו די פרייהייטלעך־געשטימטע, לאַנג־יאָריקע חלוצים־בויער פון אַרבעטנדיקן ארץ־ישראל, ווי למשל דער גוט־באַקאַנטער אין ישוב געוויסנסקעגנער פון מלחמה נתן חפשי פון נהלל, אַ נאָכפאָלגער פון א. ד. גאָרדאָן — דער ארץ־ישראלדיקער און אוניווערסאַל־עטישער דענקער, באַצווייפלט די ריכטיקייט פון פּאָליטישן ציוניזם, ד. ה., פון אַ יידישן שטאַטלעך־פּאָליטישן נאַציאָנאַליזם, אַלס יסוד פון אַ געזונטן יידיש־טעריטאָריאַלן צענטער. („פר. אַרב. שט." פון 17טן מערץ און פון 9טן יוני 1950).

אידייען־שטרעמונג ביי יידן, חוץ דער אַנאַרכאָ־סאָציאַליסטישער, איז נישט אַזוי ענג און פעסט פאַרבונדן מיטן אידעאַל און דער שטרעבונג צו אַ נייער, אַ קאָאָפּעראַטיווער, געוואַלטלאָזער און אויף פרייוויליקייט אויפגעבויטער וועלט־אָרדענונג.

בקיצור, די יידישע אַנאַרכיסטן און ספּעציעל די פון זיי, וואָס פאַרזעען נישט די יידישע פראַגע, האָבן אַריינצוטראָגן אַ וויכטיקן און אייגנאַרטיקן צושטייער פאַר דער לייזונג פון אָט־דער פראַגע. דער בייטראַג באַשטייט אין דעם פאַרטיפן פאַרזוך אַריינצופירן אָט־די דאָרנדיקע און לאַנג־באַשטייענדיקע יידישע פראַגע אין אַ ברייטער, ממש אוניווערסאַלער ראַם (אָדער „ראַם פון רעפערענץ", ווי מען דריקט זיך עס היינט אויס אין דער וועלט פון סאָציאַלע און נאַטור־וויסנשאַפטן), ד. ה. פאַרבינדן די יידישע פראַגע דווקא מיט ברייטערע, גרעסערע אומשטענדן, צילן און פאַקטאָרן, צו וועלכע זי האָט אַ זייער נאָענטע שייכות, דאָס מיינט — אַ לאָגישע, סאָציאָלאָגישע, היסטאָרישע און קולטור־געשיכטלעכע פאַרבינדונג. אין קעגנזאַץ צום „עטנאָ־צענטרישן" צוגאַנג צו דעם יידישן פּראָבלעם מצד אַלע אַנדערע געזעלשאַפטלעכע שטרעמונגען ביי יידן ווערט זי, אָט־די פראַגע, פון דעם פרייהייטלעך־סאָציאַליסטישן שטאַנדפּונקט אויפגענומען פיל ברייטער און טיפער. די לייזונג פון דער פראַגע ווערט נעמלעך פאַרבונדן נישט מיט שלאָגווערטער און אַבסטראַקטע און קעגנגעזעצטע באַגריפן, אָפט אָן אַ קלאָרן אינהאַלט און באַדייטונג, ווי „נאַציאָנאַליזם" אָדער „אַסימילאַציע", נאָר מיט אַ פיל פונדאַמענטאַלער און אַקטועלערער אידייע. דאָס איז די אידייע פון דער סאָציאַלער רעאָרגאַניזאַציע אָדער רעגענעראַציע פונעם היינטצייטיקן סדר אין מענטשלעכן צוזאַמענלעבן מיט זיין מאָראַלישן קריזיס און געזעלשאַפטלעכער ירידה, וואָס האָבן די מענטשהייט שוין דערפירט צום ראַנד פון אַפּגרונט, צום שוועל פון אַ טאָטאַלן חורבן און אונטערגאַנג. אָן דער וועלט־פאַרבעסערונג, מיינט עס, קען און וועט נישט געפונען ווערן קיין לייזונג אויך פאַר דער יידישער פראַגע. דאָס האָבן די גרינדער פון יידישן פרייהייטלעך־סאָציאַליסטישן געדאַנק גוט פאַרשטאַנען, און האָבן געזוכט עס אַרויסצוברענגען פאַר אַנדערע. מערסטנס איז אָבער דער קול זייערער איבערגעשריען אָדער — פאַרקערט — פאַרשוויגן געוואָרן פון די אַנדערע, מיט מיטלען פון פאַרטיי־פּאָליטישן ליאַרם און דעמאַגאָגישער פאַרפירונג אָפּעריִרנדיקע ריכטונגען און באַוועגונגען אויף דער יידישער גאַס.

צווייטנס, באַשטייט דער ספּעציפישער שטריך פון דער ייִדיש־אַנאַרכיסטישער אידעאָלאָגיע, אין איר טעאָריע און פּראַקטיק, אין אַזאַ זעלטענער אין אונדזער צייט און וועלט אייגנשאַפט ווי טאָלעראַנץ און ברייטהאַרציקייט אין באַצוג צום פרייען אויסדרוק פאַר יעדער ערלעכער מיינונג און קריטיק. מיט אַזאַ גייסטיקער פרייהייט ; מיטן גלויבן, למשל, אין פּרעסע־פרייהייט, צייכענען זיך אויס פון ערשטן טאָג אָן, פון די צייטן פון דער ערשטער „פרייער אַרבעטער שטימע" (געגרינדעט אין ניו־יאָרק אין 1890) אַלע יידישע אַנאַרכיסטישע צייטונגען און זשורנאַלן. אָן אויסדרוק פון אָט־דער גייסטיקער טאָלעראַנץ און פרייהייט קען מען אויך זען אין דער געטרייען איבערגעבנקייט פון דער יידישער פרייהייטלעך־סאָציאַליסטישער באַוועגונג צו אַ געזונטער קולטור־

דערציערישער טעטיקייט און בילדונג־אַרבעט אַלס מיטלען צו וועקן ביי די מענטשן די שטרעבונג צו זעלבסט־באַפרייאונג און צו סאָציאַלער אַנטוויקלונג — דורך צוגרייטן אַ נייע געזעלשאַפטלעכע אָרדענונג אויף די יסודות פון סאָציאַלער גערעכטיקייט און אינדיווידועלער גייסטיקער דערהייבונג, דורך זעלבסטשטענדיק טראַכטן און אויפקלערונג.

עס איז אַ לאָגישער פועל־יוצא פון פרייהייטלעכן צוגאַנג צום ענין אויפקלערונג און דערציאונג, אַז די אַנפירנדיקע אָרגאַנען פון דער יידישער אַנאַרכיסטישער פרעסע (די „פרייע אַרבעטער שטימע״ אין ניו־יאָרק, און דער „אַרב. פריינד״ אין לאָנדאָן) האָבן יאָרנלאַנג געדינט דער קולטורעלער דער־הייבונג פון די יידישע אַרבעטער קרייזן, וואָס יידיש איז זייער איינציקע קול־טור־שפּראַך. ספּעציעל די „פר. אַרב. שט.״ ווי שוין דערמאָנט אין 3־טן קאַפּיטל, האָט געהאָלפן צו פאַרפיינערן דעם גייסט און געשמאַק פון אירע לעזער, דורך אָפּגעבן זיך מיט יידישע און אַלגעמיינע קולטור־פּראָבלעמען, ווי טעאַטער, ליטעראַטור, קונסט, פּאָפּולערע וויסנשאַפט א. ד. גל.

דאָ דאַרף דערמאָנט ווערן, אַז נישט קיין קלענערער אויטאָריטעט אין דער אַנאַרכיסטישער אידעאָלאָגיע ווי פּעטער קראָפּאָטקין האָט — ווי מיר האָבן שוין געוויזן אין קאַפּ. 6 — דייטלעך און קלאָר גוטגעהייסן אויך לגבי יידן דעם פּרינציפּ פון קולטורעלער זעלבסטבאַשטימונג, אַלס אַ מיטגעבוירן־רעכט פאַר יעדן פאָלק. דאָס מיינט, ער האָט געזען און אַנערקענט די יידן אַלס זעלבסט־שטענדיקע עטנישע גרופּע. זיי קענען און מעגן, לויט קראָפּאָטקינען נאָך, זיך פריי אויסלעבן אויף זייער שטייגער און אין זייער שפּראַך, אויף די יסודות פון אַ רייפער מענטשלעכער פּערזענלעכקייט און פאַרטיפטער אַנטוויקלונג פון דאָס גייסטיק־אַלמענטשלעכע און דאָס עטיש־אַליידישע אין יעדן יידישן מענטש. דאָס איז דער זין און מיין פון קולטור־עטנישער פרייהייט אין קעגנזאַץ צום שעדלעכן און וועלט־צעשטערנדיקן „עטנאָ־צענטריזם״.

דער דריטער ספּעציעלער שטריך אין וועלט־באַנעם פון אַנאַרכיזם ביי יידן איז פאַרבונדן מיט אַ טיף־אָריגינעלן אַספּעקט פון דער גייסטיקער גע־שיכטע פון יידן אַלס אַ פאָלק. עס איז, נעמלעך, פיל לייכטער דעם יידישן אַנאַרכיסט, ווי זיין חבר פון אַ וועלכן נישט איז צווייטן פאָלק, אָפּצושלאָגן דעם פאַרוואורף, אַז די שטרעבונג צו אַ הערשאַפטלאָזער אָרדענונג צייכנט זיך אויס מיט דער געוויסער נישט־פּראַקטישקייט, מיט אַן אוטאָפּיזם, מיט איין וואָרט — מיט אַ גייסט פון אַ „נישט־פון־דער־וועלט״ באַהויכטן אידעאַל, א. ד. גל. מען מיינט, אַז דער גלויבן אין צוואַנג און געוואַלט איז כלומרשט נויטיק פאַר דער זעלבסט־דערהאַלטונג, פאַר דער באַהויפּטונג פון דעם מענטשלעכן צוזאַמענ־לעבן אויף דער רעאַלער ערד אין דער וועלט ווי זי איז. ווייזט אָבער דער ביישפּיל פון דער יידישער געשיכטע, וועלכע וואָלט געדאַרפט גוט באַקאַנט זיין דווקא די אַנאַרכיסטן־יידן, אַז פאַר דעם לעבן פון אַ פאָלק זיינען צוואַנג, געוואַלטזאַמע אויטאָריטעט, מיליטאַריזם (אָבליגאַטאָרישער מיליטער־דינסט) און מלחמה, ווי אַ סך אַנדערע פאָרמען פון דער „מאָדערנער שקלאַפעריי״ (לעוו טאָלסטאָי), לחלוטין נישט קיין אַבסאָלוט־נויטיקע פאַרבאַדינגונגען . . .

און טאָקע אַזוי. מיר נעמען דאָך אָן פאַר אויגנשיינלעך קלאָר, אַלס אַ זעלבסטאַנעמבאַרע אַקסיאָם, אַז דער מענטש איז אַ געזעלשאַפטלעכע באַשע־פעניש און קען נישט עקזיסטירן, ווער רעדט שוין פון אַנטוויקלען זיך, אָן דער צעטיילונג פון אַרבעט, אָן קעגנזייטיקער הילף און קאָאָפּעראַציע; און אויב מיר ווילן זיך דערמאָנען אַז דער מענטש איז פון דער נאַטור, אָדער דאַרף זיין, אַ בעל־שכל, אַ פאַרנופטיקע באַשעפעניש — טאָ פאַרוואָס זאָל עס גאָר זיין אומפּראַקטיש, אוטאָפּיסטיש, צו שטרעבן און אַרבעטן פאַר אַזאַ סאָציאַלן סדר, וואָס איז געבויט אויף יושר, אויף פרייהייט און גלייכהייט? דעריבער האָט זיך די יידיש־אַנאַרכיסטישע באַוועגונג, נאָך לאַנגער דערפאַרונג אין אַלערליי מעטאָדן פון טאַקטיק, אָוועקגעלאָזן דווקא אויף די וועגן פון בילדונג, אויפקלע־רונג און דערציאונג.

איןריין היסטאָרישן זין, אַזוי דראַמאַטיש און כאַראַקטעריסטיש, זיינען די אָרעמע אונטערדריקטע יידישע האָרעפּאַשניקעס פון מזרח־איירופּע אין די נייע, מיט אומזיכטבאַרע ווענט אָפּגעצאַמטע פינסטערע געטאָס אין לאָנדאָן און ניו־יאָרק, מיט אַ יאָר 60־70 צוריק, געווען די ערשטע פּיאָנערן פון אָט־דער נייער באַוועגונג ביי יידן. זיי האָבן די מיטמענטשן זייערע גערופן צו פאַר־טראַכטן זיך און צו פאַרטיפן זיך אין די מעגלעכקייטן פון אַ פיל בעסערן, פיל הומאַניטאַרערן סדר אין די מענטשלעכע צווישנבאַציאונגען, ד. ה. באַציאונגען פון מענטשן־יחידים און פעלקער צווישן זיך. און דער ביז־איצטיקער וועלט־צושטאַנד ווייזט ווי ריכטיק זייער גלויבן איז געווען...

ווי ס'איז אין קאַפּ. 3 שוין דערמאָנט געוואָרן, האָט די הימל־שרייענדיקע טראַגעדיע פון די שיקאַגער מאַרטירער (1886—1887) דירעקט מיטגעשפּילט אַ זייער אַקטיווע ראָלע אין דער אויספאָרמירונג פון אַ יידיש־אַנאַרכיסטישער באַוועגונג אין נאָרד־אַמעריקע. אויך אין דער ערשטער העלפט פון 20־סטן יאָרהונדערט, 40 יאָר נאָך דער שיקאַגער „העימאַרקעט אפעיר", האָבן די קלאַסן־נקמה, די שטאַטלעכע „יוסטיץ" און די אומטאָלעראַנץ אפילו צו די ערלעכסטע אידייען־קעגנער, געפאָדערט אירע קרבנות — און ווידער פון די אַנאַרכיסטישע מענטשלעכע קרייזן. דאָס איז געווען די טרויעריק־באַרימטע סאַקאָ־וואַנזעטי טראַגעדיע (1921—1927). אין אַלע אָנשטרענגונגען און קאַמ־פּאַניעס פאַר דער רעטונג פון אָט־די צוויי נאָבעלע אַרבעטער־קעמפער, האָבן די יידישע אַנאַרכיסטן גענומען אַ גאָר גרויסן און אַקטיוון אָנטייל. ספּעציעל דאַרף דאָ דערמאָנט ווערן די אַקטיווע ראָלע אין אָט־דער באַוועגונג צו ראַ־טעווען סאַקאָ און וואַנזעטי פון איינעם פון די ערשטע פּיאָנערן פון דער יידיש־אַנאַרכיסטישער באַוועגונג אין אַמעריקע — דר. מיכאל קאָהן (1866—1939). אָט־דער פּיאָנער און וועטעראַן פון פרייהייטלעכן סאָציאַליזם האָט איבער 50 יאָר פון זיין לעבן, און ביזן לעצטן טאָג זיינעם, געלעבט מיטן גייסט און אידעאַל פון דער אינטערנאַציאָנאַלער אַנאַרכיסטישער באַוועגונג.

אין מערב־איירופּע האָט די אַנאַרכאָ־סאָציאַליסטישע לערע געפונען פאַר זיך די סימפּאַטיע פון אַ סך גלענצנדיקע יידישע אינטעלעקטואַלן. זיי האָבן, אפשר אומבאַוואוסטזיניק פאַר זיך אַליין, אויפגענומען אָט־די נייע לערע ווי

אַ נייער גלגול פון דער יידישער טראַדיציע, וועלכע קען אויסגעדריקט ווערן אַט־אַזוי: צו געווינען און פרעדיקן יענע וועגן וואָס דערפירן די געזעלשאַפט צו אַ מצב, ווען די צווישנמענטשלעכע סכסוכים וועלן נישט זיין פאַרבונדן מיט ברוטאַלקייט און געוואַלט און מיט נקמה־געפילן; אַ מצב אין וועלכן סכסוכים און זייערע לייזונגען וועלן אויפגעהויבן ווערן צו אַ העכערער מדרגה פון אויסגלייך — נישט דורך אַ וויסטן קאַמף, געוואַלט, אָדער צוואַנג, נאָר דורך מיטלען און מעטאָדן וואָס זיינען מער ווירדיק און פּאַסיק פאַרן מענטשלעכן מין.

מיר וועלן דאָ אָנרופן בלויז עטלעכע פון די געציילטע, גלענצנדיקע יידישע וואָרט־זאָגער פון אַנאַרכיסטישן וועלט־באַנעם אין מערב־אייראָפּע ביזן אָנהייב פון די 1920־ער יאָרן: בערנאַר לאַזאַר און וויקטאָר באַש אין פראַנקרייך; גוסטאַוו לאַנדויער און עריך מיזאַם אין דייטשלאַנד; רודאָלף גראָסמאַן אין עסטרייך; וואָלין און אַלעקסאַנדער שאַפּיראָ אין רוסלאַנד; דזשאַן עדעלמאַן, עמאַ גאָלדמאַן און אַלעקסאַנדער בערקמאַן אין נאָרד־אַמעריקע.

אומקערנדיק זיך צוריק צו די ברייטע יידישע מאַסן פון אַרבעטער און מיטל־קלאַס מענטשן אין אַ סך לענדער, קען מען אַלס רעזולטאַט פון דער 60־יאָריקער אַנאַרכיסטישער פּראָפּאַגאַנדע געוויס באַמערקן אַ פאַרשריט אויף אַ סך געביטן פון סאָציאַלער און קולטורעלער אַקטיוויטעט. יידישע פרייהייטלעכע סאָציאַליסטן (אַנאַרכיסטן), באַזונדערס אין נאָרד־אַמעריקע, האָבן געווירקט אַלס די סטימולירונג־פאַקטאָרן פאַרן וואוקס פון טרייד יוניאָניזם און פראַטערנאַלע אָרגאַניזאַציעס (אַרבעטער־רינג א. ד. גל.) און אין דער קאָאָפּעראַטיווער און בילדונג באַוועגונג. אויך האָט די פּרוכטבאַרע ווירקונג פון אַנאַרכיזם און פון יידישע אַנאַרכיסטן זיך אַרויסגעשטעלט, מיט דער הילף פון דער פאַרדיינסטפולער צייטשריפט די „פרייע אַרבעטער שטימע", פאַר אַ וויכטיקן פאַקטאָר אין דער נייער יידישער ליטעראַטור און קינסטלערישער אַקטיוויטעט, אויפציענדיק און דערמונטערנדיק אַן אַ שיער יונגע טאַלאַנטן, באַקעמפנדיק די טענדענצן צום ביליקן שונד, די פעלערן פון דער געלער, ד. ה. צום סענסאַציאָנאַליזם פאַרקויפטער פרעסע, און פון אַלע אַנדערע פאָרמען פון וואולגאַריטעט אויף דער בינע, אין פילם, ראַדיאָ א. אַז. וו. מיט דערפאַלג האָט די „פר. אַרב. שט." יאָרנלאַנג באַקעמפט די נידעריקע סטאַנדאַרטן פון קונסט־ און ליטעראַטור־שאַפונג, וועלכע האָבן קיינמאָל נישט אויפגעהערט צו זיין אַ סכנה פאַר אמתער גייסטיקער קולטור אויף דער יידישער גאַס אין אַמעריקע.

אמת, די אַנאַרכיסטישע אידעאַלן האָבן נאָך נישט הינטער זיך גרויסע מאַסן פון אָנהענגער צווישן די יידן. די מערהייט פון יידישן פאָלק איז דערווייל צו שטאַרק אורבאַניזירט און „פאַרפלפּולט" צו קענען צושטעלן אַ מאַסן־אָנהענגערשאַפט פאַר אַ באַוועגונג, וואָס איר הויפּט־נאָכפאָלגערשאַפט באַשטייט הויפּטזעכלעך פון באַוואוסטזיניקע דאָרפישע און שטאָטישע אַרבעטער (אין קאַטאַלאָניע, איטאַליע, פראַנקרייך, לאַטייך־אַמעריקע א. אַז. וו.). פונדעסט־וועגן לעבן נאָך ביזן היינטיקן טאָג צווישן יידן די אידייען און אידעאַלן פון אַנאַרכיזם און האָבן נאָך אַלץ זייער אינטעלעקטועלן כוח פון מוט און אומ־דערשראָקנקייט נישט פאַרלאָרן, פונקט ווי אין אָנהויב פון זייער שטורמישער

ווירקזאַמקייט ביי יידן אין אַמעריקע, ענגלאַנד און אַנדערע לענדער מיט אי־בער 60 יאָר צוריק.

זיי, די אַנאַרכיסטישע אידייען, מאַכן נאָך אַלץ אַ רושם אויף די מוחות און הערצער פון אומצייליקע יידישע מענער און פרויען, וועלכע האָבן שוין דערגרייכט אַ העכערע שטופּע פון אינטעלעקטועלער און מאָראַלישער רייפ־קייט. און — וואָס איז נאָך וויכטיקער — אָט־די אַנאַרכיסטישע אידייען און אידעאַלן האָבן נאָך אַלץ די קראַפט צו סטימולירן, צו באַוועגן און דערוועקן די איניציאַטיוו צו די בעסטע יידיש־געזעלשאַפטלעכע אַקטיוויטעטן אין דעם גייסט פון פרייהייט און גלייכהייט. אין איצטיקן צושטאַנד פון דער יידישער גאַס, און פון דער גאָרער וועלט בכלל, איז אָט־די קראַפט אַ זייער נויטיקע און אָנגעלייקטער אויפטו סיי פאַר דער וועלט, סיי פאַר יידן, ווי יחידים און ווי אַ פאָלק צווישן אַנדערע פעלקער.

.4

אויף רעליגיעז־פילאָזאָפישע טעמעס

פעליקס אַדלער און די „עטישע קולטור"

די אינטערנאַציאָנאַלע באַוועגונג אונטער דעם נאָמען „עטישע קול־טור", געגרינדעט און אָנגעפירט פון פּראָפעסאָר פעליקס אַדלער פון ניו יאָרק פאַרנעמט אַ געוויסן פּלאַץ צווישן די גייסטיקע שטרעמונגען פון אונדזער צייט.

די דאָזיקע באַוועגונג עקזיסטירט שוין איבער פופציק יאָר. דאָס איז אַ סיסטעם פון עטישע פּרינציפּן — דורכגעדרונגען פון אַ וועלטאַנשויאונג, אין וועלכער דער גלויבן אין דאָגמעס, דאָס הייסט אין איראַציאָנאַלע, אומ־דערקלערלעכע, און אפילו סתם מעטאַפיזישע באַגריפן, האָט קיין אָרט ניט. די אַזויגערופענע „עטישע קולטור" איז ניט ענלעך צו קיינע פון די אַלטע אייראָפּעאיש־אַזיאַטישע רעליגיעס. זי אונטערשיידט זיך אפילו פון דער „„רעליגיע פון דער מענטשהייט", וועלכע עס האָבן אויפגעבויט די ראַצי־אָנאַליסטן און פּאָזיטיוויסטן ווי אויגוסט קאָנט, לודוויג פייערבאַך און אַנ־דערע. אויך אין די דאָזיקע סאָציאַל־הומאַניטאַרישע רעליגיעס שטעקט אַ מין מעטאַפיזישע דאָגמע, אַ קולט פון דער אַבסטראַקטער מענטשהייט־אי־דייע. אפילו אַ גאַנצע יעראַרכיע פון פּירער — אַ גלגול פון דער ראַנג־סיס־טעם פון פּריסטערטום אין דעם קאַטאָליציזם — איז אויסגעאַרבעט אין דער סיסטעם פון אויגוסט קאָנט.

אין די אינטעלעקטועלע קרייזן פון אייראָפּע און אַמעריקע האָט די נייע לערע פון דעם יונגן אַמעריקאַנישן פילאָזאָף, וועלכער איז אַהערצו געקומען אַלס אַ יינגל צוזאַמען מיט זיין פאָטער, אַ רעפאָרם־ראַבינער, און האָט זיך אַליין אַ קורצע צייט געגרייט צו אַ ראַבינער־קאַריערע, געפונען אַן אָפּ־קלאַנג. פעליקס אַדלער האָט טיף געגלויבט אַז זיין סיסטעם, דער „עטיציזם", ווי אייניקע פון זיינע נאָכפאָלגער האָבן זי אָנגערופן, איז אין פילאָזאָפישן זינען אַ סינטעז צווישן יידנטום און אייראָפּעאישן הומאַניזם, ווי דאָס האָט למשל געלערנט דער גרעסטער פון פעליקס אַדלערס רביים — פּראָפעסאָר הערמאַן קאָהען. אַדלער האָט אָפיציעל איבערגעריסן אַלע זיינע באַציאונגען מיטן יידנטום. אין זיינע פּוסטריט זיינען אַוועקגעגאַנגען אַלע זיינע נאָכפאָל־גער צווישן די רעפאָרמירטע און האַלב־רעפאָרמירטע יידן.

טעאָרעטיש און פּראַקטיש האָט די דאָזיקע באַוועגונג אַמשטאַרקסטן געווירקט דאָ אין לאַנד. ניו יאָרק איז געוואָרן איר הויפּט־צענטער. די היגע „געזעלשאַפט פון עטישע קולטור" איז אַ גייסטיקער מיטלפּונקט, פון וואַנען עס גייען אַרויס די שטראַלן פון דער נייער תורה וואָס לייכטן פאַר די קהלות פון די „גלויביקע" אין אייניקע גרויסע לענדער פון דער וועלט.

עס איז כדאי צו באַקענען זיך מיט דעם תוך און מיט דער אַנטוויקלונג פון „עטיציזם" און אויסגעפינען, וואָס פאַר אַ שייכות די דאָזיקע סיסטעם האָט צו אייניקע גרונד־פּראָבלעמען פון דער מאָדערנער קולטור.

1. די גרונד־יסודות פון דער „עטישער קולטור"

פעליקס אַדלער איז זיך מודה (אין דער אויטאָביאָגראַפישער הקדמה צו זיין הויפּט־ווערק „עטיקל פילאָזאָפי אָוו לאַיף", ניו יאָרק, 1918), אַז זיין מאָראַלישע אינספּיראַציע, דעם דראַנג נאָכצודענקען איבער די פּראָבלעמען פון מאָראַל, האָט ער באַקומען פון די יידישע נביאים. זיי האָבן עס, זאָגט אַדלער, די ערשטע אַוועקגעשטעלט דעם עטישן פּרינציפּ אויף דעם העכסטן שטאַפּל אין מענטשלעכן לעבן און אין דער וועלט בכלל. די בעסטע זאַך אין מענטשן, זאָגן אונדז די נביאים, איז זיין מאָראַלישע פּערזענלעכקייט; און די בעסטע זאַך אין דער וועלט, דער העכסטער און הערשנדער פּרינציפּ, איז די מאָראַלישע קראַפט, מיט וועלכער עס איז דורכגעדרונגען די וועלט.

דאָך האָבן דעם יונגען אַדלער די אַלטע יידישע און קריסטלעכע רע־ליגיעס ניט באַפרידיקט. ער האָט אין זיי ניט געזען קיין פעאיקייט זיך צו ענדערן לויט דעם גייסט פון דער צייט; אָדער, אין בעסטן פאַל, איז אין זיי די דאָזיקע פעאיקייט געווען אַ זייער באַשרענקטע. די עיקרים פוןביידע רעליגיעס, ווי למשל דעם מאָנאָטעאיזם פון דעם יידנטום און די צענטראַלע ראָלע פון יעזוס קריסטוס אין קריסטענטום, באַגרענעצן, לויט אַדלערס מיינונג, די דאָזיקע צוויי גרויסע רעליגיעס שטערנדיק זייער פרייען וואוקס.

פעליקס אַדלער ווייזט־אָן אויף דריי גרונד־שטריכן אין יידנטום, וועל־כע האָבן אים אָפּגעשטויסן פון זיך, הגם דווקא פון דעם יידישן גלויבן האָט זיין מאָראַליש־גייסטיקע פערזענלעכקייט שטענדיק געצויגן איר יניקה.

א) די טענה, אַז דאָס פאָלק ישראל איז אַן אויסדערוויילטע אומה, וועל־כע שטייט אין אַ באַזונדערער, פּריווילעגירטער באַציאונג צו גאָט. אַמאָל, זאָגט אַדלער, האָט אַזאַ דאָגמע נאָך געהאַט אַ ממשות, ווייל די יידן זיינען אין יענער צייט געווען אפשר דאָס איינציקע פאָלק, וואָס האָט געהאַלטן הייליק די מאָראַל. די יידן זיינען, אַלזאָ, געווען די ערשטע מיסיאָנערן פון עטיק און האָבן דערפאַר, ווי דער שטייגער איז, באַקומען דעם פולן שכר — האָבן אויסגעשטאַנען פאַרפאָלגונגען און אַ מאַרטירערטום. זייער מיסיע איז אָבער שוין פון לאַנג אויסגעפירט. אויף וויפל די עטישע לערע פון פאָלק ישראל האָט אַן אינהאַלט און אַ זין איז זי אוניווערסאַליסטיש, אַלמענטש־לעך. זי איז באַזירט אויף דער אידייע, אַז יעדער מענטש באַזיצט אַ מאָראַ־לישע נאַטור, און אַז דער מאָראַלישער אינהאַלט אין דעם מענטשן איז עפּעס אַזוינס, וואָס איז איבער די פינף חושים. ווי קען מען די דאָזיקע אייגנשאַפטן פון דעם מענטשן באַשרענקען אויף בלויז איין־איינציקן שטאַם — די יידן?

ב) די פאַרשפּרייטונג פון דעם ריינעם מאָנאָטעאיזם (אין קעגנזאַץ למשל צו דער קריסטלעכער דאָגמע פון דריי איינהייט פון גאָט), וועלכע קען געמאַכט ווערן פאַר אַן עיקר גדול פון דער יידישער מיסיע אין דער וועלט, איז מער אַ פראַגע פון פילאָזאָפיע ווי פון רעליגיע. פאַקטיש, שרייבט אַדלער, איז יהוה, דער ביבלישער גאָט, בלויז אַ מענטשלעכע פערזאָניפיצירונג, אַ בילד פון אַ הימלישן פאָטער, וועלכער באַשיצט און באַהערשט זיינע גע־טרייע קינדער, די בני ישראל. קעגן אַזאַ געשטאַלט פון גאָט, ווען ער זאָל

שוין אַפילו זיין אַ פּאַטער פון אַלע מענטשן־קינדער, איז דאָ, על־פּי אַדלערס סברות, געגנוג וואָס צו קריטיקירן.

ג) די אידייע פון יושר, פון סאָציאַלער גערעכטיקייט, וועלכע קלינגט מיט אַזאַ חשיבות און קראַפט, נאָך ביזן היינטיקן טאָג, ביי די יידישע נביאים, איז ווייט ניט גענוג צו דינען ווי געהעריק די סאָציאַלע אויפגאַבן פון אונדזער צייט. די נביאישע עטיק, האַלט אַדלער, איז נעגאַטיוו און ניט פּאָזיטיוו. זי הויבט אויף איר דונערנדיקע שטימע קעגן יעדער רשעות און אונטער־דריקונג, איר פעלט אָבער דער פּאָזיטיווער באַגריף ווי „מענטשלעכע פליכט" פאָדערט. עס פעלט, קודם כל, אַ קלאָרער און איבערציינגנדיקער ענטפער אויף דער פראַגע: „וואָס אַזוינס איז דאָס העכסטע, דאָס הייליקסטע אין יעדן מענטשן?" דער פילאָזאָפישער אינהאַלט פון דער דאָזיקער פראַגע קען פאָר־מולירט ווערן: „אין וועלכן פרט דאַרף יעדער מענטש באַשיצט ווערן מצד אַן אָנגריף פון זיינע מיטמענטשן, כדי די געזעלשאַפט זאָל באמת זיין ראוי צו טראָגן דעם נאָמען פון אַ ציוויליזירטן צוזאַמענלעבן פון מענטשן?"

נאָך אין זיין יוגנט, בעת ער איז געווען אַ סטודענט אין היידעלבערג און בערלין, האָט זיך שוין ביי אַדלערן באַשאַפן דער קוק, אַז די הייליקייט פון דער מענטשלעכער פּערזענלעכקייט, די העכסטע מענטשן־ווירדע, דאַרף ווערן דער יסוד פון די נאָרמאַלע און געזונטע געזעלשאַפטלעכע באַציאונ־גען. די צוויי ערגסטע סאָציאַלע מכות פון אונדזער צייט — די לוין־שקלאַ־פעריי פון דעם אַרבעטער־קלאַס און די קאָמערציאַליזירטע ליבע, פּראָסטי־טוציעס, — האָבן שוין גאַנץ פרי אַרויסגערופן ביי אים אַ שאַרפן, צאָרנדיקן פּראָטעסט קעגן דער מאָדערנער ציוויליזאַציע בכלל. אין יענע צוויי פונ־דאַמענטאַלע איינריכטונגען פון די אויפגעקלערטע לענדער האָט ער געזען אַן אומגעהויערע דערנידערונג פון דער מענטשן־ווירדע. דער מענטש אַליין אַ זעלבסט־צוועק, ווערט דורך לוין־אַרבעט און פּראָסטיטוציע, פאַרוואַנדלט אין אַ געצייג אין די הענט פון די אַנדערע מענטשן, אין אַ מיטל פאַר אַ זיי־טיקן צוועק. די אַנטשיידנסטע ראָלע אין זיין גייסטיקער אַנטוויקלונג האָט געשפּילט אַ קליינער ביכל פון דייטשן פילאָזאָף־אידעאַליסט, פּראָפעסאָר פרידריך אַלבערט לאַנגע, „די אַרבעטער פראַגע", וואו די פּראָבלעם פון דער סאָציאַל־ עקאָנאָמישער עקספּלואַטאַציע ווערט באַהאַנדלט אין ליכט פון רייך־עטישע פּרינציפּן.

אַזוי האָט שוין אַדלער גאַנץ פרי דערשפּירט אין זיך אַ מיסיע צו רופן זיינע מיטמענטשן, זיי זאָלן פאַרווירקלעכן אין לעבן דעם מאָראַלישן געזעץ, ווייל נאָר אַזוי, דאָס הייסט האַלטנדיק אומבאַרירבאַר און הייליק די ווירדע פון די מיטמענטשן, קען זיך אַרויסווייזן ריכטיק דער העכסטער פּרינציפּ פון דער מענטשלעכער נאַטור, דער מיטגעבאָרענער יחוס־צייכן פון מענ־טשנטום.

ער האָט אין יענער צייט, אין אָנהויב פון די 70־ער יאָרן פון 19־טן יאָרהונדערט, געשטרעבט צו באַאיינפלוסן די יונגע לייט, מיט וועלכע ער פלעגט קומען אין באַרירונג, זיי זאָלן זיך באַציען מיט ערפורכט צו דער פרויען־ווירדע. צווייטנס, האָט ער געזוכט צו דערוועקן דעם געוויסן פון די

רייכע און פאַרמעגלעכע קלאַסן, אויף וועלכע עס פאַלט די שולד פאַר דער עקספּלואַטאַציע פון די אַרבעטער. שוין פון קינדהייט אָן, ווען זיין מוטער פלעגט אים, אַ ייִנגל פון אַ יאָר צען־צוועלף, אַרויסשיקן צו ברענגען די אָרימע לייט אין די ניו יאָרקער טענעמענטס אַ נדבה אין שטוב אַריין, האָט זיך ביי אים איינגעקריצט אין זכרון דער שטרענגער געבאָט פון זיין מאַמען — אַז ער זאָל למען־השם אָפּהיטן די מענטשלעכע ווירדע, דאָס העכסטע היי־ליקטום, פון די נויטליידנדע און עלנדע. ער זאָל ניט מבזה זיין קיין מענטשן און זאָל אויף אַ האָר ניט פּוגע זיין בכבוד זיין אַפילו די אָרימסטע צווישן די אָרימע. פון אַזאַ שטימונג איז ביי אים מיט דער צייט אויסגעוואַקסן אַ כעס קעגן די אומשטענדן, וועלכע באַשאַפן ליידן פאַר מיליאָנען מענטשן און צע־טרעטן די ווירדע פון מענטשנטום.

די וועגן פון פּראָלעטאַרישן סאָציאַליזם און פון דער מילדערער סאָצי־אַלער רעפאָרם (סאָשל וואָרק) האָבן אָבער פעליקס אַדלערן קיינמאָל צו זיך ניט געצויגן. די טעאָריע פון דעם עקאָנאָמישן מאַטעריאַליזם איז פאַר זיין גייסט געווען אַ צו קאַלטע און אַבסטראַקטע זאַך. דער סאָציאַלער דעטער־מיניזם, וועלכער האָט אויף זיכער געוואוסט, אַז עס מוז נגזר ווערן דער אונטערגאַנג פון קאַפּיטאַליזם, און דער אַרבעטער־קלאַס וועט, ווי פון זיך אַליין, זוכה ווערן צו פאַרנעמען דעם אויבן־אָן, איז פאַר אים געווען אין בעסטן פאַל אַ השערה, וואָס דערלאָזט ספקות אָן אַ צאָל און איז ניט פיל בעסער פון דעם לעגענדאַרישן קץ אין דעם אַפּאָקאַליפּסיס פון די פרומע רעליגי־עזע מענטשן.

איין פראַגע האָט אָן אויפהער אים געעגבערט דעם מוח: און אויב עס איז ניט באַשטימט געשיכטלעך, אַז די אונטערדריקטע זאָלן איבערקערן מיטן קאָפּ אַראָפּ דעם איצטיקן שלעכטן געזעלשאַפטלעכן סדר און אים איבערבויען אויף בעסערע און גערעכטערע יסודות, איז שוין די וועלט און דער מענטש אַ הפקר־זאַך ! ? — וואָס איז דעמאָלט די ראָלע פון דעם מענטש־לעכן געוויסן? איז שוין טאַקע גאָר קיין האָפנונג ניטאָ, אַז דער מענטשלעכער געוויסן זאָל זיך אויפכאַפּן פון שלאָף און זאָל ווערן אַ קראַפט וואָס שאַפט און בויט?

אויף די סאָציאַלע רעפאָרמען האָט פעליקס אַדלער געלעגט שוואַכע האָפנונגען. אַזאַ אידעאַל איז, אין זיינע אויגן, געווען גלייכבאַדייטנד מיט דער שטרעבונג אויפצוהייבן די אונטערדריקטע פאָלקס־מאַסן צום שטאַנד פון זעלבסט־צופרידענעם, פיליסטעריש־באַרויאיקטן מיטל־קלאַס אין די מערב־אייראָפּעאישע לענדער און אין נאָרד אַמעריקע. ניט פון זיי האָט פעליקס אַדלער געקענט דערוואַרטן דעם דראַנג צו אַן עטיש־סאָציאַלער באַנייאונג פון דער געזעלשאַפט. צוויי דייטש־יידישע דענקער און דיכטער — בערנע און היינע — האָבן מיט שפּאָט און גאַל פּאַראַייביקט די פּוסטקייט און צבי־עות פון יענער גייסטיק־אָפּגעשטאַרבענער אייראָפּעאישער געזעלשאַפט.

ווי מען קען זען, — בויט זיך די סאָציאַל־פילאָזאָפישע זייט פון אַד־לערס לערע אויף צוויי גרונד־באַגריפן: 1) די הייליקייט פון דער מענטשלע־כער פּערזענלעכקייט און 2) דער אידעאַל פון אַ סאָציאַלער האַרמאָניע. אין

די דאָזיקע צוויי אידייען שפּיגלט זיך אָבער אָפּ די צוויי עקסטרעמען פון דעם סאָציאַלן געדאַנק — די ראַלע פון דעם איינצלנעם און דעם כלל. אין דעם קעגנזאַץ צווישן זיי, אין דער שפּאַנונג וועלכע זיי באַשאַפן, שטעלט זיך אַוועק פאַר דעם מאָדערנעם מענטשן די סאָציאַלע פּראָבלעם אין איר גאַנ־צער געשטאַלט. אַ לייזונג פון דער דאָזיקער פּראָבלעם האָט פעליקס אַדלער און זיינע פריינט געזוכט צו געפינען דורך דער פּופּציק־יעריקער אָנגע־שטרענגטער גייסטיקער אַרבעט אונטער דער פאָן פון דער באַוועגונג „עטישע קולטור".

2. דער אַנטוויקלונגס־גאַנג פון אַדלערס טעאָריע

זונטיק פאַרנאַכט, דעם 15־טן מאַי, 1876, האָט זיך אין ניו יאָרק פאַר־זאַמלט אַ געזעלשאַפט פון אַ הונדערט מענער און פרויען אויסצוהערן אַ רע־דע פון דעם פּראָפעסאָר פון רעליגיאָנס־געשיכטע אין קאָרנעל אוניווערזי־טעט — פעליקס אַדלער. ער איז דאַן אַלט געווען אַרום 25 יאָר. די פאַר־זאַמלטע האָבן אים איינגעלאַדן צו רעדן פאַר זיי יענעם אָוונט און איינ־פלאַנצן אין זיי דעם גייסט פון רעליגיע, וואָס זאָל אָבער זיין פריי פון וועלכע עס איז דאָגמעס. גלייך אויפן אָרט, נאָך דער לעקציע, איז געגרינדעט גע־וואָרן די ערשטע געזעלשאַפט פון „עטישע קולטור". היינט צו טאָג זיינען אין אַמעריקע דאָ זעקס אַזעלכע געזעלשאַפטן, וואָס זיינען אַלע אויפגעבויט לויט זיין מוסטער.

דער אימפּולס פון אָט דער באַוועגונג איז דאָס געפיל, אַז דאָס מענטש־לעכע לעבן מוז זיין געווידמעט צו אַ העכערן צוועק. צוגלייך איז אָבער אין דעם קרייז פון די ערשטע אָנהענגער רייף געווען דער באַוואוסטזיין, אַז דער דאָזיקער העכערער צוועק פון מענטשלעכן לעבן טאָר ניט האָבן קיין שייכות מיט די אַלטע, לויט אַדלערס מיינונג, פאַרעלטערטע דאָקטרינען.

די ערשטע גרינדער זיינען, אַלזאָ, גאַנץ ווייט געווען פון דעם טיפּ ראַציאָנאַליסטן און סתם קריגעריש־געשטימטע „אינטעליגענטן", וואָס טרעטן מיט רוגזה אַרויס קעגן אַלע רעליגיעזע אידייען און וואָלטן וועלן עוקר מן השורש זיין די הייליקע דאָגמעס. ניין, זיי, די ערשטע חסידים פון אַדלערס תורה, האָבן מיט ברענענדיקן געמיט געזוכט אַ מין נייעם רעליגיעזן אידעאַל, וועלכער זאָל באַאיינפלוסן זייער לעבן און באַזונדערס דאָס לעבן פון זייערע קינדער. דאָס האָט געדאַרפט, ניט מער און ניט ווייניקער, פאַר־בייטן דעם פּוסטן פּלאַץ, וואָס עס האָט איבערגעלאָזן נאָך זיך, אין האַרצן און אין קאָפּ, די אַלטע רעליגיע.

דער מאָראַלישער פּאַטאָס פון פעליקס אַדלערן האָט ניט אַנטוישט זיי־נע אָנהענגער. פאַר זיי איז זיין לערע געווען אַ דירעקטע פאָרטזעצונג פון די אַלטע מאָראַלישע רעליגיעס. עס האָט גענומען דריי טויזנט יאָר, האָבן זיי זיך געטראַכט, ביז די עטישע פּרינציפּן פון תורת משה זיינען, אויף אַלער־ליי אומוועגן אַריינגעקומען אין דעם רעאַלן לעבן פון דער מאָדערנער מענטשהייט. די עטישע באַוועגונג דאַרף איצט אָנהויבן איר גאַנג פון יענעם

פונקט, וואו די הויכע מאָראַלישע לערע האָט זיך אָפּגעשטעלט, איז פאַרליווערט געוואָרן. די אַמאָליקע מאָראַליסטן האָבן אָנגעהויבן פון גאָט, אַרויסגייענדיק פון דער דאָזיקער גרונד־אידייע פון רעליגיע. מיר אָבער, די הייַנטיקע „עטיציסטן”, דאַרפן אָנהויבן פון דעם מאָראַלישן באַוואוסטזיין, פון דער מאָראַלישער פליכט. די נביאים און אַפּאָסטאָלן האָבן זייער מאָראַל אָפּגעלערנט פון גאָט, און מיר, די רעליגיעז־געשטימט געבילדעטע מענטשן פון 19־טן יאָרהונדערט, דאַרפן פון דער מאָראַל גופא מאַכן אַ גאָטהייט, דאָס העכסטע און הייליקסטע אין דער וועלט.

די „פונדאַמענטאַליסטן” פון יענער צייט זיינען געווען אש להבה אויף דער נייער באַוועגונג, וועלכע האָט געזוכט אַראָפּצונעמען פון דער עטיק די געטלעכע סאַנקציע, דעם מיסטעריעזן אָפּשיין פון טראַדיציע און גלויבן. אַדלער האָט געהאַט זיין טעאָריע, אַז די עטיק איז געטלעך ניט מחמת זי קומט פון גאָט, איז גרויס און הייליק, ווייל ער איז דער מקור און דער אידעאַלער ענד־ציל פון דער עטיק.

אַ צווייטע, געפערלעכערע אַטאַקע אויף דער נייער באַוועגונג איז געקומען מצד די מאָראַלישע סקעפּטיקער און רעלאַטיוויסטן. פאַר זיי איז די עטיק געווען ניט מער ווי אַ סיסטעם פון מנהגים און פאַרהייליקטע געוואוינהייטן — רייך־מענטשלעכע שאַפונגען, קאָנווענציעס פון סאָציאַלן לעבן, אָבער ניט קיין אייביקע און אַבסאָלוטע באַגריפן. אַזוי, למשל, האָבן דאָך מענטשן פון אַמאָל, אָדער די מענטשן ערגעץ וואו וויים נאָך אפילו היינט צו טאָג, פאַרהייליקט דעם קאַניבאַליזם, די פּאָליגאַמיע, א. אַז. וו. ווי קען, אַלזאָ, גאָר זיין די רייד, אַז פון מאָראַלישע פּרינציפּן וועט זיך לאָזן אויפבויען אַ רעליגיע פון דורך און דורך אמת, יושר און גייסטיקער שיינהייט?

אַבסטראַקטע פּרינציפּן פון רעכט, פלעגט אויף דעם ענטפערן פעליקס אַדלער, לאָזן זיך שוין באַמערקן אפילו ביי די ווילדסטע שבטים. זיי וויסן שוין, אַז אין דער נאַטור גופא איז דאָ אַזאַ זאַך ווי „גוטס” און „שלעכטס”. הגם דער גרענעץ צווישן די צוויי עקסטרעמען גייט ניט אויף דער זעלבער ליניע, ווי מיר זעען אים איצט. והשנית, דאַרף דען דער אמת האָבן פאַר זיך אַ רוב דעות, אַ מאַיאָריטעט פון פאָלק אָדער פון דער גאַנצער מענטשהייט? רעכט און אומרעכט נויטיקן זיך ניט אין אַ בורר. מעג אפילו דער בורר זיין די „געטלעכע” שטימע פון פאָלק, די עטיק איז אויטאָנאָם, אומאָפּהענגיק פון דעת הקהל אין דעם אָדער יענעם מאָמענט. אַדלער זאָגט אַרויס אין דעם דאָזיקן געדאַנק אַ זייער ברייטע פאַראַלגעמיינערונג, קעגן וועלכער עס איז שווער אַרויסצוטרעטן מיט פּרעציזע אַרגומענטן. מוז מען אָבער קלאָר און שאַרף באַמערקן, אַז זיין טענה איז דאָ אַ ריין אַקאַדעמיש־פילאָזאָפישע און ניט איינגאַנצן צום פונקט. פאַר דער סאָציאַלער האַרמאָניע איז אַבסאָלוט נויטיק, אַז עס זאָל ניט זיין קיין תהום צווישן דעם דעת־הקהל און די אייביקע פּרינציפּן פון עטיק.

אַדלער האָט אָבער געהאַט נאָך אַ געווער אין זיין אָנגריף אויף די קעגנער אין דער מחנה סקעפּטיקער. ער האָט זיך דערביי באַנוצט מיט אַ פאַרגלייך צווישן דער עטיק און וויסנשאַפט. אין דער נאַטור־וויסנשאַפט, פלעגט

ער זאָגן, ווערט פאַר דעם ניט־פאַכמאַן וואָס ווייטער אַלץ שווערער אַרומצו־נעמען פאַר איין מאָל אַלע פאַקטן און אַלע זייערע באַציאונגען צווישן זיך. די וויסנשאַפטלעכע וועלט און די געבילדעטע קרייזן מוזן זיך בכן אינגאַנצן פאַרלאָזן אויף עטלעכע גדולים, וואָס מוזן אויפהאַלטן די פלאַם פון וויסן און באַלויכטן דעם וועג פאַר דעם פאָלק. אָנשטאָט די פיזישע פאַקטן, וואָס לאָזן זיך מעסטן, ציילן און וועגן, נעמט די עטיק אַרום די פאַקטן פון דער אינער־לעכער דערפאַרונג. די צוויי וויכטיקסטע עטישע פאַקטן זיינען: 1) דער ווערט און חשיבות פון יעדן איינצלנעם מענטשלעכן וועזן, די אומבאַרירבאַרקייט פון דער מענטשלעכער ווירדע; און 2) די פונדאַמענטאַלע גלייכבאַרעכטיקונג און די גלייכווערטיקייט פון אַלע מענטשן אין זייער מגע ומשא צווישן זיך גופא. אַמשטאַרקסטן קען זיך דער מענטשלעכער „איך" אַרויסווייזן דורך דעם, וואָס ער וועט מיט דער גרעסטער ענערגיע דערוועקן דעם „איך" ביי די אַנדערע מענטשן, ביי וועלכע זייער „איך" איז איכותדיק ניט ווייניקער פאַרשידען פון מיין אייגענעם „איך", ווי מיין קערפּער איז פאַרשידען פון זייערע קערפּערס. דאָך אָבער מוזן אַלע מענטשן אין עצם זיין גלייכבאַרעכ־טיקט און גלייכווערטיק.

עס איז ניט שווער צו געפינען אַן אינערלעכע סתירה אין דער דאָזיקער לערע, וועלכע רעדט וועגן די גייסטיקע פירער אין דער וויסנשאַפט און עטיק און מאַכט סוף־כל־סוף אַזאַ וועזן פון דער גלייכווערטיקייט פון אַלע מעגלעכע פּערזענלעכקייטן. ווי יעדער זייער ברייטע טעאָריע האָט אויך דער „עטיציזם" אַ סך אינערלעכע שטרויכלונגען, וועלכע פליסן אַרויס פון זיין אינטעלעקטועלן, ריין־אַבסטראַקטן מהות. עס איז אָבער וויכטיק קלאָר צו פאָרמולירן, אין אַדלערס אייגענע ווערטער, די לייזונג פון דער פּראָב־לעם, וועלכע די שפּאַנונג צווישן די אידייען „יחיד און כלל" שאַפט. די דאָ־זיקע לייזונג זעט ער נאָר אויף אַן איינציקן אופן, אין דעם עטישן געזעץ. דער עטישער געזעץ איז דער היפוך פון דעם געזעץ פון ברוטאַליטעט, פון דער „דזשאָנגל מאָראַל". דער גרונד־געזעץ פון דער דזשאָנגעל לויטעט, אַז דאָס לעבן פון יחיד קען געדייען און וואַקסן דורך דעם, וואָס ער וועט מיסברויכן אָדער פאַרניכטן דאָס לעבן פון די אַנדערע יחידים. דער עטישער גרונד־געזעץ דאַקעגן, זאָגט אַז דאָס לעבן פון יעדן יחיד ווערט ערשט דעמאָלט ווערטפול און גוט, ווען דער דאָזיקער יחיד לעבט און שאַפט אין איינקלאַנג מיט דעם לעבן פון דעם גאַנצן כלל.

***

צווישן 1876 און 1926 האָט זיך אויך אין דער גייסטיקער וועלט אַ סך געביטן. פּראָפעסאָר פעליקס אַדלער האָט דוקא אויף דעם פּראַקטישן גע־ביט, עס הייסט דורך זיין איינפלוס אויף דער סאָציאַלער געזעצגעבונג און אויף דער עפנטלעכער מיינונג, ווי אויך דורך געזעלשאַפטלעכע עקספּע־רימענטן אויף דעם שול־געביט, אויפגעטאָן פיל; אָבער אויף דעם גייסטיקן געביט איז זיין פּרוכטבאַרע אַרבעט געווען מער אַ ליטעראַריש־טעאָרעטישע

ווי אַ גייסטיק־קאָנסטרוקטיווע. זי איז געווען אויפבוי־אַרבעט אַרום אַ מין קלענער אָפּגעשלאָסענער סעקטע.

אָבער אויך אויף דעם טעאָרעטישן געביט איז אַדלער פון 1927 שוין ניט דער זעלבער וואָס ער איז אַמאָל געווען. זיינע נאָענטסטע גייסטיקע מיט־אַרבעטער גיבן אָפן צו, אַז אין אָנהויב האָט אַדלער געשטרעבט זייער שאַרף און קלאָר אָפּצוגרעניצן די עטיק פון רעליגיע, הגם ער פלעגט ניט אָפּלייקע־נען, אַז עס איז דאָ צווישן זיי אַן אינעווייניקסטע שייכות. אין דער נייעסטער צייט זאָל ער שוין האָבן דייטלעך אויסגעדריקט די לעבעדיקע פאַרבינדונג פון די דאָזיקע צוויי דערשיינונגען אין גייסטיקן לעבן. די היינטיקע טעאָרע־טיקער פון דער „עטישער קולטור" האַלטן, אָבער, אַז אין אָנהויב פון זייער באַוועגונג איז די הויפּט־אויפגאַבע באַשטאַנען אין דעם, מען זאָל מיט אַ שטאַרקער און זיכערער האַנט פאַנאַנדערפּלאָנטערן דעם קנויל פון די עטישע און ריין־רעליגיעזע עלעמענטן אין דעם מענטשלעכן באַוואוסטזיין. ערשט דורך דעם, זאָגן זיי, איז עס דאַן מעגלעך געוואָרן צו פּראָקלאַמירן פאַר דער וועלט די אויטאָנאָמיע (זעלבסשטענדיקייט) פון דער עטיק און געבן איר אַ פּריאָריטעט (פאָרצוג) לגבי די שטרייטנדע רעליגיעס. אַזוי ערשט — זאָגן די מחברים פון די נייערע ווערק איבער „עטיציזם" — האָט מען סיי די מאָ־ראַל און סיי דעם רעליגיעזן באַוואוסטזיין געקענט באַפרייען פון די חיהשע פּרעמדע ביי־שטראָפן, דעם פּראָדוקט פון די חיהשע אינסטינקטן, וועלכע האָבן די איידלסטע נטיות פון דעם מענטשן פאַרוואַנדלט אין גייסטיקע פאַרזעענישן.

אַזאַ מיינונג זאָגט אַרויס סטאַנטאָן קאָיט, דער פירער פון דער באַווע־גונג אין ענגלאַנד. ער וויל ריינוואַשן פעליקס אַדלערן פון זיין עקסטרעמער פיינדשאַפט צו די מעטאַפיזישע פּרינציפּן פון דער עטיק, ווי דאָס האָט זיך געלאָזט באַמערקן ביי דעם גרינדער פון דער „עטישער קולטור" מיט אַ יאָר 50 צוריק.

„דער עטישער אידעאַל, זאָגט קאָיט, איז אַ זאַך וואָס שטייט איבער און אויסער דער וועלט און צייט, אַ באַגריף, וועלכער האָט וואָרצלען אין דער אייביקייט און קען גוט אויסקומען אָן דער סמיכה פון דעם קליינעם מענטש־לעכן שכל. ניט די „רעאַלע", מענטשלעכע וועלט האָט מיט זיך געשאַפן דעם באַזיס פון דעם עטישן אידעאַל אין אַדלערס אויגן, נאָר אַדלער האָט אין זיין עטישן אידעאַל געזען די אמתע, אייביקע וועלט און דעם צעמענט, וועלכער איז בכח אויפצוהאַלטן יעדן רעליגיעזן בונד"*).

די ענגלישע נאָכפאָלגער פון דער נייער לערע האָבן בכלל אַרויסגעוויזן אין די לעצטע יאָרן אַ סך מער נייגונג צו דעם פאַרבאָטענעם דאָגמאַטיזם ווי די אַנדערע אָנהענגער פון דער באַוועגונג. האָראַס ברידזשעס, דער פּרע־זידענט פון דער „געזעלשאַפט פון עטישער קולטור" אין שיקאַגאָ, וועלכער איז אַן אימיגראַנט פון ענגלאַנד, האָט זיך אָנגעשלאָסן צו דער אוניטאַרישער

*) Aspects of Ethical Religion. Essays in Honor of Felix Adler, New York, 1926, H. J. Bridges, edit. p. 11.

סעקטע פון קריסטענטום, הגם ער איז אין דער גלייכער צייט געבליבן אַ פאַרברענטער תלמיד און חסיד פון פּראָפעסאָר אַדלער. דער באַרימטער ענ־גלישער פילאָזאָף, בערנאַרד באָזאַנקעט, וועלכער איז געווען איינער פון די גרינדער פון דער לאָנדאָנער אָפּטיילונג פון דער געזעלשאַפט אין יאָר 1885, האָט זיך אין אייניקע יאָר אַרום אינגאַנצן אָפּגעטרייסלט פון אַדלערס לערע.

די מער מעטאַפיזיש־געשטימטע תלמידים פון פעליקס אַדלערס לערע זיינען מיט דער מיינונג, אַז זייער רבי האָט געביטן זיין קוק אויף דעם שייכות צווישן עטיק און מעטאַפיזיק און רעליגיע, ווערנדיק וויכער און טאָלעראַנ־טער צום רעליגיעזן אידעאַל. אין דעם זעען זיי, אַ באַשטימטע כוונה, — ווי דאָס קומט פאָר ווען די חסידים דערקלערן, פאַרוואָס זייער רבי איז זיך אַזוי נוהג — אַזוי און ניט אַנדערש. די דאָזיקע „כוונה", זאָל האָבן באַשטאַנען אין דער שטרעבונג וואָס קלערער און דייטלעכער צו מאַכן פאַר דער וועלט דעם הויכן אינהאַלט פון דער נייער תורה.

מען קען אָבער שטאַרק צווייפלען, צי דאָס איז אַ ריכטיקע דערקלע־רונג פון די גלגולים, וועלכע עס האָט דורכגעמאַכט די וועלטאַנשויאונג פון פּראָפעסאָר אַדלער.

3. „עטישע קולטור" — אַ בלינדע רעליגיע

לאָמיר זיך דערמאָנען ווי עס האָט אויסגעזען די גייסטיקע סביבה, אָדער — צו געברויכן אַ מאָדערנעם אויסדרוק — דער גייסטיקער קלימאַט אין וועלכן די „עטישע קולטור" איז געבאָרן געוואָרן מיט 50 יאָר צוריק. די גאַנצע געבילדעטע געזעלשאַפט איז געשטאַנען פעסט אונטער דעם איינפלוס פון האַקסלי און אַנדערע פּאָפּולאַריזאַטאָרן פון דער אידייע פון עוואָלוציע, וועלכע האָבן געקוקט אויף דער נאַטור ווי אויף אַ מין גלאַדיאַטאָרן־אַרענע, וואו עס קומט פאָר אַן אייביקער בלוטיקער קאַמף צווישן אַלע מינים פון באַ־שעפענישן. לויט אַזאַ קוק איז די נאַטור געווען אַ שרייאיקער ווידערשפּרוך צו אַלע באַגריפן פון דער מענטשלעכער מאָראַל. פון דער אַנדערער זייט אָבער איז שוין אויך דער איבערמענטשלעכער, טעאָלאָגישער באַזיס פון דער מאָ־ראַל געווען שטאַרק צעטרייסלט דורך דער אויפקלערונג־פילאָזאָפיע און דעם פּאָזיטיוויזם. אין אַזעלכע באַדינגונגען האָט באמת ווי פון זיך אַליין געמוזט אויסוואַקסן די אידייע, אַז די מאָראַלישע נאַטור פון דעם מענטשן איז ניט מער ווי אַן איינבילדונג, אַ פיקציע, אין וועלכער ס'איז קיין שום ממשות ניטאָ.

דער גייסט פון יענער צייט איז געווען פיינטלעך ניט בלויז צו די דאָג־מעס פון די היסטאָרישע רעליגיעס נאָר צו דעם טעאיזם, צו דער אידייע פון גאָט, בכלל. אַפילו יעדע מעטאַפיזיק איז געווען אַ מין וועלטלעכע, פריי־דענקערישע טעאָלאָגיע, און דאָס הייסט — אָפּיקורסות און רעאַקציע. במילא איז שוין דער טעאיזם, אַזוי גוט ווי יעדע מעטאַפיזיק, דערקלערט גע־וואָרן „אומוויסנשאַפטלעך" און איז מיט ביטול אָפּגעוואָרפן געוואָרן.

עס וואָלט, על־כן, ניט מעגלעך געווען אַז פעליקס אַדלער זאָל קענען

מאַכן אַן איינדרוק אויף זיין צייט, ווען ער זאָל זיך מיט אַנטשיידנהייט ניט האָבן אָפּגעגרעניצט פון אַלע גייסטיק־רעליגיעזע פּרינציפּן. עס דאַרף, נאָר, אדרבה, באַוואונדערט ווערן זיין אָריגינאַליטעט און מוט, וועלכע האָבן גע־פירט אַרויסצוטרעטן קעגן דער טענדענץ פון זיין עפּאָכע, וואָס איז אַזוי ניט גינסטיק געווען פאַר דעם דערפאָלג פון וועלכער עס איז מאָראַל־פילאָזאָ־פישער טעאָריע.

דער פרימיטיווער, אַמאָראַלישער נאַטוראַליזם האָט אָבער גיך אָפּגע־לעבט זיין צייט. קראָפּאָטקין און אַנדערע נאַטור־פאָרשער האָבן אויסגע־פונען די ערשטע עלעמענטן פון דער עטיק ביי די חיות און די האַלב־ציווי־ליזירטע שבטים, דאָס הייסט אויך אין דער נאַטור גופא. די עטיק איז שוין, אַלזאָ, ניט בלויז אַ מענטשלעכע, קאָנווענציאָנעלע און פּראַקטיש־נוצלעכע שאַ־פונג נאָר אַן אייביקער, אַבסאָלוטער פּרינציפּ. די פּאָזיציע פון נאַטור־וויסנ־שאַפטלעכן מאַטעריאַליזם, און פון דעם פּאָזיטיוויזם בכלל, איז אויך, מיט דער צייט, אָפּגעשוואַכט געוואָרן. די מאָדערנע פיזיק (ראַדיאָאַקטיוויטעט, עקס־רעיס, עלעקטראָ־מאַגנעטישע וועלען, וכד.) האָט באמת געעפנט אַ נייע וועלט, וועלכע האָט פון שטענדיק עקזיסטירט אָבער איז ניט געווען צוגענג־לעך צו די מענטשלעכע חושים.

פעליקס אַדלער האָט על־כן, אין די נייע אומשטענדן, זיך געקענט דער־לויבן צו מאַכן קאָנצעסיעס צו אייניקע גייסטיק־רעליגיעזע פּרינציפּן, פון וועלכע ער האָט אפשר ניט געוואָלט הערן און גערעדנקען מיט אַ יאָר 30 פאַר דעם. ער האָט מסתם קלאָר איינגעזען, אַז מאָראַל און געוויסן, ווי מען זאָל זיי ניט זוכן צו דערקלערן על־פי שכל, וועלן פאָרט בלייבן אויף שטענדיק אַ מיסטעריע. מען קען, למשל, איבערחזרן אָן אויפהער, אַז דער מאָראַלישער אינסטינקט איז אַ מיטגעבאָרענע אייגנשאַפט פון דעם מענטשלעכן גייסט, אָבער דער דאָזיקער פאַקט וועט נאָך אויף אַ האָר ניט דערקלערן, פאַרוואָס דער מענטש איז גרייט אויסצופאָלגן די באַפעלן פון זיין געוויסן, אָדער פאַר־וואָס אויב ער טוט עס ניט, קומט אים אויס צו דערפילן חרטה און תשובה. די מאָראַלישע פליכט בלייבט אין תוך אַ געהיימניס פון דעם מענטשלעכן גייסט, ווי דאָס האָבן פריער אָדער שפּעטער אויסגעפונען אַלע מאָראַל־פי־לאָזאָפן. די „עטישע קולטור״ פון פעליקס אַדלער איז אויך ניט געווען קיין יוצא מן הכלל: פון אַ ריין־מענטשלעכער, רעאַליסטישער לערע איז זי ביס־לעכווייז פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַן איבערמענטשלעכער, סופער־נאַטוראַ־ליסטישער טעאָריע.

עס איז בכן צוגעקומען אַ נייע רעליגיע אויף דער וועלט — די „עטישע קולטור״ אָדער אַ קולט, אַ פאַרהייליקונג, אויב ניט אַ פאַרגעטערונג, פון דער מאָראַלישער פליכט. פעליקס אַדלער איז שוין ניט בלויז דער גייסטיקער וועגווייזער פון אַלע זיינע תלמידים און חסידים, נאָר אויך דער כהן גדול פון דער נייער אמונה. ער האָט איינגעפירט ניט בלויז מאָנטאָג־דרשות פון וואָך צו וואָך, נאָר אויך אַלע צערעמאָניעס, ווי חתונות און לוויות, ביי וועלכע די רעליגיע אין דעם טראַדיציאָנעלן זינען פלעגט פון שטענדיק שפּילן אַ

ראַלע. די „עטישע קולטור" איז געוואָרן איינע צווישן די צענדליקער סעקטעס, וועלכע געפינען פאַר זיך אַזאַ פּרוכטבאַרן באָדן דאָ אין לאַנד.

אָבער דאָך איז די „עטישע קולטור" ניט גלייך צו קיינער פון די פריי־ערדיקע רעליגיעס. מען קען זי אָנרופן אַ רעליגיע אָן אַן אָנהויב (אין מעטאַ־פיזישן זינען), אָן אַ וועג, און אָן אַ ציל, מיט איין וואָרט — אַ בלינדע רעליגיע. דער מעטאַפיזישער אורשפּרונג און ענדציל פון די גרויסע רעליגיעס אין אונדזער (אייראָפּעאיש־אַמעריקאַנישער) וועלט איז גאָט. בעת די „עטישע קולטור" וואַרפט נאָך אַלץ אָפּ יעדן טעאָלאָגישן און מעטאַפיזישן באַגריף פון גאָט. זי איז אַ מין גלגול פון דעם קאָנפוציאַניזם אין כינע, וואָס איז אויפגעקומען מיט 2,500 יאָר צוריק. כינע איז אָבער, ביז צו דער סאַמע לעצטער צייט, געווען אַן איזאָלירטע ציוויליזאַציע, וואוהין עס האָט ניט געקענט אַריינדרינגען קיין שום מערב־אייראָפּעאישער באַגריף.

קען אָבער אַזאַ „בלינדע רעליגיע" געפינען פאַר זיך אַ ברייטן באָדן אין דער מערב־ציוויליזאַציע? דאָ, אין מערב־אַזיע, אייראָפּע און אַמעריקע האָט טויזנטער יאָר טיף געווירקט אַ פאַרפּלאָנטערטער קאָמפּלעקס פון אַ סך קולטורעלע און רעליגיעזע אידייען. קריסטנטום, וואָס שטאַמט פון ארץ ישראל, האָט זיך צוזאַמענגעגאָסן מיט דער רייכער ירושה, וואָס עס האָבן איבערגעלאָזן נאָך זיך גריכענלאַנד און רוים. אין אַזאַ סביבה איז עס אויסגעוואָקסן די גאַנצע מאָדערנע קולטור און ציוויליזאַציע. קריסטנטום — פּונקט ווי זיין מקור, יידנטום, — איז אָבער אומצעררייסבאַר פאַרבונדן מיט דער אידייע פון אַ פּערזאָנאַלער גאָטהייט (יהוה). קעגן אַזאַ באַגריף איז עס, באַלד פון אָנהויב אָן, אַרויסגעטראָטן די באַוועגונג וואָס פעליקס אַדלער האָט באַשאַפן. האָט אָבער אַזאַ אָנגריף אויף דער אידייע פון יהוה, דער גרונט־יסוד פון דער יידישער רעליגיע, אַ וועלכן עס איז זין און ווערט? דאָס איז אין גרונט דער שווערפּונקט פון דער פּראָבלעם מכח דער טעאָרעטישער באַדייטונג פון דער „עטישער קולטור".

4. דאָס מיסטעריום פון דעם יידישן גאָט (יהוה)

דער אַנימיזם (דאָס גלויבן אַז די גאַנצע נאַטור באַשטייט פון לעבעדיקע וועזנס) און דער אַנטראָפּאָמאָרפיזם (גאָט אין אַ מענטשלעכער געשטאַלט) זיינען אין טיפן אַלטערטום געווען אַלגעמיין־פאַרשפּרייטע און אָנערקענטע באַגריפן. פאַר דעם מאָדערנעם מענטשן זיינען זיי ניט מער ווי, אין בעסטן פאַל, פּאָעטישע בילדער פון וועלט און גאָט. בלויז איין איינציקע אַנטראָפּאָמאָרפישע אַבסטראַקציע פון פאַר 3000 יאָר האָט נאָך עד־היום איר לעבנס־קראַפט ניט פאַרלאָרן. דאָס איז יהוה, דער ביבלישער גאָט, דער מיטלפּונקט פון דער יידישער רעליגיע.

די וועלט האָט ניט גערן אָנגענומען אַזאַ באַגריף פון גאָט. מיט 1800 יאָר צוריק האָט אַ קירכן־פאָטער, מאַרקיאָן, געפאָדערט איינצופירן אַ שניות אין דער לערע וועגן קריסטלעכן גאָט. פאַר יענעם „פאָטער" איז יהוה ניט געווען גענוג „מאָראַליש" צו קענען דינען אַ בילד פון אַן אידעאַלן גאָט. ער

האָט געוואָלט מען זאָל איינפירן אין קריסטנטום צוויי געטער פאַר אַ מאָל: אַ העכערן פון דער מאָראַל און אַ נידעריקערן גאָט (יהוה), וואָס פאַרקערפערט מיט זיך די נאַטור. די דאָזיקע לערע איז פון דעם אָפיציעלן קריסטנטום אָפּגעוואָרפן געוואָרן, אָבער דער פּרינציפּ גופא, לעבט אין דער קריסטלעכער וועלט נאָך ביזן היינטיקן טאָג. ער איז אפילו אָנגענומען געוואָרן פון די פריידענקער, די מאָדערנע „גייסטיקע פירער", וועלכע גלויבן ניט אין די קריסט־לעכע דאָגמעס. אָט איז, למשל, אין צוויי ווערטער דער קוק אויף גאָט, ווי מען געפינט עס ביי דעם שרייבער און האַלבן פילאָזאָף ה. דזש. וועלס: עס עק־זיסטירט ערגעץ וואו אַ פּאַסיווער, ניט־שאַפנדער גאָט פון מאָראַל און צו־גלייך מיט אים ווירקט עפּעס אַן אומבאַקאַנטער פּרינציפּ, אַן „איקס", וועל־כער לאָזט זיך ניט דערקענען, נאָר וואָס ווירקט און שאַפט אין דער נאַטור.

קעגן אַזאַ דואַליזם האָט דאָס יידנטום, ווי באַקאַנט, זייער שאַרף גע־קעמפט. פאַר די ערשטע עטישע לערער פון דער מענטשהייט, די יידישע נביאים, האָבן בכלל אַזעלכע אידייען ווי „מאָראַלישע וועלט" און „מאַטערי־עלע וועלט" ניט עקזיסטירט. דאָס וואָלטן פאַר זיי געווען אַבסטראַקציעס אינגאַנצן אָן אַ זין און ממשות. עס איז זיי, נעמלעך, ניט מעגלעך געווען צו שאַפן זיך אַ דואַליסטישן באַגריף וועגן דעם מענטשן. פונקט ווי ס'איז זיי ניט מעגלעך געווען זיך פאָרצושטעלן, אַז דער מענטש קען זיין כאָטש אויף אַ [illegible] פון דער אַרומיקער וועלט, אָדער מיט אַנדערע ווערטער זיך באַפרייען פון דער האַנט פון יהוה, אַזוי האָבן זיי אויך ניט געקענט משיג זיין, אַז די פאָדערונגען פון יהוה זאָלן ניט אַריינדרינגען ביז צו די אינעווייניקסטע און אינטימסטע ווינקלען פון דעם מענטשלעכן וועזן. דער מאָראַלישער אידעאַל און זייער גאָט, יהוה, פילט מיט זיך אָן די גאַנצע וועלט ניט נאָר אין דעם פשוטן, געאָגראַפישן, נאָר אויך אין דעם פסיכאָלאָגישן זינען. יהוה האָט אַ דירעקטע שייכות צום גאַנצן וועזן פון יעדן יחיד, צו זיינע אינסטינקטן ניט ווייניקער ווי צו זיין אינטעלעקט, צו אַלע זיינע אינטערעסן און עסקים ניט ווייניקער ווי צו אַלע זיינע אידעאַלן און תפילות.

האָט גאָר געקענט געמאָלט זיין, פון אַזאַ שטאַנדפונקט, אַן אונפּערזענ־לעכער, אַבסטראַקטער באַגריף פון גאָט? אַבסאָלוט ניט! אין די אויגן פון די נביאים איז רעכט און יושר געווען די וויכטיקסטע אייגנשאַפט פון גאָט יהוה. גערעכטיקייט, און צוזאַמען מיט איר פאַראַנטוואָרטלעכקייט, וועלכע איז נאָר די אַנדערע זייט פון דער מטבע, קענען אין רעאַלן באַוואוסטזיין פון דעם מענטשן גאָרניט עקזיסטירן אָן דער פאַרבינדונג מיט אַ פּערזענלעכקייט, אַ מענטשלעכן וועזן. בלויז אין דער בלוטלאָזער, פאַפּירענער אַבסטראַקציע, אָן וועלכער דער מענטש קען זיך אפשר ניט באַגיין, אָבער וועלכער די נאַ־טור קען ניט און דאַרף ניט, איז מעגלעך אָפּצוטיילן עטיק פון פּערזענלעכ־קייט. קען מען דען זיין גוט אָדער שלעכט אָדער פאַראַנטוואָרטלעך צו אַ שטיין? ווי וואָלטן מענטשן, די מחברים פון תהילים, קענען שיקן תפילות צו אַ גאָטהייט, וועלכע האָט ניט קיין האַרץ און קיין פּנים? פאַר די נביאים וואָלטן אַזעלכע פראַגן אויסגעזען ווילד און נאַריש. זיי האָבן ניט געגלויבט

אין גאָט, נאָר האָבן געזען און געשפּירט גאָט אין אַלץ און אין אַלעמען: אין זיך און אַרום זיך.

דער ערשטער פון די גרויסע נביאים, עמוס, האָט געוואָלט, אַז מאָראַל, גערעכטיקייט, זאָל הערשן צווישן די מענטשן, און געמיינט האָט ער מיט דעם, אַז די מענטשן זאָלן אויך האָבן די פרייהייט און די חשיבות און הייליקייט, מיט וועלכע עס צייכנט זיך אויס די פּערזענלעכקייט פון דעם איבערמענטשלעכן וועזן, יהוה, וואָס זיין עצם און תוך איז מאָראַל. דער קולט פון פּערזענלעכקייט, אָן וועלכן עס האָט זיך ניט געקענט באַגיין פעליקס אַדלער, ווען ער איז אַרויס פון דעם עולם התהו, אין וועלכן ער האָט אַ לאַנגע צייט געבלאָנדזשעט, איז אַלזאָ אַ דירעקטער פּועל־יוצא פון דעם יהוה־באַגריף פון תנך. עס איז אָבער דאָ נאָך אַ צווייטע גייסטיקע אייגנשאַפט אין דעם גרויסן בילד פון פּערזאָנאַלן גאָט, וועלכן עס וואַרפט אָן דער תנ״ך. דאָס איז דער באַגריף פון שאַפונג. ניט אומזיסט הויבט זיך אָן די יידישע קאָסמאָגאָניע און מיטאָלאָגיע מיט די מעשה בראשית. קען אַ מענטש זיך פאָרשטעלן שאַפונג אָן דעם שאַפער? קען דען זיין אַ מער בילדלעכער און אַלגעמיין־פאַרשטענדלעכער באַגריף וועגן דעם אייביקן שאַפונגס־פּראָצעס אין דער וועלט ווי אַזאַ בילד פון גאָט?

יהוה, דער אייביק־שאַפנדער גאָט, ווערט פאַרבונדן מיט דעם מענטשן דורך אַ צווישן־גליד: די שאַפונג־אויפגאַבע. דאָס ציל פון דעם מענטשן דאַרף זיין צו העלפן גאָט צו שאַפן אַ בעסערע וועלט, און דאָס גיט דעם מענטשלעכן לעבן אַ זין און אַ ווערט: דער שאַפנדער מענטש מאַכט געשיכטע. שאַפונג און אידעאַל זיינען אָבער דער דעקמאַנטל פון די נאָבלסטע אידייען, ווי למשל וויזיע, וואגניס, קונסט, אָפּפערוויליקייט, העלדנטום און הייליקייט (עטיק און עסטעטיק).

דאָס איז דער טיפער, און דאָך אַזאַ איינפאַכער מיין, פון דעם באַגריף פון ביבלישן יהוה, פון דער אידייע פון אַ פּערזאָנאַלער גאָטהייט. אונטער דער איינפאַכקייט פון דער פאָרם איז פאַרבאָרגן אַ זייער טיפזיניקער אינהאַלט, פּונקט ווי אונטער דער גלאַטער הויט, אָדער אונטער דער קאָרע פון אַ בוים, געפינט זיך אַ פאַרוויקעלטער און זייער גייסטרייך־איינגעאָרדנטער אָרגאַניזם. די טיפסטע און פונדאַמענטאַלסטע מאָראַליש־פילאָזאָפישע באַגריפן ווערן געמאַכט בולט און דייטלעך פאַר דעם געוויינלעכסטן בעל־שכל. דאָס אַלץ איז דערגרייכט געוואָרן מיט דעם באַגריף פון אַ גאָט אין דער מענטשלעכער געשטאַלט.

אַזאַ פּערזאָניפיצירונג פון גאָט דאַרף אָבער ניט פאַרמישט ווערן מיט דער פאַרגעטלעכונג פון איין מענטשן, וועלכער האָט געגרינדעט די רעליגיע. דאָ מוז שוין אַרויפשווימען די ווירקונג פון די מענטשלעכע שוואַכקייטן און אינסטינקטן. די מאַסע פילט זיך דעמאָלט פּטור נאָכצוטאָן דעם הויכן אידעאַל פון דעם גרינדער פון דער רעליגיע, וועלכע איז פון אַ בשר ודם געוואָרן אַ גאָט, צו וועלכע מען קען זיך ניט צוגלייכן אין ריינקייט און הייליקייט. די באַקוועמלעכקייט פון דעם טעגלעכן לעבן איז גובר אַלע נאָבעלע אידע-

אַלן, און די גאַנצע רעליגיע ווערט פאַרוואַנדלט אין איר היפוך, ווי מען זעט עס פאַקטיש אין דעם היסטאָרישן און אָפיציעלן קריסטנטום.

***

נשמה, געוויסן, גאָט — דאָס איז דער חוט המשולש פון דעם רעליגיעזן מיסטעריום. דער ערשטער גליד אין דער דאָזיקער קייט, די נשמה, איז ניט ווייניקער מיסטעריעז ווי דער לעצטער און העכסטער גליד — גאָט. און ווידער זעען מיר, ווי גוט די נביאים האָבן עס געוואוסט, ווי קלאָר זיי האָבן פאַרשטאַנען, ווי זייער געהיימניספול און פאַרפירעריש איז די מענטשלעכע נשמה, דאָס האַרץ! זיי האָבן מקדים געווען אַ גרויסע מאָדערנע וויסנשאַפטלעכע אַנטדעקונג — די אידייע פון דעם אונטערבאַוואוסטזיין, וועלכער איז דער הויפּט־פאַקטאָר צו באַשטימען די מענטשלעכע האַנדלונגען און נייגונגען, באַזונדערס אין דעם פאַל ווען דער מענטש גייט אַרונטער פון דעם גלייכן וועג...

דאָך זיינען די נביאים געווען אַזעלכע פייערדיקע אָפּטימיסטן, האָבן אַזוי שטאַרק אין דעם מענטשן געגלויבט! מיט וואָס קען מען עס דערקלערן? איז דאָס ניט קיין פועל־יוצא פון דעם דריי־אייניקן באַגריף פון דער פּערזאָנאַלער גאָטהייט, יהוה, דעם פּראָטאָטיפּ פון מענטשן, וועלכער צייכנט זיך אויס דורך גערעכטיקייט, שאַפונג, אידעאַל. אַלע דריי אינאיינעם שטעלן צוזאַמען דעם באַגריף „פּערזענלעכקייט״, וואָס איז דער יסוד און עיקר גדול פון דער נביאישער רעליגיע.

ווי רייך און שעפעריש איז אַזאַ פאַרשטעלונג פון גאָט! דער צענטער און ענדציל פון רעליגיע בלייבט אַ ריין גייסטיקער, און דאָך ווערט ער אַריבערגעטראָגן פון דעם הימל אויף דער ערד, אין דער נשמה פון יעדן מענטשן. דאָרט, אין דעם אָפּגרונד פון זיין האַרצן, דערשפּירט דער מענטש די שטימע פון גאָט, וועלכע רעדט צו אים דורך דעם קול פון אייגענעם געוויסן. באַלד ווי דער מענטש האָט באַגאַנגען די ערשטע זינד, דערציילט אונדז דער יידישער מיטאָס, דערטראָגט זיך צו אים די דונערנדע שטימע פון גאָט: „מענטש, וואו ביסטו?״ (בראשית ג־ט) און דערמאָנט אים אָן זיין מענטשלעכער פּערזענלעכקייט.

דער מענטש וואָס איז געשאַפן געוואָרן אין דער געשטאַלט פון גאָט, האָט אויך באַקומען אַלס אַן אויפגאַבע די הויפּט־פונקציע פון גאָט, די שאַפונג. אַזוי האָבן געוואָלט די נביאים. זיי רופן די מענטשן כסדר אָנשטרענגען זייערע געדאַנקען און ווילנס, כדי אויסצופירן בפועל ממש די גוטע נטיות פון דער מענטשלעכער פּערזענלעכקייט — צו זיין גייסטיק, דאָס הייסט, מאָראַליש און אינטעלעקטועל, וואָך און טעטיק, ניט לאָזן איינשלאָפן די מאָראַלישע אינסטינקטן, ניט חנפנען דער אייגענער נאַטור, נאָר אדרבה — דורך איבונגען און לאַנגער פּראַקטיק צו שטאַרקן און אַנטוויקלען דאָס בעסטע אין דער אייגענער נאַטור.

דער מענטש האָט די פולע בחירה צווישן גוטס און שלעכטס, און ערשט

דורך דעם ווערט ער באַרעכטיקט, און אפילו באַרופן, צו זיין גאָטס שותף אין דער אייביקער וועלט־שאַפונג.

מיט אַ געוואַלדיקער התלהבות האָבן די נביאים גערעדט וועגן אחדות פון אַלע מענטשן־קינדער. אויך דאָס איז מעגלעך געוואָרן בלויז אַדאַנק זייער קאָנצעפּציע פון יהוה. די ממשותדיקע ביישפּילן פון אַן אינסטינקטי־ווער צוגעבונדנקייט צווישן מענטשן זיינען דוקא די צוויי עקסטרעמען — די פאַמיליע און די גאַנצע מענטשהייט — דער קלענסטער און דער גרעסטער קאָלעקטיוו. די צווישן־פאָרמען, ווי נאַציע און מלוכה, זיינען גיכער מענטש־לעכע אַבסטראַקציעס. ביידע עקסטרעמע פאָרמען פון מענטשלעכן צוזאַמענ־בונד האָבן די נביאים לייכט געקענט אויפפלעכטן אין איין אידייע פון אחדות דורך דעם באַגריף פון יהוה: גאָט אַלס דער שטרענגער, הגם טרייער און גערעכטער, פאָטער פון אַלע מענטשן־קינדער; אַלע מענטשן זיינען ברידער, קינדער פון איין פאָטער; די גאַנצע מענטשהייט איז נאָר איין גרויסע משפּחה.

דאָס איז דער עטישער אינהאַלט פון דער יידישער לערע וועגן אַ פּער־זאָנאַלער גאָטהייט. ניט ווייניקער פּראָדוקטיוו האָט זיך אָבער דער זעלבער באַגריף פון יהוה אַרויסגעוויזן אפילו אויף דעם ראַציאָנאַלן געביט, ווי עס האָט אַנומלט אָנגעוויזן אין זיין גרויסן ווערק וועגן דער מאָדערנער וויסנ־שאַפט, פּראָפעסאָר א. נ. וואַיטהעד*). „דער גאָט, וועלכער איז אויפגעפאַסט געוואָרן מיט אַ פּערזענלעכער ענערגיע, ווי דאָס האָט יהוה, האָט ערשט מעגלעך געמאַכט די אידייע פון אַ סיסטעם און אָרדנונג אין די געשעעענישן (קאַוזאַליטעט), וועלכער איז דער גרונד־יסוד פון דער מאָדערנער וויסנ־שאַפטלעכער פאָרשונג".

*
**

אָט דאָס איז דער טיפער, אומצעשטערבאַרער זין פון יהוה, פון דעם ביבלישן אַנטראָפּאָמאָרפיזם. ווי ווייט איז פון אים דער היינטיקער, מאָ־דערנער אָבער אין גרונד זייער פּרימיטיווער, לייכטוואַגיקער באַגריף פון אַנטראָפּאָמאָרפיזם! אָט איז למשל אַזאַ אידייע וועגן גאָט און מענטש אין קאָפּ פון דעם נאָוועליסט טעאָדאָר דרייזער. ווען די פרומע מוטער פון דעם פאַרמשפּטן צום טויט יונגן קלאַיד קומט אַריין אין געפענגעניש־קאַמערל פון איר זון, דאָס הייסט ווען די טראַגעדיע האָט דערגרייכט דעם קלימאַקס, און דער מחבר וויל אויסדריקן זיין צער און מיטלייד מיט די קרבנות. רופט ער אָן די אייניקע דערוואַקסענע מענטשן, וועלכע זיינען געקומען צום פאַר־ברעכער „די אַמעריקאַנער עדות פון גאָטס הערשאַפט איבער דער וועלט"**). ווידער דער אַלטער, קינדעריש־פּרימיטיווער דואַליזם: גאָט באַזונדער און מענטש באַזונדער.

אָבער אין דעם דאָזיקן פּרט איז ט. דרייזער דער אמתער אויסדרוק

---

*) 1925, New York. "Science and the Modern World" Ch. I, The Origins of Science.

**) An American Tragedy, Vol. 2.

פון דער גאַנצער גייסטיקער טראַדיציע אין די אינטעלעקטועלע קרייזן פון אַמעריקע במשך פון דעם לעצטן דור, ווען דער פילאָזאָף דזשאָהן דיואי איז דער הויפּט פירער פון דער געבילדעטער וועלט. זיי זיינען „פּראַגמאַטיסטן", אָדער „אינסטרומענטאַליסטן", וועלכע שליסן כמעט אינגאַנצן אויס דעם אינדיווידועלן מאָראַלישן באַוואוסטזיין אַלס אַ רעאַלן פאַקטאָר אין לעבן. זיי האַלטן נאָר פון דער סביבה, פון פאַקטן און באַציאונגען, אָבער ניט פון די גייסטיקע טרייב־כחות אין יחיד, וואָס לאָזן זיך ניט ווענן און מעסטן. אַזאַ וועלטאַנשויאונג איז שטאַרק אָפּגעשטאַנען פון דער מאָדערנער פילאָזאָפיע אין איראָפּע (קראָטשע, בערגסאָן, מאַקס שעלער און אַנד.), און וועט זיכער אויך אין אַמעריקע אינגיכן אָפּלעבן איר צייט. פּראָפעסאָר אַדלער איז אַ לע־בעדיקער פּראָטעסט קעגן דער אַמעריקאַנער „רעאַל־פילאָזאָפיע".

אין דעם איבערגאַנג־צושטאַנד פון דער אַמעריקאַנער קולטור איז אָבער, ווי דער שטייגער איז, אויף אַ יידן אויסגעפאַלן דער גורל צו שפּילן אַ מין פאַרמיטלונג־ראָלע, אַ ראָלע פון אַ סינטעז־מאַכער. דאָס איז אין גרונד פּראָ־פעסאָר פעליקס אַדלער. נאָכגייענדיק אין די פוס־טריט פון די גרויסע גייס־טיקע ריזן אין זיין לאַנגן לעבן, האָט ער זיך אָפּגעזאָגט פון יידנטום און איז אַרויס אין קאַמף קעגן יידישן גאָט, יהוה, דוקא אין נאָמען פון דער "מאָראַ־לישער פערזענלעכקייט." איז דאָס ניט קיין אומגעהייערער ווידערשפּרוך, ווי מיר האָבן שוין אָנגעוויזן? די פערזאָנאַלע גאָטהייט, יהוה, איז, אַזוי צו זאָגן, דער נאַטירלעכער, ממש אינסטינקטיווער פּראָדוקט פון דעם מענטש־לעכן גייסט, וועלכער גיט זיך אָפּ מיט די פראַגן פון רעליגיע, ווי דאָס האָט אויף אַ געלונגענעם אופן באַוויזן דער פאַרשטאָרבענער יידיש־רוסישער דענקער, מ. א. גערשענזאָן. אין זיין „שליסל צום גלויבן" *). און דאָס איז נאַטירלעך אַן אייביקע און אַלמענטשלעכע שאַפונג — דער יידישער גאָט יהוה, ווייל די באַדערפעניש אין רעליגיעזע אידייען וועט בלייבן אין דער מענטשהייט אַזוי לאַנג ווי די שטערן פון הימל וועלן זיך ניט לאָזן דערגרייכן פאַר די מענטשן פון דער ערד... די רעליגיעזע אידייען קענען זיך אָבער בייטן אין זייערע פאָרמען און צייטווייליק אינגאַנצן פאַרשווינדן. דעמאָלט קען אַ מענטש מיט אַ שטאַרקן מאָראַלישן און רעליגיעזן אימפּולס מאַכן אַ פשרה מיט דער אַרומיקער סביבה. ער וועט אַרויסטרעטן מיט אָריגינעלע נאָר בלאָסע אידייען, וואָס פאַרמאַסקירן דעם אמתן פּרצוף פון דעם מענטשן, וועל־כער האָט זיי באַשאַפן. זיי פאַרלירן דורך דעם די פולע איבערצייגונג־קראַפט און ווירקונג און אויך די איינפאַכקייט און נאַטירלעכקייט.

אַזאַ גרויסע פשרה צווישן יידנטום און איראָפּעאיש־אַמעריקאַנישן באַ־גריף וועגן עטיק האָט עס דורכגעפירט אין אונדזער צייט פעליקס אַדלער. פון אַלע זיינע יידישע מדות האָבן ביי אים געווירקט דער גייסטיקער ערנסט

*) "The Key to Faith" by M. O. Gershenson, traslated by Herman Frank, New York, Macmillan, 1925.

און די עקשנות אַמשטאַרקסטן — דער מוט און געדולד, מיט וועלכע ער האָט זיין לערע פאַרטיידיקט און פאַרשפּרייט. ער האָט אויף דער גייסטיקער וועלט מיט זיין אָריגינעלן אָבער דאָך אומנאַטירלעכן און אומנאָרמאַלן סינטעז קיין טיפן רושם ניט געמאַכט. עס קען אים אָבער באַשערט זיין צו פאַרבלייבן אין דער אַמעריקאַנער קולטור־געשיכטע אַלס רעפּרעזענטאַטיווער טיפּ פון אַ בונטן געמיש, צווישן דעם מערב־אייראָפּעאיש־יידישן רעליגיעזן פאָרמיזם און דעם עכט־אַמעריקאַנישן פּאָזיטיוויזם, בנוגע צום וויכטיקסטן לעבנס־געביט — די עטיש רעליגיעזע און סאָציאַל־הומאַניטאַרישע פראַגן.

מ. א. גערשענזאָן (1869־1925).

דעם 21טן פעברואַר, 1925, איז געשטאָרבן איינער פון די באַדייטנסטע רוסישע שריפטשטעלער־פובליציסטן פאַר די לעצטע 35 יאָר — מיכאַאיל אָסיפאָוויטש גערשענזאָן. אַלע געבילדעטע רוסן, אָן אונטערשייד פון פאָליטישע שאַטירונגען, האָבן אָנערקענט זיינע גרויסע פאַרדינסטן פאַר דער רוסישער ליטעראַטור. דער יידיש־רוסישער דענקער, גערשענזאָן, האָט אין די לעצטע יאָרן פון זיין לעבן פאַרנומען דעם העכסטן ליטעראַרישן ערן־אַמט אין רוסלאַנד — פרעזידענט פון דער ליטעראַרישער סעקציע פון דער מאָסקווער אַקאַדעמיע פון וויסנשאַפט און קונסט.

דער הויפט־געביט פון גערשענזאָנס שאַפן איז געווען די ליטעראַטור און קולטור־געשיכטע פון רוסלאַנד אין דער ערשטער העלפט פון 19־טן י. ה. זיין ווערק „גריבאָיעדאָווסקאַיאַ מאָסקוואַ“ איז אַ מייסטערהאַפטע קולטור־היסטאָרישע שילדערונג פון דעם רוסישן לעבן אין יענער באַדייטנדיקער צייט, ווען עס האָבן זיך אָנגעהויבן באַוויזן אין דער אַלטער רוסישער הויפטשטאָט די שפּראָצונגען פון דער „באַפרייאונגס־באַוועגונג“. דורך ביאָגראַפיש־קריטישע מאָנאָגראַפיעס וועגן איינצלנע באַדייטנדיקע פערזענלעכקייטן, וועלכע זיינען ליידער ניט גענוג אָפּגעשאַצט געוואָרן, ווי דער דעקאַבריסט קריווצאָוו און דער זייער אייגנאַרטיקער מיסטיש־פילאָזאָפישער רעבעל טשאַאַדאַיעוו, האָט דער פאַרשטאָרבענער קריטיקער באַשאַפן מאָנומענטאַלע ווערק אין דער רוסישער קולטור־געשיכטע פון 19־טן י. ה. אַלע זיינע איבריקע ליטעראַריש־קריטישע ווערק, ווי „איסטאָריאַ מאָלאָדאָי ראָסיי“ און אַנד. זיינען טיפזיניק און אָריגינעל סיי אין אינהאַלט סיי אין דער לעבעדיקייט און פינקלדיקער פילפאַרביקייט פון סטיל.

פיר יאָר פאַר זיין טויט. אין 1921, איז אין פעטראָגראַד אַרויס אַ קליין מערקווירדיק ביכל, וואָס האָט גלייך צוגעצויגן די גרעסטע אויפמערקזאַמקייט אין סאָוועט־רוסלאַנד, ווי אויך אין אַלע רוסישע עמיגראַנטן־קאָלאָניעס. דאָס איז געווען אַ בריוו־וועקסל צווישן מ. גערשענזאָנען און דעם פּאָעט וויאַטשעסלאַוו איוואַנאָוו, וועלכע זיינען ביידע בעת מעשה געלעגן אין איין צימער אין דער מאָסקווער רעגירונגס־סאַנאַטאָריע פאַר ליטעראַטן און געלערנטע, זומער 1920. אייגנאַרטיק איז אויך דער דריבער דער נאָמען פון דאָזיקן ווערק „ אַ בריוו־וועקסל פון צוויי ווינקלען“ (פערעפיסקאַ איז דוואוך אוגלאָוו). אין 12 בריוו ווערן דאָ פאַר דעם לייענער אַנטפּלעקט צוויי באַזונדערע וועלטן און לעבנס־אָנשויאונגען, בילדער פון וועלט און מענטש פון צוויי באַזונדערע קוק־ווינקלען.

דאָס דאָזיקע מערקווירדיקע ביכל אַנטהאַלט אַ פּאָלעמיקע, וואָס האָט

ניט דעם ציל פּשוט צו איבערצייגן דעם קעגנער. איר אויפגאַבע איז דורכזען די אייגענע געדאַנקען און געפילן, צו דערקלערן די ווירקלעכקייט און אַרויס־טראָגן וועגן איר אַן אורטייל. די גרויסע געשעעניש פון אונדזער צייט, די וועלט־מלחמה, די רעוואָלוציע און דער בירגער־קריג, ווערן אין די בריוו כמעט ווי ניט דערמאָנט. עס דוכט זיך, אַז די שרייבער באַהאַנדלען אַבסטראַק־טע פראַגן, וועלכע זיינען ווייט פון די טאָג־טעגלעכע לעבנס־אינטערעסן. עס קוקט אויס, ווי די שרייבער וואָלטן אַרויפגעגאַנגען אויף אַזאַ הויכן טורעם, וואוהין עס קענען שוין ניט צוקומען די קולות און געשרייען פון דער זינ־דיקער ערד. דאָס איז אָבער נאָר דער ערשטער איינדרוק: לייענט מען דעם בוך אַ צווייטן און דריטן מאָל, מוז מען איינזען, אַז די געשעענישן פון אונדזער צייט זיינען בלויז איבערגעאַרבעט און איבערגעשמאָלצן געוואָרן דורך די שרייבער אַזוי, אַז מען קען זיי כמעט ניט דערקענען. אָבער אין גרונד זיינען די געדאַנקען, געפילן און שטרעבונגען פון די שריי־בער אָנגעלאָדן מיט די איבערלעבונגען פון מאָמענט. דאָס ווערק איז אַ פּראָ־דוקט פון אַ קאַטאַסטראָפישער עפּאָכע, אַ צייט פון אומגעהייער־גרויסע אי־בערקערענישן. ניט נאָר פּאָליטישע און עקאָנאָמישע, נאָר גייסטיקע, דאָס מיינט — איבערקערענישן, ביי וועלכע עס בייטן זיך ביי דענקענדע מענטשן די יסודות פון זייער קולטור־באַוואוסטזיין.

דאָס קליינע ווערק פון גערשענזאָן און איוואַנאָוו האָט עפּעס אין זיך פון דעם גייסט פון טאָלסטאָי און דאָסטאָיעווסקי, וועלכע האָבן שטענדיק אויפגענומען אַלע קולטור־פּראָבלעמען פון אַן אַלגעמיין־מענטשלעכן שטאַנד־פונקט. מען האָט אויסגעדריקט די מיינונג, אַז דער מיסטיש־רעליגיעזער דיכטער איוואַנאָוו גייט אין די פוס־טריט פון דאָסטאָיעווסקי, און אַז גער־שענזאָן איז אַ נאָכפאָלגער פון דעם קולטור־פיינטלעכן טאָלסטאָי. די פּלאָ־מענדיקע באַשולדיקונגס־רעדע קעגן דער מאָדערנער קולטור, וועלכע עס האָלט גערשענזאָן, האָט אָבער ווייניק געמיינזאַמס מיט דעם גרונדזעצלעכן אַנאַרכיזם־אינדיווידואַליזם פון אַ לעוו טאָלסטאָי. ער זאָגט און בלייבט דער־ביי, אַז דער מענטש איז אַ געזעלשאַפטלעכע באַשעפעניש און ער גלויבט ניט אין דער אינדיווידועלער דערלייזונג פון דעם יחיד אַלס אַ מיטל צו ברענגען די גאולה פאַר דעם כלל. ער וויל אָבער געפינען אַן ענטפער אויף דער פראַגע — פאַרוואָס האָט די מאָדערנע קולטור באַשאַפן נייע קייטן פאַר דעם מענטשן און ניט געגעבן דאָס, וואָס זי האָט צוגעזאָגט — פרייהייט און אומאָפּהענגיקייט. די גייסטיקע ווערטן (ווי אַ שטייגער די וויסנשאַפט און די געזעלשאַפטלעכע „אָרדנונג") זיינען געוואָרן ניט נאָר קייטן, נאָר וואַמפּירן, וואָס זויגן אויס דאָס בלוט פון לעבעדיקע מענטשן, טיראַנען, וועלכע פאַר־לאַנגען מענטשלעכע קרבנות. די דאָזיקע אומזיכטבאַרע טיראַנען זיינען נאָך פיל ערגער און געפערלעכער פאַר די טיראַנען פון פלייש און בלוט, ווייל מען קען זיי גאָרניט צעשטערן אַזוי לייכט, ווי מען קען אומשעדלעך מאַכן די מענטשן־טיראַנען.

ווי זשאַן זשאַק רוסאָ, דער גייסטיקער פאָטער פון דער גרויסער פראַנ־

צוויזישער רעוואָלוציע, פרעגט גערשענזאָן: „דער מענטש ווערט איבעראַל געבאָרן פריי, פאַרוואָס געפינט מען אים איבעראַל אין קייטן?" און ער מיינט דערביי די קייטן פון דער פרייוויליקער שקלאַפעריי וועלכע ווערן ארויפגעטאָן אויף דעם מענטשן ניט אַזוי דורך צוואַנגס־מיטלען, ווי דורך די שטילע נסיונות, וועלכע דער קולטור־מענטש קען ניט ביישטיין, די גיפטיקע אויסדאַמפונגען, וואָס האָבן פאַרפעסטעט אונדזער לעבן, און פאַרקריפּלט, דעמאָראַליזירט און אָפּגענומען די שאַפונגס־פרייד פון דעם מענטשלעכן גייסט.

דאָס איז דער גרונט־טאָן פון גערשענזאָנס פעסימיסטישער קולטור־פילאָזאָפיע, וועלכע פילט אָן זעקס בריוו. ס'איז קלאָר, אַז ס'קען קיינמאָל ניט געגעבן ווערן מין החוץ קיין דירעקטער און קלאָרער ענטפער אויף די פראַגעס וואָס האָבן אַזוי שמערצלעך געמאַטערט גערשענזאָנס גייסט. דער ענטפער קען געבן נאָר ער אַליין, פון די טיפענישן פון זיין אייגענעם גייסט. דאָס קומט אויך פאָר אויף אַ וואונדערלעך־שיינעם אופן אין דעם „בריוו־ווערסעל", ווען ס'שטעלט זיך אַרויס צום סוף, אַז אין תוך איז גאָר צווישן די שרייבער קיין חלוקי־דעות ניטאָ, און צווישן זייערע געדאַנקען־וועלטן עקזיסטירט אַן אינעווייניקסטע טיף־פאַרבאָרגענע האַרמאָניע.

וואָס קען אַלזאָ זיין דער בריק איבער דעם תהום, וועלכער האָט אין אַנהויב אָפּגעטיילט דעם אָפּטימיסטיש־גלויביקן איוואַנאָוו פון קולטור־ניהיליסטישן גערשענזאָן? דאָס קען נאָר זיין איין זאַך — אַ מין אינטעלעקטועלער גלויבן, אַ „וויסנשאַפטלעכע רעליגיע". און דאָ, אויפן געביט פון דעם אינטעלעקטועלן מיסטיציזם, ווייזן זיך אַרויס די אָריגינעלסטע און אינטערעסאַנטסטע זייטן פון גערשענזאָנס פילפאַכן טאַלאַנט. אַלע צווייפלען, וועלכע זיין שכל האָט דורכגעמאַכט, אַלע נסיונות, וואָס האָבן אויסגעפּרוּווט זיין האַרץ, האָבן אים שליסלעך געבראַכט צום גלויבן, צו אַ גלויבן ניט פון פאַרצווייפלונג אַרויס, נאָר — אַ פּראָדוקט פון אַ באַוואוסטזיניקן און לאָגישן דענקען און פרייוויליקער אַנערקענונג. אין דעם דאָזיקן גייסט זיינען געשריבן אַלע זיינע לעצטע ווערק. די רייפסטע שאַפונגען פון זיין פעדער — די צוויי בענדער עסייס „פּאַלמיראַ" און „גאָלפשטראָם". אין זיי ווייזט גערשענזאָן ווי אינטים, און אויך טיף די לעבנס־קראַפט פלעגט, דורך דעם גאַנצן גאַנג פון דער געשיכטע, אַריינטראָגן דעם צעמענטירנדיקן, פאַרבינדענדיקן כוח, וואָס מאַכט איינהייטלעך אַ געזעלשאַפט, אָדער אַ קולטור. די גרויסע וועלט־ציוויליזאַציעס האָבן ניט באַשאַפן די גרויסע רעליגיע, אויף וועלכע די דאָזיקע ציוויליזאַציעס באַזירן זיך כלומרשט. פאַרקערט, אַ געזעלשאַפט וועלכע האָט פאַרלאָרן איר רעליגיע, ווערט פריער אָדער שפּעטער אַ געזעלשאַפט, וועלכע האָט אויך פאַרלאָרן איר קולטור.

אַן אילוסטראַציע פון דעם דאָזיקן געדאַנקען־גאַנג איז פאַראַן אין אַן אַנדער בוך, וואָס גערשענזאָן האָט געשאַפן — „דער שליסל צום גלויבן". ווי ער אַליין האָט באַצייכנט דאָס ווערק, איז דאָס אַ „ביאָגראַפיע פון דעם יידישן גאָט יהוה, דער גאָט פון תנ"ך, וועלכער איז געוואָרן דער גאָט פון דער גאַנצער מענטשהייט". ער דערמאָנט אין זיינע אויספירן די אָנשויאונגען פון קאַרלייל, אַז די וועלט איז גאָט, און די געטער זיינען אידעאַלע בילדער לויט דער

מענטשלעכער געשטאַלט. דער מייסטערהאַפטער ליטעראַריש־פּסיכאָלאָגישער
אַנאַליז פון דער ביבלישער רעליגיע פירט גערשענזאָנען צום שלוס, אַז די ריכ־
טיקע לעבנס־פירונג, וועלכע איז די גרונדבאַדינונג פון דעם מענטשלעכן וואויל־
זיין, איז דער תמצית פון רעליגיע, דער שליסל צום גלויבן. רעליגיע איז געווען
דער וועג, אויף וועלכן די ריכטיקע לעבנספירונג איז געוואָרן מעגלעך, זי האָט
דעם מענטשן געמאַכט אָפן אין דעם קאָסמישן און סאָציאַלן זינען, אים געלערנט
צו פילן זיך פאַרבונדן מיט דעם וועלטאל, מיט דעם לעבן פון קאָסמאָס, פון וועלכן
דאָס מענטשן־לעבן איז אַ טייל, און, פון דער צווייטער זייט, ניט אָפּשליסן זיך
עגאָאיסטיש פון די איבעריקע מענטשלעכע באַשעפענישן. די ערשטע פאָדערונג
איז דער מעטאַפיזישער אינהאַלט פון רעליגיע, די צווייטע — איר עטישער אינ־
האַלט. ביידע אינהאַלטן זיינען נעגאַטיוו און זאָגן—וואָס דער מענטש דאַרף נ י ט
טאָן, ווייל רעליגיע האָט נאָר דעם ציל צו פירן דעם מענטשן אויף דעם וועג
פון פרייהייט און ביז צו דער פרייהייט. „וואַרף אַראָפּ דיין עגאָאיסטישן צוים,
טרעט אַריין אין וועלט־לעבן. דער וועלט־ווילן, וועלכער פירט אָן און באַ־
הערשט דיך, וועט שוין אַליין פירן דיך אין דעם וועג פון אַלע באַשעפענישן,
וואָס ברענגט צו אַן אומבאַקאַנטער פאַרפאָלקאָמונג".

דורך געשפּרעכן מיט גערשענזאָנען, זומער 1923, ווען כ'האָב אים באַזוכט
אין באַדענווילער, שוואַרצוואַלד, וואוהין ס'האָט אים געבראַכט זיין שווערער
לונגענפעלער, האָב איך נאָך בעסער, ווי פון אַלע זיינע ווערק, פאַרשטאַנען זיין
אייגנאַרטיקן געדאַנקען־גאַנג. זיין פּערזענלעכקייט האָט געהאַט די מערק־
ווירדיקע קראַפט צו „עלעקטריפיצירן", אָנשטעקן יעדן איינעם, וואָס איז נאָענט
צוגעגאַנגען צו איר, מיט טיפע געדאַנקען, וואָס קומען אַרויס, ווי בליצן־
פונקען, פון אַ טיף אָנגעלאָדענעם אינטעלעקט. אָט איז למשל אַזאַ פאַרגלייך:
„אויף וואָס האַלט זיך אַ הויז? — ניט אויף די ציגל, וועלכע מ'זעט, נאָר אויף
דעם צעמענט צווישן די ציגל, וועלכע מ'זעט גאָרניט אויבן אויף". זאָגן ניט
די דאָזיקע געציילטע ווערטער מער וועגן וועזן פון סאָציאַלן לעבן ווי לאַנגע,
טרוקענע אַרגומענטן ? — אָדער אַ שטייגער נאָך אַ באַמערקונג: „די מענטשלעכע
נשמה איז אַ גאַנץ ווייכער מעטאַל, מ'מוז צו איר צוגעבן ליגאַטור (אַ האַרטערן
מעטאַל), כדי זי זאָל ווערן שטאַרק און ווידערשטאַנדספייאיק". דאָס האָט
געקענט אַרויסזאָגן נאָר אַזאַ מענטש, וועלכער איז געשטאַנען אויף די העכסטע
שטאַפּלען פון דער מאָדערנער גייסטיקער קולטור, פון וואַנען די פאַראַלגע־
מיינערונגען נעמען אַרום זייער אַ ברייטן האָריזאָנט.

ווייניק פון די גרויסע דענקער פאַר די לעצטע 300—400 יאָר זיינען
געגאַנגען אויף דעם וועג, וואָס פירט פון וויסנשאַפט צום גלויבן. דאָס איז
געווען פּאַסקאַל אין 17טן י. ה., רוסאָ אין 18טן, קאַרלייל און טאָלסטאָי אין
19טן י. ה. און גערשענזאָן צווישן די געציילטע פון 20טן י. ה. איין אַלגעמיינער
שטריך כאַראַקטעריזירט די דאָזיקע גייסטיקע ריזן פון פאַרשיידענע צייטן און
פעלקער. דאָס איז דער אַגרעסיווער געפיל פון פּראָטעסט, פון רעוואָלט אין
נאָמען פון דער פולסטער פרייהייט, קעגן דעם, וואָס די דורכשניטס־מענטשן
האַלטן דווקא פאַר דעם שם־דבר פון דער פרייהייט, קעגן „אויטאָנאָמיע"
(זעלבסט־באַשטימונג). פון צייט צו צייט קומען אַראָפּ פּראָפעטיש־וויזיאָנערע

דענקער און באַווייזן, אַז אויטאָנאָמיע איז נאָך ניט דאָס לעצטע ציל און ניט דער וועג, וואָס פירט צו דער באַפרייאונג פון דער מענטשהייט. פאַר זייערע בליקן שוועבט אין די הימלישע הויכן אַ נייע רעליגיע און דער יסוד פון דעם דאָזיקן נייעם גלויבן איז „טעאָ־נאָמיע״, ווי מ׳קען די זאַך אָנרופן אין קעגנזאַץ צו אויטאָ־נאָמיע (טעאָ — אויף גריכיש — גאָט, נאָמאס — געזעץ). פאַר די פריידיקער פון דער נייער רעליגיע זיינען וויסנשאַפט, עטיק און מעטאַפיזיק אַ דרייאייניקייט, וואָס איז פריי פון אינווייניקסטע ווידערשפּרעכן.

אויב יעדע עפּאָכע האָט אַזעלכע געניאַלע אַפּאָסטאָלן פון „טעאָ־נאָמיע״, מוז מען קומען צום שלוס, אַז ווייניק וויסנשאַפט פירט אַוועק פון גלויבן, און אַ סך וויסנשאַפט פירט צום גלויבן.

1925

אַנאַרכיע און אַטעאיזם

(וועגן זיגמונד פרוידס קוק אויף רעליגיע)

די קליינע שריפט פון דעם באַרימטן פּסיכאָאַנאַליטיקער ז י ג מ ו נ ד פ ר ו י ד, — „די צוקונפט פון אַן אילוזיע״, וועלכע איז אין יאָר 1924 דערשינען, האָט אַרויסגערופן אַ סך אינטערעס. דאָ האָט מען פאַר זיך, אַזוי צו זאָגן, באַקומען דעם גייסטיקן טעסטאַמענט פון איינעם צווישן די וויכטיקסטע געלערנטע פון אונדזער צייט, פון אַ פאָרשער וועלכער האָט געמאַכט אַן עפּאָכע אין דער פּסיכאָלאָגיע, און האָט געוויזן נייע וועגן פאַר דער וויטערדיקער פאָרשונג. דאָס קליינע ביכל איז אין אמתן זין פון וואָרט אַ „מענטשלעכער דאָקומענט״, וואָס שטאַמט פון אַ מענטשן וועלכער שטייט הויך־הויך איבער דעם דורכשניטלעכן טיפּ, פון איינעם וואָס געהערט צו די אינטעלעקטועלע שיכטן.

פרויד האָט אין זיין לעצטן ווערק געמאַכט אַ פּרואוו אָפּצושאַצן אָביעקטיוו דעם ווערט פון יענעם עלעמענט אין דער מענטשלעכער קולטור וואָס טראָגט דעם נאָמען „רעליגיע״. ער קומט דערביי צום שלוס, אַז רעליגיע איז אַן אילוזיע, דאָס הייסט אַ מיינונג וועלכע בויט אויף אַ סוביעקטיוון וואונטש און ניט אויף אַן אָביעקטיווער, ממשותדיקערווירקלעכקייט. ער אונטערשטרייכט, אַז אילוזיע איז גאָרניט דאָס זעלבע וואָס טעות, און אַז זי מוז גאָר ניט זיין קיין טעות, קיין פאַלשע השערה. זי מעג האָבן אין זיך אַ שטיקל אמת, אָבער וואָס ס׳מאַכט זי פאַר אַ סוביעקטיווע, ווירקלעכקייטס־פרעמדע אידייע איז איר אינטימע שייכות מיט די מענטשלעכע באַגערן, וואונשן און שטרעבונגען. פון אַ גאַנצער ריי אַזעלכע באַגערן, ווי למשל, דער וואונש זיך צו פילן באַשיצט קעגן נאַטור קאַטאַסטראָפעס, צו זיין געטרייסט פאַר די ערדישעליידן דורך אַ גלויבן אין אַ „יענער וועלט״ א. ז. וו. איז אויך אַרויסגעקומען, האַלט פרויד, דער גלויבן אין גאָט, אין דער אומשטערבלעכקייט פון דער נשמה און אַנדערע באַגריפן וואָס זיינען פאַרבונדן מיט דער רעליגיעזער אידייע.

ווי ער אַליין גיט אָפּ צו, פּרעטענדירט ניט זיין ווערק צו זאָגן אַ ניי וואָרט אין דער אַלטער דעבאַטע צווישן גלויבן און אומגלויבן. ער האַלט, אַז אַנדערע האָבן די אַרבעט געטאָן בעסער פון אים, און אין פּרינציפּ האָט ער ניט וואָס צוצוגעבן. אַלץ אין וואָס ס׳באַשטייט זיין אייגענער ביישטייער איז בלויז די פּסיכאָלאָגישע באַגרינדונג, אין גייסט פון זיין פּסיכאָאַנאַליטישער לערע, פון דער קריטיק פון רעליגיע. דערין, זאָגט ער, באַשטייט דער זין און די אויפגאַבע פון זיין איצטיקער שריפט.

ווען מ׳לייענט אָבער אויפמערקזאַם דורך זיין בוך, זעט מען אַז, אויס

עניוות אָדער דורך עפּעס אַן אַנדער אורזאַך, איז די באַדייטונג פון דעם שריפט צו שמאָל אָפּגעשאַצט געוואָרן פון דעם אויטאָר. זי אונטערשיידט זיך געוואַלדיק שטאַרק פון אַלע פריערדיקע באַגרינדונגען פון אַטעאיזם, און האָט באמת אין זיך אַ נייעם און פרוכטבאַרן וואָרט. שוין דאָס אַליין, וואָס די שריפט הויבט זיך אָן מיט אַן אָפּשאַצונג פון דער מענטשלעכער קולטור און פון איר איצטיקער מדרגה בפרט, — איז אַ שטריך, וועלכער מאַכט דאָס ווערק ברייטער און טיפער ווי סתם אַ פּאַמפלעט מיט אַ באַשטימטער טענדענץ. לײדער אָבער האָט זיך דער אויטאָר באַנוגנט בלויז מיט קורצע רמזים אין יענע שטעלן, וואָס וואָלטן געקענט וואַרפן אַ שטאַרקן און נייעם שיין אויף וויכטיקע גרונט־פּראָבלעמען פון דער מאָדערנער קולטור און מאָדערנער צייט.

דער בולטסטער שטריך וואָס וואַרפט זיך אין די אויגן ביי דער באַקענונג מיט פרוידס געדאַנקענגאַנג איז זיין טיפער סקעפּטיציזם בנוגע צו דער „מיט־געבאָרענער גוטסקייט״ פון דער מענטשלעכער נאַטור. דאָס איז אין איינקלאַנג מיט דעם פּסיכאָאַנאַליז, פאַר וועלכן מ'קען קוים געפינען אַ בעסערן מאָטאָ ווי דעם ביבלישן זאַץ: דעם מענטשנס האַרץ איז שלעכט פון זיין קינדהייט אָן. ווי באַוואוסט, האָט דער פּסיכאָאַנאַליטיקער צו טאָן דעם עיקר מיט די „אונטער־באַוואוסטזיניקע״ שטרעבונגען און די רעגונגען פון דעם געשלעכטלעכן אינ־סטינקט, וועלכע פאַנגען זיך אָן שוין אין די סאַמע ערשטע קינדער־יאָרן. נאַטירלעך, האָט דעריבער אויך ניט געקענט געמאָלט זיין, אַז פרויד זאָל, אין זיין איצטיקן חשבון הנפש, שילדערן די מענטשלעכע נאַטור אין ראָזיקע, אידילישע קאָלירן.

ס'איז דאָך כמעט אַ כלל, אַז אַלע ביזאיצטיקע פאַרזוכן צו באַגרינדן אַן אַטעאיסטישע וועלט־אַנשויאונג זיינען אויפגעבויט געוואָרן אויף אַן אומבאַ־גרענעצטן אָפּטימיזם, אַ טיפן און אומצעשטערבאַרן גלויבן אין מענטשן און זיין כאַראַקטער. אין דעם דאָזיקן פונקט גייט זיך פרויד שטאַרק פאַנאַנדער מיט די אַנטי־רעליגיע קעמפער פון דעם אייראָפּעאישן ראַדיקאַליזם פון 19טן יאָרהונדערט, באַזונדערס למשל מיט באַקונין. ווען מען דערמאָנט זיך נאָך, אַז דער פּרינציפּ פון אַן אַנטי־אויטאָריטעט אין אַלע פאָרמען איז געוואָרן אַן עיקר גדול אין דער פילאָזאָפיע פון אַנאַרכיזם, דאַן איז כדאי בכלל זיך אָפּשטעלן אויף אייניקע שטעלן פון פרוידס שריפט און אויפזוכן דעם צוזאַמענהאַנג צווישן אייניקע פונדאַמענטאַלע געזעלשאַפטלעכע באַגריפן.

הגם פרויד דערמאָנט ניט אין קיין איינציקן פלאַץ דעם אַנאַרכיזם בפרוש, שפּירט זיך אָבער אין זיינע אידייען אַ נאָענטע קרובהשאַפט צו די גרונט־באַגריפן פון אַ געזעלשאַפטלעכער לערע, וואָס באַזירט זיך אויף פרייוויליקייט און גלייכהייט. אין איין אָרט דערמאָנט פרויד אויסדריקלעך דעם וואָרט „אַנאַרכיע״ אין זיין גריכישער אויסלייגונג. דאָס קומט פאָר ביי דער פאָלגנדער געלעגנהייט.

פרויד גיט איבער אַ טייל פון זיינע געדאַנקען אין דער פאָרם פון אַ דיאַלאָג

צווישן אים, אַ קעגנער פון דער הערשנדיקער רעליגיעזער אידעאָלאָגיע, און זיין קעגנער, אַן אָנהענגער פון פּראָגרעסיוון (ליבעראַלן) רעליגיע־קולט אין דעם אַלטן זין. אָט וואָס מיר לייענען ביים סוף פון בוך (ז. 87—88):

„איר פּאַרטיידיקט, זאָגט פרויד, אַ פּאַרלאָרענע זאַך. מיר חזרן אָפּט איבער, אַז דער מענטשלעכער שׂכל איז קראַפטלאָז אין פאַרגלייך מיט דעם מענטשלעכן אינסטינקט־לעבן, און מיר האָבן רעכט. אָבער ס'איז דאָך פאַראַן עפּעס אַ ספּעציעלע איינשאַפט פון אָט דער דאָזיקער שוואַכקייט. דער קול פון שׂכל איז אַ שוואַכער, אָבער ער רוט ניט אַזוי לאַנג ווי ער האָט ניט געפונען פאַר זיך קיין הערשאַפט. צום סוף, נאָך לאַנגע מפּלות, געפינט ער זי דאָך. דאָס איז איינער פון די ווייניקע פונקטן, אין וועלכע מ'קען זיין אָפּטימיסטיש בנוגע צו דער צוקונפט פון דער מענטשהייט, אָבער אין גרונט באַדייט ער נאָך ווייניק וואָס.

„צו אים קען מען אָבער נאָך אָנבינדן אַנדערע האָפענונגען. דער איבערגעוויכט פון שׂכל ליגט געוויס אין דער ווייטער, ווייטער, אָבער מסתמא דאָך ניט אומענדלעכער צייט. און אויב ער וועט זיך וואַרשיינלעך שטעלן דיזעלבע צילן, ווי די וואָס איר דערוואַרט פון אייער גאָט — די מענטשלעכע ליבע און די באַשרענקונג פון ליידן, דאַן קענען מיר זאָגן, אַז אונדזער קעגנערשאַפט איז נאָר אַ צייטווייליקע און ניט אַזאַ, וואָס קען ניט צולאָזן קיין שלום".

אין דעם דאָזיקן זאַץ, ווען פרויד רעדט וועגן די צילן, וואָס די מענטשהייט פאַרבינדט מיט דער גאָט־אידייע, ווי מענטשן־ליבע און די פאַרמינדערונג פון מענטשלעכע ליידן, שטעלט ער נאָך אַריין דעם פאָלגענדן צוגאָב־זאַץ צווישן צוויי געדאַנקען־שטריכן: נאַטירלעך, אין מענטשלעכע פּראָפּאָרציעס. אויף וויפיל די אויסערלעכע רעאַליטעט, די אַנאַרכיע, (אין גריכיש) דערלאָזט עס.

„מיר האָבן די זעלבע האָפענונגען, זאָגט ווייטער פרויד צו זיין קעגנער, אָבער איר זייט אומגעדולדיקער און איר פאַרלאַנגט מער, און — פאַרוואָס זאָל עס ניט געזאָגט ווערן? — איר זייט אגב עגאָאיסטישער פון מיר און מיינע אָנהענגער. איר ווילט דעם אָנפאַנג פון דעם גליק גלייך נאָך דעם טויט, איר פאַרלאַנגט פון דעם גליק דאָס אוממעגלעכע, און ווילט ניט אָפּזאָגן זיך פון דער פּרעטענזיע פון יעדן יחיד (אויף אַ חלק גן־עדן). אונדזער גאָט „לאָגאָס" וועט פון די דאָזיקע וואונשן פאַרווירקלעכן דאָס וואָס די נאַטור אַרום אונדז לאָזט צו, אָבער זייער לאַנגזאַם, ערשט אין דער ניט־פאַראויסגעזעענער צוקונפט און פאַר נייע מענטשנקינדער. אַ קאָמפּענסאַציע פאַר אונדז, וואָס ליידן אַזוי שווער ביים לעבן, זאָגט ער (דער גאָט „לאָגאָס") ניט צו".

בעת פרויד דערמאָנט (ווידער אין אַ גריכישער אויסלייגונג) דעם וואָרט „לאָגאָס" (שׂכל), גיט ער צו אַ קורצע פוס־נאָטע: „די געטער־פּאָר לאָגאָס־אַנאַרכיע פון האָלענדער מולטאַטולי" (פעדער־נאָמען פון דעם באַקאַנטן ראָמאַניסט ע. ד. דעקקער, געב. 1820, געשטאָרבן 1887, פּאַרפאַסער פון דעם סאָציאַלן ראָמאַן „מאַקס האווועלאאר", וואו ס'ווערט געשילדערט די עקספּלואַטאַציע פון די האַלב־ווילדע אין יאַוואַ, האָלענדיש איסט־אינדיע; שפּעטער איז מולטאַטולי געוואָרן אַ פאַרקעמפער פון דער פילאָזאָפיע פון אַנאַרכיזם).

ווי מ׳קען אַלזאָ זען, באַנוצט פּרויד דעם וואָרט „אַנאַרכיע״ אין אַ גאַנץ אייגנטימלעכער באַדייטונג: אַלס די אויסערלעכע רעאַליטעט, די „נאַטור״ אַלס אַ קעגנטייל פון דעם מענטשן, דעם טרעגער פון „לאָגאָס״ (שכל). מ׳קען לײדער קלאָר ניט אַרויסזען, אין וועלכן צוזאַמענהאַנג די „נאַטור״ קען שטיין מיט דעם וואָרט „אַנאַרכיע״, וועלכער באַדייט ניט-אויטאָריטעט, אָן-הערשאַפט. ס׳איז מעגלעך, אַז פּרויד פאַרשטייט דעם אויסדרוק „אַנאַרכיע״ אין דעם וואולגאַרסטן זין; אַלס כאַאָס, אַ תהו ובהו, וואָס האָט קיין אָנהויב ניט און ווייס על כן ניט פון קיין אויטאָריטעט און געזעץ.

אויב דאָס זאָל אַזויווירקלעך זיין, דעמאָלט וואַרפט זיך אין די אויגן דער ווידערשפּרוך צווישן דער וואונדערלעכער געזעצלעכקייט אין דער נאַטור, אין דער באַוועגונג פון די פּלאַנעטן און צייטן פון יאָר, פון איין זייט, און דעם אמתן כאַאָס, וועלכן מ׳באַמערקט אין דער מענטשלעכער וועלט, הגם דער מענטש איז דאָך די העכסטע און לעצטע מדרגה פון דער „נאַטור״.

אָן ענטפער און אַ לייזונג קען מען אפשר געפינען, און דוקא אין גייסט פון פּרוידס פעסימיסטישן קוק אויף דער מענטשלעכער נאַטור, ווען מ׳נעמט אָן, אַז דער כאַאָס אַרום דעם מענטשן איז ניט מער ווי די פאַרגרעסערטע אָפּ-שפּיגלונג פון דעם אינערלעכן, פּסיכישן תהו ובהו, דעם שטרייט צווישן די אינסטינקטן, ליידנשאַפטן און שטרעבונגען אין דעם מענטשן גופא. ווי געטע האָט זיך אַמאָל אויסגעדריקט:

Nichts ist innen, nichts ist draussen
Denn was innen ist, ist aussen.

דאָס בלייבט אָבער דאָך אַן אומקלאָרער פּלאַץ אין פּרוידס ביכל, וואָס איז אַ חוץ דעם, קריסטאַל-קלאָר און דייטלעך.

וואָס ס׳איז אָבער יאָ גאַנץ קלאָר פון דער פריער געבראַכטער ציטאַטע, איז אַז דער גאָטלאָזער פּרויד האָט פאָרט אַ גאָט, און זיין גאָט איז „לאָגאָס״ דער אינטעלעקט, די העכסטע באַגאַבונג פון דעם מענטשן. אויף אים לייגט ער די האָפנונגען, וואָס די גלויביקע, אין דעם געוויינלעכן זין, לייגן אויף זייערע העכסטע געטער.

דאָס איז, אַלזאָ, אַ גאַנץ זונדערבאַרער אַטעאיזם, אַ גאָטלאָזע רעליגיע מיט אַ גאָט „לאָגאָס״, וועלכן פּראָפעסאָר פּרויד שטעלט פאַר אונדז אַרויס. און דער אמת איז אַז די וויסנשאַפט איז פאַר אים די אמתע רעליגיע, ווי ער זאָגט עס האַלב-דייטלעך דאָ און דאָרט. נאַטירלעך, קען אַזאַ רעליגיע קיין שום מגע ומשא ניט האָבן מיט דער קריסטאָלאָגיע, דאָס הייסט מיט אַ לערע וועגן גאָטס איינציקן אויסדערוויילטן זון, וועלכער האָט זיך מקריב געווען כדי אויס-צוקויפן דורך זיין טויט די זינד פון אַלע מענטשן-קינדער. דאָס איז אַ געוועב פון דאָגמעס, וואָס האַלט ניט אויס קיין וויסנשאַפטלעכע קריטיק. אָבער ניט יעדע רעליגיע איז אַזוי ענג פאַרקניפּט מיט אַ שפּינוועבס פון דאָגמעס ווי דאָס קריסטענטום. דאָס אידנטום גופא איז אַ גוטער ביישפּיל פון אַ פולער וועלט-אַנשויאונג, אין צענטער פון וועלכער ס׳ליגט די אידייע פון „לאָגאָס״, פון שכל

און מאָראַל, און אַרום און אַרום ציען זיך אויס אַ סך קרייזן פון סימבאָלן און פּרינציפּן פון פּראַקטישער לעבנס־פירונג, אָבער ניט קיין הייליקע דאָגמעס.

דער פּסיכאָאַנאַליטישער קריטיציזם האָט, הייסט עס, ווינציק וואָס געמיינזאַמעס מיט דעם געוויינלעכן, סקאַרבאָוון אַטעאיזם, וועלכער איז אויך אַ פאָרמע פון אַ מין בלינדער, ניט־באַרירבאַרער דאָגמע. פרויד שטרעבט, און גלויבט, אַז ער קען עס צופירן צו אַ מין סינטעז פון וויסנשאַפטלעכע מעטאָדן און דעם גלויבן אין דער מאַכט פון „לאָגאָס". נאַטירלעך, שטעלט ער דעם טראָפּ אויף דעם צענטראַל־פּונקט פון דער וויסנשאַפטלעכער מעטאָדע — לאָגיק און באַוייז. אָבער אין די מיסטעריעזע פראַגן פון לעבן האָבן דאָך לאָגיק און באַוייז קיין גרויסן פּלאַץ ניט. אָט, למשל, זאָל אימעצער זאָגן וואָס איז דער לאָגישער זין פון דעם מענטשלעכן לעבן? ער לעבט אָפּ זיינע קורצע יאָרן ווי אַ פליג, און פאַרגייט אָן אַ שפּור אין דער אייביק־לעבעדיקער וועלט! וואו איז דאָ מעגלעך אַ באַוייז, אַז דער מענטש קען לעבן, אָדער דאַרף און וועט לעבן, דוקא אין איינקלאַנג מיט די העכערע באַגריפן, וועלכע דער „לאָגאָס", דער גאָט פון זיגמונד פרויד, דיקטירט כלומרשט די מענטשנקינדער?

דאָס דאַרף, מיט אַנדערע ווערטער, מיינען, אַז נאָך פיל נויטיקער ווי אַ רעליגיע פון וויסנשאַפט, ווי דאָס וויל האָבן פרויד, איז היינט צו טאָג נויטיק אַ רעליגיע פון כאַראַקטער־פעסטקייט, פון אַ נאָבעלן מענטשן־ווילן. דער פּראָגרעס פון דער וויסנשאַפט איז ניט געגאַנגען פוס אין פוס מיט דער פאַרשטאַרקונג און פאַרטיפונג פון ווילן. דוקא פאַרקערט — וואָס טיפער און ברייטער ס'איז געוואָרן דער פאַרנעם פון דער וויסנשאַפט, אַלץ פלאַכער און שמעלער איז געוואָרן דער כאַראַקטער און ווילן פון דעם דורכשניטלעכן מענטשן. די לענדער, וואו די וויסנשאַפט האַלט אָפּ אירע נצחונות טאָג אַיין טאָג אויס — אַמעריקע, ענגלאַנד און דייטשלאַנד — זיינען אויך די לענדער מיט דער פולער און אומבאַשרענקטער הערשאַפט פון די אידעאַלן פון דעם „קליין־מענטשעלע", פון דעם זעלבסטצופרידענעם בירגערטום.

די גאַנצע גייסטיקע קאַריערע פון זיגמונד פרוידן גופא איז דוקא אַ באַוייז פון אַזאַ טענדענץ. ער האָט מיט גרויס טאַלאַנט און ענערגיע זיך באַמיט צו באַווייזן, אַז דער געשלעכטס־אינסטינקט שטייט ניט נאָר הינטער און אונטער יעדער נערוועזישקייט, נאָר באַאיינפלוסט אויך אַלע רעגונגען, ציאונגען און בייגונגען פון דעם מענטשן. ניט אַריינלאָזנדיק זיך אין אַן אַנאַליז פון אַזאַ השערה, לאָמיר אָננעמען אויף אַ רגע, אַז פרויד איז אינגאַנצן גערעכט. דאַן שווימט גלייכצייטיק טאַקע אַרויף די פראַגע: צי איז די גאַנצע אַטמאָספערע פון די לעצטע 75 יאָר אין דער אייראָפּעאישער ציוויליזאַציע פון פאָרשונג און שכל ניט מסוגל געווען אַוועקצושטעלן דוקא אַ חיהשע פונקציע פון דער אינסטינקטיווער געשלעכטלעכער הנאה אין צענטער פון אַלע מענטשלעכע אינטערעסן? אין דער דאָזיקער עפּאָכע האָט דער אינטעלעקטואַליזם און די טעכניק אָפּגעהאַלטן זייערע גרעסטע נצחונות, אָבער כמעט אומעטום האָט אויך געזיגט די גראָבע, מאַטעריאַליסטישע פאַרגעטערונג, וואָס ווייס קיין

גרענעץ ניט פון געלט און פון די געשלעכטלעכע געפילן, דאָס הייסט די ערגסטע פאַרפלאַכונג און דערנידערונג פון דעם מענטשלעכן כאַראַקטער.

אַזוי האָט די צייט גופא געאַרבעט פאַר דעם גרויסען דערפאָלג פון פרוידס לערע.

ס'איז קיין וואונדער ניט, וואָס דער גאַנצער טאָן פון פרוידס נייסטן ביכל איז דורכגעדרונגען מיט אַ טונקעלער מעלאַנכאָליע. איצט, אַז ער שטייט ביים שוועל פון טויט און וואַרפט אַ בליק אויף זיין לאַנגן און דאָרנדיקן וועג, קעמפן אין אים ווייזט אויס צווישן זיך: אַ גרינגשעצונג, אַ פעסימיזם, און אַ פאַר־צווייפלונג אין דעם מענטשנס נאַטור און — הייסער גלויבן אין דעם אַבסטראַקטן גאָט פון גוטס — „לאָגאָס“. ער, וואָס האָט אַליין אַזוי פיל געהאָלפן אויסצו־געשטאַלטן דאָס גייסטיקע לעבן פון די לעצטע 50 יאָר, איז אַלזאָ אַ לעבעדיקער און טראַגישער סימבאָל פון דער אומזיכערקייט, פראָבלעמאַטישקייט און ציל־לאָזיקייט פון דער היינטיקער ציוויליזאַציע.

1928

די חכמה פון יהוה־אַנטראָפּאָמאָרפיזם

א.

די מענטשן אונטערשיידן זיך גוואַלטיק שטאַרק לויט זייערע אינדיווי־דועלע גייסטיקע אייגנשאַפטן. די איינגעבוירענע פעאיקייטן זיינען ניט די זעלביקע ביי אַלעמען. די קאָנטראַסטן צווישן דעם דורכשניטלעכן „נאָרמאַל־מענטש" און דעם וואָס איז באַגאַבט פון דער נאַטור מיט טאַלאַנט און גייסטיקע כוחות, — אָט די קאָנטראַסטן זיינען אַזוי אָנזעעוודיק, אַז קיין סך דאַרף מען וועגן דעם ניט ריידן. די אומצייליקע שאַטירונגען און ניואַנסן פון דער גייס־טיקער דיפערענציאַציע מאַכן די מענטשן אינדיווידועל פאַרשיידנאַרטיק אין זייער גייסטיקן מהות. אין אָט דעם פּרט זיינען מיר מענטשן גייסטיק פונקט אַזוי דיפערענצירט, אייגנאַרטיק און אינדיווידואַליזירט ווי מיר זיינען עס לויט אין פּנים און די אַנדערע קערפּערלעכע טיילן, און לויטן הילוך, האַנט־שריפט, שטים און אַלערליי אַנדערע באַנעמונגען וואָס וואַרפן זיך אין יעדערנס אויגן: ניטאָ קיין צוויי גאַנץ ענלעכע צווישן זיך מענטשן.

אָבער עס איז נאָך דאָ אַ צווייטער פאַקטאָר פון גייסטיקער דיפערענציאַ־ציע. די אויבן באַשריבענע דיפערענציאַציע שטאַמט פון דער נאַטור, און די צווייטע קומט פון דער קולטור. מיר מיינען דאָ די דיפערענציאַציע פון די מענטשן־יחידים לויט דער אינדיווידועלער שטופע פון זייער גייסטיקער אַנט־וויקלונג. דאָ האָט דער מענטשלעכער גייסט נאָך פון זיין זייט געגומען גוואַלדיק קאָמפּליצירן יענע פאַרשיידנקייט וואָס די נאַטור האָט געשאַפן, מיט וועלכער דער מענטש קומט, אַזוי צו זאָגן, אַראָפּ אויף דער וועלט. די קולטור, די גייסטיקע קולטור, דער וואוקס פון בילדונג און עטיש־עסטעטישע פאַרפאַל־קאָמונג, באַזירט זיך אויף די אָנגעזאַמלטע אוצרות פון קאָאָרדינירטע באַאָב־אַכטונגען, וויסנשאַפטלעכע פאָרשונגען, ליטעראַטור און קונסט שאַפונגען — מיט איין וואָרט: אויף אומצייליקע טויזנטער מאַטעריעלע און גייסטיקע ווערק, אויף געדרוקטע און ניט־געדרוקטע ביכער. פון זיי, דורך די אוניווערזיטעטן, מוזייען און ביבליאָטעקן, גייען אַרויס די שטראָמען וואָס ברענגען שפע צו אַלץ ברייטערע גייסטיקע שטחים. אַזוי שאַפן זיך נייע קונסטווערק און געלערנטע ביכער, ביכער איבער ביכער, און ביכער איבער ביכער איבער ביכער וועגן ביכער — מי־ליאָנען ביכער און זשורנאַל־אַרטיקלען וואָס באַרייכערן דעם וויסן פון יענע צענדליקער מיליאָנען, וואָס זיינען אַליין ניט קיין דענקער, פאָרשער אָדער קינסטלער. אָן זיי, וואָלט דער גייסטיקער שאַפונג פּראָצעס פון די וויסנשאַפט־לעכע און עטיש־רעליגיעזע גדולים אַליין אויך קיין זין ניט געהאַט. מען קען אָבער שוין פאַרשטיין, וואָס פאַר אַ גוואַלטיקע גראַדואַציע, אָפּשטופונגען און

ניואַנסן פון דער גייסטיקער אַנטוויקלונג־מדרגה קענען געמאָלט זיין צווישן די מיליאָנען אַזוי גערופענע „געבילדעטע״ (און ווער איז עס ניט אין אַ צייט פון שול־צוואַנג ?), פון איין זייט, און די אמתע גייסטיקע ריזן, פון דער צווייטער זייט. יענע ריזן פון גייסט און וויסן וואָס האָבן, ווי דער רמב״ם, אָדער ווי לייבניץ און געטע אין דער נייערער צייט, אין זיך איינגעזאַפּט דעם גאַנצן וויסן, אַלע אָנגעזאַמלטע אוצרות און אַלע גייסטיקע אינטערעסן פון זייער צייט און קולטור־קרייז.

דאָס גיט כאָטש אַ באַגריף פון יענע אונטערשיידן אין דער גייסטיקער אַנטוויקלונג־שטופע לויט דעם איינגעזאַפּטן, פאַרדייטן און אַסימילירטן אינ־טעלעקטועלן לערשטאָף, וועלכער שפּייזט די קולטור־טראַדיציע וואָס גייט אַריבער פון דור צו דור.

ב.

ביי אַזעלכע אומגעהייערע אונטערשיידן אין די מיטגעבוירענע גייסטיקע באַגאַבונגען און אינטעליגענץ־שטריכן צווישן די מענטשן ; ביי דער נאָך פיל קאָמפּליצירטערער דיפערענציאַציע, וואָס איז דער פועל יוצא פון דער בילדונג און קלענערער אָדער גרעסערער גייסטיקער אַנטוויקלונג — פרעגט זיך: קען דען געמאָלט זיין פאַר אַלע מענטשן איין אַלגעמיינע, געמיינזאַמע קאָנצעפּציע פון דעם צענטראַלן און העכסטן באַגריף אַלס תמצית פון דעם וועלטאַל, פון גאַנצן קאָסמישן לעבן ? איין סופער־מאָדעל פונעם אידעלסטן, עטישסטן וועזן ? איין העכערער מאָראַלישער אידעאַל פאַר אַלע מענטשן־קינדער ? אַנדערש גערעדט : קען דען געמאָלט זיין אַ קאָנצעפּציע פון גאָט וואָס זאָל, שוין ניט אָקצעפּטירט, נאָר כאָטש באַנומען, באַגריפן ווערן פון אַלעמען, פון אַלע מענטשן ניט געקוקט אויף דער אומגעהייערער גראַדואַציע אין זייער אינטעלעקט, אינטעליגענץ און גייסטיקן וועזן ? און דאָך וויל דאָך, מוז דאָך יעדע רעליגיע, יעדע וועלט־און לעבן־באַנעמונג סיסטעם, וואָס שטרעבט צו אַן אוניווערסאַלער גילטיקייט, קודם־כל האָבן געשאַפן אַזאַ גאָט־קאָנצעפּציע וואָס זאָל פאַר אַלע מענטשן זיין צוגענגלעך, פאַרשטענדלעך, אינטים־נאָענט און טייער.

ס׳פאַרשטייט זיך, אַז דער גאָט־באַגריף דאַרף אין אַזאַ פאַל זיין אַזאַ, וואָס אי ער זאָל זיך לאָזן רעדוצירן צו אַ פאַרשטעלונג וואָס איז צוגענגלעך אפילו פאַרן פּרימיטיווסטן אָדער גאָר קנאַפּ באַגאַבטן, אויך ניט קיין אַנטוויקלטן מוח ; אי ער, דער גאָט־באַגריף, זאָל ווערן דערהויבן צו אַ מדרגה וואָס קען אַנט־קעגנקומען דער השגה־קראַפט, דעם גייסטיקן אויסשטאַטונג־מצב און עטישן באַנעם פון אַ גאָר גרויסן גאון אין דער וויסנשאַפט אָדער פילאָזאָפיע.

דורך אַן איינפאַכער מאַטעמאַטישער אַנאַלאָגיע וואָלט מען דאָס געקענט איבערגעבן אָט אַזוי. איר האָט פאַר זיך אַן אומגעהייערע מאַסע „דראָב״, ברוכצאָלן פון אַלע מינים, קליינע צאָלן, אַלע אונטער אַן „איינס״ אפילו ; איר וואָלט זיי וועלן פאַרגלייכן צווישן זיך, קאָאָרדינירן זיי, אויפלייגנדיק די קליינ־וואַרג אין איין גרעסערער סומע, מאַכן, מיט איין וואָרט אַזוי, אַז זיי זאָלן קענען

קאָאָפּערירן צווישן זיך ווי גלייכע מיט גלייכע. דאַרפט איר דאָך, קודם־כל, די ברוך־צאָלן („פּרעקשאָנס") דערפירן צו אַן אַלגעמיינעם באַנענער (דענאָ־מינייטאָר). ביי גאָר אַ סך ברוכצאָלן מיט פאַרשיידענע באַנענערס וועט דער אַלגעמיינער באַנענער — אָט דער „צד השווה" פון זיי אַלע — מוזן זיין אַן אומגעהייער גרויסע ציפער. ערשט אין אַזאַ פאַל וועלן די קליינע ברוכצאָלן ניט נאָר זיין מעסטבאַר, פאַרגלייכבאַר צווישן זיך, נאָר וועלן אויך פון אַ הויפן ווילדע ציפערן פאַרוואַנדלט ווערן אין אַ „גאַנצקייט", אין אַ סומע וואָס ברענגט אַרויס קלאָר און דייטלעך זייער זין און אינהאַלט יחידיש (איינציקוויז, איינע אַנטקעגן די אַנדערע) און קאָלעקטיוו (ווי אַ סומע פון קליינע צאָלן אין איין גרויסן סכום).

מ׳קען זאָגן, אַז אַן אוניווערסאַלער גאָט־באַגריף איז אויך אַ מין אינטע־לעקטועלער און עטישער אַלגעמיינער באַנענער פאַר דער אומגעהייערער מאַסע ברוכצאָלן־יחידים, און טאַקע נאָר דורך אָט אַזאַ „צד השווה" קענען אָט די איינצלנע, „ווילדע" יחידים סומירט ווערן אין עפּעס אַ זינפולן, קאָאָרדינירטן קאָלעקטיוו. גאָט, אָט דער „געזעלשאַפטלעכער אַלגעמיינער באַנענער", מוז, מיט איין וואָרט, האָבן אַ צד השווה, מוז זיין קאַאַדעקוואַט אפילו מיט דער קלענ־סטער, מיט דער לייכטוואָגיקסטער ברוכצאָל. דאָס מיינט, די גאָט־קאָנצעפּציע מוז זיין ממשותדיק־קאָנקרעט, צוגענגלעך און באַגרייפבאַר אפילו פאַר דער פרימיטיוווסטער אינטעליגענץ. און צוגלייך דאַרף דער זעלבער גאָט־באַגריף, די העכסטע גייסטיקע קאָנצעפּציע, דערשיינען אין אַזאַ גייסטיק ראַפינירטער, טעאָרעטיש טיפגרייכנדיקער און אָנציענדיקער פאָרם, אַז זי זאָל אַפּעלירן, סטימולירן און דערפרייען אויך דעם אינטעלעקטועלן אָדער עטישן גאון. ערשט אַזאַ „גאָט" וועט אויך באַשאַפן אַ „פאָלק", דאָס הייסט ניט קיין קבוץ פון אָפּגעזונדערטע יחידים, וואָס יעדער איינער איז אַ שטיקל ברוך, אפילו קיין איינס ניט, נאָר וועט שאַפן אַ קהל, אַ קולטורעלן קאָלעקטיוו, אַ האַרמאָנישע מאַסע פון אומצייליקע מענטשן מיט געמיינזאַמע גייסטיקע און עטישע טראַ־דיציעס און ווערטן, וואָס רעגולירן דעם אויפפיר און דעם וועלט־באַנעם, גיבן אַן עטיש־עסטעטישן „פּנים" דעם יחיד און דעם כלל.

ג.

ווי מיר שיינט, איז בלויז דאָ איין גאָט באַגריף וואָס זאָל אָט די אַלע פאָדערונגען דורך און דורך אַנטשפּרעכן, און דאָס איז יהוה, דער יידיש־ביב־לישער גאָט־באַגריף. לאָמיר אים נאָענטער באַטראַכטן, און מיר וועלן זען: פון איין זייט, איז ער אומגעהייער גרויס אין פאַרנעם, ער איז אַלץ און אין אים איז אַלץ, וואָס ס׳איז דאָ, וואָס איז געווען און וואָס וועט זיין (אהיה אשר אהיה), און פון דער אַנדער זייט שטעלט אים דער זעלבער מקור פון אונדזער וויסן וועגן אים — דער תנ"ך — אַרויס אַזוי איינפאַך אַנטראָפּאָמאָרפיש, דורך און דורך מענטשלעך, מיט אַלע חושים (אפילו ווי כעס און קנאה), רעאַגיר־פאָרמען, באַנעמונגען און מיט דער גרעסטער מאַכט־פאַטענץ פון די מענטשלעכע וועזנס. קען דען אפילו דער פרימיטיוווסטער מענטש, דער גאַנץ אומאַנטוויקלטער,

מיטן קלענסטן פונק פון מענטשלעכקייט אָט אַזאַ גאָט־באַגריף ניט זייער לייכט באַנעמען?

זיך אומקערנדיק צו אונדזער מאַטעמאַטישער אַנאַלאָגיע: די געזוכטע צאָל דאַרף ערשט זיין גוואַלדיק גרויס, כדי צו ווערן דער געמיינזאַמער דענאָמינײטאָר, דער צד השווה, פאַרן קלענסטן ווי פאַרן גרעסטן פון די ברוכצאָלן, און צוגלייך אויך דער פאַרבינדנדיקער צעמענט, וואָס ווערט פון דעם הויפן קלײנינקע צאָלן דאָך מאַכן אַ גאַר גרויסע איינהייט — איין קהל אָדער פאָלק. און אויב די ברוכצאָל איז מיט איר פריערדיקן דענאָמינייטאָר טאַקע געווען אַ קליינע ביז גאָר, וועט זי איצט, מיטן גרויסן געמיינזאַמען דענאָמינייטאָר, איבּהאַלטלעך אויך גרעסער אָדער קלענער ניט ווערן (ווייל דער ציילער וועט זיך פּראָפּאָרציאָנעל פונקט אַזוי פאַרגרעסערן ווי דער באַנענער), וועט ניט באַקומען קיין גרעסערע אָדער קלענערע וואָג אין זיך און פאַר זיך. מ'וועט זי אָבער מאַכן פאַר אַ טייל פון אַ סומע, פון אַ קהל, און דורך דעם גופא וועט זי אויך איר אייגענע וואָג, קליין ווי זי זאָל ניט זיין, ארייננגעבן אין סך־הכל פון דער גאַנצער מאַסע אַזעלכע קליינע צאָלן ווי זי אַליין.

אָט פון אַזאַ שטאַנדפונקט באַקומט דער יהוה אַנטראָפּאָמאָרפיזם אַ געוואַלטיקע באַדייטונג און וויכטיקייט. פאַרן פרימיטיווסטן אָדער אומאַנטוויקלטן מענטשן איז גאָט פּאָרט אַזוי איינפאַך און פאַרשטענדלעך ווי דער אייגענער פאָטער, דער נאָענטסטער און באַקאַנטסטער מענטש, אָדער ווי דער מלך, דער מעכטיקסטער און גרעסטער מענטש; און פאַר אַן אַנטוויקלטן יחיד־גאון, ווי אַ רמב״ם, ווי דער פילאָזאָף הערמאַן כהן, איז דער יהוה גאָט־באַגריף די קווינטעסענץ פון דער העכסטער טעאָסאָפיע, פון דער געטלעכער און מענטשלעכער חכמה און עטיק.

דער יהוה־באַגריף פון תנ״ך, וואָס איז אין אַלע זיינע אַספּעקטן און אימפּליקאַציעס, אַזאַ מאָנומענטאַלע, מאַיעסטעטישע און אייביקע קאָנצעפּציע, האָט נאָך געפונען אַ פולערע און פּרעכטיקערע אַנטוויקלונג אין דער שפּעטערדיקער יידישער שאַפונג — אין תלמוד, מדרש, קבלה, רעליגיעזער פּאָעזיע און פילאָזאָפיע פון שפּאַנישן פעריאָד, אין חסידות און לומדות; גאָר באַזונדערס אין דער ימים־נוראים ליטורגיע, אין אָט די אויסגיסונגען פון דער פאָלקס־האַרץ און פאָלקס־נשמה.

אומעטום איז דער אַנטראָפּאָמאָרפיזם קלאָר און בולט — גאָט איז טאַקע דער פאָטער, דער מלך, דער שופט און דער שומר פון פאָלק ישראל. און אומעטום, פאַר די וואָס האָבן גייסטיקע אויגן, עפנט זיך אַן אומענדלעכע אַלקאָסמישע גאָט־אידייע, וואָס איז פיל ברייטער און טיפער פון פּאַנטעאיזם, וואָס אידענטיפיצירט אין זיין גייסטיקער פשטות גאָט און די נאַטור. די טרוקענע, גייסטיק־אָרימע משכילים פלעגן, למשל, אַמאָל זוכן און געפינען דעם פּאַנטעאיזם אין מחזור, אין דער יום כפור נעילה. דאָרט פלעגן זיי, מיט שטאָלץ אויף זייער פלאַכער באַקאַנטשאַפט מיט ספּינאָזען, טייטלען אויף דעם פשט פון פסוק — „הנקרא יה טבע״, קאָמבינירנדיק די דריי ערשטע ווערטער פון דריי באַזונדערע

פסוקים אין איין איינציקער תפלה. זיי האָבן נעבעך ניט געוואוסט, אַז דער יהוה באַגריף איז ענלעך צום פּאַנטעאיזם פון די מוח־פילאָזאָפן ווי אַ ים צו אַ טראָפּן רעגן־וואַסער.

ד.

דער זין און מיין פון יידישן טעאָ־אַנטראָפּאָמאָרפיזם, פון דעם יהוה־באַגריף, איז, חוץ זיין גרויסער פאָלק־שאַפנדיקער און צוגלייך אוניווערסאַלער אידייע, דערהויפּט אַ דערציערישער; דאָס מיינט, אַן עטיש־נאָרמאַטיווער. אין אַ גאָט־באַגריף וואָס איז צוגענגלעך פאַר יעדן איינעם וואָס טראָגט נאָר אַ מענטשלעכע געשטאַלט, ווי קליין זיין גייסטיקער תוך זאָל ניט זיין; אין אַזאַ גאָט־באַגריף וואָס רעדוצירט זיך פאַר איין מענטשן בלויז אַלס מעטאַפאָר און פאַר דעם אַנדערן אַלס אַ ממשותדיקע אידייע פון אַ פאָטער אָדער מלך; אין אַט אַזאַ גאָט־באַגריף איז לייכט ווי אין אַ ברענפּונקט צוזאַמענצופירן אַלע שטראַלן פון אַ הויכער גייסטיק־עטישער וועלט־אויפפאַסונג, פון אַ קעגנזאַץ צווישן דעם וואָס מיר, מענטשן זיינען און וואָס מיר וואָלטן געדאַרפט זיין. איינעקע מאָל אום יום־כפור זאָגט, למשל, דער איד צו זיין גאָט:

אנו עזי פנים — — — — — — — — — ואתה רחום וחנון
אנו קשי ערף — — — — — — — — — ואתה ארך אפים
אנו מלא עון — — — — — — — — — ואתה מלא רחמים
אנו ימינו כצל עובר — — — — — — — ואתה הוא ושנותיך לא יתמו.

וואָס פאַר אַ פּסיכאָלאָגישע חכמה שטעקט אין די פיר שורות! די ערשטע דריי זיינען אינגאַנצן אין גייסט פון אַ רעליגיעזן אַנטראָפּאָמאָרפיזם, הגם פריי פון הכנעה אָדער גאָר חניפה. גאָט איז דער טרעגער פון ריין־מענטשלעכע אידעאַלן — רחמים, בנעימותדיקע געדולד, מילדע גוטסקייט און ליבלעכע איינזעעניש. דער מענטש, ווידער, ווערט כאַראַקטעריזירט ווי ער איז, וואָס איר זאָלט ניט זאָגן... אָבער דאָ קומט דאָס אינטערעסאַנטסטע. פּונקט ווי דער מחבר וואָלט בנבואה דערשפּירט, אַז ס׳וועלן נאָך אַראָפּקומען די „גאָטלאָזע רעבעלן״, ווי אַ באַקונין אָדער אַ ניטצשע, וואָס וועלן אויפהויבן אַן „איקאָנאָ־קלאַסטישן״ אַנטי־הכנעה פּראָטעסט, אין נאָמען פון דער מענטשלעכער ווירדע (וואָס דאַרף קיין שום העכערן וועזן ניט דולדן אָדער גאָר אָנערקענען: דער „איבערמענטש״ איז איבער אַלץ אין דער וועלט), פּונקט ווי דער מחבר פון דער תפלה וואָלט דאָס אַלץ פאָרגעפילט, האָט דער ליטורגישער פאַרפאַסער צו די דריי ערשטע שורות נאָך צוגעשטעלט די לעצטע. זי איז שוין ווייט ווי מערב פון מזרח פון יעדן אַנטראָפּאָמאָרפיזם; דאָ איז פאַרקערט שוין דער צווייטער פּאָלוס פון דעם מוראדיק ברייטן און טיפן יהוה־באַגריף, נעמלעך דער אַלקאָסמישער און אייביקער אַספּעקט פון דעם יידישן גאָט־באַגריף. און ווי פּאָעטיש שיין, ווי האַרציק איינפאַך און טיף רירנדיק איז דערביי נאָך אויסגעדריקט די טראַגיק פון דער ערדישער עקזיסטענץ אונדזערער: ניט ווי אַ

פעסטער שאָטן (פון אַ בוים, אָדער וואַנט) איז דעם מענטשנס לעבן, נאָר ווי אַ שאָטן פון אַ פליענדיקן פויגל איז די אומבאַשטימטע, אומבאַשטענדיקע און אומבאַשטימבאַרע מענטשלעכע עקזיסטענץ.

אויפן ביישפיל פון דעם יהוה־אַנטראָפּאָמאָרפיזם קענען מיר בכן זען ניט בלויז די פּילזייטיקייט און רייפקייט פון די יידישע עטישע השגות, נאָר אויך די אַנטראָפּאָלאָגיש־פילאָזאָפישע טיפקייט (דעם פּסיכאָלאָגישן זעלבסט־אַנאַליז און זעלבסט־דערקענונג פון דער מענטשלעכער נאַטור), ווי אויך דעם פּאָעטישן צויבער, די גייסטיקע פּאַרבן־פּראַכט פון די אייביקע עטיש־עסטעטישע אוצרות מיט וועלכע די יידישקייט־לערעס האָבן באַרייכערט די מענטשהייט.

.5

יידן אין ביאַליסטאָק

(געשיכטע און זכרונות)

דער אָנהויב פון דער יידיש סאָציאַליסטישער אַרבעטער־באַוועגונג אין ביאַליסטאָק

די ברייט־פאַרשפּרייטע מיינונג וועגן ווילנע אַלס געבורט־אָרט פון דער יידישער אַרבעטער־באַוועגונג אין רוסלאַנד איז נישט קיין גאַנץ ריכטיקע. אמת, אין ווילנע איז געשטאַנען דאָס וויגעלע פון דער יידישער סאָציאַליסטישער אינטעליגענץ, מיט אהרן ליבערמאַן (1843—1880) — דער פאָטער פון סאָציאַליזם אויף דער יידישער גאַס — אין דער שפּיץ, אויך וואונדערלעכע טיפּן פון יידישע פאָלקס־אינטעליגענטן, ווי חיים־יאַנקל העלפאַנד (ז. ליטוואַק), און פון „האַלבע אינטעליגענטן", ד. ה. אַרבעטער וואָס האָבן דערוואָרבן דורך זעלבסט־בילדונג אַביסל וויסן און שפּראַך־קענטעניש און געווירקט לטובת דער סאָציאַליסטישער פּראָפּאַגאַנדע און אַגיטאַציע, אָט־די טיפּן האָט ווילנע געהאַט לרוב.

אָבער וואָס שייך די מאַסאָווע אַרבעטער־אַרויסטרעטונגען, דאָס מיינט — אַן אַרבעטער מאַסן־באַוועגונג, איז אין ווילנע אויפגעקומען ערשט שפּעטער ווי אין אַנדערע גרויסע אַרבעטער־צענטרען ביי יידן אין צאַרישן רוסלאַנד, ווי וואַרשע, ביאַליסטאָק, סמאָרגאָן, און אַנדערע שטעט.

נאָך אין די 1870־ער יאָרן, האָבן אין ביאַליסטאָק געסטרייקט פּרויען־אַרבעטער אין אַ טאַבאַק־פאַבריק. זיי האָבן פאַרלאַנגט מען זאָל זיי אָפּטיילן דורך אַ ספּעציעלער מחיצה פון די מענער. אין מערץ 1878 האָבן אין קנישין פאַרסטרייקט 105 אַרבעטער אויף אַכט פאַבריקן, ווייל די בעלי־בתים האָבן געקירצט דעם לוין פון 23 קאָפּיקעס אויף 19 קאָפּיקעס אויף אַן אַרשין אויסגעאַרבעטע טוך־וואַרע. אין מאַי 1878 האָבן אין סופּראַסלע געסטרייקט 134 טעקסטיל־אַרבעטער. אין ווילנע, וואו עס זיינען געווען מער פאַבריקן ווי אין און אַרום ביאַליסטאָק, האָט מען נאָך אַזוי פרי פון סטרייקס נישט געוואוסט.

אין ווילנע איז אָבער גאָר פרי אויפגעקומען אַן אַקטיווע גרופּע פון יידישע סאָציאַליסטישע אינטעליגענטן. אַזאַ גרופּע יידישע „סאָציאַליסטן־אינטערנאַציאָנאַליסטן" האָט זיך אָרגאַניזירט אין אָנהויב פון די 1890־ער יאָרן. זיי האָבן באַשלאָסן זיך אַרויסצולאָזן און אַרבעטן איבער דער פּראָווינץ, וואו עס לעבן יידישע אַרבעטער־מאַסן, כדי זיי וועקן און דערמוטיקן צום סאָציאַלן קאַמף. די ערשטע סאָציאַליסטישע שליחים פון ווילנע קיין ביאַליסטאָק זיינען באָריס באָגיוואור, אהרן זאַלקינד, אברהם באַסקין (עלטערער ברודער פון לאַנגיעריקן גענעראַל־סעקרעטאַר פון אַרבעטער־רינג, יוסף באַסקין). נאָך זיי זיינען קיין ביאַליסטאָק אַראָפּגעקומען ש. גאָזשאַנסקי (מיט די פּאַרטיי נעמען „לערער" און „לנו"), ליובאַ אייזנשטאַט, נחום ליוושיץ,

שיינע־רייזל סעגאַל און זלמן דער סטאָליאַר, אַליין אַ ביאַליסטאָקער, און נאָך זיי איז געקומען קיין ביאַליסטאָק הלל בלום.

גאָזשאַנסקי, דער באַקאַנטסטער פון די ערשטע פּיאָנערן פון סאָציאַליס־טישער פּראָפּאַגאַנדע צווישן יידן אין ליטע ביז 1900, איז אָנגעקומען קיין ביאַ־ליסטאָק פון ווילנע אין אָקטאָבער 1895. מיר האָבן געזען אַ פּראָטאָקאָלירטן רעקאָרד פון גאָזשאַנסקיס איינדרוקן פון ביאַליסטאָק אין יענער צייט (גע־דרוקט אין אַ רוסישן זאַמלבוך: „רעוואָלוציאָנערע באַוועגונג צווישן יידן אין רוסלאַנד" (מאָסקווע, 1930). דערציילט דאָרט גאָזשאַנסקי אַט־וואָס:

„די ביאַליסטאָקער באַוועגונג פון יענער צייט איז שוין געווען זייער אָרי־גינעל. דאָרט האָט מען שוין געהאַט נישט נאָר די האַנט־ווערקעריי, נאָר אויך פאַבריקאַציע. צום ערשטן מאָל האָבן מיר דאָרטן אָנגעטראָפן אַן אמתע יידישע אַרבעטער־אינטעליגענץ. אין ווילנע זיינען געווען האַלב־אינטעלי־גענטן, גמרא־לערנערס; און דאָרט, אין ביאַליסטאָק האָבן מיר געפונען אמתע יידישע אַרבעטער, וואָס האָבן קיין שום אַנדערע שפּראַך חוץ יידיש נישט געקענט, אָבער אויף זייער שפּראַך זיינען זיי געווען דאָך היפש אינטעליגענט. זיי האָבן געהאַט געוויסע קולטור־קרייזלעך, נאָך איידער מיר זיינען געקומען צו זיי קיין ביאַליסטאָק.

ב. באַניוואור האָט אונדז צוזאַמענגעבונדן מיט דעם אמתן „שמאַנדט" פון די ביאַליסטאָקער יידישע אַרבעטער. אַזוינע אַרבעטער האָבן מיר אין ווילנע נישט געקענט. דאָס זיינען געווען אַנטוויקלטע אַרבעטער, וואָס האָבן צו דער רוסישער ליטעראַטור קיין שייכות נישט געהאַט. אָבער זיי האָט מען גוט גע־קענט צווישן די ביאַליסטאָקער אַרבעטער און זיי האָבן געפירט די מאַסע הינטער זיך. דאָס זיינען געווען אַרבעטער באַגלויבטע, מיט אויטאָריטעט און פּרעסטיזש, אומבאַדינגט אָרנטלעכע און די אַרבעטער־מאַסן האָבן זיי גע־טרויט אויף גאַנצע הונדערט פּראָצענט.

נאָך אַ שטריך איז כדאי אַרויסצוברענגען. אין ווילנע האָבן די באַווע־גונג אָנגעפילט דער עיקר יונגע יידישע אַרבעטער, פון 20־25 יאָר, עס איז שוין געווען ביז גאָר זעלטן אָנצוטרעפן אַ מאַן פון אַ יאָר 30, בעת אין ביאַ־ליסטאָק זיינען די אַרבעטער, וואָס איך רייד איצט וועגן זיי, געווען מענטשן פון אַ יאָר 40־45, פאַמיליען־לייט, און די יוגנט האָט זיי מיט התלהבות און צוטרוי, נאָכגעפאָלגט. פאַר אונדזער קומען אַהינצו זיינען שוין דאָרט, אין ביאַליסטאָק, געווען טעטיק עכט קולטור־טרעגערישע יידישע אַרבעטער־אָרגאַניזאַציעס (געמיינט מסתמא די דעמאָלט שטאַרק פאַרשפּרייטע אין ביאַ־ליסטאָק חיבת־ציון קרייזלעך און אַזוינע אָרגאַניזאַציעס ווי „פּועלי צדק" א. א. פון יידישע בעלי־מלאכות און געזעלן, וואָס האָבן זיך געקענט פונאַנ־דערקלייבן אין די שוואַרצע פּינטעלעך און געפילט אַן אינטערעס צו די יידיש־נאַציאָנאַלע אידעאַלן און שטרעבונגען).

עס האָט זיך שטאַרק געוואָרפן אין די אויגן דער אונטערשייד צווישן אַט־די היפש קולטורעלע יידישע אַרבעטער און דער קליינבירגלעכער יידי־שער מאַסע, וואָס האָט אין ביאַליסטאָק די אַרבעטער אַרומגערינגלט. אַזוי שנעל ווי מיר האָבן זיי אויפגעקלערט, און זיי האָבן פאַרשטאַנען, וואָס אַזוינס

עס מיינט מאַרקסיזם און דער קלאַסן־קאַמף, דאַן האָבן זיי שוין אויפגעהערט אָפּצוגעבן זיך מיט ספּעציעל יידישע קולטור־ענינים, און זיך פאַרנומען דווקא מיט די סאָציאַליסטישע פראַגן. דאָס איז געווען אַ ביז גאָר פיינע דערגרייכונג. אין ערגיץ האָבן מיר נישט געהאַט אַזאַ גרויסן דערפאָלג. אין אַ קורצער צייט איז אונדז געלונגען אויפצוהויבן די גאַנצע שטאָט און זי שטעלן אויף די פיס.

געקומען בין איך קיין ביאַליסטאָק אין אָקטאָבער 1895, און בין אַרעסטירט געוואָרן אין פעברואַר 1896. איך האָב דאָרט פאַרבראַכט 5 חדשים צייט. עס איז אָנגעגאַנגען דעמאָלט אין שטאָט אַ זייער שנעלע אַרבעט פון אָרגאַניזירן סטרייק־קאַסעס, פּראָפּאַגאַנדע־קרייזלעך א. ד. גל.

איצט (ד. ה. נאָך 1895) האָבן מיר אין ביאַליסטאָק געפונען געוויסע שפורן פון אַרבעטער־קאַמפן, וואָס מיר האָבן אין ווילנע נישט געהאַט געזען. בעת די סכסוכים פון די ביאַליסטאָקער אַרבעטער מיט די בעלי־בתים פלעגן זיך פאָרמירן אָרגאַניזאַציעס פון בלויז עלטערע מיטגלידער, אַ פּאָר געציילטע מענטשן, דאָס זיינען געווינלעך געווען פיזיש זייער שטאַרקע, קרעפּטיקע מענער און טאַקע מענטשן מיט גרויסער געוואַגטקייט; זיי פלעגן פּשוט געדונגען ווערן פון די אַרבעטער, כדי, דורך טעראָר, צו צווינגען די אונטערנעמער (ווי אַ שטייגער די יידישע באַזיצער פון טוך־וועבערייען, און די לוינקעטניקעס) נאָכצוגעבן די פאָדערונגען פון די אַרבעטער. קיין שום מאַסן־קאַמף איז דעמאָלט נאָך נישט באַקאַנט געווען. אָט־אַזאַ טעראָריסטישער קאַמף־מעטאָד האָט אין די אויגן פון די ביאַליסטאָקער אַרבעטער אויסגעזען פיל באַקוועמער, פּראַקטישער איידער יעדע אָרגאַניזאַציע, און נאָך דערצו אַן אומלעגאַלע, וואָס אין די ערשטע פּעריאָדן פון אַרבעטער־סאָציאַליזם ביי יידן, פלעגן די פּראָפּאַגאַנדיסטן פּרעדיקן און זוכן צו אָרגאַניזירן. קיין יידישע פּאָליציי־אַגענטן, קיין יידישע שפּיאָנען איז נאָך דעמאָלט נישט געווען. ערשט מיט עטלעכע יאָר שפּעטער, האָט דער באַקאַנטער הויכער זשאַנדאַר־קאָמאַנדיר זובאַטאָוו פאַרשטאַנען, אַז די „אָכראַנקע“ (געהיים־פּאָליציי) מוז אָנגעפילט ווערן אויך מיט „נאַציאָנאַליסטן“ (ד. ה. מאַכן ענדלעך שלום אויך מיט די יידישע „סאָציאַליסטן“, כדי זיי צו געווינען פאַרן ציוניזם, אַרויפצווינגנדיק אויף זיי אַ „לערע“, אַז יידן־רעוואָלוציאָנערן מוזן קודם־כל פירן נאָך אַן עקאָנאָמישן קאַמף קעגן זייערע יידישע קאָנקורענטן, אָבער אין דעם פּאָליטישן קאַמף זאָלן זיי זיך נישט מישן). דעמאָלט איז שוין געוואָרן ערגער (ד. ה. מען האָט די יידן נישט געקענט לייכט אויפהויבן צו רעוואָלוציאָנערע אַקציעס)“.

ווי עס דערציילט הלל בלום, וועלכער איז אָנגעקומען אין ביאַליסטאָק קורץ נאָך גאָזשאַנסקיס אַרעסט, פלעגט מען צווישן די ביאַליסטאָקער באַוואונדערן דעם אידעאַליזם פון די וואָס זיצן אין „ווייסן מויער“ (די אַלטע טורמע אויף וואַשילקאָווער גאַס). מען פלעגט דערציילן, אַז „לערער“ (גאָזשאַנסקי) האָט זיך געוואונטשן, אַז מען זאָל אים געבן אַ פאַרזאַמלונג פון 300 אַרבעטער, פאַר וועלכע ער זאָל קענען ריידן צוויי שעה פריי. דערנאָך וועט אים שוין ניט אַרן, אַז מען זאָל אים אַרעסטירן.

אין אויגוסט 1896, איז הלל בלום, דער נייער פּראָפּאַגאַנדיסט געשיקט

געוואָרן פון ווילנע, אַנגעקומען אין ביאַליסטאָק. אינטערעסאַנט איז דער ערשטער איינדרוק וועגן דער ביאַליסטאָקער אינטעליגענץ, וואָס ער האָט דאָרט באַקומען. ער שרייבט:

„ווען איך בין צום ערשטן מאָל אַרויס אויף דער פּאַראַדנער גאַס (געמיינט וואַשילקאָווער, וואו נישט ווייט פון ראָג דייטשער און מאַרק גאַס איז געווען אַ גרויסער בוך־געשעפט — קאַגאַנס) און פאַרביי אַ בוך־האַנדלונג, האָב איך זיך אָפּגעשטעלט באַטראַכטן די ביכער, וואָס זיינען געווען אויסגעשטעלט אין פענצטער. איך האָב געוואָלט זען מיט וואָס די היגע אינטעליגענץ, די יוגנט, אינטערעסירט זיך. אין ווילנע, אין אַ בוך־געשעפט, פלעגט זיין אין די פענצטער נייעסטע ראַדיקאַלע ליטעראַטור, די מער פּראָגרעסיווע זשורנאַלן און ביכער און דאָ, אין ביאַליסטאָק, האָב איך דערזען אַ ביכל: „די היגיענע פון ליבע", „ווי צו האָדעווען עופות" (אוכאַד זאַ פּטיצאַמי) און נאָך אַזעלכע ביכער. באַקלס „געשיכטע פון ציוויליזאַציע אין ענגלאַנד" (אַ זייער פּאָפּולער בוך באַזונדערס צווישן דער ראַדיקאַל געשטימטער יוגנט, אין יענער צייט) איז געשטאַנען אין אַ ווינקל, מיט אַ געדיכטן שטויב באַדעקט... איך האָב זיך געטראַכט: אָט־דאָ וועל איך עס דאַרפן פאַרברענגען מיין צייט..."

דער ווינטער 1896—1897, ווי עס דערציילט בלום, איז אַוועק אין צוגרייטונג־אַרבעטן — צוגרייטן אַגיטאַטאָרן, און אַריינברענגען וואָס־מער קלאַסן־באַוואוסטזיין אין די אַרבעטער־מאַסן. בלום האָט געהאַט אַ קרייז פון עלטערע יידן וועבער, מיט לאַנגע קאַפּאָטעס, יידן מיט בערד, וועלכע האָבן שוין געהאַט קינדער פון בלומס עלטער. בלום האָט מיט זיי דורכגעלערנט „לוין־אַרבעט און קאַפּיטאַל" פון קאַרל מאַרקס (אין אַן אַמעריקאַנער אויסגאַבע), לאַסאַלס „אַרבעטער פּראָגראַם" און פּיסאַרעווס „די בינען". עס זיינען אינעם קרייז אויך געפירט געוואָרן שמועסן וועגן פּאָליטישע און עקאָנאָמישע פראַגן און וועגן נאַטור־וויסנשאַפט און רעליגיע. אַזוי האָט מען אויפגעצויגן אַקטיווע רעוואָלוציאָנערן מיט אַ גרויסן איינפלוס אויף די אַנדערע אַרבעטער.

כדי צו קענען ווערן מער אַקטיוו און ווירדיק צווישן די ביאַליסטאָקער אַרבעטער, האָט הלל בלום אין ביאַליסטאָק זיך גענומען לערנען וועבעריי. פריער איז ער געווען אַ „פּאַרבער" (דאָס איז אויך געווען זיין פּאַרטיי־נאָמען) און האָט געאַרבעט אויף אַ פאַבריק פון „סינקע". אַרום און אַרום האָט בלום פאַרבראַכט אין ביאַליסטאָק אַלס אַ סאָציאַליסטישער פּראָפּאַגאַנדיסט פיר יאָר צייט.

סוף זומער 1897, האָט מען אָנגעהויבן צוגרייטן זיך צום ערשטן צוזאַמענפאָר פון די יידישע סאָציאַל־דעמאָקראַטישע גרופּעס פון ווילנע און פון דער פּראָווינץ, כדי צו גרינדן אַן אָרגאַניזאַציע פון אַ פּאָליטישן כאַראַקטער און מיט צווייגן איבערן לאַנד. דאָס איז געווען די גרינדונגס־קאָנפערענץ, דער ערשטער צוזאַמענפאָר פון "בונד" — אין ווילנע אין סעפּטעמבער 1897. צווישן די דרייצן אָנטיילנעמער זיינען געווען צוויי ביאַליסטאָקער דעלעגאַטן: הלל בלום און אַ יונגע פרוי, ראָזע גרינבלאַט („סאָניע").

אין ביאַליסטאָק איז אין יענער צייט די גײזעלשאַפטלעכע אַטמאָספערע געווען אַ אָנגעצויגענע, די שטימונג אַן אומרואיקע. אין די פּאָר לעצטע יאָר

זיינען פאַרגעקומען סטרייקס אין פאַרשיידענע געביטן, באַזונדערס ביי די וועבערס. די פּאָליציי און די רעגירונגס־מאַכט, מיטן גראָדנער גובערנאַטאָר בראש, האָט שטאַרק מורא געהאַט פאַר פרישע אויסברוכן פון סאָציאַלן שטו רעם און קאַמף, בפרט אַז מען האָט געוואוסט — נאָך דעם אַרעסט פון גאָ־ זשאַנסקיס גרופּע אין 1896 — וועגן דער אונטערערדישער אַרבעט פון סאָצי־ אַליסטישע פּראָפּאַגאַנדיסטן אין ביאַליסטאָק. און דאָ מוז נאָך די ביאַליסטאָ־ קער פּאָליציי מאַכן די געהעריקע צוגרייטונגען צום באַזוך פון נייעם קיסר ניקאָלאַי דעם צווייטן, וואָס האָט געדאַרפט פאַרקומען אין ביאַליסטאָק אין אויגוסט 1897 ... אָט־וואָס עס דערציילט וועגן יענעם פּעריאָד אונדזער פּיי־ נער מעמואַריסט הלל בלום אין זיינע „זכרונות פון אַ בונדיסט" (ז. 138):

„אַ פּאָר מאָנאַטן פאַר דעם קיסרס קומען, איז צו מיר (קיין ביאַליסטאָק) געקומען צופאָרן (פון ווילנע) הירשע דער סטאָליאַר און ישראל מיכל דער שלאָסער (קאַפּלינסקי, אַ שפּעטערדיקער פּראָוואָקאַטאָר, וועלכן די באָלשע־ וויקעס האָבן אין 1918 אָדער 1919 דערשאָסן). מיר האָבן (פריער) אַלע דריי באַלאַנגט צום געהיימען קאָמיטעט אין ווילנע. זיי האָבן מיר געלאָזט וויסן, אַז זיי גייען גרינדן אַ יידישע אומלעגאַלע צייטונג (דאָס איז געווען „די אַרבע־ טער שטימע", וואָס איז אָפּגעדרוקט געוואָרן אין מאַי 1897) און אַז איך זאָל זיין דער קאָרעספּאָנדענט פון ביאַליסטאָקער ראַיאָן. די קאָרעספּאָנדענץ זאָל איך שיקן דורך דעם „באַלשאָי" (פּאַרטיי־נאָמען פון באַניוואור) וואָס פלעגט פאָרן אָפט פון ווילנע קיין ביאַליסטאָק און לאָדזש אַלס סוחר פון מאַנופאַק־ טור. און אין יענער צייט, ווען מיר אַלע האָבן זיך געפונען אין אַ געדריק־ טער שטימונג איז אָנגעקומען דער ערשטער נומער „אַרבייטער שטימע". דער לייטאַרטיקל איז געווען גראָד וועגן פּאַסירונגען און סטרייקס אין ביאַליסטאָ־ קער ראַיאָן, און אין ווייטערדיקע נומערן זיינען באַשריבן געוואָרן פּאַסירונגען אין אַנדערע שטעט. די שטימונג האָט זיך גענומען בייטן צום בעסערן".

וועגן הלל בלומען ווייסט מען שוין אַ היפּש ביסל אַדאַנק זיינע געדרוקטע אַרטיקלען און דערהויפּט דעם בוך: „זכרונות פון אַ בונדיסט". אָבער וועגן דער פּערזאָן פון ראָזע גרינבלאַט איז, ווי ווייט מיר ווייסן, אויף יידיש נאָך זייער ווייניק געשריבן געוואָרן. ערשט אין דעם וויכטיקן רוסישן זאַמלבוך, „צו דער געשיכטע פון דער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג ביי יידן" (מאָסקווע, 1930) — ווערט עפּעס דערציילט וועגן דער יונגער ביאַליסטאָקער סאָצי־ ליסטקע. עס ווערט נעמלעך איבערגעגעבן אַ רעפעראַט וועלכן עס האָט גע־ האַלטן אין יאָר 1928 אין מאָסקווע וו. צאַגלין (דוד קאַץ), איינער פון די ערשטע פּיאָנערן פון בונד („טאַראַס"), וואָס האָט זיך אויך באַטייליקט אין דער גרינ־ דונגס־קאָנפערענץ פון „בונד". לויט זיין באַשרייבונג, איז ראָזע גרינבלאַט געווען אַן אינטעליגענט מיידל, וואָס האָט געענדיקט גימנאַזיע, אָבער כדי צו זיין „מיט און צווישן דעם פאָלק" האָט זי פאַרלאָזן איר פאַרמעגלעכע הויז און איז אַוועק אַרבעטן אין אַ ביאַליסטאָקער וועבעריי אַלס אַ „שערערקע". במילא האָט זי קיין גאַנץ טיפע וואָרצלען אין דער אַרבעטער־מאַסע ניט גע־ האַט. דאָך זייענדיק אַן עקזאַלטירטע, העכסט באַגייסטערטע סאָציאַליסטקע, האָט זי געוואונען אַ סך רעספּעקט און צוטרוי פון דעם ביאַליסטאָקער סאָצי־

אַליסטישן קאָמיטעט, און מען האָט איר געשיקט קיין ווילנע צום באַרימטן גרינדונגס־צוזאַמענפאָר פון „בונד". מיט אַ פּאָר יאָר שפּעטער האָט זי זיך פון „בונד" אָפּגעטרייסלט און איז געוואָרן אַ ציוניסטקע.

זייער אינטערעסאַנט איז דער פאַקט, אַז אויפן ערשטן צוזאַמענפאָר פון „בונד" אין ווילנע אין 1897 האָט ראָזע גרינבלאַט געמאַכט אַ טשיקאַווען פאָר־שלאָג אין נאָמען פון דער ביאַליסטאָקער גרופּע. זי האָט פאָרגעבראַכט אַ פּלאַן, מען זאָל בייטן דעם גאַנצן כאַראַקטער פון דער ליטעראַטור וואָס די באַ־וועגונג גיט אַרויס. אַנשטאָט ביליקע אַגיטאַציע־בראָשורקעס אין יידיש, זאָל מען אַרויסלאָזן איבערזעצונגען פון גרויסע פונדאַמענטאַלע ווערק, ווי „לוד־וויג פייערבאַך" פון פרידריך ענגעלס און ד. גל. דער מאָטיוו אירער איז גע־ווען אַזאַ: צווישן דער ביאַליסטאָקער אָרגאַניזאַציע, באַזונדערס ביי די וועב־ער, זיינען פאַראַן עלטערע, גוט באַלעזענע מענטשן, וואָס אינטערעסירן זיך מיט היסטאָרישע פראַגן, מיט פילאָזאָפיע א. ד. גל. ערנסט האָט מען די פראַ־גע אויפן צוזאַמענפאָר אפילו ניט דיסקוטירט, פּשוט ווייל עס זיינען ניט גע־ווען קיין געלט־מיטלען פאַר אַזאַ שווערער אַרבעט און אויך ווייל די נוצלעכ־קייט פון אַזאַ אַרבעט איז ניט אָנערקענט געוואָרן.

דאָך איז זייער כאַראַקטעריסטיש און אינטערעסאַנט, (און דאָס באַטאָנט דער פיאָנער פון „בונד" — „טאַראַס"), אַז דער טשיקאַווער פאָרשלאָג איז גע־קומען דווקא פון ביאַליסטאָק. ער זאָגט, אַז ביאַליסטאָק איז מיט אַ צייט שפּע־טער פון אַנדערע שטעט צוגעשטאַנען צו דער יידישער סאָציאַל־דעמאָקראַ־טישער באַוועגונג, און האָט קיין יידישע רעוואָלוציאָנערע אינטעליגענץ ניט געהאַט. פאַרקערט, אין ווילנע, אין מינסק, אין וויטעבסק, אין קאָוונע, האָט שוין פון לאַנג אָנגעהאַלטן אַ פּעריאָד פון „קרייזל־אַרבעט", ד. ה. פּראָפּאַגאַנ־דע דורך קרייזלעך פאַר זעלבסטבילדונג און גייסטיקער אַנטוויקלונג, און די פאָרגעשריטענע אַרבעטער, דער אַוואַנגאַרד פון דער באַוועגונג, האָבן זיך געקענט באַטייליקן אין די קרייזלעך, וואו מען האָט געלעזן און שטודירט לי־טעראַטור אין רוסיש, הגם צווישן זיך האָבן די אַרבעטער גערעדט יידיש. מיט דער הילף פון זייערע גייסטיקע פירער און לערער האָבן די מיטגלידער פון די דאָזיקע קרייזלעך זיך געקענט פונאַנדערקלייבן אין ערנסטע ביכער געשריבן אין דער רוסישער שפּראַך. אייניקע יידישע אַרבעטער־קרייזלעך האָבן זיך לחלוטין געפירט אין דער רוסישער שפּראַך.

אָבער אין די שטעט, ווי ביאַליסטאָק, וואו עס איז ניט געווען קיין ברייטע שיכט פון אַרבעטער, וואָס זיינען פריער צוגעשטאַנען צו די קרייזלעך, און וואו עס איז אויך ניט געווען קיין סך יידישע אינטעליגענטן מיט אַ חשק צו פירן פּראָפּאַגאַנדע צווישן די יידישע אַרבעטער — דאָרט איז געווען אַ גאַנץ אַנדערע לאַגע און מען האָט יידישע אַרבעטער ניט געקענט אויסבילדן דורך געבן זיי צום לייענען ערנסטע רוסישע אָדער פּוילישע ביכער. במילא איז דאָרט געווען אַ באַדאַרף אין אַן ערנסטער ליטעראַטור אין יידיש. די זעלביקע באַדערפעניש האָבן אָנגעהויבן איינגיכן דערשפּירן אויך יענע שטעט, ווי וויל־נע, מינסק און אַנדערע, וואו עס זיינען שוין פון לאַנג געווען „קרייזלעך", אָבער מען האָט דאָרט ניט געפילט קיין באַדערפעניש אין אַזעלכע שווער־

וואָגיקע טעאָרעטישע ווערק, ווי „לודוויג פייערבאַך" פון ענגעלס. עס איז אָבער, אויך אין ווילנע א. ד. גל. געוועזן די רייד וועגן עלעמענטאַרע פּאָפּולאַר־וויסנשאַפטלעכע שריפטן אויף יידיש, אויף מאַמע־לשון. האָט מען טאַקע אויף דעם צוזאַמענפאָר אין ווילנע אין 1897 (ווי עס דערציילט דער פּיאָנער „טאַראַס"), דעם גאַנצן טשיקאַוון פאַרשלאָג פון חברטע ראָזע גרינבלאַט פּשוט צוגעשריבן צו דעם, וואָס זי איז נאָך געווען זייער „יונג" אין דער באַוועגונג.

מיט אַ פּאָר יאָר שפּעטער, אין די יאָרן 1900—1902, האָט שוין ביאַליס־טאָק געהאַט אַ היפּשע צאָל יידישע סאָציאַליסטישע אינטעליגענטן, ווי אַ שטייגער דער ווילנער באַקאַנטער סאָציאַליסט דר. פּנחס ראָזענטאַל און זיין פרוי אַננאַ, וואָס זיי זיינען געווען פון די ערשטע בונדיסטישע הויפּט־טוער אין ליטע. אויך איז געווען טעטיק אין ביאַליסטאָק „אברהם דער וויטעבסקער" (בלאָק, דער טאַטע), און עס האָט בכלל שוין געהערשט אַ גאַנץ אַנדערע אַט־מאָספערע אין דער באַוועגונג. אין יענער צייט האָט אפילו דער בונדישער צענטראַל־קאָמיטעט, אַ יאָר אָדער צוויי, זיך געפונען אין ביאַליסטאָק. דאָס געהערט אָבער שוין ניט צו דער פּעריאָדע פון די ערשטע סאָציאַליס־טישע פּראָפּאַגאַנדיסטן אויף דער יידישער גאַס אין ביאַליסטאָק; אַ פּעריאָדע וואָס האָט זיך געצויגן ביז 1898 — ביז נאָך דער גרינדונג פון „בונד".

***

שוין אין די 1880־ער יאָרן זיינען אין ביאַליסטאָק געווען סאָציאַליסטישע קרייזלעך, וואָס האָבן זייער אַרבעט געפירט אונטער די לאָזונגען פון דער פּוילישער אָדער רוסישער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג. ערשט מיט אַ יאָר צען שפּעטער, אין די 1890־ער יאָרן, האָבן עטלעכע סאָציאַליסטישע אַגיטאַ־טאָרן, מערסטנטיילס געקומען פון ווילנע, אָנגעהויבן פירן אַ פּראָפּאַגאַנדע אין ביאַליסטאָק אין אַ גאַנץ נייעם גייסט.

וואָס דער נייער שטאַנדפּונקט איז געווען, דאָס ווערט דערציילט אין אַ שריפט פון דעם שפּעטער באַרימט־געוואָרענעם סאָציאַל־דעמאָקראַטישן פּי־רער י. מאַרטאָוו — „די נייע עפּאָכע אין דער יידישער אַרבעטער־באַוועגונג", וואָס איז דערשינען אַלס ביכל אין שווייצאַריע אין 1900, און פון וועלכן מיר וועלן ברענגען אַ פּאָר ציטאַטעס (פריער איז עס געדרוקט געווען אין אַן אַל־געמיין סאָציאַליסטישן זשורנאַל):

„אין די ערשטע יאָרן פון אונדזער באַוועגונג האָבן מיר אַלע אונדזערע האָפענונגען פאַרבונדן אויסשליסלעך מיט דער באַוועגונג פון רוסישן אַרבע־טער־קלאַס און אויף זיך אַליין געקוקט נאָר ווי אויף אַ צוגאָב צו דער אַלגע־מיין־ רוסישער אַרבעטער־באַוועגונג... מיר האָבן פאַרגעסן אָנצוהאַלטן די פאַרבונדנקייט מיט דער יידישער מאַסע, וועלכע פאַרשטייט ניט די רוסישע שפּראַך.

אונדזער דעמאָקראַטישער לאָזונג: „אַלץ דורכן פאָלק" דערלויבט אונדז ניט די באַפרייאונג פון יידישן פּראָלעטאַריאַט פון זיין עקאָנאָמישער, פּאָלי־טישער, בירגערלעכער קנעכטשאַפט צו דערוואַרטן ניט פון דער רוסישער

און ניט פון דער פוילישער באַוועגונג. דער יידישער אַרבעטער־קלאַס שטעלט מיט זיך פאַר אַ גענוג געשלאָסענע מאַסע...

אונדזער ציל, דער ציל פון די סאָציאַל־דעמאָקראַטן, וואָס אַרבעטן אין דער יידישער סביבה, באַשטייט אין דעם, צו שאַפן אַ ספּעציעלע יידישע אַר־בעטער־אָרגאַניזאַציע, וואָס זאָל ווערן די אָנפירערין און דערציערין פון יידישן פּראָלעטאַריאַט אין זיין קאַמף פאַר עקאָנאָמישער, בירגערלעכער און פּאָלי־טישער באַפרייאונג".

מיר זעען, ווי דער איבערגאַנג צו מאַסן־אַרבעט האָט געפירט מיט אַ גלייכן וועג צו דער שאַפונג פון אַ זעלבסטשטענדיקער יידישער אַרבעטער־פּאַרטיי, וואָס האָט געפונען אַ פאַרווירקלעכונג צוויי יאָר נאָך דעם ווי די ערשטע סאָציאַליסטישע אַגיטאַטאָרן, גאָזשאַנסקי און ליובע לעווינסאָן זיינען, אין יאָר 1895, אָנגעקומען אין ביאַליסטאָק, — אין דער גרינדונג פון „בונד" (אין יאָר 1897).

וועגן דעם וואוקס פון דער אַרבעטער־באַוועגונג אין ביאַליסטאָק און אַנדערע יידישע שטעט און שטעטלעך אין יענער צייט גיט איבער דער היס־טאָריקער א. מענעס („היסטאָרישע שריפטן" פון ייוואָ, ב. 3, ז. 47־48) די פאָלגנדע פאַקטן:

„צום סוף 1895 זיינען שוין אין ווילנע געווען 27 אָרגאַניזירטע פאַכן מיט 850 אַרבעטער. ניט מיט קיין קלענערן דערפאָלג ווערט געפירט די אַרבעט אין מינסק, וואו אין די יאָרן 1895—1896 זיינען שוין געווען 15 „קאַסעס" מיט 800 אָרגאַניזירטע אַרבעטער. עס ווערט אויך געגרינדעט אַ קאַסע אין קרעס־לאַווקע, עס אָרגאַניזירט זיך די אַרבעט אין גאַנצן בערשטער־ראַיאָן און עס ווערט געשאַפן דער „בערשטער־בונד", די ערשטע יידישע פּראָפעסיאָנעלע (טרייד־יוניאָן) אָרגאַניזאַציע אין רוסלאַנד אין לאַנד־מאַסשטאַב. אַן אינטענ־סיווע אַרבעט ווערט אויך געפירט אין בריסק, וואַרשע און ביאַליסטאָק.

זומער 1895 קומען־פאַר אַ ריי גרעסערע שטרייקן אין ווילנע, צווישן זיי אַ שטרייק פון איבער 200 טאַבאַק־אַרבעטער אויף דער פאַבריק פון עדעל־שטיין. די שטרייק־באַוועגונג פאַרכאַפּט וואַרשע, מינסק, דעם בערשטער־ראַ־יאָן. אין דער זעלביקער צייט פאַרשטאַרקן זיך די אָרגאַניזאַציעס פון די גאַר־בער אין סמאָרגאָן און אָשמענע, וואו עס זיינען פאַר דער צייט פאָרגעקומען אַ ריי שטרייקן. די גרעסטע באַוועגונג איז אין משך פון 1895 פאָרגעקומען אין ביאַליסטאָק, וואו עס איז סוף זומער אויסגעבראָכן אַן אַלגעמיינער שטרייק פון אַלע טעקסטיל־אַרבעטער פון גאַנצן ראַיאָן, קריסטן און יידן. אין שטרייק זיינען געווען באַטייליקט בערך 12 טויזנט אַרבעטער, דערפון ביז 3 טויזנט יידן. דער שטרייק האָט זיך געפירט קעגן דער איינפירונג פון די פאַבריק־ביכלעך, וועלכע די אַרבעטער האָבן שוין פיל מאָל באַקעמפט. ניט געקוקט אויפן גוואַלדיקן פאַרנעם פון שטרייק, האָט ער זיך פאַרענדיקט מיט אַ דורכ־פאַל".

שוין מיט יאָרן פאַרן גרויסן ביאַליסטאָקער סטרייק פון 1895 האָבן אין ביאַליסטאָק עקזיסטירט קאַמף־אָרגאַניזאַציעס פון יידישע פאַכאָווע אַרבעטער (טריידס), וואָס האָבן צוגעגרייט עקאָנאָמישע מאַסן־אַרויסטרעטונגען אין דער

פאָרם פון „סטאַטשקעס״, אָדער סטרייקס. אָפטמאָל זיינען דאָס געװען חברות מיט אַ געװיסער רעליגיעזער טראַדיציע און פאַרבונדן מיט אַזױנע טױזנט־יעריקע יידישע אינסטיטוציעס װי די בתי־מדרשים און מנינים. אַנדערע האָבן געהאַט „קאַסעס״, ד. ה. סטרייק־פאָנדן פאַר סטרייק־צװעקן.

מיר האָבן אַ ידיעה (אין זשורנאַל „װאָסכאָד״, נומ. 49, 1882), אַז יידי־שע טאַבאַק־אַרבעטער אין ביאַליסטאָק האָבן אין יאָר 1882 געהאַט בדעה צו גרינדן אַ „קאַסע״. אין דער זעלביקער קאָרעספּאָנדענץ װערט אויך דערציילט װעגן אַ סטרייק פון די װעבערס אין דער פאַבריק פון אהרן סוראזסקי. ליי־דער איז ניט באַקאַנט צי איז דער פּלאַן פון די טאַבאַק־אַרבעטער, פון יאָר 1882, פאַרװירקלעכט געװאָרן. אָבער פול מיט באַדייטונג זיינען אָט־די װער־טער פון היסטאָריקער א. מענעס:

„דאָס איז, װי װייט אונדז איז באַקאַנט, דער ערשטער פּרואװ פון אַ קאַ־סע, װאָס האָט זיך געשטעלט אַן אויפגאַבע די אונטערשטיצונג אויך אין פאַל פון אַ סטרייק (ניט נאָר בעת אַן אומגליק, ה. פ.). דאָס איז בכן דער ערשטער פּרואװ פון אַ שטרייק־ אָדער שטרייט־קאַסע, װי דאָס האָט דעמאָלט געהייסן.״

במילא, קומט אויס, אַז ביאַליסטאָק דאַרף פאַררעכנט װערן פאַר דער ערשטער שטאָט פון יידישן תחום־המושב אין צאַרישן רוסלאַנד, װאו די יידי־שע אַרבעטער זיינען צום ערשטע מאָל געגאַנגען שאַפן אַזאַ קאַמף־אינסטי־טוציע װי אַ „קאַסע״, װאָס דער מין איז שפּעטער שטאַרק פאַרשפּרייט געװאָרן.

חברות פון בעלי־מלאכות האָבן, װי באַקאַנט, אַמאָל געהאַט זייערע איי־גענע בתי־מדרשים אָדער מנינים מיט אייגענע ספרים (ספרי־תורות). שפּע־טער, װען עס הייבט זיך אָן אויף דער יידישער גאַס די סטרייק־באַװעגונג, װערט דער בית־מדרש אָפט אויסגענוצט פון די אַרבעטער װי אַ טרעפפּונקט, װאו מען קומט זיך צונויף, מען רעדט זיך דורך, מען נעמט אָן באַשלוסן. עס זיינען דאָ אַ סך פאַקטן, װאָס שפּיגלען זיך אָפּ אין דער יידישער פּרעסע פון יענער צייט. אין „הצפירה״ (נומ. 23, 1885) װערט אין אַ קאָרעספּאָנדענץ פון גראָדנע דערמאָנט צװישן אַ ריי אַנדערע חברות אויך אַ חברה „פּועלים לעזור איש את אחיו״ (ברידערלעכער אַרבעטער אונטערשטיצונג פאַראיין). אָבער „פּועל״ פלעגט אויך באַנוצט װערן צו באַצייכענען בעלי־מלאכות. גאַנץ מעג־לעך, אַז חברה „פּועלים״ אין גראָדנע איז טאַקע באַשטאַנען פון אַרבעטער, דער עיקר פון דער גרויסער טאַבאַק־פאַבריק (שערעשעװסקיס).

אין דער אומלעגאַלער בונדיסטישער צייטונג „אידישער אַרבעטער״ (נומ. 4 און 5), װאָס פלעגט אַרויסגיין אין אויסלאַנד (שװייצאַריע), געפינען מיר אַזאַ קאָרעספּאָנדענץ פון קרינקי, אַ שטעטל, מיט אַ גרויסער לעדער־אינ־דוסטריע, אַ װיאָרסט 40—50 פון ביאַליסטאָק. דאָרט איז אין 1897 געװען אַ סטרייק פון אַרום 500 יידישע גאַרבער־אַרבעטער, איז דערבײַ געשען אָט־װאָס:

„די בעלי־בתים האָבן זיך מישב געװען: אַזױ װי אין גאַרבערס בית־מדרש קומען זיי דאָך דאַװנען און דאָרט ריידן זיי געװיס אָפּ װעגן דער סטאַטשקע, אַלזאָ האָט מען ביי זיי „פאַרפּעטשאַטעװעט״ (פאַרחתמעט) דעם בית־מדרש. שבת פרי זיינען זיך צוזאַמענגעקומען אַלע גאַרבערס אין גרויסן בית־מדרש, דאָרט װאו די פאַבריקאַנטן דאַװנען, און האָבן זיך צעזעצט אויף

די בעב״ת שטעט אין מזרח־וואַנט און זיי האָבן אויפגעשטעלט זייער שמש אויף דער בימה און האָבן קיינעם פון די בע״ב נישט אַרויפגעלאָזן. איינער האָט אויסגעשריען: „מיר זאָל מען אויסרופן שישי אויפן נאָמען פון קני־שינסקי״ (געמיינט — נחום־אַנשול קנישינסקי, דער גרעסטער לעדער־פאַב־ריקאַנט אין קרינעק). נאָכן דאַוונען האָבן זיי פאַרשלאָסן די הויז און האָבן צוגענומען די שליסלען צו זיך און אַזוי ביז מנחה. דאַן האָבן די בע״ב גע־מוזט בעטן פּאָליציי מען זאָל עפענען דעם בהמ״ד.״

אַן ענלעכע געשיכטע ווערט דערציילט פון ביאַליסטאָק אין אַ קאָרעס־פּאָנדענץ, געדרוקט אין „אַרבעטער שטימע״ (אומלעגאַלע צייטונג פון „בונד״, געדרוקט אין ווילנע, זינט 1897). אין נומער 12, פון יאָר 1899 לייענען מיר אָט־וואָס:

„די לעצטע צייט האָבן די בעלי־בתים געמאַכט בונדן צווישן זיך, כדי אויסצופירן זייערע פּלענער. אַזוינע מיני בונדן זענען מיר דהיינו ביי גאַר־בערס און שניידערס, זעמשערס, טאָקאַרעס א. אַ. וו. די בע״ב פון די שניי־דערשע וואַרשטאַטן האָבן אויך געמאַכט אַחדות און האָבן אויך געוואָלט איינ־פירן אַ 14־שעהדיקן אַרבעטס־טאָג און אַחוץ דעם פאַרקלענערן די שכירות. זייערע אַסיפות פלעגן פאָרקומען אין אַ מנין, וועלכן זיי האָבן געגרינדעט צוליב דעם ציל. אַזוי ווי די ספרים האָבן געהערט צו די אַרבעטער, זיינען זיי אין מאָל שבת־צו־נאַכטס געקומען אין מנין. דאָרט האָט איינער פון די בע״ב זיך אויסגעדריקט, אַז אים פּאַסט ניט צו דאַוונען מיט די שלעפּער און האָט איינעם פון די אַרבעטער געגעבן אַ פּאַטש. עס איז געוואָרן אין זייער „מקום קדוש״ אַ געשלעג, עס איז געקומען פּאָליציי, 7 אַרבעטער האָט מען אַרעס־טירט און 4 פון זיי אַרויסגעשיקט (פּאַ־עטאַפּו) אין זייערע געבורטשטעט.״

„אינטערעסאַנט איז דאָ, זאָגט א. מענעס, באַזונדערס דער פאַקט, וואָס די שפּאַלטונג אין דער חברה — מחמת עס האַנדלט זיך דאָ גאַנץ קלאָר וועגן אַ חברה, וואָס האָט פאַראייניקט סיי בעלי־בתים, סיי אַרבעטער, דערפאַר גע־הערן די ספרים אויך צו די אַרבעטער — גייט אַרויס ניט פון די אַרבעטער, נאָר פון די בעלי־בתים, ווען עס איז מער שוין ניט אַנגעשטאַנען צו דאַוו־נען אין איין בית־מדרש מיט די „שלעפּער״ און וועלכע האָבן אַ חוץ דעם איצט, ווען די באַציאונגען צווישן די מייסטערס און די אַרבעטער זיינען געוואָרן מער פאַרשאַרפט, געהאַט אַן אינטערעס זיך אָפּצוטיילן, כדי צו קענען בעסער זיך צונויפריידן.״

זייער אינטערעסאַנט איז אויך אָט־דער פאַקט, וועלכער ווערט געבראַכט אין דער אויבן־דערמאַנטער קאָרעספּאָנדענץ פון קרינעק וועגן דעם גאַרבער־סטרייק אין יאָר 1897. עס ווערט דאָרט דערציילט וועגן אַ שטרייק־פאַר־זאַמלונג פון 300 אַרבעטער אויסער דער שטאָט:

„די פּאָגאָדע (וועטער) איז געווען ניט קיין שיינע. עס האָט אָנגעהויבן צו גיין אַ רעגן, און אַלע זיינען געשטאַנען אין רעגן העכער 2 שעה. מען האָט זיך געשוואָרן ביי אַ פּאָר תפילין, יעדערער, דאָס מען זאָל שטיין שטייף און היטן אַלץ, וואָס מען האָט אָפּגעמאַכט, און מען האָט געזונגען די „שבועה״.

אייניקע האָבן זיך אַוועקגעלייט אויף דער ערד און האָבן געוויינט — פֿאַר פרייד אָדער פֿאַר צער, דאָס ווייס איך ניט; עפּעס איז ניט קיין גרינגע זאַך פֿאַר אַזוינע אונטערדריקטע אַ סטאַטשקע".

און מענעס גיט־צו אַ פיינעם פירוש בזה הלשון: „דאָ האָבן מיר אַן אַב־סאָלוט זיכערע ראיה פֿאַרן שלשלת־היחוס פון דער בונדישער קאַמף־ליד שבועה". (היס. שריפטן, ב. 3, ז. 57). אין אַ צווייטן פלאַץ שרייבט ער: „דאָ זעען מיר ווי די שבועה ביי אַ פֿאַר תפילין גייט נאָך האַנט אין האַנט מיט דער אַפּיקורסישער ליד „שבועה", וואָס האָט זיך, אגב, אָנגעהויבן מיט די ווערטער: „הייליק איז די נאַטור". דער פריידענקערישער דיכטער האָט נאַטירלעך גע־מוזט פֿאַרבייטן גאָט מיט דער נאַטור (זעט א. מענעסעס אַרטיקל: „גאַרניט געלערנט און גאַרניט פֿאַרגעסן" אין „אידישער קעמפער" פון 25־טן דעצעמ־בער, 1942).

ווי מיר האָבן שוין דערמאָנט, האָבן אין ביאַליסטאָק געאַרבעט אין 1895 צווי ווילנער סאָציאַליסטישע אַגיטאַטאָרן, גאָזשאַנסקי (לנו־לאָנו) און אַ יונ־גע פרוי ליובע לעווינסאָן, (געשטאָרבן אין ניו־יאָרק, 1903).

אין יאָר 1899 האָט זיך אין ביאַליסטאָק באַזעצט איינער פון די וויכ־טיקסטע טוערס און פּיאָנערן פון „בונד" פּאַוועל ראָזענטאַל פון ווילנע (שפּע־טער אָנגענומען דעם פּאַרטיי־נאָמען אנמאַן, ווייל זיין פרוי האָט געהייסן אַננאַ). פון זיינער אַ ביאָגראַפיע („היסטאָרישע שריפטן", ייוואָ, ב. 3, ז' 438) נעמען מיר אַרויס אַ פאָר שטעלעס, ווי פאָלגט:

„... ער וויל אַרבעטן אין ביאַליסטאָק ווי אַ דאָקטאָר און באַטייליקן זיך אין דער אָרטיקער אַרבעטער־באַוועגונג. עס איז ניט גרינג געווען אין יענע אומלעגאַלע צייטן צו פּאַראייניקן אַזוינע צווי באַשעפטיקונגען, און מען האָט געקענט פּאַראויסזען, אַז לאַנג וועט זיך ניט איינגעבן. דאָך אַרבעט ראָזענ־טאַל 2½ יאָר אין ביאַליסטאָק, דאָס איז ביי יענע אומשטענדן געווען אַ גרוי־סע זעלטנהייט. די דאָזיקע יאָרן אין ביאַליסטאָק זיינען געווען אפשר די פּרוכטבאַרסטע און אינטערעסאַנטסטע אין זיין לעבן. עס איז געווען די צייט פון שטאַרקן באַרג־אַרויף פון דער ידישער אַרבעטער־באַוועגונג, באַזונדערס אין ביאַליסטאָק. נאָך דעם גרויסן בונדישן אַרעסט אין 1898 הויבט די פּאַרטיי אָן קומען צו זיך. עס קומען פֿאָר אָפענע אַרויסטרעטונגען דעם ערשטן מאַי, דעמאָנסטראַציעס אויף לוויות פון חברים, עס וואַקסט די צאָל בלעטלעך און פּראָקלאַמאַציעס: דער זשורנאַל „אַרבעטער שטימע" גייט אַרויס רעגלמעסיק און ווערט אַלץ רייכער אין אינהאַלט; עס גייען אַרויס אָרטיקע צייטונגען: „דער ביאַליסטאָקער אַרבעטער", „דער קלאַסנקאַמף" אין ווילנע און אַנד. דער קאַמף מיט דער „זובאַטאָווּשטשינע" (רעגירונג־באַאַמטער זובאַטאָוו האָט גע־נומען אַרבעטן צווישן אַרבעטער, כדי זיי אָפּצוציען פון „בונד") פּאַרפעסטיקט און קאָנטראָלירט די פּאַרטיי, אין די נאָענטסטע פֿאַר יאָר קומען־פֿאַר דער דריי־טער און פערטער (אין אַפּריל 1907, אין ביאַליסטאָק) צוזאַמענפֿאָר פון „בונד", עס ווערט פאָרמולירט די נאַציאָנאַלע פּראָגראַם פון „בונד."

אין דעם אַלעמען נעמט פּאַוועל ראָזענטאַל דעם לעבעדיקסטן אָנטייל.

עס איז כדאי דאָ צו פאַרצייכענען, אַז ווען עס איז אין בערלין אין יאָר 1900 פאָרגעקומען אַן אינטערנאַציאָנאַלער קאָנגרעס פון די אַרבעטער פון דער טעקסטיל-אינדוסטריע, האָט אַהינצו צוגעשיקט פּ. ראָזענטאַל אַ באַריכט פון דעם ביאַליסטאָקער צענטראַל-קאָמיטעט פון „בונד". דער באַריכט (8 געדרוקטע זייטן) איז געווען אָפּגעדרוקט אויף דייטש אין בערלין אין יאָר 1900. ער האָט פיל שפּעטער אָפּגעדרוקט אַן אַרטיקל (אין „רויטן פנקס", וואַרשע, 2טער באַנד, 1921) אויף דער טעמע: „דער ביאַליסטאָקער פּעריאָד אין לעבן פון צ. ק. פון „בונד". דר. ראָזענטאַל איז געשטאָרבן אין ווילנע אין יאָר 1924. ער איז אַלט געווען 52 יאָר.

אויך זיין פרוי, אַננאַ העללער פון וואָלקאָוויסק, מיט וועלכער ער האָט חתונה געהאַט קורץ פאַר זיין אָנקומען אין ביאַליסטאָק, האָט געאַרבעט צוזאַמען מיט אים אַלס סאָציאַליסטישע אַגיטאַטאָרשע צווישן די ביאַליסטאָקער אַרבעטער. זי האָט אַרום 1901—1902 זיך פאַרנומען מיט ציין-דאָקטעריי אין ביאַליסטאָק. אַננאַ ראָזענטאַל איז געווען זייער אַ סימפּאַטישע, באַליבטע אַרבעטער-טוערקע און סאָציאַליסטקע. זי איז, צו 70 יאָר, אַרעסטירט געוואָרן אין ווילנע דורך דער סאָוועטישער גע-פּע-או אין אָקטאָבער 1939 און זי איז שפּעטער אומגעקומען אין אַ סאָוועטישער תפיסה. וואו און ביי וועלכע אומשטאַנדן איז אומבאַקאַנט. אירע אַן אויטאָביאָגראַפיע „בלעטלעך פון אַ לעבנסגעשיכטע", איז אָפּגעדרוקט אין „היסטאָרישע שריפטן" (פון ייוואָ) באַנד 3.

אין דער ביאַליסטאָקער באַוועגונג האָט דר. ראָזענטאַל אַריינגעטראָגן אַ סך נייע אידייען און האָט אויפגעוועקט אַן אינטערעס צו סאָציאַליסטישע פּראָבלעמען ביי גרעסערע גרופּעס אַרבעטער אויף אַזוי-גערופענע „דיסקוסיעס". „ער גרייט צו די יונגע צו אַקטיווער אַרבעט און שטודירט מיט זיי דעם וויסנשאַפטלעכן סאָציאַליזם. צוליב זיין לאַגע אַלס דאָקטאָר קען ער ניט אַרויסטרעטן אויף גרויסע אומלעגאַלע פאַרזאַמלונגען (צווישן דער אַרבעטער-מאַסע איז ער באַקאַנט אונטער זיין צונאָמען „נתן" — „דער דאָקטאָר נתן", ווי זיי רופן אים). דער 4-טער צוזאַמענפאָר פון „בונד" (אַפּריל, 1901) ווערט פון אים צוגעגרייט און אָרגאַניזירט אין ביאַליסטאָק.

אויך דער צווייטער צוזאַמענפאָר פון דער רוסלענדישער סאָציאַל-דעמאָקראַטישער פּאַרטיי, וועלכער האָט זיך פאַרוואַנדלט אין אַ קאָנפערענץ קומט-פאָר (אין אָנהויב 1902) אין ביאַליסטאָק. דר. ראָזענטאַל, ווי זיין ביאָגראַף אין „היסטאָרישע שריפטן" (באַנד 3) דערציילט, טראַכט דורך יעדע קלייניקייט אין דער אָרגאַניזאַציע פון דער קאָנפערענץ, און אַדאַנק דעם פאַלט זי ניט דורך, הגם אַ גאַנצע מחנה שפּיאָנען זיינען אָנגעקומען פון מאָסקווע קיין ביאַליסטאָק און געשנישטערט דאָ.

אָבער, טאַקע אפשר צוליב אָט דער קאָנפערענץ, איז דר. פּאַוועל ראָזענטאַל און זיין פרוי אַננאַ, אַרעסטירט געוואָרן אין ביאַליסטאָק דעם 31-טן מערץ, 1902, און נאָך אַן אַרעסט פון אַ יאָר אָדער צוויי (אין גראָדנע און מאָסקווע) זיינען זיי פאַרשיקט געוואָרן קיין סיביר, אין דער יאַקוטסקער געגנט.

אין אָנהויב 1881 איז אין פּעטערבורג אַרויס, ווי מען רעכנט, די ערשטע אומלעגאַלע סאָציאַליסטיש־רעוואָלוציאָנערע אויסגאַבע אין יידיש. דאָס איז געווען די „אַרבעטער־צייטונג״, וואָס איז געווען לויטן אינהאַלט אַ גע־קירצטע איבערזעצונג פון ערשטן נומער פון דער „ראַבאָטשאַיאַ גאַזעטאַ״, וואָס די רעוואָלוציאָנערע פּאַרטיי (וועלכע האָט פּאַראורטיילט צום טויט דעם קיסר אַלעקסאַנדער דעם 2־טן און האָט דעם 1־טן מערץ 1881 דעם גזר־דין אויסגעפירט) די „נאַראָדנאַיאַ וואָליאַ״ (פאָלקס־ווילן), האָט דעמאָלט אָפּגע־דרוקט.

עס איז באמת אַ זייער אינטערעסאַנטער און כאַראַקטעריסטישער פאַקט, אַז דער צווייטער פּרוּוו פון אַ יידישער רעוואָלוציאָנערער אויסגאַבע אין יידיש, און שוין אין סאַמע צענטער פון יידישן אַרבעטער־לעבן, איז פאַרבונדן דווקא מיט ביאַליסטאָק, ווי עס דערציילט אין זיינע דערינערונגען (געשריבן מיט אַ יאָר 15 צוריק) דער באַקאַנטער פּוילישער סאָציאַליסט (און שפּעטער — קאָמוניסט) פעליקס קאָן, דער טוער פון דער ערשטער פּוילישער סאָציאַ־ליסטישער פּאַרטיי „פּראָלעטאַריאַט״. ער שרייבט אין זיינע זכרונות, אַז דער „פּראָלעטאַריאַט״ האָט אַרויסגעלאָזן אין יידיש פּראָקלאַמאַציעס פאַר די ביאַליסטאָקער אַרבעטער. געווען איז עס אין יאָר 1882.

דער עיקר האָט זיך געפירט אַ רעוואָלוציאָנערע פּראָפּאַגאַנדע צווישן די פּוילישע און דייטשע אַרבעטער. דאָך גיט איבער פעליקס קאָן, אַז אין ביאַליסטאָק האָט שוין דעמאָלט עקזיסטירט אַ קליינער קרייז פון יידישע רע־וואָלוציאָנערע אַרבעטער.

זייענדיק אין ביאַליסטאָק, האָט ער זיך איין מאָל צופעליק געטראָפן מיט איינעם אַ יידישן אַרבעטער מיטן נאָמען שמואל. דער דאָזיקער אַרבעטער, וואָס האָט נאָך געטראָגן אַ לאַנגע קאַפּאָטע ביז איבער די קני, האָט געהערט צו דער רעוואָלוציאָנערער אָרגאַניזאַציע, אָט וואָס פעליקס קאָן דערציילט:

„איך בין מיט דעם דאָזיקן שמואל אַוועק אויף דער געוואַנט־פאַבריק אין אַ שטעטל אונטער ביאַליסטאָק — כאָראָשטש. עס זיינען זיך צונויפגעקו־מען אַ מענטשן זעקס, יידן. כאַראַקטעריסטיש איז פאַר זיי געווען, צום אונ־טערשייד פון די וואַרשעווער יידן, וואָס זיי האָבן לפי־ערך נישט שלעכט גע־רעדט רוסיש, אַקעגן האָבן זיי קיין פּויליש ניט געקענט. זיי אַלע האָבן צו־זאַמענגעשטעלט איין קרייזל, וועגן וועלכן איך האָב דערגאַנגען נאָר אָט־וואָס: די אַרבעט צווישן די יידישע אַרבעטער אויף דער געוואַנט־פאַבריק האָט אָנ־געהויבן אברהם לוּבניצקי. עטלעכע וואָכן פאַר מיין אָנקום איז אברהם לוּבניצקי געוואָרן אַרעסטירט, און בעת איך בין געקומען איז ער געזעסן אין טורמע. די פאַרבינדונגען האָט ער איבערגעגעבן זיינע שוועסטער, צוויי מייד־לעך — איינע פון זיי געדענק איך — אָלגאַ, — וועלכע האָבן געפירט דעם דאָזיקן קרייזל״.

דער וויכטיקסטער אָנפירער פון דעם קרייזל איז געווען שמואל. מיט אים איז מיר אויסגעקומען לענגער צו שמועסן, דערביי האָט זיך אַרויסגע־וויזן, אַז די יידישע אַרבעטער־קרייזלעך אַרבעטן אינגאַנצן איזאָלירט פון די רוסישע קרייזלעך״.

מיט וואָס דערקלערט זיך אָט־אַזאַ איזאָלירונג אין סאַמע אָנפאַנג פון דער רעוואָלוציאָנערער אַגיטאַציע צווישן יידן אין דעם ביאַליסטאָקער ראַיאָן?

פעליקס קאָן גיט־אָן דריי אורזאַכן: 1) די פיינטלעכע באַציאונג פון די רוסישע קריסטלעכע אַרבעטער צום אַריינדרינגען פון די יידישע אַרבעטער אויף די פאַבריקן; 2) דער אומצוטרוי צווישן איינע און די אַנדערע, און 3) דער ענגערער פאַרבונד פון די גרופּעס יידישע אַרבעטער צווישן זיך. זיי האָבן געאַרבעט אויף פאַבריקן וואָס האָבן געהערט צו יידישע בעלי־בתים, און ביי די יידישע קאַפּיטאַליסטן אין ביאַליסטאָק וואו עס האָבן געאַרבעט יידן און ניט־יידן, האָבן די יידן באַקומען אַ קלענערן לוין ווי די קריסטן.

אַזוי דערציילט פעליקס קאָן. אָבער דער ־יסטאָריקער א. מענעס, וואָס ברענגט אָט־דעם קאַפּיטל געשיכטע אין זיין אַרבעט וועגן דער יידישער אַרבעטער־באַוועגונג אין רוסלאַנד*), איז פון דער מיינונג, אַז די יידישע וועבערס אין ביאַליסטאָק האָבן ניט באַקומען קיין קלענערן לוין ווי די קריסטלעכע. ער מיינט, אַז דער זכרון האָט פעליקס קאָנען פאַרפירט: די מעמואַרן זיינען געשריבן געוואָרן 46 יאָר נאָך די געשעענישן. א. מענעס גיט צו אָט־אַזאַ באַמערקונג צו די דעראינערונגען פון פ. קאָן:

„פאַר וואַרשע איז אונדז אַ פאַקט פון קלענערן לוין פאַר יידישע אַרבעטער געגנוי באַקאַנט, אין ביאַליסטאָק אָקעגן איז עס — לפּחות אין דער שפּעטערדיקער צייט — ניט פאָרגעקומען; מעגלעך, אַז אָנהויב די אַכציקער יאָרן איז עס געווען ווי פעליקס קאָן שרייבט".

אין די 1880־ער יאָרן וויסן מיר בלויז פון ליטע און וויס־רוסלאַנד וועגן פּרואוון פון סאָציאַליסטישער פּראָפּאַגאַנדע, אַרבעטער קרייזלעך, חברות און סטרייקס צווישן יידישע אַרבעטער. דעם צענטראַלן אָרט פאַרנעמט ביאַליסטאָק, און צוגלייך מיט איר אויך די צוויי באַרימטע שטעט פון צפון־מערב געגנט פון דער צאַרישער רוסלאַנד — ווילנע און מינסק.

דער אַלגעמיינער עקאָנאָמישער קריזיס אין יענע יאָרן האָט זיך געלאָזט זייער שטאַרק שפּירן אויך אין דער ביאַליסטאָקער אינדוסטריע. אַ גרויסער טייל אַרבעטער זיינען אַרויסגעוואָרפן געוואָרן אויפן גאַס. די שכירות האָט מען אומעטום זייער שטאַרק געשניטן. דאָס האָט נאַטירלעך אין אַ סך פאַלן געפירט צו סכסוכים מיט די אַרבעטער. וועגן עטלעכע אַזעלכע פאַלן זיינען פאַרבליבן ידיעות אין דער דעמאָלטדיקער פּרעסע. אָט געפינט זיך, למשל, אין רוסיש־יידישן וועכנטלעכן זשורנאַל „וואָסכאָד" (נומ. 2 פון יאָר 1883), וואָס פלעגט דערשיינען אין פּעטערבורג, אַן אויספירלעכע קאָרעספּאָנדענץ פון ביאַליסטאָק מיט אַ באַשרייבונג פון אַ סטרייק פון 90 יידישע אַרבעטער אין דער פאַבריק פון אַרקע סוראַזסקי. דער סטרייק האָט אין יענער צייט אָנגעמאַכט אַ גרויסן רושם. די גאַנצע קאָרעספּאָנדענץ איז אָבער זייער אינטערעסאַנט, און עס איז כדאי מיט איר זיך צו באַקענען. אָט־וואָס מיר לייענען דאָרט.

„נאָך דער אויסערגעוויינלעכער אויפלעבונג פון דער ביאַליסטאָקער אינ־

*) אין באַנד 3 „היסטאָרישע שריפטן" פון ייוואָ, ווילנע — פּאַריז 1939, ז. 20.

דוסטריע אין די יאָרן 1878—1879 איז אָנגעקומען אַ שרעקלעכער קריזיס, וואָס ציט זיך כמעט אָן איבעררייס שוין באַלד צוויי יאָר. סוף 1880 און אָנהויב 1881 האָבן אַלע געוואַנט־פאַבריקן אָנגעהויבן פאַרקירצן די פּראָדוקציע און אין צוזאַמענהאַנג דערמיט אָפּצוזאָגן אַרבעטער, וועלכע האָבן אַזוי אַרום פאַר־לאָרן יעטוועדע באַשעפטיקונג... פון יענער צייט אָן האָט די אַרבעטלאָ־זיקייט ניט אויפגעהערט, די אַרבעטקראַפט איז כסדר געוואָרן ביליקער; עס איז דערגאַנגען אַזוי ווייט, אַז זומער 1881 האָט איינע פון די ביאַליסטאָקער טאַבאַק־פאַבריקן געצאָלט יידישע לערן־יינגלעך צו 65 קאָפּיקעס (33 סענט) אַ וואָך ביי אַ דרייצן־שעהדיקן אַרבעטס־טאָג.

„ערשט אין 1882 האָבן זיך די געשעפטן אַביסל פאַרבעסערט. הייַנטיקן זומער (1882) איז אפילו דער מצב פון דער פאַבריקאַציע געווען ניט קיין שלעכטער, נאָר פון אָקטאָבער האָט ער זיך ווידער פאַרערגערט. די אַרבעט אויף די פאַבריקן האָט זיך נאָך אַמאָל פאַרקלענערט און די שכירות זיינען ווידער געפאַלן. ביי אַזאַ מצב האָבן די בעלי־בתים פון דער וועבעריי־פאַב־ריק אין ביאַליסטאָק, די הערן סוראזסקי, דעם 24־טן נאָוועמבער (1882) גע־מאָלדן זייערע וועבערס, אַז דאָס געצאָלט פון שטיק וועט פאַרקלענערט אויף 16 פּראָצענט.

„אין יאָר 1879, אין סאַמע ברען פון דער ווירטשאַפטלעכער אויפלעבונג, האָבן די סוראזסקיס זיך אָפּגעזאָגט צו געבן זייערע אַרבעטער אַ הוספה אויף די שכירות און דערפאַר צוגעזאָגט ניט צו פאַרקלענערן די שכירות, ווען עס וועט אָנקומען אַ שלעכטע צייט אין דער ווירטשאַפט. דעריבער האָבן די אַרבע־טער איצט ניט מסכים געווען אויף די נייע אַרבעטס־באַדינגונגען, ביי וועלכע אַ דורכשניטלעכער וועבער וואָלט פאַרדינט ניט מער ווי 4 רובל אַ וואָך; פאַר דעם געלט איז ניטאָ קיין מעגלעכקייט, אַז אַ מענטש מיט אַ פאַמיליע זאָל זיך קענען ווי עס איז דורכשלאָגן.

„די הערן סוראזסקי, וועלנדיק צווינגען זייערע אַרבעטער אָנצונעמען די נייע באַדינגונגען, האָבן אינגאַנצן אָפּגעשטעלט די אַרבעט ניט נאָר אויף דער וועבעריי, נאָר אויך אין דער שפּינעריי און אין דער אַפּרעטור־אָפּטיי־לונג. אויף אַזאַ אופן האָבן 70 דערוואַקסענע, דאָס רוב פאַמיליע־מענטשן, און 20 מיידלעך שפּולאַרקעס, וואָס האָבן געאַרבעט פון טאָג (אַלץ יידן) פאַר־לאָרן די אַרבעט.

„די בעלי־בתים האָבן אָבער אַ טעות געהאַט אין חשבון. אמת, בלויז ניין פון די אָפּגעזאָגטע וועבערס האָבן געפונען אַרבעט אויף אַנדערע פאַבריקן, אָבער די איבעריקע יידישע וועבערס, אין דער צאָל פון 480 מענטשן, האָבן אונטערגעהאַלטן די סטרייקערס, יעדערער פון זיי האָט פון זיין מאָגערן פאַר־דינסט געאָפּפערט צו אַ האַלבן רובל אַ וואָך, וואָס מאַכט אויס צוזאַמען 240 רובל.

„עס האָבן זיי אויך ניט פאַרלאָזן זייערע קריסטלעכע אַרבעטער־חברים. קיין איין איינציקער פון די ביאַליסטאָקער דייטשע וועבערס — און דאָ זיינען זיי פאַראַן מער ווי טויזנט — האָט ניט מסכים געווען צו פאַרנעמען דעם פּלאַץ פון די אָפּגעזאָגטע יידישע וועבערס, און צום סוף האָבן זיי אפילו גענומען

העלפן מיט געלט. יעדערער האָט געצאָלט לטובת די סטרייקערס 15 קאָפּי־קעס אַ וואָך, וואָס האָט אויסגעמאַכט צוזאַמען איבער 150 רובל אַ וואָך.

„סוראַזסקיס פאַבריקן זיינען געשטאַנען אַ גאַנצן חודש און לסוף, דעם 24־טן דעצעמבער, 1882, האָבן די בעלי־בתים נאָכגעגעבן און מסכים געווען צו צאָלן ווי פריער. איצט זיינען שוין אַלע דריי פאַבריקן אין פולן נאָרמאַלן גאַנג.

„אין אונדזער (ביאַליסטאָקער) געגנט איז עס דער ערשטער פאַל פון אַזאַ לאַנגן און דערפאָלגרייכן קאַמף פון די פאַבריק־אַרבעטער מיט די פאַבריקאַנטן. אַזוי, למשל, האָבן אין יאָר 1881 אויף אַן ענלעכן אופן אין דעם שכנותדיקן שטעטל רוזשינאַי פאַרסטרייקט 100 יידישע וועבערס אין דער פאַבריק פון די פינעסעס, אָבער ניט געפינענדיק קיין אונטערשטיצונג מצד זייערע חברים, זיינען זיי אין אַ וואָך אַרום געווען געצוואונגען אָנצונעמען די באַדינגונגען פון די בעלי־בתים".

ווי מען זעט פון אָט־דער העכסט־אינטערעסאַנטער קאָרעספּאָנדענץ, איז שוין אין יאָר 1882, מיט 60 יאָר צוריק, געקומען צו אַ סאָלידאַרישער אַקציע פון ביאַליסטאָקער פּראָלעטאַריאַט לטובת זייערע קעמפנדיקע חברים. מען מוז באַוואונדערן סיי די הויך פון דער באַשטייערונג — אַ האַלבער רובל אַ וואָך איז דעמאָלט געווען פאַר אַן אַרבעטער אַ קאָלאָסאַלע סומע — סיי דעם גאַנצן פאַרנעם פון דער הילפס־אַקציע. זייט־ביי־זייט מיט די כמעט 500 יידישע וועבערס האָבן זיך אויך סאָלידאַריש באַטייליקט איבער 1000 דייטשע וועבערס. צווישן די דייטשע וועבערס אין ביאַליסטאָק זיינען געווען אַזעלכע, וואָס זיינען ערשט ניט לאַנג געקומען פון דייטשלאַנד און אַ טייל פון זיי זיינען דאָרט אויך שוין געווען באַטייליקט אין דער סאָציאַליסטישער באַוועגונג (געגרינדעט פון דעם יידישן אַרבעטער־קעמפער, פערדינאַנד לאַסאַל), אָדער זיינען בכל אופן געווען אָנגעשטעקט פון דער דאָרטיקער סאָציאַליסטישער פּראָפּאַגאַנדע.

אין יאָר 1886 און נאָך מער אין 1887 הויבט זיך ווידער אָן אַ באַוועגונג ביי די ביאַליסטאָקער וועבערס. אין די קריזיס־יאָרן (1883־1885) האָט זיך די לאַגע פון די וועבערס שטאַרק פאַרערגערט. נאָך מער איז זי פאַרשאַרפט געוואָרן מחמת דער שאַרפער קאָנקורענץ אויפן אַרבעטס־מאַרק מצד די אַזוי־גערופענע לוין־קעטניקעס. דאָס זיינען געווען קליינע בעלי־מלאכות, וואָס פלעגן אַרבעטן ניט אויפן אייגענעם חשבון, נאָר האָבן אַרויסגענומען די גע־שפּינסט (גאָרן) ביי די גרויסע סוחרים אָדער פאַבריקאַנטן און ברענגען זיי צוריק פאַרטיקע סחורה. די דאָזיקע לוין־קעטניקעס פלעגן אַרבעטן אין דער היים צוזאַמען מיט אַ פּאָר לערן־ייִנגלעך אָדער אַרבעטער.

שאַרפע קאַמפן האָבן זיך געפירט אין דער ביאַליסטאָקער אַרבעטער־שאַפט אַרום די דאָזיקע לוין־קעטניקעס און זייערע קליינע פאַבריקלעך, וואו מען האָט געאַרבעט אויף די הילצערנע האַנט־שטולן (קיין דאַמף־שטולן, דאָס מיינט מעכאַנישע וועבשטול־מאַשינען, זיינען נאָך דעמאָלט אין ביאַליסטאָק ניט געווען).

אהרן ליבערמאַן, דער פֿאָטער פֿון יידישן סאָציאַליזם

מאָריס ווינטשעווסקי, דער „זיידע פון דער יידישער אַרבעטער־באַוועגונג אין ענגלאַנד און אַמעריקע״, דערציילט אין זיינע „ערינערונגען״ (מאָסקווע, 1926) אַזאַ געשיכטע וועגן זיין לעצטער באַגעגעניש מיט אהרן ליבערמאַנען, וואָס איז פאָרגעקומען אין לאָנדאָן אין האַרבסט פון יאָר 1880.

„ליבערמאַן איז פאַר זיין אָפּפאָר קיין אַמעריקע אַריין צו מיר און מיר געשענקט זיין בורשטינענעם סיגאַרן־מונדשטוק. דערביי האָט ער אַ זאָג געטאָן:

— „איך וועל עס וואַרשיינלעך שוין סיי ווי סיי ניט לאַנג באַדאַרפן״. איך לאָך אים אויס (שרייבט ווינטשעווסקי), אָבער אין האַרצן קלעמט עס . . . טאָמער פאַרט . . . ווער ווייס . . .

דעם נאָענטסטן אָוונט טרעפן מיר זיך ווידער ביי רחלען אין הויז (די פרוי צוליב וועלכער ליבערמאַן האָט פאַרלאָרן זיין לעבן).

— „נאַ דיר, זאָגט ליבערמאַן, דעם „ווּפּעריאָד״ (ביידע יאָרגענג פון רוסישן זשורנאַל), זאָל בעסער בלייבן ביי דיר, — לייגט ער צו אין אַ שרעקלעכן טאָן״.

אָט אויף אַזאַ אופן זיינען צו מ. ווינטשעווסקין דערגאַנגען די צוויי בענד פון פעטער לאַווראָווס באַרימטן זשורנאַל, וואו ליבערמאַן איז געווען מיטאַרבעטער און אויך אַ זעצער, בעת ער האָט געלעבט אין לאָנדאָן אין 1875 און 1876. שפּעטער איז ליבערמאַן אויף אַ פּאָר יאָר אָפּגעפאָרן קיין ווין, דאָרט אַרויסגעגעבן דעם ערשטן סאָציאַליסטישן זשורנאַל ביי יידן, דעם באַוואוסטן „האמת״ און נאָך אַ פּאָליטישן פּראָצעס אין ווין און בערלין צוריק אָנגעקומען קיין לאָנדאָן. פון לאָנדאָן איז ער אַוועקגעפאָרן קיין אַמעריקע און אין ראָטשעסטער, דעם 18טן נאָוועמבער, 1880, דורך אַ רעוואָלווער־שאָס געמאַכט אַ סוף צו זיין נאָבעלן לעבן.

צוזאַמען מיט דער פּריוואַטער ביבליאָטעק פון מ. ווינטשעווסקי, זיינען אויך די צוויי בענדער „ווּפּעריאָד״, וואָס ליבערמאַן האָט געלאָזן אין לאָנדאָן פאַר זיין טראַגישער נסיעה קיין אַמעריקע, אַריבערגעגאַנגען מיט אַ פּאָר יאָר צוריק צו דער ביבליאָטעק פון דער אַמעריקאַנער אָפּטיילונג פון יידישן וויסנשאַפטלעכן אינסטיטוט. דאָרט ווערט דער „ווּפּעריאָד״ אָפּגעהיט ווי אַן אָנדענק־דאָקומענט פון א. ליבערמאַנס הערלאַכן לעבן און קאַמף. אַגב געהערט דער דאָזיקער זשורנאַל צו די בעסטע אָרגאַנען און די גרויסע זעלטנקייטן פון דער רוסישער רעוואָלוציאָנערער פּרעסע. מיר, ביאַליסטאָקער, קענען פון יענע צוויי בענד עפּעס וואָס לערנען מכוח דער געשיכטע פון די אַרבעטער־מאַסן אין אונדזער אַלטער היים.

אהרן ליבערמאַן האָט אין „וופעריאָד" (אָן זיין אונטערשריפט) געדרוקט אַ רייע אַרטיקלען אונטער אַ קעפּל „בריוו פון ביאַליסטאָק". דאָס זיינען געווען אויספירלעכע און אַלזייטיקע באַשרייבונגען פון עקאָנאָמישן, פּאָליטישן און געזעלשאַפטלעכן לעבן אין ליטע און ווייסרוסלאַנד אין די 70ער יאָרן פון פאָריקן יאָרהונדערט. דאָס זיינען געווען די יאָרן, ווען ליבערמאַן איז געווען באַטייליקט אין רעוואָלוציאָנערע קרייזלעך פון פּעטערבורג און ווילנע, האָט גוט געקענט די סביבה (די יידישע און פּוילישע), וואו ער האָט געלעבט און האָט זי לעבעדיק און אינטערעסאַנט באַשריבן.

פון ביאַליסטאָק גופא רעדט זיך ביי אים בלויז אין אַ פּאָר בריוו. אין איינעם דערמאָנט ער דעם אַרעסט פון עלטערע שילער פון דער ביאַליסטאָקער גימנאַזיע (ווייזט אויס אַלע קריסטן) וואָס זיינען אַרעסטירט געוואָרן פאַר פּאָליטישע חטאים. אַ צווייטער בריוו באַהאַנדלט אויספירלעך די לאַגע פון די אַרבעטער אין דער ביאַליסטאָקער טעקסטיל־אינדוסטריע. אָט דער דאָקו־מענט איז פאַר אונדז ביז גאָר אינטערעסאַנט. דער פּלאַץ דערלויבט אונדז ניט איבערצוגעבן דעם גאַנצן אינהאַלט. בלויז די וויכטיקסטע שטריכן פון א. ליבערמאַנס באַשרייבונג וועלן מיר דאָ איבערדערציילן.

ליבערמאַן הייבט אָן זיין אַרטיקל מיט אַ באַריכט פון די שרעקלעכע אַרבעט־באַדינגונגען אין יענער צייט. אין די גרעסערע פאַבריקן אין און אַרום ביאַליסטאָק פלעגט מען אַרבעטן 14 שעה אַ טאָג און די שכירות זיינען געווען קלאָגעדיקע — 20 ביז 40 קאָפּיקעס אַ טאָג, אָדער צוויי־דריי רובל אַ וואָך. די עקספּלואַטאַציע פון די קינדער־אַרבעטער, ווי אויך פון מענער־און פרויען־אַרבעטער, איז געווען אַ מוראדיקע. ליבערמאַן דערמאָנט אַ סטרייק, וואָס איז פאָרגעקומען אין מאָעסעס פאַבריק אין כאָראָשטש, וואו די אַרבעטער האָבן געקעמפט פאַר אַזאַ פּשוטער זאַך, ווי בעסערע לאָמפּן אָנ־שטאָט אָן אַלטמאָדישן אופן צו באַלייכטן אין אָוונט די פאַבריק מיט עפּעס אַ שטינקעדיקן, היימישן סאָרט גאַז.

מען פלעגט די אַרבעטער צווינגען צו אַרבעטן אַזוי גיך, אַז מ'פלעגט ממש פון זיי די נשמה אַרויסטרייבן. פאַר יעדער קלייניקייט האָט מען אַרויפ־געלייגט אויף די אַרבעטער געלט־שטראָפן, אָפטמאָל ביז איין־זעקסטל פון דעם גאַנצן וואָכן־לוין. דערצו האָבן נאָך די אַרבעטער זייער אָפט געקראָגן געצאָלט ניט מיט געלט, נאָר מיט „מאַרקעס" און דאָס איז געווען אַ שרעקלעכע עוולה און אומפאַרשעמטער וועג צו באַשווינדלען און באַראַבעווען די אַר־בעטער.

מיט אַ יאָר 70־80 צוריק האָבן די ביאַליסטאָקער פאַבריקאַנטן, וואָס האָבן געזוכט צו עקספּלואַטירן אויף כשרע און טריפענע וועגן, זייערע אַר־בעטער, געהאַט אַ גוטן תירוץ. זיי האָבן כלומרשט ניט געקענט אויסצאָלן די וועכנטלעכע שכירות במזומן, ווייל עס האָבן אויסגעפעלט אין שטאָט זיל־בערנע און קופּערנע מטבעות. האָט מען די אַרבעטער אויסגעצאָלט די שכירות מיט „מאַרקעס". אָט אַזעלכע קוויטלעך מיטן שטעמפּל פון דער פאַבריק־קאַסע האָבן אַ סך קרעמער אָנגענומען פאַר מזומן, בעת די אַרבעטער האָבן געקויפט שפּייז, גאַזע (קעראָסין), קליידונג א. אַז. וו.

די דאָזיקע „מאַרקעס״ פלעגן די קרעמער ניט גאַנץ לייכט קענען צע־בייטן אויף געלט. און יעדער קרעמער, וואָס האָט פאַרקויפט אויף „מאַר־קעס״, האָט, פאַרשטייט זיך, געריסן אַ גאַנץ שווערן דיסקאָנט פון די גראָשענע פאַרדינסטן, וואָס פלעגן קוים קלעקן דעם האָרעפּאַשנעם אַרבעטער און זיין פאַמיליע אויסצוהאַלטן צוזאַמען דעם גוף און נשמה. אָט אַזאַ פירונג איז לאַנגע יאָרן געווען אַ קללה פאַר די טעקסטיל־אַרבעטער אין ביאַליסטאָק גופא, ווי אויך אין די אַרומיקע שטעטלעך, ווי וואַשילקאָווע, סופּראַסלע, האָראָדאָק, מיכאַלאָווע, קנישין און אַנדערע.

א. ליבערמאַן דערמאָנט בלויז איין איינציקע יידישע טעקסטיל־פאַבריק אין ביאַליסטאָק אין יענער צייט. דאָס איז געווען די פירמע פון מלכה רייזל זאַבלודאָווסקי. איר מאַן, סענדער בלאָך (געשטאָרבן אין יאָר 1849) איז געווען פון די ערשטע יידישע טעקסטיל־פּיאָנערן אין דער ביאַליסטאָקער געגנט. ליבערמאַן שרייבט, אַז כמעט אַלע פאַבריקאַנטן און אַרבעטער זיינען געווען דייטשן. מסתמא האָט ער ניט געוואוסט, אַז דעמאָלט זיינען שוין געווען אַ פּאָר צענדליק יידישע פאַבריקאַנטן אין און אַרום ביאַליסטאָק און אין זיי האָבן געאַרבעט הונדערטער יידישע אַרבעטער.

עס איז אָבער אַ פאַקט, אַז ליבערמאַנס האַרץ האָט געווייטיקט מיט די יסורים פון די ביאַליסטאָקער אַרבעטער און אין זיינע אַרטיקלען שפּירט זיך דער ברענענדיקער צער און צאָרן פון אַ פריינד פון אַרבעטער־קלאַס אָן אונטערשייד פון נאַציע אָדער רעליגיע.

***

אַ צווייטער פאַרבינדונג־רינג צווישן אהרן ליבערמאַן און ביאַליסטאָק איז דער פאַקט, אַז זיין פאָטער, אליעזר דוד ליבערמאַן, האָט יאָרנלאַנג אָפּ־געלעבט אין ביאַליסטאָק און איז אין יאָר 1895 געשטאָרבן.

געשטאַמט האָט ער פון דער סואוואַלקער גובערניע און זיין פּרנסה איז געווען העברעאישע לערעריי. ער איז געווען אַ משכיל, אַ מחבר און אי־בערזעצער, וואָס האָט געשריבן אין אַ פיינעם, קלאָרן העברעאישן סטיל. ווען זיין זון, אהרן־שמואל (געבאָרן אין 1840 אָדער אין 1841 אין לונע, אַ שטאָט אין גראָדנער גוב.). איז אַלט געווען 10־12 יאָר, איז א. ד. ליבערמאַן אָנ־געקומען קיין ביאַליסטאָק. ער איז געוואָרן אַ העברעאישער לערער ביי די רייכע זאַבלודאָווסקיס און אין אַנדערע גבירישע הייזער.

צווישן די חשובע באַלעבאַטים אין שטאָט איז דער גרעסטער דעמאָלט געווען אליעזר האַלבערשטאַם, דער איידעם פון גביר איטשע זאַבלודאָווסקי, דער שטאַמפאָטער פון די באַוואוסטע אין אונדזער געגנט זאַבלודאָווסקיס. האַלבערשטאַם איז געווען אַ רייכער פאַבריקאַנט און אויך אַ העברעאישער שרייבער און דיכטער, וואָס האָט אָנגעפירט מיט אַ גאַנץ גרויסן קרייז משכילים אין ליטע מיט אַ יאָר 60־70 צוריק. מיט אים איז געווען באַפריינדעט דער לערער ליבערמאַן. זיין ערשטע ווערק, אַ משכילישן בוך „מגלת ספר״, האָט

ליבערמאַן געווידמעט אליעזר האַלבערשטאַמען. דאָרט ווערן אַגב דערציילט געהיימע איינצלהייטן וועגן אַ סך ביאַליסטאָקער משכילים פון יענער צייט.

אַ צווייטן בוך זיינעם, אַן איבערזעצונג פון אַ ווערק פון אַן איטאַליעניש־יידישן געלערנטן ש. ד. לוצאַטאָ, וועגן דער יידישער עטיק, האָט א. ד. ליבערמאַן געווידמעט דעם ביאַליסטאָקער שטאָט־גביר און תקיף, יחיאל בער וואָלקאָוויסקי. דאָס ווערק איז געוועזן געדרוקט אין ווילנע אין יאָר 1863.

נאָכן אָפּדרוקן אָט דאָס ווערק האָט אליעזר דוד ליבערמאַן ביאַליסטאָק פאַרלאָזן און האָט 18 יאָר אָפּגעלעבט אין סואוואַלק. שפּעטער, סוף די 1870ער יאָרן, איז ער צוריק אָנגעקומען אין ביאַליסטאָק און דאָ אָפּגעלעבט ביזן טויט, אין יאָר 1895.

איינער פון זיינע לעצטע ווערק, געדרוקט אין וואַרשע אין 1881, האָט ער געווידמעט דעם באַוואוסטן פּראָפעסאָר־מעדיצין פון בערלינער אוניווערסיטעט, איזידאָר (ישראל) זאַבלודאָווסקי. דאָס איז געוועזן אַ זון פון בישקע זאַבלודאָווסקי און אַן אייניקל פון „אַלטן גביר“, איטשע זאַבלודאָווסקי. פּראָפ. איזידאָר זאַבלודאָווסקי האָט אין זיין יוגנט געגומען העברעאישע לעקציעס ביי אליעזר דוד ליבערמאַן אין ביאַליסטאָק.

דער ביאַליסטאָקער רעדאַקטאָר, פּסח קאַפּלאַן, גיט איבער אין בוך „אונדזער יובל“, וואָס די ביאַליסטאָקער צייטונג „אונדזער לעבן“ האָט אין יאָר 1939 אַרויסגעלאָזן צו איר 20־יעריקן יובילײ, אינטערעסאַנטע דערינערונגען וועגן דעם פאָטער פון אהרן ליבערמאַן. פּ. קאַפּלאַן שרייבט אָט וואָס:

„ווען איך בין אָנגעקומען אין ביאַליסטאָק, סוף 1880ער יאָרן האָב איך אים (אליעזר דוד ליבערמאַנען) אַ פּאָר מאָל געזען. אין מיין זכרון האָט זיך אָפּגעשטעלט זיין אויסזען: אַן אַלטער ייד, שוין איבער די זיבעציקער, מיט אַ גרויער בערדל, מיט אַ וואָכעדיקן פּנים און אין אַ וואָכיקן, אָפּגעטראָגענעם מלבוש, מיט אַן אַלטן האַרטן קאַפּעלוש אויפן קאָפּ. בלויז פון די אויגן האָט אַרויסגעבליצט דער תלמיד־חכם און משכיל“.

די ערשטע סאָציאַליסטישע זשורנאַלן אין ביאַליסטאָק

די יידישע ראַדיקאַלע, ד. ה. סאָציאַליסטישע און אַנאַרכיסטישע, פּרעסע איז געבוירן געוואָרן אין ענגלאַנד. אין לאָנדאָן איז נאָך אין 1881—82 אַרויס־געגעבן געוואָרן די ערשטע סאָציאַליסטישע צייטשריפט אין יידיש — אַ קליין וואָכנבלאַט, „דאָס פּויליש אידל״. אין ניו יאָרק האָט ערשט אין 1887 אָנגע־הויבן צו דערשיינען די „יידישע פאָלקס־צייטונג״ און מיט אַ יאָר דריי שפּעטער זיינען געקומען אויף דער וועלט די „אַרבעטער־צייטונג״ און די „פרייע אַרבעטער שטימע״.

אין רוסלאַנד, וואו די יידישע אַרבעטער האָבן אָנגעהויבן זייער קאַמף שוין אין די 1880ער יאָרן, ד. ה. גלייכצייטיק מיט די איינגעוואַנדערטע יידישע מאַסן אין די געטאָס פון לאָנדאָן און ניו יאָרק, האָט מען די ערשטע סאָציאַליסטישע צייטונג אין יידיש אָנגעהויבן אַרויסצולאָזן ערשט אין 1896. געדרוקט איז זי געוואָרן טאָקע אין לאָנדאָן, און מ׳פלעגט זי אַריינשמוגלען קיין רוסלאַנד. דאָס איז געווען „דער יידישער אַרבעטער״ — „אַן אָרגאַן צו פאַרטיידיקן די אינטע־רעסן פון די יידישע אַרבעטער אין רוסלאַנד״. אַזוי איז געשטאַנען אין „קאָפּ״ פון ערשטן נומער. אין די נומערן 2 און 3 ווערט שוין געזאָגט, אַז עס גיט די צייטונג אַרויס אַ „גרופּע יידישע סאָציאַל־דעמאָקראַטן אין רוסלאַנד״.

ס׳איז געווען אַ זשורנאַל פון 52 קליינע זייטן, וואָס איז צוזאַמענגעשטעלט געוואָרן אין ווילנע, אָבער געדרוקט האָט מען אים אין לאָנדאָן, און אומלעגאַל אַריינגעפירט קיין רוסלאַנד. שוין אין ערשטן נומער געפינט מען אַ קאָרעס־פּאָנדענץ פון ביאַליסטאָק וועגן דעם לעבן און קאַמף פון דער יידישער אַר־בעטערשאַפט. אָט־די צייטונג האָט שטאַרק באַאיינפלוסט די מער באַוואוסט־זיניקע יידישע אַרבעטער, און זי האָט דירעקט צוגעגרייט דעם באָדן פאַר דער גרינדונג פון „בונד״ מיט אַ יאָר שפּעטער, אין סעפּטעמבער, 1897, אין ווילנע.

די ערשטע יידישע אונטערערדישע צייטונג וואָס איז אַרויסגעגעבן געוואָרן אין רוסלאַנד גופא איז געווען די ווילנער „אַרבעטער שטימע״, וואָס האָט אָפּ־געדרוקט איר ערשטן נומער אין מאַי 1897.

דער קאָפּ פון אָט־דער היסטאָריש־באַרימטער צייטונג האָט געהייסן: דיא אַרבייטער שטיממע — אַ סאָציאַל־דעמאָקראַטישע אַרבייטער צייטונג, אַרויסגעגעבן פון אַ גרופּע יידישע סאָציאַל־דעמאָקראַטן אין רוסלאַנד.

פון סאַמע אויבן, איבער דער גאַנצער ברייט פון דער ערשטער זייט, איז געווען אָפּגעדרוקט דער לאָזונג:

אַרבייטער אַללער לענדער פעראייניקט אייך! אָט־דער „דייטשמעריזם״ איז אפשר געווען אַ באַוואוסטזיניקער — מ׳האָט געזוכט אין אַלע פּרטים נאָכצומאַכן די דייטשע שפּראַך און „פאַראיידעלן״ דעם „אומגראַמאַטיקאַלישן

זשאַרגאָן". דעריבער איז אויך געווען דער אויסלייג פון קאָפּ אַ דייטשמערישער:
דיא אַרבייטער שטיממע...

דער ערשטער אַרטיקל (לייטאַרטיקל) **אויף דער ערשטער זייט האָט גע־היסן: „אַ שטרייק ביי די לוינקעטניקעס אין ביאַליסטאָק". ס'איז נישטאָ קיין אונטערשריפט אָדער נאָמען פון דעם שרייבער, בלויז אין סאַמע אָנהייב איבערן אַרטיקל, פון דער רעכטער זייט די איניציאַלן** א. ב.

נאָך דער גרינדונג פון „בונד" אין סעפּטעמבער 1897, איז די **„אַרבעטער שטימע" געוואָרן דער אָפיציעלער אָרגאַן פון „בונד".**

אינטערעסאַנטע מאַטעריאַלן געפינט מען אין טאָפּל־נומער 4—5 פון דער „אַרבייטער שטיממע", וואָס איז דערשינען סוף סעפּטעמבער 1897. חוץ קאָרעספּאָנדענצן פון אַ צאָל שטעט (צווישן זיי אויך קרינקי, לעבן ביאַליסטאָק) איז דאָרט געדרוקט אַ קורצער באַריכט פון דעם גרינדונג־צוזאַמענפאָר פון „בונד". ביז גאָר אינטערעסאַנט איז דער אַרטיקל אויף אַ ברענעדיקער צייט־פראַגע — די רייזע פון נייעם צאַר, ניקאָלאַי דעם 2טן, איבער מערב־רוסלאַנד און וועגן דעם „קבלת־פּנים", וואָס די יידישע און פּוילישע אַרבעטער האָבן דעם קיסר געגעבן אין וואַרשע און אין ביאַליסטאָק (דורך דעמאָנסטראַטיווע סטרייקס און מאַניפעסטאַציעס). די פּאָליציי ווידער, האָט געטאָן איר אַרבעט דורך הויז־זוכונגען, אַרעסטן א. ד. גל. אַלס צוגרייטונג צום קיסרס באַזוך.

פינף טאָג צייט איז דער קיסר געווען אין ביאַליסטאָק, און יעדן טאָג ווען ער איז געפאָרן הין און צוריק („איינגעשטאַנען איז דאָס קייזערלעכע פּאָר פּאָלק אין דאָילידי, אין פּאַלאַץ פון באַראָן רידיגער), זיינען אויף די גאַסן געשטאַנען מאַסן מענטשן און געשריען „הוראַ". אַזוי גיט איבער דער מעמואַריסט הלל כץ־בלום, איינער פון די ערשטע סאָציאַליסטישע פּראָפּאַגאַנדיסטן און אָרגאַ־ניזאַטאָרן אין ביאַליסטאָק און מחבר פון בוך „זכרונות פון אַ בונדיסט" (ניו יאָרק, 1940). ווייטער שרייבט ער אין זיינע מעמואַרן:

ווען מיר האָבן געזען ווי צוויי „אָקרוגן" (וואַרשעווער און ווילנער) סאָלדאַטן האָבן פאַרביימאַרשירט פאַר די העכסטע קייזערלעכע סוויטע גענעראַלן און די הויכע באַאַמטע — אַזאַ גרויסע אָרגאַניזירטע מאַכט, און געזען די „באַגייסטערונג" פון די מאַסן — האָט עס אונדז אַריינגעבראַכט אין אַ געדריקטער שטימונג... שמואל דער געלער, אַן איבערגעגע־בענער טוער, אַ גוטער סאָציאַליסט, אַ קלוגער אַרבעטער און אַגיטאַטאָר, האָט געפרעגט: צי איז איינגאַנצן ניט אומזיסט אונדזער אַרבעט? צי וועלן מיר זיין בכוח צו ברעכן אַזאַ מאַכט?... ספקות האָבן זיך אַריינגעגנבעט אין יעדן פון אונדז.

און דאָך איז דאָס גראָד געווען די צייט, ווען מ'האָט געמאַכט די צוגרייטונ־גען פאַר דער גרינדונג פון דער ערשטער יידישער סאָציאַל־דעמאָקראַטישער אָרגאַניזאַציע אויף דער יידישער גאַס — דער „בונד". הלל בלום איז דאָרט, אויף דער ווילנער גרינדונגס־קאָנפערענץ אין 1897, געווען דער הויפּט־דעלע־גאַט פון ביאַליסטאָק. וועגן דעם פאַקט דערציילט ער אַ פּאָר אינטערעסאַנטע פּרטים. ער שרייבט:

ערב יום־כיפור (סעפּט. 1897) איז געקומען צופאָרן (קיין ביאַליסטאָק) לעאָן גאָלדמאַן (וויכטיקער סאָצ. דעמאָקראַט. טוער) פון וואַרשע און האָט מיר געזאָגט, אַז מיט דעם צווייטן צוג וועלן מיר פאָרן קיין ווילנע. עס דאַרף דאָרט פאָרקומען אַ „סיעזד", אַ צוזאַמענפאָר פון

יידישע סאָציאַל־דעמאָקראַטן און איך בין אויפגעפאָדערט צו קומען ווי אַ פאַרטרעטער פון מיין ראַיאָן. איך האָב אויף שנעל צוזאַמענגערופן אַ זיצונג פון קאָמיטעט, וואָס איז באַשטאַנען פון 7—8 פערזאָנען און איבערגעגעבן, אַז איך פאָר קיין ווילנע, און צוליב וועלכן צוועק. ביי סימאָנען (שמעון וויסבערג) האָב איך אַנטליען אַן אָנצוג, און האָב זיך אַ ביסל צוגעפוצט, און מיטן צווייטן צוג זיינען מיר שוין געפאָרן (קיין ווילנע) פול מיט האָפענונג און באַגייסטערונג.

פינף טעג האָבן די 13 דעלעגאַטן פאַרבראַכט אין דער אָרימסטער יידישער געגנט פון ווילנע־לוקישקעס — אין אַ בוידעם־שטיבל ביי אַ באַראַטונג, און אַזוי איז פאָרגעקומען די גרינדונג פון „בונד״.

צוזאַמען מיטן וואוקס פון דער יידישער אַרבעטער־באַוועגונג אין ליטע, ווייס־רוסלאַנד און פוילן, און מיט איר פאַרצווייגונג און כסדר שטייגנדיקער קאָמפּליצירטקייט פון אירע אויפגאַבן, איז אַלץ שווערער געוואָרן דורך איין איינציקער סאָציאַליסטישער אַרבעטער צייטונג, ווי די „אַרבייטער שטיממע״, צו דעקן אַלע באַדערפענישן אין די פאַרשיידענע גרעסערע יידישע אַרבעטער־צענטערן און אויך אין באַזונדערע פאַכן און טריידס (אינדוסטריעלע צווייגן). עס איז אויסגעוואָקסן דער באַדאַרף אין אַן אָרטיקער, אַ לאָקאַלער, סאָציאַליסטישער פרעסע אין יידיש, וואָס וואָלט געקענט נאָענטער צוגיין צו די אָרטיקע ברייטע אַרבעטער־מאַסן אויף דער יידישער גאַס, און באַדינען זייערע לאָקאַלע נויטן. אַזוי איז געשאַפן געוואָרן דער ערשטער פראָפעסיאָנעלער פרעסע־אָרגאַן ביי יידישע אַרבעטער פון דער גאָרער וועלט — דער „וועקער״ פון די בונדיסטישע בערשטער־אַרבעטער פון די שטעט און שטעטלעך פון ליטע און פוילן. ער איז דערשינען אין דעצעמבער 1898. אין ערשטן נומער זיינען פאַראַן קאָרעספּאָנדענצן פון אַ סך גרויסע און קלענערע שטעט, ווי ביאַליסטאָק, טרעסטענע, קנישין, טיקטין א. אנד.

אויפן צווייטן צוזאַמענפאָר פון „בונד״ אין סעפטעמבער 1898, אין קאָוונע, איז באַשלאָסן געוואָרן ענערגיש צו אַרבעטן פאַר דער גרינדונג פון בונדיסטישע לאָקאַלע צייטשריפטן, ד. ה. אַזעלכע וואָס זאָלן קענען אָפּגעבן זייער גאַנצע אויפמערקזאַמקייט דער באַלייכטונג פון די אָרטיקע געשעענישן אין דער אַרבעטער־באַוועגונג.

דער ערשטער פון אָט־דעם נייעם מין סאָציאַליסטישע זשורנאַלן איז געווען דער ווילנער „קלאַסנקאַמף״, וואָס איז דערשינען צום ערשטן מאָל אין סעפטעמבער 1898. דער צווייטער לאָקאַלער זשורנאַל פון „בונד״ איז שוין געווען דער „ביאַליסטאָקער אַרבעטער״. זיין ערשטער נומער איז דערשינען אין אַפּריל, 1898.

ער האָט געהאַלטן 52 זייטן פון קליינעם פאָרמאַט, געדרוקט אין אויסלאַנד. דער זשורנאַל האָט געהאַט אַ גרויסן דערפאָלג און האָט אויסגענומען מיט זיין אינהאַלט און לויט דער צוגענגלעכער שפּראַך. דער ערשטער הויפּט־אַרטיקל האָט געהייסן: „וואָס ווילן מיר״. און דאָרט ווערט געשילדערט דער גאַנג פון דער קלאַסן־צעטיילונג אין דער יידישער געזעלשאַפט — אַלס פולער קעגנזאַץ צו דער יידיש־נאַציאָנאַלער אידייע פון איין פאָלק (כל־ישראל). עס ווערט דערביי געמאַכט אַן אָנגריף אויפן ציוניזם, וועלכן דער אַרטיקל־שרייבער

פאַרבינדט בלויז מיטן פאַרמעגלעכן, בורזשואַזן קלאַס. עס ווערט אָנגעצייכנט אַ פּראָגראַם פון פּראָלעטאַרישע קאַמפן אין רוסלאַנד, וואו מיליאָנען יידן לעבן און קעמפן. מ'באַטאָנט די וויכטיקייט פון קאַמף קעגן דער פּאָליטישער רעכט־לאָזיקייט — דער רעזולטאַט פון דער צאַרישער זעלבסטהערשאַפט. אַט־ווי דער „ביאַליסטאָקער אַרבעטער" פאַרמולירט זיינע הויפט־אויפגאַבן: צו זיין דער פאַרטיידיקער פון די אינטערעסן פון די ביאַליסטאָקער אַרבעטער־מאַסן, אָפּ־שפּיגלען זייער לעבן און קאַמף, צו וועקן זיי און דערמוטיקן און ווייזן זיי וואָס צו טאָן.

דער צווייטער אַרטיקל הייסט: „די רוסלענדישע סאָציאַל־דעמאָקראַטישע אַרבעטער־פּאַרטיי" און אין אים ווערט באַשריבן דער מאַניפעסט, אָנגענומען אויפן ערשטן פּאַרטיי צוזאַמענפאָר פון די רוסלענדישע סאָציאַל־דעמאָקראַטן אין מינסק אין מערץ 1898. ס'קומט דאַן אין נומער אַ קורצער איבערבליק פון דער אַרבעטער־באַוועגונג אין ביאַליסטאָק און אין איר ראַיאָן, אַ כראָניק פון עקאָנאָמישן און פּאָליטישן קאַמף און אַ קורצע דערציילונג — אַ „סקיצע" — „חיים דער וועבער".

די טעמע פון אַט־דער דערציילונג איז: אַ קלאַסנבאַוואוסטזיניקער און מוטיקער וועבער, חיים, וויל מיט זיין גאַנצן האַרצן און מיט דער גאַנצער נשמה אַרבעטן פאַרן סאָציאַליזם, פאַר דער אַרבעטער־באַוועגונג, אָבער זיין ווייב, וואָס קלערט נאָר וועגן „תכלית" און מעסט אַלץ מיט דער מאָס פון באַלדיקן ריווח, שטערט איר מאַן, חימען, אין זיין הייליקער אַרבעט, און מאַכט אים אָן אַ סך צרות...

ביזן היינטיקן טאָג איז פאַרהילט אין אַ סוד דער נאָמען פון דעם מחבר פון אַט־דער דערציילונג, וועלכע איז נישט פון די גאַנץ גרויסע ליטעראַרישע אַנטיקן סיי־ווי־סיי. אָבער ס'וואָלט גוט געווען צו וויסן דעם נאָמען פון דעם פאַרפאַסער. עס איז דאָ אַ מיינונג, אַז דער מחבר זאָל זיין געווען אַ ביאַליסטאָ־קער בונדיסט מיטן פּאַרטיי־נאָמען „חיים דער פּאָעט", אָדער „חיים דער לערער". ס'קען אויך געמאָלט זיין, אַז די סקיצע זאָל גאָר האָבן פאַרפאַסט איינער פון די ערשטע הויפט־טוערס פון „בונד", ב. מיכאַלעוויטש (איזביצקי), וואָס האָט אין יענער צייט, צוליב פּאַרטיי־אַרבעט, זיך טאַקע אויפגעהאַלטן אין ביאַליסטאָק. וויכטיק איז אָבער דער פאַקט, אַז דער „העלד" פון דער דער־ציילונג איז טאַקע קאָפּירט געוואָרן פוןווירקלעכן ביאַליסטאָקער לעבן. סאיז געווען אין ביאַליסטאָק אַזאַ טיפּ, ווי „חיים דער וועבער", געהייסן האָט ער אין דער אמתן „יודקע דער וועבער", און זיין ווייב האָט אים ממש דערגאַנגען די יאָרן פאַר זיין „ציציליזם"...

אָנהייבנדיק מיטן צווייטן נומער, האָט דער „ביאַליסטאָקער אַרבעטער" זיך שוין מער נישט געדרוקט אין אויסלאַנד, נאָר אין אַ אומלעגאַלער דרוקעריי אין רוסלאַנד, און דער זשורנאַל פלעגט דערשיינען מער אָדער ווייניקער רעגל־מעסיק — יעדע פאָר חדשים אַ נומער, ביז אָנהייב 1902, ווען ער האָט זיך אָפּגעשטעלט. צוזאַמען זיינען דערשינען 7 נומערן.

דער ביאַליסטאָקער קאָמיטעט פון „בונד" האָט ביזן יאָר 1901 אַרויס־געלאָזן צוויי נומערן פון אַ קליינעם זשורנאַל: „פלוגבלעטל". איינער איז

אַרויסגעגאַנגען אין אָקטאָבער 1899 און איז געווען געווידמעט דעם גרויסן עקאָנאָמישן קריזיס און דער אַרבעטלאָזיקייט, וואָס האָבן געבושעוועט אין יענער צייט אין ביאַליסטאָק. דער צווייטער נומער „פלוגבלעטל״, פון יאַנואַר 1900, גיט זיך אָפּ מיט דער נאָענטער פאַרבינדונג צווישן דעם עקאָנאָמישן און פּאָליטישן קאַמף — אַ ברענענדיקע טאָג־פראַגע אין יענער צייט.

אין די לעצטע צען יאָר פאַר דער רוסישער רעוואָלוציע פון 1905, ד. ה. אין די יאָרן פון 1895 ביז 1904, האָבן די ביאַליסטאָקער יידישע אַרבעטער אַרויסגעוויזן אַ זייער גרויסע ענערגיע און טעטיקייט. די ערשטע פינף יאָר צייט, ביז 1900, זיינען דערהויפּט געשטאַנען אונטערן צייכן פון עקאָנאָמישן קאַמף — דורך סטרייקס פאַר עקאָנאָמישע אויסבעסערונגען. אין די יאָרן 1900—1905 איז שוין אויך געפירט געוואָרן אַ פּאָליטישער קאַמף — אַ קאַמף קעגן צאַריזם מיט זיין זעלבסטהערשאַפט און אַ ביוראָקראַטישן און אימפּעריאַליסטישן רעזשים, וואָס האָט פאַרפירט אַ בלוטיקע מלחמה קעגן יאַפּאַן, אין וועלכער דער צאַריזם האָט געליטן אַ מוראדיקע מפּלה.

סיי פאַרן עקאָנאָמישן, סיי פאַרן פּאָליטישן קאַמף האָבן די יידישע סאָציאַליסטישע אומלעגאַלע צייטשריפטן צוגעגרייט די ברייטע מענטשן־מאַסן און די פּילצאָליקע פירער, וואָס זיינען פון די מאַסן אַרויסגעקומען. און ביאַליסטאָק, האָט אויך געשפּילט אַ ראָלע, געהאַט אַ היפּשן חלק, אינעם אויפקום פון דער יידישער רעוואָלוציאָנערער סאָציאַליסטישער באַוועגונג און פּרעסע אין צאַרישן רוסלאַנד.

דער ביטערער קאַמף צווישן די לוינקעטניקעס און וועבערס אין ביאַליסטאָק

פערציק יאָר כסדר, פון 1875 ביז 1915, האָבן הונדערטער יידישע משפּחות אין ביאַליסטאָק און אין די אַרומיקע שטעטלעך געלעבט פון דער קליינער וועבעריי־פּראָדוקציע. דאָס זיינען געווען די לוינקעטניקעס, און זייער פּרנסה האָט אַ סך געהאָלפן צו אַנטוויקלען די יידישע טעקסטיל־אינדוסטריע אין ביאַליסטאָקער ראַיאָן.

על־פּי רוב איז דער לוינקעטניק בלויז אַ פאַרמיטלער צווישן דעם פאַבריקאַנט און אַרבעטער. אַזאַ פאַרמיטלער פלעגט אַרויסנעמען דאָס געשפּינסט (גאַרן) פון דעם פאַבריקאַנט און ברענגען אים צוריק פאַרטיקע סחורה. דאָס מיינט, אַז די לוינקעטניקעס פלעגן אַרבעטן ניט אויפן אייגענעם חשבון. אָפטמאָל פלעגן זיי אַליין אַרבעטן ביי די הילצערנע האַנט־שטולן (וועב־מאַשינען), און ניט זעלטן פלעגן זיי באַשעפטיקן צו עטלעכע געדונגענע אַרבעטער אָדער לערן־יינגלך.

פאַר די גרויסע פאַבריקאַנטן איז דאָס געווען זייער נוצלעך, ווייל זיי האָבן דורך דעם געהאַט די מעגלעכקייט אין דער צייט פון אַ גרויסן נאָכפרעג אויף סחורה צו פאַרגרעסערן די פּראָדוקציע, איינשפּאָרנדיק דערביי הוצאות אויף נייע מאַשינען און אַנדערע אינוועסטמענטס. מען קען די ביאַליסטאָקער אַמאָליקע לוינקעטניקעס פאַרגלייכן מיט די קאָנטראַקטאָרס פון דער גרויסער ניו־יאָרקער קליידער־אינדוסטריע, וואָס איז אויך געשטיגן צו איר איצטיקער הויכער שטופע דורך דער יידישער איניציאַטיווע און ענערגיע.

פאַרשטייט מען שוין במילא, אַז די סכסוכים צווישן די אַרבעטער און די לוינקעטניקעס זיינען אָפט געווען נאָך שאַרפערע ווי אין די פאַבריקן, מחמת דער לוינקעטניק האָט דאָך געמוזט פאַרדינען פון זיינע אַרבעטער.

די קאַמפן צווישן די לוינקעטניקעס און די אַרבעטער זיינען טאַקע געווען באַזונדערס פאַרביטערטע.

אין אַ רוסישן רעוואָלוציאָנערן זשורנאַל, וואָס איז אָפּגעדרוקט געוואָרן אין זשענעווע, שווייץ, (ראַבאָטשעיע דיעלאָ) אין 1899, געפינען מיר אָט־אַזאַ באַשרייבונג פון דעם קאַמף צווישן אַרבעטער און לוינקעטניקעס אין ביאַליסטאָק:

„שוין אַרום 1885־סטן יאָר האָבן די לוינקעטניקעס געצאָלט די אַרבעטער דריי און האַלב ביז 4—5 קאָפּיקעס פון שטרויען (מאָטעק). אַ וועבער האָט ביי אַ 16 שעהדיקן אַרבעטסטאָג קוים אויסגעאַרבעט 2־3 רובל אַ וואָך. פאַר די וועבערס איז ניט געבליבן קיין אַנדער אויסוועג ווי אָדער לאַנגזאַם אויסגיין פון הונגער, אָדער אָרגאַניזירן אַ סטרייק און קעמפן פאַר דער פאַרבעסערונג

פון די שכירות. זיי האָבן, פאַרשטייט זיך, אויסגעקליבן דאָס צווייטע. אין יולי 1887 האָבן זיי אָפּגעשטעלט די אַרבעט.

„דער סטרייק איז געווען אָרגאַניזירט אויף אַזאַ אופן, אַז גלייכצייטיק איז דער סטרייק פאָרגעקומען בלויז אין אייניקע וואַרשטאַטן, כדי עס זאָל פאַר איינמאָל ניט זיין מער פון 30 סטרייקערס. די וועבערס, וואָס האָבן אין דער צייט געאַרבעט ביי אַנדערע לוינקעטניקעס אָדער אויף די פאַבריקן, פלעגן צווישן זיך צונויפקלייבן געלט און אַרויסגעבן אונטערשטיצונג צו דריי רובל אַ וואָך פאַר אַ סטרייקער.

„ווען די ערשטע האָבן שוין געהאַט געוואונען — אַ סטרייק פלעגט גע־דויערן ניט לענגער ווי אַנדערהאַלבן וואָכן — פלעגן אָפּשטעלן די אַרבעט די אַרבעטער פון די אַנדערע וואַרשטאַטן און אַזוי ווייטער. אין אויגוסט 1887, איז קיין ביאַליסטאָק געקומען צופאָרן דער גראָדנער גובערנאַטאָר, האָט צו־נויפגערופן אַלע סטרייקערס און זיי איינגערעדט זיך ווידער צושטעלן צו דער אַרבעט; אָבער אומזיסט — דער סטרייק האָט זיך געצויגן ביז סעפטעמבער, די אַרבעטער האָבן געוואונען און האָבן אומעטום אָנגעהויבן באַקומען צו 7 קאָפּיקעס פון שטרויען (מאַטעק)".

אין דער וואַרשעווער „הצפירה", פון 19־טן אויגוסט 1887, איז געווען אָפּגעדרוקט אַ קאָרעספּאָנדענץ פון ביאַליסטאָק, און יענער סטרייק ווערט גאָר געשילדערט ווי אַ קאַמף פון די פאַבריק־אַרבעטער קעגן די לוינקעטניקעס. דער קאָרעספּאָנדענט שרייבט בזה הלשון, ווי עס האָט איבערזעצט דעם בריוו א. מענעס, אין זיין היסטאָרישער אַרבעט וועגן דער „יידישער אַרבעטער־באַ־וועגונג אין רוסלאַנד".

„אין טעקסטיל־האַנדל שפּירט זיך ווידער אַן אויפלעבונג און, ווי עס זאָגן פאַכלייט, האָט זיך דער מצב פון די סוחרים צום טייל מער, צום טייל ווייניקער פאַרבעסערט. יעדן טאָג קומען אָן נייע באַשטעלונגען און די מקחים האָבן זיך אַביסל געהויבן. די דאָזיקע עליה פון די פּרייזן נעמט זיך דערפון, וואָס די קליינע בעלי־מלאכות (לוינקעטניקעס) האָבן געמוזט אויפהערן אַר־בעטן מחמת די סטראַשונקעס מצד די וועבער, וואָס אַרבעטן אין די גרויסע פאַבריקן."

דער ביאַליסטאָקער קאָרעספּאָנדענט פון „הצפירה" באַשרייבט ווייטער אויספירלעך די ראָלע פון די לוינקעטניקעס, ווי זיי אַרבעטן אַפילו ביליקער פון די גרויסע פאַבריקאַנטן, וועלכע האָבן גרעסערע הוצאות, און ווי דאָס האָט געפירט דערצו, אַז די פאַבריקאַנטן האָבן גענומען רייסן די לוינען פון די אַר־בעטער. אָט וואָס מיר לייענען:

„אין דער דאָזיקער געשיכטע איז דער אַרבעטער געווען דער שעיר־לע־זאזל און האָט געליטן פאַר די זינד פון די קליינע קאָנקורענטן (די לוינקעטני־קעס, מיינט עס, האָבן קאָנקורירט, געדריקט אויף די פּרייזן, און געקוועטשט די שכירות פון די וועבערס). די פאַבריקאַנטן, וואָס אין זייערע הענט ליגט דער גורל פון די וועבערס, האָבן בלויז פאַרקלענערט די שכירות פון זייער אַרבעט. דאָס האָט אויפגעבראַכט די אומגליקלעכע וועבערס אַזוי שטאַרק, אַז זיי האָבן זיך אַ לאָז געטאָן אויף די קליינע פאַבריקלעך און דאָרט אָפּגעטאָן מעשים...

פון די קליינע פאַבריקאַנטן איז גאָרניט נישט געוואָרן. אויף דעם דאָזיקן שינוי צום גוטן ווייזן אָן אַלע וואָס קענען דעם פאַך, און זאָגן, אַז נאָר דערפאַר איז געוואָרן וויניקער סחורה אין שטאָט און די פרייזן האָבן זיך אויפגעהויבן."

פון אַט־די צוויי באַריכטן (איינער אין אַ רוסישן רעוואָלוציאָנערן זשור־נאַל, און דער צווייטער פון דער "הצפירה") לאָזט זיך מאַכן אַן אויספיר, אַז דעמאָלט, אין 1887, האָט זיך אין ביאַליסטאָק אָפּגעשפּילט אַ טאָפּלטער קאַמף: פון איין זייט פון די פאַבריק־אַרבעטער קעגן די לוינקעטניקעס בכלל (דאָס איז מסתם געווען אַ קאַמף פון ניט־יידן קעגן די קליינע יידישע בעלי־מלאכות, די לוינקעטניקעס) און פון דער צווייטער זייט — פון די יידישע אַרבעטער ביי די לוינקעטניקעס, קעגן זייערע קליינע בעלי־בתים, פאַר העכערע שכירות.

צום טייל ענלעכע אורזאַכן האָבן מיט אַ יאָר פריער — אין 1886 אַרויסגע־רופן אַ סטרייק פון יידישע וועבערס אין וואַשילקאָווע, די גוט־באַקאַנטע שטעטל, איין רוסישע מייל (7 וויאָרסט) פון ביאַליסטאָק. אַ באַריכט וועגן דעם דאָזיקן סטרייק איז געווען געדרוקט אין זשורנאַל "המליץ", (1886, נומ. 125), וואָס פלעגט זיך דרוקן אין פּרייסישן שטעטל לוק (הינטער גראַיעווע) און פלעגט אַריינקומען כמעט פריי קיין רוסלאַנד. אָט־וואָס מיר לייענען דאָרט:

"די קאָנקורענץ צווישן די וועבעריי־פאַבריקאַנטן אין וואַשילקאָווע האָט אַרויסגערופן די אומצופרידנקייט פון די וועבער־אַרבעטער, און זיי האָבן גע־מאַכט אַ בונד (אגודה אחת) צו וואַרפן די אַרבעט. די סיבה דערפון איז, וואָס די פאַבריקאַנטן גיבן אַרויס אַ סך אַרבעט צו די לוינקעטניקעס אָדער "לוין־שטולן", און דאָס ברענגט דערצו, אַז אין די זומער־חדשים איז די אַרבעטלאָ־זיקייט זייער גרויס צווישן די פאַבריק־אַרבעטער. כדי צו מאַכן אַ סוף צום דאָזיקן שלעכטן מצב, האָבן די וועבערס מיט רעכט באַשלאָסן צו פאַרלאַנגען פון זייערע בעלי־בתים, אַז זיי זאָלן זיי ווייטער ניט בדלות שטעלן דערמיט, וואָס זיי גיבן אַרויס די גאָרן (שפּינעריי־פּראָדוקטן) צו די לוינקעטניקעס, וועלכע נעמען ביי זיי אַוועק די חיונה."

ווייטער ווערט אין דער קאָרעספּאָנדענץ דערציילט, אַז די חברה (אגודה) פון די וואַשילקאָווער וועבערס באַשטייט פון גאָר רואיקע מענטשן: זייער דרך איז ניט מיט שטורעם, צונויפצוקלייבן זיך אין די גאַסן מיט גרויס ליאַרעם, ווי דאָס טוען די פּועלים אין אַנדערע שטעט. זיי פאַרלאַנגען ניט מער, מען זאָל פאַרענטפערן זייער פראַגע אויף אַזאַ אופן, אַז "דער וואָלף זאָל זיין זאַט און די שאָף זאָל בלייבן גאַנץ."

אויך די יושרדיקע פאַבריקאַנטן וואָס קענען דעם געמיט פון זייערע אָרנטלעכע אַרבעטער, האָבן שוין דערויף מסכים געווען, עס האָט שוין גע־האַלטן גאָר נאָענט, אַז די וועבערס זאָלן קומען צו אַ הסכם מיט די בעלי־בתים, ווען ניט אַן אומגליקלעכער צופאַל, וואָס צעשטערט די האָפענונג אויף שלום, און וואָס איבער אים קאַכט וואַשילקאָווע ווי אַ קעסל, און די געשיכטע ווערט אין "המליץ" איבערגעגעבן אָט־אַזוי:

"י. כ., דער וויצע־פּאַרזיצער פון דער היגער שטאָט־פאַרוואַלטונג, וועל־כער איז גלייכצייטיק אַ לוינקעטניק, האָט זיך געוואָלט נוקם זיין אָן זיינע שונאים די וועבערס, און האָט באַשטימט די דירה פון אַן אָרימען וועבער, אַ

מטופל פון קליינע קינדער, פאַר אַ זאַמל־פונקט פאַרן היגן גאַרניזאָן. די פאַ־מיליע פון דעם דאָזיקן וועבער און אַלץ, וואָס איז געווען אין שטוב, האָט מען אַרויסגעוואָרפן אויף דער גאַס און סאָלדאַטן זיינען געקומען און זיך באַזעצט אין יענעמס דירה. דער פאָטער פון דער אַרויסגעטריבענער פאַמיליע האָט דעמאָלט גענומען זיינע קינדער און אַלע זיינע בעבעכעס און זיך באַזעצט אין נייעם בית־מדרש, און יעדערער, וואָס האָט דאָס געזען, האָט געשאָקלט מיטן קאָפּ און געזאָגט: אַזוינס איז נאָך ניט געהערט און ניט געזען געוואָרן..."

געחתמעט איז דאָ די זייער און זייער אינטערעסאַנטע קאָרעספּאָנדענץ פון וואָשילקאָווע, אין דעם „המליץ" מיטן פּסעוודאָנים: „אַן אָנגעשטעלטער פון אַ פאַבריק". צווישן אַזוינע אָנגעשטעלטע (בוכהאַלטאָרן), פּאַרוואַלטער, פּרי־קאַזטשיקעס א. ד. גל.) האָבן דעמאָלט ניט געפעלט קיין משכילים, פיינע העב־רעער און בני־תורה.

אינטערעסאַנט איז אָט דאָ דער עצם פאַקט פון סטרייק, וואָס איז געווען געווענדעט, ווי מיר זעען, ניט קעגן די פאַבריקאַנטן, נאָר קעגן דער קאָנקו־רענץ פון די לוינקעטניקעס, ווי אויך די כאַראַקטעריסטיק פון די וואָשילקאָ־ווער יידישע וועבערס ווי שטילע מענטשן, וואָס מאַכן ניט קיין רעש און ליאַרעם, „ווי דאָס טוען די פּועלים אין אַנדערע שטעט".

דערמיט איז, גאַנץ געוויס, געמיינט אין דער ערשטער שורה ביאַליס־טאָק גופא, וואו די וועבערס זיינען געווען ווייניקער רואיק און וואו בעת די גרויסע קאָנפליקטן צווישן אַרבעטער און גרויסע און קליינע פאַבריקאַנטן זיינען פאָר־געקומען ערנסטע צוזאַמענשטויסן.

אַביסל שפּעטער, אין די 1890־ער יאָרן, זיינען אפילו געווען בלוטיקע טעראָר־אַקטן קעגן די לוינקעטניקעס. עס איז אין יידישן קוואַרטאַל (אויפן שול־הויף) אַמאָל געשטאָכן געוואָרן מיט אַ מעסער אַ יידישער לוינקעטניק, און ער איז פון די וואונדן געשטאָרבן. דאָס איז ניט געווען דער איינציקער בלוטיקער נקמה־אַקט מצד די ביטער־פאַרצווייפלטע וועבערס קעגן די קליינע בעלי־בתים, וואָס האָבן זיי ניט זעלטן (אונטער די אומשטענדן פון דער שאַרפער קאָנ־קורענץ) עקספּלואַטירט אין דער ערגסטער פאָרם.

אַ ביאַליסטאָקער פּעטיציע צום גראָדנער גובערנאַטאָר פון יאָר 1863

אין 1859 איז געעפנט געוואָרן די וואַרשע־פּעטערבורגער אייזנבאַן־ליניע, וואָס איז געגאַנגען איבער ביאַליסטאָק. דאַן איז לייכטער געוואָרן דער צופיר פון וואָל און אַנדערע פּראָדוקטן. נאָך וויכטיקער איז, אַז אַנשטאָט די פורן, וועלכע פלעגן צעפירן די סחורה איבער אַלע יאַרידן אין אוקראַינע און פוילן, האָט מען נאָכן אויסבוי פון דער ביאַליסטאָק־בריסקער ליניע (אין 1867) זיך געקענט באַנוצן מיטן ביליקערן און שנעלערן באַן־טראַנספּאָרט. דורך דער נייער „דרום־מערבדיקער באַן" איז ביאַליסטאָק דירעקט פאַרבונדן געוואָרן מיט קיעוו, אָדעס און נאָך אַ סך שטעט און דרום־רוסלאַנד (כאַרקאָוו, פּאָלטאַווע א. אַז. וו.), וואו ביאַליסטאָקער סחורה האָט געהאַט אַ גרויסן אָפּגאַנג.

עס איז צו אונדז דערגאַנגען אַן אינטערעסאַנטער היסטאָרישער דאָקומענט פון יענער צייט — אין אַ העברעאישער איבערזעצונג (דער רוסישער אָריגינאַל פעלט). דאָס איז די איבערזעצונג (געדרוקט אין ווילנער בארימטער וואָכנשריפט הכרמל, רעדאַקטירט פון שמואל יוסף פין) פון אַ פּעטיציע פון ביאַליסטאָקער גרויסע פאַבריקאַנטן און סוחרים 90% פון זיי — יידן) צום גראָדנער גובערנאַטאָר, גראַף וולאַדימיר אַלעקסעיעוויטש באָברינסקי, דערלאַנגט צו אים דעם 29־טן אַפּריל, 1863.

אין דער דאָזיקער בקשה בעטן די ביאַליסטאָקער גרויסע אונטערנעמער אַז די רעגירונג זאָל וואָס פריער אויסבויען אַן אייזנבאַן פון ביאַליסטאָק, איבער פּינסק, קיין אוקראַינע (דרום־רוסלאַנד). אויף אַזאַ וועג וואָלט ביאַליסטאָק, ווערט געזאָגט אין דער פּעטיציע, געקענט לייכט באַקומען די נויטיקסטע מאַטעריאַלן און פּראָדוקטן, ווי למשל שפּייז און וואָל פון דרום־רוסלאַנד און ברען־האָלץ פון די ביאַלאָוויעזשער וועלדער. אגב, וואָלט אַזאַ באַן פאַרלייכטערט און פאַרביליקט דעם טראַנספּאָרט פון פאַרטיקע ביאַליסטאָקער סחורות קיין אוקראַינע.

זייער אינטערעסאַנט איז, אַז די פּעטיציע שטעלט פעסט, ווי שנעל ביאַליסטאָק איז אויסגעוואָקסן אַראָנק דער טוך־פאַבריקאַציע. אין 1835, ווען אין ביאַליסטאָק זיינען געווען בלויז 2 טעקסטיל־פאַבריקן, האָט די שטאָט געהאַט 9,242 איינוואוינער. אין 1863, ווען אין ביאַליסטאָק און די אַרומיקע פלעצער זיינען געווען איבער 30 פאַבריקן, איז שוין די באַפעלקערונג אויסגעוואַקסן צו 16,300 נפשות — אַ וואוקס אויף 75% אין עטלעכע און צוואַנציק יאָר צייט.

דער טעקסט פון דער פּעטיציע, וואָס איז זייער וויכטיק פאַר דער געשיכטע פון ביאַליסטאָקער עקאָנאָמישער אַנטוויקלונג, איז געראַטעוועט גע־

וואָרן פאַרן צוקונפטיקן היסטאָריקער, נאָר אַדאַנק דער העברעאישער איבער־זעצונג. זי איז מסתמא געמאַכט געוואָרן פון דעם באַרימטן ביאַליסטאָקער העברעאישן לערער אליעזר בער ליבערמאַן, וועלכער פלעגט אָפט שיקן קאָרעספּאָנדענצן פון ביאַליסטאָק צום ווילנער „הכרמל". געדרוקט איז עס געווען אין דריטן יאָרגאַנג „הכרמל", נומ. 49 פון ט"ו אב, תרכ"ג ד. ה. סוף אויגוסט, 1863.

דאָס איז דער טעקסט אין יידישער איבערזעצונג:

פּעטיציע פון ביאַליסטאָקער סוחרים און פאַבריקאַנטן צום גראָדנער גובערנאַטאָר גראַף וולאַדימיר אַלעקסייעוויטש באַברינסקי

געערטער און דערהויבענער הער!

אייער עקסעלענץ איז געוויס באַקאַנט, אַז עס ווערט געפּלאַנעוועט צו בויען אַן איזנבאַן פון דער שטאָט ביאַליסטאָק דורך דער שטאָט פּינסק קיין וואָלינער גובערניע, און אין די אינטערעסן פון דער זאַך האָבן די סוחרים פון דער שטאָט פּינסק דערלאַנגט אַ ביטשריפט דעם גובערנאַטאָר פון זייער גובערניע. זיי האָבן געבעטן, אַז ער זאָל אויסווירקן ביי דער רעגירונג, זי זאָל דעם פּלאַן פאַרווירקלעכן וואָס שנעלער, כדי צו אַנטוויקלען די נויטיקע און וויכטיקע אויפגאַבע פון פאַרשפּרייטן מלאכה צווישן די איינוואוינער פון דער געגנט.

זינט בילדונג און פאַרשפּרייטונג פון האַנדל און אינדוסטריע אין אונדזער מעכטיקער לאַנד האָבן צוגעוואוינט די בירגער צו בעסערע ווירטשאַפטלעכע לעבנס־באַדינגונגען, האָבן די איינוואוינער פון די מערבדיקע און די דרום־מערבדיקע גובערניעס פאַרשטאַנען, ווי וויכטיק דער דאָזיקער פּלאַן איז. ער וועט פאַר זיי עפענען אַ פרייעם וועג צו פאַרבינדן די אינערלעכע גובערניעס פון זייער לאַנד מיט די איבעריקע גובערניעס, דאָס הייסט: די גובערניעס, וואָס זיינען געבענטשט דורך דער נאַטור מיט כל טוב, פאַרבינדן מיט די גובערניעס, וואָס זיי האָט די נאַטור ניט איינגעטיילט גוטס און רייכטום.

די גובערניעס: וואָלינער, יעקאַטערינאָסלאַווער, קיעווער, פּאָלטאַווער, מינסקער, טשערניגאָווער, מאָהילאָווער און די נאָענטע צו זיי פון מזרח זייט, זיינען רייך מיט תבואות און מיט בהמות. עס שיקט זיך פאַר זיי צו טיילן זיך מיט זייער רייכטום, און צו געבן דעם איבערפלוס פון זייערע לעבנס־מיטלען צו די נאָענטע פון זיי, אָבער אָרימע און געדריקטע גובערניעס: ווילנער, גראָדנער, און צו שיקן זייערע געררעטעניש דורכן באַלטישן ים קיין צפון־איירָאָפּע און ענגלאַנד. ליידער איז אָבער פאַרמאַכט דער וועג פאַר די געבענטשטע גובערניעס און זיי קענען זייער תבואה אין די שכנישדיקע פלעצער ניט שיקן. די טייכן, וואָס איבער זיי פירט מען תבואות פון דרום קיין צפון, ציען זיך בלויז ביז אָרום פּינסק. אָבער פון פּינסק און ווייטער צו צפון זייט דאַרפן שוין די משאות געשלעפּט ווערן אויף צוויי קאַנאַלן, דער דניעפּער־בוג קאַנאַל און דער אָגינסקי קאַנאַל. די דאָזיקע קאַנאַלן זיינען געמאַכט געוואָרן מיט אַ יאָר 100

צוריק און זיי אַנטשפּרעכן לחלוטין ניט די היינטיקע באַדערפעגישן, ווייל דאָס וואַסער ווערט אָפּטמאָל זייער נידעריק. ניט נאָר קענען ניט די שיפן, וואָס זיינען איצט געבויט געוואָרן, דורכגיין די קאַנאַלן, נאָר אפילו פאַר געהילץ־פּליטן איז דער וועג שמאָל. די רעות וואָס קומען אַרויס פון די דאָזיקע שטערונגען ווירקן אויך שעדלעך אויף די דאָזיקע געבענטשטע גובערניעס, און זייער ריכטיק זיינען די ווערטער פון די פינסקער סוחרים אין זייער ביטשריפט: „די לאַנדווירטשאַפט אין די מזרחדיקע גובערניעס ווערט אַלץ אָרימער, און די איינוואוינער, וואָס זעען ווי די קוואַלן פון זייער רייכטום ווערן חרוב, האָבן זיך גענומען אויסצוהאַקן די וועלדער און לאָזן אַוועק דאָס געהילץ מיטן וואַסער, כדי פון דעם האָלץ־פאַרקויף צו פּראָפּיטירן". און, מיט קליינע ענדערונגען, איז אַזוי די לאַגע אויך אין דער קיעווער און פּאָדאָלער גובערניעס, וואו עס לוינט זיך איצט ניט צו באַאַרבעטן די ערד. געוויס וועט די געפּלאַנטע אייזנבאַן אָפּקערן יעדע שטערונג אויפן וועג פאַר דעם האַנדל אין די גרויסע דרום־מערב־דיקע געגנטן פון רוסלאַנד, און זי וועט אויך עפענען אַ טויער פאַרן האַנדל מיט דעם זאַלץ פון קרים. דאָס וואָלט געקענט פירן צו אַן עקספּאָרט פון קרימער זאַלץ קיין אויסלאַנד אַדאַנק די פריינטשאַפטלעכע באַציאונגען צווישן אונדזער לאַנד מיט פּרייסן, און די רעגירונג וואָלט אויך געזען פאַר זיך אַ ברכה פון די גרויסע קרימער זאַלץ אוצרות. חוץ דעם וואָלט די אייזנבאַן פאַרלייכטערט דעם וועג פאַר די רייזענדע פון דרום רוסלאַנד קיין צפון, וואָס וואָלטן פאַרשפּאָרט אַנצולייגן וועג און וואַנדערן איבער קאָנסטאַנטינאָפּל, טריעסט, עסטרייך און וואַרשע, ווי עס טוען די גאַנצע צייט רייזענדע קיין פּעטערבורג. און ווי פאַרקירצט וועט ווערן דער וועג פון דרום קיין צפון דורך דער אייזנבאַן איבער פינסק, ווען עס וועט שוין פאַרטיק ווערן די אָדעסער־קיעווער אייזנבאַן, וואָס זיין מאַיעסטעט, דער קיסר האָט באַוויליקט צו באַשטעטיקן.

די אַלע רייד באַציען זיך צום נוצן פון דער אייזנבאַן בכלל, און זיך וועגדענדיק צו דעם געשעפטלעכן צושטאַנד פון אונדזער שטאָט ביאַליסטאָק, וואָס גייט אונדז באַזונדערס אָן, וועלן מיר זיך איצט דערלויבן צו זאָגן אָט וואָס:

חוץ דעם גרויסן נוצן, וואָס דער גאַנצער מערב קאַנט וועט האָבן פון דער דאָזיקער באַן, האָפן מיר אויך אויף אַ סך נוצן און גוטע רעזולטאַטן פאַר אונדזער שטאָט ביאַליסטאָק באַזונדערס. ליב און טייער איז אונדז די שטאָט ביאַליסטאָק און איר קרייז דורך איר גרויסן האַנדל און שטאַרקער טעטיקייט אין אַלע צווייגן פון מלאכה. אונדזערע טעקסטיל־פאַבריקן, וואָס אַרבעטן מיט דאַמף־קראַפט, זיינען אויפגעבויט געוואָרן און האָבן זיך באַפעסטיקט גלייך ווי די פאַבריק־אונטערנעמונגען אין די איבעריקע לענדער, אפילו אין אַ צייט, ווען די דאַמף־מאַשין איז נאָך געווען אַ זעלטענהייט אין רוסלאַנד. אין דעם ביאַליסטאָקער און ביעלסקער קרייז זיינען דאָ איצט איבער 30 גרעסערע טוך־פאַבריקן, וואָס זיינען אַלע פאַרבונדן מיט ביאַליסטאָק, וועלכע איז ווי אַ מוטער צו אַלע אַרומיקע פּונקטן, און די גרויסע פאַבריקן געפינען זיך טאַקע אין דעם תחום פון ביאַליסטאָק גופא. די דאָזיקע אונטערנעמונגען אַרבעטן אויס טוך (געוואַנד), ווי טריקאָ, טעפּיכען און אַנדערע סאָרטן וואָלענע שטאָפן אין דעם

ווערט פון 5 מיליאָן זילבער־רובל אַ יאָר. די דאָזיקע סחורות גייען אַוועק קיין פּעטערבורג, מאָסקווע, אין די גובערניעס ביים מזרח־ים, אין פּוילן און דער־הויפּט קיין דרום רוסלאַנד: וואָלין, פּאָדאָל, קיעוו, אָדעס און אויך אויף די ירידים פון פּאָלטאַווע, כאַרקאָוו און אַנדערע.

און הגם די אייזנבאַן־ליניע פון פּעטערבורג קיין וואַרשע האָט אונדז גע־בראַכט אַ נוצן, פאַרלייכטערנדיק דעם פאַרקויף פון אונדזערע סחורות, זיינען מיר דאָך ניט אימשטאַנד צו עפענען פאַר אונדזערע פאַבריקן די ברייטע טויערן, וואָס וואָלטן געקענט פאַר אונדז אויפגעפּראַלט ווערן דורך דער באַן פון פּינסק. די גאַנצע אייזנבאַן, וואָס ציט זיך פון וואַרשע קיין פּעטערבורג, גייט, חוץ די 70 וויאָרסט פון גראָדנע קיין ביאַליסטאָק, פאַרביי שטעט, וואָס קענען אונדזער אינדוסטריע ווייניק וואָס העלפן, און מיר קענען מיט איר אַריינפירן ווייניק פאַרטיקע סחורות אין די מערב־געגנטן אין אונדזער לאַנד. עס איז שוין פון לאַנג באַוואוסט, אַז דער טראַנספּאָרט פון די פאַרטיקע סחורות פון די פאַבריקן צו דעם פאַרקויף־פּלאַץ, איז ניט פון די עיקר־זאַכן, וואָס דער שיקזאַל פון פאַבריקאַציע הענגט פון זיי אָפּ. עס איז פיל וויכטיקער צו קענען ברענגען אויף אַ לייכטערן וועג די רויע מאַטעריאַלן, וואָס פון זיי ווערן די סחורות געמאַכט, ווי אויך, למשל, ברענ־האָלץ און די שפּיז פאַר די פאַבריק־אַרבעטער. אין דער דאָזיקער וויכטיקער זאַך האָבן די פאַבריקן אין אונדזער שטאָט ניט געזען קיין שום נוצן פון דער וואַרשע־פּעטערבורגער אייזנבאַן. 20 טויזנט פּוד וואָל איז נויטיק פאַר אונדזערע פאַבריקן פון יאָר צו יאָר, און נאָר אַ קליינער טייל, וואָס שטאַמט פון די ברעגעס פון ניעמאַן, באַזונדערס פון סוועדזיא, ווערט צו אונדז געבראַכט פון גראָדנע דורך דער אייזנבאַן, דער איבעריקער גרויסער וואָל־מאַטעריאַל ווערט געבראַכט פון אוקראַינע, יעקאַ־טערינאָסלאַוו, קרעמענטשוג, פּאָלטאַווע, כאַרקאָוו, קיין פּינסק, און פון דאָרטן איבער פּרוזשאַני און בעלאָוויעזש, אָדער דורך דער שאָסיי, וואָס גייט פון בריסק קיין באַברויסק, איבער סלאָנים און ראָזשענאַי. דער טראַנספּאָרט פון די וואָל אויף די דאָזיקע קרומע וועגן שטערט דער שפּאָרזאַמער פאַבריקאַציע (פאַר־טייערט די סחורה), און דאָס ווידער פאַלט צוריק אויף אונדז, פאַבריקאַנטן, און פּונקט אַזוי אויף די קויפערס פון אונדזערע סחורות, ווייל אין די גובער־ניעס, וואָס שטעלן אונדז צו דורך אַזוי פיל מי און אַנגעלייגטע וועגן דעם מאַ־טעריאַל פאַר דער אינדוסטריע, אַהין קערן מיר אום צוריק דאָס וואָל פון זייערע שעפסן אין דער פאָרם פון די פאַרטיקע סחורות צום פאַרקויף. לאָמיר צוגעבן צו דעם, אַז אין דער איצטיקער צייט איז נאָך אַלץ ניט גוט אָרגאַניזירט דער טראַנספּאָרט פון די סחורות פון אונדזער קרייז, און בעת די ירידים אין כאַרקאָוו און פּאָלטאַווע זיינען מיר געצוואונגען צו שיקן גרויסע־פּראַכט לאָדונגען איבער פּעטערבורג און מאָסקווע.

און בנוגע צו ברענ־האָלץ, וואָס איז אַזאַ וויכטיקער קעגנשטאַנד אין דער פאַבריקאַציע, מוזן מיר באַמערקן, אַז איינע פון די גרויסע שטערונגען, פאַרן וואוקס פון דער אינדוסטריע אין די ביאַליסטאָקער פאַבריקן איז געקומען דורך אַן אומגליק־צופאַל אין די וועלדער פון סאָקאָלקער קרייז. דאָרט האָט זיך פאַר־שפּרייט אַן אינזעקט, וואָס איז באַקאַנט מיטן נאָמען „שאָלקאָפּריאַד מאָנאַך“,

וועלכער באַשעדיקט אַן רחמנות די בוימער, און די שטעמער זיינען פאַרקויפט געוואָרן שפּאָט־ביליג. דעריבער, ווען איצט זיינען אויסגעהאַקט געוואָרן די דאָזיקע בוימער, פעלן פּשוט אויס גוטע סאָרטן האָלץ. אַ מורא האָט אַרומגע־כאַפּט די פאַבריקאַנטן, אַז זיי וועט חלילה אויספעלן ברען־מאַטעריאַל און די פאַבריק־אַרבעט וועט זיך אָפּשטעלן. דער דאָזיקער פּחד האָט אַ גרונט, אויב מען דערמאָנט זיך ווי עס איז פאַרניכטעט געוואָרן די אייזן־שמעלצונג־אינ־דוסטרי אין רוסלאַנד מחמת די אויסגעהאַקטע וועלדער, און ווער ווייסט צי דער דאָזיקער גורל טאָקע שטייט ניט פאַר אויך פאַר אונדזער אינדוסטריע, אין ביאַליסטאָק.

אָט דעריבער קערן מיר אונדזער בליק צו די ביעלאָוויעזשער וועלדער, וואָס וואָלטן זייער גוט געקענט אויפהאַלטן דעם פייער אונטער די דאַמפּ־קעסלען פון אונדזערע פאַבריקן. די דאָזיקע וועלדער זיינען פול מיט אַלע סאָרטן בוי און ברען־האָלץ. אָבער, ליידער, גיבן זיי ניט אַוועק זייער רייכטום אין האָלץ צו די נאָענטע פלעצער וואָס נויטיקן זיך דערין: די קרייזן פון ביאַליסטאָק, ברעסט־ליטאָווסק, און ביעלסק. אַ גוטן באַווייז וועט אונדז געבן די צאָל בוימער, וואָס זיינען אויסגעהאַקט געוואָרן אין יענע וועלדער, — וואָס ציען זיך אין דער לייַנג און אין דער ברייט אויף איבער 1,000 קוואַדראַטנע וויאָרסט. דאָרט זיינען אויסגעהאַקט געוואָרן אין משך פון 15 יאָר (פון יאָר 1845—1860) בסך הכל נאָר 134,270 סאָסנאָווע בוימער פאַר בוי־געהילץ און אַ סך הכל פון 24,134 קוביק קלאַפטער ברען־האָלץ. דער פאַקט, אַז וויניק האָלץ איז אויסגעהאַקט געוואָרן איז אַ רעזולטאַט פון דעם, וואָס די וועלדער זיינען ווייט פון די ישובים. און עס זיינען ניטאָ קיין טייכן וואָס אויף זיי וואָלט מען געקענט אַוועקלאָזן דאָס געהילץ פון די וועלדער. די שטאָט ביאַליסטאָק ליגט 60 וויאָרסט פון וואַלד.

אָבער ווען מיר וועלן האָבן די באַן פון פּינסק, און זי וועט דורכגיין דורך די דאָזיקע וועלדער, וועט זי שאַפן אַ האָפענונג פאַר אַלע פאַבריקן, ווייל עס וועט לייכט זיין צו ברייגען פון די ווייטע וועלדער אי בוימער, אי שטעמער, באַשעדיקטע פון שטורם, אי האַלב צעפוילטע אַלטע בוימער און אַלע אַנדערע סאָרטן האָלץ, וואָס טויג ניט פאַר בוי־צוועקן; אָט די אַלע בוימער, וואָס וואַלגערן זיך אַן נוצן אין די וועלדער, פאַרשטאָפּן זיי און שעדיקן אפילו די גוטע וואַלד־טיילן.

אַלע סאָרטן האָלץ, וואָס האָבן איצט קיין ווערט ניט, וועלן דאַן פאַרקויפט ווערן אין אונדזערע אויעזדן און אין די נאָענטע אויעזדן, און עס וועט אַרויס־קומען אַ טאָפּעלער נוצן און מזל ברכה: אי די מלוכה וועט האָבן אַ נייעם גרויסן הכנסה־קוואַל, אי די פאַבריקן וועלן געפינען אַ לעבנס־קוואַל אין ברען־מאַ־טעריאַלן, וואָס מען וועט קענען קריגן איבער־גענוג.

אויך בנוגע צו דער דערנערונג פון די פאַבריק־אַרבעטער אין די ביאַ־ליסטאָקער און בעלסקער אויעזדן, וועלן די פאַבריקאַנטן דערשפּירן אַ גרויסע פאַרלייכטערונג פון דער דאָזיקער אייזנבאַן. זי וועט ברייגען ברויט און פלייש און באַזונדערס שמאַלץ, פריש און צו ביליקע פרייזן, און מען וועט ניט מורא האָבן פאַר קיין אויספעל, און די אַרבעטער וועלן זיין זאַט און צופרידן אין

אונדזערע ערטער, און פון אַנדערע קאַנטן וועלן אָנקומען צו אונדז אַרבעטער אײדער מען וועט זיי רופן.

די אַלע פראַגן איבערצייגן אונדז, ווי נויטווענדיק די דאָזיקע אײַזנבאַן איז פאַר אונדזער שטאָט, וואָס איר גאַנצע צופרידנקייט און הצלחה הענגען אָפּ פון דער פּאַבריקאַציע און זײַנען פאַרקניפּט און פאַרבונדן מיט דעם דערפּאָלג פון די פּאַבריקן. שריט און שריט מיט דער פאַרגרעסערונג פון דער צאָל פּאַבריקן אין ביאַליסטאָק איז געגאַנגען דער וואוקס פון דער שטאָט און ס'איז געשטיגן איר רום, אַדאַנק נײַע בנינים, און פון יאָר צו יאָר איז גרעסער און שטאַרקער געוואָרן איר באַפעלקערונג, ווײַל די פּאַבריקן גיבן עקזיסטענץ פאַר די אײַנוואוינער פון שטאָט און פאַר אַלע באַשעפטיקונג־צווײַגן. די דערפאַרונג ווײַזט, אַז אין יאָר 1835 ווען אין שטאָט זײַנען געווען בלויז 2 פּאַבריקן איז די צאָל הײַזער געווען 611 און די באַפעלקערונג 9,242, און הײַנט צו טאָג געפינען זיך אין ביאַליסטאָק 780 הײַזער און 16,500 אײַנוואוינער. דערפון זעען מיר, אַז אײנאײנעם מיטן וואוקס פון די פּאַבריקן זײַנען צוגעקומען בערך 27 פּראָצענט הײַזער און די באַפעלקערונג איז גרעסער געוואָרן אויף 75 פּראָצענט.

צום סוף קענען מיר ניט פאַרשווײַגן נאָך אַ זאַך, וועלכע איז, לויט אונדזער מיינונג, זייער וויכטיק און זי ווײַזט, אַז עס איז כדאַי צוצואײַלן זיך מיט דעם בויען פון דער אײַזנבאַן פון פּינסק: דאָס איז דער צושטאַנד פון די פּויערים הײַנט צו טאָג, ווײַל פון 1־טן מאַי הײַנטיקן יאָר גייט דאָך אַרײַן אין קראַפט דער באַפעל פון זײַן מאַיעסטעט, דער קיסר, מכוח דער באַפרײַאונג פון פּויערשן גרונט־באַזיץ. די פּויערים אין די מערב גובערניעס וועלן ניט דאַרפן אָפּאַרבעטן זייער אָפּצאָל, נאָר וועלן דאָס דאַרפן אַרײַנטראָגן דער מלוכה אין מזומנע געלט, ווי אַ שטײַער, וואָס וועט אויפגעמאָנט ווערן פון די אייגנטימער פון דעם באָדן (קרקע). איז אין פאַל, אויב די אַרבעט וועט ניט אַרײַנברענגען די פּויערים קיין גוטע שכירות, און זייער אַרבעט־פּראָדוקט וועט ניט אָנגיין אין לאַנד, וואוהין זשע זאָלן זיי זיך ווענדן נאָך געלט און צו וועמען זאָלן זיי זיך קערן נאָך הילף? בלויז די געפּלאַנטע אײַזנבאַן פון וואָלין קיין ביאַליסטאָק וועט זיי קענען ברענגען אַ ישועה, און בלויז דורך איר וועלן די פּויערים אין די צפונדיקע גובערניעס שטאַרק געהאָלפן ווערן. חוץ דעם וועט פאַרלײַכטערט ווערן דער גורל פון פאָלק דורך דער אָפּשאַפונג פון די פריערדיקע שטײַערן, ווי צום בײַשפּיל, דער שטײַער פאַרן צוועק פון פאַרריכטן די וועגן (פּאָדאָראָזשניע) אָדער דער שטײַער פון צושטעלן לאַסט־פורווערק (פּאָדוואָדניע) און דער שטײַער פון געבן אכסניאות (קוואַרטירניע). נעמענדיק דאָס אַלץ אין באַטראַכט, שטאַרקן מיר זיך אין אונדזער האָפענונג, אַז די אײַזנבאַן פון פּינסק וועט אַרײַנבלאָזן אַ נײַעם לעבן אין אַלע אונדזערע אונטערנעמונגען אין אונדזער אייגן לאַנד און אין אונדזערע פאַרהאַנדלונגען מיטן אויסלאַנד, און זי וועט פאַרבעסערן די אויסזיכטן פאַר דער אינדוסטריע און פאַר דער לאַנד־ווירטשאַפט בכלל, ווײַל זי וועט אויסשפּרייטן אַ ברייטן וועג פאַר יעדער אינדוסטריעלער אַקטיווקייט און פאַר דעם האַנדל און וועט באַזײַטיקן אַלע שטערונגען אויף וועלכע מיר שטויסן זיך אָן ביזן הײַנטיקן טאָג.

אין אָנבאַטראַכט פון דאָס געזאָגטע, טאָרן מיר ניט זיך צוריקהאַלטן פון

ניט אויסדריקן אונדזער געפיל וועגן דעם דאָזיקן ווײכטיקן קעגנשטאַנד און מיר שטאַרקן אונדזער מוט, באַגריסנדיק אײַך, הויכגעערטער און דערהויבענער הער, צו אײַער קומען צו אונדז, צו ברײַנגען פאַר אײַך אָט די איצטיקע בקשה, כדי איר זאָלט אַזוי גוט זײַן און זיך פאַראינטערעסירן מיט דעם דאָזיקן ענין, וואָס אויף אים זײַנען אונדזערע אַלעמענס בליקן געווענדט. נאָך מער ווערט אונדזער מוט באַפעסטיקט, געדענקענדיק, אַז דער פאַמיליע־נאָמען פון אײַער עקסעלענץ איז דאָך דער נאָמען פון גראַף אַלעקסיי אַלעקסייעוויטש, דער גרינ־דער פון דער ערשטער אײַזנבאַן אין אונדזער לאַנד, און מיר נעמען אין באַ־טראַכט, אַז די באַן, וואָס וועגן איר קומען מיר איצט אײַך בעטן, וועט אונדז דערנענטערן צו יענעם פלאַץ (קיעווער גובערניע), וועלכער איז געפירט גע־וואָרן דורך דעם גראַף אַלעקסיי אַלעקסייעוויטש אויף די וועגן פון אַזאַ גרויסן האַנדל־אויפבלי, און אין זײַן ליכט האָט אוקראַינע דערזען אַ נײַעם שײַן, מכוח וועלכן זי האָט פריער קיין מאָל ניט געחלומט.

מיר האָבן, אַלזאָ, דעם כבוד צו אונטערשטיצן פאַר אײַער עקסעלענץ די בקשה פון די פינסקער סוחרים, וואָס איז אויבן דערמאָנט געוואָרן. די דאָזיקע בקשה האָט געפונען די צושטימונג און גוטהייסונג אין אַלע אירע פונקטן, מצד אַלע זאַך־פאַרשטענדיקע און אויפגעקלערטע קרײַזן אין אונדזער לאַנד.

א. א. מאָעס
קאַפּ. ע. האַסבאַך
י. ה. גערטץ
אַננאַ לוטצע
ק. ב. פאַסטאָר (אַגענט פון קאָנטאָר „נאַדעזשדאַ")
יצחק ב"ר דוד זאַבלודאָווסקי (סוחר פון ערשטער גילדע, ערן־בירגער לדורות)
מיכל ב"ר חיים זאַבלודאָווסקי
בער וואָלקאָוויסקי (סוחר)
יעקב באַראַש (סוחר)
קאָפּל היילפּרין (סוחר)
קאָפּל הערץ ניימאַרק
יצחק ב"ר הערץ ניימאַרק (סוחרס אַ זון)
מאיר ב"ר יעקב וויינרייך (סוחרס אַ זון)
דוד ב"ר מיכל זאַבלודאָווסקי (סוחר)
מיכל ראַבינאָוויץ (סוחר)
שעפטיל ראַבינאָוויץ (סוחר)
משה מאיר ראָזנטאַל (סוחר)
חיים מיכל קאַפּלאַן (סוחר)
מאַרקוס ראַבינאָוויץ (סוחר)

ביאַליסטאָק, דעם 29טן אַפּריל, 1863.

אַן אַמעריקאַנער רעגירונגס־קאָמיסיע אין ביאַליסטאָק אין 1891

דער געוואַלטיקער מאַסן־שטראָם פון רוסישע עמיגראַנטן אין די 1880ער יאָרן האָט שטאַרק באַאומרואיקט געוויסע קרייזן פון דער אַמעריקאַנער געזעלשאַפט. די יוניאָן־פירערס האָבן מורא געהאַט פאַר די כוואַליעס אָרעמע, פאַרצווייפלטע אימיגראַנטן פון אייראָפּע, וואָס פלעגן פאַרפלייצן דעם אַרבעטמאַרק מיט „ביליקע הענט", און איבערן לאַנד זיינען דערהערט געוואָרן די ערשטע שוואַכע קולות קעגן דער פרייער איינוואַנדערונג, וואָס איז געווען איינער פון די עלטסטע און נאָבלסטע טראַדיציעס דאָ אין לאַנד.

דעמאָלט האָט די רעגירונג גענומען צוגרייטן די ערשטע געזעץ־פּראָיעקטן מכוח באַשרענקונגען און סתם שטרענגערע רעגולאַציעס וועגן דעם אימיגראַציע־ענין. אָבער קודם־כל האָט די רעגירונג און דער קאָנגרעס אין וואַשינגטאָן געהאַט בדעה זיך צו באַקענען מיט די אומשטענדן און באַדינגונגען אין יענע לענדער, פון וועלכע עס פלעגן אָנקומען די מערסטע אימיגראַנטן. און עס פאַרשטייט זיך, אַז רוסלאַנד איז דעמאָלט געווען איינע פון יענע לענדער, וואָס האָט צוגעשטעלט צענדליקער טויזנטער יידישע און ניט־יידישע איינוואַנדערער אין דער „גאָלדענער מדינה".

דער פאַרלאַנג איז געווען שטאַרק צווישן די אַמעריקאַנער שטאַטסלייט, וואָס זיינען ניט געווען געוואוינט צו די רעאַקציאָנערע פירונגען, ווי ס'האָבן געהערשט אין רוסלאַנד אונטער צאַר אַלעקסאַנדער דעם דריטן, אויסצוגעפינען דאָרט אויפן אָרט גופא, אין אייראָפּע, צי די צרות פון די יידן זיינען ווירקלעך אַזוי גרויס, ווי די היגע צייטונגען האָבן געשריבן. ס'האָט זיך די ליבעראַלע קרייזן פון אַמעריקע ממש ניט געגלויבט, אַז אין 19טן יאָרהונדערט זאָלן קענען געמאָלט זיין אַזוינע רציחות, גזירות און רדיפות אויף מענטשן פון אַן אַנדער גלויבן ווי דאָס איז געווען דער פאַל מיט די רוסישע יידן. אפשר גאָר — האָבן די אימיגראַנטן־פּרעסערס געטענהט — זיינען די אַריבערקומענדיקע מאַסן ניט מער ווי פוילענצערס, אויסוואורפן, פאַרדאָרבענע נפשות, מיט איין וואָרט — דער אָפּפאַל פון דער געזעלשאַפט, און מ'טאָר זיי אַפילו אויפן שוועל פון אַמעריקע ניט אַרויפלאָזן . . .

די פּראָגרעסיסטן אין אַמעריקע פונקט ווי אין ענגלאַנד, האָבן ניט געהאַלטן פון אַט די בלבולים, ווייל זיי האָבן גוט פאַרשטאַנען, אַז פון וואוילטאָג פאַרלאָזן ניט אומצייליקע טויזנטער משפחות זייערע איינגעזעסענע וואוינערטער און לאָזן זיך אַוועק אין דער ווייטער וועלט, הינטער זיבן ימים, צו זוכן דורך שווערער האָרעוואַניע אַ שטיקל ברויט און אַ דאַך איבערן קאָפּ.

כדי די חלוקי־דעותן אין אַט דער פראַגע צו באַזייטיקן און אויסגעפינען

דעם אמת, האָט די רעגירונג אין יאָר 1891 באַשלאָסן צו שיקן אַ קאָמיסיע פון פינף רעגירונגס־פאַרטרעטער און קאָנגרעסלייט קיין אייראָפּע, אום פעסטצושטעלן דעם אמת וועגן דעם דאָרטיקן צושטאַנד, וואָס טרייבט די מאַסן־עמיגראַציע קיין אַמעריקע. אַלס פאָרזיצער פון דער קאָמיסיע איז באַשטימט געוואָרן קוירנעל וועבער. דער סופּערינטענדענט פון אימיגראַציע ענינים פון ניו־יאָרקער האַפן.

ווען די קאָמיסיע איז אָנגעקומען קיין לאָנדאָן, האָט זי אויסגעטיילט אַ סובקאָמיסיע פון 2, וואָס זאָל אַוועקפאָרן קיין רוסלאַנד און דאָרט אויספאָרשן דעם ענין אַלזייטיק און גרינטלעך. אין דער קאָמיסיע איז אַריין קוירנעל וועבער גופא, און דר. קעמפּסטער — אַ קאָנגרעסמאַן פון וויסקאָנסין.

אין אויגוסט 1891 זיינען די צוויי אַמעריקאַנער אָנגעקומען קיין פּעטערבורג וואו זיי האָבן זיך געזען מיט די רוסישע מיניסטאָרן און אויך מיט די יידישע כלל־טוערס, וואָס דער ערשטער און גרעסטער פון זיי איז געווען באַראָן האָראַץ גינצבורג. גראָד איז דעמאָלט געקומען אויף די רוסישע יידן די שרעקלעכע גזירה — דער גירוש־מאָסקווע, ווען טויזנטער איינגעפונדעוועטע משפחות פון יידישע האַנטווערקער, סוחרים און אויסגעדינטע סאָלדאַטן זיינען אַרויסגעריסן געוואָרן פון זייערע היימען, און מיט האָק און פּאַק, מיט קינד און קייט, אין משך פון עטלעכע וואָכן צייט, געצוואונגען געוואָרן אַרויסצופאָרן פון דער „הייליקער" שטאָט. אַזוי האָט גוזר געווען דער רשע סערגיי אַלעקסאַנדראָוויטש, דעם קיסרס ברודער און גענעראַל־גובערנאַטאָר פון מאָסקווע.

די אַמעריקאַנער האָבן געבעטן באַראָן גינצבורגן, אַז מ'זאָל זיי געבן צו הילף אַ יידישן אַדוואָקאַט, וואָס זאָל זיין באַקאַנט מיט די רוסישע געזעצן בכלל און מיט די ענינים פון יידישן „רעכטלעכן לעבן" (דאָס מיינט אייגנטלעך — רעכטלאָזיקייט) בפרט. האָט דער באַראָן זיי רעקאָמענדירט איינצולאַדן פאַר אַ געהילף דעם יונגן פעאיקן אַדוואָקאַט, הייגריך סלאָזבערג, וואָס האָט געשטאַמט פון דעם יידישן „תחום" (טשערטאַ), פון פּאָלטאַווער גובערניע, און איז געווען אַ מענטש מיט אַ וואַרעמער יידישער האַרץ און גרויס וויסן אין די רוסישע געזעצן.

חוץ דעם איז נאָך אַ צווייטער יידישער כלל־טוער, אַן עלטערער און זייער חשובער מאַן, אַ באַקאַנטער פּעטערבורגער אַדוואָקאַט, פּ. י. לעווענסאָן, צוגעגעבן געוואָרן דורך באַראָן גינצבורג, אַלס בעל־יועץ פאַר דער אַמעריקאַנער קאָמיסיע. אויף דער ערשטער זיצונג פון אָט די 5 פּערזאָן (באַראָן גינצבורג, צוויי אַמעריקאַנער און צוויי רוסישע יידן), איז באַשלאָסן געוואָרן, אַז די שלוחים זאָלן גלייך ארויספאָרן קיין מאָסקווע, און זיך דאָרט באַקענען מיטן אמתן צושטאַנד נאָך די גזירות פון דעם רשע און דעספּאָט, סערגיי אַלעקסאַנדראָוויטש.

דער באַזוך אין מאָסקווע האָט אויף די אַמעריקאַנער דעלעגאַטן געמאַכט אַ שוידערלעכן איינדרוק; זיי האָבן דערזען פאַר די אויגן די רשעות, די מוראדיקע אומגערעכטיקייט, די אוממענטשלעכקייט פון דער רוסישער

רעגירונג אין באַצוג צו עלטערע, מערסטנס האָרעפּאַשנע און ניט־פּאַרמעגלעכע מענטשן, וואָס מ׳האָט חרוב געמאַכט, דערנידעריקט און באַליידיקט בלויז דערפאַר וואָס זיי זיינען יידן. ניט וויניק יידן האָט מען אַרויסגעשיקט פון מאָסקווע „פּאָ עטאַפּו״, ווי אַרעסטאַנטן, און אַנדערע אַפילו איינגעשמידט די הענט אין קייטן (אַזאַ מין קייטל פאַר די הענט איז פון די אַמעריקאַנער געברענגט געוואָרן פון רוסלאַנד, אַלס אַ „באַוויז״ פון די יסורים וואָס מ׳טוט אָן די רוסישע יידן דורך דער געזעצלעכער טיראַניי און הפקרות).

פון מאָסקווע איז די קאָמיסיע אַוועקגעפאָרן אין די יידישע צענטערס, די גרעסערע שטעט פון דעם תחום, וואו ס׳האָבן הונדערטער יאָר כסדר געלעבט די יידישע פאָלקס־מאַסן. זיי האָבן צוערשט באַזוכט מינסק און ווילנע און פון דאָרט אָפּגעפאָרן קיין ביאַליסטאָק.

אין ביאַליסטאָק איז וועבער אָנגעקומען דעם 3טן סעפּטעמבער (דר. קעמפּסטער איז געקומען מיט 2 טעג שפּעטער) און דאָרט פאַרבליבן ביזן 6טן סעפּטעמבער. ער האָט געהאַט שמועסן מיט די הויפּט כלל־טוערס (ווי יחיאל־בער, און זיין זון עבער, וואָלקאָוויסקי) און באַזוכט אַ פּאָר יידישע פאַבריקן (ל. הענדלערס, נאָוויקס און די גאַרבעריי פון ק. זאַלקין) און אויסגעפּועגט די פאַבריקאַנטן און די וועבערס און אַנדערע אַרבעטער וועגן די עקאָנאָמישע אומשטענדן פונעם יידישן לעבן. די צייט איז דעמאָלט געווען אַ ביטערע — גלייך נאָכן טרויעריק־באַרימטן מאָסקווער גירוש אויף יידן און נאָך אַנדערע רדיפות אויף יידן. אויך אַ שווערער עקאָנאָמישער קריזיס האָט שטאַרק געדריקט אויף די אָרעמע און האָרעפּאַשנע יידישע מאַסן און זיי געצוואונגען זיך צו נעמען צום וואַנדער־שטעקן. ס׳איז דעריבער געווען די צייט פון דער מאַסן־אויסוואַנדערונג אין די לענדער מעבר לים — קיין אַמעריקע, קאַנאַדע, אַרגענטינע און אַ גאַנץ קליינער טייל קיין ארץ ישראל.

דזשאָן וועבער האָט גערעדט דייטש און האָט זיך לייכט מיט די ביאַליסטאָקער יידן געקענט אויספּריידן. אָבער מיט צוויי ביאַליסטאָקער יידן — יעקב לעווי און זיין זון, האָט ער געקענט ריידן אויף ענגליש. דאָס איז געווען די באַקאַנטע משפּחה יעקב לעווי (וואָס אין שטאָט האָט מען זיי גערופן מיטן צונאָמען „אַמעריקאַנער״), וואָס איז געווען אין אַמעריקע אַ שטיק צייט (אַן ערך פון 1873 ביז 1885) און איז שפּעטער, קומענדיק מיט געלט פון אַמעריקע, צוריק קיין ביאַליסטאָק, געעפנט אין אונדזער אַלטער היים די ערשטע שמאַטעס־רייסעריי (פאַבריק פון קונסט־וואָל אָדער „שאָדי״), וואָס האָט אים געמאַכט היפש רייך.

אין זיין געדרוקטן רעפּאָרט באַשרייבט דזשאָן ב. וועבער גאַנץ אויספירלעך זיין באַגעגעניש און שמועס מיט יעקב לעווי און זיין זון. אויף וועבערס פראַגע, ווי אַזוי האָבן זיך די לעווים וועלכע מ׳האָט אין שטאָט גערופן „די אַמעריקאַנער״ און וואָס זיינען מסתמא געווען בירגער אין אַמעריקע) זיך דערוואוסט, אַז אַן אַמעריקאַנער דעלעגאַציע געפינט זיך אין ביאַליסטאָק, האָבן זיי געענטפערט: „סטייטש, די גאַנצע שטאָט ווייס דאָך עס, און ס׳קאָכט מיט דעם אין ביאַליסטאָק. עס האָט זיך פאַרשפּרייט אַ קלאַנג, אַז

געקומען זיינען אַהער אַגענטן פון באַראָן הירש צו שאַפן דאָ אין שטאָט אַן עמיגראַציע־קאָמיטעט".

שפּעטער האָבן אַנדערע ביאַליסטאָקער יידן אויך דערציילט מר. וועבערן וועגן די לעגענדאַרישע קלאַנגען, וואָס האָבן זיך פאַרשפּריייט, ממש ווי אַ וואַלד־שרפה, איבערן שטאָט. אויך איז געקומען צו וועבערן אַ דעפּוטאַציע, וואָס האָט געבעטן ביי אים, אין נאָמען פון 40 קאַנדידאַטן אויף עמיגראַציע, פולע־רע אינפאָרמאַציע וועגן גאַנצן ענין.

גלייך האָבן גרויסע רעדלעך מענטשן זיך אָנגעהויבן באַווייזן און אַרומרינגלען די אַמעריקאַנער שליחים, וואו נאָר זיי האָבן זיך באַוויזן אין גאַס אָדער אין פאַרשיידענע יידישע אינסטיטוציעס. דאָס האָט די אַמעריקאַנער דעלעגאַטן געצוואונגען צו פאַרענדיקן וואָס שנעלער זייער אויפהאַלט אין ביאַליסטאָק, כדי צו פאַרמיידן פּאָליצייאישע אַריינמישונג און ענלעכע אומ־אָנגענעמלעכקייטן פאַר די ביאַליסטאָקער יידן.

דזשאָן ב. וועבער איז געשטאָרבן אין זיין געבורט־שטאָט, באָפאַלאָ, ניו־יאָרק צו 84 יאָר. אַ פּאָר יאָר פאַר זיין טויט האָט ער אָפּגעדרוקט אין בוך־פאָרם אַ לענגערע אויטאָביאָגראַפיע. דאָרט ווערן אויך איבערגעגעבן פיל טשיקאַווע עפּיזאָדן פון דער פאָרשונג־רייזע זיינער איבער געוויסע יידי־שע שטעט אין רוסלאַנד. אָבער וועגן ביאַליסטאָק דערמאָנט ער דאָרט גאָר־נישט. אָבער אין דעם אָפיציעלן באַריכט זיינעם צום קאָנגרעס אין וואַשינג־טאָן פאַרנעמט ביאַליסטאָק אַ גאָר געהויבענעם פּלאַץ.

אין די זכרונות פון פאַרשטאָרבענעם אַדוואָקאַט ה. סליאָזבערג פאַרנעמט די באַשרייבונג פון די איינדרוקן, וואָס די קאָמיסיע האָט באַקומען אין ביאַ־ליסטאָק אַ גאָר היפשן פּלאַץ, און מיר קענען פון דאָרט (די 3־בענדיקע אויס־גאַבע איז דערשינען אין רוסיש, אין פּאַריז, מיט 10 יאָר צוריק) אַרויסנעמען אַ סך פאַקטן, וואָס האָבן אַ שייכות צו דער לאַגע פון דער יידישער אַרבעטנ־דיקער מאַסע אין אונדזער אַלטער היים מיט 50 יאָר צוריק.

די לאַגע צווישן די ביאַליסטאָקער יידישע וועבערס און לוינקעטניקעס אין יענער צייט איז געווען אַ טרויעריקע ביז גאָר. אין דער אינדוסטריע און האַנדל האָט געהערשט אַ שטילשטאַנד. דער מאָסקווער גירוש האָט זיך אָפּ־גערופן זייער שמערצלעך אויף דער ביאַליסטאָקער פּראָדוקציע, מחמת אַ סך אַגענטן, קאָמיסיאָנערן און פאָרטרעטער פון די ביאַליסטאָקער טעקסטיל־פירמעס אין מאָסקווע זיינען געווען יידן, און ווען מ'האָט זיי אַרויסגעשיקט, פאַרטריבן פון דאָרט, האָט במילא געמוזט פאַרלאָרן גיין אַ גרויסער אָפּזאַץ מאַרק פאַר די ביאַליסטאָקער סחורות אין צענטראַל־רוסלאַנד.

די קאָנקורענץ צווישן די וועבערס און לוינקעטניקעס, וואָס האָבן אַלע געאַרבעט שווער און ביטער מיט די אַלטמאָדישע הילצערנע האַנט־שולן, איז געווען אַ שאַרפע ווי ס'קען נאָר געבן, און די פאַרדינסטן זיינען געווען קלעג־לעכע — פון 4 ביז 7 רובל אַ וואָך, ווען מ'האָט געאַרבעט. אַ גרויסן טייל פון יאָר פלעגן די יידישע וועבערס אַרומגיין אָן אַ שטאָך מלאכה און האָבן געמוזט, מיט זייערע משפחות, פשוט ליידן הונגער און קעלט.

די אַמעריקאַנער קאָמיסיע האָט אין ביאַליסטאָק באַזוכט אויך אַ סך

אינסטיטוציעס און הילף־אַנשטאַלטן, וואָס פלעגן קומען צו הילף דער אָרעמער יידישער מאַסע. אַ באַזונדערס טיפן רושם האָט געמאַכט אויף זיי דער „גמילות חסדים", וואו מ'פלעגט לייען געלט אָן פּראָצענטן צו די אָרעמע בעלי־מלאכות און אַרבעטער. דער אומזאָץ־קאַפּיטאַל האָט באַטראָפן אַרום טויזנט רובל אַ חודש, און די גרעסטע סומע, וואָס מ'פלעגט לייען איז געווען 20 רובל. אָן אַ משכון פלעגט מען קיין הלוואה ניט קענען באַקומען. און אָט גיט איבער ה. סליאַזבערג אין זיינע מעמוארן, וואָס פאַר אַ זאַכן דער אָרעמער עולם פלעגט ברענגען אַלס משכנות פאַר די קליינע הלוואהלעך, און פון אָט דעם פאַקט וועט מען קענען פאַרשטיין ווי גרויס איז געווען דער דלות און די נויט אין ביאַ־ליסטאָק אין יענער צייט.

קיין אמתע ווערטזאַכן, גאָלד און ברילאַנטן, ווי מ'זעט עס אין פּריוואַטע און קהלשע פאַנשעפער (לאָמבאַרדן) האָט מען אין דער ביאַליסטאָקער „גמילות חסד קאַסע" אינגאַנצן ניט געזען. מ'האָט געגומען הלוואות פון איין אָדער צוויי רובל אויף הויז־געשיר און ענלעכע „חפצים", אַפילו ספרים פלעגן באַנוצט ווערן פאַר אַ משכן; איינצלנע בענדער פון גרויסן פילבענדיקן ש"ס (גמרא סעט) זיינען אויך געווען אָן ענין צו ברענגען אין „ג"ח קאַסע", ווען מ'האָט געדאַרפט האָבן אויף ברויט פאַר דער ווייב און קינדער . . .

אַ באַזונדערן איינדרוק האָט אויף דער קאָמיסיע געמאַכט אַ פּאָר זיל־בערנע לייכטער, וואָס זיינען געשטאַנען אויף דער פּאָליצע פון די פאַר־משכנטע זאַכן די לעצטע (מען פלעגט אויסשטעלן און אויסלייגן אויף אָט דער פּאָליצע די משכנות אין אַ „כראָנאָלאָגישן" סדר, ד. ה. די וואָס זיינען געבראַכט געוואָרן שפּעטער פלעגן געשטעלט ווערן צולעצט אין דער שורה). און ווען די אַמעריקאַנער, דורך זייער דאָלמעטשער ה. סליאַזבערג, האָבן גע־שטעלט די פראַגע: ווי אַזוי קומען צווישן אָט דעם גאַנצן ווערטלאָזן רומל, אַזאַ טייערער חפץ ווי זילבערנע לייכטער, האָט מען זיי געגעבן אַ זייער טשיקאַווע תשובה.

עס האָט זיך אַרויסגעשטעלט, נעמלעך, אַז די לייכטער ווערן כסדר אַוועקגערוקט אויף דער פּאָליצע פון די משכנות און שטענדיק קומען זיי אַלס אַ משכן אין דער סאַמע לעצטער וואָך. די לייכטער זיינען געווען אַ מין קאַ־פּיטאַל פאַר דער עקסיסטענץ פון אַ גאַנצער משפחה מיט אַ גרויסער צאָל קינדער, וואָס האָבן געלעבט אין דער גרעסטער אָרעמקייט. יעדן זונטיק פרי ברענגט דער אייגנטימער פון אָט דעם טייערן חפץ די לייכטער פאַר אַ משכן און קריגט אַ הלוואהלע פון אַ רובל 15. מיט אָט דעם געלט פירט ער זיין קליינעם האַנדל און ביז פרייטיק אָוונט, אַז ער האָט פון זיין פדיון אָנגע־זאַמלט אַ ביסל מזומן, טראָגט ער אַוועק די 15 רובל אין ג"ח קאַסע, נעמט אַרויס די לייכטערס און די ווייב בענטשט שבת־ליכט איבער זיי, זונטיק פרי טראָגט ער ווייטער אַוועק די פּאָר לייכטערס פאַר אַ משכון, און אַזוי גייט עס פון וואָך צו וואָך.

במילא מוזן די לייכטערס יעדע וואָך פאַרנעמען דעם סאַמע לעצטן פּלאַץ צווישן די משכנות, און זיי זיינען דער „אומזאָץ־קאַפּיטאַל" פון וועלכן דער אָרעמער קרעמער אָדער בעל־מלאכה האָט געקענט ציען זיין חיונה.

אַט דער פאַקט האָט אויף די באַזוכער פון דער רייכער אַמעריקע געמאַכט אַן אומגעהייערן איינדרוק.

די יידישע וועבערס האָבן מערסטנס געאַרבעט ביי זיך אין דער היים, באַקומענדיק גאַרן פון דעם פאַבריקאַנט און אומקערנדיק אים די פאַרטיקע טוך סחורה.

אין גאַנץ ביאַליסטאָק האָט די קאָמיסיע געפונען בלויז 2־3 ניט קיין גרויסע פאַבריקן, וואו אַלע אַרבעטער זיינען געווען יידן. אויף די פאַבריקן מיט אַ סך אַרבעטער האָט מען קיין יידן ניט געפונען (אפילו ווען די פאַבריקאַנטן אַליין זיינען געווען יידן), און מ'האָט געגעבן די פאַרענטפערונג פאַר אַט דעם צושטאַנד אין אַזעלכע ווערטער: די שבתים און אַנדערע יידישע יום־טובים מאַכן עס אוממעגלעך פאַר יידן און קריסטן צו אַרבעטן צוזאַמען, ווייל עס קען אויסקומען, אַז שבת וועלן פעלן אַ סך יידישע אַרבעטער, און זונטיק — אַ סך גויישע, טאָ וועט דער פולער אַרבעטער־קאָמפּלעקט צוויי מאָל אַ וואָך אויספעלן, און דאָס וועט זיין אַ גאָר גרויסע מניעה פאַר דער רעגולמעסיקער פּראָדוקציע.

בכלל, שרייבט ה. סליאָזבערג, פלעגן די יידן בעסער וועלן אַרבעטן ביי זיך אין דער היים אויף די אייגענע שטולן, איידער גיין אין פאַבריק מיט הונדערטער אַנדערע אַרבעטער. קיינע אַרבעטער־אָרגאַניזאַציעס זיינען אין יענער צייט (1891־1892), דערציילט סליאָזבערג, נאָך אין ביאַליסטאָק ניט געווען, אויב מ'זאָל ניט רעכענען דעם וועבערשן בית־מדרש (אויפן שול־הויף).

ניט קוקנדיק אויפן גרויסן דלות אין ביאַליסטאָק, האָט די שטאָט אויף דער אַמעריקאַנער קאָמיסיע געמאַכט, אין באַצוג צו דער לאַגע פון דער יידישער מאַסע, דאָך אַ בעסערן איינדרוק ווי ווילנע אָדער מינסק. אין יענע שטעט, וואו קיין יידישע אינדוסטריע איז אינגאַנצן ניט געווען, איז דער צושטאַנד פון די אָרעמסטע יידישע קלאַסן נאָך געווען פיל ערגער ווי אין ביאַליסטאָק.

די נויט האָט אַ סך ביאַליסטאָקער אָרעמעלייט געטריבן צו נעמען זיך צום וואַנדערשטעקן, און די עמיגראַציע פון ביאַליסטאָק האָט אין יענע יאָרן, פון 1890 ביז 1892, אָנגענומען אַ גרעסערע פּראָפּאָרציע ווי אין די פריערדיקע יאָרן. צום אומגליק זיינען די עמיגראַנטן אָנגעקומען אין ניו־יאָרק פונקט אין דער צייט פון גרויסן עקאָנאָמישן קריזיס פון יאָר 1893, און האָבן זיך דאָ אָנגעליטן אָן אַ שיעור, און ניט זעלטן פלעגט מען זיך צעבראָכענע און אַנטוישטע מוזן אומקערן צוריק אין דער אַלטער היים.

אַ ביאַליסטאָקער עמיגראַנט, אַ שוסטער, ה. א. יאַכנוק, וואָס האָט זיך אומגעקערט פון ניו־יאָרק, נאָך אַ יאָר־צוויי פלאָגעניש אין אַמעריקע, האָט אין וואַרשע, אין יאָר 1894, אָפּגעדרוקט אַ ביכל „אין אַמעריקע אָדער פון אַמעריקע“ — אַ אינטערעסאַנטע דערציילונג פון איצטיקער צייט אין אַמעריקע, אַ קליין ביכל פון 63 זייטן. דאָס ווערקל, הגם עס האָט ניט קיין גרויסן קינסטלערישן ווערט, איז אָבער כאַראַקטעריסטיש מיט זיין טענדענץ — קעגן דער אומבאַדאַכטער עמיגראַציע פון דער אַלטער היים.

אַ היסטאָרישע אומלעגאַלע קאָנפֿערענץ אין ביאַליסטאָק און איר ראָלע אין דער פֿאַרגעשיכטע פֿון באָלשעוויזם

די היסטאָרישע מאַטעריאַלן וועגן דער רוסישער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג, וועלכע ווערן פֿאַרעפֿנטלעכט אין סאָוועט־רוסלאַנד, וואַרפֿן אַ שטאַרקן שיין אויף דער ראָלע, וואָס ביאַליסטאָק האָט געשפּילט אין קאַמף קעגן צאַריזם און קאַפּיטאַליזם.

וואָלט ביאַליסטאָק ניט אָפּגעריסן געוואָרן פֿון לאַנד, צו וועלכן ס'האָט איר צוגעבונדן איר גרויסע אינדוסטריע און די סאָציאַליסטיש־רעוואָלוציאָנערע טראַדיציע — צו רוסלאַנד, וואָלט זיכער געקאָנט אָנגעשריבן ווערן אַ שיינער קאַפּיטל פֿון דער ביאַליסטאָקער געשיכטע פֿאַר די לעצטע 50 יאָר. דאָס וואָלט אפשר געווען אַ פֿולער איבערבליק פֿון העראָאישן קאַמף פֿאַר פֿרייהייט, וועלכן די ביאַליסטאָקער אַרבעטער און רעוואָלוציאָנערן האָבן געפֿירט צוזאַמען מיטן גאַנצן רוסישן אַרבעטער־קלאַס. נאָר ביאַליסטאָק איז איצט אַ טייל פֿון אַן אַנדער לאַנד, און נאָר שטיקלעכווייז קומט צו אונדז אָן דער מאַטעריאַל, וועלכער דערשיינט אין פֿאַרשיידענע היסטאָרישע ביכער און זשורנאַלן, וואָס גייען אַרויס אין אַזאַ גרויסער שפּע אין דער נייער רוסלאַנד.

אַזאַ שטיק מאַטעריאַל צו דער געשיכטע פֿון דער רוסישער אַרבעטער־באַוועגונג, וואָס איז פֿאַרבונדן מיט אונדזער היים־שטאָט, איז דערשינען אין מאָסקווער זשורנאַל „פּראָלעטאַרסקאַיאַ רעוואָלוציאַ" און איז שפּעטער אַריינגענומען געוואָרן אין דער „גרויסער סאָוועטישער ענציקלאָפּעדיע" (באַנד 5).

דאָ האַנדלט זיך וועגן אַ וויכטיקער אומלעגאַלער קאָנפֿערענץ פֿון די דעלעגאַטן פֿון רוסישע אַרבעטער־פּאַרטייען, וועלכע איז אָפּגעהאַלטן געוואָרן אין ביאַליסטאָק אין מערץ 1902. ס'זיינען געווען פֿאַרטראַטן: דער אויסלענדישער קאָמיטעט פֿון דער רוסישער סאָציאַל־דעמאָקראַטישער פּאַרטיי (מ. ג. קאַגאַן־גרינעוויטש); דער צ. ק. פֿון „בונד" (פּ. ראָזענטאַל און זעלדאָוואַ); דער דרום־רוסישער פֿאַרבאַנד (יערמאַנסקי־קאַגאַן); די יעקאַטערינאָסלאַווער אָרגאַניזאַציע (שיפּולינסקי—לושין); דער פּעטערבורגער קאָמיטעט און אָרגאַניזאַציע (וו. פּ. קראַסנוכאַ) און די „איסקראַ" (לעניִנס זשורנאַל, וואָס פֿלעגט דערשיינען אין זשענעווע, שווייץ). די „איסקראַ" איז פֿאַרטראַטן געווען דורך גורוויטש—דאַן.

דעמאָלט זיינען שוין געווען צוויי סאָציאַל־דעמאָקראַטישע ריכטונגען אין רוסלאַנד — פֿון איין זייט דער „עקאָנאָמיזם", אָדער „רעוויזיאָניזם" (ווי די ריכטונג האָט געהייסן אין דייטשלאַנד), וועלכע האָט מער פֿון אַלץ געשטרעבט צו עקאָנאָמישע דערגרייכונגען פֿאַר די אַרבעטער און האָט ווייניק געהאַלטן פֿון רעוואָלוציאָנערן קלאַסן־קאַמף, און פֿון דער צווייטער זייט — די שטרעבונג

פון דער רעוואָלוציאָנערער סאָציאַל־דעמאָקראַטיע, אָדער דער „איסקריזם" (לויט דעם נאָמען פון זשורנאַל „איסקראַ"). צווישן אָט די צוויי ריכטונגען איז אָנגעגאַנגען אַ ביטערער קאַמף. אין לאַנד האָט דערצו נאָך געהערשט אַן עקאָנאָמישער קריזיס. אפילו די בירגערלעכע קרייזן האָבן געברויזט מיט אומצופרידנהייט און שנאה צום צאַריזם, און די יונגע און שוואַכע אַרבעטער־אָרגאַניזאַציעס זיינען באַדראָט געוואָרן דורך די רייסערייען צווישן די סאָציאַ־ליסטישע פירער זייערע. לענין האָט פון זיין גלות אין זשענעווע גערופן די אַרבעטער איבערצורייסן מיט די „עקאָנאָמיסטן". די לאָקאַלע אָרגאַניזאַציעס האָבן ניט געוואוסט וועמען צו פאָלגן. די מעסיקע פירער די „עקאָנאָמיסטן" האָבן געזוכט צו ווירקן, אַז די שטימונג אויף דעם צווייטן סאָציאַל דעמאָקראַ־טישן פּאַרטיי־צוזאַמענפאָר, וועלכער האָט געדאַרפט אינגיכן פאָרקומען, זאָל זיין גינסטיק פאַר זייערע מיינונגען. זיי האָבן געהאָפט איינמאָל פאַר אַלעמאָל דערשטיקן דעם גרויסן איינפלוס, וואָס זייערע קעגנער די „איסקראָווצעס" האָבן טיילווייז שוין געוואונען צווישן די רעוואָלוציאָנער געשטימטע אַרבעטער.

די טוער אין רוסלאַנד גופא האָבן באַשלאָסן, אַז עס זאָל פאָרקומען וואָס גיכער אַ פּאַרטיי־קאָנפערענץ, דער צווייטער צוזאַמענפאָר פון דער רוסישער סאָציאַל־דעמאָקראַטישער אַרבעטער פּאַרטיי, און ער זאָל געהאַלטן ווערן אין ביאַליסטאָק דעם 21טן מערץ 1902. לענין האָט אפילו פּראָטעסטירט, אָבער זיין פאָרשטייער גורוויטש—דאַן איז פּאָרט צום ביאַליסטאָקער צוזאַמענפאָר געקומען. ס'זיינען געוועזן פאַרטראָטן ניט מער ווי זעקס אָרגאַניזאַציעס דורך זיבן דעלעגאַטן, און דעריבער האָט ניט געקאָנט געמאָלט זיין, די פאַרזאַמלונג זאָל זיך דערקלערן פאַר אַ פּאַרטיי־קאָנגרעס. דער פאָרשלאַג פון איסקראַ־פאָרשטייער, מ'זאָל די פאַרזאַמלונג אָנרופן פּאַרטיי־קאָנפערענץ, איז איינשטי־מיק אָנגענומען געוואָרן.

מ'האָט אַריינגעטראָגן רעזאָלוציעס וועגן פּרינציפּיעלע פראַגן, און די מיינונגען זיינען זיך אַזוי ווייט פאַנאַנדערגעגאַנגען, אַז כמעט יעדער דעלעגאַט האָט פאָרגעבראַכט זיינע אַ אייגענע רעזאָלוציע. סוף כל סוף האָט מען די רעזאָלוציע פון דעם פאָרשטייער פון „בונד" אָנגענומען אַלס פונדאַמענט פאַר אַן אַלגעמיינעם באַשלוס. צו דער רעזאָלוציע האָט מען אָבער אַריינגעטראָגן אַזוי פיל אויסבעסערונגען, אַז דער פאָרשטייער פון „איסקראַ" האָט ניט גע־קאָנט שטימען פאַר איר, הגם פון אָנהויב איז ער געשטאַנען נאָענטער צום שטאַנדפּונקט פון „בונד"־דעלעגאַט, ווי צו וועלכער ס'איז אַנדער מיינונג, וואָס מ'האָט אויף דער קאָנפערענץ אַרויסגעזאָגט.

אַלע דעלעגאַטן האָבן אָבער געהאַלטן, אַז, ווי פאַרשיידן די פּרינציפּן־דערקלערונגען זאָלן ניט זיין, פאָדערט זיך אין אַזאַ קריטישן מאָמענט צו שמידן די אַרבעטער־איינִיקייט פאַר דעם קומנדיקן גרויסן פרייהייטס־קאַמף. עס איז אפילו אָנגענומען געוואָרן אַ נוסח פון אַן אַלגעמיין פּאַרטייאישן סאָציאַל־דע־מאָקראַטישן אויפרוף צום ערשטן מאַי. ס'איז אויך צוזאַמענגעשטעלט געוואָרן אַ צעטל פון קאָמיטעט־מיטגלידער, וועלכע האָבן געזאָלט ווי אַם שנעלסטן צוזאַמענרופן דעם צווייטן פּאַרטיי־קאָנגרעס פון דער רוסישער סאָציאַל־דעמאָ־

קראַטישער באַוועגונג. מיט דעם האָט זיך די היסטאָרישע „ביאַליסטאָקער קאָנפערענץ״ פאַרענדיקט.

דער צווייטער פאַרטיי־קאָנגרעס, וועלכער איז צוגעגרייט געוואָרן דורך דעם באַשלוס אין ביאַליסטאָק, איז פאָרגעקומען סוף יולי 1903 אין בריסעל, בעלגיע און אין לאָנדאָן (ווייל די פאָליציי האָט געצוואונגען די רוסישע סאָציאַליסטן צו פאַרלאָזן בעלגיע). פון אָט דעם קאָנגרעס הויבט זיך אָן די שפּאַלטונג אויף אַזאַ וועג:

אין יענער צייט, האָבן אין רוסלאַנד עקזיסטירט אומצייליקע קליינע רעוואָלוציאָנערע גרופּעס — שוואַכע אונטערערדישע טרייד־יוניאָנס, שטרייק־קאָמיטעטן, שטודיר־קרייזלעך א. אַז. וו. די פּראָבלעם פאַר די סאָציאַל־דעמאָקראַטן איז געווען צוזאַמענצובינדן די אַלע גרופּעס אונטער דער פירערשאַפט פון איין פּאָליטישער פּאַרטיי. צוויי וויכטיקע פירער, מאַרטאָוו און אַקסעלראָד, האָבן געהאַלטן פון אַ פרייער, דעצענטראַליזירטער פאָרם פון פּאַרטיי־אָרגאַניזאַציע און פון אַ ברייטער באַזיס פאַר פּאַרטיי־מיטגלידערשאַפט, וואָס וואָלט צוגעלאָזן אין דער פּאַרטיי יעדן איינעם, וועלכער האָט נאָר סימפּאַטיזירט מיט דער פּאַרטיי־פּראָגראַם. פון דער צווייטער זייט, האָט אַ טייל פירער מיט לענין אין דער שפּיץ געפאָדערט, אַז די פּאַרטיי זאָל זיין צוזאַמענגעשטעלט נאָר פון „פּראָפעסיאָנעלע״ רעוואָלוציאָנערן, גוט־דיסציפּלינירטע מיטגלידער, וואָס זאָלן גרייט זיין אויסצופירן די באַפעלן פון דעם פּאַרטיי־צענטער. אין יענער צייט האָט טראָצקי אונטערשטיצט דעם שטאַנדפּונקט פון מאַרטאָוו־אַקסעלראָד, און דער פירער און טעאָרעטיקער פון דער רוסישער סאָציאַל דעמאָקראַטיע, פּלעכאַנאָוו, איז געשטאַנען מיט לענין. פּלעכאַנאָוו איז געווען דער גרעסטער רוסישער אויטאָריטעט אין דער טעאָריע פון מאַרקסיזם.

לענינס פאָרשלאָג איז נידערגעשטימט געוואָרן אויף דעם קאָנגרעס. אָבער, ווען עס איז געקומען צו די וואַלן פון אַ צענטראַל־קאָמיטעט, האָט זיין גרופּע פאַרט באַקומען די מאַיאָריטעט אין צ. ק. פון יענער צייט אָן האָט די מאַיאָריטעט־פראַקציע און די ריכטונג, וועלכע זי האָט פאַרטראָטן, באַקומען דעם נאָמען „באָלשעוויקי״ (פון וואָרט „באָלשינסטוואָ״, וואָס מיינט מאַיאָריטעט) און די אַנדערע ריכטונג האָט מען אָנגערופן „מענשעוויקי״ (פון „מענשינסטוואָ״ — מינאָריטעט, מינדערהייט).

די פאָרשפּיל, דער אוואַנגאַרד־קאַמף פון אָט דעם גרויסן שטרייט צווישן די צוויי ריכטונגען איז אָבער שוין פאָרגעקומען אויף דער ביאַליסטאָקער קאָנפערענץ פון 21טן מערץ 1902. דער באַריכט, וואָס לענין האָט צוגעשיקט צו אָט דער קאָנפערענץ, איז אָפּגעדרוקט אין פינפטן באַנד פון זיינע געזאַמלטע ווערק (מאָסקווע, 1922).

מ׳קען זאָגן, אַז אין ביאַליסטאָק איז געלייגט געוואָרן דער גרונטשטיין פון יענער רעוואָלוציאָנערער ריכטונג, וועלכע האָט שפּעטער אונטער דעם נאָמען פון „באָלשעוויזם״, געשפּילט אַזאַ ראָלע אין דער וועלט־געשיכטע.

די ביאַליסטאָקער תקופה פֿון דער רוסלענדישער אַנאַרכיסטישער באַוועגונג

1. פֿאָרגעשיכטלעכעס

ביאַליסטאָק איז שוין אין די 1870ער און 1880ער יאָרן געווען אַן אָרענע פּאָר סכסוכים צווישן אַרבעטער און פֿאַבריקאַנטן אין פֿאַרשיידענע צווייגן פֿון דער אינדוסטריע, ווי טאַבאַק, טעקסטיל, טראַנספּאָרט (בעלי־עגלות) א. ד. גל. אָבער מיטן שנעלן אויפֿשטייג פֿון דער יידישער טעקסטיל־אינדוסטריע זינט דער רוסיש־טערקישער מלחמה (1877—1878) האָט די אַרבעטער־באַוועגונג, אין דער פֿאָרם פֿון אומלעגאַלע „קאַסעס", סטרייקס, רעוואָלוציאָנערע קרייזלעך א. ד. גל., זיך אַלץ מער אויסגעשפּרייט איבער ביאַליסטאָק און איר ראַיאָן — אַזוינע פֿאַבריק־און האַנטווערק־שטעטלעך, ווי קנישין, קרינעק, וואַסילקאָווע, סופּראַסלע, טרעסטענע א. אנד. אין די 1890ער יאָרן האָט ביאַליסטאָק, אַלס דער גרעסטער אינדוסטריעלער צענטער אין ליטע שוין געשפּילט אַן אָנפֿירנדיקע ראָלע אין דער רוסלענדישער רעוואָלוציאָנערער און אַרבעטער־באַוועגונג. באַזונדערס איינדרוקספֿול איז געווען דער סטרייק פֿון אַלע טעקסטיל־אַרבעטער (יידן און קריסטן) אין ביאַליסטאָקער ראַיאָן אין 1895, ווען אַרום 12 טויזנט אַרבעטער האָבן פֿאַרסטרייקט קעגן דער איינפֿירונג פֿון פֿאַבריק־ביכלעך, און מ'האָט געשאַצט, אַז ניט ווייניקער פֿון 3000 יידישע אַרבעטער זיינען געווען באַטייליקט אין סטרייק.[1]

אויף אַזאַ אופֿן איז שוין צוגעגרייט געווען אַ גוטער באָדן פֿאַר דער ערשטער אָרגאַניזירטער יידישער אַרבעטער־פּאַרטיי — דעם „בונד", וואָס איז געגרינדעט געוואָרן אין 1897. אין די ערשטע יאָרן (ביז 1900) האָט די יידישע אַרבעטער־באַוועגונג אין ביאַליסטאָק געהאַט אין זיך סטיכיש־שטורמישע, אָפֿן־רעוואָלוציאָנערע און טעראָריסטישע שטריכן. בעת די סטרייקס אין די 90ער יאָרן, צום ביישפּיל, פֿלעגן די וועבערס, באַזונדערס בעת סכסוכים מיט די לוינקעטניקעס, אָנקומען צו אַזוינע מעטאָדן ווי צו צעשטערן מאַטעריאַלן, אָנפֿאַלן און שלאָגן די באַלעבאַטים־אַרבעטגעבער און אַפֿילו זיי דערמאָרדן.

אין ביאַליסטאָק האָבן געפֿירט אַן אַגיטאַציע די ערשטע פּיאָנערן פֿון דער יידישער אַרבעטער־באַוועגונג אין ליטע, ווי גאָזשאַנסקי, ליובאַ אייזנשטאַדט, הלל קאַץ־בלום און אַנדערע. די אַרבעטער־יוגנט און די יידישע פֿאָלקס־אינ־

[1] „היסטאָרישע שריפֿטן" פֿון ייוואָ, ב. 3, אַרטיקל פֿון א. מענעס „ייד. אַרב. באַוועגונג ביז סוף 90ער יאָרן", ווילנע־פּאַריז, 1939, זז. 14, 16, 18, 48. א. אַנד.

טעליגענץ האָט, אונטערן איינפלוס פון די טאַלאַנטפולע אַגיטאַטאָרן, זיך שנעל אָנגעזאַפּט מיטן רעוואָלוציאָנערן גייסט, און דאָס האָט אָוועקגעלייגט דעם יסוד פאַר אַ ברויזנדיקער, זייער דינאַמישער סאָציאַליסטישער און רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג אין די ערשטע יאָרן, ווען ס'האָט געבושעוועט איבער גאַנץ רוסלאַנד דער פייער פון דער ערשטער רעוואָלוציע.

צווישן די וואָס זיינען, אונטערן איינפלוס פון דער „אַגיטאַציע" מיט איבער 50 יאָר צוריק, אַריינגעצויגן געוואָרן, אַלס פּיאָנערן פון נייע צווייגן פון ביאַליסטאָקער רעוואָלוציאָנערן־קאַמף, אין דער פאָרם פון אַנאַרכיזם־קאָמוניזם, איז געווען אַ ביאַליסטאָקער בחור, זיידל קאַגאַנאָוויטש, באַקאַנט אויך אונטערן נאָמען „זיידל דער ביאַליסטאָקער" אָדער „זיידל אַנאַרכיסט". אַ זון פון אַ מגיד, און שוין אין דער פריער יוגנט אַ לערניינגל אין אַ שוסטער־וואַרשטאַט, האָט זיידל פאַר זיין ערשטן רבין אין סאָציאַליזם געהאַט הלל בלומען, און זיין ערשטע שול פאַר רעוואָלוציאָנערער בילדונג און אויפקלערונג איז געווען דאָס בוך־געשעפט פון קאַלנערן אויף חיי־אדם געסל אין דעם שול־הויף קוואַרטאַל.

דער גורל האָט דעם יונגן זיידל געטריבן פרי צו פאַרלאָזן דאָס פאַרהאַסטע צאַרנלאַנד און אָפּלעבן אַ פּאָר יאָר צייט אין מערב־אייראָפּע. דאָרט איז אים אויסגעקומען זיך צו באַקענען מיט דער לינקער אָפּאָזיציע צו דער סאָציאַל־דעמאָקראַטישער ריכטונג (פון וועלכער דער „בונד" איז געווען אַן אָרגאַנישער טייל), אַן אָפּאָזיציע וואָס איז טעאָרעטיש און טאַקטיש געפירט געוואָרן פון די אידעאָלאָגן פון אַנאַרכיזם־קאָמוניזם, ווי קראָפּאָטקין, מאַלאַטעסטאַ, זשאַן גראַוו א. אַנד. קומענדיק צוריק קיין ביאַליסטאָק, סוף 1902 אָדער אָנהייב 1903, האָבן אָט־די „אָפּאָזיציאָנערן פון בונד" פאַרפירט אַ מין אידעאָלאָגישע מלחמה קעגן סאָציאַל־דעמאָקראַטיזם, מאַרקסיזם און בונדיזם. זיי האָבן אַפּעלירט צו די אומצופרידענע עלעמענטן אין די רייען פון די אַלטע פּאַרטייען (פּ. פּ. ס., בונד א. אַנד.) — די עלעמענטן, וועלכע האָבן געדורשט נאָך אַן אַקטיוו־רעוואָלוציאָנערער, שטורמישער אַרבעט, פריי פון די צוימען און גרענעצן פון בורזשואַזער דעמאָקראַטיע און פּאַרלאַמענטאַריזם. די רעוואָלוציאָנערע אַגיטאַציע, ספּעציעל די מעטאָדע פון „דירעקטן קאַמף", ד. ה. טעראָר, איז אין ביאַליסטאָק געפאַלן אויף אַ גיט קיין צו שטייניקן באָדן, ווייל — ווי שוין געזאָגט — איז אַן עקאָנאָמיש־רעוואָלוציאָנערער טעראָר שוין פון פריער אין ביאַליסטאָק פּראַקטיצירט געוואָרן. אַריינברענגענדיק אויפן אונטערערדישן וועג יידישע אַנאַרכיסטישע ליטעראַטור פון לאָנדאָן און אַמעריקע, איז די ערשטע פּראָפּאַגאַנדיסטן פון אַנאַרכיזם־קאָמוניזם אין ביאַליסטאָק ניט שווער אָנגעקומען צו באַשאַפן די ערשטע נעסטן פון דער אַנאַרכיסטישער אַגיטאַציע און באַוועגונג אין שטאָט און אין די אַרומיקע שטעטלעך.

אינצווישן האָבן זיך אין די רייען פון דער ביאַליסטאָקער שטודירנדיקער יוגנט, באַזונדערס די סטודענטן, וואָס האָבן אין די גרויסע אוניווערזיטעט־שטעט זיך אָנגעשמעקט מיטן אַנאַרכיזם־קאָמוניזם, אויך אָנגעהויבן צו באַווייזן יחידים און גרופּקעס גרייט צו פּרעדיקן די רעוואָלוציאָנערע לערע פון אַנטישטאַטלעכן סאָציאַליזם. פון די געדרוקטע שפּורן און זכרונות פון די

לעבן־געבליבענע פּיאָנערן ווייסט מען, צ. ב. פון די סטודענטן ברידער ברומער און דעם סטודענט רובינשטיין. צו אַט־די אינטעליגענטן און זין פון גאַנץ פאַרמעגלעכע עלטערן זיינען צוגעקומען האַלב־אינטעליגענטן, קינדער פון די פאָלקס־מאַסן, וואָס האָבן מיט אַ גרויסן ברען און ענטוזיאַזם זיך אַריינגעוואָרפן אין דער נייער רעוואָלוציאָנערער־סאָציאַליסטישער באַוועגונג (ווי למשל דער גוט־באַקאַנטער אין יענער צייט „יאַנקל פראָפעסאָר״, אונדזער יעקב קרעפּליאַק ע״ה, וואָס האָט געשטאַמט פון זאַבלודאָווע). דאָס זיינען געווען די ערשטע פּיאָנערן און הויפּט־פירער אין דער ערשטער תקופה, אין דער פרימאָרגן־צייט פון דער יידיש־אַנאַרכיסטישער באַוועגונג אין ביאַליסטאָקער ראַיאָן.

2. ערשטע אָנהויבן פון דער אַנאַרכיסטישער אַרבעט

„אין פרילינג 1903, ווען יחידים־אַנאַרכיסטן אין ביאַליסטאָק זיינען אין אַ גרופּע נאָך ניט געווען אָרגאַניזירט, איז אָנגעקומען פון לאָנדאָן אַ חבר און האָט פאַראייניקט די יחידים אין אַ גרופּע״. אַזוי שרייבט אין אַ רוסישן זאַמלבוך אַ ביאַליסטאָקער חבר. וואָס איז צוגעשטאַנען צו דער גרופּע ערשט אין 1905 און וואָס צו זיין עדות־זאָגן וועלן מיר נאָך אַ סך, אַ סך מאָל מוזן אָנקומען.[2] אַדאַנק אים איז אין ביאַליסטאָק געשאַפן געוואָרן אַן אינטערנאַציאָנאַלע אַנאַר־כיסטישע גרופּע „באָרבאַ״ (קאַמף), וואָס איז באַשטאַנען פון בלויז 10 אָדער 12 מענטשן. אין איר שפּיץ איז געשטאַנען גריגאָרי ברומער (פּאַרטיי־נאָמען: באָריס, געשטאָרבן אין פּעטראָפּאַוולאָווסקער פעסטונג אין פּעטערבורג, 1907). דורך אירע דיסקוסיעס מיט אַנדערע, פריערדיקע פּאַרטייען, האָט די גרופּע געוואונען פּרעסטיזש און איינפלוס, דערהויפּט צווישן דער היציק־טעמפּעראַ־מענטפולער יוגנט פון דער „אָרעמשאַפט״ און אויך צווישן דער שול־יוגנט. די גרופּע האָט זיך ניט באַגנוגנט מיט פאַרזאַמלונגען („גרופּאָוקעס״) און מאַסן־מיטינגען, ווי אויך צו פאַרשפּרייטן פּראָקלאַמאַציעס און אַריינגעשמוגלטע פון אויסלאַנד ליטעראַטור, נאָר איז אַריבערגעגאַנגען צו „מעשים״.

אין יולי 1903, בעת אַ מאַסן־צוג פון אַרבעטער, וואָס האָבן דעמאָנסטראַ־טיוו מאַרשירט פון וואַלד אין שטאָט אַריין, האָט די פּאָליציי מוראדיק צעשלאָגן אַ סך אַרבעטער. גלייך אויף מאָרגן האָט די אַנאַרכיסטישע גרופּע געשיקט אַ פּאָר מענטשן צו באַשטראָפן דעם שולדיקן אין די רציחות, דעם עלטסטן גאָראָדאָוואָי, ב. לאַבאַנאָווסקי. מיט עטלעכע טעג שפּעטער האָט מען מיט אַ פּאָר רעוואָלווער־שאָסן פאַרוואונדעט דעם פּאָליצמייסטער מעטלענקאָ. דאָס איז געווען דער אָנהייב פון אַ קאַמף צווישן דער ביאַליסטאָקער אַנאַרכיסטישער

[2]) דער דאָזיקער אַרטיקל — אונטערגעשריבן „ביעלאָסטאָטשאַנין״ איז אָפּגעדרוקט אין אַן „אַלמאַנאַך־זאַמלבוך צו דער געשיכטע פון דער אַנאַרכיסטישער באַוועגונג אין רוסלאַנד״, וואָס איז דערשינען אין פראַנקרייך אין 1910. אויף אָט־דעם בוך וועלן מיר זיך אָפטמאָל פאַררופן פאַרקירצט, ווי „רוסישער אַלמאַנאַך״. לײַדער דערמאָנט דאָרט נישט דער מחבר ווער דער „געקומענער חבר״ איז געווען.

גרופּע און דער פּאָליציי, אַ קאַמף, וואָס האָט זיך געצויגן 3—4 יאָר צייט, אין וועלכן די פּאָליציי איז געשלאָגן געוואָרן.

די ערשטע נקמה־אַקטן קעגן דער פּאָליציי האָבן געהויבן די רעוואָלוציאָנערע רעפּוטאַציע פון די אַנאַרכיסטן, און עס האָט זיך אויפגעהויבן דער פאַרלאַנג פאַר זייער ליטעראַטור — ניט נאָר אין ביאַליסטאָק, נאָר אין די אַרומיקע שטעט און שטעטלעך — גראָדנע, ביעלסק, קרינעק, זאַבלודאָווע א. אַנד. די גרופּע האָט העקטאָגראַפיש אַרויסגעגעבן עטלעכע בראָשורן אין יידיש און רוסיש — ווערק פון נעטלוי, טשערקעזאָוו, א. אַנד. אין יאַנואַר 1904 האָט מען 20 פונט ליטעראַטור געבראַכט פון אויסלאַנד. דאָס איז געווען שפּאָטוויניק ביים גרויסן נאָכפרעג אויף אַנאַרכיסטיש־קאָמוניסטישער ליטעראַטור. די גרופּע האָט געוואָלט אַליין נעמען דרוקן ביכלעך, אָבער ס׳האָט געפעלט געלט. אין אַזאַ קריטישן מאָמענט איז עמיצן געקומען אין קאָפּ דער פּלאַן, צו ווענדן זיך נאָך הילף צו גרופּעס אין אַנדערע שטעט, אָבער מ׳האָט נאָך ניט געוואוסט פון קיין שום רוסישער שטאָט, וואו ס׳איז געווען אַן אָרגאַניזירטע אַנאַרכיסטישע גרופּע. דאַן איז אומגעריכט דערגאַנגען דער קלאַנג, אַז אין אָדעס פונקציאָנירט אויך אַ גרופּע אַנאַרכיסטן אונטערן נאָמען „די גרופּע פון פּשרהלאָזע" (נעפּרימירימיע), וואָס איז געשאַפן געוואָרן, ווייזט אויס, נאָך דער ביאַליסטאָקער גרופּע, אָבער אומאָפּהענגיק פון איר. אַ יונגער חבר, יצחק בלעכער, (באַקאַנט אויך אונטערן נאָמען „גאָראָדאָוואָיטשיק"), האָט גענומען אויף זיך אָפּצופאָרן קיין אָדעס (געפאָרן איז ער „אונטערן באַנק", ווייל אויף אַ בילעט איז קיין געלט ניט געווען) און דאָרט אויפזוכן די חברים און ביי זיי קריגן געלט פאַר דער באַוועגונג. ער איז געקומען צוריק מיט אַ פּאַק ליטעראַטור און אַ ביסל געלט.

די אַרבעט פון דער גרופּע, דערהויפּט צווישן אַרבעטלאָזע און שלעכטבאַצאָלטע אַרבעטער, האָט זיך צעוואַקסן און פאַרשפּרייט. וואָס ווייטער איז אַלץ גרעסער געוואָרן די צאָל רעוואָלוציאָנערע „סטאַטשקעס" (סטרייקס), וואָס די אַנאַרכיסטן האָבן אַרויסגערופן. דאָס האָט געוואַלדיק פאַרשאַרפט דעם קלאַסן־קאַמף, וועלכן עטלעכע יונגע היציקע אַנאַרכיסטן האָבן אויפגעפּאַסט אין פּשוטסטן, ברוטאַלסטן זין פון וואָרט.

איינער פון זיי איז געווען ניסן פאַרבער, וואָס האָט געשטאַמט פון פאַראַזאָוו — אַ שטעטל אין וואָלקאָוויסקער קרייז, וואו ער איז געבוירן געוואָרן אין אַ זייער אָרימער משפּחה, אין 1886. אַלס בעקער־אַרבעטער איז ער געקומען קיין ביאַליסטאָק, וואו ער איז אין 1903—1904 שוין טעטיק געווען אין דער אַנאַרכיסטישער גרופּע. ער איז געווען באַלעזן אין דער בראָשורן־ליטעראַטור אויף רוסיש (סעבאַסטיאַן פאָר, מאַלאַטעסטאַ) און יידיש (ש. יאַנאָווסקיס: „דער א״ב פון אַנאַרכיזם" און אַנד.) און האָט זיך אויסגעצייכנט אין פּאָלעמיזירן מיט די סאָציאַליסטישע פּאַרטיי־קעגנער און אין מאַסן־פּראָפּאַגאַנדע. פון נאַטור אַ היציקער, האָט ער רואיק ניט געקענט צוקוקן די יסורים פון די אַרבעטסלאָזע וועבערס, בעת אַ סטרייק ביים פאַבריקאַנט אברהם קאַהאַן. יענער האָט געזוכט צו אָרגאַניזירן די פאַבריקאַנטן פאַר אַ לאָקאַוט קעגן די וועבערס און האָט, דורך דעם פּאָליצמייסטער, אויסגעשריבן פון מאָסקווע אַ הייפל „סקעבס". די

בונדיסטישע אָרגאַניזאַציע האָט געשיקט אין א. קאַהאַנס פאַבריק אַ גרופּע פון 28 אַרבעטער, אַראָפּצונעמען די „סטרייקברעכער". די געקומענע אַרבעטער האָבן צעשניטן דאָס טוך אויף צוויי וועבשטולן, און ביסלעכווייז איז געקומען צו אַ בלוטיקן געשלעג אין דער פאַבריק. מיט אייזערנע שטאַבעס האָבן די „סקעבס" באַפאַלן די בונדיסטן, פון וועלכע איינער איז געפאַלן טויט אויפן אָרט און אַ סך אַנדערע זיינען געוואָרן פאַרוואונדעט. די פּאָליציי האָט געמאַכט פיל אַרעסטן, און די הונגער־לאַגע פון די סטרייקערס איז מוראדיק פאַרשאַרפט געוואָרן.

אונטערן איינדרוק פון די פּאַסירונגען האָט נ. פאַרבער זיך אַנטשלאָסן אויף אַ פאַרצווייפלונג אַקט: ער האָט, דעם 29טן אויגוסט, 1904, אין אָדער נעבן אַ בית־מדרש, שווער פאַרוואונדעט מיט אַ מעסער אברהם קאַהאַנען, און אים, פאַרבערן, איז געלונגען צו אַנטלויפן. דאָס איז געווען דער ערשטער אַקט פון אַנטי־בורזשואַזן טעראָר, וואָס איז אונטערגענומען געוואָרן פון אַ מיטגליד פון דער ביאַליסטאָקער אַנאַרכיסטישער גרופּע.

קורץ נאָך דעם איז פון אים דורכגעפירט געוואָרן נאָך אַ גרעסערער און געוואָגטערער טעראָר־אַקט. סוכות־צייט האָבן די בונדיסטן געהאַט אין וואַלד אַ מיטינג. די פּאָליציי, מיטן פּאָליצמייסטער אין דער שפּיץ, האָבנדיק עס אַנטדעקט, האָט געעפנט אַ שיסעריי, און מ'האָט פאַרוואונדעט 30 אַרבעטער, מענער און פרויען. די אַנטריסטונג אין שטאָט איז געווען אַ געוואַלדיקע, אָבער די קאַמף־גרופּעס פון אַלע פּאַרטייען זיינען נאָך געווען צו שוואַך צו אָרגאַניזירן אַ אַנטי־פּאָליצייאישן טעראָר. האָט ווידער ניסל פאַרבער אַליין גענומען אויף זיך דעם אַקט פון נקמה. ער האָט איינער אַליין צוגעגרייט אַ „מאַקעדאָנישע" באָמבע און האָט זי אויסגעפּראָבירט דעם 3טן אָקטאָבער הינטערן שטאָט, אין „זווערינעץ". דער שרעקלעכער קנאַל האָט אויפגעטרייסלט די גאַנצע שטאָט. אָבער מ'האָט ניט געוואוסט פון וואַנען און ווי אַזוי ער איז געקומען, דעם 6טן אָקטאָבער 1904 האָט נ. פאַרבער אַריינגעוואָרפן אַזאַ מין באָמבע אין ערשטן פּאָליציי־באַצירק, וואו ער האָט געגלויבט צו טרעפן דעם פּאָליציימייסטער גופא. יענער איז אָבער אין באַצירק גראָד ניט געווען, און פון דעם שרעקלעכן אויפרייס זיינען געפאַלן טויט אַ 5—6 מענטשן, און עטלעכע זיינען פאַרוואונדעט געוואָרן. צווישן די געהרגטע איז געווען אויך ניסן פאַרבער[3].

די צוויי געוואָגטע אַקטן האָבן געמאַכט אַן אומגעהייערן רושם אין די רעוואָלוציאָנערע קרייזן פון גאַנץ רוסלאַנד, און אויך אין אויסלאַנד. דאָרט (ווייזט אויס אין דער שווייץ) איז דערשינען אַ פלוגבלעטל (ליסטאָק נומ. 5) פון דער גרופּע „רוסישע קאָמוניסטן־אַנאַרכיסטן", וואָס איז אינגאַנצן געווידמעט די „ביאַליסטאָקער אַטענטאַטן", ד. ה. די צוויי „אַקטן" פון רעוואָלוציאָנערן טעראָר, וואָס ניסן פאַרבער האָט אין לויף פון 2—3 חדשים אין האַרבסט 1904

[3]) אַ ביאָגראַפיע פון נ. פאַרבער איז געווען געדרוקט אין „כליעב אי וואָליאַ", נומ. 23 און איז שפּעטער איבערגעדרוקט געוואָרן אין „רוסישן אַלמאַנאַך", זז. 37—39.

דורכגעפירט אין ביאַליסטאָק, און ביים צווייטן פון וועלכע ער האָט באַצאָלט פאַר זיין דרייסטקייט מיטן אייגענעם יונגן לעבן[4]).

נאָכן 9טן יאַנואַר 1905 (שיסעריי אויף גאַפּאָן־דעמאָנסטראַנטן־אַרבעטער אין פּעטערבורג), ווען איבער גאַנץ רוסלאַנד האָט זיך צעגאָסן אַ רעוואָלוציאָנערע סטרייק־כוואַליע, האָבן די ביאַליסטאָקער אַנאַרכיסטן, אין איינקלאַנג מיט זייער לערע פון רעוואָלוציאָנער־עקאָנאָמישער קאַמף־אַקציע אַלס אַ וויכטיקערער פאַקטאָר ווי אַ ריין־פּאָליטישער קאַמף, ניט געוואָלט וויסן פון דעם פּאָליטישן גענעראַל־סטרייק. אָבער קורץ נאָך דעם האָבן די ביאַליסטאָקער פּ. פּ. ס. און סאָציאַליסטן־רעוואָלוציאָנערן גערופן אַ נייעם סטרייק מיט עקאָנאָמישע פאָדערונגען, וועלכן די אַנאַרכיסטן האָבן אונטערשטיצט. די עקאָנאָמיש־רעוואָלוציאָנערע אַקציע, דורך סטרייקס און עקספּראָפּריאַציעס (צוערשט פון פּראָדוקטן פאַר אַרבעטסלאָזע און סטרייקערס, און שפּעטער — פון געלט), איז געוואָרן אַ טעגלעכע דערשיינונג אין שטאָט.

די צעשראָקענע רייכע באַפעלקערונג האָט גענומען אַנטלויפן פון שטאָט די פּאָליציי פלעגט זיך פילן הילפלאָז און שוואַך. איז ביי די מאַכט־האָבער און די פּני (באַלעבאַטים־גבירים) פון שטאָט געבליבן צו ברענגען קאָזאַקן, וועלכע פלעגן אָפט באַפאַלן אויף די גאַסן שולדיקע־און אומשולדיקע. צווישן אַרבעטער פון אַלע ריכטונגען האָט זיך צעברענט אַ שנאה צום רוצחישן צאַריזם און אויך קעגן דער יידישער, כלומרשט ליבעראַלער בורזשואַזיע, וואָס קומט אָן צום רוצחישן קאָזאַק אין קאַמף קעגן אַרבעטער־קלאַס. פאַרן הויפּטשולדיקן פון די יידישע פּני האָט מען געהאַלטן דעם כלל־טוער און „קנעפּל שבקנעפּל” מיט נאַטשאַלסטוואָ זלמן וויינרייך. אונטערן איינפלוס פון די אַנאַרכיסטן האָט אין די רייען פון די סאָצ. רעוואָלוציאָנערן און בונדיסטן אויך געוואָקסן די נייגונג צו טעראָר־אַקציעס. פון זייערע רייען איז אַרויס איינער וואָס האָט, בעת אַ דעמאָנסטראַציע אַרום קאָרשול, וואו זלמן וויינרייך האָט בעת מעשה געדאַוונט, אַריינגעשאָסן אַ קויל אין דעם כלל־טוער, אויף וועלכן ס'האָט געברענט אַ געוואַלטיקער כעס. וויינרייך איז אַרויס אָן אומבאַשעדיקטער פונעם אַטענטאָט.

צוזאַמען מיט די ס. ר. האָבן די אַנאַרכיסטן אָרגאַניזירט אַן אָנפאַל אויף אַ גרויסער דרוקעריי און צוגענומען אַרום 20 פּוד שריפט. מ'האָט פאַרפירט אַ גרויסע שריפטלעכע פּראָפּאַגאַנדע, און די פּאָזיציע פון די אַנאַרכיסטן האָט דערגרייכט איר שפּיץ־פּונקט, נאָך 2—3 יאָר אַרבעט אין ביאַליסטאָקער ראַיאָן. דאָס איז געווען די ערשטע פּעריאָדע פון דער 5־יאָריקער תקופה פון אַנאַרכיסטישער באַוועגונג אין ביאַליסטאָקער ראַיאָן.

3. אויפבלי־פּעריאָדע פון דער באַוועגונג

אין מאַי 1905 איז די גאַנצע „אַגיטאַטאָרסקע סכאָדקע” פון דער פּאַרטיי סאָציאַליסטן־רעוואָלוציאָנערן אין ביאַליסטאָק, צוזאַמען מיט זייערע לערן־קרייזלעך, אַריבער צו די אַנאַרכיסטן. אַ נייער, פרישער און קאַמפלוסטיקער

---

[4]) דער פולער טעקסט פון דעם לאַנגן פלוגבלאַט איז איבערגעדרוקט אין „רוסישן אַלמאַנאַך”, זז. 179—181.

עלעמענט איז דורך דעם אַריינגעפלאָסן אין דער אַנאַרכיסטישער גרופּע. עס איז צוגעקומען, למשל, אין די אַנאַרכיסטישע רייען דער יונגער, זייער העל־דישער אהרן יעלין (דער „געלינקער״), סודאַביטשער („צאַלקע דער שניידער״) א. אַ. פון אויסלאַנד זיינען אויך אָנגעקומען עטלעכע באַגאַבטע אַגיטאַטאָרן און פּראָפּאַגאַנדיסטן. די באַוועגונג האָט מיט ריזיקע טריט גענומען גיין פאָראויס.

ווי ס'האָט דערציילט אַן אָנטיילנעמער[5]), האָט דער אינערלעכער סדר אויסגעזען אַזוי. די גאַנצע גרופּע דעמאָלט (מאַי 1905) איז באַשטאַנען פון 60 באַוואוסטזיניקע מיטגלידער. זי האָט זיך איינגעטיילט אין 5 „פעדעראַציעס״; 1) אַ טעכנישע (דרוקעריי), 2) וואָפן־ליפערונג (לצים פלעגן זי רופן די „באַוואָפנטע פעדעראַציע״), 3) ליטעראַרישע (צו שאַפן „ליטעראַטור״ פון אויסלאַנד און דרוקן אויפן אָרט), 4) געוועזענע ס. רן, און 5) אַ פּוילישע פעדעראַציע (צו אַרבעטן צווישן די קריסטלעכע פאַבריק־אַרבעטער). די ערשטע דריי פעדע־ראַציעס, וואָס האָבן געהאַט צו טאָן מיט ענינים, וואָס האָבן באַרירט אַלע חברים, האָט מען אויך גערופן „סכאָדקעס״. אויף אַן אַלגעמיינער פאַרזאַמלונג פון אַלע פעדעראַציעס איז באַשלאָסן געוואָרן צו גרינדן אין ביאַליסטאָק אַן אייגענע דרוקעריי — „אַנאַרכיע״. ביז דעמאָלט פלעגן גרויסע גרופּעס פון אַנדערע שטעט, ווי ריגע (באַריס ענגעלסאָן), מאָסקווע, קיעוו און פּעטערבורג צושיקן ליטעראַטור קיין ביאַליסטאָק. דער דורשט נאָך אַנאַרכיסטישער אויפ־קלערונג דורך שטודיע־קרייזלעך און ביכלעך האָט קוים געקענט געשטילט ווערן . . .

די ביאַליסטאָקער גרופּע האָט אָרגאַניזירט גרויסע סטרייקס אין די טעקסטיל־פאַבריקן פון גאַנצן ראַיאָן, אויך אין דער גרעסטער פון דער געגנט — ביי מאָעסן אין כאַראַשטש. אויך אין ווייטע און נאָענטע שטעטלעך פלעגן געפירט ווערן סטרייקס פון די לאָקאַלע אינדוסטריען, ווי דער אַלגעמיינער בערשטער־סטרייק אין טרעסטענע, אין יוני, 1905. ביאַליסטאָק איז געוואָרן דער צענטער פון אַנאַרכיסטישן קאַמף פון גאַנצן ראַיאָן[6]).

די „בירזשע״ אויף סוראַזער גאַס, וועלכע איז איינגעפירט געוואָרן פון די בונדיסטן, און וואו ס'פלעגן כסדר פאָרקומען דעבאַטן און דיסקוסיעס צווישן אַנאַרכיסטן מיט אַנדערע פּאַרטיי־לייט, איז ביסלעכווייז אינגאַנצן אַריינגעפאַלן אונטערן אַנאַרכיסטישן איינפלוס.

אין יוני 1905 האָט אין די רעוואָלוציאָנערע קרייזן פון ביאַליסטאָק געקאָכט מיט דער „לאָדזשער בלוט־באָד״, וואו די פּאָליציי און מיליטער האָבן געהרגעט צענדליקער אַרבעטער אויף די גאַסן פון לאָדזש. אין ביאַליסטאָק איז, אויף אַ סטיכישן אופן, פון זיך אַליין, אַלס צייכן פון פּראָטעסט אויסגעבראָכן אַ גענעראַל־סטרייק. די אַנאַרכיסטן האָבן דעם מאָמענט געוואָלט אויסנוצן פאַר אַ באַוואָפנטן רעוואָלוציאָנערן אויפשטאַנד. ס'האָט זיי, פאַרשטייט זיך, פאַר אַזאַ צוועק אויסגעפעלט געווער, אָבער איין מעכטיקער טעראָר־אַקט איז יע

[5]) זען „רוסישער אַלמאַנאַך״, זז. 9—13.

[6]) וועגן קנישין און טרעסטענע אַלס צענטערן פון אַנאַרכיסטישע אַרבעטן זען „פר. אַרב. שט.״ פון 14טן אָקט. 1949, „זכרונות פון ב. סוראַסקי״.

געקומען פון דער אויפרעגונג אין די עקסטרעם־רעוואָלוציאָנערע קרייזן אין יענעם מאָמענט. דאָס איז געווען די באָמבע וואָס אהרן יעלין (דער געלינקער) האָט געוואָרפן אויף דער „פּאָליצייאישער בירזשע״.

דער מוטיקער אַנטי־פּאָליצייאישער טעראָר פון 1904 און 1905 האָט אַנגעוואָרפן אַ פּחד אויף די העכערע פּאָליציי־לייט. זיי פלעגן יעדן טאָג קומען אויפן מאַרק, אַרום שטאָטזייגער, און אין היילער טויטשרעק האַלטן אין איין צוקוקן זיך צו סוראַזשער גאַס, פון וואַנען מ׳האָט זיך געריכט יעדע מינוט, ס׳זאָל אויסברעכן דער „אַנאַרכיסטישער בונט״. האָט מען כאָטש געוואָלט זיין גרייט, אַז מ׳וועט ניט געכאַפּט ווערן פלוצלינג.

טאָג־איין, טאָג־אויס פלעגט דער געהילף־פּאָליצמייסטער מיט פּריסטאַ־ווען און אַנדערע פּאָליציי־לייט קומען אין דער באַשטימטער שטעלע און ניט אָפּרייסן פאַר שעהן לאַנג די אויגן פון סוראַזשער גאַס און ראָג מאַרק. דעם געזעמל האָט מען גערופן די „פּאָליצייאישע בירזשע״. אויף איר האָט עס אין יוני 1905 אהרן יעלין געוואָרפן אַ שטאַרקע באָמבע, פון וועלכער אַ סך פּאָליציי איז שווער פאַרוואונדעט געוואָרן. די סאָלדאַטן פון די אַרומיקע פּאַטרולן האָבן זיך צעלאָפן. די פּאָליציי האָט געבראַכט אַ נייע מחנה מיליטער, און מ׳האָט די גאַנצע נאַכט שוידערלעך געשלאָגן וועמען מ׳האָט נאָר געטראָפן אין גאַס אַרום מאַרק. אגב, מוז מען וויסן, אַז ניט נאָר האָט די פּאָליציי פשוט מורא געהאַט פאַר די אַנאַרכיסטן זיך צו ווייזן אַרום דער „בירזשע״ (סוראַזשער גאַס), נאָר אפילו סאָלדאַטן־יחידים מיט אַנגעלאָדענע ביקסן פלעגט מען ניט גערן שיקן אַהין. ס׳האָט אָפט פּאַסירט, אַז די סאָלדאַטן פלעגן זיך אומקערן אין די קאַ־זאַרמעס מיט פּראָקלאַמאַציעס אין די קעשענעס (די קאַזאַרמעס זיינען געווען ווייט פון שטאָט, און די רעוואָלוציאָנערן איז געווען אַהין ניט לייכט צוצוקומען. פלעגט מען די סאָלדאַטן „אָנשטעקן״ מיט טרייפענע אידייען, בעת דאָס מיליטער פלעגט געשיקט ווערן צו־צווייען, אָדער גאָר איינציקווייז, אויף פּאַטרול).

דאַן האָט די אויבערשטע מאַכט אָנגענומען אַן אַנדער מעטאָדע: אָרגאַ־ניזירן מיליטערישע פּאָגראָמען, ד. ה. פשוט אָנהויבן, אָן יעדן דירעקטן אַרויס־רוף, צו שיסן אויף רעכטס און אויף לינקס, כדי די באַפעלקערונג צו טעראָ־ריזירן און אויף אַזאַ אופן „דערשטיקן״ דעם ווילן צום רעוואָלט קעגן דעם צאַריזם און קעגן דעם עקספּלואַטאַטאָרן־קלאַס.

סוף יוני אָדער אָנהויב יולי 1905 האָט מען אָנגעהויבן אַריינפירן אין סוראַזשער גאַס און די אַרומיקע געסלעך צו עטלעכע ראָטעס סאָלדאַטן, און איין שיינעם אָוונט, ווען ס׳איז געווען אַ גאָר גרויסער עולם אויף דער „בירזשע״ האָט מען געעפנט אַ שיסעריי. קיין שום וואָרנונג האָט מען ניט געגעבן. צען אַר־בעטער זיינען געפאַלן טויט אויפן אָרט, און ס׳זיינען אין בלוט־לוזשעס געבליבן ליגן אַ סך פאַרוואונדעטע. דאָס איז געווען די „גענעראַל־פּראָבע״ פאַר אַ פיל גרעסערער שחיטה, וואָס איז פאָרגעקומען מיט עטלעכע וואָכן שפּעטער...

די אַנאַרכיסטישע גרופּע האָט טעראָריזירט און איבערגעשראָקן אויף טויט די פּאָליציי. אַטאַקעס אויף פּאָליציי־לייט, ספּעציעל אויף די, וואָס פלעגן זיך כאַפּן שלאָגן און פּייניקן די אַרעסטירטע רעוואָלוציאָנערן, פלעגן פאַר־קומען כמעט יעדן טאָג דורך דער ערשטער העלפט פון 1905. מוטיג ביז גאָר

ביים אָפּרעכענען זיך מיט דער פּאָליציי איז געווען אהרן יעלין. אין אַפּריל 1905 האָט ער דערשאָסן אַ סטרוזש פון אַ הויז, וועלכער האָט אַרויסגעגעבן דער פּאָליציי אַ קוואַרטיר מיט שריפט פאַר דער אַנאַרכיסטישער דרוקעריי. דאָס האָט אינגאַנצן דעזאָרגאַניזירט דעם פּאָליציייאישן שפּיאָנאַזש, וואָס איז געווען באַזירט אויף די סטרוזשעס־שפּיאָנען. די ביאַליסטאָקער סטרוזשעס האָבן זינט יענעם מאָרד ניט געוואָלט איינשטעלן זייערע קעפּ דורך מסירות צו דער געהיים־פּאָליציי, און די אַגיטאַציע־און פּראָפּאַגאַנדע אַרבעט איז שטאַרק פאַרלייכטערט געוואָרן אין ביאַליסטאָק.

אַזוי האָט געווירקט די אַנאַרכיסטישע גרופּע דורך „דירעקטער אַקציע" און מיט אַן אומגעהייער־דערפּאָלגרייכער פּראָפּאַגאַנדע, אין וועלכער זי האָט איבערגעשטיגן די כלומרשט גרעסערע און פיל עלטערע פּאַרטייען. „מאַסאָווקעס" פון 300—500 מענטשן פלעגן פּאַרקומען כמעט יעדן אָוונט אויף דער „בירזשע" און ניט זעלטן פלעגן טויזנטער און טויזנטער מענטשן קומען הערן באַוואוסטע אַנאַרכיסטישע רעדנער, סיי היגע, ווי נאָטקע באַכראַך (געפאַלן אין פּאָגראָם פון 1906), אָדער פישל שטיינבערג (געהרגט געוואָרן אין יעקאַטערינאָסלאַוו אין 1906), סיי צוגעפאָרענע, ווי „קאַרל" פון וואַרשע און דער באַוואוסטער טעאָרעטיקער פון אַנאַרכיזם יודא גראָסמאַן א. אַנד. צווישן די ביאַליסטאָקער רעדנער האָבן זיך גאָר באַזונדערס אויסגעצייכנט וויקטאָר (ריבקינד) און חבר סטריגא (וולאַדימיר לאַפּידוס). וויקטאָר איז שפּעטער (נאָוו. 1906) היגגעריכטעט געוואָרן אין וואַרשעווער ציטאַדעל צוזאַמען מיט אַנדערע 15 באַוואוסטע אַנאַרכיסטן.

4. דער בלוטיקער שבת־נחמו (30 יולי, 1905)

דורך די כסדר אויסברעכנדיקע סטרייקס פלעגט דער פּאַרמעגלעכער קלאַס געהאַלטן ווערן אין אַ שרעק־צושטאַנד. פון דער פּאָליציי האָט די בורזשואַזיע מער קיין הילף ניט געקענט האָבן, ווייל אויך די פּאָליציי האָט זיך געפילט באַזיגט און געשלאָגן פון די אַנאַרכיסטן. די העכערע מאַכט איז דאַן געווען געניגט צום לעצטן און אַנטשיידנדיקסטן טריט, נעמלעך: צו מאַכן דאָס מיליטער פאַרן אויבערשטן שררה איבער דער שטאָט, און דאָס האָט אונטער יענע אומשטענדן געמיינט בלויז איין זאַך: אַ מיליטערישער פּאָגראָם אויף דער פרידלעכער באַפעלקערונג, דאָס הייסט אויף די יידן פון אַלע שיכטן און קלאַסן.

ביז סוף יולי, 1905, פלעגן די מיליטערישע פּאַטרולן אויפן מאַרק און אויף סוראַזער גאַס זיך באַווייזן ערשט אַרום האַלבן טאָג, אַזייגער 10—11. איצט, נאָכן 20סטן יולי, פלעגט מען אַרויסשיקן די באַוואָפנטע סאָלדאַטן גלייך פון 7 אין דער פרי. דאָס אַליין איז שוין געווען אַ סימן, אַז ס'רוקן זיך אָן האַרבע סכנות, און מ'מעג זיך ריכטן אויף אַ בלוטיקער חתונה...

צווישן די אַנאַרכיסטן איז באַקאַנט געוואָרן, אַז פאַר שבת, דעם 30סטן יולי, 1905 (שבת־נחמו) גרייטן די בונדיסטן צו אַ גרויסע, אָבער פרידלעכע מאַניפעסטאַציע. דאָס איז שנעל דערגאַנגען צו דער פּאָליציי און זי האָט

משמעות זיך באַנוצט דערמיט אויף צו דערטרינקען אין בלוט די אַנאַרכיסטישע באַוועגונג. שוין גאַנץ פרי האָבן יענעם שבת די מיליטערישע פּאַטרולן זיך גענומען באַווייזן אויף סוראַזער גאַס. די אַרבעטער אָבער האָבן גאַנץ לאַנגזאַם זיך אָנגעהויבן צוזאַמענקלייבן. אַרום 1 בייטאָג זיינען אין הייפלעך אויף סוראַזער גאַס געשטאַנען אפשר ניט מער ווי אַ טויזנט מענטשן. סאָלדאַטן האָבן געוואָלט צעטרייבן דעם עולם, אָבער די מוטיקע מענער און פרויען זיינען ניט וויליק געווען פּראָסט־פּשוט אויספירן די באַפעלן. איינער, מוליע שוסטער, האָט קלאָר און אָפן געזאָגט, אַז ער וועט זיך ניט רירן פון אָרט. דער סאָלדאַט האָט אים דערשאָסן אויפן אָרט. נאָך עטלעכע שאָסן האָבן אַ קנאַל געטאָן, און גלייך זיינען שווער פאַרוואונדעטע אַרבעטער געפאַלן אויפן ברוק. די בירזשע איז מאָמענטאַל געוואָרן פוסט. אָבער אין צען מינוט שפּעטער איז די גאַס ווידער פול געוואָרן מיט אויפגערעקטע מענטשן־מאַסן. פון די אַנאַרכיסטישע פירער זיינען עטלעכע פאַרבליבן אין גאַס און געפּרואווט איינריידן דעם עולם מ׳זאָל זיך צעגיין. דאָ האָט זיך איינער פון די אַנאַרכיסטן אַ לאָז געטאָן צו דער קאָנספּיראַטיווער קוואַרטיר נאָך אַ גרייטער באָמבע. געמיינט האָט ער, משמעות, אַז, קומענדיק צולויפן צוריק וועט ער שוין געפינען די גאַס אַ ליידיקע. אָבער דאָס איז געווען אַ פאַלשער חשבון. ער האָט שוין אָנגעטראָפן אַ זייער געדיכטן עולם אויף ביידע זייטן סוראַזער גאַס, אינמיטן גאַס זיינען געשטאַנען די סאָלדאַטן, פּנים אל פּנים מיטן המון. פּלוצלינג האָט אַ דונער געטאָן די געבראַכטע באָמבע, וואָס איז מסתמא אַרויסגעפאַלן פון די הענט ביים צעטומלטן טעראָריסט. פון דעם אויפרייס זיינען פאַרוואונדעט געוואָרן אַן אָפיציר, פיר סאָלדאַטן און אויך דער באָמבע־וואַרפער. צווישן די גאַנץ אומשולדיקע קרבנות איז געווען די באַוואוסטע בונדיסטקע אסתר ריסקינד און אירע אַ פּאַרטיי־חברטע, ג. זאַקהיים. זיי ביידע זיינען געהרגט געוואָרן אויפן אָרט.

אַ פּאַניק האָט אַרומגעכאַפּט די סאָלדאַטן. אייניקע פון זיי זיינען געפאַלן פון שרעק, אַנדערע האָבן פון זיך אַ וואָרף געטאָן די ביקסן און אָנגעהויבן לויפן וואו די אויגן טראָגן. מיטן דאָזיקן מאָמענט האָבן זיך באַנוצט די אַנאַרכיסטן און אַוועקגעטראָגן אויף די באַרקעס דעם שווער־פאַרוואונדעטן חבר וואָס האָט, צום אומגליק, פאַראורזאַכט דעם אויפרייס.

מיט אַ האַלבער שעה שפּעטער, אַרום 2 בייטאָג, האָט זיך שוין אָנגעהויבן אַ שיסעריי אויף די גאַסן. ס׳האָט זיך אָנגעהויבן די מאַסן־הריגה פון שבת־נחמו, וואָס האָט אויפגערודערט די גאַנצע לאַנד. פון 2 בייטאָג ביז 9 אין אָוונט האָט מען געשאָסן אויף מענטשן אין די גאַסן און אפילו אין די פענסטער פון וואוינהייזער. ס׳זיינען געפאַלן אַרום 40 טויטע און אַ סך מער פאַרוואונדעטע.

זונטיק, דעם 31סטן יולי, האָט אויסגעבראָכן אין שטאָט און אין די אַרומיקע שטעטלעך אַן אַלגעמיינער פּראָטעסט־סטרייק, וועלכער האָט אָנגעהאַלטן ביז איבער דער לויה — מאָנטיק, דעם 1טן אויגוסט, 1905. די לויה איז געווען אַ פילטויזנטקעפּיקע דעמאָנסטראַציע מיט פיל קרענץ, געזאַנג פון רעוואָלוציאָנערע לידער א. אז. וו. ווייטערדיקע צוזאַמענשטויסן מיט דער „מאַכט" זיינען פאַרמידן געוואָרן. אגב, האָט די פּאָליציי געסטראַשעט מיט גאָר האַרבע

רעפּרעסיעס (צעשטערן אַ האַלבע שטאָט, ווי סוראַזער גאַס א. ד. גל. מיט אַ באָמבאַרדירונג פון אַרטילערישע קאַנאָנען). דאָך איז די יידישע כלל־טוער געלונגען צו פועלן ביי דער העכסטער „נאַטשאַלסטווא“, אַז אין טאָג פון דער לויה זאָל מען קיין מיליטער אויף די גאַסן נישט זען.

אויפן בית־עלמין האָבן פאַרטיי־רעדנער געהאַלטן פּראָגראַם־רעדעס — איבער „אויטאָנאָמיע“, „טעריטאָריאַליזם“ א. ד. גל. בלויז דאָ און דאָרט האָבן אַרויסגעשאַלט שטימען, וואָס האָבן גערופן צו נקמה און צום וויטערדיקן קאַמף קעגן דעספּאָטיזם און עקספּלואַטאַציע. אַזוי איז אַריבער אַן אַ טיפערער צע־טרייסלונג פון די געמיטער ביים ברייטן עולם די גענעראַל־רעפּעטיציע פאַרן היסטאָרישן ביאַליסטאָקער פּאָגראָם פון יאָר 1906.

5. רעוואָלוציאָנער־עקאָנאָמישער טעראָריזם

קורץ נאָך דער לויה פון די קרבנות פון שבת־נחמו (30סטער יולי) האָט ווידער אָנגעהויבן צו פונקציאָנירן די „בירזשע“ אויף סוראַזער גאַס, און עס האָט אויפסניי אָנגעהויבן צו פונקציאָנירן דער גאַנצער מעכאַניזם פון דער גענייטער אַנאַרכיסטישער גרופּע. מ׳האָט פאַרשפּרייט „ליטעראַטור“, וואָס איז געדרוקט געוואָרן אויפן אָרט און ס׳איז פאַרן דאָזיקן צוועק, אַראָפּגעקומען קיין ביאַליסטאָק פון ריגע דער באַוואוסטער אַנאַרכיסט באָריס ענגלסאָן. מ׳האָט דורכגעפירט מאַסן־פאַרזאַמלונגען און מ׳האָט אָרגאַניזירט קליינע און גרויסע סטרייקס.

דער ערשטער פאַרביטערטער סכסוך מיט דער גרויסער אינדוסטריע איז געקומען אין דער צווייטער העלפט פון אויגוסט, בעת אַ סטרייק אין דער אייזן־גיסעריי און שטאַל־פאַבריק פון וועטשאָרעק. פון סטרייק איז געוואָרן אַ לאָקאַוט און וועטשאָרעק האָט געסטראַשעט אָפּצושטעלן די פּראָדוקציע אינ־גאַנצן, אויב די אַרבעטער וועלן אים נישט אַרויסגעבן קיין שריפטלעכע פאַר־פליכטונג ניט צו פירן קיין סטרייקס דורך אַ גאַנצן יאָר צייט. 180 פון די קרוב 800 אַרבעטער אויף וועטשאָרעקס זאַוואָד האָבן זיך אָפּגעזאָגט צו אונטער־שרייבן אַזאַ פּאַפּיר און די פירמע האָט זיי אָפּגעזאָגט פון דער אַרבעט. גלייך נאָך דעם האָט אַ מיליטערישער פּאַטרול אַרומגערינגלט ניט נאָר דעם פאַבריק־הויף נאָר אויך דאָס הויז, וואו די פאַמיליע פון פאַבריקאַנט האָט געלעבט. דאָך האָבן דעם 26סטן אויגוסט אין אָוונט צוויי פּוילישע אַנאַרכיסטן, אַנטעק (אַנטאָן ניזשבאָרסקי) און מיטקא (יאַן גאַינסקי), זיך דורכגעכאַפּט דורך דער שמירה און אַריינגעוואָרפן אַ באָמבע דורך אַ פענסטער אין וועטשאָרעקס דירה. דעם באַלעבאָס טאָכטער איז פאַרוואונדעט געוואָרן.

נאָך אָט־דעם אַקט האָבן די באַלעבאַטים אין ביאַליסטאָק שוין מער ניט געוואַגט צו פאָדערן פון ביאַליסטאָק אַזאַ שענדלעכע התחייבות, ווי דאָס אָפּזאָגן זיך פון סטרייק־פרייהייט. אָבער די קאַפּיטאַליסטן האָבן, אַזוי צו זאָגן, פון דעם מאָמענט אַן רעזיגנירט, און די דעה איבער די אינדוסטריעלע באַציאונגען, דיספּוטן און סטרייקס איבערגעגעבן דעם מיליטער. אין אַ וואָך נאָך דעם באָמבע־אויפרייס ביי וועטשאָרעקן האָט מען איינגעפירט אין ביאַליסטאָק דעם „קריגס־צושטאַנד“ (וואָיענאָיע פּאָלאָזשעניע) און דער גענעראַל־לויטענאַנט

באַגאַיעווסקי, הויפּט־קאָמאַנדיר פון גאַנצן ביאַליסטאָקער גאַרניזאָן איז דער־הויבן געוואָרן פּראָוויזאָריש צום ראַנג פון „גענעראַל־גובערנאַטאָר", כדי אויס־צוראָטן מיטן וואָרצל די ביאַליסטאָקער „קראָמאָלע". שרעקלעכע רעפּרעסיעס האָבן זיך גענומען שיטן אויף די רעוואָלוציאָנערע פּאַרטייען בכלל און אויף די אַנאַרכיסטן בפרט. מ'האָט אַנטדעקט און פאַרכאַפּט די אַנאַרכיסטישע דרוקעריי און צוזאַמען מיט איר דעם באַוואוסטן אַנאַרכיסטישן פירער ענגעלסאָן פון ריגע. די אַנאַרכיסטישע גרופּע האָט ווידער פאַרכאַפּט פרישע 18 פּוד שריפט, און די אַרבעט פון דער גרופּע האָט זיך פאַרט ניט אָפּגעשטעלט.

דורכן ווינטער 1905 און פרילינג 1906 האָט כסדר געדויערט די טעראָ־ריסטישע אַרבעט אויפן פּאָליטישן און עקאָנאָמישן געביט. אין יאַנואַר 1906 איז אויף סוראַזער גאַס דערשאָסן געוואָרן אויף טויט דער עלטסטער גאָראָדאָ־וואָי מאַניושקאָ, וועלכער פלעגט אין „אוטשאַסטאָק" (ביוראָ פון פּאָליציי־באַ־צירק) געבן מוראַדיקע קלעפּ די פּאָליטישע אַרעסטאַנטן. מיט איין וואָך שפּע־טער האָט מען אויף נאָוואָליפּיע שווער פאַרוואונדעט דעם אייגנטימער פון שניידער־וואַרשטאַט ליפשיץ, וועלכער האָט געמסרט צו דער פּאָליציי די סטרייק־פירער, וואָס האָבן געזוכט אַראָפּצונעמען זיינע אַרבעטער אויף אַ סטרייק. אין מערץ 1906 האָט אהרן יעלין צוזאַמען מיט אַ חבר פאַרוואונדעט אַ פּריסטאַוו און געהרגעט זיין געהילף, וואָס האָבן געהאַט אויף זייער געוויסן אַ צאָל מאָרדן פון 30סטן יולי, 1905. אין יענער צייט האָט מען אויך פאַרכאַפּט פאַר דער געהיימער דרוקעריי 10 פּוד שריפט אין פּרושאַנסקיס דרוקעריי.

עס זיינען אָבער שוין געווען גאָר גרויסע דורכפאַלן אין יענער צייט אויך. מען האָט, למשל, דעם 16טן מערץ 1906 אַרעסטירט אין ביאַליסטאָק אַ גרופּע אַנאַרכיסטן, און מ'האָט צוגענומען ביי זיי אַ סך באָמבעס, געווער און ליטעראַ־טור. דער געריכטס־פּראָצעס איז פאָרגעקומען אין סלאָנים דעם 29טן נאָוועמ־בער 1906. מ'האָט באַשולדיקט דריי אַרבעטער: מיכל קאַפּלאַנסקי (בעקער), אברהם ריווקין (פּריקאַזטשיק) און הירש זילבער (שניידער). מ'האָט זיי צוערשט געהאַלטן אין ביאַליסטאָקער פּאָליציי־אַרעסטהויז, אָבער אַלע דריי האָבן קיין־שום דערקלערונגען ניט געוואָלט אָפּגעבן. אויף דער פראַגע פון זשאַנדאַרמסקן פּאָלקאָווניק גריבאָיעדאָוו (וועלכן די מאַקסימאַליסטן ס. ר. האָבן שפּעטער געהרגעט אין גראָדנע) האָט דער אַנאַרכיסט זילבער געענט־פערט: „איר פרעגט מיך פאַר וועמען כ'האָב צוגעגרייט באָמבעס? — טאָ זאָג איך אייך, אַז מיר באַשטימען ניט אויף פריער וואו צו וואַרפן אָט־די באָמבעס, נאָר אויב עס פאַלט צו אונדז אין די הענט אַריין אַזאַ טיראַן ווי איר, הרגענען מיר אים. אייער גליק איז וואָס די באָמבעס זיינען איצט אין אייערע הענט"[7].

---

[7]) וועגן אָט דעם און אַ צווייטן סלאָנימער פּראָצעס איז פיל געשריבן געוואָרן אין דער אַנאַרכיסטישער פּרעסע, ספּעציעל וועגן העלדישן אַנטלויפן אויפן וועג פון סלאָנים קיין גראָדנע פון עטלעכע פאַראורטיילטע אַנאַרכיסטן. ביים צווייטן פּראָצעס אין סלאָנים איז געמשפּט געוואָרן בנימין פרידמאַן — פאַר וואַרפן אַ באָמבע אין אַ בית מדרש אין קרינעק, בעת אַ מיטינג פון באַלעבאַטים און דער פּאָליציי. זען „בורעוועסטניק" נומ. 9; איבערזעצט אין „רוסישן אַלמאַנאַך" זז. 166—167.

גלייך נאָך אָט־דעם אויספרעגן פון די דריי אַנאַרכיסטן אין דער ביאַליסטאָקער זשאַנדאַרמען־ביוראָ, האָט אַהין געוואָרפן אַ באָמבע דער מוטיקער אהרן יעלין און דערזעלביקער חבר זיינער, וואָס האָט מיט אַ פּאָר טעג פריער געמאַכט אַן אַטענטאַט אויפן פּריסטאַוו און זיין געהילף. פון דעם אויפרייס אין דעם זשאַנדאַרמען־אָפּיס איז איין זשאַנדאַרם דערהרגעט געוואָרן און אַ צווייטער פאַרוואונדעט און עס זיינען פאַרברענט געוואָרן אויף אַש אַלע אַקטן.

אין אַפּריל 1906 האָט זיך אָפּגעשפּילט אַ רעוואָלוציאָנער עקאָנאָמישער אַקט, וואָס האָט ניט נאָר אויפגערודערט ביאַליסטאָק, נאָר איז, מחמת געוויסע פּרינציפּיעלע פראַגן, בשעתו באַהאַנדלט געוואָרן גאַנץ ברייט און דער רעוואָלוציאָנערער פּרעסע. אין שטאָט האָט דעמאָלט אויסגעבראָכן אַ שוסטער־סטרייק. אייגנטלעך האָט זיך דערביי געהאַנדלט וועגן אַרבעטסלאָזיקייט, ווען אַ גרויסער שוך־פאַבריקאַנט און קרעמער קלעצקי האָט פיל אימפּאָרטירט פון וואַרשע און האָט, במילא, אַוועקגענומען די פּרנסה פון די אָרטיקע, די ביאַליסטאָקער שוך־אַרבעטער. האָבן די אַרבעטער געפאָדערט, אַז ער זאָל מער ניט ברענגען קיין סחורה פון אַן אַנדער שטאָט (די פּרינציפּיעלע זייט פון ענין איז באַשטאַנען אין דעם, צי מען רואינירט נישט די אַרבעטער פון אַ צווייטער שטאָט, אויב מ׳באַשטייט, אַז נאָר די אַרבעטער אין ביאַליסטאָק גופא זאָלן טאָן די גאַנצע אַרבעט פאַר דער קראָם). די אַנאַרכיסטישע גרופּע האָט לכתחילה זיך געהאַלטן אָן אַ זייט, געווען היפּש קאָלט צו דער „אומסאָלידאַריטעט״־פאָדערונג פון די ביאַליסטאָקער שוסטערס, אַז פון וואַרשע זאָל מען קיין סחורה קיין ביאַליסטאָק נישט טאָרן ברענגען פאַר קיין שום שוך־געשעפט דאָ אין שטאָט. נאָר פּלוצלינג האָט אַ גרויסער קרעמער אויף וואַשילקאָווער גאַס אָפּן געסטראַשעט זיינע אַרבעטער (אין די שוך־וואַרשטאַטן), אַז ער וועט קעגן זיי שטעלן מיליטער (צו באַשיצן מסתמא די סטרייקברעכער).

אויף אַזאַ וועג האָט — לויט דער מיינונג פון דער אַנאַרכיסטישער גרופּע — דער סכסוך שוין אָנגענומען אַ גרויסע געזעלשאַפטלעכע באַדייטונג: קאַפּיטאַל מאַכט יד־אחת מיטן שטאַטלעכן מיליטאַריזם קעגן די בלוטיקע אַרבעטער־אינטערעסן. אויפן צווייטן טאָג נאָך קלעצקיס סטראַשונקעס האָט מען אין זיין גרויסער קראָם אויף ניקאָלאַיעווער גאַס אַריינגעוואָרפן אַ באָמבע. מ׳האָט אין אַ פּראָקלאַמאַציע אויף רוסיש גלייך אויף מאָרגן דערקלערט פאַר דער עפנטלעכקייט די מאָטיוון פון דעם אַטענטאַט.

אָבער אין יענער צייט (פרילינג 1906), אין קעגנזאַץ צו דער לאַגע אין ערשטן פּעריאָד (פון 1903 ביז האַלב 1905), האָט זיך שוין אַ תהום אָנגעהויבן צו באַווייזן צווישן דער אַנאַרכיסטישער גרופּע און דער אַרבעטער־מאַסע. אַנדערע פּאַרטייען, מיט פּאָליטישע פּראָגראַמען און ווייניקער שאַרפער באַטאָנונג פון דעם עקאָנאָמיש־רעוואָלוציאָנערן מאָטיוו פון קלאַסן־קאַמף, האָבן אינצווישן געוואונען אַ טיפערן איינפלוס איבער די אַרבעטער ווי אין די סאַמע ערשטע יאָרן פון דער רעוואָלוציע (1902—1905). אַן אינערלעכער צעפאַל־פּראָצעס האָט אויך דורכגענומען די אַנאַרכיסטישע רייען גופא, און ביסלעכווייז האָט דער באָדן זיך גענומען אויסגליטשן פון אונטער זייערע פיס.

6. אינערלעכע שפּאַלטונגען אין דער באַוועגונג

עס זיינען געווען אין צאַרישן רוסלאַנד פיל גרעסערע פּאָליטישע און אינ־דוסטריעלע צענטערן ווי ביאַליסטאָק. דאָך האָט די אַנאַרכיסטישע גרופּע אין קיינעם פון יענע גרעסערע צענטערס ניט געשפּילט אַזאַ ראָלע אין דער רעוואָ־לוציאָנערער באַוועגונג פון דער באַטרעפנדיקער שטאָט ווי אין ביאַליסטאָק. דאָס דערקלערט זיך מיט אַ ריי אָביעקטיווע סיבות און אומשטענדן, ווי די קעמפערישע אַרבעטער־טראַדיציע, מיט סטיכיש־רעוואָלוציאָנערע (טעראָריס־טישע) עלעמענטן, פון איין זייט; און — פון דער צווייטער זייט — מיטן פאַקט, אַז אין אַנדערע שטעט האָט דער אַנאַרכיזם זיך באַוויזן אויף דער סצענע ווען אַנדערע פּאָליטישע באַוועגונגען און פּאַרטייען זיינען שוין געווען אין פולן גלאַנץ פון זייערע רעוואָלוציאָנערע מעשים און אידעאָלאָגיעס, בעת אין ביאַ־ליסטאָק האָט דווקא דער אַנאַרכיזם פאַרלאָפן דעם וועג, אַזוי צו זאָגן, די אַלגעמיין־פּאָליטישע פּאַרטייען בכלל און אַל־רוסלענדישע (ווי די סאָציאַ־ליסטן־רעוואָלוציאָנערן און סאָציאַל־דעמאָקראַטן) אַרבעטער־פּאַרטייען בפרט.

זייענדיק די ערשטע באַוועגונג, אין אַ באַשטימטער מאָס, אַרויפצוגיין אויף דער רעוואָלוציאָנערער אַרענע, איז אָבער די אַנאַרכיסטישע ריכטונג — אפשר אין אַ נאַטירלעכן סדר — אויך געווען די ערשטע לאַנגזאַם אַראָפּצוגיין און צו פאַרלאָזן דעם קאַמפּס־פעלד. דאָס האָט זיך שוין אָנגעהויבן צו באַווייזן אין דער צווייטער העלפט פון רעוואָלוציאָנערן יאָר 1905, דערהויפּט בעת און נאָך די אָקטאָבער־דעמאָנסטראַציעס, ווען דער לאָזונג „פּאָליטישע פרייהייט", „קאַמף פאַר דעמאָקראַטיע" און „נידער מיט דער אויטאָקראַטיע" (סאַמאָדער־זשאַוויע"), האָבן אויסגעאיבט אַ כישוף־ווירקונג אויף די ברייטע אַרבעטער און פאָלקס־מאַסן, און דעם אידעאַל פון אינטענסיוון, פאַרשאַרפטן קלאַסן־קאַמף, ווי דער רעוואָלוציאָנערער אַנאַרכיזם־קאָמוניזם אין רוסלאַנד האָט עס געפּרעדיקט, איז היפּש פאַרטונקלט געוואָרן אין באַוואוסטזיין פון די מאַסן.

אַלס קעגן־דער־שיינונג אין די אַנאַרכיסטישע רייען אינעם הויפּט־צענטער פון אָט־דער באַוועגונג — אין ביאַליסטאָק, — האָט זיך אָנגעהויבן באַווייזן אַ שפּאַלטונג־טענדענץ. אַ טייל פון די אָנגעקומענע פון אויסלאַנד חברים זיינען געווען חסידים פון דער „דעמאָקראַטישער פעדעראַציע" אידייע פון פּעטער קראָפּאָטקין, און געהאָפּט אפילו אויף לעגאַלע אַרבעט־מעגלעכקייטן אין אַ קאָנסטיטוציאָנעל־דעמאָקראַטישער רוסלאַנד נאָך דעם טרויעריק־באַרימטן „מאַניפעסט" (17 אָקטאָבער, 1905). סוף 1905 האָט אין ביאַליסטאָק פון דער אַנאַרכיסטישער הויפּט־גרופּע זיך אָפּגעטיילט אַ קליינע גרופּקע „אַנאַרכיע". זי האָט איבערגעדרוקט טיילן פון קראָפּאָטקינס בוך „ברויט און פרייהייט", אָבער קיין אריכת־ימים האָט די גרופּקע ניט געהאַט און קיין טיפע שפּורן נאָך זיך ניט געלאָזן.

די מערהייט פון דער גרופּע איז געווען גענייגט צו מער רעוואָלוציאָנערע, אַקטיווע און דירעקטע מעטאָדן, און איר טעאָרעטישע באַגרינדונג האָט זי געזוכט אין דער אַזוי־גערופענער טעאָריע פון דער „שוואַרצער פאָן"־באַוועגונג (טשערנאָזנאַמענסטוואָ). איינער פון אירע הויפּט־טעאָרעטיקער איז געווען אַ

ניט־ביאַליסטאָקער, יודא גראָסמאַן, וועלכער האָט זיך אָבער פאַר אַ צייט לאַנג באַזעצט דעמאָלט אין ביאַליסטאָק. גלייך נאָך דער שפּאַלטונג איז פאָרגענומען געוואָרן אַ רעאָרגאַניזאַציע פון דער גרופּע. אַלע קרייזלעך, פון וועלכע די גרופּע איז באַשטאַנען, זיינען איבערגרופּירט געוואָרן לויט פאַכן און ס׳זיינען געשאַפן געוואָרן פאַך־פעדעראַציעס, ווי גאַרבערס, וועבערס, סטאָליאַרעס און שוסטערס. געגלויבט האָט מען, אַז די פיר פעדעראַציעס, שטייענדיק אין אַ לעבעדיקן קאָנטאַקט מיט זייער פאַך, וועלן נעמען אויף זיך אַליין די איניציאַטיוו פון סטרייקס און אַנדערע קאַמף־אַרויסטרעטונגען. אַ סך מיטגלידער פון דער גרופּע האָבן געגלויבט, אַז דורך דער אַרבעט פון אָט־די „פעדעראַציעס", וועט ענדלעך ליקווידירט ווערן די פּאַסיווע האַלטונג פון די מאַסן.

אָבער אין אַזאַ שטאָט ווי ביאַליסטאָק, וואו כמעט אַלע אָנטיילנעמער פון די רעוואָלוציאָנערע אָרגאַניזאַציעס קענען זיך גוט, האָט אינגיכן קיין שום שפּור פון אָט־די פעדעראַציעס, חוץ די נעמען, נישט געקענט בלייבן... ווי פריער, האָט די מאַסע געוויזן גאַנץ שוואַכע סימנים פון קעמפעריש־רעוואָלוציאָנערער איניציאַטיוו. און, פּונקט ווי פאַר די נייע „פעדעראַציעס", האָט אָנשטאָט דער פּאַסיוו־פאַרבליבענער מאַסע געקאָכט און געבראַוזט די אַנאַרכיסטישע גרופּע, בעת „דאָס רעוואָלוציאָנערע פאָלק" האָט ווייטער געגלאַנצט מיט זיין אָפּוועזנקייט...

פון ווינטער 1905 אָן האָט די גייסטיקע פירערשאַפט פון דער ביאַליסטאָקער אַנאַרכיסטישער גרופּע אַריינגעפאַלן אין די הענט פון די „טשערנאָזנאַמענצעס".

פּונקט ווי די פריער־פאָרגעקומענע (זינט 1903) שפּאַלטונג אין דער רוסלענדישער סאָציאַל־דעמאָקראַטיע אויף באָלשעוויקעס און מענשעוויקעס, איז אויך דער ריס צווישן די דעמאָקראַטישע פעדעראַליסטן־אַנאַרכיסטן און די „טשערנאָזנאַמענצעס" געוועזן דערהויפּט אַ פאַנאַנדערטיילונג לויט דעם באַזונדערן קוק אויף דער פראַגע פון „רעוואָלוציאָנערער דעמאָקראַטיע".

עטלעכע יאָר נאָך דער באָלשעוויסטישער רעוואָלוציע איז יודא גראָסמאַן אַריבערגעגאַנגען צו די קאָמוניסטן, און קורץ נאָך דעם אָנגעשריבן אַן אינטערעסאַנטן אַרטיקל איבערן ביאַליסטאָקער אַנאַרכיזם[8]. אין אָט־דעם אַרטיקל באַטאָנט ער:

„מיר זעען, אַז דער קאַמף מיט דער דעמאָקראַטיע האָט זיך פון די „טשערנאָזנאַמענצעס" געפירט ניט לויטן רעצעפּט פון אַלטן קראָפּאָטקינשן אַנאַרכיזם, נאָר אין אַ לעבעדיקן קאַמף מיטן סאָציאַל־דעמאָקראַטיזם און מיטן קראָפּאָטקיניזם, אין וועלכן מיר האָבן אויפגעדעקט דעם קליינבירגערלעכן אוטאָפּיזם" (זייטן 178—179).

טאַקטיש איז דידאַזיקע טעאָריע פון ביאַליסטאָקער אַנאַרכיזם (אין זיין

[8]) אין סאָוועטישן געשיכטלעך־עוואָלוציאָנערן זשורנאַל „בילאָיע" — נומ. 27—28, 1924. דער אַרטיקל טראָגט דאָס קעפּל: „דומי אָ בילאָם" (געדאַנקען וועגן דעם פאַרגאַנגענעם מיט אַן אונטערקעפּל: צו דער געשיכטע פון דער ביאַליסטאָקער אַנאַרכיסטישער „טשערנאָזנאַמענסקער" באַוועגונג.

צווייטן פעריאָד, ד. ה. נאָך יולי—אויגוסט 1905) אויסגעדריקט געוואָרן אין אַזוי גערופענעם „מאָטיוולאָזן טעראָר" (בעזמאָטיווני טעראָר). דער טעראָר פון אַזאַ מין איז ניט געווען קיין רעוואָלוציאָנער־עקאָנאָמישע אַקציע קעגן די אָדער יענע דירעקט־שולדיקע אָדער מיטשולדיקע פאַר רשעותדיקע עובדות (מסירות א. ד. גל.) קעגן אַרבעטער־קלאַס, נאָר אַקציעס פון אַנשרעקן, באַשטראָפן אָדער פאַרטרייבן די בורזשואַזיע אַלס קלאַס, ניט לייגנדיק קיין באַזונדער אַכט אויף יחידישע איבערפאַלן אויפן קלאַסן־שונא, דעם בורזשוי. אַזאַ מאָטיוולאָזער טעראָר, האָבן געהאַלטן זיינע טעאָרעטיקער, וואָלט מער פון אַלע פראָפּאַגאַנדע־ווערטער אויפגעוועקט, דערמוטיקט, ענערגיזירט דעם האָרעפּאַשנעם פאָלק, די מאַסן, און זיי געפירט צו דער סאָציאַלער רעוואָלוציע. אין גייסט פון אַזאַ שיטה איז דורכגעפירט געוואָרן, אין נאָוועמבער 1905, דער גרויסער באָמבע־אויפרייס אין האָטעל־רעסטאָראַן „בריסטאָל" אין וואַרשע, און דער שרעקלעכער אויפרייס פון 5 באָמבעס אין ליבמאַן־קאַפע אין אָדעס. ניט איין טעראָריסטישער אַקט (ווי אַ שטייגער דער מאָרד איבערן פאַבריקאַנט ישראל מאַריין, סוף זומער 1905), איז אפשר געווען דער פועל־יוצא פון דער פאַרפירעריש־שעדלעכער טעאָריע פון געוואַלט־גלאָריפיצירונג דורך אַזאַ „מאָטיוולאָזן טעראָר".

אַ צווייטע עקסטרעם־רעוואָלוציאָנערע שיטה, וואָס האָט זיך פריער ווי אומעטום (אין רוסלאַנד) אויסגעפיקט אין דער ביאַליסטאָקער אַנאַרכיסטישער גרופּע איז געווען די „קאָמונאַרן־גרופּקע". איר טעאָרעטיקער איז געווען דער יונגער ביאַליסטאָקער פעאיקער רעדנער און אַגיטאַטאָר סטריגאַ. גלייך נאָך דער לאָדזשער בלוט־באָד, אין יוני 1905, האָט ער זיך אַרומגעטראָגן מיט אַ פּלאַן פון שאַפן אין ביאַליסטאָק אַ „צווייטע פּאַריזער קאָמונע". דאָס האָט געמיינט, פאַרכאַפּן די גאַנצע שטאָט און די דאָרפישע אומגעגנט, פאַרפירן שלאַכטן מיטן מיליטער, זיי פאַרטרייבן פון שטאָט א. ד. גל. (די רוסישע רעוואָלוציאָנערן האָבן אָן דערפאָלג דורכגעפירט אַזאַ אויפשטאַנד אין מאָסקווע, אין דעצעמבער 1905, און — מיטן באַקאַנטן היסטאָרישן נצחון אים פאַרווירקלעכט אין פּעטראָגראַד אין אָקטאָבער 1917). אָבער אין ביאַליסטאָק האָט אפילו קיין אָנהייב פון באַשאַפן זיך דעם מינימום געווער פאַר אַזאַ אונטערנעמונג נישט געקענט געמאַכט ווערן. דווקא אין ביאַליסטאָק, פון אַלע אַנאַרכיסטישע צענטרען אין רוסלאַנד, איז די גרופּע „קאָמונאַרן" געווען זייער שטאַרק (אין פאַרגלייך צו אַנדערע ריכטונגען אין דער באַוועגונג). אָבער אירע פירער האָבן באַלד געמוזט פאַרשטיין, אַז ביאַליסטאָק איז אַ צו קליינע און אַ צו זייטיקאָפּגעלעגענע רוסלענדישע שטאָט, צו פאַרוואַנדלען איר אין אַ נייעם „פּאַריז" (אַלס אַ „קאָמונע" אויפן שטייגער פון פּאַריז אין יאָר 1871). אין די קאָמונאַרקרייזן פון גאַנץ רוסלאַנד איז פאַר אַזאַ ראָלע אָנגעצייכנט געוואָרן יעקאַטערינאָסלאַוו. אין דעצעמבער 1905 איז פאַרן דאָזיקן צוועק אָפּגעפאָרן קיין יעקאַטערינאָסלאַוו אַ היפּשע צאָל אַנאַרכיסטן. גלייך נאָך זייער אָנקום אַהין, האָט מען אַלעמען, חוץ סטריגאַן, אַרעסטירט. דאָס האָט די מוטיקע פאַרבליבענע חברים ניט אָפּגעשראָקן, און קורץ נאָכדעם, אין יאַנואַר 1906, איז פאַרגעקומען אַ צוזאַמענפאָר פון די גרופּעס „בעזמאָטיווניקעס" אין קישענעוו, מיטן אָנטייל

פון 21 אַנאַרכיסטן. צווישן זיי האָט מען געזען דעם „גאַלינקען״ (א. יעלין), סטריגא און מסתמא נאָך אַ פּאָר פון ביאַליסטאָק[9]).

ס'פאַרשטייט זיך, אַז די גאַנצע אַרבעט אויפן אַלרוסלענדישן מאַסשטאַב האָט אָפּגעצויגן פון ביאַליסטאָק ניט ווייניק אַרטיקע כוחות, אָבער די אַרבעט אין ביאַליסטאָק אין היסטאָריש־טראַגישן יאָר 1906 איז פונדעסטוועגן ניט אָפּ־געשטעלט געוואָרן. דאָ קען מען אָבער אָפּשליסן מיט אַזאַ פּאַראַדאָקסאַלן שלוס: הגם די אַנאַרכיסטיש־קאָמוניסטישע באַוועגונג האָט צום סוף 1905 שוין איבער־געוואָקסן די לערך ניט־גרויסע ביאַליסטאָק, אָבער פאַר אַ שטיק צייט, טאַקע אין 1905, איז ביאַליסטאָק געווען אַ מין גענעראַל־שטאַב פון דער אַנאַרכיסטי־שער באַוועגונג פון גאַנץ רוסלאַנד.

7. אַ יאָר פון לאַנגזאַמער ירידה און פון גערעכטער נקמה

(1906: דער גרויסער פּאָגראָם און די ראָלע פון די אַנאַרכיסטן)

דער פריער דערמאָנטער באָמבע־אויפרייס אין קלעצקיס געשעפט אין אַפּריל 1906, האָט געשפּילט די ראָלע פון אַ ווענד־פּונקט אין דער ביאַליסטאָ־קער אַנאַרכיסטישער באַוועגונג. מיר האָבן געזען, ווי אַפּאַטיש־קאַלט ס'איז געבליבן די ברייטע אַרבעטער־מאַסע צו אַ לערך קליינער גרופּע, וואָס האָט זיך פאַרמאָסטן צו זיין דער עקאָנאָמיש־רעוואָלוציאָנערער אַוואַנגאַרד. ביי אַזאַ לאַגע האָט געמוזט קומען אַ קראַך פון דער גאַנצער באַוועגונג פון די אַנאַרכיסטן־קאָמוניסטן.

דער קראַך איז געקומען מיטן גרויסן סטרייק פון די „ניטאַרקעס״ און „ניטיאַרעס״ „פּאַדעם־פּאַנגערס״ אין די שפּינערייען, אין פרילינג 1906, אונטער דער פירערשאַפט פון דער אַנאַרכיסטישער גרופּע, וואו פּאָליאַקן זיינען שוין געווען היפּש באַטייליקט. ניט מער ווי 300 אַרבעטער האָבן פאַרסטרייקט, אָבער, מחמת זייער „סטראַטעגישער״ ראָלע אין דער שפּינעריי־אינדוסטריע, האָט דער סטרייק פון „ניטיאַרעס״ פּאַראַליזירט די אַרבעט פון שיינע עטלעכע טויזנט הענט אין דעם הויפּט־צווייג פון דער ביאַליסטאָקער טעקסטיל־פּראָ־דוקציע — די שפּינערייען.

שוין פון אָנהויב אָן ד. ה. ביים אַראָפּנעמען די אַרבעטער פון דער אַרבעט איז פאָרגעקומען אַ בלוטיקער צוזאַמענשטויס מיט דער פּאָליציי. דערביי איז פאַרוואונדעט געוואָרן דער אַנאַרכיסט יצחק הייליקמאַן (הינגעריכטעט אין וואַרשע אין 1907). די פאַבריקאַנטן האָבן באַשלאָסן דעם־אַ מאָל אָנצווענדן ענערגישע מיטלען און בשום אופן ניט נאָכגעבן. די אַנאַרכיסטן האָבן דאָן רעאַגירט מיט אַן עקשנותדיקער אומרחמנותדיקער קעגן־אַקציע. אין די ערשטע דריי טעג פון סטרייק, אין אַפּריל 1906, זיינען אין דירות אַריינגעוואָרפן געוואָרן באָמבעס: ביי לייזער הענדלערן, ביי ריכטערן, פריידקינען און ביים דירעקטאָר פון קאָמיכוים פאַבריק. דריי פון די פיר באָמבעס האָט געוואָרפן יוזעף מוס־

[9]) „רוסישער אַלמאַנאַך״, זז. 23—24.

לינסקי, וועמען מ׳האָט היגגעריכטעט אין וואַרשע אין 1906. די מערסטע פּאַב־ריקאַנטן האָבן גלייך נאָך די אַטענטאַטן פאַרלאָזן די שטאָט, אַ סך פון זיי — אָפּגעפאָרן קיין אויסלאַנד. אָבער פון אויספאָלגן די עקאָנאָמישע פאָדערונגען פון די סטרייקערס האָבן זיי ניט געוואָלט הערן.

די ברייטע אַרבעטער־מאַסן האָבן, נאָך מער ווי ביים קלעצקי־אויפרייס, ניט געוואָלט אָדער געקענט נאָכקומען די דערוואַרטונגען פון די עקסטרעמע אַנאַרכיסטן, נעמלעך: די אַרבעטער אַליין זאָלן פאַרכאַפּן די פאַרשלאָסענע פאַבריקן און זיי באַטרייבן אָן די באַלעבאַטים. די פאַרצווייפלונג פון די אַנאַר־כיסטישע פירער האָט דערגרייכט די העכסטע שטופע, און זייער זודיקער כעס און דרייסט — דעם קאָך־פונקט. די עקסטרעמיסטן אין דער גרופּע האָבן פאָרגעשלאָגן אַ קאַמף, „אויף לעבן און טויט" קעגן דער גאַנצער בורזשואַזיע פון שטאָט. איינער איז אַרויסגעקומען מיט אַ פּלאַן אויפצורייסן גאַנץ נאָוואָ־ליפּע דורך אַ ריי „העלישע מאַשינען", וואָס מ׳זאָל אויסשטעלן לענג־אויס דער גרויסער און רייכער גאַס. בלויז אַדאַנק דער אַריינמישונג פון אַ וויכטיקן „טשערנאָזנאַמענץ" און רעדאַקטאָר פון זשורנאַל „בונטאַר" (מסתמא איז עס געווען יודא גראָסמאַן) האָט מען אָפּגעהאַלטן די גרופּע פון דורכפירן אַזאַ משוגענעם פּלאַן[10].

דער גרויסער טעקסטיל סטרייק איז דורכגעפאַלן, און דאָס האָט שטאַרק אַנטמוטיקט די אַנאַרכיסטן. זייער שטימונג איז אַביסל אויפגעהויבן געוואָרן דורך סטרייקס אין עטלעכע קלענערע פאַכן, ווי שלאָסערס, שמידן, וואָגנמאַכער (שטעלמאַכערס) א. אַז. וו. אָבער צו דער פריערדיקער קאָכיקער טעטיקייט איז שוין די ענערגיע מער קיינמאָל ניט דערגאַנגען. דער ברויזיקער מוט און אימפּעט פון די „באָיעוויקעס" האָט געזוכט פאַר זיך אַן אויסגוס אין אַ כוואַליע פון נייע געוואַלט־אַקטן, צו וועלכע דער מאַסן־אָפּרוף, ד. ה. די רעוואָלוציאָנערע טאַט פון פאָלק, איז ניט געקומען. אַ צאָל פון גבורה־אַקטן און טעראָר־פאַלן וועלן מיר דאָ פאַרצייכענען.

דעם 9טן מאַי, 1906, איז אויפן אַלטן בית־עולם, וואו ס׳איז געווען דער זאַמלפונקט פון די אַנאַרכיסטן, ביי אַ העלדישער זעלבסט־פאַרטיידיקונג קעגן דער פּאָליציי, אומגעקומען דער האַלב־לעגענדאַרישער יונגער אַנאַרכיסט אהרן יעלין[11].

דעם 27טן מאַי האָבן אַנטעק (ניזשבאָרסקי) און אַלעק (טשערנעצקי) באַפאַלן אַ גרויסן פּאָליציי־פּאַטרול אַרום דעם זשאַנדאַרן־ביוראָ, און ס׳איז געהרגעט געוואָרן דער „עלטסטער גאָראָדאָוואָי" שיינמאַן.

סוף מאַי 1906 האָט אַ מחנה פון 50 שיכורע סאָלדאַטן זיך צעהוליעט אויפן מאַרק און געוואָלט אָנהייבן אַ פּאָגראָם. אַ גרופּע פון רעוואָלוציאָנערע

---

[10]) „רוסישער אַלמאַנאַך" ז. 25.

[11]) אַ גאַנץ אויספירלעכע בּיאָגראַפיע זיינע (מיט אַ בילד) איז אָפּגעדרוקט געוואָרן אין „רוס. אַלמאַנאַך", זז. 33—36. דאָס איז אַ קצור פון אַ בראָשור אין יידיש, וואָס איז אַרויסגעלאָזן געוואָרן פון אַ גרופּע אַנאַרכיסטן־קאָמוניסטן „בונטאַרעס".

אַרבעטער, צווישן זיי אַ צאָל אַנאַרכיסטן, האָט זיך אַ וואָרף געטאָן אויף די רוצחים און אין עטלעכע רגעס האָט מען זיי פאַרטריבן וואו דער פעפער וואַקסט.

דאָס איז, ווייזט אויס, געווען דער ניט־געלונגענער אָנהויב פון גרויסן ביאַליסטאָקער פּאָגראָם אין די ערשטע דריי טעג יוני, 1906, וואָס צוגעגרייט אים האָט מען אין די מיליטערישע קאַזאַרמעס מיט וואָכן פריער. אַ היסטאָרי־שער פאַקט איז, אַז אויף דער סוראַזער גאַס האָבן די פּאָגראָמשטשיקעס און די כוליגאַנעס־סאָלדאַטן זיך ניט געוואָגט אַרויפצוגיין, ווייל מ'האָט יענעם טייל שטאָט געהאַלטן פאַר דער „אַנאַרכיסטישער פעסטונג". די אַנאַרכיסטישע זעלבסטשוץ־מחנה וואָס האָט אָפּגעהיט די שול־הויף געגנט פון אַ שחיטה איז באַשטאַנען פון 12 מענטשן מיט „הייסע" געווער (באָמבעס, רעוואָלווערן) און אַ פּאָר צענדליק אַרבעטער באַוואָפנטע מיט מעסערס, אייזערנע שטאַבעס און אַנדערע מינים „קאַלטע" געווער[12].

צווישן די פירער פון דער אַנאַרכיסטישער זעלבסטשוץ־גרופּע בעתן פּאָג־ראָם האָט זיך באַזונדערס אויסגעצייכנט משה שפינדלער, וואָס האָט געשטאַמט פון דער אונטערוועלט, אָבער נאָכן דורכנעמען זיך מיט רעוואָלוציאָנערע אידייען, האָט ער געוואָלט אָפּווישן ביזן לעצטן שפּור די פלעקן פון זיין פאַר־גאַנגנהייט און איז געוואָרן אַ העלדישער קעמפער פון דער ריינסטער פּראָבע[13].

עטלעכע וואָכן נאָכן פּאָגראָם האָט שפינדלער נקמה גענומען פון איינעם אַ שפּיאָן, עדואַר נעזשיק, וואָס איז געווען באַקאַנט מיט זיינע רציחות בעתן פּאָגראָם, און איז דערפאַר געפאַלן טויט פון שפינדלערס בראַונינג, בעת דער רוצח האָט געהאַלטן ביים אַרויפגיין אויף דער „קאָנקע" (פערד־טראַמוואַי), שפּעט ביינאַכט, נאָך אַ „גוליאַניע" אין פּאַרק „ראַסקאָש" אין וואַלד „זווערינעץ". מיט משה שפינדלערס אָנטייל אין יוני 1906 איז געוואָרפן געוואָרן אַ באָמבע אויפן שעף פון געהיים־פּאָליציי (אָכראַנקע) כאַדאַראָווסקי. אין סעפּטעמבער

---

[12]) אַט־די פּרטים גיט איבער דער „רוס. אַלמאַנאַך", ז. 26. ס'איז דאָ אין פּלאַץ זיך אָפּצושטעלן אויף אַ וויכטיקן עניין, וואָס האָט אַ שייכות צום גרויסן ביאַליסטאָקער פּאָגראָם. אין דער בונדיסטישער „פאָלקס־צייטונג" (ווילנע) און אין „דאָס לעבן" (פּעטערבורג) האָבן זיך באַוויזן, נאָכן פּאָגראָם, אַרטיקלען, אין וועלכע מ'האָט די ביאַליסטאָקער אַנאַרכיסטן באַשולדיקט אין אַרויסרופן דעם פּאָגראָם דורך דעם עקסטרעמען טעראָריזם און שאַרפן אַנטי־פּאָליציי־קאַמף. דערויף געפינט מען אַן ענטפער אין דעם אויסלענדישן אומלעגאַלן אַנאַרכיסטיש־ טשערנאַזנאַמענסקן זשורנאַל „באָרבאַ" (נומ. 1, דעצ. 1906). דאָרט לייענען מיר: „אַט איז דאָך געווען אַ פּאָגראָם אין קישענעוו — און דאָרט זיינען קיין אַנאַרכיסטן ניט געווען. ס'איז געווען אַ פּאָגראָם אין סעדלעץ — און דאָרט אַרבעטן די פּ. פּ. ס. אַ פּאָגראָם איז געווען אין האָמעל, און דאָרט אַרבעטן „בונד" און ס. ר.". אַזאַ פּאָלעמיק אין דער רעוואָלוציאָנערער פּרעסע איז אָנגעגאַנגען פאַר אַ לאַנגע צייט נאָכן פּאָגראָם.

[13]) אַ נעקראָלאָג וועגן משה שפינדלער, באַקאַנט אויך אַלס „משה גראָדנער" האָט אָנגעשריבן דער באַרימטער אַנאַרכיסט „באָריס" (ענגלסאָן), אָבער אַ פּאָר יאָר איז אַריבער ביז ער איז אָפּגעדרוקט געוואָרן אין „רוסישן אַלמאַנאַך" (זז. 162—163). דאָרט ווערט, אגב בעזאָגט, אַז די יידישע דרוקעריי „אָן הערשאַפט" (אין זשענעווע) האָט אָפּגעדרוקט אַ פּראָקלאַ־מאַציע נעקראָלאָג וועגן מ. שפינדלערן פאַר דער ביאַליסטאָקער אַנאַרכיסטישער גרופּע.

1906 האָט „גאָראָדאָוואָיטשיק" מיט נאָך אַן אַנאַרכיסט דערהרגעט דעם סעק־רעטאַר פון „אָכראַנקע".

דעם 13טן נאָוועמבער 1906 האָבן „גאָראָדאָוואָיטשיק" און שפּינדלער פאַרוואונדעט אַ שפּיאָן. ביים אַנטלויפן האָט מען געכאַפּט „גאָראָדאָוואָיטשיקן", וועלכער האָט דעם גאַנצן וועג צום פּאָליציי־צירקל געשריען: „עס לעבע די אַנאַרכיע" און איז דערפאַר מוראדיק געמזיקט געוואָרן. אים אויסצופרעגן איז גלייך אין פּאָליציי־קאַמער אַראָפּגעקומען גענעראַל־גובערנאַטאָר באַגאַיעווסקי, און געפרעגט יצחק בלעכערן (גאָראָדאָוואָיטשיק): ווי רופט מען דיך? — אַנאַרכיסט־קאָמוניסט, איז געווען דער ענטפער. — מיט וואָס פאַרנעמסטו זיך? פרעגט געג. באַגאַיעווסקי. — איך מאַך באָמבעס, איינע האָב איך די לעצטע וואָך פאַר דיר צוגעגרייט, נאָר ווייזט אויס וועלן שוין מיינע חברים מיט איר זיך באַנוצן און פאַרענדיקן מיין אַרבעט...

משה שפּינדלער האָט אין די ווערטער געזען זיין חברס הייליקע צוואה און האָט ניט אויפגעהערט צו קלערן וועגן אַן אַטענטאַט אויף גענעראַל־באַגאַ־יעווסקי, וועמען ער האָט געהאַלטן פאַרן הויפּט־שולדיקן אין ביאַליסטאָקער פּאָגראָם.

גאָראָדאָוואָיטשיקן האָט אַ פעלד־געריכט פאַרמשפּט צו דערשיסונג און דעם 15טן נאָוועמבער 1906 האָט מען די עקזעקוציע געדאַרפט אויספירן. ער האָט אין לעצטן מאָמענט געהאַלטן אַ רעדע פאַר די סאָלדאַטן, וואָס האָבן אָנ־געשטעלט די ביקסן אום אים צו דערשיסן, מוסרנדיק זיי פאַר דער שענדלעכער טאַט זייערער. געשאָסן אויף אים האָבן די סאָלדאַטן ערשט נאָך אַ צווייטער קאָמאַנדע.

אין חודש מאַי, ווען אַ רעדאַקטאָר פון „באַרבאַ" (מסתמא יודא גראָסמאַן) האָט ווידער באַזוכט ביאַליסטאָק, האָט ער שוין געפונען אַ האַלב־חרובע גרופּע. אַט לייענען מיר אין אַנהייב פון אַ נאָטיץ וועגן ביאַליסטאָק, אין דער אָפּטיילונג „פון דעם לעבן פון די גרופּעס" אין „באַרבאַ" (נומ. 1, דעצ. 1906), אַלס איינ־פירונג צו אַ לענגערער נאָטיץ:

„צופאַרנדיק צו ביאַליסטאָק, בין איך געווען שטאַרק פאַרזאָרגט וועגן דעם לעבן פון אונדזער אַמאָל אַזוי גלאָררייך־באַקאַנטער ביאַליסטאָקער גרופּע. נאָך אַזוינע פאַרלוסטן ווי געלינקער, יאַנקל (אפשר געמיינט יעקב קרעפּליאַק וואָס איז דעמאָלט אַוועקגענומען געוואָרן ביים מיליטער־דינסט — ה. פ.) זלאַטקע, רובקע, סטריגא א. אַנ. נאָכן געצוואונגענעם (דורך די רעפּרעסיעס) אַוועקפאָר פון אַ סך חברים, און אַן דער מאַטעריעלער הילף מצד אַנדערע גרופּעס, האָט מען געמוזט האָבן אַ זייער שטאַרקע, טיף פאַרוואָרצלטע אָרגאַני־זאַציע כדי אָנהאַלטן די ראָלע פון אַן אַרבעטער אַוואַנגאַרד. און די ביאַליסטאָ־קער גרופּע האָט עס פאַרט באַוויזן".

יודא גראָסמאַן האָט דעמאָלט געמוזט אָפּפאָרן פון ביאַליסטאָק קיין וואַרשע מכח אָרגאַניזירן אַן אַטענטאַט (צוזאַמען מיט די פּ. פּ. ס.) אויפן גענעראַל־גובערנאַטאָר סקאַלאָן. דאָס האָט געדאַרפט זיין אַ נקמה־אַקט פאַר די שרעק־לעכע פייניקונגען און יסורים פון אַ גרופּע וואַרשעווער אַנאַרכיסטן, וועלכע

מ׳האָט, נאָך אומגעהייערע טאָרטורן אומגעבראַכט און זייערע טויטע קערפּערס, אין ניט דערקענבאַרן צושטאַנד, אַריינגעוואָרפן אין די ווייסל[14].

די וואַרשעווער גרופּע האָט פאַררופן אַ קאָנפערענץ אין ביאַליסטאָק, אויף וועלכער ס׳זיינען געווען אָנוועזנדיק יודא גראָסמאַן, יעקב קרעפּליאַק, חיים פינקע און אַנדערע. גראָסמאַן דערציילט וועגן דעם פּלאַן פון אַטענטאַט[15], אָבער ער פאַרענדיקט זיינע זכרונות מכח דעם עפּיזאָד, אַז גראָד אין טאָג, ווען ער האָט געזאָלט צוריק אָפּפאָרן פון וואַרשע קיין ביאַליסטאָק, דעם 1טן יוני, 1906, האָט אויסגעבראָכן דער ביאַליסטאָקער פּאָגראָם.

8. דער אונטערגאַנג פון דער ביאַליסטאָקער גרופּע

אין יאָר 1907 האָט זיך נאָך גוט געשפּירט די פאַרזעצונג פון דעם טעראָריזם פון פאַריקן יאָר. סוף יאַנואַר 1907 איז ביים טויער פון זיין פאַבריק, ראָג גומענער און יוראָוועצער גאַס, שטערבלעך פאַרוואונדעט געוואָרן דער פאַבריקאַנט לייזער הענדלער. איבער אָט־דעם אַטענטאַט איז אַרויסגעלאָזן געוואָרן אַ ספּעציעלע פּראָקלאַמאַציע. כמעט אין דער זעלביקער צייט פירט דורך משה שפּינדלער מיט אַ גרופּע חברים אַ ריי טויט־אורטיילן אויף שפּיאָנען. פאַר איינעם פון זיי איז, אויף מאָרגן נאָך זיין דערמאָרדונג, אָנגעקומען פון פּעטערבורג אַ מעדאַל.

אָנהויב מערץ, אויספירנדיק דעם לעצטן ווילן פון זייער חבר גאָראָדאָוואָיטשיק, האָבן משה שפּינדלער און וואַסער געוואָרפן אַ באָמבע אויפן גענעראַל־גובערנאַטאָר באָגאַיעווסקי. קיינער האָט פון יענער באָמבע ניט געליטן.

אין דער זעלביקער צייט האָט מען אויסגעפירט אַ צאָל מאָרדן אויף פּאָליציי־לייט און שפּיאָנען אין ביאַליסטאָק.

ביינאַכט צום 16טן מערץ 1907, האָט די פּאָליציי איבערפאַלן אַ קוואַרטיר וואו ס׳האָבן זיך אויסבאַהאַלטן שפּינדלער, וואַסער און נאָך אַ חבר. ס׳איז פאָרגעקומען ניט נאָר אַ שיסעריי, נאָר מ׳האָט די פּאָליציי־לייט באַגעגנט מיט באָמבעס, און באַשלאָסן אַז לעבעדיקערהייט זאָל מען דער פּאָליציי זיך ניט אונטערגעבן. משה שפּינדלער האָט דאָרט מיט דער לעצטער קויל אין זיין רעוואָלווער זיך אַליין דערשאָסן.

אין אַפּריל 1907 איז ווידער געקומען צו אַ שאַרפן סכסוך אין שוסטער־פאַך. עס האָט געהאַלטן ביי אַ לאָקאַוט, און בעת דער אָנגעצויגענער לאַגע איז דעם 13טן אַפּריל 1907 פון „יאָסל שוסטער" (יוסף ביעלאָנסקי) דערשאָסן געוואָרן דער שוך־פאַבריקאַנטל פון נאָוואָליפּע, מ. ליס. דער אַנאַרכיסט יוסף ביעלאָנסקי איז געווען אַ מיטגליד פון דער „שוסטער פעדעראַציע" פון די

---

[14]) וועגן דעם גאַנצן עפּיזאָד ווערט דערציילט אין אַ נאָך ניט געדרוקטן מאַנוסקריפּט וועגן דער „ערשטער אַנאַרכיסטישער גרופּע אין וואַרשע" פון ל. פּרומקין.

[15]) זען זיין אויבן דערמאָנטן אַרטיקל אין „בילאָיע", ז. 182.

ביאַליסטאָקער „טשערנאָזנאַמענצעס״ און האָט זיך שטענדיק אויסגעצייכנט מיט אַ זעלטענער העלדנשאַפט[16]).

די אַנאַרכיסטישע גרופּע האָט ווייטער געפירט דעם שוסטער־סטרייק ביז די באַלעבאָטים האָבן, אין סעפּטעמבער 1907, נאָכגעגעבן, און דער סטרייק איז געוואונען געוואָרן.

אין אָקטאָבער 1907 איז פון די אַנאַרכיסטן דערשאָסן געוואָרן דער עלט־סטער גאָראָדאָוואָי יוכטשאַק, ווען ער האָט געהאַלטן בײַם כאַפּן אַ חבר, וועלכער איז אונטער זײַנע הענט אַנטלאָפן.

מיט אַ קורצער צייט שפּעטער איז אויף סוראַזער גאַס דערשאָסן געוואָרן אַ שפּיאָן, און ענלעכעס האָט פּאַסירט סוף דעצעמבער. די מערסטע שפּיאָנען זײַנען געווען גויים, אָבער אויך יידישע שפּיאָנען און פּראָוואָקאַטאָרן האָט עס געגעבן. דעם 16טן מערץ 1908 האָבן אַנאַרכיסטן דערשאָסן דעם סטאָליאַר בערל־אַבע, וואָס פלעגט אַרויסגעבן דער פּאָליציי די אַנאַרכיסטן. אין מאַי 1908 האָט אַ אַנאַרכיסט דערשאָסן שמחה קאַגאַן — אַ באַוואוסטער פּראָוואָקאַ־טאָר צווישן די מאַקסימאַליסטן (לינקע ס. ר.). דורך דער גאַנצער צייט פון דער גרויסער אַנאַרכיסטישער אַקטיוויטעט האָט, אגב, אַנגעהאַלטן אַ זייער נאָענטע קאָאָפּעראַציע צווישן אַנאַרכיסטן און מאַקסימאַליסטן. אויך אין מאַי 1908 האָבן די אַנאַרכיסטן געשאָסן אויף „אברהמל דער וועבער״, אַ פּראָוואָקאַטאָר, און אים שווער פאַרוואונדעט.

ניט קוקנדיק אויף די נקמה־אַקטן סוף 1907 און אָנהייב 1908, האָט אָבער די באַוועגונג אין ביאַליסטאָק דורכגעלעבט אירע גסיסה־מינוטן, ווען ס'האָט זיך געענדיקט, מיט אַ כלומרשטן נצחון, דער שוסטער־סטרייק אין הערבסט 1907. ס'האָט געשוועבט דער טעראָר פון די מיליטערישע פעלד־געריכטן. סוף נאָוועמבער האָט מען אין וואַרשע געהאַנגען דעם ביאַליסטאָקער אַנאַרכיסט יוסף בעליאַנסקי — (יאָסל שוסטער, דעם מערדער פון שוך־פאַבריקאַנט ליס). געמשפּט האָט מען אים פאַר האָבן געהרגעט אין ביאַליסטאָק אַ שפּיאָן. אַ זייער ענערגישער מיטגליד פון דער שוסטער־פעדעראַציע אין דער ביאַליסטאָקער גרופּע, האָט יאָסל שוסטער זיך שטענדיק אויסגעצייכנט מיט העלדישקייט אין קאַמף.

סוף דעצעמבער 1907 האָט דער וואַרשעווער קריגס־געריכט פאַרמשפּט צו 12 יאָר קאַטאָרגע דעם ביאַליסטאָקער אַנאַרכיסט גדליה געלער, אַ באַשול־דיקטן אין מאָרד פון אַן אוראַדניק אין טרעסטענע.

דעם 6טן מערץ 1908 איז אין גראָדנער טורמע געשטאָרבן דער ביאַליס־טאָקער אַנאַרכיסט איצל אַבראַמאָוויץ. קורץ פאַר דעם האָט ער מיט אַ צווייטן געמאַכט אַן אָנפאַל אויף אַ פאַבריקאַנט אין סאָקאָלקע. ער איז דערביי פאַר־וואונדעט געוואָרן אין קאָפּ. דעם זעלביקן טאָג האָט מען אים אַרעסטירט, און אינגיכן איז ער פון זײַן וואונד געשטאָרבן. מיט אַ חודש פאַר זײַן סוף האָט איצל

[16]) אַזוי ווערט געשריבן וועגן אים אין אַ קאָרעספּאָנדענץ פון ביאַליסטאָק אין זשורנאַל „די אַנאַרכיע״ (אָרגאַן פון יידיש־שפּרעכנדע רוסישע אַנאַרכיסטן). נומ. 1, אויגוסט, 1908, געדרוקט, ווייזט אויס, אין דער שווייץ, אין דרוקעריי „אַן הערשאַפט״.

אַבראַמאָוויץ געשאָסן אויפן פּראָוואָקאַטאָר אַבראַשאַ (גאַווענדאַ), אָבער אָן אַ דערפאָלג.

צום אונטערגאַנג פון דער ביאַליסטאָקער אַנאַרכיסטישער באַוועגונג האָבן דעם הויפּט־חלק בייגעטראָגן שפּיאָנען און פּראָוואָקאַטאָרן, וועלכע האָבן אָנגעהויבן צו פאַרפּעסטן די גרופּע אין אירע ירידה־יאָרן 1906—1907. די עפּידעמיע פון פּראָוואָקאַציעס האָט אין יענער צייט געהאַלטן אין אַרומכאַפּן אַלע רעוואָלוציאָנערע פּאַרטייען און באַוועגונגען אין גאַנץ רוסלאַנד. זייער באַקאַנט איז שפּעטער געוואָרן דער דערמאָנטער פּראָוואָקאַטאָר גאַוועגדאַ (אַבראַשאַ), וואָס האָט זיך געדרייט אין די אַנאַרכיסטישע קרייזן אין ביאַליסטאָק פאַר 1907 און דאָס האָט זיך באַלד זייער שלעכט אָפּגערופן אויפן גורל פון דער אַנאַרכיסטישער גרופּע.

כמעט אַלע פון די בעסטע חברים זיינען אַרעסטירט געוואָרן; אַ טייל זיינען זיך צעפאָרן און מיט די איבערגעבליבענע האָט מען שוין מער ניט געקענט עפּעס אויפטאָן.

די ביאַליסטאָקער פּאָליציי האָט מיט אַן אומגעהייערער ענערגיע זיך גענומען צום קאַמף און צו דער ליקווידאַציע פון אַנאַרכיזם[17]. מ׳האָט געהאַלטן די שטאָט כמעט אין אַ באַלאַגערונג־צושטאַנד. דער פּאָליצמייסטער, ראָטמיסטער פולאָן, וועלכער איז אויך געווען דער שעף פון דער „אָכראַנע" (געהיימע פּאָליטישע פּאָליציי) האָט מיט אַלע מיטלען געזוכט אַרויסצוקריגן ביי די אַרעסטירטע וואָס מער ידיעות וועגן די אַנאַרכיסטן. פריער פלעגט ער ריידן מיט גוטן און האָט פאָרגעלייגט כמעט יעדן אַנאַרכיסט צו ווערן אַ פּראָוואָקאַטאָר. פאַר די, וואָס האָבן ניט געוואָלט פאַרקויפן פאַר געלט זייערע חברים, האָט ער געהאַט אָנגעגרייט אַ זאַפּאַס טרוקענע קלעפּ. ס׳האָבן ניט געפעלט קיין שוואַכע, קליינע מענטשעלעך, אויף וועלכע די רעוואָלוציאָנערן האָבן קיינמאָל קיין גרויסע האָפענונגען ניט געלייגט, און זיי האָבן זייערע אידעאַלן און חברים פאַרראַטן. אַ היפּש ביסל געווער ביי די ביאַליסטאָקער אַנאַרכיסטן איז דורכגעפאַלן נאָך אַ פּראָוואָקאַציע אין אָקטאָבער 1907. דאָס איז אָבער געווען בלויז אַן אָנהייב, נאָך וועלכן ס׳איז געקומען אַ ריי אַרעסטן פון די פאַרבליבענע חברים.

נאָך דעם ווי כמעט אַלע הויפּט־אַקטיוויסטן פון דער ביאַליסטאָקער אַנאַרכיסטישער גרופּע זיינען אַרעסטירט געוואָרן, האָט די גרופּע זיך אינגאַנצן צעפאַלן[18].

---

[17]) פאַקטן און נעמען גענומען פון אויבן־דערמאָנטן אומלעגאַלן זשורנאַל (אין יידיש) „די אַנאַרכיע".

[18]) אויך דער וויכטיקער אַרטיקל פון „ביעלאָסטאָטשאַנין", אין אָפּט־דערמאָנטן „רוס. אַלמאַנאַך", באַטאָנט בפירוש אַז צום אונטערגאַנג פון דער באַוועגונג אין ביאַליסטאָק האָבן ערהויפּט געפירט די פּראָוואָקאַטאָרן (ז. 28).

***

אַזוי האָט זיך פאַרענדיקט די שטורמישע 5־יעריקע תקופה פון ביאַליס־טאָקער אַנאַרכיזם, וואָס איז געקומען פון אַ קליינער פּיאָנערן־גרופּע אין 1903. אין אַנדערע שטעט פון רוסלאַנד איז די אַנאַרכיסטישע באַוועגונג געקומען צום פאַרשיין און געפירט איר אַרבעט ערשט שפּעטער. דאָרט, אין די אַנדערע רוסישע שטעט, מחוץ דער ניט צו גרויסער און ניט צו גוט־באַקאַנטער אין דער וועלט ביאַליסטאָק, איז אָבער ניט געווען דאָס, מיט וואָס ביאַליסטאָק האָט זיך בשעתו אויסגעצייכנט — פעסטע אָרגאַניזאַציאָנעלע פאָרמען און יענע אָרגאַנישע צוגרייט־אַרבעט, וועלכע זיינען די יסודות פון דערפאָלג פאַר אַזאַ שטורמיש־אַקטיווער באַוועגונג ווי די אַנאַרכיסטישע. אין ביאַליסטאָק איז יע אָפּגעטאָן געוואָרן אַ יאָרנלאַנגע צוגרייט־אַרבעט. אין דער געשיכטע פון סטיכישן, כמעט אינסטינקטיוו־עמאָציאָנעלן פאַרביטערטן און פאַרביסענעם קאַמף קעגן צאַריזם און קאַפּיטאַליזם, האָט ביאַליסטאָק מיט איר אומדערהערט־געוואַגטער אַנאַרכיסטישער גרופּע אַריינגעשריבן אַ פּאָר שפּאַנענדיק־דראַמאַטישע קאַפּיטלען. דאָס איז אין גרונט געווען אַ פאַרצווייפלונג־קאַמף פון די זין פון דער אָרימער, עקספּלאָאַטירטער יידישער פאָלקס־מאַסע, וואָס האָבן מיט אַ זעלטענעם ברען זיך אַריינגעוואָרפן ניט נאָר אין אַ רעוואָלוציע, נאָר אין כמעט אַ אומבאַוואוסטזיניקן רעוואָלט קעגן דעם יאָך פון מלוכה־דעספּאָטיזם און פון עקאָנאָמישער אומגערעכטיקייט.

אַן אַמעריקאַנער רעגירונג־קאָמיסיע אין ביאַליסטאָק אין 1919

דאָס איז געווען אין אויגוסט 1919, עטלעכע חדשים נאָך דער פּינסקער טראַגעדיע. יענע שחיטה פון 35 יונגע יידישע לעבנס איז פאָרגעקומען דעם 5טן אַפּריל 1919, אַ פּאָר טעג פאַר פּסח. די פּוילישע אַרמייען, אונטער פּיל־סודסקין, האָבן געפירט מלחמה קעגן דעם באָלשעוויסטישן מיליטער, און פּינסק איז געווען כמעט גלייך הינטערן פראָנט. ס'האָט געבושעוועט דער אַגרעסיווער פּוילישער נאַציאָנאַליזם און אַנטיסעמיטיזם, און כמעט אין יעדן יונגן יידן האָט מען געזען אַ „באָלשעוויק". האָט מען איינמאָל, אַ שבת נאָכ־מיטאָג, דערטראָגן די פּוילישע קאָמאַנדירן, אַז אין אַ ציוניסטישן קלוב האָבן זיך אויפגעקליבן אַרום 40 יונגע יידן אויף אַ „געהיימען מיטינג" און באַהאַנד־לען דאָרט דעם ענין „ווי אַזוי צו העלפן סאָוועט־רוסלאַנד קעגן פּוילן". מער ווי דאָס האָט מען ניט געדאַרפט. די פּאָליאַקן זיינען גלייך באַפאַלן דעם זאַל. מ'האָט אַרויסגעשלעפּט די פאַרזאַמלטע מיטגלידער פון אַלע פּאַרטייען — ציוניסטן, פּועלי־ציון, בונדיסטן און אַנדערע, זיי אַלעמען אויסגעשטעלט ביי אַ וואַנט פון אַן אַלטן קלויסטער, און אַלעמען גלייך אויפן אָרט דערשאָסן, אָן יעדן משפּט, אַפילו פון אַ מיליטערישן געריכט.

אין דער אמתן איז דאָס געווען אַ ריינער אַקט פון טעראָר און רציחה אָן יעדער באַגרינדונג און באַרעכטיקונג. די פאַרזאַמלונג איז פאָרגעקומען אין פאַרבינדונג מיט דער טראַדיציאָנעלער מעות־חיטים אַקציע פאַר דער אָרעמער יידישער באַפעלקערונג פון פּינסק. מיט אַ פּאָר טעג פריער האָט אין פּינסק געוויילט דער באַקאַנטער אַמעריקאַנער כלל־טוער, ברוך צוקער־מאַן, אַלס שליח פון „פּיפּלס רעליף", און האָט געלאָזן פּראָדוקטן און געלט פאַר די אָרעמע פּינסקער יידן אויף פּסח. האָבן די דאָרטיקע ענערגישע יונגע עסקנים, פאַרטרעטער פון אַלע ריכטונגען, זיך אויפגעקומען אויף אַן אסיפה, כדי צו באַשליסן ווי אַט דער „רעליף" זאָל איינגעטיילט ווערן צווישן די טויזנטער אָרעמע יידישע משפּחות פון פּינסק.

דערפאַר, אַט פאַר דעם גרויסן „פאַרראַט" לגבי פּוילן, האָבן די פּאָליאַקן זיי דערמאָרדעט אויף אַ ברוטאַלן, אכזריותדיקן אופן, און אַט די פּאַסירונג האָט ממש אויפגעשטורעמט די גאַנצע ציוויליזירטע וועלט, באַזונדערס די יידן אין אַמעריקע.

אין אַנדערע גרויסע יידישע שטעט — מינסק און ווילנע, און נאָך פריער אין לעמבערג — האָט דאָס באַפרייטע פּוילן אויך דורכגעפירט שחיטות אויף יידן, און אין דער אַמעריקאַניש־יידישער געזעלשאַפט האָט געקאָכט מיט אַ צאָרן און אַנטריסטונג קעגן אַזאַ גרויזאַמער עוולה, מצד דער באַנייטער,

באַפרייטער פוילן, וואָס איז אויפגעשטאַנען תחית־המתים נאָך דער גרויסער מלחמה, אין וועלכער זיי אַליין, די פּאָליאַקן גופא, האָבן כמעט קיין טראָפּן בלוט ניט פאַרגאָסן. דעם 21טן מאַי 1919 איז אין ניו־יאָרק, אין אַלטן מע־דיסאָן סקווער גאַרדען, פאַרגעקומען אַ מאַסן־מיטינג פון 15 טויזנט יידן, און זייער שאַרפע פּראָטעסט־רעזאָלוציעס זיינען אָנגענומען געוואָרן: יעקב שיף האָט זיי, אין אַ טעלעגראַם פון 2,000 ווערטער, גלייך איבערגעשיקט קיין פּאַריז צו לואיס מאַרשאַל און דר. סיירוס אַדלער, די צוויי הויפּט־טוערס פון דער „אַמעריקאַן דזשואיש קאָמיטע", וואָס זיינען דעמאָלט געווען צווישן די פאַרטרעטער פון אַמעריקאַנער יידן ביי די „פאַראייניקטע יידישע דעלעגאַ־ציעס" צו דער פרידנס־קאָנפערענץ. די צוויי יידיש־אַמעריקאַנישע פירערס האָבן גלייך געזען זיך מיט פּרעזידענט ווילסאָן, וואָס האָט פאַרטראָטן אַמעריקע ביי דער פרידנס־קאָנפערענץ, און אים געבעטן אַז אַמעריקע זאָל זיך תיכף אַריינמישן און באַשיצן די אומשולדיקע פּוילישע יידן קעגן די שחיטות, רדיפות און נגישות מצד די צעיושעטע פּוילישע נאַציאָנאַליסטן און אַנטי־סעמיטן.

דעמאָלט האָט די אַמעריקאַניש־יידישע געזעלשאַפטלעכקייט שוין גע־האָט אַ דעלעגאַציע אין פוילן — דר. מאָריס באָגען מיט זיינע מיטאַרבעטער האָבן פאַרטראָטן די „דזשאָינט דיסטריביושאָן קאָמיטע" און זיין הויפּט־אָפיס איז געווען אין וואַרשע. דער אַמעריקאַנער אַמבאַסאַדאָר אין פוילן, יוה גיבסאָן, האָט געבעטן דר. באָגענען צו באַזוכן, אין איינעם מיט קוירנעל בוילי, פאַרטרעטער פון אַמעריקאַנישן רויטן קרייץ, אַ פּאָר פּאָגראָמירטע שטעט, ווי ווילנע און אַנדערע, און צושטעלן אים, דעם אַמבאַסאַדאָר גיבסאָן אַ באַריכט — כדי ער זאָל האָבן וואָס צו שיקן קיין וואַשינגטאָן, ווי דער סעקרעטערי אָוו סטייט, לאַנסינג, האָט געפאָדערט. דער קורצער באַריכט האָט אָבער ניט צופרידנגעשטעלט די אַמעריקאַנער יידישע געזעלשאַפטלעכ־קייט. סיי אין אַמעריקע, סיי אין ענגלאַנד, האָט מען געוואָלט, אַז אַ ספּעציעלע קאָמיסיע זאָל דורך אַן אויספירלעכער ספּעציעלער אונטערזוכונג אויספאָרשן די גאַנצע פּויליש־יידישע פּראָבלעם, און מכוח אָט דעם טראַגישן ענין צו־שטעלן אַן אָפיציעלן רעפּאָרט.

האָט מען אין אָט דעם זין געפירט שמועסן מיט פּרעזידענט ווילסאָנען אין פּאַריז, און יענער האָט די צוויי אויבנדערמאָנטע יידישע כלל־טוערס, מאַר־שאַל און אַדלער, צוגעזאָגט צו באַשטימען אַ ספּעציעלע קאָמיסיע פון דריי זייער חשובע אַמעריקאַנער. ער האָט תיכף (ס'איז געווען סוף יוני, 1919) באַשטימט די 3 „קאָמישאָנערס", און זיי אויפגעפאָדערט וואָס פריער אַרויס־צופאָרן קיין פוילן און גלייך צוטרעטן צו דער אונטערזוכונג אויפן אָרט.

די דריי אַמעריקאַנער אָפיציעלע שלוחים, וואָס פּרעזידענט ווילסאָן האָט געשיקט, זיינען געווען: הענרי מאָרגענטוי, אַ ייד און דער געוועזענער אַמעריקאַנער אַמבאַסאַדאָר אין טערקיי; אים האָט ווילסאָן באַשטימט צו זיין טשערמאַן פון דער מיסיע. די צוויי אַנדערע מיטגלידער אירע זיינען געווען האָמער ה. דזשאָנסאָן, אַ פּראָפעסאָר פון פּאָליטישער וויסנשאַפט, וואָס האָט פון אייראָפּעאישע יידישע פּראָגן און ספּעציעל פון יידישן לעבן געוואוסט

זייער וויניק; און בריגאַדיר־דזשענעראַל עדגאַר דזשאַדווין, אַ מיליטערישער גרויסער אינזשינער, וואָס האָט דאָס ברעקל וויסן אין יידישע און פוילישע ענינים פון פראָפ. דזשאַנסאָן אויך ניט געהאַט (דיביידע גוישע מיט־גלידער האָבן אַפילו קיין דייטש אויך ניט פאַרשטאַנען, און במילא מיט יידן זיך ניט געקענט אויפריידן).

איז קלאָר אַז דער איינציקער מומחה און בקי און דער „קאָפּ" פון דער מיסיע איז געווען העגרי מאָרגענטוי, דער פאָטער פון געוועזענעם סעקרעטערי אָוו דהי טרעזשורי, הענרי מאָרגענטוי דזשוניאָר.

גלייכצייטיק האָט ענגלאַנד אויך געשיקט אַ ספּעציעלע מיסיע קיין פוילן צו שטודירן די יידישע פראַגע. אין איר שפּיץ איז אויך געשטאַנען אַ ייד, סער סטיואַרט סעמיועל, אַ ברודער פון ערשטן בריטישן האַי־קאָמישאָנער אין ארץ־ישראל, הערבערט סעמיועל.

אין יולי, 1919, ווען די אַמעריקאַנער מיסיע איז שוין געווען אין וואַרשע, האָבן די ביאַליסטאָקער יידן זיך דערוואוסט, אַז אויך ביאַליסטאָק שטייט אויפן צעטל פון די שטעט, וואָס די אַמעריקאַנער קאָמיסיע קלייבט זיך באַזוכן. דאָס איז געווען איבער אַ האַלב יאָר צייט נאָכן סוף פון דער מלחמה, און ביאַליסטאָק איז שוין געווען אָקופּירט דורך דער פוילישער מאַכט, וועלכע האָט כסדר אָפּגעטאָן עוולות קעגן דער יידישער באַפעלקערונג. וואָס איז געווען איבער דריי־פערטל פון דער גאַנצער ביאַליסטאָקער באַפעלקערונג. מ'האָט פון וואַרשע אַריינגעשיקט קיין ביאַליסטאָק אַ „קאָמיסאַר", און ער האָט גענומען „באַלעבאַטעווען" איבער דער צייטווייליקער שטאָט־פאַרוואַלטונג, וואו מיר, יידן, זיינען אויך געווען פאַרטראָטן — העלפט אויף העלפט מיט די פּאָליאַקן, הגם שטענדיק איז כמעט אויף 90 פּראָצענט דער שטאָטישער בודזשעט אין ביאַליסטאָק געדעקט געוואָרן דורך די יידן. די פּאָליטיק פון די פּאָליאַקן איז געווען: קינסטלעך צו פאַרוואַנדלען ביאַליסטאָק אין אַ שטאָט מיט אַ גרויסער פוילישער מערהייט, און דער פוילישער „קאָמיסאַר" האָט, אַלס זיין ערשטן אָפיציעלן טריט, אַרויסגעלאָזן אַ דעקרעט, אַז ס'ווערט געשאַפן אַ „גרויס־ביאַליסטאָק", דאָס מיינט אַז אַ סך דערפער און שטעטלעך נאָענטע, ווי ביאַלאָסטאָטשעק, וויגאָדע, סוכאָניע, וואַשילקאָוו, און גאַנץ ווייטע אַפילו, ווי אָגאָראָדניטשקי, וואָס ליגן אויף 7־8 וויאָרסט פון ביאַליסטאָק, זאָלן פאַראייניקט ווערן אין איין „כרך־גדול", ביאַליסטאָק.

אַ ריי אַנדערע גזירות איז אָנגענומען געוואָרן פון דער „שטאָט־פאַרוואַלטונג", איבער וועלכער דער וואַרשעווער קאָמיסאַר איז געווען דיקטאַטאָר. די יידישע פאַרטרעטער (צווישן וועלכע אויך איך בין געווען) האָבן אַלס פּראָטעסט זיך אינגאַנצן צוריקגעצויגן פון דעם צייטווייליקן שטאָט־ראַט (סיטי קאָונסיל). די גאַנצע יידישע געזעלשאַפטלעכע ענערגיע און טעטיקייט האָט זיך קאָנצענטרירט אין דער אַזוי־גערופענער „דעמאָקראַטישער יידישער קהילה", וואו אַלע ריכטונגען און פּאַרטייען זיינען געווען פאַרטראָטן. דער שרייבער פון אָט־די שורות איז דעמאָלט געשטאַנען, אַלס דירעקטאָר פון דעם עקאָנאָמיש־סטאַטיסטישן ביוראָ פון דער קהילה, זייער נאָענט צו אירע פירנדיקע קרייזן. האָט מען באַשלאָסן, אַז מיר, דאָס הייסט די יידישע

קהילה, טאָר ניט פאַרביילאָזן די גרויסע געלעגנהייט, וואָס מר. מאָרגענטוי וועט באַזוכן ביאַליסטאָק, און מ׳דאַרף אים טאָקע צושטעלן אַ געשריבענעם פּראָטעסט און מינדלעך דערציילן וועגן די נגישות און רדיפות פון פּאָליאַקן אויף דער יידישער באַפעלקערונג פון ביאַליסטאָק. דעם מעמאָראַנדום צו מר. מאָרגענטוי (אין ענגליש) האָב איך גענומען אויף זיך אָנצושרייבן, און מ׳האָט אים פּאַרטיק געמאַכט אין אַ גאַנץ קורצער צייט.

אָנהייב אויגוסט 1919 איז העברי מאָרגענטוי, אין באַגלייטונג פון דר. באָגען פון „דזשאָינט", אָנגעקומען אין ביאַליסטאָק און מ׳האָט זיי געלאַדן אויף אַ ספּעציעלער זיצונג פון דעם קהילה־ראַט (ועד הקהל), וואָס איז פאָרגעקומען אין גרויסן זאַל פון דער האַנטווערקער שול (אויף נאָוואָליפּיע), וואו ס׳איז (אין דעם קליינעם מויערל צום גאַס) געווען דעמאָלט דער קהילה־אָפּיס.

ביידע דעלעגאַטן, מאָרגענטוי און באָגען, האָבן געהאַלטן סקאַרבאָווע, אָפיציעלע רעדעס צו די ביאַליסטאָקער יידן — פּוסטע פראַזעס, וואָס האָבן קיין זאַך ניט געזאָגט. זיי האָבן גערעדט, שיינט מיר אויף דייטש, און אויף „יידיש־דייטש" האָבן זיי געענטפערט די „פּרנסים", די קהילה־טוערס, וואָס זיינען אויך ניט געווען מי יודע וואָס פאַר אַ קאָפּ־מענטשן. בלויז איין איינציקער רעדנער, וואָס האָט דווקא גערעדט אויף אַ געשמאַקן מאַמע־לשון, האָט מיט זיין רעדע יאָ געמאַכט אויף אַלעמען אַ שטאַרקן רושם. דאָס איז געווען דער יונגער קהילה־מיטגליד אליהו מונטשיק, אַ באַקאַנטער צעירי־ציון טוער, וואָס האָט פאַר דער ערשטער וועלט־מלחמה שוין פאַרלאָזן זיין געבורט־שטאָט ביאַליסטאָק, און זיך באַזעצט אין ארץ־ישראל צוזאַמען מיט זיין פרוי אסתר — די טאָכטער פון יוסף־צלאל פּינק, וואו זיי ביידע האָבן געאַרבעט אויפן פעלד און פּרדס (ביי אָראַנזש־ביימער) און גלייכצייטיק געטאָן גוטע קולטור־אַרבעט פאַר דער „הפועל הצעיר" באַוועגונג. אין 1920 האָבן די מונטשיקס ווידער עמיגרירט קיין ארץ ישראל און לעבן דאָרט ביז איצט.

אין זיין מוטיקער שטאָלצער רעדע האָט מונטשיק געזאָגט שאַרף און אָפן, אַז יידן דאַרפן און ווילן קעמפן פאַר זייער רעכט, און ווילן ניט לאָזן זיך טרעטן און אונטערדריקן דורך די שאָוויניסטישע, ברוטאַל־נאַציאָנאַליסטישע פּאָליאַקן. אויב די פרידנס־קאָנפערענץ אין פּאַריז האָט צוגעזאָגט די פּוילישע יידן געוויסע נאַציאָנאַלע און קולטורעלע רעכטן, וועט מען ראשית־כל טאָקע דאַרפן זען, אַז די פּוילישע מאַכטהאָבער זאָלן דאָס מקיים זיין, און ערשט שפּעטער וועט אפשר אַריינטרעטן יענע אחדות און פריינדשאַפט צווישן יידן און פּאָליאַקן, צו וועלכער מר. מאָרגענטוי האָט גערופן די יידן אין זיין רעדע פאַר דער ביאַליסטאָקער קהילה.

אויפן צווייטן טאָג איז אַ דעלעגאַציע פון דער יידישער ביאַליסטאָק אַוועק צו מר. מאָרגענטוי. אין דער דעלעגאַציע בין איך געווען, צוזאַמען מיט פסח קאַפּלאַן, רעדאַקטאָר פון דער יידישער טעגלעכער צייטונג אין ביאַליסטאָק און נאָך אַ 2־3 פאָרשטייער פון דער יידישער געזעלשאַפט. אַלע אויסער מיר האָבן קיין ענגליש ניט געקענט ריידן, און פאַר מאָרגענטויען איז אויך פיל לייכטער געווען צו ריידן ענגליש ווי דייטש. במילא איז אויף מיר,

הגם איך בין געווען בלויז 27 יאָר אַלט — דער יינגסטער פון אַלע פאָרשטייער, אויסגעפאַלן צו פירן דעם גאַנצן שמועס מיט מאַרגענטויען. (איינגעשטאַנען זיינען די אַמעריקאַנער באַזוכער אין דעם שיינעם פריוואַטן מייערל פון הע־לענע טרילינג, אויף „ניי־שטאַט", וואַרשעווער גאַס). מיר האָבן דאָרט פאַר־בראַכט אַרום אַ שעה צייט מיט מאַרגענטויען, וועלכער האָט צוגענומען אונד־זער מעמאָראַנדום און צוגעזאָגט אים דורכצולייענען באַלד אונטערוועגנס (פון ביאַליסטאָק זיינען די אַמעריקאַנער אָפּגעפאָרן קיין ווילנע).

כ'האָב גלייך פון מאַרגענטויס רייד פאַרשטאַנען, אַז קיין ישועה פאַר יידן וועט זיין „מיסיע" קיינמאָל ניט קענען ברענגען, פשוט ווייל ניט ער, און געוויס ניט די 2 גויישע קאָלעגן זיינע, האָבן קיין ברעקל שייכות ניט צום יידישן נאַציאָנאַלן לעבן אין די אַלט־איינגעזעסענע ישובים פון מזרח־איי־ראָפּע. מאַרגענטוי האָט אונדז גלייך דערקלערט, אַז הגם ער האָט, זייענדיק אַמעריקעס אַמבאַסאַדאָר אין קאָנסטאַנטינאָפּאָל, געטאָן טובות די יידן און אפילו די ציוניסטן, אָבער קיין יידישער נאַציאָנאַליסט איז ער ניט. כ'געדענק זיינעם אַ „משל" — „ס'קען זיין, אַז יידן זיינען די זאַלץ פון דער ערד, אָבער צופיל זאַלץ אין איין אָרט איז געוויס ניט קיין מעלה" . . . אויך, האָט ער געזאָגט, אַז ער פאַרשטייט ניט, הלמאי די יידן ווילן האָבן אייגענע שולן פאַר זיך — איז דען ניט בעסער, אַז יידן און ניט־יידן זאָלן זיך באַפרייַנדן גלייך פון די ערשטע שול־יאָרן אָן, ווי דאָס איז דער פאַל אין אַמעריקע? דעריבער דאַרפן די יידן זוכן, מיינט ער, וואָס מער זיך צו דערנעענטערן, טאַקע אויף אַלע געביטן, חוץ דעם ריין רעליגיעזן, דאָס מיינט: זיך אַסימילירן מיט די פּאָליאַקן, און דעמאָלט וועט זיין לייכט צו רעגולירן, צו פאַרענטפערן די גאַנצע „פויליש־יידישע פראַגע".

מיט איין וואָרט, אין אים האָט שוין גערעדט דער פויליש־יידישער אַסימילאַטאָר, דער „פּאָליאַק פון משה רבינוס גלויבן", ווי מ'האָט שטענדיק געהערט אָט־די טענה אין די רייכע, דורך און דורך פּאָלאָניזירטע פויליש־יידישע קרייזן, וואָס האָבן הפנים גוט איינגעקנעלט זייער שיטה מיט מאַר־גענטויען און די אַנדערע 2 שלוחים, איידער יענע זיינען אַרויסגעפאָרן איבער דער פּראָווינץ.

אַלס דיפּלאָמאַט און וועלטמאַן האָט מאַרגענטוי, פאַרשטייט זיך, ניט געוואָלט אונדזערע האָפענונגען צעשטערן אינגאַנצן שוין גלייך אויפן אָרט. האָט ער געזאָגט, אַז ער וועט אונדזערע בקשות (מכוח געבן יידן פון מלוכהשע מיטלען מעגלעכקייטן אויסצוהאַלטן אייגענע קינדער־שולן און בכלל פירן דעם אייגענעם קולטור־גייסטיקן לעבן אין די ראַמען פון אַ פרייער, דעמאָ־קראַטישער פּוילישער רעפּובליק) נעמען אין באַטראַכט, און אויך אונדזער פאַרלאַנג איבערגעבן צו פּרעזידענט ווילסאָן, מחמת יענער האָט אים בפירוש געבעטן צו זען זיך און ריידן מיט פאַרטרעטער פון אַלע שטרעמונגען אין פּוילישן יידנטום.

אין יענער צייט האָט די ביאַליסטאָקער קהילה, אגב, געפירט אַ קאַמף קעגן דער פּאָליטישער פאַרגוואַלטיקונג פון ביאַליסטאָקער ראַיאָן דורך דער נייער פּוילישער מלוכה. זומער־צייט, 1919, האָט וואַרשע דעקרעטירט, אַז

אויך אין ביאַליסטאָק זאָל מען דורכפירן וואַלן צום „סיים" (פּוילישן פּאַר־לאַמענט), און מיר, די יידישע ביאַליסטאָק, האָבן ניט געוואָלט אַראָפּשלינגען אָן אַ שאַרפן פּראָטעסט אָט־די ביטערע פּיל. מיר האָבן געוואוסט, אַז די פּאַ־ריזער וועלט־פרידנס־קאָנפערענץ אין 1919 האָט נאָך ניט געהאַט געפּסקנט אָפיציעל, אַז ביאַליסטאָק זאָל געהערן צו פּוילן. האָבן די יידן אין ביאַליסטאָק ניט געפילט מחויב זיך פּשוט אונטערצוואַרפן דעם דעקרעט, אַז די שטאָט און איר ראַיאָן ווערן אויף שטענדיק אַריינגענומען אין דער פּוילישער מלוכה.

אַ דעלעגאַציע פון דער קהילה, צו סער סטואַרט סעמיועל און צו מאָר־גענטוי, איז אַרויסגעפאָרן קיין וואַרשע, און אויך איך בין געווען אין דער דעלעגאַציע. מאָרגענטוי האָט וועגן אָט דער פראַגע בכלל ניט געוואָלט דיס־קוטירן, מחמת דאָס איז — ווי ער האָט דערקלערט — ניט געלעגן אין זיין דזשוריסדיקשאָן, — און די בריטישע דעלעגאַציע מיט סער סטואַרט סעמיועלן האָט געמיינט, אַז פּוילן האָט יע דאָס רעכט צו אינקאָרפּאָרירן ביאַליסטאָק אין איר טעריטאָריע.

מיר האָבן, באַזונדיק מאָרגענטויען, אויך דערמאָנט מכוח דעם שמועס, וואָס ער האָט מיט אונדז עטלעכע וואָכן פריער געהאַט אין ביאַליסטאָק, און אים געבעטן ער זאָל זיך אָננעמען פאַר די רעכט פון די ביאַליסטאָקער יידן ניט צו ווערן „צוזויפגעמישט" מיט די פּויערים פון אַ סך דערפער, כדי צו פאַרלירן דעם איינפלוס און די ראָלע, וואָס עס קומט אונדז אַלס די, וואָס האָבן אַזוי גרויס און רייך געמאַכט די שטאָט ביאַליסטאָק. נו, איז ער, מאָרגענטוי, ווידער געווען קאַלט צום גאַנצן ענין. אַזאַ פּלאַן (קינסטלעך צוזאַמענשטעלן גרויסע וואַל־דיסטריקטן, כדי צו געווינען שטימען, וואָס די אָדער יענע פּאַרטיי וויל קריגן) ווערט אויך פּראַקטיצירט אין אַמעריקע, טאָ וואָס קענט איר, ביאַליסטאָקער יידן, אויסצוזעצן קעגן די פּאַליאַקן? אַזוי האָט ער צו אונדז געטענהט. אָבער ער וועט נאָך ריידן אין די הויכע פענצ־טער, האָט ער אונדז צוגעזאָגט. גראָד אין אַ טאָג אָדער צוויי דאַרף עפּעס פּאָרקומען אַ פייערלעכער באַנקעט (געבורטסטאָג־סעודה, דוכט זיך) ביים ציייטווייליקן רעפּובליק־הויפּט, איגנאַץ פּאַדערעווסקי, און ער מאָרגענטוי וועט דאָרט זיין, וועט ער שוין געדענקען מכוח די עוולות און גזירות קעגן די ביאַליסטאָקער יידן, און אויב מיר וועלן צו אים אין עטלעכע טעג ווידער אַריינקומען, וועט ער שוין עפּעס גענויערס קענען דערציילן.

מיר זיינען ביי אים ווידער געווען אין 2־3 טעג שפּעטער, און דעמאָלט האָט ער אָפן געזאָגט, אַז פּאַדערעווסקי האָט זיין בקשה אָפּגעוואָרפן, און דאָס מיינט ביאַליסטאָק מוז ווערן אַ טייל פון פּוילן. אַגב האָט ער ווידער אַנט־וויקלט זיין טעאָריע, אַז ס'איז ניט קיין גלייכע זאַך פאַר די יידן אין פּוילן, זיי זאָלן ווערן אַ „מלוכה אין אַ מלוכה", עפּעס אַ מין אייגענע מלוכה אויפן פּוילישן באָדן, דאָס מיינט, ער האָט איבערגעחזרט זיין אַלט־באַקאַנטע אַסי־מילאַטאָרישע טעאָריע מכוח דער קולטורעלער און נאַציאָנאַלער אויטאָנאָמיע (זעלבסט־פאַרוואַלטונג) פאַר די פּוילישע יידן.

דאָ איז שוין, פאַר מיר ווייניקסטנס, קלאָר געוואָרן, אַז די גאַנצע „מיסיע" וועט קיין ברעקל נוצן ניט ברענגען, ווייל קיינער פון די 3 אַמערי־

קאַנער שלוחים וויל ניט, קען ניט, פאַרשטיין די וועלט פון די פויליש־יידישע מאַסן, זייערע האָפענונגען און אידעאַלן, און מיר ריידן — אַזוי צו זאָגן — אויף צוויי באַזונדערע שפּראַכן.

קומענדיק צוריק קיין פּאַריז, דעם 11טן סעפּטעמבער, 1919, האָט די מיסיע צוגעשטעלט פּרעזידענט ווילסאָנען אַ באַריכט, אייגנטלעך צוויי באַ־ריכטן. מאָרגענטוי האָט פון זיין נאָמען אָנגעשריבן אַ באַזונדער באַריכט, און דזשאָנסאָן און דזשאַדווין — אַ באַזונדערן. ביידע באַריכטן זיינען געשטאַנען אויף אַן אַסימילאַטאָרישן שטאַנדפּונקט (אַז מ׳דאַרף ניט קיין באַזונדערע שולן פאַר יידישע קינדער א. ד. גל.), און האָבן אָפּן און שאַרף דעם פּוילישן אַנטיסעמיטיזם, דעם גייסט פון אומטאָלעראַנץ און אונטערדריקונג, ניט פאַר־דאַמט. ס׳וועט געזאָגט אין די באַריכטן, אַז ווען פּוילנס עקאָנאָמישע לאַגע וועט זיך פאַרבעסערן, וועט אויך די יידישע לאַגע לייכטער ווערן.

דער באַריכט פון דזשאָנסאָן־דזשאַדווין האָט פּוילן נאָך געשטעלט אין אַ פיל בעסערן ליכט ווי מאָרגענטויס רעפּאָרט. זיי, די 2 ניט־יידישע מיטגלי־דער פון דער מיסיע, שרייבן, אַז די גרויסע צאָל יידישע פּאָגראָם־קרבנות זיינען געפאַלן ניט אין רוסיש־פּוילן, נאָר אין יענע טיילן, וואָס האָבן פריער באַלאַנגט צו עסטרייך און פּרייסן. דאָס האָט, פאַרשטייט זיך, באַזונדערס אויס־געצונגען ביים פּויליש־נאַציאָנאַליסטישן הויפּט־פירער, ראָמאַן דמאָווסקי, אַן אָנהענגער פון דער פאַרהערשאַפט פון רוסיש־פּוילישע קרייזן אין דער נייער פּוילישער מלוכה, און אַ באַוואוסטער שונא־ישׂראל, פירער פון אַן אַנ־טי־יידישן באָיקאָט אין די יאָרן 1909־1913 א. אַז. וו. ביידע באַריכטן האָט פּרעזידענט ווילסאָן אַריינגעשיקט אין סענאַט, וועלכער האָט זיי אָפּגעדרוקט אַלס אַ „יונייטעד סטייטס סענאַט דאָקומענט״.

יענע גאַנצע טראַגי־קאָמעדיע, דאָס אויפבויען פון אַ גרויסע, נאַציאָ־נאַליסטישע פּוילישע מלוכה, וואָס האָט אירע מינדערהייטן פון ערשטן טאָג אָן געדריקט און גערודפט, איז געווען די פאָרשפּיל צו יענער טייוולאָנישער נאַציאָנאַליסטישער און רעאַקציאָנערער שפּיל, וואָס האָט צום צווייטן מאָל אַריינגעשליידערט אייראָפּע און די וועלט אין דעם תהום פון חורבן, אין אַ ים פון בלוט און טרערן, וואָס מיר יידן זיינען, נאָך פיל מער ווי אין דער ערשטער וועלט־מלחמה, אירע גרעסטע קרבנות. אָבער אויך די גאַנצע וועלט האָט באַצאָלט ווידער דעם שווערן, בלוטיקן פּרייז פאַר דעם אומיושר און אונ־טערדריקונג, וואָס זיינען דורות־לאַנג באַגאַנגען געוואָרן פון די מעכטיקע קעגן די שוואַכע און שוצלאָזע מענטשן און פעלקער.

דייטשע יידן אין ביאַליסטאָק בעת דער דייטשער אָקופּאַציע 1916־17

.1

אַ גרויסע צאָל דייטשע יידן זיינען געווען צווישן די סאָלדאַטן און העכערע מיליטערלייט (ניט אָפיצירן, נאָר דאָקטוירים, מאָביליזירטע ציוויל־באַאַמטע, פעלד־ראַבינערס א. אַז. וו.), וואָס זיינען געווען „איינגעקוואַרטירט" (אין פּריוואַטע דירות, מיינט עס) אין דער ביאַליסטאָקער „עטאַפּע" (ווי מ׳האָט געדופן יעדע גרעסערע שטאָט הינטערן קריגס פראָנט). אַ סך פון זיי האָבן געשלאָסן אינטימע פריינדשאַפטן מיט ביאַליסטאָקער משפחות, און פאַלן זיינען נישט געווען גאָנץ זעלטן פון זיך מחתן צו זיין מיט יידישע טעכטער פון ביאַליסטאָק אָדער פון אַרומיקע שטעט און שטעטלעך.

עס זיינען אָבער געווען אויך אַנדערע, ווייניקער פּערמאַנענטע, פאָרמען פון קאָנטאַקט צווישן דער יידישער ביאַליסטאָק און די פירנדיקע פּערזאָנען פון דייטשן יידנטום מיט זיינע פאַרשיידענע שטרעמונגען, פּאַרטייען און אַלער־ליי געזעלשאַפטלעך־פילאַנטראָפּישע אָרגאַניזאַציעס. אַזוינע „געסט פון דייטש־לאַנד", כלל־טוער און באַוועגונגס־פירער, פלעגן קומען טאָקע זעלטן, פון צייט צו צייט, אָבער זיי האָבן מיט זייער קורצן באַזוך אַריינגעטראָגן אַן אַ שיעור מוט און פרייד אין די אַקטיווע געזעלשאַפטלעכע קרייזן פון דער יידישער ביאַליסטאָק. די סיבה איז אַ פּשוטע: די יידן אין ביאַליסטאָק זיינען געווען אָפּגעריסן פון דער גאַנצער יידישער וועלט, קיין יידישע נייס פלעגן נישט אָנקומען, קיין יידישע פּרעסע אין אָקופּירטן געביט האָט נישט עקסיסטירט (די אָפיציעלע צייטונגען, ווי די „ביאַליסטאָקער צייטונג" אָדער די ווילנער אָפיציאָזע „לעצטע נייעס", האָבן קיין שום רייך־יידישע אינפאָרמאַציע נישט געהאַט). דאָס ביסל נייס פון דער בערלינער ציוניסטישער וואָכנשריפט „יידישע רונדשוי", וואָס פלעגט אפילו רעגעלמעסיק קומען צו די ביאַליס־טאָקער אַבאָנענטן, האָט בלויז געהאַט פאַרשפּעטיקטע, שטאַרק צענזורירטע און דייטש־פּאַטריאָטיש קאָלאָרירטע נייס־ידיעות. האָט מען געגאַרט נאָך אַ פּערזענלעכן שמועס מיט דעם אָדער יענעם פון די דייטשע גדולים, וואָס פלעגן אַריינפאָרן מיט אָפענע אָדער געהיימע מיסיעס קיין ביאַליסטאָק, און זיך טרעפן מיט די יידישע עסקנים און „געמיינדע פירער", ביי אָפיציעלע אָדער פּריוואַטע צוזאַמענקונפטן און באַגעגענישן.

עס געדענקט זיך, למשל, אַ באַזוך אין ביאַליסטאָק (אין ווינטער פון 1916־1917) פון באַוואוסטן דייטשן צדקה־טוער און וואָרטפירער, דר. פּאָול נאַטאַן, גענעראַל סעקרעטאַר פון „הילפס־פאַראיין דער דויטשען יודען",

וועלכער האָט געהאַט אַ שליחות פון די אַמעריקאַנישע, האָלענדישע און אַנ־דערע „נייטראַלע" יידישע קיבוצים (ס'איז געווען פאַר אַמעריקעס אַריינ־טריט אין דער מלחמה) צו זען, ווי אַזוי די הילפס־געלטער פאַר „די אָסט־יידישע מלחמה־קרבנות" ווערט פאַרטיילט און פאַרברויכט. אַ העכסט אַסי־מילירטער און „סופער־פאַטריאָטישער" דייטשער ייד, האָט דר. נאַטאַן זיך געהאַלטן גאַנץ קאַלט און טרוקן אין די פאַר טעג, וואָס ער איז געווען אין ביאַליסטאָק, און איז געווען אַרומגערינגלט מיט אַ פאַר „פעלד ראַבינערס" — טיפּישע, פאַרמעלע ביוראָקראַטישע דייטשע יאַהודים, אָן צו פיל „אהבת ישראל" — ווי דר. ראָזענאַק, דר. טינטנער, א. אַנד. למען האמת מוז מען צוגעבן, אַז ס'זיינען אויך געווען אַנדערע צווישן די „ראַבינערס אין יוניפאָרם" — זעלטן וואַרעמע יידן, זייער סימפּאַטישע און הילפס־גרייטע הומאַניטאַרער און טאַקע שטאָלץ־באַוואוסטזיניקע יידן, ווי דער ראַבינער ווילהעלם לעווי, אַ הייסער מזרחי; אַ געוויסער יונגער, זייער פרומער ייד, מיטן פאַמיליען־נאָמען דייטש־לענדער, מיטאַרבעטער פון דעם העכסט־אָרטאָדאָקסישן מאָנאַט זשורנאַל „ישו־רון", וואָס פלעגט דערשיינען אין פראַנקפורט אַם מיין, א. אַנד. די דעלעגאַ־ציעס פון ביאַליסטאָקער צדקה־ און קולטור־אָרגאַניזאַציעס, וואָס האָבן באַזוכט דר. נאַטאַנען און אים צוגעשטעלט בקשות וועגן געלט אָדער מכוח אַנדערע טובות און סגולות, זיינען אַוועק צוריק היפש אַנטוישטע און אָפּהענטיקע, נאָכן ביז גאָר קילן קבלת־פנים, וועלכן דר. פּ. נאַטאַן האָט זיי געגעבן. צוזאַמען מיט אים איז אויך דעמאָלט געווען אין ביאַליסטאָק דער הויפּט־פאַכמאַן פון דער פילאַנטראָפּיע־אַרבעט צווישן די דייטשע יידן, דר. בערנאַרד קאַהן, וואָס איז נאָך דער ערשטער וועלט־מלחמה אַריבערגעגאַנגען אינגאַנצן אין רשות פון „דזשאָינט" און האָט אַ היפּשע צייט פונקציאָנירט אַלס דער הויפּט דירעקטאָר פון דעם „דזשאָינט דיסטריביושאָן קאָמיטע" פאַר און אין אייראָפּע.

אַ ביז גאָר שאַרפן קאָנטראַסט צום אייז־קאַלטן איינדרוק, וואָס מיר ביאַ־ליסטאָקער כלל־טוער, האָבן באַקומען פון „האַרט־פּרייסישן", קאַלטן און אָפּי־ציעל טרוקענעם דר. פּאָול נאַטאַן, האָט פאַרגעשטעלט מיט זיך דער רושם וועלכן עס האָט אויף אונז געמאַכט אַ אָנגעזעענער פאַרטרעטער פון דייטש־יידישן נאַציאָנאַלן לאַגער, ד. ה. פון דער ציוניסטישער באַוועגונג אין דייטש־לאַנד, יוליוס בערגער. ער איז געווען אַן אָפיציעלער „פונקציאָנער" פון דער דייטשער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע, און האָט טאַקע אין די ערשטע אָקו־פּאַציע־יאָרן 1915־1916 — באַרייזט די באַזעצטע געביטן, כדי צו איינשטעלן אַ מער אָדער ווייניקער שטענדיקע פאַרבינדונג צווישן די ציוניסטן און דייטשלאַנד, ד. ה. אין בערלין, מיט די גרעסטע מזרח־יידישע צענטערס, ווי וואַרשע, ביאַליסטאָק, ווילנע, קאָוונע א. אַ. מען האָט מיט אים אָפן און פריי געקענט רעדן וועגן די „פריידן אוןליידן" פון די יידן אונטער דעם אָקופּאַציע־רעזשים, וועגן די יידיש־נאַציאָנאַלע אידעאַלן און די האָפענונגען און אויס־זיכטן פאַר דער נאָך־מלחמה צייט. ער, יוליוס בערגער אַליין, האָט געגעבן אינטימע בילדער־פאָרטרעטן וועגן פירנדיקע יידיש־נאַציאָנאַלע פּערזענ־לעכקייטן, וועגן דער אידעאָלאָגישער שטימונג ביי די דייטשע יידן מיט סימ־

פּאַטיעס און אינטערעס פאַר אַ נאַציאָנאַלער און קולטורעלער יידישער ווידער־געבורט, א. אַז. וו.

פון דעם העכסטן ווערט און גרעסטער באַדייטונג פאַרן גייסטיקן לעבן פון די יידן אין ביאַליסטאָק, זיינען אָבער געווען דווקא יענע דייטשע יידן, געסט אין ביאַליסטאָק, וואָס האָבן פאַראייניקט אין זיך ביידע אויבן־באַשרי־בענע אייגנשאַפטן — אי מער אָדער ווייניקער גרים־תושבים, דויערנדיקע באַזוכער אין ביאַליסטאָק, און גלייכצייטיק אויך ניט סתם יהודים אָדער אַפילו „גוטע דייטשע יידן" (אַלס פרומע, ציוניסטן א. ד. גל.), נאָר טאַקע בולט־אויסגעדריקטע, פּראָמינענט־אַקטיווע יידישע פּערזענלעכקייטן, מיט אַ נאָמען, אַ סטאַזש און גרויסע אויפטוען פאַר די יידיש־נאַציאָנאַלע אידעאַלן און אין די באַוועגונגען, וואָס דינען אָט־די אידעאַלן.

צו אָט־דער באַזונדערס אינטערעסאַנטער קאַטעגאָריע דייטשע באַרימ־טע יידן אין ביאַליסטאָק געהערט, קודם־כל, דער וועלט־באַרימטער דייטש־יידישער מאָלער און גראַפיקער הערמאַן שטרוק, וואָס האָט אין ביאַליסטאָק געוויילט שיינע עטלעכע חדשים און האָט געשלאָסן ניט איין פריינדשאַפט מיט כלל־טוערס און נאַציאָנאַלע עסקנים צווישן די ביאַליסטאָקער יידן.

דעם יונגן שטרוק (זיין פולער יידישער נאָמען איז געווען: חיים־אהרן בן דוד), וואָס איז געבוירן אין 1876 אין אַ פרומער יידישער בערלינער משפחה און באַקומען זיין ערשטע דערציאונג אין אַ זייער אָרטאָדאָקסישן גייסט, האָבן די עלטערן געוואָלט מאַכן פאַר אַ רב. אָבער זיין גאָר גרויסער גראַפישער קונסט־טאַלאַנט האָט פון אים געמאַכט איינעם פון די גרעסטע גראַפיקער־גראַווירער און מאָלער אין דייטשלאַנד. ער האָט פאַרפולקאָמט די דייטשע רייך־קינסטלערישע גראַוויר טעכניק און האָט אויך אַריינגעגעבן אַ געוויסע לירישקייט, ווייכקייט און האַרציקייט אין די לאַנדשאַפטן, פּאָרטרעטן און אילוסטראַציעס צו ביכער, וואָס ער האָט „געשטאָכן", ד. ה. דירעקט גראַווירט, אָן אַ פריערדיקער צייכענונג אויף פּאַפּיר, גלייך פון דער נאַטור אויף מעטאַל־פּלאַטע, וואָס פון איר האָט מען געמאַכט דאַן די געדרוקטע אָפּצוגן.

באַזונדערס האָבן זיך אים איינגעגעבן (פונקט ווי דעם געניאַלן מייסטער פון 17טן יאָרהונדערט, רעמבראַנדט) די קעפּ פון אַלטע יידן, מיט בערד, מיט געדונצלטע שטערנס און מיט טיף פאַרטראַכטע, אין די נשמה־סודות פאַר־טיפטע אויגן, מיט אַ בליק וואָס שטראַלט אַרויס פון זיי און וואו עס שפּיגלט זיך אָפּ חכמה, מענטשלעכער מיטלייד און איינזעעניש פאַר דעם מיט־מענטשן. מיט איין וואָרט אַ סינטעז פון באַשיידנקייט (עניוות), מענטשלעכע ליבע און מענטשלעכע חשיבות, ד. ה. שטאָלצקייט מיטן צלם אלקים, אָבער אָן גאווה און פאַרריסנקייט אין אויסדרוק . . פריצייטיק זיינען שוין באַרימט געוואָרן הערמאַן שטרוקס בילד־פּאָרטרעטן, ווי דער „פוילישער רב", דער „אַלטער ייד" און אַ סך אַנדערע. און צום זעלביקן קלאַס געהערט אויך שטרוקס הערצל פּאָרטרעט (אין פּראָפיל), וואָס איז געוואָרן זייער פּאָפּולער און איז אָפט רעפּראָדוצירט געוואָרן אין פאַרשיידענע לענדער.

גאַנץ פרי איז הערמאַן שטרוק צוגעשטאַנען צו דער ציוניסטישער באַ־

ווענונג, און דערביי נישט געביטן זיינע אָרטאָדאָקסישע יידישע אָנזיכטן. און ווען ס'איז געשאַפן געוואָרן, אין אָנהייב פון 20טן יאָרהונדערט די מזרחי־באַוועגונג, איז דער דייטש־יידישער קינסטלער שטרוק געוואָרן איינער פון אירע הויפּט־גדולים, אַ מענטש מיט אַן אייראָפּעאישן נאָמען און אַן אַלגעמיין רעספּעקטירטער פאַרטרעטער פון יענעם טייל פרומע, טראַדיציאָנעלע יידן, וואָס האָבן קיין שום ווידערשפּרוך נישט געזען צווישן יידישקייט און דעם פּאָליטישן ציוניזם.

ביים אויסברוך פון דער מלחמה, אין 1914, איז שטרוק אַלט געווען 38 יאָר און איז געווען מיליטער פליכטיק. האָט מען אים אָבער געגעבן אַ „ציווילע שטעלע" אין „אָבערבעפעלסהאָבער אָסט" אָמט אין קאָוונע, ד. ה. צו אַרבעטן ביים שעף פון דער פאַרוואַלטונג איבער די ציווילע ענינים אין באַזעצטן געביט (ליטע, קורלאַנד, ווייסרוסלאַנד), וואָס איז געווען ביז אָנהייב 1917 אין קאָוונע, און שפּעטער — אין ביאַליסטאָק. אין 1915־1916 האָט שטרוק אויך געהאַט באַזוכט ביאַליסטאָק אין אָפיציעלער שליחות פון דער „אָבער־אָסט" פאַרוואַלטונג און אויך — ניט זעלטן — וועגן ריין־יידישע אינטערעסן, ספּעציעל ביים אַריבערברענגען געלט, וואָס פלעגט פון אַמע־ריקע און אַנדערע לענדער אָנקומען קיין דייטשלאַנד פאַר די „אומגליקלעכע יידישע גלויבנס ברידער" הינטערן „מזרח־אייראָפּעאישן מלחמה־טעאַטער", ווי ס'האָט געהייסן אָפיציעל דער קריגס־ראַיאָן, אין צענטער פון וועלכן אונדזער ביאַליסטאָקער געגנט איז געלעגן.

אין 1915־1916, דעם ערשטן אָקופּאַציע־יאָר, האָט הערמאַן שטרוק צו־זאַמען מיטן באַרימטן דייטשן דראַמאַטורג און עסייאיסט הערבערט אוילענ־בערג, אַרויסגעלאָזן אַ פיינעם בילדער־אַלבום „סקיצן אויס ליטאַוען, ווייס־רוסלאַנד און קורלאַנד" מיט 60 ליטאָגראַפישע צייכענונגען פון הערמאַן שטרוק, און צו יעדן בילד ווערט געגעבן אַ קורצער באַשרייבנדיקער טעקסט, פאַרפאַסט פון ה. אוילענבערג. אין אַט־דעם אַלבום האָט שטרוק פאַראייביקט אויך אונדזער ביאַליסטאָקער באַרימטן שטאָט־זייגער, צוזאַמען מיט די „ברעמלעך", די אַלטערטימלעכע קראָמען, וואָס זיינען אויסגעבויט געוואָרן אין די 1770ער יאָרן פון דעם ביאַליסטאָקער מלך־חסד, יאַן בראַניצקי.

אין 1916־1917 איז ה. שטרוק שוין געווען אָפיציעל אַ ביאַליסטאָקער „איינוואוינער", ווייל דער זיץ־אָרט פון דער „אָבעראָסט" ציוויל־פאַרוואַלטונג איז אַריבערגעטראָגן געוואָרן פון קאָוונע קיין ביאַליסטאָק. שטרוק פלעגט דאָן אָנהאַלטן אַ נאָענטע פריינדשאַפט מיט די ביאַליסטאָקער ציוניסטישע קרייזן. גראָד יום־כפור 1917 איז אים אויסגעקומען צו זיין אין ביאַליסטאָק. ער האָט דאָן געדאַוונט אין „זאַבלודאָווסקיס כאָר־שול", וואו מען האָט אים צוגעטיילט די גרעסטע רעליגיעזע כיבודים, ווי די „פּתיחה" ביי נעילה א.אז.וו.

נאָך דער מלחמה פון 1914־1918 האָט הערמאַן שטרוק געהאַט אינטע־רעס צו די ביאַליסטאָקער פילאַנטראָפּישע און דערציערישע אינסטיטוציעס, ווי צ. ב. צו שטיצן דעם גרויסן יתומים־הויז, וואָס דער „דאַמען קאָמיטעט" אונטער דער פירערשאַפט פון פרוי ראַשעל ראַבינאָוויטש, האָט אין ביאַליסטאָק געשאַפן בעת דער מלחמה. אויך האָט ער, שטרוק, געהאָלפן דער מזרחי באַ־

וועגונג אין ביאַליסטאָק און אירע פירער ווי הרב הגאון ר׳ דוד פּאַיאַנס זצ״ל א. אַנד. הערמאַן שטרוק איז נאָכן היטלער־איבערקער אין אָנהייב 1930ער עולה געווען קיין ארץ ישראל, און זיך באַזעצט אין חיפה, וואו ער איז קרוב צו 70 יאָר, געשטאָרבן.

צוזאַמען מיט אַנדערע יידישע מיליטערישע באַאַמטע, וואָס האָבן זיך באַזעצט אין ביאַליסטאָק אין 1917, ווען די ציוויל־פּאַרוואַלטונג פון דער דייטשער אָקופּאַציע־מאַכט איז אַריינגעפאָרן צו אונדז אין שטאָט, איז אויך געווען דער יונגער (דעמאָלט) דייטש־יידישער שרייבער אַרנאָלד צווייג. ער איז שוין געווען אָבער זייער גוט באַקאַנט אין דער דייטשער ליטעראַטור, הגם ער איז דעמאָלט אַלט געווען 30 יאָר. מ׳האָט שוין זיין דראַמע־ווערק „ריטואַל־מאָרד אין אונגאַרן״ (אַ דראַמאַטיזאַציע פון טיסא־עסלער בלוט־בלבול פּראָצעס פון פאַר 45 יאָר) געקרוינט מיטן זייער חשובן אין דייטשלאַנד „קלייסט פּרייז״. און שוין פאַר 1914 האָט צווייג געהאַט שטאַרקע סימפּאַטיעס צום ציוניזם, ווי אויך צום מזרח־אייראָפּעאישן יידנטום (אַליין שטאַמט ער פון אַ שטעטל אין דייטש־שלעזיען, וואָס ליגט זייער נאָענט צום גאַליצישן און קאָנגרעס־פּוילישן גרענעץ, לויט דער פּאָליטישער מאַפּע פון פאַר 1919). זיינע באַרירונגען און באַקאַנטשאַפטן מיט די „מזרח־יידן״ אויפן אָרט, באַזונדערס אין די פיין־קינסטלערישע גלגולים, וואָס זיינען פּרעזענטירט געוואָרן דורך דער באַרימטער „ווילנער טרופּע״, וואָס איז דעמאָלט געשאַפן געוואָרן, און וועלכע אַרנאָלד צווייג און אַנדערע פּראָמינענטע דייטשע יידן האָבן געזען שפּילן אין קאָוונע, גראָדנע און ביאַליסטאָק, — האָבן אים, צווייגן, נאָך מער דערנעענטערט און צוגעבונדן צום ליטוויש־רוסישן יידנטום. ער האָט ליב באַקומען דעם יידישן לעבנס־קוק, די מנהגים, פּירונגען און קולטור־ווערטן און האָט דאָס אַלץ שפּעטער ליטעראַריש פּאַראייביקט און אויסגעדריקט אין קינסטלעריש־ראַפינירטער פאָרם. דאָס שפּיגלט זיך אָפּ אין דעם קונסט־אַלבום „דאָס אָסט־יידישע אַנטליץ״ (דער מזרח־אייראָפּעאישער יידישער פּנים), פאַר וועלכן ה. שטרוק האָט געמאַכט אַ סעריע בילדער און דעם טעקסט, אין דער פאָרם פון אַ לאַנגן, גייסטרייכן עסיי, האָט אָנגעשריבן אַרנאָלד צווייג. דאָס בוך איז דערשינען אין בערלין אין 1920, ד. ה., גלייך נאָכן סוף פון דער מלחמה.

נאָך דער מלחמה איז צווייג געוואָרן באַרימט מיט זיין ראָמאַן „סערזשאַנט גרישאַ״. דאָס איז געווען איינער פון די דערפאָלגרייכסטע נאָך־קריגס־צייט ראָמאַנען, ד. ה., די ווערק פון באַדייטנדיקע וואָרט־קינסטלער, וואו די מלחמה ווערט אַרויסגעשטעלט אין איר נאַקעטער ברוטאַליטעט און געמיינקייט.

אין אָט דעם ראָמאַן פיגורירט ביאַליסטאָק אַלס די אַרענע פון אַ סך פּאַסירונגען און מלחמה־צייט געשעענישן. ספּעציעל דאָס שטורמישע לעבן אין „שלאָס״ (פּאַלאַץ) — געוועזענער „אינסטיטוט״, וואוהין ס׳האָט זיך אַריינגעקליבן די „אָבער־אָסט״ פאַרוואַלטונג, ווערט אינטערעסאַנט און פאַראינטריגירנדיק געשילדערט אין צווייגס ראָמאַן. די גרויסע זומערדיקע הוליאַנקעס און מאַסקן־בעלער אין היסטאָרישן „אינסטיטוט־פּאַרק״ אַרום ביאַ־

ליסטאָקער „פּאַלאַץ", ווערן פּרעכטיק געשילדערט. דער לוקסוס פון די שררות וואָס האָבן דאָרט געוווילט אין יענע יאָרן, קלינגט ממש — אין דער באַשרייבונג פון אַזאַ גרויסן וואָרט־קינסטלער ווי א. צווייג, ווי אַ מין דופּלי־קאַציע פון די לעגענדאַרישע פּרעכטיקע פּאַרוויילונגען, וואָס די היסטאָריע פון בראַניצקיס צייטן האָט פאַר אונדז אויפגעהאַלטן.

אויך די באַרימטע „דאַטשעס" אין ביאַליסטאָקער וואַלד „זווערינעץ" ווערן פול און אינטערעסאַנט באַשריבן אין ראָמאַן „סערזשאַנט גרישאַ". הגם ביאַליסטאָק ווערט נישט דערמאָנט ביים נאָמען, קען יעדער, וואָס ווייסט אונדזער אַלטע היימשטאָט, דאָך זייער לייכט דערקענען זי, מיט אירע כאַראַקטעריסטישע געאָגראַפיש־טאָפּאָגראַפישע און קולטור־היסטאָרישע איינ־שאַפּטן און גרונט־סימנים. די צייט וואָס א. צווייג האָט פאַרוויילט אין ביאַ־ליסטאָק האָט אויף אים הפּנים געמאַכט אַ טיפן איינדרוק.

אויך צווייג איז אין די היטלער־צייטן אַפּגעפאָרן קיין ארץ ישראל און זיך באַזעצט אַרום חיפה אויפן הר־הכרמל.

אויף אַזאַ אופן האָבן צוויי פון די פּראָמינענטסטע דייטשע יידן, וואָס האָבן אַ פּאָר קריטישע יאָרן, פון זייער און אונדזער צייט, פאַרבראַכט אין ביאַליסטאָק, וויניקסטנס געהאָלפן צו שטעלן אַן אייביקן, אומצעשטערבאַרן מאָנומענט פאַר דער שטאָט. זיי ביידע, שטרוק און צווייג האָבן פאַראייביקט מיט וואָרט און בילד, כאָטש עטלעכע זייטן פון דעם אַזוי שטאַרק ברויזנדיקן, קאָכיקן יידישן גייסטיקן און מאַטעריעלן לעבן אין דער אַלטער ליבער היימשטאָט פאַר איר אומקום אין די גרוילעכע יאָרן.

2.

די מיליטערישע אָקופּאַציע פון ביאַליסטאָק דורך די דייטשן בעת דער ערשטער וועלט־מלחמה האָט געדויערט כמעט דריי און אַ האַלב יאָר, פון 13טן אויגוסט 1915 ביז סוף נאָוועמבער 1918. אָט דער היפּש לאַנגער פּעריאָד פון אַרום 40 חדשים קען איינגעטיילט ווערן אין צוויי ניט גאַנץ גלייכע העלפטן. אין דער ערשטער העלפט — פון אויגוסט 1915 ביז פעברואַר 1917, אַרום 17 מאָנאַטן — האָט נאָך פאַר גאַנץ ביאַליסטאָק און באַזונדערס פאַר די ביאַליסטאָקער יידן געהערשט פאַרהעלטניסמעסיק אַ ניט צו שווערער רעזשים. מ'האָט געגעבן די יידן אַ גאַנץ באַדייטנדיקע מאָס פון פּאָליטישער און ציווילער פרייהייט, זיי האָבן געקענט אָרגאַניזירן קולטורעלע און עקאָנאָמישע (קאָאָפּעראַטיווע) פאַראיינען און אָרגאַניזאַציעס, און אויך די עקאָנאָמיש־מאַטעריעלע נויט (דער הונגער) האָט זיך ניט געלאָזט זייער שאַרף פילן. די גאַנצע פּאָליטיק פון די דייטשן איז געווען צו געווינען די סימפּאַטיעס פון דער באַפעלקערונג און אָט־די שטימונג אויסצונוצן פאַר די וועלט־פּאָליטישע צילן און כוונות פון דער אימפּעריאַליסטישער בערלינער רעגירונג. דעם 5טן נאָוועמבער 1916 האָבן די דייטשע און עסטרייכישע רעגירונגען אַרויסגעלאָזן אין וואַרשע אַ מאַניפעסט, וואָס האָט פּראָקלאַמירט אַן „אומאָפּהענגיקע פּוילן" — אַלס אַ

שטאַרקע קאַרט קעגן די פּלענער פון די ליבעראַלע קרייזן אין ענגלאַנד און פראַנקרייך, אויך אין אַמעריקע, צו זען אַ פּולן תחית־המתים פּראָצעס פון פוילן נאָך אַ נצחון איבער די דייטשן.

די ביאַליסטאָקער נאַציאָנאַל־אַקטיווע פּוילישע קרייזן האָבן אין יאַנואַר 1917 (ווי ס׳שרייבט ה׳ מאַשטשיצקי אין זיין גרויסן געשיכטע־בוך, „ביאַליס־טאָק״, וואָס דער ביאַליסטאָקער מאַגיסטראַט האָט אַרויסגעלאָזן אין יאָר 1933) געשיקט אַ פּעטיציע צום פּוילישן „נאַציאָנאַל־ראַט״ אין וואַרשע, בעטנדיק מ׳זאָל אויך ביאַליסטאָק מיט איר קרייז „פאַראייניקן צו דער נייער פּוילן״.

איז אָבער אין כמעט דער זעלבער צייט, אין פעברואַר 1917 פאָרגעקומען אַ באַדייטנדע פּאָליטיש־־אַדמיניסטראַטיווע ענדערונג אין דעם גרויסן רוסיש־ליטוויש־פּוילישן געביט, וואָס די דייטשן האָבן געהאַלטן זינט דער צווייטער העלפט פון 1915. די הויפּט־פאַרוואַלטונג איבער אָט־דעם געביט, וואָס האָט געהייסן ביי די דייטשן „אָבערבעפעלסהאָבער־אָסט״ אָדער, פאַרקירצט „אָבער־אָסט״, און האָט זיך געפונען ביז פעברואַר 1917, אין קאָוונע, איז אין יענער צייט אַריבערגעטראָגן געוואָרן קיין ביאַליסטאָק. דער „פּאַלאַץ״ (אינסטיטוט) איז געווען דער הויפּט־יצפּלאַץ פון דער ריזיק־גרויסער ציוויל־מיליטערישער דייטשער פאַרוואַלטונג, און עס זיינען אָנגעקומען קיין ביאַליסטאָק אַ מאַסע פרישע מיליטערישע בעאַמטע און ביוראָקראַטן, וואָס זיינען פריער געזעסן אין קאָוונע און טיילווייז אין ווילנע.

אין דער צייט, ווען די פּאָליאַקן אין ביאַליסטאָק האָבן געטראַכט צו ווערן אַ טייל פון אַ „פריייער״, באַפרייטער פּוילן, האָבן גאָר די דייטשן אַנדערש ניט געקלערט ווי צו מאַכן פון ביאַליסטאָקער געגנט אַ באַזונדערע דייטשע פּראָווינץ — „ניי־אָסטפּרייסן״ אָדער גאָר אַ „הערצאָגטום״, אַ מדינהלע פאַר זיך. מ׳האָט אפילו שוין געגרייט פאַר דעם טראָן פון „ביאַליסטאָקער הערצאָג״ איינעם פון די דייטשע האָהענצאָלערן־פּרינצן, קייזער ווילהעלמס דעם צווייטן אַ זון — אויגוסט־ווילהעלם. ער איז טאַקע סוף 1916 באַשטימט געוואָרן פאַר אַ „קרייז־הויפּטמאַן״ פון ביאַליסטאָק און האָט אין אונדזער שטאָט פאַרבראַכט, אין אָט דעם אַמט, צוויי יאָר צייט. כדאי איז צו דערמאָנען אַז שפּעטער, ביים אויפקום פון דער נאַצי־רעגירונג איז אָט־דער פּרינץ „אַו־ווי״, ווי מ׳האָט אים גערופן אין דייטשלאַנד, געווען דער ערשטער פון אַלע האָהענצאָלערנס צוצושטיין צום היטלער־לאַגער. קען מען שוין פאַרשטיין וואָס פאַר רשע־מרושע אָט־דער דייטשער שררה איז געווען, און וועלכע הארבע לעבנס־באַדינגונגען ער האָט אַרויפגעצוואונגען אויף אַלע שטעטלעך און דערפער אַרום ביאַליסטאָק, וואָס איבער זיי האָט ער געהערשט אין די יאָרן 1917 און 1918!

אַ נייע עפּאָכע האָט זיך אָנגעהויבן אין ביאַליסטאָק אין פעברואַר, 1917, ווען די „אָבער־אָסט״ פאַרוואַלטונג האָט געהאַט איר הויפּט־צענטער אין ריזיק־גרויסן, היסטאָרישן ביאַליסטאָקער „פּאַלאַץ״, און פון דאָרטן געקענט שאַלטן און וואַלטן איבער דעם ריזיקן שטח פון רוסיש־ליטע און פּאָלעסיע, מיט אַ באַפעלקערונג פון הונדערטער טויזנטער יידן. אַ שטרענגער, אַן אייזערנער מיליטערישער רעזשים איז איינגעפירט געוואָרן אין אַלע שטעט און שטעטלעך פון ביאַליסטאָקער אומגעגנט פון אָנהויב 1917 אָן, און די יסורים פון דער

באַפעלקערונג האָבן זיך נאָך פאַרשאַרפט מחמת דעם שווערן הונגער אין דייטשלאַנד, אַלס רעזולטאַט פון דער ענגלישער בלאָקאַדע און אַמעריקעס אַריינטריט אין קריג (אין אַפּריל 1917). די צרות פון די ביאַליסטאָקער יידן און שטרענג־רעפּרעסיווער רעזשים, מיט אַלע זיינע ברוטאַלע, פּרייסיש־אַכזרישע באַליידיקונגען און נגישות, פלעגן ווערן ערגער פון חודש צו חודש. אַזוי האָט עס אָנגעהאַלטן די גאַנצע 22 חדשים ביז דער דייטשער קאַפּיטולאַציע אין נאָוועמבער 1918.

דאָס איז געווען דער צווייטער, דער שווערער, פינצטערער פּעריאָד אין די דריי־פיר יאָר פון ביאַליסטאָקס פאַרשקלאַפונג און אויסראַבירונג אונטער די דייטשן. ווייט, ווייט ניט אַזוי קאַניבאַליש־באַרבאַריש ווי בעת דער צווייטער וועלט־מלחמה אונטער דעם מאָנסטער־אויסוואורף, אַדאָלף היטלער, זיינען אָבער די דייטשן דאָך געווען קנאַפּע פריינט פון דער „פיינדלעכער באַפעלקערונג״, און באַזונדערס פון די יידן. אָבער דווקא זינט אָנהויב 1917, מחמת די אויבן־באַטאַנטע אומשטענדן, איז דער צושטאַנד, דער געפיל פון אונטערדריקונג און רעכטלאָזיקייט, ווי למשל די שווערקייטן ביים אַרומפאָרן פון שטאָט צו שטאָט, צו זוכן שפּייז א. ד. גל. געוואָרן פיינלעכער פון טאָג צו טאָג, בפרט, ווען פון הינטערן גרענעץ (אין רוסלאַנד) פלעגן זיך כסדר דערטראָגן די קלאַנגען פון דער נייער פּאָליטישער און ציווילער פרייהייט — נאָך דער איבערקערעניש אין פּעטראָגראַד אין פעברואַר 1917 און פון די וויטערדיקע שטורמישע גע־שעענישן אין זומער און האַרבסט 1917.

פאַר אונדז, ביאַליסטאָקער יידן, האָט די אַדמיניסטראַטיווע פאַרענדערונג פון פעברואַר 1917, דאָס אַריבערטראָגן די רעזידענץ־שטאָט פון דעם „אָבער־אָסט״ (וואָס איז געווען אַ באַזונדער מלוכה פאַר זיך, מיט אירע אייגענע געלט, „אָסט־מאַרקן״, פּאָסט־סטעמפּס, א. אַ. וו.) פון קאָוונע קיין ביאַליסטאָק, געהאַט נאָר אין איינציקן ליכטיקן פּונקט, אַ ריין־גייסטיקן, אָבער דאָך אַ וויכטיקן און זייער דערפרייענדיקן. צוזאַמען מיט די פילע הונדערטער מיליטער־בעאַמטע פאַר ציווילע ענינים, וועלכע זיינען פריער געזעסן אין קאָוונע, זיינען אַראָפּ־געקומען קיין ביאַליסטאָק אויך עטלעכע זייער פּראָמינענטע יידן, ווי דער באַקאַנטער קינסטלער און ציוניסט־מזרחיסט, הערמאַן שטרוק; דער שרייבער אַרנאָלד צווייג, און נאָך עטלעכע אַנדערע. זייער אָנקום אין ביאַליסטאָק איז גלייך באַקאַנט געוואָרן צווישן דער נאַציאָנאַל־באַוואוסטזיניקער יידישער אינ־טעליגענץ און יוגנט אין ביאַליסטאָק (פאָלקס־שול לערער, סטודענטן און אַנדערע), וועלכע האָבן געמוזט קומען אין באַרירונג מיט דעם דייטשן מילי־טערישן „בירגערמייסטער״ און אַנדערע בעאַמטע. און צווישן אָט־די „דייטשן אין אוניפאָרמס״, האָט עס, בדרך הכלל, אויך ניט געפעלט קיין יידן, הגם דער גאַנץ גרויסער טייל פון די דייטשישע יידישע סאָלדאַטן און רעזערוויסטן האָבן געטאָן „אַקטיוון דינסט״ ד. ה. זיך געשלאָגן אויף די קריגס־פראָנטן אין מזרח (קעגן רוסלאַנד) און אין מערב (קעגן פראַנקרייך, ענגלאַנד און אַמעריקע). דער פּאַטריאָטיזם פון די דייטשע יידן איז דעמאָלט געווען אין לשער.

שוין אין דעם ערשטן פּעריאָד פון דער אָקופּאַציע, ד. ה. אין די יאָרן 1915 און 1916, בעת די דייטשישע מאַכט האָט געלאָזן אַנטוויקלען און האָט אפילו

אַליין אָוואַנסירט אַ ברייטע יידיש־געזעלשאַפטלעכע טעטיקייט, האָבן די ביאַ־ליסטאָקער ציוניסטן איינגעשטעלט אַ קאָנטאַקט מיט יענע מיליטעריש־דיי־טשישע בעאַמטע, ווי די „פעלד־ראַבינערס" און סתם מיליטערישע און ציווילע אָנגעשטעלטע דייטשישע יידן, וואָס האָבן זיך געפונען דויערנדיק אָדער, פאַר־בייפאַרנדיק און באַזוכנדיק די „עטאַפּע" ביאַליסטאָק, ווי ס'האָט געהייסן יעדע גרויסע שטאָט הינטערן פראָנט. קהלשע, באַזונדערס פילאַנטראָפּישע חברות און קערפּערשאַפטן אין ביאַליסטאָק צו יענער צייט, ווי דער באַקאַנטער „דאַמען־פאַראיין", פון וועלכן די פרוי ראַשעל ראַבינאָוויטש, פרוי דאָרא זאַבלודאָווסקי, און אַנדערע זיינען געווען די פירערקעס, האָבן געזוכט און באַקומען די הילף פון אַלערליי יידישע בעאַמטע, ווי ראַבינערס, אָפיצערן א. ד. גל. וואָס פלעגן קומען צו הילף זייערע יידישע „גלויבנס־גענאָסן", מיט ראָט און טאָט. ניט ווייניק הילף איז אָנגעקומען, אויף אַזוינע וועגן, צו די יתומים, צו די אלמנות און סתם פרויען פון די מאָביליזירטע יידישע סאָלדאַטן, פאַר וועלכע דער „פרויען־קאָמיטעט" האָט געטראָגן די זאָרג בעת יענע יאָרן פון מאַסן־נויט, קראַנקהייטן און אַרבעטסלאָזיקייט אין דעם ביאַליסטאָקער יידישן ישוב מיט קרוב 55 טויזנט נפשות.

עטלעכע פון די נאַציאָנאַל־געשטימטע דייטשע יידן, וועלכע האָבן געשפּילט אַ גאָר גרויסע ראָלע אין ביאַליסטאָקער יידישן לעבן אין די יאָרן 1916 ביז 1918 פאַרדינען ברייטער באַשריבן צו ווערן. דאָס זיינען, דאָס רוב, געווען דייטשע ציוניסטן פון עלטערן און אינגערן דור, וועלכע האָבן שוין געהאַט אַ נאָמען און גרויסע פאַרדינסטן פאַר דעם יידיש־נאַציאָנאַלער באַוועגונג.

אָט איז למשל אַזאַ ייד ווי סעמי גראָנעמאַן, אַ באַקאַנטער דייטשער ציוניסט, כמעט שטענדיק אַ דעלעגאַט אויף די ציוניסטישע קאָנגרעסן און אַ טראַדיציאָנעלער פאָרזיצער פון די „שידס־געריכטן" אויפן קאָנגרעס (פון פאַך איז ער געווען אַ גאַנץ פּראָמינענטער אַדוואָקאַט). ער איז געווען אַ זון פון אַ דייטשן „לאַנדעס־ראַבינער" און האָט געהאַט אויך אַ פּערזענלעכע שייכות צו מזרח־יידן (זיין פרוי איז געווען אַ געבוירענע אין רוסלאַנד). אַ קלוגער מענטש ביז גאָר, אַ גרויסער וויצלינג און באַגאַבט מיט אַ פיינעם הומאָריסטיש־ליטעראַרישן טאַלאַנט (ער האָט שפּעטער פאַרפאַסט אַ פּאָר קאָמעדיעס פון יידישן לעבן, וואָס זיינען געשפּילט געוואָרן אין ארץ ישראל פון דער „הבימה" א. אַז. וו.), האָט גראָנעמאַן גאַנץ שנעל פאַרבונדן פריינדשאַפטלעכע באַציאונגען מיט די ציוניסטן אין ביאַליסטאָק, און האָט זייער אַקטיוו און אויפריכטיג זיך פאַראינטערעסירט מיט יידישע קהלשע ענינים. ער איז, צום גליק, פריצייטיק אַוועק פון דער היטלעריסטישער דייטשלאַנד און זיך באַזעצט אין ארץ ישראל. ער מוז איצט מסתם, ווי דורך אַ נעפּל פון גאַנצע תקופות, זיך פון צייט צו צייט אַריבערטראָגן גייסטיק אין יענער פעריאָדע אַריין ווען אַזוי פיל שיינע יידישע האָפנונגען און דערוואַרטונגען זיינען ערשט געווען אין זייער עכטן בלי... קיינער האָט דעמאָלט ניט געטראַכט, אַז אָט דער אינטעליגענטיש־אַקטיווער, נאַציאָנאַל־יידישער אַוואַנגאַרד פון די דייטשישע יידן, וועט, צוזאַמען מיטן גאַנצן יידנטום אין דייטשלאַנד, צעשמעטערט ווערן כמעט אָן אַ שפּור צו לאָזן,

און אַז אויך די אַלטע, איינגעוואָרצלטע יידישע ביאַליסטאָק וועט אָפּגעווישט ווערן אינגאַנצן פון דער ערד...

אַ צווייטער זייער אינטערעסאַנטער און ביז גאָר סימפּאַטישער דייטשער ייד, וואָס האָט מיט ביאַליסטאָק זיך שטאַרק פאַראינטערעסירט און איר יאָרנלאַנג (אויך נאָך דער מלחמה) געהאָלפן, איז געווען האַנז גאָסלאַר. אַ געבוירענער בערלינער מיט אַ יאָר צען־צוועלף יינגער פון גראַנעמאַנען, איז גאָסלאַר, אַ זון פון אַן אַסימילירטער יידישער משפחה, לויטן אויסזען געווען ווייניג ענלעך אויף אַ ייד. ער האָט אָבער געהאַט אַ וואַרימע יידישע האַרץ. געווען אַ פלאַ־קערדיקער ציוניסט און האָט אייפריק און אָפן געזוכט צו שליסן פריינדלעכע קאָנטאַקטן מיט יידישע קרייזן אין ביאַליסטאָק.

כמעט פון אָנהויב אָן, דאָס הייסט זינט סוף 1915 אָדער אָנהויב 1916, איז ער געווען אין ביאַליסטאָק און האָט דאָרט פאַרנומען אַ זייער וויכטיקע ציוויל־מיליטערישע שטעלע: אַ מיטרעדאַקטאָר פון דער אָפיציעלער טעגלעכער צייטונג, וועלכע די דייטשע מאַכט האָט אַרויסגעגעבן. די צייטונג האָט געטראָגן דעם נאָמען „ביאַליסטאָקער צייטונג" און האָט געהאַט צו 6—8 זייטן אין דייטש און 2 זייטן אין יידיש און פויליש (רעדאַקטאָר, בעסער געזאָגט, איבערזעצער פון דער יידישער ביילאַגע, איז געווען אונדזער פסח קאַפּלאַן ע"ה). פון בילדונג און פאַך אַ זשורנאַליסט־עקאָנאָמיסט, האָט האַנז גאָסלאַר זיך, ווייזט אויס, גוט אויסגעטויגט פאַר זיין צייטונגס־מלאכה, און מ'האָט אים לאַנג געלאָזט זיצן אין דער „עטאַפּע", אין ביאַליסטאָק, און ניט געשיקט אויפן פראָנט. איז ער טאַקע געוואָרן גוט באַפריינדעט מיט דער ביאַליסטאָקער יידיש־נאַציאָנאַלער יוגנט, ווי די „צעירי־ציון" קרייזן א. ד. גל. דער שרייבער פון די שורות איז געווען גוט מיט אים באַקאַנט און אָפט מיט אים פאַרבראַכט אין אינטימע שמועסן איבער די יידישע פּראָבלעמען פון די דייטשישע און מזרח־אייראָ־פּעאישע יידן. און אויך אונדזער גוטער פריינד, ברוך ראָזענטאַל, איז געווען דער „דריטער" אין אונדזער פריינטשאַפטס־בונד, מיט דעם ליבן דייטשן יידן, האַנז גאָסלאַר.

דער אינטערעס און די צוגעבונדנקייט צו אונדזער היימשטאָט האָט ה. גאָסלאַר, ווי אויבן דערמאָנט, ניט אָנגעוואָרן אפילו נאָך דער מלחמה. ער פלעגט שאַפן, למשל, געלטער פאַר געוויסע ביאַליסטאָקער צדקה־אינסטיטו־ציעס, פלעגט טאָן טובות ביאַליסטאָקער יידן, וועלכע פלעגן זיך לערנען אָדער פאַר אַנדערע צוועקן קומען קיין דייטשלאַנד א. אַז. וו. איז טאַקע כדאי דאָ איבערצוגעבן בקיצור זיין טראַגישע לעבנס־געשיכטע. נאָך דער מלחמה איז ער צוגעשטאַנען צו דער הערשנדיקער אין פרייסן סאָציאַל־דעמאָקראַטישער פּאַרטיי, און דער לאַנגיאָריקער פרייסישער מיניסטער־פּרעזידענט, אָטאָ בראַון, אַ סאָציאַל־דעמאָקראַט, האָט ה. גאָסלאַרן געמאַכט פאַרן שעף פון זיין פּרעסע־דעפּאַרטמענט, ד. ה. פאַקטיש פּובליסיטי־דירעקטאָר פון דער פרייסישער מלוכה. דערביי האָט ער, גאָסלאַר, באַקומען דעם טיטול „רעגירונגס־ראַט", זייענדיק אפשר ניט עלטער ווי 30־35 יאָר. האָט מען טאַקע דעמאָלט גערעדט אין בערלין אַז ה. גאָסלאַר איז דער יינגסטער „רעגירונגס־ראַט" אין דייטש־לאַנד. זיין געהויבענע שטעלונג אין דער רעגירונג, בעת דעם ווייִמאַרער

רעזשים, האָט אים טאַקע געהאָלפן אויסצואיבן אַ פּראָטעקציע־איינפלוס לטובת ניט ווייניק ביאַליסטאָקער יידן, וועלכע האָבן זיך צו אים געווענדט נאָך הילף שוין נאָך דעם יאָר 1919.

ער איז נאָך היטלערס רעוואָלוציע אין 1933 אַנטלאָפן קיין האָלאַנד און דאָרט האָבן אים די נאַציס געכאַפּט און פאַרשלעפּט אין אַ לאַגער, וואו ער איז געשטאָרבן אין 1943 אָדער 1944. די נאַצישע בעסטיעס האָבן אויך פאַרפייניקט צום טויט, אין אַ לאַגער גאָסלאַרס שווער — דעם באַוואוסטן דייטש־יידישן כלל־טוער, אַדוואָקאַט אַלפרעד קלעע.

אַ דריטער יידישער דייטש, וואָס האָט געלאָזן טיפערע שפּורן אין זכרון פון אַ סך ביאַליסטאָקער יידישע יונגעלייט פון יענער צייט, איז געווען אַ געוויסער בערלינער יונגער ייד, מיטן נאָמען מיטוואָך (אַ קרוב פון באַרימטן סעמיטאַלאָג פּראָפעסאָר מיטוואָך), און אויך אַ ציוניסט. ער איז געווען דער פאַרקויפער אין אַ גרויסער „פעלדבוכהאַנדלונג" (ביכער־געשעפט פאַר סאָלדאַטן), איינע פון די, וואָס די גרויסע דייטשע פאַרלאַגס־פירמע, האָט געעפנט אין אַלע באַזעצטע שטעט.

די בוכהאַנדלונג האָט זיך געפונען אין אַ געוועזענער קראָם אויף נאָווע־ליפּע, ביים ראָג גומיענער, אַנטקעגן דעם רוסישן סאָבאָר (וואו ס'איז אַמאָל געווען דער גרויסער גאַלאַנטעריי־געשעפט צייטלינס), און מען פלעגט דאָרט קענען קויפן די נייעסטע דייטשע ביכער און אויך אויסשרייבן דורך אים יידיש־דייטשע ביכער און אַנדערע געדרוקטע אויסגאַבעס. אַ סך, אַ סך ביאַליסטאָקער וואָס האָבן געהאַט קולטור־אינטערעסן אָדער גלאַט געוואָלט געניסן פון דעם גרויסן שלל „יודאַיקאַ", ד. ה. יידיש־דייטשע ביכער און זשורנאַלן, וואָס דייטשלאַנד פלעגט ביז היטלערן פּראָדוצירן, וועלן זיך מסתמא נאָך דערמאָנען דעם הויכן און שלאַנקן בוכהענדלער, אין אַ יוניפאָרם פון אַ סאָלדאַט, מיטוואָך, וועלכער האָט אויך געהאַט פאַר זיך אַן אָפענע טיר און אַ פריינדלעכע אויפנאָם אין עטלעכע אינטעליגענטע יידישע ביאַליסטאָקער משפחות.

די יידישע ביאַליסטאָק נאָך דער ערשטער וועלט־מלחמה

דאָס יאָר 1919 וועט מיט גאָלדענע אותיות פֿאַרשריבן ווערן אין דער געשיכטע פֿון די ביאַליסטאָקער יידן. עס איז געווען דאָס ערשטע יאָר פֿון דער ערשטער דעמאָקראַטישער קהילה אין ביאַליסטאָק. נאָך עטלעכע וויכטיקע נייע געזעלשאַפֿטלעכע דערשיינונגען האָבן אין יענעם יאָר אַוועקגעלייגט זייער שטעמפּל אויפֿן טעגלעכן לעבנסגאַנג פֿון די צענדליקער טויזנטער יידן אין אונדזער אַלטער היים נאָכן סוף פֿון דער ערשטער וועלט־מלחמה אין נאָוועמבער 1919.

מאַסנווייז פֿלעגן דעמאָלט צוריקקומען פֿון רוסלאַנד די אַנטלאָפֿענע און אָפּגעפֿאָרענע אַלטע תושבים, וואָס האָבן פֿאַרלאָזן ביאַליסטאָק זומער 1915, ערב דעם אַריינמאַרש פֿון די דייטשן, אָדער נאָך פֿריער. די צוריקגעקומענע האָבן געבראַכט מיט זיך דעם גייסט פֿון דער „נייער רוסלאַנד", וואו יידן האָבן גלייך נאָך דער מערץ רעוואָלוציע פֿון 1917 ענערגיש זיך גענומען צו דער רעאָרגאַניזאַציע פֿון קהילה־לעבן אויף דעמאָקראַטיש־פּאַרלאַמענטאַרישע יסודות. „יידישע קולטורעלע אויטאָנאָמיע", „נאַציאָנאַלע זעלבסטבאַשטימונג", „פֿולבאַרעכטיקונג פֿון דער יידישער מינדערהייט" (ד. ה. ניט נאָר גלייכע רעכט מיט אַלע ניט־יידישע בירגער, נאָר אויך פֿולע קאָלעקטיווע רעכט אויף אייגענע שולן מיט יידיש אַלס לערן־שפּראַך, אייגענע אינסטיטוציעס פֿון סאָציאַלער פֿאַרזאָרגונג, מיט סובסידיעס פֿון שטאַטלעכן בודזשעט). דאָס זיינען געווען שפּאָגל־נייע לאָזונגען מיט וועלכע עס האָט געלעבט און געאָטעמט דער גרויסער רוסיש־יידישער קבוץ אין די רעוואָלוציע־יאָרן 1917 און 1918. אָפּקלאַנגען דערפֿון פֿלעגן, נאַטירלעך, זיך דערטראָגן צו די געזעלשאַפֿטלעכע־טוער און פּאָליטישע פּאַרטייען אין דער יידישער ביאַליסטאָק, באַזונדערס נאָכן ברעסט־ליטאָווסקער „שלום" אין אָנהייב 1918, ווען מ׳פֿלעגט אָן גרויסע שוועריקייטן קענען אַריבערפֿאָרן דעם גרענעץ פֿון רוסלאַנד און דעם דייטש־אָקופּירטן געביט.

צווישן די ערשטע צוריקגעקומענע פֿון רוסלאַנד קיין ביאַליסטאָק איז געווען דער יונגער ענערגישער ציוניסטישער עסקן אליהו מונטשיק — אַ באַקאַנטע פֿיגור אין דער „הפּועל הצעיר" באַוועגונג. פֿון ביאַליסטאָק (וואו זיינע עלטערן האָבן געהאַט אַ גוט־באַקאַנטע „קאַפּעיניע" אויף נאָוואָליפּיע אַנטקעגן נייוועלט) איז מונטשיק אַוועק קיין ארץ ישראל נאָך מיט שיינע עטלעכע יאָר פֿאַר דער מלחמה פֿון 1914־1918, אין די צייטן פֿון דער צווייטער עליה, וועלכע האָט אַהין געבראַכט יוסף שפּרינצאַקן, בן־גוריונען און אַנדערע פּראָמינענטע פּירער און בויער פֿון דער איצט אויפֿגעקומענער יידישער מדינה. צוליב פֿאַמיליע־באַזוך איז ער געקומען צייטווייליק קיין ביאַליסטאָק

ערב דער פלוצלונג אויסגעבראָכענער מלחמה און שפּעטער פאַרוואָרפן גע־וואָרן אין צענטראַל־רוסלאַנד, ווי טויזנטער אַנדערע ביאַליסטאָקער איינגע־זעסענע תושבים. ער האָט מיט זיין פאַמיליע (זיין פרוי אסתר, די טאָכטער פון ביאַליסטאָקער באַלעבאָס יוסף־צלאל פינק, איז אויך געווען פון די ער־שטע און געטרייסטע חלוצות וואָס ביאַליסטאָק האָט אַרויסגעגעבן נאָך לאַנג פאַר דער „באַלפור דעקלאַראַציע"), אויפן צוריקוועג פון רוסלאַנד קיין ארץ ישראל, פאַרבראַכט אַן אַנדערטהאַלבן יאָר צייט אין ביאַליסטאָק. איז אים באַשערט געווען צו ווערן דער „טאַטע פון דער ערשטער קהילה־קאָנ־סטיטוציע" פאַר ביאַליסטאָק אויפן שטייגער פון דער נייער רוסלאַנד, וואו ער, מונטשיק, איז שוין געווען אַקטיוו אין יידיש־געזעלשאַפטלעכן לעבן, בעת דעם קערענסקי־רעזשים און שפּעטער, ד. ה„ אין יאָר 1918.

דער „ועד הקהל" פון דער אָקופּאַציע צייט איז אין ביאַליסטאָק נישט געווען פּאָפּולער. די אָפּאָזיציע, באַזונדערס צווישן די אַרבעטער און פּראָ־גרעסיוו־געזעלשאַפטלעכע קרייזן, איז געווען אַ געוואַלדיק שטאַרקע. אַ ביז גאָר לייכטע רעוואָלוציע, דעם 10טן נאָוועמבער, 1918, גלייך אויף מאָרגן נאָך דער בלוטלאָזער רעוואָלוציע אין בערלין, איז שוין געווען גענוג אַראָפּצו־וואַרפן פון זייערע גבאות־בענקלעך אַלע דעה־זאָגער, פירער און די מיט־גלידער פון אומדעמאָקראַטישן 40־קעפּיקן קהלה־ראַט, וואָס האָט פולע 3 יאָר צייט געהערשט איבער דער יידישער ביאַליסטאָק מיטן חסד פון דייטשן „שטאַט־הויפּטמאַן". אַ צייטווייליקער געזעלשאַפטלעכער קאָמיטעט מיט פאַר־שטייער פון אַלע פּאַרטייען האָט איבערגענומען די קהילה־פאַרוואַלטונג און איז גלייך צוגעטראָטן צו דער אויסאַרבעטונג פון אַ וואַל־רעגלאַמענט — אַן אַרבעט וואָס איר הויפּט־חלק איז אָפּגעטאָן פון א. מונטשיק, וועלכער איז גע־ווען גוט באַקאַנט מיטן סדר פון די דעמאָקראַטישע וואַלן צו דער ערשטער רוסישער קאָנסטיטוציע (גרינדונגס־פאַרזאַמלונג), וואָס די באָלשעוויקעס האָבן צעטריבן אין יאַנואַר 1918. האָט די קאָמיסיע טאַקע באַשטימט, אַז די וואַלן צום קהילה־ראַט זאָלן זיין נישט נאָר לויט דער געוויינלעכער „4־קאָנ־טיקער" פאָרמולע (אַלגעמיינע, דירעקטע, גלייכע און געהיימע), נאָר אויך, לויט דער נייסטער פּאַרלאַמענטאַרישער מאָדע, ווי די מערץ 1917 רעוואָלו־ציע האָט עס פּראָקלאַמירט אין רוסלאַנד — פּראָפּאָרציאָנעלע, כדי אַלע פּאַרטייען, די גרויסע ווי די קליינע, זאָלן טאַקע זיין פאַרטראָטן אין דעם נייעם קהילה־ראַט.

די וואַלן זיינען פאָרגעקומען דעם 15טן, 16טן און 17טן דעצעמבער, 1918, און אַלע מענער און פרויען, ניט יינגער פון 18 יאָר, האָבן געקענט קלייבן ראַטמענער צו דער ערשטער דעמאָקראַטישער ביאַליסטאָקער קהילה. אין משך פון אַ פּאָר וואָכן צייט איז געפירט געוואָרן אַ היציקע אַגיטאַציע פון 13 פּאַרטייען. ניט מער ווי 13 טויזנט שטימען זיינען אָפּגעגעבן געוואָרן. דאָס ווייזט, אַז די גאַנצע אינסטיטוציע איז מסתמא געווען צו ניי אָדער די צייט צו קורץ צו קענען פאַראינטערעסירן אַלע דערוואַקסענע יידן צווישן דער אַן ערך 40 טויזנט קעפּיקער יידישער באַפעלקערונג סוף 1918. עס וועט אָבער ניט זיין קיין גוזמא צו זאָגן, אַז גוטע 80 אָדער אַפילו 85 פּראָצענט

פון אַלע שטימבאַרעכטיקטע יידן אין שטאָט זיינען געגאַנגען צום וואַל־קעסטל. מען האָט געדאַרפט אויסקלייבן אַ קהילה־ראַט פון 70 מיטגלידער, און לויט די באַזונדערע פּאַרטייען איז דער צוזאַמענשטעל זיינער געווען אַזוי: בונד — 15, פּרומער בלאָק — 13, ציוניסטן (אַלגעמיינע) — 12, פאַראייניקטע סאָציאַליסטן — 10, צעירי ציון — 5, חסידים — 5, און צו 2 די ווייטערדיקע גרופּירונגען: פּועלי ציון, פאָלקס־פּאַרטיי, דעמאָקראַטישע פּאַרטיי, אומפּאַרטייאישע, און האַנטווערקער. דער קהילה־ראַט האָט אויסגעקליבן אַ קהילה־פּרעזידיום פון 5 — ש. פּוניאַנסקי (פרומער בלאָק), נטע יאַקאָבסאָן (אַלג. ציוניסט), פּסח קאַפּלאַן (פאָלקס־פּאַרטיי), בישקע גדאַנסקי (פאַראייניקטע סאָציאַליסטן), און נח סאָקאָלסקי (בונד). אויך האָט דער ראַט אויסגעקליבן אַן עקזעקוטיוו פון פינף (באַצאָלטע) באַאַמטע — ב. סובאָטניק (פרומער בלאָק), רפאל ליפשיץ (אַלג. ציוניסט), ברוך ראָזנטאַל (צעירי ציון), יעקב פּאַט (פאַראייניג. סאָציאַליסטן), און יעקב וואַקס (בונד).

אין דער נייער קהילה־פאַרוואַלטונג זיינען געשאַפן געוואָרן אַכט אָפּטיילן, ווי פאָלגט: 1) פינאַנצן, 2) סאָציאַלע פאַרזאָרגונג (שפּיטאָל, מושב זקנים, יתומים־הייזער, א. אַז. וו.), 3) רעליגיע, 4) קינדער־שולן, 5) אַפּראָוויזאַציע (פאַרשפּייזונג), 6) מעדיציניש־סאַניטאַרישער, 7) מעטריקאַציע און 8) יורידיש־סטאַטיסטישער *).

די רשימה פון די 8 אָפּטיילונגען ווייזט, וואָס פאַר אַ פילזייטיקע און פאַרצווייגטע טעטיקייט די ערשטע דעמאָקראַטישע קהילה־פאַרוואַלטונג האָט געפירט. איר איינקונפט ביודזשעט פאַרן ערשטן האַלבן יאָר 1919 האָט באַטראָפן אַרום 775 טויזנט מאַרק, אָדער 45 ביז 50 טויזנט דאָלער, וואָס איז לויט די דעמאָלטיקע ביאַליסטאָקער באַגריפן געווען אַ ריזיק גרויסע סומע געלט. און עס דאַרף פאַרצייכנט ווערן לדור דורות, אַז אַ גאַנץ דריטל — 250 טויזנט מאַרק, איז אַריינגעקומען פון דעם ביאַליסטאָקער רעליף קאָמיטעט אין ניו־יאָרק, די אַנדערע פינאַנץ־קוואַלן זיינען געווען: קהילה־שטייערן, פּסחדיקע מעל, אַ קליינע סובסידיע פון שטאָטישער קאַסע (מאַגיסטראַט), און אַנד.

אָט דער פּונקט — די ברייטהאַרציקע, ברידערלעכע שטיצע פון די לאַנדסלייט אין אַמעריקע, ברענגט אונדז צו אַ זייער וויכטיקן געזעלשאַפטלעכן ענין אין דער ביאַליסטאָקער געשיכטע. דעם ערשטן דירעקטן קאָנטאַקט צווישן דער יידישער ביאַליסטאָק און דער לאַנדסמאַנשאַפט אין אַמעריקע, באַזונדערס אין ניו־יאָרק. דער ערשטער דעלעגאַט פון רעליף־קאָמיטעט איז געקומען שוין פּסח־צייט 1919. דאָס איז געווען דער פאַרשטאָרבענער פיל־

---

*) אַלס פאַרוואַלטער פון סטאַטיסטישן ביוראָ פון דער קהילה, האָט דער שרייבער פון די שורות צוגעשטעלט, לויט דער בקשה פון הויפּט־סטאַטיסטישן אַמט פון „דזשאָינט״־אָפיס אין וואַרשע, אין הערבסט 1919, אַ פולע קולטור־עקאָנאָמיש־סטאַטיסטישע באַשרייבונג פון דער יידישער ביאַליסטאָק פאַר פינף יאָר צייט (1914־1919) — אַ ווערק פון אַרום 60 שרייבמאַשין־זייטן. אַלע נעמען, פאַקטן און ציפערן, וועלכע ווערן אין איצטיקן אַרטיקל דערמאָנט, קומען פון אָט־דעם היסטאָריש זייער וויכטיקן דאָקומענט.

יאָריקער טוער לייבל קאָהן — אַ ליבער, זייער פריינדלעכער מענטש, און אמתער „עסקן בצרכי ציבור באמונה". דורך אים האָט דער רעליף־קאָמיטעט געשיקט אַ היפּשע סומע (אַרום 15 טויזנט דאָל.) פאַר דער קהילה פאַר־וואַלטונג; און אַלס געלט פון קרובים אין אַמעריקע צו זייערע משפחות און פריינד אין ביאַליסטאָק — אַן ערך הונדערט טויזנט דאָלער.

אָט די צוויי נייע יידיש־געזעלשאַפטלעכע דערשיינונגען אין ביאַליס־טאָק — די ערשטע דעמאָקראַטישע קהילה־אָרגאַניזאַציע און דער דירעקטער קאָנטאַקט מיט די אַמעריקאַנער יידן בכלל, און מיט דער ביאַליסטאָקער לאַנדסמאַנשאַפט אין אַמעריקע בפרט, האָבן אַריינגעטראָגן אַ נייעם, אַ מין פייערלעך יום־טובדיקן גייסט אין דער ביאַליסטאָקער יידישער געזעלשאַפט־לעכקייט — אין יענעם היסטאָרישן יאָר 1919. עפּעס ענלעכעס איז טאַקע קיינמאָל נאָך ניט געווען אין דער פריערדיקער געשיכטע פון דער יידישער ביאַליסטאָק, און געוויס ניט אין די ווייטערדיקע צוויי־און־צוואַנציק יאָר פון ביאַליסטאָקער קהילה, ביזן גרויליקן חורבן פון אונדזער אַלטער היים אין די אומקום־יאָרן פון דער צווייטער וועלט־מלחמה....

אַ דריטער נייער געהויבענער געזעלשאַפטלעכער פאַקטאָר איז אין יענער צייט געווען די נייע טעגלעכע יידישע צייטונג „דאָס נייע לעבן", וואָס האָט אָנגעהויבן אַרויסצוגיין אין פעברואַר אָדער מערץ 1919, אונטער דער רעדאַקציע פון פסח קאַפּלאַן. צווישן די הויפּט־מיטאַרבעטער אירע זיינען געווען אהרן אלבעק (איינער פון דער גרופּע וואָס האָט פינאַנצירט די אונ־טערנעמונג), משה וויסאָצקי, דער שרייבער פון די שורות, הערש ווידער, און אַנדערע. אמת, דאָס איז ניט געווען די ערשטע ביאַליסטאָקער טעגלעכע צייטונג, אָבער אין זין פון אַ רייכער, פילזייטיקער און דורכאויס פּראָגרעסי־ווער יידישער פּרעסע האָט אונדזער ביאַליסטאָק ביז יענעם עפּאָכע־מאַכנדיקן יאָר 1919 קיינמאָל פאַרט ניט געהאַט קיין גוטן לאָקאַלן צייטונגס־אָרגאַן. איז „דאָס נייע לעבן", קען מען זאָגן, געווען אַ פּראָגרעסיוו־פּיאָנערישער אויפטו פון דער ביאַליסטאָקער יידישער פאָלקס־אינטעליגענץ.

אַז אַזאַ בלאַט איז נייטיק געווען אין יענער צייט, וועט זיין קלאָר פאַר יעדן וואָס טראָגט אין זכרון כאָטש גאַנץ בלאַסע שפּורן פון יענער שטור־רעמדיקער איבערגאַנג־תקופה. אין פּאָליטישן זין איז אַ גאַנצע רעוואָלוציע פאָרגעקומען אין לעבן פון די ביאַליסטאָקער יידן. נאָך 112 יאָר לעבן אונטער דעם רוסישן רעזשים, איז ביאַליסטאָק אַריבערגעגאַנגען צו פּוילן, און גראָד אין אַ צייט ווען פּאָגראָמען און רדיפות אויף יידן פלעגן בושעווען אין כמעט אַלע ווינקלען פון דער ניי־אויפגעריכטער פּוילישער רעפּובליק. עס האָט אויפסניי געקאָכט און געשטורעמט אויפן פּאָליטישן געביט אינעם ערשטן נאָך־מלחמה יאָר אין דער פון שטענדיק אַקטיווער און דרייסטער יידישער ביאַליסטאָק. אַ פּראָטעסט־שטימונג האָט זיך דערוועקט ביי יידישע געזעל־שאַפטלעכע טוער קעגן דער רשעות־פּאָליטיק לגבי די יידן, די הויפּט־בויער פון ביאַליסטאָק, וועמען די נייע פּוילישע מאַכט האָט באַוועלהט אויף שריט און טריט. דער ציוניסטיש־בירגערלעכער טייל פון די יידן אין ביאַליסטאָק האָט אָבער ניט אומפריינדלעך זיך באַצויגן צו דער פּערספּעקטיוו פון פאַר־

אייניקן זיך מיט דער דריי־מיליאָניקער יידישער מאַסע אין אויפגעלעבטן פוילן, וואו די נאַציאָנאַלע יידישע דעפּוטאַטן האָבן שוין געשאַפן אַ פּראַק־ציע אין סיים (פּוילישער פּאַרלאַמענט). צו זיי פלעגן די ביאַליסטאָקער קהילה שיקן זייערע שתדלנים, ווען אַ צרה האָט באַדראָט דעם גייסטיקן אָדער עקאָנאָמישן קיום פון דער ביאַליסטאָקער יידישער באַפעלקערונג. זומער 1919 האָט די פּוילישע רעגירונג פאַראָרדנט דורכצופירן אין ביאַליסטאָק וואַלן צום סיים. פון ציוניסטישן לאַגער זיינען אַרויסגעשטעלט געוואָרן צוויי קאַנדידאַטן: פון אַלגעמיינע ציוניסטן (געפירט אין פוילן פון יצחק גרינבוים) — אַלעקסאַנדער אָלשוואַנגער, און פון די מזרחי־לייט העשל פאַרבשטיין, אַ באַקאַנטער וואַרשעווער סוחר און כלל־טוער. דורכגעגאַנגען איז פאַרב־שטיין, בעת אַ גרויסער טייל פון די ביאַליסטאָקער יידן, דער ראַדיקאַלערער עלעמענט, האָט די וואַלן לחלוטין באָיקאָטירט.

דאָס אַלץ גיט אַ באַגריף ווי דינאַמיש, שטורעמדיק־באַוועגט, איז גע־ווען דאָס יידישע לעבן אין ביאַליסטאָק. אָבער לאַנג האָט אָט דער אויפבלי און אויפבוי ניט אָנגעהאַלטן. אויף די חורבות וואָס די גרויסע מלחמה האָט נאָך זיך געלאָזן האָט זיך צוגעגרייט אַ נייע, קלענערע מלחמה — די פּויליש־סאָוועטישע, וועלכע האָט אין איר קאָכקעסל אַריינגעצויגן אויך ביאַליסטאָק. אַלץ וואָס איז, אין יאָר 1919, פון דער יידישער ביאַליסטאָק געשאַפן אָדער געבויט געוואָרן, איז אין 1920, אויב נישט צעשטערט איז ווייניקסטנס פּאַ־ראַליזירט געוואָרן, אויף לאַנגע וואָכן און חדשים. ערשט נאָכן ריגער שלום פון סוף 1920 האָט זיך אַ נייער פּעריאָד אָנגעהויבן אין דער געשיכטע פון די ביאַליסטאָקער יידן — אַ צייט פון קליינע פריידן און פון גרויסע ליידן פאַר דער יידישער באַפעלקערונג פון ביאַליסטאָק. דאָס איז געווען דער אָנ־הייב פון סוף פון דער יידישער ביאַליסטאָק.

פסח קאַפּלאַן

מיר וואָלטן איצט געדאַרפט אָפּצאָלן, כאָטש אין דער קלענסטער מאָס, אונדזער מאָראַלישן חוב צו אַ חשובן טייל פון די קדושים און מאַרטירער פון אונדזער אַלטער היים.

מיר קענען דאָס טאָן, אַוועקשטעלנדיק גייסטיקע מצבות פאַר די צווישן זיי, וואָס האָבן יאָרנלאַנג, צענדליקער יאָר כסדר, געוועקט און געמינטערט דעם גייסט, דאָס האַרץ און די נשמה פון די ייִדישע מענטשן אין ביאַליסטאָק, זיי דערהויבן און אַנטוויקלט, צוגעגרייט זיי צו אַ שענערן און בעסערן לעבן. דער טראַגישער גורל פון מיליאָנען ברידער און שוועסטער אונדזערע האָט פאַרשניטן פון דער וועלט אָט די „אַנשי־שם", באַקאַנטע און אַפילו באַ־רימטע ביאַליסטאָקער צוגלייך מיט די צענדליקער טויזנטער אומבאַקאַנטע, וואָס זיינען געשטאַנען אונטערן איינפלוס פון אָט די פאָלקס־דערציער און גייסטיקע וועגווייזער. אין אַ צייט פון אַ גרויסן וועלט־שטורעם זיינען זיי, אַלע ווי איינער, אומגעקומען פון דער האַנט פון רוצחים־משחיתים, וואָס האָבן זיך פאַרמאָסטן צו פאַרטיליקן אַלע ייִדן, דווקא ווייל צווישן אונדז ייִדן זיינען די גייסטיקע מענטשן פון שטענדיק געווען מער אין פּראָפּאָרציע צום גאַנצן פאָלק ווי ביי אַנדערע אומות פון דער גרויסער וועלט. דער גייסט, דער כוח פון פאַרשטאַנד און פון מענטשלעכן געפיל, פלעגט כסדר וועקן די ווילדסטע שנאה און די רציחה פון אָט די מערדער. דאַרפן מיר, פון אונדזער זייט, איצט, נאָך דעם המן־היטלערס מפּלה, נאָך מער ווי פריער, שעצן אונדזער דערהויבענע גייסטיקע ירושה; און טאָרן ניט פאַרגעסן די שאַפער און בויער אירע, וואָס האָבן דעם ייִדישן גייסטיקן אוצר דערטראָגן, דורך צענדליקער דורות, ביז דער היינטיקער טראַגיש־פינצטערער און קאַטאַסטראָפאַל־שטו־רעמדיקער צייט.

איינער פון יענע ביאַליסטאָקער גרויסע ייִדישע גייסטער און שאַפער איז געווען דער באַקאַנטער לערער, שרייבער, מוזיקער און כלל־טוער פסח קאַפּלאַן.

געבוירן איז פסח קאַפּלאַן אין יאָר 1870, אין סטאַוויסקי, לאָמזשער גובערניע, און האָט געשטאַמט פון אַ גאָר גרויסן יחוס. זיין פאָטער, בנימין־נח, איז געווען אין יענער שטעטל אַ חזן־שוחט און אַן אור־אייניקל פון ר׳ כתריאל, דעם בעל־קריאה ביים ווילנער גאון. יענעמס אייניקל, און אַ פעטער פון פסח קאַפּלאַן, וואָס האָט אויך געהייסן כתריאל, איז געווען אַ באַ־קאַנטער ביאַליסטאָקער לערער, אַ פירער פון אַ מיידל־שול, און דערביי אַ זייער גאָטספאַרכטיקער, פרומער און דאָך העכסט־געבילדעטער מענטש. יאָרנלאַנג איז ביי אים, אין די קלאַסן־צימערן פון זיין רעגירונגס־שולע פאַר מיידלעך, געפירט געוואָרן אַ מנין, און צענדליקער פון די פיינסטע באַלע־באַטים, מערסטנס עלטערן פון די מיידלעך, וואָס פלעגן גיין צו כתריאל

קאַפּלאַן אין שולע, פלעגן דאַוונען אין יענעם מנין. (אַ זון פון ר׳ כתריאל קאַפּלאַן, נחמיה קאַפּלאַן, האָט אין אַמעריקע אָפּגעלעבט אַ סך יאָרן. ער האָט אָפּגעדרוקט עטלעכע ביכער וועגן מוזיק, תנך א. ד. גל. און איז געווען גוט־באַקאַנט אין דער יידישער קולטור־וועלט. ער איז געשטאָרבן אין ניו־יאָרק מיט עטלעכע יאָר צוריק).

אַריינגעפאַלן אין ביאַליסטאָק איז פסח קאַפּלאַן, אין 1888 ווען ער האָט חתונה געהאַט מיט דער טאָכטער פון אַ באַקאַנטן אין ביאַליסטאָק משכיל און העברעאישן לערער, מנחם־מענדל מערלינסקי, וואָס איז שפּעטער אַריבער־געפאָרן קיין לאָדזש. אַלס בחור האָט פּ. קאַפּלאַן געלערנט אין אַ סך ישיבות און האָט געהאַלטן ביי קריגן סמיכות אויף רבנות, אָבער פריִ האָט ער זיך שוין גענומען צו וועלטלעכער בילדונג, ספּעציעל ווען ער איז (אין 1887) צוזאַמען מיט זיין פאָטער געקומען זיך צו באַזעצן אין וואַרשע, וואו זיין פאָטער איז געווען חזן אין דער באַקאַנטער „רייכמאַנס״ שול.

פסח קאַפּלאַן איז געקומען קיין ביאַליסטאָק צו זיין פעטער, דעם רע־גירונגס־לערער כתריאל קאַפּלאַן, און דאָ, אין ביאַליסטאָק האָט ער זיך געטראָפן און שטאַרק באַפריינדעט מיטן יונגן העברעאישן שרייבער י. דאָ־מאַשעוויצקי (י. בערשאַדסקי). זיי האָבן צוזאַמען געלערנט דייטש און רו־סיש, און שוין אין יענער צייט פלעגט פּ. ק. שרייבן העברעאישע אַרטיקלען (אין „המליץ״ און אַנדערע זשורנאַלן) און שירים. פון דעמאָלט אָן איז פּ. ק. יאָרנלאַנג געווען העברעאישער לערער אין ביאַליסטאָק, אַ שטיקל צייט (ביז 1909) אַלס פירער פון אַ פּריוואַטער מאָדערנער העברעאישער אָנפאַנג־שול פאַר יינגלעך (אַ מין „חדר מתוקן״). דורך די 10־12 יאָר צייט ביז 1904 האָט ער געשריבן און געדרוקט אַ סך העברעאישע מאמרים, לערנביכלעך, און האָט איבערזעצט ביכער פון אייראָפּעאישע שפּראַכן אין העברעאיש. צו יידיש האָט ער זיך אַפילו באַציגן פיינדלעך, פּונקט ווי זיין שווער, מ. מ. מערלינסקי, וואָס איז געווען אַ פאַרביסענער העברעאיסט.

ערשט אין 1904 האָט פּ. ק. אָפּגעדרוקט אין דער פעטערבורגער יידישער צייטונג „טאָג״ אַ פּסח־ליד — „די וועלגערקע״, וואָס איז אים געלונגען אַ סך בעסער ווי זיינע העברעאישע ווערק, און זייט יענער צייט איז ער געוואָרן אַ יידישער שרייבער, אַ מיטאַרבעטער פון „פריינד״, „טאָג״, „היינט״, „מאָ־מענט״, א. אַז. וו. ביסלעכוויז איז שרייבעריי, זשורנאַליסטיק געוואָרן זיין הויפּט־פּרנסה און פּראָפעסיע און ער האָט זיך אינגאַנצן צוריקגעצויגן פון לערעריי.

אַ דריטן טאַלאַנט (חוץ לערעריי און ליטעראַטור) האָט געהאַט פּ. ק. — אַ מוזיקאַלישע באַגאַבונג, וואָס האָט אים אויסגעצייכנט ווי אַ מערקווירדיק טאַלאַנטפולער כאָר־דיריגענט, קאָמפּאָזיטאָר (פאַר געזאַנג), און אַפילו קאַ־פּעלמייסטער פון אָרקעסטער־גרופּעס.

ער האָט אָנגעהויבן זיך לערנען מוזיק ערשט צו 21 יאָר אַלס אויטאָדידאַקט, און האָט דערגרייכט ממש וואונדער אויף אָט דעם געביט. זינט 1907 איז ער געווען כאָר־דיריגענט פון דער זייער פּאָפּולערער אין ביאַ־ליסטאָק געזעלשאַפט „יידישע קונסט״. (אויך סעקרעטאַר פון דער דאָזיקער

געזעלשאַפט). ער איז אויפגעטראָטן מיטן כאָר אין צענדליקער קאָנצערטן און געשאַפן אַ גרויסן רעפּערטואַר פון יידישע און העברעאישע טעקסטן צו קלאַסישער מוזיק. דער רעזולטאַט פון דער דאָזיקער אַרבעט איז געווען זיין „לידער־בוך“, איבערזעצונגען פון לידער מיט מוזיק פון מענדעלסאָן, שו־בערט, שומאַן, ווי אויך אַ פּאָר העברעאישע לידער־ביכער מיט רעליגיעזע פאָלקס־מוזיק (פון מחזור, סידור, אייגענע לידער א. ד. גל.).

ער האָט אויך איבערזעצט אויף יידיש אַ ריי אָפּערעס און אָפּערעטעס, פון וועלכע עס זיינען געווען געדרוקט „דאָרפישע עהרע“, „פּאַיאַצן“, „צי־גיינער־ליבע“ און אַנד.

אָנהייב דייטשער אָקופּאַציע, בעת דער ערשטער וועלט־מלחמה (1914־1918), האָט פּ. ק. אַלס אָנפירער פון יידישע קינדערהיימען אין ביאַליסטאָק, געשאַפן קינדער־לידער, וואָס זיינען שפּעטער דערשינען אין בוך־פאָרם.

אַלס אַ פריינד און פאַרערער פון אונדזער באַקאַנטן ביאַליסטאָקער כאָר־דיריגענט (פון זאַבלודאָווסקיס קאָרשול) יעקב בערמאַן ע״ה, האָט פּ. ק. פיל מיטגעהאָלפן צו פאַראייביקן כאָטש אַ טייל פון די מוזיקאַלישע שאַפונגען פון דעם אומגעהייער־באַגאַבטן מוזיקער־וואָקאַליסט, י. בערמאַן. ער האָט גע־האָלפן אַרויסצוגעבן (אין יאָר 1898) צוויי געזאַנג קאָמפּאָזיציעס י. בערמאַנס „משמר הירדן“ און „עם אחד“. אויך האָט פּ. ק. אין יענער צייט אַרויסגעלאָזן דעם ערשטן העברעאישן לידער־ביכל: „נבל עשור“.

ניט ווייניקער אָריגינעל און פרוכטבאַר, ווי פּ. ק. דער מנגן, דער זעלטן־באַגאַבטער מוזיקער און דיריגענט, איז אויך געווען פּ. ק. דער פּו־בליציסט און רעדאַקטאָר. ערב דער וועלט־מלחמה פון 1914־1918 האָט ער געמאַכט אַ פּרוּוו צו גרינדן אין ביאַליסטאָק אַ וואָכנשריפט — „דאָס ביאַ־ליסטאָקער וואָרט“, וואָס האָט, מחמת דער מלחמה, קיין אריכת ימים ניט געהאַט. אַ צווייטער ביאַליסטאָקער ייד, מ. שיבה, האָט אין יענע יאָרן אויך פּראָבירט גרינדן אַ יידישע טעגלעכע צייטונג — „היינטיקע צייט“, און פּ. ק. האָט געדאַרפט זיין דער הויפּט־מיטאַרבעטער זיינער, אָבער דאָס איז אויך ניט געלונגען. ערשט מיטן סוף פון דער מלחמה, אין 1919, ווען ביאַליסטאָק איז אַריבער צו פּוילן, האָט פּ. ק. געגרינדעט זיין אייגענע טעג־לעכע צייטונג „דאָס נייע לעבן“, וואָס האָט עקסיסטירט כמעט 20 יאָר צייט.

אונטער פּ. קאַפּלאַנס רעדאַקציע איז די דאָזיקע צייטונג געוואָרן פון די בעסטע יידישע פּראָווינץ־צייטונגען אין פּוילן. אין איר האָט ער געשריבן כמעט טאָג־טעגלעך: רעצענזיעס, פעליעטאָנען, אויך בעלעטריסטישע זאַכן א. ז. וו. אונטער פאַרשיידענע פּסעוודאָנימען, ווי חנן, מ. פוקסמאַן, ב. צ־ן, ז. גאָלדשטיין א. אַ.

באַזונדערס אינטערעסאַנט און באַלערנדיק זיינען געווען די יובילייִ־ביילאַגעס, אין פאָרם פון פיינע ביכער־אַלמאַנאַכן, וואָס זיינען דערשינען אין שייכות מיט דעם 10 יעריקן און 20 יעריקן יובילייִ פון „דאָס נייע לעבן“. אין זיי האָט דער רעדאַקטאָר, פּ. ק. אַריינגעבראַכט אַ ים מיט אינטערעסאַנטע אַרטיקלען, זכרונות, בילדער און דאָקומענטן מכח דער געשיכטע פון דער יידישער ביאַליסטאָק, אירע גדולים און וועלט־באַרימטהייטן, וואָס זיינען

אַרויסגעקומען פון ביאַליסטאָק א. ד. גל. פאַרן צוקונפטיקן היסטאָריקער פון די יידן אין ביאַליסטאָק וועט סיי די צייטונג פּ. קאַפּלאַנס, סיי די ביכער־ביילאַגעס זיין אַן אוצר פון ידיעות וועגן דעם אויפקום פון דער ביאַליסטאָקער קהילה, איר וואוקס און אַנטוויקלונג, די ראָלע פון די ביאַליסטאָקער יידן אין דער טעקסטיל און אַנדערע אינדוסטריעס א. אַז. וו.

אַ גרויסן שריפטשטעלערישן, און ניט נאָר זשורנאַליסטישן טאַלאַנט, האָט פאַרמאָגט פּ. ק., באַזונדערס אויפן לירישן געביט, ווי מ׳זעט עס אין זיינע פּרעכטיקע איבערזעצונגען פון תנ״ך — „ביבלישע געזאַנגען״, וואָס זיינען דערשינען (אין אַ ספּעציעלן פאַרלאַג אונטערן נאָמען „פסח קאַפּלאַן שריפטן־קאָמיטעט״) מיט עטלעכע יאָר פאַר דער צווייטער וועלט־מלחמה — אַ ווערק אין 3 טיילן, וואו כמעט דער גאַנצער תנ״ך איז פּרעכטיק איבער־געדיכטעט (ניט נאָר איבערזעצט) אויף אַ זאַפטיקן, לעבעדיקן, מעלאָדישן מאַמע־לשון.

אין יאָר 1935, ווען די גאַנצע יידישע וועלט האָט געפייערט דעם 800־יעריקן יובילעי פון רמב״ם, האָט פּ. ק. אָפּגעדרוקט אַ זייער באַלערנדיקע, פּאָפּולער־וויסנשאַפטלעכע שריפט וועגן דעם גרעסטן יידישן געלערנטן און דענקער אין דער מיטל־עלטער עפּאָכע. ס׳איז אַ בוך איבער 150 זייטן און פאַרדינט געלייענט צו ווערן פון יעדן ייד.

אויך זיינע איבערזעצונגען פון קלאַסישן רוסישן פאַבל־שרייבער קרי־לאָווס משלים, אַרויס אין עטלעכע בענד אין ביאַליסטאָק אין 1921־1922, זיינען אַ מייסטערווערק, וואָס פאַרדינט די גרעסטע אָנערקענונג און פאַר־שפרייטונג.

אויסרעכענען נאָך און נאָך ווערק און טאַלאַנטן זיינע פעלט פּשוט דער פּלאַץ. ער איז, למשל, געווען אויך אַ בן־בית אין דער דראַמאַטישער קונסט, האָט גוט פאַרשטאַנען די בינע און איז געווען שטענדיק פון די הויפּט־עסקנים אין דער דראַמאַטישער סעקציע פון דער ביאַליסטאָקער „יידישע קונסט״. אין 1913, ווען אַ ביאַליסטאָקער העברעאישער לערער, נחום צמח, האָט געגרינ־דעט דעם ערשטן מאָדערנעם העברעאישן טעאַטער אין אייראָפּע — די „הבימה״, איז פּ. ק. געווען נאָענט אויך צו אָט דער וויכטיקער, ממש היס־טאָרישער קולטור־אונטערנעמונג. ער האָט געדינט מיט באַשאַפן אַ רעפּער־טואַר, האָט איבערזעצט אין העברעאיש די פּיעסע פון אַ מאָדערנעם יידישן שרייבער מאַרק אַרנשטיין („השיר הנצחי״), און האָט תמיד גערהאָלפן געפינען צווישן דער ביאַליסטאָקער יוגנט (דערהויפּט פון די אָרעמערע, אַרבעטנדיקע שיכטן) באַגאַבטע יונגע אַמאַטאָרן־אַקטיאָרן, און פון אָט די בחורים און מיידלעך, וואָס זיינען אַדורך די שולע פון דער „יידישער קונסט״ אין ביאַ־ליסטאָק, זיינען אַרויסגעקומען ניט ווייניק שפּעטער באַרימט־געוואָרענע אין דער גאַנצער יידישער וועלט סצענישע קינסטלער (ווי מיס מאַריאַן, מאיר שוואַרץ און שלום שוואַרץ, פּייליט, א. אַנד.).

גאָר גרויס איז געווען דער אויפטו פּ. קאַפּלאַנס אַלס געזעלשאַפטלעך־פּאָליטישער יידישער כלל־טוער אין ביאַליסטאָק פאַר איבער 40 יאָר צייט. זינט דעם 1טן ציוניסטישן קאָנגרעס אין 1897 איז ער געווען אַ הייסער ציוניסט, אָבער

אויפן באַרימטן רוף פון די ציוניסטן־טעריטאָריאַליסטן נאָך דעם דערשיינען פון אוגאַנדע־פּראָיעקט (אין 1903), איז פּ. ק. אַריבער צום טעריטאָריאַליסטישן לאַגער. אין 1905 האָט ער אָפּגעדרוקט אין ווילנע אַ יידישע איבערזעצונג פון דר. עמנואל מאַנדלשטאַמס (פון קיעוו) טעריטאָריאַליסטישער שאַרפער פּאָלע־מישער שריפט — „אַן אָפענער בריוו צו די רוסישע ציוניסטן". אין 1908 איז פּ. ק. געווען אַ דעלעגאַט פון ביאַליסטאָק אויף דער לאָנדאָנער טעריטאָריאַ־ליסטישער קאָנפערענץ. אין 1918, ווען ס'איז אין ביאַליסטאָק און ווילנע אויפ־געקומען די באַוועגונג פון „אידישע פאָלקיסטן", איז פּ. ק. געווען דער גרינדער פון דער „אידישער פאָלקס־פּאַרטיי" אין ביאַליסטאָק, געווען איר פּאָרזיצער און האָט פאַרטראַטן אָט די באַוועגונג אין דער ערשטער „דעמאָקראַטישער אידישער קהילה" אין ביאַליסטאָק אין די יאָרן 1919־1920. ער איז געווען איינער פון די פּראָגרעסיווסטע מיטגלידער פון דעם ערשטן ביאַליסטאָקער „ועד הקהל", גלייך נאָך דער דייטשער אָקופּאַציע פון 1915—1918.

אין 1927 אָדער 1928 איז פּ. ק., צוליב פאַמיליען־אורזאַכן, געקומען צו באַזוך קיין אַמעריקע און האָט פאַרבראַכט אין ניו יאָרק, שיקאַגאָ, דעטראָיט און מאָנטרעאָל אַ 4־5 חדשים צייט. אין די 1920־ער און אין 1930־ער יאָרן איז ער געווען אַ קאָרעספּאָנדענט פון היגן „פאָרווערטס" און פלעגט זיינע זאַכן דרוקן אונטערן פּען־נאָמען „צמח". אויך אין וואַרשעווער „מאָמענט" פלעגט ער קאָרעספּאָנדירן פון ביאַליסטאָק, שרייבנדיק אונטער אַ פּסעוודאָנים ז. ווײנשטיין.

***

מ'קען ווירקלעך זאָגן אויפן פאַרשטאָרבענעם גרויסן ביאַליסטאָקער יידן, אַז דאָס איז געווען אַ „מושלם", אַ מענטש מיט פּיליזייטיקע גייסטיקע פעיִקייטן און באַגאַבונגען. הגם אַ קליינגעוואוקסיקער און ווייט ניט קיין גבור לויטן אויסזען, האָט ער אָבער אין זיך געטראָגן אַן אומאויסשעפּלעכן קוואַל פון גייס־טיקער ענערגיע און אונטערנעמונגס־קראַפט. מ'האָט אים געקענט און געשעצט זייער הויך אין דער גאַנצער יידישער פּוילן, ווייל דאָס איז געווען ניט קיין לאָקאַלער, נאָר אַ מדינה־טוער, אין פולן זין פון וואָרט, אַ בויער און פירער פון קולטורעלע טעטיקייטן אויף אַלע געביטן פון גייסטיקן יידישן לעבן. אין 1927, ווען אין ווילנע איז פאָרגעקומען דער ערשטער אַלפּוילישער צוזאַמענפאָר פון דער יידישער פּראָווינץ־פּרעסע, האָט מען אים אויסגעקליבן אין פּרעזידיום פון דעם דאָזיקן פּרעסע־פאַראיין פון דער פּויליש־יידישער פּראָווינץ. אַלע אין פּוילן האָבן אים געקענט, אַלע האָבן פון אים געהאַלטן, און אַלע האָבן מקנא געווען די יידישע ביאַליסטאָק, וואָס אין איר האָט געלעבט אַזאַ פרוכטבאַרער, אַקטיווער שאַפנדיקער גייסט און כלל־טוער ווי פסח קאַפּלאַן.

ער איז, אמת, געווען ניט קיין געבאָרענער ביאַליסטאָקער, נאָר אַ געוואָ־רענער, אַ צוגעקומענער. אָבער דורך די כמעט 60 יאָר פון זיין לעבן און שאַפן אין ביאַליסטאָק האָט ער, מער ווי וועלכער ס'איז אַנדערער יידישער עסקן, גע־האָלפן צו פאַראייביקן דעם נאָמען פון אונדזער אַלטער, איצט חרובער אָבער אומפאַרגעסלעכער שטאָט, אין גאָלדענעם „ספר הזכרונות" פון די יידן אין פּוילן און ליטע.

מרדכי טענענבוים — העלדישער קאָמענדאַנט פֿון ביאַליסטאָקער געטאָ־אויפֿשטאַנד

1

אַ באמת לעגענדאַרישע, אומשטערבלעכע פיגור פון דעם העראָאישן קאַמף, וואָס די יידישע יוגנט האָט געפירט קעגן דעם רוצחישן דייטש אין די גרויליקע יאָרן 1939־1944, איז געווען דער יונגער, מוטיקער און גייסטיק־באַגאַבטער העלד, מרדכי טענענבוים, זיינע פּאָר לעצטע יאָר האָט ער אינגאַנצן אָפּגעגעבן דער אונטערערדישער יידישער ווידערשטאַנד־באַוועגונג אין פּוילן און ליטע, און האָט אָנגעפירט מיטן לעצטן פאַרצווייפלטן קאַמף פון די יידישע מאַרטירער אין ביאַליסטאָקער געטאָ אין אויגוסט, 1943. אין דער גרויסער ליטעראַטור, וואָס איז שוין אָנגעשריבן געוואָרן וועגן דעם יידישן העלדנטום אין מזרח־אייראָפּע, פאַרנעמט די געשטאַלט פון מרדכי טענענבוים־טאַמאַראָוו (דאָס איז געווען זיין אָנגענומענער נאָמען אין קאָנספּיראַטיוון אונ־טערגרונט) איינעם פון די סאַמע אָנגעזעענסטע, און אפשר דעם פּראָמינענטסטן, גלאָררייכסטן אָרט.

יעדער, וואָס וועט זיך באַקענען מיט זיין קורצער לעבנסגעשיכטע, וועט אויך פאַרשטיין די געוואַגטע מעטאָדן און וועגן, די ראַנגלענישן, די גבורה און די המצאות און שלייכוועגן, אויף וועלכע די יונגע יידישע העלדן האָבן זיך אַוועקגעלאָזן פון יענעם טאָג אָן, ווען די דייטשן האָבן אָנגעהויבן אויס־צומאָרדן די יידן. דער יונגער יידישער דור האָט דערויף געענטפערט מיט אַ פאַרטיידיקונגס־קאַמף, שאַפנדיק די יידישע קאַמף־אָרגאַניזאַציע.

מיטן אַריינמאַרש פון די דייטשן אין די געביטן אויף מזרח־זייט פון דעם טייך בוג, ווי ביאַליסטאָק, בריסק, גראָדנע, ווילנע, א. אַנד. ד. ה., פון 21טן יוני 1941 אָן, האָט זיך אָנגעהויבן אַ ניי קאַפּיטל אין דער געשיכטע פון די יידן אונטער דער דייטשער אָקופּאַציע — די פולשטענדיקע פאַרניכטונג פון די יידישע ישובים. אָנגעהויבן האָט עס זיך פון ווילנע און ווילנער געגנט. צענדליקער טויזנטער יידן זיינען דערשאָסן געוואָרן אין די פּאָנאַרער וועלדער לעבן ווילנע. אָבער כל זמן זיי, די יידן אין ווילנע, האָבן געלעבט, האָבן זיי נישט געוואוסט, אַז פּאָנאַר באַדייט — טויט. אין ביאַליסטאָק, וואַרשע, אַפילו גראָדנע, וואָס איז גאַנץ נאָענט צו ווילנע, האָט מען נאָך ניט געוואוסט און ניט געוואָלט גלויבן, אַז די היטלעריסטן, אַלס בעסטיעס אין מענטשן־געשטאַלט, האָבן גענומען מאַסנוויַיז אויסראָטן אַלע יידן — מענער, פרויען און קינדער.

די יידן אין „גענעראַל־גאָווערנמענט" (געוועזענע „רוסיש־פּוילן" און־

טערן צאַריזם) זיינען שוין דעמאָלט אַרום אַ יאָר צייט געווען כמעט הערמעטיש איינגעשלאָסן אין די געטאָס (מ׳האָט זיי איינגעפּירט אין וואַרשע, לאָדזש, א. א. אָנהייב האַרבסט 1940). פאַרבינדערס צווישן די געטאָס זיינען געווען שמוגלער און שליחים פון די אומלעגאַלע יידישע פרייהייט־אָרגאַניזאַציעס — ווי „חלוצים" און אַנדערע יונג־ציוניסטישע עלעמענטן. די באַקומענע ידיעות זיינען פאַרשפּרייט געוואָרן דורך דער אונטערערדישער פּרעסע, אָבער דאָס וואָס איז פאַרגעקומען אין די צפון־פּראָווינצן איז געווען לחלוטין אומבאַקאַנט. סוף אָקטאָבער האָט דער וואַרשעווער „החלוץ־פאַרבאַנד" אַרויסגעשיקט אַ שליח (אַ קריסט) מיטן צוועק אָנצובינדן באַציאונגען מיט דער באַוועגונג אין ביאַ־ליסטאָקער און וואַרשעווער געגענטן און אין דער ליטע. אינמיטן נאָוועמבער איז דער שליח צוריקגעקומען מיט אַן אומגלויבלעכער ידיעה — אַז די דייטשן מאָרדן אויס אַלע יידן, און אַז צענדליקער טויזנטער זיינען שוין אומגעקומען. אַ ביסל שפּעטער איז אָנגעקומען פון ווילנע קיין וואַרשע אַ יוגנט דעלעגאַציע, צווישן וועלכער איז געווען די ביאַליסטאָקער העלדישע מיידל, חייקע גראָסמאַן, און צווישן אַ צאָל בחורים אויך מרדכי טענענבוים (אַ וואַרשעווער געבוי־רענער), וואָס זיינען אַלע געקומען קיין וואַרשע אויסצוזאָגן די שרעקלעכע ידיעה וועגן מאַסן־אומקום פון די ווילנער יידן און צו באַקומען געלט און געווער פאַר אַ ווידערשטאַנד־קאַמף.

די פאַרשטייער פון „החלוץ" אין וואַרשע האָבן געהאַלטן, אַז די פאַר־ניכטונג פון די ווילנער יידן איז דער אָנהייב פון דער ליקווידאַציע פונעם פּוילישן יידנטום, און אַז מ׳דאַרף זיך צוגרייטן צו אַן אַקטיווער פאַרטיידיקונג. עטלעכע אַקטיווע וואַרשעווער טוער זיינען אָבער געווען מיט אַן אַנדער מיינונג. זיי האָבן געטענהט, אַז די דאָרטיקע דייטשישע פאַרניכטונג אַרבעט איז אַ נקמה־אַקט לגבי די יידן פון די געביטן, ווי ביאַליסטאָק און אַנדערע, וואָס זיינען פריער געווען פאַרנומען דורך די סאָוועטן, בעת „וואַרשע ליגט אין סאַמע האַרצן פון אייראָפּע", און אַז אין „גענעראַל־גאָווערנמענט" קען אַזעלכעס נישט געשען.

דער „החלוץ" איז נישט מסכים געווען מיט אַזאַ אָפּשאַצונג פון דער לאַגע, און ער איז צוגעטראָטן צו אָרגאַניזירן קאַמף־אָפּטיילונגען מיטן לאָ־זונג: „מיר וועלן זיך ניט לאָזן פירן צו דער שחיטה ווי שאָף". צווישן די גרינדער פון אָט־די גרופּן איז אויך געווען דער וואַרשעווער „החלוץ" טוער, מרדכי טענענבוים. ווי־זשע איז ער אַריינגעפאַלן אין ווילנע און איז דאָרט גע־וואָרן איינער פון די אָנגעזעענסטע, מוטיקסטע קעמפער פון ערשטן טאָג אָן ווי די דייטשן האָבן זיך גענומען צו זייערע מאַסן־מאָרד „אַקציעס" קעגן יידן? כדי דאָס אויפצוקלערן, מוז מען זיך באַקענען מיט דער מערקווירדיק־אינטערעסאַנטער לעבנס־געשיכטע פון יונגן מרדכי טענענבוים.

2

געבוירן אין וואַרשע (פּורים 1916), איז מרדכי געווען דער זון פון אַן אַדמיניסטראַטאָר פון וואוין־הייזער און זייער דירה איז געווען אויף לעשנע 27. מרדכי איז געווען איינער פון די אינטעליגענטסטע שילער אין דער שול,

הגם ער האָט זיך גאָר שווער צוגעפּאַסט צו דער שול־דיסציפּלין, ער האָט גאָר אַ סך געלייענט אויף וויסנשאַפט־געביטן: געשיכטע, ספּעציעל יידישע געשיכטע און געשיכטע פון נאָענטן מזרח, עקאָנאָמיע, סאָציאָלאָגיע, נאַטור, ליטעראַטור און אַפילו אַסטראָנאָמיע. אין דער יוגנט איז מרדכי אַ געוויסע צייט געווען — חבר אין „הנוער הציוני". אין יאָר 1935 איז ער אַריינגעטראָטן אין דער יוגנט־גרופּע „פרייהייט", און אין אַ האַלב יאָר צייט האָט דער 19־יאָריקער שוין איבערגענומען די דערציאונג־גרופּע „נאַטור" פון געענדיקטע תלמידים פון די פאָלקס־שולן, — און זי מוסטערהאַפט אָנגעפירט. מיט אַ קורצער צייט שפּעטער איז ער שוין געווען מיטגליד פונעם ראַט פאַרן יונגן שיכט און איז דאָרט געווען זייער אַקטיוו. אין 1937 איז ער, צוזאַמען מיט זיין גרופּע, אַרויסגעפאָרן אויף הכשרה (צוגרייטונג פאַר אַ חלוצישער עמיגראַציע קיין ישראל), אין אַ באַראַנאָוויטשער קיבוץ. די באַוועגונג האָט אים אין 1938 אַריבערגעפירט קיין וואַרשע, אַלס מיטגליד פון דער קולטור־און דערציאונג־אַרבעט ביי דער החלוץ־צענטראַלע — דער יינגסטער חבר אין מרכז (צענטראַלע פאַרוואַלטונג).

זיינע לימודים אין אינסטיטוט פון אָריענטאַלישע וויסנשאַפטן ביים וואַרשעווער אוניווערסיטעט האָבן איינגעקריצט אין אים געוויסע אייגנאַרטיקע שטריכן: ער האָט ליב באַקומען דעם מזרחדיקן נוסח, זיינע מנהגים און קליידונג, זיין אופן ריידן און לעבנסשטייגער, און אין דעם גייסט האָט ער אויך משפּיע געווען זיין דערציאונג־גרופּע. אָפט פלעגט ער זאָגן, אַז אָנקומענדיק קיין ארץ ישראל, וועט ער אויף אַ געוויסער צייט זיך באַזעצן אין אַן אַראַבישן דאָרף. נאָך אַלס אַ קליינער ייִנגל, האָט ער געחלומט צו זיין אַ פּאַסטוך אין ארץ ישראל.

ביים מלחמה־אויסברוך אין 1939 האָט ער מיט די חברים פאַרלאָזט וואַרשע, צוזאַמען מיט זיין בחורה, טעמע שניידערמאַן (שפּעטער איינע פון די העלדישסטע טוערקעס אין אונטערגרונט אין 1941־1943). און נאָך לאַנגע וואַנדערונגען, אָנגעקומען קיין קאָוועל און וואָלין און דערנאָך קיין ווילנע. בשעת די וואַנדערונגען, אין אָנבליק פון טויט־געפאַר און אינעם אַקטיוון ווידערשטאַנד, האָבן זיך אַנטפּלעקט זיין גאַנצע אַרבעטספעאיקייט און פּראַקטישע איניציאַטיוו. אין ווילנע, וואו ס'האָבן זיך קאָנצענטרירט ביי צוויי טויזנט חלוצים־מיטגלידער פון פּוילן, איז ער געשטאַנען אין דער שפּיץ פון דער גאַנצער טעטיקייט און איז געווען איר לעבעדיקער גייסט. ער איז געווען צווישן די אָרגאַניזאַטאָרן פון אַ ספּעציעלן סעמינאַר פאַר די עסקנים פון דער באַוועגונג מיטן צוועק זיי צוצוגרייטן צו אונטערערדישער אַרבעט. אין יענער תקופה איז ער זייער אַ סך אַרומגעפאָרן און אַריבערגעפירט געלטער פון ווילנע אין אַנדערע אָקופּאַציע־געביטן, אונטער דער סאָוועטישער אָדער נאַצישער הערשאַפט. אָפט פלעגט ער גנבענען די גרענעץ און אַרויסלאָזן זיך אין געפערלעכע וועגן, כדי אויפצוהאַלטן דעם קאָנטאַקט צווישן די צענטראַלע אָרגאַניזאַציעס פון דער באַוועגונג אין פאַרשיידענע אָקופּאַציע־געביטן, ווי ווילנע, ביאַליסטאָק, פּינסק, א. אַז. וו. דאָס איז אין יענער צייט געווען איינע פון די וויכטיקסטע אויפגאַבן.

אין דער תקופה פון נאַציישן אָנפאַל אויף רוסלאַנד האָט מרדכי גע־ווידמעט אַ סך ענערגיע לטובת די חברים אין ווילנער ראַיאָן פאַר זייער עליה קיין ארץ ישראל, סיי אויף לאַנגע וועגן — דורך יאַפּאַן, און סיי אויך אויף אַנדערע וועגן. ער האָט אָנגעקניפּט באַציאונגען, דערפונדן המצאות, אויס־געאַרבעט פּלענער, אָרגאַניזירט און אַליין זיי דורכגעפירט. אַ סך פון די דעמאָלט געראַטעוועטע זיינען ניצול געוואָרן אַדאַנק זיינע אָנשטרענגונגען. אָפט פלעגט אים אויסקומען צו לייזן שווערע פּראָבלעמען: אַזוי, למשל, איז דאָס אָננעמען די סאָוועטישע בירגערשאַפט געווען אַ באַקוועמע און אָנ־ציענדיקע זאַך, אָבער דאָס וואָלט פּאַקטיש באַדייט אָפּזאָגן זיך פון עליה־מעגלעכקייטן קיין ארץ ישראל. האָט ער עס געדאַרפט אויפקלערן די חברים און זיי דאָס אויפווייזן. אָדער אַזאַ מין פאַל: דער קיבוץ איז פאַנאַנדערגע־לאָזט געוואָרן, און מ׳האָט געדאַרפט די חברים איינאָרדענען אין אַנדערע ערטער. האָט ער זיך דעמאָלט מיט דעם פאַרנומען. אָדער: ליטע איז איינגע־שלאָסן געוואָרן אין ראַטן־פאַרבאַנד (סאָוועט רוסלאַנד) און די יידישע קאָ־מוניסטן האָבן באַשלאָסן צו פאַרוואַנדלען די חלוצישע פאַרם אין וואָלאָקומ־פּיע ביי ווילנע אין אַ מוסטער קאָלכאָז פאַר די אַרומיקע פּויערים. צו דעם צוועק האָבן זיי אַרויסגעשיקט אַגענטן, וועלכע האָבן געלאָזט באַווירקן די חלוצים און אָפּרייסן זיי פון ארץ ישראל אידעאַל. דאַן איז מרדכי אַרויס־געטראָטן אין נאָמען פון „החלוץ״, אין דער דיסקוסיע מיט זיי, וועלכע האָט געדויערט פיר טעג און נעכט, און זיין אַרויסטריט איז געווען נישט קיין זעלבסטפאַרטיידיקונג, נאָר אַן אָנגריף פון אַ מאָנער פון רעכט פאַרן יידישן פאָלק צו אַ פריי לעבן אין זיין היימלאַנד. די חברים האָבן מיט מורא נאָכ־געפאָלגט יענעם געראַנגל, אָבער אַן אומגעהייערע באַפרידיקונג האָבן זיי געהאַט, זעענדיק דערנאָך, אַז די קאָמוניסטן פאַרלאָזן די פאַרם, ווייל זיי האָבן זיך מיאש געווען אין אַ מעגלעכקייט איבערצוציען די חלוצים אויף זייער זייט, ד. ה., אויפן צד פון סאָוועט־רוסלאַנד.

אין ווילנע איז ער געווען איינער פון די איניציאַטאָרן, אַרויסגעבער, און פאַרשפּרייטער פון אַן אונטערערדישער חלוצישער צייטונג, און דער הויפּט־אָרגאַניזאַטאָר פון דער עמיגראַציע קיין ארץ־ישראל פון ווילנע אין קריגס־צייט.

3

פּילפּאַך איז געשטיגן מרדכיס אַקטיוויטעט און זאָרג, ווען ווילנע איז אָקופּירט געוואָרן (אָנהויב יולי 1941) דורך די דייטשן און ס׳איז געשאַפן גע־וואָרן די געטאָ. מען האָט געדאַרפט אויסבאַהאַלטן חברים און אויסגעפינען פאַר זיי שוצערטער, מען האָט געדאַרפט איינשטעלן און אויפהאַלטן אַ קאָנ־טאַקט צווישן דער געטאָ און דעם אַרישן (ניט־יידישן) טייל שטאָט — און מרדכי איז אין אַלע ענינים געווען אַקטיוו טעטיק. גרופּעס חברים זיינען פון ווילנע אַריבערגעפירט געוואָרן קיין ביאַליסטאָק און ער פלעגט באַגלייטן יעדע גרופּע פון וועלכער פּאַרטיי־ריכטונג אָדער באַוועגונג זי זאָל

ניט זיין. דערביי האָט אים גאָר אַ סך מיטגעהאָלפן דער דייטשער פעלדפעבל און מיליטערישער שאָפער אַנטאָן שמידט *).

אין ווילנע און שפּעטער אין וואַרשע האָט מרדכי געהאַט אַ פּאַספּאָרט פון אַ קאַראַאימער און אויך אָנגענומען אַ קאַראַאימישן נאָמען — טאַמאַראָוו.

אויב אַ מענטש מיט אַ שאַרף־אויסגעדריקטן יידישן אויסזען פלעגט מוזן פאָרן מיט דער באַן פון איין געטאָ אין אַ צווייטן, וואו זיין ספּעציעלע פעאיקייט האָט זיך געפאָדערט, איז אַזאַ איינער פשוט געווען געצוואונגען איינצושטעלן זיין לעבן. (מיידלעך און פרויען פלעגן לייכטער זיך קענען פאַרשטעלן פאַר „אריער״, ד. ה., ניט־יידן). מרדכי טענענבוים, דער שפּעטערדיקער קאָמענדאַנט פון ביאַליסטאָקער געטאָ־אויפשטאַנד, האָט געדאַרפט מאַכן אָפטע רייזעס, היןאון צוריק, צווישן ווילנער און ביאַליסטאָקער געטאָס. ער האָט ביי זיך טאַקע געהאַט געפעלשטע פּאַפּירן פון אַ קאַראַאימער (צומאָל אויך פון אַ טאָטער), אָבער זיין יידישער פּנים האָט געמוזט ציען צו זיך די שאַרפסטע אויפמערקזאַמקייט. אין באַן־וואַגאָן איז ער געזעסן און זיך טיף פאַרטאָן אין לייענען די הויפּט־נאַצישע צייטונג „פעלקישער באָאָבאַכטער״, אָבער דאָס האָט נישט אָפּגעהאַלטן אייניקע פּאָליאַקן, וואָס זיינען געזעסן אויף איין באַנק מיט אים, זיך צו נעמען שעפּטשען צווישן זיך, אַז דאָ זיצט לעבן זיי אַ ייד. ער האָט זיך געמאַכט ניט הערנדיק און האָט זיין לייענען די טיזוולאָנישע צייטונג נישט איבערגעריסן. דורך צופאַל אָדער אַדאַנק זיינע שטאַרקע נערוון, איז ער דערפאָרן צו זיין ציל אָן דער שוידערלעכער, כמעט אינקוויזיטאָרישער, קערפּערלעכער אונטערזוכונג צו אויסגעפינען צי ער איז אַ ייד.

שפּעטער האָט מרדכי זיך אַריינגעוואָרפן אין דער אַרבעט מחוץ די געטאָס (צו קריגן געווער א. אַז. וו.) און זיך אומעטום אַרויסגעשטעלט פאַר אַ טאָטער אָדער קאַראַאימער (זיי פלעגן פון די נאַציס נישט גערודפט ווערן). לויט זיינע פּאַפּירן איז ער געווען אַן „אמתער״ ניט־ייד, אָבער אַז די נאַצי־רוצחים האָבן אים געפרעגט „צי קענט איר באַווייזן, אַז איר זייט טאַקע אַ טאָטער און ניט גאָר קיין „רוסע״ (טאַמאַראָוו איז אויך אַ פאַרשפּרייטער נאָמען ביי רוסן), פלעגט ער גלייך מוטיק און זיכער ענטפערן: „געוויס. אויב איך וואָלט ניט געווען קיין מחמדאַנער, וואָלט איך דאָך ניט געווען זיין אַ געמלטער״. מען האָט אים טאַקע ארויסגעגעבן די נייטיקע „אַרבעטס־פּאַפּירן״, און ער האָט פריי געקענט זיך באַוועגן מחוץ די געטאָ־ווענט, די־

---

*) דאָס איז געווען אַ 40־יאָריקער ווינער סאָציאַל־דעמאָקראַט — פון די יחידים צווישן די מיליאָנען דייטשן, וועלכער האָט מיט טרייקייט און מיט האַרץ מיטגעאַרבעט מיט דעם יידישן אונטערגרונט, און זיך קאַטעגאָריש אָפּגעזאָגט צו נעמען פאַר זיך וועלכע ס׳איז באַלוינונג אָדער אפילו נאָר די קלענסטע מתנה. ער האָט געשטעלט אין טויט־געפאַר זיין לעבן יעדע שעה און האָט אויך אויסבאַהאַלטן ביי זיך אַקטיווע יידישע חברים. פאַר אָט־דער טרייקייט האָט ער באַצאָלט מיט זיין לעבן. מען רעכנט אַז ס׳איז געווען אַ מסירה. די געסטאַפּאָ האָט אים אין אַ געוויסן טאָג גענומען און נאָך דעם זעלביקן טאָג דערמאָרדעט.

נענדיק אַלס פאַרבינדונגס־מאַן פאַרן גאַנצן יידישן אונטערגרונד פון ליטע און אַ טייל פוילן.

אָנהייב 1942 קומט מרדכי קיין וואַרשע מיט דער ווילנער דעלעגאַציע, וועלכע האָט געבראַכט די וואָרנונג פון די נאַצישע מערדערייען — חברים פון „החלוץ" פאַרהאַלטן מרדכין אין וואַרשע און אים ווערט איבערגעגעבן די לייטונג פון יינגערן אַקטיוו. מען האָט אויך אָנגעהויבן אַרויסצוגעבן די וועכנטלעכע „ידיעות" מיט זיין ענערגישסטער מיטאַרבעט. אַ געווויסע צייט דרוקט מען די צייטונג אין דער ענגער דירה פון זיין מאַמע אויף לעשנע 27. ער איז שפּעטער בייגעווען דעם גרויסן גירוש פון וואַרשעווער געטאָ — אין יולי־סעפּטעמבער 1942. דאַן איז אויך געחתמעט געוואָרן דער גורל פון זיין מאַמע, וועלכע איז אַרויסגעשיקט געוואָרן קיין טרעבלינקע. טראָץ דעם ברענענדיקן שמערץ פון דעם אומגליק, האָט ער פיבערהאַפט פאַרגעזעצט זיין אונטערערד־אַרבעט. דערהויפּט פלעגט ער זיך אָפּגעבן מיט צוגרייטן פילע טויזנטער געפעלשטע דייטשישע פּאַפּירן וועלכע באַפרייען פון גירוש. ער איז אין יענער צייט אויך אַרויסגעפאָרן קיין קראָקע מיטהעלפן אָרגאַניזירן אַ באַוואָפנטן אַרויסטריט, אָבער איז באַלד צוריקגעקומען קיין וואַרשע צו פאַרהאַנדלען, אין נאָמען פון דער יידישער קאַמף־אָרגאַניזאַציע, מיט די פאָרשטייער פון דער ציווילער און מיליטערישער פוילישער מאַכט אין לאָנדאָן („וואַרשעווער רעגירונג אין גלות").

דעם 28טן יולי, 1942, איז אויף אַ זיצונג פון „החלוץ" אין וואַרשע, צוזאַמען מיט די אָנגעשלאָסענע יוגנט־אָרגאַניזאַציעס: „השומר הצעיר", „דרור" און „עקיבא", באַשלאָסן געוואָרן צו שאַפן די יידישע קאַמף־אָרגאַניזאַציע. די מיטגלידער פון שטאַב זיינען געווען חוץ מרדכי טענענבוימען די באַרימטע העלדן פון יידישן אונטערערדישן קאַמף — יצחק צוקערמאַן, צביה לובעטקין און שמואל בראַסלאַוו. עטלעכע אַנדערע זיינען אַרויסגע־שיקט געוואָרן צו פירן די אַרבעט אויף דער אַרישער זייט. מרדכי אָרגאַ־ניזירט די קאַמף־גרופּן אין טשערניקאָוו, לעבן וואַרשע.

דאָס איז געווען דאָס קערנדל, דער זאָמען, פון שפּעטערדיקן (אַפּריל 1943) העראָאישן אויפשטאַנד פון וואַרשעווער געטאָ־קאַמף, און פון זיינע הויפּט־צוגרייטער, ווי מיר זעען, איז געווען דער יונגער העלד מרדכי טע־נענבוים.

אין אַפּריל 1945, צום צווייטן יאָרטאָג פון וואַרשעווער געטאָ־אויפ־שטאַנד, האָט, כדי צו באַערן מרדכי טענענבוימס אָנדענק, די פוילישע רע־גירונג אים אויסגעצייכנט מיט אַן אָרדן פאַרן העלדישן קאַמף קעגן דעם דייטשן שונא.

4

שטענדיק מוטיק, רירעווודיק און מיט אַ געהיימניספולן און שמייכלענ־דיקן פּנים, האָט מרדכי טענענבוים געהאַט אַ צויבער־כּוח צוצוציען צו זיך מענטשן. אַלע האָבן זיך באַצויגן צו אים מיט אַ טיפער באַוואונדערונג, אַכטונג און ליבע. ער איז געווען איינער פון די איניציאַטאָרן אין ווילנע צו שיקן

שליחים און ידיעות אין די געטאָס פון גראָדנע, ביאַליסטאָק און וואַרשע. אין ווילנער געטאָ איז ער געשטאַנען בראש פון חלוצישן קאָאָרדיניר־קאָמיטעט. איינער פון זיינע הויפט־אויפטועז איז געווען אַרויסצופירן 28 חלוצים קיין ביאַליסטאָק. דאָרט האָבן זיי געשאַפן אַ חלוצישן סעמינאַר און אַ קיבוץ, וואָס איז דערנאָך געוואָרן אַ וויכטיקער קערן פון דער ווידערשטאַנד־באַוועגונג אין ביאַליסטאָק. אַט־דעם 6־וואָכיקן סעמינאַר האָט ער אָנגעפירט צוזאַמען מיט דער העלדישער מיידל פרומקע פלאָטניצקע און מיטן באַקאַנטן העלדישן ווילנער חלוץ צבי מערסיק. דער סעמינאַר זאָל זיך האָבן געפונען אויף איוועגסקע גאַס נומ. 13 (דוואָרזשעצקי: זכרונות פון ווילנער געטאָ, ז. 347).

אין פעברואַר 1942, ווען ער איז געווען אין ביאַליסטאָק, האָט ער אויף אַ זיצונג פון פאָרשטייער פון יידישע פּאַרטייען און געזעלשאַפטלעכע קרייזן אין ביאַליסטאָק פאָרגעלייגט אַ פּלאַן פון אַקטיוון ווידערשטאַנד, אויב די נאַציס וועלן אָנהייבן די פאַרניכטונגס אַקציע. זיין פּלאַן איז אָנגענומען געוואָרן און די חברים זיינען צוגעטראָטן צו די פאָרבאַרייטונגען (זאַמלען געווער א. ד׳ גל.). ער האָט אַ סך מיטגעהאָלפן אין דער דאָזיקער אַרבעט.

אין ש. קאַטשערגינסקיס באַקאַנטן בוך „חורבן ווילנע״ (ניו יאָרק, 1947), געפינט זיך אַ פּראָטאָקאָל פון אַן אַלגעמיינער אַסיפה פון ביאַליסטאָקער קיבוץ און אַקטיוו פון דעם „החלוץ״־צוויג וועגן ווידערשטאַנד און אָפענעם קאַמף קעגן די נאַצישע רוצחים. יענע פאַרזאַמלונג, ביי וועלכער ער האָט געשפּילט די הויפּט־ראָלע, איז פאָרגעקומען מיט אַ יאָר נאָך דער דערמאָנטער ערשטער אַסיפה. די צווייטע אַסיפה איז פאָרגעקומען דעם 27טן פעברואַר, 1943.

אין זיין קאָנספּיראַטיוון בריוו פון ביאַליסטאָק צום זשענעווער־ביוראָ פון ארץ־ישראלדיקן אַרבעטער־פאַרבאַנד „הסתדרות״ פון 31טן מערץ, 1942, שרייבט מרדכי:

> טבח (שלאַכט), וועלכער פאַרנעמט זיך זייער מיט מיין משפחה, פאַרשאַפט מיר אַ סך דאגות. דו זעסט, אַז איך האָב געביטן מיין וואוינאָרט און כ׳האָב פאַרלאָזן גאונען (גאון, ד. ה. ווילנע) און וואוין איצט צוזאַמען מיט שארית אין ביאַליסטאָק, און כ׳לעב פון די זעלבע פרנסות ווי יצחק (יצחק צוקערמאַן, וואָס איז געווען אַ פירער פון אונטערגרונט) אין וואַרשע.

זומער־צייט, 1942, איז ער ווידער געווען עטלעכע חדשים אין וואַרשע. סוף אָקטאָבער, אָדער אָנהייב נאָוועמבער 1942, איז ער שוין ווידער אין ביאַליסטאָק און איז אַוועקגעשטעלט געוואָרן אין דער שפּיץ פון דער דאָרטיקער קאַמף־אָרגאַניזאַציע, און געשאַפן די פאַרבינדונגען מיט די פּאַרטיזאַנער.

ווען מרדכי איז אַוועק פון וואַרשעווער געטאָ אין געטאָ־ביאַליסטאָק איבערצונעמען דאָרט די צוגרייטונג און פירערשאַפט פון יידישן אויפשטאַנד, האָט ער באַהאַלטן אין אַ קעסטל אַ טייל פון אַרכיוו פון דער „דרור״־באַוועגונג (יונג־ציוניסטישע גרופּע) און אַ טייל פון פּאָעט און קדוש יצחק קאַצענעלסאָנס מאַנוסקריפּטן. דערצו איז אויך געווען צוגעגעבן אַ צעטעלע,

דאַטירט 20 יולי, 1942, וואָס פאַרענדיקט זיך מיט די ווערטער „ושלום על החוקר שיוצאין שוב לאור העולם" (באַגריסט זאָל זיין דער פאָרשער וואָס וועט זיי ווידער אַרויסברענגען צום ליכט פון דער וועלט). די באַהאַל־טענע מאַטעריאַלן זיינען נאָך דער מלחמה געפונען געוואָרן אין די חורבות פון אַ קעלער אויף דזיעלנע גאַס נומ. 30 אין וואַרשע. איצט געפינען זיך אַלע זיינע שריפטן אין אַרכיוו פון סעקרעטאַריאַט פון „פאַראייניקטן קיבוץ" אין ישראל.

די ערשטע קאַמפן אין ביאַליסטאָקער אונטערערד, בעת דער ערשטער „אַקציע" קעגן דער געטאָ, אין אָנהייב פעברואַר 1943, זיינען טראַגיש דורכ־געפאַלן, ד. ה., כמעט קיינער אָדער גאָר ווייניק פון די דייטשן־רוצחים זיינען פון דער יידישער נקמה פאַרניכטעט געוואָרן. אָנגעלערנט פון אָט־דער דער־פאַרונג אין ביאַליסטאָק, האָבן שפּעטער אַלע שוין געזוכט צו פאַראייניקן די קאַמף־גרופּעס אונטער אַן איינהייטלעכער קאָמאַנדירונג. ענדלעך האָט אונד־זער ביאַליסטאָקער קעמפערישע און צום העלדישן טויט אַנטשלאָסענע יוגנט (צווישן זיי אויך געווען חייקע גראָסמאַן), געשאַפן אַן „אַנטי־פאַשיסטישן קאַמף־בלאָק". מרדכי טענענבוים, צוזאַמען מיטן קאָמוניסט דניאל מאָש־קאָוויטש, זיינען אויסגעקליבן געוואָרן אַלס פאָרזיצערס.

דעם 2טן אַפּריל, 1943, האָט מרדכי געשריבן אַ בריוו צום פּוילישן אונטערערד אין ביאַליסטאָקער קרייז, בעטנדיק געווער פאַרן יידישן ווידער־שטאַנד. דער־אָ בריוו איז אייגנטלעך געווען שוין אַ תשובה אויף דער טענה פון די פּוילישע מאַכט־אָרגאַנען אין אונטערגרונט, אַז זיי האָבן אַליין נישט קיין סך געווער. דער בריוו ווערט פאַרענדיקט מיט אָט־די ווערטער:

מיר קענען ניט וואַרטן. יעדער טאָג קען ברענגען דאָס אַרויספירן די יידן צו דער שחיטה. דער מאָמענט איז נישט פּאַסיק פאַר פּאָליטישע „דינגעניש". מיר ווענדן זיך צו אייך, פאָרשטייער פון פרייען פּוילן, אַלס בירגער פון דער מלוכה. צוויי הונדערט גראַנאַטן, אַ פּאָר צענדליק רעוואָלווערן וועלן נישט האָבן קיין אַנטשיידנדיקע באַדייטונג אינעם גורל פון לעצטן טאָג פונעם צווייט־גרעסטן געטאָ אין פּוילן... מיר דערוואַרטן אייער אָנשלוס און האָפן, אַז אין לעצטן מאָמענט וועט איר געדענקען וועגן אייער פאַר־אַנטוואָרטלעכקייט פאַר גאָט און פאַר דער געשיכטע.

די יידישע קעמפער האָבן דאָס געווער פון די פּוילישע אונטערגרונט־פירער נישט באַקומען.

פון ביאַליסטאָק, האָט מרדכי אין יולי 1943, געשיקט אַ לאַנגן בריוו צו זיין שוועסטער תמר אין ארץ ישראל. דאָרט שילדערט ער די פאַרניכטונג פון די יידן אין פּוילן. ער באַשרייבט ווי זיין מוטער און אַנדערע קרובים זיינען אומגעקומען. ער דערציילט אויך וועגן דער זעלטענער, ממש לעגענ־דאַרישער אונטערערד־אַרבעט פון זיין חברטע טעמע שניידערמאַן, וואָס האָט געפירט אירע וואונדערלעכע אַקטיוויטעטן אַלס העלפערין און טריסטערין פון די יידן אין די געטאָס, חוץ דירעקטע אַנטי־נאַציסטישע קאָנספּיראַטיווע אַרבעטן, ווי פירן געלט, געווער און דאָקומענטן, אונטערן פאַרשטעלטן נאָמען

פון אַ פּאַלקע (וואַנדאַ מאַיעווסקאַ), און וועגן איר דערמאָרדונג. זיין בריוו צו דער שוועסטער פאַרענדיקט מרדכי מיט די ווערטער:

ווען מיר וואָלט שטאַרק געוועזן גיין אין דעם — פאַרן פרייז פון מיין ערע, קעגן ווילן — וואָלטן מיר זיך נאָך געזען. אָבער איך וויל נישט. נאַפּלעוואַט! (אַ שפּיי צו טאָן). און דו וועסט דאָך נישט וויינען! ? דאָס העלפט גאָרנישט. איך ווייס דאָס פון דערפאַרונג. איז נאָך איינער: די מאַמע. וואַנדע און איך **).

אין היסטאָרישן קאַמף פון די ביאַליסטאָקער העלדן אין אויגוסט 1943, ווען ס׳האָט זיך אָנגעהויבן די לעצטע און גרעסטע אויסמאָרדונג פון די ביאַליסטאָקער יידן, האָט מרדכי, וועלכער איז געווען אַדורכגעדרונגען מיט אומבאַגרענעצטער העלדישקייט און איבערגעבנקייט, שטאַרק באַווירקט אינעם דאַזיקן גייסט די אַנדערע קעמפער. פון דעם האָט זיך גענומען זייער העלדנ־מוט, וואָס האָט דערמעגלעכט זיי, די פּאָר הונדערט קעמפער, מיט אָרעמער באַוואָפענונג צו פירן אַ קאַמף קעגן איבער דריי טויזנט דייטשישע סאָלדאַטן, באַוואָפנטע מיט דער מאָדערנסטער אַמוניציע. (בשעת די קאַמפן דעם 17טן אויגוסט, 1943, האָבן זיי באַנוצט אויך טאַנקען און עראָפּלאַנען). דער 27־יעריקער מרדכי טענענבוים איז געווען זייער קאָמאַנדיר אין נאָמען פון דער יידישער קאַמף־אָרגאַניזאַציע.

ווי מען זעט פון זיין לעצטן בריוו צו זיין שוועסטער אין ארץ ישראל, האָט ער קלאָר געוואוסט, וואָס עס דערוואַרט אים, אָבער ער האָט גאָרנישט געטראַכט וועגן זיך ראַטעווען. ער האָט ביזן לעצטן מאָמענט דערפירט זיין שליחות מיט ווירדע און טרייקייט, ווי עס ווערט דערציילט אין אַלע באַריכטן וועגן ביאַליסטאָקער אויפשטאַנד. די פּערזענלעכע אומגליקן, צווערשט די דערמאָרדונג פון זיין מוטער און שפּעטער (אין יאַנואַר 1943, אין די ערשטע וואַרשעווער געטאָ־קאַמפן) פון זיין אים אַזוי נאָענטער טעמע, האָבן נישט גע־בראָכן זיין שטאָלענעם כאַראַקטער, הגם זיינע ליידן זיינען געווען אומבאַ־שרייבלעך גרויס.

ווען ס׳איז שוין פאַרשוואונדן יעדע האָפענונג, און ס׳איז שוין נישט געווען קיין שום מעגלעכקייט צום פאַרטיידיקונג־און ווידערשטאַנד־קאַמף,

---

**) דער אומגעהייער אינטערעסאַנטער בריוו איז אָפּגעדרוקט געוואָרן אין די ניו־יאָרקער „ייווא־בלעטער" (אָרגאַן פון יידישן וויסנשאַפטלעכן אינסטיטוט), באַנד 27, נומ. 5, 1946. ער איז אויך איבערגעדרוקט געוואָרן אין באַרימטן בוך פון דר. מ. דוואָרזשעצקי: זכרונות וועגן ווילנער געטאָ: „ירושלים דליטא אין קאַמף און אומקום". אין אָט־דעם בוך ווערט, אגב, דערמאָנט אין שייכות מיט די פאַרבינדונגען וואָס מ. ט. האָט געהאַט מיט חלוצים־אָרגאַניזאַציעס אין אַנדערע שטעט, דער נאָמען פון יונגן נ. כמעלניק, אַלס העלדישער פירער פון דער החלוץ־גרופּע אין ביאַליסטאָק. דאָס איז איינער פון די צוויי זין פון באַקאַנטן ביאַליסטאָקער כלל־טוער און פּועלי־ציון פירער מאַקס כמעלניק — דער זון פון אַלטן, לאַנגיאָריקן פאַרוואַלטער פון יידישן שפּיטאָל אויף ניישטאַט, וואָלף כמעלניק.

איז ער באַגאַנגען זעלבסטמאָרד, צוזאַמען מיט זיין קאָמאַנדיר־חבר דניאל מאָשקאָוויטש.

לויט דער באַהויפּטונג פון דר. שמעון דאַטנער, וואָס האָט געפירט אַ פּאַרטיזאַנער־קאַמף אין די וועלדער אַרום ביאַליסטאָק און האָט דער ערשטער אָפּגעדרוקט (אין פּויליש) אַ בראָשור וועגן דעם לעצטן קאַמף פון ביאַליס־טאָקער געטאָ, האָבן מרדכי טענענבוים־טאַמאַראָוו און דניאל מאָשקאָוויטש זיך פרייוויליק געטויטעט, כדי נישט אַריינצופאַלן לעבעדיקערהייט אין די הענט פון די דייטשן.

אַזוי האָט זיין יונגן העלדישן לעבן פאַרענדיקט, צווישן די מאַרטירער־קעמפער פון ביאַליסטאָקער געטאָ, דער וואונדערלעך־העראָאישער, כמעט לעגענדאַרישער (נאָך אַפילו ביים לעבן) מרדכי טענענבוים. ער האָט מיטן פּרייז פון זיין אייגענעם לעבן איינגעקויפט די רומפולע אויסצייכענונג פאַר זיין פאָלק — נישט צו לאָזן זיך אויסהרגענען אומבאַשטראָפט. ער האָט גע־שטרעבט אָפּצוקוילען וואָס מער רוצחישע שונאים פון יידישן פאָלק, און אונדזער פאָלק טאָר אים, און נאָך פילע העלדן ווי ער, קיינמאָל ניט פאַרגעסן.

ביבליאָגראַפיע

יעפים ישורין

דר. הערמאַן פראַנקס ביבליאָגראַפיע

מיר איז געלונגען צוזאַמענצושטעלן אַ דר. הערמאַן פראַנק ביבליאָגראַפיע פון 1633 נומערן, איינגעטיילט אין פאָלגנדע קלאַסיפיקאַציעס:

אַרטיקלען וועגן דר. ה. פראַנק — — — — — — —	255
וועגן זיינע ביכער און רעדאַקטירטע ביכער — — —	17
זיינע אַרטיקלען אין יידיש — — — — — — — — —	1220
זיינע אַרטיקלען אין ענגליש — — — — — — — — —	96
זיינע אַרטיקלען אין רוסיש — — — — — — — — —	27
זיינע אַרטיקלען אַן דאַטעס — — — — — — — — —	18
צוזאַמען —	1633

דער מאַטעריאַל וואָלט געדאַרפט פאַרנעמען 80 זייטן, אָבער צוליב מאַנגל אין פלאַץ און געלט, האָט דער קאָמיטעט באַשלאָסן צו באַגרענעצן די ביב־ליאָגראַפיע אויף 32 זייטן, אַזוי, אַז נאָר די וויכטיקסטע אַרטיקלען געשריבן פון דר. ה. פראַנק זיינען פאַרצייכנט אין דער ביבליאָגראַפיע.

יעפים ישורין

דר. הערמאַן פראַנק׳ס ווערק

דריי יאָר פון ביאַליסטאָקער קאָנסום־קאָאָפּעראַציע (1915—1918), ביאַליסטאָק, 1918, 61 זייטן.

סטאַטיסטיק פון דער באַוועגונג פון דער אידישער באַפעלקערונג אין ביאַליסטאָק פאַר 10 יאָר: 1909—1918. ה. פראַנק און ש. בלאַנקשטיין, אַרויסגעגעבן דורך דער קהלה־פאַרוואַלטונג אין ביאַליסטאָק, ביאַליסטאָק, 1920, 94 זייטן.

גריכישע חכמים מיט 15 בילדער. פאַרלאַג „פּרדס", בערלין—ניו יאָרק, 1923, 56 זייטן.

אידישע טיפּאָגראַפיע און בוך־אויסאַרבעטונג קונסט, אַרויסגעגעבן פון דער אידישער שריפטזעצער יוניאָן, נומ. 83 א. ט. יו. צו דער געלעגנהייט פון איר 50 יאָריקן יובילייַ, ניו יאָרק, 1938. 174 זייטן.

צווישן חורבן און אויפבוי. דער פּאָליטישער און סאָציאַלער וועלט־קריזיס און די יידישע לאַגע. בילדונגס־קאָמיטעט ביאַליסטאָקער בקור חולים צענטער פון ברוקלין. ניו יאָרק ת"ש — 1940. 400 זייטן.

א. ש. זאַקס: קעמפער פאַר פאָלקס-אויפלעבונג. א. ש. זאַקס געזעלשאַפט, ניו יאָרק, 1945, 396 זייטן.

אַנאַרכאָ-סאָציאַליסטישע אידייען און באַוועגונגען ביי יידן. היסטאָרישע און טעאָרעטישע איינפירונג. ביבליאָטעק „פרייע טריבונע", פּאַריז—תל-אביב תשי"א, 1951. 72 זייטן.

ווערק איבערזעצט פון דר. הערמאַן פראַנק

מאַרטין בובער: דריי רעדן איבער יודנטום, בערלין, 1921, איבערגעזעצט פון דייטש.

גוסטאַוו לאַנדויער: אויפרוף צום סאָציאַליזם, איבערגעזעצט פון דייטש דורך ה. פראַנק און ב. ראָזענטאַל. מיט אַן איינפירונג אין גוסטאַוו לאַנדויערס לעבען און שאַפונג פון ה. פראַנק. וועלט-פאַרלאַג, בערלין, 1921.

ЧЕЛОВѢЧЕСКІЙ ИНТЕЛЛЕКТЪ. Введеніе въ систему опытнаго изслѣдованія, Прив.-доцентъ К. Піорковскій. Авторизованный переводъ съ нѣмецкой рукописи подъ редакціей Г. Ф. Франка. Книгоиздательство «Аргонавты», Берлинъ, 1922 г., 85 стр.

M. O. GERSHENSON: The Key to Faith. *Authorized Translation from the Russian by Herman Frank.* New York. The Macmillan Company 1925.

SCHNEERSOHN, F. M.D., Studies in Psycho-Expedition. Fundamentals of the Psychological Science of Man and a Theory of Nervousness. *Translated from the German. By Herman Frank.* The Science of Man Press. N. Y. 1929. 209 pages.

MAXIMOFF G. P.: My Social Credo *Translated by Dr. H. Frank.* Constructive Anarchism. Maximoff Memorial Publication Committee Chicago 1952. P—15—32.

אויסגאַבעס רעדאַקטירט פון דר. הערמאַן פראַנק

СПРАВОЧНИКЪ АЛЬМАНАХЪ. *Подъ редакціей Г. Ф. Франка.* Книгоиздательство «Аргонавты», Берлинъ, 1922 г., 162 стр.

ОТГОЛОСКИ, Литературно - Научно - Художественный Альманахъ. *Подъ редакціей Г. В. Франка,* Нью Іоркъ, 1926.

נאַציאָנאַלע און פּאָליטישע באַוועגונגען ביי יידן אין ביאַליסטאָק, העפט 1. רעדאַקציע: דר. הערמאַן פראַנק, ד. קלעמענטינאָווסקי, זיידל כאַבאָצקי, אַרויסגעגעבן פון דער געזעלשאַפט פאַר געשיכטע פון ביאַליסטאָק, ניו יאָרק, 1951.

בולעטין נומ. 1, 2, 3, 4 פון דער ביאַליסטאָקער היסטאָרישער געזעלשאַפט, ניו-יאָרק 1947-1950 (רעדאַקציע: דר. ה. פראַנק און דוד קלעמענטינאָווסקי.)

דר. הערמאַן פראַנקס ווערק אין מאַנוסקריפּט

Г. В. ФРАНК, Бѣлосток, 1914-1919, Культурно-Экономическо-Статистическій Очерк, Бѣлосток, 1919 г., Еврейскій Общинный Совѣт г. Бѣлостока, Статистическій отдѣлъ. 52 стр. [на пишущей машинѣ].

דר. הערמאַן פראַנקס אַרטיקלען אין צייטונגען, זשורנאַלען, ביכער און זאַמלביכער

וועגן פערזענלעכקייטען און אידייען־באַוועגונגען מיט וועלכע זיי זיינען פאַרבונדען

РОЗА ЛЮКСЕМБУРГ — Голос Бѣлостока. 21. января 1919 г.

ИСТОРИЧЕСКІЕ КОРНИ МЕНЬШЕВИЗМА И БОЛЬШЕВИЗМА. Маркс и Бакунин, Голос Бѣлостока, 24 января, 1919 г.

ФРАНЦ МЕРИНГ — Голос Бѣлостока, 5 февраля 1919 г.

ДР. МАКС РОЗЕНФЕЛЬД — Голос Бѣлостока, 21 февраля 1919 г.

КУРТ АЙЗНЕР — Голос Бѣлостока, 27 февраля 1919 г.

אַ טראַגעדיע פון אַ דייטש־אידישן רעוואָלוציאָנער. (צום מאַרטירער־טויט פון גוסטאַוו לאַנדויער אין מינכען), מאַי 22, 1919. [וואו געדרוקט אומבאַקאַנט].

י. ל. פרץ און חסידות. (צום 25 יאָריקן יובילעאום פון „החץ”), יוני 3, 1919. [וואו געדרוקט אומבאַקאַנט].

ש. אַנ־סקי. אָקט. 14, 1920. [וואו געדרוקט אומבאַקאַנט].

גוסטאַוו לאַנדויער, דער מענטש, דער סאָציאַליסט, דער איד. גוסטאַוו לאַנדויער: אויפרוף צום סאָציאַליזם, וועלט־פאַרלאַג, בערלין, 1921, זז' 213—251.

דר. לעאָ עגער [נעקראָלאָג]. ביאַליסטאָקער שטימע, נ. י., סעפּט. 1923.

גוסטאַוו לאַנדויער. פרייע אַרבעטער שטימע, נ. י. פעב. 15, 1924, ז' 2. פרייע אַר־בעטער שטימע, נ. י. פעב. 29, 1924, ז' 2, פרייע אַרבעטער שטימע, נ. י. מערץ 14, 1924, ז' 3, פרייע אַרבעטער שטימע, נ. י. מערץ 28, 1924, זז' 2—3, פרייע אַרבעטער שטימע, נ. י. אַפּר. 11, 1924, ז' 2, פרייע אַרבעטער שטימע, נ. י. אַפּר. 25, 1924, זז' 2—3.

— דער איד און ציוניסט. צוקונפט, נ. י. מאַי 1924, זז' 312—315.

בייראָן: דער דיכטער און קעמפער. פרייע אַרבעטער שטימע, נ. י. מאַי 9, 1924, זז' 2 און 5.

אינדיווידואַליטעט און סאָציאַליזם. (צום 80טען יאָרצייט פון נ. ק. מיכאַילאָווסקי). פרייע אַרבעטער שטימע, נ. י. יוני 20, 1924, ז' 2.

אַן אינטערעסאַנטע פערזענליכקייט [נ. ל. בראַון]. ביאַליסטאָקער שטימע, נ. י. אָקט. 1924, ז' 19.

אַ פאַרגעסענער קבר. אברהם־בער גאָטלאָבער. ביאַליסטאָקער שטימע, נ. י. אָקט. 1924, זז' 32—33.

מ. א. גערשענזאָן. פרייע אַרבעטער שטימע, נ. י. אַפּר. 17, 1925, זז' 3—4.

פערדינאַנד לאַסאַל — אַ טראַגעדיע פון ווילען. פרייע אַרבעטער שטימע, נ. י. מאַי 1, 1925, זז' 4 און 7.

דער אידישער גרינדער פון פאַרמער־קאָאָפּעראַטיווען און זיין פּראָצעס געגען פאָרד'ען. אהרן שאַפּיראָ. „פאָרווערטס”, נ. י. מאַי 12, 1925.

משה העס און קאַרל מאַרקס. פרייע אַרבעטער שטימע, נ. י. יולי 10, 1925, זז' 3—4.

סען סימאָן און זיין צייט. פרייע אַרבעטער שטימע, נ. י. אויג. 7, 1925, זז' 2—3, פרייע אַרבעטער שטימע, נ. י. אויג. 14, 1925, זז' 2—3, פרייע אַרבעטער שטימע, נ. י. אויג. 21, 1925, ז' 2.

חיים זשיטלאָווסקי דער סאָציאַליסט. קולטור, שיקאַגאָ, דעצ. 11, 1925, זז' 2—3.
רודאָלף ראָקער דער פירער און קעמפער. פרייע אַרבעטער שטימע, נ. י. אַפּר. 23, 1926.
הענרי טהאָראָ און וואָלט וויטמאַן. פרייע אַרבעטער שטימע, נ. י. אויג. 13, 1926.
דער אַמעריקאַניזירטער טראָצקי. פרייע אַרבעטער שטימע, נ. י. סעפּט. 17, 1926.
הענרי פאָרד: דער נביא פון וואולגאַריטעט. פרייע אַרבעטער שטימע, נ. י. מערץ 25, 1927.
פון וויליאַם מאָריס ביז מעקדאָנאַלד. פרייע אַרבעטער שטימע, נ. י. אַפּר. 22, 1927.
גוסטאַוו לאַנדויער'ס רעוואָלוציאָנס בריוו. פרייע אַרבעטער שטימע, נ. י. מאַי 20, 1927, פרייע אַרבעטער שטימע, נ. י. מאַי 27, 1927, פרייע אַרבעטער שטימע, נ. י. יוני 3, 1927, פרייע אַרבעטער שטימע, נ. י. יוני 10, 1927.
מאַקיאַוועלי — ניטשע — לענין. פרייע אַרבעטער שטימע, נ. י. יוני 24, 1927.
Николо Маккиавели — Ницше — Ленин. Рассвет, Чикаго, 8 июля 1927 г.
דר. מעריסאָן'ס באַגרינדונג פון אַנאַרכיזם. פרייע אַרבעטער שטימע, נ. י. יולי 22, 1927, פרייע אַרבעטער שטימע, נ. י. יולי 29, 1927.
ברוך שפּינאָזאַ'ס לעבנס-געשיכטע. דער פאָרבאַנד, נ. י. אַפּריל, 1928.
פרויד, די אַנאַרכיע און דער אַטעאיזם. פרייע אַרבעטער שטימע, נ. י. מאַי 11, 1928.
גוסטאַוו לאַנדויער — דער דענקער און קעמפער. פרייע אַרבעטער שטימע, נ. י. מאַי 3, 1929.
טהזירסטאַן וועבלען: ראַדיקאַלער עקאָנאָמיסט. פרייע אַרבעטער שטימע, נ. י. אויג. 30, 1929, פרייע אַרבעטער שטימע, נ. י. סעפּט. 6, 1929.
גוסטאַוו לאַנדויער און די רוסישע רעוואָלוציע. פרייע אַרבעטער שטימע, נ. י. נאָוו. 1, 1929.
דזשאָזעף אישיל — אונזער קינסטלער בוכדרוקער. פרייע אַרבעטער שטימע, נ. י. דעצ. 27, 1929.
פּרודאָן און הערצען. פרייע אַרבעטער שטימע, נ. י. אַפּר. 18, 1930.
עמיל זאָלאַ. מאָרגענבלאַט, פּאַריז, סעפּט. 23, 1932.
רמב"ם. מאָרגענבלאַט, פּאַריז, סעפּט. 25, 1932.
רש"י. מאָרגענבלאַט, פּאַריז, סעפּט. 28, 1932.
באַראָן הירש. מאָרגענבלאַט, פּאַריז, סעפּט. 30, 1932.
דר. מאַקס נאָרדוי. אַדאָלף קרעמיע. מאָרגענבלאַט, פּאַריז, אָקט. 1932.
מ. מאָנטעפיאָרע. מאָרגענבלאַט, פּאַריז, אָקט. 4, 1932.
מ. מענדעלזאָהן. מאָרגענבלאַט, פּאַריז, אָקט. 8, 1932.
ר' יהודה הלוי. מאָרגענבלאַט, פּאַריז, אָקט. 11, 1932.
ר' ישראל בעש"ט. מאָרגענבלאַט, פּאַריז, אָקט. 22, 1932.
וויליאַם מאָריס און דער קאָמוניזם. פרייע אַרבעטער שטימע, נ. י. אַפּר. 20, 1934, זז' 2—3.
דער פּויליש-אידישער קעמפער פאַר יושר און וועלט-פרידען. (די לעבנס-געשיכטע און שאַפונגען פון יאַן בלאָך). פּוילישע אידען, נ. י. יוני, 1934, זז' 29—32 און 45.
וואָס האָט קאַרל מאַרקס געמיינט? פרייע אַרבעטער שטימע, נ. י. אויג. 3, 1934, ז' 2.
דער טרייד-יוניאָן רעדאַקטאָר [ש. יאַנאָווסקי]. פרייע אַרבעטער שטימע, נ. י. סעפּט. 14, 1934, ז' 14.
גוסטאַוו לאַנדויער און עריך מיזהאַם. פרייע אַרבעטער שטימע, נ. י. אָקט. 5, 1934, ז' 2 און 6.

קראַפּאָטקינ׳ס סאָציאַל-עקאָנאָמישע לערע. פרייע אַרבעטער שטימע, נ. י. פעב. 8, 1935, זז׳ 2—3.

דר. צמח שאַבאַד ז״ל. פּוילישע אידען, נ. י. יוני 1935, זז׳ 44—45.

שאול גינזבורג: היסטאָריקער און קולטור-טוער. פרייע אַרבעטער שטימע, נ. י. אַפּר. 17, 1936, ז׳ 3.

אַ פּיאָנער פון אַנאַרכיזם [וויליאַם גאָדווין]. פרייע אַרבעטער שטימע, נ. י. מאַי 29, 1936, ז׳ 2.

געענדיגט איז דיין וועג. (צום אָנדענק פון ה. ל. וויינער ע״ה) [ליד]. די טעגליכע שפּייז-ציימונג, נ. י. יוני 24, 1936.

ה. ל. וויינער: זיין לעבען און שאַפען. די טעגליכע שפּייז-ציימונג, נ. י. יוני, 24, 1936.

ערנסט טאָלער — דער פּאָליטיקער. פרייע אַרבעטער שטימע, נ. י. נאָוו. 27, 1936, זז׳ 2 און 9.

גוסטאַוו לאַנדויער, ווי איך האָב אים געקענט. פרייע אַרבעטער שטימע, נ. י. מאַי 21, 1937.

די פּראָפעסאָרן פון טויט. (גוסטאַוו לאַנדויער און דער באָלשעוויסטישער טעראָר). פרייע אַרבעטער שטימע, נ. י. אַפּר. 29, 1938, ז׳ 6.

ב. וואָלאַדעק, סאָציאַליסט און פאָלקסטוער. פרייע אַרבעטער שטימע, נ. י. נאָוו. 11, 1938, ז׳ 2.

ש. יאַנאָווסקי — פּיאָנער און לערער פון אַן עפּאָכע. פרייע אַרבעטער שטימע, נ. י. פעב. 10, 1939, זז׳ 4 און 7.

גוסטאַוו לאַנדויער. (צום 20טן יאָרטאָג פון זיין מאַרטירער טויט). פרייע אַרבעטער שטימע, נ. י. אַפּר. 28, 1939, ז׳ 6.

ליטווינאָווס עלטער-זיידע אין ביאַליסטאָק איז שוין געווען אַ דיפּלאָמאַט פון דער רוסישער רעגירונג. „טאָג״, נ. י. מאַי 14, 1939. נייער פאָלקסבלאַט, לאָדזש, יוני 18, 1939.

פּראָפעסאָר פראַנץ אָפּענהיימער: דער בוי-מייסטער פון דער קאָאָפּעראַטיווער קאָלאָניזאַציע אין ארץ ישראל. דאָס יידישע פאָלק, נ. י. יולי 14, 1939.

דער פאָטער פון יידישן סאָציאַליזם—אַ האַלבער ביאַליסטאָקער. ביאַליסטאָקער פריינד, ברענטש 88 אַרבעטער רינג, נ. י. פעב. 1940, זז׳ 42—44.

גוסטאַוו לאַנדויער און אונדזער צייט. פרייע אַרבעטער שטימע, נ. י. אַפּר. 12, 1940, ז׳ 3.

משה העס און אונדזער היינטיגע צייט. דאָס אידישע פאָלק, נ. י. יוני 21, 1940.

קראָפּאָטקין, לאַנדויער און די וועלט-מלחמה. פרייע אַרבעטער שטימע, נ. י. אָקט. 4, 1940, זז׳ 2 און 7.

ענטפער צו פּר. איזאַקאָוויטש. פרייע אַרבעטער שטימע, נ. י. נאָוו. 8, 1940, ז׳ 6.

שאול גינזבורג. פרייע אַרבעטער שטימע, נ. י. נאָוו. 22, 1940, ז׳ 5.

שאול גינזבורג. פרייע אַרבעטער שטימע, נ. י. דעצ. 23, 1940, ז׳ 5.

הרב משה אַסטאָווסקי. טויזנט יאָר פּינסק, נ. י. 1941, ז׳ 301.

אהרן אייזענבערג. טויזנט יאָר פּינסק, נ. י. 1941, זז׳ 301—302.

יהודה לייב בערגער. טויזנט יאָר פּינסק, נ. י. 1941, ז׳ 302.

דר. יהושע גאָטליב. טויזנט יאָר פּינסק, נ. י. 1941, זז׳ 304—305.

משה דוד גאָלדמאַן. טויזנט יאָר פּינסק, נ. י. 1941, זז׳ 305—306.

אברהם דוד דובזעוויטש. טויזנט יאָר פּינסק, נ. י. 1941, זז׳ 308—310.

דר. חיים ווייצמאַן. טויזנט יאָר פּינסק, נ. י. 1941, זז׳ 312—317.

זאַוועל זילבערטס. טויזנט יאָר פּינסק, נ. י. 1941, זז' 318—320.
חיים טשעמערינסקי (ר' מרדכילע). טויזנט יאָר פּינסק, נ. י. 1941, זז' 320—322.
יעקב טשערטאָק. טויזנט יאָר פּינסק, נ. י. 1941, ז' 322.
שאול יוסף יאַנאָווסקי. טויזנט יאָר פּינסק, נ. י. 1941, זז' 323—325.
אברהם דוד ליפשיץ. טויזנט יאָר פּינסק, נ. י. 1941, זז' 327—328.
צבי הירש מאַסליאַנסקי. טויזנט יאָר פּינסק, נ. י. 1941, זז' 328—330.
יצחק ניידיטש. טויזנט יאָר פּינסק, נ. י. 1941, זז' 332—333.
ברוך הלוי עפּשטיין. טויזנט יאָר פּינסק, נ. י. 1941, זז' 334—335.
אברהם אשר פּיינשטיין. טויזנט יאָר פּינסק, נ. י. 1941, זז' 337—338.
שמשון ראָזענבוים. טויזנט יאָר פּינסק, נ. י. 1941, זז' 340—342.
אברהם חיים ראָזענבערג. טויזנט יאָר פּינסק, נ. י. 1941, זז' 342—345.
דר. נתניאל ראַטנאָף. טויזנט יאָר פּינסק, נ. י. 1941, זז' 345—349.
הרב צבי יעקב ריינעס. טויזנט יאָר פּינסק, נ. י. 1941, זז' 349—351.
משה אהרן שאַצקעס. טויזנט יאָר פּינסק, נ. י. 1941, זז' 351—353.
שמ"ר (נחום מאיר שייקעוויטש). טויזנט יאָר פּינסק, נ. י. 1941, זז' 353—356.
צבי הירשט שערעשעווסקי. טויזנט יאָר פּינסק, נ. י. 1941, זז' 359—360.
דר. זשיטלאָווסקי'ס עקאָנאָמיש-וויסענשאַפטלעכער פּלפּול. פרייע אַרבעטער שטימע, שטימע, נ. י. יאַנ. 10, 1941, זז' 2 און 4.
אנרי בערגסאָן. פרייע אַרבעטער שטימע, נ. י. יאַנ. 10, 1941, ז' 5.
דר. זשיטלאָווסקי'ס פּסיכאָלאָגישער טעות. פרייע אַרבעטער שטימע, נ. י. יאַנ. 17, 1941, זז' 2 און 9.
צום אָנדענק פון ש. י. יאַנאָווסקי. פרייע אַרבעטער שטימע, נ. י. יאַנ. 31, 1941, ז' 4.
דוד עדעלשטאַט דער רעדאַקטאָר. פרייע אַרבעטער שטימע, נ. י. מאַי 16, 1941, זז' 4—5.
דער פּאָעט פון פרייהייטלעכן גייסט און וועלט-שמערץ. [מ. י. לערמאָנטאָוו]. פרייע אַרבעטער שטימע, נ. י. יולי 18, 1941, זז' 5 און 7.
גוסטאַוו לאַנדויער און עריק מיזאם. דאָס פרייע וואָרט, בוענאָס איירעס, אויג. 1941, ז' 5.
דער פּאָעט ליעסין און דאָס נייע רוסלאַנד. פרייע אַרבעטער שטימע, נ. י. אויג. 1, 1941, זז' 4—5.
פ. א. טיוטשעוו: דער פּאָעט פון נאַטור-און נשמה-סודות. פרייע אַרבעטער שטימע, נ. י. אַפּר. 10, 1941, זז' 6—7.
צום אָנדענק פון ס. פרידמאַן. פרייע אַרבעטער שטימע, נ. י. יולי 17, 1942, ז' 7.
אב. קאַהאַנס 60 יאָר אין דער אַרבעטער-באַוועגונג. פרייע אַרבעטער שטימע, נ. י. יולי 24, 1942, ז' 2, פרייע אַרבעטער שטימע, נ. י. יולי 31, 1942, זז' 3 און 7, פרייע אַרבעטער שטימע, נ. י. אויג. 21, 1942, זז' 2—3, פרייע אַרבעטער שטימע, נ. י. אויג. 28, 1942, זז' 2 און 7.
זכרונות וועגן י. י. לינעצקי. פרייע אַרבעטער שטימע, נ. י. יולי 31, 1942, ז' 5.
פראַנץ אָפּענהיימערס סאָציאַל-עקאָנאָמישע לערע. פרייע אַרבעטער שטימע, נ. י. סעפּט. 4, 1942, זז' 2 און 7, דאָס פרייע וואָרט, בוענאָס איירעס, אָקט. 1942, זז' 5—6.
דוד עדעלשטאַט: 50 יאָר נאָך זיין טויט. [ליטעראַטיקל]. פרייע אַרבעטער שטימע, נ. י. אָקט. 23, 1942, ז' 4.
דוד עדעלשטאַט: דער רעדאַקטאָר. [ליטעראַטיקל]. פרייע אַרבעטער שטימע, נ. י. אָקט. 30, 1942, ז' 4.
PETER KROPOTKIN on Karl Marx and Marxism. The Roman Forum, Los Ang. Dec. 1942 P 1 and 3.

מיכאַילאָווסקי׳ס לערע וועגן קולטור-אינהאַלט פֿון סאָציאַליזם. פֿרייע אַרבעטער שטימע, נ. י. דעצ. 4, 1942, זז׳ 2 און 7, דאָס פֿרייע וואָרט, בוענאָס איירעס, יאַנ. 1943, זז׳ 4—5.

פּראָפֿעסאָר פֿראַנץ באָאַז. פֿרייע אַרבעטער שטימע, נ. י. יאַנ. 15, 1943, ז׳ 4.

א. א. פֿעט — פּאָעט פֿון ליִרישן קלאַנג און נאַטור-שיינקייט. פֿרייע אַרבעטער שטימע, נ. י. יאַנ. 15, 1943, זז׳ 5 און 7.

פֿון דוד עדעלשטאַט ביז אונדזער איצטיקער צייט. פֿרייע אַרבעטער שטימע, נ. י. יאַנ. 29, 1943, זז׳ 2—3.

ט. אייגעס — דער פֿאָלקס-אינטעליגענט און קולטור-טוער. פֿרייע אַרבעטער שטימע, נ. י. מערץ 12, 1943, ז׳ 6.

מיין ערשטע באַגעגעניש מיט רודאָלף ראָקער. פֿרייע אַרבעטער שטימע, נ. י. מערץ 26, 1943, זז׳ 3 און 7.

די לערעס פֿון קאַרל מאַרקס, לענין און קראָפּאָטקין. פֿרייע אַרבעטער שטימע, נ. י. אַפּר. 2, 1943, זז׳ 5 און 10.

פּ. קראָפּאָטקין און אונדזער צייט. פֿרייע אַרבעטער שטימע, נ. י. אַפּר. 2, 1943, ז׳ 1.

די טראַגעדיע חיים זשיטלאָווסקי. פֿרייע אַרבעטער שטימע, נ. י. מאַי 14, 1943, ז׳ 5.

דר. ח. זשיטלאָווסקי און ש. אנ-סקי. פֿרייע אַרבעטער שטימע, נ. י. מאַי 28, 1943, ז׳ 3.

הענרי קאָהען — דער פּראָפּאַגאַנדיסט פֿון מיוטשואַליזם. פֿרייע אַרבעטער שטימע. נ. י. יוני 25, 1943, זז׳ 3 און 6, פֿרייע אַרבעטער שטימע, נ. י. יולי 2, 1943, ז׳ 3.

דער גרעסטער דיכטער פֿון ניט-נאַציאָנאַלן דייטשלאַנד. העלדערלין (1770—1843) און זיין טראַגיש לעבן פֿון פֿאַרצווייפֿלונג און איינזאַמקייט... פֿרייע אַרבעטער שטימע, נ. י. יולי 9, 1943, ז׳ 5.

אָסיפּ דימאָוו יוגנט-און לערן-יאָרן. פֿרייע אַרבעטער שטימע, נ. י. אויג. 20, 1943, ז׳ 5.

א. משעריקאָווער ע״ה. — סאָציאַלער היסטאָריקער און קולטור-טוער. פֿרייע אַרבעטער שטימע, נ. י. סעפּט 17, 1943, זז׳ 3 און 7.

לעאָן מאָיסעיעוו — אין דער יוגנט און שפּעטער. פֿרייע אַרבעטער שטימע, נ. י. סעפּט. 24, 1943, ז׳ 3.

חבר ס. מאַרגאַליס: 40 יאָר טעטיקייט אין דער באַוועגונג. פֿרייע אַרבעטער שטימע, נ. י. נאָוו. 26, 1943, זז׳ 6—7.

ראָמען ראָלאַן (1866—1943). פֿרייע אַרבעטער שטימע, נ. י. יאַנ. 7, 1944, זז׳ 5 און 13.

ברוך גלאַזמאַן דער קינסטלער און קולטור-קעמפֿער. פֿרייע אַרבעטער שטימע, נ. י. יאַנ. 21, 1944, ז׳ 5.

דר. סטיפֿען שמואל וויז: קעמפֿער פֿאַר סאָציאַלן יושר. פֿרייע אַרבעטער שטימע, נ. י. מערץ 10, 1944, ז׳ 6.

לכּבוד דעם גרויסן בעל-יובֿל חבר רודאָלף ראָקער. פֿרייע אַרבעטער שטימע, נ. י. מערץ 31, 1944, ז׳ 1.

רודאָלף ראָקער: דער מענטש, דער סאָציאַליסט, דער אייראָפּעער. פֿרייע אַרבעטער שטימע, נ. י. מערץ 31, 1944, זז׳ 9—11. רודאָלף ראָקער. אין שטורם. בוענאָס איירעס, 1952, זז׳ 19—28.

ש. ס. גאָרסאָן — איינער פֿון די גרינדער פֿון דער „פֿ. אַ. שט.״. פֿרייע אַרבעטער שטימע, נ. י. אַפּר. 7, 1944, זז׳ 3 און 6.

וויליאַם מאָריס און זיין פֿרייהייטלעכער קאָמוניזם. פֿרייע אַרבעטער שטימע, נ. י. מאַי 12, 1944, זז׳ 2—3.

דר. חיים זשיטלאָווסקי — דער מיסטער-אַנאַליטיקער. פרייע אַרבעטער שטימע, נ. י. מאַי 26, 1944, זז' 2—3.

ווער איז עריק גיל? באַרימטער ענגלישער קינסטלער, געשטאָרבן אין 1940... פרייע אַרבעטער שטימע, נ. י. יולי 21, 1944, ז' 3.

בערל קאַצענעלסאָן: פיאָנער און אַרבעטער-טוער. פרייע אַרבעטער שטימע, נ. י. סעפּט. 8, 1944, זז' 6—7.

פאַרשטאָרבענער סענ[אַטאָר] נאָרים און די אַרבעטער-באַוועגונג. פרייע אַרבעטער שטימע, נ. י. סעפּט. 15, 1944, ז' 1.

עדוואַרד קאַרפּענטער: פּאָעט-פילאָזאָף פון דעמאָקראַטיע. פרייע אַרבעטער שטימע, נ. י. אָקט. 13, 1944, ז' 2.

ווי אַזוי און ווען זאָל געפייערט ווערן דער אָנדענק פון י. ל. פּרץ. פרייע אַרבעטער שטימע, נ. י. יאַנ. 5, 1945, ז' 5.

פאַרשטאָרבענער פּרעזידענט רוזוועלט — אַ מענטש פון צוויי וועלטן. פרייע אַרבעטער שטימע, נ. י. אַפּריל 20, 1945, ז' 1.

ווער איז אונדזער נייער פּרעזידענט? [הערי טרומאַן]. פרייע אַרבעטער שטימע, נ. י. אַפּר. 27, 1945, ז' 3.

ברוך ריווקין [נעקראָלאָג]. פרייע אַרבעטער שטימע, נ. י. יוני 15, 1945, ז' 1.

עליזע רעקליו: נאַטור-פאָרשער און פרייהייט-קעמפער. פרייע אַרבעטער שטימע, נ. י. יולי 13, 1945, זז' 2—3.

יונה ראָזענפעלדס ערשטער יאָרצייט. פרייע אַרבעטער שטימע, נ. י. אויג. 24, 1945, ז' 4.

אַ ביאַליסטאָקער כלל-טוער און קולטור-בויער מיט פּילזייטיקע טאַלאַנטן [פּסח קאַפּלאַן] ביאַליסטאָקער לעבן, ברוקלין, סעפּט. 1945, זז' 7—9.

יעקב קרעפּליאַק [נעקראָלאָג]. פרייע אַרבעטער שטימע, נ. י. סעפּט. 28, 1945, ז' 1.

ד. איזאַקאָוויץ — אַ קריגערישער פאָלקס-אינטעליגענט און רעפּרעזענטאַנט פון אַ גאַנץ דור. פרייע אַרבעטער שטימע, נ. י. אָקט. 19, 1945, ז' 1.

האַרציקער צוזאַמענקונפט פון ניו יאָרקער חברים לכבוד יצחק איזגור. פרייע אַרבעטער שטימע, נ. י. אָקט. 26, 1945, זז' 7—8.

ש. הורוויץ. פרייע אַרבעטער שטימע, נ. י. דעצ. 28, 1945, ז' 1

דזשאָן ל. לואיס און די א. פ. אָוו. ל. פרייע אַרבעטער שטימע, נ. י. פעב. 8, 1946, ז' 1.

אַן ענטפער צו חבר ד. איזאַקאָוויץ. פרייע אַרבעטער שטימע, נ. י. פעב. 15, 1946, ז' 3.

קראָפּאָטקין, טורגעניעוו און מרדכי אַנטאָקאָלסקי. פרייע אַרבעטער שטימע, נ. י. פעב. 22, 1946, זז' 5—6.

הערי לונדעבערג: מיליטאַנטער יוניאָן-פירער און סינדיקאַליסט. פרייע אַרבעטער שטימע, נ. י. סעפּט. 27, 1946, זז' 6—7.

ווי אַ באַרימטער יידישער סאָציאַליסט האָט פאַרדאַמט סאָציאַל-דעמאָקראַטישע פירער. [א. ליטוואַק]. פרייע אַרבעטער שטימע, נ. י. אָקט. 4, 1946, ז' 1.

ש. יאַנאָווסקי'ס זכרונות וועגן ביאַליסטאָקער „גרינהאָרנס" אין ניו יאָרק. ביאַליסטאָקער שטימע, נ. י. נאָוו.—דעצ. 1946, זז' 7—9.

אַלעקסאַנדער שאַפּיראָ: זיינע עלטערן און די יוגנט-צייט. פרייע אַרבעטער שטימע, נ. י. פעב. 21, 1947, ז' 2.

ש. יאַנאָווסקי און דער ביאַליסטאָקער „סומך נופלים". ביאַליסטאָקער שטימע, נ. י. מערץ—אַפּריל, 1947, זז' 12—13.

רודאָלף ראָקערס לעבנס-ווערק ווערט באַערט אין לאָס-אַנדזשעלעס. [נאַציאָנאַליזם און קולטור]. פרייע אַרבעטער שטימע, נ. י. אַפּר. 18, 1947, ז' 1.

ש. יאַנאָווסקיס זכרונות וועגן ביאַליסטאָק. ביאַליסטאָקער לעבן, ברוקלין, מאַי 1947, זז׳ 9—11.

יעקב קרעפּליאַק דער מענטש, דער פריינד, דער שרייבער. ביאַליסטאָקער שטימע, נ. י. סעפּ.—אָקט. 1947, זז׳ 15—17.

פון א. ש. זאַקס קאָרעספּאָנדענץ-אַרכיוו. פרייע אַרבעטער שטימע, נ. י. דעצ. 19, 1947, זז׳ 5 און 7.

ש. יאַנאָווסקיס בוך זכרונות. פרייע אַרבעטער שטימע. נ. י. יאַנ. 9, 1948, זז׳ 4 און 8.

ה. לייוויקס זעכציג-יאָריגער יובילוי [ליטעראַטיקל]. פרייע אַרבעטער שטימע, נ. י. יאַנ. 7, 1949, ז׳ 4.

ש. יאַנאָווסקיס באַרימטע בראָשור און אירע איבערזעצונגען. פרייע אַרבעטער שטימע, נ. י. מערץ 18, 1949, זז׳ 6—7.

ש. יאַנאָווסקי: צען יאָר נאָך זיין טויט. [ליטעראַטיקל]. פרייע אַרבעטער שטימע, נ. י. מערץ 18, 1949, ז׳ 4.

פּריוויט-קעמפערין און טאָכטער פון ק. בערנערי געשטאָרבן אין לאָנדאָן. פרייע אַרבעטער שטימע, נ. י. מאַי 13, 1949, ז׳ 1.

ש. יאַנאָווסקיס ,זכרונות, וואָס זיינען איצט דערשינען. פרייע אַרבעטער שטימע. נ. י. יולי 8, 1949, ז׳ 7.

עמאַ גאָלדמאַנס 80-סטער געבורטסטאָג [ליטעראַטיקל]. פרייע אַרבעטער שטימע, נ. י. יולי 8, 1949, ז׳ 4.

צום צענטן יאָרצייט פון דר. מיכל קאָהן. [ליטעראַטיקל]. פרייע אַרבעטער שטימע, נ. י. אויג. 5, 1949, ז׳ 4.

ירוחם לעווין: אַ ביאַליסטאָקער אידעאַליסט און זיין פאַרווירקלעכטער יוגנט-חלום. ביאַליסטאָקער שטימע, נ. י. סעפּט.—אָקט. 1949, זז׳ 34—35.

צום 60-יאָריקן יובילוי פון חבר ב. סוראַסקי. [ליטעראַטיקל]. פרייע אַרבעטער שטימע, נ. י. אָקט. 14, 1949, ז׳ 4.

אָסוואַלד גערישאָן ווילאַרד. פרייע אַרבעטער שטימע, נ. י. נאָוו. 11, 1949, ז׳ 4.

סעמיועל גאָמפּערס: 25 יאָר נאָכן טויט. [ליטעראַטיקל]. פרייע אַרבעטער שטימע, נ. י. דעצ. 23, 1949, ז׳ 4.

ה. ד. טהאָראָ און זיינע פרייהייט-אידייען. הענרי דייוויד טהאָראָ. נייע יידישע איבערזעצונג פון יוסף קאַהאַן, מיט אַ ביישטראָג פון דר. הערמאַן פראַנק, לאָס אַנדזשעלעס—תל-אביב, ישראל, 1950, זז׳ 55—66.

פראַנציסקאָ פערער: 40 יאָר נאָכן טויט. [ליטעראַטיקל]. פרייע אַרבעטער שטימע, נ. י. יאַנ. 6, 1950, ז׳ 4.

חבר ג. מאַקסימאָוום פאַרענדיקטער לעבנס-וועג. [ליטעראַטיקל]. פרייע אַרבעטער שטימע, נ. י. מערץ 31, 1950, ז׳ 4.

קאַסיוס וו. קוק [נעקראָלאָג]. פרייע אַרבעטער שטימע, נ. י. אַפּר. 28, 1950, ז׳ 5.

צום 23-סטן יאָרצייט פון סאַקאָ און וואַנזעטי. [ליטעראַטיקל]. פרייע אַרבעטער שטימע, נ. י. אויג. 18, 1950, ז׳ 4.

אַ מענטש וואָס איז כמעט אַן אינסטיטוציע אין דער באַוועגונג [הײמאַן יאַפּע]. פרייע אַרבעטער שטימע, נ. י. אויג. 18, 1950, ז׳ 6.

רודאָלף ראָקערס אַ נייע ווערק: דאָס מאַקס-נעטלוי בוך. [ליטעראַטיקל]. פרייע אַר-בעטער שטימע, נ. י. סעפּט. 15, 1950, ז׳ 4.

שלום אַש צו זיבעציק יאָר. [ליטעראַטיקל]. פרייע אַרבעטער שטימע, נ. י. נאָוו. 24, 1950, ז׳ 4.

פון וויליאַם גאַדווין ביז בערנאַרד שאָו. פרייע אַרבעטער שטימע, נ. י. נאָוו. 24, 1950, ז' 5.

שלום אַש און די „פרייע אַרבעטער שטימע". [לייטאַרטיקל]. פרייע אַרבעטער שטימע, נ. י. דעצ. 8, 1950, ז' 4.

עטיען לאַ באָעסי: זיין צייט, סביבה און ווירקונג. עטיען דע לאַ באָעסי. פרייווויליקע שקלאַפעריי. איבערזעצט פון פראַנצויזישן אָריגינאַל פון דר. ה. שאַטאַן, פּאַריז, 1951, זז' 53—75 און 78—79.

חכמי-זאַגער. [יעקב דינעזאָן, מיכל גאָרדאָן, שניאור זאַקס, דר. הירש ראַבינאָוויטש, ר' יאַנקעל חריץ, א. ש. זאַקס, יהודה לייב מאַנדעלשטאַם, קלונימוס-זאב וויסאָצקי, אליעזר אַטלאַס, יום-טוב ליפמאַן ליפקין]. ליטע, בוך איינס, אַרויסג. פון „קולטור געזעלשאַפט פון ליטווישע יידן, נ. י. 1951, זז' 775—784.

צום צענטן יאָרצייט פון דר. י. מעריסאָן. [לייטאַרטיקל]. פרייע אַרבעטער שטימע, נ. י. יאַנ. 19, 1951, ז' 4.

פּ. קראָפּאָטקינס 30-סטער יאָרצייט. [לייטאַרטיקל]. פרייע אַרבעטער שטימע, נ. י. פעב. 16, 1951, ז' 4.

צוויי יאָרצייטן פון אונזערע קעמפער-טרוימער. [עמאַ גאָלדמאַן און אַלעקסאַנדער בערקמאַן — לייטאַרטיקל]. פרייע אַרבעטער שטימע, נ. י. יוני, 8, 1951.

75 יאָר נאָך באַקונינס טויט. [לייטאַרטיקל]. פרייע אַרבעטער שטימע, נ. י. יולי 6, 1951.

מיט זעכציק יאָר נאָענטער צום וויטן גרויסן ענדציל! די סאָציאַלע אידעאַלן פון עדעלשטאַט, יאַנאָווסקי און פון אונדזער דור. פרייע אַרבעטער שטימע, נ. י. פעב. 16, 1951, ז' 1.

פּ. קראָפּאָטקין וועגן קאַרל מאַרקסן. פרייע אַרבעטער שטימע, נ. י. אַפּר. 27, 1951, זז' 2 און 6.

דערקלערונג פון רעדאַקטאָר. [וועגן ש. לינדערס ענטפער אויף דר. פראַנקס בריוו פון 20טן יולי]. פרייע אַרבעטער שטימע, נ. י. אויג. 3, 1951, ז' 7.

אַן ענטפער צו חבר לינדער. פרייע אַרבעטער שטימע, נ. י. אויג. 17, 1951, ז' 7.

קאַרל מאַרקס, ניטצשע און סאָרעל. פרייע טריבונע, פּאַריז, דעצ. 1951, זז' 3—5.

לעצטע בריוו צו מאַקס שפּאַניער. אויפן שוועל, נ. י. סעפּט.—אָקט. 1952, ז' 8.

לעוו טאָלסטאָי און לאַ באָעסי. דער פרייער געדאַנק, פּאַריז, סעפּט.-אָקט. 1952, זז' 8 — 9.

פּאָעט, פּובליציסט און רעדאַקטאָר דוד עדעלשטאַט. דוד עדעלשטאַט געדענק-בוך, רעד. פון ב. י. ביאַלאָסטאָצקי, נ. י. 1953, זז' 55—67.

קריטיק פון ביכער, זאַמלביכער, זשורנאַלן און לעקציעס-דעבאַטן

NERWUS, Тайны жизни и смерти. (Мысли об «Анатэмѣ, Леон. Андреева). Голосъ Бѣлостока, 29 января 1919 г.

דער אייראָפּעאישער כאַאָס. (אַ לעקטשור פון פּראָפ. בערטראַנד ראַסעל). פרייע אַרבעטער שטימע, נ. י. אַפּר. 16, 1924.

דער היפּנאָז פון ווערטער. (צו דער דעבאַטע צווישן הילקוויט און ראַסעל). פרייע אַרבעטער שטימע, נ. י. מאַי 16, 1924, ז' 2.

מעכאַניזם און לעבען. (אַ לעקטשור פון בערטראַנד ראַסעל). פרייע אַרבעטער שטימע, נ. י. מאַי 30, 1924.

חיי התרבות בישראל בתקופת המשנה והתלמוד. א. ש. הרשברג. ביאַליסטאָקער שטימע, נ. י. יוני 1924.

סאָציאַליזם און דגמא (צו דער דעבאַטע צווישן בערטראַנד ראַסעל און סקאָט ניערינג). פרייע אַרבעטער שטימע, נ. י. יוני 6, 1924, ז' 3.

אין די פוס-טריט פון לעוו טאָלסטאָי A Vision of the New Living Life, by Nicoli S. פרייע אַרבעטער שטימע, נ. י. יולי 4, 1924, ז' 3.

אַ גלגול פֿון אַ ספר. „שמחת הנפש" אידישע לידער פֿון אלחנן קירכהן. פרייע אַרבעטער שטימע, נ. י. פעב. 26, 1926.

«Аграрная Реформа в России» — А. Додэ-Бансель. Рассвет, Чикаго, 20-го июля 1926 г.

פרקי אָבות מיט אַן ענגלישען פירוש. "Pirkeh Abath: The Tractate "Fathers" Edited by R. Traners Aerford." צוקונפט, נ. י. מערץ 1927, זז' 184—185.

דער מאָדערנער געדאַנק און די אַלט-נייע באַגריפֿן (אבא גאָרדינס באַגרינדונג פֿון דער אידישער עטיק). שיקאַגאָ, יולי—אויג. 1927, זז' 11—14.

אַ נייער וויכטיקער זשורנאַל. די „פרייע שריפטן פאַרן יידישן סאָציאַליסטישן געדאַנק". פרייע אַרבעטער שטימע, נ. י. יולי 15, 1927.

אַ פעריאָדיש ווערק פֿאַר וויכטיגער אינפאָרמאַציע. דער ידישער וועלט-אַלמאַנאַך, פֿאַרלאַג ווּעקער, נ. י. 1927. צוקונפט, נ. י. אויג. 1927, זז' 490—492.

Общественный Идеал и Теософия Штейнера. Пробуждение. Детройт. Август-Октябрь 1927 г.

נייע וועגן אין דער פסיכאָלאָגיע. (צו די לעקציעס פון פּראָפ. פ. שניאורסאָן). פרייע אַרבעטער שטימע, נ. י. דעצ. 2, 1927.

די פסיכאָלאָגישע שיטה פֿון פּראָפעסאָר שניאורסאָן. מענטש-געזעלשאַפט; פון פּראָפ. פ. שניאורסאָן, ווילנע, 1927. צוקונפט, נ. י. יאַנ. 1928, ז' 70.

Ф[ранк] Г. «Social Mobility», by Pitirim Sorokin. N. Y. 1927. Пробуждение, Детройт. Март 1928.

אַ גאַלעריע פון גרויסע אידען געשטאַלטען: פֿון ז. טיגעל. דער פֿאַרבאַנד, נ. י. יוני 1928.

דע מאַנ'ס קריטיק פון דעם מאַרקסיזם. The Psychology of Socialism by Henry De Man. פרייע אַרבעטער שטימע, נ. י. יולי 27, 1928.

„ווירטשאַפֿט און לעבן", מאָנאַטלעכער זשורנאַל, נומ. 1, 2, 3. פֿרייע אַרבעטער שטימע, נ. י. פעב. 1, 1929, ז' 3.

דער אַרבעטס-טאָג פֿון גוסטאַוו לאַנדויער. פרייע אַרבעטער שטימע, נ. י. מאַי, 3, 1929.

פאָרשונגען אין אידישער עקאָנאָמיק. שריפטן פֿאַר עקאָנאָמיק און סטאַטיסטיק, 1טער באַנד. פֿרייע שריפֿטן, זעקסטער זאַמלבוך, וואַרשע, סעפּט. 1929.

ב. ווייגשטיין: די אידישע יוניאָנס אין אַמעריקע. האַוועלאָק עללים: אַן אָפּשאַצונג. דר. ישראל רובין: אידעאַל און עלנד. „פרייע שריפטן". פרייע אַרבעטער שטימע, נ. י. אָקט. 25, 1929.

פֿרייע אַרבעטער שטימע, Karl Marx, His Life and Work, by Otto Ruehle נ. י. דעצ. 13, 1929.

דער אידישער איינפלוס אין דער נייער וויסענשאַפט Jewish Influence in Modern Thought by Dr. A. A. Roback, 1929. צוקונפט, נ. י. יוני 1930, זז' 432—435.

לאַנדסמאַנשאַפטען יובּיליי ביכער. [וועגן ז"ב „ווילנע", רעדאַקטירט פֿון יעפים ישורין]. פּוילישע אידען, נ. י. יוני 1935.

הענדריק דע מאַן: „די פסיכאָלאָגיע פֿון סאָציאַליזם". אידיש פֿון א. יעסעלסאָן, וואַרשע, 1935. צוקונפט, נ. י. נאָוו. 1935, זז' 680—682.

א. ליעסינ׳ס לירישע געשיכטס-אויפפאסונג. צוקונפט, נ. י. מערץ 1936, זז׳ 108—109.

אַ ווערטפול בוך, צו דער געשיכטע פון דער אַמעריקאַנער אַרבעטער-באַוועגונג [הענרי דייווידבוך]. פרייע אַרבעטער שטימע, נ. י. אַפּר. 30, 1937, זז׳ 6—7.

די הויפּט-פּראָבלעמען פון דער אידישער עקאָנאָמיק. (זשורנאַל „אידישע עקאָנאָמיק" נומער 1). פרייע אַרבעטער שטימע, נ. י. יולי 30, 1937, זז׳ 2 און 7.

דער מאָדערנער געדאַנק און די אַלט-נייע באַגריפן. (אַב. גאָרדינס באַגרינדונג פון דער אידישער עטיק). שיקאַגאָ, יולי—אויג. 1937.

פּסח קאַפּלאַן׳ס „ביבלישע געזאַנגען". ביאַליסטאָקער לעבן, ברוקלין, סעפּט. 1938, זז׳ 20—21.

פּסח קאַפּלאַן׳ס איבערזעצונגען פון תנ״ך און רמב״ם. ביאַליסטאָקער שטימע, נ. י. סעפּ.—אָקט. 1938, זז׳ 35—36.

דער אידישער קיבוץ אין אַמעריקע און זיינע קהל׳שע אָרגאַניזאַציעס. "Jewish Community Organization in the United States by Maurice J. Karph צוקונפט, נ. י. נאָוו. 1938, זז׳ 683—684.

די יידישע טרייד-יוניאָן-באַוועגונג אין אַמעריקע (1888—1938). יאָרבוך פון אַמאָפּטייל, רעדאַקטירט פון לייבוש לעהרער, יודל מאַרק. II. אַרויסגעגעבן פון יידישן וויסענשאַפטלעכן אינסטיטוט, נ. י. 1939, זז׳ 102—132.

מיין וואָגלעניש אין ביאַליסטאָק, פון אַלעקסאַנדער האַרקאַווי. וועגן פּאָרפעסער און זיינע זכרונות. ביאַליסטאָקער לעבן, ברוקלין, יולי 1939.

קאָלעקטיווע משוגעת. Social Forces in Personality Stunting by Arnold H. Kamiat. פרייע אַרבעטער שטימע, נ. י. אויג. 25, 1939, זז׳ 5 און 7.

Dr. Arjie Tartakower: Zarys Socjologji Zydowstwa. פּוילישע אידען, נ. י. יוני 1940, ז׳ 97.

30 יאָריגער יובילעי זשורנאַל פון לובלינער יאַנג מענס ברענטש 392 א. ר. פּוילישע אידען, נ. י. יוני 1940, ז׳ 98.

אַ נייער לייכטער בוך וועגן רש״י. מנחם גלען: רש״י, דער פאָלקס-לערער. ביאַליסטאָקער לעבן, ברוקלין, אָקט. 1940, ז׳ 32.

אַ פּאָעטישע וויזיע פון בלוטיקן מבול. שמואל לעווין, פרייע אַרבעטער שטימע, נ. י. אָקט. 4, 1940, ז׳ 5.

אַ פיינע נאָוועלע וועגן אַ קאָלומניסט. „אַ הויז אויפן פעלד" פון חיים פּעט. פרייע אַרבעטער שטימע, נ. י. נאָוו. 1, 1940, ז׳ 5.

גענ. יוסף אישיל׳ס פּרעכטיקער קראָפּאָטקין-בוך. פרייע אַרבעטער שטימע, נ. י. פעב. 7, 1941, ז׳ 3.

אישיל׳ס פּרעכטיקע רעקליו אויסגאַבעס. פרייע אַרבעטער שטימע, נ. י. אָקט. 31, 1941, זז׳ 6 און 8.

פּאָעטישער מאַניפעסט פון פעלקער-פאַרברידערונג. [„סקיפן" פון אַלעקסאַנדער בלאָק]. פרייע אַרבעטער שטימע, נ. י. נאָוו. 7, 1941, ז׳ 5.

אַ מאַרקסיסטישער צוגאַנג צו השכלה און חסידות. דר. רפאל מאהלער: דער קאַמף צווישן השכלה און חסידות אין גאַליציע. פרייע אַרבעטער שטימע, נ. י. אַפּר. 17, 1942, זז׳ 5—6.

זכרונות פון אַ בונדיסטישן פּיאָנער [חלל כץ-בלום]. פרייע אַרבעטער שטימע, נ. י. מאַי 15, 1942, ז׳ 6.

נייע ידיעות וועגן אידן אין לאַטיין-אַמעריקאַנישע לענדער. נ. כאַנין: רייזע איבער צענטראַל און דרום אַמעריקע. פרייע אַרבעטער שטימע, נ. י. אויג. 14, 1942, זז׳ 3 און 6.

די אַרבעטער לאַגע אין די נאָדל-טרעידס The Needle Trades by Joel Seidman. פרייע אַרבעטער שטימע, נ. י. סעפּט. 11, 1942, זז' 6—7.

ענטוזיאַסטישער לויב-געזאַנג פאַר די שאַפנדע גייסטער. ש. טענענבוים: קינדער פון דער זון. פרייע אַרבעטער שטימע, נ. י. יאַנ. 1, 1943, זז' 5 און 7.

אַלטע טעאָריעס און נייע פּראַקטיק פון פּאָליטישען אַנטיסעמיטיזם. Jewish Emancipation under Attack by Bernard Weinryb. פרייע אַרבעטער שטימע, נ. י. יאַנ. 22, 1943, זז' 2—3.

פּרינציפּן און פירונגען פון פּראָגרעסיוון יוניאָניזם. The Dynamic of Industrial Democracy by Clinton S. Golden and Harold J. Ruttenberg. פרייע אַרבעטער שטימע, נ. י. יאַנ. 29, 1943, ז' 10.

פיינער ביישטייער צו דער געשיכטע פון אידישן בוך. (...קאַטאַלאָג אַלבום פון מיכל קאַפּלאַנס קאָלעקציע אין ניו יאָרקער אוניווערזיטעט). פרייע אַרבעטער שטימע, נ. י. סעפּט. 10, 1943, זז' 5 און 7.

אַנטאָלאָגיע פון אַלטע און נייע אידישע מעמואַרן. Memories of My People Through a Thousand Years, by Leo W. Schwartz. פרייע אַרבעטער שטימע, נ. י. דעצ. 17, 1943, זז' 5—6.

גייסטיקע וועלט און טראַגישער סוף פון חיים אַרלאָזאָראָוו. פרייע אַרבעטער שטימע, נ. י. יולי 28, 1944, זז' 2—3.

מעמואַרן וועגן ערשטע יאָרן פון סאָוועט-רוסישער עקאָנאָמיק. S. I. Liberman. Dela I Ludi. פרייע אַרבעטער שטימע, נ. י. דעצ. 1, 1944, ז' 3.

די „אינטערנעשאָנאַל" און אירע צוויי היסטאָריקער לואיס לעווין און בענדזשאַמין סטאָלבערג. פרייע אַרבעטער שטימע, נ. י. יאַנ. 19, 1945, ז' 6, פרייע אַרבעטער שטימע, נ. י. יאַנ. 26, 1945, ז' 6, פרייע אַרבעטער שטימע, נ. י. פעב. 2, 1945, ז' 6, פרייע אַרבעטער שטימע, נ. י. פעב. 9, 1945, זז' 6—7.

צוויי נייע וויכטיקע ביכער פאַרן לימוד פון יידישע געשיכטע. Studies in Jewish History and Booklore by Alexander Marks. דורות דערציילן פון יחזקאל ליפשיץ. פרייע אַרבעטער שטימע, נ. י. יאַנ. 26, 1945, זז' 3 און 7.

די „הוימישע פילאָזאָפיע" פון אַ שמייכלענדיקן פילאָזאָף ב. גרינפעלד (בראָנזווילער סטאָליאַר). פרייע אַרבעטער שטימע, נ. י. מערץ 16, 1945, זז' 5 און 8.

אַ פּאָר באַמערקונגען צו אַ היסטאָרישן רעפעראַט. [צו נ. גאָלדבערג'ס לעקציע אין ייוואָ]. פרייע אַרבעטער שטימע, נ. י. מערץ 23, 1945, זז' 3 און 7.

ר. ראָקערס אַ נייע ווערק איבער ברענענדער צייט-פראַגע. „גרונד-יסודות פון אַ פעדערירטער אייראָפּע". פרייע אַרבעטער שטימע, נ. י. אַפּר. 27, 1945, ז' 2.

ענציקלאָפּעדיע-אַרטיקלען, פּאַרטייאישקייט און פרייע קריטיק. פרייע אַרבעטער שטימע, נ. י. יוני 15, 1945, זז' 2—3, פרייע אַרבעטער שטימע, נ. י. יוני 22, 1945, זז' 2 און 7.

אַ פילאָזאָפיש-געשיכטלעך ווערק וועגן סאָציאַלע אידעאַלן. י. דעלעווסקי — דער סאָציאַלער אידעאַל און זיינע וויסנשאַפטלעכע יסודות. פרייע אַרבעטער שטימע, נ. י. סעפּט. 21, 1945, זז' 2—3.

מאַקס נעטלויס לעבנס-ווערק אין דער באַלייכטונג פון ר. ראָקער. פרייע אַרבעטער שטימע, נ. י. אָקט. 5, 1945, ז' 3.

נייע צוויי-שפּראַכיקע טריבונע פאַר יידיש סאָציאַלע פּראָבלעמען. „געדאַנק און לעבן" דר. זווינגריב רעדאַקטאָר. פרייע אַרבעטער שטימע, נ. י. אָקט. 12, 1945, ז' 3.

אַ וויכטיק ניי ווערק וועגן נאַציאָנאַליזם. פרייע אַרבעטער שטימע, נ. י. נאָוו. 30, 1945, זז' 2—3.

אַ טשיקאַווע „תפילה זכה" מיט 55 יאָר צוריק. פרייע אַרבעטער שטימע, נ. י. יאַנ. 11, 1946, זז׳ 5 און 8.

ערשטע פולע שעקספיר-ביאָגראַפיע אין יידיש איצט דערשינען. פרייע אַרבעטער שטימע, נ. י. פעב. 7, 1947, ז׳ 5.

דערהויבענע, ליבשאַפטפולע יהואש-ביבליאָגראַפיע. פרייע אַרבעטער שטימע, נ. י. סעפּט. 14, 1945, ז׳ 5.

גלענצענדער, נאָך האַלב-פאַרגעסענער יידישער עסייאיסט. שמריהו גאָרעליק: עסייען. פרייע אַרבעטער שטימע, נ. י. אויג. 8, 1947, זז׳ 5—6.

רודאָלף ראָקער וועגן דייטשלאַנדס צוזאַמענברוך און צוקונפט. [ראָקערס בראָשור אין דייטש]. פרייע אַרבעטער שטימע, נ. י. אויג. 15, 1947, ז׳ 2.

ש. יאַנאָווסקי און זיינע זכרונות. ש. יאַנאָווסקיס ערשטע יאָרן פון יידישן פרייהייט-לעכן סאָציאַליזם, נ. י. 1948, זז׳ XI—LII.

אַ נייע און וויכטיק בוך וועגן קאָלאָניעס און קבוצות. Cooperative Communities at work, by Henrik F. Infield. N. Y. 1945. פרייע אַרבעטער שטימע, נ. י. יאַנ. 2, 1948, ז׳ 2.

באַקונין, מאַרקס און לענין [וועגן ד. שובס בוך „לענין"]. פרייע אַרבעטער שטימע, נ. י. סעפּט. 2, 1949, ז׳ 6.

צו דער קונסט-געשיכטע פון יידישן אַלפאַבעט. (ראובן ליף: אוצר אלף-בתים, נ. י. 1950). פרייע אַרבעטער שטימע, נ. י. יולי 21, 1950, ז׳ 5.

„מלחמה אָדער שלום", אַ ניי וויכטיק בוך פון פראָמינענטן אַמעריקאַנישן דיפּלאָמאַט דזש. פ. דאַלאַס. פרייע אַרבעטער שטימע, נ. י. אויג. 4, 1950, ז׳ 1.

אַ נייע שאַצקאַמער פון אונדזער שפּראַך-אוצר. [סטוטשקאָווס „דער אוצר פון דער יידישער שפּראַך"]. פרייע אַרבעטער שטימע, נ. י. סעפּט. 29, 1950, ז׳ 5.

רודאָלף ראָקערס ניי בוך אין ענגליש. [לייטאַרטיקל]. פרייע אַרבעטער שטימע, נ. י. מערץ 4, 1949, ז׳ 4.

היסטאָרישע מיניאַטורן (געווידמעט דער ערשיינונג פון בילדער אַלבום „ביאַליסטאָק" פון דוד סאָהן). ביאַליסטאָקער שטימע, נ. י. אַפּר. 1951, זז׳ 16—18.

געשיכטלעכע פּרטים פון דויערנדיקער באַדייטונג (אַריינפיר וואָרט). נאַציאָנאַלע און פּאָליטישע באַוועגונגען ביי יידן אין ביאַליסטאָק (מאַטעריאַלן צו געשיכטע העפט 1, אַרויסגעגעבן פון דער געזעלשאַפט פאַר געשיכטע פון ביאַליסטאָק, ניו יאָרק 1951.

Psychoanalizing Social Movements. Fathers of Sons? By Prynce Hopkins. Labor Age. N. Y. July 1923.

"Israel", by Ludwig Lewisohn. 1925. The Voice of Bialystok, N. Y. Mar. 1926.

Hiking through the Wonders of the World by S. Bornstein and C. Wexler. 1926. The Voice of Bialystok, N. Y. March 1926.

On Industrial Education. The problem of Industrial Education by Arthur B. Mays. Labor Age, N. Y. Aug. 1928.

A Survey of Modern Civilization. The drift of Civilization [Review]. Labor Age, N. Y. Dec. 1929.

A Birds Eye View of Industrial Psychology. Industrial Psychology by Prof. Charles S. Meyers. Labor Age, N. Y. Jan. 1930.

"The Community in the Making". The "Center's and Community Councils" in American Jewish Life. (Hebrew). SHYA, 1939, Pp. 33—39. Sefer Ha-Shanah LI-Yehudei America.

Science in the Light of Marxist Philosophy. The Marxist Philosophy and the Sciences by J. B. S. Haloane. The Vanguard, July 1939.

אַרטיקלען וועגן יידישע פּראָגן

די אידישע באַפעלקערונג פון די אַמעריקאַנער לענדער. דער אידישער וועלט-אַלמאַנאַך, 1927.

אידיש אין אַמעריקע. צוקונפט, נ. י. אַפּר. 1928, זז' 220—222.

די אידען אין אַמעריקע אין ציפערן. צוקונפט, נ. י. יוני 1928, זז' 326—328.

די אידישע אַמעריקע אין ציפערן. צוקונפט, נ. י. סעפּט. 1928, זז' 537—540, צוקונפט, נ. י. דעצ. 1928, זז' 757—760.

די ערשטע אָפיציעלע סטאַטיסטיק פון די איינגעוואַנדערטע יידן אין אַמעריקע. ווירטשאַפט און לעבן, נומ. 2(5), בערלין, אַפּריל 1929, זז' 47—54.

די אידישע געטאָס אין אַמעריקע. צוקונפט, נ. י. יוני 1929, זז' 401—404.

די ענדערונגען אין עקאָנאָמישען לעבען פון די אידען אין אַמעריקע. צוקונפט, נ. י. יולי 1929, זז' 469—472.

מיגראַציע-פּראָצעסן אין אַמעריקאַנער יידנטום. ווירטשאַפט און לעבן, בערלין, אויג. 1929.

די צאָל און געאָגראַפישע פאַרטיילונג פון יידן אין די פאַראייניקטע שטאַטן. עקאָנאָמישע שריפטן, צווייטער באַנד, רעדאַקטירט פון יעקב לעשטשינסקי (ווילנע) 1932, זז' 106—120.

אידען אין אַמעריקע און די נייע עקאָנאָמישע פּאָליטיק. צוקונפט, נ. י. מאַי 1934, זז' 275—280.

די אידישע שטערבליכקייט אין ניו יאָרק. צוקונפט, נ. י. דעצ. 1934, זז' 705—710.

אַרבייטסלאָזיגקייט-פּראָבלעמען פון דער אידישער אַמעריקע. צוקונפט, נ. י. יאַנ. 1935, זז' 20—24.

דער נידערטרעכטיקער באַיקאָט געגען אידען אין די גרויסע ניו יאָרק „פּאָבליק יוטיליטיס". צוקונפט, נ. י., פעב. 1935, זז' 68—72.

אידען און די מעדיצינישע פּראָפעסיע אין אַמעריקע. צוקונפט, נ. י. מערץ 1935, זז' 148—152.

צו דער באַשעפטיגונג-פּראָבלעם פון אידן אין אַמעריקע. אידישער קעמפער, נ. י. מערץ 15, 1935.

עלטער-פּראָבלעמען פון דער אידישער אַמעריקע. צוקונפט, נ. י. יוני 1935, זז' 325—328.

דעמאָגראַפישע ידיעות וועגן אידן אין די פאַראייניגטע שטאַטן. אונזער שול, נ. י. יאַנ. 1936.

אידיש אין אַמעריקע לויט די ציפערן פון לעצטען צענזוס. צוקונפט, נ. י. פעב. 1937, זז' 75—80.

די הויפּט-פּראָבלעמען פון דער אידישער עקאָנאָמיק. פרייע אַרבעטער שטימע, נ. י. יולי 30, 1937.

דער עקאָנאָמישער אַנטיסעמיטיזם אין אַמעריקע. צוקונפט, נ. י. אויג. 1937, זז' 463—466.

יידישע דעמאָגראַפיע אין די פאַרייניקטע שטאַטן (אירע פּראָבלעמען, מעטאָדן און רעזולטאַטן). יאָרבוך פון אַמאָפּטייל. רעדאַקטירט פון דר. א. מוקדוני, דר. יעקב שאַצקי. אַרויסגעגעבן פון יידישן וויסנשאַפטלעכן אינסטיטוט, נ. י. 1938, זז' 155—184.

100 מיליאָן דאָלאַר. [גיבען די אַמעריקאַנער אידען אויס אויף קהלשע באַדערפעניש]. דאָס אידישע פאָלק, נ. י. פעב. 25, 1938.

אידישער חורבן אין אייראָפּע. פרייע אַרבעטער שטימע, נ. י. אַפּר. 15, 1938, זז׳ 1 און 6.

קאָנסטרוקטיווע הילף פאַר דעם אידישן מיטלשטאַנד אין פוילן. פוילישע אידען, נ. י. יוני 1938, זז׳ 12—21.

נייע בייטראָגן צו דער געשיכטע פון די אידן אין פוילן. פוילישע אידן, נ. י. יוני 1938, פוילישע אידן, נ. י. יוני 1939, פוילישע אידן, נ. י. יוני 1940.

אידען אין אַמעריקע ווי אַ נאַציאָנאַלע מינדערהייט. צוקונפט, נ. י. יולי 1938, זז׳ 377—380.

טעריטאָריעס פאַר אידן. פרייע אַרבעטער שטימע, נ. י. דעצ. 9, 1938, זז׳ 1 און 6, פרייע אַרבעטער שטימע, נ. י. דעצ. 23, 1938, זזי׳ 2—3.

דער 5-מיליאָניקער אידיש-אַמעריקאַנער קיבוץ. פרייע אַרבעטער שטימע, נ. י. נאָוו. 10, 1939, זז׳ 2—3.

זיינען מיר אידן אַ פּאַראַזיטיש פאָלק? פרייע אַרבעטער שטימע, נ. י. דעצ. 20, 1940, זז׳ 2 און 4.

די דערוואַכונג פון דעם טעריטאָריאַליסטישן געדאַנק. פרייע אַרבעטער שטימע, נ. י. אַפּר. 4, 1941, ז׳ 3.

דער בייטראַג צו דער געשיכטע פון אידן אין פראַנקרייך. פרייע אַרבעטער שטימע, נ. י. אָקט. 2, 1942, זז׳ 3 און 7.

די גרויסע קולטור-באַדייטונג פון אידישער סטאַטיסטיק. פרייע אַרבעטער שטימע, נ. י. פעב. 26, 1943, זז׳ 2—3, פרייע אַרבעטער שטימע, נ. י. מערץ 5, 1943 זז׳ 2 און 7.

דריי-פערטל יאָרהונדערט יידישע פרעסע אין אַמעריקע. פרייע אַרבעטער שטימע, נ. י. מערץ 16, 1945, זז׳ 3 און 12.

אַנטיסעמיטיזם: זיין אורשפּרונג און די קעגן-מיטלען. פרייע אַרבעטער שטימע, נ. י. סעפּט. 20, 1946, זז׳ 2—3, פרייע אַרבעטער שטימע, נ. י. סעפּט. 27, 1946, זז׳ 2—3, פרייע אַרבעטער שטימע, נ. י. אָקט. 11, 1946, זז׳ 2—3.

זעכציג יאָר פרייהייטלעכע פּראָפּאַגאַנדע אין יידיש. פרייע אַרבעטער שטימע, נ. י. נאָוו. 21, 1947, ז׳ 5.

די יידישע עמיגראַציע-נויטן און פּאָליטישע אויפבוי-פּלענער. פרייע אַרבעטער שטימע נ. י. דעצ. 19, 1947, ז׳ 1, פרייע אַרבעטער שטימע, נ. י. דעצ. 26, 1947, ז׳ 1.

די יידישע עמיגראַציע-נויטן און פּאָליטישע אויפבוי-פּלענער. פרייע אַרבעטער שטימע, נ. י. יאַנ. 2, 1948, ז׳ 1, פרייע אַרבעטער שטימע, נ. י. יאַנ. 9, 1948, ז׳ 1.

סוריגאַם: דאָס לאַנד אין זיד-אַמעריקע וואָס איז אָפן פאַר יידן-קאָלאָניסטן. פרייע אַרבעטער שטימע, נ. י. פעב. 13, 1948, ז׳ 1.

אַרטיקלען וועגן ארץ־ישראל

דער יונג-ציוניסטישער געדאַנק אין דייטשלאַנד. אונזער עתיד, נומ. 10, ווילנע, אויג. 21, 1918, זז׳ 7—12, אונזער עתיד, נומ. 13, סעפּט. 11, 1918, זז׳ 12—15.

ענגלאַנד, פּאַלעסטינע און עגיפּטען. פאָרטשריט, נ. י. יוני 20, 1930.

רייזע-איינדרוקן פון פּאַלעסטינע. פרייע אַרבעטער שטימע, נ. י. יולי 25, 1930, ז׳ 4, פרייע אַרבעטער שטימע, נ. י. אויג. 1, 1930, זז׳ 4—5, פרייע אַרבעטער שטימע, נ. י. אויג. 8, 1930, זז׳ 4—5, פרייע אַרבעטער שטימע, נ. י. אויג. 15, 1930, זז׳ 4—5, פרייע אַרבעטער שטימע, נ. י. אויג. 22, 1930, זז׳ 4—5.

פּאַריז און ירושלים. מאָרגענבלאַט, פּאַריז, אָקט. 21, 1932.

ה. וואַלפסאָן. אידישע קאָאָפּעראַטיווע קאָלאָניעס אין ארץ ישראל. פּרייע אַרבעטער שטימע, נ. י. מערץ 1944, זז' 6—7.

— גרויסער אויפטו פון יידיש-סאָציאַליסטישער דערציאונג און רעקאָנסטרוקציע. פּרייע אַרבעטער שטימע, נ. י. פעב. 23, 1945, זז' 3 און 7.

וו[אַלפסאָן] ה. פּאַלעסטינע, אַמעריקע און בריטישע אימפּעריאַליסטישע אינטערעסן. פּרייע אַרבעטער שטימע, נ. י. אויג. 9, 1946, ז' 1.

וו[אַלפסאָן] ה. אַנגעצויגענע לאַגע אין מיטעלן מזרח און דער סכסוך אַרום פּאַלעסטינע. פּרייע אַרבעטער שטימע, נ. י. אויג. 16, 1946, ז' 1.

ה. וואַלפסאָן. סאָציאַליסטישע באַוועגונג פון יידן-ראַדיקאַלן אין ארץ-ישראל. פּרייע אַרבעטער שטימע, נ. י. מערץ 21, 1947, ז' 2.

צעטיילונג קען ניט פאַרענטפערן די ארץ ישראל פּראָבלעם. פּרייע אַרבעטער שטימע, נ. י. יוני 13, 1947, זז' 2—3.

פ[ראַנק] ה. נאָך דעם פּאַלעסטינע-באַשלוס פון די „יונייטעד נעישאָנס". פּרייע אַרבעטער שטימע, נ. י. דעצ. 5, 1947, ז' 1.

וו[אַלפ]סאָן ה. אַמעריקע, פּאַלעסטינע און דער גורל פון חלוקה-פּלאַן. פּרייע אַרבעטער שטימע, נ. י. מערץ 19, 1948, ז' 1.

וו[אַלפסאָן] ה. צו דער לאַגע אין פּאַלעסטינע. פּרייע אַרבעטער שטימע, נ. י. מאַי 7, 1948, ז' 1.

[פראַנק דר. ה.] בלוטיקע אינטריגעס אין מיטעלן מזרח און מדינת-ישראל. פּרייע אַרבעטער שטימע, נ. י. סעפּט. 2, 1949, ז' 1.

וו[אַלפסאָן] ה. די יידיש-פּאַציפיסטישע באַוועגונג אין ישראל. פּרייע אַרבעטער שטימע, נ. י. מערץ 17, 1950, ז' 1.

גוטער אָנהויב פון אידעאישער פּראָפּאַגאַנדע אין ישראל. פּרייע אַרבעטער שטימע, נ. י. אָקט. 27, 1950, ז' 2.

אַרטיקלען וועגן אַרבעטער-פראַגן און אַרבעטער-געזעצגעבונג

די אַרבייטסלאָזיקייט אַלס וועלט-פּראָבלעם. צוקונפט, נ. י. אָקט. 1922, זז' 583—585.

דער קאַמף פון דייטשער אַרבייטערשאַפט. גערעכטיגקייט, נ. י. דעצ. 14, 1923.

אַרבייטער בענקינג און קאַפּיטאַליזם. גערעכטיגקייט, נ. י. דעצ. 28, 1923.

קאָאָפּעראַטיווע אַרבייטער-באַנקען אין אַמעריקע. צוקונפט, נ. י. פעב. 1924, זז' 95—96.

די אינטערנאַציאָנאַלע אַרבייטס-געזעצגעבונג. גערעכטיגקייט, נ. י. פעב. 8, 1924.

די אַרבעטערשאַפט און קאָנטראָל דורך קרעדיט. גערעכטיגקייט, נ. י., פעברואַר 22, 1924.

שטאַט-פינאַנסען, אַרבייט און קאַפּיטאַל. (אַ פּאַראַלעל צווישען ענגלאַנד און אַמעריקע). גערעכטיגקייט, נ. י. אַפּר. 4, 1924.

עמיגראַציע-פראַגען פון דער אייראָפּעאישער אַרבייטערשאַפט. גערעכטיגקייט, נ. י. מאַי 23, 1924.

די צילען פון די אַרבייטער באַנקען. דער פריינד, נ. י. יוני—יולי 1924.

רעקרעאיישאָנס פאַר אַרבייטער אַלס אינטערנאַציאָנאַלע פראַגע. גערעכטיגקייט, נ. י. יוני 20, 1924.

אַרבייטסלאָזיגקייט און דער קריזיס פון קאַפּיטאַליזם. פאָרטשריט, נ. י. יוני, 20, 1924.

מינימום-וויידזש געזעצגעבונג אין אַמעריקע. גערעכטיגקייט, נ. י. אויג. 15, 1924.

אינשורענס געגען אַרבייטסלאָזיגקייט. דער פריינד, נ. י. סעפּט. 1924.

דער דאַוז-פּלאַן און אינטערנאַציאָנאַלע אַרבייטס-געזעצגעבונג. גערעכטיגקייט, נ. י. אָקט. 10, 1924.

די אַמעריקאַנער באַקליידונגס אינדוסטריע אין ציפערן. פאָרטשריט, נ. י. נאָוו. 7, 1924.

דער ווענדעפונקט אין ענגלישען טרייד-יוניאָניזם. גערעכטיגקייט, נ. י. נאָוו. 7, 1924.

די וויסענשאַפטליכע אָרגאַניזירונג פון אַרבייט. גערעכטיגקייט, נ. י. נאָוו. 21, 1924.

דער אייראָפּעאישער טרייד יוניאָניזם. פרייע אַרבעטער שטימע, נ. י. יאַנ. 2, 1925, ז' 3.

פינף יאָר אינטערנאַציאָנאַלע אַרבייטס-געזעצגעבונג. גערעכטיגקייט, נ. י. יאַנ. 23, 1925.

די שפּאַלטונג אין דער אינטערנאַצ. יוניאָן באַוועגונג. פרייע אַרבעטער שטימע, נ. י. פעב. 13, 1925, ז' 3.

עלטער-פענשאַנס פאַר אַרבייטער. גערעכטיגקייט, נ. י. מערץ 6, 1925.

דער קאַמף געגען פריזאָן אַרבייט. גערעכטיגקייט, נ. י. מערץ 20, 1925.

פּראָדוקטיוויטעט און אַרבייטס-קאָסטען. גערעכטיגקייט, נ. י. אַפּר. 3, 1925.

געזעצליכע וואַקיישאַנס פאַר אַרבייטער. גערעכטיגקייט, נ. י. מאַי 8, 1925.

שטאַטליכע און פּריווויליגע אַרביטריישאַן. פרייע אַרבעטער שטימע, נ. י. מאַי 15, 1924, ז' 3.

שווידערליכע פאַקטען וועגן קליינע קינדער וואָס אַרבייטען פאַר די מואווים. „פאָרווערטס", נ. י. מאַי 19, 1925.

דער קריזיס פון צוואַנג-אַרביטריישאַן אין אַמעריקע. פאָרטשריט, נ. י. מאַי 22, 1925.

„קאָנטינענטאַלע" טרייד-יוניאַנס. פרייע אַרבעטער שטימע, נ. י. מאַי 29, 1925, ז' 3.

די טרויעריגע לאַגע פון די פרויען אַרבייטער אין די אַמעריקאַנער פעקטאָרים. „פאָרווערטס", נ. י. יוני 10, 1925.

דער קאַמף פאַר דעם 8 שטונדיגען אַרבייטס טאָג אין דייטשלאַנד. פאָרטשריט, נ. י. יוני 19, 1925.

דער קריזיס פון דער אַרבייטסלאָזיגקייט אינשורענס אין ענגלאַנד. גערעכטיגקייט, נ. י. יולי 31, 1925.

אינשורענס פאַר אַרבייטסלאָזע אין אַמעריקאַנער יוניאַנס. „פאָרווערטס", נ. י. אויג. 2, 1925.

די שטאַטליכע און פּריוואַטע פענשאַן-סיסטעם. גערעכטיגקייט, נ. י. אויג. 21, 1925.

היים-אַרבייט אין די שניידער-טריידס. גערעכטיגקייט, נ. י. סעפּט. 4, 1925.

אַרבייטסלאָזיגקייט און עמיגראַציע. גערעכטיגקייט, נ. י. סעפּט. 18, 1925.

דער קאַמף פאַר שטאַטליכע עלטער-פענסיעס אין אַמעריקע. דער פריינד, נ. י. אָקט. 1925.

אַרבייט און קאַפּיטאַל אין דער קוילען אינדוסטריע. פאָרטשריט, נ. י. אָקט. 1925.

די אַרבייטער פראַגע און די פּאַבליק סקולס. גערעכטיגקייט, נ. י. אָקט. 9, 1925.

דער צושטאַנד פון דער ענגלישער אַרבייטער באַוועגונג. פרייע אַרבעטער שטימע, נ. י. נאָוו. 20, 1925.

טרייד יוניאָניזם און עספּעראַנטאָ. גערעכטיגקייט, נ. י. דעצ. 4, 1925.

די קאַמפּאַניע „יוניאָנס" אין אַמעריקע. גערעכטיגקייט, נ. י. דעצ. 25, 1925.

טרייד-יוניאָנס אַלס שעהרהאָלדערס. גערעכטיגקייט, נ. י. יאַנ. 15, 1926.

לעבנס-פאַרזיכערונג, אַרבייט און קאַפּיטאַל. גערעכטיגקייט, נ. י. יאַנ. 29, 1926.

רעאַלע ווייזשעס און געלט ווערט. גערעכטיגקייט, נ. י. מערץ 19, 1926.

דער 8-שטונדען טאָג אַלס אינטערנאַציאָנאַלער געזעץ. גערעכטיגקייט, נ. י. אַפּר. 9, 1926.

טרייד-יוניאָנס און פּראָהיבישאָן. גערעכטיגקייט, נ. י. אַפּר. 23, 1926.
די אומשטענדען אין דער ענגלישער אַרבייטער באַוועגונג וועלכע האָבען געפיהרט צום גענעראַל-סטרייק. „פאָרווערטס", נ. י. מאַי 8, 1926.
טרייד-יוניאָניזם און עמיגראַציע. גערעכטיגקייט, נ. י. יוני 11, 1926.
באַצאָלטע וואַקיישאָנס פאַר אַרבייטער אין איראָפּע און אין פילע אינדוסטריען אין אַמעריקע. „פאָרווערטס", נ. י. יוני 23, 1926.
דער רעכטליכער שוץ פון די אַרבייטער אינטערעסען. גערעכטיגקייט, נ. י. יוני 25, 1926.
דער אַרבייטס אומזאַץ אַלס אינדוסטריעלער געזעץ. גערעכטיגקייט, נ. י. יולי 9, 1926.
די גרויסע באַוועגונג אַז די סטייט רעגירונגען זאָלען צאָהלען פּענסיע צו אַרבייטער אויף דער עלטער. „פאָרווערטס", נ. י. יולי 14, 1926.
אין אַמעריקע קומען פאַר מעהר פעקטאָרי און מאַין-עקסידענטס ווי אין אַלע אַנדערע לענדער. „פאָרווערטס", נ. י. יולי 22, 1926.
די רעגולירונג פון דער אַרבייטער עמיגראַציע. גערעכטיגקייט, נ. י. אויג. 13, 1926.
עס קומען אַלץ מעהר נעגערס פון די סאַוטה אין די פעקטאָרי שטעדט פון די נאָרטה. „פאָרווערטס", נ. י. אויג. 24, 1926.
די רעגולירונג פון דער אינדוסטריעלער באַשעפטיגונג. גערעכטיגקייט, נ. י. אויג. 27, 1926.
קאָאָפּעראַציע צווישען אַרבייטער און פאַרברויכער. גערעכטיגקייט נ. י. סעפּט. 10, 1926.
אַמעריקא און די אינטערנאַציאָנאַלע אַרבייטס-ביוראָ. גערעכטיגקייט, נ. י. סעפּט. 24, 1926.
25 יאָהר טרייד-יוניאָן אינטערנאַציאָנאַל. גערעכטיגקייט, נ. י. אָקט. 8, 1926, גערעכטיגקייט, נ. י. אָקט. 22, 1926.
דער געזעצליכער מינימום-לוין און דער טרייד-יוניאָניזם. גערעכטיגקייט, נ. י. נאָוו. 5, 1926.
די גרויסע נוצען וואָס דאָס לאַנד וועט האָבען פון אַ פינף טאָגיגען אַרבייטס-וואָך. „פאָרווערטס", נ. י. נאָוו. 9, 1926.
די קורצע אַרבייטס-וואָך און די מאַסען-פּראָדוקציאָן. גערעכטיגקייט, נ. י. נאָוו. 19, 1926.
נייע שטרעמונגען אין דעם ענגלישען טרייד-יוניאָניזם. גערעכטיגקייט, נ. י. דעצ. 17, 1926.
טעכנישע אויסבילדונג אַלס אַן אַרבייטער פּראָבלעם. גערעכטיגקייט, נ. י. דעצ. 21, 1926.
דער עקאָנאָמישער קריזיס און די אַרבעטער-שכירות. פאָרטשריט, נ. י. דעצ. 26, 1930.
פרויען און קינדער-אַרבייט אין די פאַראייניגטע שטאַטען. דער אידישער וועלט-אַלמאַנאַך, נ. י. 1927.
די אַרבייטער-געזעצגעבונג אין די פאַראייניגטע שטאַטען. דער אידישער וועלט-אַלמאַנאַך, נ. י. 1927.
די שניידער-אינדוסטרי און די אידען. צוקונפט, נ. י. יאַנ. 1927, זז' 26—31.
וויכטיגע רעפאָרמען אין וואָירקמענס קאָמפּענסיישאָן. גערעכטיגקייט, נ. י. פעב. 11, 1927.
דער קאַמף אין ניו יאָרק סטייט פאַר געזעצליכע 48-שטונדען אַרבייטס-וואָך פאַר פרויען-אַרבייטער. „פאָרווערטס", נ. י. פעב. 26, 1927.
דער פאָרטשריט פון דער נאָדעל-טריידס אין ענגלאַנד. גערעכטיגקייט, נ. י. אַפּר. 8, 1927.
דער וואוקס פון דער אַמעריקאַנער אַרבייטער באַוועגונג אין די לעצטע 30 יאָהר. „פאָרווערטס", נ. י. אַפּר. 24, 1927.
דער קריג געגען טרייד-יוניאָנס אין ענגלאַנד. גערעכטיגקייט, נ. י. מאַי 13, 1927.

חיים אַרבעט אין דער שניידער אינדוסטריע אין אַמעריקע. פאָרווערטס, נ. י. מאַי, 20, 1927.
די עקאָנאָמישע וועלט-קאָנפערענץ און די טרייד-יוניאָנס. פאָרווערטס, נ. י. מאַי 27, 1927.
די אַרבייטער באַוועגונג און די נעגערס. גערעכטיגקייט, נ. י. יולי 8, 1927.
אַן אַרבייטער פייער אינשורענס געזעלשאַפט. [Workmen's Furniture Fire Ins. Soc.]
גערעכטיקייט, נ. י. אויג. 19, 1927.
דער שוועך-פונקט פון דער טראַגעדיע. [סאַקאָ-וואַנזעטי]. פרייע אַרבעטער שטימע, נ. י. אויג. 26, 1927.
דער באַנקראָט פון דער אָפיציעלער יוסטיץ. [דערמאָרדונג פון סאַקאָ-וואַנזעטי און דער אויפשטאַנד אין ווין]. פרייע אַרבעטער שטימע, נ. י. סעפט. 9, 1927.
די יוגנט און די אַרבעטער באַוועגונג. פרייע אַרבעטער שטימע, נ. י. אָקט. 7, 1927, פרייע אַרבעטער שטימע, נ. י. אָקט. 14, 1927.
דער יידישער אַרבעטער און פאַרמער אין אַמעריקע. פרייע שריפטן, וואַרשע, נאָוו. 1927.
אימיגראַציע און טרייד יוניאָניזם. די אידישע אַרבעטער שטימע, נ. י. דעצ. 1927.
די עפּידעמיע פון אינדזשאַנקשאַנס. גערעכטיגקייט, נ. י. דעצ. 2, 1927.
די אַמעריקאַנער שניידער אינדוסטריע אין ציפערן. פאָרווערטס, נ. י. דעצ. 1927. פעלער אויסבעסערונג דעצ. 23, 1927.
די פרויען קליידער אינדוסטריע אין ציפערן. גערעכטיגקייט, נ. י. דעצ. 23, 1927.
אַרבעט און קאַפּיטאַל אין ענגלאַנד. פרייע אַרבעטער שטימע, נ. י. יאַנ. 13, 1928.
האָט דער אַרבעטער ווירקליך געוואונען פון דער באַשרענקטער אימיגראַציע. צוקונפט, נ. י. פעב. 1928, זז' 88—91.
אַרביטריישאַן און טרייד יוניאָנס. פאָרווערטס, נ. י. פעב. 24, 1928.
קאָמפּענסיישאַן פאַר טרייד-קראַנקהייטען. גערעכטיגקייט, נ. י. יוני 15, 1928.
דערגרייכונגען פון אַמעריקאַנער אַרבייטער קלאַס אין די לעצטע 40 יאָר. געווערקשאַפטן יובילעום-זשורנאַל, נ. י. דעצ. 1928, זז' 53—58.
די אַרבעטלאָזיגקייט פּראָבלעם אין אַמעריקע. די אידישע אַרבעטער שטימע, נ. י. מערץ—אַפּר. 1929.
די וועלט-פּראָבלעם פון אַרבעטלאָזיגקייט. פאָרווערטס, נ. י. סעפט. 13, 1929.
די איבערשיכטונג פון פּראָלעטאַריאַט. פרייע אַרבעטער שטימע, נ. י. נאָוו. 29, 1929, זז' 4—5, פרייע אַרבעטער שטימע, נ. י. דעצ. 6, 1929, זז' 4—5.
די אַרבעטער שכירות אין פאַרשידענע לענדער. פאָרווערטס, נ.י. יאַנ. 17, 1930.
דער אַרבעטער קלאַס און די ראַציאָנאַליזאַציע. פאָרווערטס, נ. י. פעב. 7, 1930.
די באַוועגונג פאַר אַרבייטער פענסיעס אין אַמעריקע. דער פריינד, נ. י. מערץ—אַפּריל, 1930.
ענגלישע אַרבעטער און די וואוינונג-פראַגע. פאָרווערטס, נ. י. יולי 4, 1930.
די אַרבעטער פּראָבלעם אין אַמעריקע און איירָאָפּע. פאָרווערטס, נ. י. מאַי 2, 1930.
די פרויען אַרבעטער און די פאַבריק-געזעצען. פאָרווערטס, נ. י. סעפט. 26, 1930.
דער אַרבעטער קלאַס און רעפּאַראַציע. פאָרווערטס, נ. י. נאָוו. 21, 1930.
די אַרבעטער-פּראָבלעם אין ראָטען-פאַרבאַנד. פאָרווערטס, נ. י. יאַנ. 23, 1931.
דער פּאַן-איירָאָפּע פּלאַן און דער אַרבעטער קלאַס. פאָרווערטס, נ. י. פעב. 20, 1931.
די נאָדעל-טריידס און די נ. ר. א. צוקונפט, נ. י. אָקט. 1934, זז' 581—585.
פּלענער ווי צו פאַרזיכערן אַרבעטסלאָזע. פרייע אַרבעטער שטימע, נ. י. דעצ. 7, 1934, זז' 3 און 7, פרייע אַרבעטער שטימע, נ. י. דעצ. 14, 1934, זז' 2 און 7.
וועגען פענסיעס פאַר אַלטע לייט. דער פריינד, נ. י. מערץ—אַפּריל 1935.
די אַרבעטער און דער „ען אר איי". פרייע אַרבעטער שטימע, נ. י. מערץ 1, 1935, זז' 2 און 7.
פּלענער פון סאָציאַלער פאַרזיכערונג און די קונקעל-מונקעל ביזנעס פון רוזוועלט און זיינע פּאָליטישענס. צוקונפט, נ. י. מאַי 1935, זז' 275—279.

אַמעריקע און די אינטערנאַצ. אַרבייטער אָרגאַניזאַציע. גערעכטיגקייט, נ. י. מאַי 1935.
אַרבעטלאָזע אינשורענס אין ניו-יאָרק סטייט. פרייע אַרבעטער שטימע, נ. י. יאַנ. 10, 1936, זז' 2 און 7.
די אידישע אַרבעטער באַוועגונג. אונזער שול, נ. י. מערץ 1936.
פון 1886 ביז 1936. (50 יאָר אינטערנאַציאָנאַלער קאַמף פאַר קירצערע אַרבעט-שטונדן). פרייע אַרבעטער שטימע, נ. י. מאַי 1, 1936, ז' 7.
אַרבעטער-פּאָליטיק און אַרבעטער-מאַכט. פרייע אַרבעטער שטימע, נ. י. נאָוו. 13, 1936.
וועט טאַקע רוזוועלט'ס „סאָשעל סעקיוריטי” פּלאַן ברענגען ממשות'דיגע רעזולטאַטען? צוקונפט, נ. י. יאַנ. 1937, זז' 7—11.
רעגירונג און טרייד יוניאָנס. (דיווירקלעכע באַדייטונג פון „וואַגנער לייבאָר אַקט). פרייע אַרבעטער שטימע, נ. י. מערץ 5, 1937.
קינדער-אַרבייט, די אַמעריקאַנער גרויס אינדוסטריע און די קאַטוילישע קירך. צוקונפט, נ. י. אַפּר. 1937, זז' 188—191.
דער נייער טרעיד-יוניאָניזם, דער וואַגנער-אַקט און די קאַפּיטאַליסטישע פּאָליטישענס. צוקונפט, נ. י. מאַי 1937, זז' 249—253.
אַרבייטסלאָזיגקייט אין אַמעריקע און די אָפּגעשטעלטע אימיגראַציע. צוקונפט, נ. י. יוני 1937, זז' 321—324.
דער מעסעדזש פון פּרעזידענט רוזוועלט און דער געזעץ-פּראָיעקט אין קאָנגרעס וועגן אַרבייטס-לוין און אַרבייטס-שטונדען. צוקונפט, נ. י. יולי 1937, זז' 381—384.
„סי-אַי-אָ” — אירע אויפטוען און אויסזיכטן. פרייע אַרבעטער שטימע, נ. י. יולי 9, 1937, ז' 2.
רוזוועלט און דער וואַגנער-אַקט. פרייע אַרבעטער שטימע, נ. י. יוני 17, 1938, זז' 4 און 7.
די נאָדל טרעידס אין אַמעריקע און די אידען. צוקונפט, נ. י. סעפּט. 1938, זז' 513—517.
טעאָריע און ווירקלעכקייט. וואָס פאַר אַ ממשות האָט דער נייער לוין און אַרבעט-צייט געזעץ? פרייע אַרבעטער שטימע, נ. י. אָקט. 28, 1938, ז' 3.
פופציג יאָר אידישע טרייד-יוניאָנס אין אַמעריקע. דער פריינד, נ. י. פעב. 1939.
די רעטונג-אַקציע און די ידישע אַרבעטער. פרייע אַרבעטער שטימע, נ. י. דעצ. 29, 1939, זז' 3 און 7.
דער אידישער אַרבעט-מאַרק אין אַמעריקע. פרייע אַרבעטער שטימע, נ. י. יאַנ. 26, 1940, זז' 2—3.
דער אידישער שניידער אין ניו יאָרק. אידען און איטאַליענער. פרייע אַרבעטער שטימע, נ. י. מערץ 15, 1940, זז' 3 און 6, פרייע אַרבעטער שטימע, נ. י. מערץ 24, 1940, ז' 2.
חורבן פון אַמסטערדאַמער טרעיד-יוניאָן אינטערנאַציאָנאַל. פרייע אַרבעטער שטימע, נ. י. אָקט. 18, 1940, זז' 2 און 7.
קאָנסום-קאָאָפּעראַציע און די אַרבעטער וועלט. פרייע אַרבעטער שטימע, נ. י. נאָוו. 15, 1940, ז' 6.
די אַמעריקאַנער רעגירונג און די אַרבעטער. פרייע אַרבעטער שטימע, נ. י. דעצ. 6, 1940, ז' 1.
קאַמף פון היגע יוניאָנס פאַר סאַניטאַרישע פאַרבעסערונגען. פרייע אַרבעטער שטימע, נ. י. אויג. 21, 1942.
אויפלעבונג פון אינטערנאַציאָנאַלן יוניאָן-פאַרבאַנד. פרייע אַרבעטער שטימע, נ. י. נאָוו. 6, 1942, ז' 6.
לאַנד-צוזאַמענפאָר פון אידישן אַרבעטער-קאָמיטעט. פרייע אַרבעטער שטימע, נ. י. דעצ. 25, 1942, ז' 6.

אַמעריקעס אַרבעטער-באַוועגונג און די צוגרייטונגען פון שלום. פרייע אַרבעטער שטימע, נ. י. פעב. 19, 1943, ז' 1.
סאָציאַל-ראַדיקאַלע באַשלוסן פון אַמעריקאַנער יוניאָנס. פרייע אַרבעטער שטימע, נ. י. אָקט. 15, 1943, ז' 6.
די געשיכטע פון איד. אַרבעטער באַוועגונג אין אַמעריקע. פרייע אַרבעטער שטימע, נ. י. אָקט. 15, 1943, ז' 3, פרייע אַרבעטער שטימע, נ. י. אָקט. 22, 1943, ז' 3.
די רעגירונג, די יוניאָנס און ראַסן-דיסקרימינאַציע. פרייע אַרבעטער שטימע, נ. י. דעצ. 31, 1943, ז' 6.
טרייד-יוניאָנס, אינדוסטריעס און מאָדערנער שטאַט. פרייע אַרבעטער שטימע, נ. י. אַפּר. 21, 1944, ז' 1.
גרונדשטריכן פון סאָוועטישן טרייד-יוניאָניזם. פרייע אַרבעטער שטימע, נ. י. יוני 2, 1944, זז' 6—7.
אַמעריקאַנער אַרבעטער און טרייד-יוניאָן אינטערנאַציאָנאַליזם. פרייע אַרבעטער שטימע, נ. י. אויג. 11, 1944, זז' 2—3, פרייע אַרבעטער שטימע, נ. י. אויג. 18, 1944, זז' 2 און 7.
די פּאַראָיוניקטע יידישע געווערקשאַפטן און די יידישע אַרבעטער-פעדעראַציע (1888—1890). געשיכטע פון דער יידישער אַרבעטער-באַוועגונג אין די פאַראייניקטע שטאַטן, צווייטער באַנד, ייוואָ, ניו יאָרק, 1945, זז' 395—417.
אויף די וועגן צו אַ נייעם טרייד-יוניאָן אינטערנאַציאָנאַל. פרייע אַרבעטער שטימע, נ. י. מערץ 30, 1945, ז' 1.
נייער טרייד יוניאָן אינטערנאַציאָנאַל שטויסט זיך אָן אויף ערשטן קריזיס. פרייע אַרבעטער שטימע, נ. י. יולי 19, 1936, ז' 1.
קאַפּיטאַליסטישע אומגלייכהייט און טרייד-יוניאָניסטישע אומברודערלעכקייט. פרייע אַרבעטער שטימע, נ. י. יולי 19, 1946, זז' 2 און 7.
אָפענער בריוו צו דוד דובינסקי, מאַקס זאַריצקי און יעקב פּאָטאָפּסקי וועגן באַלדיגן שריט מצד דער טרייד יוניאָן באַוועגונג פאַר אַ לייזונג פון פּאַלעסטינע קריזיס. פרייע אַרבעטער שטימע, נ. י. אויג. 2, 1946, ז' 1.
בעסערע אימיגראַציע-אויסזיכטן פאַר גרופּעס פון אייראָפּעאישע אַרבעטער. פרייע אַרבעטער שטימע, נ. י. מאַי 23, 1947, ז' 1.
אַמעריקאַנער אַרבעטער-באַוועגונג און סאָציאַל-עקאָנאָמישע רעפאָרמען. פרייע אַר-בעטער שטימע, נ. י. יולי 18, 1947, ז' 1.
געהיימע האַנט אַרבעט אין קאָנגרעס צו שפּרייטן שנאה קעגן די אַרבעטער. פרייע אַרבעטער שטימע, נ. י. מאַי 28, 1948, ז' 1.
ווער צאָלט איצט פאַר דער סאָציאַלער פאַרזאָרגונג פון די אַרבעטער? פרייע אַרבעטער שטימע, נ. י. סעפּט. 30, 1949, ז' 6.
פראַגע פון אַרבעטער-פּענסיעס ווערט אַלץ מער פאַרפּלאָנטערט. פרייע אַרבעטער שטימע, נ. י. יאַנ. 6, 1950, ז' 1.
פופציק יאָר יידישע אַרבעטער באַוועגונג אין אַמעריקע. פרייע אַרבעטער שטימע, נ. י. מאַי 26, 1950, ז' 1.
סימפּאָזיום לכבוד פופציק יאָר יידישע אַרבעטער-באַוועגונג. פרייע אַרבעטער שטימע, נ. י. מאַי 26, 1950, זז' 6—7.
טיף-ערנסטע און ערלעכע רייד וועגן דער אַרבעטער-באַוועגונג. פרייע אַרבעטער שטימע נ. י. סעפּט. 1, 1950, ז' 4.

אַרטיקלען וועגן דר. הערמאַן פראַנק

אַ גאַסטראָליאָר: אַ בריוו וועגן אַ „רעוואָלוציע". „מאָרגן-פרייהייט", נ. י. אָקט. 5, 1951.
אַבראַמאָוויץ, דינה: דאָס יידישע בוך 1951—1952. יידישער בוך-אַלמאַנאַך. יידישער ביכער-ראַט פון אַמעריקע, נ. י. 1952, ז' 110.

[אבראמאָוויטש, הירש]: ה. טאמארין. א. ש. זאַקס, קעמפער פאַר פאָלקס אויפלעבונג פון דר. הערמאַן פראַנק. ביאַליסטאָקער לעבען, ברוקלין, אַפּר. 1946, זז׳ 32—33.

אבראמאָוויטש, הירש: דער „פנקס ביאַליסטאָק" פון א. ש. הערשבערג. ביאַליסטאָקער לעבן, ברוקלין, אַפּר. 1949, ז׳ 43.

אבראמאָוויטש, ה.: 60 יאָר „פרייע אַרבעטער שטימע". פרייע טריבונע, פאַריז, סעפּט. 1951, זז׳ 13—14.

אבראמאָוויטש, הירש: אויפן פרישן קבר פון דר. הערמאַן פראַנק. די פרייע טריבונע, פאַריז—לאָנדאָן, אָקט. 1952, זז׳ 11—13.

אבראמאָוויטש, הירש: דר. הערמאַן פראַנק און די ביאַליסטאָקער. ביאַליסטאָקער שטימע, נ. י. יאַנ.—פעב. 1953, זז׳ 7—8.

א[בראמאָוויטש], ה[ירש] דר. הערמאַן פראַנק [נעקראָלאָג]. פרייַלאַנד, פאַריז, יאַנ. 1953, ז׳ 20.

אבראמאָוויטש, הירש: בערל לאַפּין, דער פּאָעט, דער מענטשן-פרייַנט. אונזער שטימע, פאַריז, דעצ. 26-27, 1953.

איזאַקאָוויטש, ד.: אויס גערעכטיקייט צו קאָרנעליסען. פרייע אַרבעטער שטימע, נ. י. נאָוו. 8, 1940, זז׳ 3 און 6.

— צו דער ניט-פאַרשטייעניש אונדזערער צווישן זיך. פרייע אַרבעטער שטימע, נ. י. פעב. 15, 1946, זז׳ 2—3.

אייגעס, ט.: חברים ט. אייגעסעס טענות... פרייע אַרבעטער שטימע, נ. י. אָקט. 26, 1951, ז׳ 7.

אַלמי, א.: ליטעראַרישע נסיעות. מ׳שעמט זיך מיט אידיש. פרייע אַרבעטער שטימע, נ. י. נאָוו. 22, 1929, ז׳ 5.

אלפא: דורך אָפּטימיזם צו אַ נייער, בעסערער וועלט! פרייע אַרבעטער שטימע, נ. י. מאַי 14, 1943, ז׳ 3.

אַפּאַלאָוו, דוד: ביים רעדאַקציע-טיש [ליד]. די שטימע, מעקסיקע, אויג. 26, 1950.

— וועגן דעם „פ. א. ש." רעדאַקטאָר. [ליד]. פרייע אַרבעטער שטימע, נ. י. סעפּט. 20, 1950, ז׳ 7.

אַקסלער, ב. און ראַדינאָוסקי, י.: באַריכט פון אונדזער קאָנפערענץ. פרייע אַרבעטער שטימע, נ. י. מערץ 15 און 22, 1946, ז׳ 6.

אַקסלער, ב.: וואָס דאַרף זיין אונדזער שטעלונג צו דער וועלט-לאַגע? פרייע אַרבעטער שטימע, נ. י. אָקט. 13, 1950, זז׳ 2—3.

— אַז ענטפער און אַז ענטפער. [אויף דר. פראַנקס אַרט. אָקט. 27, 1950]. פרייע אַרבעטער שטימע, נ. י. נאָוו. 10, 1950, זז׳ 2—3.

— די בייזוויליגע רכילות אויף דער „פרייע אַרבעטער שטימע". „פאָרווערטס", נ. י. נאָוו. 2, 1952.

באַכראַך, ירוחם: פאָרוואָרט. דעמאָגראַפיע פון דער יידישער באַפעלקערונג אין ביאַליסטאָק, ביאַליסטאָק, 1937, ז׳ 5.

באַך, ליליען ג.: אַ גוט וואָרט פאַר דעם חבר אַקסלער. פרייע אַרבעטער שטימע, נ. י. פעב. 2, 1951, ז׳ 6.

בוראַקאָוו, י.: דר. פראַנקס „אידישע טיפּאָגראַפיע און בוך אויסאַרבעטונג קונסט". ניו יאָרקער שריפטן, יאַנ. 1939, זז׳ 29—30.

ביאַלאָסטאָצקי, ב. י.: הקדמה. דוד עדעלשטאַט געדענק-בוך, נ. י. 1953, זז׳ 11, 14.

ביטינער משה: זייער אימפּאָזאַנטע „פר. אַרב. שטימע" פייערונג אין פאַריז, פרייע אַרבעטער שטימע, נ. י. יאַנ. 6, 1950, ז׳ 6.

— הערמאַן פראַנק. פרייע טריבונע, פאַריז—לאָנדאָן, אָקט. 1952, ז׳ 13.

ביסטריצקי, מ.: וועלט-חורבן, אַמעריקע און די אידן. (דר. הערמאַן פראַנק: „צווישן חורבן און אויפבוי"). פרייע אַרבעטער שטימע, נ. י. אויג. 16, 1940, ז׳ 5.

ב[יסטריצקי], מ.: ערשטער-מאַי פייערונג פון דער „פרייע אַרבעטער שטימע״. פרייע אַרבעטער שטימע, נ. י. מאַי 8, 1942, ז׳ 6.

ביסטריצקי, מ.: „פ. א. ש.״ יאָרטאָג גייסטרייך געפייערט אין ניו יאָרק. פרייע אַרבעטער שטימע, נ. י. יאַנ. 21, 1944, ז׳ 6.

בלום, יצחק: די „פרייע אַרבעטער שטימע״ אונטער דער רעדאַקציע פון דר. הערמאַן פראַנק — דער „באַשרענקטער פלאַץ״. פאָלקס-שטימע, נ. י. דעצ. 1946, זז׳ 12—13.

בערמאַן, העראָלד: אידעאַליזם און מאַרק-טומל אין אונדזער ראַדיקאַלער וועלט. א. ש. זאַקס: קעמפער פאַר אַ פאָלקס-אויפלעבונג פון דר. הערמאַן פראַנק. פרייע אַרבעטער שטימע, נ. י. יאַנ. 18, 1946, ז׳ 5.

בראַון, א.: זייער דערפאָלגרייכער „פ. אַ. ש.״ באַנקעט אין פילאַדעלפיע. „פרייע אַר-בעטער שטימע, נ. י. יאַנ. 29, 1943, ז׳ 9.

בראַון, אַלעקסאַנדער: וועגן דער „פר. ארב. שט.״. פרייע אַרבעטער שטימע, נ. י. סעפט. 20, 1940, זז׳ 6—7.

גאָרדאָן, דר. הירש לייב: אונזער פיעלשפּראַכיגע ליטעראַטור. „מאָרגען זשורנאַל״, נ. י. אַפּר. 9, 1939.

גאָרדין, אבא: אַן עטישע פּערזענלעכקייט. א. ש. זאַקס פון דר. הערמאַן פראַנק. אייניקייט, נ. י. דעצ. 1946, זז׳ 25—26.

— דוד עדעלשטאַט — דער אַרבעטער-זינגער. גערעכטיגקייט, נ. י. דעצ. 1953, ז׳ 11.

גוטמאַן, דר. ב.: אַ הירש לעקערט-אַקאַדעמיע אין קראָקע אין 1903. פאָראויס, מעקסיקע, אויג. 1, 1952, ז׳ 10.

גוטערמאַן, מענדיל: וועגן דער „פר. ארב. שט.״. פרייע אַרבעטער שטימע, נ. י. סעפט. 20, 1940, ז׳ 7.

— אין ש. יאַנאָווסקי׳ס וועגן. פרייע אַרבעטער שטימע, נ. י. אָקט. 11, 1940, ז׳ 7.

גורעלניק, לואיס: בריוו פון לייענער. פרייע אַרבעטער שטימע, נ. י. אויג. 31, 1951, ז׳ 7.

גינזבורג, שאול: אַ בוך וועגן דער קונסט פון דרוק ביי אידען. „פאָרווערטס״, נ. י. יוני 11, 1939.

גלאָבוס, דר. ד.: דרייסיק יאָר „פרייע אַרבעטער שטימע״. פרייע אַרבעטער שטימע, נ. י. סעפט. 27, 1929, ז׳ 5.

— ויקם מלך חדש.... (וועגן דעם פנים פון דער „פ. אַ. ש.״ אונטער איר נייעם רעדאַקטאָר דר. ה. פראַנק). ניו יאָרקער וואָכנבלאַט, סעפט. 5, 1941, זז׳ 3—5.

— דר. ה. פראַנק ענטפערט אויף קריטיק. ניו יאָרקער וואָכנבלאַט, אָקט. 10, 1941, זז׳ 6—7.

גלאַטשטיין, יעקב: דוד עדעלשטאַט געדענק-בוך. אידישער קעמפער. נ. י. יאַנ. 22, 1954, ז׳ 13.

גלאַנץ-לעיעלעס, א.: די יידישע ליטעראַטור און די יידישע פרעסע. 75 יאָר יידישע פרעסע אין אַמעריקע, נ. י. 1945, ז׳ 90.

גלען, מ. ג.: אַרום ביכער. דר. הערמאַן פראַנק: צווישן חורבן און אויפבוי. ניו יאָרקער וואָכנבלאַט, דעצ. 20, 1940, ז׳ 14.

גערהאַרד, ב.: די ביאַליסטאָקער אין אַמעריקע. פרייע אַרבעטער שטימע, נ. י. אָקט. 10, 1941, ז׳ 5.

דאַדניק, י.: פילאַדעלפיער פרייננט שיקט באַגריסונג. פרייע אַרבעטער שטימע, נ. י. אָקט. 4, 1940, ז׳ 7.

— חבר׳שער קבלת פנים אָוונט אין פילאַדעלפיע. פרייע אַרבעטער שטימע, נ. י. נאָוו. 1, 1940, ז׳ 6.

— העכסט דערפּאָלגרייכער „פּ. א. ש." באַנקעט אין פילאַדעלפיע. פרייע אַרבעטער שטימע, נ. י. פעב. 25, 1944, ז' 6.

דען, ס.: אַ גרוס פון קליוולאַנד. פרייע אַרבעטער שטימע, נ. י. אָקט. 11, 1940, ז' 7.

דרין, ס.: לאַנדאַנער חברים פּייערן דעם 60-יאָריקן יובליי פון דער „פר. אַרב. שטימע". פרייע אַרבעטער שטימע, נ. י. אַפּר. 27, 1951, ז' 6.

האַכמאַן, מ.: דאַנקט פאַר פראַנק'ס אַרטיקלען. פרייע אַרבעטער שטימע, נ. י. יוני 30, 1939, ז' 6.

האָראָוויץ, מ.: 32 יאָר „נייע געזעלשאַפט" ברענטש 364 אַרב. רינג. פרייע אַרבע-טער שטימע, נ. י. מאַי 30, 1941, ז' 6.

הערשבערג, אברהם שמואל: ביאַליסטאָקער פּערזענלעכקייטן. הערמאַן פראַנק. פנקס ביאַליסטאָק, באַנד 1, נ. י. 1949, ז' 422. שרייבערס געבאָרענע אין ביאַ-ליסטאָק אָדער ביאַליסטאָקער תושבים. פנקס ביאַליסטאָק, באַנד 1, 1949, ז' 422. די שטורמישע יאָרן 1900—1907. פנקס ביאַליסטאָק, באַנד 2, נ. י. 1950, ז' 113.

— ביאַליסטאָק אין די יאָרן פון דער ערשטער וועלט-מלחמה. פנקס ביאַליסטאָק, באַנד 2, נ. י. 1950, ז' 196.

— יידישע געזעלשאַפטלעכקייט אין די מלחמה-יאָרן. פנקס ביאַליסטאָק, באַנד 2, נ. י. 1950, זז' 207, 221.

— פון 1919 ביז מיטן 30ער יאָרן. פנקס ביאַליסטאָק, באַנד 2, נ. י. 1950, זז' 274, 292.

הערשבערג, הענעך: אַ פאַר ווערטער וועגן מיין פאָטער. פנקס ביאַליסטאָק, באַנד 1, 1949, זז' XXIV.

[וואַלדמאַן, מ.]: דר. הערמאַן פראַנק געשטאָרבן. פאַר אונזערע קינדער, נומ. 17—18, פּאַריז, 1952, ז' 2.

וואָרדען, ר.: פרויען גרופּע „פרייע געזעלשאַפט" אין דעטראָיט באַגריסט „פר. אַרב. שט." פרייע אַרבעטער שטימע, נ. י. אָקט. 11, 1940, ז' 7.

— דערפּאָלגרייכע פייערונג אין דעטראָיט פון 54 יאָר "פ. א. ש.". פרייע אַר-בעטער שטימע, נ. י. מערץ 30, 1945, ז' 3.

— פ. א. ש. 55-יאָר יובליי גרויסטרייך דורכגעפירט געוואָרן אין דעטראָיט. פרייע אַרבעטער שטימע, נ. י. מאַי 10, 1946, זז' 3 און 7.

וואָרדען, רעבעקאַ: דערפּאָלגרייכע פייערונג פון 56 יאָר „פ. א. ש." דורכגעפירט אין דעטראָיט. פרייע אַרבעטער שטימע, נ. י. אַפּר. 11, 1947, ז' 3.

וואָרדען, ר.: דערפּאָלגרייכע פייערונג פון 57 יאָריק „פר. אַרב. שט." יובליי אין דעטראָיט. פרייע אַרבעטער שטימע, ניו יאָרק, מאַי 14, 1948, ז' 6.

וויערניק, פּ.: אונזער פּיעל-שפּראַכיגע ליטעראַטור. [וועגן דר. פראַנקס איב. פון מ. גערשענזאָנס בוך]. „מאָרגען זשורנאַל, נ. י. מערץ 7, 1926.

וויינפער, ז.: דר. ה. פראַנק. יידישע קולטור, נ. י. אָקט. 1952, ז' 52.

וו—סאַן, וו.: אַ דערמוטיקנדיקער, לעבעדיקער גרוס פון שיקאַגאָ. פרייע אַרבעטער שטימע, נ. י. מאַי 16, 1941, ז' 3.

זאַליץ, טש.: אַ צוזאַמענקונפט פון גענאָסן אין פילאַדעלפיע. פרייע אַרבעטער שטימע, נ. י. נאָוו. 9, 1952, ז' 8.

זילבערשטיין, מנחם: וועגן דר. הערמאַן פראַנק ע"ה און „פרייע אַרבעטער שטימע". „טאָג", נ. י. אָקט. 4, 1952.

זעליקאָוו, פּ.: דר. הערמאַן פראַנק. אַנאַרכאָ-סאָציאַליסטישע אידייען און באַווע-גונגען ביי יידן. דרום אַפריקע, יאָהאַנעסבורג, אויג. 1951, זז' 27—29.

זשיטלאָווסקי, דר. ח.: וועגן אַ פאַר עקאָנאָמישע באַגריפן. דערוויליקער ענטפער אויף דר. פראַנק'ס אַרטיקלען. פרייע אַרבעטער שטימע, נ. י. פעב. 7, 1941, ז' 2.

חבר, א.: ב. און ס. סוראסקי חברשע קבלת-פנים אין ניו יאָרק. פרייע אַרבעטער שטימע, נ. י. יוני 15, 1945, ז' 6.

ח[ייקין], י.: ד. איזאַקאָוויץ געערט פון זיינע קאָלעגן-זעצערס און חברים. פרייע אַרבעטער שטימע, נ. י. נאָוו. 26, 1943, ז' 6.

חייקין, י.: געלונגענע ביאָגראַפיע פון דעם באַרימטען שרייבער און געלערנטען א. ש. זאַקס. „טאָג", נ. י. נאָוו. 18, 1945.

טאַק, סעם: אונזער באַוועגונג אין לאָס-אַנדזשעלעס. פרייע אַרבעטער שטימע, נ. י. דעצ. 7, 1951, ז' 6.

טאָראָנטער, א.: צוויי לעקציעס פון פ. א. ש. רעדאַקטאָר אין טאָראָנטאָ. פרייע אַר-בעטער שטימע, נ. י. מערץ 16, 1945, זז' 10—11.

טוביאַש, מ. ה.: דער „פ. א. ש." נס אין באָסטאָן. פרייע אַרבעטער שטימע, נ. י. אַפּר. 9, 1943, ז' 7

טענענבוים, ש.: דאָס לעבן פון א. ש. זאַקס. דר. הערמאַן פראַנק: א. ש. זאַקס, קעמפער פאַר פאָלקס-אויפלעבונג. די שטימע, מעקסיקע, יוני 22, 1946.

טשאַרני, דניאל: קיינעם קאָן אים נישט פאַרבייטען! (צום טויט פון דר. הערמאַן פראַנק). ביאַליסטאָקער לעבן, נ. י. סעפּט. 1952, זז' 13—15.

— ב. לאָפּין. צוקונפט, נ. י. יאַנ. 1953, ז' 19.

ב. י.: 60 יאָריקער „פ. א. ש." יובילײ אין שיקאַגאָ. פרייע אַרבעטער שטימע, נ. י. יולי 20, 1951, ז' 8.

יאָפּע, ה.: אַ חבר'שע דערקלערונג. דער פרייער געדאַנק, פּאַריז, מערץ 1953, ז' 16.

יעלענסקי, ב.: אַן אָפענער בריוו צו נ. כאַנין. פרייע אַרבעטער שטימע, נ. י. יולי 19, 1946, ז' 6.

ישורין, יעפים: פופציק יאָר „צוקונפט" (1892—1942). (ביבליאָגראַפישע סטאַ-טיסטיק). צוקונפט, נ. י. מאַי—יוני 1942, ז' 350.

— 50 יאָר „צוקונפט" — ביבליאָגראַפיע. צוקונפט, נ. י. אויגוסט 1942, ז' 507.

לאַנגבאָרד, מ.: 60 יאָר „פ. א. ש." יובילײ אין טאָראָנטאָ. פרייע אַרבעטער שטימע, נ. י. יולי 6, 1951, זז' 6—7.

לאַנדויער, אַניטאַ: חיים לייב וויינבערג: 40 יאָר אין קאַמף פאַר סאָציאַלער באַפרייאונג, רעדאַגירט פון דר. הערמאַן פראַנק. דער פרייער געדאַנק, פּאַריז, פעב. 1953, זז' 14—15.

ליבמאַן, י.: בלעטערנדיק די בלעטער. אַ נאָבל-פּרייז פאַרן רעדאַקטאָר פון פאַ"ש. ניו יאָרקער וואָכנבלאַט, יאַנ. 29, 1943, ז' 10.

לינדער, ש.: פון מיין קוק-ווינקל. [וועגן דר. פראַנקס אַרטיקל אין נומ. 14 פ. א. ש. „ווער וועט געווינען די קאָרעער מלחמה"]. פרייע אַרבעטער שטימע, נ. י. אויג. 17, 1951, ז' 8.

— פון מיין קוק-ווינקל. פרייע אַרבעטער שטימע, נ. י. אויג. 31, 1951, ז' 8.

ליעף, ראובן: קונסט פון בוך-אויסאַרבעטן ביי יידן. פרייע אַרבעטער שטימע, נ. י. מערץ 24, 1939.

— ליטעראַרישער מאָנומענט פאַר אַלטער אידישער שטאָט [פינסק]. פרייע אַר-בעטער שטימע, נ. י. יוני 19, 1942, ז' 7.

לעבעדיקער (דער): אויפן ליטעראַרישן יאַריד. מאָרגען זשורנאַל, נ. י. סעפּט. 9, 1951.

— אויפן ליטעראַרישן יאַריד. [וועגן דר. פראַנקס רעזיגנאַציע אַלס רעדאַקטאָר פון דער פ. א. ש.]. מאָרגען זשורנאַל, נ. י. סעפּט. 30, 1951.

לעוויטאַן, יצחק א.: הערמאַן פראַנק — א. ש. זאַקס, קעמפער פאַר פאָלקס-אויפלע-בונג. געדאַנק און לעבן, נ. י. אַפּר.—יוני 1946, זז' 64—66.

לערמער, אַרטור: אַ בוך וועגן אַ קעמפער פאַר פאָלקס-אויפלעבונג. דר. הערמאַן פראַנק: א. ש. זאַקס, אַ קעמפער פאַר פאָלקס-אויפלעבונג. קענעדער אָדלער, מאָנטרעאָל, יולי 29, 1946.

לעשצינסקי, י.: צווישען חורבן און אויפבוי. פון דר. הערמאַן פראַנק. צוקונפט, נ. י. אויג. 1940, זז' 487—488.

מוקדוני, דר. א.: ביכער און שרייבער. [וועגן א. ר. קאָנוועגשאָן זשורנאַל]. מאָרגען זשורנאַל, נ. י. יולי 28, 1937.

— ווי די אידישע שריפטזעצער האָבען געפייערט דעם 50 יעהריגען יובילוי... מאָרגען זשורנאַל, נ. י. יאַנ. 18, 1939.

— דער נייער רעדאַקטאָר פון דער „פרייער אַרבעטער שטימע". מאָרגען זשורנאַל, נ. י. סעפט. 18, 1940.

— דיקטירט עמיצער דער אידישער פרעסע? מאָרגען זשורנאַל, נ. י. מאַי 16, 1952.

— דר. הערמאַן פראַנק. מאָרגען זשורנאַל, נ. י. נאָוו. 2, 1952.

מור, יוסף ב.: אַ זייער אימפּאָזאַנטער ראָקער-אָוונט דורכגעפירט געוואָרן אין לאָס אַנדזשעלעס. פרייע אַרבעטער שטימע, נ. י. יוני 27, 1947, ז' 6.

מינקאָוו, נ. ב.: אַ מאָנומענטאַל ווערק וועגן דוד עדעלשטאַט. קולטור און דערציאונג, נ. י. דעצ. 1953, ז' 15.

מיקעלבאַנק, מ. פּ.: אַלטער, דערפאַרענער שריפטזעצער באַהאַנדלט איצטיקן קריזיס אין יידישן בוכדרוק. פרייע אַרבעטער שטימע, נ. י. פעב. 7, 1947, ז' 7.

מייזיל, נחמן: די יידישע ליטעראַטור אין אַמעריקע פאַר די לעצטע דרייסיק יאָר. אין דינסט פון פאָלק-אַלמאַנאַך פון יידישן פאָלקס-אָרדן, נ. י. 1947, ז' 300.

מיילס, ט. ל.: סאַן פראַנציסקער חברים נעמען וואָרים אויף צוויי חשובע געסט. (י. ראַגאַלסקי און דר. הערמאַן פראַנק). פרייע אַרבעטער שטימע, נ. י. יוני 6, 1947, זז' 6—7.

[מראַטשני, מ.]: צווישן זיך גערעדט. פרייע אַרבעטער שטימע, נ. י. אויג. 18, 1939, ז' 4.

מראַטשני, מ.: פערזענלעכע דערקלערונג. פרייע אַרבעטער שטימע, נ. י. אויג. 30, 1940, ז' 4.

ניגער, ש.: די שוואַרצע פינטעלעך. דר. הערמאַן פראַנק: אידישע טיפּאָגראַפיע און בוך-באַאַרבעטונג. טאָג, נ. י. אַפּר. 9, 1939.

— פון אַ לעזער'ס און שרייבער'ס נאָטיץ-בוך. טאָג, נ. י. מאַי 28, 1939.

— שולביכער, פּעדאַגאָגישע זשורנאַלן, קינדער-ליטעראַטור. אין קאַמף פאַר אַ נייער דערציאונג, נ. י. 1940, ז' 191.

— צייט ליטעראַטור. ביכער און ביכלאַך וועגן צייט-פראַגען. טאָג, נ. י. אויג. 18, 1940.

— געלייענט און געשריבען. טאָג, נ. י. יולי 11, 1943.

סאָהן, דוד: צוואַנציג יאָהר ליטעראַרישע אַרבייט פון דר. הערמאַן פראַנק. ביאַליסטאָקער שטימע, נ. י. אַפּר. 1934.

— דר. פראַנק'ס אינטערעסאַנטער בוך איבער'ן אידישען דרוקוועזען. ביאַליסטאָקער שטימע, נ. י. יאַנ. 1939.

— ביאַליסטאָקער אין בערלין נאָך דער ערשטער וועלט-מלחמה. ביאַליסטאָק, בילדער אַלבום, נ. י. 1951, ז' 82.

— געזעלשאַפט און אינסטיטוציעס אין ביאַליסטאָק. ביאַליסטאָק. בילדער אַלבום, נ. י. 1951, ז' 103.

— דריי אינטעליגענטען. ביאַליסטאָק. בילדער אַלבום, נ. י. 1951, ז' 140.

— די אייגנאַרטיגע ירושה פון יעקב קרעפּליאַק פאַר מדינת ישראל. ביאַליסטאָק. בילדער אַלבום, נ. י. 1951, זז' 250—251.

— דער פּרעזידיום פון דער ביאַליסטאָקער אַלוועלטליכער קאָנווענשאָן. ביאַליסטאָק. בילדער אַלבום, נ. י. 1951, ז' 254.

— ביאַליסטאָקער שרייבער און קולטור טוער. ביאַליסטאָק. בילדער אַלבום, נ. י. 1951, זז' 277, 278.

— די ביאַליסטאָקער היסטאָרישע געזעלשאַפט פון ניו יאָרק. ביאַליסטאָק. ביל-דער אַלבום, נ. י. 1951, ז' 375.

סאָקאָלאָווער, א.: א. ש. זאַקס: א. ש. זאַקס: קעמפער פאַר פאָלקס-אויפלעבונג פון דר. הערמאַן פראַנק. פרייע אַרבעטער שטימע, נ. י. מערץ 1946, ז' 5.

סודארסקי, מ.: אַ ווירטיקער ביישטייער צו דער געשיכטע פון ליטווישן יודנטום. ליטווישער ייד, נ. י. אַפּר.—מאַי 1946, זז' 67—68.

סוראסקי, ב.: וועגן דער „פר. אַרב. שט.". פרייע אַרבעטער שטימע, נ. י. אָקט. 25, 1940, ז' 7.

— אויגנדרוקספולע פּ קראָפּאָטקין פייערונג אין לאָס אַנדזשעלעס. פרייע אַרבע-טער שטימע, נ. י. דעצ. 25, 1942, ז' 6.

— דר. ה. פראַנקס ערשטע אויפטריטן פאַרן עולם אין לאָס אַנדזשעלעס. פרייע אַרבעטער שטימע, נ. י. אַפּר. 25, 1947, זז' 5—6.

— לאָס אַנדזשעלעסער חברים פירן דורך פיינעם „פר. אַרב. שטימע" יובילוי. [דר. פראַנק גאַסט רעדנער]. פרייע אַרבעטער שטימע, נ. י. מאַי 9, 1947, ז' 6.

— פּרעכטיקע 60-יאָר „פ. א. ש." יובילוי פייערונג אין לאָס אַנדזשעלעס. פרייע אַרבעטער שטימע, נ. י. יוני 8, 1951, ז' 6.

סיגאַל, י. י.: מאָנטרעאָלער יידישע אינטעליגענץ באַגריסט די „פר. אַרב. שטימע". פרייע אַרבעטער שטימע, נ. י. אַפּר. 12, 1946, ז' 5.

ס[יגאַל] י. י.: דר. הערמאַן פראַנק. קענעדער אַדלער, מאָנטרעאָל, אויג. 25, 1952.

סימקין, מ.: צוויי „פ. א. ש." אונטערנעמונגען אין טאָראָנטאָ. פרייע אַרבעטער שטימע, נ. י. אַפּר. 13, 1945, ז' 10.

סמיט, י.: יערלעכער גרויסער „פ. א. ש." אָוונט דורכגעפירט געוואָרען אין דעטראָיט. פרייע אַרבעטער שטימע, נ. י. אַפּר. 14, 1950, זז' 6—7.

פינקעלשטיין, ל.: אומגייסטיקער גערודער אַרום סאָוועט-אידישער דעלעגאַציע. פרייע אַרבעטער שטימע, נ. י. סעפּט. 24, 1943, זז' 3 און 7.

פיינבערג, בען: באַגריסונג פון סאַן דיעגאָ. פרייע אַרבעטער שטימע, נ. י. אָקט. 4, 1940, ז' 7.

פערשלייסער, ע.: גוסטאַוו לאַנדויער — די נביאישע פערזענלעכקייט. „אויפרוף צו סאָציאַליזם", איב. פון דייטש דורך דר. ה. פראַנק און ב. ראָזענטאַל. פרייע אַרבעטער שטימע, נ. י. פעב. 1, 1946, זז' 6—7.

פראַנק, דאָרא: דר. פראַנקס אַלמנה פראָטעסטירט. פרייע אַרבעטער שטימע, נ. י. סעפּט. 26, 1952, ז' 7.

פרי-לענסער, א.: פינפטער דערפאָלגרייכער באַזוך פון „פ. א. ש." רעדאַקטאָר אין דעטראָיט. פרייע אַרבעטער שטימע, נ. י. יוני 23, 1950, ז' 5.

— „דער קריטישסטער פעריאָד אין דער יידישער געשיכטע". (רעפעראַט פון דר. ה. פראַנק אין דעטראָיט). פרייע אַרבעטער שטימע, נ. י. מאַי, 11, 1951, ז' 3.

צוויבאַק, סעם: ציט אַ פאַרגלייך צווישן דר. פראַנק און ש. יאַנאָווסקי. ניויאָרקער וואָכנבלאַט, פעב. 12, 1943, ז' 13.

קאַדער, דר. באָריס: דער הונדערטסטער געבורטסטאָג פון אליעזר אַטלאַס. ביאַ-ליסטאָקער שטימע, נ. י. אַפּר. 1951, ז' 14.

קאַהאַן, יוסף: די „פ. א. ש." — אירע אַרויסגעבער און מיטאַרבעטער. די יידישע אַנאַרכיסטישע באַוועגונג אין אַמעריקע. פילאַדעלפיע, 1945, ז' 430.

— איך ווער אויס רעדאַקטאָר. די יידישע אַנאַרכיסטישע באַוועגונג אין אַמעריקע, פילאַדעלפיע, 1945, ז' 481.

קאַהאַן, לעאָן: צו דר. הערמאַן פראַנקס ערשטן יאָרצייט. פרייע אַרבעטער שטימע, נ. י. אויג. 14, 1953, ז' 8.

קאהן, דר. מיכאל: יוסף באָווּשאָווער (1915—1873). פרייע אַרבעטער שטימע, נ. י. יאַנ. 3, 1936, ז׳ 2.

קאזדאָן, ח. ש.: צו די שלושים פון דר. ה. פראַנק. פאָראויס, מעקסיקע, אָקט. 15, 1952, זז׳ 11—12.

קאָנסטאַן, פ.: אונדזער מאַי-פייערונג אין ניו יאָרק. פרייע אַרבעטער שטימע, נ. י. יוני 8, 1951, ז׳ 3.

[קאַפּלאַן, פסח] חנן: גריכישע חכמים. דאָס נייע לעבן, ביאַליסטאָק, נומ 117/1194, מאַי 23, 1923.

קאַצענעלענבאָגען, אוריה: בלעטערנדיק דעם ערשטן יאָרגאַנג „פרייע אַרבעטער שטימע". פרייע אַרבעטער שטימע, נ. י. אָקט. 13, 1939, ז׳ 6.

קינג, דר. א.: נישטאָ שוין דר. הערמאַן פראַנק. קולטור-לעבן, מעקסיקע, יאַנ. 1953, זז׳ 10—11.

קליגסבערג, מ.: 60 יאָר „צוקונפט". צוקונפט, נ. י. מאַי—יוני 1953, ז׳ 261.

קלעמענטינאָווסקי, דוד: דר. הערמאַן פראַנק, ז״ל. ביאַליסטאָקער שטימע, נ. י. סעפּט. 1952, זז׳ 38—40.

— דר. הערמאַן פראַנק — זיין לעבן און שאַפן. די שטימע, מעקסיקע, סעפּט. 20, 1952.

— דר. הערמאַן פראַנק ז״ל, פון זיין לעבן און שאַפן. קענעדער אָדלער, מאָנטרעאָל 28 אויג. 1952.

ראַבינאָוויטש, שמואל לייב: באַבסקע רפואות אין אַלט-ביאַליסטאָק, אָדער „הדס׳קע די בשמים-קרעמערקע". ביאַליסטאָקער לעבן, ברוקלין, מאַי 1947.

— דער צוויי-פּנים׳דיקער העשל׳ע מעדאַלטשיק און זיין זון „דר. שמערל היילפּערין, דער משומד". ביאַליסטאָקער לעבן, ברוקלין, אַפּר. 1949.

ראָגאָף, הלל: אַ בוך צום אָנדענק פון דוד עדעלשטאַט. פאָרווערטס, נ. י. נאָוו. 22, 1953.

ראַוויטש, מלך: דר. הערמאַן פראַנק. אַן אינטימער פּאָרטרעט. די פּרעסע, בוענאָס איירעס, סעפּט. 30, 1952.

— דר. הערמאַן פראַנק. אַן אינטימער פּען-פּאָרטרעט. פרייע אַרבעטער שטימע, נ. י. אויג. 14, 1953, ז׳ 3.

ראָזענמאַן, מ.: איז טאַקע דאָ אַ קריזיס אין יידישן בוכדרוק? [אַן ענטפער אויף דר. פראַנקס אַרטיקלען]. פרייע אַרבעטער שטימע, נ. י. יאַנ. 10, 1947, ז׳ 6.

ראָזשאַנסקי, שמואל: דער קאָנפליקט מיט דר. הערמאַן פראַנק. אידישע צייטונג, בוענאָס איירעס, אויג. 13, 1952.

ראַלין, אהרן ר.: אויפן פרישן קבר פון דר. הערמאַן פראַנק. לשון און לעבן, לאָנדאָן, אויג.—סעפּט. 1952, ז׳ 43.

רובין, דר. ישראל: ד״ר הערמאַן פראַנק ז״ל. אויפן שוועל, נ. י. סעפּט.—אָקט. 1952, זז׳ 6—7.

[רובינשטיין, מ.]: אבן-טוב. דור הולך, ודור?... די שטימע, מעקסיקע, אויג. 30, 1952.

רייזען, זלמן: הערמאַן פראַנק. לעקסיקאָן פון דער יידישער ליטעראַטור, פּרעסע און פילאָלאָגיע. דריטער באַנד, ווילנע, 1929, זז׳ 132—135.

ע. ש.: חבר הערמאַן פראַנק אין מאָנטרעאָל. פרייע אַרבעטער שטימע, נ. י. מאַי 12, 1950, ז׳ 3.

שאולזאָן, אב.: דר. הערמאַן פראַנק — צווישן חורבן און אויפבוי. יידישע שריפטן, נ. י. באַנד 1, העפט 1, ווינטער 1941, ז׳ 101.

— א. ש. זאַקס: קעמפער פאַר פאָלקס-אויפלעבונג פון דר. הערמאַן פראַנק. יידישע שריפטן, באַנד 6, העפט 1/21, 1946, זז׳ 125—126.

שאַטאַן, דר. ח.: אַ פּיאָנעריש-נייע שריפט וועגן אַנאַרכיזם ביי יידן. פרייע אַרבע-טער שטימע, נ. י. מאַי 11, 1951, זז' 4 און 7, פרייע אַרבעטער שטימע, נ. י. מאַי 25, 1951, ז' 3.

— דוד עדעלשטאַט געדענק-בוך. דער פרייער געדאַנק. פּאַריז-תל-אביב, נומ. 46, יאַנ. 1954, זז' 11—14.

שוטץ, מ.: אַ דיסקוסיע מיט דריי פון אונזערע רעפאָרמיסטן. פרייע אַרבעטער שטימע, נ. י. יולי 2, 1943, זז' 3 און 7.

שטאַרקמאַן, משה: דר. הערמאַן פראַנק. אידישע טיפּאָגראַפיע און בוך-אויסאַרבוי-טונג קונסט. טאָג, נ. י. דעצ. 31, 1938.

— „פרייע אַרבעטער שטימע". 75 יאָר יידישע פּרעסע אין אַמעריקע, נ. י. 1945, ז' 43.

שטיינבערג, אהרן: הערמאַן פראַנקס פאַרבענקט הארץ. אויפן שוועל, נ. י. סעפּ.—אָקט. 1952, זז' 4—5.

שטיינבערג, י. נ.: אויף דער יידישער צייטונגס-גאַס. מיט איין פוס אין אַמעריקע, מעקסיקע, 1951, זז' 15, 17.

— די לײדן פון ציוניסטן-סאָציאַליסטן. מיט איין פוס אין אַמעריקע, מעקסיקע, 1951, ז' 61.

— דער אַרבעטער-רינג מענטש. מיט איין פוס אין אַמעריקע, מעקסיקע, 1951, ז' 79.

— אַ שפּאַציר איבער די יידישע יוניאָנס. מיט איין פוס אין אַמעריקע, מעק-סיקע, 1951, זז' 86, 91.

— פעסימיזם אין ניו יאָרק. מיט איין פוס אין אַמעריקע, מעקסיקע, 1951, זז' 130, 131, 132.

— טעכניק און קולטור. מיט איין פוס אין אַמעריקע, מעקסיקע, 1951, זז' 182, 183.

— צוגאַסט ביי דוד פּינסקי. מיט איין פוס אין אַמעריקע, מעקסיקע, 1951, ז' 204.

— אייזיק דאָן לעווין און מאַקס איסטמאַן. מיט איין פוס אין אַמעריקע, מעק-סיקע, 1951, ז' 233.

— פעטראָגראַד — יאַנואַר 1918. מיט איין פוס אין אַמעריקע, מעקסיקע, 1951, זז' 277.

— דר. ה. פראַנק און די „פרייע אַרבעטער שטימע". פרייער יידישער קלוב בולעטין, נ. י. יאַנ.—פעב. 1952, זז' 4—5.

— הערמאַן פראַנק. אויפן שוועל, נ. י. סעפּט.—אָקט. 1952, זז' 7—8.

שלאָסבערג, יוסף: דער אָנהויב פון דער יידישער אַרבעטער באַוועגונג אין אַמעריקע. צוקונפט, נ. י. מאַי 1945, ז' 335.

[שמן, נ.] נחמני: אַ גרויס און וויכטיק ווערק: דר. הערמאַן פראַנק. א. ש. זאַקס, קעמפער פאַר פאָלקס-אויפלעבונג. אידישער זשורנאַל, טאָראָנטאָ, פעב. 18, 1947.

שענקמאַן, י.: דר. ה. פראַנקס לעקציע פאַר גרופּע „אַמשאַל" ביי אַן אָוונט לטובת דער „פ. א. ש.". פרייע אַרבעטער שטימע, נ. י. יאַנ. 2, 1948, ז' 3.

שפּאַניער, מאַקס: אימפּאָזאַנטער „פר. אַרב. שט." 60 יאָריקער יובילייו אין סאַן פראַנציסקאָ. פרייע אַרבעטער שטימע, נ. י. יולי 6, 1951, ז' 6.

אויפן שוועל, נ. י. נאָוו.—דעצ. 1952, ז' 6. דר. פראַנקס בוך-קאָמיטעט.

אונזער שטימע, פּאַריז, אויג. 23—24, 1952. געשטאָרבן דר. הערמאַן פראַנק.

— פּאַריז, אָקט. 15, 1951. דר. פראַנק און די „פרייע אַרבעטער שטימע".

ביאַליסטאָקער לעקסיקאָן, אַרויסגעגעבן דורכן פאַרלאַג „אונזער פּרעסע", ביאַ-ליסטאָק, 1935, זז' 126—127. הערמאַן פראַנק.

ביולעטין צום 25-טן יאָרצייט פון סאַקאָ-וואַנזעטי. ארויסגעגעבן פון דער גרופּע „דוד עדעלשטאַט" ב. איירעס, אויג. 23, 1952. געשטאָרבן דר. הערמאַן פראַנק.
— צום 60טן יאָרצייט פון „דוד עדעלשטאַט" — אַרויסגעגעבן פון דער גרופּע „דוד עדעלשטאַט" ב. איירעס, אָקט. 17, 1952, ז' 3. פאַרלאַג „דוד עדעלשטאַט", ב. איירעס — באַקוניין זאַמלבוך.

ביאַליסטאָקער פריינד, ברענטש 88 אַרבעטער רינג, נ. י. 1934. דר. הערמאַן פראַנק האָט זיך אַנגעשלאָסען אָן ברענטש 88.

ביאַליסטאָקער שטימע, נ. י. יוני 1924. „גריכישע חכמים" פון דר. הערמאַן פראַנק.
— נ. י. יאַנ.—פעב. 1953, ז' 9. אויפרוף פון דר. הערמאַן פראַנק'ס מעמאָריאַל פאַנד-בוך קאָמיטעט.

ביכער-וועלט, ווארשע, יאַנ.—אַפּר. 1923, ז' 130. לערן-ביכער. ה. פראַנק, גריכישע חכמים.

דוד עדעלשטאַט געדענק-בוך, רעד. פון ב. י. ביאַלאָסטאָצקי, נ. י. 1953, ז' 126. דערקלערונגען צו די בילדער.

הדואר, נ. י. אויג. 22, 1951. דר. הרמן פראַנק.

די וועלט, בוענאָס איירעס, דעצ. 1947, ז' 1. אַנטקעגן שטראָם. פאַרשידענע סביבות.
— בוענאָס איירעס, דעצ. 1949, זז' 2—3. „פרייער יידישער קלוב" געגרינדעט אין ניו יאָרק.
— בוענאָס איירעס, אַפּר. 1950, ז' 6. וואָס לייט שרייבן.

„טאָג", נ. י. אויג. 11, 1952. דר. הערמאַן פראַנק, באַוואוסטער אידישער שרייבער, געשטאָרבען.
— נ. י. אויג. 12, 1952. דר. הערמאַן פראַנק ווערט היינט געבראַכט צו זיין אייביגער רו.
— נ. י. אויג. 13, 1952. איינדרוקספולע לוויה דורכגעפירט פאַר באַוואוסטן שרייבער ה. פראַנק.

טויזנט יאָר פינסק, נ. י. 1941, ז' 455. הויפּט-מיטאַרבעטער פון „טויזנט יאָר פינסק". דר. הערמאַן פראַנק.

ידיעות פון ייוואָ, נ. י. נומ. 46, 1952, ז' 8. דר. הערמאַן פראַנק ע"ה.

„מאָרגען זשורנאַל", נ. י. אויג. 11, 1952. דר. פראַנק, בעוואוסטער אידישער שרייבער, פלוצלונג געשטאָרבען.
— נ. י. אויג. 12, 1952. היינט די לויה פון הערמאַן פראַנק.

ניויאָרקער וואָכנבלאַט, אויג. 22, 1952, ז' 13. דר. הערמאַן פראַנק, געשטאָרבן.

פנקס ביאַליסטאָק, באַנד 1, נ. י. 1949, ז' XIV. פון די אַרויסגעבער.
— באַנד 2, נ. י. 1950, ז' 3. פון די אַרויסגעבער.

פאַקטן און מיינונגען, נ. י. אויג—סעפּט. 1952, ז' 11. דר. הערמאַן פראַנק.

פּאָראוים, מעקסיקע, אויג. 15, 1952, ז' 13. ד"ר הערמאַן פראַנק פלוצלינג געשטאָרבן.

„פאָרווערטס", נ. י. אויג. 11, 1952. דר. הערמאַן פראַנק, באַוואוסטער אידישער שרייבער געשטאָרבען.
— נ. י. אויג. 12, 1952. היינט, 12 אַזייגער קומט פאָר די לויה פון באַוואוסטען שרייבער דר. ה. פראַנק.

פרייע אַרבעטער שטימע, נ. י. יאַנ. 3, 1936, ז' 4. אונזער אומפאַרגעסלעכער באַוושאַווער.
— נ. י. אָקט. 18, 1940, זז' 7—8. אַ חבר'שע געזעגענונג און באַגריסונג צוזאַמענקונפט.
— נ. י. נאָוו. 22, 1940, ז' 7. „פר. אַרב. שט." — לייענער פאַרזאַמלונג.
— נ. י. דעצ. 6, 1940, ז' 7. פייערלעכער מיטינג פון בר. 364 א. ר. (לכבוד „פ. א. ש." — רעדאַקטאָר).

— נ. י. פעב. 21, 1941, זז' 5—6. פעטער קראָפּאָטקין מעמאָריאַל מיטינג.
— נ. י. אַפּר. 25, 1941, זז' 3 און 6. קאָנפערענץ פון דער „פרייע אַרבעטער שטימע".
— נ. י. נאָוו. 21, 1941, ז' 6. צווייטע „פר. אַרב. שטימע" לייענער פאַרזאַמלונג.
— נ. י. מערץ 19, 1943, ז' 8. דר. פראַנק באַזוכט באָסטאָן און טשעלסי, מאַס.
— נ. י. אַפּר. 2, 1948, ז' 7. דר. הערמאַן פראַנקס באַזוך אין דעטראָיט.
— נ. י. פעב. 2, 1951, ז' 8. אָפּקלאַנגען פון דער אקסלער — דר. פראַנק דיסקוסיע.
— נ. י. מאַי 11, 1951, ז' 7. אימפּאָזאַנטער 60 יעריקער „פ. א. ש." באַנקעט און דעטראָיט.
— נ. י. נאָוו. 23, 1951. וועגן דר. פראַנקס רעזיגנאַציע.
— ניו יאָרק, אויג. 29, 1952, ז' 1. דר. הערמאַן פראַנק [נעקראָלאָג].

דאָס פרייע וואָרט, בוענאָס איירעס, סעפּט. 1942, ז' 2. בקיצור.

דער פרייער געדאַנק, פּאַריז, סעפּט.—אָקט. 1952, ז' 2. דר. הערמאַן פראַנק.

פרייער יידישער קלוב בולעטין, נ. י. סעפּט.—אָקט. 1951, ז' 6. דר. ה. פראַנק פאַרלאָזט די „פרייע אַרבעטער שטימע".
— נ. י. אָקט.—נאָוו. 1952, זז' 2—3. נאָכן טויט פון הערמאַן פראַנק.
— נ. י. אָקט.—נאָוו. 1952, זז' 5—6. אַרום דער לויה פון ח' ה. פראַנק.
— נ. י. אָקט.—נאָוו. 1952, ז' 6. דר. הערמאַן פראַנק בוך-קאָמיטעט קאָנסטיטואירט.

קענעדער אָדלער, מאָנטרעאָל, סעפּט. 1, 1952. בוך קאָמיטעט פאַר דר. הערמאַן פראַנק ז"ל.

די שטימע, מעקסיקע, אויג. 13, 1952. דר. ה. פראַנק פלוצלונג געשטאָרבן.

ВЫГОДСКИЙ Др. Б. — «Отголоски» —... Альманах под редакцией Г. В. Франка, Рассвет, Чикаго, 17-го апреля 1926 г.